# ספר
# כתובים

מדויק היטב על פי המסורה

חוגהו בעיון נמרץ על ידי החכם המובהק מהור"ר

## מאיר הלוי לעטערים.

איבערזעצט אין אידיש פון

ח. ש. נייהויזען, א. היימאן (חרל"פ) און אנדערע.

**New York:**
**HEBREW PUBLISHING COMPANY**
**83-85 Canal Street.**
**1912.**

# THE HOLY BIBLE

Translated into Yiddish

by

**Ch. Neuhausen, A. Hyman Charlap, and others.**

---

Copyright 1912,
by the Hebrew Publishing Company, New York.

# ספר

# כתובים

| | |
|---|---|
| תהלים | קהלת |
| משלי | אסתר |
| איוב | דניאל |
| שיר השירים | עזרא |
| רות | נחמיה |
| איכה | דברי הימים |

# תהלים

# LIBER PSALMORUM.

## ספר ראשון

## LIBER PRIMUS

---

### Psal. I. א

אַ֥שְֽׁרֵי הָאִ֗ישׁ אֲשֶׁ֤ר ׀ לֹ֥א הָלַךְ֮ בַּעֲצַ֪ת רְשָׁ֫עִ֥ים וּבְדֶ֣רֶךְ א
חַ֭טָּאִים לֹ֥א עָמָ֑ד וּבְמוֹשַׁ֥ב לֵ֝צִ֗ים לֹ֣א יָשָֽׁב׃ כִּ֤י אִ֥ם בְּתוֹרַ֥ת 2
יְהוָ֗ה חֶ֫פְצ֥וֹ וּֽבְתוֹרָת֥וֹ יֶהְגֶּ֗ה יוֹמָ֥ם וָלָֽיְלָה׃ וְֽהָיָ֗ה כְּעֵץ֮ 3
שָׁת֪וּל עַֽל־פַּלְגֵ֫י מָ֥יִם אֲשֶׁ֤ר פִּרְי֨וֹ ׀ יִתֵּ֬ן בְּעִתּ֗וֹ וְעָלֵ֥הוּ לֹֽא־
יִבּ֑וֹל וְכֹ֖ל אֲשֶׁר־יַעֲשֶׂ֣ה יַצְלִֽיחַ׃ לֹא־כֵ֥ן הָרְשָׁעִ֑ים כִּ֥י אִם־ 4
כַּ֝מֹּ֗ץ אֲשֶׁר־תִּדְּפֶ֥נּוּ רֽוּחַ׃ עַל־כֵּ֤ן ׀ לֹא־יָקֻ֣מוּ רְ֭שָׁעִים בַּמִּשְׁפָּ֑ט ה
וְ֝חַטָּאִ֗ים בַּעֲדַ֥ת צַדִּיקִֽים׃ כִּֽי־יוֹדֵ֣עַ יְ֭הוָה דֶּ֣רֶךְ צַדִּיקִ֑ים 6
וְדֶ֖רֶךְ רְשָׁעִ֣ים תֹּאבֵֽד׃

### Psal. II. ב

ב

לָ֭מָּה רָגְשׁ֣וּ גוֹיִ֑ם וּ֝לְאֻמִּ֗ים יֶהְגּוּ־רִֽיק׃ יִ֥תְיַצְּב֨וּ ׀ מַלְכֵי־אֶ֗רֶץ א 2
וְרוֹזְנִ֥ים נֽוֹסְדוּ־יָ֑חַד עַל־יְ֝הוָ֗ה וְעַל־מְשִׁיחֽוֹ׃ נְֽ֭נַתְּקָה אֶת־ 3
מֽוֹסְרוֹתֵ֑ימוֹ וְנַשְׁלִ֖יכָה מִמֶּ֣נּוּ עֲבֹתֵֽימוֹ׃ יוֹשֵׁ֣ב בַּשָּׁמַ֣יִם 4
יִשְׂחָ֑ק אֲ֝דֹנָ֗י יִלְעַג־לָֽמוֹ׃ אָ֤ז יְדַבֵּ֣ר אֵלֵ֣ימוֹ בְאַפּ֑וֹ וּֽבַחֲרוֹנ֥וֹ ה
יְבַהֲלֵֽמוֹ׃ וַ֭אֲנִי נָסַ֣כְתִּי מַלְכִּ֑י עַל־צִ֝יּ֗וֹן הַר־קָדְשִֽׁי׃ אֲסַפְּרָ֗ה 6 7
אֶֽ֫ל חֹ֥ק יְֽהוָ֗ה אָמַ֘ר אֵלַ֥י בְּנִ֥י אַ֑תָּה אֲ֝נִ֗י הַיּ֥וֹם יְלִדְתִּֽיךָ׃
שְׁאַ֤ל מִמֶּ֗נִּי וְאֶתְּנָ֣ה ג֭וֹיִם נַחֲלָתֶ֑ךָ וַ֝אֲחֻזָּתְךָ֗ אַפְסֵי־אָֽרֶץ׃ 8
תְּ֭רֹעֵם בְּשֵׁ֣בֶט בַּרְזֶ֑ל כִּכְלִ֖י יוֹצֵ֣ר תְּנַפְּצֵֽם׃ וְ֭עַתָּה מְלָכִ֣ים 9 10
הַשְׂכִּ֑ילוּ הִ֝וָּסְר֗וּ שֹׁ֣פְטֵי אָֽרֶץ׃ עִבְד֣וּ אֶת־יְהוָ֣ה בְּיִרְאָ֑ה 11
וְ֝גִ֗ילוּ בִּרְעָדָֽה׃ נַשְּׁקוּ־בַ֡ר פֶּן־יֶאֱנַ֤ף ׀ וְתֹ֬אבְדוּ דֶ֗רֶךְ כִּֽי־ 12
יִבְעַ֣ר כִּמְעַ֣ט אַפּ֑וֹ אַ֝שְׁרֵ֗י כָּל־ח֥וֹסֵי בֽוֹ׃

מזמור

---

ב v. 7. פתח באתנח

# תהלים

## קאַפּיטעל א

1 גליקליך איז דער מענש וואָס איז ניט געגאַנגען אין דעם ראַטה פון פער־
ברעכער, וואָס איז ניט געשטאַנען אויף דעם וועג פון זינדיגע און ניט
געזעסען אין געזעלשאַפט פון אָבלאַכער ;
2 זיין שטרעבען איז בלויז צו גאָט'ס לעהרע, און וועגען זיינע געזעצע
דיינקט ער ווי טאָג אַזוי נאַכט.
3 ער וועט זיין ווי אַ בוים וואָס איז געפלאַנצט ביי וואַסער־שטראָמען,
וועלכער גיט זיין פרוכט אין זיין צייט און זיין בלאַט וועלקט ניט —
אַלץ וואָס ער וועט טהאָן וועט איהם גליקען.
4 ניט אַזוי זיינען די פערברעכער, זאָנדערן ווי שפּריי וועלכע דער ווינד
פערוואַרפט ;
5 דערפאַר וועלען די פערברעכער ניט קענען אויפשטעהן אין צייט פון גע־
ריכט און די זינדיגע — אין אַ געמיינדע פון פרומע.
6 ווארום גאָט ווייס דעם וועג פון די פרומע אויף דעם וועג פון די פער־
ברעכער וואָס פיהרט צום אונטערגאַנג.

## קאַפּיטעל ב

1 ווארום לאַרמען פעלקער און נאַציאָנען דיינקען לערקייט ?
2 עס שטעלען זיך אויף די קעניגע פונ'ם לאַנד און בעראַטהען זיך צוזאַמען
מיט די פירשטען קעגען גאָט און זיין געזאַלבטען.
3 לאָמיר צורייסען זייערע בינד און לאָמיר פון אונז אַראָבוואַרפען זייערע
שטריק.
4 דער וואָס וואוינט אויפ'ן הימעל לאַכט, גאָט שפּאָטעט פון זיי,
5 ווען ער רעדט נאָר צו זיי צאָרניג דערשרעקט ער זיי אין זיין וואוטה.
6 איך אָבער האָב מיין קעניג געזאַלבט אויף ציון — מיין הייליגען באַרג.
7 איך וויל דערצעהלען וועגען בעשלוס וואָס גאָט האָט צו מיר געזאָגט :
„דו ביזט מיין זוהן, היינט האָב איך דיר געבוירען !
8 פערלאַנג פון מיר וועל איך דיר געבען פעלקער צום בעזיץ, און די גע־
גענדען פונ'ם לאַנד וועלען דיין אייגענטהום זיין ;
9 מיט אַן אייזערנעם רוט וועסטו איבער זיי הערשען, ווי געשיר פון אַ
טעפּער וועסטו זיי צוברעכען".
10 אַלזאָ, קעניגע, בעזינט זיך ; ווערט געוואַרענט, איהר לאַנד־ריכטער !
11 דיענט גאָט מיט פורכט און פרעהט זיך מיט ציטערניס.
12 פערזאָרגט זיך מיט ריינליכקייט, אום ער זאָל ניט בייז ווערען ווען
איהר פערלירט דעם וועג, ווארום זיין צאָרן ברענט גלייך אָן. גליקליך
זיינען די וואָס געפינען שוץ אין איהם !

## Psal. III. ג

2 א מִזְמ֥וֹר לְדָוִ֑ד בְּ֝בָרְח֗וֹ מִפְּנֵ֤י ׀ אַבְשָׁל֬וֹם בְּנֽוֹ׃ יְֽהוָ֗ה מָֽה־
3 רַבּ֣וּ צָרָ֑י רַ֝בִּ֗ים קָמִ֥ים עָלָֽי׃ רַבִּים֮ אֹמְרִ֪ים לְנַ֫פְשִׁ֥י אֵ֤ין
4 יְֽשׁוּעָ֓תָה לּ֬וֹ בֵֽאלֹהִ֬ים סֶֽלָה׃ וְאַתָּ֣ה יְ֭הוָה מָגֵ֣ן בַּעֲדִ֑י כְּ֝בוֹדִ֗י
ה וּמֵרִ֥ים רֹאשִֽׁי׃ ק֭וֹלִי אֶל־יְהוָ֣ה אֶקְרָ֑א וַיַּעֲנֵ֨נִי מֵהַ֖ר קָדְשׁ֣וֹ
6 סֶֽלָה׃ אֲנִ֥י שָׁכַ֗בְתִּי וָֽאִ֫ישָׁ֥נָה הֱקִיצ֑וֹתִי כִּ֖י יְהוָ֣ה יִסְמְכֵֽנִי׃
7 8 לֹֽא־אִ֭ירָא מֵרִבְב֣וֹת עָ֑ם אֲשֶׁ֥ר סָ֝בִ֗יב שָׁ֣תוּ עָלָֽי׃ ק֘וּמָ֤ה
יְהוָ֨ה ׀ הוֹשִׁ֘יעֵ֤נִי אֱלֹהַ֗י כִּֽי־הִכִּ֣יתָ אֶת־כָּל־אֹיְבַ֣י לֶ֑חִי שִׁנֵּ֖י
9 רְשָׁעִ֣ים שִׁבַּֽרְתָּ׃ לַיהוָ֥ה הַיְשׁוּעָ֑ה עַֽל־עַמְּךָ֖ בִרְכָתֶ֣ךָ סֶּֽלָה׃

## Psal. IV. ד

2 א לַמְנַצֵּ֥חַ בִּנְגִינ֗וֹת מִזְמ֥וֹר לְדָוִֽד׃ בְּקָרְאִ֡י עֲנֵ֤נִי ׀ אֱלֹ֘הֵ֤י צִדְקִ֗י
3 בַּ֭צָּר הִרְחַ֣בְתָּ לִּ֑י חָ֝נֵּ֗נִי וּשְׁמַ֥ע תְּפִלָּתִֽי׃ בְּנֵי־אִ֡ישׁ עַד־מֶ֬ה
4 כְבוֹדִ֣י לִ֭כְלִמָּה תֶּאֱהָב֣וּן רִ֑יק תְּבַקְשׁ֖וּ כָזָ֣ב סֶֽלָה׃ וּדְע֗וּ
ה כִּֽי־הִפְלָ֣ה יְ֭הוָה חָסִ֣יד ל֑וֹ יְהוָ֥ה יִ֝שְׁמַ֗ע בְּקָרְאִ֥י אֵלָֽיו׃ רִגְז֗וּ
וְֽאַל־תֶּ֫חֱטָ֥אוּ אִמְר֣וּ בִ֭לְבַבְכֶם עַל־מִשְׁכַּבְכֶ֗ם וְדֹ֣מּוּ סֶֽלָה׃
6 7 זִבְח֥וּ זִבְחֵי־צֶ֑דֶק וּ֝בִטְח֗וּ אֶל־יְהוָֽה׃ רַבִּ֥ים אֹמְרִים֮ מִֽי־יַרְאֵ֪נ֫וּ
8 ט֥וֹב נְֽסָה־עָ֭לֵינוּ א֨וֹר פָּנֶ֬יךָ יְהוָֽה׃ נָתַ֣תָּה שִׂמְחָ֣ה בְלִבִּ֑י
9 מֵעֵ֬ת דְּגָנָ֖ם וְתִירוֹשָׁ֣ם רָֽבּוּ׃ בְּשָׁל֣וֹם יַחְדָּו֮ אֶשְׁכְּבָ֪ה וְאִ֫ישָׁ֥ן
כִּֽי־אַתָּ֣ה יְהוָ֣ה לְבָדָ֑ד לָ֝בֶ֗טַח תּוֹשִׁיבֵֽנִי׃

## Psal. V. ה

2 א לַמְנַצֵּ֥חַ אֶֽל־הַנְּחִיל֗וֹת מִזְמ֥וֹר לְדָוִֽד׃ אֲמָרַ֖י הַאֲזִ֥ינָה ׀ יְהוָ֗ה
3 בִּ֣ינָה הֲגִֽיגִי׃ הַקְשִׁ֤יבָה ׀ לְק֥וֹל שַׁוְעִ֗י מַלְכִּ֥י וֵאלֹהָ֑י כִּֽי־אֵ֝לֶ֗יךָ
4 אֶתְפַּלָּֽל׃ יְֽהוָ֗ה בֹּ֖קֶר תִּשְׁמַ֣ע קוֹלִ֑י בֹּ֥קֶר אֶֽעֱרָךְ־לְ֝ךָ֗ וַאֲצַפֶּֽה׃
ה 6 כִּ֤י ׀ לֹ֥א אֵֽל־חָפֵ֘ץ רֶ֥שַׁע ׀ אָ֑תָּה לֹ֖א יְגֻרְךָ֣ רָֽע׃ לֹא־יִתְיַצְּב֣וּ
7 ה֭וֹלְלִים לְנֶ֣גֶד עֵינֶ֑יךָ שָׂ֝נֵ֗אתָ כָּל־פֹּ֥עֲלֵי אָֽוֶן׃ תְּאַבֵּד֮ דֹּבְרֵ֪י
8 כָ֫זָ֥ב אִישׁ־דָּמִ֥ים וּמִרְמָ֑ה יְתָ֘עֵ֥ב ׀ יְהוָֽה׃ וַאֲנִ֗י בְּרֹ֣ב חַ֭סְדְּךָ
9 אָב֣וֹא בֵיתֶ֑ךָ אֶשְׁתַּחֲוֶ֥ה אֶל־הֵֽיכַל־קָ֝דְשְׁךָ֗ בְּיִרְאָתֶֽךָ׃ יְהוָ֤ה ׀

נחני

ג׳ v. 8. פתח בס״ס

## קאַפּיטעל ג

1 דוד'ס אַ געזאַנג, ווען ער איז אַנטלאָפען פון זיין זוהן אבשלום.
2 אַ גאָט ! ווי פיעל זיינען מיינע פיינד ! ווי גרויס זיינען די וואָס שטעַ־
3 לען זיך קעגען מיר ! פיעל זאָגען אויף מיר : „ער האָט קיין הילף
4 פון'ם אייביגען גאָט". און דו, גאָט, ביזט דאָך אַ פּאַנציר פיר מיר,
5 מיין עהרע און מיין קאָפּ־אויפהויבער. ווען איך ווענדע מיין שטימע
צו גאָט, ענטפערט ער מיר אימער פון זיין הייליגען באַרג.
6 איך לעג זיך, שלאָף איין און ערוואַך, ווארום גאָט שטיצט מיר.
7 איך שרעק זיך ניט פאַר די צאהלרייכע פאָלק וואָס שטעלען זיך אַרום
קעגען מיר.
8 שטעה אויף, אַ גאָט ! העלף מיר, מיין גאָט ! דו האָסט דאָך אַלע
פיינד מיינע אין באַק געשלאָגען און צובראָכען די ציינער פון פער־
ברעכער.
9 ביי גאָט איז די הילף ! דיין ברכה איז אימער אויף דיין פאָלק.

## קאַפּיטעל ד

1 דוד'ס אַ געזאַנג, צום אויפזעהער איבער די מעלאָדיען.
2 ווען איך רוף ענטפער מיר, מיין גערעכטער גאָט ! אין איינגשאַפּט
מאַכסטו מיר געראַם, בעגנאַדיג מיר און הער אויס מיין געבעט.
3 ווי לאַנג, מענשענקינדער, וועט מיין עהרע אַלס שאַנדע זיין ? ווי לאַנג
וועט איהר ליעבען לעערקייט און זוכען אימער ליגען ?
4 זייט וויסען אַז דעם פרומען זאָנדערט גאָט אָב פאַר זיך — גאָט הערט
אויס ווען איך רוף צו איהם.
5 זייט זיך בייז, אָבער זינדיגט ניט ; טראַכט זיך (וואָס איהר ווילט) אין
הארצען אויף אייער געלעגער — אָבער אימער שטיל !
6 ווען איהר אָפּפערט אַ ריכטיגען אָפּפער דאַן קענט איהר פערטרויט זיין
אויף גאָט.
7 פיעל זאָגען : „אַז ווער־עס־איז וואָלט אונז ווייזען וואָס גוט איז !"
הויב אויף איבער אונז דעם שיין פון דיין געזיכט, אַ גאָט !
8 דו האָסט אַריינגעגעבען פריידע אין מיין הארצען זינט זייער קאָרן און
וויין זיינען פיעל געוואַקסען —
9 פריעדליך לעג איך זיך איינזאַם אין שלאָף, ווארום נאָר ווען איך בין
איינזאַם זעצטו מיר, אַ גאָט, אין זיכערהייט.

## קאַפּיטעל ה

1 צום אויפזעהער איבער פלייט־אינסטרומענטען, דוד'ס אַ געזאַנג.
2 מיינע ווערטער הער אויס, אַ גאָט ! בעטראַכט מיין רעדען.
3 האָרך אויס, מיין קעניג, מיין שרייענדע שטימע ; ווארום צו דיר, מיין
גאָט בעט איך.
4 הער, אַ גאָט, מיין מאָרגענגעבעט ; אם מאָרגען לעג איך דיר פאַר (מיין
געבעט) און וואַרט מיט האָפנונג.
5 דו ביזט דאָך ניט אַ גאָט וואָס ווינשט שלעכטס, בייזעס קען זיך ניט גע־
פינען ביי דיר.
6 פאַר דיינע אויגען קענען ניט איינשטעהן בעריהמער, דו האָסט אַלע די
וואָס טהוען אונרעכט.
7 דו פערניכטעסט די וואָס רעדען ליגען, אַ בלוטמענש אָדער אַ בעטריגער
פעראַכטעט גאָט.
8 איך אָבער, דורך דיין גרויס גנאַדע, קום איך אין דיין הויז ; איך בוק
זיך אויס פורכט פאַר דיר, צו דיין הייליגען טעמפעל.
9 אַ גאָט ! פיהר מיר אין דיין גערעכטיגקייט צוליעב מיינע אנקוקער,
מאַך דיין וועג גלייך פאַר מיר.

י נְחֵנִי בְצִדְקָתֶךָ לְמַעַן שׁוֹרְרָי הַוְשַׁר לְפָנַי דַּרְכֶּךָ׃ כִּי אֵין
בְּפִיהוּ נְכוֹנָה קִרְבָּם הַוּוֹת קֶבֶר־פָּתוּחַ גְּרוֹנָם לְשׁוֹנָם
יַחֲלִיקוּן׃ הַאֲשִׁימֵם ׀ אֱלֹהִים יִפְּלוּ מִמֹּעֲצוֹתֵיהֶם בְּרֹב 11
פִּשְׁעֵיהֶם הַדִּיחֵמוֹ כִּי מָרוּ בָךְ׃ וְיִשְׂמְחוּ כָל־חוֹסֵי בָךְ 12
לְעוֹלָם יְרַנֵּנוּ וְתָסֵךְ עָלֵימוֹ וְיַעְלְצוּ בְךָ אֹהֲבֵי שְׁמֶךָ׃ כִּי־ 13
אַתָּה תְּבָרֵךְ צַדִּיק יְהוָה כַּצִּנָּה רָצוֹן תַּעְטְרֶנּוּ׃

## PSAL. VI. ו

ו

א לַמְנַצֵּחַ בִּנְגִינוֹת עַל־הַשְּׁמִינִית מִזְמוֹר לְדָוִד׃ יְהוָה אַל־ 2
בְּאַפְּךָ תוֹכִיחֵנִי וְאַל־בַּחֲמָתְךָ תְיַסְּרֵנִי׃ חָנֵּנִי יְהוָה כִּי אֻמְלַל 3
אָנִי רְפָאֵנִי יְהוָה כִּי נִבְהֲלוּ עֲצָמָי׃ וְנַפְשִׁי נִבְהֲלָה מְאֹד 4
ה וְאַתָּ יְהוָה עַד־מָתָי׃ שׁוּבָה יְהוָה חַלְּצָה נַפְשִׁי הוֹשִׁיעֵנִי
לְמַעַן חַסְדֶּךָ׃ כִּי אֵין בַּמָּוֶת זִכְרֶךָ בִּשְׁאוֹל מִי יוֹדֶה־לָּךְ׃ 6
יָגַעְתִּי בְּאַנְחָתִי אַשְׂחֶה בְכָל־לַיְלָה מִטָּתִי בְּדִמְעָתִי עַרְשִׂי 7
אַמְסֶה׃ עָשְׁשָׁה מִכַּעַס עֵינִי עָתְקָה בְּכָל־צוֹרְרָי׃ סוּרוּ 8 9
י מִמֶּנִּי כָּל־פֹּעֲלֵי אָוֶן כִּי־שָׁמַע יְהוָה קוֹל בִּכְיִי׃ שָׁמַע יְהוָה
תְּחִנָּתִי יְהוָה תְּפִלָּתִי יִקָּח׃ יֵבֹשׁוּ וְיִבָּהֲלוּ מְאֹד כָּל־אֹיְבָי 11
יָשֻׁבוּ יֵבֹשׁוּ רָגַע׃

## PSAL. VII. ז

ז

א שִׁגָּיוֹן לְדָוִד אֲשֶׁר־שָׁר לַיהוָה עַל־דִּבְרֵי־כוּשׁ בֶּן־יְמִינִי׃
יְהוָה אֱלֹהַי בְּךָ חָסִיתִי הוֹשִׁיעֵנִי מִכָּל־רֹדְפַי וְהַצִּילֵנִי׃ 2
פֶּן־יִטְרֹף כְּאַרְיֵה נַפְשִׁי פֹּרֵק וְאֵין מַצִּיל׃ יְהוָה אֱלֹהַי אִם־ 3 4
ה עָשִׂיתִי זֹאת אִם־יֶשׁ־עָוֶל בְּכַפָּי׃ אִם־גָּמַלְתִּי שׁוֹלְמִי רָע
וָאֲחַלְּצָה צוֹרְרִי רֵיקָם׃ יִרַדֹּף אוֹיֵב ׀ נַפְשִׁי וְיַשֵּׂג וְיִרְמֹס 6
לָאָרֶץ חַיָּי וּכְבוֹדִי ׀ לֶעָפָר יַשְׁכֵּן סֶלָה׃ קוּמָה יְהוָה ׀ בְּאַפֶּךָ 7
הִנָּשֵׂא בְּעַבְרוֹת צוֹרְרָי וְעוּרָה אֵלַי מִשְׁפָּט צִוִּיתָ׃ וַעֲדַת 8
לְאֻמִּים תְּסוֹבְבֶךָּ וְעָלֶיהָ לַמָּרוֹם שׁוּבָה׃ יְהוָה יָדִין עַמִּים 9
י שָׁפְטֵנִי יְהוָה כְּצִדְקִי וּכְתֻמִּי עָלָי׃ יִגְמָר־נָא רַע ׀ רְשָׁעִים

ותכונן

ה v. 9. הישר ק׳ ו v. 4. ואתה ק׳

10 אין זיין מויל איז קיין ריכטיגקייט ניטאָ, אינערליך זיינען זיי פערדאָר־
בען ; ווען זייער האלז איז אָפען ווי אַ קבר רעדען זיי גלאַטע רייד.
11 בעשטראָף זיי, גאָט, אז זיי זאָלען דורכפאַלען אין זייערע בעראַטהונגען ;
מיט זייערע גרויסע פערברעכענס פערשטויס זיי, ווייל זיי האָבען קעגען
12 דיר ווידערשפעניגט. זאָלען זיך אימער פרעהען אַלע וואָס זיינען
פערטרויט אויף דיר, זיי זאָלען אימער פרעהלאַך זיין ווייל דו בעשיצט
זיי ; מיט דיר זיינען צופריעדען די וואָס ליעבען דיין נאָמען.
13 ווען דו, גאָט, בענשט דעם פרומען בעקרוינסטו איהם מיט צופריעדענ־
היינט ווי מיט אַ פאַנציר.

## קאַפּיטעל ו

1 צום אויפזעהער איבער די מעלאָדיען פון איין אכטעל טאָן, דוד'ס אַ גע־
2 זאַנג. גאָט ! שטראָף מיר ניט מיט דיין צאָרן און ציכטיג מיר ניט מיט
3 דיין וואוטה. בעגנאַדיג מיר, גאָט, ווארום איך בין פערשוואַכט ; הייל
4 מיר, גאָט, ווארום מיינע גליעדער זיינען צושראָקען, אויך מיין
זעעלע איז זעהר צושראָקען — און דו, מיין גאָט, ווי לאַנג נאָך ?
5 קעהר זיך צוריק, גאָט ; בעפריי מיין זעעלע, העלף מיר צוליעב דיין
6 גנאַדע. ווארום טוידטערהייט דערמאָהנט דיר קיינער ניט, ווער
דאַנקט דיר אין העלל ?
7 איך בין מיעד פון מיין זיפצען, יעדער נאַכט מאַך איך מיין בעט שווי־
מען אין מיינע טרעהרען, איך צו־ווייק מיין בעט אין מיינע טרעהרען.
8 מיין אויסזעהען איז פערשוואַרצט פון ערגערניס, זי איז פערעלטערט
געוואָרען איבער אַלע מיינע בעדריקער.
9 געהט אַוועק פון מיר אַלע וואָס טהוען אונרעכט, ווארום גאָט האָט גע־
הערט מיין וויינענדיגע שטימע.
10 גאָט האָט געהערט מיין געבעט, גאָט וועט אָננעהמען מיין בעטען.
11 פאַרשעמט און זעהר צושראָקען ווען ווערען אַלע פיינד מיינע, וועלען
זיי זיך עטוואָס צוריקקעהרען וועלען זיי פערשעמט ווערען.

## קאַפּיטעל ז

1 אַ בעגייסטערונגס ליעד דוד'ס, וואָס ער האָט געזונגען פאַר גאָט מיט די
ווערטער פון כוש דעם ימין'ער.
2 מיין גאָט ! אויף דיר בין איך פערטרויט, העלף מיר פון אַלע מיינע
פערפאָלגער און רעטע מיר ;
3 אום ער זאָל מיר ניט צורייסען ווי אַ לייב, וואָס צוברעכט (די גליעדער)
און קיינער קען ניט רעטען.
4 מיין גאָט ! אויב איך האָב דאָס געטהאָן [אויב עס איז דאָ אונרעכט
אין מיין האַנד]:
5 אויב איך האָב מיט שלעכטס געצאָהלט מיינע פריעדליכע פריינד, אָדער
אויב איך האָב געדריקט מיינע אונשעדליכע פיינד —
6 זאָל אַ פיינד מיר פערפאָלגען און כאַפּען, זאָל ער מיר לעבעדיגערהייד
אויף דר'ערד צוטרעטען, און מיין עהרע זאָל ער אויף אימער אויף דר'ערד
לעגען.
7 שטעה אויף, גאָט, מיט דיין צאָרן, ערהויב זיך מיט וואוטה אויף מיינע
פיינד און ערוועק צוליעב מיר דאָס געריכט וואָס דו האָסט פעראָרדערט:
8 „ווען אַ פערזאַמלונג פון נאַציאָנען וועט דיר ארומרינגלען, ווערסטו פאַר
זייערע אויגען ארויפשטייגען אין דער הויך."
9 גאָט וואָס ריכטעט פעלקער ! אורטהייל מיר, אַ גאָט, לויט מיין גע־
רעכטיגקייט און אונשולד.
10 זאָל אַ ענדע קומען אויף די שלעכטס פון די פערברעכער, מאַך פעסט
דעם פרומען, ווארום דו גערעכטער גאָט פרובירסט הערצער און ניערען.

11 וּתְכוֹנֵן צַדִּיק וּבֹחֵן לִבּוֹת וּכְלָיוֹת אֱלֹהִים צַדִּיק׃ מָגִנִּי
12 עַל־אֱלֹהִים מוֹשִׁיעַ יִשְׁרֵי־לֵב׃ אֱלֹהִים שׁוֹפֵט צַדִּיק
13 וְאֵל זֹעֵם בְּכָל־יוֹם׃ אִם־לֹא יָשׁוּב חַרְבּוֹ יִלְטוֹשׁ קַשְׁתּוֹ
14 דָרַךְ וַיְכוֹנְנֶהָ׃ וְלוֹ הֵכִין כְּלֵי־מָוֶת חִצָּיו לְדֹלְקִים יִפְעָל׃
טו 16 הִנֵּה יְחַבֶּל־אָוֶן וְהָרָה עָמָל וְיָלַד שָׁקֶר׃ בּוֹר כָּרָה
17 וַיַּחְפְּרֵהוּ וַיִּפֹּל בְּשַׁחַת יִפְעָל׃ יָשׁוּב עֲמָלוֹ בְרֹאשׁוֹ וְעַל־
18 קָדְקֳדוֹ חֲמָסוֹ יֵרֵד׃ אוֹדֶה יְהוָה כְּצִדְקוֹ וַאֲזַמְּרָה שֵׁם־
יְהוָה עֶלְיוֹן׃

## PSAL. VIII. ח

ח

א 2 לַמְנַצֵּחַ עַל־הַגִּתִּית מִזְמוֹר לְדָוִד׃ יְהוָה אֲדֹנֵינוּ מָה־
אַדִּיר שִׁמְךָ בְּכָל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־תְּנָה הוֹדְךָ עַל־הַשָּׁמָיִם׃
3 מִפִּי עוֹלְלִים ׀ וְיֹנְקִים יִסַּדְתָּ עֹז לְמַעַן צוֹרְרֶיךָ לְהַשְׁבִּית
4 אוֹיֵב וּמִתְנַקֵּם׃ כִּי־אֶרְאֶה שָׁמֶיךָ מַעֲשֵׂה אֶצְבְּעֹתֶיךָ יָרֵחַ
ה וְכוֹכָבִים אֲשֶׁר כּוֹנָנְתָּה׃ מָה־אֱנוֹשׁ כִּי־תִזְכְּרֶנּוּ וּבֶן־אָדָם
6 כִּי תִפְקְדֶנּוּ׃ וַתְּחַסְּרֵהוּ מְּעַט מֵאֱלֹהִים וְכָבוֹד וְהָדָר
7 תְּעַטְּרֵהוּ׃ תַּמְשִׁילֵהוּ בְּמַעֲשֵׂי יָדֶיךָ כֹּל שַׁתָּה תַחַת־
8 9 רַגְלָיו׃ צֹנֶה וַאֲלָפִים כֻּלָּם וְגַם בַּהֲמוֹת שָׂדָי׃ צִפּוֹר שָׁמַיִם
י וּדְגֵי הַיָּם עֹבֵר אָרְחוֹת יַמִּים׃ יְהוָה אֲדֹנֵינוּ מָה־אַדִּיר
שִׁמְךָ בְּכָל־הָאָרֶץ׃

## PSAL. IX. ט

ט

א 2 לַמְנַצֵּחַ עַל־מוּת לַבֵּן מִזְמוֹר לְדָוִד׃ אוֹדֶה יְהוָה בְּכָל־
3 לִבִּי אֲסַפְּרָה כָּל־נִפְלְאוֹתֶיךָ׃ אֶשְׂמְחָה וְאֶעֶלְצָה בָךְ
4 אֲזַמְּרָה שִׁמְךָ עֶלְיוֹן׃ בְּשׁוּב אוֹיְבַי אָחוֹר יִכָּשְׁלוּ וְיֹאבְדוּ
ה מִפָּנֶיךָ׃ כִּי־עָשִׂיתָ מִשְׁפָּטִי וְדִינִי יָשַׁבְתָּ לְכִסֵּא שׁוֹפֵט
6 צֶדֶק׃ גָּעַרְתָּ גוֹיִם אִבַּדְתָּ רָשָׁע שְׁמָם מָחִיתָ לְעוֹלָם וָעֶד׃
7 הָאוֹיֵב ׀ תַּמּוּ חֳרָבוֹת לָנֶצַח וְעָרִים נָתַשְׁתָּ אָבַד זִכְרָם
8 9 הֵמָּה׃ וַיהוָה לְעוֹלָם יֵשֵׁב כּוֹנֵן לַמִּשְׁפָּט כִּסְאוֹ׃ וְהוּא
י יִשְׁפֹּט־תֵּבֵל בְּצֶדֶק יָדִין לְאֻמִּים בְּמֵישָׁרִים׃ וִיהִי יְהוָה

ט v. 7. פתח באתנח

11 איך שיץ זיך אויף גאָט, וועלכער העלפט אַלע אויפריכטיגע הערצער.
12 גאָט ריכטעט דעם פרומען, אויך דיעזע וואָס ערצאָרנען אימער.
13 אויב ער קעהרט זיך ניט צוריק, שאַרפט ער זיין שווערד, ער טרעט אויף
14 זיין בויגען און ציעלט מיט איהם. ביי איהם זיינען צוגעגרייט טוידט־
15 אינסטרומענטען, זיינע פיילען מאַכט ער פאר די פערפאָלגער. דער וואָס
פלאַנט אונרעכט, שוואַנגערט בעדריקונג און וועט ליעגען געבוירען.
16 אַ גרוב האָט ער געגראבען, טיעף אויסגעגראבען, וועט ער אריינפאלען
17 אין פערדארבונג וואָס ער האָט געמאַכט. זיין בעדריקונג וועט צוריק
קומען אויף זיין קאָפּ, אויף זיין שארבען וועט זיין געוואלדטהאָט פאלען.
18 איך לויב גאָט לויט זיין גערעכטיגקייט און ריהם דעם נאָמען פון אוי־
בערשטען גאָט.

## קאַפּיטעל ח

1 צום אויפזעהער אויף די גת־אינסטרומענטען, דוד'ס אַ געזאַנג.
2 עוויגער, אונזער גאָט ! ווי מעכטיג איז אין דער גאַנצער וועלט דיין נאָמען, וועלכער דערצעהלט וועגען דיין מאַיעסטעט אויפ'ן הימעל !
3 פונ'ם מויל פון קליינע־ און זויג־קינדער ביזטו מעכטיג געגרינדעט גע־וואָרען, אום צו פערניכטען דיינע בעליידיגער, פיינד און ראכע־נעהמער.
4 ווען איך זעה דיינע הימלען, דיינע פינגער־אַרבייט, די לבנה און שטערן וועלכע דו האָסט פעסטגעשטעלט —
5 וואָס איז ז'ער שוואַכער מענש אַז דו זאָלסט וועגען איהם דענקען ? וואָס איז דער מענשענקינד אַז דו זאָלסט וועגען איהם טראַכטען ?
6 אָבער אָבוואָהל דו האָסט וועניג מאַכט געגעבען, האָסטו איהם דאָך בע־קרוינט מיט עהרע און פּראַכט.
7 דו האָסט איהם געמאַכט הערשען איבער די אַרבייט פון דיינע הענד — אַלעס האָסטו אונטער זיינע פיס געלעגט :
8 אַלערליי שאָף און רינדער, אויך ווילדע טהיערען ;
9 די פויגלען וואָס פליהען אונטער'ן הימעל און די גרויסע פיש וואָס מאַ־כען זיך אַ וועג אין פערשיעדענע ים'ן.
10 עוויגער, אונזער גאָט ! ווי מעכטיג איז דיין נאָמען אין דער גאַנצער וועלט.

## קאַפּיטעל ט

1 צום אויפזעהער איבער מות־לבן, דוד'ס אַ געזאַנג.
2 איך דאַנק גאָט מיט'ן גאַנצען האַרצען, איך דערצעהל אַלע דיינע וואונדערס.
3 איך פרעה זיך מיט דיר און בין צופריעדען, איך זינג צו דיין נאָמען, אַלערהעכסטער !
4 ווען מיינע פיינד געהען הינטערווייליך צוריק, זאָלען זיי פון דיר גע־שטרויכעלט און פערניכטעט ווערען.
5 ווען דו האָסט מיין געריכט און אורטהייל צוגעגרייט — ווען דו אויפ־ריכטיגער ריכטער, ביזט אויפ'ן ריכטער־שטוהל געזעסען,
6 דו האָסט קליין געמאַכט די שטאָלצע, האָסט אונטערגעבראַכט דעם פער־ברעכער, זייער נאָמען האָסטו אָבגעמעקט אויף אייביג און אימער.
7 דעם פיינד'ס שווערדען האָבען אויפגעהערט בעזיעגען, אויך די עראָי־נערונג וועגען די שטעדט וואָס דו האָסט פערניכטעט האָט שוין אויפ־געהערט.
8 אָבער גאָט זיצט אימער אויף זיין ריכטער־שטוהל, וועלכען ער האָט צום ריכטען צוגעגרייט —
9 און ער ריכטעט די וועלט מיט גערעכטיגקייט, מיט אויפריכטיגקייט פעראורטהיילט ער נאַציאָנען ;
10 און אימער איז גאָט אַ פעסטונג פאר דעם ניעדערגעשלאָגענעם, אַ פעס־טונג אין אַ הונגער־צייט.

מִשְׂגָּב לַדָּךְ מִשְׂגָּב לְעִתּוֹת בַּצָּרָה׃ וְיִבְטְחוּ בְךָ יוֹדְעֵי 11
שְׁמֶךָ כִּי לֹא־עָזַבְתָּ דֹרְשֶׁיךָ יְהוָה׃ זַמְּרוּ לַיהוָה יֹשֵׁב צִיּוֹן 12
הַגִּידוּ בָעַמִּים עֲלִילוֹתָיו׃ כִּי־דֹרֵשׁ דָּמִים אוֹתָם זָכָר לֹא־ 13
שָׁכַח צַעֲקַת עֲנָיִים׃ חָנְנֵנִי יְהוָה ׀ רְאֵה עָנְיִי מִשֹּׂנְאָי מְרוֹמְמִי 14
מִשַּׁעֲרֵי־מָוֶת׃ לְמַעַן אֲסַפְּרָה כָּל־תְּהִלָּתֶיךָ בְּשַׁעֲרֵי בַת־ טו
צִיּוֹן אָגִילָה בִּישׁוּעָתֶךָ׃ טָבְעוּ גוֹיִם בְּשַׁחַת עָשׂוּ בְּרֶשֶׁת־ 16
זוּ טָמָנוּ נִלְכְּדָה רַגְלָם׃ נוֹדַע ׀ יְהוָה מִשְׁפָּט עָשָׂה בְּפֹעַל 17
כַּפָּיו נוֹקֵשׁ רָשָׁע הִגָּיוֹן סֶלָה׃ יָשׁוּבוּ רְשָׁעִים לִשְׁאוֹלָה 18
כָּל־גּוֹיִם שְׁכֵחֵי אֱלֹהִים׃ כִּי לֹא לָנֶצַח יִשָּׁכַח אֶבְיוֹן תִּקְוַת 19
עֲנָוִים תֹּאבַד לָעַד׃ קוּמָה יְהוָה אַל־יָעֹז אֱנוֹשׁ יִשָּׁפְטוּ כ
גוֹיִם עַל־פָּנֶיךָ׃ שִׁיתָה יְהוָה ׀ מוֹרָה לָהֶם יֵדְעוּ גוֹיִם 21
אֱנוֹשׁ הֵמָּה סֶּלָה׃

## PSAL. X. י

לָמָה יְהוָה תַּעֲמֹד בְּרָחוֹק תַּעְלִים לְעִתּוֹת בַּצָּרָה׃ בְּגַאֲוַת־ א 2
רָשָׁע יִדְלַק עָנִי יִתָּפְשׂוּ ׀ בִּמְזִמּוֹת זוּ חָשָׁבוּ׃ כִּי־הִלֵּל 3
רָשָׁע עַל־תַּאֲוַת נַפְשׁוֹ וּבֹצֵעַ בֵּרֵךְ נִאֵץ ׀ יְהוָה׃ רָשָׁע 4
כְּגֹבַהּ אַפּוֹ בַּל־יִדְרֹשׁ אֵין אֱלֹהִים כָּל־מְזִמּוֹתָיו׃ יָחִילוּ ה
דְרָכוֹ ׀ בְּכָל־עֵת מָרוֹם מִשְׁפָּטֶיךָ מִנֶּגְדּוֹ כָּל־צוֹרְרָיו יָפִיחַ
בָּהֶם׃ אָמַר בְּלִבּוֹ בַּל־אֶמּוֹט לְדֹר וָדֹר אֲשֶׁר לֹא־בְרָע׃ 6
אָלָה ׀ פִּיהוּ מָלֵא וּמִרְמוֹת וָתֹךְ תַּחַת לְשׁוֹנוֹ עָמָל וָאָוֶן׃ 7
יֵשֵׁב ׀ בְּמַאְרַב חֲצֵרִים בַּמִּסְתָּרִים יַהֲרֹג נָקִי עֵינָיו לְחֵלְכָה 8
יִצְפֹּנוּ׃ יֶאֱרֹב בַּמִּסְתָּר ׀ כְּאַרְיֵה בְסֻכֹּה יֶאֱרֹב לַחֲטוֹף עָנִי 9
יַחְטֹף עָנִי בְּמָשְׁכוֹ בְרִשְׁתּוֹ׃ וְדָכָה יָשֹׁחַ וְנָפַל בַּעֲצוּמָיו י
חֵלְכָּאִים׃ אָמַר בְּלִבּוֹ שָׁכַח אֵל הִסְתִּיר פָּנָיו בַּל־רָאָה 11
לָנֶצַח׃ קוּמָה יְהוָה אֵל נְשָׂא יָדֶךָ אַל־תִּשְׁכַּח עֲנָיִים׃ 12
עַל־מֶה ׀ נִאֵץ רָשָׁע ׀ אֱלֹהִים אָמַר בְּלִבּוֹ לֹא תִּדְרֹשׁ׃ 13
רָאִתָה כִּי־אַתָּה ׀ עָמָל וָכַעַס ׀ תַּבִּיט לָתֵת בְּיָדֶךָ עָלֶיךָ 14

יעזב

ט׳ v. 13. ענוים קרי v. 19. עניים קרי v. 21. ה במקום א י׳ v. 4. נ״א בגבה
v. 5. דרכיו ק v. 10. ידכה קרי ibid. חל כאים קרי v. 12. ענוים קרי

11 דערפאר זיינען פערטרויט אויף דיר די וואס אנערקענען דיין נאמען, ווייל
12 דו, גאט, האסט ניעמאלס פערלאזען די וואס זוכען דיר. זינגט צום גאט
וואס איז אימער אין ציון, דערצעהלט אונטער די פעלקער זיינע טהאטען.
13 ווארום דער וואס פאדערט אויף בלוט גדיינקט זייער געשריי — ע.
14 פערגעסט ניט דעם שרייען פון די אונטערדריקטע. בעגנאדיג מיר, גאט:
זעה מיין ליידען פון מיינע פריינד, דו וועלכער ערהויבסט מיר פון די טוידט־
15 טהויערן. אום איך זאל אלעמען דיין רוהם דערצעהלען, אין די
טהויערן פון דיין טאכטער ציון וועל איך פרעהליך זיין דורך דיין הילף.
16 די בארבארען זיינען געזונקען אין דעם גרוב וואס זיי זעלבסט האבען
געמאכט, אין דעם אייגענעם נעץ וואס זיי האבען בעהאלטען איז זייער
17 פוס געפאנגען געווארען. גאט איז בעוואוסט געווארען דורך דעם אור־
טהייל וואס ער האט ארויסגעגעבען — דורך די ארבייט פון זיינע הענד
18 ווערט דער פערברעכער געפאנגען, דאס איז א גרויסער געדאנק. זאלען
די פערברעכער אין דער העלל געהן, אלע שטאלצע וואס פארגעסען גאט.
19 ניט אויף לאנג ווערט דער ארימער פערגעסען, דאס האפנונג פון דעם אונ־
20 טערדריקטען ווערט ניט אימער פערלארען. הויב זיך אויף, גאט! זאל
דער מענש קיין איבערמאכט האבען, זאלען פאראורטהיילט ווערען די וואס
21 שטאלצירען קעגען דיר. מאך זיי גאט א לעהרע, זאלען אלע פעלקער
ווייסען אז זיי זיינען אימער בלויז שוואכע מענשען.

## קאפיטעל י

1 ווארום, א גאט, שטעהסטו פון ווייטען און פערבארגסט זיך אין צייט
2 פון נויטה? מיט פערברעכערישען שטאלץ פערפאלגט מען דעם אונטער־
דריקטען, זאלען זיי זעלבסט געכאפט ווערען פון די פלענער וואס זיי הא־
3 בען אויסגעטראכט! אזוי ווי עס ריהמט זיך דער פערברעכער אויספיה־
רענדיג זיין פערזענליכען פערלאנג, אזוי איז צופריעדען דער רויבער, וועל־
4 כער פערלאכטעט גאט. דער פערברעכער ווען ער איז שטאלץ פרעגט ער
קיינעם ניט, אלע זיינע געדאנקען זיינען: „עס איז ניטא קיין ריכטער!"
5 זיין אויפפיהרונג בריינגט אימער גרויסען גליק, דיין אורטהייל איז ווייט
פון איהם, דערמיט בלאזט ער אוועק אלע זיינע געגנער.
6 אין הארצען טראכט ער: איך וועל ניעמאלס וואנקען, אויף קיין אונ־
גליק אנקוקען,
7 זיין מויל איז פול מיט זידלעריי, בעטרוג און פאלשקייט, אונטער זיין
צונג איז פערדארבענהייט און אונרעכט.
8 ער זיצט אין די לויער־הויפען, אין פערבארגענים ערמארדעט ער דעם
אונשולדיגען, וועלכער פערזארגט דעם עלענדען.
9 ער לויערט אין פערבארגענים ווי א לייב אין זיין העהל, ער לויערט אום
דעם עלענדען צו כאפען; ער כאפט דעם עלענדען איהם ארייַנציהענדיג
אין זיין נעץ,
10 ער מאכט זיך ניעדעריג און בייגט זיך איין אום די עלענדע זאלען אין
זיין איבערמאכט ארייַנפאלען.
11 אין הארצען טראכט ער: „גאט האט פארגעסען, ער האט זיין געזיכט
פערבארגען און וועט מעהר ניט זעהען."
12 הויב זיך אויף, א גאט! הויב אויף דיין האנד, אלמעכטיגער! פארגעס
ניט די עלענדע!
13 ווארום פעראכטעט דער פערברעכער גאט, טראכטענדיג אין הארצען „דו
וועסט ניט אויפמאהנען"
14 דו האסט דאך אלעס געזעהען, ווארום דו קוקסט דאך אימער; אין דיין
מאכט איז אויסצוטהיילען עלענד און יאמער, אזוי ווי פון דיר ווערט
געהאלפען דער עלענדער און געשטיצט דער יתום —

טו יַעֲזֹב חֵלְכָה יָתוֹם אַתָּה ׀ הָיִיתָ עוֹזֵר׃ שְׁבֹר זְרוֹעַ רָשָׁע
16 וָרָע תִּדְרוֹשׁ־רִשְׁעוֹ בַל־תִּמְצָא׃ יְהוָה מֶלֶךְ עוֹלָם וָעֶד
17 אָבְדוּ גוֹיִם מֵאַרְצוֹ׃ תַּאֲוַת עֲנָוִים שָׁמַעְתָּ יְהוָה תָּכִין לִבָּם
18 תַּקְשִׁיב אָזְנֶךָ׃ לִשְׁפֹּט יָתוֹם וָדָךְ בַּל־יוֹסִיף עוֹד לַעֲרֹץ
אֱנוֹשׁ מִן־הָאָרֶץ׃

## PSAL. XI. יא

יא

א לַמְנַצֵּחַ לְדָוִד בַּיהוָה ׀ חָסִיתִי אֵיךְ תֹּאמְרוּ לְנַפְשִׁי נוּדוּ
2 הַרְכֶם צִפֹּר׃ כִּי הִנֵּה הָרְשָׁעִים יִדְרְכוּן קֶשֶׁת כּוֹנְנוּ חִצָּם
3 עַל־יֶתֶר לִירוֹת בְּמוֹ־אֹפֶל לְיִשְׁרֵי־לֵב׃ כִּי הַשָּׁתוֹת יֵהָרֵסוּן
4 צַדִּיק מַה־פָּעָל׃ יְהוָה ׀ בְּהֵיכַל קָדְשׁוֹ יְהוָה בַּשָּׁמַיִם
ה כִּסְאוֹ עֵינָיו יֶחֱזוּ עַפְעַפָּיו יִבְחֲנוּ בְּנֵי אָדָם׃ יְהוָה צַדִּיק
6 יִבְחָן וְרָשָׁע וְאֹהֵב חָמָס שָׂנְאָה נַפְשׁוֹ׃ יַמְטֵר עַל־רְשָׁעִים
7 פַּחִים אֵשׁ וְגָפְרִית וְרוּחַ זִלְעָפוֹת מְנָת כּוֹסָם׃ כִּי־צַדִּיק
יְהוָה צְדָקוֹת אָהֵב יָשָׁר יֶחֱזוּ פָנֵימוֹ׃

## PSAL. XII. יב

יב

א 2 לַמְנַצֵּחַ עַל־הַשְּׁמִינִית מִזְמוֹר לְדָוִד׃ הוֹשִׁיעָה יְהוָה כִּי־
3 גָמַר חָסִיד כִּי פַסּוּ אֱמוּנִים מִבְּנֵי אָדָם׃ שָׁוְא ׀ יְדַבְּרוּ
4 אִישׁ אֶת־רֵעֵהוּ שְׂפַת חֲלָקוֹת בְּלֵב וָלֵב יְדַבֵּרוּ׃ יַכְרֵת
ה יְהוָה כָּל־שִׂפְתֵי חֲלָקוֹת לָשׁוֹן מְדַבֶּרֶת גְּדֹלוֹת׃ אֲשֶׁר
6 אָמְרוּ ׀ לִלְשֹׁנֵנוּ נַגְבִּיר שְׂפָתֵינוּ אִתָּנוּ מִי אָדוֹן לָנוּ׃ מִשֹּׁד
עֲנִיִּים מֵאַנְקַת אֶבְיוֹנִים עַתָּה אָקוּם יֹאמַר יְהוָה אָשִׁית בְּיֵשַׁע
7 יָפִיחַ לוֹ׃ אִמְרוֹת יְהוָה אֲמָרוֹת טְהֹרוֹת כֶּסֶף צָרוּף
8 בַּעֲלִיל לָאָרֶץ מְזֻקָּק שִׁבְעָתָיִם׃ אַתָּה יְהוָה תִּשְׁמְרֵם תִּצְּרֶנּוּ
9 מִן־הַדּוֹר זוּ לְעוֹלָם׃ סָבִיב רְשָׁעִים יִתְהַלָּכוּן כְּרֻם זֻלּוּת
לִבְנֵי אָדָם׃

## PSAL. XIII. יג

יג

א 2 לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד׃ עַד־אָנָה יְהוָה תִּשְׁכָּחֵנִי נֶצַח עַד־

אנה

יא v. 1. נודי קרי  יב v. 9. כא לספ׳

15 צוברעך־זשע דעם פערברעכער׳ס מאכט און צוברעקעל, אום זיין פער־
ברעכען זאָל ניט געפונען ווערען זאָגאר אז מען וועט עס זוכען.
16 גאָט וועט אייביג און אימער קעניג זיין ווען די שטאָלצע וועלען פון זיין
לאַנד פערניכטעט ווערען.
17 דער פערלאַנג פון די דעמיטהיגע [האָסטו געהערט, גאָט ; (דאָס געבעט
וואָס) זייער הארץ האָט צוגעגרייט האָרכט דיין אויער], —
18 מען זאָל דעם יתום אָדער ניעדערגעשלאָגענעם אויפריכטיג אורטהיילען,
עס זאָל זיי ניט מעהר טיראַניזירען א מענש פונ׳ם לאַנד.

## קאַפּיטעל יא

1 צום אויפזעהער איבער דוד׳ס געזאַנגען. איך פערטרוי אויף גאָט, ווי
קענט איהר צו מיר זאָגען : „וואַנדער אויס !״ ווי צו אייער באַרג־פויי־
געל ?
2 ווען די פערברעכער טרעטען דעם בויגען, זיי זעצען אן זייערע פיילען
אויפ׳ן שטריק אום אין דער פינסטער צו שיסען אויף די אויפריכטיגע,
3 ווען זיי צוברעכען די זיילען — וואָס קען טהאָן דער פרומער ?
4 גאָט אין זיין הייליגען טעמפעל, דער עווינער וואָס זיין טהראָן איז אין
הימעל, נאָר זיינע אויגען קענען זעהען, זיינע בליקען פּרובירען די
מענשען.
5 גאָט פּרובירט דעם פרומען אזוי ווי דעם פערברעכער, דעם וואָס ליעבט
געוואַלדטהאטען אזוי ווי דעם וואָס האסט זיי —
6 ער וועט רעגענען אויף די פערברעכער מיט פייערדיגע קויהלען און שוועט־
בעל, א ברענענדער ווינד וועט זיי אַלס זייער בעכער געגעבען ווערען.
7 ווארום גאָט דער גערעכטער ליעבט גערעכטיגקייט, נאָר אויף דעם אויפ־
ריכטיגען קוקט זיין געזיכט.

## קאַפּיטעל יב

1 צום אויפזעהער איבער די אכטעל־טאָניגע (ליעדער), דוד׳ס א געזאַנג.
2 העלף, אָ, גאָט, ווארום עס זיינען אויסגעגאַנגען די פרומע, עס זיינען
פערשוואונדען גלויביגע פון מענשען.
3 פאַלשהייט רעדען זיי איינער מיט דעם אנדערן, א גלאַטע שפּראך רעדען
זיי, אָבער צווייזייטיג.
4 אבשניידען זאָל גאָט אַלע גלאַטע ליפּען, יעדער צונג וואָס רעדט מיט
שטאָלץ —
5 אָט די וואָס זאָגען : „מיט אונזער צונג וועלען מיר איבערוועלטיגען,
ווער קען אונז בעהערשען אז מיר האָבען אונזער שפּראך ? !״
6 „צוליעב דעם בערויבען אָרעמע, צוליעב דעם שרייען פון דירפטיגע, וועל
איך יעצט אויפשטעהען ! — זאָגט גאָט — איך וועל וואָס טהאָן אום היל־
פע קענען דעם וואָס פערשווארצט איהם.״
7 גאָט׳ס ווערטער זיינען ריינע ווערטער, ווי זילבער וואָס איז געשמאָלצען
אין אן עפענטליכען אָרט — זיעבען מאָל געשמאָלצען.
8 דו גאָט זאָלסט זיי היטען, היט אימער יעדערן פון זיי פון דיעזע פער־
קרימונג.
9 איבעראַל ווימלען די פערברעכער ווען געמיינהייט הערשט ביי מענשען.

## קאַפּיטעל יג

1 צום אויפזעהער איבער דוד׳ס געזאַנגען.
2 ווי לאַנג נאָך, גאָט, וועסטו מיר אימער פערגעסען ? ווי לאַנג נאָך וועסטו
דיין געזיכט פערבארגען פון מיר.

3 אָ֥נָה ׀ תַּסְתִּ֖יר אֶת־פָּנֶ֣יךָ מִמֶּֽנִּי׃ עַד־אָ֨נָה אָשִׁ֪ית עֵצ֡וֹת בְּנַפְשִׁ֗י
4 יָג֣וֹן בִּלְבָבִ֣י יוֹמָ֑ם עַד־אָ֓נָה ׀ יָר֖וּם אֹיְבִ֣י עָלָֽי׃ הַבִּ֣יטָה עֲ֭נֵנִי
ה יְהוָ֣ה אֱלֹהָ֑י הָאִ֥ירָה עֵ֝ינַ֗י פֶּן־אִישַׁ֥ן הַמָּֽוֶת׃ פֶּן־יֹאמַ֣ר אֹיְבִ֣י
6 יְכָלְתִּ֑יו צָרַ֥י יָ֝גִ֗ילוּ כִּ֣י אֶמּֽוֹט׃ וַאֲנִ֤י ׀ בְּחַסְדְּךָ֣ בָטַחְתִּי֮ יָגֵ֪ל
לִבִּ֗י בִּֽישׁ֫וּעָתֶ֥ךָ אָשִׁ֥ירָה לַיהוָ֑ה כִּ֖י גָמַ֣ל עָלָֽי׃

## יד PSAL. XIV. יד

א לַמְנַצֵּ֗חַ לְדָ֫וִ֥ד אָ֘מַ֤ר נָבָ֣ל בְּ֭לִבּוֹ אֵ֣ין אֱלֹהִ֑ים הִֽשְׁחִ֗יתוּ
2 הִֽתְעִ֥יבוּ עֲלִילָ֗ה אֵ֣ין עֹֽשֵׂה־טֽוֹב׃ יְֽהוָ֗ה מִשָּׁמַיִם֮ הִשְׁקִ֪יף
3 עַֽל־בְּנֵי־אָ֫דָ֥ם לִ֭רְאוֹת הֲיֵ֣שׁ מַשְׂכִּ֑יל דֹּ֝רֵ֗שׁ אֶת־אֱלֹהִֽים׃ הַכֹּ֥ל
4 סָר֮ יַחְדָּ֪ו נֶ֫אֱלָ֥חוּ אֵ֣ין עֹֽשֵׂה־ט֑וֹב אֵ֝֗ין גַּם־אֶחָֽד׃ הֲלֹ֥א יָדְעוּ֮
ה כָּל־פֹּ֪עֲלֵ֫י אָ֥וֶן אֹכְלֵ֣י עַ֭מִּי אָ֣כְלוּ לֶ֑חֶם יְ֝הוָ֗ה לֹ֣א קָרָֽאוּ׃ שָׁ֤ם ׀
6 פָּ֣חֲדוּ פָ֑חַד כִּֽי־אֱ֝לֹהִ֗ים בְּד֣וֹר צַדִּֽיק׃ עֲצַת־עָנִ֥י תָבִ֑ישׁוּ כִּ֖י
7 יְהוָ֣ה מַחְסֵֽהוּ׃ מִ֥י יִתֵּ֣ן מִצִּיּוֹן֮ יְשׁ֪וּעַ֫ת יִשְׂרָאֵ֥ל בְּשׁ֣וּב יְ֭הוָה
שְׁב֣וּת עַמּ֑וֹ יָגֵ֥ל יַ֝עֲקֹ֗ב יִשְׂמַ֥ח יִשְׂרָאֵֽל׃

## טו PSAL. XV. טו

א מִזְמ֗וֹר לְדָ֫וִ֥ד יְֽהוָ֗ה מִי־יָג֥וּר בְּאָהֳלֶ֑ךָ מִֽי־יִ֝שְׁכֹּ֗ן בְּהַ֣ר קָדְשֶֽׁךָ׃
2 3 הוֹלֵ֣ךְ תָּ֭מִים וּפֹעֵ֣ל צֶ֑דֶק וְדֹבֵ֥ר אֱ֝מֶ֗ת בִּלְבָבֽוֹ׃ לֹֽא־רָגַ֨ל ׀
עַל־לְשֹׁנ֗וֹ לֹא־עָשָׂ֣ה לְרֵעֵ֣הוּ רָעָ֑ה וְ֝חֶרְפָּ֗ה לֹא־נָשָׂ֥א עַל־
4 קְרֹבֽוֹ׃ נִבְזֶ֤ה ׀ בְּֽעֵינָ֗יו נִמְאָ֗ס וְאֶת־יִרְאֵ֣י יְהוָ֣ה יְכַבֵּ֑ד נִשְׁבַּ֥ע
ה לְ֝הָרַ֗ע וְלֹ֣א יָמִֽר׃ כַּסְפּ֤וֹ ׀ לֹא־נָתַ֬ן בְּנֶ֗שֶׁךְ וְשֹׁ֥חַד עַל־נָקִ֗י לֹ֥א
לָ֫קָ֥ח עֹֽשֵׂה־אֵ֑לֶּה לֹ֖א יִמּ֣וֹט לְעוֹלָֽם׃

## טז PSAL. XVI. טז

א 2 מִכְתָּ֥ם לְדָוִ֑ד שָֽׁמְרֵ֥נִי אֵ֝֗ל כִּֽי־חָסִ֥יתִי בָֽךְ׃ אָמַ֣רְתְּ לַֽ֭יהוָה
3 אֲדֹנָ֣י אָ֑תָּה ט֝וֹבָתִ֗י בַּל־עָלֶֽיךָ׃ לִ֭קְדוֹשִׁים אֲשֶׁר־בָּאָ֣רֶץ הֵ֑מָּה
4 וְ֝אַדִּירֵ֗י כָּל־חֶפְצִי־בָֽם׃ יִֽרְבּ֥וּ עַצְּבוֹתָם֮ אַחֵ֪ר מָ֫הָ֥רוּ בַּל־
אַסִּ֣יךְ נִסְכֵּיהֶ֣ם מִדָּ֑ם וּֽבַל־אֶשָּׂ֥א אֶת־שְׁ֝מוֹתָ֗ם עַל־שְׂפָתָֽי׃
ה יְֽהוָ֗ה מְנָת־חֶלְקִ֥י וְכוֹסִ֑י אַ֝תָּ֗ה תּוֹמִ֥יךְ גּוֹרָלִֽי׃ חֲבָלִ֣ים נָֽפְלוּ־
6 7 לִ֭י בַּנְּעִמִ֑ים אַף־נַ֝חֲלָ֗ת שָֽׁפְרָ֥ה עָלָֽי׃ אֲבָרֵ֗ךְ אֶת־יְ֭הוָה אֲשֶׁ֣ר

ת״יד v. 4. סגול באתנח

3 ווי לאנג וועל איך זיך מיט זיך זעלבסט דארפען בעראטהען וועגען דעם
טרויער וואס איז אימער אין מיין הארצען ? ווי לאנג נאך וועט מיין
4 פיינד שטעהן העכער פאר מיר ? קוק, א עווינער ! ענטפער מיר, מיין
גאט ! ערלייכט מיינע אויגען אום איך זאל ניט טוידטליך איינשלאפען.
5 אום מיין פיינד זאל ניט זאגען איך האב איהם איבערוועלטיגט, מיינע
6 געגנער זאלען זיך ניט פרעהען ווען איך וועל וואנקען. איך האב אי־
מער געטרויט אויף דיין גנאדע, מיין הארץ האט זיך געפרעהט מיט
דיין הילף ; איך זינג צו גאט ווארום ער האט מיר גוט בעלוינט.

## קאפיטעל יד

1 צום אויפזעהער איבער דוד׳ס (ליעדער). דער ניעדערטרעכטיגער טראכט
זיך אין הארצען : „עס איז קיין אבערמאכט !‟ — דערפאר זיינען זיי
פערדארבען און זייערע טהאטען זיינען גרוילטהאטען — קיינער טהוט
2 קיין גוטעס. אבער גאט פונ׳ם הימעל קוקט אראב אויף די מענשענ־
קינדער, אום צו זעהען אויב עס איז דא א פערנינפטיגער מענש וואס
3 זוכט גאט. אלע האבען אבגעווייכט, אלע גלייך זיינען זיי פערדארבען,
4 קיינער טהוט גוטעס — זאגאר איינאיינציגער. ווייסען דאס ניט אלע
אונרעכט־טהוער (וועלכע פערצעהרען מיין פאלק), וועלכע עסען ברויט
5 ניט רופענדיג צו גאט ? דארטען בעפאלט זיי א שרעק וואו גאט איז
6 אינ׳ם וואהנונג פון פרומען. מאכט איהר אויך צו שאנדע דעם ראטה
פון אונטערדריקטען וואו גאט איז זיין שוץ ?
7 אה, וואלט שוין פון ציון געקומען די הילף פאר ישראל ! ווען גאט
וועט צוריקברענגען די געפאנגענשאפט פון זיין פאלק, דאן וועט יעקב
פרעהליך זיין און ישראל וועט זיך פרעהען.

## קאפיטעל טו

1 דוד׳ס א געזאנג. ווער, א גאט, קען וואוינען אין דיין געצעלט ? ווער
קען רוהען אויף דיין הייליגען בארג ?
2 דער וואס געהט אין אונשולד, וואס טהוט גערעכטיגקייט און רעדט ארויס
דעם אמת וואס ער האט אינ׳ם הארצען.
3 זיין צונג בערעדט ניט, ער טהוט קיינעם קיין בייזעס און פערשאפט
זיינע נאהענטע קיין שאנדע ניט.
4 ער פעראכטעט אלעס וואס איז העסליך און בעעהרט די גאטס־פארכטיגע;
זאגאר ווען ער שווערט זיך צו שאדען בייט ער ניט (זיין ווארט).
5 זיין געלד גיט ער ניט אויף צינזען און נעהמט קיין געשאנק זאגאר פון
אונשולדיגען. דער וואס טהוט אזוי וועט ניעמאלס וואנקען.

## קאפיטעל טז

1 א גאלדענליעד דוד׳ס. היט מיר, גאט, ווארום איך פערטרוי אן דיר.
2 איך זאג צו גאט : דו ביסט מיין הערר זאגאר ווען איך האב פון דיר
קיין גוטעס.
3 זיי (דיינע גוטעס) געהערען צו די הייליגע פונ׳ם לאנד, און די מעכ־
טיגע, וואס אין זיי איז מיין גאנצער וואונש.
4 יענע אבער וועלכע איילען נאך אן אנדער גאט ווען זיי האבען פיעל
שמערצען — זייער בלוטיגען גיס־אפפער וועל איך ניט גיסען, און וועל
זאגאר זייער נאמען ניט ארויפברענגען אויף מיינע ליפען.
5 גאט איז מיין איינגעטהיילטע פארציאן און מיין בעכער, דו שטיצט מיין
שיקזאל.
6 ווען עס פאלט מיר צו א אנגענעהמער טהייל, אדער א בעזיץ וואס גע־
פעלט מיר —
7 לויב איך גאט וואס האט מיר אויפמערקזאם געמאכט, זאגאר ביי נאכט
ווען איך בעטראכט זיך,

8 יְעָצָנִי אַף־לֵילוֹת יִסְּרוּנִי כִלְיוֹתָי׃ שִׁוִּיתִי יְהוָה לְנֶגְדִּי תָמִיד
9 כִּי מִימִינִי בַּל־אֶמּוֹט׃ לָכֵן ׀ שָׂמַח לִבִּי וַיָּגֶל כְּבוֹדִי אַף־
י בְּשָׂרִי יִשְׁכֹּן לָבֶטַח׃ כִּי ׀ לֹא־תַעֲזֹב נַפְשִׁי לִשְׁאוֹל לֹא־
11 תִתֵּן חֲסִידֶיךָ לִרְאוֹת שָׁחַת׃ תּוֹדִיעֵנִי אֹרַח חַיִּים שֹׂבַע
שְׂמָחוֹת אֶת־פָּנֶיךָ נְעִמוֹת בִּימִינְךָ נֶצַח׃

## Psal. XVII. יז

יז

א תְּפִלָּה לְדָוִד שִׁמְעָה יְהוָה ׀ צֶדֶק הַקְשִׁיבָה רִנָּתִי הַאֲזִינָה
2 תְפִלָּתִי בְּלֹא שִׂפְתֵי מִרְמָה׃ מִלְּפָנֶיךָ מִשְׁפָּטִי יֵצֵא עֵינֶיךָ
3 תֶּחֱזֶינָה מֵישָׁרִים׃ בָּחַנְתָּ לִבִּי ׀ פָּקַדְתָּ לַּיְלָה צְרַפְתַּנִי בַל־
4 תִּמְצָא זַמֹּתִי בַּל־יַעֲבָר־פִּי׃ לִפְעֻלּוֹת אָדָם בִּדְבַר שְׂפָתֶיךָ
ה אֲנִי שָׁמַרְתִּי אָרְחוֹת פָּרִיץ׃ תָּמֹךְ אֲשֻׁרַי בְּמַעְגְּלוֹתֶיךָ בַּל־
6 נָמוֹטּוּ פְעָמָי׃ אֲנִי קְרָאתִיךָ כִי־תַעֲנֵנִי אֵל הַט־אָזְנְךָ לִי
7 שְׁמַע אִמְרָתִי׃ הַפְלֵה חֲסָדֶיךָ מוֹשִׁיעַ חוֹסִים מִמִּתְקוֹמְמִים
8 בִּימִינֶךָ׃ שָׁמְרֵנִי כְּאִישׁוֹן בַּת־עָיִן בְּצֵל כְּנָפֶיךָ תַּסְתִּירֵנִי׃
9 מִפְּנֵי רְשָׁעִים זוּ שַׁדּוּנִי אֹיְבַי בְּנֶפֶשׁ יַקִּיפוּ עָלָי׃ חֶלְבָּמוֹ
11 סָּגְרוּ פִּימוֹ דִּבְּרוּ בְגֵאוּת׃ אַשֻּׁרֵנוּ עַתָּה סְבָבוּנִי עֵינֵיהֶם
12 יָשִׁיתוּ לִנְטוֹת בָּאָרֶץ׃ דִּמְיֹנוֹ כְּאַרְיֵה יִכְסוֹף לִטְרֹף וְכִכְפִיר
13 יֹשֵׁב בְּמִסְתָּרִים׃ קוּמָה יְהוָה קַדְּמָה פָנָיו הַכְרִיעֵהוּ פַּלְּטָה
14 נַפְשִׁי מֵרָשָׁע חַרְבֶּךָ׃ מִמְתִים יָדְךָ ׀ יְהוָה מִמְתִים מֵחֶלֶד
חֶלְקָם בַּחַיִּים וּצְפִינְךָ תְּמַלֵּא בִטְנָם יִשְׂבְּעוּ בָנִים וְהִנִּיחוּ
טו יִתְרָם לְעוֹלְלֵיהֶם׃ אֲנִי בְּצֶדֶק אֶחֱזֶה פָנֶיךָ אֶשְׂבְּעָה בְהָקִיץ
תְּמוּנָתֶךָ׃

## Psal. XVIII. יח

יח

א לַמְנַצֵּחַ ׀ לְעֶבֶד יְהוָה לְדָוִד אֲשֶׁר דִּבֶּר ׀ לַיהוָה אֶת־דִּבְרֵי
הַשִּׁירָה הַזֹּאת בְּיוֹם ׀ הִצִּיל־יְהוָה אוֹתוֹ מִכַּף כָּל־אֹיְבָיו
וּמִיַּד שָׁאוּל׃
2 וַיֹּאמַר אֶרְחָמְךָ יְהוָה חִזְקִי׃
3 יְהוָה ׀

סַלְעִי

טז v. 10. חסידך יתיר י׳ יז v. 11. סבבנו קרי v. 14. וצפונך קרי

8 שטעל איך מיר אימער פאר די גאטהייט אום איך זאל ניט וואנקען פון
מיין שטארקען שטאנד.
9 דערפאר איז מיין הארץ פרעהלאך און מיין זעעלע צופריעדעז, אויך מיין
קערפער פערבלייבט רוהיג,
10 ווארום דו ועסט מיר ניט פערלאזען צום אונטערגאנג, דו וועסט ניט
לאזען דיין פרומען אנקוקען דאס פערניכטונג.
11 דו וועסט מיר אנצייגען דעם לעבענסוועג, דו האסט דאך פיעל צופריע־
דענהייט, נעבען דיין האנד איז עוויגע אנגענעהמליכקייט.

## קאפיטעל יז

1 דוד׳ס א געבעט. הער אויס, א גאט, די גערעכטיגקייט; הארך מיין
געזאנג און פערנעהם מיין געבעט, וועלכע איז אהן פאלשע ווערטער.
2 פון דיר געהט ארויס מיין אורטהייל, דיינע אויגען זעהען די ריכטיגקייט.
3 דו האסט אויספרובירט מיין הארץ אונטערזוכענדיג יעדער נאכט, דו
דו האסט מיר געלייטערט און נישט געפונען, ווארום מיינע געדאנקען
איבערטרעטען ניט מיין רעדען.
4 אין אלע מענשליכע טהאטען האב איך לויט דיינע רייד אויסגעמיידט
יעדער פערברעכערישען וועג.
5 שטעלענדיג מיינע טריט אויף דיינע וועגען האבען מיינע פיס ניעמאלס
געוואנקט.
6 איך האב דיר אימער געררופען, גאט, אום דו זאלסט מיר ענטפערן; בייג
דיין אויער צו מיר און הער אויס מיין רעדען.
7 ווייז דיינע וואונדערליכע גענאדען, דו וועלכער העלפט דיינע פערטרוי־
טע, מיט דיין רעכטע האנד, פון פיינדע.
8 היט מיר ווי דעם שווארץ־אפעל פון אויג, פערבארג מיר אונטער דעם
שאטען פון דיינע פליגלען,
9 פון דיעזע פערברעכער וועלכע איבערפאלען מיר, מיינע בלוט־פיינד
וועלכע רינגלען מיר ארום.
10 זייער פעטס האט זיי ביז׳ן מויל בעדעקט, מיט שטאלץ האבען זיי גע־
רעדט:
11 „מיר זיינען גליקליך!” יעצט האבען זיי אונז ארומגערינגעלט און פער־
פערטיגען אויסזיכטען ווי זיך אויסצושפרייטען אינ׳ם לאנד.
12 ער איז גלייך צו א לייב וואס איז גיריג נאך רויב, אדער ווי א יונגער לייב
וואס לויערט אין א פערבארגענעס.
13 שטעה אויף, גאט, איבערוועלטיג איהם און שטירץ איהם מיט דיין
שווערד, רעטע מיר פון פערברעכער.
14 פון די וואס שטארבען דורך דיין האנד, א גאט; פון די וואס שטאר־
בען ווייל עס איז געענדיגט דער לעבען וואס איז זיי צוגעטהיילט געווא־
רען, מיט דיין שאטץ ערפילסטו זייער לייב אום זיי זאלען פיעל קינדער
האבען און לאזען איבער זייער פערמעגען פאר זייערע קינדער.
15 איך וויל ווירקליך אנקוקען דיין געזיכט, איך וויל אויפ׳ן וואהר זאטזעהען
דיין געשטאלט.

## קאפיטעל יח

1 צום אויפזעהער איבער די געזאנגען פון דוד׳ן, גאט׳ס קנעכט; וועלכער
האט גערעדט צו גאט די ווערטער פון דיעזעס ליעד, ווען גאט האט איהם
גערעטעט פונ׳ם האנד פון אלע פיינד זיינע, איבערהויפט פון שאול׳ס
האנד.
2 ער האט געזאגט: „איך ליעב דיר, מיין שטארקער גאט!

סַלְעִי וּמְצוּדָתִי וּמְפַלְטִי   אֵלִי צוּרִי אֶחֱסֶה־<br>
בּוֹ   מָגִנִּי וְקֶרֶן יִשְׁעִי מִשְׂגַּבִּי׃   מְהֻלָּל 4<br>
אֶקְרָא יְהוָה וּמִן־אֹיְבַי אִוָּשֵׁעַ׃   אֲפָפוּנִי חֶבְלֵי־ ה<br>
מָוֶת   וְנַחֲלֵי בְלִיַּעַל יְבַעֲתוּנִי׃   חֶבְלֵי 6<br>
שְׁאוֹל סְבָבוּנִי   קִדְּמוּנִי מוֹקְשֵׁי<br>
מָוֶת׃   בַּצַּר־לִי ׀ אֶקְרָא יְהוָה   וְאֶל־ 7<br>
אֱלֹהַי אֲשַׁוֵּעַ   יִשְׁמַע מֵהֵיכָלוֹ<br>
קוֹלִי   וְשַׁוְעָתִי לְפָנָיו ׀ תָּבוֹא בְאָזְנָיו׃   וַתִּגְעַשׁ 8<br>
וַתִּרְעַשׁ ׀ הָאָרֶץ   וּמוֹסְדֵי הָרִים<br>
יִרְגָּזוּ   וַיִּתְגָּעֲשׁוּ כִּי חָרָה לוֹ׃   עָלָה 9<br>
עָשָׁן ׀ בְּאַפּוֹ   וְאֵשׁ מִפִּיו<br>
תֹּאכֵל   גֶּחָלִים בָּעֲרוּ מִמֶּנּוּ׃   וַיֵּט י<br>
שָׁמַיִם וַיֵּרַד   וַעֲרָפֶל תַּחַת<br>
רַגְלָיו׃   וַיִּרְכַּב עַל־כְּרוּב וַיָּעֹף   וַיֵּדֶא 11<br>
עַל־כַּנְפֵי־רוּחַ׃   יָשֶׁת חֹשֶׁךְ ׀ סִתְרוֹ סְבִיבוֹתָיו 12<br>
סֻכָּתוֹ   חֶשְׁכַת־מַיִם עָבֵי שְׁחָקִים׃   מִנֹּגַהּ 13<br>
נֶגְדּוֹ עָבָיו עָבְרוּ   בָּרָד וְגַחֲלֵי־<br>
אֵשׁ׃   וַיַּרְעֵם בַּשָּׁמַיִם ׀ יְהוָה   וְעֶלְיוֹן 14<br>
יִתֵּן קֹלוֹ   בָּרָד וְגַחֲלֵי־<br>
אֵשׁ׃   וַיִּשְׁלַח חִצָּיו וַיְפִיצֵם   וּבְרָקִים טו<br>
רָב וַיְהֻמֵּם׃   וַיֵּרָאוּ ׀ אֲפִיקֵי 16<br>
מַיִם   וַיִּגָּלוּ מוֹסְדוֹת תֵּבֵל   מִגַּעֲרָתְךָ<br>
יְהוָה מִנִּשְׁמַת רוּחַ אַפֶּךָ׃   יִשְׁלַח מִמָּרוֹם 17<br>
יִקָּחֵנִי   יַמְשֵׁנִי מִמַּיִם רַבִּים׃   יַצִּילֵנִי 18<br>
מֵאֹיְבִי עָז   וּמִשֹּׂנְאַי כִּי־אָמְצוּ<br>
מִמֶּנִּי׃   יְקַדְּמוּנִי בְיוֹם אֵידִי   וַיְהִי 19<br>
יְהוָה לְמִשְׁעָן לִי׃   וַיּוֹצִיאֵנִי לַמֶּרְחָב כ

v. 10. פתח באתנח

3 גאָט איז מײַן פעלז, מײַן פעסטונג און מײַן רעטער ; אין גאָט איז מײַן
שטײנפעסטונג אין וועלכען איך בין זיכער, ער איז מײַן שילד, מײַן
הילפס־האָרן, מײַן פעסטונג.
4 איך רוף גאָט „געלויבטער" און ווער געהאָלפען פון מײַנע פײַנד.
5 ווען עס האָבען מיר אַרומגענומען טוידט־שמערצען, ווען אונהײַלבאַרע
קראַנקהײטען שרעקען מיר.
6 ווען העללישע שמערצען האָבען מיר אַרומגערינגעלט, עס האָבען זיך מיר
פאָרגעשטעלט טוידט־שטריכלונגען,
7 ווען נאָר מיר איז אײַנג — רוף איך צו גאָט, צו מײַן גאָט װענדע איך
זיך, ער הערט מײַן שטימע פון זײַן טעמפּעל, צו זײַנע אויערן קומט
מײַן שרײַען.
8 עס רוישט און שטורמט די ערד, עס ציטערן די גרונדען פון די בערג —
זיי שוידערן ווען ער ווערט בייז,
9 פון זײַן נאָז געהט אַרויס אַ רויך און אַ ברענענדיגער פײַער פון זײַן מויל,
פלאַמיגע קויהלען געהען אַרויס פון איהם.
10 ווען ער בייגט אײַן דעם הימעל און געהט אַראָב, און דער נעבעל איז
אונטער זײַנע פיס,
11 ווען ער רײַט פליהענדיג אויף אַ כרוב, שוועבט ער אויף ווינדשנעלע
פליגלען.
12 די פינסטערניס וואָס פערבאַרגט איהם רונד־אַרום מאַכט ער אַלס זײַן גע־
צעלט, ד. ה. די פינסטערע וואָלקענס פול מיט הימעל־וואַסער.
13 פון זײַן גלאַנץ צוגעהען זײַנע וואָלקענס ווײַט פון איהם, זיי ווערען האָגעל
און פײַערדיגע קויהלען.
14 ווען גאָט מאַכט שטורמען אין הימעל, ד. ה. דער אַלהעכסטער גיט אַרויס
זײַן שטימע, ווערט האָגעל און פײַערדיגע קויהלען.
15 ער וואַרפט זײַנע פײַלען און צושפּרײט זיי, ער שיסט מיט בליצען און
קלאַפּט מיט זיי.
16 עס ווײַזען זיך די וואַסער קוואַלען און די גרינדרונגען פון דער וועלט דע־
קען זיך אויף פון דײַן געשרײ, אָ גאָט, פונ'ם ווינד פון דײַן נאָז־אָטהעם.
17 ער ציהט אויס (זײַן האַנד) פון אויבען און נעהמט מיר צו, פון די גרויסע
וואַסערן ציהט ער מיר אַרויס.
18 ער רעטעט מיר פון מײַן שטאַרקען פײַנד, אויך פון מײַנע האַסער וואָס
זײַנען מעכטיגער פאַר מיר.
19 ווען זיי קומען מיר אַנטקעגען אין מײַן אונגליקס־טאָג, ווערט גאָט מײַן
שטיצע —
20 ער פיהרט מיר אַרויס אין אַ גרויסען פּלאַץ, ער בעפרײַט מיר ווײַל ער
ליעבט מיר.

21 יְחַלְּצֵנִי   כִּי חָפֵץ בִּי׃   יִגְמְלֵנִי
יְהוָה כְּצִדְקִי   כְּבֹר יָדַי יָשִׁיב
22 לִי׃   כִּי־שָׁמַרְתִּי דַּרְכֵי יְהוָה   וְלֹא־
23 רָשַׁעְתִּי מֵאֱלֹהָי׃   כִּי כָל־מִשְׁפָּטָיו
24 לְנֶגְדִּי   וְחֻקֹּתָיו לֹא־אָסִיר מֶנִּי׃   וָאֱהִי
כה תָמִים עִמּוֹ וָאֶשְׁתַּמֵּר מֵעֲוֺנִי׃   וַיָּשֶׁב־יְהוָה לִי
26 כְצִדְקִי   כְּבֹר יָדַי לְנֶגֶד עֵינָיו׃   עִם־
חָסִיד תִּתְחַסָּד   עִם־גְּבַר תָּמִים
27 תִּתַּמָּם׃   עִם־נָבָר תִּתְבָּרָר   וְעִם־
28 עִקֵּשׁ תִּתְפַּתָּל׃   כִּי־אַתָּה עַם־עָנִי
29 תוֹשִׁיעַ   וְעֵינַיִם רָמוֹת תַּשְׁפִּיל׃   כִּי־
אַתָּה תָּאִיר נֵרִי   יְהוָה אֱלֹהַי יַגִּיהַּ
ל חָשְׁכִּי׃   כִּי־בְךָ אָרֻץ גְּדוּד   וּבֵאלֹהַי
31 אֲדַלֶּג־שׁוּר׃   הָאֵל תָּמִים
דַּרְכּוֹ   אִמְרַת יְהוָה צְרוּפָה   מָגֵן
32 הוּא לְכֹל ׀ הַחוֹסִים בּוֹ׃   כִּי מִי אֱלוֹהַּ מִבַּלְעֲדֵי
33 יְהוָה   וּמִי־צוּר זוּלָתִי אֱלֹהֵינוּ׃   הָאֵל
הַמְאַזְּרֵנִי חָיִל   וַיִּתֵּן תָּמִים
34 דַּרְכִּי׃   מְשַׁוֶּה רַגְלַי כָּאַיָּלוֹת   וְעַל
לה בָּמֹתַי יַעֲמִידֵנִי׃   מְלַמֵּד יָדַי
36 לַמִּלְחָמָה   וְנִחֲתָה קֶשֶׁת־נְחוּשָׁה זְרוֹעֹתָי׃   וַתִּתֶּן
לִי מָגֵן יִשְׁעֶךָ   וִימִינְךָ תִסְעָדֵנִי   וְעַנְוַתְךָ
37 תַרְבֵּנִי׃   תַּרְחִיב צַעֲדִי תַחְתָּי   וְלֹא
38 מָעֲדוּ קַרְסֻלָּי׃   אֶרְדּוֹף אוֹיְבַי
39 וְאַשִּׂיגֵם   וְלֹא־אָשׁוּב עַד־כַּלּוֹתָם׃   אֶמְחָצֵם
וְלֹא־יֻכְלוּ קוּם   יִפְּלוּ תַּחַת
מ רַגְלָי׃   וַתְּאַזְּרֵנִי חַיִל לַמִּלְחָמָה   תַּכְרִיעַ
41 קָמַי תַּחְתָּי׃   וְאֹיְבַי נָתַתָּה לִּי

ערף

21 זאָל מיר גאָט צאָהלען לויט גערעכטיגקייט, זאָל ער געבען לויט די קלאהרקייט פון מיינע הענד.

22 ווארום איך האָב אימער געהיט גאָט'ס וועגען, און האָב ניט פערבראָכען קעגען מיין גאָט ;

23 ווייל אַלע זיינע רעכטע האָב איך פאר זיך, און פון זיינע געזעצע ווייך איך ניט אָב.

24 איך בין אַלס אונשולדיגער קעגען איהם ווייל איך היט מיר אימער אָב פון מיינע זינד,

25 דערפאר צאָהלט מיר גאָט לויט מיין גערעכטיגקייט, ווייל די ריינקייט פון מיינע הענד איז קעגען זיינע אויגען.

26 מיט דעם גוטען ווייזטו זיך גוט, מיט דעם אונשולדיגען מאַן ווייזטו זיך אונשולדיג ;

27 מיט דעם ריינעם ווייזטו זיך ריין, מיט דעם קרומען ווייזטו זיך פער־קרימט.

28 וואָרום דו העלפסט אימער דעם אָרעמען פאָלק און ערניעדריגכט די שטאָלצע אויגען.

29 דו, גאָט, מאַכסט ליכטיג מיין ליכט ; מיין גאָט מאַכט שיינען מיין פינסטערניס.

30 ווייל צוליעב דיר לויף איך מיט די קריעגס־ארמעע, און צוליעב מיין גאָט שפּרינג איך אויפ'ן וואַנד.

31 גאָט'ס וועג איז אויפריכטיגקייט, גאָט'ס וואָרט איז געלייטערט — ער איז אַ שילד פאַר אַלע וואָס פערטרויען אויף איהם.

32 וואָרום ווער איז אַ מאַכט אויסער דעם עוויגען ? און ווער איז אַ פעל־זענפעסטונג אויסער אונזער גאָט ?

33 דאָס איז גאָט וואָס גורט מיך אָן מיט שטאַרקייט און מאַכט מיין וועג אונפעהלערהאַפט.

34 ער מאַכט מיינע פיס שנעל גלייך ווי די הינדען. און שטעלט מיר אוועק אויף מיינע הויכע פּלעצער.

35 ער מאַכט מיין האַנד געאיבט צו קריעג, און דער שטאַרקער בויגען ווערט ארונטער געדריקט פון מיין ארעם.

36 דו האָסט מיר דיין הילף אַלס פּאַנצער געגעבען, ווען דיין רעכטע האַנד שטיצט מיר — דיין פריינטליכקייט מאַכט מיר גרויס.

37 דו מאַכסט ברייט מיינע טריט אונטער מיר, אום מיינע קנעכלאַך זאָלען ניט וואַנקען.

38 איך וועל נאָכיאָגען מיינע פיינד און חאַפּען זיי, איך וועל ניט געהן צוריק ביז איך וועל זיי פערניכטען.

39 איך וועל זיי פערוואונדען אַז זיי זאָלען ניט קענען אויפשטעהן, אונ־טער מיינע פיס וועלען זיי פאַלען.

40 ווען דו האָסט מיר אָנגעגורט מיינע קרעפטען צום קריעג, ועסטו שוין ניעדערשלאָגען אונטער מיר מיינע געגנער.

41 מיינע פיינד האָסטו מיט'ן נאַקען צו מיר געקעהרט, מיינע האַסער פער־ניכטע איך.

עֹרֶף וּמְשַׂנְאַי אַצְמִיתֵם׃ יְשַׁוְּעוּ 42
וְאֵין מוֹשִׁיעַ עַל־יְהוָה וְלֹא
עָנָם׃ וְאֶשְׁחָקֵם כְּעָפָר עַל־פְּנֵי־רוּחַ כְּטִיט 43
חוּצוֹת אֲרִיקֵם׃ תְּפַלְּטֵנִי מֵרִיבֵי 44
עָם תְּשִׂימֵנִי לְרֹאשׁ גּוֹיִם עַם
לֹא־יָדַעְתִּי יַעַבְדוּנִי׃ לְשֵׁמַע אֹזֶן יִשָּׁמְעוּ מה
לִי בְּנֵי־נֵכָר יְכַחֲשׁוּ־לִי׃ בְּנֵי־ 46
נֵכָר יִבֹּלוּ וְיַחְרְגוּ מִמִּסְגְּרוֹתֵיהֶם׃ חַי־יְהוָה וּבָרוּךְ 47
צוּרִי וְיָרוּם אֱלוֹהֵי יִשְׁעִי׃ הָאֵל 48
הַנּוֹתֵן נְקָמוֹת לִי וַיַּדְבֵּר עַמִּים
תַּחְתָּי׃ מְפַלְּטִי מֵאֹיְבָי אַף מִן־קָמַי תְּרוֹמְמֵנִי מֵאִישׁ 49
חָמָס תַּצִּילֵנִי׃ עַל־כֵּן ׀ אוֹדְךָ בַגּוֹיִם ׀ נ
יְהוָה וּלְשִׁמְךָ אֲזַמֵּרָה׃ מַגְדִּל 51
יְשׁוּעוֹת מַלְכּוֹ וְעֹשֶׂה חֶסֶד ׀
לִמְשִׁיחוֹ לְדָוִד וּלְזַרְעוֹ עַד־עוֹלָם׃

## יט PSAL. XIX. יט

לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד׃ הַשָּׁמַיִם מְסַפְּרִים כְּבוֹד־אֵל א 2
וּמַעֲשֵׂה יָדָיו מַגִּיד הָרָקִיעַ׃ יוֹם לְיוֹם יַבִּיעַ אֹמֶר וְלַיְלָה 3
לְלַיְלָה יְחַוֶּה־דָּעַת׃ אֵין אֹמֶר וְאֵין דְּבָרִים בְּלִי נִשְׁמָע 4
קוֹלָם׃ בְּכָל־הָאָרֶץ ׀ יָצָא קַוָּם וּבִקְצֵה תֵבֵל מִלֵּיהֶם לַשֶּׁמֶשׁ ה
שָׂם ׀ אֹהֶל בָּהֶם׃ וְהוּא כְּחָתָן יֹצֵא מֵחֻפָּתוֹ יָשִׂישׂ כְּגִבּוֹר 6
לָרוּץ אֹרַח׃ מִקְצֵה הַשָּׁמַיִם ׀ מוֹצָאוֹ וּתְקוּפָתוֹ עַל־קְצוֹתָם 7
וְאֵין נִסְתָּר מֵחַמָּתוֹ׃ תּוֹרַת יְהוָה תְּמִימָה מְשִׁיבַת נָפֶשׁ 8
עֵדוּת יְהוָה נֶאֱמָנָה מַחְכִּימַת פֶּתִי׃ פִּקּוּדֵי יְהוָה יְשָׁרִים 9
מְשַׂמְּחֵי־לֵב מִצְוַת יְהוָה בָּרָה מְאִירַת עֵינָיִם׃ יִרְאַת יְהוָה ׀ י
טְהוֹרָה עוֹמֶדֶת לָעַד מִשְׁפְּטֵי־יְהוָה אֱמֶת צָדְקוּ יַחְדָּו׃
הַנֶּחֱמָדִים מִזָּהָב וּמִפַּז רָב וּמְתוּקִים מִדְּבַשׁ וְנֹפֶת צוּפִים׃ 11



יח v. 47 מלא ו

42 שרייען װעלען זיי, אָבער קיינער װעט זיי ניט העלפען ; נעגען גאָט זיי־
נען זיי, דערפאַר װעט ער זיי ניט ענטפערען.
43 איך װעל זיי צורייבען װי שטויב נעגען װינד, װי די לעהם פון די גאַסען
װעל איך זיי שיטער מאַכען.
44 דו רעטעסט מיר פון צאַנקערישע פעלקער, דו מאַכסט מיר אַלס אַ הויפּט
איבער נאַציאָנען — פעלקער װאָס איך קען ניט זיינען מיר אונטערטהאַן.
45 װעמעס אויער פון די פרעמדע פעלקער עס האָט װעגען מיר געהערט,
אויב זיי זיינען מיר װען פאַלש געװוען —
46 די פרעמדע פעלקער װעלען שוין פערװעלקט װערען ציטערענדיג אין
זייערע פערשלאָסענע פעסטונגען.
47 גאָט לעבט ! מיין פעלזענפעסטונג איז געלויבט, עס װעט נאָך ערהויבען
זיין דער גאָט פון מיין הילף.—
48 אָט דער גאָט װאָס ערלויבט מיר ראַכענעהמונג װען ער שטירצט פעלקער
אונטער מיר.
49 ער רעטעט מיר פון מיינע פיינד אויך פון מיינע געגענער ערהויבסטו מיר,
פון אַ פערברעכערישען מענשען רעטעסטו מיר.
50 דערפאַר לויב איך דיר, גאָט, צװישען די פעלקער, און זינג צו דיין נאָמען.
51 ער מאַכט גרױס זיין קעניג׳ס הילף און טהוט גנאָדע צו זיין געזאַלבטען—
צו דוד׳ן און צו זיינע קינדער — אויף אייביג.

## קאַפּיטעל יט

1 צום אויפּפעזהער איבער דוד׳ס געזאַנגען.
2 די הימלען דערצעהלען גאָט׳ס עהרע, און װעגען די ארבייט פון זיינע
הענד זאָגט דער הימעל־געװעלב.
3 איין טאָג צום אַנדערען רעדט אויס איין װאָרט, און איין נאַכט צו די
אַנדערע שפּרעכט אויס אַ געדאַנק. —
4 אָהן װערטער און אָהן רייד — זייער שטימע װערט ניט געהערט ;
5 איבער׳ן גאַנצען לאַנד געהט פאַנאַנדער זייער אויסשפּראַכע, און ביז׳ן
ענדע װעלט — זייערע װערטער, זאָגאר דאָרטען װאו די זונן מאַכט דעם
געצעלט.
6 ער װעלכער זעהט אויס װי אַ חתן ארויסגעהענדיג פון זיין חפּה, װי אַ
העלד איז ער פרעהליך צו לויפען זיין װעג.
7 פון איין הימעל־ענד געהט ער ארויס און רינגעלט ארום אַלע זייערע ברע־
גען — עס איז קיין בעהעלטענים פון זיין היץ.
8 גאָט׳ס פאָלקאָמע לעהרע ערקוויקט די זעעלע, גאָט׳ס ריכטיגע געזעץ
מאַכט אויך דעם נאַר׳ן קלוג.
9 גאָט׳ס אויפריכטיגע בעפעהלען ערפרעהען דאָס הארץ, גאָט׳ס לויטערע
געבאָטען ערלייכטערען די אויגען.
10 די ריינע גאָט׳ס־פאָרכטיגקייט בלייבט אויף אימער, גאָט׳ס װאָהרע רעכ־
טע זיינע אַלע גערעכט.
11 זיי זיינען ליעבער אַלס גאָלד און פיעל פיינגאָלד, זיי זיינען זיסער אַלס
האָניג און אַנדערע זיסקייטען.

12 13 גַּם־עַבְדְּךָ נִזְהָר בָּהֶם בְּשָׁמְרָם עֵקֶב רָב׃ שְׁגִיאוֹת מִי־יָבִין
14 מִנִּסְתָּרוֹת נַקֵּנִי׃ גַּם מִזֵּדִים ׀ חֲשֹׂךְ עַבְדֶּךָ אַל־יִמְשְׁלוּ־בִי
טו אָז אֵיתָם וְנִקֵּיתִי מִפֶּשַׁע רָב׃ יִהְיוּ לְרָצוֹן ׀ אִמְרֵי־פִי וְהֶגְיוֹן
לִבִּי לְפָנֶיךָ יְהוָה צוּרִי וְגֹאֲלִי׃

## כ PSAL. XX. כ

א 2 לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד׃ יַעַנְךָ יְהוָה בְּיוֹם צָרָה יְשַׂגֶּבְךָ שֵׁם ׀
3 4 אֱלֹהֵי יַעֲקֹב׃ יִשְׁלַח עֶזְרְךָ מִקֹּדֶשׁ וּמִצִּיּוֹן יִסְעָדֶךָּ׃ יִזְכֹּר
ה כָּל־מִנְחֹתֶךָ וְעוֹלָתְךָ יְדַשְּׁנֶה סֶלָה׃ יִתֶּן־לְךָ כִלְבָבֶךָ וְכָל־
6 עֲצָתְךָ יְמַלֵּא׃ נְרַנְּנָה ׀ בִּישׁוּעָתֶךָ וּבְשֵׁם־אֱלֹהֵינוּ נִדְגֹּל
7 יְמַלֵּא יְהוָה כָּל־מִשְׁאֲלוֹתֶיךָ׃ עַתָּה יָדַעְתִּי כִּי הוֹשִׁיעַ ׀ יְהוָה
8 מְשִׁיחוֹ יַעֲנֵהוּ מִשְּׁמֵי קָדְשׁוֹ בִּגְבוּרוֹת יֵשַׁע יְמִינוֹ׃ אֵלֶּה
בָרֶכֶב וְאֵלֶּה בַסּוּסִים וַאֲנַחְנוּ ׀ בְּשֵׁם־יְהוָה אֱלֹהֵינוּ נַזְכִּיר׃
9 הֵמָּה כָּרְעוּ וְנָפָלוּ וַאֲנַחְנוּ קַּמְנוּ וַנִּתְעוֹדָד׃ יְהוָה הוֹשִׁיעָה
הַמֶּלֶךְ יַעֲנֵנוּ בְיוֹם־קָרְאֵנוּ׃

## כא PSAL. XXI. כא

א 2 לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד׃ יְהוָה בְּעָזְּךָ יִשְׂמַח־מֶלֶךְ וּבִישׁוּעָתְךָ
3 מַה יָּגֶיל מְאֹד׃ תַּאֲוַת לִבּוֹ נָתַתָּה לּוֹ וַאֲרֶשֶׁת שְׂפָתָיו בַּל־
4 מָנַעְתָּ סֶּלָה׃ כִּי־תְקַדְּמֶנּוּ בִּרְכוֹת טוֹב תָּשִׁית לְרֹאשׁוֹ
ה עֲטֶרֶת פָּז׃ חַיִּים ׀ שָׁאַל מִמְּךָ נָתַתָּה לּוֹ אֹרֶךְ יָמִים עוֹלָם
6 7 וָעֶד׃ גָּדוֹל כְּבוֹדוֹ בִּישׁוּעָתֶךָ הוֹד וְהָדָר תְּשַׁוֶּה עָלָיו׃ כִּי־
8 תְשִׁיתֵהוּ בְרָכוֹת לָעַד תְּחַדֵּהוּ בְשִׂמְחָה אֶת־פָּנֶיךָ׃ כִּי־
9 הַמֶּלֶךְ בֹּטֵחַ בַּיהוָה וּבְחֶסֶד עֶלְיוֹן בַּל־יִמּוֹט׃ תִּמְצָא יָדְךָ
י לְכָל־אֹיְבֶיךָ יְמִינְךָ תִּמְצָא שֹׂנְאֶיךָ׃ תְּשִׁיתֵמוֹ ׀ כְּתַנּוּר אֵשׁ
11 לְעֵת פָּנֶיךָ יְהוָה בְּאַפּוֹ יְבַלְּעֵם וְתֹאכְלֵם אֵשׁ׃ פִּרְיָמוֹ מֵאֶרֶץ
12 תְּאַבֵּד וְזַרְעָם מִבְּנֵי אָדָם׃ כִּי־נָטוּ עָלֶיךָ רָעָה חָשְׁבוּ מְזִמָּה
13 בַּל־יוּכָלוּ׃ כִּי תְּשִׁיתֵמוֹ שֶׁכֶם בְּמֵיתָרֶיךָ תְּכוֹנֵן עַל־פְּנֵיהֶם׃
14 רוּמָה יְהוָה בְעֻזֶּךָ נָשִׁירָה וּנְזַמְּרָה גְּבוּרָתֶךָ׃

למנצח

כא v. 2. יגיל ס

12 אויך דיין קנעכט איז פאָרזיכטיג מיט זיי, ווייל אין דעם אָבהיטען זיי
13 איז גרויס ערפאָלג. ווער קען דען זיינע פעהלערען מערקען ? ריינינ
14 מיר פון די פערבאָרגענע ! האַלט אויך צוריק דיין קנעכט פון זינדיגען
בעוואוסטזיניג, זאָלען זיי איבער מיר ניט געוועלטיגען, דאן וועל איך ריין
15 זיין פון גרויסע זינד. זאָלען פאר דיר אנגענעהם זיין די רייד פון מיין
מויל און דאָס טראַכטען פון מיין הארץ — גאָט מיין פעלזענפעסטונג
און מיין ערלייזער.

## קאַפּיטעל כ

1 צום אויפזעהער איבער דוד׳ס געזאַנגען.
2 אין אַ טאָג פון נויטה וועט גאָט דיר ענטפערען, ער וועט דיר שיצען דער
3 נאָמען פון יעקב׳ס גאָט. פון הייליגטהום וועט ער דיין הילף שיקען און
4 פון ציון וועט ער דיר שטיצען. דיינע שפּייז־אָפּפערס וועט ער גע־
דענקען און דיינע פייער־אָפּפערס וועט ער אימער אויף אַש פערברענען.
5 ער וועט דיר געבען לויט דיין פערלאַנג, און אַלע דיינע בעראַטהונגען
6 וועט ער דורכפיהרען. מיר וועלען זינגען צוליעב דיין הילף און אין׳ם
נאָמען פון אונזער גאָט וועלען מיר ערהויבען ווערען — זאָל גאָט ער־
7 פילען אַלע דיינע ווינשע. איך וויים בעשטימט אז ווען גאָט העלפט
זיין געזאַלבטען, ענטפערט ער איהם פון זיינע הייליגע הימלען מיט די
8 מעכטיגע הילף פון זיין רעכטע האַנד. די שטיצען זיך אויף רייטער
און יענע אויף פערד, אָבער מיר דערמאַהנען נאָר גאָט׳ס נאָמען —
9 זיי זיינען ניעדערגעשטירצט און געפאַלען, און מיר זיינען מונטער גע־
10 בליעבען שטעהן. העלף, אָ גאָט ! ענטפער אונז, קעניג, ווען מיר רופען !

## קאַפּיטעל כא

1 צום אויפזעהער איבער דוד׳ס געזאַנגען.
2 גאָט ! מיט דיין קראַפט פרעהט זיך דער קעניג, און מיט דיין הילף איז
3 ער זעהר פרעהליך. דו האָסט איהם געגעבען וואָס זיין הארץ געלוסט,
און וואָס זיינע ליפּען האָבען אַרויסגערעדט האָסטו ניעמאַלס פערמיעדען:
4 צוערשט האָסטו איהם אַ גוטע ברכה געגעבען, דאַן האָסטו אויף זיין קאָפּ
5 אַנגעטהאָן אַ גאָלדענע קרוין. ער האָט פון דיר פערלאַנגט לעבען,
האָסטו איהם לאַנגע יאָהרען געגעבען אויף אייביג.
6 גרויס איז דיין עהרע דורך דיין הילף און דו דערלענגסט איהם נאָך גלאַנץ
און פּראַכט.
7 אויסער וואָס דו האָסט איהם געמאַכט פאר אַן אייביגען זעגען, ער־
פרעהסטו איהם מיט דיין פערזענליכע פרייד.
8 קוים איז דער קעניג אַנגעטרויט אַן גאָט און די גנאדע פון אַלערהעכס־
טען — וועט ער שוין ניט וואַנקען.
9 דיין לינקע האַנד וועט אַלע דיינע פיינד געפינען, דיין רעכטע האַנד
וועט דיינע האַסער איבערוועלטיגען.
10 דו וועסט זיי מאַכען ווי אַ פייער־אויווען, ווען נור דו וועסט זיך צו גאָט
ווענדען ; ער וועט זיי מיט זיין צאָרן פערדאַרבען און אַ פייער וועט זיי
פערברענען.
11 זייער פרוכט וועסטו אויסוואָרצלען פון דער ערד און זייערע קינדער —
פון צווישען מענשען.
12 וואָרום זיי האָבען קעגען דיר אויסגעשפּרייט שלעכטעס, זיי האָבען פּלע־
נער געטראַכט און האָבען ניט געקענט דורכפיהרען.
13 ווען דו וועסט זיי ערקלעהרען אַלס אַ טהייל (פון דיין קריעגס־רויב),
זאָלסטו מיט דיינע בויגען־שטריק ציעלען אויף זייערע געזיכטער.
14 ווער ערהויבען, גאָט, מיט דיין מאַכט. מיר וועלען בעזינגען און לויבען
דיין שטאַרקייט.

# כב Psal. XXII. כב

לַמְנַצֵּחַ עַל־אַיֶּלֶת הַשַּׁחַר מִזְמוֹר לְדָוִד׃ אֵלִי אֵלִי לָמָה א 2
עֲזַבְתָּנִי רָחוֹק מִישׁוּעָתִי דִּבְרֵי שַׁאֲגָתִי׃ אֱלֹהַי אֶקְרָא יוֹמָם 3
וְלֹא תַעֲנֶה וְלַיְלָה וְלֹא־דֻמִיָּה לִי׃ וְאַתָּה קָדוֹשׁ יוֹשֵׁב 4
תְּהִלּוֹת יִשְׂרָאֵל׃ בְּךָ בָּטְחוּ אֲבֹתֵינוּ בָּטְחוּ וַתְּפַלְּטֵמוֹ׃ ה
אֵלֶיךָ זָעֲקוּ וְנִמְלָטוּ בְּךָ בָטְחוּ וְלֹא־בוֹשׁוּ׃ וְאָנֹכִי תוֹלַעַת 6 7
וְלֹא־אִישׁ חֶרְפַּת אָדָם וּבְזוּי עָם׃ כָּל־רֹאַי יַלְעִגוּ לִי 8
יַפְטִירוּ בְשָׂפָה יָנִיעוּ רֹאשׁ׃ גֹּל אֶל־יְהוָה יְפַלְּטֵהוּ יַצִּילֵהוּ 9
כִּי חָפֵץ בּוֹ׃ כִּי־אַתָּה גֹחִי מִבָּטֶן מַבְטִיחִי עַל־שְׁדֵי אִמִּי׃ י
עָלֶיךָ הָשְׁלַכְתִּי מֵרָחֶם מִבֶּטֶן אִמִּי אֵלִי אָתָּה׃ אַל־תִּרְחַק 11 12
מִמֶּנִּי כִּי־צָרָה קְרוֹבָה כִּי אֵין עוֹזֵר׃ סְבָבוּנִי פָּרִים רַבִּים 13
אַבִּירֵי בָשָׁן כִּתְּרוּנִי׃ פָּצוּ עָלַי פִּיהֶם אַרְיֵה טֹרֵף וְשֹׁאֵג׃ 14
כַּמַּיִם נִשְׁפַּכְתִּי וְהִתְפָּרְדוּ כָּל־עַצְמוֹתָי הָיָה לִבִּי כַּדּוֹנָג טו
נָמֵס בְּתוֹךְ מֵעָי׃ יָבֵשׁ כַּחֶרֶשׂ ׀ כֹּחִי וּלְשׁוֹנִי מֻדְבָּק מַלְקוֹחָי 16
וְלַעֲפַר־מָוֶת תִּשְׁפְּתֵנִי׃ כִּי־סְבָבוּנִי כְּלָבִים עֲדַת מְרֵעִים 17
הִקִּיפוּנִי כָּאֲרִי יָדַי וְרַגְלָי׃ אֲסַפֵּר כָּל־עַצְמוֹתָי הֵמָּה יַבִּיטוּ 18
יִרְאוּ־בִי׃ יְחַלְּקוּ בְגָדַי לָהֶם וְעַל־לְבוּשִׁי יַפִּילוּ גוֹרָל׃ 19
וְאַתָּה יְהוָה אַל־תִּרְחָק אֱיָלוּתִי לְעֶזְרָתִי חוּשָׁה׃ הַצִּילָה כ 21
מֵחֶרֶב נַפְשִׁי מִיַּד־כֶּלֶב יְחִידָתִי׃ הוֹשִׁיעֵנִי מִפִּי אַרְיֵה 22
וּמִקַּרְנֵי רֵמִים עֲנִיתָנִי׃ אֲסַפְּרָה שִׁמְךָ לְאֶחָי בְּתוֹךְ קָהָל 23
אֲהַלְלֶךָּ׃ יִרְאֵי יְהוָה ׀ הַלְלוּהוּ כָּל־זֶרַע יַעֲקֹב כַּבְּדוּהוּ 24
וְגוּרוּ מִמֶּנּוּ כָּל־זֶרַע יִשְׂרָאֵל׃ כִּי לֹא־בָזָה וְלֹא שִׁקַּץ עֱנוּת כה
עָנִי וְלֹא־הִסְתִּיר פָּנָיו מִמֶּנּוּ וּבְשַׁוְּעוֹ אֵלָיו שָׁמֵעַ׃ מֵאִתְּךָ 26
תְּהִלָּתִי בְּקָהָל רָב נְדָרַי אֲשַׁלֵּם נֶגֶד יְרֵאָיו׃ יֹאכְלוּ עֲנָוִים ׀ 27
וְיִשְׂבָּעוּ יְהַלְלוּ יְהוָה דֹּרְשָׁיו יְחִי לְבַבְכֶם לָעַד׃ יִזְכְּרוּ ׀ 28
וְיָשֻׁבוּ אֶל־יְהוָה כָּל־אַפְסֵי־אָרֶץ וְיִשְׁתַּחֲווּ לְפָנֶיךָ כָּל־
מִשְׁפְּחוֹת גּוֹיִם׃ כִּי לַיהוָה הַמְּלוּכָה וּמֹשֵׁל בַּגּוֹיִם׃ אָכְלוּ 29 ל
וַיִּשְׁתַּחֲווּ ׀ כָּל־דִּשְׁנֵי־אֶרֶץ לְפָנָיו יִכְרְעוּ כָּל־יוֹרְדֵי עָפָר

ונפשו

## קאַפּיטעל כב

1 צום אויפזעהער איבער דוד׳ס געזאַנגען וועגען די קראַפט פון מאָרגען־
2 שטערען. „מיין גאָט ! וואָרום האָסטו מיר פערלאָזען ? וואָרום איז
מיין גאָט ווייט פון מיין הילף ?" — זיינען מיינע רייד וואָס איך שריי.
3 מיין גאָט ! איך רוף דיר טעגליך און דו ענטפערסט ניט, אויך ביי נאַכט
4 שווייג איך ניט. און דו, היילינער, בעזיצט דעם שטאָלץ פון ישראל —
5 אן דיר זיינען אָנגעטרויט געווען אונזערע עלטערען, זיי זיינען אָנגע־
6 טרויט געווען און דו האָסט זיי גערעטעט ; ווען זיי האָבען צו דיר
געשריען זיינען זיי געהאָלפען געוואָרען, ווען זיי האָבען פערטרויט אויף
7 דיר האָבען זיי קיין שאַנד געהאַט. אָבער איך וואָרים און אונמענש
בין א לעסטער פון מענשען און צו שאַנדע געמאַכט פון פעלקער —
8 אַלע וואָס זעהען מיר לאַכען פון מיר, זיי עפענען די ליפּען און שאָקלען
9 מיט׳ן קאָפּ : „יעדער האָפט צו גאָט ער זאָל איהם רעטען, ער
10 העלפט אָבער נאָר יענעם וועמען ער ליעבט" אָבער דו ביזט דאָך מיין
זיכערהייט זינט איך בין געבאָרען געוואָרען און ערנעהרט זיך פון מיין
11 מוטער׳ס ברוסט, אויף דיר בין איך ארויפגעוואָרפען געוואָרען זינט
איך בין געבוירען, זינט איך בין ארויס פון מיין מוטער׳ס לייב ביזטו
12 מיין גאָט. דערווייטער זיך ניט פון מיר ווען אן אונגליק איז נאָהענט
13 און עס איז קיין העלפער ניטאָ. עס האָבען מיר ארומגערינגעלט גרוי־
סע אָקסען, גרויסע אָקסען פון בשן האָבען מיר ארומגעקרייזט,
14 זיי האָבען אויף מיר זייער מויל געעפענט ווי א רויבגיריגער און ברילענ־
15 דער לייב. איך בין אויסגערונען ווי וואַסער, אַלע גליעדער מיינע זיינען
אָבגעזונדערט, מיין הארץ איז אין מיר געוואָרען ווי א שמעלציגער
16 וואַקס. מיין קראַפט איז טרוקען ווי א שערבעל, מיין צונג איז איינ־
געדאַרט אן מיין גומען, דאָס וועט פון מיר מאַכען טוידט־שטויב.
17 עס האָבען זיך ארום מיר ארומגעקליעבען הינד, א געמיינדע פערברעכער
האָבען מיר ארומגערינגעלט ווי א לייב, מיינע הענד און פיס.
18 איך צעהל אַלע ביינער מיינע, זיי קוקען מיר אן און בעטראַכטען מיר.
19 מיינע קליידער צוטהיילען זיי פאַר זיך, זיי וואַרפען גורל אויף מיין אָנ־
קליידונג.
20 אָבער דו גאָט, שטעה ניט פון ווייטען ; ברענג שנעל מיין הילף, מיין
21 מעכטיגער ! רעטע מיין לעבען פונ׳ם שווערד, מיין עלענדע זעעלע
22 פונ׳ם הונד. העלף מיר פון לייב׳ס מויל אזוי ווי דו האָסט מיר גע־
23 ענטפערט פון די רמים׳ס הערנער. איך וועל מיינע פריינד וועגען דיין
בערוף דערצעהלען, אין א פערזאַמלונג וועל איך דיר ריהמען.
24 לויבט איהם, גאָט׳ס־פאָרכטיגע ; גיט איהם עהרע אַלע יעקב׳ס קינדער
25 און ציטערט פאַר איהם אַלע קינדער ישראל׳ס. ער פעראַכטעט ניט און
פערוואַרפט ניט דאָס געבעט פון אונטערדריקטען, ער פערבאָרגט ניט
זיין געזיכט פון איהם — ווען ער שרייט צו איהם הערט ער.
26 מיין לויב צו דיר (וועל איך זאָגען) אין א גרויסע פערזאַמלונג, איך וועל
מיינע פערשפּרעכונגען אין פולען בעצאָהלען אין אנוועזענהייט פון די
27 וואָס רעספּעקטירען איהם. זאָלען די עלענדע עסען און זאַט זיין, עס
לויבען גאָט די וועלכע זוכען איהם — אייער הארץ וועט אימער געזונד
28 זיין. זיי וועלען זיך בערענקען און צוריקקומען צו גאָט פון אַלע עקען
וועלט, עס וועלען זיך פאַר דיר בוקען אַלע פאַמיליען פון נאַציאָנען.
29 וואָרום די רעגיערונג געהערט צו גאָט — ער איז דער הערשער איבער
30 די פעלקער. נאָכ׳ן עסען בוקט ער זיך צו די ערדישע הערשער, אָבער
פאַר איהם קניען זיך אַלע וואָס געהען ארום אויף דער ערד, איידער מען
ערנעהרט דעם קערפּער.

31 32 וְנַפְשׁוֹ לֹא חִיָּה׃ זֶרַע יַעַבְדֶנּוּ יְסֻפַּר לַאדֹנָי לַדּוֹר׃ יָבֹאוּ
וְיַגִּידוּ צִדְקָתוֹ לְעַם נוֹלָד כִּי עָשָׂה׃

## כג PSAL. XXIII. כג

א 2 מִזְמוֹר לְדָוִד יְהוָה רֹעִי לֹא אֶחְסָר׃ בִּנְאוֹת דֶּשֶׁא יַרְבִּיצֵנִי
3 עַל־מֵי מְנֻחוֹת יְנַהֲלֵנִי׃ נַפְשִׁי יְשׁוֹבֵב יַנְחֵנִי בְמַעְגְּלֵי־צֶדֶק
4 לְמַעַן שְׁמוֹ׃ גַּם כִּי־אֵלֵךְ בְּגֵיא צַלְמָוֶת לֹא־אִירָא רָע כִּי־
ה אַתָּה עִמָּדִי שִׁבְטְךָ וּמִשְׁעַנְתֶּךָ הֵמָּה יְנַחֲמֻנִי׃ תַּעֲרֹךְ לְפָנַי ׀
6 שֻׁלְחָן נֶגֶד צֹרְרָי דִּשַּׁנְתָּ בַשֶּׁמֶן רֹאשִׁי כּוֹסִי רְוָיָה׃ אַךְ טוֹב
וָחֶסֶד יִרְדְּפוּנִי כָּל־יְמֵי חַיָּי וְשַׁבְתִּי בְּבֵית יְהוָה לְאֹרֶךְ יָמִים׃

## כד PSAL. XXIV. כד

א לְדָוִד מִזְמוֹר לַיהוָה הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ תֵּבֵל וְיֹשְׁבֵי בָהּ׃
2 3 כִּי־הוּא עַל־יַמִּים יְסָדָהּ וְעַל־נְהָרוֹת יְכוֹנְנֶהָ׃ מִי־יַעֲלֶה
4 בְהַר־יְהוָה וּמִי־יָקוּם בִּמְקוֹם קָדְשׁוֹ׃ נְקִי כַפַּיִם וּבַר־לֵבָב
ה אֲשֶׁר לֹא־נָשָׂא לַשָּׁוְא נַפְשׁוֹ וְלֹא נִשְׁבַּע לְמִרְמָה׃ יִשָּׂא
6 בְרָכָה מֵאֵת יְהוָה וּצְדָקָה מֵאֱלֹהֵי יִשְׁעוֹ׃ זֶה דּוֹר דֹּרְשָׁו
7 מְבַקְשֵׁי פָנֶיךָ יַעֲקֹב סֶלָה׃ שְׂאוּ שְׁעָרִים ׀ רָאשֵׁיכֶם וְהִנָּשְׂאוּ
8 פִּתְחֵי עוֹלָם וְיָבוֹא מֶלֶךְ הַכָּבוֹד׃ מִי זֶה מֶלֶךְ הַכָּבוֹד יְהוָה
9 עִזּוּז וְגִבּוֹר יְהוָה גִּבּוֹר מִלְחָמָה׃ שְׂאוּ שְׁעָרִים ׀ רָאשֵׁיכֶם
י וּשְׂאוּ פִּתְחֵי עוֹלָם וְיָבֹא מֶלֶךְ הַכָּבוֹד׃ מִי הוּא זֶה מֶלֶךְ
הַכָּבוֹד יְהוָה צְבָאוֹת הוּא מֶלֶךְ הַכָּבוֹד סֶלָה׃

## כה PSAL. XXV. כה

א 2 לְדָוִד אֵלֶיךָ יְהוָה נַפְשִׁי אֶשָּׂא׃ אֱלֹהַי בְּךָ בָטַחְתִּי אַל־
3 אֵבוֹשָׁה אַל־יַעַלְצוּ אֹיְבַי לִי׃ גַּם כָּל־קוֶֹיךָ לֹא יֵבֹשׁוּ יֵבֹשׁוּ
4 הַבּוֹגְדִים רֵיקָם׃ דְּרָכֶיךָ יְהוָה הוֹדִיעֵנִי אֹרְחוֹתֶיךָ לַמְּדֵנִי׃
ה הַדְרִיכֵנִי בַאֲמִתֶּךָ ׀ וְלַמְּדֵנִי כִּי־אַתָּה אֱלֹהֵי יִשְׁעִי אוֹתְךָ
6 קִוִּיתִי כָּל־הַיּוֹם׃ זְכֹר־רַחֲמֶיךָ יְהוָה וַחֲסָדֶיךָ כִּי מֵעוֹלָם
7 הֵמָּה׃ חַטֹּאות נְעוּרַי ׀ וּפְשָׁעַי אַל־תִּזְכֹּר כְּחַסְדְּךָ זְכָר־
לִי־

כד v. 4. ר׳ ועירא ibid. נפשי ק׳ v. 6. דרשיו קרי כ״ה v. 7. מלא ב

31 „די קינדער וועלען איהם דיענען — ווערט גערעדט וועגען צוקונפט צו
32 גאָט — זיי וועלען קומען און איבערדערצעהלען זיין גערעכטיגקייט
וואָס ער האָט געטהאָן צום צוקינפטיגען פאָלק".

## קאַפּיטעל כג

1 דוד'ס א געזאַנג. אז גאָט איז מיין שפּייזער וועט מיר נישט פעהלען
2 אין גראָז־וואָהנונגען וועט ער מיר לאָזען ליעגען, נעבען א רוהיגען וואַסער
3 וועט ער מיר פיהרען. מיין זעעלע וועט ער ערקוויקען, ער וועט מיר
אין ריכטיגע וועגען פיהרען ווי עס פּאַסט פאַר זיין נאָמען.
4 זאָגאר ווען איך געה אין טיעפע פינסטערניס שרעק איך זיך ניט פאַר
אן אונגליק — ווייל דו ביזט מיט מיר ; דיין שטעקען און דיין שטיצע,
5 ביידע טרייסטען מיר. דו גרייטסט מיר צו א טיש קעגען מיינע
פיינדע, מיין קאָפּ מאַכסטו פעט מיט אויל און מיין בעכער מיט גע־
6 טראַנק נאָר גוטס און גנאַד זאָלען מיר נאָכגעהן צייט מיין לעבען, און
מיין צוריקקומען אין גאָט'ס הויז זאָל זיין אויף לאַנגע יאָהרען.

## קאַפּיטעל כד

1 דוד'ס א געזאַנג. צו גאָט בעלאַנגט די ערד און אַלעס מיט וואָס זי איז
פול — די וועלט מיט אַלע איהרע איינוואָהנער.
2 וואָרום ער האָט איהר געגרינדעט אויף ים'ען און פעסט געשטעלט אויף
טייכען.
3 ווער קען ארויפגעהען אויף גאָט'ס באַרג ? ווער קען שטעהן אויף זיין
הייליגען אָרט ?
4 דער וואָס האָט ריינע הענד און א קלאָהרע הארץ, דער וואָס האָט ניט גע־
שטרעבט צו פאַלשקייט און האָט ניט געשוואָרען פאַר בעטרוג.
5 ער וועט בעקומען א ברכה פון גאָט, און גערעכטיגקייט פונ'ם גאָט וואָס
העלפט איהם.
6 אזא דאַרף אימער זיין אין דער רייהע פון זיינע בעלעהרער, פון דיינע
הויפּט־פאָרשער, יעקב.
7 הויבט אויף, טהויערען, אייערע קעפּ וועלען זיך אויפהויבען די אַלטע
טהירען, אום עס זאָל אריינקומען דער געעהרטער קעניג.
8 ווער איז דאָס דער געעהרטער קעניג ? — דער שטאַרקער און מעכטיגער
גאָט : גאָט דער קריעגס־העלד !
9 הויבט אויף, טהויערען, אייערע קעפּ, הויבט זיך אויף אויף איהר אַלטע
טהירען, אום עס זאָל אריינקומען דער געעהרטער קעניג ?
10 ווער איז דאָס דער געעהרטער קעניג ? — גאָט פון ארמעען, ער איז אי־
מער דער געעהרטער קעניג.

## קאַפּיטעל כה

1 דוד'ס. צו דיר, אָ גאָט, שטרעבט מיין זעעלע.
2 מיין גאָט ! אויף דיר בין איך פערטרויט, לאָז מיר ניט פערשעהמט
ווערען ; זאָלען זיך מיינע פיינד ניט פרעהען אויף מיר.
3 אויך קיינער פון די וואָס האָפען צו דיר זאָלען ניט פערשעהמט ווערען—
זאָלען פערשעהמט ווערען די וועלכע זיינען טרייַלאָז אָהנע נוצען.
4 ערקלעהר מיר, גאָט, דיינע וועגען ; בעלעהרען מיר וועגען דיינע שטע־
גען.
5 פיהר מיר אין דיין וואהרהייט און בעלעהרען מיר, וואָרום דו ביזט דער
גאָט וואָס העלפט מיר ; צו דיר האָף איך אימער.
6 געדענק דיין בארעמהערציגקייט, גאָט, אויך דיינע גנאדע, ווי זיי זיינען
אימער געוועזן.
7 די זינד פון מיין יוגענד אויך מיינע פערברעכענס זאָלסטו ניט געדענ־
קען ; לויט דיין גוטסקייט דערמאָן מיר נור צוליעב דיין גוטס, אָ גאָט !

לִי־אַתָּה לְמַעַן טוּבְךָ יְהוָה׃ טוֹב וְיָשָׁר יְהוָה עַל־כֵּן יוֹרֶה 8
חַטָּאִים בַּדָּרֶךְ׃ יַדְרֵךְ עֲנָוִים בַּמִּשְׁפָּט וִילַמֵּד עֲנָוִים דַּרְכּוֹ׃ 9
כָּל־אָרְחוֹת יְהוָה חֶסֶד וֶאֱמֶת לְנֹצְרֵי בְרִיתוֹ וְעֵדֹתָיו׃ י
לְמַעַן־שִׁמְךָ יְהוָה וְסָלַחְתָּ לַעֲוֺנִי כִּי רַב־הוּא׃ מִי זֶה הָאִישׁ 11 12
יְרֵא יְהוָה יוֹרֶנּוּ בְּדֶרֶךְ יִבְחָר׃ נַפְשׁוֹ בְּטוֹב תָּלִין וְזַרְעוֹ 13
יִירַשׁ אָרֶץ׃ סוֹד יְהוָה לִירֵאָיו וּבְרִיתוֹ לְהוֹדִיעָם׃ עֵינַי 14 טו
תָּמִיד אֶל־יְהוָה כִּי הוּא יוֹצִיא מֵרֶשֶׁת רַגְלָי׃ פְּנֵה־אֵלַי 16
וְחָנֵּנִי כִּי־יָחִיד וְעָנִי אָנִי׃ צָרוֹת לְבָבִי הִרְחִיבוּ מִמְּצוּקוֹתַי 17
הוֹצִיאֵנִי׃ רְאֵה־עָנְיִי וַעֲמָלִי וְשָׂא לְכָל־חַטֹּאותָי׃ רְאֵה אוֹיְבַי 18 19
כִּי־רָבּוּ וְשִׂנְאַת חָמָס שְׂנֵאוּנִי׃ שָׁמְרָה נַפְשִׁי וְהַצִּילֵנִי אַל־ כ
אֵבוֹשׁ כִּי־חָסִיתִי בָךְ׃ תֹּם־וָיֹשֶׁר יִצְּרוּנִי כִּי קִוִּיתִיךָ׃ פְּדֵה 21 22
אֱלֹהִים אֶת־יִשְׂרָאֵל מִכֹּל צָרוֹתָיו׃

## כו PSAL. XXVI. כו

לְדָוִד ׀ שָׁפְטֵנִי יְהוָה כִּי־אֲנִי בְּתֻמִּי הָלַכְתִּי וּבַיהוָה בָּטַחְתִּי א
לֹא אֶמְעָד׃ בְּחָנֵנִי יְהוָה וְנַסֵּנִי צָרְפָה כִלְיוֹתַי וְלִבִּי׃ כִּי־ 2 3
חַסְדְּךָ לְנֶגֶד עֵינָי וְהִתְהַלַּכְתִּי בַּאֲמִתֶּךָ׃ לֹא־יָשַׁבְתִּי עִם־ 4
מְתֵי־שָׁוְא וְעִם־נַעֲלָמִים לֹא אָבוֹא׃ שָׂנֵאתִי קְהַל מְרֵעִים ה
וְעִם־רְשָׁעִים לֹא אֵשֵׁב׃ אֶרְחַץ בְּנִקָּיוֹן כַּפָּי וַאֲסֹבְבָה אֶת־ 6
מִזְבַּחֲךָ יְהוָה׃ לַשְׁמִעַ בְּקוֹל תּוֹדָה וּלְסַפֵּר כָּל־נִפְלְאוֹתֶיךָ׃ 7
יְהוָה אָהַבְתִּי מְעוֹן בֵּיתֶךָ וּמְקוֹם מִשְׁכַּן כְּבוֹדֶךָ׃ אַל־תֶּאֱסֹף 8 9
עִם־חַטָּאִים נַפְשִׁי וְעִם־אַנְשֵׁי דָמִים חַיָּי׃ אֲשֶׁר־בִּידֵיהֶם י
זִמָּה וִימִינָם מָלְאָה שֹּׁחַד׃ וַאֲנִי בְּתֻמִּי אֵלֵךְ פְּדֵנִי וְחָנֵּנִי׃ 11
רַגְלִי עָמְדָה בְמִישׁוֹר בְּמַקְהֵלִים אֲבָרֵךְ יְהוָה׃ 12

## כז PSAL. XXVII. כז

לְדָוִד ׀ יְהוָה ׀ אוֹרִי וְיִשְׁעִי מִמִּי אִירָא יְהוָה מָעוֹז חַיַּי א
מִמִּי אֶפְחָד׃ בִּקְרֹב עָלַי ׀ מְרֵעִים לֶאֱכֹל אֶת־בְּשָׂרִי צָרַי 2
וְאֹיְבַי לִי הֵמָּה כָשְׁלוּ וְנָפָלוּ׃ אִם־תַּחֲנֶה עָלַי ׀ מַחֲנֶה 3

לֹא־

כ״ה v. 7. פתח באתנח   v. 18. מלא ו   כ״ו v. 1. פתח באתנח   v. 2. יתיר י

8 גאָט איז גוט און אויפריכטיג, דערפאַר ווייזט ער זאָגאַר די זינדיגער אַ
9 וועג. ער פיהרט די עלענדע לויט דאָס געריכט און ערקלעהרט די
10 דעמיטהיגע זיין וועג. אַלע וועגען גאָט'ס זיינען גנאַדע און וואהרהייט
11 פאַר די וואָס היטען זיין בונד און זיינע בעפעהלען. צוליעב דיין נאָ־
12 מען, גאָט, פערגיעב מיינע זינד אָבוואָהל עס איז פיעל. ווער עס איז
א מענש, אַ גאָט'ס־פאָרכטיגער, יענעם ווייזט ער וועלכען וועג ער זאָל
13 אויסקלייבען. ער אַליין וועט אין גוטס פערברענגען און זיין קינד וועט
14 בעזיצען דאָס לאַנד. גאָט'ס געהיימניסען און זיין בונד איז פאַר די
15 וואָס פירכטען איהם אום זיי בעקאַנט צו מאַכען. מיין בליק איז אימער
געווענדעט צו גאָט, ווארום ער נעהמט ארויס מיינע פיס פון נעץ.
16 ווענדע זיך צו מיר און בעגנאַדיג מיר ווארום איך בין עלענד און ניע־
17 דערגעשלאָגען. דער פערדרוס פון מיין הארצען איז גרויס, פון מיין
18 נויטה נעהם מיר ארויס. בעטראַכט מיין עלענד און מיה, און פערצייה
19 אַלע מיינע זינד. זעה וויפיעל מיינע פיינד זיינען, און ווי געפעהרליך
20 זיי האַסען מיר! היט מיין זעעלע און רעטע מיר, אום איך זאָל ניט
פערשעהמט ווערען — איך בין דאָך פערטרויט אויף דיר.
21 אונשולד און אויפריכטיגקייט בעהיטען מיר, ווייל איך האָף צו דיר.
22 בעפריי, אָ גאָט, ישראל פון אַלע זיינע לײדען!

## קאַפּיטעל כו

1 דוד'ס. אורטהייל מיר, גאָט! מיין אויפפיהרונג איז אונשולדיג און אויף
2 גאָט בין איך פערטרויט — איך וועל ניט וואַנקען. פּרוביר מיר, גאָט!
און פּרוף מיר אויס — לייטער אויס מיינע ניערען און מיין הארץ,
3 ווארום דיין גנאַד איז פאַר מיינע אויגען זינט איך געה אין דיין וואהר־
4 הייט. איך בין ניט געזעסען צוזאמען מיט פאַלשע מענשען, און מיט
5 פערשטעלטע קום איך זיך ניט צונויף. איך האָס די פערזאַמלונג פון
שלעכטע מענשען, און מיט פערברעכער זיץ איך ניט צוזאַמען.
6 איך וואַש מיינע הענד מיט אונשולד און געה ארום דיין מזבח, גאָט.
7 אום מיט מיין שטימע אויסצודריקען אַ דאַנק, און צו דערצעהלען אַלע
דיינע וואונדער.
8 איך ליעב, אָ גאָט, דיין וואָהנונג — דיין הויז, זאָגאַר דעם אָרט וואו עס
רוהט דיין עהרע.
9 פערניכטע ניט מיין זעעלע מיט זינדיגע, און מיין לעבען מיט בלוט־
מענשען.
10 וועמעס לינקע האַנד איז מיט בעטרוג פול, און זייער רעכטע האַנד איז
פול מיט בעשטעכונג (שחד).
11 אָבער איך געה זיך מיר אין מיין אונשולד — בעפריי מיר און בעגנאַ־
דיג מיר.
12 מיין פוס איז אימער אויפ'ן גלייכען וועג געשטאַנען, אין פערזאַמלונגען
לויב איך גאָט.

## קאַפּיטעל כז

1 דוד'ס. און גאָט איז מיין ליכט און מיין הילף, פאַר וועמען זאָל איך זיך
שרעקען?! אז גאָט איז מיין לעבענס־בעשיצער, פאַר וועמען זאָל איך
פורכט האָבען?!
2 ווען שלעכטע מענשען קומען נאָהענט צו מיר מיין פלייש צו פרעסען,
ד. ה. מיינע בעדריקער און פיינדע — ווערען זיי געשטרויכעלט און פאַ־
לען.
3 אז עס וועט ארום מיר לאַגערען אַן ארמעע, האָט מיין האַרץ קיין שרעק
ניט; וועט קעגען מיר זיך אויפהויבען אַ קריעג בין איך פערטרויט
אויף דיעזעס:

לֹא־יִירָא לִבִּי אִם־תָּקוּם עָלַי מִלְחָמָה בְּזֹאת אֲנִי בוֹטֵחַ׃
4 אַחַת ׀ שָׁאַלְתִּי מֵאֵת־יְהוָה אוֹתָהּ אֲבַקֵּשׁ שִׁבְתִּי בְּבֵית־
יְהוָה כָּל־יְמֵי חַיַּי לַחֲזוֹת בְּנֹעַם־יְהוָה וּלְבַקֵּר בְּהֵיכָלוֹ׃
ה כִּי יִצְפְּנֵנִי ׀ בְּסֻכֹּה בְּיוֹם רָעָה יַסְתִּרֵנִי בְּסֵתֶר אָהֳלוֹ בְּצוּר
6 יְרוֹמְמֵנִי׃ וְעַתָּה יָרוּם רֹאשִׁי עַל־אֹיְבַי סְבִיבוֹתַי וְאֶזְבְּחָה
7 בְאָהֳלוֹ זִבְחֵי תְרוּעָה אָשִׁירָה וַאֲזַמְּרָה לַיהוָה׃ שְׁמַע־
8 יְהוָה קוֹלִי אֶקְרָא וְחָנֵּנִי וַעֲנֵנִי׃ לְךָ ׀ אָמַר לִבִּי בַּקְּשׁוּ פָנָי
9 אֶת־פָּנֶיךָ יְהוָה אֲבַקֵּשׁ׃ אַל־תַּסְתֵּר פָּנֶיךָ ׀ מִמֶּנִּי אַל־תַּט
בְּאַף עַבְדֶּךָ עֶזְרָתִי הָיִיתָ אַל־תִּטְּשֵׁנִי וְאַל־תַּעַזְבֵנִי אֱלֹהֵי
י 11 יִשְׁעִי׃ כִּי־אָבִי וְאִמִּי עֲזָבוּנִי וַיהוָה יַאַסְפֵנִי׃ הוֹרֵנִי יְהוָה
12 דַּרְכֶּךָ וּנְחֵנִי בְּאֹרַח מִישׁוֹר לְמַעַן שׁוֹרְרָי׃ אַל־תִּתְּנֵנִי בְּנֶפֶשׁ
13 צָרָי כִּי קָמוּ־בִי עֵדֵי־שֶׁקֶר וִיפֵחַ חָמָס׃ לוּלֵא הֶאֱמַנְתִּי
14 לִרְאוֹת בְּטוּב־יְהוָה בְּאֶרֶץ חַיִּים׃ קַוֵּה אֶל־יְהוָה חֲזַק
וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ וְקַוֵּה אֶל־יְהוָה׃

## כח PSAL. XXVIII. כח

א לְדָוִד אֵלֶיךָ יְהוָה ׀ אֶקְרָא צוּרִי אַל־תֶּחֱרַשׁ מִמֶּנִּי פֶּן־תֶּחֱשֶׁה
2 מִמֶּנִּי וְנִמְשַׁלְתִּי עִם־יוֹרְדֵי בוֹר׃ שְׁמַע קוֹל תַּחֲנוּנַי בְּשַׁוְּעִי
3 אֵלֶיךָ בְּנָשְׂאִי יָדַי אֶל־דְּבִיר קָדְשֶׁךָ׃ אַל־תִּמְשְׁכֵנִי עִם־
רְשָׁעִים וְעִם־פֹּעֲלֵי אָוֶן דֹּבְרֵי שָׁלוֹם עִם־רֵעֵיהֶם וְרָעָה
4 בִּלְבָבָם׃ תֶּן־לָהֶם כְּפָעֳלָם וּכְרֹעַ מַעַלְלֵיהֶם כְּמַעֲשֵׂה
ה יְדֵיהֶם תֵּן לָהֶם הָשֵׁב גְּמוּלָם לָהֶם׃ כִּי לֹא יָבִינוּ אֶל־
6 פְּעֻלֹּת יְהוָה וְאֶל־מַעֲשֵׂה יָדָיו יֶהֶרְסֵם וְלֹא יִבְנֵם׃ בָּרוּךְ
7 יְהוָה כִּי־שָׁמַע קוֹל תַּחֲנוּנָי׃ יְהוָה ׀ עֻזִּי וּמָגִנִּי בּוֹ בָטַח
8 לִבִּי וְנֶעֱזָרְתִּי וַיַּעֲלֹז לִבִּי וּמִשִּׁירִי אֲהוֹדֶנּוּ׃ יְהוָה עֹז־לָמוֹ
9 וּמָעוֹז יְשׁוּעוֹת מְשִׁיחוֹ הוּא׃ הוֹשִׁיעָה אֶת־עַמֶּךָ וּבָרֵךְ אֶת־
נַחֲלָתֶךָ וּרְעֵם וְנַשְּׂאֵם עַד־הָעוֹלָם׃

מזמור

כ״ו v. 4. פתח באתנח  v. 5. בסכו קרי  v. 13. נקוד
מלמטה ומלמעלה חוץ מן ו׳ שלא נקוד אלא מלמטה

4 דאָס איינציגע וואָס איך האָב פון גאָט געבעטען — מיין גאַנצען לעבענס־
לויף זאָל איך פערברענגען אין גאָט'ס הויז, אום צו זעהען די געטליכע
אנגענעהמליכקייט און בעזוכען זיין טעמפעל.
5 ער זאָל מיר בעהאַלטען אין זייןביידעל, אין אַ אונגליקס־טאָג זאָל ער מיר
פערבאָרגען טיעף אין זיין געצעלט, אויף אַ פעלז זאָל ער מיר ארויפ־
הויבען.
6 יעצט קען איך אויפהויבען מיין קאָפּ אויף מיינע פיינד אַרום מיר, איך
וועל שעכטען אין זיין געצעלט יובעל־שעכטונג — איך וועל זינגען און
לויבען גאָט.
7 הער אויס, אָ גאָט, מיין רופענדע שטימע, בעגנאַדיג מיר און ענטפער מיר.
8 אויף דיין „זוכט מיין געזיכט" ! ענטפערט מיין הארץ : „דיין געזיכט,
אָ גאָט, זוך איך".
9 פערבאָרג־זשע ניט דיין געזיכט פון מיר, ווייך ניט אָב דיין קנעכט מיט
צאָרן ; אימער ביזטו מיין הילף געווען, פערוואָרף מיר ניט און פערלאָז
מיר ניט, מיין גאָט מיין העלפער !
10 זינט מיין פאָטער און מוטער האָבען מיר פערלאָזען, האָט מיר גאָט
אונטער זיין שוץ אריינגענומען.
11 בעלעהר מיר, גאָט, דיין וועג, און פיהר מיר אויפ'ן גלייכען שטעג צוליעב
מיינע פיינד.
12 גיב מיר ניט איבער צום ווילען פון מיינע בעדריקער, ווארום עס זיינען
אויף מיר אויפגעשטאַנען פאַלשע עדות, וועלכע ריידען אונרעכט.
13 ווען איך וואָלט ניט געלויבט און געזעהען גאָט'ס גוטס, וואָלט איך שוין
ניט געוועזן ביים לעבען אינ'ם לאַנד.
14 האָף צו גאָט ! זיי פעסט און פאַס מוטה אין הארצען — אימער האָף צו
גאָט !

## קאַפּיטעל כח

1 דוד'ס. דיר, גאָט, רוף איך „מיין פעלזענפעסטונג", זיי ניט רוהיג
צו מיר ; אויב דו וועסט שווייגען וועגען מיר וועל איך פערגלייכט
ווערען צו די וואָס געהען אין גרוב.
2 הער אויס מיין בעטענדע שטימע ווען איך שריי צו דיר, ווען איך הויב
אויף מיינע הענד צו דיין הייליגען טעמפעל.
3 ציה מיר ניט אריין מיט פערברעכער אָדער אונרעכט־טהוער, די וועלכע
רעדען פריעדליך מיט זייער פריינד און אין הארצען טראַכטען זיי
שלעכטס.
4 גיעב זיי לויט זייערע טהאטען און לויט זייערע שלעכטע האנדלונגען ;
גיעב זיי לויט זייערע הענד ארבייט — צאָהל זיי נאָך זייער פערדיענסט.
5 קוים בעטראַכטען זיי ניט גאָט'ס טהאַטען און די ארבייט פון זיינע
הענד, זאָל ער זיי צוברעכען און ניט אָב־בויען.
6 געלויבט איז גאָט ווייל ער האָט געהערט מיין בעטענדע שטימע.
7 גאָט איז מיין פעסטונג און מיין פאַנציר, ווען מיין הארץ איז אויף איהם
פערטרויט ווער איך געהאָלפען ; דאַן איז מיין הארץ דערפרעהט און
איך בעדאַנק איהם מיט מיין ליעד.
8 גאָט שטיצט (יעדער'ן פון) זיי וואָס איז אַ שטארקע הילף פאַר זיין גע־
זאַלבטען.
9 העלף דיין פאָלק און בענש דיין אייגענטהום, שפייז זיי און האַלט זיי
אויס אימער.

## כט PSAL. XXIX. כט

א מִזְמוֹר לְדָוִד הָבוּ לַיהוָֹה בְּנֵי אֵלִים הָבוּ לַיהוָֹה כָּבוֹד
2 וָעֹז׃ הָבוּ לַיהוָֹה כְּבוֹד שְׁמוֹ הִשְׁתַּחֲווּ לַיהוָֹה בְּהַדְרַת־
3 קֹדֶשׁ׃ קוֹל יְהוָֹה עַל־הַמָּיִם אֵל־הַכָּבוֹד הִרְעִים יְהוָֹה עַל־
4 מַיִם רַבִּים׃ קוֹל־יְהוָֹה בַּכֹּחַ קוֹל יְהוָֹה בֶּהָדָר׃ קוֹל ה
6 יְהוָֹה שֹׁבֵר אֲרָזִים וַיְשַׁבֵּר יְהוָֹה אֶת־אַרְזֵי הַלְּבָנוֹן׃ וַיַּרְקִידֵם
7 כְּמוֹ־עֵגֶל לְבָנוֹן וְשִׂרְיוֹן כְּמוֹ בֶן־רְאֵמִים׃ קוֹל־יְהוָֹה חֹצֵב
8 לַהֲבוֹת אֵשׁ׃ קוֹל יְהוָֹה יָחִיל מִדְבָּר יָחִיל יְהוָֹה מִדְבַּר
9 קָדֵשׁ׃ קוֹל יְהוָֹה | יְחוֹלֵל אַיָּלוֹת וַיֶּחֱשֹׂף יְעָרוֹת וּבְהֵיכָלוֹ
י כֻּלּוֹ אֹמֵר כָּבוֹד׃ יְהוָֹה לַמַּבּוּל יָשָׁב וַיֵּשֶׁב יְהוָֹה מֶלֶךְ
11 לְעוֹלָם׃ יְהוָֹה עֹז לְעַמּוֹ יִתֵּן יְהוָֹה | יְבָרֵךְ אֶת־עַמּוֹ בַשָּׁלוֹם׃

## ל PSAL. XXX. ל

א 2 מִזְמוֹר שִׁיר חֲנֻכַּת הַבַּיִת לְדָוִד׃ אֲרוֹמִמְךָ יְהוָֹה כִּי דִלִּיתָנִי
3 וְלֹא־שִׂמַּחְתָּ אֹיְבַי לִי׃ יְהוָֹה אֱלֹהָי שִׁוַּעְתִּי אֵלֶיךָ וַתִּרְפָּאֵנִי׃
4 ה יְהוָֹה הֶעֱלִיתָ מִן־שְׁאוֹל נַפְשִׁי חִיִּיתַנִי מִיּוֹרְדִי בוֹר׃ זַמְּרוּ
6 לַיהוָֹה חֲסִידָיו וְהוֹדוּ לְזֵכֶר קָדְשׁוֹ׃ כִּי רֶגַע בְּאַפּוֹ חַיִּים
7 בִּרְצוֹנוֹ בָּעֶרֶב יָלִין בֶּכִי וְלַבֹּקֶר רִנָּה׃ וַאֲנִי אָמַרְתִּי בְשַׁלְוִי
8 בַּל־אֶמּוֹט לְעוֹלָם׃ יְהוָֹה בִּרְצוֹנְךָ הֶעֱמַדְתָּה לְהַרְרִי עֹז
9 הִסְתַּרְתָּ פָנֶיךָ הָיִיתִי נִבְהָל׃ אֵלֶיךָ יְהוָֹה אֶקְרָא וְאֶל־
י אֲדֹנָי אֶתְחַנָּן׃ מַה־בֶּצַע בְּדָמִי בְּרִדְתִּי אֶל שָׁחַת הֲיוֹדְךָ
11 עָפָר הֲיַגִּיד אֲמִתֶּךָ׃ שְׁמַע־יְהוָֹה וְחָנֵּנִי יְהוָֹה הֱיֵה | עֹזֵר
12 לִי׃ הָפַכְתָּ מִסְפְּדִי לְמָחוֹל לִי פִּתַּחְתָּ שַׂקִּי וַתְּאַזְּרֵנִי
13 שִׂמְחָה׃ לְמַעַן יְזַמֶּרְךָ כָבוֹד וְלֹא יִדֹּם יְהוָֹה אֱלֹהַי
לְעוֹלָם אוֹדֶךָּ׃

## לא PSAL. XXXI. לא

א 2 לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד׃ בְּךָ־יְהוָֹה חָסִיתִי אַל־אֵבוֹשָׁה
3 לְעוֹלָם בְּצִדְקָתְךָ פַלְּטֵנִי׃ הַטֵּה אֵלַי | אָזְנְךָ מְהֵרָה

הצילני

ל v. 4. מיורדי קרי

## קאַפּיטעל כט

1 דוד׳ס אַ געזאַנג. גיט עהרע צו גאָט, איהר קינדער פון מעכטיגע! גיט
2 צו גאָט עהרע און מאַכט! גיט צו גאָט די עהרע פון זיין נאָמען, בוקט
3 זיך צו גאָט אין פּרעכטיגען הייליגטהום! גאָט׳ס שטימע איז אויפ׳ן
וואסער, — דער געעהרטער גאָט מאַכט דונערען; די גאָטהייט איז אויף
4 די גרויסע וואסערען. גאָט׳ס שטימע איז אין יעדער קראַפט, גאָט׳ס
5 שטימע איז אין יעדער פּראַכט. גאָט׳ס שטימע ברעכט צעדערען, גאָט
6 צושמעטערט די צעדערען פון לבנון, און מאַכט זיי שפּרינגען ווי קעל־
7 בער — דעם לבנון און שריון ווי די יונגע איינהאָרנס. גאָט׳ס שטימע
8 האַקט אויס פלאַמען פייער. גאָט׳ס שטימע מאַכט אויפציטערען דעם
מדבר, גאָט מאַכט אויפציטערען די וויסטע קדש.
9 גאָט׳ס שטימע צוטרייסעלט די אייכענבוימער און ענטבלעטערט וועלדער,
און אין זיין טעמפּעל זאָגט אַלעס וועגען זיין עהרע.
10 גאָט האָט רעגיערט אין דער צייט פון מבול און גאָט וועט אייביג אַלס
קעניג רעגיערען.
11 גאָט וועט זיין פאָלק בעשענקען מיט מאַכט — גאָט וועט זיין פאָלק
בענשען מיט פריעדען.

## קאַפּיטעל ל

1 אַ געזאַנג. דוד׳ס ליעד צום הויז איינווייהונג.
2 איך לויב דיר, גאָט, ווייל דו האָסט מיר ערהויבען און האָסט מיינע פיינד
ניט ערפרעהט אויף מיר.
3 עוויגער, גאָט מיינער! ווען איך האָב צו דיר געשריען האָסטו מיר
געהיילט.
4 גאָט! דו האָסט מיין לעבען פון העלישע קראַנקהייט געהיילט, דו
האָסט מיר געזונד געמאַכט פון מיין שטערבליכע קראַנקהייט.
5 זינגט צו גאָט, זיינע פרומע, און לויבט זיין הייליגען עראינערונג.
6 ווארום אייגענבליקליך איז זיין צאָרן, אָבער לעבען איז זיין שטענדיגער
פערלאַנג; אויב אין אווענד איז פערבליעבען אַ געוויין, ווערט אין פריה־
מאָרגען אַ געזאַנג.
7 ווען איך האָב רוהיג געלעבט האָב איך געדענקט: „איך וועל קיינמאָל
ניט וואַנקען"!
8 אָבער מיט דיין ווילען, גאָט, האָסטו געמאַכט וואַנקען מיין שטאַרקען
באַרג — דו האָסט נור דיין געזיכט פערבאָרגען בין איך דערשראָקען גע־
וואָרען.
9 צו דיר, אָ גאָט, רוף איך; נור ביי גאָט בעט איך:
10 וואָס פאַר נוצען איז אין מיין שווייגען, אַראָבגעהענדיג אין גרוב?
וועט דיר לויבען די שטויב? ווער וועט דיין וואהרהייט דערצעהלען?
11 הער אויס, אָ גאָט, און בעגנאַדיג מיר; זיי, גאָט, מיין העלפער!
12 מיין קלאָג האָסטו אומגעביטען פאַר מיר אויף אַ טאַנץ, דו האָסט אָבגע־
בונדען מיין זאַק־קלייד און אָנגעגורט מיר מיט פרייד;
13 אום די עהרע זאָל צו דיר זינגען אָהן אויפהער — מיין גאָט! איך
וועל דיר אימער דאַנקען.

## קאַפּיטעל לא

1 צום אויפזעהער איבער דוד׳ס געזאַנגען.
2 אויף דיר, אָ גאָט, איז מיין פערטרויען, וועל איך ניעמאַלס צו שאַנדע
זיין; רעטע מיר דורך דיין גערעכטיגקייט.
3 בייג צו מיר דיין אויער, רעטע מיר גיך; זיי פאַר מיר אַ פעלזענפעס־
טונג, אַ בעפעסטיגטע הויז — אום צו העלפען מיר.

הַצִּילֵנִי הֱיֵה לִי ׀ לְצוּר־מָעוֹז לְבֵית מְצוּדוֹת לְהוֹשִׁיעֵנִי׃
4 כִּי־סַלְעִי וּמְצוּדָתִי אָתָּה וּלְמַעַן שִׁמְךָ תַּנְחֵנִי וּתְנַהֲלֵנִי׃
ה 6 תּוֹצִיאֵנִי מֵרֶשֶׁת זוּ טָמְנוּ לִי כִּי אַתָּה מָעוּזִּי׃ בְּיָדְךָ אַפְקִיד
7 רוּחִי פָּדִיתָה אוֹתִי יְהוָה אֵל אֱמֶת׃ שָׂנֵאתִי הַשֹּׁמְרִים
8 הַבְלֵי־שָׁוְא וַאֲנִי אֶל־יְהוָה בָּטָחְתִּי׃ אָגִילָה וְאֶשְׂמְחָה
9 בְּחַסְדֶּךָ אֲשֶׁר רָאִיתָ אֶת־עָנְיִי יָדַעְתָּ בְּצָרוֹת נַפְשִׁי׃ וְלֹא
י הִסְגַּרְתַּנִי בְּיַד־אוֹיֵב הֶעֱמַדְתָּ בַמֶּרְחָב רַגְלָי׃ חָנֵּנִי יְהוָה
11 כִּי צַר־לִי עָשְׁשָׁה בְכַעַס עֵינִי נַפְשִׁי וּבִטְנִי׃ כִּי כָלוּ בְיָגוֹן
12 חַיַּי וּשְׁנוֹתַי בַּאֲנָחָה כָּשַׁל בַּעֲוֺנִי כֹחִי וַעֲצָמַי עָשֵׁשׁוּ׃ מִכָּל־
צֹרְרַי הָיִיתִי חֶרְפָּה וְלִשְׁכֵנַי ׀ מְאֹד וּפַחַד לִמְיֻדָּעָי רֹאַי
13 בַּחוּץ נָדְדוּ מִמֶּנִּי׃ נִשְׁכַּחְתִּי כְּמֵת מִלֵּב הָיִיתִי כִּכְלִי
14 אֹבֵד׃ כִּי שָׁמַעְתִּי ׀ דִּבַּת רַבִּים מָגוֹר מִסָּבִיב בְּהִוָּסְדָם
טו יַחַד עָלַי לָקַחַת נַפְשִׁי זָמָמוּ׃ וַאֲנִי ׀ עָלֶיךָ בָטַחְתִּי יְהוָה
16 אָמַרְתִּי אֱלֹהַי אָתָּה׃ בְּיָדְךָ עִתֹּתָי הַצִּילֵנִי מִיַּד־אוֹיְבַי
17 וּמֵרֹדְפָי׃ הָאִירָה פָנֶיךָ עַל־עַבְדֶּךָ הוֹשִׁיעֵנִי בְחַסְדֶּךָ׃
18 יְהוָה אַל־אֵבוֹשָׁה כִּי קְרָאתִיךָ יֵבֹשׁוּ רְשָׁעִים יִדְּמוּ לִשְׁאוֹל׃
19 תֵּאָלַמְנָה שִׂפְתֵי שָׁקֶר הַדֹּבְרוֹת עַל־צַדִּיק עָתָק בְּגַאֲוָה
כ וָבוּז׃ מָה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר־צָפַנְתָּ לִּירֵאֶיךָ פָּעַלְתָּ לַחוֹסִים
21 בָּךְ נֶגֶד בְּנֵי אָדָם׃ תַּסְתִּירֵם ׀ בְּסֵתֶר פָּנֶיךָ מֵרֻכְסֵי אִישׁ
22 תִּצְפְּנֵם בְּסֻכָּה מֵרִיב לְשֹׁנוֹת׃ בָּרוּךְ יְהוָה כִּי־הִפְלִיא
23 חַסְדּוֹ לִי בְּעִיר מָצוֹר׃ וַאֲנִי ׀ אָמַרְתִּי בְחָפְזִי נִגְרַזְתִּי
24 מִנֶּגֶד עֵינֶיךָ אָכֵן שָׁמַעְתָּ קוֹל תַּחֲנוּנַי בְּשַׁוְּעִי אֵלֶיךָ׃ אֶהֱבוּ
אֶת־יְהוָה כָּל־חֲסִידָיו אֱמוּנִים נֹצֵר יְהוָה וּמְשַׁלֵּם עַל־יֶתֶר
כה עֹשֵׂה גַאֲוָה׃ חִזְקוּ וְיַאֲמֵץ לְבַבְכֶם כָּל־הַמְיַחֲלִים לַיהוָה׃

## PSAL. XXXII. לב

## לב

א 2 לְדָוִד מַשְׂכִּיל אַשְׁרֵי נְשׂוּי־פֶּשַׁע כְּסוּי חֲטָאָה׃ אַשְׁרֵי אָדָם
3 לֹא יַחְשֹׁב יְהוָה לוֹ עָוֺן וְאֵין בְּרוּחוֹ רְמִיָּה׃ כִּי הֶחֱרַשְׁתִּי

בלו

ל״א v. 5. דגש אחר שורק v. 14. פתח באתנח

4 ווארום דו ביזט מיין פעלז און מיין פעסטונג, און צוליעב דיין נאָמען
5 וועסטו מיר פיהרען און לייטען. דו וועסט מיר ארויספיהרען פון דעם
נעץ וואָס זיי האָבען פאר מיר בעהאַלטען, ווארום דו ביזט מיין בעשיצער.
6 אין דיין האַנד גיעב איך איבער מיין גייסט ; דו, גאָט, האָסט מיר
7 אימער בעפרייט — וואהרער גאָט. איך האַס די וואָס בעוואכען די
8 פאַלשע נאַרישקייטען — מיין פערטרויען איז אויף גאָט. איך פרעה
זיך און בין צופריעדען מיט דיין גנאדע ; דו האָסט געזעהען מיין
9 עלענד, דו ווייסט דאָך מיינע נויטהען. דו האָסט מיר ניט איבערגעגע־
בען אין פיינד'ס האַנד, אויף א גערוימען פלאַטץ האָסטו מיינע פיס גע־
10 שטעלט. בעגנאַדיג מיר, גאָט, ווארום מיר איז זעהר ענג ; פון ער־
גערנים איז פארוועלקט געוואָרען מיין אויג, מיין לייב און לעבען.
11 מיין לעבען איז אוועק אין טרויער און מיינע יאָהרען אין זיפצען, אי־
בער מיינע זינד איז מיין קראפט געבראָכען און מיינע ביינער פער־
12 וועלקט. פון אַלע מיינע בעדריקער ווער איך געלעסטערט. איך בין
א גרויסער לעסטער צו מיינע (שכנים) נאכבארען און אַ שרעק פאר אַלע
וואָס קענען מיר — די וועלכע דערזעהען מיר אין גאַס וויכען פון מיר.
13 איך בין פערגעסען פון יעדער הארץ ווי א טוידטער, איך בין געוואָרען
ווי אַ צובראָכענע כלי.
14 ווען איך הער די רייד פון פיעל, נעהמט מיר ארום א שרעק ; ווען זיי
אַלע בעראַטהען זיך וועגען מיר, ווילען זיי מיין לעבען נעהמען.
15 איך אָבער בין פערטרויט אויף דיר, גאָט ! איך זאָג אימער : „דו
ביזט מיין גאָט" !
16 אין דיין האַנד איז מיין שיקזאל, רעטע מיר פון מיינע פיינד און פער־
פאָלגער.
17 מאַך ליכטיג דיין געזיכט צו דיין קנעכט, העלף מיר מיט דיין גנאדע.
18 זאָל איך ניט פערשעהמט ווערען, גאָט, ווען איך רוף דיר ; פאַרשעהמט
זאָלען ווערען די פערברעכער און פאַרשטומט ווי די העלל.
19 זאָלען פאַרשטומט ווערען די פאַלשע ליפען וועלכע רעדען אויפ'ן גע־
רעכטען האַרטע רייד מיט שטאָלץ און פעראַכטונג.
20 ווי גרויס איז דיין גוטס וואָס דו האָסט באַהאַלטען פאַר די וואָס פורכ־
טען פאַר דיר ! וואָס דו האָסט צוגעגרייט פאַר די וואָס בעשיצען זיך
מיט דיר קעגען מענשען !
21 דו פערבאָרגסט זיי אין בעהעלטענים וואָס נאָר דו קענסט זעהען פון מענ־
שענ'ס פעררעטה, דו בעהאַלסט זיי אין א געצעלט פון צאַנקערישע צונ־
גען.
22 געלויבט איז גאָט, וועלכער האָט מיר זיינע וואונדערליכע גנאדע גע־
וויזען אין די בעלאגערטע שטאָדט.
23 ווען איך האָב שוין געטראַכט זייענדיג איבערהיילט : „איך בין פער־
שטויסען פון דיינע אויגען" ! — דו האָסט אָבער אויסגעהערט מיין
בעטענדע שטימע ווען איך האָב צו דיר געשריען.
24 ליעבט גאָט, אַלע זיינע פרומע, די גלויביגע היט גאָט אויס ; ער בע־
צאָהלט מיט'ן מאָאס די וואָס טהוען אַלעם מיט שטאָלץ.
25 זייט שטאַרק און זאָל אייער הארץ מוטהיג זיין, אַלע וואָס האָפען צו גאָט.

## קאַפּיטעל לב

1 דוד'ס אַ בעטראַכטונג. וואויל איז דעם וואָס זיין פערברעכען איז פער־
צייהעט און זיין זינד פערדעקט.
2 וואויל איז דעם מענשען וואָס גאָט רעכענט איהם ניט צו א זינד אויף
דעם וואָס האָט אין זיין גייסט קיין פאַלשקייט.
3 ווען איך שוויינ וועלקען מיינע גליעדער אויף ווען איך שריי — אימער.

בָּלוּ עֲצָמָי בְּשַׁאֲגָתִי כָּל־הַיּוֹם׃ כִּי ׀ יוֹמָם וָלַיְלָה ׀ תִּכְבַּד 4
עָלַי יָדֶךָ נֶהְפַּךְ לְשַׁדִּי בְּחַרְבֹנֵי קַיִץ סֶלָה׃ חַטָּאתִי ה
אוֹדִיעֲךָ וַעֲוֺנִי לֹא־כִסִּיתִי אָמַרְתִּי אוֹדֶה עֲלֵי פְשָׁעַי לַיהוָה
וְאַתָּה נָשָׂאתָ עֲוֺן חַטָּאתִי סֶלָה׃ עַל־זֹאת יִתְפַּלֵּל כָּל־ 6
חָסִיד ׀ אֵלֶיךָ לְעֵת מְצֹא רַק לְשֵׁטֶף מַיִם רַבִּים אֵלָיו לֹא
יַגִּיעוּ׃ אַתָּה ׀ סֵתֶר לִי מִצַּר תִּצְּרֵנִי רָנֵּי פַלֵּט תְּסוֹבְבֵנִי 7
סֶלָה׃ אַשְׂכִּילְךָ ׀ וְאוֹרְךָ בְּדֶרֶךְ־זוּ תֵלֵךְ אִיעֲצָה עָלֶיךָ 8
עֵינִי׃ אַל־תִּהְיוּ ׀ כְּסוּס כְּפֶרֶד אֵין הָבִין בְּמֶתֶג וָרֶסֶן עֶדְיוֹ 9
לִבְלוֹם בַּל קְרֹב אֵלֶיךָ׃ רַבִּים מַכְאוֹבִים לָרָשָׁע וְהַבּוֹטֵחַ י
בַּיהוָה חֶסֶד יְסוֹבְבֶנּוּ׃ שִׂמְחוּ בַיהוָה וְגִילוּ צַדִּיקִים 11
וְהַרְנִינוּ כָּל־יִשְׁרֵי־לֵב׃

## לג PSAL. XXXIII. לג

רַנְּנוּ צַדִּיקִים בַּיהוָה לַיְשָׁרִים נָאוָה תְהִלָּה׃ הוֹדוּ לַיהוָה א 2
בְּכִנּוֹר בְּנֵבֶל עָשׂוֹר זַמְּרוּ־לוֹ׃ שִׁירוּ לוֹ שִׁיר חָדָשׁ הֵיטִיבוּ 3
נַגֵּן בִּתְרוּעָה׃ כִּי־יָשָׁר דְּבַר־יְהוָה וְכָל־מַעֲשֵׂהוּ בֶּאֱמוּנָה׃ 4
אֹהֵב צְדָקָה וּמִשְׁפָּט חֶסֶד יְהוָה מָלְאָה הָאָרֶץ׃ בִּדְבַר ה 6
יְהוָה שָׁמַיִם נַעֲשׂוּ וּבְרוּחַ פִּיו כָּל־צְבָאָם׃ כֹּנֵס כַּנֵּד 7
מֵי הַיָּם נֹתֵן בְּאוֹצָרוֹת תְּהוֹמוֹת׃ יִירְאוּ מֵיְהוָה כָּל־ 8
הָאָרֶץ מִמֶּנּוּ יָגוּרוּ כָּל־יֹשְׁבֵי תֵבֵל׃ כִּי הוּא אָמַר וַיֶּהִי 9
הוּא־צִוָּה וַיַּעֲמֹד׃ יְהוָה הֵפִיר עֲצַת גּוֹיִם הֵנִיא מַחְשְׁבוֹת י
עַמִּים׃ עֲצַת יְהוָה לְעוֹלָם תַּעֲמֹד מַחְשְׁבוֹת לִבּוֹ לְדֹר 11
וָדֹר׃ אַשְׁרֵי הַגּוֹי אֲשֶׁר־יְהוָה אֱלֹהָיו הָעָם ׀ בָּחַר לְנַחֲלָה 12
לוֹ׃ מִשָּׁמַיִם הִבִּיט יְהוָה רָאָה אֶת־כָּל־בְּנֵי הָאָדָם׃ 13
מִמְּכוֹן־שִׁבְתּוֹ הִשְׁגִּיחַ אֶל כָּל־יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ׃ הַיֹּצֵר יַחַד 14 טו
לִבָּם הַמֵּבִין אֶל־כָּל־מַעֲשֵׂיהֶם׃ אֵין הַמֶּלֶךְ נוֹשָׁע בְּרָב־ 16
חָיִל גִּבּוֹר לֹא־יִנָּצֵל בְּרָב־כֹּחַ׃ שֶׁקֶר הַסּוּס לִתְשׁוּעָה 17
וּבְרֹב חֵילוֹ לֹא יְמַלֵּט׃ הִנֵּה עֵין יְהוָה אֶל־יְרֵאָיו לַמְיַחֲלִים 18
לְחַסְדּוֹ׃ לְהַצִּיל מִמָּוֶת נַפְשָׁם וּלְחַיּוֹתָם בָּרָעָב׃ נַפְשֵׁנוּ 19 כ

4 וואָרום ווי טאָג אַזוי נאַכט פּרעסט אויף מיר דיין האַנד, מיין זאַפט איז
5 אימער פערביטען אויף זומער־דאַרונג. מיין זינד לאָז איך דיר וויסען
און מיין פערברעכען פערדעק איך ניט, — איך האָב בעשלאָסען איך
וועל זיך שולדיג ערקלעהרען צו גאָט אין מיינע זינד — דו אָבער פער־
6 צייהעסט אימער מיינע זינד און פערברעכען. וועגען דיעזעס בעט
צו דיר יעדער פרומער, ווען ער האָט נאָר אַ געלעגענהייט, אַז זיי זאָלען
נאָר אויף איהם ניט קומען ווי אַ פערפלייצונג פון פיעל וואַסער.
7 דו ביזט מיין שוץ, פון יעדער בעדריקער היטסטו מיר, מיט רעטונגס־
8 ליעדער רינגעלסטו מיר אימער אַרום. איך וועל דיר ערקלעהרען און
אָנצייגען אין וועלכע וועג דו זאָלסט געהן, איך וועל דיר ווינקען מיט
9 מיין אויג. זייט ניט אונוויסענד ווי אַ פערד אָדער אַ מויל־עזעל וועל־
כער מען דאַרף דעם מויל פערצאַמען איידער ער קומט נאָהענט צו דיר.
10 דער פערברעכער האָט פיעל שמערצען, אָבער דער וואָס איז פערטרויט
11 אויף גאָט יענעם רינגעלט אַרום גנאַדע. פרעהט זיך, פרומע, און זייט
פרעהליך מיט גאָט און דערפרעהט אַלע אויפריכטיגע הערצער.

## קאַפּיטעל לג

1 פרעהט זיך פרומע מיט גאָט, די אויפריכטיגע פּאַסט דאָס ריהמען.
2 לויבט גאָט מיט פּיעדלען, מיט האַרפען פון צעהן טענער זינגט צו איהם.
3 זינגט פאַר איהם אַ נייע ליעד, מאַכט אַ שעהנע רוישענדע מעלאָדיע.
4 דען גאָט׳ס וואָרט איז אויפריכטיג און יעדער טהאַט זיינער איז מיט ריכ־
טיגקייט.
5 גאָט ליעבט טוגענד און גערעכטיגקייט, אַז דאָס לאַנד זאָל מיט וואָהל־
טהאַט פול זיין.
6 דורך גאָט׳ס וואָרט זיינען געמאַכט געוואָרען די הימלען, דורך דעם
אָטהעם פון זיין מויל — אַלע זייערע פּלאַנעטען.
7 ער נעהמט צוזאַמען אין אַ באַרג דאָס ים־וואַסער, אין זאַמלונגען גיט ער
אַריין די אָבגרונדען.
8 עס פירכטען גאָט אַלע איינוואָהנער פון לאַנד, פאַר איהם שרעקען זיך
אַלע בעוואָהנער דער וועלט ;
9 וואָרום אַז ער זאָגט וואָס, ווערט עס גלייך, אַז ער גיט אַ בעפעהל איז
עס דויערהאַפטיג.
10 גאָט האָט צובראָכען דעם ראַטה פון פעלקער, ער האָט געשטערט די
פּלענער פון נאַציאָנען,
11 אָבער גאָט׳ס ראַטה בלייבט שטעהן אייביג, די פּלענער פון זיין הערצען—
אויף דור־דורות.
12 וואויל איז דעם פאָלק וואָס דער עוויגער איז זיין גאָט, דעם נאַציאָן וועל־
כען ער האָט אויסערוועהלט אַלס אייגענטהום פאַר זיך.
13 ווען גאָט קוקט פון הימעל זעהט ער אַלע מענשענקינדער,
14 פון זיין פעסטען טהראָן בעקוקט ער אַלע איינוואָהנער דער וועלט.
15 ער זעלבסט האָט זייער האַרץ בעשאַפען, ער פערשטעהט אַלע זייערע
טהאַטען.
16 ניט דורך אַ צאָהלרייכע אַרמעע ווערט דער קעניג געהאָלפען, דער העלד
ווערט ניט גערעטעט צוליעב זיין גרויסען קראַפט ;
17 נוצלאָז איז דער פערד צום זיעג — זאָגאַר מיט זיין גרויסען קראַפט קען
ער ניט רעטען.
18 עס איז אָבער געגוג גאָט׳ס קוק אויף די וואָס פירכטען איהם, פאַר די
וואָס האָפען צו זיין גנאַדע,
19 אום צו רעטען זיי פון טוידט און ערנעהרען זיי אין אַ הונגער.
20 אונזער זעעלע האָפט צו גאָט, ער איז אונזער הילף און אונזער שוץ.

21 חִכְּתָה לַיהוָה עֶזְרֵנוּ וּמָגִנֵּנוּ הוּא׃ כִּי־בוֹ יִשְׂמַח לִבֵּנוּ
22 כִּי בְשֵׁם קָדְשׁוֹ בָטָחְנוּ׃ יְהִי־חַסְדְּךָ יְהוָה עָלֵינוּ כַּאֲשֶׁר
יִחַלְנוּ לָךְ׃

## לד PSAL. XXXIV. לד

א לְדָוִד בְּשַׁנּוֹתוֹ אֶת־טַעְמוֹ לִפְנֵי אֲבִימֶלֶךְ וַיְגָרְשֵׁהוּ וַיֵּלַךְ׃
2 3 אֲבָרְכָה אֶת־יְהוָה בְּכָל־עֵת תָּמִיד תְּהִלָּתוֹ בְּפִי׃ בַּיהוָה
4 תִּתְהַלֵּל נַפְשִׁי יִשְׁמְעוּ עֲנָוִים וְיִשְׂמָחוּ׃ גַּדְּלוּ לַיהוָה אִתִּי
ה וּנְרוֹמְמָה שְׁמוֹ יַחְדָּו׃ דָּרַשְׁתִּי אֶת־יְהוָה וְעָנָנִי וּמִכָּל־
6 מְגוּרוֹתַי הִצִּילָנִי׃ הִבִּיטוּ אֵלָיו וְנָהָרוּ וּפְנֵיהֶם אַל־יֶחְפָּרוּ׃
7 8 זֶה עָנִי קָרָא וַיהוָה שָׁמֵעַ וּמִכָּל־צָרוֹתָיו הוֹשִׁיעוֹ׃ חֹנֶה
9 מַלְאַךְ־יְהוָה סָבִיב לִירֵאָיו וַיְחַלְּצֵם׃ טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי־טוֹב
י יְהוָה אַשְׁרֵי הַגֶּבֶר יֶחֱסֶה־בּוֹ׃ יְראוּ אֶת־יְהוָה קְדֹשָׁיו כִּי
11 אֵין מַחְסוֹר לִירֵאָיו׃ כְּפִירִים רָשׁוּ וְרָעֵבוּ וְדֹרְשֵׁי יְהוָה
12 לֹא־יַחְסְרוּ כָל־טוֹב׃ לְכוּ־בָנִים שִׁמְעוּ־לִי יִרְאַת יְהוָה
13 אֲלַמֶּדְכֶם׃ מִי־הָאִישׁ הֶחָפֵץ חַיִּים אֹהֵב יָמִים לִרְאוֹת
14 טו טוֹב׃ נְצֹר לְשׁוֹנְךָ מֵרָע וּשְׂפָתֶיךָ מִדַּבֵּר מִרְמָה׃ סוּר
16 מֵרָע וַעֲשֵׂה־טוֹב בַּקֵּשׁ שָׁלוֹם וְרָדְפֵהוּ׃ עֵינֵי יְהוָה אֶל־
17 צַדִּיקִים וְאָזְנָיו אֶל־שַׁוְעָתָם׃ פְּנֵי יְהוָה בְּעֹשֵׂי רָע לְהַכְרִית
18 מֵאֶרֶץ זִכְרָם׃ צָעֲקוּ וַיהוָה שָׁמֵעַ וּמִכָּל־צָרוֹתָם הִצִּילָם׃
19 כ קָרוֹב יְהוָה לְנִשְׁבְּרֵי־לֵב וְאֶת־דַּכְּאֵי־רוּחַ יוֹשִׁיעַ׃ רַבּוֹת
21 רָעוֹת צַדִּיק וּמִכֻּלָּם יַצִּילֶנּוּ יְהוָה׃ שֹׁמֵר כָּל־עַצְמוֹתָיו
22 אַחַת מֵהֵנָּה לֹא נִשְׁבָּרָה׃ תְּמוֹתֵת רָשָׁע רָעָה וְשֹׂנְאֵי
23 צַדִּיק יֶאְשָׁמוּ׃ פּוֹדֶה יְהוָה נֶפֶשׁ עֲבָדָיו וְלֹא יֶאְשְׁמוּ כָּל־
הַחֹסִים בּוֹ׃

## לה PSAL. XXXV. לה

2 א לְדָוִד ׀ רִיבָה יְהוָה אֶת־יְרִיבַי לְחַם אֶת־לֹחֲמָי׃ הַחֲזֵק
3 מָגֵן וְצִנָּה וְקוּמָה בְּעֶזְרָתִי׃ וְהָרֵק חֲנִית וּסְגֹר לִקְרַאת
רדפי

ל״ד v. 1. פתח בסוף פסוק   v. 10. א׳ נחה   ל״ה v. 1. פתח באתנח

21 וואָרום מיט איהם פרעהט זיך אונזער הארץ, ווען מיר זיינען פערטרויט
אויף זיין הייליגען נאָמען.
22 זאָל דיין גנאדע, אָ גאָט, זיין אויף אונז, ווי מיר האָפען צו דיר.

## קאַפּיטעל לד

1 דוד׳ס. ווען ער האָט פערלייקענט זיין פערשטאַנד פאַר אבימלך, ווען
מען האָט איהם ארויסגעטריעבען און ער איז אוועקגעגאַנגען.
2 איך לויב גאָט צו יעדער צייט — שטענדיג איז זיין לויב אין מיין מויל.
3 מיט גאָט ריהמט זיך מיין זעעלע, זאָלען הערען די דעמיטהיגע און זיין
4 פרעהליך. צוזאַמען מיט מיר מאַכט גרויס גאָט, לאָמיר צוזאַמען ער־
5 הויבען זיין נאָמען. ווען איך האָב געבעטען האָט ער מיר געענט־
6 פערט, פון אַלע מיינע שרעקען האָט ער מיר גערעטעט. די וועלכע קו־
קען אויס און שטרעבען צו איהם, זייערע געזיכטער וועלען ניט פער־
7 שעהמט ווערען. גלייך ווי דער געדריקטער רופט הערט גאָט און רע־
8 טעט איהם פון אַלע זיינע אונגליקען. גאָט׳ס מלאך לאַגערט ארום די
וואָס פירכטען איהם און בעפרייט זיי.
9 פיהלט און בעטראַכט ווי גוט גאָט איז, וואויל איז דעם מאַן וואָס פער־
טרויט אויף איהם.
10 פון גאָט זעטיגען זיך זיינע הייליגע — עס פעהלט קיין זאַך ניט די
וועלכע פירכטען איהם.
11 מעכטיגע זיינען פעראָרעמט און פערהונגערט געוואָרען ; אָבער די וועל־
כע בעטען גאָט זיי פעהלט קיין גוטס ניט.
12 קומט, קינדער, הערט מיר אויס ! איך וועל אייך לעהרנען גאָט׳ס־פאָרכ־
טיגקייט ;
13 „יעדער מענש וואָס וויל לעבען און ליעבט אימער צו זעהען גוטס —
14 היט אָב דיין צונג פון רעדען שלעכטעס, און דיינע ליפּען פון רעדען
פאַלשקייט ;
15 ווייך אָב פון שלעכטס און טהו נאָר גוטס, זוך פריעדען און לויף איהם
נאָך.
16 גאָט׳ס אויגען קוקען אויף די פרומע און זיינע אויערען הערען זייער
שרייען.
17 גאָט׳ס געזיכט איז אויף די וואָס טהוען שלעכטס אום אויסצוראָטהען
זייער עראינערונג פון לאַנד.
18 די וואָס שרייען צו איהם העלפט גאָט און רעטעט זיי פון אַלע זייערע אונ־
גליקען.
19 גאָט איז נאָהענט צו די צובראָכענע הערצער, און די ניעדערגעשלאָגענע
גייסטער העלפט ער.
20 פיעל אונגליקען קומען אויפ׳ן פרומען, אָבער גאָט רעטעט איהם פון זיי
אַלע ;
21 ער היט אַלע גליעדער זיינע — איינער פון זיי ווערט ניט צובראָכען.
22 דעם פערברעכער טוידט זיין שלעכטס, אָבער די וואָס האַסען דעם פרו־
מען ווערען בעשטראָפט.
23 גאָט בעפרייט אימער די זעעלע פון זיינע קנעכט, עס ווערען ניט בעשול־
דיגט אַלע וואָס פערטרויען אויף איהם.

## קאַפּיטעל לה

1 דוד׳ס. בעקעמפף, גאָט, די וואָס קעמפפען מיט מיר, בעשטרייט די וואָס
שטרייטען מיט מיר.
2 נעהם אַן אַ שילד און אַ פאַנציר און שטעה אויף צוליעב מיין הילף.
3 ציה ארויס דעם שפּיז און פערשליס (דעם וועג) קעגען מיינע פערפאָל־
גער ; זאָג צו מיין זעעלע : „איך בין דיין הילף״ !

רֹדְפָי אֱמֹר לְנַפְשִׁי יְשֻׁעָתֵךְ אָנִי׃ יֵבֹשׁוּ וְיִכָּלְמוּ מְבַקְשֵׁי 4
נַפְשִׁי יִסֹּגוּ אָחוֹר וְיַחְפְּרוּ חֹשְׁבֵי רָעָתִי׃ יִהְיוּ כְּמֹץ לִפְנֵי־ ה
רוּחַ וּמַלְאַךְ יְהוָה דּוֹחֶה׃ יְהִי־דַרְכָּם חֹשֶׁךְ וַחֲלַקְלַקֹּת 6
וּמַלְאַךְ יְהוָה רֹדְפָם׃ כִּי־חִנָּם טָמְנוּ־לִי שַׁחַת רִשְׁתָּם 7
חִנָּם חָפְרוּ לְנַפְשִׁי׃ תְּבוֹאֵהוּ שׁוֹאָה לֹא יֵדָע וְרִשְׁתּוֹ 8
אֲשֶׁר־טָמַן תִּלְכְּדוֹ בְּשׁוֹאָה יִפָּל־בָּהּ׃ וְנַפְשִׁי תָּגִיל בַּיהוָה 9
תָּשִׂישׂ בִּישׁוּעָתוֹ׃ כָּל עַצְמוֹתַי ׀ תֹּאמַרְנָה יְהוָה מִי כָמוֹךָ י
מַצִּיל עָנִי מֵחָזָק מִמֶּנּוּ וְעָנִי וְאֶבְיוֹן מִגֹּזְלוֹ׃ יְקוּמוּן עֵדֵי 11
חָמָס אֲשֶׁר לֹא־יָדַעְתִּי יִשְׁאָלוּנִי׃ יְשַׁלְּמוּנִי רָעָה תַּחַת 12
טוֹבָה שְׁכוֹל לְנַפְשִׁי׃ וַאֲנִי ׀ בַּחֲלוֹתָם לְבוּשִׁי שָׂק עִנֵּיתִי 13
בַצּוֹם נַפְשִׁי וּתְפִלָּתִי עַל־חֵיקִי תָשׁוּב׃ כְּרֵעַ כְּאָח־לִי 14
הִתְהַלָּכְתִּי כַּאֲבֶל־אֵם קֹדֵר שַׁחוֹתִי׃ וּבְצַלְעִי שָׂמְחוּ טו
וְנֶאֱסָפוּ נֶאֶסְפוּ עָלַי נֵכִים וְלֹא יָדַעְתִּי קָרְעוּ וְלֹא־דָמּוּ׃
בְּחַנְפֵי לַעֲגֵי מָעוֹג חָרֹק עָלַי שִׁנֵּימוֹ׃ אֲדֹנָי כַּמָּה תִּרְאֶה 16 17
הָשִׁיבָה נַפְשִׁי מִשֹּׁאֵיהֶם מִכְּפִירִים יְחִידָתִי׃ אוֹדְךָ בְּקָהָל 18
רָב בְּעַם עָצוּם אֲהַלְלֶךָּ׃ אַל־יִשְׂמְחוּ־לִי אֹיְבַי שֶׁקֶר שֹׂנְאַי 19
חִנָּם יִקְרְצוּ־עָיִן׃ כִּי לֹא שָׁלוֹם יְדַבֵּרוּ וְעַל רִגְעֵי־אֶרֶץ כ
דִּבְרֵי מִרְמוֹת יַחֲשֹׁבוּן׃ וַיַּרְחִיבוּ עָלַי פִּיהֶם אָמְרוּ הֶאָח ׀ 21
הֶאָח רָאֲתָה עֵינֵינוּ׃ רָאִיתָה יְהוָה אַל־תֶּחֱרַשׁ אֲדֹנָי אַל־ 22
תִּרְחַק מִמֶּנִּי׃ הָעִירָה וְהָקִיצָה לְמִשְׁפָּטִי אֱלֹהַי וַאדֹנָי 23
לְרִיבִי׃ שָׁפְטֵנִי כְצִדְקְךָ יְהוָה אֱלֹהָי וְאַל־יִשְׂמְחוּ־לִי׃ 24
אַל־יֹאמְרוּ בְלִבָּם הֶאָח נַפְשֵׁנוּ אַל־יֹאמְרוּ בִּלַּעֲנוּהוּ׃ כה
יֵבֹשׁוּ וְיַחְפְּרוּ ׀ יַחְדָּו שְׂמֵחֵי רָעָתִי יִלְבְּשׁוּ־בֹשֶׁת וּכְלִמָּה 26
הַמַּגְדִּילִים עָלָי׃ יָרֹנּוּ וְיִשְׂמְחוּ חֲפֵצֵי צִדְקִי וְיֹאמְרוּ תָמִיד 27
יִגְדַּל יְהוָה הֶחָפֵץ שְׁלוֹם עַבְדּוֹ׃ וּלְשׁוֹנִי תֶּהְגֶּה צִדְקֶךָ 28
כָּל־הַיּוֹם תְּהִלָּתֶךָ׃

למנצח

v. 10. קמץ רחב   v. 15. פתח באתנח   v. 19. 20. סגול באתנח   v. 22. פתח באתנח
v. 24. קמץ בלי אס״ף

4 צו שאַנדע און שפּאָט זאָלען ווערען די וואָס זוכען מיין לעבען, זיי זאָלען
צוריק געשטויסען ווערען און פערשעהמט ווערען די וואָס טראַכטען אויף
5 מיר שלעכטס. זאָלען זיי ווערען ווי שפּריי געגען ווינד, און גאָט'ס
6 מלאך זאָל זיי פערוואַרפען. זאָל זייער וועג ווערען פינסטער און גלי־
7 טשיג, און גאָט'ס מלאך זאָל זיי פערפאָלגען. ווארום אָהן א אורזאך
האָבען זיי מיר אונטערגעלעגט זייער פערניכטענדען נעץ, אָהן אַ אור־
8 זאך האָבען זיי פאר מיר (אַ גרוב) געגראָבען. זאָל אויף איהם אן
אונטערגאַנג קומען וועגען וועלכע ער דענקט ניט, און זיין נעץ, וועלכען
ער האָט בעהאַלטען, זאָל איהם זעלבסט פאַנגען — פּלוצלונג זאָל ער אין
9 איהם אריינפאַלען. אָבער מיין זעעלע וועט זיך פרעהען מיט גאָט, זי
10 וועט פרעהליך זיין דורך זיין הילף. אַלע מיינע גליעדער וועלען זאָגען :
ווער, גאָט, איז דיין גלייכען ? דו רעטעסט דעם בעדריקטען פון דעם
וואָס איז שטאַרקער פאר איהם, דעם ארימען און בעדירפטיגען — פון
11 זיין רויבער. עס הויבען זיך אויף רויבערישע עדות און פרעגען וועגען
12 דאָס וואָס איך ווייס ניט. זיי צאָהלען מיר מיט שלעכטס פאר גו־
13 טעס — דאָס קרענקט מיין זעעלע. אָבער איך ? — ווען זיי קרענקען
איז מיין אָנקליידונג אַ זאַק, איך פּייניג זיך מיט פאַסטען — מיין בעטען
14 (פאַר זיי) מעג מיר אָנקומען; איינגעבויגען ווי מיר זעלבסט וואָלט וועה
טהאָן, בין איך ארומגעגאַנגען ; ווי אין א מוטער־טרויער בין איך פער־
15 שווארצט און געבויגען געוואָרען. און ווען איך הינק — פרעהען זיי
זיך ווען זיי קומען זיך צוזאַמען; עס האָבען זיך ארום מיר פערזאַמעלט
קריפּעלס וועלכע איך קען ניט, זיי האָבען מיר געריסען אָהן אויפהער.
16 מיט די פאַלשקייט פון קיכעל־בעריידער קריצט יעדער אויף מיר מיט
17 די צייהנער. ווי לאַנג, אַ גאָט, וועסטו דאָס צוזעהען ? נעהם ארויס
מיין זעעלע פון אונגליק וואָס זיי ווילען אויף מיר ברענגען, פון די מעכ־
18 טיגע רעטע מיין זעעלע. איך וועל דיר לויבען אין אַ גרויסען פער־
זאַמלונג, אין אַ מאַסען־פערזאַמלונג וועל איך דיר ריהמען.
19 זאָלען זיך אויף מיר ניט פרעהען מיינע אומזיסטע פיינד, זאָלען מיט'ן
אויג ניט ווינקען די וואָס האסען מיר אָהן אַ אורזאך.
20 ווארום זיי קענען ניט רעדען פריעדליך, זאָגאר אויף די וואָס זיצען רו־
היג אינ'ם לאַנד טראַכטען זיי אויס פאַלשע רייד.
21 זיי מאַכען אויף ברייט זייער מויל אויף מיר, זאָגענדיג : „אַ פרייד, אַ
פרייד ! אונזערע אויגען זעהען דאָס !"
22 דו, גאָט, האָסט דאָס געזעהען, פערשווייג ניט ! אַ גאָט, דערווייטער זיך
ניט פון מיר.
23 מונטער זיך אויף צו מיין געריכט, מיין מעכטיגער ; און ערוואך, מיין
גאָט, צו מיין שטרייט.
24 אורטהייל מיר לויט מיין גערעכטיגקייט, עוויגער גאָט מיינער, אום זיי
זאָלען זיך ניט פרעהען אויף מיר.
25 זאָלען זיי ניט טראַכטען אין הארצען : „פרעה זיך אונזער זעעלע", זאָ־
לען זיי ניט דיינקען : „מיר האָבען איהם פארשלונגען".
26 זאָלען ווערען צו שאַנד און שמאך אַלע וואָס פרעהען זיך אויף מיין אונ־
גליק ; זאָלען זיך באַקליידען מיט שאַנדע און שפּאָט די וועלכע שטאָל־
צירען קעגען מיר.
27 זאָלען זינגען און פרעהלאך זיין די וואָס ווינשען מיר גערעכטיגקייט,
זאָלען זיי אימער זאָגען : „גרויס זיי, גאָט, וואָס ווינשט פריעדען זיין
קנעכט !"
28 אויך מיין צונג וועט אימער רעדען וועגען דיין גערעכטיגקייט, אימער
וועגען דיין לויב.

## לו Psal. XXXVI. לו

2 א לַמְנַצֵּחַ ׀ לְעֶבֶד־יְהוָה לְדָוִד׃ נְאֻם־פֶּשַׁע לָרָשָׁע בְּקֶרֶב
3 לִבִּי אֵין־פַּחַד אֱלֹהִים לְנֶגֶד עֵינָיו׃ כִּי־הֶחֱלִיק אֵלָיו בְּעֵינָיו
4 לִמְצֹא עֲוֺנוֹ לִשְׂנֹא׃ דִּבְרֵי־פִיו אָוֶן וּמִרְמָה חָדַל לְהַשְׂכִּיל
ה לְהֵיטִיב׃ אָוֶן ׀ יַחְשֹׁב עַל־מִשְׁכָּבוֹ יִתְיַצֵּב עַל־דֶּרֶךְ לֹא־
6 טוֹב רָע לֹא יִמְאָס׃ יְהוָה בְּהַשָּׁמַיִם חַסְדֶּךָ אֱמוּנָתְךָ עַד־
7 שְׁחָקִים׃ צִדְקָתְךָ ׀ כְּהַרְרֵי־אֵל מִשְׁפָּטֶךָ תְּהוֹם רַבָּה
8 אָדָם וּבְהֵמָה תוֹשִׁיעַ יְהוָה׃ מַה־יָּקָר חַסְדְּךָ אֱלֹהִים
9 וּבְנֵי אָדָם בְּצֵל כְּנָפֶיךָ יֶחֱסָיוּן׃ יִרְוְיֻן מִדֶּשֶׁן בֵּיתֶךָ וְנַחַל
י עֲדָנֶיךָ תַשְׁקֵם׃ כִּי־עִמְּךָ מְקוֹר חַיִּים בְּאוֹרְךָ נִרְאֶה־אוֹר׃
11 12 מְשֹׁךְ חַסְדְּךָ לְיֹדְעֶיךָ וְצִדְקָתְךָ לְיִשְׁרֵי־לֵב׃ אַל־תְּבוֹאֵנִי
13 רֶגֶל גַּאֲוָה וְיַד־רְשָׁעִים אַל־תְּנִדֵנִי׃ שָׁם נָפְלוּ פֹּעֲלֵי אָוֶן
דֹּחוּ וְלֹא־יָכְלוּ קוּם׃

## לז Psal. XXXVII. לז

2 א לְדָוִד ׀ אַל־תִּתְחַר בַּמְּרֵעִים אַל־תְּקַנֵּא בְּעֹשֵׂי עַוְלָה׃ כִּי
3 כֶחָצִיר מְהֵרָה יִמָּלוּ וּכְיֶרֶק דֶּשֶׁא יִבּוֹלוּן׃ בְּטַח בַּיהוָה
4 וַעֲשֵׂה־טוֹב שְׁכָן־אֶרֶץ וּרְעֵה אֱמוּנָה׃ וְהִתְעַנַּג עַל־יְהוָה
ה וְיִתֶּן־לְךָ מִשְׁאֲלֹת לִבֶּךָ׃ גּוֹל עַל־יְהוָה דַּרְכֶּךָ וּבְטַח עָלָיו
6 וְהוּא יַעֲשֶׂה׃ וְהוֹצִיא כָאוֹר צִדְקֶךָ וּמִשְׁפָּטֶךָ כַּצָּהֳרָיִם׃
7 דּוֹם ׀ לַיהוָה וְהִתְחוֹלֵל לוֹ אַל־תִּתְחַר בְּמַצְלִיחַ דַּרְכּוֹ
8 בְּאִישׁ עֹשֶׂה מְזִמּוֹת׃ הֶרֶף מֵאַף וַעֲזֹב חֵמָה אַל־תִּתְחַר
9 אַךְ לְהָרֵעַ׃ כִּי־מְרֵעִים יִכָּרֵתוּן וְקֹוֵי יְהוָה הֵמָּה יִירְשׁוּ־
י אָרֶץ׃ וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל־מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ׃
11 12 וַעֲנָוִים יִירְשׁוּ־אָרֶץ וְהִתְעַנְּגוּ עַל־רֹב שָׁלוֹם׃ זֹמֵם רָשָׁע
13 לַצַּדִּיק וְחֹרֵק עָלָיו שִׁנָּיו׃ אֲדֹנָי יִשְׂחַק־לוֹ כִּי־רָאָה כִּי־
14 יָבֹא יוֹמוֹ׃ חֶרֶב ׀ פָּתְחוּ רְשָׁעִים וְדָרְכוּ קַשְׁתָּם לְהַפִּיל
טו עָנִי וְאֶבְיוֹן לִטְבוֹחַ יִשְׁרֵי־דָרֶךְ׃ חַרְבָּם תָּבוֹא בְלִבָּם
16 וְקַשְּׁתוֹתָם תִּשָּׁבַרְנָה׃ טוֹב מְעַט לַצַּדִּיק מֵהֲמוֹן רְשָׁעִים

רבים

## קאַפּיטעל לו

1 צום אויפזעהר איבער די לידער פון דוד, גאָט'ס קנעכט.
2 איך דיינק אז דער גאָטלאָזער האָט אַ פערברעכערישען וואָרט פאַר זיינע
3 אויגען : „גאָט איז ניט אַזוי שרעקליך !" אָבער דאָס וואָס ער מאַכט
איהם אַזוי גלאַט אין זיינע אויגען איז נאָר צו מאַכען זיין זינד גענוג
4 אום צו האַסען איהם. די רייד פון זיין מויל איז אונרעכט און בעטרוג,
ער האָט אויפגעהערט בעטראַכטען, ער האָט אויפגעהערט גוטעס צו
5 טהאָן. זאגאר אויף זיין נאַכטלעגער טראַכט ער אונרעכט ; קוים
שטעלט ער זיך אויף דעם ניט גוטען וועג האסט ער שוין קיין שלעכטס
6 ניט. גאָט ! ביז'ן הימעל איז דיין גנאַדע און דיין טרייהייט ביז די
7 וואָלקענס. דיין גערעכטיגקייט איז ווי די הויכע בערג דיין אורטהייל
איז ווי דער גרויסער אָבגרונד — מענשען און טהיערען העלפסטו, גאָט.
8 ווי טהייער, אָ גאָט, איז דיין גנאַדע ? אָבער די מענשענקינדער וואָס
9 שיצען זיך אינ'ם שאָטען פון דיינע פליגלען. זיינען זאַט פון דאָס
בעסטע פון דיין הויז, און פון דיין פערגעניגענס־קוואַל טרינקסטו זיי אָן.
10 ווארום ביי דיר איז דער לעבענס־קוואל, דורך דיין לייכטען זעהען מיר
11 דאָס ליכט. פערלענגער דיין גנאַדע צו די וואָס קענען דיר און דיין
12 גערעכטיגקייט — צו די אויפריכטיגע הערצער. זאָל אויף מיר ניט
טרעטען די פוס פון שטאָלצען און זאָל מיר ניט פערוואָגלען די האַנד
13 פון פערברעכער. דאָרטען וואו עס פאַלען די וואָס טהוען אונרעכט,
ווערען זיי פערשטויסען אַז זיי זאָלען ניט קענען אויפשטעהן.

## קאַפּיטעל לז

1 דוד'ס. ערגער זיך ניט צוליעב די שלעכטע און האָב קיין פערדרוס איבער
2 די וואָס טהוען אונרעכט ; ווארום ווי גראָז וועלען זיי שנעל פער־
וועלקט ווערען און ווי גרינע גראָז וועלען זיי פערפוילט ווערען.
3 פערטרוי אויף גאָט און טהו גוטעס, בלייב אינ'ם לאַנד און זאָל דיין אויפ־
4 פיהרונג זיין מיט גלויבען. דאַן וועסטו אין גאָט פערגעניגען גע־
פינען, ווארום ער וועט דיר געבען וואָס דיין הארץ פערלאַנגט.
5 לאָז איבער צו גאָט דיין וועג, פערטרוי אויף איהם — ער וועט (פאַר
דיר) טהאָן.
6 ער וועט ארויסברייגען דיין גערעכטיגקייט העלל ווי דער שיין, און דיין
רעכט ווי דער מיטען־טאָג־שיין.
7 וואַרט אויף גאָט'ס הילף און האָף צו איהם, ערגער זיך ניט פון דעם ווע־
מען עס גליקט — פון אַ מענשען וואָס טהוט אונרעכט.
8 שטעה אָב פון צאָרן, פערלאָז אויפרעגונג און ערגער זיך ניט — דאָס
ברייגגט נאָר שלעכטעס.
9 ווארום די שלעכטע וועלען פערניכטעט ווערען, אָבער יענע וועלכע האָ־
פען צו גאָט וועלען בעזיצען דאָס לאַנד.
10 אין איין אויגענבליק געהט אונטער דער פערברעכער, דו בעטראַכטעסט
זיין אָרט און ער איז שוין ניטאָ ;
11 אָבער די דעמיטהיגע בעזיצען דאָס לאַנד, און האָבען פערגעניגען און
פיעל פריעדען.
12 דער פערברעכער פּלאַנט שלעכטס געגען דעם פרומען און קריצט אויף
איהם זיינע צייהנער.
13 אָבער גאָט לאַכט פון איהם — ער זעהט דאָך אַז עס איז שוין נאָהענט זיין
אונגליקס טאָג.
14 די פערברעכער עפענען דעם שווערד און ציעלען זייער בויגען, אום צו
מאַכען פאַלען דעם אונטערדריקטען און ארעמען — אויסצושלאַכטען די
וועלכע געהען אויפ'ן גלייכען וועג.

17 רַבִּים׃ כִּי זְרוֹעוֹת רְשָׁעִים תִּשָּׁבַרְנָה וְסוֹמֵךְ צַדִּיקִים
18 יְהוָה׃ יוֹדֵעַ יְהוָה יְמֵי תְמִימִם וְנַחֲלָתָם לְעוֹלָם תִּהְיֶה׃
19 כ לֹא־יֵבֹשׁוּ בְּעֵת רָעָה וּבִימֵי רְעָבוֹן יִשְׂבָּעוּ׃ כִּי רְשָׁעִים ׀
21 יֹאבֵדוּ וְאֹיְבֵי יְהוָה כִּיקַר כָּרִים כָּלוּ בֶעָשָׁן כָּלוּ׃ לֹוֶה
22 רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם וְצַדִּיק חוֹנֵן וְנוֹתֵן׃ כִּי מְבֹרָכָיו יִירְשׁוּ
23 אָרֶץ וּמְקֻלָּלָיו יִכָּרֵתוּ׃ מֵיְהוָה מִצְעֲדֵי־גֶבֶר כּוֹנָנוּ וְדַרְכּוֹ
24 כה יֶחְפָּץ׃ כִּי־יִפֹּל לֹא־יוּטָל כִּי יְהוָה סוֹמֵךְ יָדוֹ׃ נַעַר הָיִיתִי
גַּם־זָקַנְתִּי וְלֹא־רָאִיתִי צַדִּיק נֶעֱזָב וְזַרְעוֹ מְבַקֶּשׁ־לָחֶם׃
26 27 כָּל־הַיּוֹם חוֹנֵן וּמַלְוֶה וְזַרְעוֹ לִבְרָכָה׃ סוּר מֵרָע וַעֲשֵׂה
28 טוֹב וּשְׁכֹן לְעוֹלָם׃ כִּי יְהוָה ׀ אֹהֵב מִשְׁפָּט וְלֹא־יַעֲזֹב אֶת־
29 חֲסִידָיו לְעוֹלָם נִשְׁמָרוּ וְזֶרַע רְשָׁעִים נִכְרָת׃ צַדִּיקִים
ל יִירְשׁוּ־אָרֶץ וְיִשְׁכְּנוּ לָעַד עָלֶיהָ׃ פִּי־צַדִּיק יֶהְגֶּה חָכְמָה
31 וּלְשׁוֹנוֹ תְּדַבֵּר מִשְׁפָּט׃ תּוֹרַת אֱלֹהָיו בְּלִבּוֹ לֹא תִמְעַד
32 33 אֲשֻׁרָיו׃ צוֹפֶה רָשָׁע לַצַּדִּיק וּמְבַקֵּשׁ לַהֲמִיתוֹ׃ יְהוָה לֹא־
34 יַעַזְבֶנּוּ בְיָדוֹ וְלֹא יַרְשִׁיעֶנּוּ בְּהִשָּׁפְטוֹ׃ קַוֵּה אֶל־יְהוָה ׀ וּשְׁמֹר
דַּרְכּוֹ וִירוֹמִמְךָ לָרֶשֶׁת אָרֶץ בְּהִכָּרֵת רְשָׁעִים תִּרְאֶה׃
לה 36 רָאִיתִי רָשָׁע עָרִיץ וּמִתְעָרֶה כְּאֶזְרָח רַעֲנָן׃ וַיַּעֲבֹר וְהִנֵּה
37 אֵינֶנּוּ וָאֲבַקְשֵׁהוּ וְלֹא נִמְצָא׃ שְׁמָר־תָּם וּרְאֵה יָשָׁר כִּי־
38 אַחֲרִית לְאִישׁ שָׁלוֹם׃ וּפֹשְׁעִים נִשְׁמְדוּ יַחְדָּו אַחֲרִית
39 רְשָׁעִים נִכְרָתָה׃ וּתְשׁוּעַת צַדִּיקִים מֵיְהוָה מָעוּזָּם בְּעֵת
מ צָרָה׃ וַיַּעְזְרֵם יְהוָה וַיְפַלְּטֵם יְפַלְּטֵם מֵרְשָׁעִים וְיוֹשִׁיעֵם
כִּי חָסוּ בוֹ׃

## לח PSAL. XXXVIII. לח

א 2 מִזְמוֹר לְדָוִד לְהַזְכִּיר׃ יְהוָה אַל־בְּקֶצְפְּךָ תוֹכִיחֵנִי וּבַחֲמָתְךָ
3 4 תְיַסְּרֵנִי׃ כִּי־חִצֶּיךָ נִחֲתוּ־בִי וַתִּנְחַת עָלַי יָדֶךָ׃ אֵין־מְתֹם
בִּבְשָׂרִי מִפְּנֵי זַעְמֶךָ אֵין־שָׁלוֹם בַּעֲצָמַי מִפְּנֵי חַטָּאתִי׃
ה 6 כִּי־עֲוֺנֹתַי עָבְרוּ רֹאשִׁי כְּמַשָּׂא כָבֵד יִכְבְּדוּ מִמֶּנִּי׃ הִבְאִישׁוּ

נמקו

לז v. 15. 17. פתח באס״ף v. 39. דגש אחר שורק

15 זייער שווערד וועט אריין אין זייער הארץ, און זייערע בויגענס וועלען
16 צובראָכען ווערען. עס איז בעסער ווייניג פאר דעם פרומען אלס דער
17 גרויסער פערמעגען פאר די פערברעכערס, ווארום די פעברעכערס
ארעמס וועלען צובראָכען ווערען, אָבער די פרומע שטיצט גאָט.
18 גאָט ווייס די פערשיעדענע צייטען פון די אונשולדיגע, זייער ערבטהייל
19 וועט זיין (ביי זיי) אויף אימער — זיי וועלען ניט פערשעהמט ווערען
אין אַ שלאַכט צייט, און אין טעג פון הונגער וועלען זיי זאט ווערען.
20 אָבער די פערברעכער וועלען אונטערגעהן, אַלע פיינד גאָט׳ס וועלען פער־
ניכטעט ווערען ווי די פעטע שעפּסען — זיי וועלען אַוועק מיט׳ן רויך.
21 דער פערברעכער לייהט און בעצאהלט ניט, אָבער דער פרומער בעשענקט
22 און גיט אימער. די גאָט׳ס געזעגענדע בעזיצען דאָס לאַנד, אָבער זיינע
23 פערפלוכטע ווערען פערניכטעט. פון גאָט איז בעשטימט דעם מענ־
שען׳ס טריט, אָבער זיין וועג איז נאָך זיין אייגענעם פערלאַנג.
24 זאָגאַר ווען ער פאַלט ווערט ער ניט בעשעדיגט, דער וועמען גאָט שטיצט.
25 איך בין געווען יונג און געוואָרען אַלט, און האָב ניט געזעהען אַ פרומער
26 זאָל פערלאָזען זיין און זיין קינד זאָל זיין אַ ברויט־בעטלער ; ער האָט
אימער געשאָנקען און געליהען, דערפאר איז זיין קינד געבענשט.
27 ווייך אָב פון שלעכטעס און טהו גוטעס, וועסטו אימער אויף דיין אָרט
28 בלייבען. ווארום גאָט ליעבט גערעכטיגקייט, ער פערלאָזט ניט זיינע
פרומע וועלכע זיינען אימער פאָרזיכטיג ; אָבער דעם פערברעכער׳ס
29 קינדער ווערען פערניכטעט. אַז די פרומע בעזיצען אַ לאַנד, בלייבען
30 זיי אויף איהר אויף אימער. דעם פרומען׳ס מויל רעדט קלוגהייט, זיין
31 צונג רעדט גערעכטיגקייט. דער וואָס אין זיין הארצען איז זיין גאָט׳ס
32 לעהרע, וועלען זיינע טריט ניט וואַנקען. דער פערברעכער קוקט נאָך
33 דעם פרומען און וויל איהם טוידטען ; אָבער גאָט וועט איהם ניט
פערלאָזען אין זיין האַנד, און וועט איהם ניט פעראורטהיילען ווען ער וועט
34 אין געריכט קומען. האָף צו גאָט און היט זיין וועג, וועט ער דיר ער־
הויבען צו בעזיצען דאָס לאַנד און זעהען ווי עס ווערען פערניכטעט די
35 פערברעכער. איך האָב געזעהען אַ מעכטיגען פערברעכער און אַן איינ־
36 געוואָרצעלטען ווי אַ היימישער בוים — עס איז אָבער עטוואָס צייט
אַריבער איז ער שוין ניט געווען, איך האָב איהם געזוכט, ער האָט זיך
37 אָבער ערגעץ ניט געפונען. בעאָבאַכט אָבער דעם אונשולדיגען און
בעטראַכט דעם אויפריכטיגען, וואָס פאר אַ ענדע עס האָט דער פריעד־
38 ליכער מאַן. די זינדיגע ווערען אַלע מיט אַ מאָל פערטיליגט, דער
39 צוקונפט איז אָבגעשניטען פאר די פערברעכער. די הילף פאר די
פרומע קומט פון גאָט — ער איז זייער פעסטונג אין אַ צייט פון נויטה,
40 גאָט העלפט זיי און רעטעט זיי ; ער רעטעט זיי פון די פערברעכערס
און העלפט זיי ווייל זיי פערטרויען אויף איהם.

## קאַפּיטעל לח

1 דוד׳ס אַ געזאַנג. צו בעטראַכטען.
2 גאָט ! שטראָף מיר ניט מיט דיין צאָרן, און ציכטיג מיר ניט מיט דיין
וואוטה.
3 וואָרום דיינע פיילען האָבען אריינגעדרונגען אין מיר זינט דיין האַנד
דריקט אויף מיר.
4 עס איז קיין געזונדער פּלאַץ ניטאָ אין מיין קערפּער איבער דיין צאָרן,
עס איז קיין פריעדען אין מיינע גליעדער איבער מיינע זינד.
5 וואָרום מיינע זינד שטייגען איבער מיין קאָפּ, זיי זיינען מיר צו שווער
ווי אַ שווערע לאַסט.
6 מיינע ביילען פוילען און רינען, איבער מיין נאַרישקייט.

7 נָמַקּוּ חַבּוּרֹתָי מִפְּנֵי אִוַּלְתִּי׃ נַעֲוֵיתִי שַׁחֹתִי עַד־מְאֹד כָּל־
8 הַיּוֹם קֹדֵר הִלָּכְתִּי׃ כִּֽי־כְסָלַי מָלְאוּ נִקְלֶה וְאֵין מְתֹם
9 בִּבְשָׂרִי׃ נְפוּגוֹתִי וְנִדְכֵּיתִי עַד־מְאֹד שָׁאַגְתִּי מִנַּהֲמַת לִבִּי׃
י 11 אֲדֹנָי נֶגְדְּךָ כָל־תַּאֲוָתִי וְאַנְחָתִי מִמְּךָ לֹא־נִסְתָּרָה׃ לִבִּי
12 סְחַרְחַר עֲזָבַנִי כֹחִי וְאוֹר עֵינַי גַּם־הֵם אֵין אִתִּי׃ אֹהֲבַי ׀
13 וְרֵעַי מִנֶּגֶד נִגְעִי יַעֲמֹדוּ וּקְרוֹבַי מֵרָחֹק עָמָדוּ׃ וַיְנַקְשׁוּ ׀
מְבַקְשֵׁי נַפְשִׁי וְדֹרְשֵׁי רָעָתִי דִּבְּרוּ הַוּוֹת וּמִרְמוֹת כָּל־
14 הַיּוֹם יֶהְגּוּ׃ וַאֲנִי כְחֵרֵשׁ לֹא אֶשְׁמָע וּכְאִלֵּם לֹא יִפְתַּח־
טו 16 פִּיו׃ וָאֱהִי כְּאִישׁ אֲשֶׁר לֹא־שֹׁמֵעַ וְאֵין בְּפִיו תּוֹכָחוֹת׃ כִּי־
17 לְךָ יְהוָה הוֹחָלְתִּי אַתָּה תַעֲנֶה אֲדֹנָי אֱלֹהָי׃ כִּֽי־אָמַרְתִּי
18 פֶּן־יִשְׂמְחוּ־לִי בְּמוֹט רַגְלִי עָלַי הִגְדִּילוּ׃ כִּֽי־אֲנִי לְצֶלַע
19 נָכוֹן וּמַכְאוֹבִי נֶגְדִּי תָמִיד׃ כִּֽי־עֲוֹנִי אַגִּיד אֶדְאַג מֵחַטָּאתִי׃
כ 21 וְאֹיְבַי חַיִּים עָצֵמוּ וְרַבּוּ שֹׂנְאַי שָׁקֶר׃ וּמְשַׁלְּמֵי רָעָה תַּחַת
22 טוֹבָה יִשְׂטְנוּנִי תַּחַת רָדְופִי־טוֹב׃ אַל־תַּעַזְבֵנִי יְהוָה אֱלֹהַי
23 אַל־תִּרְחַק מִמֶּנִּי׃ חוּשָׁה לְעֶזְרָתִי אֲדֹנָי תְּשׁוּעָתִי׃

## Psal. XXXIX. לט

# לט

א 2 לַמְנַצֵּחַ לִידִיתוּן מִזְמוֹר לְדָוִד׃ אָמַרְתִּי אֶשְׁמְרָה דְרָכַי
מֵחֲטוֹא בִלְשׁוֹנִי אֶשְׁמְרָה לְפִי מַחְסוֹם בְּעֹד רָשָׁע לְנֶגְדִּי׃
3 4 נֶאֱלַמְתִּי דוּמִיָּה הֶחֱשֵׁיתִי מִטּוֹב וּכְאֵבִי נֶעְכָּר׃ חַם־לִבִּי ׀
ה בְּקִרְבִּי בַּהֲגִיגִי תִבְעַר־אֵשׁ דִּבַּרְתִּי בִּלְשׁוֹנִי׃ הוֹדִיעֵנִי
יְהוָה ׀ קִצִּי וּמִדַּת יָמַי מַה־הִיא אֵדְעָה מֶה־חָדֵל אָנִי׃
6 הִנֵּה טְפָחוֹת ׀ נָתַתָּה יָמַי וְחֶלְדִּי כְאַיִן נֶגְדֶּךָ אַךְ־כָּל־הֶבֶל
7 כָּל־אָדָם נִצָּב סֶלָה׃ אַךְ־בְּצֶלֶם ׀ יִתְהַלֶּךְ־אִישׁ אַךְ־הֶבֶל
8 יֶהֱמָיוּן יִצְבֹּר וְלֹא־יֵדַע מִי־אֹסְפָם׃ וְעַתָּה מַה־קִּוִּיתִי אֲדֹנָי
9 תּוֹחַלְתִּי לְךָ הִיא׃ מִכָּל־פְּשָׁעַי הַצִּילֵנִי חֶרְפַּת נָבָל אַל־
י 11 תְּשִׂימֵנִי׃ נֶאֱלַמְתִּי לֹא אֶפְתַּח־פִּי כִּי אַתָּה עָשִׂיתָ׃ הָסֵר
12 מֵעָלַי נִגְעֶךָ מִתִּגְרַת יָדְךָ אֲנִי כָלִיתִי׃ בְּתוֹכָחוֹת עַל־עָוֺן ׀

יסרת

ל״ח v. 21. יתיר ו׳ ל״ט v. 1. לידותון קרי

7 איך בין קרום געוואָרען און זעהר איינגעבויגען, איך געה אַרום אימער
8 פערשוואַרצט. מיינע געדערים זיינען פול מיט ענטצינדונג און
9 אין מיין קערפּער איז קיין געזונדער אָרט ניטאָ. איך בין פערשמאַכ־
טעט און זעהר ניעדערגעשלאָגען, איך האָב געשריען פון הארץ־שמערצען:
10 „אָ גאָט! דיר איז בעוואוסט מיין יעדער פערלאַנג, אויך מיין יעדער
11 זיפץ איז פון דיר ניט פערבאָרגען; מיין הארץ קראַנפּט, מיין קראַפט
איז אוועק אויך דאָס ליכט פון מיינע אויגען האָב איך מעהר ניט.
12 מיינע ליעבע און פריינד שטעהען אין מיין אונגליק פון וויטען, אויך
13 מיינע נאָהענטע בלייבען פון וויטען שטעהן. זיי מאַכען נעצען די
וואָס זוכען מיין לעבען, און די וואָס ווינשען מיר שלעכטס רעדען פער־
14 בּרעכעריש — אימער טראַכטען זיי בעטרוג. איך בין אָבער אונהעריג
15 ווי אַ טויבער און ווי אַ שטומער וואָס עפענט ניט זיין מויל. איך בין
ווי איינער וואָס הערט ניט און האָט ניט אין זיין מויל קיין שטראָפרייד.
16 וואָרום איך האָף צו דיר, גאָט; דו, מיין גאָט, וועסט (פאַר מיר) ענט־
פערען.
17 איך האָב געדענקט פיעלייכט וועלען זיי זיך פרעהען אויף מיר, ווען
מיין פוס האָט געוואַנקט האָבען זיי קעגען מיר שטאָלצירט.
18 איך בין שוין געוואָהנט צו ליידען, מיין שמערץ איז אימער נעבען מיר.
19 ווען איך דערצעהל מיינע זינד בין איך בעזאָרגט פאַר מיין פערברעכען.
20 מיינע לעבנס־פיינד זיינען שטאַרק, מיינע אומזיסטע פיינד זיינען פיעל.
21 און די וועלכע צאָהלען מיט שלעכטס פאַר גוטס האסען מיר פאַר מיין
שטרעבען נאָך גוטעס.
22 פערלאָז מיר ניט, מיין גאָט! ערווייטער זיך ניט פון מיר.
23 אייל מיין רעטונג, מיין גאָט — מיין הילף!"

## קאַפּיטעל לט

1 פאַר ידותון, דער אויפזעהער איבער דוד'ס געזאַנגען.
2 איך האָב בעשלאָסען: „איך וועל פאָרזיכטיג זיין אין מיין אויפפיהרונג
ניט צו זינדיגען מיט מיין צונג, איך וועל האַלטען אַ שלאָס אויף מיין
מויל זאָלאַנג דער פערברעכער איז נעבען מיר".
3 איך בין פערשטומט געוואָרען שווייגענדיג — איך האָב געשוויגען ווען
מיר איז גוט געווען אויך ווען מיין וועהטאָג איז אונערטרעגליך געוואָרען.
4 עס איז אָבער ערהיצט געוואָרען מיין הארץ אין מיר, אין מיינע געדאַנ־
קען האָט אַ פייער געברענט, דאַן האָב איך גערעדט מיט מיין (איינגע־
האַלטענעם) צונג:
5 „מאַך, גאָט, איך זאָל וויסען מיין ענדע, ווי גרויס איז דאָס מאָאס פון
מיינע טעג, לאָמיך וויסען ווי אונדויערהאַפט איך בין"!
6 מיינע טעג האָסטו מיר מיט שפּאַנען מיר געגעבען, מיין געדויערען איז
ניכטס געגען דיר — אַלעס איז אונדויערהאַפט! אַלע, אימער עקזיס־
טירענדע, מענשען!
7 יעדער מענש געהט נור אַרום אין פינסטערניס, אומנוציג איז זייער גע־
רוישׁ — דער וואָס זאַמעלט אָן פערמעגען וויים ניט ווער עס וועט דאָס
פערשווענדען.
8 אַלזאָ וואָס איז מיין ערוואַרטונג, גאָט! איך האָף נור צו דיר:
9 „רעטע מיך פון אַלע מיינע זינד, מאַך מיר ניט צו שאַנדע פאַר דעם אונ־
מענשען".
10 איך בין פערשטומט געוואָרען און מיין מויל ניט געעפענט ווייל דו האָסט
אַזוי בעשטימט.
11 נעהם אַראָב פון מיר דיין שטראָף, פון דעם אַנגריף פון דיין האַנד בין
איך פערניכטעט געוואָרען.

יִסַּרְתָּ אִישׁ וַתֶּמֶס כָּעָשׁ חֲמוּדוֹ אַךְ הֶבֶל כָּל־אָדָם סֶלָה׃
13 שִׁמְעָה תְפִלָּתִי ׀ יְהוָה וְשַׁוְעָתִי ׀ הַאֲזִינָה אֶל־דִּמְעָתִי אַל־
14 תֶּחֱרַשׁ כִּי גֵר אָנֹכִי עִמָּךְ תּוֹשָׁב כְּכָל־אֲבוֹתָי׃ הָשַׁע מִמֶּנִּי
וְאַבְלִיגָה בְּטֶרֶם אֵלֵךְ וְאֵינֶנִּי׃

## מ PSAL. XL. מ

2 א לַמְנַצֵּחַ לְדָוִד מִזְמוֹר׃ קַוֹּה קִוִּיתִי יְהוָה וַיֵּט אֵלַי וַיִּשְׁמַע
3 שַׁוְעָתִי׃ וַיַּעֲלֵנִי ׀ מִבּוֹר שָׁאוֹן מִטִּיט הַיָּוֵן וַיָּקֶם עַל־סֶלַע
4 רַגְלַי כּוֹנֵן אֲשֻׁרָי׃ וַיִּתֵּן בְּפִי ׀ שִׁיר חָדָשׁ תְּהִלָּה לֵאלֹהֵינוּ
ה יִרְאוּ רַבִּים וְיִירָאוּ וְיִבְטְחוּ בַּיהוָה׃ אַשְׁרֵי הַגֶּבֶר אֲשֶׁר־
6 שָׂם יְהוָה מִבְטַחוֹ וְלֹא־פָנָה אֶל־רְהָבִים וְשָׂטֵי כָזָב׃ רַבּוֹת
עָשִׂיתָ ׀ אַתָּה יְהוָה אֱלֹהַי נִפְלְאֹתֶיךָ וּמַחְשְׁבֹתֶיךָ אֵלֵינוּ
7 אֵין ׀ עֲרֹךְ אֵלֶיךָ אַגִּידָה וַאֲדַבֵּרָה עָצְמוּ מִסַּפֵּר׃ זֶבַח
וּמִנְחָה ׀ לֹא־חָפַצְתָּ אָזְנַיִם כָּרִיתָ לִּי עוֹלָה וַחֲטָאָה לֹא
8 שָׁאָלְתָּ׃ אָז אָמַרְתִּי הִנֵּה־בָאתִי בִּמְגִלַּת־סֵפֶר כָּתוּב עָלָי׃
9 י לַעֲשׂוֹת רְצוֹנְךָ אֱלֹהַי חָפָצְתִּי וְתוֹרָתְךָ בְּתוֹךְ מֵעָי׃ בִּשַּׂרְתִּי
צֶדֶק ׀ בְּקָהָל רָב הִנֵּה שְׂפָתַי לֹא אֶכְלָא יְהוָה אַתָּה יָדָעְתָּ׃
11 צִדְקָתְךָ לֹא־כִסִּיתִי ׀ בְּתוֹךְ לִבִּי אֱמוּנָתְךָ וּתְשׁוּעָתְךָ אָמָרְתִּי
12 לֹא־כִחַדְתִּי חַסְדְּךָ וַאֲמִתְּךָ לְקָהָל רָב׃ אַתָּה יְהוָה לֹא־
13 תִכְלָא רַחֲמֶיךָ מִמֶּנִּי חַסְדְּךָ וַאֲמִתְּךָ תָּמִיד יִצְּרוּנִי׃ כִּי
אָפְפוּ־עָלַי ׀ רָעוֹת עַד־אֵין מִסְפָּר הִשִּׂיגוּנִי עֲוֹנֹתַי וְלֹא־יָכֹלְתִּי
14 לִרְאוֹת עָצְמוּ מִשַּׂעֲרוֹת רֹאשִׁי וְלִבִּי עֲזָבָנִי׃ רְצֵה־יְהוָה
טו לְהַצִּילֵנִי יְהוָה לְעֶזְרָתִי חוּשָׁה׃ יֵבֹשׁוּ וְיַחְפְּרוּ ׀ יַחַד מְבַקְשֵׁי
16 נַפְשִׁי לִסְפּוֹתָהּ יִסֹּגוּ אָחוֹר וְיִכָּלְמוּ חֲפֵצֵי רָעָתִי׃ יָשֹׁמּוּ
17 עַל־עֵקֶב בָּשְׁתָּם הָאֹמְרִים לִי הֶאָח ׀ הֶאָח׃ יָשִׂישׂוּ ׀ וְיִשְׂמְחוּ ׀
בְּךָ כָּל־מְבַקְשֶׁיךָ יֹאמְרוּ תָמִיד יִגְדַּל יְהוָה אֹהֲבֵי תְּשׁוּעָתֶךָ׃
18 וַאֲנִי ׀ עָנִי וְאֶבְיוֹן אֲדֹנָי יַחֲשָׁב לִי עֶזְרָתִי וּמְפַלְטִי אַתָּה
אֱלֹהַי אַל־תְּאַחַר׃

למנצח

מ׳ v. 18. פתח באתנח ובסוף פסוק

12 ווען דו ציכטיגסט אַ מענשען מיט שטראָף פאַר זיינע זינד, מאַכסטו ווי
ווערימפּרעס צו פאַלען זיין שעהנעם קערפּער — נאָר אונדויערהאַפט איז
די גאַנצע מענשהייט אימער !
13 הער אוים מיין געבעט, גאָט ! האָרך אוים מיין שרייעז, זיי ניט גלייכגילטיג
צו מיינע טרעהרען, ווארום איך בין אַ וואַנדערער ביי דיר, אַן איינוואָה־
נער ווי אַלע עלטערען מיינע.
14 לאָז מיר אָב אום איך זאָל זיך קרעפטיגען, איידער איך געה אַוועק און
ווער פערשוואונדען.

## קאַפּיטעל מ

1 צום אויפזעהער איבער דוד'ס געזאַנגען.
2 איך האָב אימער געהאָפט צו גאָט, ער האָט זיך געווענדעט צו מיר און
אויסגעהערט מיין שרייען.
3 ער האָט מיר ארויסגענומען פון רוישענדען גרוב, פון זומפיגען לעהם, און
האָט אויף אַ פעלז מיין פוס געשטעלט — פעסט געמאַכט מיינע טריט.
4 ער האָט מיר אין מויל אריינגעגעבען אַ נייע ליעד — אַ לויבליעד צו
אונזער גאָט (זאָלען דאָס פיעל בעטראַכטען און פירכטען און פערטרויען
אויף גאָט):
5 וואויל איז דעם מאַן וועלכער מאַכט גאָט זיין פערטרויען און ווענדעט
זיך ניט צו שטאָלצע וואָס קעהרען זיך נאָך ליגען.
6 פיעל האָסטו אויפגעטהאָן, עוויגער גאָט מיינער ! דיינע וואונדערבארע
פּלענער וועגען אונז. איך וויל עס ארויסזאָגען ביזטו אָבער אונבעגרייפ־
באַר, איך וויל וועגען זיי רעדען — עס איז אָבער צופיעל זיי צו דער־
צעהלען.
7 שלאַכט־ אָדער שפּייז־אָפּפערס ווילסטו ניט — האָסטו מיר אָנצוהערען
געגעבען — פייער־ אָדער זינד־אָפּפער פערלאַנגסטו ניט ;
8 דאַן האָב איך בעשלאָסען איך מוז קומען מיט דעם ראָל־בוך וואָס איז
מיר פאָרגעשריעבען,
9 ד. ה. איך שטרעב, גאָט, צו טהאָן דיין ווילען און דיין לעהרע איז ביי
מיר אינ'ם הארצען.
10 איך האָב אימער דערצעהלט דיין גערעכטיגקייט אין אַ גרויסע פער־
זאַמלונג. איך וועל מיינע ליפּען ניט פערשליעסען, דו, גאָט, ווייסט דאָך.
11 דיין גערעכטיגקייט האָב איך ניט געהאַלטען פערבאָרגען אין מיין האַר־
צען, דיין טרייהייט און הילף האָב איך דערצעהלט פאַר אַ גרויסע פער־
זאַמלונג — איך האָב ניט פערלייקענט דיין גנאַדע און וואהרהייט.
12 אויך דו, גאָט, נעהם ניט צו פון מיר דיין גנאַדע און וואהרהייט — זאָלען
זיי מיר אימער בעוואַכען.
13 ווארום עס האָבען מיר ארומגערינגעלט אונגליקען אָהן אַ צאָהל, מיינע
זינד האָבען מיר פערדוקט איידער איך האָב זיך ארומגעזעהען זיי זיינען
מעהר אַלס די האָאר פון מיין קאָפּ — איך בין מוטהלאָז געוואָרען.
14 ווילליג איין, גאָט, מיר צו רעטען, אייל, גאָט, צו מיין הילף !
15 זאָלען ווערען צו שאַנדע און צו שפּאָט אַלע וואָס זוכען מיין לעבען צו
פערניכטען, זאָלען פאָררוקט ווערען צוריק און בעליידיגט ווערען די
וואָס ווינשען מיר בייז.
16 **זאָלען זיי פערוויסט** ווערען אויף זייער שענדליכען טריט (וועג) די
וואָס זאָגען אויף מיר : „אַ פרייד ! אַ פרייד" !
17 און זאָלען זיך פרעהען מיט דיר אַלע וואָס בעטען צו דיר, זאָלען זיי אי־
מער זאָגען, די וועלכע ליבען דיין נאָמען : „גאָט איז גרויס" !
18 אויך מיר בעדריקטען און ארעמען בעטראַכט גאָט, דו ביזט מיין הילף
און מיין רעטער — פערלייגער ניט, מיין גאָט !

## מא PSAL. XLI. מא

2 א לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד׃ אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל־דָּל בְּיוֹם רָעָה
3 יְמַלְּטֵהוּ יְהוָה׃ יְהוָה ׀ יִשְׁמְרֵהוּ וִיחַיֵּהוּ יְאֻשַּׁר בָּאָרֶץ
4 וְאַל־תִּתְּנֵהוּ בְּנֶפֶשׁ אֹיְבָיו׃ יְהוָה יִסְעָדֶנּוּ עַל־עֶרֶשׂ דְּוָי
ה כָּל־מִשְׁכָּבוֹ הָפַכְתָּ בְחָלְיוֹ׃ אֲנִי־אָמַרְתִּי יְהוָה חָנֵּנִי רְפָאָה
6 נַפְשִׁי כִּי־חָטָאתִי לָךְ׃ אוֹיְבַי יֹאמְרוּ רַע לִי מָתַי יָמוּת
7 וְאָבַד שְׁמוֹ׃ וְאִם־בָּא לִרְאוֹת ׀ שָׁוְא יְדַבֵּר לִבּוֹ יִקְבָּץ־
8 אָוֶן לוֹ יֵצֵא לַחוּץ יְדַבֵּר׃ יַחַד עָלַי יִתְלַחֲשׁוּ כָּל־שֹׂנְאָי
9 עָלַי ׀ יַחְשְׁבוּ רָעָה לִי׃ דְּבַר־בְּלִיַּעַל יָצוּק בּוֹ וַאֲשֶׁר שָׁכַב
י לֹא־יוֹסִיף לָקוּם׃ גַּם אִישׁ־שְׁלוֹמִי ׀ אֲשֶׁר־בָּטַחְתִּי בוֹ
11 אוֹכֵל לַחְמִי הִגְדִּיל עָלַי עָקֵב׃ וְאַתָּה יְהוָה חָנֵּנִי וַהֲקִימֵנִי
12 וַאֲשַׁלְּמָה לָהֶם׃ בְּזֹאת יָדַעְתִּי כִּי־חָפַצְתָּ בִּי כִּי לֹא־יָרִיעַ
13 אֹיְבִי עָלָי׃ וַאֲנִי בְּתֻמִּי תָּמַכְתָּ בִּי וַתַּצִּיבֵנִי לְפָנֶיךָ לְעוֹלָם׃
14 בָּרוּךְ יְהוָה ׀ אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל מֵהָעוֹלָם וְעַד־הָעוֹלָם אָמֵן ׀ וְאָמֵן׃

# ספר שני

# LIBER SECUNDUS.

## מב PSAL. XLII. מב

2 א לַמְנַצֵּחַ מַשְׂכִּיל לִבְנֵי־קֹרַח׃ כְּאַיָּל תַּעֲרֹג עַל־אֲפִיקֵי־מָיִם
3 כֵּן נַפְשִׁי תַעֲרֹג אֵלֶיךָ אֱלֹהִים׃ צָמְאָה נַפְשִׁי ׀ לֵאלֹהִים
4 לְאֵל חָי מָתַי אָבוֹא וְאֵרָאֶה פְּנֵי אֱלֹהִים׃ הָיְתָה־לִּי דִמְעָתִי
לֶחֶם יוֹמָם וָלָיְלָה בֶּאֱמֹר אֵלַי כָּל־הַיּוֹם אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ׃
ה אֵלֶּה אֶזְכְּרָה ׀ וְאֶשְׁפְּכָה עָלַי ׀ נַפְשִׁי כִּי אֶעֱבֹר ׀ בַּסָּךְ אֶדַּדֵּם
6 עַד־בֵּית אֱלֹהִים בְּקוֹל־רִנָּה וְתוֹדָה הָמוֹן חוֹגֵג׃ מַה־
תִּשְׁתּוֹחֲחִי ׀ נַפְשִׁי וַתֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִילִי לֵאלֹהִים כִּי עוֹד
7 אוֹדֶנּוּ יְשׁוּעוֹת פָּנָיו׃ אֱלֹהַי עָלַי נַפְשִׁי תִשְׁתּוֹחָח עַל־כֵּן
8 אֶזְכָּרְךָ מֵאֶרֶץ יַרְדֵּן וְחֶרְמוֹנִים מֵהַר מִצְעָר׃ תְּהוֹם אֶל־

תהום

מ״א v. 3. ואשר קרי v. 5. מלרע

## קאַפּיטעל מא

1 צום אויפזעהער איבער דוד'ס געזאַנגען.
2 וואויל איז דעם ווער עס בעטראַכט דעם אָרעמען, אין אַ טאָג פון נויטה
3 וועט איהם גאָט רעטען. גאָט וועט איהם אָבהיטען און ביין לעבען
האַלטען, ער וועט זיין גליקליך אינ'ם לאַנד און דו וועסט איהם ניט איי־
4 בערגעבען אינ'ם פערלאַנג פון זיינע פיינד. גאָט וועט איהם שטיצען
אויפ'ן קראַנקען בעט, זיין געלעגער האָסטו אימער געביטען ווען ער איז
5 קראַנק. איך זאָג בעגנאַדיג מיר, גאָט ! הייל מיין זעלע אָבוואָהל איך
6 האָב צו דיר געזינדיגט. מיינע פיינד רעדען שלעכטס אויף מיר : „ווען
וועט ער שוין שטאַרבען און זיין נאָמען וועט פערניכטעט ווערען ?"
7 און ווען ער קומט מיר זעהען, רעדט ער פאַלשקייט, ער בעהאַלט אין זיך
זיין אונרעכט, ווען ער געהט אַרויס אין גאַס דאַן רעדט ער.
8 אַלע מיינע פיינד סוד'ען זיך וועגען מיר, זיי טראַכטען וועגען מיר
שלעכטס :
9 „אַ אונהיילבארע קראַנקהייט איז אין איהם אריין, קוים האָט ער זיך
אַוועקגעלעגט וועט ער שוין מעהר ניט אויפשטעהן".
10 אויך מיינע פריעדליכע לייטע, אויף וועמען איך האָב זיך פערטרויט —
מיין ברויט עסער — האָט אויף מיר הויכגעהויבען די פוס.
11 אָבער דו, גאָט, בעגנאַדיג מיר און הויב מיר אויף, אום איך זאָל זיי
קענען באַצאָהלען.
12 דערפון שליעס איך אז דו ליעבסט מיר, וואָס מיין פיינד טריאומפירט
ניט איבער מיר.
13 איבער מיין אונשולד שטיצטו מיר און מאַכסט מיר אימער שטעהן פאַר
דיר.
14 געלויבט איז דער עוויגער, גאָט פון ישראל, פון אַלע צייטען ביז אייביג.
אמן, אמן.

## ספר שני

## קאַפּיטעל מב

1 צום אויפזעהער. אַ בעטראַכטונג פון קרח'ס זיהן.
2 ווי אַ הירשקוה שמאַכטעט צום וואַסער־קוואַל, אַזוי שמאַכט מיין זעלע
צו דיר, אַלמעכטיגער !
3 מיין זעלע דורשטעט צום אַלמעכטיגען — צום לעבעדיגען גאָט ; ווען
וועל איך שוין קומען און ערשיינען פאַר גאָט ? !
4 מיינע טרעהרען זיינען ביי מיר ווי שפּייז, ביי טאָג און ביי נאַכט, ווייל
מען פרעגט מיר אימער : „וואו איז דיין גאָט" ?
5 אַן דאָס ווען איך דערמאָהן זיך גיס איך מיר אויס מיין זעלע : ווען
איך פלעג געהן מיט אַ געזעלשאַפט, איך פלעג מיט זיי שפּריזען ביז
גאָט'ס הויז מיט אַ גערויש פון געזאַנג און דאַנק, אַ טאַנצענדע פערזאַמ־
לונג.
6 וואָס ביזטו ניעדערגעשלאָגען, מיין זעלע, און אונצופריעדען מיין צאַר־
טע ? האָף צו גאָט, וועמען איך וועל נאָך לויבען ; אין זיין געגענוואַרט
איז הילף.
7 מיין גאָט ! מיין זעלע איז מיר ניעדערגעשלאָגען, ווען איך דערמאָהן
דיר פון ירדן־לאַנד און די קליינע בערגלאַך פון חרמון.
8 איין קוואַל צום אַנדערען רופט אויס מיט אַ ברויזען פון דיינע וואַסער־
פאַלען; אַלע דיינע וואַסערברונען און וועללען זיינען איבער מיר אַריבער

תְּהוֹם קוֹרֵא לְקוֹל צִנּוֹרֶיךָ כָּל־מִשְׁבָּרֶיךָ וְגַלֶּיךָ עָלַי עָבָרוּ׃
9 יוֹמָם ׀ יְצַוֶּה יְהוָה ׀ חַסְדּוֹ וּבַלַּיְלָה שִׁירֹה עִמִּי תְּפִלָּה לְאֵל
י חַיָּי׃ אוֹמְרָה ׀ לְאֵל סַלְעִי לָמָה שְׁכַחְתָּנִי לָמָּה־קֹדֵר אֵלֵךְ
11 בְּלַחַץ אוֹיֵב׃ בְּרֶצַח ׀ בְּעַצְמוֹתַי חֵרְפוּנִי צוֹרְרָי בְּאָמְרָם
12 אֵלַי כָּל־הַיּוֹם אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ׃ מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי ׀ נַפְשִׁי וּמַה־
תֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִילִי לֵאלֹהִים כִּי־עוֹד אוֹדֶנּוּ יְשׁוּעֹת פָּנַי וֵאלֹהָי׃

## מג PSAL. XLIII. מג

א שָׁפְטֵנִי אֱלֹהִים ׀ וְרִיבָה רִיבִי מִגּוֹי לֹא־חָסִיד מֵאִישׁ מִרְמָה
2 וְעַוְלָה תְפַלְּטֵנִי׃ כִּי־אַתָּה ׀ אֱלֹהֵי מָעוּזִּי לָמָה זְנַחְתָּנִי לָמָּה־
3 קֹדֵר אֶתְהַלֵּךְ בְּלַחַץ אוֹיֵב׃ שְׁלַח־אוֹרְךָ וַאֲמִתְּךָ הֵמָּה
4 יַנְחוּנִי יְבִיאוּנִי אֶל־הַר־קָדְשְׁךָ וְאֶל־מִשְׁכְּנוֹתֶיךָ׃ וְאָבוֹאָה ׀
אֶל־מִזְבַּח אֱלֹהִים אֶל־אֵל שִׂמְחַת גִּילִי וְאוֹדְךָ בְכִנּוֹר
ה אֱלֹהִים אֱלֹהָי׃ מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי ׀ נַפְשִׁי וּמַה־תֶּהֱמִי עָלָי
הוֹחִילִי לֵאלֹהִים כִּי־עוֹד אוֹדֶנּוּ יְשׁוּעֹת פָּנַי וֵאלֹהָי׃

## מד PSAL. XLIV. מד

א 2 לַמְנַצֵּחַ לִבְנֵי־קֹרַח מַשְׂכִּיל׃ אֱלֹהִים ׀ בְּאָזְנֵינוּ שָׁמַעְנוּ
3 אֲבוֹתֵינוּ סִפְּרוּ־לָנוּ פֹּעַל־פָּעַלְתָּ בִימֵיהֶם בִּימֵי קֶדֶם׃ אַתָּה ׀
4 יָדְךָ גּוֹיִם הוֹרַשְׁתָּ וַתִּטָּעֵם תָּרַע לְאֻמִּים וַתְּשַׁלְּחֵם׃ כִּי
לֹא בְחַרְבָּם יָרְשׁוּ אָרֶץ וּזְרוֹעָם לֹא־הוֹשִׁיעָה לָּמוֹ כִּי־
ה יְמִינְךָ וּזְרוֹעֲךָ וְאוֹר פָּנֶיךָ כִּי רְצִיתָם׃ אַתָּה־הוּא מַלְכִּי
6 אֱלֹהִים צַוֵּה יְשׁוּעוֹת יַעֲקֹב׃ בְּךָ צָרֵינוּ נְנַגֵּחַ בְּשִׁמְךָ נָבוּס
7 8 קָמֵינוּ׃ כִּי לֹא בְקַשְׁתִּי אֶבְטָח וְחַרְבִּי לֹא תוֹשִׁיעֵנִי׃ כִּי
9 הוֹשַׁעְתָּנוּ מִצָּרֵינוּ וּמְשַׂנְאֵינוּ הֱבִישׁוֹתָ׃ בֵּאלֹהִים הִלַּלְנוּ
י כָל־הַיּוֹם וְשִׁמְךָ ׀ לְעוֹלָם נוֹדֶה סֶלָה׃ אַף־זָנַחְתָּ וַתַּכְלִימֵנוּ
11 וְלֹא־תֵצֵא בְּצִבְאוֹתֵינוּ׃ תְּשִׁיבֵנוּ אָחוֹר מִנִּי־צָר וּמְשַׂנְאֵינוּ
12 13 שָׁסוּ לָמוֹ׃ תִּתְּנֵנוּ כְּצֹאן מַאֲכָל וּבַגּוֹיִם זֵרִיתָנוּ׃ תִּמְכֹּר־
14 עַמְּךָ בְלֹא־הוֹן וְלֹא־רִבִּיתָ בִּמְחִירֵיהֶם׃ תְּשִׂימֵנוּ חֶרְפָּה

לשכנינו

מ״ד v. 4. קמץ מרביש

9 „בײ טאָג זאָל גאָט בעפעהלען זײן גנאַדע און בײ נאַכט זאָל זײן געזעל־
שאַפט זײן מיט מיר" — איז מײן געבעט צו מײן לעבעדיגען גאָט.
10 איך זאָג צו גאָט : „מײן פעלז" ! װאָרום האָסטו מיר פאַרגעסען ? װאָ־
רום זאָל איך אַרומגעהן פערשװאַרצט איבער די דריקונג פון פײנד ?
11 מיט אַ גרױזאַמקײט װאָס נעהמט דורך די גליעדער האָבען מיר געלעס־
טערט מײנע בעדריקער זאָגענדיג אימער צו מיר : „װאו איז דײן גאָט" ?
12 װאָס ביזטו ניעדערגעשלאָגען מײן זעעלע ? װאָס ביזטו אונצופריעדען,
מײן צאַרטע ? האָף צו גאָט, װעמען איך װעל נאָך לױבען, מײן הױפּט־
הילף און מײן גאָט.

## קאַפּיטעל מג

1 אורטהײל מיר, גאָט, און שטרײט מײן שטרײט ; פון אַן אופרײנדליכען
מענשען, אַ מאַן פון בעטרוג און אונרעכט זאָלסטו מיר רעטען.
2 דו ביזט דאָך מײן גאָט און פעסטונג, װאָרום האָסטו מיר פערלאָזען ?
װאָרום זאָל איך אַרומגעהן פערשװאַרצט איבער די דריקונג פון פײנד ?
3 שיק דײן ליכט און דײן װאַהרהײט, זאָלען זײ מיר פיהרען און ברענגען
4 צו דײן הײליגען באַרג און צו דײנע װאָהנונגען. אום איך זאָל קענען
קומען צו גאָט'ס אַלטאַר, צום גאָט װאָס איז מײן פרײד און צופריעדענ־
הײט, און דאַנקען דיר מיט אַ פיעדעל, מײן אַלמעכטיגער גאָט.
5 װאָס ביזטו ניעדערגעשלאָגען מײן זעעלע ? װאָס ביזטו אונצופריעדען,
מײן צאַרטע ? האָף צו גאָט װעמען איך װעל נאָך לױבען — ער איז
מײן הױפּט־הילף און מײן גאָט.

## קאַפּיטעל מד

1 צום אױפזעהער. אַ בעטראַכטונג פון קרח'ס זיהן.
2 גאָט ! מיר האָבען מיט אונזערע אױערען געהערט, אונזערע עלטערען
האָבען אונז דערצעהלט װעגען אַ טהאַט, װאָס דו האָסט אין זײערע צײ־
טען געטהאָן — אין די אַלטע צײטען.
3 דו זעלבסט, מיט דײן האַנד האָסטו פעריאָגט פעלקער און צושפּרײטעסט
זײ.
4 װאָרום ניט מיט זײער שװערד האָבען זײ ערװאָרבען דאָס לאַנד, ניט זײ־
ער מאַכט האָט זײ געהאָלפען — בלױז דײן רעכטע האַנד, דײן מאַכט
און דאָס לײכטען פון דײן געזיכט, װען דו האָסט זײ דײן צושטימונג
געגעבען.
5 דו, גאָט, ביזט דאָס מײן קעניג, בעפעהל הילף פאַר יעקב.
6 דורך דיר װעלען מיר שטױסען אונזערע בעדריקער, דורך דײן נאָמען װע־
לען מיר טרעטען אױף אונזערע געגנער.
7 איך בין ניט פערטרױט אױף מײן בױגען, ניט מײן שװערד העלפט מיר—
8 דו האָסט אונז אימער געהאָלפען פון אונזערע בעדריקער, און צו שאַנדע
געמאַכט אונזערע האַסער.
9 פאַר די אַלמאַכט לױבען מיר אימער, און דאַנקען שטענדיג דײן נאָמען.
10 זאָגאַר װען דו האָסט אונז פערװאָרפען און בעלײדיגט װען דו געהסט
ניט מיט מיט אונזערע אַרמעען ;
11 דו האָסט אונז געמאַכט צוריק ציהען זיך פון'ם פײנד װען אונזערע האַסער
האָבען פאַר זיך אַלעס צורױבט :
12 דו האָסט אונז געמאַכט פאַר שפּײז־שעפּסען װען דו האָסט אונז צושפּרײט
אונטער די פעלקער ;
13 דו פערקױפסט דײן פאָלק פאַר אַ קלײן פרײז און האָסט ניט פיעל גע־
נומען פאַר אױסבײטען זײ ;
14 דו האָסט אונז געמאַכט צו שאַנדע פאַר אונזערע שכנים, צו געלעכטער און
שפּאָט פאַר אונזערע אַרומיגע ;

טו לְשָׁכֵנֵינוּ לַעַג וָקֶלֶס לִסְבִיבוֹתֵינוּ׃ תְּשִׂימֵנוּ מָשָׁל בַּגּוֹיִם
16 מְנוֹד רֹאשׁ בַּלְאֻמִּים׃ כָּל־הַיּוֹם כְּלִמָּתִי נֶגְדִּי וּבֹשֶׁת פָּנַי
17 18 כִּסָּתְנִי׃ מִקּוֹל מְחָרֵף וּמְגַדֵּף מִפְּנֵי אוֹיֵב וּמִתְנַקֵּם׃ כָּל־
19 זֹאת בָּאַתְנוּ וְלֹא שְׁכַחֲנוּךָ וְלֹא־שִׁקַּרְנוּ בִּבְרִיתֶךָ׃ לֹא־
כ נָסוֹג אָחוֹר לִבֵּנוּ וַתֵּט אֲשֻׁרֵינוּ מִנִּי אָרְחֶךָ׃ כִּי דִכִּיתָנוּ
21 בִּמְקוֹם תַּנִּים וַתְּכַס עָלֵינוּ בְצַלְמָוֶת׃ אִם־שָׁכַחְנוּ שֵׁם
22 אֱלֹהֵינוּ וַנִּפְרֹשׂ כַּפֵּינוּ לְאֵל זָר׃ הֲלֹא אֱלֹהִים יַחֲקָר־זֹאת
23 כִּי הוּא יֹדֵעַ תַּעֲלֻמוֹת לֵב׃ כִּי־עָלֶיךָ הֹרַגְנוּ כָל־הַיּוֹם
24 נֶחְשַׁבְנוּ כְּצֹאן טִבְחָה׃ עוּרָה ׀ לָמָּה תִישַׁן ׀ אֲדֹנָי הָקִיצָה
כה אַל־תִּזְנַח לָנֶצַח׃ לָמָּה פָנֶיךָ תַסְתִּיר תִּשְׁכַּח עָנְיֵנוּ וְלַחֲצֵנוּ׃
26 27 כִּי שָׁחָה לֶעָפָר נַפְשֵׁנוּ דָּבְקָה לָאָרֶץ בִּטְנֵנוּ׃ קוּמָה עֶזְרָתָה
לָּנוּ וּפְדֵנוּ לְמַעַן חַסְדֶּךָ׃

## Psal. XLV. מה

# מה

א לַמְנַצֵּחַ עַל־שֹׁשַׁנִּים לִבְנֵי־קֹרַח מַשְׂכִּיל שִׁיר יְדִידֹת׃
2 רָחַשׁ לִבִּי ׀ דָּבָר טוֹב אֹמֵר אָנִי מַעֲשַׂי לְמֶלֶךְ לְשׁוֹנִי עֵט ׀
3 סוֹפֵר מָהִיר׃ יָפְיָפִיתָ מִבְּנֵי אָדָם הוּצַק חֵן בְּשְׂפְתוֹתֶיךָ
4 עַל־כֵּן בֵּרַכְךָ אֱלֹהִים לְעוֹלָם׃ חֲגוֹר חַרְבְּךָ עַל־יָרֵךְ גִּבּוֹר
ה הוֹדְךָ וַהֲדָרֶךָ׃ וַהֲדָרְךָ ׀ צְלַח רְכַב עַל־דְּבַר־אֱמֶת וְעַנְוָה־
6 צֶדֶק וְתוֹרְךָ נוֹרָאוֹת יְמִינֶךָ׃ חִצֶּיךָ שְׁנוּנִים עַמִּים תַּחְתֶּיךָ
7 יִפְּלוּ בְּלֵב אוֹיְבֵי הַמֶּלֶךְ׃ כִּסְאֲךָ אֱלֹהִים עוֹלָם וָעֶד שֵׁבֶט
8 מִישֹׁר שֵׁבֶט מַלְכוּתֶךָ׃ אָהַבְתָּ צֶּדֶק וַתִּשְׂנָא רֶשַׁע עַל־
9 כֵּן ׀ מְשָׁחֲךָ אֱלֹהִים אֱלֹהֶיךָ שֶׁמֶן שָׂשׂוֹן מֵחֲבֵרֶךָ׃ מֹר
וַאֲהָלוֹת קְצִיעוֹת כָּל־בִּגְדֹתֶיךָ מִן־הֵיכְלֵי שֵׁן מִנִּי שִׂמְּחוּךָ׃
י בְּנוֹת מְלָכִים בְּיִקְּרוֹתֶיךָ נִצְּבָה שֵׁגַל לִימִינְךָ בְּכֶתֶם אוֹפִיר׃
11 שִׁמְעִי־בַת וּרְאִי וְהַטִּי אָזְנֵךְ וְשִׁכְחִי עַמֵּךְ וּבֵית אָבִיךְ׃
12 13 וְיִתְאָו הַמֶּלֶךְ יָפְיֵךְ כִּי הוּא אֲדֹנַיִךְ וְהִשְׁתַּחֲוִי־לוֹ׃ וּבַת־
14 צֹר ׀ בְּמִנְחָה פָּנַיִךְ יְחַלּוּ עֲשִׁירֵי עָם׃ כָּל־כְּבוּדָּה בַת־מֶלֶךְ

פנימה

מ״ה v. 6. שוא באתנח v. 10. דק׳ דגושה v. 14. דגש אחר שורק

15 דו האָסט אונז געמאַכט פאַר אַ שפּריכוואָרט אונטער די פעלקער, אַ בע־
16 דויערונג ביי די נאַציאָנען; אימער איז מיין בעליידיגונג קעגען מיר
17 און מיט שאַנדע ווערט מיין געזיכט פערדעקט. פון די שטימע פון
18 זידלער און לעסטערער, פון פיינד און ראַכע־נעהמער — זאָגאַר ווען
דאָס אַלעס איז אויף אונז געקומען האָבען מיר דיר ניט פאַרגעסען, מיר
19 זיינען ניט פאַלש געווען אין דיין בונד: אונזער האַרץ האָט זיך ניט
צוריק געצויגען און אונזער טריט האָט ניט אָבגעגעווייכט פון דיין וועג.
20 זאָגאַר ווען דו האָסט אונז פערוואָרפען וואו עס געפינען זיך שאַקאַלען און
21 פאַרדעקט אונז מיט אַ טוידט פינסטערניס — האָבען מיר דאַן פער־
געסען דעם נאָמען פון אונזער גאָט? האָבען מיר אויסגעשפּרייט אונזערע
22 הענד צו אַן אַנדער גאָט? גאָט וויים דאָך דאָס, ווארום ער וויים די
23 פערבאָרגעניסען פון האַרצען. איבער דיר ווערען מיר אימער געמאָר־
24 דעט, מיר ווערען גערעכענט ווי שלאַכט־שעפּסען. וואך אויף, גאָט!
ווארום שלאָפסטו? מונטער זיך אויף און פערוואַרף אונז ניט אויף איי־
25 ביג! ווארום פערבאָרגסטו דיין געזיכט פאַרגעסענדיג אונזער אַרמוטה
26 און בעדריקונג?! אונזער זעעלע איז שוין געבויגען צו שטויב, אונזער
27 קערפּער קלעפּט שוין צו דער ערד — שטעה אויף, אונזער הילפע!
בעפריי אונז צוליעב דיין נאָמען.

## קאַפּיטעל מה

1 צום אויפזעהער איבער די ראָזען. אַ בעטראַכטונג פון קרח׳ס זיהן — אַ ליעבע־ליעד.

2 מיין האַרץ טראַכט אַ גוטע זאַך — איך דענק: מיינע טהאַטען זיינען קייזערליך, מיין שפּראַך איז אַ פעדער פון אַ געאיבטען שרייבער.

3 דו ביזט שעהנער פאַר אַלע מענשענקינדער, אַננעהמיגקייט איז אריינ־געגאָסען אין דיינע ליפּען, ווייל גאָט האָט דיר אימער געבענשט.

4 גורט אָן דיין שווערד אויפ׳ן זייט, העלד — דאָס איז דיין פּראַכט און שעהנהייט.

5 מיט דיעזע שעהנהייט דיינע זאָל דיר געלינגען אַרויפצושטייגען מיט וויכ־טיגע ווערטער, דעמוטה און גערעכטיגקייט, און דיין רעכטע האַנד וועט דיר וויזען שרעקליכע טהאַטען.

6 דיינע שאַרפע פייַלען [דיינע אונטערטהאַנע פעלקער] ווערען פאַלען אין האַרץ פון קעניג׳ס פיינדע.

7 דיין טהראָן, גאָט, איז אייביג, דיין רעגיערונגס סצעפּטער איז אַ סצעפּ־טער פון גערעכטיגקייט.

8 דו ליעבסט גערעכטיגקייט און האַסט שלעכטעס, דערפאַר האָט דיר איי־נעם, פון אַלע פריינד דיינע, דער אַלמעכטיגער גאָט דיינער געזאַלבט מיט פריידענ־אויל.

9 מיררען, אַלאָען אַקאַציאַ איז דיין אָנקליידונג, די מוזיק פון עלפענביינ־טעמפּלען ערפרעהט דיר.

10 נאָר קעניגליכע טעכטער פאַסען דיינע קאָסטבאַרקייטען, די קעניגין אין פיינגאָלד שטעהט נעבען דיין רעכטע האַנד.

11 הערע אויס, טאָכטער, און בעטראַכט; בייג צו דיין אויער און פאַרגעס דיין פאָלק און דיין פאָטער׳ס הויז.

12 ווען דער קעניג, וועלכער איז דיין הערר, וועט דיין שעהנהייט ליעבען, זאָלסטו זיך צו איהם בוקען.

13 די יונגע צר וועט אַ געשאַנק ברענגען, דיין בעקאַנטשאַפט וועלען פער־לאַנגען די רייכסטע פונ׳ם פאָלק.

14 די גאַנצע הערליכקייט פון אַ פּרינצעסין איז אינווייניג, איהר אָנקליידונג איז פון גאָלדענע איינזאַץ

פְּ֝נִ֗ימָה מִֽמִּשְׁבְּצ֖וֹת זָהָ֣ב לְבוּשָֽׁהּ׃ לִ֭רְקָמוֹת תּוּבַ֣ל לַמֶּ֑לֶךְ טו
בְּתוּל֣וֹת אַ֭חֲרֶיהָ רֵעוֹתֶ֑יהָ מֽוּבָא֥וֹת לָֽךְ׃ תּ֭וּבַלְנָה בִּשְׂמָחֹ֣ת 16
וָגִ֑יל תְּ֝בֹאֶ֗ינָה בְּהֵ֣יכַל מֶֽלֶךְ׃ תַּ֣חַת אֲ֭בֹתֶיךָ יִהְי֣וּ בָנֶ֑יךָ 17
תְּשִׁיתֵ֥מוֹ לְ֝שָׂרִ֗ים בְּכָל־הָאָֽרֶץ׃ אַזְכִּ֣ירָה שִׁ֭מְךָ בְּכָל־דֹּ֣ר 18
וָדֹ֑ר עַל־כֵּ֥ן עַמִּ֥ים יְהוֹדֻ֗ךָ לְעֹלָ֥ם וָעֶֽד׃

## מו Psal. XLVI. מו

לַמְנַצֵּ֥חַ לִבְנֵי־קֹ֑רַח עַל־עֲלָמ֥וֹת שִֽׁיר׃ אֱלֹהִ֣ים לָ֭נוּ מַחֲסֶ֣ה א 2
וָעֹ֑ז עֶזְרָ֥ה בְ֝צָר֗וֹת נִמְצָ֥א מְאֹֽד׃ עַל־כֵּ֣ן לֹא־נִ֭ירָא בְּהָמִ֣יר 3
אָ֑רֶץ וּבְמ֥וֹט הָ֝רִ֗ים בְּלֵ֣ב יַמִּֽים׃ יֶהֱמ֣וּ יֶחְמְר֣וּ מֵימָ֑יו יִֽרְעֲשֽׁוּ 4
הָרִ֖ים בְּגַאֲוָת֣וֹ סֶֽלָה׃ נָהָ֗ר פְּלָגָ֗יו יְשַׂמְּח֥וּ עִיר־אֱלֹהִ֑ים ה
קְ֝דֹ֗שׁ מִשְׁכְּנֵ֥י עֶלְיֽוֹן׃ אֱלֹהִ֣ים בְּ֭קִרְבָּהּ בַּל־תִּמּ֑וֹט יַעְזְרֶ֥הָ 6
אֱ֝לֹהִ֗ים לִפְנ֥וֹת בֹּֽקֶר׃ הָמ֣וּ ג֭וֹיִם מָ֣טוּ מַמְלָכ֑וֹת נָתַ֥ן בְּ֝קוֹל֗וֹ 7
תָּמ֥וּג אָֽרֶץ׃ יְהוָ֣ה צְבָא֣וֹת עִמָּ֑נוּ מִשְׂגָּב־לָ֨נוּ אֱלֹהֵ֖י יַעֲקֹ֣ב 8
סֶֽלָה׃ לְֽכוּ־חֲ֭זוּ מִפְעֲל֣וֹת יְהוָ֑ה אֲשֶׁר־שָׂ֖ם שַׁמּ֣וֹת בָּאָֽרֶץ׃ 9
מַשְׁבִּ֥ית מִלְחָמוֹת֮ עַד־קְצֵ֪ה הָ֫אָ֥רֶץ קֶ֣שֶׁת יְ֭שַׁבֵּר וְקִצֵּ֣ץ חֲנִ֑ית י
עֲ֝גָל֗וֹת יִשְׂרֹ֥ף בָּאֵֽשׁ׃ הַרְפּ֣וּ וּ֭דְעוּ כִּֽי־אָנֹכִ֣י אֱלֹהִ֑ים אָר֥וּם 11
בַּ֝גּוֹיִ֗ם אָר֥וּם בָּאָֽרֶץ׃ יְהוָ֣ה צְבָא֣וֹת עִמָּ֑נוּ מִשְׂגָּב־לָ֨נוּ אֱלֹהֵ֖י 12
יַעֲקֹ֣ב סֶֽלָה׃

## מז Psal. XLVII. מז

לַמְנַצֵּ֗חַ לִבְנֵי־קֹ֥רַח מִזְמֽוֹר׃ כָּֽל־הָ֭עַמִּים תִּקְעוּ־כָ֑ף הָרִ֥יעוּ א 2
לֵ֝אלֹהִ֗ים בְּק֣וֹל רִנָּֽה׃ כִּֽי־יְהוָ֣ה עֶלְי֣וֹן נוֹרָ֑א מֶ֥לֶךְ גָּ֝ד֗וֹל עַל־ 3
כָּל־הָאָֽרֶץ׃ יַדְבֵּ֣ר עַמִּ֣ים תַּחְתֵּ֑ינוּ וּ֝לְאֻמִּ֗ים תַּ֣חַת רַגְלֵֽינוּ׃ 4
יִבְחַר־לָ֥נוּ אֶת־נַחֲלָתֵ֑נוּ אֶ֥ת גְּא֨וֹן יַעֲקֹ֖ב אֲשֶׁר־אָהֵ֣ב סֶֽלָה׃ ה
עָלָ֣ה אֱ֭לֹהִים בִּתְרוּעָ֑ה יְ֝הוָ֗ה בְּק֣וֹל שׁוֹפָֽר׃ זַמְּר֣וּ אֱלֹהִ֣ים 6 7
זַמֵּ֑רוּ זַמְּר֖וּ לְמַלְכֵּ֣נוּ זַמֵּֽרוּ׃ כִּ֤י מֶ֖לֶךְ כָּל־הָאָ֥רֶץ אֱלֹהִ֗ים 8
זַמְּר֥וּ מַשְׂכִּֽיל׃ מָלַ֣ךְ אֱ֭לֹהִים עַל־גּוֹיִ֑ם אֱ֝לֹהִ֗ים יָשַׁ֤ב ׀ עַל־ 9

כסא

מ״ו v. 5. סגול בלי מקף

15 אויף די געשטריקטע. ווען זי ווערט געפיהרט צום קעניג געהען איהר נאָך
יונגע פרויען, איהרע פריינדליכקייטען ווערט דיר געבראכט.
16 זיי ווערען געפיהרט מיט פריידע און יובעל, ביז זיי ווערען געבראכט אין
קעניגליכען טעמפעל.
17 אַנשטאָט דיינע עלטערען וועלען זיין דיינע קינדער, דו וועסט זיי מאַכען
פאַר פירשטען איבער'ן גאַנצען לאַנד.
18 איך וועל האַלטען דעם אָנדיינקונג פון דיין נאָמען אויף אַלע דורות, אום
פעלקער זאָלען דיר אייביג לאַנג ריהמען.

## קאַפּיטעל מו

1 צום אויפזעהער איבער די זינג־מיידלאך. א ליעד פון קרח'ס קינדער.
2 גאָט איז פאַר אונז א שטאַרקע שטיצע, ער ווערט געפונען אַלס הילפע
אין גרויסען נויטה.
3 דארום שרעקען מיר זיך ניט ווען עס קעהרט זיך די וועלט, און די בערג
פון מיטען ים וואַנקען.
4 עס רוישען און ברויזען זיינע וואַסערען, עס שטורמען בערג וועלכע זיינען
אימער שטיל געווען.
5 אַבער דער טייך מיט זיינע שטראָמען דערפרעהען גאָט'ס שטאָדט, דעם
הייליגטהום פון גאָט'ס וואָהנונגען.
6 קוים איז גאָט אין איהר וועט זי ניט וואַנקען, גאָט וועט איהר העלפען
צום מאָרגען־צייט.
7 פעלקער זיינען אונטערגעגאַנגען, קעניגרייכען האָבען געוואַנקט — ער
האָט זיין שטימע ארויסגעלאָזען האָט די ערד אויפגעציטערט.
8 גאָט פון אַרמעען איז מיט אונז, אונזער שטאַרקייט איז אימער דער גאָט
פון יעקב.
9 געה, בעטראַכט גאָט'ס טהאַטען, די ציטערונגען וואָס ער האָט געמאַכט
אינ'ם לאַנד !
10 ער האָלט אָב קריעג ביז עק וועלט, בויגענס צובריכט ער און צושמעטערט
שפּיזען — וואָגענס פערברענט ער אין פייער.
11 בערוהיגט זיך און זייט וויסען אז איך גאָט בין ערהויבען ביי די פעלקער,
איך בין ערהויבען אין דער וועלט.
12 גאָט פון אַרמעען איז מיט אונז, אונזער שטאַרקייט איז אימער דער
גאָט פון יעקב.

## קאַפּיטעל מז

1 צום אויפזעהער איבער די געזאַנגען פון קרח'ס זיהן.
2 קלאַפּט מיט די הענד, אַלע פעלקער ; יובעלט צו גאָט מיט אַ זינגענדע
שטימע.
3 ווארום דער אַלהעכסטער גאָט איז אַ שרעקליכער, ער איז אַ גרויסער קע־
ניג — איבער דער גאַנצער וועלט.
4 ער וועט אונטערוואַרפען פעלקער אונטער אונז, און נאַציאָנען — אונטער
אונזערע פיס ;
5 ער זעלבסט וועט אויסערוועהלען פאַר אונז אונזער בעזיץ — דעם שטאָלץ
פון יעקב, וועמען ער ליעבט אימער.
6 גאָט ערהייבט זיך דורך יובעל, דער עוויגער — דורך די שופר־שטימע.
7 זינגט פאַר גאָט ליעב־געזאַנגען, זינגט פאַר אונזער קעניג ליעב־געזאַנגען !
8 ווארום גאָט איז דער קעניג פון דער גאַנצער וועלט, זינגט בעטראַכטונגס
ליעדער.
9 גאָט איז רעגיערער געוואָרען איבער די פעלקער, זינט גאָט האָט זיך גע־
זעצט אויף זיין הייליגען טהראָן.

י כִּסֵּא קָדְשׁוֹ׃ נְדִיבֵי עַמִּים ׀ נֶאֱסָפוּ עַם אֱלֹהֵי אַבְרָהָם כִּי
לֵאלֹהִים מָגִנֵּי־אֶרֶץ מְאֹד נַעֲלָה׃

## מח PSAL. XLVIII. מח

2 א שִׁיר מִזְמוֹר לִבְנֵי־קֹרַח׃ גָּדוֹל יְהוָה וּמְהֻלָּל מְאֹד בְּעִיר
3 אֱלֹהֵינוּ הַר־קָדְשׁוֹ׃ יְפֵה נוֹף מְשׂוֹשׂ כָּל־הָאָרֶץ הַר־צִיּוֹן
4 יַרְכְּתֵי צָפוֹן קִרְיַת מֶלֶךְ רָב׃ אֱלֹהִים בְּאַרְמְנוֹתֶיהָ נוֹדַע
ה 6 לְמִשְׂגָּב׃ כִּי־הִנֵּה הַמְּלָכִים נוֹעֲדוּ עָבְרוּ יַחְדָּו׃ הֵמָּה רָאוּ
7 כֵּן תָּמָהוּ נִבְהֲלוּ נֶחְפָּזוּ׃ רְעָדָה אֲחָזָתַם שָׁם חִיל כַּיּוֹלֵדָה׃
8 9 בְּרוּחַ קָדִים תְּשַׁבֵּר אֳנִיּוֹת תַּרְשִׁישׁ׃ כַּאֲשֶׁר שָׁמַעְנוּ ׀
כֵּן רָאִינוּ בְּעִיר יְהוָה־צְבָאוֹת בְּעִיר אֱלֹהֵינוּ אֱלֹהִים יְכוֹנְנֶהָ
י עַד־עוֹלָם סֶלָה׃ דִּמִּינוּ אֱלֹהִים חַסְדֶּךָ בְּקֶרֶב הֵיכָלֶךָ׃
11 כְּשִׁמְךָ ׀ אֱלֹהִים כֵּן תְּהִלָּתְךָ עַל־קַצְוֵי־אֶרֶץ צֶדֶק מָלְאָה
12 יְמִינֶךָ׃ יִשְׂמַח ׀ הַר־צִיּוֹן תָּגֵלְנָה בְּנוֹת יְהוּדָה לְמַעַן
13 14 מִשְׁפָּטֶיךָ׃ סֹבּוּ צִיּוֹן וְהַקִּיפוּהָ סִפְרוּ מִגְדָּלֶיהָ׃ שִׁיתוּ
לִבְּכֶם ׀ לְחֵילָה פַּסְּגוּ אַרְמְנוֹתֶיהָ לְמַעַן תְּסַפְּרוּ לְדוֹר
טו אַחֲרוֹן׃ כִּי זֶה ׀ אֱלֹהִים אֱלֹהֵינוּ עוֹלָם וָעֶד הוּא יְנַהֲגֵנוּ
עַל־מוּת׃

## מט PSAL. XLIX. מט

2 א לַמְנַצֵּחַ לִבְנֵי־קֹרַח מִזְמוֹר׃ שִׁמְעוּ־זֹאת כָּל־הָעַמִּים
3 הַאֲזִינוּ כָּל־יֹשְׁבֵי חָלֶד׃ גַּם־בְּנֵי אָדָם גַּם־בְּנֵי־אִישׁ יַחַד
4 עָשִׁיר וְאֶבְיוֹן׃ פִּי יְדַבֵּר חָכְמוֹת וְהָגוּת לִבִּי תְבוּנוֹת׃
ה 6 אַטֶּה לְמָשָׁל אָזְנִי אֶפְתַּח בְּכִנּוֹר חִידָתִי׃ לָמָּה אִירָא
7 בִּימֵי רָע עֲוֹן עֲקֵבַי יְסוּבֵּנִי׃ הַבֹּטְחִים עַל־חֵילָם וּבְרֹב
8 עָשְׁרָם יִתְהַלָּלוּ׃ אָח לֹא־פָדֹה יִפְדֶּה אִישׁ לֹא־יִתֵּן
9 י לֵאלֹהִים כָּפְרוֹ׃ וְיֵקַר פִּדְיוֹן נַפְשָׁם וְחָדַל לְעוֹלָם׃ וִיחִי־
11 עוֹד לָנֶצַח לֹא יִרְאֶה הַשָּׁחַת׃ כִּי יִרְאֶה ׀ חֲכָמִים יָמוּתוּ
12 יַחַד כְּסִיל וָבַעַר יֹאבֵדוּ וְעָזְבוּ לַאֲחֵרִים חֵילָם׃ קִרְבָּם

בתימו

מ״ח v. 5. חי״ם באתנח v. 11. סגול באתנח

10 די פירשטען פון די פעלקער האָבען זיך פערזאַמעלט — דאָס פאָלק פון'ם
גאָט פון אַברהם; וואָרום צום אַלערהעכסטען גאָט געהערען אַלע וועלט
פעסטונגען.

## קאַפּיטעל מח

1 אַ ליעד, אַ געזאַנג פון קרח'ס זיהן.
2 גאָט איז גרויס און זעהר געריהמט אין'ם שטאָדט פון אונזער גאָט —
3 זיין הייליגער באַרג. אַ שעהנער געגענד, אַ **פרייד** פאַר דאָס גאַנצע לאַנד
איז דער באַרג ציון אין די צפון־ברעגען; די הויפּטשטאָדט פון גרויסען
4 קעניג. אין איהרע פּאַלאַסטען איז גאָט בעוואוסט אַלס פעסטונג.
5 ווען קעניגע האָבען זיך פערזאַמעלט, זיי זיינען צונויפגעקומען,
6 זיי האָבען אַלעס ריכטיג געזעהען און פערוואונדערט געוואָרען — זיי
זיינען איבערראשט געוואָרען, ערשטוינט זיינען זיי געוואָרען.
7 אַ ציטערניס האָט זיי אָנגענומען, אַ קראַמפּף ווי אַ קינפּעטאָרין.
8 מיט איין מזרח־ווינד צוברעכסטו די שיפען פון תרשיש.
9 ווי מיר האָבען געהערט וועגען דער שטאָדט פון'ם גאָט פון ארמעען, אַזוי
האָבען מיר געזעהען אין דער שטאָדט פון אונזער גאָט — זאָל איהר גאָט
פעסט האַלטען אייביג לאַנג!
10 מיר האָבען געטראַכט אַז דיין גנאַדע, גאָט, איז נאָר אין דיין טעמפּעל.
11 אָבער ווי דיין נאָמען, גאָט, גרייכט צו די וועלט עקען, אַזוי איז אויך
דיין לויב — מיט די טוגענד פון דיין רעכטע האַנד איז (די וועלט) פול.
12 פרעהליך איז דער באַרג ציון, עס פרעהען זיך די פּראָווינצען פון צוליעב
דיין גערעכטיגקייט.
13 געהט ארום ציון און רינגעלט איהר ארום, צעהלט איהרע טהורעמס.
14 בעטראַכט איהר מויער־וואַנד, בעשטייגט איהרע פּאַלאַצען; אום איהר
זאָלט קענען אויסצעהלען די לעצטע רייהע.
15 וואָרום דער אַלמעכטיגער גאָט אונזערער איז אן אייביגער ער וועט אונז
פיהרען איבער טוידט־געפאַהרען.

## קאַפּיטעל מט

1 צום אויפזעהער איבער די געזאַנגען פון קרח'ס זיהן.
2 הערט דאָס אויס אַלע פעלקער; האָרכט זיך איין איינוואָהנער דער וועלט.
3 ווי די איינפאַכע אַזוי די פּאָרנעהמע, אַלע צוזאַמען — רייך אָדער אָרעם.
4 מיין מויל רעדט קלוגהייט, דאָס אויסשפּרעכען פון מיינע געדאַנקען איז
פערשטאַנד.
5 מיין בעלעהרונג וועל איך אַלס ביישפּיעל מאַכען, מיין רעטענים וועל
איך מיט הארפענליעד ערקלעהרען.
6 דאָס וואָס איך שרעק זיך איז — פיעלייכט וועט מיר מיין זינדיגע אויפ־
פיהרונג אריינברענגען אין אונגליקליכע טעג.
7 די וואָס זיינען פערטרויט אויף זייער פערמעגען און ריהמען זיך מיט
זייער גרויס רייכטהום,
8 וועה! אַ מענש קען זיך ניט בעפרייען, ער קען גאָט ניט געבען זיין אויס־
לייז־געלד.
9 עס איז צו טהייער די אויסלייז־געלד פאַר זייער לעבען, עס איז אימער
אונמעגליך —
10 זאָגאַר ווען איינער זאָל אייביג לעבען און ניט זעהען די גרוב.
11 וואָרום מען זעהט אַז אויך אַלע קלוגע שטאַרבען, זיי ווערען פערלאָרען
גליך ווי נאַרען און אונוויסענדע, און לאָזען איבער זייער פערמעגען פאַר
אַנדערע.
12 אין זיך טראַכטען זיי אַז זייערע הייזער זיינען אויף אייביג, זייערע וואָה־
נונגען אויף דור־דורות, דערפאַר רופען זיי אן די ערד מיט זייער נאמען.

בָּתֵּימוֹ ׀ לְעוֹלָם מִשְׁכְּנֹתָם לְדֹר וָדֹר קָרְאוּ בִשְׁמוֹתָם עֲלֵי
13 אֲדָמוֹת׃ וְאָדָם בִּיקָר בַּל־יָלִין נִמְשַׁל כַּבְּהֵמוֹת נִדְמוּ׃
14 טו זֶה דַרְכָּם כֵּסֶל לָמוֹ וְאַחֲרֵיהֶם ׀ בְּפִיהֶם יִרְצוּ סֶלָה׃ כַּצֹּאן
לִשְׁאוֹל שַׁתּוּ מָוֶת יִרְעֵם וַיִּרְדּוּ בָם יְשָׁרִים ׀ לַבֹּקֶר וְצִירָם
16 לְבַלּוֹת שְׁאוֹל מִזְּבֻל לוֹ׃ אַךְ־אֱלֹהִים יִפְדֶּה־נַפְשִׁי מִיַּד
17 שְׁאוֹל כִּי יִקָּחֵנִי סֶלָה׃ אַל־תִּירָא כִּי־יַעֲשִׁר אִישׁ כִּי־
18 יִרְבֶּה כְּבוֹד בֵּיתוֹ׃ כִּי לֹא בְמוֹתוֹ יִקַּח הַכֹּל לֹא־יֵרֵד
19 אַחֲרָיו כְּבוֹדוֹ׃ כִּי־נַפְשׁוֹ בְּחַיָּיו יְבָרֵךְ וְיוֹדֻךָ כִּי־תֵיטִיב לָךְ׃
כ 21 תָּבֹא עַד־דּוֹר אֲבוֹתָיו עַד־נֵצַח לֹא יִרְאוּ־אוֹר׃ אָדָם בִּיקָר
וְלֹא יָבִין נִמְשַׁל כַּבְּהֵמוֹת נִדְמוּ׃

## נ PSAL. L. נ

א מִזְמוֹר לְאָסָף אֵל ׀ אֱלֹהִים יְהוָה דִּבֶּר וַיִּקְרָא־אָרֶץ מִמִּזְרַח־
2 שֶׁמֶשׁ עַד־מְבֹאוֹ׃ מִצִּיּוֹן מִכְלַל־יֹפִי אֱלֹהִים הוֹפִיעַ׃
3 יָבֹא אֱלֹהֵינוּ וְאַל־יֶחֱרַשׁ אֵשׁ־לְפָנָיו תֹּאכֵל וּסְבִיבָיו נִשְׂעֲרָה
4 מְאֹד׃ יִקְרָא אֶל־הַשָּׁמַיִם מֵעָל וְאֶל־הָאָרֶץ לָדִין עַמּוֹ׃
ה 6 אִסְפוּ־לִי חֲסִידָי כֹּרְתֵי בְרִיתִי עֲלֵי־זָבַח׃ וַיַּגִּידוּ שָׁמַיִם
7 צִדְקוֹ כִּי־אֱלֹהִים ׀ שֹׁפֵט הוּא סֶלָה׃ שִׁמְעָה עַמִּי ׀ וַאֲדַבֵּרָה
8 יִשְׂרָאֵל וְאָעִידָה בָּךְ אֱלֹהִים אֱלֹהֶיךָ אָנֹכִי׃ לֹא עַל־
9 זְבָחֶיךָ אוֹכִיחֶךָ וְעוֹלֹתֶיךָ לְנֶגְדִּי תָמִיד׃ לֹא־אֶקַּח מִבֵּיתְךָ
י פָר מִמִּכְלְאֹתֶיךָ עַתּוּדִים׃ כִּי לִי כָל־חַיְתוֹ־יָעַר בְּהֵמוֹת
11 12 בְּהַרְרֵי־אָלֶף׃ יָדַעְתִּי כָּל־עוֹף הָרִים וְזִיז שָׂדַי עִמָּדִי׃ אִם־
13 אֶרְעַב לֹא־אֹמַר לָךְ כִּי־לִי תֵבֵל וּמְלֹאָהּ׃ הַאוֹכַל בְּשַׂר
14 אַבִּירִים וְדַם עַתּוּדִים אֶשְׁתֶּה׃ זְבַח לֵאלֹהִים תּוֹדָה וְשַׁלֵּם
טו לְעֶלְיוֹן נְדָרֶיךָ׃ וּקְרָאֵנִי בְּיוֹם צָרָה אֲחַלֶּצְךָ וּתְכַבְּדֵנִי׃
16 וְלָרָשָׁע ׀ אָמַר אֱלֹהִים מַה־לְּךָ לְסַפֵּר חֻקָּי וַתִּשָּׂא בְרִיתִי
17 עֲלֵי־פִיךָ׃ וְאַתָּה שָׂנֵאתָ מוּסָר וַתַּשְׁלֵךְ דְּבָרַי אַחֲרֶיךָ׃
18 19 אִם־רָאִיתָ גַנָּב וַתִּרֶץ עִמּוֹ וְעִם מְנָאֲפִים חֶלְקֶךָ׃ פִּיךָ שָׁלַחְתָּ

ברעה

מ״ט v. 15. וצורם ק׳

13 דער מענש אָבער איז ניט דויערהאַפט זאַגאַר אין גוטעס, ער איז געגליכען
14 צו די טהירען וואָס ווערען פערניכטעט, דאָס איז זייער נאַרישע
וועג, און זייער נאַכקומענדע איז אימער זייער ריידען אַנגענעהם —
15 ווי שעפּסען ווערען זיי אַלע אין גרוב געלעגט, דער טוידט נעהמט זיי
אַוועק און אויף מאָרגען טרעטען אויף זיי די אויפריכטיגע ; אַזוי ווערט
זייער אויסזעהען פערפוילט אין גרוב, וואו מען ברענגט איהם פון זיין
16 וואָהנונג. בלויז גאָט קען מיר אימער רעטען פון דער העלל ווען ער זאָל
17 מיר צונעהמען. שרעק זיך ניט ווען איינער ווערט רייך און עס וואַקסט
18 זיין הויז־פערמעגען. — ווארום שטאַרבענדיג וועט ער דאָס אַלעס ניט
19 מיטנעהמען, זיין פערמעגען וועט נאָך איהם ניט נאָכגעהן, ער האָט זיך
נאָר געריהמט זאָלאַנג ער האָט געלעבט, אַזוי ווי מען לויבט דיר ווען דיר
20 געהט גוט ; אָבער אויך דו וועסט קומען צו די רייהע פון זיינע עלטערען,
21 וועלכע וועלען שוין ניעמאַלס די ליכט זעהען. ווען דער מענש לעבט אין
עהרע בעטראַכט ער ניט אַז ער איז פערגליכען צו די אונרעדעוודיגע פיה.

## קאַפּיטעל נ

1 אסף׳ס אַ געזאַנג. דער אַלמעכטיגער גאָט, דער עוויגער האָט גערעדט און
אויסגערופען אויף דער ערד, פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג.
2 פון ציון — די פאָלקאָמענע שעהנהייט — האָט גאָט ערשיינט.
3 ווען אונזער גאָט קומט שווייגט ער ניט : פאַראויס ברענט אַ פייער און
אַרום איהם איז זעהר שטורמדיג.
4 פון דער הויך רופט ער דעם הימעל און די ערד צו אורטהיילען זיין פאָלק :
5 „פערזאַמעלט מיר מיינע פרומע, וועלכע שליסען מיט מיר אַ בונד ביים
שלאַכטען אַ אָפּפער״.
6 די הימלען דערצעהלען זיין גערעכטיגקייט, ווארום גאָט איז אימער דער־
ריכטער.
7 הער, מיין פאָלק, און איך וועל רעדען ; הער, ישראל, איך וויל דיר
ווארנען — איך, דיין אלמעכטיגער גאָט.
8 איך וועל דיר ניט פאָרווארפען וועגען דיינע אָפּפער, דיינע שטענדיגע
פייער־אָפּפער, וועלכע דו ברייננגסט מיר —
9 איך וויל ניט נעהמען קיין אָקס פון דיין הויז, און קיין שאָף פון דיינע
שטאַלען,
10 ווארום צו מיר בעלאַנגען אַלע וואַלד־טהיערען, די טויזענדע פיה פון די
בערג ;
11 איך קען אַלע באַרג־פויגלען, מיר זיינען בעוואוסט אַלע קריכענדע פון די
פעלדער.
12 ווען איך זאָל הונגעריג ווערען דארף איך דיר ניט דערצעהלען, ווארום
די וועלט מיט אַלעם וואָס פילט איהר אָן איז מיינע.
13 עס איך דען אָקסען־פלייש ? טרינק איך דען שאָף־בלוט ?
14 אָפּפער צו גאָט אַ דאַנק, דערמיט בעצאָהל דיינע פערשפּרעכונגען צום
אַלערהעכסטען.
15 רוף צו מיר אין טאָג פון נויטה, איך וועל דיר רעטען אום דו זאָלסט מיר
עהרען.
16 צום פערברעכער זאָגט גאָט : „וואָס האָסטו צו צעהלען מיינע געזעצע
און רעדען מיט דיין מויל וועגען מיין בונד ?
17 דו פעראַכטעסט דאָך לעהרע און פערווארפסט מיינע ווערטער הינטער
דיר —
18 זעהסטו אַ גנב שטימסטו מיט איהם, מיט אויסגעלאַסענע נעהמסטו
אַ טהייל,
19 דו לאָזט פריי דיין מויל צו בייזעס, און דיין צונג פערמעהרט בעטרוג ;

כ בְּרָעָה וּלְשׁוֹנְךָ תַּצְמִיד מִרְמָה׃ תֵּשֵׁב בְּאָחִיךָ תְדַבֵּר
21 בְּבֶן־אִמְּךָ תִּתֶּן־דֹּפִי׃ אֵלֶּה עָשִׂיתָ ׀ וְהֶחֱרַשְׁתִּי דִּמִּיתָ הֱיוֹת־
22 אֶהְיֶה כָמוֹךָ אוֹכִיחֲךָ וְאֶעֶרְכָה לְעֵינֶיךָ׃ בִּינוּ־נָא זֹאת
23 שֹׁכְחֵי אֱלוֹהַּ פֶּן־אֶטְרֹף וְאֵין מַצִּיל׃ זֹבֵחַ תּוֹדָה יְכַבְּדָנְנִי
וְשָׂם דֶּרֶךְ אַרְאֶנּוּ בְּיֵשַׁע אֱלֹהִים׃

## Psal. LI. נא נא

א 2 לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד׃ בְּבוֹא־אֵלָיו נָתָן הַנָּבִיא כַּאֲשֶׁר־
3 בָּא אֶל־בַּת־שָׁבַע׃ חָנֵּנִי אֱלֹהִים כְּחַסְדֶּךָ כְּרֹב רַחֲמֶיךָ
4 ה מְחֵה פְשָׁעָי׃ הֶרֶבה כַּבְּסֵנִי מֵעֲוֺנִי וּמֵחַטָּאתִי טַהֲרֵנִי׃ כִּי־
6 פְשָׁעַי אֲנִי אֵדָע וְחַטָּאתִי נֶגְדִּי תָמִיד׃ לְךָ לְבַדְּךָ ׀ חָטָאתִי
וְהָרַע בְּעֵינֶיךָ עָשִׂיתִי לְמַעַן תִּצְדַּק בְּדָבְרֶךָ תִּזְכֶּה בְשָׁפְטֶךָ׃
7 8 הֵן־בְּעָווֹן חוֹלָלְתִּי וּבְחֵטְא יֶחֱמַתְנִי אִמִּי׃ הֵן אֱמֶת חָפַצְתָּ
9 בַטֻּחוֹת וּבְסָתֻם חָכְמָה תוֹדִיעֵנִי׃ תְּחַטְּאֵנִי בְאֵזוֹב וְאֶטְהָר
י תְּכַבְּסֵנִי וּמִשֶּׁלֶג אַלְבִּין׃ תַּשְׁמִיעֵנִי שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה תָּגֵלְנָה
11 עֲצָמוֹת דִּכִּיתָ׃ הַסְתֵּר פָּנֶיךָ מֵחֲטָאָי וְכָל־עֲוֺנֹתַי מְחֵה׃
12 13 לֵב טָהוֹר בְּרָא־לִי אֱלֹהִים וְרוּחַ נָכוֹן חַדֵּשׁ בְּקִרְבִּי׃ אַל־
14 תַּשְׁלִיכֵנִי מִלְּפָנֶיךָ וְרוּחַ קָדְשְׁךָ אַל־תִּקַּח מִמֶּנִּי׃ הָשִׁיבָה
טו לִּי שְׂשׂוֹן יִשְׁעֶךָ וְרוּחַ נְדִיבָה תִסְמְכֵנִי׃ אֲלַמְּדָה פֹשְׁעִים
16 דְּרָכֶיךָ וְחַטָּאִים אֵלֶיךָ יָשׁוּבוּ׃ הַצִּילֵנִי מִדָּמִים ׀ אֱלֹהִים
17 אֱלֹהֵי תְּשׁוּעָתִי תְּרַנֵּן לְשׁוֹנִי צִדְקָתֶךָ׃ אֲדֹנָי שְׂפָתַי תִּפְתָּח
18 וּפִי יַגִּיד תְּהִלָּתֶךָ׃ כִּי ׀ לֹא־תַחְפֹּץ זֶבַח וְאֶתֵּנָה עוֹלָה
19 לֹא תִרְצֶה׃ זִבְחֵי אֱלֹהִים רוּחַ נִשְׁבָּרָה לֵב־נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה
כ אֱלֹהִים לֹא תִבְזֶה׃ הֵיטִיבָה בִרְצוֹנְךָ אֶת־צִיּוֹן תִּבְנֶה
21 חוֹמוֹת יְרוּשָׁלָםִ׃ אָז תַּחְפֹּץ זִבְחֵי־צֶדֶק עוֹלָה וְכָלִיל אָז
יַעֲלוּ עַל־מִזְבַּחֲךָ פָרִים׃

## Psal. LII. נב נב

א 2 לַמְנַצֵּחַ מַשְׂכִּיל לְדָוִד׃ בְּבוֹא ׀ דּוֹאֵג הָאֲדֹמִי וַיַּגֵּד לְשָׁאוּל
ויאמר

נ v. 23. סגול באתנח   נ״א v. 4. הרב קרי

20 דו זעצט זיך און בערעדסט דיין ברודער, אויף דיין מוטער׳ס זוהן רעדסטו
21 שענדליכעס. דאָס אַלעס האָסטו געטהאָן און איך האָב געשוויגען, האָסטו געמיינט איך וועל זיין גלייך מיט דיר; איך וועל דיר אָבער
22 שטראָפען און וועל עס שטעלען פאר דיינע אויגען. בעטראַכט נאָר דאָס, איהר גאָט־פארגעסער! איידער איך וועל צורייסען אז עס וועט קיין רע־
23 טער זיין. דער וואָס אָפּפערט דאנקבאַרקייט יענער בעעהרט מיר, דער וואָס מאַכט זיך אַ וועג, וועל איך גאָט איהם ווייזען הילף.

## קאַפּיטעל נא

1 צום אויפזעהער איבער דוד׳ס געזאַנגען.
2 ווען נתן דער נביא איז צו איהם געקומען, נאָכדעם ווי ער איז געוועזן ביי בת־שבע.
3 בעגנאַדיג מיר, גאָט, לויט דיין טוגענד, מעק אָב מיינע זינד לויט דיין גרויס ערבארמונג.
4 וואַש מיר פיעל פון מיינע זינד און רייניג מיר פון מיינע פערברעכענס.
5 ווארום איך אנערקען מיינע זינד, מיין פערברעכען שטעהט אימער פאר מיר.
6 צו דיר אַליין האָב איך געזינדיגט און געטהאָן וואָס דיר געפעלט ניט, אום דו זאָלסט גערעכט בלייבען אין דיין פיהרונג, ריין זיין אין דיין אורטהייל.
7 איך בין דאָך אין זינד געבוירען, און אין פערברעכען איז מיין מוטער מיט מיר שוואַנגער געוואָרען.
8 דו פערלאַנגסט די אינערליכע וואהרהייט, לאָז מיר וויסען די פערבאָר־גענע קלוגהייט.
9 רייניג מיר מיט אזוב וועל איך ריין ווערען, וואַש מיר און איך וועל ווע־רען ווייסער אַלס שנעע.
10 לאָז מיר הערען פריידע און פרעהליכקייט, זאָלען צופריעדען זיין די גליעדער וועלכע דו האָסט צובראָכען.
11 פערבארג דיין געזיכט פון מיינע זינד אָדער מעק אָב אַלע מיינע זינד.
12 בעשאַף מיר, גאָט, אַ ריינעס הארץ און אַ ריכטיגען גייסט בעניי אין מיר.
13 פערוואַרף מיר ניט פון דיר און נעהם פון מיר ניט צו דיין הייליגען גייסט.
14 גיב מיר צוריק די פרייד פון דיין הילף, און זאָל מיר שטיצען אַ גרויס־מיטהיגער גייסט.
15 דאַן וועל איך בעלעהרען פערברעכער (צו געהן אין) דיינע וועגען, און זינדיגע — אַז זיי זאָלען זיך צו דיר אומקעהרען.
16 פערהיט מיר, גאָט, פון בלוטשולדען. גאָט פון מיין הילף! מיין צונג וועט זינגען וועגען דיין גערעכטיגקייט.
17 גאָט וועט עפענען מיינע ליפּען וועט מיין מויל זאָגען דיין לויב.
18 דו ווילסט דאָך ניט איך זאָל אַ אָפּפער געבען, דו פערלאַנגסט קיין פייער־אָפּפער.
19 גאָט׳ס אָפּפער איז אַ צובראָכענער גייסט, אַ צובראָכענע און ניעדערגע־שלאַגענע הארץ פעראַכטעסטו ניט.
20 בעסער אויס מיט דיין ווילען ציון, בוי אויף די מויערן פון ירושלים —
21 דאַן וועסטו פערלאַנגען אָפּפער פון גערעכטיגקייט, פייער־ און גאַנץ־אָפּפער, דאַן וועלען זיי ברענגען אָקסען אויף דיין אַלטאַר.

## קאַפּיטעל נב

1 צום אויפזעהער, דוד׳ס אַ בעטראַכטונג.
2 ווען דואג, דער אדומ׳יער איז געקומען אָנזאָגען שאול׳ן, און האָט איהם דערצעהלט אַז דוד איז געוועזן אין אחימלך׳ס הויז.

וַיֹּאמֶר לוֹ בָּא־דָוִד אֶל־בֵּית אֲחִימֶלֶךְ׃ מַה־תִּתְהַלֵּל 3
בְּרָעָה הַגִּבּוֹר חֶסֶד אֵל כָּל־הַיּוֹם׃ הַוּוֹת תַּחְשֹׁב לְשׁוֹנֶךָ 4
כְּתַעַר מְלֻטָּשׁ עֹשֵׂה רְמִיָּה׃ אָהַבְתָּ רָּע מִטּוֹב שֶׁקֶר ׀ ה
מִדַּבֵּר צֶדֶק סֶלָה׃ אָהַבְתָּ כָל־דִּבְרֵי־בָלַע לְשׁוֹן מִרְמָה׃ 6
גַּם־אֵל יִתָּצְךָ לָנֶצַח יַחְתְּךָ וְיִסָּחֲךָ מֵאֹהֶל וְשֵׁרֶשְׁךָ מֵאֶרֶץ 7
חַיִּים סֶלָה׃ וְיִרְאוּ צַדִּיקִים וְיִירָאוּ וְעָלָיו יִשְׂחָקוּ׃ הִנֵּה 8 9
הַגֶּבֶר לֹא־יָשִׂים אֱלֹהִים מָעוּזּוֹ וַיִּבְטַח בְּרֹב עָשְׁרוֹ יָעֹז
בְּהַוָּתוֹ׃ וַאֲנִי כְּזַיִת רַעֲנָן בְּבֵית אֱלֹהִים בָּטַחְתִּי בְחֶסֶד י
אֱלֹהִים עוֹלָם וָעֶד׃ אוֹדְךָ לְעוֹלָם כִּי עָשִׂיתָ וַאֲקַוֶּה שִׁמְךָ 11
כִּי־טוֹב נֶגֶד חֲסִידֶיךָ׃

## נג PSAL. LIII. נג

לַמְנַצֵּחַ עַל־מָחֲלַת מַשְׂכִּיל לְדָוִד׃ אָמַר נָבָל בְּלִבּוֹ אֵין א 2
אֱלֹהִים הִשְׁחִיתוּ וְהִתְעִיבוּ עָוֶל אֵין עֹשֵׂה־טוֹב׃ אֱלֹהִים 3
מִשָּׁמַיִם הִשְׁקִיף עַל־בְּנֵי־אָדָם לִרְאוֹת הֲיֵשׁ מַשְׂכִּיל דֹּרֵשׁ
אֶת־אֱלֹהִים׃ כֻּלּוֹ סָג יַחְדָּו נֶאֱלָחוּ אֵין עֹשֵׂה־טוֹב אֵין גַּם 4
אֶחָד׃ הֲלֹא יָדְעוּ פֹּעֲלֵי אָוֶן אֹכְלֵי עַמִּי אָכְלוּ לֶחֶם אֱלֹהִים ה
לֹא קָרָאוּ׃ שָׁם פָּחֲדוּ פַחַד לֹא־הָיָה פָחַד כִּי־אֱלֹהִים 6
פִּזַּר עַצְמוֹת חֹנָךְ הֱבִשֹׁתָה כִּי־אֱלֹהִים מְאָסָם׃ מִי־יִתֵּן 7
מִצִּיּוֹן יְשֻׁעוֹת יִשְׂרָאֵל בְּשׁוּב אֱלֹהִים שְׁבוּת עַמּוֹ יָגֵל יַעֲקֹב
יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל׃

## נד PSAL. LIV. נד

לַמְנַצֵּחַ בִּנְגִינֹת מַשְׂכִּיל לְדָוִד׃ בְּבוֹא הַזִּיפִים וַיֹּאמְרוּ א 2
לְשָׁאוּל הֲלֹא־דָוִד מִסְתַּתֵּר עִמָּנוּ׃ אֱלֹהִים בְּשִׁמְךָ הוֹשִׁיעֵנִי 3
וּבִגְבוּרָתְךָ תְדִינֵנִי׃ אֱלֹהִים שְׁמַע תְּפִלָּתִי הַאֲזִינָה לְאִמְרֵי־ 4
פִי׃ כִּי זָרִים ׀ קָמוּ עָלַי וְעָרִיצִים בִּקְשׁוּ נַפְשִׁי לֹא שָׂמוּ ה
אֱלֹהִים לְנֶגְדָּם סֶלָה׃ הִנֵּה אֱלֹהִים עֹזֵר לִי אֲדֹנָי בְּסֹמְכֵי 6
נַפְשִׁי׃ יָשׁוֹב הָרַע לְשֹׁרְרָי בַּאֲמִתְּךָ הַצְמִיתֵם׃ בִּנְדָבָה 7 8

אזבחה

נ״ב v. 5. ר׳ דגושה v. 9. דגש אחר שורק נ״ג v. 5. סגול באתנח נ״ד v. 7. ישיב קרי

3 וואס ריהמסטו זיך מיט שלעכטעס, דו העלד ? גאט'ס גנאדע איז אי־
מער.
4 דו טראכסט אימער בייזעס, דיין צונג, בעטריגער, איז ווי א געשליפע־
נער ראזירמעסער.
5 שלעכטעס ליעבסטו מעהר אלס גוטעס, ליגען (ליעבסטו) אימער מעהר
אלס ריידען גערעכטיגקייט.
6 דו ליעבסט אלערליי פערדארבענע רייד, די בעטריגערישע שפראך.
7 דערפאר וועט דיר גאט אויך אויף אימער צוברעכען, ער וועט דיר אויס־
שניידען און אויסרייסען פון געצעלט ; ער וועט דיר אויף אימער אויס־
ווארצלען פון לאנד און לעבען.
8 דאס וועלען זעהען די פרומע און וועלען שרעק האבען, אבוואהל זיי ווע־
לען פון איהם לאכען :
9 „אט דאס איז דער מאן וואס מאכט ניט גאט אלס זיין פעסטונג — ער
איז פערטרויט אויף זיין גרויס רייכטהום, ער שטיצט זיך אויף זיין אונ־
גליק !"
10 איך אבער בין ווי א גרינער אוילבוים אין גאט'ס הויז, איך בין
אימער פערטרויט אויף גאט'ס גנאדע.
11 איך לויב דיר אימער פאר אלעס וואס דו האסט געטהאן, און האף צו דיין
נאמען, וועלכער איז גוט צו דיינע פרומע.

## קאפיטעל נג

1 צום אויפזועהער איבער'ן כאר. דוד'ס א בעטראכטונג.
2 דער ניעדערטרעכטיגער טראכט זיך אין הארצען : „עס איז קיין גאט !"
דערפאר זיינען פערדארבען און זינדיג די וואס טהוען אונרעכט, קיינער
פון זיי טהוט קיין גוטס.
3 גאט קוקט אראב פון הימעל אויף די מענשענקינדער, אום צו זעהען אויב
עס איז דא א פערנינפטיגער, א גאט־זוכער.
4 אלע זיינען אבגעפאלען, צוזאמען פערדארבען געווארען, קיינער טהוט
קיין גוטס ניט, ניט זאגאר איינ־איינציגער.
5 ווייסען דאס ניט אלע אונרעכט־טהוער (וועלכע פערצעהרען מיין פאלק),
וועלכע עסען ברויט ניט רופענדיג צו גאט ?
6 דארט בעפאלט זיי א שרעק, א אונגעהערטער שרעק, ווען גאט צושפרייט
די מעכטיגע (ארמעען) פון דיין בעלאגערער ; דו פערשעמסט זיי וויל
גאט האט זיי פערהאסט.
7 אה, וואלט שוין פון ציון געקומען די הילף פאר ישראל, ווען גאט וועט
צוריקברייינגען די געפאנגענשאפט פון זיין פאלק, דאן וועט יעקב פרעה־
ליך זיין און ישראל וועט זיך פרעהען.

## קאפיטעל נד

1 צום אויפזועהער איבער די מעלאדיען. דוד'ס א בעטראכטונג.
2 ווען די זיפ'ער זיינען געקומען און געזאגט צו שאול'ן : „דוד בעהאלט
זיך דאך ביי אונז !"
3 העלף מיר, גאט, מיט דיין נאמען; נעהם זיך אן פאר מיר מיט דיין מאכט.
4 הער אויס, גאט, מיין געבעט ; הארך די רייד פון מיין מויל.
5 ווארום בארבארען האבען זיך קעגען מיר געשטעלט, און טיראנען זוכען
מיין לעבען זיי שטעלען זיך ניעמאלס פאר די געטליכע אבערמאכט.
6 אט דער גאט וואס איז מיין העלפער, דער גאט וואס שטיצט מיר.
7 ער וועט צוריקקעהרען דאס שלעכטס צו מיינע פיינד, פערניכטע זיי
צוליעב דיין וואהרהייט.
8 מיט'ן פרייען ווילען וועל איך אפפערן צו דיר, איך וועל לויבען, גאט,
דיין נאמען וואס איז גוט ;

9 אֶזְבְּחָה־לָּךְ אוֹדֶה שִּׁמְךָ יְהוָה כִּי־טוֹב׃ כִּי מִכָּל־צָרָה
הִצִּילָנִי וּבְאֹיְבַי רָאֲתָה עֵינִי׃

## Psal. LV. נה

נה

2 א לַמְנַצֵּחַ בִּנְגִינֹת מַשְׂכִּיל לְדָוִד׃ הַאֲזִינָה אֱלֹהִים תְּפִלָּתִי
3 וְאַל־תִּתְעַלַּם מִתְּחִנָּתִי׃ הַקְשִׁיבָה לִּי וַעֲנֵנִי אָרִיד בְּשִׂיחִי
4 וְאָהִימָה׃ מִקּוֹל אוֹיֵב מִפְּנֵי עָקַת רָשָׁע כִּי־יָמִיטוּ עָלַי אָוֶן
ה וּבְאַף יִשְׂטְמוּנִי׃ לִבִּי יָחִיל בְּקִרְבִּי וְאֵימוֹת מָוֶת נָפְלוּ
6 7 עָלָי׃ יִרְאָה וָרַעַד יָבֹא בִי וַתְּכַסֵּנִי פַּלָּצוּת׃ וָאֹמַר מִי־
8 יִתֶּן־לִּי אֵבֶר כַּיּוֹנָה אָעוּפָה וְאֶשְׁכֹּנָה׃ הִנֵּה אַרְחִיק נְדֹד
9 אָלִין בַּמִּדְבָּר סֶלָה׃ אָחִישָׁה מִפְלָט לִי מֵרוּחַ סֹעָה
י מִסָּעַר׃ בַּלַּע אֲדֹנָי פַּלַּג לְשׁוֹנָם כִּי־רָאִיתִי חָמָס וְרִיב בָּעִיר׃
11 יוֹמָם וָלַיְלָה יְסוֹבְבֻהָ עַל־חוֹמֹתֶיהָ וְאָוֶן וְעָמָל בְּקִרְבָּהּ׃
12 13 הַוּוֹת בְּקִרְבָּהּ וְלֹא־יָמִישׁ מֵרְחֹבָהּ תֹּךְ וּמִרְמָה׃ כִּי לֹא־
אוֹיֵב יְחָרְפֵנִי וְאֶשָּׂא לֹא־מְשַׂנְאִי עָלַי הִגְדִּיל וְאֶסָּתֵר מִמֶּנּוּ׃
14 טו וְאַתָּה אֱנוֹשׁ כְּעֶרְכִּי אַלּוּפִי וּמְיֻדָּעִי׃ אֲשֶׁר יַחְדָּו נַמְתִּיק
16 סוֹד בְּבֵית אֱלֹהִים נְהַלֵּךְ בְּרָגֶשׁ׃ יַשִּׁימָוֶת ׀ עָלֵימוֹ יֵרְדוּ
17 שְׁאוֹל חַיִּים כִּי־רָעוֹת בִּמְגוּרָם בְּקִרְבָּם׃ אֲנִי אֶל־אֱלֹהִים
18 אֶקְרָא וַיהוָה יוֹשִׁיעֵנִי׃ עֶרֶב וָבֹקֶר וְצָהֳרַיִם אָשִׂיחָה
19 וְאֶהֱמֶה וַיִּשְׁמַע קוֹלִי׃ פָּדָה בְשָׁלוֹם נַפְשִׁי מִקֲּרָב־לִי כִּי־
כ בְרַבִּים הָיוּ עִמָּדִי׃ יִשְׁמַע ׀ אֵל ׀ וְיַעֲנֵם וְיֹשֵׁב קֶדֶם סֶלָה
21 אֲשֶׁר אֵין חֲלִיפוֹת לָמוֹ וְלֹא יָרְאוּ אֱלֹהִים׃ שָׁלַח יָדָיו
22 בִּשְׁלֹמָיו חִלֵּל בְּרִיתוֹ׃ חָלְקוּ ׀ מַחְמָאֹת פִּיו וּקְרָב־לִבּוֹ רַכּוּ
23 דְבָרָיו מִשֶּׁמֶן וְהֵמָּה פְתִחוֹת׃ הַשְׁלֵךְ עַל־יְהוָה ׀ יְהָבְךָ
24 וְהוּא יְכַלְכְּלֶךָ לֹא־יִתֵּן לְעוֹלָם מוֹט לַצַּדִּיק׃ וְאַתָּה ׀ אֱלֹהִים ׀
תּוֹרִדֵם לִבְאֵר שַׁחַת אַנְשֵׁי דָמִים וּמִרְמָה לֹא־יֶחֱצוּ יְמֵיהֶם
וַאֲנִי אֶבְטַח־בָּךְ׃

למנצח

ב״ח v. 16. ישא מות קרי

9 ווארום פון אלע אונגליקען האָסטו מיר געראַטעוועט, און אויף מיינע פיינד
האָט מיין אויג געזעהען (ראַכע).

## קאַפּיטעל נה.

1 צום אויפזעהער איבער מעלאָדיען. דוד'ס אַ בעטראַכטונג.
2 הער אויס, גאָט, מיין געבעט ; פערבאַרג זיך ניט פון מיין בעטען.
3 האָרך מיר אויס און ענטפער מיר, איך קלאָג און זיפץ ריידענדיג.
4 פון'ם געשריי פון פיינד, פון די אונטערדריקונג פון פערברעכער, וועל־
כע וואַרפען אויף מיר אונרעכט און פערהאַסען מיר מיט צאָרן.
5 מיין האַרץ ציטערט אין מיר, און טוידט־שרעקענים פאַלט אויף מיר אָן.
6 אַ שרעק און אַ ציטערניס נעהמט מיר אָן, אַ שוידער בעדעקט מיר,
7 דאַן טראַכט איך : ווען איך וואָלט האָבען פליגלען ווי אַ טויב וואָלט
איך געפלויגען און גערוהט —
8 איך וואָלט וויט אַוועקגעוואַנדערט, איך וואָלט אויף אימער פערבליעבען
אין דער וויסטע,
9 איך וואָלט שנעל געפונען אַ רעטונג פאַר זיך פון רייסענדען ווינד, פון
שטורם.
10 פערדאַרב, אַ גאָט, און מאַך אונאיייניג זייער שפּראַך, ווארום איך האָב
געזעהען אין שטאָדט געוואַלדטהאַט און קריגעריי.
11 ביי־טאָג רינגלען זיי איהר אַרום, און ביי־נאַכט זיינען זיי אויף איהרע
מויערוועגד ; אונרעכט און בעטרוג זיינען אימער אין איהר.
12 געמיינהייט איז אין איהר, פון איהר גאַס געהט ניט אַוועק פאַלשקייט
און בעטרוג.
13 דאָס לעסטערט מיר ניט אַ פיינד, וואָס איך וואָלט קענען פערטראַגען ;
דאָס שטאָלצירט קעגען מיר ניט איינער פון מיינע האַסער, פון וועמען
איך קען זיך פערבאַרגען —
14 נאָר דו, אַ מענש מיין גלייכען, מיין לעהרער און פריינד,
15 וואָס מיר בעראַטהען זיך צוזאַמען און געהען אין גאָט'ס הויז געהען מיר
אַלם געזעלשאַפט.
16 זאָל דער טוידט פון זיי אויפמאַנען, זאָלען זיי לעבעדיגערהייד אין גרוב
אריין, ווארום שלעכטעס איז אין זייערע וואוינונגען, (שלעכטעס) איז
אין זיי.
17 איך אָבער רוף צו גאָט און דער עוויגער וועט מיר העלפען.
18 אָווענד־צייט, מאָרגענס און אין מיטענטאָג רייד איך און זיפצע, און ער
הערט מיין שטימע.
19 ער האָט פריעדליך בעפרייט מיר פון דעם שטרייט קעגען מיר, אָבוואָהל
פיעל זיינען געווען קעגען מיר.
20 גאָט וועט מיר אויסהערען און ערניעדערן זיי ווייל זיי ווערען ניט אַנ־
דערש, דער וואָס זיצט (אויפ'ן טהראָן) פון די אייביג אַלטע צייטען וועט
זיי ערניעדערן ווייל זיי פירכטען ניט גאָט.
21 קוים שטרעקט ווער אויס אַ האַנד אויף זיינע (גאָט'ס) פריעדליכע, האָט
ער שוין פערשוועכט זיין בונד.
22 די שמייכעל־ווערטער פון זיין מויל זיינען גלאַט און אין האַרצען האָט
ער קריעג, זיינע רייד זיינען ווייכער אַלס בוימאויל און זיי זיינען ווי
שווערדען.
23 וואַרף דיין לאַסט אויף גאָט — ער וועט דיר שוין שפּייזען, דעם פרומען
לאָזט ער ניעמאַלס וואַנקען.
24 דו, גאָט, שטוים זיי אריין אינ'ם טיעפען גרוב, מענשען וואָס האָבען
אויף זיך בלוטשולד און בעטרוג זאָלען ניט אויסלעבען העלפט פון זייערע
טעג. איך פערטרוי אויף דיר !

## נו PSAL. LVI. נו

א לַמְנַצֵּחַ ׀ עַל־יוֹנַת אֵלֶם רְחֹקִים לְדָוִד מִכְתָּם בֶּאֱחֹז אֹתוֹ
2 פְלִשְׁתִּים בְּגַת׃ חָנֵּנִי אֱלֹהִים כִּי־שְׁאָפַנִי אֱנוֹשׁ כָּל־הַיּוֹם
3 לֹחֵם יִלְחָצֵנִי׃ שָׁאֲפוּ שׁוֹרְרַי כָּל־הַיּוֹם כִּי־רַבִּים לֹחֲמִים
4 ה לִי מָרוֹם׃ יוֹם אִירָא אֲנִי אֵלֶיךָ אֶבְטָח׃ בֵּאלֹהִים אֲהַלֵּל
דְּבָרוֹ בֵּאלֹהִים בָּטַחְתִּי לֹא אִירָא מַה־יַּעֲשֶׂה בָשָׂר לִי׃
6 7 כָּל־הַיּוֹם דְּבָרַי יְעַצֵּבוּ עָלַי כָּל־מַחְשְׁבֹתָם לָרָע׃ יָגוּרוּ ׀
8 יִצְפּ*ינוּ הֵמָּה עֲקֵבַי יִשְׁמֹרוּ כַּאֲשֶׁר קִוּוּ נַפְשִׁי׃ עַל־אָוֶן
9 פַּלֶּט־לָמוֹ בְּאַף עַמִּים ׀ הוֹרֵד אֱלֹהִים׃ נֹדִי סָפַרְתָּה אַתָּה
י שִׂימָה דִמְעָתִי בְנֹאדֶךָ הֲלֹא בְּסִפְרָתֶךָ׃ אָז ׀ יָשׁוּבוּ אוֹיְבַי
11 אָחוֹר בְּיוֹם אֶקְרָא זֶה־יָדַעְתִּי כִּי־אֱלֹהִים לִי׃ בֵּאלֹהִים
12 אֲהַלֵּל דָּבָר בַּיהוָה אֲהַלֵּל דָּבָר׃ בֵּאלֹהִים בָּטַחְתִּי לֹא אִירָא
13 מַה־יַּעֲשֶׂה אָדָם לִי׃ עָלַי אֱלֹהִים נְדָרֶיךָ אֲשַׁלֵּם תּוֹדֹת
14 לָךְ׃ כִּי הִצַּלְתָּ נַפְשִׁי מִמָּוֶת הֲלֹא רַגְלַי מִדֶּחִי לְהִתְהַלֵּךְ
לִפְנֵי אֱלֹהִים בְּאוֹר הַחַיִּים׃

## נז PSAL. LVII. נז

א לַמְנַצֵּחַ אַל־תַּשְׁחֵת לְדָוִד מִכְתָּם בְּבָרְחוֹ מִפְּנֵי־שָׁאוּל
2 בַּמְּעָרָה׃ חָנֵּנִי אֱלֹהִים ׀ חָנֵּנִי כִּי בְךָ חָסָיָה נַפְשִׁי וּבְצֵל־
3 כְּנָפֶיךָ אֶחְסֶה עַד־יַעֲבֹר הַוּוֹת׃ אֶקְרָא לֵאלֹהִים עֶלְיוֹן
4 לָאֵל גֹּמֵר עָלָי׃ יִשְׁלַח מִשָּׁמַיִם ׀ וְיוֹשִׁיעֵנִי חֵרֵף שֹׁאֲפִי
ה סֶלָה יִשְׁלַח אֱלֹהִים חַסְדּוֹ וַאֲמִתּוֹ׃ נַפְשִׁי ׀ בְּתוֹךְ לְבָאִם
אֶשְׁכְּבָה לֹהֲטִים בְּנֵי־אָדָם שִׁנֵּיהֶם חֲנִית וְחִצִּים וּלְשׁוֹנָם
6 חֶרֶב חַדָּה׃ רוּמָה עַל־הַשָּׁמַיִם אֱלֹהִים עַל כָּל־הָאָרֶץ
7 כְּבוֹדֶךָ׃ רֶשֶׁת ׀ הֵכִינוּ לִפְעָמַי כָּפַף נַפְשִׁי כָּרוּ לְפָנַי שִׁיחָה
8 נָפְלוּ בְתוֹכָהּ סֶלָה׃ נָכוֹן לִבִּי אֱלֹהִים נָכוֹן לִבִּי אָשִׁירָה
9 וַאֲזַמֵּרָה׃ עוּרָה כְבוֹדִי עוּרָה הַנֵּבֶל וְכִנּוֹר אָעִירָה שָּׁחַר׃
י 11 אוֹדְךָ בָעַמִּים ׀ אֲדֹנָי אֲזַמֶּרְךָ בַּלְאֻמִּים׃ כִּי־גָדֹל עַד־שָׁמַיִם

חסדך



כ״ו v. 7. יצפונו קרי

## קאַפּיטעל נו

1 צום אויפזועהער. דוד'ס אַ גאָלדענליעד וועגען דעם טויבענעלענד אין
דער פרעמד. ווען די פּלשתים האָבען איהם אָנגעהאַלטען אין גת.
2 בעגנאַדיג מיר, גאָט, ווארום מענשען פערפאָלגען מיר, אימער בעדריקט
3 מיט דער שטרייטער. מיינע פיינד פערפאָלגען מיר אימער, פיעלע
4 שטרייטען עפּענטליך קעגען מיר. ווען איך בין אין שרעק פערטרוי איך
5 אויף דיר, אויף גאָט, אויף גאָט פערטרוי איך מיר און האָב קיין שרעק
6 — וואָס קען מיר טהאָן אַ מענש ? יעדען טאָג ווערען מיינע ווערטער
טרויעריגער, ווייל אַלע זייערע געדאנקען וועגען מיר זיינען צו שלעכטעס.
7 זיי פערזאמלען זיך און לויערן, זיי היטען מיינע טריט, ווי נאָר זיי בע־
8 מערקען מיר. איבער זייערע זינד וואָס זיינען שוין לאַנג פאראיבער,
9 שטירץ, אָ גאָט, די פערזאַמלונג מיט צאָרן. מיינע ליידען האָסטו גע־
צעהלט, זאמעל מיינע טרעהרען, וועלכע עס איז ניט איבערצוצעהלען, אין
10 דיין שלויף. דאן ווען מיינע פיינד וועלען צוריקגעשטויסען ווערען אין
דעם טאָג ווען איך רוף (צו דיר), דאן וועל איך וויסען אַז גאָט איז מיט מיר.
11 וועגען גאָט לויבט מיין רעדען, וועגען דעם עוויגען לויבט מיין רעדען.
12 קוים בין איך פערטרויט אויף גאָט, שרעק איך זיך ניט — וואָס קען אַ
13 מענש מיר טהאָן ? די פערשפּרעכונגען וועלכע איך בין שולדיג צו גאָט,
וועל איך דיר מיט דאנק בעצאָהלען.
14 דו האָסט מיר אימער פון טוידט גערעטעט, ועסטו ניט רעטען מיינע
פיס פון אויסגליטשען זיך אום איך זאָל קענען ארומגעהן פאר גאָט אין
ליכטיגקייט און לעבען.

## קאַפּיטעל נז

1 צום אויפזועהער איבער דוד'ס גאָלדענליעדער. „פערדארב ניט". ווען
ער איז פון שאול'ן געלאָפען אין אַ הייהל.
2 בעגנאַדיג מיר, גאָט ! בעגנאַדיג מיר ווארום אין דיר שיצט זיך מיין
זעלע, אינטער'ן שאטען פון דיינע פליעגלען בעהאַלט איך זיך ביז דער
אונגליק געהט פארביי.
3 איך רוף צום אַלערהעכסטען גאָט, צו גאָט וואָס בעשליסט מיין אור־
טהייל.
4 ער וועט אַראָב שיקען פון הימעל אום מיר צו העלפען, ער וואָס מאַכט
אימער צו שאַנדע מיינע פערפאָלגער, גאָט וועט אַראָבשיקען זיין גנאדע
און וואהרהייט.
5 איך געפין זיך צווישען לייבען, וועלכע זיינען גיעריג נאָך מענשענ־
פלייש, זייערע צייהנער זיינען שפּיעזען און פיילען, און זייער צונג —
אַ שאַרפער שווערד.
6 ערהויב זיך איבער דעם הימעל, גאָט, דיין עהרע איז איבער דער גאַנ־
צער וועלט.
7 אַ נעץ האָבען זיי צוגעגרייט צו מיינע טריט, מיין זעלע איז איינגע־
בויגען, ווען זיי האָבען פאר מיר אַ גרוב געגראבען זיינען זיי זעלבסט
אימער אין איהר ארייננעפאלען.
8 מיין הארץ, אָ גאָט, איז פעסט ; מיין הארץ איז אונערשראָקען — איך
זינג ליעדער און לויבגעזאנגע.
9 ערוואך, מיין עהרע ! ערוואכט, הארף און פּיעדעל ! איך וועל אויפ־
מונטערן דעם מאָרגענשטערן.
10 איך וועל דיר לויבען, גאָט, פאר אַלע פעלקער ; איך וועל צו דיר זינגען
פאר אַלע נאַציאָנען.
11 ווארום דיין גנאדע איז גרויס ביז'ן הימעל, און דיין וואהרהייט ביז'ן
וואָלקען.

12 חַסְדֶּךָ וְעַד־שְׁחָקִים אֲמִתֶּךָ׃ רוּמָה עַל־שָׁמַיִם אֱלֹהִים עַל
כָּל־הָאָרֶץ כְּבוֹדֶךָ׃

## נח PSAL. LVIII. נח

2 א לַמְנַצֵּחַ אַל־תַּשְׁחֵת לְדָוִד מִכְתָּם׃ הַאֻמְנָם אֵלֶם צֶדֶק
3 תְּדַבֵּרוּן מֵישָׁרִים תִּשְׁפְּטוּ בְּנֵי אָדָם׃ אַף־בְּלֵב עוֹלֹת
4 תִּפְעָלוּן בָּאָרֶץ חֲמַס יְדֵיכֶם תְּפַלֵּסוּן׃ זֹרוּ רְשָׁעִים מֵרָחֶם
ה תָּעוּ מִבֶּטֶן דֹּבְרֵי כָזָב׃ חֲמַת־לָמוֹ כִּדְמוּת חֲמַת־נָחָשׁ כְּמוֹ־
6 פֶתֶן חֵרֵשׁ יַאְטֵם אָזְנוֹ׃ אֲשֶׁר לֹא־יִשְׁמַע לְקוֹל מְלַחֲשִׁים
7 חוֹבֵר חֲבָרִים מְחֻכָּם׃ אֱלֹהִים הֲרָס־שִׁנֵּימוֹ בְּפִימוֹ מַלְתְּעוֹת
8 כְּפִירִים נְתֹץ ׀ יְהוָה׃ יִמָּאֲסוּ כְמוֹ־מַיִם יִתְהַלְּכוּ־לָמוֹ
9 יִדְרֹךְ חִצָּו כְּמוֹ יִתְמֹלָלוּ׃ כְּמוֹ שַׁבְּלוּל תֶּמֶס יַהֲלֹךְ נֵפֶל
י אֵשֶׁת בַּל־חָזוּ שָׁמֶשׁ׃ בְּטֶרֶם יָבִינוּ סִּירֹתֵיכֶם אָטָד כְּמוֹ־
11 חַי כְּמוֹ־חָרוֹן יִשְׂעָרֶנּוּ׃ יִשְׂמַח צַדִּיק כִּי־חָזָה נָקָם פְּעָמָיו
12 יִרְחַץ בְּדַם הָרָשָׁע׃ וְיֹאמַר אָדָם אַךְ־פְּרִי לַצַּדִּיק אַךְ יֵשׁ־
אֱלֹהִים שֹׁפְטִים בָּאָרֶץ׃

## נט PSAL. LIX. נט

א לַמְנַצֵּחַ אַל־תַּשְׁחֵת לְדָוִד מִכְתָּם בִּשְׁלֹחַ שָׁאוּל וַיִּשְׁמְרוּ
2 אֶת־הַבַּיִת לַהֲמִיתוֹ׃ הַצִּילֵנִי מֵאֹיְבַי ׀ אֱלֹהָי מִמִּתְקוֹמְמַי
3 תְּשַׂגְּבֵנִי׃ הַצִּילֵנִי מִפֹּעֲלֵי אָוֶן וּמֵאַנְשֵׁי דָמִים הוֹשִׁיעֵנִי׃
4 כִּי הִנֵּה אָרְבוּ לְנַפְשִׁי יָגוּרוּ עָלַי עַזִּים לֹא־פִשְׁעִי וְלֹא־
ה חַטָּאתִי יְהוָה׃ בְּלִי־עָוֺן יְרוּצוּן וְיִכּוֹנָנוּ עוּרָה לִקְרָאתִי וּרְאֵה׃
6 וְאַתָּה יְהוָה־אֱלֹהִים צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל הָקִיצָה לִפְקֹד
7 כָּל־הַגּוֹיִם אַל־תָּחֹן כָּל־בֹּגְדֵי אָוֶן סֶלָה׃ יָשׁוּבוּ לָעֶרֶב
8 יֶהֱמוּ כַכָּלֶב וִיסוֹבְבוּ עִיר׃ הִנֵּה ׀ יַבִּיעוּן בְּפִיהֶם חֲרָבוֹת
9 בְּשִׂפְתוֹתֵיהֶם כִּי־מִי שֹׁמֵעַ׃ וְאַתָּה יְהוָה תִּשְׂחַק־לָמוֹ
תִּלְעַג לְכָל־גּוֹיִם׃ עֻזּוֹ אֵלֶיךָ אֶשְׁמֹרָה כִּי־אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי׃
11 12 אֱלֹהֵי חַסְדּוֹ יְקַדְּמֵנִי אֱלֹהִים יַרְאֵנִי בְשֹׁרְרָי׃ אַל־תַּהַרְגֵם ׀

פֶּן־

נ״ח v. 8. חִצָּיו קרי   נ״ט v. 7. קמץ בלא אסיף   v. 11. חסדי קרי

12 ערהויב זיך איבער דעם הימעל, גאָט ; דיין עהרע איז איבער דער גאַנ־
צער וועלט.

## קאַפּיטעל נח

1 צום אויפזעהער איבער דוד׳ס גאָלדענליעדער. „פערדארב ניט״.
2 רעדט איהר ווירקליך וועגען מאַכט אַלס גערעכטיגקייט ? איז דאָס
ריכטיג געאורטהיילט, מענשענקינדער ?
3 אויך אין געדאַנקען טהוט איהר אונרעכט, אַזוי ווי איהר פיהרט דורך
אייערע געוואַלדטהאַטען אינ׳ם לאַנד.
4 די פערברעכער זיינען פאַרפרעמדט פון געבורט אָן, די ליגענזאָגער זיינען
פערפיהרט פון מוטערלייב אָן.
5 זייער וואוטה איז ווי דער גיפט פון אַ שלאַנג, ווי דער טויבער אָטהער
(פערשטאָפּט ער זיינע אויערן),
6 וואָס הערט ניט די שטימע פון צויבערער, פון קליגסטען באַשווערער.
7 גאָט ! צוברעך זיי די צייהנער פון מויל ; צושמעטער, אָ גאָט, די באַק־
צייהנער פון די יונגע לייבען.
8 זאָלען זיי צושמאָלצען ווערען און אויסרינען ווי וואַסער, ווען ער וועט
טרעטען זיינע פיילען זאָלען זיי גלייך צובראָכען ווערען.
9 ווי אַ שנעק וואָס צוקריכט זאָל ער אויסרינען, ווי אַ פרוי׳ס אונצייטיגע
קינד וועלכע זעהט דיין זונן ניט אָן.
10 נאָך איידער אייערע טעפּ וועלען פיהלען (דעם פייער פון) די שפּענער —
רייערהייד — וועט עס איהם ווי מיט אַ בראַנד פאַר׳שרפ׳ען.
11 דער פרומער וועט זיך פרעהען ווען ער וועט זעהען ראַכע, ער וועט
וואַשען זיינע פיס אינ׳ם בלוט פון פערברעכער.
12 דאַן וועלען מענשען זאָגען : „פרומקייט ברייננט דאָך פרוכט !. עס
איז ווירקליך אַ גאָט אַ ריכטער אויף דער וועלט !

## קאַפּיטעל נט

1 צום אויפזעהער איבער דוד׳ס גאָלדענליעד. „פערדארב ניט״. ווען שאול
האָט געשיקט און מען האָט בעוואַכט דאָס הויז אום צו טוידטען איהם.
2 מיין גאָט ! רעטע מיר פון מיינע פריינד, מאַך מיר שטאַרקער אַלס
מיינע געגנער.
3 רעטע מיר פון די וואָס טהוען אונרעכט, און העלף מיר פון בלוט־
מענשען.
4 ווארום זיי לויערן אויף מיין לעבען, עס פערזאַמלען זיך אַרום מיר
פרעכע, אָבוואָהל איך האָב קיין זינד און קיין פערברעכען קעגען גאָט.
5 ווען איך פיהל זיך ניט שולדיג לויפען זיי מיר נאָך און ציעלען (זייערע
פיילען) ; ערוואַך פון מיינטוועגען און זעה.
6 אָבער דו, עוויגער גאָט פון אַרמעען, גאָט פון ישראל — וואַך אויף צו
בעשטראָפען אַלע פעלקער ; זאָלסט ניט שוינען די אימער טרייל־אָזע,
אימער אונגערעכטליכע.
7 ווען זיי קומען צוריק אין אָוונד, בילען זיי ווי הינד ארומלויפענדיג אי־
בער׳ן שטאָדט.
8 ווען זיי רעדען מיט זייער מויל זיינען שווערדען אין זייערע ליפּען, אַז
מען הערט זיך איין.
9 אָבער דו גאָט לאַכסט פון זיי, דו שפּאָסט פון אַלע שטאָלצע.
10 צו דיר, מיין מאַכט, האָף איך, ווארום גאָט איז מיין פעסטונג.
11 גאָט וועט מיר אנטקעגען קומען מיט זיין גנאַדע, גאָט וועט מיר (ראַכע)
ווייזען אויף מיינע פיינד.
12 טוידט זיי ניט, אום מיין פאָלק זאָל ניט פאַרגעסען, פערוואָגעל זיי מיט
דיין מאַכט און ערניעדער זיי, גאָט אונזער שיצער !

פֶּן־יִשְׁכְּחוּ עַמִּי הֲנִיעֵמוֹ בְחֵילְךָ וְהוֹרִידֵמוֹ מָגִנֵּנוּ אֲדֹנָי׃
13 חַטַּאת־פִּימוֹ דְּבַר־שְׂפָתֵימוֹ וְיִלָּכְדוּ בִגְאוֹנָם וּמֵאָלָה וּמִכַּחַשׁ
14 יְסַפֵּרוּ׃ כַּלֵּה בְחֵמָה כַּלֵּה וְאֵינֵמוֹ וְיֵדְעוּ כִּי־אֱלֹהִים מֹשֵׁל
טו בְּיַעֲקֹב לְאַפְסֵי הָאָרֶץ סֶלָה׃ וְיָשֻׁבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב
16 וִיסוֹבְבוּ עִיר׃ הֵמָּה יְנוֹעוּן לֶאֱכֹל אִם־לֹא יִשְׂבְּעוּ וַיָּלִינוּ׃
17 וַאֲנִי ׀ אָשִׁיר עֻזֶּךָ וַאֲרַנֵּן לַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ כִּי־הָיִיתָ מִשְׂגָּב לִי
18 וּמָנוֹס בְּיוֹם צַר־לִי׃ עֻזִּי אֵלֶיךָ אֲזַמֵּרָה כִּי־אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי
אֱלֹהֵי חַסְדִּי׃

## ס Psal. LX. ס

2 א לַמְנַצֵּחַ עַל־שׁוּשַׁן עֵדוּת מִכְתָּם לְדָוִד לְלַמֵּד׃ בְּהַצּוֹתוֹ ׀
אֶת אֲרַם נַהֲרַיִם וְאֶת־אֲרַם צוֹבָה וַיָּשָׁב יוֹאָב וַיַּךְ אֶת־
3 אֱדוֹם בְּגֵיא־מֶלַח שְׁנֵים עָשָׂר אָלֶף׃ אֱלֹהִים זְנַחְתָּנוּ פְרַצְתָּנוּ
4 אָנַפְתָּ תְּשׁוֹבֵב לָנוּ׃ הִרְעַשְׁתָּה אֶרֶץ פְּצַמְתָּהּ רְפָה שְׁבָרֶיהָ
ה כִי־מָטָה׃ הִרְאִיתָ עַמְּךָ קָשָׁה הִשְׁקִיתָנוּ יַיִן תַּרְעֵלָה׃
6 7 נָתַתָּה לִּירֵאֶיךָ נֵּס לְהִתְנוֹסֵס מִפְּנֵי קֹשֶׁט סֶלָה׃ לְמַעַן
8 יֵחָלְצוּן יְדִידֶיךָ הוֹשִׁיעָה יְמִינְךָ וַעֲנֵנוּ׃ אֱלֹהִים ׀ דִּבֶּר
9 בְּקָדְשׁוֹ אֶעְלֹזָה אֲחַלְּקָה שְׁכֶם וְעֵמֶק סֻכּוֹת אֲמַדֵּד׃ לִי
גִלְעָד ׀ וְלִי מְנַשֶּׁה וְאֶפְרַיִם מָעוֹז רֹאשִׁי יְהוּדָה מְחֹקְקִי׃
י מוֹאָב ׀ סִיר רַחְצִי עַל־אֱדוֹם אַשְׁלִיךְ נַעֲלִי עָלַי פְּלֶשֶׁת
11 12 הִתְרוֹעָעִי׃ מִי יֹבִלֵנִי עִיר מָצוֹר מִי נָחַנִי עַד־אֱדוֹם׃ הֲלֹא־
אַתָּה אֱלֹהִים זְנַחְתָּנוּ וְלֹא־תֵצֵא אֱלֹהִים בְּצִבְאוֹתֵינוּ׃
13 14 הָבָה־לָּנוּ עֶזְרָת מִצָּר וְשָׁוְא תְּשׁוּעַת אָדָם׃ בֵּאלֹהִים
נַעֲשֶׂה־חָיִל וְהוּא יָבוּס צָרֵינוּ׃

## סא Psal. LXI. סא

2 א לַמְנַצֵּחַ עַל־נְגִינַת לְדָוִד׃ שִׁמְעָה אֱלֹהִים רִנָּתִי הַקְשִׁיבָה
3 תְּפִלָּתִי׃ מִקְצֵה הָאָרֶץ ׀ אֵלֶיךָ אֶקְרָא בַּעֲטֹף לִבִּי בְּצוּר־
4 יָרוּם מִמֶּנִּי תַנְחֵנִי׃ כִּי־הָיִיתָ מַחְסֶה לִי מִגְדַּל־עֹז מִפְּנֵי

אויב

נ״ט v. 15. קמץ בלא אתנ״ח v. 16. ינינו קרי ס v. 2. סגול בלי מקף v. 7. ועננו קרי

13 זאָלען זיי געפאנגען ווערען איבער די זינד פון זייער מויל, די רייד פון זייערע ליפּען און זייער שטאָלץ; אויך דורך זייער שילטען און ליגען זאָגען.
14 פערניכטע מיט ווארטה, פערניכטע און זיי זאָלען ניט מעהר עקזיסטירען; דאן וועט מען וויסען אז גאָט הערשט אימער איבער יעקב, אויך איבער אַלע עקען דער וועלט.
15 ווען זיי קומען צוריק אין אָווענד, בילען זיי ווי הינד ארומלויפענדיג איבער'ן שטאָדט.
16 זיי מוזען פערוואָנגעלט ווערען אום צו געפינען עסען, זאָלען זיי זיך בעקלאגען וואָס זיי זיינען ניט זאט.
17 אָבער איך וועל בעזינגען דיין מאַכט, יעדער פריה־מאָרגען וועל איך וועגען דיין גנאדע זינגען, ווארום דו ביסט מיר אימער אַלס פעסטונג געווען און אלס רעטונג אין מיין טאָג פון נויטה.
18 צו דיר, מיין גאָט, זינג איך; ווארום גאָט איז מיין פעסטונג, מיין וואָהלטהעטיגער גאָט.

## קאַפּיטעל ס

1 צום אויפזעהער איבער דוד'ס גאָלדענליעדער. צו לערנען אויפ'ן שושן־עדות.
2 ווען ער האָט געשטריטען מיט ארם נהרים און ארם צובה, און יואָב איז געקומען און ערשלאגען אין זאלצטהאל צוועלף טויזענד פון אדום.
3 גאָט! דו פערלאָזט אונז און מאַכסט אונז שטאַרק, דו צאָרנסט אויף אונז און קומסט ווידער צו אונז.
4 דו שטורמסט אויף די ערד און צורייסט איהר, און ווען זי וואנקט ציהסטו צוזאמען איהרע צובראָכענע פּלעצער.
5 דו מאַכסט זאט דיין פאָלק מיט אונערטרעגליכעס, דו טרינקסט אונז אָן מיט גיפטוויין,
6 און גיסט די וואָס פירכטען דיר א פאָהן אונטער וועלכען זיי פערזאמלען זיך פון (פיינד); דאָס איז אַ אייביגע וואהרהייט!
7 אום דיינע געליעבטע זאָלען בעפרייט ווערען, העלף מיט דיין מאַכט און ענטפער מיר.
8 גאָט האָט בעשטימט מיט זיין הייליגען וואָרט אום איך זאָל מיך פרעהען: שכם וועל איך צוטהיילען און דעם טהאל סכות אין טהיילען אויסמעסטען.
9 מיר געהערט גלעד און מיר געהערט מנשה; אפרים איז מיין הויפּטקראפט און יהודה — מיין געזעצגעבער.
10 מואב איז כיין וואשטאָפּ, אויף אדום ווארף איך מיין שוך, פלשת פעראייניגט זיך מיט מיר.
11 ווער וועט מיר פיהרען צו דער שטאָדט מצור? — דער וואָס האָט מיר געפיהרט צו אדום!
12 האָסטו דען, גאָט, פערלאָזען אונז און וועסט, גאָט, מעהר ניט געהן מיט אונזערע ארמעען?!
13 גיב דו אונז הילף געגען פיינד, מענשליכע הילף איז אוננוציג.
14 מיט גאָט'ס הילף וועלען מיר מאַכען אַ שטרייט, ער וועט צוטרעטען אונזערע בעדריקער!

## קאַפּיטעל סא

1 צום אויפזעהער איבער דוד'ס געזאנגען.
2 הער אוים, גאָט, מיין געזאנג; האָרך אוים מיין געבעט.
3 פון עק וועלט רוף איך צו דיר, ווען מיין הארץ שמאַכטעט; פיהר מיר ארויף אויף אַ הויכען פעלז.
4 דו ביזט אימער מיין שיצונג געווען, א פעסטער טהורם געגען פיינד.

ה אֹויֵב׃ אָגוּרָה בְאָהָלְךָ עוֹלָמִים אֶחֱסֶה בְסֵתֶר כְּנָפֶיךָ
6 סֶלָה׃ כִּי־אַתָּה אֱלֹהִים שָׁמַעְתָּ לִנְדָרָי נָתַתָּ יְרֻשַּׁת יִרְאֵי
7 שְׁמֶךָ׃ יָמִים עַל־יְמֵי־מֶלֶךְ תּוֹסִיף שְׁנוֹתָיו כְּמוֹ־דֹר וָדוֹר׃
8 9 יֵשֵׁב עוֹלָם לִפְנֵי אֱלֹהִים חֶסֶד וֶאֱמֶת מַן יִנְצְרֻהוּ׃ כֵּן
אֲזַמְּרָה שִׁמְךָ לָעַד לְשַׁלְּמִי נְדָרַי יוֹם ׀ יוֹם׃

## סב PSAL. LXII. סב

2 א לַמְנַצֵּחַ עַל־יְדוּתוּן מִזְמוֹר לְדָוִד׃ אַךְ אֶל־אֱלֹהִים דּוּמִיָּה
3 נַפְשִׁי מִמֶּנּוּ יְשׁוּעָתִי׃ אַךְ־הוּא צוּרִי וִישׁוּעָתִי מִשְׂגַּבִּי לֹא־
4 אֶמּוֹט רַבָּה׃ עַד־אָנָה ׀ תְּהוֹתְתוּ עַל־אִישׁ תְּרָצְּחוּ כֻלְּכֶם
ה כְּקִיר נָטוּי גָּדֵר הַדְּחוּיָה׃ אַךְ מִשְּׂאֵתוֹ ׀ יָעֲצוּ לְהַדִּיחַ
6 יִרְצוּ כָזָב בְּפִיו יְבָרֵכוּ וּבְקִרְבָּם יְקַלְלוּ־סֶלָה׃ אַךְ לֵאלֹהִים
7 דּוֹמִּי נַפְשִׁי כִּי־מִמֶּנּוּ תִּקְוָתִי׃ אַךְ־הוּא צוּרִי וִישׁוּעָתִי
8 מִשְׂגַּבִּי לֹא אֶמּוֹט׃ עַל־אֱלֹהִים יִשְׁעִי וּכְבוֹדִי צוּר־עֻזִּי
9 מַחְסִי בֵּאלֹהִים׃ בִּטְחוּ בוֹ בְכָל־עֵת ׀ עָם שִׁפְכוּ־לְפָנָיו
י לְבַבְכֶם אֱלֹהִים מַחֲסֶה־לָּנוּ סֶלָה׃ אַךְ ׀ הֶבֶל בְּנֵי־אָדָם
11 כָּזָב בְּנֵי־אִישׁ בְּמֹאזְנַיִם לַעֲלוֹת הֵמָּה מֵהֶבֶל יָחַד׃ אַל־
תִּבְטְחוּ בְעֹשֶׁק וּבְגָזֵל אַל־תֶּהְבָּלוּ חַיִל ׀ כִּי־יָנוּב אַל־תָּשִׁיתוּ
12 לֵב׃ אַחַת ׀ דִּבֶּר אֱלֹהִים שְׁתַּיִם־זוּ שָׁמָעְתִּי כִּי עֹז לֵאלֹהִים׃
13 וּלְךָ־אֲדֹנָי חָסֶד כִּי־אַתָּה ׀ תְשַׁלֵּם לְאִישׁ כְּמַעֲשֵׂהוּ׃

## סג PSAL. LXIII. סג

2 א מִזְמוֹר לְדָוִד בִּהְיוֹתוֹ בְּמִדְבַּר יְהוּדָה׃ אֱלֹהִים ׀ אֵלִי אַתָּה
אֲשַׁחֲרֶךָּ צָמְאָה לְךָ ׀ נַפְשִׁי כָּמַהּ לְךָ בְשָׂרִי בְּאֶרֶץ־צִיָּה
3 וְעָיֵף בְּלִי־מָיִם׃ כֵּן בַּקֹּדֶשׁ חֲזִיתִךָ לִרְאוֹת עֻזְּךָ וּכְבוֹדֶךָ׃
4 ה כִּי־טוֹב חַסְדְּךָ מֵחַיִּים שְׂפָתַי יְשַׁבְּחוּנְךָ׃ כֵּן אֲבָרֶכְךָ
6 בְחַיָּי בְּשִׁמְךָ אֶשָּׂא כַפָּי׃ כְּמוֹ חֵלֶב וָדֶשֶׁן תִּשְׂבַּע נַפְשִׁי
7 וְשִׂפְתֵי רְנָנוֹת יְהַלֶּל־פִּי׃ אִם־זְכַרְתִּיךָ עַל־יְצוּעָי בְּאַשְׁמֻרוֹת
8 9 אֶהְגֶּה־בָּךְ׃ כִּי־הָיִיתָ עֶזְרָתָה לִּי וּבְצֵל כְּנָפֶיךָ אֲרַנֵּן׃ דָּבְקָה

5 איך וויל אימער וואוינען אין דיין געצעלט, איך וויל זיך אימער שיצען
6 אונטער דעם שאטען פון דיינע פליגלען. דו גאָט האָסט אימער געהערט
מיינע פערשפּרעכונגען, אימער האָסטו א בעזיץ געגעבען צו די וואָס פירכ־
7 טען דיין נאָמען. דערלענג טעג צום קעניג'ס טעג, דערלענגער זיינע יאָה־
8 רען אויף דור־דורות; זאָל ער אימער רעגיערען מיט דעם ווילען פון גאָט,
9 בעשטים טוגענד און וואהרהייט זיי זאָלען איהם בעוואכען. אזוי וועל
איך אימער זינגען צו דיין נאָמען, צאהלענדיג טאָג־טעגליך מיינע פער־
שפּרעכונגען.

## קאַפּיטעל סב

1 צום אויפזעהער איבער דוד'ס געזאַנגען. איבער ידותון.
2 נאָר צו גאָט האָפט מיין זעלע, נאָר פון איהם איז מיין הילף.
3 נאָר ער איז מיין פעלז, מיין הילף און מיין פעסטונג אום איך זאָל פיעל
4 ניט וואנקען. ווי לאַנג וועט איהר בעפאלען אויף מענשען ווי אויף אן
איינגעבויגענע וואַנד? ווי לאַנג וועט איהר אַלע איינברעכען (מענשען)
5 ווי א צובראָכענעם צוים? זאָגאר פון זיין הויכען אָרט בעראטהען זיי
זיך איהם אראָב צו ווארפען, זייער ווילען איז ליגען; מיט'ן מויל בענשען
6 זיי און אין הארצען שילטען זיי אימער. מיין זעלע האָפט אָבער נאָר צו
7 גאָט, פון איהם ערווארט איך הילף. נאָר ער איז מיין פעלז, מיין הילף
און מיין פעסטונג, אום איך זאָל ניט וואנקען.
8 ביי גאָט איז מיין הילף און עהרע, מיין שטארקער פעלז און שוץ איז
גאָט.
9 פערטרויט אימער אויף איהם, מענשען; גיסט אויס אייער הארץ פאר
איהם — גאָט איז אימער אונזער שוץ.
10 אונדויערהאַפט זיינען די קליינע מענשען, אונשטענדיג די גרויסע —
ארויפנעהמען זיי אויפ'ן וואג האָבען זיי אלע קיין געוויכט ניט.
11 פערזיכערט זיך ניט אויף רויב, האָט ניט קיין נארישען פערטרויען אויף
אָנגערויבטע; זאָגאר ווען דער פערמעגען וואַקסט זאָלט איהר ניט אכ־
טען דערויף.
12 פון איין וואָרט גאָט'ס פערשטעה איך צוויי: אז די מאַכט איז נאָר
ביי גאָט,
13 און אויך יי טוגענד איז דיינע, גאָט. יעדען מענשען צאָהלסטו לויט זיין
פערדיענסט.

## קאַפּיטעל סג

1 דוד'ס א געזאַנג, ווען ער איז געוועזן אין דער וויסטע יהודה.
2 אַלמעכטיגער! דו ביזט מיין גאָט, יעדען פריה־מאָרגען זוך איך דיר;
מיין זעלע דורשטעט נאָך דיר און מיין קערפּער שמאַכטעט נאָך דיר
ווי אין א וויסטע, טרוקענע לאַנד, אָהן וואסער.
3 ווי איך האָב דיר אין הייליגטהום געזעהען, זאָל איך נאָך זעהען דיין
מאַכט און פּראכט.
4 אז דיין טוגענד איז בעסער אַלס לעבען — לויבען דיר **מיינע ליפּען.**
5 איך וועל דיר נאָך בענשען אין מיין לעבענסלויף, דורך דיין נאָמען וועל
איך אויפהויבען מיינע הענד.
6 מיין זעלע ווערט זאט ווי פון פעטס און נאהרהאפטעס און מיין מויל
זינגט לויב־ליעדער.
7 ווען נאָר איך דערמאָן דיר, זאָגאר אויף מיין געלעגער, אין מיטען נאַכט,
טראַכט איך וועגען דיר;
8 ווייל דו ביזט מיר אימער א הילף געוועזן און ווען איך בין אינ'ם שאטען
פון דיינע פליגלען זינג איך.
9 מיין זעלע שטרעבט צו דיר, דיין רעכטע האַנד שטיצט מיר.

נַפְשִׁי אַחֲרֶיךָ בִּי תָּמְכָה יְמִינֶךָ׃ וְהֵמָּה לְשׁוֹאָה יְבַקְשׁוּ י
נַפְשִׁי יָבֹאוּ בְּתַחְתִּיּוֹת הָאָרֶץ׃ יַגִּירֻהוּ עַל־יְדֵי־חָרֶב מְנָת 11
שֻׁעָלִים יִהְיוּ׃ וְהַמֶּלֶךְ יִשְׂמַח בֵּאלֹהִים יִתְהַלֵּל כָּל־ 12
הַנִּשְׁבָּע בּוֹ כִּי יִסָּכֵר פִּי דוֹבְרֵי־שָׁקֶר׃

## סד PSAL. LXIV. סד

לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד׃ שְׁמַע־אֱלֹהִים קוֹלִי בְשִׂיחִי מִפַּחַד א 2
אוֹיֵב תִּצֹּר חַיָּי׃ תַּסְתִּירֵנִי מִסּוֹד מְרֵעִים מֵרִגְשַׁת פֹּעֲלֵי 3
אָוֶן׃ אֲשֶׁר שָׁנְנוּ כַחֶרֶב לְשׁוֹנָם דָּרְכוּ חִצָּם דָּבָר מָר׃ 4
לִירוֹת בַּמִּסְתָּרִים תָּם פִּתְאֹם יֹרֻהוּ וְלֹא יִירָאוּ׃ יְחַזְּקוּ־ ה 6
לָמוֹ ׀ דָּבָר רָע יְסַפְּרוּ לִטְמוֹן מוֹקְשִׁים אָמְרוּ מִי יִרְאֶה־
לָּמוֹ׃ יַחְפְּשׂוּ־עוֹלֹת תַּמְנוּ חֵפֶשׂ מְחֻפָּשׂ וְקֶרֶב אִישׁ וְלֵב 7
עָמֹק׃ וַיֹּרֵם אֱלֹהִים חֵץ פִּתְאוֹם הָיוּ מַכּוֹתָם׃ וַיַּכְשִׁילֻהוּ 8 9
עָלֵימוֹ לְשׁוֹנָם יִתְנֹדְדוּ כָּל־רֹאֵה בָם׃ וַיִּירְאוּ כָּל־אָדָם י
וַיַּגִּידוּ פֹּעַל אֱלֹהִים וּמַעֲשֵׂהוּ הִשְׂכִּילוּ׃ יִשְׂמַח צַדִּיק בַּיהוָה 11
וְחָסָה בוֹ וְיִתְהַלְלוּ כָּל־יִשְׁרֵי־לֵב׃

## סה PSAL. LXV. סה

לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד שִׁיר׃ לְךָ דֻמִיָּה תְהִלָּה אֱלֹהִים א 2
בְּצִיּוֹן וּלְךָ יְשֻׁלַּם־נֶדֶר׃ שֹׁמֵעַ תְּפִלָּה עָדֶיךָ כָּל־בָּשָׂר יָבֹאוּ׃ 3
דִּבְרֵי עֲוֺנֹת גָּבְרוּ מֶנִּי פְּשָׁעֵינוּ אַתָּה תְכַפְּרֵם׃ אַשְׁרֵי ׀ 4 ה
תִּבְחַר וּתְקָרֵב יִשְׁכֹּן חֲצֵרֶיךָ נִשְׂבְּעָה בְּטוּב בֵּיתֶךָ קְדֹשׁ
הֵיכָלֶךָ׃ נוֹרָאוֹת ׀ בְּצֶדֶק תַּעֲנֵנוּ אֱלֹהֵי יִשְׁעֵנוּ מִבְטָח כָּל־ 6
קַצְוֵי־אֶרֶץ וְיָם רְחֹקִים׃ מֵכִין הָרִים בְּכֹחוֹ נֶאְזָר בִּגְבוּרָה׃ 7
מַשְׁבִּיחַ ׀ שְׁאוֹן יַמִּים שְׁאוֹן גַּלֵּיהֶם וַהֲמוֹן לְאֻמִּים׃ וַיִּירְאוּ 8 9
יֹשְׁבֵי קְצָוֺת מֵאוֹתֹתֶיךָ מוֹצָאֵי בֹקֶר וָעֶרֶב תַּרְנִין׃ פָּקַדְתָּ י
הָאָרֶץ ׀ וַתְּשֹׁקְקֶהָ רַבַּת תַּעְשְׁרֶנָּה פֶּלֶג אֱלֹהִים מָלֵא מָיִם
תָּכִין דְּגָנָם כִּי־כֵן תְּכִינֶהָ׃ תְּלָמֶיהָ רַוֵּה נַחֵת גְּדוּדֶהָ 11
בִּרְבִיבִים תְּמֹגְגֶנָּה צִמְחָהּ תְּבָרֵךְ׃ עִטַּרְתָּ שְׁנַת טוֹבָתֶךָ 12

ומעגליך

10 און די וואָס ווילען מיר פערלאָנגליקען זאָלען זיי אַריינגעהן טיעף אין
11 דר'ערד. יעדערן פון זיי זאָלסטו מאַכען וואַנדערן מיט די מאַכט פון
12 שווערד, צו האַנד־געבען זאָלען זיי אָנקומען. אויך דער קעניג פרעהט זיך
מיט גאָט'ס הילף, יעדער וואָס שווערט מיט איהם [גאָט] וועט געריהמט
ווערען ווען עס וועט פערשטאָפט ווערען דער מויל פון די ליגענזאָגערס.

## קאַפּיטעל כד

1 צום אויפזעהער איבער דוד'ס געזאַנגען.
2 הער אויס, גאָט, מיין שטימע ווען איך רייד, פון פיינד'ס שרעק היט
3 מיין לעבען. פאַרבאַרג מיר פון די געהיימע פּלענער פון די שלעכטע,
4 פון די אויפרעגונג פון די אונרעכט־טהוער, וועלכע האָבען געשליפען
זייער צונג ווי אַ שווערד, ווי מיט פייל'ען ציעלען זיי ביטערע ווערטער,
5 אום צו שיסען אין געהיים דעם אונשולדיגען — פּלוצלונג שיסען זיי
6 איהם, איידער מען בעמערקט זיי. זיי בעפעסטיגען דאָס שלעכטע, זיי
פּלאַנען צו בעהאַלטען די נעצען, זיי דענקען: ווער זעהט זיי?
7 מיט די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט זוכען זיי אויס די אונרעכט וואָס
זיינען בעהאַלטען אינערליך אין מענשען, טיעף אין האַרצען.
8 אָבער גאָט האָט זיי געשאָסען, זייער קלאַפּ איז געקומען ווי אַ אונער־
וואַרטעטע פייל.
9 זייער אייגענער צונג מאַכט זיי שטרויכלען, צום בעדויערן פון אַלע וואָס
זעהען זיי.
10 אַלע מענשען וואָס זעהען דאָס רעדען וועגען גאָט'ס טהאַט, און בעטראַכ־
טען וואָס ער טהוט.
11 דער פרומער פרעהט זיך מיט גאָט און פערטרויט אויף איהם, עס ריה־
מען זיך אַלע אויפריכטיגע הערצער.

## קאַפּיטעל סה

1 צום אויפזעהער איבער דוד'ס געזאַנגען; אַ ליעד.
2 דיר, גאָט פון ציון, ערוואַרט אַ לויבגעזאַנג, דיר וועט אויך יעדער פער־
שפּרעכען בעצאַהלט ווערען.
3 געבעט הערער! צו דיר קומט יעדער בעשעפענים.
4 דער שטראָף פאַר די זינד איז צו שווער פאַר מיר, בעסער פערצייה אונ־
זערע פערברעכען.
5 וואויל איז דעם וועמען דו ערוועהלסט און ערנעהענסט אַז ער זאָל רוהען
אין דיינע הויפען; לאָמיר זאַט זיין מיט דאָס גוטעס פון דיין הויז,
דעם הייליגטהום פון דיין טעמפּעל.
6 אין שרעקליכע צייטען, ענטפער אונז מיט דיין גערעכטיגקייט — גאָט
פון אונזער הילף! דו ביזט אַ זיכערהייט פאַר אַלע עקען וועלט אוּן
וויטע ים'ען,
7 דער וואָס שטעלט פעסט בערג מיט זיין קראַפט, אומגעגורט מיט מאַכט,
8 דער וואָס שטילט אין דעם גערויש פון ים'ען, דעם ברויזען פון זייערע
כוועלען, אויך דעם טומעל פון פעלקער.
9 פאַר דיינע צייכענס זיינען אין שרעק די איינוואוינער פון עק וועלט;
די איינוואוינער וואו עס פאַנגען זיך אָן דער מאָרגען און אָווענד שטעל־
סטו צופריעדען.
10 דו דערמאַנסט די ערד און טרינקסט איהר אָן גענוג, דו בערייכערסט
איהר מיט גרויסע וואַסער־פולע שטראָמען; דו גרייטסט צו איהרע פיש
און שטעלסט איהר פעסט דערמיט.
11 בעוואַסער איהרע בייטען, צוברעך איהרע ערדשטיקער, מאַך איהר ווייך
12 מיט פיעל רעגען בענש איהרע געוויקסע. ווען דו בעקריינסט אַ יאָהר
מיט דיין גוטס, פליסט פעטקייט אויף אַלע שטעגען.

13 וּמַעְגָּלֶיךָ יִרְעֲפוּן דָּשֶׁן׃ יִרְעֲפוּ נְאוֹת מִדְבָּר וְגִיל גְּבָעוֹת
14 תַּחְגֹּרְנָה׃ לָבְשׁוּ כָרִים ׀ הַצֹּאן וַעֲמָקִים יַעַטְפוּ־בָר
יִתְרוֹעֲעוּ אַף־יָשִׁירוּ׃

## Psal. LXVI. סו סו

2 א לַמְנַצֵּחַ שִׁיר מִזְמוֹר הָרִיעוּ לֵאלֹהִים כָּל־הָאָרֶץ׃ זַמְּרוּ
3 כְבוֹד־שְׁמוֹ שִׂימוּ כָבוֹד תְּהִלָּתוֹ׃ אִמְרוּ לֵאלֹהִים מַה־
4 נּוֹרָא מַעֲשֶׂיךָ בְּרֹב עֻזְּךָ יְכַחֲשׁוּ־לְךָ אֹיְבֶיךָ׃ כָּל־הָאָרֶץ ׀
ה יִשְׁתַּחֲווּ לְךָ וִיזַמְּרוּ־לָךְ יְזַמְּרוּ שִׁמְךָ סֶלָה׃ לְכוּ וּרְאוּ
6 מִפְעֲלוֹת אֱלֹהִים נוֹרָא עֲלִילָה עַל־בְּנֵי אָדָם׃ הָפַךְ יָם ׀
7 לְיַבָּשָׁה בַּנָּהָר יַעַבְרוּ בְרָגֶל שָׁם נִשְׂמְחָה בּוֹ׃ מֹשֵׁל
בִּגְבוּרָתוֹ ׀ עוֹלָם עֵינָיו בַּגּוֹיִם תִּצְפֶּינָה הַסּוֹרְרִים ׀ אַל־
8 יָרִימוּ לָמוֹ סֶלָה׃ בָּרְכוּ עַמִּים ׀ אֱלֹהֵינוּ וְהַשְׁמִיעוּ קוֹל
9 תְּהִלָּתוֹ׃ הַשָּׂם נַפְשֵׁנוּ בַּחַיִּים וְלֹא־נָתַן לַמּוֹט רַגְלֵנוּ׃
י 11 כִּי־בְחַנְתָּנוּ אֱלֹהִים צְרַפְתָּנוּ כִּצְרָף־כָּסֶף׃ הֲבֵאתָנוּ
12 בַמְּצוּדָה שַׂמְתָּ מוּעָקָה בְמָתְנֵינוּ׃ הִרְכַּבְתָּ אֱנוֹשׁ לְרֹאשֵׁנוּ
13 בָּאנוּ בָאֵשׁ וּבַמַּיִם וַתּוֹצִיאֵנוּ לָרְוָיָה׃ אָבוֹא בֵיתְךָ בְעוֹלוֹת
14 אֲשַׁלֵּם לְךָ נְדָרָי׃ אֲשֶׁר־פָּצוּ שְׂפָתָי וְדִבֶּר־פִּי בַּצַּר־לִי׃
טו עֹלוֹת מֵחִים אַעֲלֶה־לָּךְ עִם־קְטֹרֶת אֵילִים אֶעֱשֶׂה בָקָר
16 עִם־עַתּוּדִים סֶלָה׃ לְכוּ־שִׁמְעוּ וַאֲסַפְּרָה כָּל־יִרְאֵי אֱלֹהִים
17 אֲשֶׁר עָשָׂה לְנַפְשִׁי׃ אֵלָיו פִּי־קָרָאתִי וְרוֹמַם תַּחַת לְשׁוֹנִי׃
18 19 אָוֶן אִם־רָאִיתִי בְלִבִּי לֹא יִשְׁמַע אֲדֹנָי׃ אָכֵן שָׁמַע אֱלֹהִים
כ הִקְשִׁיב בְּקוֹל תְּפִלָּתִי׃ בָּרוּךְ אֱלֹהִים אֲשֶׁר לֹא־הֵסִיר
תְּפִלָּתִי וְחַסְדּוֹ מֵאִתִּי׃

## Psal. LXVII. סז סז

2 א לַמְנַצֵּחַ בִּנְגִינֹת מִזְמוֹר שִׁיר׃ אֱלֹהִים יְחָנֵּנוּ וִיבָרְכֵנוּ יָאֵר
3 פָּנָיו אִתָּנוּ סֶלָה׃ לָדַעַת בָּאָרֶץ דַּרְכֶּךָ בְּכָל־גּוֹיִם יְשׁוּעָתֶךָ׃
4 ה יוֹדוּךָ עַמִּים ׀ אֱלֹהִים יוֹדוּךָ עַמִּים כֻּלָּם׃ יִשְׂמְחוּ וִירַנְּנוּ
לאמים

ס״ו v. 7. ירומו קרי · v. 12. פתח באתנח

13 עס פליסט אין די מדבר־וואוינונגען, זאַגאַר די בערג נעהמט אַרום אַ פרייד.
14 די פעלדער זיינען מיט שעפּסען באַדעקט און די טהאָלען מיט קאָרן
פאַרוויקעלט — מען יובעלט און מען זינגט.

## קאַפּיטעל סו

1 צום אויפזעהער איבער לידער און געזאַנגען. יובעלט צו גאָט אַלע
2 איינוואוינער פון לאַנד. בעזינגט זיין געעהרטען נאָמען, מאַך זיין לויב־
3 געזאַנג מיט עהרע. זאָגט צו גאָט: „ווי גרויס זיינען דיינע טהאַטען!
איבער דיין גרויסע מאַכט שמייכלען דיר דיינע פיינדע".
4 אַלע בעוואוינער דער וועלט בוקען זיך צו דיר און לויבען דיר; אימער
5 לויבען זיי דיין נאָמען. געהט, בעטראַכט גאָט'ס טהאַטען, זיין וואונ־
דערבאַרען ווירקען אויף מענשען.
6 ער פערוואַנדעלט דעם ים אין טרוקעניש — צופוס געהט מען אריבער
אַ טייך [— דאָרטען האָבען מיר זיך געפרעהט מיט איהם].
7 ער בעהערשט די וועלט מיט זיין מאַכט, זיינע אויגען באַזעהען די פעל־
קער אום די פערברעכער זאָלען ניעמאַלס שטאָלצירען.
8 לויבט, פעלקער אונזער גאָט; שרייט אויס הויך זיין לויבגעזאַנג!
9 ער האַלט אונז אויף ביים לעבען און לאָזט ניט וואַנקען אונזערע פיס.
10 דו האָסט אונז שוין געפּרובירט, גאָט; דו האָסט אונז געלייטערט ווי
מען לייטערט זילבער.
11 דו האָסט אונז אריינגעפיהרט אין אַ נעץ און ארויפגעלעגט אַ שאַנד־
פּלאַקען אויף אונזערע לענדען.
12 דו האָסט געלאָזען מענשען רייטען אויף אונז, מיר זיינען געגאַנגען
דורך פייער און וואַסער ביז דו האָסט אונז ארויסגעפיהרט אויף אַ גערוי־
מען אָרט.
13 איך וועל קומען אין דיין הויז מיט אָפּפער און וועל בעצאָהלען מיינע
פערשפּרעכונגען צו דיר —
14 מיט וועלכע איך האָב געעפענט מיינע ליפּען און מיין מויל האָט ארויס־
גערעדט ווען מיר איז שלעכט געווען.
15 פעטע אָפּפער וועל איך דיר ברענגען מיט געווירצען, ווידער וועל איך
פאַר דיר אימער צוגרייטען, רינדער און שעפּסען.
16 קומט זיך צונויף אַלע גאָט'ס־פאַרכטיגע, הערט אויס און איך וועל דער־
צעהלען וואָס ער האָט פאַר מיר געטהאָן.
17 צו איהם האָב איך גערופען, ערהויבונג איז אימער אונטער מיין צונג.
18 ווען איך וואָלט פיהלען ביי זיך אונרעכט וואָלט גאָט מיר ניט אויס־
געהערט,
19 גאָט האָט [מיר] אָבער יאָ אויסגעהערט, ער האָט געהאָרכט די שטימע
פון מיין געבעט.
20 געלויבט איז גאָט וועלכער האָט ניט פערוואָרפען מיין געבעט און צוגע־
נומען זיין גנאָדע פון מיר.

## קאַפּיטעל סז

1 צום אויפזעהער איבער מעלאָדיען, געזאַנגען און לידער.
2 גאָט וועט אונז בעגנאַדיגען און בענשען, אימער וועט זיין געזיכט אונז
בעלייכטען.
3 אום מען זאָל אין דער וועלט וויסען דיין וועג, אונטער אַלע פעלקער —
דיין הילף.
4 עס וועלען דיר לויבען פעלקער, אַ גאָט; אַלע פעלקער וועלען דיר
לויבען.
5 עס פרעהען זיך און זינגען פעלקער ווען דו אורטהיילסט מיט אויפריכ־
טיגקייט נאַציאָנען און פעלקער וועלכע דו פיהרסט אימער.

לְאֻמִּים כִּֽי־תִשְׁפֹּט עַמִּים מִישֹׁר וּלְאֻמִּים ׀ בָּאָרֶץ תַּנְחֵם
6 7 סֶלָה׃ יוֹדוּךָ עַמִּים ׀ אֱלֹהִים יוֹדוּךָ עַמִּים כֻּלָּם׃ אֶרֶץ
8 נָתְנָה יְבוּלָהּ יְבָרְכֵנוּ אֱלֹהִים אֱלֹהֵינוּ׃ יְבָרְכֵנוּ אֱלֹהִים
וְיִירְאוּ אוֹתוֹ כָּל־אַפְסֵי־אָרֶץ׃

# סח

## Psal. LXVIII. סח

א 2 לַמְנַצֵּחַ לְדָוִד מִזְמוֹר שִׁיר׃ יָקוּם אֱלֹהִים יָפוּצוּ אוֹיְבָיו
3 וְיָנוּסוּ מְשַׂנְאָיו מִפָּנָיו׃ כְּהִנְדֹּף עָשָׁן תִּנְדֹּף כְּהִמֵּס דּוֹנַג
4 מִפְּנֵי־אֵשׁ יֹאבְדוּ רְשָׁעִים מִפְּנֵי אֱלֹהִים׃ וְצַדִּיקִים יִשְׂמְחוּ
ה יַעַלְצוּ לִפְנֵי אֱלֹהִים וְיָשִׂישׂוּ בְשִׂמְחָה׃ שִׁירוּ ׀ לֵאלֹהִים
זַמְּרוּ שְׁמוֹ סֹלּוּ לָרֹכֵב בָּעֲרָבוֹת בְּיָהּ שְׁמוֹ וְעִלְזוּ לְפָנָיו׃
6 7 אֲבִי יְתוֹמִים וְדַיַּן אַלְמָנוֹת אֱלֹהִים בִּמְעוֹן קָדְשׁוֹ׃ אֱלֹהִים ׀
מוֹשִׁיב יְחִידִים ׀ בַּיְתָה מוֹצִיא אֲסִירִים בַּכּוֹשָׁרוֹת אַךְ־
8 סוֹרְרִים שָׁכְנוּ צְחִיחָה׃ אֱלֹהִים בְּצֵאתְךָ לִפְנֵי עַמֶּךָ
9 בְּצַעְדְּךָ בִישִׁימוֹן סֶלָה׃ אֶרֶץ רָעָשָׁה ׀ אַף־שָׁמַיִם נָטְפוּ
י מִפְּנֵי אֱלֹהִים זֶה סִינַי מִפְּנֵי אֱלֹהִים אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃ גֶּשֶׁם
11 נְדָבוֹת תָּנִיף אֱלֹהִים נַחֲלָתְךָ וְנִלְאָה אַתָּה כוֹנַנְתָּהּ׃ חַיָּתְךָ
12 יָשְׁבוּ־בָהּ תָּכִין בְּטוֹבָתְךָ לֶעָנִי אֱלֹהִים׃ אֲדֹנָי יִתֶּן־אֹמֶר
13 הַמְבַשְּׂרוֹת צָבָא רָב׃ מַלְכֵי צְבָאוֹת יִדֹּדוּן יִדֹּדוּן וּנְוַת
14 בַּיִת תְּחַלֵּק שָׁלָל׃ אִם־תִּשְׁכְּבוּן בֵּין שְׁפַתָּיִם כַּנְפֵי יוֹנָה
טו נֶחְפָּה בַכֶּסֶף וְאֶבְרוֹתֶיהָ בִּירַקְרַק חָרוּץ׃ בְּפָרֵשׂ שַׁדַּי
16 מְלָכִים בָּהּ תַּשְׁלֵג בְּצַלְמוֹן׃ הַר־אֱלֹהִים הַר־בָּשָׁן הַר
17 גַּבְנֻנִּים הַר־בָּשָׁן׃ לָמָּה ׀ תְּרַצְּדוּן הָרִים גַּבְנֻנִּים הָהָר חָמַד
18 אֱלֹהִים לְשִׁבְתּוֹ אַף־יְהוָה יִשְׁכֹּן לָנֶצַח׃ רֶכֶב אֱלֹהִים
19 רִבֹּתַיִם אַלְפֵי שִׁנְאָן אֲדֹנָי בָם סִינַי בַּקֹּדֶשׁ׃ עָלִיתָ לַמָּרוֹם ׀
שָׁבִיתָ שֶּׁבִי לָקַחְתָּ מַתָּנוֹת בָּאָדָם וְאַף סוֹרְרִים לִשְׁכֹּן ׀
כ יָהּ אֱלֹהִים׃ בָּרוּךְ אֲדֹנָי יוֹם ׀ יוֹם יַעֲמָס־לָנוּ הָאֵל יְשׁוּעָתֵנוּ
21 סֶלָה׃ הָאֵל ׀ לָנוּ אֵל לְמוֹשָׁעוֹת וְלֵיהוִה אֲדֹנָי לַמָּוֶת

תוצאות

ס״ח v. 9. פתח באתנח v. 14. סגול באתנח v. 18. רפה אחר מפיק

6 עס וועלען דיר לויבען פעלקער, אָ גאָט ; אַלע פעלקער וועלען דיר לויבען.
7 קוים האָט די ערד איהר פרוכט געגעבען וועט שוין אונז בענשען אונזער אַלמעכטיגער גאָט,
8 און ווען גאָט וועט אונז בענשען וועלען זיך שרעקען פאַר איהם (די איינ־וואוינער פון) אַלע עקען וועלט.

## קאַפּיטעל סח

1 צום אויפזעהער איבער דוד׳ס געזאַנגען און לידער.
2 ווען גאָט ערוואַכט ווערען זיינע פיינד צושפּרייט, עס צולויפען פון איהם זיינע האַסער.
3 פעריאָג זיי ווי דער רויך ווערט פעריאָגט, אַזוי ווי וואַקס שמעלצט פון פייער זאָלען די פערברעכער פערניכטעט ווערען פון גאָט.
4 אָבער די פרומע וועלען זיך פרעהען און פרעהליך זיין פאַר גאָט, זיי וועלען יובלען פון פרייד.
5 זינגט צו גאָט, ריהמט זיין נאָמען ! מאַכט וועג פאַר דעם וואָס רייט אויף די וואָלקענס (זיין נאָמען איז „יה") און פרעהט זיך פאַר איהם.
6 אַ פאָטער פאַר יתומים אַ ריכטער פאַר אַלמנות איז גאָט פון זיין הייליגע וואוינונג.
7 גאָט באַזעצט די עלענדע אין אַ הויז ביי אַ געלעגענהייט בעפרייט ער געפאַנגענע ; נאָר די אַבוויכער פערבלייבען אין די וויסטעניי.
8 גאָט ! ווען דו ביזט געגאַנגען פאַר דיין פאָלק, ווען דו האָסט געטראַטען אין די אייביגע וויסטע
9 האָט די ערד געשטורמט און די הימלען געטריפט פאַר גאָט, עס האָט געפלאַמט סיני פאַר גאָט — דער גאָט פון ישראל.
10 אַ מילדען רעגען מאַכסטו, גאָט, טריפען צו דיין בעזיץ (פאָלק), זאָגאַר די פערשוואַכטע מאַכסטו שטאַרק.
11 דאָרט וואו דיין געמיינדע זיצט גרייטסטו, גאָט, צו מיט דיין גוטסקייט פאַר די אָרעמע.
12 אַז גאָט רעדט אַרויס איין וואָרט האָבען די אַנזאָגערינס פיעל צו רעדען.
13 די קעניגליכע אַרמעען וואַנדערן אַרום און די הויזבעוואוינערין צור־צוטהיילט רויב.
14 זאָגאַר ווען איהר ליגט צווישען די שעפּסען־שטאַלען זייט איהר ווי די טויבענפליגלען, וועלכע איז ווי מיט זילבער באַדעקט און איהרע פע־דערן מיט די געלקייט פון פיינגאָלד.
15 ווען גאָט צושפּרייט די קעניגע אין איהר ווערען אַלע פינסטערע ערטער שנעע־וויים :
16 דער גרויסער באַרג פון בשן־געבירגע אויף די קליינע בערגלאַך פון בשן־געבירגע.
17 וואָס שפּרינגט איהר, קליינע בערגלאַך ? האָט גאָט אויסגעקליבען אַ באַרג אַלס זיין וואוינונג ? וועט דען גאָט אייביג [אויפ׳ן באַרג] וואוינען ?
18 גאָט׳ס וואָגען איז פיעל טויזענד (בערג) — טויזענד מאָל טויזענד, צווי־שען זיי איז׳ם היילינגטהום איז דער גאָט פון סיני.
19 דו ביזט אַרויף אין דער הויך [און גענומען געפאַנגענע, מענשען האָסטו אַלס געשאַנק גענומען, זאָגאַר פערוואָרפענע] אום צו רוהען, אַלמעכטיגער גאָט.
20 געלויבט איז גאָט ! טאָג־טעגליך בעלאָד אונז גאָט שטענדיג מיט אונ־זער הילף.
21 פאַר אונז איז גאָט אַ גאָט פון הילף, אַ עוויגער גאָט וואָס רעטעט פון טוידט.

22 תּוֹצָאוֹת׃ אַךְ־אֱלֹהִים יִמְחַץ רֹאשׁ אֹיְבָיו קׇדְקֹד שֵׂעָר
23 מִתְהַלֵּךְ בַּאֲשָׁמָיו׃ אָמַר אֲדֹנָי מִבָּשָׁן אָשִׁיב אָשִׁיב
24 מִמְּצֻלוֹת יָם׃ לְמַעַן ׀ תִּמְחַץ רַגְלְךָ בְּדָם לְשׁוֹן כְּלָבֶיךָ
כה מֵאֹיְבִים מִנֵּהוּ׃ רָאוּ הֲלִיכוֹתֶיךָ אֱלֹהִים הֲלִיכוֹת אֵלִי מַלְכִּי
26 בַקֹּדֶשׁ׃ קִדְּמוּ שָׁרִים אַחַר נֹגְנִים בְּתוֹךְ עֲלָמוֹת תּוֹפֵפוֹת׃
27 28 בְּמַקְהֵלוֹת בָּרְכוּ אֱלֹהִים אֲדֹנָי מִמְּקוֹר יִשְׂרָאֵל׃ שָׁם
בִּנְיָמִן ׀ צָעִיר רֹדֵם שָׂרֵי יְהוּדָה רִגְמָתָם שָׂרֵי זְבֻלוּן שָׂרֵי
29 נַפְתָּלִי׃ צִוָּה אֱלֹהֶיךָ עֻזֶּךָ עוּזָּה אֱלֹהִים זוּ פָּעַלְתָּ לָּנוּ׃
ל 31 מֵהֵיכָלֶךָ עַל־יְרוּשָׁלָםִ לְךָ יוֹבִילוּ מְלָכִים שָׁי׃ גְּעַר חַיַּת
קָנֶה עֲדַת אַבִּירִים ׀ בְּעֶגְלֵי עַמִּים מִתְרַפֵּס בְּרַצֵּי־כָסֶף
32 בִּזַּר עַמִּים קְרָבוֹת יֶחְפָּצוּ׃ יֶאֱתָיוּ חַשְׁמַנִּים מִנִּי מִצְרָיִם
33 כּוּשׁ תָּרִיץ יָדָיו לֵאלֹהִים׃ מַמְלְכוֹת הָאָרֶץ שִׁירוּ לֵאלֹהִים
34 זַמְּרוּ אֲדֹנָי סֶלָה׃ לָרֹכֵב בִּשְׁמֵי שְׁמֵי־קֶדֶם הֵן יִתֵּן בְּקוֹלוֹ
לה קוֹל עֹז׃ תְּנוּ עֹז לֵאלֹהִים עַל־יִשְׂרָאֵל גַּאֲוָתוֹ וְעֻזּוֹ בַּשְּׁחָקִים׃
36 נוֹרָא אֱלֹהִים ׀ מִמִּקְדָּשֶׁיךָ אֵל יִשְׂרָאֵל הוּא נֹתֵן ׀ עֹז וְתַעֲצֻמוֹת
לָעָם בָּרוּךְ אֱלֹהִים׃

## סט PSAL. LXIX. סט

2 א לַמְנַצֵּחַ ׀ עַל־שׁוֹשַׁנִּים לְדָוִד׃ הוֹשִׁיעֵנִי אֱלֹהִים כִּי בָאוּ
3 מַיִם עַד־נָפֶשׁ׃ טָבַעְתִּי ׀ בִּיוֵן מְצוּלָה וְאֵין מָעֳמָד בָּאתִי
4 בְמַעֲמַקֵּי־מַיִם וְשִׁבֹּלֶת שְׁטָפָתְנִי׃ יָגַעְתִּי בְקׇרְאִי נִחַר
ה גְּרוֹנִי כָּלוּ עֵינַי מְיַחֵל לֵאלֹהָי׃ רַבּוּ ׀ מִשַּׂעֲרוֹת רֹאשִׁי
שֹׂנְאַי חִנָּם עָצְמוּ מַצְמִיתַי אֹיְבַי שֶׁקֶר אֲשֶׁר לֹא־גָזַלְתִּי
6 אָז אָשִׁיב׃ אֱלֹהִים אַתָּה יָדַעְתָּ לְאִוַּלְתִּי וְאַשְׁמוֹתַי מִמְּךָ
7 לֹא־נִכְחָדוּ׃ אַל־יֵבֹשׁוּ בִי ׀ קֹוֶיךָ אֲדֹנָי יֱהֹוִה צְבָאוֹת אַל־
8 יִכָּלְמוּ בִי מְבַקְשֶׁיךָ אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃ כִּי־עָלֶיךָ נָשָׂאתִי חֶרְפָּה
9 כִּסְּתָה כְלִמָּה פָנָי׃ מוּזָר הָיִיתִי לְאֶחָי וְנׇכְרִי לִבְנֵי אִמִּי׃
י כִּי־קִנְאַת בֵּיתְךָ אֲכָלָתְנִי וְחֶרְפּוֹת חוֹרְפֶיךָ נָפְלוּ עָלָי׃

ואבכה

ס״ח v. 29. דגש אחר שורק ס״ט v. 4. פתח באתנח v. 5. סגול באתנח

22 גאָט אָבער פערוואונדעט דעם קאָפּ פון זיינע פיינד, דעם האָריגען שאר־
בען פון דעם וואָס פיהרט זיך אויף פערברעכעריש.
23 גאָט זאָגט: „איך וועל צוריקברייננגען פון בשן, איך וועל ארויסנעהמען
24 פון די טיעפעניסען פון ים; אום דו זאָלסט פארבען דיינע פיס אין
בלוט, די צינגער פון דיינע הינד וועלען שפּייז האָבען פונ'ם פיינד".
25 מען האָט געזעהען, גאָט, דיינע גיינג, דיינע הייליגע גיינג — מיין
26 קעניג און גאָט. פאָראויס זיינען געגאַנגען זינגערס, נאָכדעם שפּיעלער
מיט מיידלאַך וואָס פּויקען.
27 אין פערזאמלונגען לויבט דעם אלמעכטיגען, ער איז גאָט זינט ישראל
עקזיסטירט.
28 דאָרטען הערשט איבער זיי דער יונגער בנימין איבער די פירשטען פון
יהודה, די פּיילענשיסער זיינען די פירשטען פון זבלון, די פירשטען פון
נפתלי.
29 דיין גאָט האָט דיר דיין קראַפט געגעבען, די מעכטיגע קראַפט מיט וועל־
כע דו האָסט פאר אונז געטהאָן.
30 צוליעב דיין טעמפּעל וואָס איז אין ירושלים ברייננגען קעניגע דיר פרע־
זענטען.
31 שריי אָן אויף די ארמעע צווישען די שטעקלאַך, די פערזאמלונג פון
מעכטיגע — אויף די איבעראיילטע פעלקער — דו וואָס טרעטסט אויף
זילבערשטיקער; צושפּרייט די פעלקער וועלכע זוכען קריעג.
32 עס וועלען קומען פירשטען פון מצרים, כוש וועט זיין האנד אויסשטרע־
קען צו גאָט.
33 זינגט צו גאָט, רעגיערונגען דער וועלט! אימער לויבט גאָט,
34 וועלכער רייט פון אַלטע צייטען אויף די אָבערהימלען; ער רעדט מיט
זיין שטימע, א שטארקע שטימע:
35 דערצעהלט גאָט'ס מאַכט פאר ישראל, זיין שטאָלץ און מאַכט אין הימעל.
36 דו ביזט שרעקליך, גאָט פון דיינע הייליגטהימער; גאָט פון ישראל,
ער גיט א פאָלק מאַכט און קראַפט — געלויבט איז גאָט!

## קאַפּיטעל סט

1 צום אויפזעהער איבער דוד'ס בלומענליעדער.
2 העלף מיר, גאָט! ווארום דאָס וואסער דערגרעהט מיר דעם לעבען.
3 איך האָב געזונקען אין א טיעפען זומפּ און קען זיך ניט אָבהאַלטען;
איך בין אריין אין טיעפען וואסער און דער שטראָם פערשלעפּט מיר.
4 איך בין מיעד געוואָרען שרייענדיג ביז מיין האלז איז טרוקען געוואָרען;
איך האָב אויסגעקוקט מיינע אויגען האָפענדיג צו מיין גאָט.
5 די וואָס האסען מיר אָהן א אורזאַך זיינען מעהר אַלס די האָאר פון מיין
קאָפּ, מעכטיג זיינען מיינע פערפאָלגער — מיינע אומזיסטע פיינד;
זאָל איך זיי צוריק געבען וואָס איך האָב ניעמאָלס פון זיי גערויבט?
6 גאָט! דו ווייסט מיין נארישע האנדלונג, פון דיר זיינען ניט פערלויי־
קענט מיינע פערברעכענס.
7 זאָלען דורך מיר ניט פערשעהמט ווערען די וועלכע האָפען צו דיר, איי־
ביגער גאָט פון ארמעען; זאָלען צוליעב מיר ניט בעליידיגט ווערען די
וועלכע בעטען צו דיר, גאָט פון ישראל!
8 ווארום איבער דיר האָב איך שאנדע געליטען, בעליידיגונג האָט מיין
געזיכט פערדעקט;
9 פערפרעמדט בין איך געוואָרען צו מיינע ברידער, און אונבעקאַנט צו
מיין מוטער'ס קינדער.
10 די ערגערניס וועגען דיין הויז האָט מיר פערצעהרט, און דער לעסטער
פון דיינע לעסטערערס פאַלט אויף מיר:

11 12 וָאֶבְכֶּה בַצּוֹם נַפְשִׁי וַתְּהִי לַחֲרָפוֹת לִי׃ וָאֶתְּנָה לְבוּשִׁי
13 שָׂק וָאֱהִי לָהֶם לְמָשָׁל׃ יָשִׂיחוּ בִי יֹשְׁבֵי שָׁעַר וּנְגִינוֹת
14 שׁוֹתֵי שֵׁכָר׃ וַאֲנִי תְפִלָּתִי־לְךָ ׀ יְהוָה עֵת רָצוֹן אֱלֹהִים
טו בְּרָב־חַסְדֶּךָ עֲנֵנִי בֶּאֱמֶת יִשְׁעֶךָ׃ הַצִּילֵנִי מִטִּיט וְאַל־
16 אֶטְבָּעָה אִנָּצְלָה מִשֹּׂנְאַי וּמִמַּעֲמַקֵּי־מָיִם׃ אַל־תִּשְׁטְפֵנִי ׀
שִׁבֹּלֶת מַיִם וְאַל־תִּבְלָעֵנִי מְצוּלָה וְאַל־תֶּאְטַר־עָלַי בְּאֵר
17 פִּיהָ׃ עֲנֵנִי יְהוָה כִּי־טוֹב חַסְדֶּךָ כְּרֹב רַחֲמֶיךָ פְּנֵה אֵלָי׃
18 19 וְאַל־תַּסְתֵּר פָּנֶיךָ מֵעַבְדֶּךָ כִּי־צַר־לִי מַהֵר עֲנֵנִי׃ קָרְבָה
כ אֶל־נַפְשִׁי גְאָלָהּ לְמַעַן אֹיְבַי פְּדֵנִי׃ אַתָּה יָדַעְתָּ חֶרְפָּתִי
21 וּבָשְׁתִּי וּכְלִמָּתִי נֶגְדְּךָ כָּל־צוֹרְרָי׃ חֶרְפָּה ׀ שָׁבְרָה לִבִּי
22 וָאָנוּשָׁה וָאֲקַוֶּה לָנוּד וָאַיִן וְלַמְנַחֲמִים וְלֹא מָצָאתִי׃ וַיִּתְּנוּ
23 בְּבָרוּתִי רֹאשׁ וְלִצְמָאִי יַשְׁקוּנִי חֹמֶץ׃ יְהִי־שֻׁלְחָנָם לִפְנֵיהֶם
24 לְפָח וְלִשְׁלוֹמִים לְמוֹקֵשׁ׃ תֶּחְשַׁכְנָה עֵינֵיהֶם מֵרְאוֹת
כה וּמָתְנֵיהֶם תָּמִיד הַמְעַד׃ שְׁפָךְ־עֲלֵיהֶם זַעְמֶךָ וַחֲרוֹן אַפְּךָ
26 יַשִּׂיגֵם׃ תְּהִי־טִירָתָם נְשַׁמָּה בְּאָהֳלֵיהֶם אַל־יְהִי יֹשֵׁב׃
27 כִּי־אַתָּה אֲשֶׁר־הִכִּיתָ רָדָפוּ וְאֶל־מַכְאוֹב חֲלָלֶיךָ יְסַפֵּרוּ׃
28 29 תְּנָה־עָוֺן עַל־עֲוֺנָם וְאַל־יָבֹאוּ בְּצִדְקָתֶךָ׃ יִמָּחוּ מִסֵּפֶר חַיִּים
ל וְעִם צַדִּיקִים אַל־יִכָּתֵבוּ׃ וַאֲנִי עָנִי וְכוֹאֵב יְשׁוּעָתְךָ אֱלֹהִים
31 תְּשַׂגְּבֵנִי׃ אֲהַלְלָה שֵׁם־אֱלֹהִים בְּשִׁיר וַאֲגַדְּלֶנּוּ בְתוֹדָה׃
32 33 וְתִיטַב לַיהוָה מִשּׁוֹר פָּר מַקְרִן מַפְרִיס׃ רָאוּ עֲנָוִים יִשְׂמָחוּ
34 דֹּרְשֵׁי אֱלֹהִים וִיחִי לְבַבְכֶם׃ כִּי־שֹׁמֵעַ אֶל־אֶבְיוֹנִים
לה יְהוָה וְאֶת־אֲסִירָיו לֹא בָזָה׃ יְהַלְלוּהוּ שָׁמַיִם וָאָרֶץ יַמִּים
36 וְכָל־רֹמֵשׂ בָּם׃ כִּי אֱלֹהִים ׀ יוֹשִׁיעַ צִיּוֹן וְיִבְנֶה עָרֵי יְהוּדָה
37 וְיָשְׁבוּ שָׁם וִירֵשׁוּהָ׃ וְזֶרַע עֲבָדָיו יִנְחָלוּהָ וְאֹהֲבֵי שְׁמוֹ
יִשְׁכְּנוּ־בָהּ׃

## PSAL. LXX. ע

ע

2 א לַמְנַצֵּחַ לְדָוִד לְהַזְכִּיר׃ אֱלֹהִים לְהַצִּילֵנִי יְהוָה לְעֶזְרָתִי

חוּשָׁה

11 ווײַן איך פֿאַסטענדיג, פֿערשאַפֿ איך זיך שפּאָט,
12 בעקלייד איך מיך מיט אַ זאַק, ווער איך ביי זיי אַ שפּריכוואָרט —
13 עס רעדען וועגען מיר די טהויער־זיצערס, און עס זינגען וועגען מיר די
14 ביער־טרינקער. אָבער מיין געבעט צו דיר, גאָט, איז: אין אַ צייט
פון גוטען ווילען ענטפער מיר, אַלמעכטיגער, מיט דיין גרויס גנאַדע, מיט
15 דיין וואהרע הילף. רעטע מיר פון זומפּ אום איך זאָל ניט איינזינקען;
לאָמיך גערעטעט ווערען פון מיינע האסער און פון די טיעפע וואַסערען.
16 זאָל מיר ניט פֿאַרשלעפען דער וואַסער־שטראָם, זאָל מיר ניט פֿאַרשלינ־
גען די טיעפענים און זאָל די גרוב ניט פֿאַרשליעסען איהרע עפענונג
17 איבער מיר. ענטפער מיר, גאָט, ווארום דיין גנאַדע איז גוט; ווענדע
18 זיך צו מיר לויט דיין גרויסע ערבאַרמונג. פערבאָרג ניט דיין געזיכט
19 פון דיין קנעכט; ווען מיר איז שלעכט ענטפער מיר שנעל. קום נע־
הענטער צו מיין זעעלע און ערלייז איהר, בעפריי מיר צוליעב מיינע פיינד.
20 דו ווייסט דאָך מיין לעסטער, שאַנדע און בעלײדיגונג — דיר זיינען
21 בעוואוסט אַלע מיינע בעדריקער. פון שאַנדע איז מיין הארץ געפעהר־
ליך צובראָכען; איך ערוואַרט בעדויערונג, אָבער אומזיסט; איך ער־
22 וואַרט טרייסטער און געפין זיי ניט. אין מיין שפּייז לעגען זיי אַריין
23 גיפט, און ווען איך בין דורשטיג גיבען זיי מיר עסיג טרינקען. זאָל זייער
טיש פאַר זיי ווערען אַ נעץ און אַ שטרויכלונג, אַלס בעלוינונג.
24 זייערע אויגען זאָלען פינסטער ווערען און ניט קענען זעהען, מאַך זיי־
ערע לענדען אימער וואַנקען.
25 גיס אויף זיי דיין פלוך, דיין ברענענדיגער צאָרן זאָל זיי גרייכען.
26 וויסט זאָלען ווערען זייערע פּאַלאַסטען, אין זייערע געצעלטען זאָלען
קיין איינוואָהנער בלייבען.
27 ווארום זיי פערפאָלגען וועמען דו שלאָגסט, און רעדען אימער וועגען די
שמערצען פון דיינע פערוואונדעטע.
28 לעג צו פערברעכען צו זייערע זינד און זיי זאָלען ניט קענען קומען צווי־
שען די גערעכטיגע.
29 זאָלען זיי אויסגעמעקט ווערען פון לעבענס־בוך און ניט פֿאַרשריעבען
ווערען צווישען די פרומע.
30 אָבער איך אָרעמער און ליידענדער — נאָר דיין הילף, אַ גאָט, קען
מיר שטאַרקען.
31 איך וועל לויבען גאָט'ס נאָמען מיט אַ ליעד און וועל איהם גרויס מאַכען
מיט אַ דאַנק־אָפּפער.
32 וועלכער וועט ביי גאָט אַנגענעהמער זיין אַלס אַ גרויסער אָקס, אַ בו־
הארענטער און בעקלויענטער.
33 די דעמיטהיגע וועלען זעהען און פרעהען זיך, איהר, וועלכע זוכען גאָט,
אייער הארץ וועט אָבלעבען.
34 ווארום גאָט הערט אוים די אָרעמע און פֿאַראַכטעט ניט זיינע געפאַנ־
גענע.
35 עס ריהמען איהם הימעל און ערד, ים'ען און אַלעס וואָס בעוועגט זיך אין
זיי.
36 אַז גאָט וועט העלפען ציון און אָפּבויען די שטעדט פון יהודה, און
מען זאָל קענען וואָהנען אין זיי און מאַכען דאָס צום בעזיץ —
37 וועלען דאָס צוטהיילען זיינע קנעכט'ס קינדער, די וועלכע ליעבען זיין
נאָמען וועלען דאָרטען רוהען.

## קאַפּיטעל ע

1 צום אויפזעהער איבער דוד'ס בעטראַכטונגען.
2 אייל, אַלמעכטיגער, צו רעטען מיר; אייל, גאָט, צו העלפען מיר.

3 חוּשָׁה׃ יֵבֹשׁוּ וְיַחְפְּרוּ מְבַקְשֵׁי נַפְשִׁי יִסֹּגוּ אָחוֹר וְיִכָּלְמוּ
4 חֲפֵצֵי רָעָתִי׃ יָשׁוּבוּ עַל־עֵקֶב בָּשְׁתָּם הָאֹמְרִים הֶאָח ׀
ה הֶאָח׃ יָשִׂישׂוּ וְיִשְׂמְחוּ ׀ בְּךָ כָּל־מְבַקְשֶׁיךָ וְיֹאמְרוּ תָמִיד
6 יִגְדַּל אֱלֹהִים אֹהֲבֵי יְשׁוּעָתֶךָ׃ וַאֲנִי ׀ עָנִי וְאֶבְיוֹן אֱלֹהִים
חוּשָׁה־לִּי עֶזְרִי וּמְפַלְטִי אַתָּה יְהוָה אַל־תְּאַחַר׃

## PSAL. LXXI. עא

# עא

2 א בְּךָ־יְהוָה חָסִיתִי אַל־אֵבוֹשָׁה לְעוֹלָם׃ בְּצִדְקָתְךָ תַּצִּילֵנִי
3 וּתְפַלְּטֵנִי הַטֵּה־אֵלַי אָזְנְךָ וְהוֹשִׁיעֵנִי׃ הֱיֵה לִי ׀ לְצוּר־
מָעוֹן לָבוֹא תָּמִיד צִוִּיתָ לְהוֹשִׁיעֵנִי כִּי־סַלְעִי וּמְצוּדָתִי אָתָּה׃
4 ה אֱלֹהַי פַּלְּטֵנִי מִיַּד רָשָׁע מִכַּף מְעַוֵּל וְחוֹמֵץ׃ כִּי־אַתָּה
6 תִקְוָתִי אֲדֹנָי יֱהוִֹה מִבְטַחִי מִנְּעוּרָי׃ עָלֶיךָ ׀ נִסְמַכְתִּי מִבֶּטֶן
7 מִמְּעֵי אִמִּי אַתָּה גוֹזִי בְּךָ תְהִלָּתִי תָמִיד׃ כְּמוֹפֵת הָיִיתִי
8 לְרַבִּים וְאַתָּה מַחֲסִי־עֹז׃ יִמָּלֵא פִי תְּהִלָּתֶךָ כָּל־הַיּוֹם
9 תִּפְאַרְתֶּךָ׃ אַל־תַּשְׁלִיכֵנִי לְעֵת זִקְנָה כִּכְלוֹת כֹּחִי אַל־
י תַּעַזְבֵנִי׃ כִּי־אָמְרוּ אוֹיְבַי לִי וְשֹׁמְרֵי נַפְשִׁי נוֹעֲצוּ יַחְדָּו׃
11 12 לֵאמֹר אֱלֹהִים עֲזָבוֹ רִדְפוּ וְתִפְשׂוּהוּ כִּי־אֵין מַצִּיל׃ אֱלֹהִים
13 אַל־תִּרְחַק מִמֶּנִּי אֱלֹהַי לְעֶזְרָתִי חִישָׁה׃ יֵבֹשׁוּ יִכְלוּ שֹׂטְנֵי
14 נַפְשִׁי יַעֲטוּ חֶרְפָּה וּכְלִמָּה מְבַקְשֵׁי רָעָתִי׃ וַאֲנִי תָּמִיד
טו אֲיַחֵל וְהוֹסַפְתִּי עַל־כָּל־תְּהִלָּתֶךָ׃ פִּי ׀ יְסַפֵּר צִדְקָתֶךָ כָּל־
16 הַיּוֹם תְּשׁוּעָתֶךָ כִּי לֹא יָדַעְתִּי סְפֹרוֹת׃ אָבוֹא בִּגְבֻרוֹת
17 אֲדֹנָי יֱהוִֹה אַזְכִּיר צִדְקָתְךָ לְבַדֶּךָ׃ אֱלֹהִים לִמַּדְתַּנִי
18 מִנְּעוּרָי וְעַד־הֵנָּה אַגִּיד נִפְלְאוֹתֶיךָ׃ וְגַם עַד־זִקְנָה ׀ וְשֵׂיבָה
אֱלֹהִים אַל־תַּעַזְבֵנִי עַד־אַגִּיד זְרוֹעֲךָ לְדוֹר לְכָל־יָבוֹא
19 גְּבוּרָתֶךָ׃ וְצִדְקָתְךָ אֱלֹהִים עַד־מָרוֹם אֲשֶׁר־עָשִׂיתָ גְדֹלוֹת
כ אֱלֹהִים מִי כָמוֹךָ׃ אֲשֶׁר הִרְאִיתַנוּ ׀ צָרוֹת רַבּוֹת וְרָעוֹת
21 תָּשׁוּב תְּחַיֵּינוּ וּמִתְּהוֹמוֹת הָאָרֶץ תָּשׁוּב תַּעֲלֵנוּ׃ תֶּרֶב ׀
22 גְּדֻלָּתִי וְתִסֹּב תְּנַחֲמֵנִי׃ גַּם־אֲנִי ׀ אוֹדְךָ בִכְלִי־נֶבֶל אֲמִתְּךָ

אלהי

ע״א v. 12. חושה ק v. 20. הראיתני ק ibid. תחיני ק ibid. תעלני ק

3 צו שאַנד און שפּאָט זאָלען ווערען די וועלכע פערפאָלגען מיין לעבען,
זאָלען צוריק געשטויסען ווערען מיט בעליידיגונג די וואָס ווינשען מיר
4 שלעכטעס. זאָלען זיי צוריקגעהן אין זייער שענדליכען וועג די וואָס
5 זאָגען: „אַ פרייד! אַ פרייד״! זאָלען זיך פרעהען און פרעהליך זיין
מיט דיר אַלע וועלכע זוכען דיר, זאָלען זיי אימער זאָגען די וואָס שטרע־
בען צו דיין הילף: „גאָט איז גרויס״!
6 און איך בעדריקטער און אָרעמער? איל צו מיר, אַלמעכטיגער! דו
ביזט מיין הילף און מיין רעטונג — פערזאַם ניט, גאָט!

## קאַפּיטעל עא

1 אויף דיר, גאָט, פערטרוי איך, וועל איך ניעמאַלס פערשעהמט ווערען.
2 מיט דיין גערעכטיגקייט רעטע מיר און בעפריי מיר; בייג צו מיר דיין
3 אויער און העלף מיר. זיי פאַר מיר ווי אַ פעלז־וואָהנונג וואו מען קען
אימער אריין; דו האָסט בעפוילען מיר צו העלפען, ווארום דו ביזט מיין
4 פעלז און מיין פעסטונג. רעטע מיר, מיין גאָט, פון פערברעכער׳ס
האַנד, פון דעם פויסט פון אונגערעכטען און רויבער.
5 ווארום דו ביזט מיין האָפנונג אייביגער גאָט; דו ביזט מיין זיכערהייט
6 פון מיין יוגענד אָן. אויף דיר בין איך געשטיצט געווען פון מוטער־לייב,
זינט דו האָסט מיר ארויסגעצויגען פון מיין מוטער׳ס געדערים איז אימער
7 מיין לויבליעד נאָך דיר געווען. אַלס ווארנונג צייכען בין איך געוואָרען
8 פיעל, אָבער דו ביזט מיין שטאַרקער פערטרויען. מיין מויל ווערט
פול מיט דיין לויב, אימער [דערצעהלענדיג] דיין פּרעכטיגקייט.
9 פאַרוואַרף מיר ניט אין צייט פון עלטער, ווען מיין קראַפט ענדיגט זיך
10 פערלאָז מיר ניט; ווארום מיינע פיינד זאָגען צו מיר, אויך די וועלכע
בעוואַכען מיר האָבען צוזאַמען בעשלאָסען,
11 אַזוי צו זאָגען: „גאָט האָט איהם פערלאָזען — פערפאָלגט איהם און
כאַפּט איהם. קיינער וועט איהם ניט רעטען״!
12 גאָט! ערווייטער זיך ניט פון מיר; איל, מיין גאָט, צו מיין הילף.
13 פערשעהמט און פערניכטעט זאָלען ווערען אַלע וואָס שטערען מיר;
מיט שאַנדע און בעליידיגונג זאָל בעדעקט ווערען די וועלכע ווינשען מיר
שלעכטעס.
14 איך האָף אימער, און פערמעהר אַלע דיינע לויבליעדער.
15 מיין מויל דערצעהלט אימער דיין גערעכטיגקייט און דיין הילף, אָב־
וואָהל איך קען דאָס ניט אויסדערצעהלען.
16 איך געה ארום מיט העלדענטהאַטען פון אַלמעכטיגען גאָט, בלויז דיין
גערעכטיגקייט דערצעהל איך.
17 מיט דיין אַלמעכטיגקייט בין איך איינגעוואָהנט פון מיין יוגענד אָן
נאָך יעצט דערצעהל איך דיינע וואונדער.
18 אויך ביז׳ן טיעפען עלטער זאָלסטו, גאָט, מיר ניט פערלאָזען; ביז איך
וועל דיין מאַכט דערצעהלען דעם יונגען דור, צו אַלע צוקינפטיגע
דורות — דיינע העלדענטהאַטען.
19 און דיין גערעכטיגקייט, גאָט, און דיינע גרויסע טהאַטען, איז זעהר
הויך — ווער, אָ גאָט, איז דיין גלייכען!
20 אַזוי ווי דו האָסט מיר זאַט געמאַכט מיט פיעל נויטה און אונגליק, זאָלסטו
מיר צוריק בעלעבען, **אויפהויבען מיר פון די** טיעפעניסען פון דער
ערד.
21 דו וועסט פערגרעסערען מיין ווערדע ווען דו וועסט זיך ווענדען צו
טרייסטען מיר.
22 אויך דיין וואַהרהייט מיין גאָט, וועל איך לויבען מיט מוזיק אינסטרו־
מענטען; איך וועל דיר זינגען מיט אַ פיעדעל, הייליגער פון ישראל.

23 אֱלֹהָי אֲזַמְּרָה לְךָ בְכִנּוֹר קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל׃ תְּרַנֵּנָּה שְׂפָתַי כִּי
24 אֲזַמְּרָה־לָּךְ וְנַפְשִׁי אֲשֶׁר פָּדִיתָ׃ גַּם־לְשׁוֹנִי כָּל־הַיּוֹם תֶּהְגֶּה
צִדְקָתֶךָ כִּי־בֹשׁוּ כִּי־חָפְרוּ מְבַקְשֵׁי רָעָתִי׃

## עב PSAL. LXXII. עב

א לִשְׁלֹמֹה ׀ אֱלֹהִים מִשְׁפָּטֶיךָ לְמֶלֶךְ תֵּן וְצִדְקָתְךָ לְבֶן־מֶלֶךְ׃
2 3 יָדִין עַמְּךָ בְצֶדֶק וַעֲנִיֶּיךָ בְמִשְׁפָּט׃ יִשְׂאוּ הָרִים שָׁלוֹם
4 לָעָם וּגְבָעוֹת בִּצְדָקָה׃ יִשְׁפֹּט ׀ עֲנִיֵּי־עָם יוֹשִׁיעַ לִבְנֵי אֶבְיוֹן
ה וִידַכֵּא עוֹשֵׁק׃ יִירָאוּךָ עִם־שָׁמֶשׁ וְלִפְנֵי יָרֵחַ דּוֹר דּוֹרִים׃
6 7 יֵרֵד כְּמָטָר עַל־גֵּז כִּרְבִיבִים זַרְזִיף אָרֶץ׃ יִפְרַח־בְּיָמָיו
8 צַדִּיק וְרֹב שָׁלוֹם עַד־בְּלִי יָרֵחַ׃ וְיֵרְדְּ מִיָּם עַד־יָם וּמִנָּהָר
9 עַד־אַפְסֵי־אָרֶץ׃ לְפָנָיו יִכְרְעוּ צִיִּים וְאֹיְבָיו עָפָר יְלַחֵכוּ׃
י מַלְכֵי תַרְשִׁישׁ וְאִיִּים מִנְחָה יָשִׁיבוּ מַלְכֵי שְׁבָא וּסְבָא
11 אֶשְׁכָּר יַקְרִיבוּ׃ וְיִשְׁתַּחֲווּ־לוֹ כָל־מְלָכִים כָּל־גּוֹיִם
12 13 יַעַבְדוּהוּ׃ כִּי־יַצִּיל אֶבְיוֹן מְשַׁוֵּעַ וְעָנִי וְאֵין־עֹזֵר לוֹ׃ יָחֹס
14 עַל־דַּל וְאֶבְיוֹן וְנַפְשׁוֹת אֶבְיוֹנִים יוֹשִׁיעַ׃ מִתּוֹךְ וּמֵחָמָס
טו יִגְאַל נַפְשָׁם וְיֵיקַר דָּמָם בְּעֵינָיו׃ וִיחִי וְיִתֶּן־לוֹ מִזְּהַב
16 שְׁבָא וְיִתְפַּלֵּל בַּעֲדוֹ תָמִיד כָּל־הַיּוֹם יְבָרֲכֶנְהוּ׃ יְהִי פִסַּת־
בַּר ׀ בָּאָרֶץ בְּרֹאשׁ הָרִים יִרְעַשׁ כַּלְּבָנוֹן פִּרְיוֹ וְיָצִיצוּ
17 מֵעִיר כְּעֵשֶׂב הָאָרֶץ׃ יְהִי שְׁמוֹ ׀ לְעוֹלָם לִפְנֵי־שֶׁמֶשׁ יִנּוֹן
18 שְׁמוֹ וְיִתְבָּרְכוּ בוֹ כָּל־גּוֹיִם יְאַשְּׁרוּהוּ׃ בָּרוּךְ ׀ יְהוָה אֱלֹהִים
19 אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל עֹשֵׂה נִפְלָאוֹת לְבַדּוֹ׃ וּבָרוּךְ ׀ שֵׁם כְּבוֹדוֹ
כ לְעוֹלָם וְיִמָּלֵא כְבוֹדוֹ אֶת־כָּל־הָאָרֶץ אָמֵן ׀ וְאָמֵן׃ כָּלּוּ
תְפִלּוֹת דָּוִד בֶּן־יִשָׁי׃

## ספר שלישי

## LIBER TERTIUS.

## עג PSAL. LXXIII. עג

א מִזְמוֹר לְאָסָף אַךְ טוֹב לְיִשְׂרָאֵל אֱלֹהִים לְבָרֵי לֵבָב׃

ואני

ע״א v. 22. קמץ בלא אסיף   ע״ב v. 17. ינון קרי

23 עס זינגען מײנע ליפּען װען איך לויב דיר, אויך מײן זעעלע װאָס דו
האָסט בעפרײט.
24 אויך מײן צונג רעדט אימער װעגען דײן גרויסקײט, װײל עס זײנען צו
שאַנדע און שפּאָט געװאָרען די װאָס װינשען מיר בײז.

## קאַפּיטעל עב

1 שלמה'ס. גאָט ! גיעב דעם קעניג דײנע רעכטע, דעם פּרינץ — דײן
גערעכטיגקײט.
2 אום ער זאָל אורטהײלען פעלקער מיט גערעכטיגקײט, און דײנע אונטער־
דריקטע — ריכטיג.
3 זאָלען די גרויסע בערג טראָגען פריעדען פאַר'ן פאָלק, און די קלײנע
בערגלאַך — גערעכטיגקײט.
4 ער זאָל ריכטען די אַרעמע פון פאָלק, העלפען די קינדער פון די בעדירפ־
טיגע און אונטערדריקען דעם רויבער.
5 מען װעט פאַר דיר פירכטען װי לאַנג די זונן און לבנה עקזיסטירען,
ד. ה. אויף דורי־דורות.
6 זײן הערשען װעט זײן װי רעגען אויף אָבגעשניטענע גראָז, װי רעגען־
טראָפּענס װאָס בעפײכטען די ערד.
7 אין זײנע צײטען װעט בליהען די גערעכטיגקײט און עס װעט זיך
פאַרמעהרען פריעדען ביז דער מאָנד װעט ניט מעהר עקזיסטירען.
8 ער װעט הערשען פון אײן ים ביז'ן צװײטען, פון טײך ביז'ן עק װעלט.
9 פאַר איהם װעלען זיך בויגען די שיפענפיהרער, און זײנע פײנד װעלען
לעקען די ערד.
1 אַ געזאַנג פון קרח'ס זיהן ; אַ געזאַנג געגרינדעט אויף די הייליגע בערג.
2 גאָט ליעבט די טהויערן פון ציון מעהר פאַר אַלע אַנדערע וואוינונגען
יעקב'ס.
3 אימער ווערט וועגען דיר וויכטיגעס גערעדט, געטליכע שטאָדט !
4 ווען איך דערמאָן פאַר מיינע פריינד רהב און בבל, דאָס גלייכען פלשת,
צור און כוש — דאָרטען ווערען נאָר איינצעלנע פערזאָנען געבוירען ;
5 אָבער וועגען ציון זאָגט מען : „יעדער איינער וואָס ווערט אין איהר
געבוירען קען איהר הויך אָוועקשטעלען.”
6 גאָט פארצייכענט, אויסשרייבענדיג די פעלקער : אַזעלכע זאָלען דאָר־
טען אימער געבוירען ווערען.
7 דערפאַר זינגט מען טאַנצענדיג: „מיין גאַנצער אויסקוקען איז אויף דיר!”

## קאַפּיטעל פח

1 אַ ליעד. אַ געזאַנג פון קרח'ס זיהן. צום אויפזעהער איבער די בעטראַכ־
טונגען פון הימן דעם אזרחי, וועגען די קראַנקהייט פון אונטערדריקונג.
2 עוויגער, גאָט פון מיין הילף, ווי טאָג אַזוי נאַכט שריי איך צו דיר.
3 זאָל מיין געבעט קומען צו דיר בייג צו דיין אויער צו מיין געזאַנג.
4 ווארום מיין זעעלע איז זאַט מיט אונגליקען און מיין לעבען האַלט ביים
אונטערגעהן.
5 איך בין שוין פאַררעכענט מיט די וואָס געהען אראָב אין גרוב, איך בין
געוואָרען ווי אַ קראַפטלאָזער מענש.
6 צווישען די טוידטע ליג איך אויסגעצויגען, ווי די ערשלאַגענע וועלכע
ליגען שוין אין גרוב, וואָס דו דערמאָנסט זיי מעהר ניט זינט זיי זיינען
דורך דיין מאַכט אומגעקומען.
7 אויפ'ן דעק פון גרוב האָסטו מיר אָוועקגעזעצט, טיעף אין די פינס־
טערנים.
8 אויף מיר האָט געשפאַרט דיין וואוטה, מיט אַלע דיינע ברעכעניסען
האָסטו מיר אימער געדריקט.
9 דו האָסט ערוויטערט פון מיר מיינע פריינד, דו האָסט מיר געמאַכט
אַלס עקעלהאַפט פאַר זיי ; איך בין פערשלאָסען און קען ניט ארויס.
10 מיינע אויגען זיינען קראַנק פון עלענד, יעדען טאָג רוף איך צו דיר, גאָט ;
איך שפּרייט אויס צו דיר מיינע הענד.
11 וועסטו די טוידטע ווייזען וואונדער ? וועלען די לאַנג־פערשטאָרבענע
אויפשטעהן און לויבען דיר ?
12 וועט אין גראַב (קבר) דערצעהלט ווערען וועגען דיין טוגענד ? אין די
העללע וועגען דיין טרייהייט ?
13 קען אַנערקענט ווערען אין דער פינסטער דיין וואונדער ? און דיין גע־
רעכטיגקייט אין אַ פערוויסטע לאַנד ?

וְצִדְקָתְךָ בְּאֶרֶץ נְשִׁיָּה׃ וַאֲנִי ׀ אֵלֶיךָ יְהוָה שִׁוַּעְתִּי 14
וּבַבֹּקֶר תְּפִלָּתִי תְקַדְּמֶךָּ׃ לָמָה יְהוָה תִּזְנַח נַפְשִׁי תַּסְתִּיר טו
פָּנֶיךָ מִמֶּנִּי׃ עָנִי אֲנִי וְגֹוֵעַ מִנֹּעַר נָשָׂאתִי אֵמֶיךָ אָפוּנָה׃ 16
עָלַי עָבְרוּ חֲרוֹנֶיךָ בִּעוּתֶיךָ צִמְּתוּתֻנִי׃ סַבּוּנִי כַמַּיִם כָּל־ 17 18
הַיּוֹם הִקִּיפוּ עָלַי יָחַד׃ הִרְחַקְתָּ מִמֶּנִּי אֹהֵב וָרֵעַ 19
מְיֻדָּעַי מַחְשָׁךְ׃

## פט PSAL. LXXXIX. פט

מַשְׂכִּיל לְאֵיתָן הָאֶזְרָחִי׃ חַסְדֵי יְהוָה עוֹלָם אָשִׁירָה לְדֹר א 2
וָדֹר ׀ אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי׃ כִּי־אָמַרְתִּי עוֹלָם חֶסֶד יִבָּנֶה 3
שָׁמַיִם ׀ תָּכִן אֱמוּנָתְךָ בָהֶם׃ כָּרַתִּי בְרִית לִבְחִירִי נִשְׁבַּעְתִּי 4
לְדָוִד עַבְדִּי׃ עַד־עוֹלָם אָכִין זַרְעֶךָ וּבָנִיתִי לְדֹר־וָדוֹר ה
כִּסְאֲךָ סֶלָה׃ וְיוֹדוּ שָׁמַיִם פִּלְאֲךָ יְהוָה אַף־אֱמוּנָתְךָ 6
בִּקְהַל קְדֹשִׁים׃ כִּי מִי בַשַּׁחַק יַעֲרֹךְ לַיהוָה יִדְמֶה לַיהוָה 7
בִּבְנֵי אֵלִים׃ אֵל נַעֲרָץ בְּסוֹד־קְדֹשִׁים רַבָּה וְנוֹרָא עַל־ 8
כָּל־סְבִיבָיו׃ יְהוָה ׀ אֱלֹהֵי צְבָאוֹת מִי־כָמוֹךָ חֲסִין ׀ יָהּ 9
וֶאֱמוּנָתְךָ סְבִיבוֹתֶיךָ׃ אַתָּה מוֹשֵׁל בְּגֵאוּת הַיָּם בְּשׂוֹא י
גַלָּיו אַתָּה תְשַׁבְּחֵם׃ אַתָּה דִכִּאתָ כֶחָלָל רָהַב בִּזְרוֹעַ 11
עֻזְּךָ פִּזַּרְתָּ אוֹיְבֶיךָ׃ לְךָ שָׁמַיִם אַף־לְךָ אָרֶץ תֵּבֵל וּמְלֹאָהּ 12
אַתָּה יְסַדְתָּם׃ צָפוֹן וְיָמִין אַתָּה בְרָאתָם תָּבוֹר וְחֶרְמוֹן 13
בְּשִׁמְךָ יְרַנֵּנוּ׃ לְךָ זְרוֹעַ עִם־גְּבוּרָה תָּעֹז יָדְךָ תָּרוּם יְמִינֶךָ׃ 14
צֶדֶק וּמִשְׁפָּט מְכוֹן כִּסְאֶךָ חֶסֶד וֶאֱמֶת יְקַדְּמוּ פָנֶיךָ׃ טו
אַשְׁרֵי הָעָם יוֹדְעֵי תְרוּעָה יְהוָה בְּאוֹר־פָּנֶיךָ יְהַלֵּכוּן׃ 16
בְּשִׁמְךָ יְגִילוּן כָּל־הַיּוֹם וּבְצִדְקָתְךָ יָרוּמוּ׃ כִּי־תִפְאֶרֶת 17 18
עֻזָּמוֹ אָתָּה וּבִרְצוֹנְךָ תָּרִים קַרְנֵנוּ׃ כִּי לַיהוָה מָגִנֵּנוּ 19
וְלִקְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל מַלְכֵּנוּ׃ אָז דִּבַּרְתָּ־בְחָזוֹן לַחֲסִידֶיךָ וַתֹּאמֶר כ
שִׁוִּיתִי עֵזֶר עַל־גִּבּוֹר הֲרִימוֹתִי בָחוּר מֵעָם׃ מָצָאתִי דָּוִד 21
עַבְדִּי בְּשֶׁמֶן קָדְשִׁי מְשַׁחְתִּיו׃ אֲשֶׁר יָדִי תִּכּוֹן עִמּוֹ אַף־ 22

זרועי

פ״ח v. 14. פתח באתנח   פ״ט v. 18. תרום קרי

14 אָבער איך האָב אימער צו דיר, גאָט, געשריען ; יעדער פריה־מאָרגען
15 איז צו דיר מיין געבעט געקומען. וואָרום גאָט פערלאָזטו מיר און
16 פארבארגסט פון מיר דיין געזיכט ? איך בין ארעם און פערשמאַכטעט
פון יוגענד אָן, טראָגענדיג אויף זיך דיין שרעק בין איך פערצווייפעלט.
17 דיין צאָרן איז איבער מיר אַריבער, דיין שרעק האָט מיר פערניכטעט.
18 זיי האָבען מיר אימער אַרומגערינגעלט ווי וואסער. אַלע האָבען זיי מיר
19 אַרומגענומען. דו האָסט פון מיר ערווייטערט פריינד און פערוואנדטע,
מיינע בעקאַנטע איז די פינסטערניש.

## קאַפּיטעל פט

1 אַ בעטראַכטונג פון איתן דעם אזרחי.
2 וועגען גאָט'ס גנאָדע וועל איך אימער זינגען, אויף דורי־דורות וועל איך
3 מיט מיין מויל דיין טרייהייט ערקלעהרען. איך זאָג אַז די וועלט איז
געבויט אויף גנאָדע, די הימלען — דורך דיין טרייהייט וואָס דו האָסט
4 אין זיי פעסטגעשטעלט. דו האָסט געשלאָסען אַ בונד מיט דיין אויס־
5 ערוועהלטען, דו האָסט געשוואָרען צו דיין קנעכט דוד : „אויף אייביג
וועל איך פעסטשטעלען דיינע קינדער און דיין טהראָן וועל איך אימער
6 אַלס געביידע האַלטען פאַר דורי־דורות.״ די הימלען, גאָט, בעשטעטיגען
דיינע וואונדערטהאַטען, אויך די געמיינדע הייליגע וואָס גלויבען אין דיר.
7 ווער קען זיך אין הויכקייט גלייכען צו גאָט ? ווער פון די מעכטיגע קען
זיך פערגלייכען צום עוויגען ?
8 גאָט איז ערהאבען אין צוזאַמענקומען פון הייליגע, גרויס און פירכטער־
ליך איבער אַלע וואָס זיינען אַרום איהם.
9 עוויגער גאָט פון אַרמעען ! ווער איז אַזוי געטליך שטאַרק ווי דו ?
דערפאַר גלויבען אין דיר אַלע פון אַרום.
10 דו איבערוועלטיגסט דעם שטאָלץ פון ים, ווען זיינע וועלען ברויזען
שטילסטו זיי איין.
11 דו האָסט געשטירצט דעם שטאָלצען ווי אַ ערשלאַגענעם, מיט דיין מעכ־
טיגען אַרם האָסטו צושפּרייט דיינע פיינד.
12 דיינער איז דער הימעל, אויך די ערד איז דיינע ; די וועלט און אַלעס
וואָס פילט איהר אָן האָסטו געגרינדעט.
13 צפון און דרום האָסטו בעשאַפען, תבור און חרמון זינגען צו דיין נאָמען.
14 דיינע איז די מאַכט און שטאַרקייט, שטאַרק איז דיין לינקע האַנד און
ערהויבען דיינע רעכטע.
15 רעכט און גערעכטיגקייט איז דער פעסטהאַלטער פון דיין טהראָן, טו־
גענד און וואהרהייט שטעהען אימער פאַר דיין געזיכט.
16 וואויל איז דעם פאָלק וואָס קען יובעלן, נאָר זיי געהען מיט די ליכטיגקייט
פון דיין געזיכט ;
17 זיי פרעהען זיך אימער מיט דיין נאָמען און שטאָלצירען מיט דיין גע־
רעכטיגקייט.
18 דען דו ביזט דער פּראַכט פון זייער שטאַרקייט, ווען עס איז דאָ דיין
צושטימונג ווערט ערהויכט אונזער האָרן.
19 וואָרום אונזער שוץ געהערט צו גאָט און אונזער קעניג — צום הייליגען
פון ישראל.
20 שוין לאַנג האָסטו אין אַ ערשיינונג גערעדט צו דיינע פרומע און האָסט
געזאָגט : „איך האָב געגעבען הילף דעם העלד, ווען איך האָב ערהויכט
דעם אויסערוועהלטען פון פאָלק ;
21 אָבער ווען איך האָב געפונען דוד מיין קנעכט (האָב איך איהם געזאַלבט
מיט מיין הייליגען אויל),
22 וועלכען מיין האַנד שטיצט און מיין אַרם שטאַרקט —

23 זְרוֹעִי תְאַמְּצֶנּוּ׃ לֹא־יַשִּׁא אוֹיֵב בּוֹ וּבֶן־עַוְלָה לֹא יְעַנֶּנּוּ׃
24 כה וְכַתּוֹתִי מִפָּנָיו צָרָיו וּמְשַׂנְאָיו אֶגּוֹף׃ וֶאֱמוּנָתִי וְחַסְדִּי עִמּוֹ
26 וּבִשְׁמִי תָּרוּם קַרְנוֹ׃ וְשַׂמְתִּי בַיָּם יָדוֹ וּבַנְּהָרוֹת יְמִינוֹ׃
27 28 הוּא יִקְרָאֵנִי אָבִי אָתָּה אֵלִי וְצוּר יְשׁוּעָתִי׃ אַף־אָנִי בְּכוֹר
29 אֶתְּנֵהוּ עֶלְיוֹן לְמַלְכֵי־אָרֶץ׃ לְעוֹלָם אֶשְׁמוֹר־לוֹ חַסְדִּי
ל וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ׃ וְשַׂמְתִּי לָעַד זַרְעוֹ וְכִסְאוֹ כִּימֵי שָׁמָיִם׃
31 32 אִם־יַעַזְבוּ בָנָיו תּוֹרָתִי וּבְמִשְׁפָּטַי לֹא יֵלֵכוּן׃ אִם־חֻקֹּתַי
33 יְחַלֵּלוּ וּמִצְוֹתַי לֹא יִשְׁמֹרוּ׃ וּפָקַדְתִּי בְשֵׁבֶט פִּשְׁעָם
34 וּבִנְגָעִים עֲוֹנָם׃ וְחַסְדִּי לֹא־אָפִיר מֵעִמּוֹ וְלֹא אֲשַׁקֵּר
לה בֶּאֱמוּנָתִי׃ לֹא־אֲחַלֵּל בְּרִיתִי וּמוֹצָא שְׂפָתַי לֹא אֲשַׁנֶּה׃
36 37 אַחַת נִשְׁבַּעְתִּי בְקָדְשִׁי אִם־לְדָוִד אֲכַזֵּב׃ זַרְעוֹ לְעוֹלָם
38 יִהְיֶה וְכִסְאוֹ כַשֶּׁמֶשׁ נֶגְדִּי׃ כְּיָרֵחַ יִכּוֹן עוֹלָם וְעֵד בַּשַּׁחַק
39 נֶאֱמָן סֶלָה׃ וְאַתָּה זָנַחְתָּ וַתִּמְאָס הִתְעַבַּרְתָּ עִם־מְשִׁיחֶךָ׃
מ 41 נֵאַרְתָּה בְּרִית עַבְדֶּךָ חִלַּלְתָּ לָאָרֶץ נִזְרוֹ׃ פָּרַצְתָּ כָל־
42 גְּדֵרֹתָיו שַׂמְתָּ מִבְצָרָיו מְחִתָּה׃ שַׁסֻּהוּ כָּל־עֹבְרֵי דָרֶךְ הָיָה
43 חֶרְפָּה לִשְׁכֵנָיו׃ הֲרִימוֹתָ יְמִין צָרָיו הִשְׂמַחְתָּ כָּל־אוֹיְבָיו׃
44 מה אַף־תָּשִׁיב צוּר חַרְבּוֹ וְלֹא הֲקֵמֹתוֹ בַּמִּלְחָמָה׃ הִשְׁבַּתָּ
46 מִטְּהָרוֹ וְכִסְאוֹ לָאָרֶץ מִגַּרְתָּה׃ הִקְצַרְתָּ יְמֵי עֲלוּמָיו
47 הֶעֱטִיתָ עָלָיו בּוּשָׁה סֶלָה׃ עַד־מָה יְהוָה תִּסָּתֵר לָנֶצַח
48 תִּבְעַר כְּמוֹ־אֵשׁ חֲמָתֶךָ׃ זְכָר־אֲנִי מֶה־חָלֶד עַל־מַה־שָּׁוְא
49 בָּרָאתָ כָל־בְּנֵי־אָדָם׃ מִי גֶבֶר יִחְיֶה וְלֹא יִרְאֶה־מָּוֶת יְמַלֵּט
נ נַפְשׁוֹ מִיַּד־שְׁאוֹל סֶלָה׃ אַיֵּה ׀ חֲסָדֶיךָ הָרִאשֹׁנִים ׀ אֲדֹנָי
51 נִשְׁבַּעְתָּ לְדָוִד בֶּאֱמוּנָתֶךָ׃ זְכֹר אֲדֹנָי חֶרְפַּת עֲבָדֶיךָ שְׂאֵתִי
52 בְחֵיקִי כָּל־רַבִּים עַמִּים׃ אֲשֶׁר חֵרְפוּ אוֹיְבֶיךָ ׀ יְהוָה אֲשֶׁר
53 חֵרְפוּ עִקְּבוֹת מְשִׁיחֶךָ׃ בָּרוּךְ יְהוָה לְעוֹלָם אָמֵן ׀ וְאָמֵן׃

תפלה

v. 29 יחד ך v. 45. פתח בס"פ

23 קיינער וועט אויף איהם ניט אנרייצען קיין פיינד, און קיין אונגערעכטער
24 וועט איהם ניט אונטערדריקען. איך וועל פאר איהם צושמעטערן זיינע
25 פיינד און וועל פלאגען זיינע האַסער. מיין טרייהייט און גנאָדע וועט
זיין מיט איהם, מיט מיין נאָמען וועט זיין האָרן ערהויבען ווערען.
26 איך וועל מאַכען אַז זיין מאַכט זאָל זיין אויפ'ן ים און זיין הערשונג אי־
27 בער די טייכען. ער וועט מיר רופען: „מיין פאטער", „מיין גאָט ביזטו
28 און מיין שטאַרקע הילף"; אויך איך וועל איהם מאַכען אלס ערשט־
29 געבוירענעם, ד. ה. העכער פאַר אַלע קעניגע דער וועלט. אימער וועל איך
פאַר איהם היטען מיין גנאַדע און מיין בונד וועט מיט איהם שטענדיג זיין.
30 איך וועל אויך מאַכען אַז זיינע קינדער זאָלען לאַנג עקזיסטירען און זיין
31 טהראָן—אַזוי דויערהאַפט ווי דער הימעל.—ווען זיינע זיהן וועלען פער־
32 לאָזען מיין לעהרע און וועלען ניט געהן אין מיינע רעכטע — אויב זיי
וועלען פארשוועכען מיינע געזעצע און ניט אבהיטען מיינע בעפעהלע,
33 וועל איך אונטערזוכען מיט א רוט זייער זינד און מיט פלאגען זייער
34 פערברעכען. אָבער מיין גנאַדע וועל איך ניט צונעהמען פון זיי, איך
35 וועל ניט ברעכען מיין טרייהייט, איך וועל ניט פאַרשוועכען מיין בונד
און וועל ניט ענדערן וואָס איך האָב ארויסגערעדט פון מיינע ליפען.
36 איינמאָל האָב איך צו דוד'ן געשוואָרען ביי מיין הייליגקייט, קען איך
37 דען ענדערן? ! זיינע קינדער וועלען אימער עקזיסטירען און זיין
38 טהראָן וועט ביי מיר אייביג זיין ווי די זונן, אַזוי ווי די לבנה וואָס
איז אימער פעסט און איז אַן אייביגער עדות אין הימעל.
39 דאָך האָסטו אונז פערלאָזען און פעראכטעט, דו האָסט געצאָרנט אויף
דיין געזאַלבטען —
40 דו האָסט געבראָכען דעם בונד מיט דיין קנעכט, זיין קרוין האָסטו אויף
דר'ערד געוואָרפען.
41 אַלע זיינע צאמען האָסטו צובראָכען, זיינע פעסטונגען צושמעטערט.
42 יעדער פערבייגעהער האָט איהם געראויבט, ער איז צו שאַנדע געוואָרען
פאַר זיינע שכנים.
43 דו האָסט ערהויבען די מאַכט פון זיינע בעדריקער, אַלע זיינע פיינד
האָסטו ערפרעהט.
44 דו האָסט צוריקגעצויגען זיין שטאַרקען שווערד און האָסט איהם ניט
אויפגעהאַלטען אין קריעג.
45 דו האָסט צושטערט זיין לויטערקייט און זיין טהראָן צושמעטערט אַן
דר'ערד.
46 דו האָסט פאַרקירצט זיינע יונגע יאָהרען ארויפלעגענדיג אויף איהם אַן
אייביגע שאַנדע.
47 ווי לאַנג נאָך, גאָט, ווערסטו זיך אַלץ בעהאַלטען? ווי לאַנג נאָך וועט
דיין צאָרן ברענען ווי פייער?
48 ווען איך בעטראַכט ווי אונדויערהאַפט איך בין, דענק איך: צו וועלכע
נוצלאָזיגקייט האָסטו בעשאַפען אַלע מענשען?
49 איז דען דאָ א מאַן וואָס לעבט וועלכער וועט ניט אנזעהען דעם טוידט?
וועלכער זאָל זיך רעטען פון אייביגען אונטערגאַנג?
50 וואו זיינען דיינע פריהערדיגע גענאַדען, גאָט? דו האָסט דאָך דוד'ן
געשוואָרען טרייהייט!
51 בעטראַכט, גאָט, די שאַנדע פון דיינע קנעכט, וועלכע איך טראָג אין
מיין שויס פון אַלע מעכטיגע פעלקער —
52 וואָס דיינע פיינד, אָ גאָט, לעסטערן; וואָס זיי לעסטערן די טריט פון
דיין געזאַלבטען.
53 געלויבט איז גאָט אַלע מאָל. אמן און אמן!

# ספר רביעי

# LIBER QUARTUS.

## PSAL. XC. צ

צ

א תְּפִלָּה לְמֹשֶׁה אִישׁ־הָאֱלֹהִים אֲדֹנָי מָעוֹן אַתָּה הָיִיתָ לָּנוּ
2 בְּדֹר וָדֹר׃ בְּטֶרֶם ׀ הָרִים יֻלָּדוּ וַתְּחוֹלֵל אֶרֶץ וְתֵבֵל
3 וּמֵעוֹלָם עַד־עוֹלָם אַתָּה אֵל׃ תָּשֵׁב אֱנוֹשׁ עַד־דַּכָּא וַתֹּאמֶר
4 שׁוּבוּ בְנֵי־אָדָם׃ כִּי אֶלֶף שָׁנִים בְּעֵינֶיךָ כְּיוֹם אֶתְמוֹל כִּי
ה יַעֲבֹר וְאַשְׁמוּרָה בַלָּיְלָה׃ זְרַמְתָּם שֵׁנָה יִהְיוּ בַּבֹּקֶר
6 כֶּחָצִיר יַחֲלֹף׃ בַּבֹּקֶר יָצִיץ וְחָלָף לָעֶרֶב יְמוֹלֵל וְיָבֵשׁ׃
7 8 כִּי־כָלִינוּ בְאַפֶּךָ וּבַחֲמָתְךָ נִבְהָלְנוּ׃ שַׁתָּ עֲוֺנֹתֵינוּ לְנֶגְדֶּךָ
9 עֲלֻמֵנוּ לִמְאוֹר פָּנֶיךָ׃ כִּי כָל־יָמֵינוּ פָּנוּ בְעֶבְרָתֶךָ כִּלִּינוּ
י שָׁנֵינוּ כְמוֹ־הֶגֶה׃ יְמֵי־שְׁנוֹתֵינוּ ׀ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה וְאִם
בִּגְבוּרֹת ׀ שְׁמוֹנִים שָׁנָה וְרָהְבָּם עָמָל וָאָוֶן כִּי־גָז חִישׁ
11 12 וַנָּעֻפָה׃ מִי־יוֹדֵעַ עֹז אַפֶּךָ וּכְיִרְאָתְךָ עֶבְרָתֶךָ׃ לִמְנוֹת
13 יָמֵינוּ כֵּן הוֹדַע וְנָבִא לְבַב חָכְמָה׃ שׁוּבָה יְהוָה עַד־מָתָי
14 וְהִנָּחֵם עַל־עֲבָדֶיךָ׃ שַׂבְּעֵנוּ בַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ וּנְרַנְּנָה וְנִשְׂמְחָה
טו בְּכָל־יָמֵינוּ׃ שַׂמְּחֵנוּ כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ שְׁנוֹת רָאִינוּ רָעָה׃
16 17 יֵרָאֶה אֶל־עֲבָדֶיךָ פָעֳלֶךָ וַהֲדָרְךָ עַל־בְּנֵיהֶם׃ וִיהִי ׀ נֹעַם
אֲדֹנָי אֱלֹהֵינוּ עָלֵינוּ וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנָה עָלֵינוּ וּמַעֲשֵׂה
יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ׃

## PSAL. XCI. צא

צא

2 א יֹשֵׁב בְּסֵתֶר עֶלְיוֹן בְּצֵל שַׁדַּי יִתְלוֹנָן׃ אֹמַר לַיהוָה מַחְסִי
3 וּמְצוּדָתִי אֱלֹהַי אֶבְטַח־בּוֹ׃ כִּי הוּא יַצִּילְךָ מִפַּח יָקוּשׁ
4 מִדֶּבֶר הַוּוֹת׃ בְּאֶבְרָתוֹ ׀ יָסֶךְ לָךְ וְתַחַת־כְּנָפָיו תֶּחְסֶה
ה צִנָּה וְסֹחֵרָה אֲמִתּוֹ׃ לֹא תִירָא מִפַּחַד לָיְלָה מֵחֵץ יָעוּף
6 7 יוֹמָם׃ מִדֶּבֶר בָּאֹפֶל יַהֲלֹךְ מִקֶּטֶב יָשׁוּד צָהֳרָיִם׃ יִפֹּל

מצדך

צ v. 8. שתה קרי v. 12. פתח באתנח

## ספר רביעי
## קאפיטעל צ

1 א געבעט פון משה דעם געטליכען מאן. גאט! דו ביזט אונזער וואוינונג
2 געוועזען אין אלע צייטען. איידער די בערג זיינען געווארען און דו האסט
בעשאפען די בעוואוינטע וועלט — פון אנפאנג ביז ענדע וועלט ביזטו,
3 גאט! דו בריינגסט דעם מענשען ביז'ן אונטערגאנג און זאגסט: „קעהרט
4 זיך צוריק, מענשענקינדער!" ווארום אין דיינע אויגען זיינען טויזענד
יאהר ווי דער נעכטיגער טאג וואס איז אוועק, אדער א טהייל פון נאכט.
5 טראגסטו זיי אוועק מיט'ן שטראם ווען זיי זיינען פערשלאפען ווערען
6 זיי אין דער פריה ווי פארוועלקטע גראז. בליהען זיי און וואקסען אין
דער פריה, ווערען זיי פארוועלקט און אויסגעטריקענט אין אווענד.
7 פון דיין צארן ווערען מיר פערניכטעט און פון דיין וואוטה ווערען מיר
8 דערשראקען. דו האלסט אונזערע זינד קעגען דיר, אונזערע יוגענד־
זינד פאר דיין ליכטיגען געזיכט.
9 אלע טעג אונזערע זיינען אוועק אין דיין צארן, מיר האבען אויסגעלעבט
אונזערע יאהרען ווי א קלאגליעד.
10 אונזער לעבענסלויף איז זיעבציג יאהר, אויב א טיעפער עלטער איז אכט־
ציג יאהר; דאס מעהרסטע פון זיי זיינען מיה און בעקלאגונג — זיי
געהען שנעל אוועק און מיר ווערען פארוועלקט.
11 ווער ווייס די מאכט פון דיין צארן, און דיין וואוטה וואס איז אזוי פירכ־
טערליך ווי דו זעלבסט?
12 לאז אונז וויסען ריכטיג דעם צאהל פון אונזערע טעג, אום מיר זאלען בע־
קומען א קלוגע הארץ.
13 קעהר זיך צוריק, עוויגער; ווי לאנג נאך? האב מיטלייד אויף דיינע
קנעכט!
14 זעטיג אונז אין יוגענד מיט דיין גנאדע, אום מיר זאלען זינגען און פרעה־
ליך זיין אונזער גאנצען לעבען.
15 ערפרעה אונז אזוי פיעל טעג וויפיעל דו האסט אונז געפייניגט, אזוי פיעל
יאהרען אין וויפיעל מיר האבען שלעכטס געזעהען.
16 זאל דיין טהאט זיך ווייזען צו דיינע קנעכט און דיין פראכט אויף זייערע
קינדער.
17 זאל אונזער גאט'ס פריינדליכקייט זיין אויף אונז און די ארבייט פון אונ־
זערע הענד זאל אונז געלינגען ווען ער וועט די ארבייט פון אונזערע הענד
פעסטשטעלען.

## קאפיטעל צא

1 דער אלערהעכסטער זיצט אין פערבארגעניס, אין שאטען רוהט דער אל־
מעכטיגער.
2 איך זאג צו גאט: „מיין שוץ און פעסטונג! מיין גאט, אין וועלכען איך
איך בין פערטרויט".
3 ווארום ער וועט דיר רעטען פון אונטערגעווארפענעם נעץ, פון שעדליכען
פעסט;
4 מיט זיין פליגעל וועט ער דיר פארדעקען און אונטער זיינע פליגלען
וועסטו געשיצט זיין — זיין וואהרהייט איז א פאנציר און א שילד.
5 דו וועסט זיך ניט שרעקען פון נאכט־געפאהרען, אדער פון פייל וואס
פליהט ביי־טאג.
6 פון פעסט וואס געהט ארום אין דער פינסטער, פון איבערגאנג וואס ער־
מארדעט אין מיטען טאג.
7 ביי דיין לינקע זייט וועלען פאלען טויזענד און ביי דיין רעכטע האנד
צעהן טויזענד — דיר וועט דאס ניט אנריהרען.

8 מִצִּדְּךָ | אֶלֶף וּרְבָבָה מִימִינֶךָ אֵלֶיךָ לֹא יִגָּשׁ׃ רַק בְּעֵינֶיךָ
9 תַבִּיט וְשִׁלֻּמַת רְשָׁעִים תִּרְאֶה׃ כִּי־אַתָּה יְהוָה מַחְסִי
י עֶלְיוֹן שַׂמְתָּ מְעוֹנֶךָ׃ לֹא־תְאֻנֶּה אֵלֶיךָ רָעָה וְנֶגַע לֹא־יִקְרַב
11 בְּאָהֳלֶךָ׃ כִּי מַלְאָכָיו יְצַוֶּה־לָּךְ לִשְׁמָרְךָ בְּכָל־דְּרָכֶיךָ׃
12 13 עַל־כַּפַּיִם יִשָּׂאוּנְךָ פֶּן־תִּגֹּף בָּאֶבֶן רַגְלֶךָ׃ עַל־שַׁחַל וָפֶתֶן
14 תִּדְרֹךְ תִּרְמֹס כְּפִיר וְתַנִּין׃ כִּי בִי חָשַׁק וַאֲפַלְּטֵהוּ אֲשַׂגְּבֵהוּ
טו כִּי־יָדַע שְׁמִי׃ יִקְרָאֵנִי | וְאֶעֱנֵהוּ עִמּוֹ אָנֹכִי בְצָרָה אֲחַלְּצֵהוּ
16 וַאֲכַבְּדֵהוּ׃ אֹרֶךְ יָמִים אַשְׂבִּיעֵהוּ וְאַרְאֵהוּ בִּישׁוּעָתִי׃

## צב PSAL. XCII. צב

2 א מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת׃ טוֹב לְהֹדוֹת לַיהוָה וּלְזַמֵּר
3 לְשִׁמְךָ עֶלְיוֹן׃ לְהַגִּיד בַּבֹּקֶר חַסְדֶּךָ וֶאֱמוּנָתְךָ בַּלֵּילוֹת׃
4 ה עֲלֵי־עָשׂוֹר וַעֲלֵי־נָבֶל עֲלֵי הִגָּיוֹן בְּכִנּוֹר׃ כִּי שִׂמַּחְתַּנִי
6 יְהוָה בְּפָעֳלֶךָ בְּמַעֲשֵׂי יָדֶיךָ אֲרַנֵּן׃ מַה־גָּדְלוּ מַעֲשֶׂיךָ יְהוָה
7 מְאֹד עָמְקוּ מַחְשְׁבֹתֶיךָ׃ אִישׁ־בַּעַר לֹא יֵדָע וּכְסִיל לֹא־
8 יָבִין אֶת־זֹאת׃ בִּפְרֹחַ רְשָׁעִים | כְּמוֹ עֵשֶׂב וַיָּצִיצוּ כָּל־פֹּעֲלֵי
9 אָוֶן לְהִשָּׁמְדָם עֲדֵי־עַד׃ וְאַתָּה מָרוֹם לְעֹלָם יְהוָה׃ כִּי הִנֵּה
אֹיְבֶיךָ | יְהוָה כִּי־הִנֵּה אֹיְבֶיךָ יֹאבֵדוּ יִתְפָּרְדוּ כָּל־פֹּעֲלֵי
11 12 אָוֶן׃ וַתָּרֶם כִּרְאֵים קַרְנִי בַּלֹּתִי בְּשֶׁמֶן רַעֲנָן׃ וַתַּבֵּט עֵינִי
13 בְּשׁוּרָי בַּקָּמִים עָלַי מְרֵעִים תִּשְׁמַעְנָה אָזְנָי׃ צַדִּיק כַּתָּמָר
14 יִפְרָח כְּאֶרֶז בַּלְּבָנוֹן יִשְׂגֶּה׃ שְׁתוּלִים בְּבֵית יְהוָה בְּחַצְרוֹת
טו אֱלֹהֵינוּ יַפְרִיחוּ׃ עוֹד יְנוּבוּן בְּשֵׂיבָה דְּשֵׁנִים וְרַעֲנַנִּים יִהְיוּ׃
16 לְהַגִּיד כִּי־יָשָׁר יְהוָה צוּרִי וְלֹא־עַלְתָה בּוֹ׃

## צג PSAL. XCIII. צג

א יְהוָה מָלָךְ גֵּאוּת לָבֵשׁ לָבֵשׁ יְהוָה עֹז הִתְאַזָּר אַף־תִּכּוֹן
2 3 תֵּבֵל בַּל־תִּמּוֹט׃ נָכוֹן כִּסְאֲךָ מֵאָז מֵעוֹלָם אָתָּה׃ נָשְׂאוּ
נְהָרוֹת | יְהוָה נָשְׂאוּ נְהָרוֹת קוֹלָם יִשְׂאוּ נְהָרוֹת דָּכְיָם׃
4 מִקֹּלוֹת | מַיִם רַבִּים אַדִּירִים מִשְׁבְּרֵי־יָם אַדִּיר בַּמָּרוֹם

יהוה

צ״ב v. 16. עולתה קרי   צ״ג v. 1. כלו קמץ

8 דו וועסט נאָר אָנקוקען מיט דיינע אויגען און זעהען ווי די פֿערברעכער
9 ווערען בעשטראָפֿט. ווארום דו, גאָט, ביזט מיין שוץ; דו האָסט דיין
10 וואוינונג הויך געמאַכט. דיר וועט קיין אונגליק טרעפֿען און קיין פּלאָג
11 וועט צו דיין געצעלט ניט נאָהענט קומען. זיינע מלאכים וועט ער בע־
12 פֿוילען צו היטען דיר אין אַלע וועגען דיינע. אויף די הענד וועלען
זיי דיר טראָגען אום דו זאָלסט דיינע פֿיס ניט אָבשלאָגען אָן אַ שטיין.
13 דו וועסט ארויפֿטרעטען אויף אַ לייב און אַ שלאַנג, דו וועסט טרעטען
14 אויף יונגע לייבען און שלאַנגען. ווען ער שטרעבט נאָך מיר רעטע איך
15 איהם, איך מאַך איהם שטאַרק ווען ער אנערקענט מיין נאָמען. ווען ער
רופֿט מיר ענטפֿער איך איהם; אין יעדער אונגליק בין איך מיט איהם —
16 איך בעפֿריי איהם מיט עהרע. איך וועל איהם זאַט מאַכען מיט לאַנגע
יאָהרען און וועל איהם ווייזען מיין הילף.

## קאַפּיטעל צב

1 אַ געזאַנג. אַ ליעד פֿאַר'ן טאָג פֿון שבת.
2 עס איז גוט צו דאַנקען גאָט, און לויבען, אַלערהעכסטער, דיין נאָמען,
3 יעדען פֿריה־מאָרגען דערצעהלען דיין גנאָדע, און דיין וואהרהייט —
4 יעדע נאַכט. אויפֿ'ן צעהנסטאָניגען אינסטרומענט און אויפֿ'ן האַרף,
5 אויף אַ פּיעדעל מיט בעטראַכטונג. דו האָסט מיר, גאָט, ערפֿרעהט
מיט דיין יעדער טהאַט, דורך די אַרבייט פֿון דיינע הענד זינג איך:
6 ווי גרויס, אָ גאָט, זיינען דיינע טהאַטען! ווי טיעפֿזיניג זיינען דיינע
געדאַנקען!
7 אַ אונפֿערשטענדיגער מענש קען דאָס ניט וויסען, אַ נאַר קען דאָס ניט
פֿערשטעהן —
8 אַז דאָס בליהען פֿון די פֿערברעכער איז נאָר ווי גראָז, און דאָס וואַק־
סען פֿון די אונרעכטהוער איז בלויז אום זיי זאָלען אויף אימער פֿערטי־
ליגט ווערען.
9 אָבער דו, גאָט, ביזט אימער ערהויבען.
10 ווארום דיינע פֿיינד, גאָט — דיינע פֿיינד ווערען פֿערניכטעט, עס ווערען
צושפּרייט אַלע אונרעכט־טהוער.
11 מיין האָרן אָבער האָסטו אויפֿגעהויבען ווי אַ בופֿעל'ס, אין מיין עלטער
בין איך פֿריש ווי אַ גרינער אוילבוים.
12 מיינע אויגען קוקען אויף מיינע פֿיינד, מיינע געגנער; וועגען די שלעכ־
טע מענשען הערט מיין אויער.
13 דער פֿרומער בליהט ווי אַ פּאַלמענבוים, ווי אַ צעדערבוים וואַקסט ער
גרויס.
14 געפֿלאַנצטע אין גאָט'ס הויז בליהען זיי אויף די הויפֿען פֿון אונזער גאָט.
15 זיי וועלען נאָך וואַקסען אויך אויף דער עלטער, פֿריש און יונג וועלען
זיי זיין.
16 אום צו דערצעהלען אַז גאָט איז גערעכט, און עס איז קיין אונרעכט אין
מיין פֿעלז.

## קאַפּיטעל צג

1 דער עוויגער איז קעניג און הערליך געקליידעט; גאָט איז בעקליידעט
מיט מאַכט און ארומגעגאַרטעלט. ער האָט פֿעסטגעשטעלט די וועלט
אום זי זאָל ניט וואַנקען.
2 דיין טהראָן איז צוגעגרייט פֿון לאַנג, זייט דו עקזיסטירסט.
3 ווען די גרויסע שטראָמען, אָ, גאָט, ווען די שטראָמען הויבען אויף זייער
גערויש — ווען די שטראָמען הויבען אויף זייערע וועלען;
4 פֿונ'ם ברויזען פֿון די גרויסע מעכטיגע וואַסער — די ים־וועלען ביזטו,
גאָט פֿון דער הויך, שטאַרקער.

יְהוָה׃ עֵדֹתֶיךָ ׀ נֶאֶמְנוּ מְאֹד לְבֵיתְךָ נַאֲוָה־קֹדֶשׁ יְהוָה ה
לְאֹרֶךְ יָמִים׃

## צד PSAL. XCIV. צד

אֵל־נְקָמוֹת יְהוָה אֵל נְקָמוֹת הוֹפִיעַ׃ הִנָּשֵׂא שֹׁפֵט הָאָרֶץ א 2
הָשֵׁב גְּמוּל עַל־גֵּאִים׃ עַד־מָתַי רְשָׁעִים ׀ יְהוָה עַד־מָתַי 3
רְשָׁעִים יַעֲלֹזוּ׃ יַבִּיעוּ יְדַבְּרוּ עָתָק יִתְאַמְּרוּ כָּל־פֹּעֲלֵי אָוֶן׃ 4
עַמְּךָ יְהוָה יְדַכְּאוּ וְנַחֲלָתְךָ יְעַנּוּ׃ אַלְמָנָה וְגֵר יַהֲרֹגוּ ה 6
וִיתוֹמִים יְרַצֵּחוּ׃ וַיֹּאמְרוּ לֹא יִרְאֶה־יָּהּ וְלֹא־יָבִין אֱלֹהֵי 7
יַעֲקֹב׃ בִּינוּ בֹּעֲרִים בָּעָם וּכְסִילִים מָתַי תַּשְׂכִּילוּ׃ הֲנֹטַע 8 9
אֹזֶן הֲלֹא יִשְׁמָע אִם־יֹצֵר עַיִן הֲלֹא יַבִּיט׃ הֲיֹסֵר גּוֹיִם הֲלֹא י
יוֹכִיחַ הַמְלַמֵּד אָדָם דָּעַת׃ יְהוָה יֹדֵעַ מַחְשְׁבוֹת אָדָם כִּי־ 11
הֵמָּה הָבֶל׃ אַשְׁרֵי הַגֶּבֶר אֲשֶׁר־תְּיַסְּרֶנּוּ יָּהּ וּמִתּוֹרָתְךָ 12
תְלַמְּדֶנּוּ׃ לְהַשְׁקִיט לוֹ מִימֵי רָע עַד יִכָּרֶה לָרָשָׁע שָׁחַת׃ 13
כִּי ׀ לֹא־יִטֹּשׁ יְהוָה עַמּוֹ וְנַחֲלָתוֹ לֹא יַעֲזֹב׃ כִּי־עַד־צֶדֶק 14 טו
יָשׁוּב מִשְׁפָּט וְאַחֲרָיו כָּל־יִשְׁרֵי־לֵב׃ מִי־יָקוּם לִי עִם־ 16
מְרֵעִים מִי־יִתְיַצֵּב לִי עִם־פֹּעֲלֵי אָוֶן׃ לוּלֵי יְהוָה עֶזְרָתָה 17
לִּי כִּמְעַט ׀ שָׁכְנָה דוּמָה נַפְשִׁי׃ אִם־אָמַרְתִּי מָטָה רַגְלִי 18
חַסְדְּךָ יְהוָה יִסְעָדֵנִי׃ בְּרֹב שַׂרְעַפַּי בְּקִרְבִּי תַּנְחוּמֶיךָ 19
יְשַׁעַשְׁעוּ נַפְשִׁי׃ הַיְחָבְרְךָ כִּסֵּא הַוּוֹת יֹצֵר עָמָל עֲלֵי־חֹק׃ כ
יָגוֹדּוּ עַל־נֶפֶשׁ צַדִּיק וְדָם נָקִי יַרְשִׁיעוּ׃ וַיְהִי יְהוָה לִי 21 22
לְמִשְׂגָּב וֵאלֹהַי לְצוּר מַחְסִי׃ וַיָּשֶׁב עֲלֵיהֶם ׀ אֶת־אוֹנָם 23
וּבְרָעָתָם יַצְמִיתֵם יַצְמִיתֵם יְהוָה אֱלֹהֵינוּ׃

## צה PSAL. XCV. צה

לְכוּ נְרַנְּנָה לַיהוָה נָרִיעָה לְצוּר יִשְׁעֵנוּ׃ נְקַדְּמָה פָנָיו א 2
בְּתוֹדָה בִּזְמִרוֹת נָרִיעַ לוֹ׃ כִּי אֵל גָּדוֹל יְהוָה וּמֶלֶךְ גָּדוֹל 3
עַל־כָּל־אֱלֹהִים׃ אֲשֶׁר בְּיָדוֹ מֶחְקְרֵי־אָרֶץ וְתוֹעֲפוֹת הָרִים 4
לוֹ׃ אֲשֶׁר־לוֹ הַיָּם וְהוּא עָשָׂהוּ וְיַבֶּשֶׁת יָדָיו יָצָרוּ׃ בֹּאוּ ה 6
נִשְׁתַּחֲוֶה וְנִכְרָעָה נִבְרְכָה לִפְנֵי־יְהוָה עֹשֵׂנוּ׃ כִּי־הוּא 7

אלהינו

צ״ד v. 21. דגש אחר חולם

5 דיינע לעהרען זיינען זעהר ריכטיג ; פאר דיין הויז, גאָט, פּאַסט די
הייליגקייט פאר אימער.

## קאַפּיטעל צד

1 דער עוויגער איז אַ גאָט פון ראכע ; ערשיין, גאָט פון ראכע !
2 הויב זיך אויף, וועלט־ריכטער, גיב די שטאָלצע זייער לוין.
3 ווי לאנג נאָך וועלען די פערברעכער, אָ גאָט, ווי לאנג נאָך וועלען די
4 פערברעכער טריאומפירען ? זיי זאָגען און רעדען פרעך ווען זיי רעדען
5 זיך צוזאַמען אַלע אונרעכט־טהוער דיין פּאָלק, גאָט, ענטמוטהיגען זיי
6 און דיין אייגענטהום בעדריקען זיי. עלענדע און פרעמדע הרג'ענען זיי,
7 אויך יתומים מאָרדען זיי. און זיי זאָגען : „גאָט זעהט ניט, עס פער־
8 שטעהט ניט דער גאָט פון יעקב !" בעטראכט, איהר אונוויסענדע פון
9 פּאָלק, ווען וועט איהר נארען פערשטאַנד קריגען ? דער וועלכער האָט
איינגעזעצט דעם אויער זאָל ער ניט הערען ? דער וואָס האָט די אויג גע־
10 מאכט זאָל ער ניט זעהען ? דער וואָס בעלעהרט די שטאָלצע קען
ער ניט שטראָפען ? דער וואָס לערענט די מענשען פערשטאַנד —
11 גאָט — ער וויים דעם מענשענ'ס געדאנקען אַז זיי זיינען נישט ווערטה.
12 וואויל איז דעם מענשען וועלכען גאָט בעלעהרט — וועמען דו לערענסט
13 פון דיין געזעץ־בוך, אום ער זאָל זיך רוהיג האַלטען אין צייט פון אונ־
גליק ביז עס וועט אויסגעגראבען ווערען פאר'ן פערברעכער אַ גרוב.
14 ווארום גאָט וועט זיין פּאָלק ניט פערווארפען, און ניט פערלאָזען זיין
15 אייגענטהום. ווען דער געריכט וועט קומען ביז גערעכטיגקייט וועלען
16 נאָך איהם נאָכגעהן אַלע אויפריכטיגע הערצער. ווער קען פאר מיר
אויפטרעטען געגען די שלעכטע ? ווער קען זיך פאר מיר שטעלען געגען
17 די אונרעכט־טהוער ? ווען ניט גאָט וואָלט מיין הילף געווען וואָלט איך
18 אויגענבליקליך געלעגען צווישען די פערשטומטע. ווען איך בעטראכט
ווי וויים מיין פוס האָט געוואַנקט, שטיצט מיר אימער, גאָט, דיין גנאדע.
19 ווען עס שטרייטען אין מיר מיינע געדאנקען, דערפרעהען דיינע טרייס־
20 טונגען מיין זעלע. קען זיך מיט דיר פעראייניגען אַ פערדערבליכער
טהראָן וואו מען שאַפט געוואַלט אנשטאט געזעץ ?
21 די וואָס פערזאַמלען זיך אום דאָס לעבען פון פרומען און בעשולדיגען
מיט בלוטשולד די אונשולדיגע ?
22 גאָט איז אימער מיין פעסטונג, מיין גאָט איז מיין שוצשטיין.
23 ער וועט אויף זיי ברייגגען זייער אונרעכט און וועט זיי פערניכטען אין
זייער בייזהייט, עס וועט זיי פערניכטען דער עוויגער גאָט אונזערער.

## קאַפּיטעל צה

1 קומט ! לאָמיר זינגען צום עוויגען ; לאָמיר יובלען צו אונזער הילפס־
פעלז !
2 לאָמיר איהם אנטקעגען געהן מיט אַ דאנקליעד, מיט געזאַנגען לאָמיר
יובלען צו איהם.
3 ווארום אַ גרויסער גאָט איז דער עוויגער, אויך אַ גרויסער קעניג איבער
אַלע מעכטיגע.
4 ווארום אין זיין האַנד איז די טיעפעניסען פון דר'ערד אויך די הויכקייט
פון די בערג איז זיינע.
5 זיינער איז דער ים ווארום ער האָט איהם געמאַכט, אויך די טרוקענע
לאַנד האָבען זיינע הענד בעשאַפען.
6 קומט ! לאָמיר זיך בוקען און קניען, לאָמיר זיך בויגען פאר דעם עוויגען
אונזער בעשעפער.
7 ווארום ער איז אונזער גאָט און מיר זיינען זיין געפּאַסעטע פּאָלק, די שעפּ־
כען וועלכע ער האַלט נעבען זיך, אימער ווען איהר פאָלגט איהם.

אֱלֹהֵינוּ וַאֲנַחְנוּ עַם מַרְעִיתוֹ וְצֹאן יָדוֹ הַיּוֹם אִם־בְּקֹלוֹ
8 תִשְׁמָעוּ׃ אַל־תַּקְשׁוּ לְבַבְכֶם כִּמְרִיבָה כְּיוֹם מַסָּה
9 בַּמִּדְבָּר׃ אֲשֶׁר נִסּוּנִי אֲבוֹתֵיכֶם בְּחָנוּנִי גַּם־רָאוּ פָעֳלִי׃
י אַרְבָּעִים שָׁנָה ׀ אָקוּט בְּדוֹר וָאֹמַר עַם תֹּעֵי לֵבָב הֵם
11 וְהֵם לֹא־יָדְעוּ דְרָכָי׃ אֲשֶׁר־נִשְׁבַּעְתִּי בְאַפִּי אִם־יְבֹאוּן
אֶל־מְנוּחָתִי׃

## צו PSAL. XCVI. צו

2 א שִׁירוּ לַיהוָה שִׁיר חָדָשׁ שִׁירוּ לַיהוָה כָּל־הָאָרֶץ׃ שִׁירוּ
3 לַיהוָה בָּרְכוּ שְׁמוֹ בַּשְּׂרוּ מִיּוֹם־לְיוֹם יְשׁוּעָתוֹ׃ סַפְּרוּ
4 בַגּוֹיִם כְּבוֹדוֹ בְּכָל־הָעַמִּים נִפְלְאוֹתָיו׃ כִּי גָדוֹל יְהוָה
ה וּמְהֻלָּל מְאֹד נוֹרָא הוּא עַל־כָּל־אֱלֹהִים׃ כִּי ׀ כָּל־אֱלֹהֵי
6 הָעַמִּים אֱלִילִים וַיהוָה שָׁמַיִם עָשָׂה׃ הוֹד־וְהָדָר לְפָנָיו
7 עֹז וְתִפְאֶרֶת בְּמִקְדָּשׁוֹ׃ הָבוּ לַיהוָה מִשְׁפְּחוֹת עַמִּים הָבוּ
8 לַיהוָה כָּבוֹד וָעֹז׃ הָבוּ לַיהוָה כְּבוֹד שְׁמוֹ שְׂאוּ־מִנְחָה
9 וּבֹאוּ לְחַצְרוֹתָיו׃ הִשְׁתַּחֲווּ לַיהוָה בְּהַדְרַת־קֹדֶשׁ חִילוּ
י מִפָּנָיו כָּל־הָאָרֶץ׃ אִמְרוּ בַגּוֹיִם ׀ יְהוָה מָלָךְ אַף־תִּכּוֹן תֵּבֵל
11 בַּל־תִּמּוֹט יָדִין עַמִּים בְּמֵישָׁרִים׃ יִשְׂמְחוּ הַשָּׁמַיִם וְתָגֵל
12 הָאָרֶץ יִרְעַם הַיָּם וּמְלֹאוֹ׃ יַעֲלֹז שָׂדַי וְכָל־אֲשֶׁר־בּוֹ אָז
13 יְרַנְּנוּ כָּל־עֲצֵי־יָעַר׃ לִפְנֵי יְהוָה ׀ כִּי בָא כִּי בָא לִשְׁפֹּט הָאָרֶץ
יִשְׁפֹּט תֵּבֵל בְּצֶדֶק וְעַמִּים בֶּאֱמוּנָתוֹ׃

## צז PSAL. XCVII. צז

2 א יְהוָה מָלָךְ תָּגֵל הָאָרֶץ יִשְׂמְחוּ אִיִּים רַבִּים׃ עָנָן וַעֲרָפֶל
3 סְבִיבָיו צֶדֶק וּמִשְׁפָּט מְכוֹן כִּסְאוֹ׃ אֵשׁ לְפָנָיו תֵּלֵךְ
4 וּתְלַהֵט סָבִיב צָרָיו׃ הֵאִירוּ בְרָקָיו תֵּבֵל רָאֲתָה וַתָּחֵל
ה הָאָרֶץ׃ הָרִים כַּדּוֹנַג נָמַסּוּ מִלִּפְנֵי יְהוָה מִלִּפְנֵי אֲדוֹן כָּל־
6 הָאָרֶץ׃ הִגִּידוּ הַשָּׁמַיִם צִדְקוֹ וְרָאוּ כָל־הָעַמִּים כְּבוֹדוֹ׃
7 יֵבֹשׁוּ ׀ כָּל־עֹבְדֵי פֶסֶל הַמִּתְהַלְלִים בָּאֱלִילִים הִשְׁתַּחֲווּ־לוֹ

כל

צ״ה v. 10. מלו קמץ    צ״ז v. 1. מלו קמץ

8 פערהאַרטעוועט ניט אייערע הערצער ווי אין מריבה, ווי דאַמאָלס אין׳ם
מדבר פון מסה —
9 ווען אייערע עלטערן האָבען מיר פּרובירט ; זיי האָבען מיר געפּרופט
אויך געזעהען מיין טהאַט.
10 פערציג יאָהר האָב איך דעם דור פאָרווירפע געמאַכט זאָגענדיג : „זיי
זיינען אַ פאָלק מיט אַ פערנאַרטע האַרץ״ ; זיי האָבען אָבער ניט בע־
טראַכט מיינע וועגען,
11 ביז איך האָב געשוואָרען פון ערגערניס אַז איך וועל זיי ניט ברייגגען אין
מיין רוהע־אָרט.

## קאַפּיטעל צו

1 זינגט פאַר גאָט אַ נייען געזאַנג ; זינגט צום עוויגען אַלע פון דר׳ערד !
2 זינגט צום עוויגען און בענשט זיין נאָמען ; טאָג־טעגליך זאָגט אָן זיין
הילף.
3 דערצעהלט אונטער די פעלקער זיין עהרע, אונטער אַלע נאַציאָנען זיין
וואונדער,
4 ווארום גאָט איז זעהר גרויס און געריהמט — ער איז שרעקליך פאַר
אַלע מעכטיגע.
5 אַלע געטער פון די פעלקער זיינען בלויז אבגעטער, אָבער דער עוויגער
האָט דעם הימעל בעשאַפען,
6 גלאַנץ און פּראַכט איז נעבען איהם, מאַכט און מאַיעסטעט איז זיין
הייליגטהום.
7 גיט צו גאָט, פאַמיליען־פעלקער, גיט צו גאָט עהרע און מאַכט !
8 גיט צו גאָט די עהרע פון זיין נאָמען ; נעהמט מיט געשענק ווען איהר
קומט אין זיינע הויפען.
9 בוקט זיך צו גאָט מיט הייליגען רעספּעקט ; ציטערט פאַר איהם די
גאַנצע וועלט !
10 זאָגט אָן אונטער די פעלקער : „גאָט איז קעניג״ ! ער האָט פעסטגע־
שטעלט די וועלט אַז זי זאָל ניט וואַנקען, ער ריכטעט פעלקער מיט גע־
רעכטיגקייט.
11 עס פרעהען זיך די הימלען, עס איז פרעהליך די ערד, עס ברויזט דער ים
און אַלעס וואָס מאַכט איהם פול,
12 עס איז לוסטיג די פעלד און אַלעס וואָס אויף איהר — דאַן זינגען אַלע
בוימער פון וואַלד
13 פאַר דעם עוויגען ווען ער קומט, ווען ער קומט ריכטען די וועלט. ער
ריכטעט די וועלט מיט גערעכטיגקייט און פעלקער מיט זיין ריכטיגקייט.

## קאַפּיטעל צז

1 גאָט איז קעניג ! עס פרעהט זיך די ערד, עס זיינען פרעהליך פיעל
אינזלען.
2 וואָלקען און דונקעלהייט איז ארום איהם, גערעכטיגקייט און רעכט איז
די מאַכט פון זיין טהראָן.
3 פייער גערט איהם פאָראויס און ברענט ארום זיינע פיינד.
4 זיינע בליצען בעלייכטען די וועלט — די ערד האָט דערזעהען און אויפ־
געציטערט געוואָרען.
5 ווי וואַקס זיינען צושמאָלצען געוואָרען בערג פאַר דעם עוויגען, פאַר
דעם הערין דער גאַנצער וועלט.
6 אַז די הימלען האָבען דערצעהלט זיין גערעכטיגקייט און אַלע פעלקער
האָבען איינגעזעהען זיין עהרע,
7 זיינען פאַרשעהמט געוואָרען אַלע געצענדיענער וואָס ריהמען זיך מיט די
אבגעטער און אַלע מעכטיגע האָבען זיך צו איהם געבוקט.

8 כָּל־אֱלֹהִֽים׃ שָׁמְעָה וַתִּשְׂמַח ׀ צִיּוֹן וַתָּגֵלְנָה בְּנוֹת יְהוּדָה
9 לְמַעַן מִשְׁפָּטֶיךָ יְהוָֽה׃ כִּֽי־אַתָּה ׀ יְהוָה עֶלְיוֹן עַל־כָּל־
י הָאָרֶץ מְאֹד נַעֲלֵיתָ עַל־כָּל־אֱלֹהִֽים׃ אֹהֲבֵי יְהוָה שִׂנְאוּ
11 רָע שֹׁמֵר נַפְשׁוֹת חֲסִידָיו מִיַּד רְשָׁעִים יַצִּילֵֽם׃ אוֹר זָרֻעַ
12 לַצַּדִּיק וּֽלְיִשְׁרֵי־לֵב שִׂמְחָֽה׃ שִׂמְחוּ צַדִּיקִים בַּיהוָה וְהוֹדוּ
לְזֵכֶר קָדְשֽׁוֹ׃

## צח PSAL. XCVIII. צח

א מִזְמוֹר שִׁירוּ לַיהוָה ׀ שִׁיר חָדָשׁ כִּֽי־נִפְלָאוֹת עָשָׂה הוֹשִׁיעָה־
2 לּוֹ יְמִינוֹ וּזְרוֹעַ קָדְשֽׁוֹ׃ הוֹדִיעַ יְהוָה יְשׁוּעָתוֹ לְעֵינֵי הַגּוֹיִם
3 גִּלָּה צִדְקָתֽוֹ׃ זָכַר חַסְדּוֹ ׀ וֶאֱמוּנָתוֹ לְבֵית יִשְׂרָאֵל רָאוּ
4 כָל־אַפְסֵי־אָרֶץ אֵת יְשׁוּעַת אֱלֹהֵֽינוּ׃ הָרִיעוּ לַיהוָה כָּל־
ה הָאָרֶץ פִּצְחוּ וְרַנְּנוּ וְזַמֵּֽרוּ׃ זַמְּרוּ לַיהוָה בְּכִנּוֹר בְּכִנּוֹר
6 וְקוֹל זִמְרָֽה׃ בַּחֲצֹצְרוֹת וְקוֹל שׁוֹפָר הָרִיעוּ לִפְנֵי ׀ הַמֶּלֶךְ
7 8 יְהוָֽה׃ יִרְעַם הַיָּם וּמְלֹאוֹ תֵּבֵל וְיֹשְׁבֵי בָֽהּ׃ נְהָרוֹת יִמְחֲאוּ־
9 כָף יַחַד הָרִים יְרַנֵּֽנוּ׃ לִֽפְנֵי־יְהוָה כִּי־בָא לִשְׁפֹּט הָאָרֶץ
יִשְׁפֹּֽט־תֵּבֵל בְּצֶדֶק וְעַמִּים בְּמֵישָׁרִֽים׃

## צט PSAL. XCIX. צט

א 2 יְהוָה מָלָךְ יִרְגְּזוּ עַמִּים יֹשֵׁב כְּרוּבִים תָּנוּט הָאָֽרֶץ׃ יְהוָה
3 בְּצִיּוֹן גָּדוֹל וְרָם הוּא עַל־כָּל־הָעַמִּֽים׃ יוֹדוּ שִׁמְךָ גָּדוֹל
4 וְנוֹרָא קָדוֹשׁ הֽוּא׃ וְעֹז מֶלֶךְ מִשְׁפָּט אָהֵב אַתָּה כּוֹנַנְתָּ
ה מֵישָׁרִים מִשְׁפָּט וּצְדָקָה בְּיַעֲקֹב ׀ אַתָּה עָשִֽׂיתָ׃ רוֹמְמוּ
6 יְהוָה אֱלֹהֵינוּ וְהִשְׁתַּחֲווּ לַהֲדֹם רַגְלָיו קָדוֹשׁ הֽוּא׃ מֹשֶׁה
וְאַהֲרֹן ׀ בְּכֹהֲנָיו וּשְׁמוּאֵל בְּקֹרְאֵי שְׁמוֹ קֹרְאִים אֶל־יְהוָה
7 וְהוּא יַעֲנֵֽם׃ בְּעַמּוּד עָנָן יְדַבֵּר אֲלֵיהֶם שָׁמְרוּ עֵדֹתָיו וְחֹק
8 נָתַן־לָֽמוֹ׃ יְהוָה אֱלֹהֵינוּ אַתָּה עֲנִיתָם אֵל נֹשֵׂא הָיִיתָ לָהֶם
9 וְנֹקֵם עַל־עֲלִילוֹתָֽם׃ רוֹמְמוּ יְהוָה אֱלֹהֵינוּ וְהִשְׁתַּחֲווּ לְהַר
קָדְשׁוֹ כִּֽי־קָדוֹשׁ יְהוָה אֱלֹהֵֽינוּ׃

מזמור

צ״ח v. 1. סלו קמץ צ״ט v. 6. ר׳ ראי נ׳ חדה

8 ווען מען האָט דאָס דערהערט האָט זיך ציון געפרעהט, עס זיינען פרעה־ליך געווען די פראָווינצען פון יהודה, אָ גאָט, צוליעב דיינע רעכטע.

9 ווארום דו גאָט ביזט דער אַלערהעכסטער איבער דער גאנצער וועלט, דו ביזט זעהר פיעל העכער פאר אַנדערע געטער.

10 האסט די שלעכטע, גאָט'ס פריינד ! דער וואָס בעוואכט די זעעלען פון זיינע אנהייננער, וועט זיי רעטען פון די פערברעכער'ס מאַכט.

11 אַז עס שיינט אַ ליכטיגקייט פאר'ן פרומען פרעהען זיך אַלע אויפריכטיגע הערצער.

12 פרעהט זיך, פרומע, מיט גאָט ! לויבט זיין הייליגע ערינערונג.

## קאַפּיטעל צח

1 אַ געזאַנג. זינגט צו גאָט אַ נייע ליעד, לויט די וואונדער וואָס ער האָט געטהאָן. עס העלפט איהם זיין רעכטע האנד און זיין הייליגער אָרם.

2 גאָט לאָזט וויסען זיין הילף, פאר די אויגען פון די פעלקער דעקט ער אויף זיין גערעכטיגקייט.

3 ער געדענקט זיין גנאדע און וואהרהייט צו דאָס הויז ישראל ; אין אַלע עקען וועלט האָט מען געזעהען די הילף פון אונזער גאָט.

4 יובעלט צו גאָט די גאנצע לאַנד ; זינגט, ריהמט און לויבט.

5 לויבט גאָט מיט אַ פּיעדעל, מיט אַ פּיעדעל און אַ שטימע פון געזאַנג.

6 מיט פלייטען און שופר־שטימע יובעלט פאר גאָט דעם קעניג.

7 זאָל ברויזען דער ים מיט אַלעם וואָס מאַכט איהם פול, די וועלט מיט איהרע בעוואוינער ;

8 די טייכען ווי מיט'ן האַנד קלאַפּען, אַלע בערג זאָלען זינגען —

9 פאר דעם עוויגען, וועלכער קומט ריכטען די ערד ; ער ריכטעט די וועלט מיט גערעכטיגקייט און פעלקער מיט אויפריכטיגקייט.

## קאַפּיטעל צט

1 גאָט איז קעניג ! עס ציטערן פעלקער, פאר דעם וואָס זיצט אויף די כרובים וואנקט די ערד.

2 דער גאָט פון ציון איז גרויס, ער איז ערהויבען איבער אַלע פעלקער.

3 זיי ריהמען דיין נאָמען : „גרויס, פירכטערליך און הייליג איז ער.״

4 די מאַכט פון קעניג איז ליעבען גערעכטיגקייט, אויפריכטיגקייט ווי דו האָסט פעסטגעשטעלט ; רעכט און גערעכטיגקייט וועלכע דו האָסט גע־טהאָן אין יעקב.

5 ערהויבט דעם עוויגען גאָט אונזערן און בוקט זיך צו זיין פוסבענקעל, וועלכער איז הייליג.

6 משה און אהרן פון זיינע כהנים אויך שמואל פון די וואָס רופען זיין נאָמען — ווען זיי פלעגען רופען צו גאָט, פלעגט ער זיי ענטפערן.

7 פון אַ וואָלקען־זייל האָט ער צו זיי גערעדט, זיי האָבען זיינע וואָרנונגען געהיט האָט ער זיי דאָס געזעץ געגעבען.

8 עוויגער גאָט אונזערער ! דו האָסט זיי אימער געענטפערט. אַ מאָל ביזטו צו זיי געווען אַ פערצעהרענדער גאָט און אַ מאָל אַ ראַכנעהמער פאר זייערע טהאַטען.

9 ערהויבט דעם עוויגען גאָט אונזערן און בוקט זיך צו זיין הייליגען באַרג, ווארום הייליג איז אונזער עוויגער גאָט !

## PSAL. C. ק

2 א מִזְמוֹר לְתוֹדָה הָרִיעוּ לַיהוָה כָּל־הָאָרֶץ׃ עִבְדוּ אֶת־יְהוָה
3 בְּשִׂמְחָה בֹּאוּ לְפָנָיו בִּרְנָנָה׃ דְּעוּ כִּי־יְהוָה הוּא אֱלֹהִים
4 הוּא עָשָׂנוּ וְלֹא אֲנַחְנוּ עַמּוֹ וְצֹאן מַרְעִיתוֹ׃ בֹּאוּ שְׁעָרָיו ׀
ה בְּתוֹדָה חֲצֵרֹתָיו בִּתְהִלָּה הוֹדוּ לוֹ בָּרְכוּ שְׁמוֹ׃ כִּי־טוֹב
יְהוָה לְעוֹלָם חַסְדּוֹ וְעַד־דֹּר וָדֹר אֱמוּנָתוֹ׃

## PSAL. CI. קא

א לְדָוִד מִזְמוֹר חֶסֶד־וּמִשְׁפָּט אָשִׁירָה לְךָ יְהוָה אֲזַמֵּרָה׃
2 אַשְׂכִּילָה ׀ בְּדֶרֶךְ תָּמִים מָתַי תָּבוֹא אֵלָי אֶתְהַלֵּךְ בְּתָם־
3 לְבָבִי בְּקֶרֶב בֵּיתִי׃ לֹא־אָשִׁית ׀ לְנֶגֶד עֵינַי דְּבַר־בְּלִיָּעַל
4 עֲשֹׂה־סֵטִים שָׂנֵאתִי לֹא יִדְבַּק בִּי׃ לֵבָב עִקֵּשׁ יָסוּר מִמֶּנִּי
ה רָע לֹא אֵדָע׃ מְלָשְׁנִי בַסֵּתֶר ׀ רֵעֵהוּ אוֹתוֹ אַצְמִית גְּבַהּ־
6 עֵינַיִם וּרְחַב לֵבָב אֹתוֹ לֹא אוּכָל׃ עֵינַי ׀ בְּנֶאֶמְנֵי־אֶרֶץ
7 לָשֶׁבֶת עִמָּדִי הֹלֵךְ בְּדֶרֶךְ תָּמִים הוּא יְשָׁרְתֵנִי׃ לֹא־יֵשֵׁב ׀
בְּקֶרֶב בֵּיתִי עֹשֵׂה רְמִיָּה דֹּבֵר שְׁקָרִים לֹא־יִכּוֹן לְנֶגֶד עֵינָי׃
8 לַבְּקָרִים אַצְמִית כָּל־רִשְׁעֵי־אָרֶץ לְהַכְרִית מֵעִיר־יְהוָה
כָּל־פֹּעֲלֵי אָוֶן׃

## PSAL. CII. קב

2 א תְּפִלָּה לְעָנִי כִי־יַעֲטֹף וְלִפְנֵי יְהוָה יִשְׁפֹּךְ שִׂיחוֹ׃ יְהוָה
3 שִׁמְעָה תְפִלָּתִי וְשַׁוְעָתִי אֵלֶיךָ תָבוֹא׃ אַל־תַּסְתֵּר פָּנֶיךָ ׀
מִמֶּנִּי בְּיוֹם צַר־לִי הַטֵּה־אֵלַי אָזְנֶךָ בְּיוֹם אֶקְרָא מַהֵר עֲנֵנִי׃
4 ה כִּי־כָלוּ בְעָשָׁן יָמָי וְעַצְמוֹתַי כְּמוֹקֵד נִחָרוּ׃ הוּכָּה כָעֵשֶׂב
6 וַיִּבַשׁ לִבִּי כִּי־שָׁכַחְתִּי מֵאֲכֹל לַחְמִי׃ מִקּוֹל אַנְחָתִי דָּבְקָה
7 עַצְמִי לִבְשָׂרִי׃ דָּמִיתִי לִקְאַת מִדְבָּר הָיִיתִי כְּכוֹס חֳרָבוֹת׃
8 9 שָׁקַדְתִּי וָאֶהְיֶה כְּצִפּוֹר בּוֹדֵד עַל־גָּג׃ כָּל־הַיּוֹם חֵרְפוּנִי
י אוֹיְבָי מְהוֹלָלַי בִּי נִשְׁבָּעוּ׃ כִּי־אֵפֶר כַּלֶּחֶם אָכָלְתִּי וְשִׁקֻּוַי
11 בִּבְכִי מָסָכְתִּי׃ מִפְּנֵי־זַעַמְךָ וְקִצְפֶּךָ כִּי נְשָׂאתַנִי וַתַּשְׁלִיכֵנִי׃

ימי

ק v. 3. ולו קרי ibid. כ״א בספרים ק״א v. 5. יתיר ו ק״ב v. 5. דגש אחר שורק

## קאפיטעל ק

1 א געזאנג צום דאנקען. יובעלט צו גאָט, די גאַנצע וועלט!
2 דינעט גאָט מיט פרייד, קומט פאר איהם מיט געזאנג.
3 ווייסט אז דער עוויגער איז אלמעכטיג — ער האָט אונז בעשאַפען און
צו איהם געהערען מיר; מיר זיינען זיין פאָלק און זיינע געפּאסעטע
שעפסען.
4 קומט אין זיינע טהויערן מיט א דאנק; אין זיינע הויפען מיט א לויב.
דאנקט איהם און לויבט זיין נאָמען —
5 ווארום גאָט איז גוט: זיין גנאדע איז א אייביגע און זיין טרייהייט איז
אויף דורי־דורות.

## קאַפּיטעל קא

1 דוד'ס א געזאנג. פאר דיין גנאדע זינג איך צו דיר, גאָט; פאר דיינע
רעכטע לויב איך דיר.
2 איך בעטראכט דעם ריכטיגען וועג — ווען וועסטו צו מיר קומען? —
איך געה אין מיין הערצליכען אונשולד זאָגאר אין מיין הויז.
3 איך שטעל זיך גאר ניט פאַר קיין שלעכטע זאך, טהאָן ניעדערטרעכטיג־
קייט האס איך — עס קלעבט זיך צו מיר ניט.
4 מיין געפיהל וויכט פון מיר אָב אלעס פערקרימטעס — שלעכטעס אנ־
ערקען איך ניט.
5 דער וואָס באַרעדט זיין פריינד אין פערבאָרגעניס, יענעם פערניכט איך,
שטאָלצע אויגען און א פרעכע הארץ, דעם פערטראַג איך ניט.
6 מיין אויסקוק איז אויף די טרייע פון לאנד דאָס זיי זאָלען מיט מיר
צוזאמען זיצען; דער וואָס געהט אויפ'ן וועג פון אונשולד, יענער זאָל
מיר בעד־ענען.
7 עס זאָל אָבער ניט זיצען אין מיין הויז דער וואָס טהוט בעטרוג, א ליגנער־
זאָגער קען פאר מיינע אויגען ניט שטעהן.
8 אָפט פערניכטע איך די פערברעכער פונ'ם לאנד אום אויסצוראָטען פון
גאָט'ס שטאָדט אלע אונרעכט־טהוער.

## קאַפּיטעל קב

1 א געבעט פאר אן אָרעמען ווען ער שמאכט און גיסט אויס זיין הארץ
פאר גאָט.
2 גאָט! הער אויס מיין געבעט, זאָל צו דיר אָנקומען מיין געשריי.
3 פערבארג ניט דיין געזיכט פון מיר ווען מיר איז ענג, בייג צו דיין אויער
צו מיר ווען איך רוף דיר — ענטפער מיר שנעל.
4 ווארום מיינע טעג זיינען אוועק ווי א רויך, און מיינע ביינער זיינען
פארברענט ווי א פייערבראַנד.
5 מיין הארץ איז צובראָכען און פערטריקענט ווי גראָז, איך האָב זאָגאר
פארגעסען צו עסען מיין ברויט.
6 פון מיין הויכען זיפצען איז מיר צוגעקלעבט מיין פלייש צו די ביינער.
7 איך בין גלייך צו די פעליקאנען פון מדבר, איך בין געוואָרען ווי דער
אוהו פון דער וויסטע.
8 איך בין שטענדיג עלענד ווי א פויגעל אויפ'ן דאך.
9 יעדען טאָג לעסטערן מיר מיינע פיינד, מיינע קריינקער שווערען מיט
מיר.
10 אש עס איך ווי ברויט און מיין טרינקען איז מיט טרעהרען געמישט,
11 איבער דיין פלוך און צאָרן, דו האָסט מיר אויפגעהויבען און אראָבגע־
וואָרפען.

12 13 יָמַי כְּצֵל נָטוּי וַאֲנִי כָּעֵשֶׂב אִיבָשׁ׃ וְאַתָּה יְהוָה לְעוֹלָם
14 תֵּשֵׁב וְזִכְרְךָ לְדֹר וָדֹר׃ אַתָּה תָקוּם תְּרַחֵם צִיּוֹן כִּי־עֵת
טו לְחֶנְנָהּ כִּי־בָא מוֹעֵד׃ כִּי־רָצוּ עֲבָדֶיךָ אֶת־אֲבָנֶיהָ וְאֶת־
16 עֲפָרָהּ יְחֹנֵנוּ׃ וְיִירְאוּ גוֹיִם אֶת־שֵׁם יְהוָה וְכָל־מַלְכֵי הָאָרֶץ
17 18 אֶת־כְּבוֹדֶךָ׃ כִּי־בָנָה יְהוָה צִיּוֹן נִרְאָה בִּכְבוֹדוֹ׃ פָּנָה אֶל־
19 תְּפִלַּת הָעַרְעָר וְלֹא בָזָה אֶת־תְּפִלָּתָם׃ תִּכָּתֶב זֹאת לְדֹר
כ אַחֲרוֹן וְעַם נִבְרָא יְהַלֶּל־יָהּ׃ כִּי־הִשְׁקִיף מִמְּרוֹם קָדְשׁוֹ
21 יְהוָה מִשָּׁמַיִם ׀ אֶל־אֶרֶץ הִבִּיט׃ לִשְׁמֹעַ אֶנְקַת אָסִיר לְפַתֵּחַ
22 בְּנֵי תְמוּתָה׃ לְסַפֵּר בְּצִיּוֹן שֵׁם יְהוָה וּתְהִלָּתוֹ בִּירוּשָׁלָםִ׃
23 24 בְּהִקָּבֵץ עַמִּים יַחְדָּו וּמַמְלָכוֹת לַעֲבֹד אֶת־יְהוָה׃ עִנָּה
כה בַדֶּרֶךְ כֹּחוֹ* קִצַּר יָמָי׃ אֹמַר אֵלִי אַל־תַּעֲלֵנִי בַּחֲצִי יָמָי
26 בְּדוֹר דּוֹרִים שְׁנוֹתֶיךָ׃ לְפָנִים הָאָרֶץ יָסַדְתָּ* וּמַעֲשֵׂה יָדֶיךָ
27 שָׁמָיִם׃ הֵמָּה ׀ יֹאבֵדוּ וְאַתָּה תַעֲמֹד וְכֻלָּם כַּבֶּגֶד יִבְלוּ
28 כַּלְּבוּשׁ תַּחֲלִיפֵם וְיַחֲלֹפוּ׃ וְאַתָּה־הוּא וּשְׁנוֹתֶיךָ לֹא יִתָּמּוּ*׃
29 בְּנֵי־עֲבָדֶיךָ יִשְׁכּוֹנוּ וְזַרְעָם לְפָנֶיךָ יִכּוֹן׃

# קג

## PSAL. CIII. קג

א לְדָוִד ׀ בָּרְכִי נַפְשִׁי אֶת־יְהוָה וְכָל־קְרָבַי אֶת־שֵׁם קָדְשׁוֹ׃
2 3 בָּרְכִי נַפְשִׁי אֶת־יְהוָה וְאַל־תִּשְׁכְּחִי כָּל־גְּמוּלָיו׃ הַסֹּלֵחַ
4 לְכָל־עֲוֺנֵכִי הָרֹפֵא לְכָל־תַּחֲלֻאָיְכִי׃ הַגּוֹאֵל מִשַּׁחַת חַיָּיְכִי
ה הַמְעַטְּרֵכִי חֶסֶד וְרַחֲמִים׃ הַמַּשְׂבִּיעַ בַּטּוֹב עֶדְיֵךְ תִּתְחַדֵּשׁ
6 כַּנֶּשֶׁר נְעוּרָיְכִי׃ עֹשֵׂה צְדָקוֹת יְהוָה וּמִשְׁפָּטִים לְכָל־
7 עֲשׁוּקִים׃ יוֹדִיעַ דְּרָכָיו לְמֹשֶׁה לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל עֲלִילוֹתָיו׃
8 9 רַחוּם וְחַנּוּן יְהוָה אֶרֶךְ אַפַּיִם וְרַב־חָסֶד׃ לֹא־לָנֶצַח יָרִיב
י וְלֹא לְעוֹלָם יִטּוֹר׃ לֹא כַחֲטָאֵינוּ עָשָׂה לָנוּ וְלֹא כַעֲוֺנֹתֵינוּ
11 גָּמַל עָלֵינוּ׃ כִּי כִגְבֹהַּ שָׁמַיִם עַל־הָאָרֶץ גָּבַר חַסְדּוֹ עַל־
12 יְרֵאָיו׃ כִּרְחֹק מִזְרָח מִמַּעֲרָב הִרְחִיק מִמֶּנּוּ אֶת־פְּשָׁעֵינוּ׃
13 14 כְּרַחֵם אָב עַל־בָּנִים רִחַם יְהוָה עַל־יְרֵאָיו׃ כִּי־הוּא יָדַע

יצרנו

ק״ב v. 24. כחו קרי v. 26. פתח באתנח v. 28. בגיא יִתָּמּוּ

12 מײנע טעג זײנען װי אַ אױסגעצױגענער שאָטען, און איך טריקען װי אַ
13 גראָז. און דו גאָט עקזיסטירט אױף אײביג, דײן געדענקען איז אױף
14 דורי־דורות. ערהױב דו זיך און ערבאַרם ציון, עס איז שױן צײט צו
15 בעגנאַדיגען איהר — עס איז שױן געקומען די צײט. װאָרום דײנע
16 קנעכט װילען זעהען איהרע שטײנער, און ליעבען איהר שטױב, דאַן
װעלען פעלקער רעספּעקטירען גאָט'ס נאָמען און אַלע קעניגע דער װעלט
17 דײן עהרע. װען גאָט בױט אױף ציון ערשײנט ער אין זײן הערליכקײט.
18 ער האָט זיך געװענדעט צו דאָס געבעט פון עלענדען און ניט פעראַכטעט
19 זײער געבעט, דאָס דאַרף פערשריעבען װערען פאַר דעם שפּעטערדיגען
20 דור, אום די צוקינפטיגע פאָלק זאָל גאָט לױבען. װאָרום גאָט קוקט אַראָב
פון זײן הײליגע הױכקײט — פונ'ם הימעל קוקט ער אַראָב אױף דר'ערד.
21 אום צו הערען דאָס געשרײ פון געפאַנגענעם, אָבצובינדען די שטערבליכע
22 קינדער; צו דערצעהלען אין ציון װעגען גאָט'ס נאָמען, און װעגען זײן
23 רוהם — אין ירושלים, װען עס קלײבען זיך צוזאַמען פעלקער און
24 קעניגרײכע גאָט צו דיענען. מיט'ן װעג האָט ער געבראָכען מײן קראַפט,
25 ער האָט פערקירצט מײנע יאָהרען. דערפאַר זאָג איך: נעהם מיר ניט
אַװעק אין מיטען פון מײנע יאָהרען, דײנע יאָהרען זײנען דאָך פאַר דורי־
26 דורות, נאָך אײדער דו האָסט געגרינדעט די ערד און דײנע הענד האָ־
בען דעם הימעל געמאַכט;
27 װען זײ װעלען אונטערגעהן װעסטו נאָך עקזיסטירען, זײ װעלען אַלע
צופױלט װערען װי אַ קלײד, װי אַ אַנצוג װאָס מען בײט איבער װעלען
זײ איבערגעביטען װערען.
28 אָבער דו בלײבסט דער זעלביגער — דײנע יאָהרען ענדיגען זיך ניט.
29 זאָלען אױך די זיהן פון דײנע קנעכט רוהיג האָבען, און זײערע קינדער
זאָלען פאַר דיר עקזיסטירען.

## קאַפּיטעל קג

1 דוד'ס. לױב גאָט, מײן זעעלע; און אַלעס װאָס איז אין מיר (לױבט)
זײן הײליגען נאָמען.
2 לױב גאָט, מײן זעעלע; פערגעס ניט אַלע זײנע װאָהלטהאַטען:
3 ער פערצײהעט אַלע זינד דײנע, ער הײלט אַלע דײנע קראַנקהײטען.
4 ער האָט געראַטעװעט דײן לעבען פון אונטערגאַנג, ער רינגעלט דיר אַרום
מיט טוגענד און מיטלײד.
5 ער זעטיגט מיט אַל־דאָס־גוטס דײן עלטער אַז דו װערסט װידער יונג װי
אַ אַדלער.
6 גאָט טהוט גערעכטיגקײט און רעכטע צו אַלע בערױבטע.
7 משה'ן האָט ער ערקלעהרט זײנע װעגען, די קינדער ישראל'ס — זײנע
טהאַטען.
8 מיטלײדיג און בארעמהערציג איז גאָט, לאַנגמיטהיג און גרױסגנאַדיג.
9 ער װעט ניט בײז זײן לאַנג און װעט ניט אײמער זײן צאָרניג;
10 ער האָט אונז ניעמאַלס געטהאָן לױט אונזערע זינד, ער האָט אונז ניט
געצאָהלט לױט אונזער פערברעכען.
11 װי הױך דער הימעל איז איבער דר'ערד אַזױ איז שטאַרק זײן גנאַדע צו
די װעלכע פירכטען איהם.
12 װי װײט עס איז מזרח פון מערב, אַזױ האָט ער ערװײטערט פון אונז
אונזערע פערברעכען.
13 װי אַ פאָטער האָט מיטלײד אױף קינדער אַזױ האָט גאָט מיטלײד אױף
די װעלכע פירכטען איהם.
14 װאָרום ער װײס אונזער בױ־מאַטעריאַל — ער געדענקט אַז מיר זײנען
שטױב —

טו יְצָרֵנוּ זָכוּר כִּי־עָפָר אֲנָחְנוּ׃ אֱנוֹשׁ כֶּחָצִיר יָמָיו כְּצִיץ
16 הַשָּׂדֶה כֵּן יָצִיץ׃ כִּי רוּחַ עָבְרָה־בּוֹ וְאֵינֶנּוּ וְלֹא־יַכִּירֶנּוּ
17 עוֹד מְקוֹמוֹ׃ וְחֶסֶד יְהוָה ׀ מֵעוֹלָם וְעַד־עוֹלָם עַל־יְרֵאָיו
18 וְצִדְקָתוֹ לִבְנֵי בָנִים׃ לְשֹׁמְרֵי בְרִיתוֹ וּלְזֹכְרֵי פִקֻּדָיו
19 לַעֲשׂוֹתָם׃ יְהוָה בַּשָּׁמַיִם הֵכִין כִּסְאוֹ וּמַלְכוּתוֹ בַּכֹּל
כ מָשָׁלָה׃ בָּרְכוּ יְהוָה מַלְאָכָיו גִּבֹּרֵי כֹחַ עֹשֵׂי דְבָרוֹ לִשְׁמֹעַ
21 בְּקוֹל דְּבָרוֹ׃ בָּרְכוּ יְהוָה כָּל־צְבָאָיו מְשָׁרְתָיו עֹשֵׂי רְצוֹנוֹ׃
22 בָּרְכוּ יְהוָה ׀ כָּל־מַעֲשָׂיו בְּכָל־מְקֹמוֹת מֶמְשַׁלְתּוֹ בָּרְכִי
נַפְשִׁי אֶת־יְהוָה׃

## קד PSAL. CIV. קד

א בָּרְכִי נַפְשִׁי אֶת־יְהוָה יְהוָה אֱלֹהַי גָּדַלְתָּ מְּאֹד הוֹד וְהָדָר
2 לָבָשְׁתָּ׃ עֹטֶה אוֹר כַּשַּׂלְמָה נוֹטֶה שָׁמַיִם כַּיְרִיעָה׃
3 הַמְקָרֶה בַמַּיִם עֲלִיּוֹתָיו הַשָּׂם עָבִים רְכוּבוֹ הַמְהַלֵּךְ עַל־
4 כַּנְפֵי־רוּחַ׃ עֹשֶׂה מַלְאָכָיו רוּחוֹת מְשָׁרְתָיו אֵשׁ לֹהֵט׃
ה 6 יָסַד־אֶרֶץ עַל־מְכוֹנֶיהָ בַּל־תִּמּוֹט עוֹלָם וָעֶד׃ תְּהוֹם
7 כַּלְּבוּשׁ כִּסִּיתוֹ עַל־הָרִים יַעַמְדוּ־מָיִם׃ מִן־גַּעֲרָתְךָ יְנוּסוּן
8 מִן־קוֹל רַעַמְךָ יֵחָפֵזוּן׃ יַעֲלוּ הָרִים יֵרְדוּ בְקָעוֹת אֶל־
9 מְקוֹם זֶה ׀ יָסַדְתָּ לָהֶם׃ גְּבוּל־שַׂמְתָּ בַּל־יַעֲבֹרוּן בַּל־יְשׁוּבוּן
י לְכַסּוֹת הָאָרֶץ׃ הַמְשַׁלֵּחַ מַעְיָנִים בַּנְּחָלִים בֵּין הָרִים
11 יְהַלֵּכוּן׃ יַשְׁקוּ כָּל־חַיְתוֹ שָׂדָי יִשְׁבְּרוּ פְרָאִים צְמָאָם׃
12 עֲלֵיהֶם עוֹף־הַשָּׁמַיִם יִשְׁכּוֹן מִבֵּין עֳפָאיִם יִתְּנוּ־קוֹל׃
13 מַשְׁקֶה הָרִים מֵעֲלִיּוֹתָיו מִפְּרִי מַעֲשֶׂיךָ תִּשְׂבַּע הָאָרֶץ׃
14 מַצְמִיחַ חָצִיר ׀ לַבְּהֵמָה וְעֵשֶׂב לַעֲבֹדַת הָאָדָם לְהוֹצִיא
טו לֶחֶם מִן־הָאָרֶץ׃ וְיַיִן ׀ יְשַׂמַּח לְבַב־אֱנוֹשׁ לְהַצְהִיל פָּנִים
16 מִשָּׁמֶן וְלֶחֶם לְבַב־אֱנוֹשׁ יִסְעָד׃ יִשְׂבְּעוּ עֲצֵי יְהוָה אַרְזֵי
17 לְבָנוֹן אֲשֶׁר נָטָע׃ אֲשֶׁר־שָׁם צִפֳּרִים יְקַנֵּנוּ חֲסִידָה
18 בְּרוֹשִׁים בֵּיתָהּ׃ הָרִים הַגְּבֹהִים לַיְּעֵלִים סְלָעִים מַחְסֶה

לַשְׁפַנִּים

ק״ד v. 12. א׳ נחה

15 אַ מענש וואָס לעבט ווי אַ גראָז און בליהט ווי אַ פעלדבלום :
16 ווי עס געהט איבער איהם אַריבער אַ ווינד איז ער שוין ניטאָ, זיין אָרט
17 דערקענט איהם מעהר ניט. אָבער גאָט'ס גנאָדע צו די וואָס פֿירכטען
איהם איז פון אייביגקייט צו אייביגקייט — זיין גערעכטיגקייט איז פאַר
18 קינד'ס־קינדער. פאַר די וועלכע היטען אָב זיין בונד און געדענקען
19 זיינע בעפעהלע צו טהאָן זיי. גאָט האָט זיין טהראָן אויפ'ן הימעל גע־
20 שטעלט, אָבער זיין רעגיערונג הערשט איבעראַל. לויבט גאָט זיינע
מלאכים, ד. ה. העלדען וועלכע פערווירקליכען זיין וואָרט, אום מען זאָל
21 הערען די שטימען פון זיין רעדען. לויבט גאָט אַלע זיינע אַרמעען,
22 ד. ה. זיינע דיענער, וועלכע ערפילען זיין וואונש. לויבט גאָט אַלע
טהאַטען זיינע, איבעראַל אין זיין הערשאַפט ; לויב גאָט, מיין זעעלע !

## קאַפּיטעל קד

1 לויב, מיין זעעלע, גאָט ! עוויגער גאָט מיינער ! דו ביזט זעהר גרויס,
מיט מאַיעסטעט און גלאַנץ ביזטו בעקליידט.
2 ער פערוויקעלט דאָס ליכטיגקייט ווי אַ קלייד, ער ציהט אויס די הימלען
ווי אַ פאָרהאַנג.
3 דער וואָס באַלקט מיט וואַסער זיינע הויכע געביידען, דער וואָס מאַכט
די וואָלקענס אַלס זיין געשפאַן, דער וואָס געהט אַרום אויף ווינד־
פליעגלען.
4 ער שאַפט זיך מיט די ווינטען, פייערפלאַמען זיינען זיינע דיענער.
5 ער האָט געגרינדעט די ערד אויף איהר גלייכגעוויכט, אום זי זאָל אייביג־
לאַנג ניט וואַנקען.
6 דעם אַבגרונד האָסטו ווי מיט אַ קלייד בעדעקט. דאָס וואַסער איז גע־
שטאַנען אויף די בערג,
7 אָבער פון דיין געשריי זיינען זיי אַנטלאָפען, פון דיין דונער־שטימע זיי־
נען זיי שנעל געלאָפען —
8 פון די בערג, אויף וועלכע זיי זיינען אַרויף, זיינען זיי אַראָב אין טהאַלען ;
אין דעם אָרט וועלכען דו האָסט פאַר זיי בעשטימט.
9 דאָן האָסטו אַ גרענעץ געמאַכט, וועלכען זיי קענען ניט אַריבערגעהן, אום
זיי זאָלען צוריק ניט פאַרדעקען די ערד.
10 דער וואָס שיקט פונאַנדער קוואַלען אין די טהאַלען, וועלכע ציהען זיך
צווישען בערג,
11 אום זיי זאָלען אַ טרונק געבען די פעלד־טהיערען, די ווילדע טהיערען זאָ־
לען זייער דאָרשט שטילען.
12 איבער זיי רוהען די הויכפליהענדע פויגלען, פון צווישען די צווייגען לאָ־
זען זיי אַרויס אַ שטימע.
13 ער בעוואַכערט די בערג פון זיינע הויכע געביידען, פון די פרוכט פון
דיינע טהאַטען ווערט זאַט די ערד.
14 ער מאַכט וואַקסען היי פאַר די פיה און גראָז פאַר דעם מענשען'ס בע־
שעפטיגונג, אום אַרויסצוקריגען ברויט פון דר'ערד.
15 אויך וויין וואָס ערפרעהט דאָס הארץ פון מענשען און מאַכט זיין געזיכט
לייכטען מעהר אַלס אויל, אויך ברויט וואָס שטיצט דאָס הארץ פון
מענשען.
16 עס זעטיגען זיך אויך די גרויסע בוימער, די צעדערען פון לבנון וועלכע
ער האָט געפלאַנצט,
17 וואו די פויגלען מאַכען נעסטען, די שטאָרך וואָס וואוינט אויף די טאַנען־
בוימער.
18 די הויכע בערג פאַר די שטיינבעק, די פעלזען אַ שוצאָרט פאַר די קראָ־
ליקעס.

19 כ לַשְּׁפַנִּים׃ עָשָׂה יָרֵחַ לְמוֹעֲדִים שֶׁמֶשׁ יָדַע מְבוֹאוֹ׃ תָּשֶׁת־
21 חֹשֶׁךְ וִיהִי לָיְלָה בּוֹ־תִרְמֹשׂ כָּל־חַיְתוֹ־יָעַר׃ הַכְּפִירִים
22 שֹׁאֲגִים לַטָּרֶף וּלְבַקֵּשׁ מֵאֵל אָכְלָם׃ תִּזְרַח הַשֶּׁמֶשׁ יֵאָסֵפוּן
23 וְאֶל־מְעוֹנֹתָם יִרְבָּצוּן׃ יֵצֵא אָדָם לְפָעֳלוֹ וְלַעֲבֹדָתוֹ עֲדֵי־
24 עָרֶב׃ מָה־רַבּוּ מַעֲשֶׂיךָ ׀ יְהוָה כֻּלָּם בְּחָכְמָה עָשִׂיתָ
כה מָלְאָה הָאָרֶץ קִנְיָנֶךָ׃ זֶה ׀ הַיָּם גָּדוֹל וּרְחַב יָדָיִם שָׁם־
26 רֶמֶשׂ וְאֵין מִסְפָּר חַיּוֹת קְטַנּוֹת עִם־גְּדֹלוֹת׃ שָׁם אֳנִיּוֹת
27 יְהַלֵּכוּן לִוְיָתָן זֶה־יָצַרְתָּ לְשַׂחֶק־בּוֹ׃ כֻּלָּם אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּן
28 לָתֵת אָכְלָם בְּעִתּוֹ׃ תִּתֵּן לָהֶם יִלְקֹטוּן תִּפְתַּח יָדְךָ יִשְׂבְּעוּן
29 טוֹב׃ תַּסְתִּיר פָּנֶיךָ יִבָּהֵלוּן תֹּסֵף רוּחָם יִגְוָעוּן וְאֶל־עֲפָרָם
ל 31 יְשׁוּבוּן׃ תְּשַׁלַּח רוּחֲךָ יִבָּרֵאוּן וּתְחַדֵּשׁ פְּנֵי אֲדָמָה׃ יְהִי
32 כְבוֹד יְהוָה לְעוֹלָם יִשְׂמַח יְהוָה בְּמַעֲשָׂיו׃ הַמַּבִּיט לָאָרֶץ
33 וַתִּרְעָד יִגַּע בֶּהָרִים וְיֶעֱשָׁנוּ׃ אָשִׁירָה לַיהוָה בְּחַיָּי אֲזַמְּרָה
34 לֵאלֹהַי בְּעוֹדִי׃ יֶעֱרַב עָלָיו שִׂיחִי אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּיהוָה׃
לה יִתַּמּוּ חַטָּאִים ׀ מִן־הָאָרֶץ וּרְשָׁעִים ׀ עוֹד אֵינָם בָּרְכִי נַפְשִׁי
אֶת־יְהוָה הַלְלוּיָהּ׃

## קה PSAL. CV. קה

א 2 הוֹדוּ לַיהוָה קִרְאוּ בִּשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים עֲלִילוֹתָיו׃ שִׁירוּ־
3 לוֹ זַמְּרוּ־לוֹ שִׂיחוּ בְּכָל־נִפְלְאוֹתָיו׃ הִתְהַלְלוּ בְּשֵׁם קָדְשׁוֹ
4 יִשְׂמַח לֵב ׀ מְבַקְשֵׁי יְהוָה׃ דִּרְשׁוּ יְהוָה וְעֻזּוֹ בַּקְּשׁוּ פָנָיו
ה תָּמִיד׃ זִכְרוּ נִפְלְאוֹתָיו אֲשֶׁר־עָשָׂה מֹפְתָיו וּמִשְׁפְּטֵי־פִיו׃
6 7 זֶרַע אַבְרָהָם עַבְדּוֹ בְּנֵי יַעֲקֹב בְּחִירָיו׃ הוּא יְהוָה אֱלֹהֵינוּ
8 בְּכָל־הָאָרֶץ מִשְׁפָּטָיו׃ זָכַר לְעוֹלָם בְּרִיתוֹ דָּבָר צִוָּה
9 לְאֶלֶף דּוֹר׃ אֲשֶׁר כָּרַת אֶת־אַבְרָהָם וּשְׁבוּעָתוֹ לְיִשְׂחָק׃
י 11 וַיַּעֲמִידֶהָ לְיַעֲקֹב לְחֹק לְיִשְׂרָאֵל בְּרִית עוֹלָם׃ לֵאמֹר לְךָ
12 אֶתֵּן אֶת־אֶרֶץ כְּנָעַן חֶבֶל נַחֲלַתְכֶם׃ בִּהְיוֹתָם מְתֵי מִסְפָּר
13 כִּמְעַט וְגָרִים בָּהּ׃ וַיִּתְהַלְּכוּ מִגּוֹי אֶל־גּוֹי מִמַּמְלָכָה אֶל־

עַם



ק״ד v. 18. השין רפה v. 24. כ״א קנינך

19 ער האָט געמאַכט די לבנה צו בעשטימען צייטען, ער האָט בעשטימט אַן
20 אָרט וואו די זונן זאָל אונטערגעהן. דו מאַכסט פינסטער ווען עס ווערט
21 נאַכט, דאַן ווימלען אַלע וואַלד־טהיערען. די יונגע לייבען ברילען נאָך
22 שפייז און בעטען ביי גאָט זייער עסען. ווי עס שיינט אויף די זונן קור־
23 מען זיי זיך צוזאַמען און בלייבען ליגען אין זייערע וואוינונגען. דאַן
געהט אַרויס דער מענש צו זיין ארבייט און צו זיין בעשעפטיגונג ביז'ן
24 אָווענד. ווי גרויס, אָ גאָט, זיינען דיינע טהאַטען! דו האָסט זיי אַלע
געמאַכט מיט קלוגהייט, די ערד איז פול מיט דיינע בעזיצטהימער.
25 אָט דער גרויסער און ברייטפאַרנעהמענדער ים, דאָרטען ווימלען אָהן אַ
26 צאַהל קליינע און גרויסע טהיערען. דאָרטען געהען שיפען, דאָרט איז
דער וואַלפיש וועלכען דו האָסט בעשאַפען אַלס אַ שפיעל פאַר זיך.
27 די אַלע וואַרטען אויף דיר, דו זאָלסט זיי געבען זייער עסען יעדערן אין
28 זיין צייט. וואָס דו גיסט זיי קלייבען זיי, ווען דו עפענסט פונאַנדער
29 דיין האַנד זיינען זיי זאַט מיט אַל־דאָס־גוטס. פערבאַרגסטו דיין גע־
זיכט ווערען זיי ערשראָקען, נעהמסטו צו דיין אַטהעם פערגעהען זיי און
30 קעהרען זיך צוריק צו זייער שטויב. לאָזטו אַרויס דיין ווינד ווערען
31 זיי בעשאַפען אויך ווערט בענייעט דאָס געזיכט פון דער ערד. ווען
גאָט'ס עהרע וועט זיין אויף דער וועלט, וועט גאָט צופריעדען זיין מיט
32 זיינע טהאַטען. ער גיט אַ קוק אויף דר'ערד ווערט זי פערציטערט, ער
בעריהרט די בערג פאַנגען זיי אָן רויכען.
33 איך וועל זינגען צו גאָט זאָלאַנג איך לעב, איך וועל לויבען מיין גאָט זאָ־
לאַנג איך עקזיסטיר.
34 אויב איהם וועט אַנגענעהם זיין מיין רעדען וועל איך זיך פרעהען מיט
גאָט.
35 עס וועלען זיך ענדיגען די זינדיגער פון לאַנד און פערברעכער וועלען
מעהר ניט עקזיסטירען. לויב, מיין זעעלע, דעם עוויגען! לויבט גאָט!

## קאַפּיטעל קה

1 לויבט דעם עוויגען, רופט זיין נאָמען; ערקלעהרט די פעלקער זיינע
טהאַטען.
2 זינגט צו איהם, לויבט איהם; רעדט וועגען אַלע וואונדער זיינע.
3 ריהמט זיך מיט זיין הייליגען נאָמען; פרעהליך זאָל זיין דאָס הארץ
פון יעדערן וואָס זוכט גאָט.
4 פאָדערט אויף גאָט און זיין מאַכט, זוכט אימער זיין אַנגעזיכט.
5 דערמאַנט זיינע וואונדער וואָס ער האָט געטהאָן, זיינע צייכענס און די
אויסשפּרעכונגען פון זיין מויל, ,
6 קינדער פון אברהם זיין קנעכט, זיינע אויסערוועהלטע קינדער יעקב'ס.
7 ער, דער עוויגער גאָט אונזערער, זיינע ריכטונגען זיינען איבער דער גאַנ־
צער וועלט.
8 ער געדענקט אימער זיין בונד, דאָס וואָרט וואָס ער האָט בעפוילען —
אויף טויזענדער דורות;
9 וואָס ער האָט געשלאָסען מיט אברהם'ן און געשוואָרען יצחק'ן
10 האָט ער געמאַכט אַלס געזעץ פאַר יעקב'ן, אַלס אייביגען בונד פאַר
ישראל'ן,
11 אַזוי צו זאָגען: „דיר וועל איך אַוועקגעבען דאָס לאַנד כנען, אַלס אַ
טהייל פון אייער אייגענטהום".
12 ווען זיי זיינען געווען ווינציג אין צאָהל, ווייניג אין איינוואוינער אין
איהר,
13 ווען זיי זיינען אַרומגעגאַנגען פון איין פאָלק צום צווייטען, פון איין
קעניגרייך צו אַן אַנדער פאָלק.

14 עַם אַחֵר׃ לֹא־הִנִּיחַ אָדָם לְעָשְׁקָם וַיּוֹכַח עֲלֵיהֶם מְלָכִים׃
טו 16 אַל־תִּגְּעוּ בִמְשִׁיחָי וְלִנְבִיאַי אַל־תָּרֵעוּ׃ וַיִּקְרָא רָעָב עַל־
17 הָאָרֶץ כָּל־מַטֵּה־לֶחֶם שָׁבָר׃ שָׁלַח לִפְנֵיהֶם אִישׁ לְעֶבֶד
18 19 נִמְכַּר יוֹסֵף׃ עִנּוּ בַכֶּבֶל רַגְלוֹ בַּרְזֶל בָּאָה נַפְשׁוֹ׃ עַד־
כ עֵת בֹּא־דְבָרוֹ אִמְרַת יְהוָה צְרָפָתְהוּ׃ שָׁלַח מֶלֶךְ וַיַּתִּירֵהוּ
21 מֹשֵׁל עַמִּים וַיְפַתְּחֵהוּ׃ שָׂמוֹ אָדוֹן לְבֵיתוֹ וּמֹשֵׁל בְּכָל־
22 23 קִנְיָנוֹ׃ לֶאְסֹר שָׂרָיו בְּנַפְשׁוֹ וּזְקֵנָיו יְחַכֵּם׃ וַיָּבֹא יִשְׂרָאֵל
24 מִצְרָיִם וְיַעֲקֹב גָּר בְּאֶרֶץ־חָם׃ וַיֶּפֶר אֶת־עַמּוֹ מְאֹד
כה וַיַּעֲצִמֵהוּ מִצָּרָיו׃ הָפַךְ לִבָּם לִשְׂנֹא עַמּוֹ לְהִתְנַכֵּל
26 27 בַּעֲבָדָיו׃ שָׁלַח מֹשֶׁה עַבְדּוֹ אַהֲרֹן אֲשֶׁר בָּחַר־בּוֹ׃ שָׂמוּ
28 בָם דִּבְרֵי אֹתוֹתָיו וּמֹפְתִים בְּאֶרֶץ חָם׃ שָׁלַח חֹשֶׁךְ וַיַּחְשִׁךְ
29 וְלֹא מָרוּ אֶת־דְּבָרוֹ׃ הָפַךְ אֶת־מֵימֵיהֶם לְדָם וַיָּמֶת
ל אֶת־דְּגָתָם׃ שָׁרַץ אַרְצָם צְפַרְדְּעִים בְּחַדְרֵי מַלְכֵיהֶם׃
31 32 אָמַר וַיָּבֹא עָרֹב כִּנִּים בְּכָל־גְּבוּלָם׃ נָתַן גִּשְׁמֵיהֶם בָּרָד
33 אֵשׁ לֶהָבוֹת בְּאַרְצָם׃ וַיַּךְ גַּפְנָם וּתְאֵנָתָם וַיְשַׁבֵּר עֵץ גְּבוּלָם׃
34 לה אָמַר וַיָּבֹא אַרְבֶּה וְיֶלֶק וְאֵין מִסְפָּר׃ וַיֹּאכַל כָּל־עֵשֶׂב
36 בְּאַרְצָם וַיֹּאכַל פְּרִי אַדְמָתָם׃ וַיַּךְ כָּל־בְּכוֹר בְּאַרְצָם
37 רֵאשִׁית לְכָל־אוֹנָם׃ וַיּוֹצִיאֵם בְּכֶסֶף וְזָהָב וְאֵין בִּשְׁבָטָיו
38 כּוֹשֵׁל׃ שָׂמַח מִצְרַיִם בְּצֵאתָם כִּי־נָפַל פַּחְדָּם עֲלֵיהֶם׃
39 מ פָּרַשׂ עָנָן לְמָסָךְ וְאֵשׁ לְהָאִיר לָיְלָה׃ שָׁאַל וַיָּבֵא שְׂלָו
41 וְלֶחֶם שָׁמַיִם יַשְׂבִּיעֵם׃ פָּתַח צוּר וַיָּזוּבוּ מָיִם הָלְכוּ בַּצִּיּוֹת
42 נָהָר׃ כִּי זָכַר אֶת־דְּבַר קָדְשׁוֹ אֶת־אַבְרָהָם עַבְדּוֹ׃
43 44 וַיּוֹצִא עַמּוֹ בְשָׂשׂוֹן בְּרִנָּה אֶת־בְּחִירָיו׃ וַיִּתֵּן לָהֶם אַרְצוֹת
מה גּוֹיִם וַעֲמַל לְאֻמִּים יִירָשׁוּ׃ בַּעֲבוּר ׀ יִשְׁמְרוּ חֻקָּיו וְתוֹרֹתָיו
יִנְצֹרוּ הַלְלוּ־יָהּ׃

## קו PSAL. CVI. קו

א 2 הַלְלוּ־יָהּ ׀ הוֹדוּ לַיהוָה כִּי־טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ מִי
ימלל

קה v. 18. רגלו קרי v. 28. דברו קרי v. 40. שלו קרי

14 ער האָט קיין מענשען געלאָזען בערויבען זיי, און האָט צוליעב זיי פאַר־
15 ווירפע געמאַכט קעניגע : ריהרט ניט אַן מיינע געזאַלבטע, טהוט קיין
16 שלעכטס מיינע נביאים. ווען ער האָט גערופען אַ הונגער אויפ'ן לאַנד
17 און צובראָכען יעדער ברויט־שטיצע, האָט ער זיי פאָראויס אַ מאַן גע־
18 שיקט—יוסף, וועלכער איז אַלס קנעכט פערקויפט געוואָרען. זיי האָבען
מיט קייטען זיינע פיס געפּיינינגט, זיין קערפּער אין אייזען פאַרשפּאַרט,
19 ביז זיין אורטהייל איז ארויס ווען גאָט'ס וואָרט האָט איהם געלייטערט ;
20 דאַן האָט ער געשיקט אַ קעניג וועלכער האָט איהם אָבגעבונדען, אַ הער־
21 שער איבער פעלקער וועלכער האָט איהם פריי געלאָזען, און געמאַכט
איהם אַלס הערשער איבער זיין הויז און פערוואַלטער איבער זיין גאַנצע
22 אייגענטהום ; ער האָט פרייהייט געהאַט צו בינדען פירשטען און פאַנ־
23 גען זיינע עלטסטע. ווען ישראל איז אין מצרים געקומען און יעקב האָט
24 זיך בעזעצט אינ'ם לאַנד פון חם, האָט ער זיין פאָלק פרוכטבאַר געמאַכט,
25 מעהרצאַהליגער אַלס זיינע בעדריקער. איז זייער הארץ פאַרקעהרט
געוואָרען צו האַסען זיין פאָלק, שלעכטע פּלענער צו מאַכען קעגען זיינע
26 קנעכט. האָט ער געשיקט משה'ן, זיין קנעכט, אויך אהרן וועמען ער
27 האָט אויסערוועהלט ; זיי האָבען אויף זיי געמאַכט לויט די ווערטער
28 פון זיינע צייכענס, און זיינע וואונדער אינ'ם לאַנד חם : ער האָט גע־
שיקט פינסטערנים און פינסטער געמאַכט, (זיי זיינען ניט געוועזן אונ־
29 געהאָרכזאַם צו זיין בעפעהל). ער האָט איבערגעקעהרט זייער וואַסער
30 אויף בלוט און געטוידט זייערע פיש. זייער לאַנד האָט געווימעלט מיט
31 פרעס, זאָגאַר אין די צימערן פון זייערע קעניגע. דאַן האָט ער געזאָגט
און עס זיינען געקומען ווילדע טהיערען, אויך לייז איבער זייער גאַנצען
32 גרענעץ ; ער האָט געמאַכט זייער רעגען האָגעל, פלאַמען פייער אין
33 זייער לאַנד. און האָט צוקלאַפּט זייער וויינשטאָק און פייגענבוים, ער
34 האָט צובראָכען אַלע בוימער אין זייער לאַנד. ער האָט בעפוילען און
35 עס איז געקומען אַ היישעריק, גרילען אָהן אַ צאָהל און האָבען אָבגע־
פרעסען אַלע גראָז פון זייער לאַנד, ער האָט אויך אויפגעפרעסען די גע־
36 וויקסע פון זייער ערד. דאַן האָט ער ערשלאַגען אַלע ערשטלינגע אין
37 זייער לאַנד, יעדער ערשטגעבאָרענעם פון זייערע קינדער. ביז ער האָט
זיי ארויסגעפיהרט מיט זילבער און גאָלד און אונטער זיינע שטאַמען
38 (שבטים) איז קיין שוואַכער געוועזן. מצרים האָט זיך געפרעהט מיט
39 זייער ארויסגעהן, ווארום זייער שרעק איז אויף זיי געפאַלען. ער האָט
אויסגעשפּרייט אַ וואָלקען אַלס פאַרדעק, און אַ פייער צו בעלייכטען ביי־
40 נאַכט. אַז זיי האָבען פערלאַנגט האָט ער געבראַכט וואַכטלען (שלו)
41 און זאַט געמאַכט זיי מיט הימעל־ברויט. ער האָט געעפענט אַ שטיין
און עס איז גערונען וואַסער, עס האָט זיך געצויגען איבער'ן וויסטע ווי אַ
42 טייך. ווייל ער האָט געדענקט זיין הייליגען וואָרט צו אברהם זיין קנעכט,
43 האָט ער זיין פאָלק ארויסגעפיהרט מיט פרייד, מיט געזאַנג — זיינע
אויסערוויַהלטע.
44 ער האָט זיי אַוועקגעגעבען די לענדער פון פעלקער אום זיי זאָלען ערבען
דעם פערמעגען פון נאַציאָנען.
45 זיי זאָלען אָבהיטען זיינע געזעצע, און בעאָבאַכטען זיינע לעהרען. לויבט
גאָט !

## קאַפּיטעל קו

1 לויבט גאָט ! דאַנקט גאָט ווי געהעריג, ווארום זיין גנאַדע איז אויף
אייביג.
2 ווער קען אויסרעדען גאָט'ס מאַכט ? ווער קען לאָזען הערען זיין גאַנצען
רוהם ?

יְמַלֵּל גְּבוּרוֹת יְהוָה יַשְׁמִיעַ כָּל־תְּהִלָּתוֹ׃ אַשְׁרֵי שֹׁמְרֵי 3
מִשְׁפָּט עֹשֵׂה צְדָקָה בְכָל־עֵת׃ זָכְרֵנִי יְהוָה בִּרְצוֹן עַמֶּךָ 4
פָּקְדֵנִי בִּישׁוּעָתֶךָ׃ לִרְאוֹת ׀ בְּטוֹבַת בְּחִירֶיךָ לִשְׂמֹחַ ה
בְּשִׂמְחַת גּוֹיֶךָ לְהִתְהַלֵּל עִם־נַחֲלָתֶךָ׃ חָטָאנוּ עִם־אֲבוֹתֵינוּ 6
הֶעֱוִינוּ הִרְשָׁעְנוּ׃ אֲבוֹתֵינוּ בְמִצְרַיִם ׀ לֹא־הִשְׂכִּילוּ נִפְלְאוֹתֶיךָ 7
לֹא זָכְרוּ אֶת־רֹב* חֲסָדֶיךָ וַיַּמְרוּ עַל־יָם בְּיַם־סוּף׃ וַיּוֹשִׁיעֵם 8
לְמַעַן שְׁמוֹ לְהוֹדִיעַ אֶת־גְּבוּרָתוֹ׃ וַיִּגְעַר בְּיַם־סוּף וַיֶּחֱרָב 9
וַיּוֹלִיכֵם בַּתְּהֹמוֹת כַּמִּדְבָּר׃ וַיּוֹשִׁיעֵם מִיַּד שׂוֹנֵא וַיִּגְאָלֵם י
מִיַּד אוֹיֵב׃ וַיְכַסּוּ־מַיִם צָרֵיהֶם אֶחָד מֵהֶם לֹא נוֹתָר׃ 11
וַיַּאֲמִינוּ בִדְבָרָיו יָשִׁירוּ תְּהִלָּתוֹ׃ מִהֲרוּ שָׁכְחוּ מַעֲשָׂיו לֹא־ 12 13
חִכּוּ לַעֲצָתוֹ׃ וַיִּתְאַוּוּ תַאֲוָה בַּמִּדְבָּר וַיְנַסּוּ־אֵל בִּישִׁימוֹן׃ 14
וַיִּתֵּן לָהֶם שֶׁאֱלָתָם וַיְשַׁלַּח רָזוֹן בְּנַפְשָׁם׃ וַיְקַנְאוּ לְמֹשֶׁה טו 16
בַּמַּחֲנֶה לְאַהֲרֹן קְדוֹשׁ יְהוָה׃ תִּפְתַּח־אֶרֶץ וַתִּבְלַע דָּתָן 17
וַתְּכַס עַל־עֲדַת אֲבִירָם׃ וַתִּבְעַר־אֵשׁ בַּעֲדָתָם לֶהָבָה 18
תְּלַהֵט רְשָׁעִים׃ יַעֲשׂוּ־עֵגֶל בְּחֹרֵב וַיִּשְׁתַּחֲווּ לְמַסֵּכָה׃ 19
וַיָּמִירוּ אֶת־כְּבוֹדָם בְּתַבְנִית שׁוֹר אֹכֵל עֵשֶׂב׃ שָׁכְחוּ אֵל כ 21
מוֹשִׁיעָם עֹשֶׂה גְדֹלוֹת בְּמִצְרָיִם׃ נִפְלָאוֹת בְּאֶרֶץ חָם 22
נוֹרָאוֹת עַל־יַם־סוּף׃ וַיֹּאמֶר לְהַשְׁמִידָם לוּלֵי מֹשֶׁה בְחִירוֹ 23
עָמַד בַּפֶּרֶץ לְפָנָיו לְהָשִׁיב חֲמָתוֹ מֵהַשְׁחִית׃ וַיִּמְאֲסוּ 24
בְּאֶרֶץ חֶמְדָּה לֹא־הֶאֱמִינוּ לִדְבָרוֹ׃ וַיֵּרָגְנוּ בְאָהֳלֵיהֶם לֹא כה
שָׁמְעוּ בְּקוֹל יְהוָה׃ וַיִּשָּׂא יָדוֹ לָהֶם לְהַפִּיל אוֹתָם בַּמִּדְבָּר׃ 26
וּלְהַפִּיל זַרְעָם בַּגּוֹיִם וּלְזָרוֹתָם בָּאֲרָצוֹת׃ וַיִּצָּמְדוּ לְבַעַל 27 28
פְּעוֹר וַיֹּאכְלוּ זִבְחֵי מֵתִים׃ וַיַּכְעִיסוּ בְּמַעַלְלֵיהֶם וַתִּפְרָץ־ 29
בָּם מַגֵּפָה׃ וַיַּעֲמֹד פִּינְחָס וַיְפַלֵּל וַתֵּעָצַר הַמַּגֵּפָה׃ ל
וַתֵּחָשֶׁב לוֹ לִצְדָקָה לְדֹר וָדֹר עַד־עוֹלָם׃ וַיַּקְצִיפוּ עַל־מֵי 31 32
מְרִיבָה וַיֵּרַע לְמֹשֶׁה בַּעֲבוּרָם׃ כִּי־הִמְרוּ אֶת־רוּחוֹ וַיְבַטֵּא 33
בִּשְׂפָתָיו׃ לֹא־הִשְׁמִידוּ אֶת־הָעַמִּים אֲשֶׁר אָמַר יְהוָה 34
לָהֶם׃ וַיִּתְעָרְבוּ בַגּוֹיִם וַיִּלְמְדוּ מַעֲשֵׂיהֶם׃ וַיַּעַבְדוּ אֶת־ לה 36

קו v. 7. בנ״א רוב

3 וואויל איז די וואָס היטען די רעכטע און טהוען אימער גערעכטיגקייט:
4 געדענק מיר, גאָט, בעגנאדיגענדיג דיין פאָלק, ערינער זיך אָן מיר ווען
5 דיין הילף קומט, אום צו זעהען ווען עס איז גוט דיינע אויסערוועהל־
טע, אום צו פרעהען זיך ווען דיין פאָלק איז פרעהליך, און צו ריהמען
6 (דיר) צוזאמען מיט דיין איינענטהום. מיר האָבען געזינדיגט ווי אונ־
7 זערע עלטערן, אונרעכט געטהאָן און פערשולדיגט זיך. אונזערע על־
טערן אין מצרים האָבען ניט פערשטאַנען דיינע וואונדער, זיי האָבען ניט
בעטראַכט דיינע פיעל גנאדען; דערפאר האָבען זיי ווידערשפעניגט ביים
8 ים (ביים רויטען מעער). ער האָט זיי אָבער געהאָלפען צוליעב זיין נאָ־
9 מען אום בעוואוסט צו מאַכען זיין מאַכט. ער האָט אָנגעשריען אויפ'ן
ים־סוף איז ער טרוקען געוואָרען, דאן האָט ער זיי געפיהרט איבער די אב־
10 גרונדען ווי אויף אַ געטראָטענע וועג. ער האָט זיי געהאָלפען פונ'ם
11 מאַכט פון האסער און האָט זיי בעפרייט פון פיינד'ס האַנד. דאָס וואַ־
סער האָט פארדעקט זייער בעדריקער—איינער פון זיי איז ניט געבליבען.
12 דאן האָבען זיי געגלויבט אין גאָט און געזונגען זיין לויב־ליעד.
13 זיי האָבען אָבער שנעל פארגעסען זיינע טהאַטען און האָבען ניט געווארט
14 אויף זיין בעשלוס— נאָך אינ'ם מדבר האָבען זיי פערלאנגען געשטעלט
15 און געפרופט גאָט אין דער וויסטע; ער האָט זיי געגעבען זייער פער־
16 לאנג און האָט אויף זיי אָנגעשיקט אונזעטיגקייט. זיי האָבען עפענט־
17 ליך משה'ן געערגערט, אהרן'ען — גאָט'ס געהייליגטען. דאן האָט זיך
געעפענט די ערד און איינגעשלונגען דתן'ען, זי האָט פארדעקט די גע־
18 מיינדע אבירם'ס; אויך אַ פייער האָט געברענט אין זייער געמיינדע,
19 אַ פלאַם וואָס האָט פארברענט די פערברעכער. זיי האָבען געמאַכט
אַ קאַלב (עגל) אין חרב און געבוקט זיך צום געגאָסענעם אבגאָט —
20 זיי האָבען אויסגעביטען זייער געעהרטען גאָט אויף אַ אָקסען־געשטאַלט,
21 אַ גראָז־עסער. זיי האָבען פארגעסען זייער מעכטיגען העלפער, וועלכער
22 האָט אין מצרים גרויסע וואונדער געטהאָן, וואונדערטהאַטען אינ'ם
23 לאַנד חם, שרעקליכע טהאַטען ביים רויטען ים. ער האָט שוין בעשלאָ־
סען צו פערטיליגען זיי ווען ניט משה, זיין אויסערוועהלטער, וואָלט זיך
פאר איהם שטעלען אין אויסברוך פון צאָרן, צוריק צו האלטען איהם פון
24 פערדארבען. זיי האָבען זאָגאר פעראכטעט דאָס ליעבליכע לאַנד, ניט
25 גלויבענדיג זיינע ווערטער, זיי האָבען געמורמעלט אין זייערע געצעל־
26 טען, זיי האָבען ניט געהערט גאָט'ס שטימע; האָט ער אויפגעהויבען
27 זיין האַנד אויף זיי צו ווארפען זיי אין מדבר, צרוווארפען זייערע קינ־
28 דער איבער די פעלקער און צושפרייטען זיי איבער די לענדער. זיי האָ־
בען זיך אויך אָנגעשלאָסען צו בעל־פעור און געגעסען טוידטען־אָפּפער,
29 זיי האָבען איהם געערגערט מיט זייערע טהאַטען, האָט אין זיי אויסגע־
30 בראָכען אַ פעסט. דאַן איז פינחס אויפגעשטאַנען און פעראורטהיילט
(די זינדיגע) און דער פעסט האָט אויפגעהערט.
31 דאָס איז איהם פאררעכענט געוואָרען אַלס גערעכטיגקייט פאר דורי־
דורות, אויף אייביג.
32 זיי האָבען איהם אין צאָרן געבראַכט איבער דאָס וואסער אין מריבה, וואו
משה האָט געליטען איבער זיי.
33 [זיי האָבען איהם דערעסען האָט ער זיך אויסגערעדט מיט זיינע ליפּען].
34 זיי האָבען ניט פערניכטעט די פעלקער וועלכע גאָט האָט זיי געהייסען —
35 זיי האָבען זיך פארמישט מיט די פעלקער און אויסגעלערענט זייערע
טהאַטען:
36 זיי האָבען געדיענט צו זייערע בילדער, וועלכע זיינען פאר זיי אַלס נעץ
געווען.

37 עֲצַבֵּיהֶם וַיִּהְיוּ לָהֶם לְמוֹקֵשׁ׃ וַיִּזְבְּחוּ אֶת־בְּנֵיהֶם וְאֶת־
38 בְּנוֹתֵיהֶם לַשֵּׁדִים׃ וַיִּשְׁפְּכוּ דָם נָקִי דַּם־בְּנֵיהֶם וּבְנוֹתֵיהֶם
39 אֲשֶׁר זִבְּחוּ לַעֲצַבֵּי כְנָעַן וַתֶּחֱנַף הָאָרֶץ בַּדָּמִים׃ וַיִּטְמְאוּ
מ בְמַעֲשֵׂיהֶם וַיִּזְנוּ בְּמַעַלְלֵיהֶם׃ וַיִּחַר־אַף יְהוָה בְּעַמּוֹ
41 וַיְתָעֵב אֶת־נַחֲלָתוֹ׃ וַיִּתְּנֵם בְּיַד־גּוֹיִם וַיִּמְשְׁלוּ בָהֶם
42 43 שֹׂנְאֵיהֶם׃ וַיִּלְחָצוּם אוֹיְבֵיהֶם וַיִּכָּנְעוּ תַּחַת יָדָם׃ פְּעָמִים
44 רַבּוֹת יַצִּילֵם וְהֵמָּה יַמְרוּ בַעֲצָתָם וַיָּמֹכּוּ בַּעֲוֺנָם׃ וַיַּרְא
מה בַּצַּר לָהֶם בְּשָׁמְעוֹ אֶת־רִנָּתָם׃ וַיִּזְכֹּר לָהֶם בְּרִיתוֹ
46 וַיִּנָּחֵם כְּרֹב חַסְדּוֹ׃ וַיִּתֵּן אוֹתָם לְרַחֲמִים לִפְנֵי כָּל־
47 שׁוֹבֵיהֶם׃ הוֹשִׁיעֵנוּ ׀ יְהוָה אֱלֹהֵינוּ וְקַבְּצֵנוּ מִן־הַגּוֹיִם
48 לְהֹדוֹת לְשֵׁם קָדְשֶׁךָ לְהִשְׁתַּבֵּחַ בִּתְהִלָּתֶךָ׃ בָּרוּךְ יְהוָה ׀
אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל מִן־הָעוֹלָם ׀ וְעַד הָעוֹלָם וְאָמַר כָּל־הָעָם
אָמֵן הַלְלוּיָהּ׃

## ספר חמישי

## LIBER QUINTUS.

### Psal. CVII. קז

קז

2 א הֹדוּ לַיהוָה כִּי־טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ יֹאמְרוּ גְּאוּלֵי יְהוָה
3 אֲשֶׁר גְּאָלָם מִיַּד־צָר׃ וּמֵאֲרָצוֹת קִבְּצָם מִמִּזְרָח וּמִמַּעֲרָב
4 מִצָּפוֹן וּמִיָּם׃ תָּעוּ בַמִּדְבָּר בִּישִׁימוֹן דָּרֶךְ עִיר מוֹשָׁב לֹא
ה 6 מָצָאוּ׃ רְעֵבִים גַּם־צְמֵאִים נַפְשָׁם בָּהֶם תִּתְעַטָּף׃ וַיִּצְעֲקוּ
7 אֶל־יְהוָה בַּצַּר לָהֶם מִמְּצוּקוֹתֵיהֶם יַצִּילֵם׃ וַיַּדְרִיכֵם
8 בְּדֶרֶךְ יְשָׁרָה לָלֶכֶת אֶל־עִיר מוֹשָׁב׃ יוֹדוּ לַיהוָה חַסְדּוֹ
9 וְנִפְלְאוֹתָיו לִבְנֵי אָדָם׃ כִּי־הִשְׂבִּיעַ נֶפֶשׁ שֹׁקֵקָה וְנֶפֶשׁ
י רְעֵבָה מִלֵּא־טוֹב׃ יֹשְׁבֵי חֹשֶׁךְ וְצַלְמָוֶת אֲסִירֵי עֳנִי וּבַרְזֶל׃
11 12 כִּי־הִמְרוּ אִמְרֵי־אֵל וַעֲצַת עֶלְיוֹן נָאָצוּ׃ וַיַּכְנַע בֶּעָמָל לִבָּם
13 כָּשְׁלוּ וְאֵין עֹזֵר׃ וַיִּזְעֲקוּ אֶל־יְהוָה בַּצַּר לָהֶם מִמְּצֻקוֹתֵיהֶם

יושיעם

קו v. 45. חסדיו קרי

37 זיי האָבען זאָנאר געשאָכטען זייערע זיהן און טעכטער צו די טייוולען;
38 זיי האָבען פארגאָסען אונשולדיגע בלוט (דאָס בלוט פון זייערע זיהן און
טעכטער, וועלכע זיי האָבען געשאָכטען פאר די געטער פון כנען) — ביז
דאָס לאַנד איז רואינירט געוואָרען איבער דאָס בלוטשולד:
39 זיי זיינען פעראונרייניגט געוואָרען דורך זייערע טהאַטען און זינדיג גע־
וואָרען אין זייערע פערהעלטנים.
40 דאן האָט גאָט'ס צאָרן געברענט אויף זיין פאָלק און ער האָט פערהאַסט
זיין אייגענטהום;
41 ער האָט זיי איבערגעגעבען אין די הענד פון פעלקער און זייערע האַסער
האָבען איבער זיי געהערשט.
42 זייערע פיינד האָבען זיי געדריקט ביז זיי זיינען אונטערגעבויגען געוואָ־
רען אונטער זייער מאַכט.
43 פיעל מאָל האָט ער זיי גערעטעט, און זיי האָבען איהם ווידערשפעניגט
מיט זייער בעשלוס ביז זיי זיינען ערניעדעריגט געוואָרען פאר זייער זינד.
44 ווען ער האָט געזעהען אַז זיי איז ענג, ווען נאָר ער האָט געהערט זייער
בעקלאָגען זיך,
45 האָט ער זיך דערמאהנט זיין בונד מיט זיי און געענדערט זיין בעשלוס
לויט זיין גרויס גנאַדיגקייט —
46 ער האָט מיטלייד ערוועקט אויף זיי ביי אַלע פאַנגערס זייערע.
47 העלף אונז, עוויגער גאָט אונזערער, קלייב אונז צוזאַמען פון די פעלקער
אום צו דאַנקען דיין הייליגען נאָמען, צו ריהמען דיר מיט דיין לויב־ליעד.
48 געלויבט איז דער עוויגער גאָט פון ישראל פון אייביגקייט ביז אייביגקייט,
דאָס גאַנצע פאָלק וועט זאָגען: „אָמן! לויבט גאָט!"

## ספר חמישי

## קאַפּיטעל קז

1 דאַנקט גאָט ווי געהעריג, וואָרום זיין גנאַדע איז אויף אייביג.
2 זאָלען זאָגען גאָט'ס בעפרייטע — די וועלכע ער האָט בעפרייט פון אונ־
טערדריקער'ס האַנד,
3 און צונויפגעקליבען זיי פון פערשיעדענע לענדער פון מזרח, מערב, צפון
און דרום.
4 די וואָס האָבען געבלאָנדזשעט אין וויסטען מדבר, ניט געפינענדיג אַ
בעזעצטע שטאָדט,
5 הונגעריגע און דאָרשטיגע מיט אַ פערשמאַכטע זעעלע.
6 אַז זיי האָבען צו גאָט געשריען, ווען זיי איז שלעכט געווען, האָט ער זיי
גערעטעט פון זייער נויט.
7 און ארויפגעפיהרט זיי אויפ'ן גלייכען וועג, אום זיי זאָלען קומען צו אַ
באַזעצטע שטאָדט.
8 זיי דאַנקען גאָט פאר זיין גנאַדע און (דערצעהלען) זיינע וואונדערטהאַ־
טען צו די מענשענקינדער,
9 ווי ער האָט זאַט געמאַכט די שמאַכטענדע זעעלע און פיעל גוטס געגעבען
דעם הונגעריגען.
10 די וועלכע זיצען אין פינסטערנים און טוידטשאַטען, ד. ה. אונטערדריקטע
געפאַנגענע אָדער אין אייזען געקייטע,
11 ווייל זיי זיינען אונגעהאָרכזאַם געווען צו גאָט'ס ווערטער און פעראַכטעט
דעם בעשלוס פון אַלערהעכסטען,
12 האָט ער דורך ליידען זייער האַרץ געבויגען. ווען זיי זיינען הילפלאָז
געפאַלען
13 און געשריען צו גאָט ווייל זיי איז שלעכט—העלפט ער זיי פון זייער נויט.

14 יוֹשִׁיעֵם׃ יוֹצִיאֵם מֵחֹשֶׁךְ וְצַלְמָוֶת וּמוֹסְרוֹתֵיהֶם יְנַתֵּק׃
טו 16 יוֹדוּ לַיהוָה חַסְדּוֹ וְנִפְלְאוֹתָיו לִבְנֵי אָדָם׃ כִּי־שִׁבַּר דַּלְתוֹת
17 נְחֹשֶׁת וּבְרִיחֵי בַרְזֶל גִּדֵּעַ׃ אֱוִלִים מִדֶּרֶךְ פִּשְׁעָם
18 וּמֵעֲוֺנֹתֵיהֶם יִתְעַנּוּ׃ כָּל־אֹכֶל תְּתַעֵב נַפְשָׁם וַיַּגִּיעוּ עַד־
19 שַׁעֲרֵי מָוֶת׃ וַיִּזְעֲקוּ אֶל־יְהוָה בַּצַּר לָהֶם מִמְּצוּקוֹתֵיהֶם
כ יוֹשִׁיעֵם׃ יִשְׁלַח דְּבָרוֹ וְיִרְפָּאֵם וִימַלֵּט מִשְּׁחִיתוֹתָם׃
21 22 יוֹדוּ לַיהוָה חַסְדּוֹ וְנִפְלְאוֹתָיו לִבְנֵי אָדָם׃ וְיִזְבְּחוּ זִבְחֵי
23 תוֹדָה וִיסַפְּרוּ מַעֲשָׂיו בְּרִנָּה׃ יוֹרְדֵי הַיָּם בָּאֳנִיּוֹת עֹשֵׂי
24 מְלָאכָה בְּמַיִם רַבִּים׃ הֵמָּה רָאוּ מַעֲשֵׂי יְהוָה וְנִפְלְאוֹתָיו
כה בִּמְצוּלָה׃ וַיֹּאמֶר וַיַּעֲמֵד רוּחַ סְעָרָה וַתְּרוֹמֵם גַּלָּיו׃
26 יַעֲלוּ שָׁמַיִם יֵרְדוּ תְהוֹמוֹת נַפְשָׁם בְּרָעָה תִתְמוֹגָג׃
27 28 יָחוֹגּוּ וְיָנוּעוּ כַּשִּׁכּוֹר וְכָל־חָכְמָתָם תִּתְבַּלָּע׃ וַיִּצְעֲקוּ אֶל־
29 יְהוָה בַּצַּר לָהֶם וּמִמְּצֻקֹתֵיהֶם יוֹצִיאֵם׃ יָקֵם סְעָרָה
ל לִדְמָמָה וַיֶּחֱשׁוּ גַּלֵּיהֶם׃ וַיִּשְׂמְחוּ כִי־יִשְׁתֹּקוּ וַיַּנְחֵם אֶל־
31 מְחוֹז חֶפְצָם׃ יוֹדוּ לַיהוָה חַסְדּוֹ וְנִפְלְאוֹתָיו לִבְנֵי אָדָם׃
32 33 וִירוֹמְמוּהוּ בִּקְהַל עָם וּבְמוֹשַׁב זְקֵנִים יְהַלְלוּהוּ׃ יָשֵׂם
34 נְהָרוֹת לְמִדְבָּר וּמֹצָאֵי מַיִם לְצִמָּאוֹן׃ אֶרֶץ פְּרִי לִמְלֵחָה
לה מֵרָעַת יוֹשְׁבֵי בָהּ׃ יָשֵׂם מִדְבָּר לַאֲגַם־מַיִם וְאֶרֶץ צִיָּה
36 לְמֹצָאֵי מָיִם׃ וַיּוֹשֶׁב שָׁם רְעֵבִים וַיְכוֹנְנוּ עִיר מוֹשָׁב׃
37 38 וַיִּזְרְעוּ שָׂדוֹת וַיִּטְּעוּ כְרָמִים וַיַּעֲשׂוּ פְּרִי תְבוּאָה׃ וַיְבָרְכֵם
39 וַיִּרְבּוּ מְאֹד וּבְהֶמְתָּם לֹא יַמְעִיט׃ וַיִּמְעֲטוּ וַיָּשֹׁחוּ מֵעֹצֶר
מ רָעָה וְיָגוֹן׃ שֹׁפֵךְ בּוּז עַל־נְדִיבִים וַיַּתְעֵם בְּתֹהוּ לֹא־
41 42 דָרֶךְ׃ וַיְשַׂגֵּב אֶבְיוֹן מֵעוֹנִי וַיָּשֶׂם כַּצֹּאן מִשְׁפָּחוֹת׃ יִרְאוּ
43 יְשָׁרִים וְיִשְׂמָחוּ וְכָל־עַוְלָה קָפְצָה פִּיהָ׃ מִי־חָכָם וְיִשְׁמָר־
אֵלֶּה וְיִתְבּוֹנְנוּ חַסְדֵי יְהוָה׃

## קח PSAL. CVIII. קח

א 2 שִׁיר מִזְמוֹר לְדָוִד׃ נָכוֹן לִבִּי אֱלֹהִים אָשִׁירָה וַאֲזַמְּרָה

אף־

ק״ו v. 17. כ״א אוילים v. 27. דגש אחר חולם v. 35. פתח באתנח

14 ער נעהמט זיי ארויס פון פינסטערניס און טוידטשאטען און צורייסט
15 זייערע שטריק. זיי דאנקען גאָט פאר זיין גנאָדע און (דערצעהלען) זיינע
16 וואונדערטהאטען צו די מענשענקינדער. ווי ער האט צובראָכען קופּער־
17 נע טהירען און אָבגעבראָכען אייזערנע ריגלען. די אונפאַרזיכטיגע ווען
זיי ליידען איבער זייער פערברעכערישען אויפפיהרען זיך און פאר זייערע
18 זינד— יעדער שפּייז עקעלט זיי און זיי קומען שוין צו די טהויערן פון
19 טוידט, אויב זיי שרייען צו גאָט ווען זיי איז שלעכט, העלפט ער זיי
20 פון זייער נויט, ער שיקט זיין וואָרט און היילגט זיי אויס און רעטעט
21 זיי פון אונטערגאנג. זיי דאנקען גאָט פאר זיין גנאָדע און (דערצעהלען)
22 זיינע וואונדערטהאטען צו די מענשענקינדער ; זיי שעכטען דאנק־
23 אָפּפער און דערצעהלען וועגען זיינע ארבייט זינגענדיג. די וואס געהען
אויפ'ן ים אין שיפען און מאכען געשעפט אויף גרויסע וואסערן —
24 זיי זעהען גאָט'ס טהאטען און וואונדער אויף די טיפע וואסער :
25 ער רעדט נאָר אויס הויבט זיך אויף א שטורמווינד און הויבט אויף זיינע
26 וועלען, דאָ הייבען זיי זיך אויף, דאָ זינקען זיי אראָב — זייער זעעלע
27 ציטערט פון שרעק ; זיי דרעהען זיך און וואקלען ווי שכור'ע, זיי פער־
28 ליערען זייער פערשטאנד. אויב זיי שרייען צו גאָט ווען זיי איז שלעכט
29 נעהמט ער זיי ארויס פון שרעק : ער מאכט פון שטורם א שטילשטאנד
30 און די וועלען ווערען רוהיג, זיי פרעהען זיך ווען זיי ווערען שטיל און
ער פיהרט זיי צו זייער געוואונשענע לאנד.
31 זיי דאנקען גאָט פאר זיין גנאָדע און (דערצעהלען) זיינע וואונדערטהאטען
צו די מענשענקינדער.
32 זיי מאכען איהם גרויס אין א פאָלקס־פערזאמלונג, און לויבען איהם אין
געגענוואָרט פון די עלטסטע.
33 ער מאכט טייכען טרוקען ווי א וויסטע און וואסער־קוואלען ווי א אָהנ־
וואסערדיגע אָרט,
34 א פרוכטבארע לאנד פאר א זאלצגרונד (איבער די בייזהייט) פון איהרע
בעוואוינער.
35 ער מאכט די וויסטע פאר א וואסער־טייך, און א טרוקענע לאנד — פאר
א וואסער־קוואל ;
36 ער באזעצט דאָרטען הונגעריגע און זיי גרינדען א באזעצטע שטאָדט —
37 זיי פארזעען פעלדער, פארפלאנצען וויינגערטנער אין וועלכע עס וואקסען
פרוכט און געטריידע.
38 ער בענשט זיי און זיי פערמעהרען זיך זעהר, אויך זייער פיה איז ניט
ווינציג ;
39 אויב זיי ווערען קלענער און געבויגען איז עס נאָר פון שלעכטע און טרויע־
ריגע הערשער.
40 ער גיסט ארויף שאנדע אויף די אדעליגע און פערפיהרט זיי אין א וויס־
טעניס וואו מען קען ניט ארויסגעהן,
41 אָדער ער שטארקט דעם אונטערדריקטען ארעמען און מאכט זיינע שעפּ־
סען גאנצע הערדען.
42 דאָס בעטראכטען די אויפריכטיגע און פרעהען זיך, אָבער יעדער אונרעכט־
טהוער מאכט צו זיין מויל.
43 אז מען וואָלט קלוג געווען און בעאָבאכטען דאָס וואָלט מען פערשטעהן
גאָט'ס גנאָדען.

## קאַפּיטעל קח

1 א ליעד. דוד'ס א געזאנג.
2 ערנסט איז מיין הארץ, אָ גאָט, ווען איך זינג און מיין זעעלע ווען איך
לויב דיר.

3 4 אַף־כְּבוֹדִי׃ עוּרָה הַנֵּבֶל וְכִנּוֹר אָעִירָה שָּׁחַר׃ אוֹדְךָ
ה בָעַמִּים ׀ יְהוָה וַאֲזַמֶּרְךָ בַּלְאֻמִּים׃ כִּי־גָדֹל מֵעַל־שָׁמַיִם
6 חַסְדֶּךָ וְעַד־שְׁחָקִים אֲמִתֶּךָ׃ רוּמָה עַל־שָׁמַיִם אֱלֹהִים
7 וְעַל כָּל־הָאָרֶץ כְּבוֹדֶךָ׃ לְמַעַן יֵחָלְצוּן יְדִידֶיךָ הוֹשִׁיעָה
8 יְמִינְךָ וַעֲנֵנוּ׃ אֱלֹהִים ׀ דִּבֶּר בְּקָדְשׁוֹ אֶעְלֹזָה אֲחַלְּקָה שְׁכֶם
9 וְעֵמֶק סֻכּוֹת אֲמַדֵּד׃ לִי גִלְעָד ׀ לִי מְנַשֶּׁה וְאֶפְרַיִם מָעוֹז
י רֹאשִׁי יְהוּדָה מְחֹקְקִי׃ מוֹאָב ׀ סִיר רַחְצִי עַל־אֱדוֹם
11 אַשְׁלִיךְ נַעֲלִי עֲלֵי פְלֶשֶׁת אֶתְרוֹעָע׃ מִי יֹבִלֵנִי עִיר מִבְצָר
12 מִי נָחַנִי עַד־אֱדוֹם׃ הֲלֹא־אֱלֹהִים זְנַחְתָּנוּ וְלֹא־תֵצֵא אֱלֹהִים
13 בְּצִבְאֹתֵינוּ׃ הָבָה־לָּנוּ עֶזְרָת מִצָּר וְשָׁוְא תְּשׁוּעַת אָדָם׃
14 בֵּאלֹהִים נַעֲשֶׂה־חָיִל וְהוּא יָבוּס צָרֵינוּ׃

## קט PSAL. CIX. קט

2 א לַמְנַצֵּחַ לְדָוִד מִזְמוֹר אֱלֹהֵי תְהִלָּתִי אַל־תֶּחֱרַשׁ׃ כִּי פִי
3 רָשָׁע וּפִי־מִרְמָה עָלַי פָּתָחוּ דִּבְּרוּ אִתִּי לְשׁוֹן שָׁקֶר׃ וְדִבְרֵי
4 שִׂנְאָה סְבָבוּנִי וַיִּלָּחֲמוּנִי חִנָּם׃ תַּחַת־אַהֲבָתִי יִשְׂטְנוּנִי
ה וַאֲנִי תְפִלָּה׃ וַיָּשִׂימוּ עָלַי רָעָה תַּחַת טוֹבָה וְשִׂנְאָה תַּחַת
6 אַהֲבָתִי׃ הַפְקֵד עָלָיו רָשָׁע וְשָׂטָן יַעֲמֹד עַל־יְמִינוֹ׃
7 8 בְּהִשָּׁפְטוֹ יֵצֵא רָשָׁע וּתְפִלָּתוֹ תִּהְיֶה לַחֲטָאָה׃ יִהְיוּ־יָמָיו
9 מְעַטִּים פְּקֻדָּתוֹ יִקַּח אַחֵר׃ יִהְיוּ־בָנָיו יְתוֹמִים וְאִשְׁתּוֹ
י אַלְמָנָה׃ וְנוֹעַ יָנוּעוּ בָנָיו וְשִׁאֵלוּ וְדָרְשׁוּ מֵחָרְבוֹתֵיהֶם׃
11 12 יְנַקֵּשׁ נוֹשֶׁה לְכָל־אֲשֶׁר־לוֹ וְיָבֹזּוּ זָרִים יְגִיעוֹ׃ אַל־יְהִי־לוֹ
13 מֹשֵׁךְ חָסֶד וְאַל־יְהִי חוֹנֵן לִיתוֹמָיו׃ יְהִי־אַחֲרִיתוֹ לְהַכְרִית
14 בְּדוֹר אַחֵר יִמַּח שְׁמָם׃ יִזָּכֵר ׀ עֲוֹן אֲבֹתָיו אֶל־יְהוָה
טו וְחַטַּאת אִמּוֹ אַל־תִּמָּח׃ יִהְיוּ נֶגֶד־יְהוָה תָּמִיד וְיַכְרֵת
16 מֵאֶרֶץ זִכְרָם׃ יַעַן אֲשֶׁר ׀ לֹא זָכַר עֲשׂוֹת חָסֶד וַיִּרְדֹּף אִישׁ־
17 עָנִי וְאֶבְיוֹן וְנִכְאֵה לֵבָב לְמוֹתֵת׃ וַיֶּאֱהַב קְלָלָה וַתְּבוֹאֵהוּ
18 וְלֹא־חָפֵץ בִּבְרָכָה וַתִּרְחַק מִמֶּנּוּ׃ וַיִּלְבַּשׁ קְלָלָה כְּמַדּוֹ

ותבא

ק״ח v. 7. ועני קרי v. 11. כ״א יובלנו

3 וואך אויף, הארץ און פידעל! איך וועל אויפוועקען דעם מאָרגענ־
4 שטערן. איך וועל דיר לויבען אונטער די פעלקער, גאָט, און וועל דיר
5 ריהמען אונטער די נאַציאָנען. ווארום דיין גנאדע איז העכער פאר'ן
6 הימעל, ביז די וואָלקען איז דיין וואהרהייט. ערהויב זיך, גאָט, איבער
7 די הימלען, איבער דער גאַנצער וועלט—דיין עהרע. אום דיינע געליעב־
טע זאָלען בעפרייט ווערען העלף מיט דיין רעכטע האנד און ענטפער.
8 גאָט האָט הייליג פערשפּראָכען אז איך וועל זיך פרעהען, איך וועל צו־
טהיילען שכם, אויך דעם טהאָל סכות מיט א מאָאָס צו מעסטען.
9 קוים געהערט צו מיר גלעד און מנשה איז מיינער, אפרים איז מיין
10 הויפּט־מאַכט און יהודה — מיין געזעצגעבער, איז מואב מיין וואַש־
טאָפּ, אויף אדום ווארף איך מיין שוך און אויף פּלשת יובעל איך.
11 ווער וועט מיר אריינברענגען אין די בעפעסטיגטע שטעדט? — דער
12 וואָס האָט מיר געפיהרט ביז אדום! האָסטו, גאָט, אונז פערלאָזען?
13 וועסטו ניט מיטגעהן מיט אונזערע ארמעען? דו גיב אונז הילף קעגען
14 פיינד — דעם מענשען'ס הילף איז נוצלאָז! מיט גאָט'ס הילף וועלען
מיר קריעג מאַכען, ער וועט צוטרעטען אונזערע בעדריקער.

## קאַפּיטעל קט

1 צום אויפזעהער איבער דוד'ס געזאנגען. שווייג ניט מיין געריהמטער גאָט!
2 ווארום דער פערברעכער און בעטריגער האָבען אויף מיר א מויל געעפענט
— זיי רעדען וועגען מיר פאלשע רייד.
3 מיט העסליכע רייד רינגלען זיי מיר ארום, זיי שטרייטען מיט מיר אָהן
א אורזאכע.
4 פאר מיין ליעבע און בעטען (פאר זיי) האסען זיי מיך.
5 זיי צאָהלען מיר מיט שלעכטס פאר גוטעס, מיט האַס — פאר מיין
ליעבע.
6 שטעל אָן צוליעב איהם א שלעכטען (ריכטער) ווען דער אנקלעגער וועט
שטעהן נעבען זיין רעכטע האנד,
7 אום ער זאָל ארויס שולדיג ווען ער וועט געריכטעט ווערען, זיין בעטען
זאָל נוצלאָז בלייבען.
8 זיינע טעג זאָלען זיין ווייניג, זיין אַמט זאָל אַן אנדערער צונעהמען.
9 זיינע קינדער זאָלען יתומים בלייבען און זיין ווייב אַן אלמנה.
10 זיינע קינדער זאָלען אימער וואנדערן פון זייערע רואינען און בעטלען
און זוכען [ברויט].
11 דער אנלייהער זאָל צונעהמען אלץ וואָס ער האָט, פרעמדע זאָלען זיין
פארמעגען צורויבען.
12 קיינער זאָל איהם צוציהען מיט פריינדליכקייט, קיינער זאָל קיין מיט־
לייד האָבען אויף זיינע יתומים.
13 זיין צוקונפט זאָל אָבגעשניטען ווערען — אין שפּעטערדיגען דור זאָל
זייער נאָמען ווי אויסגעמעקט זיין.
14 זאָגאר די זינד פון זיינע עלטערן זאָל דערמאָהנט ווערען פאר גאָט, עס
זאָל אויך ניט אויסגעמעקט ווערען זיין מוטער'ס זינד.
15 אימער זאָלען זיי זיין פאר גאָט ביז ער וועט אויסראָטען פון לאנד זייער
געדעכענים.
16 ווייל ער האָט ניט געדענקט פריינדליכע בעהאנדלונג, ער האָט טוידטליך
פערפאָלגט יעדען אונטערדריקטען, ארעמען און ניעדערגעשלאגענעם.
17 ער האָט געליעבט קללות, איז עס איהם אָנגעקומען; ער האָט ניט פער־
לאַנגט קיין ברכה, איז עס ווייט אַוועק פון איהם.
18 ער האָט זיך בעקליידעט מיט קללות ווי א אנצוג, עס איז אריין אין איהם
ווי א וואסער, ווי א אויל אין זיינע ביינער.

וּתָבֹא כַמַּיִם בְּקִרְבּוֹ וְכַשֶּׁמֶן בְּעַצְמוֹתָיו׃ תְּהִי־לוֹ כְּבֶגֶד 19
יַעְטֶה וּלְמֵזַח תָּמִיד יַחְגְּרֶהָ׃ זֹאת ׀ פְּעֻלַּת שֹׂטְנַי מֵאֵת יְהוָה כ
וְהַדֹּבְרִים רָע עַל־נַפְשִׁי׃ וְאַתָּה ׀ יֱהוִה אֲדֹנָי עֲשֵׂה־אִתִּי 21
לְמַעַן שְׁמֶךָ כִּי־טוֹב חַסְדְּךָ הַצִּילֵנִי׃ כִּי־עָנִי וְאֶבְיוֹן אָנֹכִי 22
וְלִבִּי חָלַל בְּקִרְבִּי׃ כְּצֵל כִּנְטוֹתוֹ נֶהֱלָכְתִּי נִנְעַרְתִּי 23
כָּאַרְבֶּה׃ בִּרְכַּי כָּשְׁלוּ מִצּוֹם וּבְשָׂרִי כָּחַשׁ מִשָּׁמֶן׃ וַאֲנִי ׀ 24 כה
הָיִיתִי חֶרְפָּה לָהֶם יִרְאוּנִי יְנִיעוּן רֹאשָׁם׃ עָזְרֵנִי יְהוָה 26
אֱלֹהָי הוֹשִׁיעֵנִי כְחַסְדֶּךָ׃ וְיֵדְעוּ כִּי־יָדְךָ זֹּאת אַתָּה יְהוָה 27
עֲשִׂיתָהּ׃ יְקַלְלוּ־הֵמָּה וְאַתָּה תְבָרֵךְ קָמוּ ׀ וַיֵּבֹשׁוּ וְעַבְדְּךָ 28
יִשְׂמָח׃ יִלְבְּשׁוּ שׂוֹטְנַי כְּלִמָּה וְיַעֲטוּ כַמְעִיל בָּשְׁתָּם׃ אוֹדֶה 29 ל
יְהוָה מְאֹד בְּפִי וּבְתוֹךְ רַבִּים אֲהַלְלֶנּוּ׃ כִּי־יַעֲמֹד לִימִין 31
אֶבְיוֹן לְהוֹשִׁיעַ מִשֹּׁפְטֵי נַפְשׁוֹ׃

## קי PSAL. CX. קי

לְדָוִד מִזְמוֹר נְאֻם יְהוָה ׀ לַאדֹנִי שֵׁב לִימִינִי עַד־אָשִׁית א
אֹיְבֶיךָ הֲדֹם לְרַגְלֶיךָ׃ מַטֵּה עֻזְּךָ יִשְׁלַח יְהוָה מִצִּיּוֹן רְדֵה 2
בְּקֶרֶב אֹיְבֶיךָ׃ עַמְּךָ נְדָבֹת בְּיוֹם חֵילֶךָ בְּהַדְרֵי־קֹדֶשׁ 3
מֵרֶחֶם מִשְׁחָר לְךָ טַל יַלְדֻתֶיךָ׃ נִשְׁבַּע יְהוָה ׀ וְלֹא יִנָּחֵם 4
אַתָּה־כֹהֵן לְעוֹלָם עַל־דִּבְרָתִי מַלְכִּי־צֶדֶק׃ אֲדֹנָי עַל־ ה
יְמִינְךָ מָחַץ בְּיוֹם־אַפּוֹ מְלָכִים׃ יָדִין בַּגּוֹיִם מָלֵא גְוִיּוֹת 6
מָחַץ רֹאשׁ עַל־אֶרֶץ רַבָּה׃ מִנַּחַל בַּדֶּרֶךְ יִשְׁתֶּה עַל־כֵּן 7
יָרִים רֹאשׁ׃

## קיא PSAL. CXI. קיא

הַלְלוּ־יָהּ ׀ אוֹדֶה יְהוָה בְּכָל־לֵבָב בְּסוֹד יְשָׁרִים וְעֵדָה׃ א
גְּדֹלִים מַעֲשֵׂי יְהוָה דְּרוּשִׁים לְכָל־חֶפְצֵיהֶם׃ הוֹד־וְהָדָר 2 3
פָּעֳלוֹ וְצִדְקָתוֹ עֹמֶדֶת לָעַד׃ זֵכֶר עָשָׂה לְנִפְלְאֹתָיו חַנּוּן 4
וְרַחוּם יְהוָה׃ טֶרֶף נָתַן לִירֵאָיו יִזְכֹּר לְעוֹלָם בְּרִיתוֹ׃ כֹּחַ ה 6
מַעֲשָׂיו הִגִּיד לְעַמּוֹ לָתֵת לָהֶם נַחֲלַת גּוֹיִם׃ מַעֲשֵׂי יָדָיו 7
אֱמֶת וּמִשְׁפָּט נֶאֱמָנִים כָּל־פִּקּוּדָיו׃ סְמוּכִים לָעַד לְעוֹלָם 8

19 זאָל עס בײַ איהם פאַרבלײַבען אַלס אַ קלײד אײַנצוּאוויקלען זיך, ווי מיט
20 אַ גאַרטעל זאָל ער מיט איהר פאַרבונדען זײַן. דאָס זאָל פון גאָט גע־
טהאָן ווערען צו מײַנע פײַנד און די וואָס רעדען אויף מיר שלעכטעס.
21 און דו, מעכטיגער גאָט, טהו מיט מיר צוליעב דײַן נאָמען, רעטע מיר לויט
22 די גוטסקײט פון דײַן גנאַדע, ווארום איך בין אַ אונטערדריקטער און
23 אָרעמער און מײַן האַרץ איז טוידט־קראַנק. איך ווער געטריבען ווי אַ
24 אויסגעצויגענער שאָטען, איך ווער פעריאָגט ווי אַ הײשעריק. מײַנע
קניע בויגען זיך מיר פון פאַסטען, דאָס זאַפט פון מײַן קאָפּ איז אויס־
25 געטריקענט. דערצו בין איך נאָך צו שפּאָט בײַ זײ — דערזעהען זײ
26 מיר שאָקלען זײ מיט'ן קאָפּ. העלף מיר עוויגער גאָט מײַנער, דײַן הילף
27 זאָל זײַן לויט דײַן גנאַדע. און זאָלען זײ וויסען אַז דאָס איז דײַן
28 האַנד — דו, גאָט, האָסט דאָס געטהאָן. זאָלען זײ שילטען, אָבער דו
בענש ; זאָלען זײ זיך געגען שטעלען און פערשעמט ווערען, אָבער דײַן
29 קנעכט זאָל זיך פרעהען. זאָלען מײַנע געגנער בעקלײדען זיך מיט
בעלײדיגונג, ווי מיט אַ ראָק זאָלען זײ אײַן שאַנדע פערוויקעלט זײַן.
30 איך דאַנק זעהר דעם עוויגען מיט מײַן מויל, צווישען פיעל מענשען לויב
איך איהם ;
31 ווארום ער שטעהט דעם אָרעמען בײַ דער רעכטער האַנד צו העלפען איהם
פון פעראורטהײלער.

## קאַפּיטעל קי

1 דוד'ס אַ געזאַנג. גאָט זאָגט צו מײַן הערען : זיץ בײַ מײַן רעכטע
האַנד, ביז איך וועל מאַכען דײַנע פײַנד ווי אַ פוסבענקעל פאַר דײַנע פיס.
2 גאָט וועט אויסציהען דײַן מעכטיגען שטעקען, פון ציון הערש איבער
דײַנע פײַנד.
3 דײַן פאָלק איז פרײַוויליג אין צײַט פון קריעג ; פון געבוירען אָן, פון
דײַן פריהען יוגענד — דײַן קינדערשען יוגענד —
4 האָט גאָט געשוואָרען (ער וועט זײַן וואָרט ניט צוריקציהען) אַז דו וועסט
אימער הערשער זײַן. אויף מײַן וואָרט, מײַן גערעכטיגער קעניג !
5 גאָט איז בײַ דײַן רעכטע האַנד, אין אײן טאָג פערוואונדעט ער קעניגע
מיט זײַן צאָרן.
6 ווען ער ריכטעט די פעלקער פילט ער אָן דאָס גרויסע לאַנד מיט קערפּער
און צובראָכענע קעפּ.
7 ער (דער קעניג) וועט געהענדיג טרינקען פון טײַך — דערפאַר קען ער
שטאָלצירען.

## קאַפּיטעל קיא

1 לויבט גאָט ! איך דאַנק גאָט מיט'ן גאַנצען האַרצען אין פערזאַמלונג
פון אויפריכטיגע און געמײנדען.
2 גאָט'ס טהאַטען זײַנען גרויסע, זײ זײַנען נוציג אין אַלע אַנגעלעגענהײטען.
3 הערליך און פּרעכטיג איז זײַן טהאַט ; זײַן גערעכטיגקײט בלײַבט אויף
אימער,
4 אַלס אַן אַנדענקונג האָט ער געמאַכט פאַר זײַנע וואונדער ; גנאַדיג און
בארעמהערציג איז גאָט !
5 ער גיט שפּײַז די וואָס פירכטען איהם, ער געדענקט אימער זײַן בונד.
6 וועגען זײַנע מעכטיגע טהאַטען האָט ער דערצעהלט זײַן פאָלק, אום
אוועקצוגעבען זײ דעם בעזיץ פון פעלקער.
7 זײַנע האַנד־אַרבײַט איז וואהרהײט און גערעכטיגקײט, אַלע זײַנע גע־
באָטען זײַנען ריכטיג.
8 אימער און איביג אונטערשטיצט, זײ זײַנען געמאַכט מיט וואהרהײט
און אויפריכטיגקײט.

9 עֲשׂוּיִם בֶּאֱמֶת וְיָשָׁר׃ פְּדוּת ׀ שָׁלַח לְעַמּוֹ צִוָּה לְעוֹלָם
י בְּרִיתוֹ קָדוֹשׁ וְנוֹרָא שְׁמוֹ׃ רֵאשִׁית חָכְמָה ׀ יִרְאַת יְהוָה
שֵׂכֶל טוֹב לְכָל־עֹשֵׂיהֶם תְּהִלָּתוֹ עֹמֶדֶת לָעַד׃

## קיב PSAL. CXII. קיב

א הַלְלוּיָהּ ׀ אַשְׁרֵי־אִישׁ יָרֵא אֶת־יְהוָה בְּמִצְוֹתָיו חָפֵץ מְאֹד׃
2 3 גִּבּוֹר בָּאָרֶץ יִהְיֶה זַרְעוֹ דּוֹר יְשָׁרִים יְבֹרָךְ׃ הוֹן־וָעֹשֶׁר
4 בְּבֵיתוֹ וְצִדְקָתוֹ עֹמֶדֶת לָעַד׃ זָרַח בַּחֹשֶׁךְ אוֹר לַיְשָׁרִים
ה חַנּוּן וְרַחוּם וְצַדִּיק׃ טוֹב־אִישׁ חוֹנֵן וּמַלְוֶה יְכַלְכֵּל דְּבָרָיו
6 בְּמִשְׁפָּט׃ כִּי־לְעוֹלָם לֹא־יִמּוֹט לְזֵכֶר עוֹלָם יִהְיֶה צַדִּיק׃
7 8 מִשְּׁמוּעָה רָעָה לֹא יִירָא נָכוֹן לִבּוֹ בָּטֻחַ בַּיהוָה׃ סָמוּךְ
9 לִבּוֹ לֹא יִירָא עַד אֲשֶׁר־יִרְאֶה בְצָרָיו׃ פִּזַּר ׀ נָתַן לָאֶבְיוֹנִים
י צִדְקָתוֹ עֹמֶדֶת לָעַד קַרְנוֹ תָּרוּם בְּכָבוֹד׃ רָשָׁע יִרְאֶה ׀
וְכָעָס שִׁנָּיו יַחֲרֹק וְנָמָס תַּאֲוַת רְשָׁעִים תֹּאבֵד׃

## קיג PSAL. CXIII. קיג

א הַלְלוּיָהּ ׀ הַלְלוּ עַבְדֵי יְהוָה הַלְלוּ אֶת־שֵׁם יְהוָה׃ יְהִי שֵׁם 2
3 יְהוָה מְבֹרָךְ מֵעַתָּה וְעַד־עוֹלָם׃ מִמִּזְרַח־שֶׁמֶשׁ עַד־מְבוֹאוֹ
4 מְהֻלָּל שֵׁם יְהוָה׃ רָם עַל־כָּל־גּוֹיִם ׀ יְהוָה עַל הַשָּׁמַיִם
ה 6 כְּבוֹדוֹ׃ מִי כַּיהוָה אֱלֹהֵינוּ הַמַּגְבִּיהִי לָשָׁבֶת׃ הַמַּשְׁפִּילִי
7 לִרְאוֹת בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ׃ מְקִימִי מֵעָפָר דָּל מֵאַשְׁפֹּת יָרִים
8 9 אֶבְיוֹן׃ לְהוֹשִׁיבִי עִם־נְדִיבִים עִם נְדִיבֵי עַמּוֹ׃ מוֹשִׁיבִי ׀
עֲקֶרֶת הַבַּיִת אֵם־הַבָּנִים שְׂמֵחָה הַלְלוּיָהּ׃

## קיד PSAL. CXIV. קיד

א בְּצֵאת יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם בֵּית יַעֲקֹב מֵעַם לֹעֵז׃ הָיְתָה 2
3 יְהוּדָה לְקָדְשׁוֹ יִשְׂרָאֵל מַמְשְׁלוֹתָיו׃ הַיָּם רָאָה וַיָּנֹס הַיַּרְדֵּן
4 יִסֹּב לְאָחוֹר׃ הֶהָרִים רָקְדוּ כְאֵילִים גְּבָעוֹת כִּבְנֵי־צֹאן׃
ה 6 מַה־לְּךָ הַיָּם כִּי תָנוּס הַיַּרְדֵּן תִּסֹּב לְאָחוֹר׃ הֶהָרִים
7 תִּרְקְדוּ כְאֵילִים גְּבָעוֹת כִּבְנֵי־צֹאן׃ מִלִּפְנֵי אָדוֹן חוּלִי

ארץ

קי״ב v. 10. בב״א וְכָעָס

9 רעטונג האָט ער זיין פאָלק געשיקט, אויף אייביג האָט ער זיין בונד בע־
פוילען — הייליג און שרעקליך איז זיין נאָמען.
10 דער אנפאנג פון קלוגהייט איז גאָט'ס־פארכטיגקייט, עס איז א גוטער
פערשטאנד פאר אלע וואָס טהוען דאָס — זיין לויב עקזיסטירט אימער.

## קאַפּיטעל קיב

1 לויבט גאָט ! וואויל איז דעם מאן וואָס פירכטעט גאָט און האָט גרויס
2 לוסט צו זיינע בעפעהלען. לאנד־העלדען וועלען זיינע קינדער זיין —
די אָבשטאַמונג פון אויפריכטיגע ווערט אימער געבענשט.
3 פערמעגען און רייכטהום איז אין זיין הויז, זיין גערעכטיגקייט בלייבט
4 אויף אייביג. זאָגאר ווען עס איז פינסטער שיינט א ליכט פאר די
אויפריכטיגע, דער וואָס איז גנאדיג, בארעמהערציג און פרום.
5 גוט איז דעם מענשען וואָס שענקט און אנטלייהט, ער ריכטעט איין
זיינע זאַכען לויט דאָס געזעץ.
6 ער וועט ניעמאלס וואנקען ; אלס אייביגער אנדענקונג בלייבט דער פרו־
מער.
7 ער וועט זיך ניט שרעקען פאר א שלעכטע נאכריכט, זיין הארץ איז
שטארק פערטרויט אין גאָט.
8 זיין הארץ איז געשטיצט — ער שרעקט זיך ניט, ביז ער זעהט ראכע
אָן זיינע בעדריקערס.
9 ער האָט אויסגעבראכט און געגעבען אָרעמע, זיין וואָהלטהאָט בלייבט אויף
אייביג — מיט עהרע וועט זיין האָרן ערהויבען ווערען.
10 דער פארברעכער וועט זעהען און בייז ווערען, ער וועט קריצען מיט זיינע
צייהן און צופלאצט ווערען — דער פערלאַנג פון פערברעכערס וועט צו
גרונד געהן.

## קאַפּיטעל קיג

1 לויבט גאָט ! לויבט, גאָט'ס קנעכט ; לויבט גאָט'ס נאָמען.
2 זאָל גאָט'ס נאָמען זיין געבענשט פון יעצט ביז אייביג.
3 פון זונען אויפגאנג ביז זיין אונטערגאנג ווערט געלויבט גאָט'ס נאָמען.
4 גאָט איז הויך, איבער אלע פעלקער ; אויפ'ן הימעל איז זיין עהרע.
5 ווער איז ווי אונזער עווינער גאָט, וועלכער זיצט אין דער הויך ?
6 וועלכער קוקט אראָב אום צו זעהען דעם הימעל אזוי ווי די ערד ?
7 ער הויבט אויף פון שטויב אָן אָרעמען, פון מיסטהויפען ערהויבט ער
דעם בעדירפטיגען.
8 אום אוועקצוזעצען איהם מיט אדעליגע, מיט די אדעליגע פון זיין פאָלק.
9 ער בעפעלקערט די קינדערלאָזע הויז — עס פרעהט זיך די מוטער מיט
די קינדער. לויבט גאָט !

## קאַפּיטעל קיד

1 ווען ישראל איז ארויס פון מצרים, יעקב'ס הויז — פון א בארבארישע
פאָלק,
2 איז יהודה געוואָרען זיין הייליגטהום, ישראל — זיינע רעגיערונגען.
3 דער ים האָט דאָס דערזעהען איז ער אנטלאָפען, דער ירדן האָט זיך א
הינטער געררוקט ;
4 ווי ווידערס האָבען די בערג געטאנצט, ווי יונגע שעפסלאך — די
בערגלאך.
5 וואָס איז מיט דיר, ים, וואָס דו לויפסט ? וואָס פעררוקסט זיך ירדן א
הינטער ?
6 וואָרום, בערג, שפרינגט איהר ווי ווידערס ? איהרע בערגלאך — ווי
יונגע שעפסלאך ?
7 פאר דעם העררן ציטערט דאָס די ערד, פאר דעם גאָט פון יעקב —

אֶרֶץ מִלִּפְנֵי אֱלוֹהַּ יַעֲקֹב׃ הַהֹפְכִי הַצּוּר אֲגַם־מָיִם חַלָּמִישׁ 8
לְמַעְיְנוֹ־מָיִם׃

## קטו Psal. CXV. קטו

לֹא לָנוּ ׀ יְהוָה לֹא־לָנוּ כִּי־לְשִׁמְךָ תֵּן כָּבוֹד עַל־חַסְדְּךָ א
עַל־אֲמִתֶּךָ׃ לָמָּה יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם אַיֵּה־נָא אֱלֹהֵיהֶם׃ 2
וֵאלֹהֵינוּ בַשָּׁמָיִם כֹּל אֲשֶׁר־חָפֵץ עָשָׂה׃ עֲצַבֵּיהֶם כֶּסֶף 3 4
וְזָהָב מַעֲשֵׂה יְדֵי אָדָם׃ פֶּה־לָהֶם וְלֹא יְדַבֵּרוּ עֵינַיִם לָהֶם ה
וְלֹא יִרְאוּ׃ אָזְנַיִם לָהֶם וְלֹא יִשְׁמָעוּ אַף לָהֶם וְלֹא יְרִיחוּן׃ 6
יְדֵיהֶם ׀ וְלֹא יְמִישׁוּן רַגְלֵיהֶם וְלֹא יְהַלֵּכוּ לֹא־יֶהְגּוּ 7
בִּגְרוֹנָם׃ כְּמוֹהֶם יִהְיוּ עֹשֵׂיהֶם כֹּל אֲשֶׁר־בֹּטֵחַ בָּהֶם׃ 8
יִשְׂרָאֵל בְּטַח בַּיהוָה עֶזְרָם וּמָגִנָּם הוּא׃ בֵּית אַהֲרֹן 9
בִּטְחוּ בַיהוָה עֶזְרָם וּמָגִנָּם הוּא׃ יִרְאֵי יְהוָה בִּטְחוּ בַיהוָה 11
עֶזְרָם וּמָגִנָּם הוּא׃ יְהוָה זְכָרָנוּ יְבָרֵךְ יְבָרֵךְ אֶת־בֵּית 12
יִשְׂרָאֵל יְבָרֵךְ אֶת־בֵּית אַהֲרֹן׃ יְבָרֵךְ יִרְאֵי יְהוָה הַקְּטַנִּים 13
עִם־הַגְּדֹלִים׃ יֹסֵף יְהוָה עֲלֵיכֶם עֲלֵיכֶם וְעַל־בְּנֵיכֶם׃ 14
בְּרוּכִים אַתֶּם לַיהוָה עֹשֵׂה שָׁמַיִם וָאָרֶץ׃ הַשָּׁמַיִם שָׁמַיִם טו 16
לַיהוָה וְהָאָרֶץ נָתַן לִבְנֵי־אָדָם׃ לֹא הַמֵּתִים יְהַלְלוּ־יָהּ 17
וְלֹא כָּל־יֹרְדֵי דוּמָה׃ וַאֲנַחְנוּ ׀ נְבָרֵךְ יָהּ מֵעַתָּה וְעַד־ 18
עוֹלָם הַלְלוּ־יָהּ׃

## קטז Psal. CXVI. קטז

אָהַבְתִּי כִּי־יִשְׁמַע ׀ יְהוָה אֶת־קוֹלִי תַּחֲנוּנָי׃ כִּי־הִטָּה א 2
אָזְנוֹ לִי וּבְיָמַי אֶקְרָא׃ אֲפָפוּנִי ׀ חֶבְלֵי־מָוֶת וּמְצָרֵי שְׁאוֹל 3
מְצָאוּנִי צָרָה וְיָגוֹן אֶמְצָא׃ וּבְשֵׁם־יְהוָה אֶקְרָא אָנָּה יְהוָה 4
מַלְּטָה נַפְשִׁי׃ חַנּוּן יְהוָה וְצַדִּיק וֵאלֹהֵינוּ מְרַחֵם׃ שֹׁמֵר ה 6
פְּתָאִים יְהוָה דַּלֹּתִי וְלִי יְהוֹשִׁיעַ׃ שׁוּבִי נַפְשִׁי לִמְנוּחָיְכִי 7
כִּי־יְהוָה גָּמַל עָלָיְכִי׃ כִּי חִלַּצְתָּ נַפְשִׁי מִמָּוֶת אֶת־עֵינִי 8
מִן־דִּמְעָה אֶת־רַגְלִי מִדֶּחִי׃ אֶתְהַלֵּךְ לִפְנֵי יְהוָה בְּאַרְצוֹת 9

החיים

קט״ז v. 6. כ״א פְּתָאיִם וא׳ נחה

8 וועלכער מאַכט אַ שטיינינגען אָרט פאַר אַ וואַסער־טייך, דעם האַרטען גראַ־
ניט פאַר וואַסער־קוואַלען.

## קאַפּיטעל קטו

1 ניט צוליעב אונז, גאָט ; ניט צוליעב אונז ! נאָר דיין נאָמען גיעב עהרע,
פאַר דיין גנאָדע, פאַר דיין וואָהרהייט.
2 פאַר וואָס זאָלען זאָגען די פעלקער : „נו, וואו איז זייער גאָט״ ?
3 ווען אונזער הימלישער גאָט טהוט אַלץ וואָס ער וויל !
4 זייערע זילבערנע און גאָלדענע אָבגעטער זיינען האַנד־אַרבייט פון אַ מענ־
שען —
5 זיי האָבען אַ מויל און רעדען ניט, זיי האָבען אויגען און זעהען ניט ;
6 אויערען האָבען זיי און הערען ניט, אַ נאָז האָבען זיי און שמעקען ניט.
7 מיט זייערע הענד טאַפּען זיי ניט, מיט זייערע פיס געהען זיי ניט און
מיט זייער האַלז רעדען זיי ניט.
8 די וואָס מאַכען זיי, און יעדער וואָס איז פערטרויט אויף זיי, זאָלען
ווערען ווי זיי זיינען !
9 ישראל איז פערטרויט אויף דעם עוויגען — ער איז זייער הילף און
פאַנציר.
10 אהרן׳ן הויז זיינען פערטרויט אויף גאָט — ער איז זייער הילף און
פאַנציר.
11 אַלע גאָט׳ס פאַרכטיגע זיינען פערטרויט אויף גאָט — ער איז זייער הילף
און פאַנציר.
12 דער עוויגער דענקט וועגען אונז און וועט בענשען — ער וועט בענשען
דאָס הויז ישראל, ער וועט בענשען דאָס הויז אהרן ;
13 ער וועט בענשען די גאָט׳ס־פאַרכטיגע, די קליינע ווי די גרויסע.
14 גאָט וועט אייך פערמעהרען, אייך מיט אייערע קינדער ;
15 איהר זייט געבענשט פון גאָט וואָס האָט געמאַכט הימעל און ערד —
16 די הימלען זיינען גאָט׳ס הימלען, אָבער די ערד האָט ער אוועקגעגעבען
די מענשען.
17 ניט די טױדטע לויבען גאָט, אויך ניט די אַלע וועלכע זינקען אין שטומען
גרוב ;
18 אָבער מיר — לאָמיר בענשען גאָט ! פון יעצט ביז אייביג לויבט גאָט !

## קאַפּיטעל קטז

1 איך ליעב ווען גאָט הערט די שטימע פון מיין געבעט,
2 ווען ער בויגט זיין אויער צו מיר אין די טעג וואָס איך רוף איהם.
3 ווען עס האָבען מיר אַרומגענומען געפעהרליכע וועהטאָגען און העלישע
שמערצען האָבען מיר געטראָפען ; ווען אונגליק אָדער טרויער בעפאַלען
מיר.
4 רוף איך צו גאָט׳ס נאָמען : אָה עוויגער, רעטע מיין זעעלע !
5 גאָט איז גנאָדיג און גערעכט, אונזער גאָט איז מיטליידענד.
6 גאָט וואָס היט די אונפאָרזיכטיגע, העלפט מיר ווען איך בין ניעדערגע־
שלאָגען.
7 קעהר זיך, מיין זעעלע, צוריק צו דיין בערוהיגונג, וואָרום גאָט וועט דיר
בעלוינען.
8 זינט דו האָסט בעפרייט מיין זעעלע פון טױדט, מיינע אויגען פון טרעה־
רען און מיין פוס פון פאַלען
9 און איך געה אַרום פאַר גאָט אין די לענדער פון לעבען,

11 הַחַיִּים׃ הֶאֱמַנְתִּי כִּי אֲדַבֵּר אֲנִי עָנִיתִי מְאֹד׃ אֲנִי אָמַרְתִּי
12 בְחָפְזִי כָּל־הָאָדָם כֹּזֵב׃ מָה־אָשִׁיב לַיהוָה כָּל־תַּגְמוּלוֹהִי
13 14 עָלָי׃ כּוֹס־יְשׁוּעוֹת אֶשָּׂא וּבְשֵׁם יְהוָה אֶקְרָא׃ נְדָרַי לַיהוָה
טו אֲשַׁלֵּם נֶגְדָה־נָּא לְכָל־עַמּוֹ׃ יָקָר בְּעֵינֵי יְהוָה הַמָּוְתָה
16 לַחֲסִידָיו׃ אָנָּה יְהוָה כִּי־אֲנִי עַבְדֶּךָ אֲנִי עַבְדְּךָ בֶּן־אֲמָתֶךָ
17 פִּתַּחְתָּ לְמוֹסֵרָי׃ לְךָ אֶזְבַּח זֶבַח תּוֹדָה וּבְשֵׁם יְהוָה אֶקְרָא׃
18 19 נְדָרַי לַיהוָה אֲשַׁלֵּם נֶגְדָה־נָּא לְכָל־עַמּוֹ׃ בְּחַצְרוֹת ׀ בֵּית
יְהוָה בְּתוֹכֵכִי יְרוּשָׁלִָם הַלְלוּיָהּ׃

## קיז PSAL. CXVII. קיז

א הַלְלוּ אֶת־יְהוָה כָּל־גּוֹיִם שַׁבְּחוּהוּ כָּל־הָאֻמִּים׃ 2 כִּי גָבַר
עָלֵינוּ ׀ חַסְדּוֹ וֶאֱמֶת־יְהוָה לְעוֹלָם הַלְלוּיָהּ׃

## קיח PSAL. CXVIII. קיח

א הוֹדוּ לַיהוָה כִּי־טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ 2 יֹאמַר־נָא יִשְׂרָאֵל
3 כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ יֹאמְרוּ־נָא בֵית־אַהֲרֹן כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃
4 ה יֹאמְרוּ־נָא יִרְאֵי יְהוָה כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ מִן־הַמֵּצַר
6 קָרָאתִי יָּהּ עָנָנִי בַמֶּרְחָב יָהּ׃ יְהוָה לִי לֹא אִירָא מַה־
7 יַּעֲשֶׂה לִי אָדָם׃ יְהוָה לִי בְּעֹזְרָי וַאֲנִי אֶרְאֶה בְשֹׂנְאָי׃
8 9 טוֹב לַחֲסוֹת בַּיהוָה מִבְּטֹחַ בָּאָדָם׃ טוֹב לַחֲסוֹת
י בַּיהוָה מִבְּטֹחַ בִּנְדִיבִים׃ כָּל־גּוֹיִם סְבָבוּנִי בְּשֵׁם יְהוָה
11 כִּי אֲמִילַם׃ סַבּוּנִי גַם־סְבָבוּנִי בְּשֵׁם יְהוָה כִּי אֲמִילַם׃
12 סַבּוּנִי כִדְבוֹרִים דֹּעֲכוּ כְּאֵשׁ קוֹצִים בְּשֵׁם יְהוָה כִּי אֲמִילַם׃
13 14 דַּחֹה דְחִיתַנִי לִנְפֹּל וַיהוָה עֲזָרָנִי׃ עָזִּי וְזִמְרָת יָהּ וַיְהִי־
טו לִי לִישׁוּעָה׃ קוֹל ׀ רִנָּה וִישׁוּעָה בְּאָהֳלֵי צַדִּיקִים יְמִין
16 יְהוָה עֹשָׂה חָיִל׃ יְמִין יְהוָה רוֹמֵמָה יְמִין יְהוָה עֹשָׂה
17 18 חָיִל׃ לֹא אָמוּת כִּי־אֶחְיֶה וַאֲסַפֵּר מַעֲשֵׂי יָהּ׃ יַסֹּר
19 יִסְּרַנִּי יָּהּ וְלַמָּוֶת לֹא נְתָנָנִי׃ פִּתְחוּ־לִי שַׁעֲרֵי־צֶדֶק אָבֹא־
כ בָם אוֹדֶה יָהּ׃ זֶה־הַשַּׁעַר לַיהוָה צַדִּיקִים יָבֹאוּ בוֹ׃

אודך

קט״ז v. 19. קמץ בלא אסף   קי״ח v. 5. 18. יָּהּ הוי דגושה   v. 10. 11. 12. פתח בס״ף

10 גלויב איך ווען מען זאָגט : „איך בין זעהר געפּלאָגט״ !
11 פריהער פלעג איך אונבעזינט זאָגען : „יעדער מענש ליגט״ !
12 וואָס קען איך גאָט צוריקגעבען פאר זיין בעלוינען מיר ? !
13 איך הויב אויף דעם הילף׳ס בעכער און רוף אין גאָט׳ס נאָמען.
14 איך בעצאָהל צו גאָט אַלע מיינע פארשפּרעכונגען אין געגענוואַרט פון
15 זיין גאַנצע פאָלק. עס איז טהייער ביי גאָט דאָס שטאַרבען פון זיינע
16 פרומע. איך בעט דיר גאָט, ווארום איך בין דיין קנעכט, איך דיין
קנעכט דער זוהן פון דיין דיענסט — דו האָסט אָבגעבונדען מיינע שטריק,
17 איך וועל צו דיר שעכטען א דאַנק־אָפּפער, און וועל אימער רופען אין
18 גאָט׳ס נאָמען. מיינע פערשפּרעכונגען צו גאָט וועל איך באַצאָהלען
אין געגענווארט פון זיין גאַנצע פאָלק,
19 אויף די הויפען פון גאָט׳ס הויז, אין ירושלים — לויבט גאָט !

## קאַפּיטעל קיז

1 לויבט דעם עוויגען, אַלע פעלקער ! ריהמט איהם, אַלע נאַציאָנען !
2 ווארום זיין גנאַדע צו אונז איז שטאַרק, און גאָט איז אימער דער
זעלביגער. לויבט גאָט !

## קאַפּיטעל קיח

1 דאַנקט גאָט ווי געהעריג, ווארום זיין גנאַדע איז אויף אייביג.
2 זאָל ישראל זאָגען ווי אייביג זיין גנאַדע איז ;
3 זאָל דאָס הויז פון אהרן זאָגען ווי אייביג זיין גנאַדע איז ;
4 זאָלען נאָר די גאָט׳ס־פאָרכטיגע זאָגען ווי אייביג זיין גנאַדע איז.
5 פון אונטערדריקונג רוף איך צו גאָט, ענטפערט מיר גאָט אין א גערוימען
6 אָרט. ווען גאָט איז מיט מיר שרעק איך זיך ניט — וואָס קען
מיר א מענש טהאָן ? !
7 ווען גאָט איז מיט מיינע העלפערס וועל איך ראַכע זעהען אויף מיינע
פיינד.
8 בעסער פערטרויען אויף גאָט איידער פערטרויען אויף א מענשען.
9 בעסער פערטרויען אויף גאָט איידער פערטרויען אויף אַדעליגע.
10 אַלע פעלקער האָבען מיר ארומגערינגעלט, אָבער מיט גאָט׳ס נאָמען וועל
איך זיי פערניכטען ;
11 רונד־ארום האָבען זיי מיר ארומגערינגעלט, אָבער מיט גאָט׳ס נאָמען וועל
איך זיי פערניכטען.
12 ווען זיי האָבען מיר ארומגערינגעלט ווי ביהנען, זיינען זיי פעריאָגט גע־
וואָרען ווי פון ברענענדיגע דערנער — מיט גאָט׳ס נאָמען וועל איך זיי
פערניכטען.
13 מען האָט מיר געשטויסען אום איך זאָל פאַלען, אָבער גאָט האָט מיר
געהאָלפען.
14 גאָט איז מיין מאַכט און מיין געזאַנג, ער איז צו מיר אימער אַלס הילף
געווען.
15 א זינגענדיגע שטימע פון הילף איז אין די געצעלטען פון די פרומע :
„גאָט׳ס רעכטע האַנד שאַפט שטאַרקייט !
16 גאָט׳ס רעכטע האַנד איז אימער ערהויבען ; גאָט׳ס רעכטע האַנד שאַפט
שטאַרקייט״ !
17 איך וועל ניט שטאַרבען ; איך וועל לעבען אום צו דערצעהלען גאָט׳ס
טהאַטען.
18 גאָט שטראָפט מיר א מאָל, אָבער צום טוידט גיט ער מיר ניט איבער.
19 עפענט פאר מיר די טהויערען פון גערעכטיגקייט ! — איך וויל אריין
אין זיי און דאַנקען גאָט.
20 דיעזער גאָט׳ס טהויער איז נאָר פאר פרומע ; זיי קענען אין איהם אריין.

21 22 אוֹדְךָ כִּי עֲנִיתָנִי וַתְּהִי־לִי לִישׁוּעָה׃ אֶבֶן מָאֲסוּ הַבּוֹנִים
23 הָיְתָה לְרֹאשׁ פִּנָּה׃ מֵאֵת יְהוָה הָיְתָה זֹּאת הִיא נִפְלָאת
24 בְּעֵינֵינוּ׃ זֶה־הַיּוֹם עָשָׂה יְהוָה נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בוֹ׃
כה 26 אָנָּא יְהוָה הוֹשִׁיעָה נָּא אָנָּא יְהוָה הַצְלִיחָה נָּא׃ בָּרוּךְ
27 הַבָּא בְּשֵׁם יְהוָה בֵּרַכְנוּכֶם מִבֵּית יְהוָה׃ אֵל ׀ יְהוָה
28 וַיָּאֶר לָנוּ אִסְרוּ־חַג בַּעֲבֹתִים עַד־קַרְנוֹת הַמִּזְבֵּחַ׃ אֵלִי
29 אַתָּה וְאוֹדֶךָּ אֱלֹהַי אֲרוֹמְמֶךָּ׃ הוֹדוּ לַיהוָה כִּי־טוֹב כִּי
לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃

## קיט PSAL. CXIX. קיט

א 2 אַשְׁרֵי תְמִימֵי־דָרֶךְ הַהֹלְכִים בְּתוֹרַת יְהוָה׃ אַשְׁרֵי נֹצְרֵי
3 עֵדֹתָיו בְּכָל־לֵב יִדְרְשׁוּהוּ׃ אַף לֹא־פָעֲלוּ עַוְלָה בִּדְרָכָיו
4 ה הָלָכוּ׃ אַתָּה צִוִּיתָה פִקֻּדֶיךָ לִשְׁמֹר מְאֹד׃ אַחֲלַי יִכֹּנוּ
6 דְרָכָי לִשְׁמֹר חֻקֶּיךָ׃ אָז לֹא־אֵבוֹשׁ בְּהַבִּיטִי אֶל־כָּל־
7 מִצְוֹתֶיךָ׃ אוֹדְךָ בְּיֹשֶׁר לֵבָב בְּלָמְדִי מִשְׁפְּטֵי צִדְקֶךָ׃
8 9 אֶת־חֻקֶּיךָ אֶשְׁמֹר אַל־תַּעַזְבֵנִי עַד־מְאֹד׃ בַּמֶּה יְזַכֶּה־
י נַּעַר אֶת־אָרְחוֹ לִשְׁמֹר כִּדְבָרֶךָ׃ בְּכָל־לִבִּי דְרַשְׁתִּיךָ אַל־
11 תַּשְׁגֵּנִי מִמִּצְוֹתֶיךָ׃ בְּלִבִּי צָפַנְתִּי אִמְרָתֶךָ לְמַעַן לֹא
12 13 אֶחֱטָא־לָךְ׃ בָּרוּךְ אַתָּה יְהוָה לַמְּדֵנִי חֻקֶּיךָ׃ בִּשְׂפָתַי
14 סִפַּרְתִּי כֹּל מִשְׁפְּטֵי־פִיךָ׃ בְּדֶרֶךְ עֵדְוֺתֶיךָ שַׂשְׂתִּי כְּעַל
טו 16 כָּל־הוֹן׃ בְּפִקֻּדֶיךָ אָשִׂיחָה וְאַבִּיטָה אֹרְחֹתֶיךָ׃ בְּחֻקֹּתֶיךָ
17 אֶשְׁתַּעֲשָׁע לֹא אֶשְׁכַּח דְּבָרֶךָ׃ גְּמֹל עַל־עַבְדְּךָ אֶחְיֶה
18 וְאֶשְׁמְרָה דְבָרֶךָ׃ גַּל־עֵינַי וְאַבִּיטָה נִפְלָאוֹת מִתּוֹרָתֶךָ׃
19 כ גֵּר אָנֹכִי בָאָרֶץ אַל־תַּסְתֵּר מִמֶּנִּי מִצְוֹתֶיךָ׃ גָּרְסָה נַפְשִׁי
21 לְתַאֲבָה אֶל־מִשְׁפָּטֶיךָ בְכָל־עֵת׃ גָּעַרְתָּ זֵדִים אֲרוּרִים
22 הַשֹּׁגִים מִמִּצְוֹתֶיךָ׃ גַּל מֵעָלַי חֶרְפָּה וָבוּז כִּי עֵדֹתֶיךָ נָצָרְתִּי׃
23 24 גַּם יָשְׁבוּ שָׂרִים בִּי נִדְבָּרוּ עַבְדְּךָ יָשִׂיחַ בְּחֻקֶּיךָ׃ גַּם־
כה עֵדֹתֶיךָ שַׁעֲשֻׁעָי אַנְשֵׁי עֲצָתִי׃ דָּבְקָה לֶעָפָר נַפְשִׁי

חיני

קיח v 25 מלרע   קיט v. 5 קמץ בלא אס״ף   v. 13 פתח באתנח

21 איך דאנק דיר וואס דו ביזט מיר אלס הילף געוועזן נאכדעם ווי דו האסט
22 מיר געפייניגט. דער שטיין, וועלכען די בויערס האבען פעראכטעט
23 איז געווארען אלס ווינקעל־שטיין. פון גאט איז דאס געשעהען, דאס
24 וואס עס איז אונבעגרייפליך פאר אונזערע אויגען. דעם טאג האט גאט
25 געמאכט, לאמיר זיך פרעהען און פרעהליך זיין אין איהם. אה גאט,
26 העלף נאר ! אה גאט, בעגליק נאר ! געבענשט איז דער וואס קומט
מיט גאט'ס נאמען ; מיר האבען אייך געבענשט פון גאט'ס הויז.
27 דער אלמעכטיגער גאט וועט אונז ערלייכטען, בינד צו דעם פעסט־אפפער
28 מיט שטריק צו די ווינקלען פון מזבח. דו ביזט מיין גאט — דיר וועל
איך דאנקען ; דו ביזט מיין גאט — דיר וועל איך ערהויבען.
29 דאנקט גאט ווי געהעריג, ווארום זיין גנאדע איז אויף אייביג.

## קאפיטעל קיט

1 וואויל איז די וועלכע האבען א ריכטיגען וועג — וואס געהען אין גאט'ס
2 לעהרע. וואויל איז די וועלכע בעאבאכטען זיינע ווארנונגען און זוכען
3 איהם מיט'ן גאנצען הארצען. יענע וועלען שוין קיין אונרעכט טהאן,
4 וועלכע געהן אין זיינע וועגען. דו האסט פארזאגט מען זאל זעהר
5 היטען דיינע בעפעהלען, ווינש איך זיך אז מיינע וועגען זאלען ציעלען
6 צו היטען דיינע געזעצען. איך וועל ניעמאלס פערשעמט ווערען
קוקענדיג אויף אלע דיינע בעפעהלען.
7 איך דאנק דיר מיט הארציכע אויפריכטיגקייט לעהרנענדיג דיינע גע־
רעכטע ריכטונגען.
8 איך וועל זעהר היטען דיינע געזעצען און דו זאלסט מיר ניט פארלאזען.
9 מיט וואס קען א יונגער מאן א ריכטיגע אויפפיהרונג האבען ? מיט
ריכטיג היטען דיינע ווערטער.
10 מיט'ן גאנצען הארצען בעט איך דיר : „מאך מיר ניט אבווייכען פון
דיינע בעפעהלען".
11 אין מיין הארצען בעהאלט איך דיינע ווערטער, אום איך זאל צו דיר
ניט זינדיגען.
12 דו, געבענשטער גאט, ערקלעהר מיר דיינע געזעצען.
13 מיט מיינע ליפען האב איך דערצעהלט וועגען אלע רעכטע פון דיין מויל.
14 מיט דעם ארט און ווייזע פון דיינע ווארנונגען פרעה איך זיך ווי מיט
א גאנצען פערמעגען.
15 רערענדיג וועגען דיינע בעפעהלען בעקוק איך דיינע וועגען.
16 ווען איך בין בעשעפטיגט מיט דיינע געזעצען פארגעס איך ניט דיינע
רייד.
17 בעלוין דיין קנעכט, קוים וועל איך לעבען וועל איך אבהיטען דיינע רייד.
18 עפען מיינע אויגען אום איך זאל זעהען די וואונדער פון דיין תורה.
19 זאגאר אין דאס לאנד וואו איך בין א פרעמדער, פערבארג ניט דיינע בע־
פעהלען פון מיר.
20 שטענדיג איז מיין זעלע צובראכען פון פערלאנג נאך דיינע רעכטע.
21 דו האסט פארווירפע געמאכט די שטאלצע, פערשאלטען זיינען די וואס
ווייכען אב פון דיינע בעפעהלען.
22 נעהם אראב פון מיר לאסטער און שאנד, ווארום איך בעאבאכט דיינע
ווארנונגען.
23 זאגאר ווען עס זיינען געזעסען פירשטען און גערעדט וועגען מיר, איז
דיין קנעכט בעשעפטיגט געוועזן מיט דיינע געזעצען.
24 דיינע ווארנונגען זיינען אויך מיין צייט פערברענג, מיינע ראטהגעבער.
25 מיין זעלע איז צו דער ערד באהעפט, האלט מיר ביין לעבען ווי דו האסט
פערשפראכען.

26 חַיֵּנִי כִּדְבָרֶךָ׃ דְּרָכַי סִפַּרְתִּי וַתַּעֲנֵנִי לַמְּדֵנִי חֻקֶּיךָ׃
27 28 דֶּרֶךְ־פִּקּוּדֶיךָ הֲבִינֵנִי וְאָשִׂיחָה בְּנִפְלְאוֹתֶיךָ׃ דָּלְפָה
29 נַפְשִׁי מִתּוּגָה קַיְּמֵנִי כִּדְבָרֶךָ׃ דֶּרֶךְ־שֶׁקֶר הָסֵר מִמֶּנִּי
ל וְתוֹרָתְךָ חָנֵּנִי׃ דֶּרֶךְ־אֱמוּנָה בָחָרְתִּי מִשְׁפָּטֶיךָ שִׁוִּיתִי׃
31 32 דָּבַקְתִּי בְעֵדְוֺתֶיךָ יְהוָה אַל־תְּבִישֵׁנִי׃ דֶּרֶךְ־מִצְוֺתֶיךָ אָרוּץ
33 כִּי תַרְחִיב לִבִּי׃ הוֹרֵנִי יְהוָה דֶּרֶךְ חֻקֶּיךָ וְאֶצְּרֶנָּה
34 עֵקֶב׃ הֲבִינֵנִי וְאֶצְּרָה תוֹרָתֶךָ וְאֶשְׁמְרֶנָּה בְכָל־לֵב׃
לה 36 הַדְרִיכֵנִי בִּנְתִיב מִצְוֺתֶיךָ כִּי־בוֹ חָפָצְתִּי׃ הַט־לִבִּי אֶל־
37 עֵדְוֺתֶיךָ וְאַל אֶל־בָּצַע׃ הַעֲבֵר עֵינַי מֵרְאוֹת שָׁוְא בִּדְרָכֶךָ
38 39 חַיֵּנִי׃ הָקֵם לְעַבְדְּךָ אִמְרָתֶךָ אֲשֶׁר לְיִרְאָתֶךָ׃ הַעֲבֵר
מ חֶרְפָּתִי אֲשֶׁר יָגֹרְתִּי כִּי מִשְׁפָּטֶיךָ טוֹבִים׃ הִנֵּה תָּאַבְתִּי
41 לְפִקֻּדֶיךָ בְּצִדְקָתְךָ חַיֵּנִי׃ וִיבֹאֻנִי חֲסָדֶךָ יְהוָה
42 תְּשׁוּעָתְךָ כְּאִמְרָתֶךָ׃ וְאֶעֱנֶה חֹרְפִי דָבָר כִּי־בָטַחְתִּי
43 בִּדְבָרֶךָ׃ וְאַל־תַּצֵּל מִפִּי דְבַר־אֱמֶת עַד־מְאֹד כִּי לְמִשְׁפָּטֶךָ
44 מה יִחָלְתִּי׃ וְאֶשְׁמְרָה תוֹרָתְךָ תָמִיד לְעוֹלָם וָעֶד׃ וְאֶתְהַלְּכָה
46 בָרְחָבָה כִּי פִקֻּדֶיךָ דָרָשְׁתִּי׃ וַאֲדַבְּרָה בְעֵדֹתֶיךָ נֶגֶד
47 מְלָכִים וְלֹא אֵבוֹשׁ׃ וְאֶשְׁתַּעֲשַׁע בְּמִצְוֺתֶיךָ אֲשֶׁר אָהָבְתִּי׃
48 וְאֶשָּׂא כַפַּי אֶל־מִצְוֺתֶיךָ אֲשֶׁר אָהָבְתִּי וְאָשִׂיחָה בְחֻקֶּיךָ׃
49 נ זְכֹר־דָּבָר לְעַבְדֶּךָ עַל אֲשֶׁר יִחַלְתָּנִי׃ זֹאת נֶחָמָתִי
51 בְעָנְיִי כִּי אִמְרָתְךָ חִיָּתְנִי׃ זֵדִים הֱלִיצֻנִי עַד־מְאֹד מִתּוֹרָתְךָ
52 לֹא נָטִיתִי׃ זָכַרְתִּי מִשְׁפָּטֶיךָ מֵעוֹלָם ׀ יְהוָה וָאֶתְנֶחָם׃
53 54 זַלְעָפָה אֲחָזַתְנִי מֵרְשָׁעִים עֹזְבֵי תּוֹרָתֶךָ׃ זְמִרוֹת הָיוּ־לִי
נה חֻקֶּיךָ בְּבֵית מְגוּרָי׃ זָכַרְתִּי בַלַּיְלָה שִׁמְךָ יְהוָה וָאֶשְׁמְרָה
56 57 תּוֹרָתֶךָ׃ זֹאת הָיְתָה־לִּי כִּי פִקֻּדֶיךָ נָצָרְתִּי׃ חֶלְקִי
58 יְהוָה אָמַרְתִּי לִשְׁמֹר דְּבָרֶיךָ׃ חִלִּיתִי פָנֶיךָ בְכָל־לֵב
59 חָנֵּנִי כְּאִמְרָתֶךָ׃ חִשַּׁבְתִּי דְרָכָי וָאָשִׁיבָה רַגְלַי אֶל־
ס 61 עֵדֹתֶיךָ׃ חַשְׁתִּי וְלֹא הִתְמַהְמָהְתִּי לִשְׁמֹר מִצְוֺתֶיךָ׃ חֶבְלֵי
62 רְשָׁעִים עִוְּדֻנִי תּוֹרָתְךָ לֹא שָׁכָחְתִּי׃ חֲצוֹת־לַיְלָה אָקוּם

קי״ט v. 33. חצי בח״ק

להודות

26 איך האָב דערצעהלט וועגען מיינע וועגען און דו האָסט מיר געענטפערט,
27 לעהרען מיר דיינע געזעצען. ערקלעהר מיר דעם וועג פון דיינע בע־
28 פעהלען, איך וועל רעדען וועגען דיינע וואונדער. מיין זעעלע איז צורר־
29 נען פון טרויער, האַלט מיר אויף לויט דיין פערשפּרעכען. נעהם פון מיר
30 צו דעם פאַלשען וועג, בעשענק מיר מיט דיין תורה. אימער האָב איך
דעם ריכטיגען וועג אויסערוועהלט ווען איך האָב זיך דיינע רעכטע פאָר־
31 געשטעלט. איך האַלט זיך, גאָט, אַן דיינע וואָרנונגען, מאַך מיר ניט צו
32 שאַנדע. איך וועל לויפען אין וועג פון דיינע בעפעהלען ווען דו וועסט
33 ברייט מאַכען מיין הארץ. ערקלעהר מיר גאָט, דעם וועג פון דיינע גע־
34 זעצען וועל איך איהם בעאָבאַכטען אויף יעדער טריט. גיעב מיר צו
פערשטעהן וועל איך היטען דיין תורה, איך וועל איהר אָבהיטען מיט'ן
35 גאַנצען הארצען. פיהר מיר אויפ'ן שטעג פון דיינע בעפעהלען, וואָרום
36 איך שטרעב נאָך איהם. ווענד מיין הארץ צו דיינע וואָרנונגען אָבער
37 ניט צו געלד פערדיענסט. ווענד אָב מיינע אויגען פון זעהן פאַלש, לאָז
38 מיר לעבען אין דיינע וועגען. ערפיל דיין פערשפּרעכען צו דיין קנעכט,
א מִזְמוֹר לְדָוִד יְהוָה קְרָאתִיךָ חוּשָׁה לִּי הַאֲזִינָה קוֹלִי
2 בְּקָרְאִי־לָךְ׃ תִּכּוֹן תְּפִלָּתִי קְטֹרֶת לְפָנֶיךָ מַשְׂאַת כַּפַּי
3 מִנְחַת־עָרֶב׃ שִׁיתָה יְהוָה שָׁמְרָה לְפִי נִצְּרָה עַל־דַּל
4 שְׂפָתָי׃ אַל־תַּט־לִבִּי ׀ לְדָבָר ׀ רָע לְהִתְעוֹלֵל עֲלִלוֹת ׀ בְּרֶשַׁע
ה אֶת־אִישִׁים פֹּעֲלֵי־אָוֶן וּבַל־אֶלְחַם בְּמַנְעַמֵּיהֶם׃ יֶהֶלְמֵנִי
צַדִּיק ׀ חֶסֶד וְיוֹכִיחֵנִי שֶׁמֶן רֹאשׁ אַל־יָנִי רֹאשִׁי כִּי־עוֹד
6 וּתְפִלָּתִי בְּרָעוֹתֵיהֶם׃ נִשְׁמְטוּ בִידֵי־סֶלַע שֹׁפְטֵיהֶם וְשָׁמְעוּ
7 אֲמָרַי כִּי נָעֵמוּ׃ כְּמוֹ פֹלֵחַ וּבֹקֵעַ בָּאָרֶץ נִפְזְרוּ עֲצָמֵינוּ
8 לְפִי שְׁאוֹל׃ כִּי אֵלֶיךָ ׀ יְהוִה אֲדֹנָי עֵינָי בְּכָה חָסִיתִי אַל־
9 תְּעַר נַפְשִׁי׃ שָׁמְרֵנִי מִידֵי פַח יָקְשׁוּ לִי וּמֹקְשׁוֹת פֹּעֲלֵי
י אָוֶן׃ יִפְּלוּ בְמַכְמֹרָיו רְשָׁעִים יַחַד אָנֹכִי עַד־אֶעֱבוֹר׃

## קמב PSAL. CXLII. קמב

2 א מַשְׂכִּיל לְדָוִד בִּהְיוֹתוֹ בַמְּעָרָה תְפִלָּה׃ קוֹלִי אֶל־יְהוָה
3 אֶזְעָק קוֹלִי אֶל־יְהוָה אֶתְחַנָּן׃ אֶשְׁפֹּךְ לְפָנָיו שִׂיחִי צָרָתִי
4 לְפָנָיו אַגִּיד׃ בְּהִתְעַטֵּף עָלַי ׀ רוּחִי וְאַתָּה יָדַעְתָּ נְתִיבָתִי
ה בְּאֹרַח־זוּ אֲהַלֵּךְ טָמְנוּ פַח לִי׃ הַבֵּיט יָמִין ׀ וּרְאֵה וְאֵין
6 לִי מַכִּיר אָבַד מָנוֹס מִמֶּנִּי אֵין דּוֹרֵשׁ לְנַפְשִׁי׃ זָעַקְתִּי
אֵלֶיךָ יְהוָה אָמַרְתִּי אַתָּה מַחְסִי חֶלְקִי בְּאֶרֶץ הַחַיִּים׃
7 הַקְשִׁיבָה ׀ אֶל־רִנָּתִי כִּי־דַלּוֹתִי מְאֹד הַצִּילֵנִי מֵרֹדְפַי כִּי

אמצו

קי״מ v. 10. יכסימו קרי v. 11. ימוטו קרי v. 13. ידעתי קרי קמ״ב v. 7. פתח באתנח

10 דער גיפט פון מיינע ארומרינגלער און דאָס אומרעכט פון זייערע ליפּען זאָל זיי פאַרדעקען.

11 זאָלען אויף זיי געשליידערט ווערען קויהלען, אינ׳ם פייער זאָל מען זיי ווארפען, מען זאָל זיי ווארפען אין גריבער פון וועלכע זיי זאָלען ניט אויפשטעהן.

12 א בעריידער זאָל ניט עקזיסטירען אינ׳ם לאַנד, יעדער שלעכטער געוואַלד־טהעטיגער מאַן זאָל מען איהם פאַנגען און פאַרשטויסען.

13 איך בין איבערצייגט אַז גאָט וועט ארויסגעבען דעם געריכט פאַר אַן ארעמען, דעם אורטהייל פון ארעמע.

14 אָבער די פרומע לויבען דיין נאָמען, די אויפריכטיגע וועלען אימער זיין פאַר דיין געזיכט.

## קאַפּיטעל קמא

1 דוד׳ס א געזאַנג. גאָט ! איך האָב צו דיר גערופען — אייל צו מיר ! הער אויס מיין שטימע ווען איך רוף צו דיר.

2 זאָל מיין געבעט זיין אָנגענומען פאַר דיר ווי רויכווערק, דאָס אויפהויבען פון מיינע הענד — אַלס אַן אָווענד־אָפּפער.

3 מאַך גאָט א בעוואַכונג אויף מיין מויל, אַן אָבהאַלט צו מיינע שוואַכע ליפען —

4 אום מיין הארץ זאָל זיך ניט נייגען צו א שלעכטע זאַך צו פערנעהמען זיך מיט אונגערעכטע טהאַטען צוזאַמען מיט מענשען פערברעכערס, און אום איך זאָל זיך ניט ערנעהרען מיט זייערע שפּייזען.

5 זאָל מיר, א גערעכטיגער, פאַסען די גנאָדע און זאָל מיר איבערצייגען ; דאָס בעסטע אויל זאָל ניט פעהלען צו מיין קאָפּ זאָלאַנג איך בעט געגען זייערע שלעכטס.

6 די וואָס זיינען געשלעפּט געוואָרען פון זייערע ריכטערס שטיינערנע הענד וועלען פערשטעהן ווי אנגענעהם מיינע רייד זיינען.

7 ווי איינער וואָס שפּאַלט און ברעכט די ערד זיינען אונזערע גליעדער צוּבראָכען געוואָרען שטערבליך.

8 ווען צו דיר, מיין אייביגער גאָט, זיינען מיינע אויגען געווענדעט, בע־שיץ איך זיך אויף דיר — שטעל ניט אַן געפאַהר מיין זעעלע.

9 היט מיר אָב פון דעם נעץ וואָס זיי האָבען מיר אונטערגעלעגט און פון די שטרויכלונגען פון די אונרעכט־טהוער.

10 זאָלען אַלע פערברעכער אריינפאַלען אין די נעצען, נאָר איך זאָל אריבער.

## קאַפּיטעל קמב

1 דוד׳ס א בעטראַכטונג. א געבעט, ווען ער איז געווען אין א הייל.

2 מיט מיין שטימע שריי איך צו גאָט, מיט מיין שטימע בעט איך צו גאָט.

3 איך גיס פאַר איהם מיין געשפּרעך, פאַר איהם דערצעהל איך מיינע ליידען.

4 ווען מיין זעעלע שמאַכטעט אין מיר, דו ווייסט דאָך מיינע וועגען, אויף וועלכען נאָר איך געה האָבען זיי פאַר מיר נעצען אויסגעלעגט.

5 קוק רעכטס און זעה — איך האָב קיין אנערקענער, ניטאָ פאַר מיר קיין רעטונג — קיינעם אַרט פאַר מיר ניט.

6 איך האָב געשריען צו דיר, גאָט ; איך האָב געזאָגט : דו ביזט מיין שוּץ מיין טהייל אויף דער לעבעדיגער וועלט.

7 הער אויס מיין זינגען ווארום איך בין זעהר ניעדערגעשלאָגען, רעטע מיר פון מיינע פערפאָלגער וועלכע זיינען שטאַרקער פאַר מיר.

8 אִ֭מְצוּ מִמֶּֽנִּי׃ ה֘וֹצִ֤יאָה מִמַּסְגֵּ֨ר ׀ נַפְשִׁי֮ לְהוֹד֪וֹת אֶת־שְׁ֫מֶ֥ךָ
בִּ֭י יַכְתִּ֣רוּ צַדִּיקִ֑ים כִּ֖י תִגְמֹ֣ל עָלָֽי׃

## קמג PSAL. CXLIII. קמג

א מִזְמ֗וֹר לְדָ֫וִ֥ד יְהוָ֤ה ׀ שְׁמַ֬ע תְּפִלָּתִ֗י הַאֲזִ֥ינָה אֶל־תַּחֲנוּנַ֑י
2 בֶּאֱמֻנָתְךָ֥ עֲ֝נֵ֗נִי בְּצִדְקָתֶֽךָ׃ וְאַל־תָּב֣וֹא בְ֭מִשְׁפָּט אֶת־
3 עַבְדֶּ֑ךָ כִּ֤י לֹֽא־יִצְדַּ֖ק לְפָנֶ֣יךָ כָל־חָֽי׃ כִּ֥י רָ֘דַ֤ף אוֹיֵ֨ב ׀ נַפְשִׁ֗י
דִּכָּ֣א לָ֭אָרֶץ חַיָּתִ֑י הוֹשִׁיבַ֥נִי בְ֝מַחֲשַׁכִּ֗ים כְּמֵתֵ֥י עוֹלָֽם׃
4 ה וַתִּתְעַטֵּ֣ף עָלַ֣י רוּחִ֑י בְּ֝תוֹכִ֗י יִשְׁתּוֹמֵ֥ם לִבִּֽי׃ זָ֘כַ֤רְתִּי יָמִ֨ים ׀
6 מִקֶּ֗דֶם הָגִ֥יתִי בְכָל־פָּעֳלֶ֑ךָ בְּֽמַעֲשֵׂ֖ה יָדֶ֣יךָ אֲשׂוֹחֵֽחַ׃ פֵּרַ֣שְׂתִּי
7 יָדַ֣י אֵלֶ֑יךָ נַפְשִׁ֓י ׀ כְּאֶֽרֶץ־עֲיֵפָ֖ה לְךָ֣ סֶֽלָה׃ מַ֘הֵ֤ר עֲנֵ֨נִי ׀ יְֽהוָה֮
כָּלְתָ֪ה ר֫וּחִ֥י אַל־תַּסְתֵּ֣ר פָּנֶ֣יךָ מִמֶּ֑נִּי וְ֝נִמְשַׁ֗לְתִּי עִם־יֹ֥רְדֵי
8 בֽוֹר׃ הַשְׁמִ֘יעֵ֤נִי בַבֹּ֨קֶר ׀ חַסְדֶּךָ֮ כִּֽי־בְךָ֪ בָ֫טָ֥חְתִּי הוֹדִיעֵ֗נִי
9 דֶּֽרֶךְ־ז֥וּ אֵלֵ֑ךְ כִּֽי־אֵ֝לֶ֗יךָ נָשָׂ֥אתִי נַפְשִֽׁי׃ הַצִּילֵ֖נִי מֵאֹיְבַ֥י ׀
י יְהוָ֗ה אֵלֶ֥יךָ כִסִּֽתִי׃ לַמְּדֵ֤נִי ׀ לַעֲשׂ֬וֹת רְצוֹנֶ֗ךָ כִּֽי־אַתָּ֫ה אֱלוֹהָ֥י
11 ר֖וּחֲךָ טוֹבָ֑ה תַּ֝נְחֵ֗נִי בְּאֶ֣רֶץ מִישֽׁוֹר׃ לְמַֽעַן־שִׁמְךָ֣ יְהוָ֣ה
12 תְּחַיֵּ֑נִי בְּצִדְקָתְךָ֓ ׀ תּוֹצִ֖יא מִצָּרָ֣ה נַפְשִֽׁי׃ וּֽבְחַסְדְּךָ֮ תַּצְמִ֪ית
אֹ֫יְבָ֥י וְֽ֭הַאֲבַדְתָּ כָּל־צֹרְרֵ֣י נַפְשִׁ֑י כִּ֝֗י אֲנִ֣י עַבְדֶּֽךָ׃

## קמד PSAL. CXLIV. קמד

א לְדָוִ֨ד ׀ בָּר֤וּךְ יְהוָ֨ה ׀ צוּרִ֗י הַֽמְלַמֵּ֣ד יָדַ֣י לַקְרָ֑ב אֶ֝צְבְּעוֹתַ֗י
2 לַמִּלְחָמָֽה׃ חַסְדִּ֣י וּמְצוּדָתִי֮ מִשְׂגַּבִּ֪י וּֽמְפַלְטִ֫י־לִ֥י מָ֭גִנִּי וּב֣וֹ
3 חָסִ֑יתִי הָרוֹדֵ֖ד עַמִּ֣י תַחְתָּֽי׃ יְֽהוָ֗ה מָֽה־אָ֭דָם וַתֵּדָעֵ֑הוּ בֶּן־
4 אֱ֝נ֗וֹשׁ וַתְּחַשְּׁבֵֽהוּ׃ אָ֭דָם לַהֶ֣בֶל דָּמָ֑ה יָ֝מָ֗יו כְּצֵ֣ל עוֹבֵֽר׃
ה 6 יְ֭הוָה הַט־שָׁמֶ֣יךָ וְתֵרֵ֑ד גַּ֖ע בֶּהָרִ֣ים וְֽיֶעֱשָֽׁנוּ׃ בְּר֣וֹק בָּ֭רָק
7 וּתְפִיצֵ֑ם שְׁלַ֥ח חִ֝צֶּ֗יךָ וּתְהֻמֵּֽם׃ שְׁלַ֥ח יָדֶ֗יךָ מִמָּ֫ר֥וֹם פְּצֵ֣נִי
8 וְ֭הַצִּילֵנִי מִמַּ֣יִם רַבִּ֑ים מִ֝יַּ֗ד בְּנֵ֣י נֵכָֽר׃ אֲשֶׁ֣ר פִּ֭יהֶם דִּבֶּר־
9 שָׁ֑וְא וִ֝ימִינָ֗ם יְמִ֣ין שָֽׁקֶר׃ אֱֽלֹהִ֗ים שִׁ֣יר חָ֭דָשׁ אָשִׁ֣ירָה לָּ֑ךְ
י בְּנֵ֥בֶל עָ֝שׂ֗וֹר אֲזַמְּרָה־לָּֽךְ׃ הַנּוֹתֵ֥ן תְּשׁוּעָ֗ה לַֽמְּלָ֫כִ֥ים הַפּוֹצֶ֗ה

את־

קמ״ג v. 1. פתוח באתנח כ״א פ בקמץ v. 8. קמץ בלא אס״ף v. 9. כ״א חסר י v. 10. 12. קמץ בלא אס״ף

8 נעהם ארויס פון איינשליסונג מיין זעעלע, אום איך זאל דאנקען דיין נאמען; דורך מיר וועלען זיך בעקרוינען די פרומע, אויב דו ועסט מיר גוט בעלוינען.

## קאפיטעל קמג

1 דוד׳ס א געזאנג. גאט! הער מיין געבעט, הער אוים מיין בעטען מיט
2 דיין טרייהייט; ענטפער מיר מיט דיין גערעכטיגקייט. [געה ניט אריין
אין ערקלעהרונגען מיט דיין קנעכט, ווארום קיין לעבעדיגער קען זיך ניט
3 גערעכטפארטיגען פאר דיר.] ווען דער פיינד האט פערפאלגט
מיין זעעלע, ער האט מיין לעבען צו דער ערד ערניעדרט און אריינגע־
זעצט מיר אין דער פינסטערניס ווי די לאנג געשטארבענע;
4 ווען מיין גייסט האט אין מיר געשמאכטעט און מיין הארץ האט גע־
שטוינט אין מיר —
5 האב איך דערמאהנט די אלטע צייטען, איך האב בעטראכט יעדערן פון
דיינע טהאטען און גערעדט וועגען דער ארבייט פון דיינע הענד.
6 איך האב אויסגעשפרייט צו דיר מיינע הענד, מיין זעעלע שטרעבט אי־
מער צו דיר ווי א פערטריקענטע לאנד.
7 שנעל ענטפער מיר, עוויגער! ווארום עס שמאכטעט מיין גייסט; פער־
בארג ניט פון מיר דיין געזיכט, אום איך זאל ניט פערגליכען ווערען מיט
די וואס געהען אין גרוב.
8 לאז מיר הערען יעדער פריה־מארגען פון דיין גנאדע, ווארום אויף דיר
בין איך פערטרויט; לאז מיר וויסען דעם וועג אין וועלכען איך זאל
געהן, ווארום צו דיר שטרעבט מיין זעעלע.
9 רעטע מיר, א עוויגער, פון מיינע פיינד, אויף דיר איז מיין פערטרויען.
10 לערען מיר ווי צו טהאן דיין ווילען, ווארום דו, מיין גאט, דיין פערלאנג
איז אימער גוט; פיהר מיר אויפ׳ן גלייכען וועג.
11 צוליעב דיין נאמען, גאט, לאז מיר לעבען; מיט דיין טוגענד נעהם מיר
ארויס פון אונגליק.
12 מיט דיין טוגענד וועסטו מיינע פיינד פערניכטען און אונטערברייננגען
אלע מיינע בעדריקער, ווארום איך בין אימער דיין קנעכט.

## קאפיטעל קמד

1 דוד׳ס. געלויבט איז גאט, מיין פעלז, וועלכער געוואהנט מיינע הענד צו
קריעג, מיינע פינגער צו שטרייט.
2 מיין וואהלטהעטער און מיין פעסטונג! מיין שטארקער, רעטער און
פאנציר אין וועלכען איך בין בעשיצט, וואס ערניעדערט פעלקער אונ־
טער מיר.
3 גאט! וואס איז דער שטערבליכער מענש אז דו זאלסט איהם אנער־
קענען? וואס איז דער מענשענקינד אז דו זאלסט איהם אכטען?
4 א מענש איז גלייך צו א הויך, זיינע טעג — ווי א פארגעהענדער שאטען.
5 גאט! בייג איין דיינע הימלען און געה אראב, בעריהר די בערג און זיי
זאלען פעררויכערט ווערען.
6 ווארף א בליץ און צושפרייט זיי, שיק דיינע פיילען און צוקלאפ זיי.
7 שטרעק אויס דיינע הענד פון דער הויך, בעפריי מיר און רעטע מיר
פון גרויסען וואסער — פונ׳ם מאכט פון די פרעמדע.
8 וואס זייער מויל רעדט פאלשקייט, און זייער רעכטע האנד איז מעכטיג
אין ליגען.
9 אלמעכטיגער! איך וועל פאר דיר זינגען א נייען ליעד, אויף א צעהענ־
טאניגען הארף וועל איך פאר דיר שפיעלען.
10 דער וואס גיט הילף די קעניגע, דער וואס רעטעט זיין קנעכט דוד פון
מערדערישען שווערד —

11 אֶת־דָּוִד עַבְדּוֹ מֵחֶרֶב רָעָה׃ פְּצֵנִי וְהַצִּילֵנִי מִיַּד בְּנֵי־נֵכָר
12 אֲשֶׁר פִּיהֶם דִּבֶּר־שָׁוְא וִימִינָם יְמִין שָׁקֶר׃ אֲשֶׁר בָּנֵינוּ ׀
כִּנְטִעִים מְגֻדָּלִים בִּנְעוּרֵיהֶם בְּנוֹתֵינוּ כְזָוִיֹּת מְחֻטָּבוֹת
13 תַּבְנִית הֵיכָל׃ מְזָוֵינוּ מְלֵאִים מְפִיקִים מִזַּן אֶל־זַן צֹאונֵנוּ
14 מַאֲלִיפוֹת מְרֻבָּבוֹת בְּחוּצוֹתֵינוּ׃ אַלּוּפֵינוּ מְסֻבָּלִים אֵין
טו פֶּרֶץ וְאֵין יוֹצֵאת וְאֵין צְוָחָה בִּרְחֹבֹתֵינוּ׃ אַשְׁרֵי הָעָם
שֶׁכָּכָה לּוֹ אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁיְהוָה אֱלֹהָיו׃

## קמה PSAL. CXLV. קמה

א תְּהִלָּה לְדָוִד אֲרוֹמִמְךָ אֱלוֹהַי הַמֶּלֶךְ וַאֲבָרְכָה שִׁמְךָ לְעוֹלָם
2 וָעֶד׃ בְּכָל־יוֹם אֲבָרְכֶךָּ וַאֲהַלְלָה שִׁמְךָ לְעוֹלָם וָעֶד׃
3 4 גָּדוֹל יְהוָה וּמְהֻלָּל מְאֹד וְלִגְדֻלָּתוֹ אֵין חֵקֶר׃ דּוֹר לְדוֹר
ה יְשַׁבַּח מַעֲשֶׂיךָ וּגְבוּרֹתֶיךָ יַגִּידוּ׃ הֲדַר כְּבוֹד הוֹדֶךָ וְדִבְרֵי
6 נִפְלְאֹתֶיךָ אָשִׂיחָה׃ וֶעֱזוּז נוֹרְאֹתֶיךָ יֹאמֵרוּ וּגְדוּלֹּתֶיךָ
7 8 אֲסַפְּרֶנָּה׃ זֵכֶר רַב־טוּבְךָ יַבִּיעוּ וְצִדְקָתְךָ יְרַנֵּנוּ׃ חַנּוּן
9 וְרַחוּם יְהוָה אֶרֶךְ אַפַּיִם וּגְדוֹל־חָסֶד׃ טוֹב־יְהוָה לַכֹּל
י וְרַחֲמָיו עַל־כָּל־מַעֲשָׂיו׃ יוֹדוּךָ יְהוָה כָּל־מַעֲשֶׂיךָ וַחֲסִידֶיךָ
11 12 יְבָרְכוּכָה׃ כְּבוֹד מַלְכוּתְךָ יֹאמֵרוּ וּגְבוּרָתְךָ יְדַבֵּרוּ׃ לְהוֹדִיעַ ׀
13 לִבְנֵי הָאָדָם גְּבוּרֹתָיו וּכְבוֹד הֲדַר מַלְכוּתוֹ׃ מַלְכוּתְךָ
14 מַלְכוּת כָּל־עֹלָמִים וּמֶמְשַׁלְתְּךָ בְּכָל־דּוֹר וָדֹר׃ סוֹמֵךְ
טו יְהוָה לְכָל־הַנֹּפְלִים וְזוֹקֵף לְכָל־הַכְּפוּפִים׃ עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ
16 יְשַׂבֵּרוּ וְאַתָּה נוֹתֵן־לָהֶם אֶת־אָכְלָם בְּעִתּוֹ׃ פּוֹתֵחַ אֶת־
17 יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל־חַי רָצוֹן׃ צַדִּיק יְהוָה בְּכָל־דְּרָכָיו
18 וְחָסִיד בְּכָל־מַעֲשָׂיו׃ קָרוֹב יְהוָה לְכָל־קֹרְאָיו לְכֹל אֲשֶׁר
19 יִקְרָאֻהוּ בֶאֱמֶת׃ רְצוֹן־יְרֵאָיו יַעֲשֶׂה וְאֶת־שַׁוְעָתָם יִשְׁמַע
כ וְיוֹשִׁיעֵם׃ שׁוֹמֵר יְהוָה אֶת־כָּל־אֹהֲבָיו וְאֵת כָּל־הָרְשָׁעִים
21 יַשְׁמִיד׃ תְּהִלַּת יְהוָה יְדַבֶּר־פִּי וִיבָרֵךְ כָּל־בָּשָׂר שֵׁם
קָדְשׁוֹ לְעוֹלָם וָעֶד׃

הללויה

v. 13. במ״ד בכ״א ז׳ בקמץ ibid. יתיר ו׳ קמ״ה v. 6. וגדלתך קרי v. 8. יתיר ו׳

11 בעפריי מיר און רעטע מיר פונ'ם מאכט פון די פרעמדע, וואָס זייער מויל
רעדט פאַלשקייט און זייער רעכטע האַנד איז מעכטיג אין ליגען.
12 אָבער אונזערע זיהן זיינען ווי פּפלאַנצונגען אויפגעפּאַסט פון זייער יוּ־
גענד, אונזערע טעכטער זיינען ווי אויסגעטאָקטע ווינקעל סטאַטוען פון
אַ פּאַלאַסט.
13 אונזערע שפּייז־קאַמערען זיינען פול ארויס צו געבען פערשיעדענע שפּייּ־
זען, אונזערע שעפּסען זיינען אין די טויזענדער פערמעהרט אויף אונזערע
פעלדער ;
14 אונזערע רינדער זיינען דיק. קיין אויסברוך און קיין פערלוסט — קיין
בעקלאָגען זיך אין אונזערע גאַסען.
15 וואויל איז דעם פאָלק וואָס האָט זיך אַזוי — וואויל איז דעם פאָלק וואָס
דער עוויגער איז זיין גאָט.

## קאַפּיטעל קמה

1 דוד'ס אַ לויבליעד. איך ערהויב דיר מיין גאָט דער קעניג, און אייביג
לאַנג וועל איך דיין נאָמען בענשען.
2 יעדער טאָג וועל איך דיר בענשען און אייביג לאַנג ריהמען דיין נאָמען.
3 גאָט איז גרויס און זעהר געריהמט, זיין גרויסקייט האָט ניט קיינע גרע־
נעצען.
4 איין דור צום צווייטען ריהמט דיינע טהאַטען און דערצעהלט וועגען
דיינע העלדענטהאַטען.
5 דעם פּראַכט פון דיין מאַיעסטעטישע עהרע און ערצעהלונגען וועגען דיינע
וואונדער וועל איך דערצעהלען.
6 וועגען דעם מאַכט פון דיינע שרעקליכע טהאַטען וועלען זיי רעדען און
וועגען דיין גרויסקייט וועל איך דערצעהלען.
7 וועגען די עראינערונגען פון דיין גרויסע גוטסקייט וועלען זיי שפּרע־
כען און וועגען דיין גערעכטיגקייט וועלען זיי זינגען.
8 גנאַדיג אין באַרעמהערציג איז גאָט, לאַנג־מוטהיג און זעהר וואָהלטהע־
טיג.
9 גאָט איז גוט צו אַלעמען — זיינע מיטלייד איז אויף אַלע ווערק זיינע.
10 עס דאַנקען דיר, גאָט, אַלע דיינע טהאַטען און דיינע אַנהענגער בענשען
דיך;
11 וועגען די עהרע פון דיין קעניגרייך זאָגען זיי, וועגען דיינע העלדענ־
טהאַטען רעדען זיי.
12 אום צו ערקלעהרען די מענשענקינדער זיינע העלדענטהאַטען און די עהרע
פון זיין מאַיעסטעטישע רעגיערונג.
13 דיין קעניגרייך איז אַ קעניגרייך פאַר עוויגקייט און דיין הערשונג איז
אויף אַלע דורות.
14 גאָט שטיצט אַלע געפאַלענע און גלייכט אויס אַלע איינגעבויגענע.
15 אַלעמענס אויגען האָפען צו דיר און דו גיסט זיי זייער עסען אין דער צייט.
16 דו עפענסט דיין האַנד און מאַכסט זאַט יעדער לעבעדיגען מיט דאָס וואָס
ער וויל.
17 גאָט איז גערעכט אין אַלע זיינע וועגען און גנעדיג אין אַלע זיינע טהאַטען.
18 גאָט איז נאָהענט צו אַלע וועלכע רופען איהם — צו אַלע וואָס רופען
צו איהם מיט וואהרהייט.
19 דעם פערלאַנג פון די וואָס פירכטען איהם ערפילט ער, ער הערט אויס
זייער געשריי און העלפט זיי.
20 גאָט בעוואַכט אַלע זיינע פריינד, אָבער אַלע פערברעכער פערטיליגט ער.
21 גאָט'ס לויב רעדט מיין מויל און יעדער בעשעפענים בענשט זיין הייליגען
נאָמען אימער און אייביג.

## קמו PSAL. CXLVI. קמו

א הַלְלוּיָהּ הַלְלִי נַפְשִׁי אֶת־יְהוָה׃ אֲהַלְלָה יְהוָה בְּחַיָּי 2
אֲזַמְּרָה לֵאלֹהַי בְּעוֹדִי׃ אַל־תִּבְטְחוּ בִנְדִיבִים בְּבֶן־אָדָם ׀ 3
שֶׁאֵין לוֹ תְשׁוּעָה׃ תֵּצֵא רוּחוֹ יָשֻׁב לְאַדְמָתוֹ בַּיּוֹם הַהוּא 4
ה אָבְדוּ עֶשְׁתֹּנֹתָיו׃ אַשְׁרֵי שֶׁאֵל יַעֲקֹב בְּעֶזְרוֹ שִׂבְרוֹ עַל־
יְהוָה אֱלֹהָיו׃ עֹשֶׂה ׀ שָׁמַיִם וָאָרֶץ אֶת־הַיָּם וְאֶת־כָּל־ 6
אֲשֶׁר־בָּם הַשֹּׁמֵר אֱמֶת לְעוֹלָם׃ עֹשֶׂה מִשְׁפָּט ׀ לָעֲשׁוּקִים 7
נֹתֵן לֶחֶם לָרְעֵבִים יְהוָה מַתִּיר אֲסוּרִים׃ יְהוָה ׀ פֹּקֵחַ 8
עִוְרִים יְהוָה זֹקֵף כְּפוּפִים יְהוָה אֹהֵב צַדִּיקִים׃ יְהוָה ׀ שֹׁמֵר 9
י אֶת־גֵּרִים יָתוֹם וְאַלְמָנָה יְעוֹדֵד וְדֶרֶךְ רְשָׁעִים יְעַוֵּת׃ יִמְלֹךְ
יְהוָה ׀ לְעוֹלָם אֱלֹהַיִךְ צִיּוֹן לְדֹר וָדֹר הַלְלוּיָהּ׃

## קמז PSAL. CXLVII. קמז

א הַלְלוּיָהּ ׀ כִּי־טוֹב זַמְּרָה אֱלֹהֵינוּ כִּי־נָעִים נָאוָה תְהִלָּה׃
בּוֹנֵה יְרוּשָׁלַםִ יְהוָה נִדְחֵי יִשְׂרָאֵל יְכַנֵּס׃ הָרֹפֵא לִשְׁבוּרֵי 2 3
לֵב וּמְחַבֵּשׁ לְעַצְּבוֹתָם׃ מוֹנֶה מִסְפָּר לַכּוֹכָבִים לְכֻלָּם 4
ה שֵׁמוֹת יִקְרָא׃ גָּדוֹל אֲדוֹנֵינוּ וְרַב־כֹּחַ לִתְבוּנָתוֹ אֵין מִסְפָּר׃
מְעוֹדֵד עֲנָוִים יְהוָה מַשְׁפִּיל רְשָׁעִים עֲדֵי־אָרֶץ׃ עֱנוּ לַיהוָה 6 7
בְּתוֹדָה זַמְּרוּ לֵאלֹהֵינוּ בְכִנּוֹר׃ הַמְכַסֶּה שָׁמַיִם ׀ בְּעָבִים 8
הַמֵּכִין לָאָרֶץ מָטָר הַמַּצְמִיחַ הָרִים חָצִיר׃ נוֹתֵן לִבְהֵמָה 9
י לַחְמָהּ לִבְנֵי עֹרֵב אֲשֶׁר יִקְרָאוּ׃ לֹא בִגְבוּרַת הַסּוּס יֶחְפָּץ
לֹא־בְשׁוֹקֵי הָאִישׁ יִרְצֶה׃ רוֹצֶה יְהוָה אֶת־יְרֵאָיו אֶת־ 11
הַמְיַחֲלִים לְחַסְדּוֹ׃ שַׁבְּחִי יְרוּשָׁלַםִ אֶת־יְהוָה הַלְלִי אֱלֹהַיִךְ 12
צִיּוֹן׃ כִּי־חִזַּק בְּרִיחֵי שְׁעָרָיִךְ בֵּרַךְ בָּנַיִךְ בְּקִרְבֵּךְ׃ הַשָּׂם־ 13 14
טו גְּבוּלֵךְ שָׁלוֹם חֵלֶב חִטִּים יַשְׂבִּיעֵךְ׃ הַשֹּׁלֵחַ אִמְרָתוֹ אָרֶץ
עַד־מְהֵרָה יָרוּץ דְּבָרוֹ׃ הַנֹּתֵן שֶׁלֶג כַּצָּמֶר כְּפוֹר כָּאֵפֶר 16
יְפַזֵּר׃ מַשְׁלִיךְ קַרְחוֹ כְפִתִּים לִפְנֵי קָרָתוֹ מִי יַעֲמֹד׃ יִשְׁלַח 17 18
דְּבָרוֹ וְיַמְסֵם יַשֵּׁב רוּחוֹ יִזְּלוּ־מָיִם׃ מַגִּיד דְּבָרָו לְיַעֲקֹב 19

חקיו

קמז v. 17. כ״א בפ״ח v. 19. דבריו קרי

## קאַפּיטעל קמו

1 לויבט גאָט ! לויב, מיין זעלע, דעם עוויגען !
2 איך וועל לויבען דעם עוויגען זאָלאַנג איך לעב, איך וועל זינגען פאַר מיין
3 גאָט זאָלאַנג איך עקזיסטיר. פערטרויט ניט אויף פירשטען, אויף
4 אַ מענשען וואָס איז ניט אימשטאַנד צו העלפען. עס געהט ארויס זיין
אָטהעם קעהרט ער זיך צוריק צו דער ערד, אין דעם זעלביגען טאָג זיינען
5 פאַרלאָרען אַלע פּלענער זיינע. וואויל איז דעם וואָס דער גאָט פון
6 יעקב איז זיין הילף, זיין האָפענונג איז צו זיין עוויגען גאָט, וועלכער
האָט געמאַכט הימעל, ערד און דעם ים מיט אַלעם וואָס אין זיי —
7 דער ריכטיגער בעוואַכער פון דער וועלט. ער שאַפט רעכט פאַר די אונ־
טערדריקטע, ער גיט ברויט די הונגעריגע — גאָט בינד אָב די געפאַנגענע.
8 גאָט עפענט אויגען די בלינדע, גאָט גלייכט אויס די איינגעבויגענע, גאָט
9 ליעבט די פרומע. גאָט היט אָב די פרעמדלינגע, ער ערמונטערט דעם
יתום אויך די אלמנה ; אָבער דעם וועג פון די פערברעכער פערקרימט ער.
10 גאָט וועט אייביג רעגיערען ; דיין גאָט, ציון, וועט רעגיערען אויף דורי־
דורות. לויבט גאָט !

## קאַפּיטעל קמז

1 לויבט גאָט ווי געהעריג, זינגט צו אונזער גאָט ! עס איז אַנגענעהם און
פּאַסענד צו ריהמען איהם.
2 גאָט, דער אויפבויער פון ירושלים, וועט צוזאַמענקלייבען די פאַנאַנדער־
געוואָרפענע פון ישראל.
3 דער וואָס היילט די צובראָכענע הערצער און פערבינדעט זייערע צו־
בראָכענע גליעדער.
4 ער צעהלט אויס דעם צאָהל פון די שטערען — ער רופט זיי אַלעמען מיט
נעמען.
5 גרויס איז אונזער הערר און גרויסמעכטיג, זיין פערשטאַנד איז ניט אויס־
צודערצעהלען.
6 גאָט גיט מוטה די דעמיטהיגע, אָבער די פערברעכער מאַכט ער ניעדעריג
ביז דער ערד.
7 זינגט פאַר גאָט מיט דאַנקבארקייט, שפּיעלט פאַר אונזער גאָט מיט פיעד־
לען.
8 ער פאַרדעקט דעם הימעל מיט וואָלקענס, ער גרייט צו רעגען פאַר דער
ערד, ער מאַכט וואַקסען גראָז אויף די בערג.
9 ער גיט יעדער טהיער זיין שפּייז, זאָגאר די יונגע ראבען וואָס בעטען עסען.
10 ער דארף ניט די פערדענקראַפט, ער פערלאַנגט ניט מענשליכע שנעליג־
קייט —
11 גאָט ליעבט די וואָס פירכטען איהם, די וואָס האָפען צו זיין גנאָדע.
12 ריהם, ירושלים, דעם עוויגען ! לויב דיין גאָט, ציון !
13 ווארום ער האָט שטאַרק געמאַכט די ריגלען פון דיינע טהויערען, ער האָט
געבענשט דיינע קינדער אין דיר.
14 ער האָט זיכער געמאַכט דיינע גרענעצען, מיט די בעסטע ווייץ מאַכט ער
דיר זאט.
15 ווען ער שיקט זיין ווארט צו דער ערד, לויפט זיין ווארט זעהר שנעל.
16 ער גיט וואָל־ווייסע שנעע, און שפּרייט אויס אַש־טונקעלען אייז.
17 ער ווארפט זיין קעלט ברעקלאַך־ווייז, און ווער קען אויסהאַלטען זיין
פראָסט ? !
18 ער שיקט זיין ווארט צושמעלצט ער זיי, זיין ווינד בלאָזט און זיי צורינען
ווי וואַסער.
19 ער זאָגט זיינע ווערטער צו יעקב, זיינע געזעצען און רעכטע צו ישראל.

כ חֻקָּיו וּמִשְׁפָּטָיו לְיִשְׂרָאֵל׃ לֹא עָשָׂה כֵן ׀ לְכָל־גּוֹי וּמִשְׁפָּטִים
בַּל־יְדָעוּם הַלְלוּיָהּ׃

## קמח Psal. CXLVIII. קמח

א הַלְלוּיָהּ ׀ הַלְלוּ אֶת־יְהוָה מִן־הַשָּׁמַיִם הַלְלוּהוּ בַּמְּרוֹמִים׃
2 3 הַלְלוּהוּ כָל־מַלְאָכָיו הַלְלוּהוּ כָּל־צְבָאָו׃ הַלְלוּהוּ שֶׁמֶשׁ
4 וְיָרֵחַ הַלְלוּהוּ כָּל־כּוֹכְבֵי אוֹר׃ הַלְלוּהוּ שְׁמֵי הַשָּׁמָיִם
ה וְהַמַּיִם אֲשֶׁר ׀ מֵעַל הַשָּׁמָיִם׃ יְהַלְלוּ אֶת־שֵׁם יְהוָה כִּי
6 הוּא צִוָּה וְנִבְרָאוּ׃ וַיַּעֲמִידֵם לָעַד לְעוֹלָם חָק־נָתַן וְלֹא
7 יַעֲבוֹר׃ הַלְלוּ אֶת־יְהוָה מִן־הָאָרֶץ תַּנִּינִים וְכָל־תְּהֹמוֹת׃
8 9 אֵשׁ וּבָרָד שֶׁלֶג וְקִיטוֹר רוּחַ סְעָרָה עֹשָׂה דְבָרוֹ׃ הֶהָרִים
י וְכָל־גְּבָעוֹת עֵץ פְּרִי וְכָל־אֲרָזִים׃ הַחַיָּה וְכָל־בְּהֵמָה
11 רֶמֶשׂ וְצִפּוֹר כָּנָף׃ מַלְכֵי־אֶרֶץ וְכָל־לְאֻמִּים שָׂרִים וְכָל־
12 שֹׁפְטֵי אָרֶץ׃ בַּחוּרִים וְגַם־בְּתוּלוֹת זְקֵנִים עִם־נְעָרִים׃
13 יְהַלְלוּ ׀ אֶת־שֵׁם יְהוָה כִּי־נִשְׂגָּב שְׁמוֹ לְבַדּוֹ הוֹדוֹ עַל־אֶרֶץ
14 וְשָׁמָיִם׃ וַיָּרֶם קֶרֶן ׀ לְעַמּוֹ תְּהִלָּה לְכָל־חֲסִידָיו לִבְנֵי
יִשְׂרָאֵל עַם קְרֹבוֹ הַלְלוּיָהּ׃

## קמט Psal. CXLIX. קמט

א הַלְלוּיָהּ ׀ שִׁירוּ לַיהוָה שִׁיר חָדָשׁ תְּהִלָּתוֹ בִּקְהַל חֲסִידִים׃
2 3 יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל בְּעֹשָׂיו בְּנֵי־צִיּוֹן יָגִילוּ בְמַלְכָּם׃ יְהַלְלוּ שְׁמוֹ
4 בְמָחוֹל בְּתֹף וְכִנּוֹר יְזַמְּרוּ־לוֹ׃ כִּי־רוֹצֶה יְהוָה בְּעַמּוֹ יְפָאֵר
ה עֲנָוִים בִּישׁוּעָה׃ יַעְלְזוּ חֲסִידִים בְּכָבוֹד יְרַנְּנוּ עַל־מִשְׁכְּבוֹתָם׃
6 7 רוֹמְמוֹת אֵל בִּגְרוֹנָם וְחֶרֶב פִּיפִיּוֹת בְּיָדָם׃ לַעֲשׂוֹת
8 נְקָמָה בַּגּוֹיִם תּוֹכֵחוֹת בַּלְאֻמִּים׃ לֶאְסֹר מַלְכֵיהֶם בְּזִקִּים
9 וְנִכְבְּדֵיהֶם בְּכַבְלֵי בַרְזֶל׃ לַעֲשׂוֹת בָּהֶם ׀ מִשְׁפָּט כָּתוּב
הָדָר הוּא לְכָל־חֲסִידָיו הַלְלוּיָהּ׃

## קנ Psal. CL. קנ

א 2 הַלְלוּיָהּ ׀ הַלְלוּ־אֵל בְּקָדְשׁוֹ הַלְלוּהוּ בִּרְקִיעַ עֻזּוֹ׃ הַלְלוּהוּ

בגבורתיו

קמ״ח v. 1. פתח באתנח v. 2. צבאו קרי

20 ער טהוט עס ניט צו קיין אנדער פאָלק, זיי ערקלעהרט ער ניט זיינע
רעכטע. לויבט גאָט !

## קאַפּיטעל קמח

1 לויבט גאָט ! לויבט דעם עוויגען פון הימעל, לויבט איהם אין יענע הויכ־
קייטען.
2 לויבט איהם אַלע זיינע מלאָכים ; לויבט איהם אַלע זיינע פלאַנעטען.
3 לויבט איהם, זונן און לבנה ; לויבט איהם, אַלע לייכטענדע שטערען.
4 לויבט איהם, אָבער־הימלען ; אויך דאָס וואַסער וואָס איז העכער פאר
די הימלען.
5 זאָלען זיי לויבען גאָט'ס נאָמען אַלע יענע וועלכע ער האָט בעפוילען און
זיי זיינען בעשאַפען געוואָרען,
6 און ער האָט זיי געלאָזען שטעהען אויף אייביג לאַנג — קוים האָט ער א
געזעץ געגעבען קען אַנדערש ניט זיין !
7 לויבט גאָט פון דער ערד : וואַלפישען פון די אָבגרונדען,
8 פייער, האָגעל, שנעע, דאַמפף און שטורעם־ווינד — וואָס זיין וואָרט
האָט געשאַפען —
9 בערג און בערגלאָך, אַלע פרוכט־בוימער און צעדערען ;
10 טהיערען און אַלערליי פיה, קריכענדע און אַלערליי פליהענדע פויגלען.
11 לאַנד־קעניגע פון אַלע נאַציאָנען, אַלע פירשטען און לאַנד־ריכטער.
12 אינגלאַך און מיידלאַך אַלטע און יונגע,
13 זאָלען לויבען גאָט'ס נאָמען, ווארום נאָר זיין נאָמען איז מעכטיג און
זיין מאַיעסטעט איז אויף דער ערד און אויפ'ן הימעל.
14 ער האָט ערהויבען דעם שטאָלץ פון זיין פאָלק, ער איז דער לויב־געזאַנג
פון אַלע זיינע אַנהענגער, פאַר די קינדער פון ישראל זיין נאָהענטע פאָלק.
לויבט גאָט !

## קאַפּיטעל קמט

1 לויבט גאָט ! זינגט פאר גאָט א נייען ליעד, זיין לויבליעד אין א פער־
זאַמלונג פון זיינע פרומע.
2 עס פרעהט זיך ישראל מיט זיין בעשעפער, די קינדער פון ציון זיינען
פרעהליך מיט זייער קעניג.
3 זיי לויבען זיין נאָמען טאַנצענדיג, אויף פויקען און פיידלען שפּיעלען
זיי פאר איהם.
4 ווען גאָט איז צופריעדען מיט זיין פאָלק בעפוצט ער די דעמיטהיגע מיט
הילף.
5 עס פרעהען זיך די פרומע מיט עהרע — זיי זינגען אויף זייערע גע־
לעגערס.
6 די ערהויבונג גאָט'ס איז אין זייער האַלז און א צוויי־שאַרפיגע שווערד
אין זייער האַנד,
7 אום דורכצופיהרען ראַכע אונטער די פעלקער און שטראָף אויף די נאַצ־
יאָנען.
8 צו בינדען אין קייטען זייערע קעניגע, זייערע געאַכטעטע אין אייזערנע
קייטען.
9 אום דורכצופיהרען אויף זיי דעם געשריעבענעם אורטהייל, דאָס פער־
שאַפט שטאָלץ זיינע פרומע. לויבט גאָט !

## קאַפּיטעל קנ

1 לויבט גאָט ! לויבט דעם אַלמעכטיגען אין זיין הייליגטהום ; לויבט
זיין מאַכט אין הימעל.
2 לויבט איהם מיט זיינע העלדענטהאַטען, לויבט איהם לויט זיין גרויסע
הערליכקייט.

3 בִּגְבוּרֹתָיו הַלְלוּהוּ כְּרֹב גֻּדְלוֹ׃ הַלְלוּהוּ בְּתֵקַע שׁוֹפָר
4 הַלְלוּהוּ בְּנֵבֶל וְכִנּוֹר׃ הַלְלוּהוּ בְתֹף וּמָחוֹל הַלְלוּהוּ
ה בְּמִנִּים וְעוּגָב׃ הַלְלוּהוּ בְצִלְצְלֵי־שָׁמַע הַלְלוּהוּ בְּצִלְצְלֵי
6 תְרוּעָה׃ כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ הַלְלוּיָהּ׃

# חזק

סכום פסוקי דספר תהלים אלפים וחמש מאות ועשרים ושבעה· וסימנו יי׳ אהבתי מעון ביתך ומקום משכן כבודך. וחציו ויפתוהו בפיהם. וסדריו תשעה עשר. וסימנו המשביע בטוב עדיך:

---

3 לויבט איהם מיט שופר־בלאָזען, לויבט איהם מיט האַרף און פיעדעל.
4 לויבט איהם מיט פויק און טאַנץ, לויבט איהם מיט אָרגלען און פלייטען.
5 לויבט איהם מיט קלינגענדע צימבלען, לויבט איהם מיט הילכיגע צימ־
בלען.
6 ווער עס האָט נאָר א לעבהאַפט ריהמט גאָט, לויבט גאָט !

חזק.

אלע פסוקים פון תהלים זיינען צוויי טויזענד פינף הונדערט זיעבען
און צוואַנציג. ער ענטהאַלט פינף ספרים און הונדערט מיט פופציג קאַפּיט־
לאַך. (ח. ש. נ.)

# מ ש ל י
# LIBER PROVERBIORUM.

## CAPUT I. א

א 2 מִשְׁלֵי שְׁלֹמֹה בֶן־דָּוִד מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל׃ לָדַעַת חָכְמָה
3 וּמוּסָר לְהָבִין אִמְרֵי בִינָה׃ לָקַחַת מוּסַר הַשְׂכֵּל צֶדֶק
4 וּמִשְׁפָּט וּמֵשָׁרִים׃ לָתֵת לִפְתָאיִם עָרְמָה לְנַעַר דַּעַת
ה וּמְזִמָּה׃ יִשְׁמַע חָכָם וְיוֹסֶף לֶקַח וְנָבוֹן תַּחְבֻּלוֹת יִקְנֶה׃
6 7 לְהָבִין מָשָׁל וּמְלִיצָה דִּבְרֵי חֲכָמִים וְחִידֹתָם׃ יִרְאַת יְהוָה
8 רֵאשִׁית דָּעַת חָכְמָה וּמוּסָר אֱוִילִים בָּזוּ׃ שְׁמַע בְּנִי
9 מוּסַר אָבִיךָ וְאַל־תִּטֹּשׁ תּוֹרַת אִמֶּךָ׃ כִּי ׀ לִוְיַת חֵן הֵם
י לְרֹאשֶׁךָ וַעֲנָקִים לְגַרְגְּרֹתֶךָ׃ בְּנִי אִם־יְפַתּוּךָ חַטָּאִים אַל־
11 תֹּבֵא׃ אִם־יֹאמְרוּ לְכָה אִתָּנוּ נֶאֶרְבָה לְדָם נִצְפְּנָה לְנָקִי
12 13 חִנָּם׃ נִבְלָעֵם כִּשְׁאוֹל חַיִּים וּתְמִימִים כְּיוֹרְדֵי בוֹר׃ כָּל־
14 הוֹן יָקָר נִמְצָא נְמַלֵּא בָתֵּינוּ שָׁלָל׃ גּוֹרָלְךָ תַּפִּיל בְּתוֹכֵנוּ
טו כִּיס אֶחָד יִהְיֶה לְכֻלָּנוּ׃ בְּנִי אַל־תֵּלֵךְ בְּדֶרֶךְ אִתָּם מְנַע
16 רַגְלְךָ מִנְּתִיבָתָם׃ כִּי רַגְלֵיהֶם לָרַע יָרוּצוּ וִימַהֲרוּ לִשְׁפָּךְ־
17 18 דָּם׃ כִּי־חִנָּם מְזֹרָה הָרָשֶׁת בְּעֵינֵי כָּל־בַּעַל כָּנָף׃ וְהֵם
19 לְדָמָם יֶאֱרֹבוּ יִצְפְּנוּ לְנַפְשֹׁתָם׃ כֵּן אָרְחוֹת כָּל־בֹּצֵעַ
כ בָּצַע אֶת־נֶפֶשׁ בְּעָלָיו יִקָּח׃ חָכְמוֹת בַּחוּץ תָּרֹנָּה בָּרְחֹבוֹת
21 תִּתֵּן קוֹלָהּ׃ בְּרֹאשׁ הֹמִיּוֹת תִּקְרָא בְּפִתְחֵי שְׁעָרִים בָּעִיר
22 אֲמָרֶיהָ תֹאמֵר׃ עַד־מָתַי ׀ פְּתָיִם תְּאֵהֲבוּ פֶתִי וְלֵצִים
23 לָצוֹן חָמְדוּ לָהֶם וּכְסִילִים יִשְׂנְאוּ־דָעַת׃ תָּשׁוּבוּ לְתוֹכַחְתִּי
24 הִנֵּה אַבִּיעָה לָכֶם רוּחִי אוֹדִיעָה דְבָרַי אֶתְכֶם׃ יַעַן

קראתי

v. 1. מ׳ רבתי   v. 4. בכ״א א׳ נדה   v. 17. בכ״א ו׳ מלא

# משלי

## קאַפּיטעל א

1 שפּריכווערטער פון שלמה, דוד׳ס זוהן, קעניג אין ישראל,
2 צו ערקענען קלוגהייט און זיטענלעהרע, צו פערשטעהן פערנינפטיגע רייד;
3 צו ערלערנען פערשטענדיג זיטענלעהרען, גערעכטיגקייט, רעכט און אויפריכטיגקייט.
4 צו פערשאַפען דעם לייכטגלויביגען איבערלייגונג, דעם אונפּראַקטישען — קענטניס און פאַרזיכטיגקייט.
5 וועט דאָס דער קלוגער הערען וועט ער מעהר ערלערנען, דער פערשטענ־דיגער — וועט ערוורבען מיטלען.
6 צו מאַכען פערשטעהן אַ שפּריכוואָרט אָדער אַ רעדע־בילד, ווערטלאך פון קלוגע און זייערע רעטעניסען.
7 גאָטעס פורכט איז דער אָנפאַנג פון ווייסענשאַפט, קלוגהייט און מאָראַל, נאָר נאַרען פעראַכטען דאָס.
8 הער, מיין זוהן, מאָראַל־לעהרע פון דיין פאָטער, אויך פערנאַכלעסיג ניט די לעהרע פון דיין מוטער;
9 ווארום זיי זיינען אַ פּראַכט־קראַנץ פאַר דיין קאָפּ און אַ פּראַכט־באַנד פאַר דיין האַלז.
10 מיין זוהן! אויב זינדיגע ווילען דיר איינרעדען, זאָלסטו זיי ניט פאָלגען.
11 אויב זיי ווילען זאָגען: „קום מיט אונז! מיר ווילען לויערן נאָך בלוט און נאכשפּירען אָהן געפאַהר דעם אונבעוואַפענטען,
12 מיר ווילען זיי שנעל איינשלינגען אַזוי ווי די העל, אין גאַנצען ווי די וואָס זינקען אין אַ גרוב;
13 דעם טהייערן פערמעגען ווילען מיר אין גאַנצען געפינען, אונזערע הייזער ווילען מיר מיט רויב אָנפילען,
14 דיין פערמעגען וואַרף אריין אין אונזערן, און זאָל איין בייטעל זיין פאַר אונז אַלעמען.״
15 געה ניט, מיין זוהן, אין זייער וועג, פערמייד דיינע פיס פון זייער שטעג!
16 ווארום זייערע פיס לויפען צו שלעכטעס, זיי איילען בלוט צו פערגיסען.
17 אַזוי ווי דאָס אויסגעשפּרייטע נעץ ווייזט אויס געפאַהרלאָז פאַר אַלע געפליגעלטע,
18 ווען זיי (די פאַנגער) לויערן נאָך זייער בלוט און קוקען אויס פאַר זייערע קערפּערס,
19 אַזוי איז אויך די אויפפיהרונג פון יעדערן וואָס גאַרט נאָך רויב — עס נעהמט איהם זעלבסט דאָס לעבען אַוועק:
20 די קלוגהייט שרייט אין גאַס, אין די ברייטע גאַסען רעדט זי הויך,
21 אין דער הויך רופט זי אין די רוישענדע מערק, אין די איינגאַנגס־טהויערן פון שטאָדט רעדט זי איהרע ווערטער:
22 „ווי לאַנג נאָך, לייכטגלויביגע, וועט איהר ליעבען לייכטזין? און איהר, לצים, וועט לוסט האָבען צו שפּאָטען און נאַרען ווילען האַסען וויסענשאַפט?!
23 בעקעהרט זיך צו מיין איבערצייגונג, איך ערקלעהר דאָך אייך מיין פערלאַנג און מאַך אייך דייטליך מיינע ווערטער.״
24 דערפאַר וואָס ווען איך האָב גערופען האָט איהר ניט געוואָלט, איך האָב מיין האַנד אויסגעצויגען און ניעמאַנד האָט דאָס געאַכטעט,

קָרָאתִי וַתְּמָאֵנוּ נָטִיתִי יָדִי וְאֵין מַקְשִׁיב׃ וַתִּפְרְעוּ כָל־עֲצָתִי כה
וְתוֹכַחְתִּי לֹא אֲבִיתֶם׃ גַּם־אֲנִי בְּאֵידְכֶם אֶשְׂחָק אֶלְעַג 26
בְּבֹא פַחְדְּכֶם׃ בְּבֹא כְשַׁאֲוָה ׀ פַּחְדְּכֶם וְאֵידְכֶם כְּסוּפָה 27
יֶאֱתֶה בְּבֹא עֲלֵיכֶם צָרָה וְצוּקָה׃ אָז יִקְרָאֻנְנִי וְלֹא אֶעֱנֶה 28
יְשַׁחֲרֻנְנִי וְלֹא יִמְצָאֻנְנִי׃ תַּחַת כִּי־שָׂנְאוּ דָעַת וְיִרְאַת יְהוָה 29
לֹא בָחָרוּ׃ לֹא־אָבוּ לַעֲצָתִי נָאֲצוּ כָּל־תּוֹכַחְתִּי׃ וְיֹאכְלוּ ל 31
מִפְּרִי דַרְכָּם וּמִמֹּעֲצֹתֵיהֶם יִשְׂבָּעוּ׃ כִּי מְשׁוּבַת פְּתָיִם 32
תַּהַרְגֵם וְשַׁלְוַת כְּסִילִים תְּאַבְּדֵם׃ וְשֹׁמֵעַ לִי יִשְׁכָּן־בֶּטַח 33
וְשַׁאֲנַן מִפַּחַד רָעָה׃

## ב CAP. II. ב

בְּנִי אִם־תִּקַּח אֲמָרָי וּמִצְוֹתַי תִּצְפֹּן אִתָּךְ׃ לְהַקְשִׁיב א 2
לַחָכְמָה אָזְנֶךָ תַּטֶּה לִבְּךָ לַתְּבוּנָה׃ כִּי אִם לַבִּינָה תִקְרָא 3
לַתְּבוּנָה תִּתֵּן קוֹלֶךָ׃ אִם־תְּבַקְשֶׁנָּה כַכָּסֶף וְכַמַּטְמוֹנִים 4
תַּחְפְּשֶׂנָּה׃ אָז תָּבִין יִרְאַת יְהוָה וְדַעַת אֱלֹהִים תִּמְצָא׃ ה
כִּי־יְהוָה יִתֵּן חָכְמָה מִפִּיו דַּעַת וּתְבוּנָה׃ וְצָפַן לַיְשָׁרִים 6 7
תּוּשִׁיָּה מָגֵן לְהֹלְכֵי תֹם׃ לִנְצֹר אָרְחוֹת מִשְׁפָּט וְדֶרֶךְ 8
חֲסִידָו יִשְׁמֹר׃ אָז תָּבִין צֶדֶק וּמִשְׁפָּט וּמֵישָׁרִים כָּל־ 9
מַעְגַּל־טוֹב׃ כִּי־תָבוֹא חָכְמָה בְלִבֶּךָ וְדַעַת לְנַפְשְׁךָ יִנְעָם׃ י
מְזִמָּה תִּשְׁמֹר עָלֶיךָ תְּבוּנָה תִנְצְרֶכָּה׃ לְהַצִּילְךָ מִדֶּרֶךְ 11 12
רָע מֵאִישׁ מְדַבֵּר תַּהְפֻּכוֹת׃ הַעֹזְבִים אָרְחוֹת יֹשֶׁר לָלֶכֶת 13
בְּדַרְכֵי־חֹשֶׁךְ׃ הַשְּׂמֵחִים לַעֲשׂוֹת רָע יָגִילוּ בְּתַהְפֻּכוֹת 14
רָע׃ אֲשֶׁר אָרְחֹתֵיהֶם עִקְּשִׁים וּנְלוֹזִים בְּמַעְגְּלוֹתָם׃ טו
לְהַצִּילְךָ מֵאִשָּׁה זָרָה מִנָּכְרִיָּה אֲמָרֶיהָ הֶחֱלִיקָה׃ הַעֹזֶבֶת 16 17
אַלּוּף נְעוּרֶיהָ וְאֶת־בְּרִית אֱלֹהֶיהָ שָׁכֵחָה׃ כִּי שָׁחָה אֶל־ 18
מָוֶת בֵּיתָהּ וְאֶל־רְפָאִים מַעְגְּלֹתֶיהָ׃ כָּל־בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן 19
וְלֹא יַשִּׂיגוּ אָרְחוֹת חַיִּים׃ לְמַעַן תֵּלֵךְ בְּדֶרֶךְ טוֹבִים כ
וְאָרְחוֹת צַדִּיקִים תִּשְׁמֹר׃ כִּי־יְשָׁרִים יִשְׁכְּנוּ־אָרֶץ 21

ותמימים

א v. 27. כשואה קרי   ב v. 7. יצפן קרי   v. 8. חסידיו קרי

25 איהר האָט אין גאַנצען פערוואָרפען מיין ראַטה און ניט געוואָלט (הערען)
26 מיין איבערצייגונג — וועל איך אויך ביי אייער אונגליק לאַכען, און
27 שפּאָטען ווען אייער שרעק וועט קומען, ווען אייער שרעק וועט קו־
מען אונערוואַרטעט ווי פינסטערניס, און אייער אונגליק ווי אַן אָנקו־
מענדער שטורם ; ווען עס וועלען אויף אייך קומען ליידען און נויט.
28 דאַן וועלען זיי מיר רופען, אָבער איך וועל ניט ענטפערן ; זיי וועלען
29 מיר זוכען אָבער ניט געפינען. ווייל זיי האָבען געהאַסט וויסענשאַפט
30 און ניט אנערקענט גאָט'ס פורכט, ווייל זיי האָבען ניט אָנגענומען
31 מיין ראַטה און פעראַכטעט מיין איבערצייגונג. זאָלען זיי יעצט עסען
די פרוכט פון זייער אויפפיהרונג און זעטיגען זיך פון זייערע בעראַ־
32 טהונגען. די אונגעהאָרכזאַמקייט פון די לייכטגלויביגע הרג'עט
זיי אַוועק, און די זאָרגלאָזיגקייט פון די נאַרען ברייגנט זיי אונטער.
33 דער אָבער וואָס הערט מיך קען זיכער רוהען און זאָרגלאָז זיין פון בייזען
שרעק.

## קאַפּיטעל ב

1 מיין זוהן ! אויב דו וועסט אָננעהמען מיינע ווערטער, און מיינע גע־
2 באָט האַלטען ביי זיך, וועט דיין אויער האָרכען קלוגהייט און דיין
3 הארץ וועסטו נייגען צו פערשטאַנד. ווארום ווען דו וועסט דעם
פערשטאַנד רופען און איבערגעבען דיין שטימע צו פערנונפט,
4 אויב דו וועסט איהר זוכען ווי זילבער און שטרעבען נאָך איהר ווי נאָך
5 בעהאַלטענע קאָסטבאַרקייטען ; דאַן וועסטו פערשטעהן גאָט'ס
6 פורכט און געפינען געטליכע אנערקענונג . ווארום נאָר דער עוויגער
גיט קלוגהייט, פון זיין מויל איז וויסענשאַפט און פערשטאַנד.
7 ער בעהאַלט פאַר רעכטפאַרטיגע וויכטיגעס, אַ שילד פאַר די וואָס זייער
8 אויפפיהרונג איז אונשולדיג. צו בעוואַכען די שטעגען פון גערעכ־
9 טען און אבהיטען די וועגען פון די פרומע, דאַן וועסטו פערשטעהן
רעכט און גערעכטיגקייט, אויך גלייכהייט פון יעדען גוטען וועג.
10 קוים וועט די קלוגהייט אריין אין דיין הארצען, וועט די וויסענשאַפט
אנגענעהם זיין צו דיין זעעלע.
11 איבערלעגונג וועט דיך בעוואַכען, פערנונפט וועט דיך בעשיצען,
12 צו רעטען דיר פונ'ם שלעכטען וועג, פון אַ מענשען וואָס רעדט פער־
דאָרבענהייט ;
13 פון די וואָס פערלאָזען די גלייכע וועגען אום צו געהען אין פינסטערע
וועגען.
14 פון די וואָס פרעהען זיך צו טהאָן שלעכטס און זיינען צופריעדען מיט
פערדאָרבענהייט און שלעכטס.
15 וועמעס וועגען עס זיינען קרומע און נאָר פערברעכער [געהן] אין זייערע
וועגען.
16 אויך צו רעטען דיך פון דער פערברעכערישער פרוי, פון דער פרעמדער
וואָס מאַכט גלאַט איהרע רייד ;
17 די וועלכע פערלאָזט איהר יוגענד פריינד און פערגעסט איהר גאָט'ס בונד.
18 ווארום איהר הויז איז איינגעבויגען צום טוידט, און צום שאטען (פון
העל) פיהרען איהרע שטעגען.
19 אַלע די וואָס קומען צו איהר געהן ניט צוריק, זיי קענען מעהר ניט גריי־
כען די לעבענס וועגען.
20 דארום געה אינ'ם וועג פון די גוטע און היט אָב די וועגען פון די גערעכטע.
21 ווארום נאָר די רעכטפאַרטיגע בעוואוינען דאָס לאַנד, און נור די
אונשולדיגע פערבלייבען אין איהר ;

22 וּתְמִימִים יִוָּתְרוּ בָהּ׃ וּרְשָׁעִים מֵאֶרֶץ יִכָּרֵתוּ וּבוֹגְדִים
יִסְּחוּ מִמֶּנָּה׃

## CAP. III. ג

2 א בְּנִי תּוֹרָתִי אַל־תִּשְׁכָּח וּמִצְוֹתַי יִצֹּר לִבֶּךָ׃ כִּי אֹרֶךְ יָמִים
3 וּשְׁנוֹת חַיִּים וְשָׁלוֹם יוֹסִיפוּ לָךְ׃ חֶסֶד וֶאֱמֶת אַל־יַעַזְבֻךָ
4 קָשְׁרֵם עַל־גַּרְגְּרוֹתֶיךָ כָּתְבֵם עַל־לוּחַ לִבֶּךָ׃ וּמְצָא־חֵן
ה וְשֵׂכֶל טוֹב בְּעֵינֵי אֱלֹהִים וְאָדָם׃ בְּטַח אֶל־יְהוָה בְּכָל־
6 לִבֶּךָ וְאֶל־בִּינָתְךָ אַל־תִּשָּׁעֵן׃ בְּכָל־דְּרָכֶיךָ דָעֵהוּ וְהוּא
7 יְיַשֵּׁר אֹרְחֹתֶיךָ׃ אַל־תְּהִי חָכָם בְּעֵינֶיךָ יְרָא אֶת־יְהוָה
8 9 וְסוּר מֵרָע׃ רִפְאוּת תְּהִי לְשָׁרֶּךָ וְשִׁקּוּי לְעַצְמוֹתֶיךָ׃ כַּבֵּד
י אֶת־יְהוָה מֵהוֹנֶךָ וּמֵרֵאשִׁית כָּל־תְּבוּאָתֶךָ׃ וְיִמָּלְאוּ אֲסָמֶיךָ
11 שָׂבָע וְתִירוֹשׁ יְקָבֶיךָ יִפְרֹצוּ׃ מוּסַר יְהוָה בְּנִי אַל־תִּמְאָס
12 וְאַל־תָּקֹץ בְּתוֹכַחְתּוֹ׃ כִּי אֶת אֲשֶׁר־יֶאֱהַב יְהוָה יוֹכִיחַ
13 וּכְאָב אֶת־בֵּן יִרְצֶה׃ אַשְׁרֵי אָדָם מָצָא חָכְמָה וְאָדָם
14 יָפִיק תְּבוּנָה׃ כִּי טוֹב סַחְרָהּ מִסְּחַר־כָּסֶף וּמֵחָרוּץ
טו תְּבוּאָתָהּ׃ יְקָרָה הִיא מִפְּנִיִּים וְכָל־חֲפָצֶיךָ לֹא יִשְׁווּ־בָהּ׃
16 17 אֹרֶךְ יָמִים בִּימִינָהּ בִּשְׂמֹאולָהּ עֹשֶׁר וְכָבוֹד׃ דְּרָכֶיהָ
18 דַרְכֵי־נֹעַם וְכָל־נְתִיבוֹתֶיהָ שָׁלוֹם׃ עֵץ־חַיִּים הִיא לַמַּחֲזִיקִים
19 בָּהּ וְתֹמְכֶיהָ מְאֻשָּׁר׃ יְהוָה בְּחָכְמָה יָסַד אָרֶץ כּוֹנֵן
כ שָׁמַיִם בִּתְבוּנָה׃ בְּדַעְתּוֹ תְּהוֹמוֹת נִבְקָעוּ וּשְׁחָקִים יִרְעֲפוּ
21 22 טָל׃ בְּנִי אַל־יָלֻזוּ מֵעֵינֶיךָ נְצֹר תֻּשִׁיָּה וּמְזִמָּה׃ וְיִהְיוּ
23 חַיִּים לְנַפְשֶׁךָ וְחֵן לְגַרְגְּרֹתֶיךָ׃ אָז תֵּלֵךְ לָבֶטַח דַּרְכֶּךָ
24 וְרַגְלְךָ לֹא תִגּוֹף׃ אִם־תִּשְׁכַּב לֹא תִפְחָד וְשָׁכַבְתָּ וְעָרְבָה
כה שְׁנָתֶךָ׃ אַל־תִּירָא מִפַּחַד פִּתְאֹם וּמִשֹּׁאַת רְשָׁעִים כִּי
26 27 תָבֹא׃ כִּי־יְהוָה יִהְיֶה בְכִסְלֶךָ וְשָׁמַר רַגְלְךָ מִלָּכֶד׃ אַל־
28 תִּמְנַע־טוֹב מִבְּעָלָיו בִּהְיוֹת לְאֵל יָדֶיךָ לַעֲשׂוֹת׃ אַל־תֹּאמַר
29 לְרֵעֶיךָ ׀ לֵךְ וָשׁוּב וּמָחָר אֶתֵּן וְיֵשׁ אִתָּךְ׃ אַל־תַּחֲרֹשׁ עַל־

רעך

ג׳ v. 8. הר׳ בדגש    v. 12. סגול בלי מקף    v. 15. מפנינים ק׳
v. 27. ידך קרי    v. 28. לרעך קרי

22 אָבער די פערברעכער ווערען פערטיליגט פון דער ערד, און די טרייל‌אָזע
ווערען אוועקגעריסען פון איהר.

## קאַפּיטעל ג

1 מיין זוהן! פערגעס ניט מיין לעהרע, און מיינע בעפעהלען זאָל דיין
האַרץ היטען,
2 ווארום צו לאַנגע יאָהרען לעבען וועלען זיי דיר נאָך צוגעבען פריעדען.
3 אום טוגענד און וואַהרהייט זאָלען דיך ניט פערלאָזען, בינד זיי אָן ארום
דיין האַלז און פערשרייב זיי אויף דיין האַרצענס־טאָפעל.
4 דאַן געפינסטו גונסט ביי גאָט און גוטע אנערקענונג ביי מענשען.
5 פערטרוי זיך אויף גאָט מיט דיין גאַנצען האַרצען, שטיץ זיך אָבער ניט
6 אויף דיין אייגענעם פערשטאַנד. אין אַלע דיינע וועגען דענק
7 וועגען איהם, ער וועט שוין גלייך מאַכען דיינע שטעגען. האַלט זיך
ניט פאַר קלוג, האָב פורכט פאַר גאָט דאַן וועסטו אויסמיידען פון
8 שלעכטס. דאָס וועט אַ היילונג זיין צו דיין קערפּער און אַ קוויי־
9 קונגס־געטראַנק צו דיינע גליעדער. פערעהר גאָט מעהר אַלס דיין
10 פערמעגען און אַלע העכסטע איינקינפטע דיינע, וועלען דיינע
שפּייכלערס פול זיין מיט שפּייז, און דיינע קעלטערס וועלען רייך זיין
11 מיט וויינען. פעראַכטע ניט, מיין זוהן, גאָט'ס פאָרוואורף און
12 פערהאַס ניט זיין שטראָף. ווארום גאָט שטראָפט נאָר דעם וועמען
13 ער ליעבט, אַזוי ווי אַ פאָטער שטראָפט זיין קינד. גליקליך איז דער
מענש וואָס ערווערבט קלוגהייט, אויך דער וואָס בעקומט פערשטאַנד.
14 ווארום דאָס איינצוהאַנדלען איז בעסער אַלס איינהאַנדלען זילבער, און
די איינקינפטע איהרע זיינען מעהר אַלס פון גוטען גאָלד.
15 זי איז טהייערער אַלס פּערל, אַלע דיינע קאָסטבאַרקייטען האָבען
16 קיין פערגלייך מיט איהר. לאַנגעס לעבען איז אין איהר רעכטע
האַנד, רייכטהום און עהרע אין איהר לינקע האַנד.
17 איהרע וועגען זיינען אַנגענעהמע, און אויף אַלע שטעגען איהרע איז פריעדען.
18 זי איז אַ לעבענסבוים פאַר די וואָס האַלטען זיך אָן איהר, די וואָס
שטיצען זיך אויף איהר זיינען גליקליך.
19 מיט קלוגהייט האָט גאָט די ערד געגרינדעט, און מיט פערנונפט פעסט־
געשטעלט דעם הימעל.
20 מיט זיין פערשטאַנד זיינען די טיעפעניסען דורכגעבראָכען געוואָרען, און
די הימלען טריפען טהוי.
21 מיין זוהן! זאָלען זיי ניט ערווייטערט זיין פון דיינע אויגען, זיי
אויפמערקזאַם צו אַלעם וויכטיגעס און איבערלעגט:
22 דאָס וועט צוגעבען לעבען דיין גייסט און צוציהונגסקראַפט דיין קערפּער.
23 דאַן וועסטו זיכער געהן דיין וועג, און דיין פוס וועט זיך ניט אנשטויסען.
24 ווען דו וועסט זיך לעגען וועסטו זיך ניט שרעקען, און ווען דו וועסט
איינשלאָפען וועט דיין שלאָף אָנגענעהם זיין.
25 דו וועסט זיך ניט פירכטען פאַר אַן אונערוואַרטעטען שרעק, אָדער פאַר
אַן אונגליק וואָס קומט אויף די פערברעכער;
26 ווארום גאָט וועט דיין שטיצע זיין און וועט היטען דיינע פיס פון'ם נעץ.
27 זאָלסט ניט צוריקציהען וואָהלטהאָט פון דעם וועמען עס געהערט, וויל
דו האָסט די מעגליכקייט דאָס צו טהאָן.
28 זאָג ניט צו דיין פריינד: „יעצט געה, און קום מאָרגען וועל איך
[דיר] געבען, אויב דו האָסט היינט.
29 טראַכט אויף דייי פריינד קיין שלעכטעס ווען ער וואוינט מיט דיר
אַנפערטרויט.

רֵעֲךָ רָעָה וְהוּא־יוֹשֵׁב לָבֶטַח אִתָּךְ׃ אַל־תָּרוֹב עִם־אָדָם ל
חִנָּם אִם־לֹא גְמָלְךָ רָעָה׃ אַל־תְּקַנֵּא בְּאִישׁ חָמָס וְאַל־ 31
תִּבְחַר בְּכָל־דְּרָכָיו׃ כִּי תוֹעֲבַת יְהוָה נָלוֹז וְאֶת־יְשָׁרִים 32
סוֹדוֹ׃ מְאֵרַת יְהוָה בְּבֵית רָשָׁע וּנְוֵה צַדִּיקִים יְבָרֵךְ׃ 33
אִם־לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ וְלַעֲנִיִּים יִתֶּן־חֵן׃ כָּבוֹד חֲכָמִים 34 לה
יִנְחָלוּ וּכְסִילִים מֵרִים קָלוֹן׃

## Cap. IV. ד

ד

שִׁמְעוּ בָנִים מוּסַר אָב וְהַקְשִׁיבוּ לָדַעַת בִּינָה׃ כִּי לֶקַח א 2
טוֹב נָתַתִּי לָכֶם תּוֹרָתִי אַל־תַּעֲזֹבוּ׃ כִּי־בֵן הָיִיתִי לְאָבִי 3
רַךְ וְיָחִיד לִפְנֵי אִמִּי׃ וַיֹּרֵנִי וַיֹּאמֶר לִי יִתְמָךְ־דְּבָרַי לִבֶּךָ 4
שְׁמֹר מִצְוֹתַי וֶחְיֵה׃ קְנֵה חָכְמָה קְנֵה בִינָה אַל־תִּשְׁכַּח ה
וְאַל־תֵּט מֵאִמְרֵי־פִי׃ אַל־תַּעַזְבֶהָ וְתִשְׁמְרֶךָּ אֱהָבֶהָ 6
וְתִצְּרֶךָּ׃ רֵאשִׁית חָכְמָה קְנֵה חָכְמָה וּבְכָל־קִנְיָנְךָ קְנֵה 7
בִינָה׃ סַלְסְלֶהָ וּתְרוֹמְמֶךָּ תְּכַבֵּדְךָ כִּי תְחַבְּקֶנָּה׃ תִּתֵּן 8 9
לְרֹאשְׁךָ לִוְיַת־חֵן עֲטֶרֶת תִּפְאֶרֶת תְּמַגְּנֶךָּ׃ שְׁמַע בְּנִי וְקַח י
אֲמָרָי וְיִרְבּוּ לְךָ שְׁנוֹת חַיִּים׃ בְּדֶרֶךְ חָכְמָה הֹרֵתִיךָ 11
הִדְרַכְתִּיךָ בְּמַעְגְּלֵי־יֹשֶׁר׃ בְּלֶכְתְּךָ לֹא־יֵצַר צַעֲדֶךָ וְאִם־ 12
תָּרוּץ לֹא תִכָּשֵׁל׃ הַחֲזֵק בַּמּוּסָר אַל־תֶּרֶף נִצְּרֶהָ כִּי־הִיא 13
חַיֶּיךָ׃ בְּאֹרַח רְשָׁעִים אַל־תָּבֹא וְאַל־תְּאַשֵּׁר בְּדֶרֶךְ רָעִים׃ 14
פְּרָעֵהוּ אַל־תַּעֲבָר־בּוֹ שְׂטֵה מֵעָלָיו וַעֲבוֹר׃ כִּי לֹא יִשְׁנוּ טו 16
אִם־לֹא יָרֵעוּ וְנִגְזְלָה שְׁנָתָם אִם־לֹא יַכְשׁוֹלוּ׃ כִּי לָחֲמוּ 17
לֶחֶם רֶשַׁע וְיֵין חֲמָסִים יִשְׁתּוּ׃ וְאֹרַח צַדִּיקִים כְּאוֹר נֹגַהּ 18
הוֹלֵךְ וָאוֹר עַד־נְכוֹן הַיּוֹם׃ דֶּרֶךְ רְשָׁעִים כָּאֲפֵלָה לֹא יָדְעוּ 19
בַּמֶּה יִכָּשֵׁלוּ׃ בְּנִי לִדְבָרַי הַקְשִׁיבָה לַאֲמָרַי הַט־אָזְנֶךָ׃ כ
אַל־יַלִּיזוּ מֵעֵינֶיךָ שָׁמְרֵם בְּתוֹךְ לְבָבֶךָ׃ כִּי־חַיִּים הֵם 21 22
לְמֹצְאֵיהֶם וּלְכָל־בְּשָׂרוֹ מַרְפֵּא׃ מִכָּל־מִשְׁמָר נְצֹר לִבֶּךָ 23
כִּי מִמֶּנּוּ תּוֹצְאוֹת חַיִּים׃ הָסֵר מִמְּךָ עִקְּשׁוּת פֶּה וּלְזוּת 24

שפתים

ג׳ v. 30. תריב קרי v. 32. ולענוים קרי ד׳ v. 9. כ״א לְרֹאשֶׁךָ v. 16. בב״א יָשֵׁנוּ ibid. כשילו קרי

30 קריעג זיך מיט קיינעם ניט אָהן אַן אורזאַכע, אויב ער האָט דיר קיין בייז
31 געטהאָן. זיי ניט מקנא דעם געוואַלטטהעטיגען און זאָלען דיר ניט
32 געפעהלען אַלע וועגען זיינע. ווארום דער פערברעכער איז פערהאַסט
33 פון גאָט, אָבער די רעכטפאַרטיגע זיינען זיינע אנגעטרויטע. גאָט'ס
פלוך איז אינ'ם הויז פון פערברעכער, אָבער די וואוינונגען פון די פרומע
34 בענשט ער. אַז ער מאַכט די שפּאָטער צו שפּאָט, וועט ער די דעמי־
35 טהיגע געווים בעשענקען מיט אנגענעהמקייט. עהרע ווערט געגעבען
צו קלוגע, די נאַרען אָבער שענקט יעדערער שאַנדע.

## קאַפּיטעל ד

1 הערט אויס, קינדער, די מאָראַל־לעהרע פון פאַטער, און זייט אויפ־
2 מערקזאַם אום צו ערקענען פערשטאַנד. איך גיב אייך אַ גוטע
3 לעהרע, פערלאָזט ניט מיין אונטעררירכט. איך זעלבסט בין אַ קינד
ביי מיין פאַטער, פערצערטעלט אַלס אַ איינ־איינציגער ביי מיין מוטער ;
4 האָט ער מיר בעלעהרט און געזאָגט : „זאָל דיין הארץ האַלטען מיינע
5 ווערטער, היט אָב מיינע בעפעהלען און לעב ! ערווערב קלוגהייט, ער־
ווערב פערשטאַנד ; פערגעס ניט און טרעט ניט אָב פון מיינע רייד.
6 פערלאָז דו איהר ניט וועט זי דיך אויך היטען, ליעב איהר וועט זי דיך
7 שיצען. דער אנפאַנג פון קלוגהייט איז ערווערבען קלוגהייט, פאַר
8 דיין גאַנצען פערמעגען קויף פערשטאַנד. וועסטו איהר שעצען וועט
זי דיך הויך שטעלען, זי וועט דיר עהרע געבען אויב דו וועסט איהר אומ־
9 אַרמען. זי וועט דיר געבען אַ שעהנעם קאָפּ־קראַנץ, אַ פּראַכטפאָלע
10 קרוין וועט זי דיר אומזיסט געבען. הער, מיין זוהן, און נעהם אָן
11 מיינע רייד, זיי וועלען דיר פערמעהרען די לעבענס־יאָהרען. איך ווייז
דיר אָן אויף דעם קלוגען וועג, איך לאָז דיר געהן אויף גלייכע שטעגען.
12 וועסטו געהן וועט דיין טריט ניט ענג זיין, און אויב דו וועסט לויפען
וועסטו אויך ניט געשטרויכעלט ווערען.
13 האַלט פעסט די מאָראַל־לעהרע, לאָז עס ניט אָב ; היט עס ווארום דאָס
איז דיין לעבען.
14 געה ניט אויפ'ן וועג פון פערברעכער און בעטרעט ניט דעם וועג פון
שלעכטע ;
15 מייד איהם אויס ! געה ניט אויף איהם ! קעהר זיך אָב פון איהם
און געה אַוועק.
16 ווארום זיי שלאָפען ניט אויב זיי טהוען קיין שלעכטס, זיי זיינען שלאָפ־
לאָז אויב זיי מאַכען קיינעם קיין שטרויכלונג.
17 זיי עסען פערברעכערישעס ברויט און טרינקען דורך געוואַלטטהאַט ער־
וואָרבענעם וויין.
18 אָבער דער וועג פון פרומע איז ווי אַ העלער שיין, ער ווערט אַלץ ליכטיגער
ביז עס קומט דער טאָג.
19 דער וועג פון די פערברעכערס איז ווי אין פינסטערניס — זיי ווייסען ניט
אַן וואָס זיי ווערען געשטרויכעלט.
20 מיין זוהן ! האָרך מיינע רייד, בייג דיין אויער צו מיינע ווערטער ;
21 אום זיי זאָלען ניט אַוועק פון דיינע אויגען, היט זיי אין דיין הארצען.
22 ווארום זיי זיינען לעבען פאַר די וואָס געפינען זיי, אַ היילונג פאַר זיין
גאַנצען קערפּער.
23 מעהר פאַר אַלץ וואָס דו בעוואַכסט היט דיין האַרץ, ווארום פון איהם
איז די קוועלע פון לעבען.
24 נעהם אַראָב פון זיך די נאַכקרימונג פון מיילער און ערווייטער פון זיך
די ליפּען־קרימונג.

כה שְׂפָתַיִם הַרְחֵק מִמֶּךָּ׃ עֵינֶיךָ לְנֹכַח יַבִּיטוּ וְעַפְעַפֶּיךָ יַיְשִׁרוּ
26 27 נֶגְדֶּךָ׃ פַּלֵּס מַעְגַּל רַגְלֶךָ וְכָל־דְּרָכֶיךָ יִכֹּנוּ׃ אַל־תֵּט יָמִין
וּשְׂמֹאול הָסֵר רַגְלְךָ מֵרָע׃

## ה Cap. V. ה

2 א בְּנִי לְחָכְמָתִי הַקְשִׁיבָה לִתְבוּנָתִי הַט־אָזְנֶךָ׃ לִשְׁמֹר
3 מְזִמּוֹת וְדַעַת שְׂפָתֶיךָ יִנְצֹרוּ׃ כִּי נֹפֶת תִּטֹּפְנָה שִׂפְתֵי
4 זָרָה וְחָלָק מִשֶּׁמֶן חִכָּהּ׃ וְאַחֲרִיתָהּ מָרָה כַלַּעֲנָה חַדָּה
ה כְּחֶרֶב פִּיּוֹת׃ רַגְלֶיהָ יֹרְדוֹת מָוֶת שְׁאוֹל צְעָדֶיהָ יִתְמֹכוּ׃
6 אֹרַח חַיִּים פֶּן־תְּפַלֵּס נָעוּ מַעְגְּלֹתֶיהָ לֹא תֵדָע׃
7 8 וְעַתָּה בָנִים שִׁמְעוּ־לִי וְאַל־תָּסוּרוּ מֵאִמְרֵי־פִי׃ הַרְחֵק
9 מֵעָלֶיהָ דַרְכֶּךָ וְאַל־תִּקְרַב אֶל־פֶּתַח בֵּיתָהּ׃ פֶּן־תִּתֵּן
י לַאֲחֵרִים הוֹדֶךָ וּשְׁנֹתֶיךָ לְאַכְזָרִי׃ פֶּן־יִשְׂבְּעוּ זָרִים כֹּחֶךָ
11 וַעֲצָבֶיךָ בְּבֵית נָכְרִי׃ וְנָהַמְתָּ בְאַחֲרִיתֶךָ בִּכְלוֹת בְּשָׂרְךָ
12 וּשְׁאֵרֶךָ׃ וְאָמַרְתָּ אֵיךְ שָׂנֵאתִי מוּסָר וְתוֹכַחַת נָאַץ לִבִּי׃
13 וְלֹא־שָׁמַעְתִּי בְּקוֹל מוֹרָי וְלִמְלַמְּדַי לֹא־הִטִּיתִי אָזְנִי׃
14 טו כִּמְעַט הָיִיתִי בְכָל־רָע בְּתוֹךְ קָהָל וְעֵדָה׃ שְׁתֵה־מַיִם
16 מִבּוֹרֶךָ וְנֹזְלִים מִתּוֹךְ בְּאֵרֶךָ׃ יָפוּצוּ מַעְיְנֹתֶיךָ חוּצָה
17 בָּרְחֹבוֹת פַּלְגֵי־מָיִם׃ יִהְיוּ־לְךָ לְבַדֶּךָ וְאֵין לְזָרִים אִתָּךְ׃
18 19 יְהִי־מְקוֹרְךָ בָרוּךְ וּשְׂמַח מֵאֵשֶׁת נְעוּרֶךָ׃ אַיֶּלֶת אֲהָבִים
וְיַעֲלַת־חֵן דַּדֶּיהָ יְרַוֻּךָ בְכָל־עֵת בְּאַהֲבָתָהּ תִּשְׁגֶּה תָמִיד׃
כ 21 וְלָמָּה תִשְׁגֶּה בְנִי בְזָרָה וּתְחַבֵּק חֵק נָכְרִיָּה׃ כִּי נֹכַח ׀
22 עֵינֵי יְהוָה דַּרְכֵי־אִישׁ וְכָל־מַעְגְּלֹתָיו מְפַלֵּס׃ עֲווֹנוֹתָיו
23 יִלְכְּדֻנוֹ אֶת־הָרָשָׁע וּבְחַבְלֵי חַטָּאתוֹ יִתָּמֵךְ׃ הוּא יָמוּת
בְּאֵין מוּסָר וּבְרֹב אִוַּלְתּוֹ יִשְׁגֶּה׃

## ו Cap. VI. ו

2 א בְּנִי אִם־עָרַבְתָּ לְרֵעֶךָ תָּקַעְתָּ לַזָּר כַּפֶּיךָ׃ נוֹקַשְׁתָּ בְאִמְרֵי־
3 פִיךָ נִלְכַּדְתָּ בְּאִמְרֵי־פִיךָ׃ עֲשֵׂה זֹאת ׀ אֵפוֹא ׀ בְּנִי וְהִנָּצֵל

כי

ה v. 9. חסר י׳ ובקצת ספרים מלא ^

25 דיינע אויגען זאָלען גלייך קוקען, אויך דיינע ברעמען זאָלען (דיין קוקען)
גלייך מאַכען.
26 וועג יעדער טריט פון דיין פוס וועלען אַלע דיינע וועגען ריכטיג זיין.
27 קעהר ניט אָב (פון גראַדען וועג) רעכטס אָדער לינקס, מייד אוים דיינע
פים פון שלעכטען [וועג].

## קאַפּיטעל ה

1 האָרך, מיין זוהן, מיין קלוגען ריידען ; בייג דיין אויער צו מיינע
2 פערנינפטיגע ערקלעהרונגען. אום דו זאָלסט שעצען איבערלעג־
3 גונג און דיינע ליפּען זאָלען היטען די וויסענשאַפט. אָבוואָהל די
ליפּען פון דער אויסגעלאַסענער טריפען זיסקייט און איהר אויסשפּראַכע
4 איז גלאַטער אַלס אויל, איהר ענדע איז ביטער ווי ווערמיטה, שאַרף־
5 שניידענדער ווי אַ צוויי־זייטיגער שווערד. איהרע וועגען געהען
אַראָב צום טוידט, איהרע טריט זיינען געשטיטצט אויף דער העל.
6 אום דו זאָלסט ניט בעטרעטען דעם לעבענס־וועג, זיינען איהרע וועגען
7 אַזוי פערדרעהט אַז דו זאָלסט נישט דערקענען. אַלזאָ, קינדער, הערט
8 מיר אוים, און ווייכט ניט אָב פון מיינע רייד : האַלט דיין וועג ווייט
פון איהר, דו זאָלסט גאָר ניט צוטרעטען צום איינגאַנג פון איהר הויז.
9 אום דו זאָלסט ניט איבערגעבען אַן אנדערן דיין שעהנקייט, און דיינע
10 יאָהרען דעם גרויזאַמען. אום פרעמדע זאָלען ניט אויפעסען דיין
פערמעגען און אַלעם וואָס דו האָסט דורך מיהע ערוואָרבען (זאָל ניט
11 בלייבען) אין אַ פרעמדע הויז ; דו וועסט זיפצען נאָכדעם ווען עס
12 וועט פערצערט ווערען דאָס פלייש פון דיין קערפּער, און וועסט
זאָגען : ווארום האָב איך געהאַסט די מאָראַל־לעהרע ? ווי אַזוי האָט
13 עס מיין הארץ פעראַכטעט איבערצייגונג ? איך האָב ניט געהערט
די שטימע פון מיינע וועג־ווייזער און ניט געבויגען מיין אויער צו די
14 בעלערונג פון מיינע לעהרערס. אָט בין איך שנעל אַריינגעפאַלען
אין אַל־דאָס־שלעכטס פאַר די אויגען פון אַ גרויסער פערזאַמלונג.
15 טרינק וואַסער פון דיין אייגענעם וואַסער־גרוב, און קוועלענדעס וואַסער
16 פון דיין אייגענעם ברונעם. זאָלען דיינע קוואַלען פול זיין מיט
17 וואַסער זאָגאר דאַן ווען וואַסער שטראָמט איבער די גאַסען. דאַן
וועסטו אַליין האָבען וואַסער ווען קיין אַנדערער וועט עס האָבען.
18 דיין קוועלע וועט געבענשט זיין זאָלאַנג דו ביזט צופריעדען מיט דיין
19 יוגענד־פרוי. די ליעבליכע אינדין און רייצענד־שעהנע הירשין ;
איהר צערטליכקייט וועט דיר שטענדיג זעטיגען אויב דו וועסט אימער
20 איהר ליעבע איבערגעבען זיין. וואָצו, מיין זוהן, זאָלסטו זיך אָבגעבען
מיט אַן אויסגעלאַסענע און אומאַרמען אַ פרעמדע אין דיינע אָרעמס ?
21 אַלע וועגען דעם מענשענס זיינען גאָט בעוואוסט, אַלע שטעגען אויף
וועלכע ער טרעט.
22 דעם פערברעכער פאַנגען זיינע אייגענע זינד און די שטריק פון זיינע
זינד אויף וועלכע ער האָט זיך געשטיצט.
23 ער וועט שטאַרבען פון מאָראַללאָזיגקייט, פון די פיעל דומהייטען מיט
וועלכע ער פערנעהמט זיך.

## קאַפּיטעל ו

1 מיין זוהן ! אויב דו האָסט גוט געזאָגט פאַר דיין פריינד און האָסט
פאַר אַ פרעמדען דיין האַנד געגעבען,
2 דו האָסט זיך געבונדען מיט דיין וואָרט, און ביזט אַריינגעפאַלען דורך
דיין רעדען —
3 דאַן טהו דאָס, מיין זוהן, אום זיך צו רעטען : ביזטו אין יענעמס
האַנד אַריינגעפאַלען, לאָז זיך טרעטען און ערהויב דיין פריינד.

4 כִּי בָאתָ בְכַף־רֵעֶךָ לֵךְ הִתְרַפֵּס וּרְהַב רֵעֶיךָ׃ אַל־תִּתֵּן
ה שֵׁנָה לְעֵינֶיךָ וּתְנוּמָה לְעַפְעַפֶּיךָ׃ הִנָּצֵל כִּצְבִי מִיָּד וּכְצִפּוֹר
6 מִיַּד יָקוּשׁ׃ לֵךְ־אֶל־נְמָלָה עָצֵל רְאֵה דְרָכֶיהָ וַחֲכָם׃
7 8 אֲשֶׁר אֵין־לָהּ קָצִין שֹׁטֵר וּמֹשֵׁל׃ תָּכִין בַּקַּיִץ לַחְמָהּ אָגְרָה
9 בַקָּצִיר מַאֲכָלָהּ׃ עַד־מָתַי עָצֵל ׀ תִּשְׁכָּב מָתַי תָּקוּם
י מִשְּׁנָתֶךָ׃ מְעַט שֵׁנוֹת מְעַט תְּנוּמוֹת מְעַט ׀ חִבֻּק יָדַיִם
11 12 לִשְׁכָּב׃ וּבָא־כִמְהַלֵּךְ רֵאשֶׁךָ וּמַחְסֹרְךָ כְּאִישׁ מָגֵן׃ אָדָם
13 בְּלִיַּעַל אִישׁ אָוֶן הוֹלֵךְ עִקְּשׁוּת פֶּה׃ קֹרֵץ בְּעֵינָו מֹלֵל
14 בְּרַגְלָו מֹרֶה בְּאֶצְבְּעֹתָיו׃ תַּהְפֻּכוֹת ׀ בְּלִבּוֹ חֹרֵשׁ רָע
טו בְּכָל־עֵת מִדְנִים יְשַׁלֵּחַ׃ עַל־כֵּן פִּתְאֹם יָבוֹא אֵידוֹ פֶּתַע
16 יִשָּׁבֵר וְאֵין מַרְפֵּא׃ שֶׁשׁ־הֵנָּה שָׂנֵא יְהוָה וְשֶׁבַע תּוֹעֲבוֹת
17 נַפְשׁוֹ׃ עֵינַיִם רָמוֹת לְשׁוֹן שָׁקֶר וְיָדַיִם שֹׁפְכוֹת דָּם־נָקִי׃
18 לֵב חֹרֵשׁ מַחְשְׁבוֹת אָוֶן רַגְלַיִם מְמַהֲרוֹת לָרוּץ לָרָעָה׃
19 יָפִיחַ כְּזָבִים עֵד שָׁקֶר וּמְשַׁלֵּחַ מְדָנִים בֵּין אַחִים׃
כ 21 נְצֹר בְּנִי מִצְוַת אָבִיךָ וְאַל־תִּטֹּשׁ תּוֹרַת אִמֶּךָ׃ קָשְׁרֵם
22 עַל־לִבְּךָ תָמִיד עָנְדֵם עַל־גַּרְגְּרֹתֶךָ׃ בְּהִתְהַלֶּכְךָ ׀ תַּנְחֶה
23 אֹתָךְ בְּשָׁכְבְּךָ תִּשְׁמֹר עָלֶיךָ וַהֲקִיצוֹתָ הִיא תְשִׂיחֶךָ׃ כִּי
24 נֵר מִצְוָה וְתוֹרָה אוֹר וְדֶרֶךְ חַיִּים תּוֹכְחוֹת מוּסָר׃ לִשְׁמָרְךָ
כה מֵאֵשֶׁת רָע מֵחֶלְקַת לָשׁוֹן נָכְרִיָּה׃ אַל־תַּחְמֹד יָפְיָהּ בִּלְבָבֶךָ
26 וְאַל־תִּקָּחֲךָ בְּעַפְעַפֶּיהָ׃ כִּי בְעַד־אִשָּׁה זוֹנָה עַד־כִּכַּר־
27 לָחֶם וְאֵשֶׁת אִישׁ נֶפֶשׁ יְקָרָה תָצוּד׃ הֲיַחְתֶּה אִישׁ אֵשׁ
28 בְּחֵיקוֹ וּבְגָדָיו לֹא תִשָּׂרַפְנָה׃ אִם־יְהַלֵּךְ אִישׁ עַל־הַגֶּחָלִים
29 וְרַגְלָיו לֹא תִכָּוֶינָה׃ כֵּן הַבָּא אֶל־אֵשֶׁת רֵעֵהוּ לֹא יִנָּקֶה
ל כָּל־הַנֹּגֵעַ בָּהּ׃ לֹא־יָבוּזוּ לַגַּנָּב כִּי יִגְנוֹב לְמַלֵּא נַפְשׁוֹ
31 כִּי יִרְעָב׃ וְנִמְצָא יְשַׁלֵּם שִׁבְעָתָיִם אֶת־כָּל־הוֹן בֵּיתוֹ יִתֵּן׃
32 33 נֹאֵף אִשָּׁה חֲסַר־לֵב מַשְׁחִית נַפְשׁוֹ הוּא יַעֲשֶׂנָּה׃ נֶגַע
34 וְקָלוֹן יִמְצָא וְחֶרְפָּתוֹ לֹא תִמָּחֶה׃ כִּי־קִנְאָה חֲמַת־גָּבֶר

וְלֹא

v. 13. בעינו ק׳ ibid. ברגלו ק׳ v. 14. מדינים ק׳ v. 16. תועבת קרי v. 21. חסר י׳ v. 27. פתח בס״פ

4 גיב קיין שלאָף צו דיינע אויגען און קיין דרעמלען צו דיינע ברעמען.
5 רעטע זיך ווי אַ הירש פון פערוואָרפענעם נעץ, און ווי אַ פויגעל פון
6 פערוואָרפענעם פאַנג־נעץ. געה צו דער מילב, פוילער, זעה איהר
7 אויפפיהרונג און בעטראַכט, זי האָט קיין פיהרער, קיין אָרדנונג־
8 מאַכער אָדער הערשער ; דאָך גרייט זי צו זומער־צייט איהרע שפּייז,
9 און שניט־צייט זאַמעלט זי אָן איהר עסען. ווי לאַנג נאָך, פוילער,
וועסטו ליעגען ? ווען וועסטו שוין אויפשטעהן פון דיין שלאָף ?
10 אַביסעל שלאָפען, עטוואָס דרעמלען, אַווײלע ליעגען צונויפגעלייגט די
11 הענד. אַזוי קומט אָן דיין אַרמוטה ווי אַ רייזענדער, און דיין
12 מאַנגעל — ווי אַ בעוואָפענטער מאַן. דער אוננוצליכער מענש
ווערט אַ ניעדערטרעכטיגער מענש, אַרומגעהענדיג מיט בערעדרייען.
13 ער ווינקט מיט די אויגען, שאַרט מיט די פיס און טייטעלט מיט די
14 פינגער. אָן איבערקעהרעניש איז אין זיין האַרצען, אימער טראַכט
15 ער שלעכטעס און ברענגט צו קריגערייען. דערפאַר קומט פּלוצלונג
זיין אונגליק, אונערוואַרטעט ווערט ער צובראָכען אַז עס איז קיין היילמי־
16 טעל ניטאָ. זעקס זאַכען זיינען וואָס גאָט האַסט און די זיעבענטע
17 איז ביי איהם אַבשייליך : שטאָלצע אויגען, אַ פאַלשע צונג, הענד
18 וואָס פערגיסען אונשולדיגעס בלוט, אַ האַרץ וואָס טראַכט פערברע־
19 כערישע פּלענער, פיס וואָס לויפען שנעל צו שלעכטעס, דער פאַלשער
עדות וואָס רעדט ליגען און דער וואָס ברענגט קריעג צווישען ברידער.
20 היט־אָב, מיין זוהן דיין פאַטער׳ס בעפעהל און פערלאָז ניט דיין מו־
טער׳ס לעהרע.
21 האַלט זיי אימער אָנגעבונדען אויף דיין האַרצען, בינד זיי אַרום אויף
דיין האַלז.
22 וואו דו וועסט געהן וועט דאָס דיך פיהרען, וואו דו וועסט ליעגען וועט
דאָס דיך בעוואַכען, און ווען דו וועסט וואַך זיין וועט דאָס דיך אונ־
טערהאַלטען.
23 אויב דער בעפעהל איז אַ ליכט איז די לעהרע אַ ליכטיגקייט, און די
מאָראַלישע איבערצייגונג — אַ לעבענס־וועג.
24 אום צו היטען דיך פון אַנדערנס ווייב, פון די גלאַטע רייד פון אַן
אויסגעלאַסענע :
25 געלוסט ניט איהר שעהנהייט אין דיין האַרצען וועט זי דיך ניט פאַנגען
מיט איהרע וואונקען.
26 דאַן ווען אַן אויסגעלאַסענע פרוי נעהמט צו דאָס שטיקעל ברויט, פאַנגט
די פערהייראַטע פרוי די טהייערע זעעלע.
27 קען אַ מענש שאַרען פייער אין זיין שויס און זיינע קליידער זאָלען ניט
צוברענט ווערען ?
28 קען אַ מענש געהן אויף קויהלען און ניט אָבברענען זיינע פיס ?
29 אַזוי איז דער וואָס קומט צו אַ פרעמדענס ווייב — דער וואָס בעריהרט
איהר וועט ניט אונבעשטראַפט זיין.
30 מען פעראַכטעט ניט אַ גנב וועלכער גנב׳עט אום זיין הונגער צו
שטילען,
31 עס טרעפט אָבער אַז ער בעצאָהלט זיעבען מאָל, און גיט אַוועק זיין
גאַנצען פערמעגען ;
32 דער אָבער וואָס טרייבט אויסגעלאַסענהייט מיט אַ פרוי, (געוועהנליך
טהוט דאָס דער וואָס האָט זיין מאָראַל פערדאָרבען), איז האַרצלאָז.
33 שטראָף און בעליידיגונג בעקומט ער, זיין שאַנדע קען ניט אָבגעמעקט
ווערען ;
34 ווארום די היציגע אייפערזוכט פון מאַן ווייס פון קיין מיטלייד אין צייט
פון ראַכע.

13 14 מְכַסֶּה פְשָׁעָיו לֹא יַצְלִיחַ וּמוֹדֶה וְעֹזֵב יְרֻחָם׃ אַשְׁרֵי אָדָם
טו מְפַחֵד תָּמִיד וּמַקְשֶׁה לִבּוֹ יִפּוֹל בְּרָעָה׃ אֲרִי־נֹהֵם וְדֹב
16 שׁוֹקֵק מוֹשֵׁל רָשָׁע עַל עַם־דָּל׃ נָגִיד חֲסַר תְּבוּנוֹת וְרַב
17 מַעֲשַׁקּוֹת שֹׂנֵאי* בֶצַע יַאֲרִיךְ יָמִים׃ אָדָם עָשֻׁק בְּדַם־
18 נָפֶשׁ עַד־בּוֹר יָנוּס אַל־יִתְמְכוּ־בוֹ׃ הוֹלֵךְ תָּמִים יִוָּשֵׁעַ
19 וְנֶעְקַשׁ דְּרָכַיִם יִפּוֹל בְּאֶחָת׃ עֹבֵד אַדְמָתוֹ יִשְׂבַּע־לָחֶם
כ וּמְרַדֵּף רֵיקִים יִשְׂבַּע־רִישׁ׃ אִישׁ אֱמוּנוֹת רַב־בְּרָכוֹת וְאָץ
21 לְהַעֲשִׁיר לֹא יִנָּקֶה׃ הַכֵּר־פָּנִים לֹא־טוֹב וְעַל־פַּת־לֶחֶם
22 יִפְשַׁע־גָּבֶר׃ נִבֳהָל לַהוֹן אִישׁ רַע עָיִן וְלֹא־יֵדַע כִּי־חֶסֶר
23 יְבֹאֶנּוּ׃ מוֹכִיחַ אָדָם אַחֲרַי חֵן יִמְצָא מִמַּחֲלִיק לָשׁוֹן׃
24 גּוֹזֵל ׀ אָבִיו וְאִמּוֹ וְאֹמֵר אֵין־פָּשַׁע חָבֵר הוּא לְאִישׁ מַשְׁחִית׃
כה 26 רְחַב־נֶפֶשׁ יְגָרֶה מָדוֹן וּבוֹטֵחַ עַל־יְהוָה יְדֻשָּׁן׃ בּוֹטֵחַ בְּלִבּוֹ
27 הוּא כְסִיל וְהוֹלֵךְ בְּחָכְמָה הוּא יִמָּלֵט׃ נוֹתֵן לָרָשׁ אֵין

מחסור

כ״ח v. 8. יתיר ב׳ v. 16. יתיר י׳ v. 17. ד׳ זעירא ibid. בנ״א במ׳

27 און ציגען גיבען גענוג מילך פיר דיין נאהרונג צו ערנעהרען דיין הויז,
אויף לעבענסמיטעל פאר דיין דיענערשאפט.

## קאפיטעל כח

1 עס לויפט דער פערברעכער אויף ווען קיינער יאגט איהם, דער פרומער
2 איז זיכער, ווי א יונגער לייב. ווען דאס לאנד איז זינדיג זיינען דא
צו פיעל הערשער, נאר דורך א וויסענשאפטליך־פערשטענדיגען מאן ווערט
3 עס ריכטיג אויסגעבעסערט. אן ארימער מאן, וואס בעדריקט ארימע
לייט איז ווי א פערפלייצענדער רעגען, וואס פערניכטעט דאס ברויט.
4 די וועלכע פערלאזען דאס געזעץ ריהמען דעם פערברעכער, יענע אבער
5 וואס היטען דאס געזעץ בעשטרייטען זיי. שלעכטע מענשען פערשטעהען
ניט וואס עס פאדערט זיך. אבער די גאט־פארשער פערשטעהען אלץ.
6 בעסער אן ארימאן וועמעס אויפפיהרונג איז אן אונשולדיגע, אלס א
7 רייכער, וועמעס אויפפיהרונג איז א פערקרימטע. א פערשטענדיגעס
קינד היט אב דאס געזעץ, אבער דער וואס פערקעהרט מיט פרעסער בע־
8 לײדיגט זיין פאטער. דער וואס פערגרעסערט זיין פערמעגען דורך צינ־
זען אדער וואוכער, זאמעלט עס אן צו פערנאנדערשענקען ארימע לייט.
9 דער וואס קעהרט אב זיין אויער פון הערען בעלעהרונג איז אויך זיין
10 געבעט אבשייליך. ווער עס פערפיהרט ארענטליכע אין א שלעכטען
וועג, וועט זעלבסט אין זיין גרוב אריינפאלען; די אויפריכטיגע אבער
11 וועלען ערבען גוטעס. דער רייכער האלט זיך פאר קלוג, אבער דער
12 פערשטענדיגער ארימאן שטייגט איהם אריבער. ווען די פרומע זיינען
פרעהליך איז די הערליכקייט גרויס, ווען אבער עס ערהויבען זיך די
פערברעכער ווערט געזוכט א מענש (וואס זאל זיי איינשטילען).
13 עס גליקט ניט דעם וואס פערבארגט זיינע זינד, אבער דער וואס ער־
קלעהרט זיך שולדיג און פערלאזט דעם פערברעכען, יענער ווערט
14 בעגנאדיגט. גליקליך איז דער מענש וואס איז אימער פארזיכטיג, דער
15 אבער וואס פערהארטעוועט זיין הארץ פאלט אריין אין אונגליק. ווי א
ברילענדער לייב און ליארמענדער בער איז א פערברעכערישער הערשער
16 איבער אן ארימעס פאלק. א רויב־גיעריגער פירסט איז פערשטאנד־
לאז, אבער דער (פירסט) וואס איז ניט געלד־גייציג וועט לאנג לעבען.
17 דער מענש וואס איז בעשולדיגט אין א מארד־טהאט וועט זעלבסט צו
18 דער גרוב לויפען — קיינער וועט איהם ניט אבהאלטען. דער וואס
פיהרט זיך אויף ארענטליך יענער ווערט געהאלפען, ווער אבער עס
געהט אין פערקרימטע וועגען וועט אונערווארטעט אריינפאלען.
19 דער וואס בעארבייט זיין פעלד איז זאט מיט ברויט. ווער אבער עס
20 טהוט אונניצליכעס איז זאט מיט ארמוטה. א ראיעלער מענש האט
פיעל ברכות, ווער אבער עס שטרעבט רייך צו ווערען וועט ניט אונבע־
21 שטראפט בלייבען. שוינען פערזענליכקייטען איז ניט גוט, זאגאר צו־
22 ליעב א שטיק ברויט מוז א מענש בעשטראפט ווערען. דער געלד־גיי־
ציגער איז אזוי היציג צו פערגרעסערן זיין פערמעגען אז ער פיהלט ניט
23 ווי עס ווערט ביי איהם אלץ וועניגער. דער וואס איבערצייגט יעמאנ־
24 דען, האט ביי איהם מעהר חן אלס דער וואס שמייכעלט איהם. ווער עס
בערויבט זיין פאטער און מוטער זאגענדיג: „דאס איז קיין פערברעכען",
25 יענער איז דעם פערדארבער'ס א פריינד. דער אימער גיעריגער העצט
אויף צו קריעג, אבער דער וואס איז פערטרויט אן גאט איז אימער צו־
26 פריעדען. דער וואס איז פערטרויט אן זיך זעלבסט, יענער איז
א נאר, דער וואס האנדעלט פארזיכטיג, ווערט אימער געראטעט.
27 ווער עס גיט צו אן ארימאן יענעם וועט ניט פעהלען, ווער עס מאכט
זיך ניט זעהענדיג (דעם ארימאן) האט פיעל פלוכען.

28 מַחְסֽוֹר וּמַעְלִים עֵינָיו רַב־מְאֵרֽוֹת׃ בְּקוּם רְשָׁעִים יִסָּתֵר
אָדָם וּבְאָבְדָם יִרְבּוּ צַדִּיקִֽים׃

## כט Cap. XXIX. כט

א אִישׁ תּוֹכָחוֹת מַקְשֶׁה־עֹרֶף פֶּתַע יִשָּׁבֵר וְאֵין מַרְפֵּֽא׃
2 בִּרְבוֹת צַדִּיקִים יִשְׂמַח הָעָם וּבִמְשֹׁל רָשָׁע יֵאָנַח עָֽם׃
3 אִֽישׁ־אֹהֵב חָכְמָה יְשַׂמַּח אָבִיו וְרֹעֶה זוֹנוֹת יְאַבֶּד־הֽוֹן׃
4 ה מֶלֶךְ בְּמִשְׁפָּט יַעֲמִיד אָרֶץ וְאִישׁ תְּרוּמוֹת יֶהֶרְסֶֽנָּה׃ גֶּבֶר
6 מַחֲלִיק עַל־רֵעֵהוּ רֶשֶׁת פּוֹרֵשׂ עַל־פְּעָמָֽיו׃ בְּפֶשַׁע אִישׁ
7 רָע מוֹקֵשׁ וְצַדִּיק יָרוּן וְשָׂמֵֽחַ׃ יֹדֵעַ צַדִּיק דִּין דַּלִּים רָשָׁע
8 לֹא־יָבִין דָּֽעַת׃ אַנְשֵׁי לָצוֹן יָפִיחוּ קִרְיָה וַחֲכָמִים יָשִׁיבוּ
9 אָֽף׃ אִֽישׁ־חָכָם נִשְׁפָּט אֶת־אִישׁ אֱוִיל וְרָגַז וְשָׂחַק וְאֵין
י נָֽחַת׃ אַנְשֵׁי דָמִים יִשְׂנְאוּ־תָם וִישָׁרִים יְבַקְשׁוּ נַפְשֽׁוֹ׃
11 12 כָּל־רוּחוֹ יוֹצִיא כְסִיל וְחָכָם בְּאָחוֹר יְשַׁבְּחֶֽנָּה׃ מֹשֵׁל
13 מַקְשִׁיב עַל־דְּבַר־שָׁקֶר כָּל־מְשָׁרְתָיו רְשָׁעִֽים׃ רָשׁ וְאִישׁ
14 תְּכָכִים נִפְגָּשׁוּ מֵאִיר | עֵינֵי שְׁנֵיהֶם יְהוָֽה׃ מֶלֶךְ שׁוֹפֵט
טו בֶּאֱמֶת דַּלִּים כִּסְאוֹ לָעַד יִכּֽוֹן׃ שֵׁבֶט וְתוֹכַחַת יִתֵּן חָכְמָה
16 וְנַעַר מְשֻׁלָּח מֵבִישׁ אִמּֽוֹ׃ בִּרְבוֹת רְשָׁעִים יִרְבֶּה־פָּשַׁע
17 וְצַדִּיקִים בְּמַפַּלְתָּם יִרְאֽוּ׃ יַסֵּר בִּנְךָ וִינִיחֶךָ וְיִתֵּן מַעֲדַנִּים
18 לְנַפְשֶֽׁךָ׃ בְּאֵין חָזוֹן יִפָּרַע עָם וְשֹׁמֵר תּוֹרָה אַשְׁרֵֽהוּ׃
19 כ בִּדְבָרִים לֹא־יִוָּסֶר עָבֶד כִּֽי־יָבִין וְאֵין מַעֲנֶֽה׃ חָזִיתָ אִישׁ
21 אָץ בִּדְבָרָיו תִּקְוָה לִכְסִיל מִמֶּֽנּוּ׃ מְפַנֵּק מִנֹּעַר עַבְדּוֹ
22 וְאַחֲרִיתוֹ יִהְיֶה מָנֽוֹן׃ אִֽישׁ־אַף יְגָרֶה מָדוֹן וּבַעַל חֵמָה
23 רַב־פָּֽשַׁע׃ גַּאֲוַת אָדָם תַּשְׁפִּילֶנּוּ וּשְׁפַל־רוּחַ יִתְמֹךְ כָּבֽוֹד׃
24 חוֹלֵק עִם־גַּנָּב שׂוֹנֵא נַפְשׁוֹ אָלָה יִשְׁמַע וְלֹא יַגִּֽיד׃ חֶרְדַּת
25 אָדָם יִתֵּן מוֹקֵשׁ וּבוֹטֵחַ בַּיהוָה יְשֻׂגָּֽב׃ רַבִּים מְבַקְשִׁים
26 פְּנֵי־מוֹשֵׁל וּמֵיְהוָה מִשְׁפַּט־אִֽישׁ׃ תּוֹעֲבַת צַדִּיקִים אִישׁ
עָוֶל וְתוֹעֲבַת רָשָׁע יְשַׁר־דָּֽרֶךְ׃

דברי

28 ווען די פערברעכער ווערען ערהויבען בעהאלט זיך דער מענש, ווען זיי
געהען אונטער ערהויבען זיך די פרומע.

## קאפיטעל כט

1 דער וואס איז הארטנעקיג צו איבערצייגונג, וועט אונערווארטעט צו־
2 בראכען ווערען און קיין הילפע האבען. ווען די פרומע זיינען ערהויבען
פרעהט זיך דאס פאלק, ווען אבער דער פערברעכער הערשט זיפצט דאס
3 פאלק. א מאן וואס ליעבט וויסענשאפט ערפרעהט זיין פאטער, ווער
אבער עס פערקעהרט מיט גאסענפרויען פערניכטעט זיין פערמעגען.
4 א קעניג האלט אויף דאס לאנד מיט גערעכטיגקייט, איז ער אבער
א מאן וואס ליעבט געשענקע — צושטערט ער איהר.
5 דער וואס שמייכעלט זיין פריינד שפרייט אויס א נעץ פאר זיינע פיס.
6 אינ׳ם פערברעכען פון שלעכטען מענש איז זיין נעץ, דער פרומער אבער
7 איז לוסטיג און פרעהליך. דער פרומער אנערקענט דאס רעכט פון
8 ארימע, דער פערברעכער האט ניט קיין פערשטענדניס. מענשען פלוי־
דערער העצען אן די שטאדט, אבער קלוגע מענשען שטילען איין דעם
9 צארן. ווען א קלוגער האט א שטרייט מיט א נאר וועט ער איהם ניט
10 בערוהיגען ניט מיט בייזען ניט מיט גוטען. בלוטדורשטיגע מענשען
11 האסען דעם ערענטליכען, אויפריכטיגע מענשען זוכען איהם. א נאר
וויזט ארויס זיין גאנצען צארן א קלוגער שטילט איהם איין דורך צוריק־
12 האלטונג. אז דער הערשער הערט אויס ליגענס, זיינען אלע דיענער
13 זיינע פערברעכער. אן ארימאן און א בעדריקטער טרעפען זיך
14 צוזאמען — גאט ערלויכטעט זייערע ביידענס אויגען. א קעניג וואס
ריכטעט מיט וואהרהייט ארימע וועט זיין טראהן אימער פעסט שטעהן.
15 א רוט און בעלעהרונג גיבען ארייץ פערשטאנד, אבער א קינד וואס איז
אוועקגעלאזען [צו שלעכטס] מאכט זיין מוטער שאנדע.
16 וואס מעהר פערברעכער מעהר פערברעכערייען, די פרומע זעהען אבער
זייער ניעדערלאגע.
17 בעלעהר דיין זוהן וועט ער דיר פערגניגען פערשאפען און צופריעדענ־
שטעלען דיין וואונש.
18 אוים מאנגעל אין בעלעהרונג ווערט דאס פאלק פערווילדעט, גליקליך
אבער איז (דאס פאלק) וואס בעאכטעט די לעהרע.
19 מיט רייד ווערט א קנעכט ניט בעלעהרט — אויב זאגאר עס פערשטעהט
וועט ער קיין ענטפער געבען.
20 בעמערקסטו א מאן וואס רעדט האסטיג, אונבעטראכט — קענסטו פון א
נאר מעהר ערווארטען אלס פון איהם.
21 ווער עס פערצערטעלט זיין שקלאוו פון דער יוגענד, וועט שפעטער
א בעטלער זיין.
22 אן אויפגערעגטער מענש העצט צו קריעג, א היציגער מענש איז זעהר
פערברעכעריש.
23 דעם מענשען׳ס שטאלץ ערניעדריגט איהם, דער בעשיידענער מענש
בעקומט עהרע.
24 ווער עס טהיילט זיך מיט א גנב פעראכטעט זיך זעלבסט — ער הערט
די פערשווערונג און זאגט ניט אויס.
25 שרעק פאר א מענשען ברענגט פערשטרויכלונג, דער אבער וואס פער־
טרויט זיך אן גאט איז אונערשראקען.
26 פיעל בעטען דעם הערשער פערזענליך, אבער פון גאט איז [בעשטימט]
דער שיקזאל פון מענשען.
27 דער אונרעכט־טהוער איז אבשייליך צו די פרומע, אזוי ווי צום פער־
ברעכער איז אבשייליך אן אויפריכטיגער מענש.

## ל CAP. XXX. ל

א דברי ׀ אגור בן־יקה המשא נאם הגבר לאיתיאל לאיתיאל
2 3 ואכל׃ כי בער אנכי מאיש ולא־בינת אדם לי׃ ולא־
4 למדתי חכמה ודעת קדשים אדע׃ מי עלה־שמים ׀ וירד
מי אסף־רוח ׀ בחפניו מי צרר־מים ׀ בשמלה מי הקים
ה כל־אפסי־ארץ מה־שמו ומה־שם־בנו כי תדע׃ כל־
6 אמרת אלוה צרופה מגן הוא לחסים בו׃ אל־תוסף
7 על־דבריו פן־יוכיח בך ונכזבת׃ שתים שאלתי
8 מאתך אל־תמנע ממני בטרם אמות׃ שוא ׀ ודבר־כזב
הרחק ממני ראש ועשר אל־תתן־לי הטריפני לחם חקי׃
9 פן אשבע ׀ וכחשתי ואמרתי מי יהוה ופן־אורש וגנבתי
י ותפשתי שם אלהי׃ אל־תלשן עבד אל־אדנו פן־
11 יקללך ואשמת׃ דור אביו יקלל ואת־אמו לא יברך׃
12 13 דור טהור בעיניו ומצאתו לא רחץ׃ דור מה־רמו עיניו
14 ועפעפיו ינשאו׃ דור ׀ חרבות שניו ומאכלות מתלעתיו
טו לאכל עניים מארץ ואביונים מאדם׃ לעלוקה ׀
שתי בנות הב ׀ הב שלוש הנה לא תשבענה ארבע לא־
16 אמרו הון׃ שאול ועצר רחם ארץ לא־שבעה מים ואש
17 לא־אמרה הון׃ עין ׀ תלעג לאב ותבז ליקהת־אם יקרוה
18 ערבי־נחל ויאכלוה בני־נשר׃ שלשה המה נפלאו
19 ממני וארבע לא ידעתים׃ דרך הנשר ׀ בשמים דרך
נחש עלי־צור דרך־אניה בלב־ים ודרך גבר בעלמה׃
כ כן ׀ דרך אשה מנאפת אכלה ומחתה פיה ואמרה לא־
21 פעלתי און׃ תחת שלוש רגזה ארץ ותחת ארבע
22 לא־תוכל שאת׃ תחת עבד כי ימלוך ונבל כי ישבע־
23 לחם׃ תחת שנואה כי תבעל ושפחה כי־תירש גברתה׃
24 ארבעה הם קטני־ארץ והמה חכמים מחכמים׃

הנמלים

v. 9. פתח באתנח v. 10. אדנו קרי v. 14. סגול באתנח

v. 15. ב_ ועירא v. 15. 16. פתח באתנח v. 18. וארבעה קרי v. 21. סגול באתנח

## קאַפּיטעל ל

1 ווערטער אויסגעשפּראָכען פון אגור, יקה׳ס זוהן; וואָס דיעזער מאַן
2 האָט גערעדט צו איתיאל, צו איתיאל און צו אכל. בין איך אונוויסענ־
3 דער אַלס אַנדערע, האָב איך קיין מענשען פערשטאַנד ניט. האָב איך
קיין וויסענשאַפט געלערנט, קען איך ניט פערשטעהן די ערקלעהרונגען
4 פון הייליגע. ווער איז אויפ׳ן הימעל אַרויף און צוריק אַראָב? ווער
האָט אָנגענומען א הויפען ווינד? ווער האָט איינגעבונדען וואַסער אין אַ
קלייד? ווער האָט צונויפגעשטעלט די וועלט־עקען? ווי איז זיין נאָמען?
5 ווייסטו ווי מען רופט זיין זוהן? יעדעס וואָרט גאָטעס איז געלייטערט,
6 ער איז אַ פּאַנציר צו די וואָס שטיצען זיך אויף איהם. לעג ניט צו צו
זיינע רייד, פיעלייכט וועסטו אַן אירטהום מאַכען און ער וועט דיך
7 שטראָפען. צוויי זאַכען, וועלכע איך האָב דיר געבעטען, זאָלסטו ניט
8 פערמיידען פון מיר, איידער איך וועל שטאַרבען: פאַלשקייט און ליגען
ערווייטער פון מיר, אַרמוטה אָדער רייכטהום גיב מיר ניט — ערנעהר
9 מיר מעגליך מיט ברויט: ווען איך וועל צו־זאַט זיין, קען איך פערלייי־
קענען און זאָגען: „ווער איז גאָט!" וועל איך זעהר אַרים זיין, קען איך
10 נאָך גנב׳ענען, האַלטענדיג זיך ביי גאָט׳ס נאָמען. בערעד ניט אַ קנעכט
פאַר זיין העררן, ווארום ער וועט דיך שילטען פאַר דיין אונרעכט.
11 דער דור וואָס שילט זיין פאָטער וועט אויך זיין מוטער ניט בענשען.
12 דער דור וואָס האַלט זיך פאַר אַ ריינעם איז נאָך פון זיין שמוץ ניט
אָבגעוואַשען.
13 דער דור וואָס האָט אַ פרעכען קוק און הויבט אויף מיט שטאָלץ זיינע
ברעמען.
14 יענער דור האָט צייהנער ווי שווערדען און באַק־צייהנער ווי מעסערס,
אום אויסצוראָטהען די דעמיטהיגע פונ׳ם לאַנד און די אָרימע פון דער
געזעלשאַפט;
15 דער בלוטזויגנדער [דור] האָט צוויי טעכטער: גיעב און גיעב,
דריי וואָס ווערען נימאַלס זאַט און פיער וואָס זאָגען ניט: „עס איז
גענוג":
16 העל און פרויען־געבורט זיינען ווי ערד וואָס ווערט ניט זאַט מיט וואַסער;
פייער זאָגט נימאַלס „גענוג".
17 אַ אויג, וועלכע לאַכט פון פאָטער און פעראַכטעט דער מוטערס געהאָרכ־
זאַמקייט, זאָלען איהר אויסשטעכען די ראַבען פון טהאַל און יונגע אַדלע־
זאָלען איהר אויספּיקען.
18 דריי זאַכען זיינען מיר אונבעוואוסט און די פיערטע קען איך זיך ניט
ערקלעהרען:
19 דעם אַדלער׳ס וועג אינ׳ם הימעל־הויף, דעם שלאַנג׳ס וועג איבער׳ן
פעלז, דער וועג פון אַ שיף אין מיטען ים און דעם מענשען׳ס וועג אויף
דער וועלט.
20 מאַכעם מאָל איז עס ווי דער וועג פון אַן אויסגעלאַסענער פרוי: עסט
אָב, ווישט אָב דעם מויל און זאָגט „איך האָב קיין אונרעכט בע־
גאַנגען".
21 פאַר דריי זאַכען ציטערט די ערד, און די פיערטע קען זי ניט ער־
טראָגען:
22 אַז אַ קנעכט ווערט אַ קעניג, אַז אַן אונמענש איז זאַט מיט ברויט.
23 אַז דער מאַן לעבט מיט אַ פערהאַסטע פרוי און אַז אַ דיענסט פערנעהמט
דעם אָרט פון איהר ווירטהין.
24 פיער זיינען די קלענסטע אויף דער וועלט און צו דער זעלבער צייט די
וואונדער־קלוגע:

כה 26 הַנְּמָלִים עַם לֹא־עָז וַיָּכִינוּ בַקַּיִץ לַחְמָם׃ שְׁפַנִּים עַם לֹא־
27 עָצוּם וַיָּשִׂימוּ בַסֶּלַע בֵּיתָם׃ מֶלֶךְ אֵין לָאַרְבֶּה וַיֵּצֵא חֹצֵץ
28 כֻּלּוֹ׃ שְׂמָמִית בְּיָדַיִם תְּתַפֵּשׂ וְהִיא בְּהֵיכְלֵי מֶלֶךְ׃
29 ל שְׁלֹשָׁה הֵמָּה מֵיטִיבֵי צָעַד וְאַרְבָּעָה מֵיטִבֵי לָכֶת׃ לַיִשׁ
31 גִּבּוֹר בַּבְּהֵמָה וְלֹא־יָשׁוּב מִפְּנֵי־כֹל׃ זַרְזִיר מָתְנַיִם אוֹ־תָיִשׁ
32 וּמֶלֶךְ אַלְקוּם עִמּוֹ׃ אִם־נָבַלְתָּ בְהִתְנַשֵּׂא וְאִם־זַמּוֹתָ יָד
33 לְפֶה׃ כִּי מִיץ חָלָב יוֹצִיא חֶמְאָה וּמִיץ־אַף יוֹצִיא דָם וּמִיץ
אַפַּיִם יוֹצִיא רִיב׃

## לא CAP. XXXI. לא

2 א דִּבְרֵי לְמוּאֵל מֶלֶךְ מַשָּׂא אֲשֶׁר־יִסְּרַתּוּ אִמּוֹ׃ מַה־בְּרִי
3 וּמַה־בַּר־בִּטְנִי וּמֶה בַּר־נְדָרָי׃ אַל־תִּתֵּן לַנָּשִׁים חֵילֶךָ
4 וּדְרָכֶיךָ לַמְחוֹת מְלָכִין׃ אַל לַמְלָכִים ׀ לְמוֹאֵל אַל לַמְלָכִים
ה שְׁתוֹ־יָיִן וּלְרוֹזְנִים אוֹ* שֵׁכָר׃ פֶּן־יִשְׁתֶּה וְיִשְׁכַּח מְחֻקָּק
6 וִישַׁנֶּה דִּין כָּל־בְּנֵי־עֹנִי׃ תְּנוּ־שֵׁכָר לְאוֹבֵד וְיַיִן לְמָרֵי נָפֶשׁ׃
7 8 יִשְׁתֶּה וְיִשְׁכַּח רִישׁוֹ וַעֲמָלוֹ לֹא יִזְכָּר־עוֹד׃ פְּתַח־פִּיךָ
9 לְאִלֵּם אֶל־דִּין כָּל־בְּנֵי חֲלוֹף׃ פְּתַח־פִּיךָ שְׁפָט־צֶדֶק וְדִין
י עָנִי וְאֶבְיוֹן׃ אֵשֶׁת־חַיִל מִי יִמְצָא וְרָחֹק מִפְּנִינִים
11 12 מִכְרָהּ׃ בָּטַח בָּהּ לֵב בַּעְלָהּ וְשָׁלָל לֹא יֶחְסָר׃ גְּמָלַתְהוּ
13 טוֹב וְלֹא־רָע כֹּל יְמֵי חַיֶּיהָ׃ דָּרְשָׁה צֶמֶר וּפִשְׁתִּים וַתַּעַשׂ
14 בְּחֵפֶץ כַּפֶּיהָ׃ הָיְתָה כָּאֳנִיּוֹת סוֹחֵר מִמֶּרְחָק תָּבִיא לַחְמָהּ׃
טו וַתָּקָם ׀ בְּעוֹד לַיְלָה וַתִּתֵּן טֶרֶף לְבֵיתָהּ וְחֹק לְנַעֲרֹתֶיהָ׃
16 זָמְמָה שָׂדֶה וַתִּקָּחֵהוּ מִפְּרִי כַפֶּיהָ נָטַע* כָּרֶם׃
17 18 חָגְרָה בְעוֹז מָתְנֶיהָ וַתְּאַמֵּץ זְרוֹעֹתֶיהָ׃ טָעֲמָה כִּי־טוֹב סַחְרָהּ
19 לֹא־יִכְבֶּה בַלַּיל* נֵרָהּ׃ יָדֶיהָ שִׁלְּחָה בַכִּישׁוֹר וְכַפֶּיהָ
כ תָּמְכוּ פָלֶךְ׃ כַּפָּהּ פָּרְשָׂה לֶעָנִי וְיָדֶיהָ שִׁלְּחָה לָאֶבְיוֹן׃
21 לֹא־תִירָא לְבֵיתָהּ מִשָּׁלֶג כִּי כָל־בֵּיתָהּ לָבֻשׁ שָׁנִים׃
22 23 מַרְבַדִּים עָשְׂתָה־לָּהּ שֵׁשׁ וְאַרְגָּמָן לְבוּשָׁהּ׃ נוֹדָע בַּשְּׁעָרִים

בעלה

ל״א v. 4. אי קרי v. 16. נטעה קרי v. 18. בלילה קרי

25 די מילבען זיינען א שוואכעס פאלק און נאך אם זומער גרייטען זיי אן
26 זייער ווינטער־ברויט, די בערג־מייז זיינען א קליינצאהליגעם פאלק
27 און מאכען זייערע הייזער אימער אין פעלז, די היישעריגען האבען
28 קיין קעניג ניט און געהען ארוים אין אבטהיילונגען,, די שפין
קריכט אויף די הענד און קומט אריין אין קעניגליכע פאלאסטען.
29 דריי האבען א שעהנעם טריט און א פיערטער א שעהנעם גאנג :
30 דער לייב, דער מעכטיגסטער אונטער טהיערען, ער געהט פאר קיינעם
31 ניט צוריק, דער לענדען־פערגארטעלטער אדער באק און דער קעניג
32 וואס אנערקענט ניט קיין ווידערשטאנד. ביזטו צו שאנדע געווארען
איז דאס איבער דיין שטאלץ. ביזטו אבער פארזיכטיג לעג א האנד
33 אויפ'ן מויל, ווארום פון פרעסען מילך ווערט פוטער און פון קוועטשען
דעם נאז געהט ארוים בלוט, פערדריקטע ליפען ברענגען ארוים קריעג.

## קאפיטעל לא

1 ווערטער פון קעניג למואל, א רעדע מיט וועלכע זיין מוטער האט איהם
2 בעלעהרט. וואס מיין זוהן, וואס מיין לייבליכעס קינד און וואס מיין
3 ווינשענסווערטהער זוהן (דארף וויסען :) פערשווענד ניט דיינע
4 קרעפטען אויף פרויען, אזא אויפפיהרונג צוברעכט קעניגע. ניט פאר
קעניגע, למואל, ניט פאר קעניגע איז וויין טרינקען, ניט פאר אדעליגע
5 פאסען שטארקע געטרענקע — וויל ער וועט זיך אנטרינקען און
פערגעסען דאס בעשטימטע פון געזעץ, אדער פערדרעהען דעם אורטהייל
6 פון אלע ארימע קינדער. גיט געטרענקע צו אן אונגליקליכען און וויין
7 צו א פערביטערטען, זאל ער טרינקען און פערגעסען זיין ארמוט און
8 ניט פיהלען זיינע ליידען. עפען דיין מויל פאר א שפראכלאזען, פאר
9 דאס רעכט פון אן עלענדען דורכגעהער. עפען דיין מויל און ריכטע
גערעכטיגקייט און נעהם זיך אן פאר ניעדערשלאגענע און ארימע.
10 ווער קען געפינען א טוגענדהאפטע פרוי ? איהר פרייז איז פיעל טהייער־
11 רער פון פערל. עס פערטרויט אויף איהר איהר מאן'ס הארץ, עס
פעהלט איהם קיין פערמעגען ניט.
12 זי ברענגט איהם גוטעס איהר גאנצעס לעבען, ניעמאלס שלעכטס.
13 געפינט זי וואל אדער פלאקס, ארבייט זי פלייסיג מיט איהרע הענד.
14 זי איז א קויפמאנישע שיף — פון ווייטען ברענגט זי איהר ברויט.
15 זי שטעהט אויף ווען עס איז נאך נאכט און בעזארגט שפייז פאר איהר
הויז און די בעשטימטע ארבייט — פאר איהר דיענערשאפט.
16 זי בעטראכט א פעלד און קויפט עס אב, פון די פרוכט פון איהרע הענד
פלאנצט זי א וויינגארטען.
17 שטארק גארטעלט זי ארום איהרע לענדען אום איהרע ארעמס זאלען
קרעפטיג זיין.
18 דערפיהלט זי אז איהר געשעפט געהט גוט, ווערט שוין איהר ליכט
ניט אויסגעלאשען זאגאר ביי נאכט.
19 איין האנד ציהט זי אוים צום שפינראד און מיט דער צווייטער האלט
זי די שפינדעל.
20 איין האנד שפרייט זי אוים צום אונטערדריקטען און די צווייטע ציהט
זי אוים צום ארעמען.
21 זי שרעקט זיך ניט אין הויז צוליעב די שנעע־קעלט, ווייל איהר גאנצעס
הויז איז מיט קאמזין וואל בעקליידעט.
22 זי זעלבסט האט בעטגעוואנד אנגעגרייט, און קליידונג פון לינען און
פורפור.
23 בעוואוסט איז איהר מאן אין געריכטס־טהויער, ווען ער זיצט מיט די
עלטסטע פון לאנד.

בַּעְלָהּ בְּשִׁבְתּוֹ עִם־זִקְנֵי־אָרֶץ׃ סָדִין עָשְׂתָה וַתִּמְכֹּר וַחֲגוֹר 24
נָתְנָה לַכְּנַעֲנִי׃ עֹוז־וְהָדָר לְבוּשָׁהּ וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן׃ כה
פִּיהָ פָּתְחָה בְחָכְמָה וְתוֹרַת־חֶסֶד עַל־לְשׁוֹנָהּ׃ צוֹפִיָּה 26 27
הֲילְכוֹת בֵּיתָהּ וְלֶחֶם עַצְלוּת לֹא תֹאכֵל׃ קָמוּ בָנֶיהָ 28
וַיְאַשְּׁרוּהָ בַּעְלָהּ וַיְהַלְלָהּ׃ רַבּוֹת בָּנוֹת עָשׂוּ חָיִל וְאַתְּ עָלִית 29
עַל־כֻּלָּנָה׃ שֶׁקֶר הַחֵן וְהֶבֶל הַיֹּפִי אִשָּׁה יִרְאַת־יְהוָה הִיא ל
תִתְהַלָּל׃ תְּנוּ־לָהּ מִפְּרִי יָדֶיהָ וִיהַלְלוּהָ בַשְּׁעָרִים מַעֲשֶׂיהָ׃ 31

v. 27. הליכות קרי

# חזק

סכום פסוקים של ספר משלי. תשע מאות וחמשה עשר. ותשר דבורה סימן. וחציו לפני שבר גאון. וסדריו שמונה. אז תלך לבטח דרכך סימן:

24 מאכט זי א לײלאך, פערקויפט זי איהם, מאכט זי א גארטעל גיט זי איהם צו א קויפמאן.
25 שטאלץ און פראכט בעקלײדען איהר, פרעהליך ערוואַרטעט זי די צו־קונפט.
26 זי עפענט איהר מויל מיט קלוגע רייד, טוגענד־לעהרע איז אויף איהר צונג.
27 זי פאַכט אויף אויף דער פיהרונג פון איהר הויז, פוילקייט קען איהר ברויט ניט פערצעהרען.
28 וואקסען אויף איהרע קינדער ריהמען זיי איהר, אימער לויבט זי איהר מאן:
29 „פיעל טעכטער האָבען מעכטיגעס געטהאָן, אָבער דו שטייגסט זייא אלעמען איבער!"
30 פאלש איז א שעהנעס אויסזעהען, נאריש איז אויסערליכע שעהנהייט — א גאָטס־פארכטיגע פרוי נאָר זי איז לויבענסווערטה.
31 גיט איהר פון די פרוכט פון איהרע הענד, זאָל מען אין שטאָדט־טהויער ריהמען איהרע גוטע ארבייט.

חזק.

אלע פסוקים פון ספר משלי זיינען ניין הונדערט און פופצעהן אין איין און דרייסיג קאפיטלאך. ח. ש. נ.

# איוב

# LIBER JOBI.

## CAPUT I. א

א אִישׁ הָיָה בְאֶרֶץ־עוּץ אִיּוֹב שְׁמוֹ וְהָיָה ׀ הָאִישׁ הַהוּא תָּם
2 וְיָשָׁר וִירֵא אֱלֹהִים וְסָר מֵרָע׃ וַיִּוָּלְדוּ לוֹ שִׁבְעָה בָנִים
3 וְשָׁלוֹשׁ בָּנוֹת׃ וַיְהִי מִקְנֵהוּ שִׁבְעַת אַלְפֵי־צֹאן וּשְׁלֹשֶׁת
אַלְפֵי גְמַלִּים וַחֲמֵשׁ מֵאוֹת צֶמֶד־בָּקָר וַחֲמֵשׁ מֵאוֹת
אֲתוֹנוֹת וַעֲבֻדָּה רַבָּה מְאֹד וַיְהִי הָאִישׁ הַהוּא גָּדוֹל מִכָּל־
4 בְּנֵי־קֶדֶם׃ וְהָלְכוּ בָנָיו וְעָשׂוּ מִשְׁתֶּה בֵּית אִישׁ יוֹמוֹ
וְשָׁלְחוּ וְקָרְאוּ לִשְׁלֹשֶׁת אַחְיֹתֵיהֶם לֶאֱכֹל וְלִשְׁתּוֹת עִמָּהֶם׃
ה וַיְהִי כִּי הִקִּיפוּ יְמֵי הַמִּשְׁתֶּה וַיִּשְׁלַח אִיּוֹב וַיְקַדְּשֵׁם וְהִשְׁכִּים
בַּבֹּקֶר וְהֶעֱלָה עֹלוֹת מִסְפַּר כֻּלָּם כִּי אָמַר אִיּוֹב אוּלַי
חָטְאוּ בָנַי וּבֵרֲכוּ אֱלֹהִים בִּלְבָבָם כָּכָה יַעֲשֶׂה אִיּוֹב כָּל־
6 הַיָּמִים׃ וַיְהִי הַיּוֹם וַיָּבֹאוּ בְּנֵי הָאֱלֹהִים לְהִתְיַצֵּב עַל־יְהוָה
7 וַיָּבוֹא גַם־הַשָּׂטָן בְּתוֹכָם׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־הַשָּׂטָן מֵאַיִן
תָּבֹא וַיַּעַן הַשָּׂטָן אֶת־יְהוָה וַיֹּאמַר מִשּׁוּט בָּאָרֶץ וּמֵהִתְהַלֵּךְ
8 בָּהּ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־הַשָּׂטָן הֲשַׂמְתָּ לִבְּךָ עַל־עַבְדִּי אִיּוֹב
כִּי אֵין כָּמֹהוּ בָּאָרֶץ אִישׁ תָּם וְיָשָׁר יְרֵא אֱלֹהִים וְסָר
9 מֵרָע׃ וַיַּעַן הַשָּׂטָן אֶת־יְהוָה וַיֹּאמַר הַחִנָּם יָרֵא אִיּוֹב
י אֱלֹהִים׃ הֲלֹא־אַתָּ שַׂכְתָּ בַעֲדוֹ וּבְעַד־בֵּיתוֹ וּבְעַד כָּל־
אֲשֶׁר־לוֹ מִסָּבִיב מַעֲשֵׂה יָדָיו בֵּרַכְתָּ וּמִקְנֵהוּ פָּרַץ בָּאָרֶץ׃
11 וְאוּלָם שְׁלַח־נָא יָדְךָ וְגַע בְּכָל־אֲשֶׁר־לוֹ אִם־לֹא עַל־פָּנֶיךָ
12 יְבָרְכֶךָּ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־הַשָּׂטָן הִנֵּה כָל־אֲשֶׁר־לוֹ בְּיָדֶךָ

רַק

אתה קרי v. 10.

# איוב

## קאפיטעל א

1 א מאן איז געווען אין לאנד עוץ, איוב האָט ער געהייסען. און דער מאַן איז געווען פאָלקאָמען און עהרליך, פורכט געהאַט פאַר גאָט און אויסגע־מיעדען שלעכטס.

2 און צו איהם זיינען געבוירען געוואָרען זיעבען זיהן און דריי טעכטער.

3 און זיין פיה איז בעשטאַנען פון זיעבען טויזענד שאָף, און דריי טויזענד קעמלען און פינף הונדערט פּאַאר אָקסען, און פינף הונדערט עזעלינען און פיעל דיענער; און דער דאָזיגער מאַן איז געווען גרעסער פון אַלע איינוואָהנער פון מזרח־לאַנד.

4 און זיינע זיהן פלעגען געהען און מאַכען א מאָהלצייט אין הויז, יעדערער אין זיין געבורטס־טאָג און זיי פלעגען שיקען און רופען זייערע דריי שוועסטער צו עסען און טרינקען מיט זיי.

5 און ווען דער מאָהלצייט איז פאָרגעקומען פלעגט איוב שיקען און זיי היי־ליגען דערמיט וואָס ער איז אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה און געבראַכט בראַנד־אָפּפער לויט די צאָהל פון אַלע, ווייל איוב האָט געזאָגט: "טאָ־מער האָבען מיינע קינדער געזינדיגט און געלעסטערט גאָט אין זייערע הערצער". אָט אזוי האָט איוב געטהאָן אַלע צייטען.

6 און עס איז געווען דער טאָג, זיינען געקומען די קינדער פון גאָט זיך צו שטעלען פאַר גאָט; און דער שטן איז אויך געקומען צווישען זיי.

7 און גאָט האָט געזאָגט צום שטן: „פון וואַנען קומסטו? און דער שטן האָט געענטפערט גאָט און געזאָגט, : „פון דעם שוועבען אויף דער ערד און פון וואַנדערען דורך איהר".

8 און גאָט האָט געזאָגט צום שטן: „האָסטו א טראַכט געטהאָן אין דיין הארצען איבער מיין קנעכט איוב, אַז עס איז ניטאָ נאָך איינער ווי ער אויף דער ערד, אַזוי פאָלקאָמען און עהרליך און גאָטספאָרכטיג, און מיידט אויס שלעכטס?"

9 און דער שטן האָט געענטפערט און געזאָגט: „אומזיסט עפּעס האָט איוב פורכט פאַר גאָט?

10 בעשיצטו ניט איהם מיט זיין הויזגעזינד און אַלצדינג אַרום איהם? די אַרבייט פון זיינע הענד האָסטו געבענשט און זיין פיה איז צושפּרייט איבער'ן לאַנד.

11 שטרעק נאָר אויס דיין האַנד, בעריהר איהם מיט אַלצדינג וואָס ער האָט, וועסטו באַלד זעהען אויב ער וועט דיך ניט לעסטערען אין געזיכט אריין!"

12 און גאָט האָט געזאָגט צום שטן: „זעה נאָר, אַלצדינג וואָס ער האָט איז

רַק אֵלָיו אַל־תִּשְׁלַח יָדֶךָ וַיֵּצֵא הַשָּׂטָן מֵעִם פְּנֵי יְהוָה׃
13 וַיְהִי הַיּוֹם וּבָנָיו וּבְנֹתָיו אֹכְלִים וְשֹׁתִים יַיִן בְּבֵית אֲחִיהֶם
14 הַבְּכוֹר׃ וּמַלְאָךְ בָּא אֶל־אִיּוֹב וַיֹּאמַר הַבָּקָר הָיוּ חֹרְשׁוֹת
טו וְהָאֲתֹנוֹת רֹעוֹת עַל־יְדֵיהֶם׃ וַתִּפֹּל שְׁבָא וַתִּקָּחֵם וְאֶת־
16 הַנְּעָרִים הִכּוּ לְפִי־חָרֶב וָאִמָּלְטָה רַק־אֲנִי לְבַדִּי לְהַגִּיד
לָךְ׃ עוֹד ׀ זֶה מְדַבֵּר וְזֶה בָּא וַיֹּאמַר אֵשׁ אֱלֹהִים נָפְלָה
מִן־הַשָּׁמַיִם וַתִּבְעַר בַּצֹּאן וּבַנְּעָרִים וַתֹּאכְלֵם וָאִמָּלְטָה
17 רַק־אֲנִי לְבַדִּי לְהַגִּיד לָךְ׃ עוֹד ׀ זֶה מְדַבֵּר וְזֶה בָּא
וַיֹּאמַר כַּשְׂדִּים שָׂמוּ ׀ שְׁלֹשָׁה רָאשִׁים וַיִּפְשְׁטוּ עַל־הַגְּמַלִּים
וַיִּקָּחוּם וְאֶת־הַנְּעָרִים הִכּוּ לְפִי־חָרֶב וָאִמָּלְטָה רַק־אֲנִי
18 לְבַדִּי לְהַגִּיד לָךְ׃ עַד זֶה מְדַבֵּר וְזֶה בָּא וַיֹּאמַר בָּנֶיךָ
19 וּבְנוֹתֶיךָ אֹכְלִים וְשֹׁתִים יַיִן בְּבֵית אֲחִיהֶם הַבְּכוֹר׃ וְהִנֵּה
רוּחַ גְּדוֹלָה בָּאָה ׀ מֵעֵבֶר הַמִּדְבָּר וַיִּגַּע בְּאַרְבַּע פִּנּוֹת
הַבַּיִת וַיִּפֹּל עַל־הַנְּעָרִים וַיָּמוּתוּ וָאִמָּלְטָה רַק־אֲנִי לְבַדִּי
כ לְהַגִּיד לָךְ׃ וַיָּקָם אִיּוֹב וַיִּקְרַע אֶת־מְעִלוֹ וַיָּגָז אֶת־רֹאשׁוֹ
21 וַיִּפֹּל אַרְצָה וַיִּשְׁתָּחוּ׃ וַיֹּאמֶר עָרֹם יָצָתִי מִבֶּטֶן אִמִּי וְעָרֹם
אָשׁוּב שָׁמָה יְהוָה נָתַן וַיהוָה לָקָח יְהִי שֵׁם יְהוָה מְבֹרָךְ׃
22 בְּכָל־זֹאת לֹא־חָטָא אִיּוֹב וְלֹא־נָתַן תִּפְלָה לֵאלֹהִים׃

## ב Cap. II. ב

א וַיְהִי הַיּוֹם וַיָּבֹאוּ בְּנֵי הָאֱלֹהִים לְהִתְיַצֵּב עַל־יְהוָה וַיָּבוֹא
2 גַם־הַשָּׂטָן בְּתֹכָם לְהִתְיַצֵּב עַל־יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־
הַשָּׂטָן אֵי מִזֶּה תָּבֹא וַיַּעַן הַשָּׂטָן אֶת־יְהוָה וַיֹּאמַר מִשֻּׁט
3 בָּאָרֶץ וּמֵהִתְהַלֵּךְ בָּהּ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־הַשָּׂטָן הֲשַׂמְתָּ
לִבְּךָ עַל־עַבְדִּי אִיּוֹב כִּי אֵין כָּמֹהוּ בָּאָרֶץ אִישׁ תָּם וְיָשָׁר
יְרֵא אֱלֹהִים וְסָר מֵרָע וְעֹדֶנּוּ מַחֲזִיק בְּתֻמָּתוֹ וַתְּסִיתֵנִי בוֹ
4 לְבַלְּעוֹ חִנָּם׃ וַיַּעַן הַשָּׂטָן אֶת־יְהוָה וַיֹּאמַר עוֹר בְּעַד־עוֹר
ה וְכֹל אֲשֶׁר לָאִישׁ יִתֵּן בְּעַד נַפְשׁוֹ׃ אוּלָם שְׁלַח־נָא יָדְךָ



א׳ v. 21. חסר א

אין דיינע הענד, נאָר צו איהם אַליין זאָלסטו ניט אויסשטרעקען דיין
האַנד" ; און דער שטן איז אַוועק פון גאָט.
13 און עס איז געקומען דער טאָג און זיינע זיהן און טעכטער האָבען גע־
געסען און געטרונקען וויין אין הויז פון זייער עלטסטען ברודער.
14 און עס איז אָנגעקומען אַ געזאַנדטער צו איוב'ן און איהם אָנגעזאָגט :
„די אָקסען האָבען געאַקערט און די עזעלינען האָבען זיך געפיטערט נעבען
זיי.
15 און שבא־רויבער זיינען אָנגעפאַלען און זיי צוגענומען ; און די יונגען
האָבען זיי דערשלאָגען מיט דעם שווערד, און בלויז איך אַליין בין אַנט־
לאָפען דיר דאָס אָנצוזאָגען".
16 אַזוי ווי דער שטעהט נאָך און רעדט, קומט שוין אַן אַנדערער און זאָגט :
„אַ פייער פון גאָט איז אַראָפּגעפאַלען פון הימעל און אָנגעצונדען די שאָף
און יונגען און זיי פערברענט, און בלויז איך אַליין בין ענטלאָפען דיר
דאָס אָנצוזאָגען".
17 אַזוי ווי דער שטעהט נאָך און רעדט, קומט שוין אַן אַנדערער און זאָגט :
„כשדים האָבען זיך צוטהיילט אין דריי באַטאַליאָנען און בעפאַלען די
קעמלען און זיי צוגענומען ; און די יונגען האָבען זיי דערשלאָגען מיט
דעם שווערד, און בלויז איך אַליין בין ענטלאָפען דיר דאָס אָנצוזאָגען".
18 אַזוי ווי דער שטעהט נאָך און רעדט קומט שוין אַן אַנדערער און זאָגט :
דיינע זיהן און טעכטער האָבען געגעסען און געטרונקען וויין אין הויז פון
זייער עלטערען ברודער.
19 און פּלוצלונג איז אָנגעקומען אַ גרויסער שטורעם פון יענער זייט וויסטע
און געטראָפען אַלע פיער ווינקלען פון הויז און עס איז אַרויפגעפאַלען
אויף די יונגען און זיי געטוידטעט ; און בלויז איך אַליין בין איבערגע־
בליעבען דיר דאָס אָנצוזאָגען".
20 און איוב האָט זיך אויפגעהויבען און צוריסען זיין מאַנטעל, און זיך אויס־
געריסען די האָאר פון קאָפּ, און געפאַלען צו דער ערד און זיך געבוקט.
21 און ער האָט געזאָגט : „נאַקעט בין איך אַרוים פון מיין מוטערס בויך
און נאַקעט וועל איך אַהין צוריק קעהרען ; גאָט האָט געגעבען און גאָט
האָט צוגענומען, געבענשט זאָל זיין גאָט'ס נאָמען".
22 דאָך האָט איוב אַלץ ניט געזינדיגט און ניט געמאַכט גאָט קיין פאָרוואורף.

## קאַפּיטעל ב

1 און עס איז געווען דער טאָג, און עס זיינען געקומען די קינדער פון גאָט
זיך צו שטעלען פאַר גאָט.
2 האָט גאָט געזאָגט צום שטן : „פון וואַנען קומסטו ?" און דער שטן האָט
געענטפערט און האָט געזאָגט : „פון דעם שוועבען אויף דער ערד און
פון וואַנדערען דורך איהר".
3 און גאָט האָט געזאָגט צום שטן : „האָסטו אַ טראַכט געטהאָן אין דיין
הארצען איבער מיין קנעכט איוב, אַז עס איז ניטאָ נאָך איינער ווי ער
אויף דער ערד, אַזוי פאָלקאָמען און עהרליך און גאָטספאָרכטיג און
מיידט אויס שלעכטס ? נאָך האַלט ער זיך ביי זיין פאָלקאָמענהייט און
דו האָסט מיר נאָר אָנגערעדט איהם אומזיסט צו פערדאַרבען" !
4 און דער שטן האָט געענטפערט גאָט און געזאָגט : „הויט פאַר הויט,
און אַלצדינג וועט אַ מענש אַוועקגעבען פאַר זיין לייב.
5 שטרעק נאָר אויס די האַנד דיינע און בעריהר זיין ביין און זיין פלייש,
(וועסטו דאַמאָלס זעהען) אויב ער וועט דיך ניט לעסטערען אין געזיכט
אַריין !

וְגַ֣ע אֶל־עַצְמ֣וֹ וְאֶל־בְּשָׂר֑וֹ אִם־לֹ֖א אֶל־פָּנֶ֣יךָ יְבָרְכֶֽךָּ׃
6 וַיֹּ֧אמֶר יְהוָ֛ה אֶל־הַשָּׂטָ֖ן הִנּ֣וֹ בְיָדֶ֑ךָ אַ֖ךְ אֶת־נַפְשׁ֥וֹ שְׁמֹֽר׃
7 וַיֵּצֵא֙ הַשָּׂטָ֔ן מֵאֵ֖ת פְּנֵ֣י יְהוָ֑ה וַיַּ֤ךְ אֶת־אִיּוֹב֙ בִּשְׁחִ֣ין רָ֔ע מִכַּ֥ף
8 רַגְל֖וֹ עַ֥ד קָדְקֳדֽוֹ׃ וַיִּֽקַּֽח־ל֣וֹ חֶ֔רֶשׂ לְהִתְגָּרֵ֖ד בּ֑וֹ וְה֖וּא יֹשֵׁ֥ב
9 בְּתוֹךְ־הָאֵֽפֶר׃ וַתֹּ֤אמֶר לוֹ֙ אִשְׁתּ֔וֹ עֹדְךָ֖ מַחֲזִ֣יק בְּתֻמָּתֶ֑ךָ
י בָּרֵ֥ךְ אֱלֹהִ֖ים וָמֻֽת׃ וַיֹּ֣אמֶר אֵלֶ֗יהָ כְּדַבֵּ֞ר אַחַ֤ת הַנְּבָלוֹת֙
תְּדַבֵּ֔רִי גַּ֣ם אֶת־הַטּ֗וֹב נְקַבֵּל֙ מֵאֵ֣ת הָאֱלֹהִ֔ים וְאֶת־הָרָ֖ע לֹ֣א
11 נְקַבֵּ֑ל בְּכָל־זֹ֛את לֹא־חָטָ֥א אִיּ֖וֹב בִּשְׂפָתָֽיו׃ וַֽיִּשְׁמְע֞וּ
שְׁלֹ֣שֶׁת ׀ רֵעֵ֣י אִיּ֗וֹב אֵ֣ת כָּל־הָרָעָ֣ה הַזֹּאת֮ הַבָּ֣אָה עָלָיו֒
וַיָּבֹ֙אוּ֙ אִ֣ישׁ מִמְּקֹמ֔וֹ אֱלִיפַ֤ז הַֽתֵּימָנִי֙ וּבִלְדַּ֣ד הַשּׁוּחִ֔י וְצוֹפַ֖ר
12 הַנַּעֲמָתִ֑י וַיִּוָּעֲד֣וּ יַחְדָּ֔ו לָב֥וֹא לָנֽוּד־ל֖וֹ וּֽלְנַחֲמֽוֹ׃ וַיִּשְׂא֨וּ אֶת־
עֵינֵיהֶ֤ם מֵֽרָחוֹק֙ וְלֹ֣א הִכִּיר֔וּהוּ וַיִּשְׂא֥וּ קוֹלָ֖ם וַיִּבְכּ֑וּ וַֽיִּקְרְעוּ֙
13 אִ֣ישׁ מְעִל֔וֹ וַיִּזְרְק֥וּ עָפָ֛ר עַל־רָאשֵׁיהֶ֖ם הַשָּׁמָֽיְמָה׃ וַיֵּשְׁב֤וּ
אִתּוֹ֙ לָאָ֔רֶץ שִׁבְעַ֥ת יָמִ֖ים וְשִׁבְעַ֣ת לֵיל֑וֹת וְאֵין־דֹּבֵ֤ר אֵלָיו֙
דָּבָ֔ר כִּ֥י רָא֛וּ כִּֽי־גָדַ֥ל הַכְּאֵ֖ב מְאֹֽד׃

## CAP. III. ג

ג

א 2 אַֽחֲרֵי־כֵ֗ן פָּתַ֤ח אִיּוֹב֙ אֶת־פִּ֔יהוּ וַיְקַלֵּ֖ל אֶת־יוֹמֽוֹ׃ וַיַּ֥עַן
3 אִיּ֗וֹב וַיֹּאמַֽר׃ יֹ֣אבַד י֭וֹם אִוָּ֣לֶד בּ֑וֹ וְהַלַּ֥יְלָה אָ֝מַ֗ר הֹ֣רָה גָֽבֶר׃
4 הַיּ֥וֹם הַה֗וּא יְֽהִ֫י־חֹ֥שֶׁךְ אַֽל־יִדְרְשֵׁ֣הוּ אֱל֣וֹהַּ מִמָּ֑עַל וְאַל־
ה תּוֹפַ֖ע עָלָ֣יו נְהָרָֽה׃ יִגְאָלֻ֣הוּ חֹ֭שֶׁךְ וְצַלְמָ֗וֶת תִּשְׁכָּן־עָלָ֥יו
6 עֲנָנָ֑ה יְ֝בַעֲתֻ֗הוּ כִּֽמְרִ֥ירֵי יֽוֹם׃ הַלַּ֥יְלָה הַהוּא֮ יִקָּחֵ֪הוּ אֹ֫פֶל
7 אַל־יִ֭חַדְּ בִּימֵ֣י שָׁנָ֑ה בְּמִסְפַּ֥ר יְ֝רָחִ֗ים אַל־יָבֹֽא׃ הִנֵּ֣ה הַלַּ֣יְלָה
8 הַ֭הוּא יְהִ֣י גַלְמ֑וּד אַל־תָּ֖בֹא רְנָנָ֣ה בֽוֹ׃ יִקְּבֻ֥הוּ אֹרְרֵי־י֑וֹם
9 הָ֝עֲתִידִ֗ים עֹרֵ֥ר לִוְיָתָֽן׃ יֶ֭חְשְׁכוּ כּוֹכְבֵ֣י נִשְׁפּ֑וֹ יְקַו־לְא֥וֹר וָ֝אַ֗יִן
י וְֽאַל־יִ֝רְאֶ֗ה בְּעַפְעַפֵּי־שָֽׁחַר׃ כִּ֣י לֹ֣א סָ֭גַר דַּלְתֵ֣י בִטְנִ֑י וַיַּסְתֵּ֥ר
11 עָ֝מָ֗ל מֵעֵינָֽי׃ לָ֤מָּה לֹּ֣א מֵרֶ֣חֶם אָמ֑וּת מִבֶּ֖טֶן יָצָ֣אתִי וְאֶגְוָֽע׃
12 13 מַ֭דּוּעַ קִדְּמ֣וּנִי בִרְכָּ֑יִם וּמַה־שָּׁ֝דַ֗יִם כִּ֣י אִינָֽק׃ כִּֽי־עַ֭תָּה

שכבתי

בי v. 7. ועד קרי  גי v. 4. 9. פתח באתנח

6 און גאָט האָט געזאָגט צום שטן : „האָסט איהם אין דיינע הענד, אָבער
7 היט נאָר זיין לעבען”. און דער שטן איז אַוועק פון גאָט און אָנגעשיקט
אויף איוב׳ן אַ בייזען אויסשלאַג פון דער זויל פון זיין פוס ביז צום שפּיץ
8 פון זיין קאָפּ. און ער האָט גענומען אַ שערבעל זיך צו קראַצען דערמיט
9 און איז געזעסען אין אַש. און זיין ווייב האָט צו איהם געזאָגט : „נאָך
10 האַלסטו דיך אין דיין פרומקייט ? לעסטער גאָט און שטאַרב !” האָט ער
צו איהר געזאָגט : „דו רעדסט ווי איינע פון די ניעדערטרעכטיגע ; דאָס
גוטע זאָלען מיר יאָ אָננעהמען פון גאָט און דאָס שלעכטע זאָלען מיר ניט
אָננעהמען ?” און אַזוי האָט איוב אַלץ ניט געזינדיגט מיט זיינע ליפּען.
11 און איוב׳ס דריי פריינד האָבען געהערט איבער דעם אונגליק וואָס איז
אויף איהם געקומען, און יעדער איז געקומען פון זיין פּלאַטץ, אליפז דער
תימני און בלדד דער שוחי און צופר דער נעמתי ; און זיי האָבען זיך
אינאיינעם בעראַטהען ווי אַזוי צו קומען איהם בעדויערען און טרייסטען.
12 און ווען זיי האָבען פון ווייטען אויפגעהויבען זייערע אויגען, האָבען זיי
איהם ניט דערקענט, האָבען זיי אויפגעהויבען זייערע שטימען און גע־
וויינט און יעדער האָט אויף זיך צוריסען זיין מאַנטעל און זיך געוואָרפען
אַש אויף די קעפּ קעגען הימעל.
13 און זיי האָבען זיך אוועקגעזעצט מיט איהם אויף דער ערד, זיעבען טעג
און זיעבען נעכט, און קיינער האָט צו איהם ניט גערעדט קיין וואָרט, זע־
הענדיג זיין גרויסען וועהטאָג.

## קאַפּיטעל ג

1 דערנאָך האָט איוב געעפענט זיין מויל און געשאָלטען זיין געבורטסטאָג.
2 און איוב האָט אויסגערופען און געזאָגט :
3 „פערלאָרען האָט געזאָלט געהן דער טאָג אין וועלכען איך בין געבאָרען
געוואָרען, און די נאַכט וואָס האָט אָנגעזאָגט : מיט אַ איינגעל טראָגט זי.
4 פינסטער האָט בעדאַרפט זיין יענער טאָג, גאָט פון אויבען האָט ניט
בעדאַרפט פרעגען נאָך איהם און ליכט האָט אויף איהם קיינמאָל ניט בע־
דאַרפט שיינען.
5 פערפלעקען האָט איהם בעדאַרפט די פינסטערניס, דער שאָטען פון טוידט
האָט געזאָלט רוהען אויף איהם, אַ פינסטערער וואָלקען האָט איהם בע־
דאַרפט בעדעקען, ווי די שוואַרצקייט פון טאָג.
6 אַ פינסטערניס האָט בעדאַרפט קומען אויף יענער נאַכט, זי זאָל ניט
אַריינגערעכענט ווערען אין די טעג פון יאָהר, אין דער צאָהל פון מאָנאַ־
טען זאָל זי ניט קומען.
7 אָן איינזאַמע האָט בעדאַרפט זיין יענע נאַכט, קיין געזאַנג זאָל זיך אין
איהר ניט הערען.
8 פערפלוכען זאָלען זיי די פערביטערער פון טאָג, יענע, וואָס זיינען פאַר־
טיג אָנצוהויבען דאָס קלאָג־ליעד.
9 פערפינסטערט האָט געזאָלט ווערען זיין אָבענד־שטערען ; האָפען האָט
ער בעדאַרפט אויף ליכט, וואָס ער זאָל קיינמאָל ניט זעהען אויף די ברע־
מען פון מאָרגען־שטערען.
10 דאָס איז דערפאַר, ווייל ער האָט ניט פערשלאָסען די טראַכט פון מיין
(מוטער׳ס) בויך און מיר ניט פערשפּאָרט אַזוי פיעל צרות.
11 פאַרוואָס בין איך ניט געשטאָרבען אין מוטער־ליב ? פאַרוואָס בין איך
ניט אויסגעגאַנגען ווען איך בין אַרוים פון מיין מוטער׳ס בויך ?
12 פאַרוואָס זיינען די קניען געווען בערייט מיך אויפצונעהמען און צו וואָס
האָב איך נאָך געזויגען די בריסט ?
13 יעצט וואָלט איך שוין געלעגען און גערוהט, געשלאָפען און מיר וואָלט
גרינג געוועז.

שָׁכַבְתִּי וְאֶשְׁקוֹט יָשַׁנְתִּי אָז ׀ יָנוּחַ לִי׃ עִם־מְלָכִים וְיֹעֲצֵי 14
אָרֶץ הַבֹּנִים חֳרָבוֹת לָמוֹ׃ אוֹ עִם־שָׂרִים זָהָב לָהֶם טו
הַמְמַלְאִים בָּתֵּיהֶם כָּסֶף׃ אוֹ כְנֵפֶל טָמוּן לֹא אֶהְיֶה כְּעֹלְלִים 16
לֹא־רָאוּ אוֹר׃ שָׁם רְשָׁעִים חָדְלוּ רֹגֶז וְשָׁם יָנוּחוּ יְגִיעֵי 17
כֹחַ׃ יַחַד אֲסִירִים שַׁאֲנָנוּ לֹא שָׁמְעוּ קוֹל נֹגֵשׂ׃ קָטֹן 18 19
וְגָדוֹל שָׁם הוּא וְעֶבֶד חָפְשִׁי מֵאֲדֹנָיו׃ לָמָּה יִתֵּן לְעָמֵל כ
אוֹר וְחַיִּים לְמָרֵי נָפֶשׁ׃ הַמְחַכִּים לַמָּוֶת וְאֵינֶנּוּ וַיַּחְפְּרֻהוּ 21
מִמַּטְמוֹנִים׃ הַשְּׂמֵחִים אֱלֵי־גִיל יָשִׂישׂוּ כִּי יִמְצְאוּ־קָבֶר׃ 22
לְגֶבֶר אֲשֶׁר־דַּרְכּוֹ נִסְתָּרָה וַיָּסֶךְ אֱלוֹהַּ בַּעֲדוֹ׃ כִּי־לִפְנֵי 23 24
לַחְמִי אַנְחָתִי תָבֹא וַיִּתְּכוּ כַמַּיִם שַׁאֲגֹתָי׃ כִּי פַחַד פָּחַדְתִּי כה
וַיֶּאֱתָיֵנִי וַאֲשֶׁר יָגֹרְתִּי יָבֹא לִי׃ לֹא שָׁלַוְתִּי ׀ וְלֹא־שָׁקַטְתִּי 26
וְלֹא־נָחְתִּי וַיָּבֹא רֹגֶז׃

## Cap. IV. ד

ד

וַיַּעַן אֱלִיפַז הַתֵּימָנִי וַיֹּאמַר׃ הֲנִסָּה דָבָר אֵלֶיךָ תִּלְאֶה א 2
וַעְצֹר בְּמִלִּין מִי יוּכָל׃ הִנֵּה יִסַּרְתָּ רַבִּים וְיָדַיִם רָפוֹת 3
תְּחַזֵּק׃ כּוֹשֵׁל יְקִימוּן מִלֶּיךָ וּבִרְכַּיִם כֹּרְעוֹת תְּאַמֵּץ׃ כִּי 4 ה
עַתָּה ׀ תָּבוֹא אֵלֶיךָ וַתֵּלֶא תִּגַּע עָדֶיךָ וַתִּבָּהֵל׃ הֲלֹא יִרְאָתְךָ 6
כִּסְלָתֶךָ תִּקְוָתְךָ וְתֹם דְּרָכֶיךָ׃ זְכָר־נָא מִי הוּא נָקִי אָבָד 7
וְאֵיפֹה יְשָׁרִים נִכְחָדוּ׃ כַּאֲשֶׁר רָאִיתִי חֹרְשֵׁי אָוֶן וְזֹרְעֵי 8
עָמָל יִקְצְרֻהוּ׃ מִנִּשְׁמַת אֱלוֹהַּ יֹאבֵדוּ וּמֵרוּחַ אַפּוֹ יִכְלוּ׃ 9
שַׁאֲגַת אַרְיֵה וְקוֹל שָׁחַל וְשִׁנֵּי כְפִירִים נִתָּעוּ׃ לַיִשׁ אֹבֵד י 11
מִבְּלִי־טָרֶף וּבְנֵי לָבִיא יִתְפָּרָדוּ׃ וְאֵלַי דָּבָר יְגֻנָּב וַתִּקַּח 12
אָזְנִי שֵׁמֶץ מֶנְהוּ׃ בִּשְׂעִפִּים מֵחֶזְיֹנוֹת לָיְלָה בִּנְפֹל 13
תַּרְדֵּמָה עַל־אֲנָשִׁים׃ פַּחַד קְרָאַנִי וּרְעָדָה וְרֹב עַצְמוֹתַי 14
הִפְחִיד׃ וְרוּחַ עַל־פָּנַי יַחֲלֹף תְּסַמֵּר שַׂעֲרַת בְּשָׂרִי׃ יַעֲמֹד ׀ טו 16
וְלֹא־אַכִּיר מַרְאֵהוּ תְּמוּנָה לְנֶגֶד עֵינָי דְּמָמָה וָקוֹל אֶשְׁמָע׃
הַאֱנוֹשׁ מֵאֱלוֹהַּ יִצְדָּק אִם־מֵעֹשֵׂהוּ יִטְהַר־גָּבֶר׃ הֵן בַּעֲבָדָיו 17 18
לֹא יַאֲמִין וּבְמַלְאָכָיו יָשִׂים תָּהֳלָה׃ אַף ׀ שֹׁכְנֵי בָתֵּי־חֹמֶר 19

14 מיט קעניגע און ראטהגעבער פון דער ערד, וועלכע בויען אויף פאר זיך
15 וויסטעניסען. אדער מיט הארען וואס האבען גאלד, וואס פילען אן
16 זייערע הייזער מיט זילבער. פארוואס בין איך ניט ווי א בעהאלטענער
מפיל, ווי יונגע קינדער וואס האבען קיינמאל ניט געזעהען דאס ליכט ?
17 דארט הערען אויף די בייזע צו שטורמען, און דארט רוהען יענע וואס זיי־
18 נען פערמאטערט. די געפאנגענע רוהען דארט צוזאמען, זיי הערען ניט
19 די שטימע פון בעדריקער. קליין און גרויס זיינען דארט גלייך, און דער
20 קנעכט איז פריי פון זיין הערר. פארוואס גיט ער ליכט דעם פערמאטער־
21 טען און לעבען צום פערביטערטען? יענע וואס האפען אויפ'ן טוידט און
22 ער קומט ניט און זיי גראבען איהם ארויס פון פערבארגענים. יענע וואס
23 פרעהען זיך ביז טריאומף, זיינען לוסטיג ווען זיי געפינען א קבר. צו דעם
מענשען וואס זיין וועג איז בעהאלטען און גאט האט עס פאר איהם אבגע־
24 צאמט. ווייל פאר מיין שטיק ברויט קומט מיין זיפץ, און מיינע גע־
25 שרייען צוגיעסען זיך ווי וואסער. א שרעק האט מיך אנגעכאפט און
מיך אויפגעשוידערט. און פארוואס איך האב פורכט געהאט איז געקומען.
26 איך האב ניט געראסט, און ניט גערוהט, און ניט אבגעאטהעמט, און פער־
דרוס איז געקומען.

## קאפיטעל ד

1 און אליפז דער תימני האט געענטפערט און געזאגט :
2 איך וויים, אז רעדען צו דיר וועט דיך פערמאטערען, אבער ווער קען זיך
3 איינהאלטען און ניט רעדען ? האסט פיעלע געשטראפט מיט רייד און
4 שוואכע הענד האסטו געשטארקט. געפאלענע האבען דיינע רייד אויפ־
5 געהויבען און געבויגענע קניען האסטו געקרעפטיגט. יעצט, ווען עס קומט
צו דיר אליין, ווערסטו פערמאטערט, אז עס בעריהרט דיך, שוידערסטו
6 אויף. ליעגט אין דיין פורכט דיין פערטרויען, דיין האפנונג אין עהרלי־
7 כע וועגען? דערמאהן זיך נאר, וואו איז ערגעץ געוועזן אן אונשולדיגער
וואס איז פערלארען געגאנגען, און וואו האבען זיך געפונען גערעכטע,
8 וועלכע זיינען פערטיליגט געווארען. לויט ווי איך האב געזעהען, איז
יענע וועלכע האבען פעראקערט אונרעכט און פערזעעט פערדארבענהייט,
9 האבען זיי דאס טאקע אבגעשניטען. פערלארען געגאנגען זיינען זיי פון
גאט'ס הויך און פון דעם בלאז פון זיין נאז זיינען זיי צושטערט געווארען.
10 דער געשריי פון לייב, די שטימע פון לעאפארד און די צייהן פון קליינע
11 לייבלאך, זיינען צובראכען. דער לייב געהט ארויס אהן עסען און די
12 קינדער פון דער לייבין ווערען צושפרייט. און צו מיר גנב'עט זיך אריין
13 א ווארט, מיין אויער האט עפעס געהערט דערפון. אין די געדאנקען און
14 פאנטאזיען פון דער נאכט ווען שלאף פאלט אויפ'ן מענשען האט מיך
א שרעק אויפגעריסען, א ציטערניס, אלע מיינע ביינער האבען אויפגע־
שוידערט.
15 און א גייסט שוועבט פארביי, די האאר פון מיין לייב שטעלען זיך קא־
פויר.
16 ער בלייבט שטעהען, אבער איך דערקען ניט זיין געשטאלט, בלויז א
בילד שטעהט פאר מיינע אויגען. עס איז שטיל און איך הער א שטימע.
17 „קען א מענש זיין גערעכטער ווי גאט, קען ער זיין ריינער ווי זיין בע־
שעפער ?
18 ער גלויבט זאגאר ניט אין זיינע קנעכט און אין זיינע מלאכים געפינט
ער פעהלערען.
19 היינט וואס זאל איך זיין מיט יענע וואס וואהנען אין ערדענע הייזלאך,
וועמעס פונדאמענט איז שטויב און וואס ווערען צושטויסען פון מאיל,

כ אֲשֶׁר־בֶּעָפָר יְסוֹדָם יְדַכְּאוּם לִפְנֵי־עָשׁ׃ מִבֹּקֶר לָעֶרֶב
21 יֻכַּתּוּ מִבְּלִי מֵשִׂים לָנֶצַח יֹאבֵדוּ׃ הֲלֹא־נִסַּע יִתְרָם בָּם
יָמוּתוּ וְלֹא בְחָכְמָה׃

## Cap. V. ה

ה
2 א קְרָא־נָא הֲיֵשׁ עוֹנֶךָּ וְאֶל־מִי מִקְּדֹשִׁים תִּפְנֶה׃ כִּי לֶאֱוִיל
3 יַהֲרָג־כָּעַשׂ וּפֹתֶה תָּמִית קִנְאָה׃ אֲנִי רָאִיתִי אֱוִיל מַשְׁרִישׁ
4 וָאֶקּוֹב נָוֵהוּ פִתְאֹם׃ יִרְחֲקוּ בָנָיו מִיֶּשַׁע וְיִדַּכְּאוּ בַשַּׁעַר
ה וְאֵין מַצִּיל׃ אֲשֶׁר קְצִירוֹ ׀ רָעֵב יֹאכֵל וְאֶל־מִצִּנִּים יִקָּחֵהוּ
6 וְשָׁאַף צַמִּים חֵילָם׃ כִּי ׀ לֹא־יֵצֵא מֵעָפָר אָוֶן וּמֵאֲדָמָה
7 לֹא־יִצְמַח עָמָל׃ כִּי אָדָם לְעָמָל יוּלָּד וּבְנֵי רֶשֶׁף יַגְבִּיהוּ
8 עוּף׃ אוּלָם אֲנִי אֶדְרֹשׁ אֶל־אֵל וְאֶל־אֱלֹהִים אָשִׂים
9 דִּבְרָתִי׃ עֹשֶׂה גְדֹלוֹת וְאֵין חֵקֶר נִפְלָאוֹת עַד־אֵין מִסְפָּר׃
י הַנֹּתֵן מָטָר עַל־פְּנֵי אָרֶץ וְשֹׁלֵחַ מַיִם עַל־פְּנֵי חוּצוֹת׃
11 12 לָשׂוּם שְׁפָלִים לְמָרוֹם וְקֹדְרִים שָׂגְבוּ יֶשַׁע׃ מֵפֵר מַחְשְׁבוֹת
13 עֲרוּמִים וְלֹא־תַעֲשֶׂינָה יְדֵיהֶם תּוּשִׁיָּה׃ לֹכֵד חֲכָמִים בְּעָרְמָם
14 וַעֲצַת נִפְתָּלִים נִמְהָרָה׃ יוֹמָם יְפַגְּשׁוּ־חֹשֶׁךְ וְכַלַּיְלָה
טו יְמַשְׁשׁוּ בַצָּהֳרָיִם׃ וַיֹּשַׁע מֵחֶרֶב מִפִּיהֶם וּמִיַּד חָזָק אֶבְיוֹן׃
16 17 וַתְּהִי לַדַּל תִּקְוָה וְעֹלָתָה קָפְצָה פִּיהָ׃ הִנֵּה אַשְׁרֵי אֱנוֹשׁ
18 יוֹכִחֶנּוּ אֱלוֹהַּ וּמוּסַר שַׁדַּי אַל־תִּמְאָס׃ כִּי הוּא יַכְאִיב
19 וְיֶחְבָּשׁ יִמְחַץ וְיָדָו תִּרְפֶּינָה׃ בְּשֵׁשׁ צָרוֹת יַצִּילֶךָּ וּבְשֶׁבַע
כ לֹא־יִגַּע בְּךָ רָע׃ בְּרָעָב פָּדְךָ מִמָּוֶת וּבְמִלְחָמָה מִידֵי
21 חָרֶב׃ בְּשׁוֹט לָשׁוֹן תֵּחָבֵא וְלֹא־תִירָא מִשֹּׁד כִּי יָבוֹא׃
22 23 לְשֹׁד וּלְכָפָן תִּשְׂחָק וּמֵחַיַּת הָאָרֶץ אַל־תִּירָא׃ כִּי עִם־
24 אַבְנֵי הַשָּׂדֶה בְרִיתֶךָ וְחַיַּת הַשָּׂדֶה הָשְׁלְמָה־לָךְ׃ וְיָדַעְתָּ
כה כִּי־שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ וּפָקַדְתָּ נָוְךָ וְלֹא תֶחֱטָא׃ וְיָדַעְתָּ כִּי־רַב
26 זַרְעֶךָ וְצֶאֱצָאֶיךָ כְּעֵשֶׂב הָאָרֶץ׃ תָּבוֹא בְכֶלַח אֱלֵי־קָבֶר

כעלות

ד v. 20. פתח באתנח ה v. 7. דגש אחר שורק v. 18. וידיו קרי

20 וואָס ווע־ען צוקלאַפּט פון פריה־מאָרגען ביז צום אבענד, וואָס קיינער
21 אַכטעט ניט אויף זיי, אויף אייביג געהען זיי פערלאָרען. זייער ערפּאה־
רונג איז אַן איבעריגע זאַך, זיי שטאַרבען און אָהן פערשטאַנד”.

## קאַפּיטעל ה

1 רוף נאַר, לאָמיר זעהן ווער עס וועט דיר ענטפערען ? און צו וועמען
2 פון די הייליגע וועסטו זיך ווענדען ? צאָרן הרג'עט דעם נאַר און דעם
3 ניט קלוגען טוידטעט די אייפערזוכט. איך האָב געזעהען אַן איינגעפּונ־
דעווטען נאַר, פון דעסטוועגען האָב איך פּלוצלונג פערפלוכט זיין וואָהנונג.
4 זיינע קינדער ווערען דערווייטערט פון הילף, און פערשטויסען ווייט אוועק
5 צום טהויער, אָהן רעטונג. וואָס ער האָט אָבגעשניטען וועט אויפעסען
דער הונגער און פון צווישען רויבער וועט ער ארויסנעהמען, און באַנדיטען
6 וועלען פערצעהרען זיין פערמעגען. ווייל פון שטויב געהט ניט ארויס
7 קיין געמיינהייט, און פון דער ערד שפּראָצט ניט קיין לומפּעריי. דער
מענש איז געבאָרען געוואָרען זיך צו מאַטערען, פּונקט ווי פונקען וואָס
8 דאַרפען פליהען אַרויף. אָבער איך וועל מיך ווענדען צו גאָט אַליין וועל
9 איך פאָרלעגען מיינע טענות. ער טהוט אויף גרויסע זאכען וואָס זיינען
10 ניט צום אויספאָרשען, וואונדער מאַכט ער אָהן אַ צאָהל. ער שיקט דעם
11 רעגען אויף דער ערד און שליידערט וואַסער אין די גאַסען, ניעדעריגע
הויבט ער אויף אין דער הויך, און איינגעבויגענע ווערען דערהויבען דורך
12 זיין הילף. ער צושטערט די געדאַנקען פון די איבערשפּיציגע, אום עס
13 זאָל ניט געלינגען זייערע הענד. ער פאַנגט קלוגע ביי זייער גלוסטיגקייט
און דער ראַטה פון פערדאָרבענע קומט אַרויס איבעראייַלט.
14 ביי טאָג בעגעגענען זיי פינסטערנים און ווי ביי נאַכט טאַפּען זיי אין
מיטען טאָג.
15 און ער ראַטעוועט פון זייער שווערדען־מויל און ער בעשיצט דעם אָרע־
מאַן פון שטאַרקען'ס האַנד.
16 און דער נויטהבעדערפטיגער קריעגט האָפנונג און לומפּעריי שליעסט דאָס
מויל.
17 וואויל איז דעם מענשען וועמען גאָט וואַרענט, פעראַכטע ניט די שטראָף
פון אַלמעכטיגען.
18 ער טהוט וועה און היילט, ער פערוואונדעט און זיינע הענד ברענגען אַ
רפואָה.
19 פון זעקס אונגליקען וועט ער דיך ראַטעווען, און ביי דעם זיעבעטען וועט
דיך קיין בייז ניט טרעפען.
20 אין אַ הונגער לייזט ער דיך אויס פון טוידט און אין קריעג ראַטעוועט
ער דיך פון שווערד.
21 דו וועסט זיך בעהאַלטען פאַר דער צונג'ס בייטש און וועסט קיין פורכט
ניט האָבען פאַר'ן אונגליק וואָס וועט קומען.
22 וועסט דיך אויסלאַכען פון רויב און הונגער, און פאַר די חיות פון דער
ערד וועסטו קיין פורכט ניט האָבען.
23 ווייל דעמאָלט האָסטו געשלאָסען אַ בונד מיט די שטיינער פון פעלד
און די חיות פון פעלד האָבען מיט דיר געשלאָסען פריעדען.
24 און דו זאָלסט וויסען, אַז פריעדען איז אין דיין געצעלט, קומען וועסטו
אין דיין וואָהנונג און עס וועט דיר גאָר ניט פעהלען.
25 און דו זאָלסט וויסען, אַז פיעלע זיינען דיינע קינדער און דיינע אָבשטאַ־
מער זיינען ווי דאָס גראָז פון דער ערד.
26 אין הויכען עלטער וועסטו קומען אין גרוב אַריין, אַט פונקט ווי דער גאַר־
בען תבואה אין דער ריכטיגער צייט.

27 כַּעֲלוֹת גָּדִישׁ בְּעִתּוֹ׃ הִנֵּה־זֹאת חֲקַרְנוּהָ כֶּן־הִיא שְׁמָעֶנָּה
וְאַתָּה דַע־לָךְ׃

## ו CAP. VI. ו

א 2 וַיַּעַן אִיּוֹב וַיֹּאמַר׃ לוּ שָׁקוֹל יִשָּׁקֵל כַּעְשִׂי וְהַיָּתִי בְּמֹאזְנַיִם
3 יִשְׂאוּ־יָחַד׃ כִּי־עַתָּה מֵחוֹל יַמִּים יִכְבָּד עַל־כֵּן דְּבָרַי לָעוּ׃
4 כִּי חִצֵּי שַׁדַּי עִמָּדִי אֲשֶׁר חֲמָתָם שֹׁתָה רוּחִי בִּעוּתֵי אֱלוֹהַּ
ה יַעַרְכוּנִי׃ הֲיִנְהַק פֶּרֶא עֲלֵי־דֶשֶׁא אִם יִגְעֶה־שּׁוֹר עַל־
6 בְּלִילוֹ׃ הֲיֵאָכֵל תָּפֵל מִבְּלִי־מֶלַח אִם־יֶשׁ־טַעַם בְּרִיר
7 8 חַלָּמוּת׃ מֵאֲנָה לִנְגּוֹעַ נַפְשִׁי הֵמָּה כִּדְוֵי לַחְמִי׃ מִי־יִתֵּן
9 תָּבוֹא שֶׁאֱלָתִי וְתִקְוָתִי יִתֵּן אֱלוֹהַּ׃ וְיֹאֵל אֱלוֹהַּ וִידַכְּאֵנִי
י יַתֵּר יָדוֹ וִיבַצְּעֵנִי׃ וּתְהִי־עוֹד ׀ נֶחָמָתִי וַאֲסַלְּדָה בְחִילָה
11 לֹא יַחְמוֹל כִּי־לֹא כִחַדְתִּי אִמְרֵי קָדוֹשׁ׃ מַה־כֹּחִי כִּי
12 אֲיַחֵל וּמַה־קִּצִּי כִּי־אַאֲרִיךְ נַפְשִׁי׃ אִם־כֹּחַ אֲבָנִים כֹּחִי
13 אִם־בְּשָׂרִי נָחוּשׁ׃ הַאִם אֵין עֶזְרָתִי בִי וְתוּשִׁיָּה נִדְּחָה מִמֶּנִּי׃
14 טו לַמָּס מֵרֵעֵהוּ חָסֶד וְיִרְאַת שַׁדַּי יַעֲזוֹב׃ אַחַי בָּגְדוּ כְמוֹ־
16 נָחַל כַּאֲפִיק נְחָלִים יַעֲבֹרוּ׃ הַקֹּדְרִים מִנִּי־קָרַח עָלֵימוֹ
17 יִתְעַלֶּם־שָׁלֶג׃ בְּעֵת יְזֹרְבוּ נִצְמָתוּ בְּחֻמּוֹ נִדְעֲכוּ מִמְּקוֹמָם׃
18 19 יִלָּפְתוּ אָרְחוֹת דַּרְכָּם יַעֲלוּ בַתֹּהוּ וְיֹאבֵדוּ׃ הִבִּיטוּ אָרְחוֹת
כ תֵּמָא הֲלִיכֹת שְׁבָא קִוּוּ־לָמוֹ׃ בֹּשׁוּ כִּי־בָטָח בָּאוּ עָדֶיהָ
21 22 וַיֶּחְפָּרוּ׃ כִּי־עַתָּה הֱיִיתֶם לוֹ תִּרְאוּ חֲתַת וַתִּירָאוּ׃ הֲכִי־
23 אָמַרְתִּי הָבוּ לִי וּמִכֹּחֲכֶם שִׁחֲדוּ בַעֲדִי׃ וּמַלְּטוּנִי מִיַּד־צָר
24 וּמִיַּד עָרִיצִים תִּפְדּוּנִי׃ הוֹרוּנִי וַאֲנִי אַחֲרִישׁ וּמַה־שָּׁגִיתִי
כה הָבִינוּ לִי׃ מַה־נִּמְרְצוּ אִמְרֵי־יֹשֶׁר וּמַה־יּוֹכִיחַ הוֹכֵחַ מִכֶּם׃
26 27 הַלְהוֹכַח מִלִּים תַּחְשֹׁבוּ וּלְרוּחַ אִמְרֵי נֹאָשׁ׃ אַף־עַל־יָתוֹם
28 תַּפִּילוּ וְתִכְרוּ עַל־רֵיעֲכֶם׃ וְעַתָּה הוֹאִילוּ פְנוּ־בִי וְעַל־
29 פְּנֵיכֶם אִם־אֲכַזֵּב׃ שֻׁבוּ נָא אַל־תְּהִי עַוְלָה וְשָׁבִי עוֹד צִדְקִי־
ל בָהּ׃ הֲיֵשׁ־בִּלְשׁוֹנִי עַוְלָה אִם־חִכִּי לֹא־יָבִין הַוּוֹת׃

הלא־

ר v. 2. והותי קרי v. 21. בנ״א לא כתיב לו קרי v. 29. ושבו קרי

27 אזוי האָבען מיר דאָס אויסגעפאָרשט, דאָס האָבען מיר געהערט און דו
וויים עס.

## קאַפּיטעל ו

1 און איוב האָט אזוי געענטפערט און געזאָגט :
2 ווען מען זאָל וועגען מיין צאָרן און מיין אונגליק אויף וואָג־שאָלען און
3 דאָס אויפהויבען אויף איין מאָל. וואָלט עס יעצט שווערער געווען ווי
דאָס זאַמד פון מעער, דערפאַר זיינען מיינע רייד צודרעהט.
4 דעם אַלמעכטיגען'ס פּיילען זיינען אין מיר, מיין גייסט טרינקט זייער
5 גיפט, געטליכע שרעקען קעמפּפען מיט מיר. הירזשעט דער עזעל ווען
ער איז אויף דער פּאַשע, אָדער רעוועט דער אָקס איבער זיין עסען ?
6 עסט מען געשמאַקלאָזע שפּייזען אָהן זאַלץ, אָדער איז דאָ עפּעס א גע־
7 מאַק אין ווייסעל פון אן איי ? וואָס מיין זעעלע האָט א מאָל ניט גע־
וואָלט בעריהרען איז יעצט געוואָרען מיין ברויט מיט וועהטאָגען.
8 הלואי זאָל ערפיעלט ווערען מיין פאָדערונג, הלואי זאָל גאָט נאָכגעבען
9 מיין האָפנונג. און זאָל ער נאָר וועלען מיך צודריקען, אָבלאָזען זאָל ער
10 זיין האַנד האָט מיך צושפּאַלטען. דאָס וואָלט נאָך געווען מיין טרייסט,
אין שמערץ וואָלט איך געטאַנצט ווען ער זאָל קיין מיטלייד ניט האָבען,
11 וויל איך האָב דאָך ניט פערלייקענט קיינע הייליגע רייד. וואָס פאַר
א קראַפט האָב איך נאָך צו האָפען, און וואָס קען זיין מיין ענדע פון נאָך
12 מעהר לעבען ? ווען מיין קראַפט וואָלט געווען די קראַפט פון שטיינער,
13 ווען מיין פלייש זאָל זיין פון קופּער. איז פאַר מיר קיין הילף שוין
14 ניטאָ, רעטונג איז ווייט פון מיר. פריינד דאַרפען מיטלייד האָבען
אויף'ן ליידענדען ווען ער פערליערט די מורא פאַר'ן אַלמעכטיגען.
15 מיינע ברידער זיינען צו מיר פאַלש ווי דער טייך, ווי א שטראָם פון פלו־
16 סען לויפען זיי פאַראיבער. וואָס ווערען איינגעבויגען פון אייז, וועמען
17 דער שנעע דעקט צו. ווען זיי ווערען אויפגעוואַרעמט פערשווינדען זיי,
18 פון דער היטץ ווערען זיי פערשטויסען פון פּלאַטץ. זייערע וועגען
19 שלענגלען זיך, זיי פערבלאָנדזשען און ווערען פערלאָרען. די קאַראַוואַ־
נען פון תימא האָבען זיי ארויסגעקוקט, די וואַנדערענדע פון שבא האָבען
20 אויף זיי געוואַרט. געשעהמט האָבען זיי זיך פאַר זייער צוטרויען,
קומענדיג אַהין זיינען זיי געוואָרען צו שאַנד.
21 אָט דאָס איז געוואָרען פון אייך, אזוי גיך ווי איהר האָט געזעהען דעם
אונגליק, האָט איהר אויפגעשוידערט.
22 האָב איך דען געזאָגט : גיט מיר עפּעס ! איהר זאָלט עמיצען אונטער־
קויפען מיט אייער פערמעגען פון מיינעטוועגען ?
23 און איהר זאָלט מיך ראַטעווען פון פיינד'ס האַנד, אָדער מיך אויסלייזען
24 פון טיראַנען ? לעהרענט מיך ווי אזוי, וועל איך שווייגען, וואָס איך
האָב געמאַכט פאַר א פעהלער זאָלט איהר מיר ערקלעהרען.
25 מעכטיג זיינען די רייד פון וואָהרהייט, אָבער וואָס האָט איהר פון מיר
פערלאַנגט ?
26 רעכענט איהר מיט ווערטער מיך צו איבערצייגען און די רייד פון א
פערצווייפעלטען גייסט זיינען גאָר ניט ?
27 איהר וואָלט ארויפגעפאַלען זאָגאַר אויף א יתום, אונטערגעגראָבען וואָלט
איהר אייער בעסטען פריינד.
28 און יעצט, קוקט נאָר צו מיר, זאָג איך ליגען ?
29 בעטראַכט נאָר גוט, זאָל קיין אונרעכט ניט געשעהען, בעטראַכט נאָך א
מאָל וועט איהר זעהען אז איך האָב רעכט.
30 ליעגט עפּעס א פאַלשקייט אויף מיין צונג ? בעטראַכט ניט מיין גומען
וואָס עס דייסט א פערברעכען ?

## CAP. VII. ז

2 א הֲלֹא־צָבָא לֶאֱנוֹשׁ עֲלֵי־אָרֶץ וְכִימֵי שָׂכִיר יָמָיו׃ כְּעֶבֶד
3 יִשְׁאַף־צֵל וּכְשָׂכִיר יְקַוֶּה פָעֳלוֹ׃ כֵּן הָנְחַלְתִּי לִי יַרְחֵי־
4 שָׁוְא וְלֵילוֹת עָמָל מִנּוּ־לִי׃ אִם־שָׁכַבְתִּי וְאָמַרְתִּי מָתַי אָקוּם
ה וּמִדַּד־עָרֶב וְשָׂבַעְתִּי נְדֻדִים עֲדֵי־נָשֶׁף׃ לָבַשׁ בְּשָׂרִי רִמָּה
6 וְגִישׁ עָפָר עוֹרִי רָגַע וַיִּמָּאֵס׃ יָמַי קַלּוּ מִנִּי־אָרֶג וַיִּכְלוּ
7 בְּאֶפֶס תִּקְוָה׃ זְכֹר כִּי־רוּחַ חַיָּי לֹא־תָשׁוּב עֵינִי לִרְאוֹת
8 9 טוֹב׃ לֹא־תְשׁוּרֵנִי עֵין רֹאִי עֵינֶיךָ בִּי וְאֵינֶנִּי׃ כָּלָה עָנָן
י וַיֵּלַךְ כֵּן יוֹרֵד שְׁאוֹל לֹא יַעֲלֶה׃ לֹא־יָשׁוּב עוֹד לְבֵיתוֹ וְלֹא־
11 יַכִּירֶנּוּ עוֹד מְקֹמוֹ׃ גַּם־אֲנִי לֹא אֶחֱשָׂךְ־פִּי אֲדַבְּרָה בְּצַר
12 רוּחִי אָשִׂיחָה בְּמַר נַפְשִׁי׃ הֲיָם־אָנִי אִם־תַּנִּין כִּי־תָשִׂים
13 עָלַי מִשְׁמָר׃ כִּי־אָמַרְתִּי תְּנַחֲמֵנִי עַרְשִׂי יִשָּׂא בְשִׂיחִי
14 טו מִשְׁכָּבִי׃ וְחִתַּתַּנִי בַחֲלֹמוֹת וּמֵחֶזְיֹנוֹת תְּבַעֲתַנִּי׃ וַתִּבְחַר
16 מַחֲנָק נַפְשִׁי מָוֶת מֵעַצְמוֹתָי׃ מָאַסְתִּי לֹא־לְעֹלָם אֶחְיֶה
17 חֲדַל מִמֶּנִּי כִּי־הֶבֶל יָמָי׃ מָה־אֱנוֹשׁ כִּי תְגַדְּלֶנּוּ וְכִי־תָשִׁית
18 19 אֵלָיו לִבֶּךָ׃ וַתִּפְקְדֶנּוּ לִבְקָרִים לִרְגָעִים תִּבְחָנֶנּוּ׃ כַּמָּה
כ לֹא־תִשְׁעֶה מִמֶּנִּי לֹא־תַרְפֵּנִי עַד־בִּלְעִי רֻקִּי׃ חָטָאתִי מָה
אֶפְעַל ׀ לָךְ נֹצֵר הָאָדָם לָמָה שַׂמְתַּנִי לְמִפְגָּע לָךְ וָאֶהְיֶה
21 עָלַי לְמַשָּׂא׃ וּמֶה ׀ לֹא־תִשָּׂא פִשְׁעִי וְתַעֲבִיר אֶת־עֲוֺנִי כִּי־
עַתָּה לֶעָפָר אֶשְׁכָּב וְשִׁחֲרְתַּנִי וְאֵינֶנִּי׃

## CAP. VIII. ח

2 א וַיַּעַן בִּלְדַּד הַשּׁוּחִי וַיֹּאמַר׃ עַד־אָן תְּמַלֶּל־אֵלֶּה וְרוּחַ
3 כַּבִּיר אִמְרֵי־פִיךָ׃ הַאֵל יְעַוֵּת מִשְׁפָּט וְאִם־שַׁדַּי יְעַוֵּת־
4 ה צֶדֶק׃ אִם־בָּנֶיךָ חָטְאוּ־לוֹ וַיְשַׁלְּחֵם בְּיַד־פִּשְׁעָם׃ אִם־
6 אַתָּה תְּשַׁחֵר אֶל־אֵל וְאֶל־שַׁדַּי תִּתְחַנָּן׃ אִם־זַךְ וְיָשָׁר
7 אָתָּה כִּי־עַתָּה יָעִיר עָלֶיךָ וְשִׁלַּם נְוַת צִדְקֶךָ׃ וְהָיָה
8 רֵאשִׁיתְךָ מִצְעָר וְאַחֲרִיתְךָ יִשְׂגֶּה מְאֹד׃ כִּי־שְׁאַל־נָא

לדר

ק v. 1. עלי קרי   v. 5. גי׳ זעירא וגוש קרי   v. 9 פתח באתנח   v. 14. פתח בסוף   v. 20. רפה ומלעיל

## קאָפּיטעל ז

1 דער מענש האָט אַ בעשטימטע צייט אויף דער ערד, זיינע טעג זיינען
2 ווי פון אַ געדונגענעם ארבייטער. ווי אַ קנעכט שמאַכט ער נאָך אַביסעל
3 שאָטען און ווי אַ געדונגענער האָפט ער פאַר זיין לוין. אַט אַזוי האָב
איך אויך געקריגען מאָנאַטען פון ליידען און נעכט פון מאַטערנים זיינען
4 מיר צוגעטהיילט געוואָרען. ווען איך לעג מיך פרעג איך : ווען וועל
איך אויפשטעהען און ווען ווערט פערשווינדען די נאַכט ?" און שלייר־
5 דערענדיג פערמאַטער איך זיך ביז שפּעט. מיין פלייש איז בעקליידעט
מיט ווערים און שטיקער ערד, מיין הויט איז צורעדעלט און עקעלהאַפט.
6 מיינע טעג פערשווינדען שנעלער ווי דאָס דרעהען פון וועב־רעדעל, זיי
7 לאָזען זיך אויס אָהן האָפנונג. געדענקט אַז מיין לעבען איז בלויז אַ
8 ווינד, מיין אויג ווערט ניט זעהן נאָך אַ מאָל קיין גוטעס. דאָס אויג וואָס
זעהט מיך יעצט ווערט אויף מיר מעהר ניט בליקען, דיינע אויגען וועלען
9 קוקען אויף מיר און איך וועל שוין ניט זיין. ווי אַ וואָלקען פערשווינדט
און פערגעהט, אַזוי איז דער וואָס געהט אריין אין גרוב קומט מעהר ניט
10 ארויס. ער קעהרט מעהר ניט צוריק אין זיין הויז, און זאָגאַר זיין
11 פּלאַטץ וואָלט איהם ניט דערקענט. אויך איך וועל ניט פערמיידען מיין
מויל, איך וועל רעדען ווען מיין געמיטה טרינקט מיך, איך וועל וויינען
12 מיט מיין פערביטערטע זעעלע. בין איך דען אַ ים אָדער אַ וואַלפיש,
13 אַז מען זאָל שטעלען אַ וואַך ארום מיר ? געטראַכט האָב איך, אַז מיין
גאָט ווערט מיך טרייסטען, מיין שמערץ ווערט געטראָגען ווערען פון מיין
14 געלעגער. און דערשראָקען האָסטו מיך מיט טרוימען, מיט פאַנטאַזיעס
15 האָסטו מיך געשווידערט. און איך קלייב בעסער אויס דערוואָרגען
צו ווערען און שטאַרבען ווי צו דערהאַלטען מיינע ביינער.
16 עס עקעלט מיך, איך וועל דאָך סיי ווי סיי ניט לעבען אייביג. לאָזט מיך
17 צורוה, ווייל נאַרישקייט איז מיין לעבען. וואָס איז דער גאַנצער מענש
ווען דו מאַכסט איהם גרויס ? שענקסטו איהם דען אויפמערקזאַמקייט ?
18 און בלויז צייטענווייז בעזוכסטו איהם, אַמאָל אינטערעסירסטו זיך מיט
19 איהם. ביז ווי לאַנג ווערסטו מיר ניט אָבלאָזען, ערלויב מיר כאָטש
ארונטער שלינגען מיין שפּייעכץ.
20 אמת, איך האָב געזינדיגט, וואָס'זשע זאָל איך דיר טהאָן, דו בעשעפער
פון מענשען ? פאַרוואָס האָסטו מיך געמאַכט צו ווערען דיין געגנער
און מיר אַליין זאָל איך ווערען אַ לאַסט ?
21 פאַרוואָס פערגיעבסטו ניט מיינע זינד, און פאַרוואָס מאַכסטו ניט קיין
ענדע פון מיין פערברעכען ? וואָלט איך יעצט שוין געלעגען אין דער
ערד ; דו וואָלסט מיך געזוכט און איך וואָלט ניט געוועזן.

## קאָפּיטעל ח

1 און בלדד דער שוחי האָט געענטפערט און געזאָגט :
2 ביז ווי לאַנג נאָך ווערסטו אַזוי רעדען און די רייד פון דיין מויל וועלען זיין
ווי אַ שטאַרקער שטורעם ?
3 גלויבסטו אַז גאָט קען פערדרעהען אן אורטהייל, און דער אַלמעכטיגער
4 זאָל פערקרימען די גערעכטיגקייט. אויב דיינע קינדער האָבען גע־
זינדיגט, האָט ער זיי אוועקגעשיקט פאַר זייער זינד.
5 ווען דו ווערסט דיך אָבער ווענדען צו גאָט און זיך בעטען ביין אַלמעכטיגען.
6 אויב דו ביזט נאָר ריין און זויבער, וואָלט ער שוין געוואַכט איבער דיר
7 און צוריקגעגעבען דיין גערעכטע וואָהנונג. און אויב דער אָנפאַנג
וואָלט זאָגאַר געמעגט זיין קליין, די ענדע אָבער — זעהר גרויס.
8 פרעג זיך נאָך ביי דעם פריהערדיגען דור, בעטראַכט די אויספאָרשונג
פון זיינע עלטערן.

9 לְדֹר רִאשׁוֹן וְכוֹנֵן לְחֵקֶר אֲבוֹתָם׃ כִּי־תְמוֹל אֲנַחְנוּ וְלֹא
י נֵדָע כִּי צֵל יָמֵינוּ עֲלֵי־אָרֶץ׃ הֲלֹא־הֵם יוֹרוּךָ יֹאמְרוּ לָךְ
11 וּמִלִּבָּם יוֹצִאוּ מִלִּים׃ הֲיִגְאֶה־גֹּמֶא בְּלֹא בִצָּה יִשְׂגֶּה־
12 אָחוּ בְלִי־מָיִם׃ עֹדֶנּוּ בְאִבּוֹ לֹא יִקָּטֵף וְלִפְנֵי כָל־חָצִיר
13 יִיבָשׁ׃ כֵּן אָרְחוֹת כָּל־שֹׁכְחֵי אֵל וְתִקְוַת חָנֵף תֹּאבֵד׃
14 טו אֲשֶׁר־יָקוֹט כִּסְלוֹ וּבֵית עַכָּבִישׁ מִבְטַחוֹ׃ יִשָּׁעֵן עַל־בֵּיתוֹ
16 וְלֹא יַעֲמֹד יַחֲזִיק בּוֹ וְלֹא יָקוּם׃ רָטֹב הוּא לִפְנֵי־שָׁמֶשׁ
17 וְעַל־גַּנָּתוֹ יֹנַקְתּוֹ תֵצֵא׃ עַל־גַּל שָׁרָשָׁיו יְסֻבָּכוּ בֵּית
18 אֲבָנִים יֶחֱזֶה׃ אִם־יְבַלְּעֶנּוּ מִמְּקוֹמוֹ וְכִחֶשׁ בּוֹ לֹא רְאִיתִיךָ׃
19 כ הֶן־הוּא מְשׂוֹשׂ דַּרְכּוֹ וּמֵעָפָר אַחֵר יִצְמָחוּ׃ הֶן־אֵל לֹא
21 יִמְאַס־תָּם וְלֹא יַחֲזִיק בְּיַד־מְרֵעִים׃ עַד־יְמַלֵּה שְׂחוֹק
22 פִּיךָ וּשְׂפָתֶיךָ תְרוּעָה׃ שֹׂנְאֶיךָ יִלְבְּשׁוּ־בֹשֶׁת וְאֹהֶל
רְשָׁעִים אֵינֶנּוּ׃

## ט CAP. IX. ט

2 א וַיַּעַן אִיּוֹב וַיֹּאמַר׃ אָמְנָם יָדַעְתִּי כִי־כֵן וּמַה־יִּצְדַּק אֱנוֹשׁ
3 עִם־אֵל׃ אִם־יַחְפֹּץ לָרִיב עִמּוֹ לֹא יַעֲנֶנּוּ אַחַת מִנִּי־אָלֶף׃
4 ה חֲכַם לֵבָב וְאַמִּיץ כֹּחַ מִי־הִקְשָׁה אֵלָיו וַיִּשְׁלָם׃ הַמַּעְתִּיק
6 הָרִים וְלֹא יָדָעוּ אֲשֶׁר הֲפָכָם בְּאַפּוֹ׃ הַמַּרְגִּיז אֶרֶץ
7 מִמְּקוֹמָהּ וְעַמּוּדֶיהָ יִתְפַּלָּצוּן׃ הָאֹמֵר לַחֶרֶס וְלֹא יִזְרָח
8 וּבְעַד כּוֹכָבִים יַחְתֹּם׃ נֹטֶה שָׁמַיִם לְבַדּוֹ וְדוֹרֵךְ עַל־בָּמֳתֵי־
9 י יָם׃ עֹשֶׂה־עָשׁ כְּסִיל וְכִימָה וְחַדְרֵי תֵמָן׃ עֹשֶׂה גְדֹלוֹת
11 עַד־אֵין חֵקֶר וְנִפְלָאוֹת עַד־אֵין מִסְפָּר׃ הֵן יַעֲבֹר עָלַי וְלֹא
12 אֶרְאֶה וְיַחֲלֹף וְלֹא־אָבִין לוֹ׃ הֵן יַחְתֹּף מִי יְשִׁיבֶנּוּ מִי־
13 יֹאמַר אֵלָיו מַה־תַּעֲשֶׂה׃ אֱלוֹהַּ לֹא־יָשִׁיב אַפּוֹ תַּחְתָּו
14 שָׁחֲחוּ עֹזְרֵי רָהַב׃ אַף כִּי־אָנֹכִי אֶעֱנֶנּוּ אֶבְחֲרָה דְבָרַי עִמּוֹ׃
טו 16 אֲשֶׁר אִם־צָדַקְתִּי לֹא אֶעֱנֶה לִמְשֹׁפְטִי אֶתְחַנָּן׃ אִם־קָרָאתִי
17 וַיַּעֲנֵנִי לֹא־אַאֲמִין כִּי־יַאֲזִין קוֹלִי׃ אֲשֶׁר־בִּשְׂעָרָה יְשׁוּפֵנִי

והרבה

ח v. 8 י׳ במקום א׳ v. 21 ה׳ במקום א׳ ט v. 13 תחתו ק׳

9 דען מיר זיינען בלויז פֿון נעכטען דאָ און מיר ווייסען ניט, אַלע אונזערע
10 טעג זיינען ניט מעהר ווי אַ שאָטען אויף דער ערד. זיי וועלען דיך
לעהרנען און דיר דערצעהלען, און פֿון זייערע הערצער וועלען זיי אַרויס־
11 ברענגען ווערטער. קען וואַקסען דער שילף אָהן אַ בלאָטע, קען גאָר
12 ווערען דאָס זומפּ־גראָז אָהן וואַסער ? עס איז נאָך גרין, ניט אָבגע־
13 שניטען, און דאָך ווערט עס פֿערטריקענט פֿאַר יעדען גראָז. דאָס זעלבע
איז מיט אַלע וואָס פֿערגעסען אָן גאָט, די האָפֿנונג פֿון דעם שמייכלער
14 געהט פֿערלאָרען. אָבגעהאַקט ווערען זיינע ערוואַרטונגען, ער פֿערלאָזט
15 זיך אויף אַ שפּין־געוועב. ער שפּאַרט זיך אָן אויף זיין הויז, אָבער ער
קען ניט שטעהען, ער האַלט זיך אָן און קען זיך ניט אויפֿהויבען.
16 פֿול מיט קראַפֿט שטעהט ער פֿאַר דער זונן און איבער דעם גאָרטען צו־
17 שפּרייטען זיך זיינע צווייגען. איבער אַ הויפֿען פֿלעכטען זיך זיינע
18 צווייגען, פֿאַר איהם ווייזט זיך אַ הויז פֿון שטיין. רייסט מען איהם
אַרויס פֿון אָרט, לייקענט מען אין איהם ; „איך האָב דיך קיינמאָל ניט
19 געזעהען". דאָס איז אָבער זיין פֿריידען־וועג, און פֿון אַן אַנדערער ערד־
20 שפּראָצען זיי אַרויס. גאָט פֿעראַכטעט ניט דעם אַנשטענדיגען און ער
21 שטאַרקט ניט די האַנד פֿון פֿערדאַרבענע. דיין מויל וועט נאָך אָנגע־
פֿילט ווערען מיט געלעכטער און דיינע ליפּען מיט טריאומף.
22 דיינע פֿיינדע וועלען זיך אָנקליידען מיט שאַנדע און דאָס געצעלט פֿון
די זינדער וועט פֿערשווינדען.

## קאַפּיטעל ט

1 און איוב האָט געענטפֿערט און געזאָגט :
2 איך האָב געוואוסט אַז אַזוי איז עס און ווי קען ער, אַ מענש, זיין גערעכט
3 קעגען גאָט ? זאָל ער זיך וועלען קריעגען מיט איהם, וועט ער איהם
4 ניט קענען ענטפֿערען איינס פֿון טויזענד. קלוג איז ער אין הארצען, און
שטאַרק אין קראַפֿט, ווער האָט זיך נאָר געשטעלט קעגען איהם און איז
5 אַרויס אַ גאַנצער ? ער רוקט איבער בערג און זיי ווייסען גאָר ניט,
איבערגעקעהרט האָט ער זיי אין צאָרן.
6 ער ציטערט אויף די ערד פֿון איהר אָרט און איהרע זיילען ווערען צו־
טרייסעלט.
7 ער בעפֿעהלט די זונן און זי שיינט ניט, ער פֿערזיגעלט די שטערען.
8 איינער אַליין האָט ער אויסגעצויגען די הימלען און געטרעטען איבער די
9 הויכקייטען פֿון ים. ער האָט געמאַכט דעם שטערען בערי אריאַן,
די זיעבען שטערען און די קווערען פֿון דרום־זייט.
10 ער מאַכט גרויסקייטען ניט צום דערפֿאָרשען, וואונדער אָהן אַ צאָהל.
11 ער געהט פֿאַראיבער נעבען מיר און איך זעה ניט, ער שוועבט פֿאַרביי און
איך פֿערשטעה איהם ניט.
12 ער רייסט אַוועק, ווער קען ביי איהם צוריק פֿאָדערן ? ווער קען איהם זאָ־
גען : „וואָס טהוסטו ?"
13 גאָט ציהט ניט צוריק זיין צאָרן, אונטער איהם ברעכען צוזאַמען די העל־
פֿער פֿון שטאָלץ.
14 וואָס בין איך איהם צו ענטפֿערען ? וואָס פֿאַר אַ רייד קען איך אויס־
קלייבען פֿאַר איהם ?
15 זאָגאַר ווען איך בין גערעכט, טאָהר איך ניט ענטפֿערען. בלויז בעטען קען
איך זיך ביי מיינע ריכטער.
16 ווען איך זאָל רופֿען און ער זאָל מיר ענטפֿערען, וואָלט איך זאָגאַר ניט
געגלויבט, אַז ער האָט דערהערט מיין שטימע.
17 ער, וועלכער האָט מיך פֿעראונגליקט מיט זיין שטורעם און פֿערמעהרט
מיינע וואונדען אומזיסט.

18 וְהִרְבָּה פְצָעַי חִנָּם׃ לֹא־יִתְּנֵנִי הָשֵׁב רוּחִי כִּי יַשְׂבִּעַנִי
19 מַמְּרֹרִים׃ אִם־לְכֹחַ אַמִּיץ הִנֵּה וְאִם־לְמִשְׁפָּט מִי יוֹעִידֵנִי׃
כ 21 אִם־אֶצְדָּק פִּי יַרְשִׁיעֵנִי תָּם אָנִי וַיַּעְקְשֵׁנִי׃ תָּם אָנִי לֹא־
22 אֵדַע נַפְשִׁי אֶמְאַס חַיָּי׃ אַחַת הִיא עַל־כֵּן אָמַרְתִּי תָּם
23 וְרָשָׁע הוּא מְכַלֶּה׃ אִם־שׁוֹט יָמִית פִּתְאֹם לְמַסַּת נְקִיִּם
24 יִלְעָג׃ אֶרֶץ ׀ נִתְּנָה בְיַד־רָשָׁע פְּנֵי־שֹׁפְטֶיהָ יְכַסֶּה אִם־לֹא
כה אֵפוֹא מִי־הוּא׃ וְיָמַי קַלּוּ מִנִּי־רָץ בָּרְחוּ לֹא־רָאוּ טוֹבָה׃
26 27 חָלְפוּ עִם־אֳנִיּוֹת אֵבֶה כְּנֶשֶׁר יָטוּשׂ עֲלֵי־אֹכֶל׃ אִם־אָמְרִי
28 אֶשְׁכְּחָה שִׂיחִי אֶעֶזְבָה פָנַי וְאַבְלִיגָה׃ יָגֹרְתִּי כָל־עַצְּבֹתָי
29 יָדַעְתִּי כִּי־לֹא תְנַקֵּנִי׃ אָנֹכִי אֶרְשָׁע לָמָּה־זֶּה הֶבֶל אִיגָע׃
ל 31 אִם־הִתְרָחַצְתִּי בְמוֹ־שָׁלֶג וַהֲזִכּוֹתִי בְּבֹר כַּפָּי׃ אָז בַּשַּׁחַת
32 תִּטְבְּלֵנִי וְתִעֲבוּנִי שַׂלְמוֹתָי׃ כִּי־לֹא־אִישׁ כָּמֹנִי אֶעֱנֶנּוּ נָבוֹא
33 יַחְדָּו בַּמִּשְׁפָּט׃ לֹא יֵשׁ־בֵּינֵינוּ מוֹכִיחַ יָשֵׁת יָדוֹ עַל־שְׁנֵינוּ׃
34 לה יָסֵר מֵעָלַי שִׁבְטוֹ וְאֵמָתוֹ אַל־תְּבַעֲתַנִּי׃ אֲדַבְּרָה וְלֹא
אִירָאֶנּוּ כִּי־לֹא־כֵן אָנֹכִי עִמָּדִי׃

## CAP. X. י

א נָקְטָה נַפְשִׁי בְּחַיָּי אֶעֶזְבָה עָלַי שִׂיחִי אֲדַבְּרָה בְּמַר נַפְשִׁי׃
2 אֹמַר אֶל־אֱלוֹהַּ אַל־תַּרְשִׁיעֵנִי הוֹדִיעֵנִי עַל־מַה־תְּרִיבֵנִי׃
3 הֲטוֹב לְךָ ׀ כִּי־תַעֲשֹׁק כִּי־תִמְאַס יְגִיעַ כַּפֶּיךָ וְעַל־עֲצַת
4 רְשָׁעִים הוֹפָעְתָּ׃ הַעֵינֵי בָשָׂר לָךְ אִם־כִּרְאוֹת אֱנוֹשׁ תִּרְאֶה׃
ה 6 הֲכִימֵי אֱנוֹשׁ יָמֶיךָ אִם־שְׁנוֹתֶיךָ כִּימֵי גָבֶר׃ כִּי־תְבַקֵּשׁ
7 לַעֲוֹנִי וּלְחַטָּאתִי תִדְרוֹשׁ׃ עַל־דַּעְתְּךָ כִּי־לֹא אֶרְשָׁע וְאֵין
8 מִיָּדְךָ מַצִּיל׃ יָדֶיךָ עִצְּבוּנִי וַיַּעֲשׂוּנִי יַחַד סָבִיב וַתְּבַלְּעֵנִי׃
9 י זְכָר־נָא כִּי־כַחֹמֶר עֲשִׂיתָנִי וְאֶל־עָפָר תְּשִׁיבֵנִי׃ הֲלֹא כֶחָלָב
11 תַּתִּיכֵנִי וְכַגְּבִנָּה תַּקְפִּיאֵנִי׃ עוֹר וּבָשָׂר תַּלְבִּישֵׁנִי וּבַעֲצָמוֹת
12 וְגִידִים תְּשֹׂכְכֵנִי׃ חַיִּים וָחֶסֶד עָשִׂיתָ עִמָּדִי וּפְקֻדָּתְךָ
13 שָׁמְרָה רוּחִי׃ וְאֵלֶּה צָפַנְתָּ בִלְבָבֶךָ יָדַעְתִּי כִּי־זֹאת עִמָּךְ׃

אִם־

ט׳ v 22 פתח באתנח   v. 30 במי קרי   ibid. בב״א במו   v. 34 מ״ר רפ״א   ibid. פתח בס״פ

18 ער לאָזט מיך ניט אָבאָטהעמען, נאָר ער מאַכט מיר זאַט מיט ביטערניס.
19 רעדט איהר פון קראַפט, איז ער דער קרעפטיגער, און ווען איהר רעדט
20 פון געריכט, ווער זאָל זיך פאַר מיר אָננעהמען ? ווען איך זאָל זיין ווי
גערעכט, וועט מיין מויל מיך בעשולדיגען, ווען איך זאָל זיין אונשולדיג
21 וועט מען מיך פערדרעהען. אונשולדיג בין איך, איך ווייס פון גאָר ניט,
22 נאָר מיין זעעלע פער'מיאוס'ט מיר מיין לעבען. עס איז אַלץ דאָסזעלבע,
דערפאַר האָב איך געזאָגט, דעם אונשולדיגען מיט'ן שולדיגען פערדאַרבט
23 ער צוזאַמען. ווען די רוט קען טוידטען פלוצלונג, דאַן שפּאָט מען פון
24 די פערזוכען פון די אונשולדיגע. די ערד איז געגעבען געוואָרען אין די
הענד פון פערברעכער, ער פערדעקט די געזיכטער פון וואַהרע ריכטער,
25 ווען דאָס איז ניט אַזוי, וואָס דען איז עס ? און שנעלער זיינען אַוועק
מיינע טעג ווי דער לויפער, ענטלאָפען זיינען זיי און ניט געזעהען קיין
26 גוטס. אַוועק זיינען זיי ווי די רויבער־שיפלאַך, ווי דער אָדלער וואָס
27 שוועבט אַרונטער אויף זיין מאָהלצייט. ווען איך זאָג : „לאָמיר פערגע־
סען אָן מיינע ליידען, איך וועל אָבלאָזען מיין זויער געזיכט און זיך
28 טרייסטען", האָב איך אָבער מורא פאַר מיינע שמערצען, איך ווייס
29 אַז דו וועסט מיך ניט ריינוואַשען. שולדיג וועל איך סיי ווי סיי בליי
בען וואָס זשע זאָל איך מיך מאַטערען אומזיסט ?
30 ווען איך זאָל מיך וואַשען מיט שנעע און זיך רייניגען מיט זייף.
31 דאַן וואָלסטו מיך אָבגעטונקט אין אַ שמוטציגען גרוב, און אַיינגעריכט
32 מיינע קליידער. איז ער דען אַ מענש ווי איך, איך זאָל איהם קענען
33 אָבענטפערען ? קענען מיר זיך דען ביידע לאָדען ? צווישען אונז איז
ניטאָ קיין פערמיטלער, אויף אונז ביידע וועט קיינער ניט אַרויפלעגען
34 זיין האַנד. לאָז ער נאָר אַוועקנעהמען זיין רוט פון מיר, און זאָל נאָר
35 זיין שרעק מיך ניט אויפציטערען. דעמאָלט וואָלט איך שוין געקענט
רעדען אָהן מורא ; אַזוי אָבער קען איך מיך אַליין ניט געפינען.

## קאַפּיטעל י

1 דאָס לעבען עקעלט מיין זעעלע, איך וועל מיך אָבלאָזען אין מיינע ליידען.
2 איך וועל רעדען מיט פערביטערקייט פון מיין זעעלע. איך זאָג צו
גאָט : בעשולדיג מיך ניט, זאָג מיר פאַרוואָס קריעגסטו זיך מיט מיר.
3 איז דיר גוט, אַז דו בערויבסט, אַז דו פעראַכטעסט די מיה פון דיינע
הענד און אויף דעם ראַטה פון פערברעכער שיינסטו ?
4 האָסטו דען פלייש־אויגען, זעהסטו דען ווי אַ מענש זעהט ?
5 זיינען דיינע טעג ווי די טעג פון אַ מענשען, זיינען דיינע יאָהרען ווי
די טעג פון אַ מענשען ;
6 וואָס דו זוכסט אויף מיינע זינד און פאָרשסט נאָך מיין פערברעכען ?
7 לויט ווי דו ווייסט, בין איך דאָך אונשולדיג, ווייל ווער קען זיך ראַטע־
ווען פון דיין האַנד ?
8 דיינע הענד האָבען מיך געשטאַלטעט און געמאַכט, איניינעם צונויפ־
געשטעלט, און דאָך ווילסטו מיך פערדאַרבען.
9 געדענק נאָר אַז דו האָסט מיר אויסגעקנעטען ווי לעהם און וועסט מיך
אומקעהרען צו שטויב.
10 ווי מילך גיעסטו מיך אויס און ווי קעז פערגליווערסטו מיך.
11 מיט הויט און פלייש האָסטו מיך בעקליידט, מיט ביינער און אָדערען
מיך געוועבט.
12 לעבען און גנאָד האָסטו מיר געגעבען, און דיינע בעפעהלען האָט אָבגע־
היט מיין גייסט.
13 און פון דעסטוועגען האָסטו געהאַלטען עפּעס בעהאַלטען אין דיין האַרצען,
איך ווייס עס, אַז דו האָסט עס געהאַט :

14 טו אִם־חָטָאתִי וּשְׁמַרְתָּנִי וּמֵעֲוֺנִי לֹא תְנַקֵּנִי׃ אִם־רָשַׁעְתִּי
אַלְלַי לִי וְצָדַקְתִּי לֹא־אֶשָּׂא רֹאשִׁי שְׂבַע קָלוֹן וּרְאֵה עָנְיִי׃
16 17 וְיִגְאֶה כַּשַּׁחַל תְּצוּדֵנִי וְתָשֹׁב תִּתְפַּלָּא בִי׃ תְּחַדֵּשׁ עֵדֶיךָ ׀
18 נֶגְדִּי וְתֶרֶב כַּעַשְׂךָ עִמָּדִי חֲלִיפוֹת וְצָבָא עִמִּי׃ וְלָמָּה מֵרֶחֶם
19 הֹצֵאתָנִי אֶגְוַע וְעַיִן לֹא־תִרְאֵנִי׃ כַּאֲשֶׁר לֹא־הָיִיתִי אֶהְיֶה
כ מִבֶּטֶן לַקֶּבֶר אוּבָל׃ הֲלֹא־מְעַט יָמַי *יֶחְדָּל *יָשִׁית מִמֶּנִּי
21 וְאַבְלִיגָה *מְּעָט׃ בְּטֶרֶם אֵלֵךְ וְלֹא אָשׁוּב אֶל־אֶרֶץ חֹשֶׁךְ
22 וְצַלְמָוֶת׃ אֶרֶץ עֵיפָתָה ׀ כְּמוֹ־אֹפֶל צַלְמָוֶת וְלֹא־סְדָרִים
וַתֹּפַע כְּמוֹ־אֹפֶל׃

## יא CAP. XI. יא

א 2 וַיַּעַן צֹפַר הַנַּעֲמָתִי וַיֹּאמַר׃ הֲרֹב דְּבָרִים לֹא יֵעָנֶה וְאִם־
3 אִישׁ שְׂפָתַיִם יִצְדָּק׃ בַּדֶּיךָ מְתִים יַחֲרִישׁוּ וַתִּלְעַג וְאֵין
4 ה מַכְלִם׃ וַתֹּאמֶר זַךְ לִקְחִי וּבַר הָיִיתִי בְעֵינֶיךָ׃ וְאוּלָם
6 מִי־יִתֵּן אֱלוֹהַּ דַּבֵּר וְיִפְתַּח שְׂפָתָיו עִמָּךְ׃ וְיַגֶּד־לְךָ ׀ תַּעֲלֻמוֹת
חָכְמָה כִּי־כִפְלַיִם לְתוּשִׁיָּה וְדַע ׀ כִּי־יַשֶּׁה לְךָ אֱלוֹהַּ מֵעֲוֺנֶךָ׃
7 8 הַחֵקֶר אֱלוֹהַּ תִּמְצָא אִם עַד־תַּכְלִית שַׁדַּי תִּמְצָא׃ גָּבְהֵי
9 שָׁמַיִם מַה־תִּפְעָל עֲמֻקָּה מִשְּׁאוֹל מַה־תֵּדָע׃ אֲרֻכָּה מֵאֶרֶץ
י מִדָּהּ וּרְחָבָה מִנִּי־יָם׃ אִם־יַחֲלֹף וְיַסְגִּיר וְיַקְהִיל וּמִי
11 יְשִׁיבֶנּוּ׃ כִּי־הוּא יָדַע מְתֵי־שָׁוְא וַיַּרְא־אָוֶן וְלֹא יִתְבּוֹנָן׃
12 13 וְאִישׁ נָבוּב יִלָּבֵב וְעַיִר פֶּרֶא אָדָם יִוָּלֵד׃ אִם־אַתָּה הֲכִינוֹתָ
14 לִבֶּךָ וּפָרַשְׂתָּ אֵלָיו כַּפֶּךָ׃ אִם־אָוֶן בְּיָדְךָ הַרְחִיקֵהוּ וְאַל־
טו תַּשְׁכֵּן בְּאֹהָלֶיךָ עַוְלָה׃ כִּי־אָז ׀ תִּשָּׂא פָנֶיךָ מִמּוּם וְהָיִיתָ
16 מֻצָק וְלֹא תִירָא׃ כִּי־אַתָּה עָמָל תִּשְׁכָּח כְּמַיִם עָבְרוּ תִזְכֹּר׃
17 18 וּמִצָּהֳרַיִם יָקוּם חָלֶד תָּעֻפָה כַּבֹּקֶר תִּהְיֶה׃ וּבָטַחְתָּ כִּי־
19 יֵשׁ תִּקְוָה וְחָפַרְתָּ לָבֶטַח תִּשְׁכָּב׃ וְרָבַצְתָּ וְאֵין מַחֲרִיד
כ וְחִלּוּ פָנֶיךָ רַבִּים׃ וְעֵינֵי רְשָׁעִים תִּכְלֶינָה וּמָנוֹס אָבַד מִנְהֶם
וְתִקְוָתָם מַפַּח־נָפֶשׁ׃

ויען

י v. 20. חדל קרי ibid. ושית קרי ibid. כ״א מְעָט

14 אז אויב איך זינדיג וועסטו אויפפאסען און פון מיין שולד וועסטו מיר
ניט ריינוואשען.
15 אויב איך האב פערבראכען, דאן וועה צו מיר, אבער ווען איך בין גערעכט,
זאל איך ניט טהארען אויפהויבען מיין קאפ ? פול מיט שאנדע בין איך,
16 זעה נאר מיין עלענד ! און ברומענדיג רייסטו מיך ווי דער לייב,
17 דאן קעהרסטו זיך אום און וואונדערסט זיך. ברענגסט אלע מאל נייע
בעווייזע קעגען מיר, און פערגרעסערסט דיין צארן צו מיר, שיקסט אן
18 ענדערונגען און ליידען אויף מיר. צו וואס האסטו מיך ארויסגעצויגען
פון מוטער־לייב, פאר וואס בין איך ניט אויסגעגאנגען, אז קיין אויג זאל
19 זאגאר מיך ניט זעהן ? גלייך ווי גאר ניט עקזיסטירט וואלט איך גע־
20 ווען, פון בויך גלייך אין גרוב אריין געפיהרט. וועניג זיינען מיינע טעג,
זאל ער מיר אבלאזען ! זאל ער זיך אבווענדען פון מיר, וועל איך מיך
21 אביסעל טרייסטען. דאס וועט זיין איידער איך געה אוועק זיך ניט
צוריק צו קעהרען, אין א לאנד פון פינסטערנים און טוידטעס שאטען.
22 א לאנד אזוי דונקעל ווי די פינסטערנים פון טוידטעס שאטען, און אהן
ארדנונג, דארט וואו א שיין איז אויך א פינסטערנים.

## קאפיטעל יא

1 און צפר דער נעמתי האט געענטפערט און געזאגט :
2 זאלען פיעל רייד פערבלייבען ניט פערענטפערט ? און זאל דער פלאפ־
3 לער בלייבען גערעכט ? דיינע אויסטראכטונגען מאכען מענשען שוויי־
4 גען, שפאטסט און קיינער שטערט דיר ניט. און זאגסט : ריין איז
5 מיין לעהרע, לויטער בין איך אין דיינע אויגען. אבער ווען גאט זאל
6 רעדען און ער זאל עפענען זיינע ליפען קעגען דיר. ער וואלט דיר דער־
צעהלט די געהיימניסע פון קלוגהייט, ווייל צווייפאכיג איז דער פער־
שטאנד, און וויסען זאלסטו, אז גאט רעכענט ניט פיעלע פון דיינע זינד.
7 ווילסטו דערפארשען די גאטהייט ? ווילסטו אויסגעפינען דעם צוועק פון
אלמעכטיגען ?
8 וואס קענסטו אויפטהאן אין די הויכקייטען פון הימעל, וואס ווייסטו אי־
בער דער טיעפקייט פון דער אונטער־וועלט ?
9 לענגער יוי די ערד איז די מעסטונג, אויך ברייטער פון ים.
10 ער שוועבט פארביי און פערשליעסט, ער זאמעלט צונויף און ווער קען
איהם שטערען ?
11 ער קען די פאלשע מענשען, ער דערזעהט אונרעכט, ניט פיעל בעטראכ־
טענדיג.
12 און דער לעדיג־געהער איז הארצלאז, ווי א יונגער עזעל אזוי ווערט געבוי־
13 רען דער מענש. אויב דו האסט פארברייטעט דיין הארץ, דאן
14 שפרייט אוים דיינע הענד צו איהם. אויב אונרעכט געפינט זיך אין
דיינע הענד, דערווייטער עס פון דיר, זאל אין דיין געצעלט ניט זיין
15 קיין אונרעכט. דאן וועסטו קענען אויפהויבען דיין קאפ, אהן פעהלער,
דאן וועסט שטעהן פעסט אהן שרעק.
16 פערגעסען וועסטו אן דיינע ליידען, ווי פארבייגעגאנגענע וואסערען וועסטו
זיי געדענקען.
17 און שעהנער ווי אין מיטען טאג וועט פאר דיר שיינען די וועלט, אלעס
וועט פאראיבער און עס וועט זיין ווי פריה־מארגען.
18 און זיכער וועסטו זיין מיט האפנונג, א גראבען וועסטו מאכען און שלאפען
רוהיג.
19 און רוהיג וועסטו ליעגען אהן שרעק, אנדערע וועלען ציטערען פאר דיר.
20 און די אויגען פון די פערברעכער וועלען אויסגעהן, יעדע רעטונג וועט
פאר זיי זיין פערלארען, און זייער האפנונג בלויז פערצווייפלונג.

## CAP. XII. יב

יב

2 א וַיַּעַן אִיּוֹב וַיֹּאמַר׃ אָמְנָם כִּי אַתֶּם־עָם וְעִמָּכֶם תָּמוּת
3 חָכְמָה׃ גַּם־לִי לֵבָב ׀ כְּמוֹכֶם לֹא־נֹפֵל אָנֹכִי מִכֶּם וְאֶת־
4 מִי־אֵין כְּמוֹ־אֵלֶּה׃ שְׂחֹק לְרֵעֵהוּ ׀ אֶהְיֶה קֹרֵא לֶאֱלוֹהַּ
ה וַיַּעֲנֵהוּ שְׂחוֹק צַדִּיק תָּמִים׃ לַפִּיד בּוּז לְעַשְׁתּוּת שַׁאֲנָן
6 נָכוֹן לְמוֹעֲדֵי רָגֶל׃ יִשְׁלָיוּ אֹהָלִים ׀ לְשֹׁדְדִים וּבַטֻּחוֹת
7 לְמַרְגִּיזֵי אֵל לַאֲשֶׁר הֵבִיא אֱלוֹהַּ בְּיָדוֹ׃ וְאוּלָם שְׁאַל־נָא
8 בְהֵמוֹת וְתֹרֶךָּ וְעוֹף הַשָּׁמַיִם וְיַגֶּד־לָךְ׃ אוֹ שִׂיחַ לָאָרֶץ
9 וְתֹרֶךָּ וִיסַפְּרוּ לְךָ דְּגֵי הַיָּם׃ מִי לֹא־יָדַע בְּכָל־אֵלֶּה כִּי
י יַד־יְהוָה עָשְׂתָה זֹּאת׃ אֲשֶׁר בְּיָדוֹ נֶפֶשׁ כָּל־חָי וְרוּחַ כָּל־
11 בְּשַׂר־אִישׁ׃ הֲלֹא־אֹזֶן מִלִּין תִּבְחָן וְחֵךְ אֹכֶל יִטְעַם־לוֹ׃
12 13 בִּישִׁישִׁים חָכְמָה וְאֹרֶךְ יָמִים תְּבוּנָה׃ עִמּוֹ חָכְמָה וּגְבוּרָה
14 לוֹ עֵצָה וּתְבוּנָה׃ הֵן יַהֲרוֹס וְלֹא יִבָּנֶה יִסְגֹּר עַל־אִישׁ
טו וְלֹא יִפָּתֵחַ׃ הֵן יַעְצֹר בַּמַּיִם וְיִבָשׁוּ וִישַׁלְּחֵם וְיַהַפְכוּ־
16 17 אָרֶץ׃ עִמּוֹ עֹז וְתוּשִׁיָּה לוֹ שֹׁגֵג וּמַשְׁגֶּה׃ מוֹלִיךְ יוֹעֲצִים
18 שׁוֹלָל וְשֹׁפְטִים יְהוֹלֵל׃ מוּסַר מְלָכִים פִּתֵּחַ וַיֶּאְסֹר אֵזוֹר
19 כ בְּמָתְנֵיהֶם׃ מוֹלִיךְ כֹּהֲנִים שׁוֹלָל וְאֵתָנִים יְסַלֵּף׃ מֵסִיר
21 שָׂפָה לְנֶאֱמָנִים וְטַעַם זְקֵנִים יִקָּח׃ שׁוֹפֵךְ בּוּז עַל־נְדִיבִים
22 וּמְזִיחַ אֲפִיקִים רִפָּה׃ מְגַלֶּה עֲמֻקוֹת* מִנִּי־חֹשֶׁךְ וַיֹּצֵא לָאוֹר
23 24 צַלְמָוֶת׃ מַשְׂגִּיא לַגּוֹיִם וַיְאַבְּדֵם שֹׁטֵחַ לַגּוֹיִם וַיַּנְחֵם׃ מֵסִיר
כה לֵב רָאשֵׁי עַם־הָאָרֶץ וַיַּתְעֵם בְּתֹהוּ לֹא־דָרֶךְ׃ יְמַשְׁשׁוּ־
חֹשֶׁךְ וְלֹא־אוֹר וַיַּתְעֵם כַּשִּׁכּוֹר׃

## CAP. XIII. יג

יג

2 א הֵן כֹּל רָאֲתָה עֵינִי שָׁמְעָה אָזְנִי וַתָּבֶן לָהּ׃ כְּדַעְתְּכֶם
3 יָדַעְתִּי גַם־אָנִי לֹא־נֹפֵל אָנֹכִי מִכֶּם׃ אוּלָם אֲנִי אֶל־שַׁדַּי
4 אֲדַבֵּר וְהוֹכֵחַ אֶל־אֵל אֶחְפָּץ׃ וְאוּלָם אַתֶּם טֹפְלֵי־שָׁקֶר
ה רֹפְאֵי אֱלִל כֻּלְּכֶם׃ מִי־יִתֵּן הַחֲרֵשׁ תַּחֲרִישׁוּן וּתְהִי לָכֶם



יב v. 22. בנ״א חק דגושה

## קאַפּיטעל יב

1 און איוב האָט געענטפערט און געזאָגט:
2 ווען אויב בלויז איהר אַליין זייט עס דאָס ריכטיגע פאָלק און מיט אייך
וועט שוין אָבשטאַרבען די קלוגהייט.
3 האָב איך אָבער פונקט אַזאַ האַרץ ווי איהר, איך שטעה גאָר ניט ניעדערי־
גער פון אייך, און ווער האָט ניט נאָך אַזעלכע זאַכען?
4 אַ שפּאָט פאַר מיינע פריינד בין איך, וואָס רופט צו גאָט און ער ענט־
פערט! אַך, צום געלעכטער ווערט דער אונשולדיגער!
5 פעראַכטונג פאַר דעם עלענדען לויט די געדאַנקען פון דעם לעדיג־געהער:
אַלע ליידען זיינען אָנגעברייט פאַר יענעם וואָס גליטשט זיך אויס.
6 די רויבער'ס געצעלטען זיינען רוהיג און זיכער זיינען יענע וואָס ערצער־
7 נען גאָט, יענע וואָס טראָגען גאָט אין דער האַנד. נון, פרעג אָבער נאָך
די בהמות וועלען זי דיך לעהרנען, די פויגעל פון הימעל וועלען עס דיר
8 דערצעהלען. אָדער וועגד דיך צו דער ערד און זי וועט דיך לעהרנען,
9 די פיש פון ים וועלען עס דיר ערצעהלען. ווער וויים עס ניט צווישען
10 יענע אַלע, אַז גאָט'ס האַנד האָט דאָס געטהאָן? אין זיין האַנד איז די
11 זעעלע פון לעבעדיגען און דער גייסט פון יעדען מענשען. דאָס אויער
קען דאָך אונטשיידען ווערטער און דער גומען גיט איבער דעם געשמאַק
12 פון עסען. ביי די עלטערע איז די קלוגהייט, מיט לאַנגע יאָהרען קריעגט
13 מען פערשטאַנד. מיט איהם איז קלוגהייט און שטאַרקייט, מיט איהם
14 איז ראַטה און פערשטאַנד. וואָס ער צושטערט ווערט מעהר ניט גע־
בויט, ווען ער שליעסט אָב אַ מענשען קען מען מעהר ניט עפענען.
15 אויב ער האַלט אויף די וואַסערען, ווערט אַ טריקעניס; ווען ער שיקט
זיי אַרויס, ווערט אַן איבערקעהרעניס אויף דער ערד.
16 מיט איהם איז מאַכט און ראַטה, מיט איהם איז פערפיהרונג און פער־
פיהרטקייט.
17 ער פיהרט אַרונטער פון וועג ראַטהגעבער און צוטומעלט די ריכטער.
18 ער עפענט דעם באַנד פון די קעניגע און ער טהוט אָן אַ גאַרטעל אויף
זיינע לענדען.
19 די פּריעסטער פיהרט ער אַרונטער פון וועג און די מעכטיגע צודרעהט ער.
20 ער נעהמט אָב די שפּראַך פון די באַגלויבטע און רויבט אַוועק דעם גע־
21 שמאַק פון די אַלטע. ער גיעסט אויס שאַנדע אויף פרינצען און ער
22 שוואַכט אָב די מעכטיגע. ער ענטדעקט געהיימניסע פון דער פינס־
טערניס און ער ציהט אַרויס צום ליכט דעם שאָטען פון טוידט.
23 ער מאַכט גרויס פעלקער, דערנאָך צושטערט ער זיי, ער צוזייעט די פעל־
24 קער און פיהרט זיי. ער צודרעהט דעם פערשטאַנד פון די לאַנד־
פיהרער און מאַכט זיי בלאָנדזשען אין אַ וויסטעניס אָהן אַ וועג.
25 זיי טאַפּען אין דער פינסטער וואו עס איז ניטאָ קיין ליכט, און ער מאַכט
זיי בלאָנדזשען ווי אַ שכור.

## קאַפּיטעל יג

1 דאָס אַלעס האָט מיין אויג געזעהען, מיין אויער האָט עס געהערט און פער־
שטאַנען.
2 פונקט ווי איהר ווייסט אַזוי ווייס איך אויך, איך שטעה ניט ניעדריגער פון
אייך.
3 איך אָבער וויל זיך דורכרעדען מיט'ן אַלמעכטיגען, און האָבען אַ דיספּוט
4 מיט גאָט וויל איך. און איהר אָבער פלוידערט ליגענס, פאַלשע דאָק־
טוירים זייט איהר אַלע מיט אַנאַנדער.
5 אַך, ווען איהר וואָלט וועניגסטענס געשוויגען, וואָלט דאָס אייך גערע־
כענט געוואָרען פאַר אַ קלוגהייט.

לְחָכְמָה׃ שִׁמְעוּ־נָא תוֹכַחְתִּי וְרִבוֹת שְׂפָתַי הַקְשִׁיבוּ׃ 6
הֲלָאֵל תְּדַבְּרוּ עַוְלָה וְלוֹ תְּדַבְּרוּ רְמִיָּה׃ הֲפָנָיו תִּשָּׂאוּן 7 8
אִם־לָאֵל תְּרִיבוּן׃ הֲטוֹב כִּי־יַחְקֹר אֶתְכֶם אִם־כְּהָתֵל 9
בֶּאֱנוֹשׁ תְּהָתֵלּוּ בוֹ׃ הוֹכֵחַ יוֹכִיחַ אֶתְכֶם אִם־בַּסֵּתֶר פָּנִים י
תִּשָּׂאוּן׃ הֲלֹא שְׂאֵתוֹ תְּבַעֵת אֶתְכֶם וּפַחְדּוֹ יִפֹּל עֲלֵיכֶם׃ 11
זִכְרֹנֵיכֶם מִשְׁלֵי־אֵפֶר לְגַבֵּי־חֹמֶר גַּבֵּיכֶם׃ הַחֲרִישׁוּ מִמֶּנִּי 12 13
וַאֲדַבְּרָה־אָנִי וְיַעֲבֹר עָלַי מָה׃ עַל־מָה ׀ אֶשָּׂא בְשָׂרִי בְשִׁנָּי 14
וְנַפְשִׁי אָשִׂים בְּכַפִּי׃ הֵן יִקְטְלֵנִי לֹא אֲיַחֵל אַךְ־דְּרָכַי אֶל־ טו
פָּנָיו אוֹכִיחַ׃ גַּם־הוּא־לִי לִישׁוּעָה כִּי־לֹא לְפָנָיו חָנֵף יָבוֹא׃ 16
שִׁמְעוּ שָׁמוֹעַ מִלָּתִי וְאַחֲוָתִי בְּאָזְנֵיכֶם׃ הִנֵּה־נָא עָרַכְתִּי 17 18
מִשְׁפָּט יָדַעְתִּי כִּי־אֲנִי אֶצְדָּק׃ מִי־הוּא יָרִיב עִמָּדִי כִּי־ 19
עַתָּה אַחֲרִישׁ וְאֶגְוָע׃ אַךְ־שְׁתַּיִם אַל־תַּעַשׂ עִמָּדִי אָז מִפָּנֶיךָ כ
לֹא אֶסָּתֵר׃ כַּפְּךָ מֵעָלַי הַרְחַק וְאֵמָתְךָ אַל־תְּבַעֲתַנִּי׃ 21
וּקְרָא וְאָנֹכִי אֶעֱנֶה אוֹ אֲדַבֵּר וַהֲשִׁיבֵנִי׃ כַּמָּה לִי עֲוֺנוֹת 22 23
וְחַטָּאוֹת פִּשְׁעִי וְחַטָּאתִי הֹדִיעֵנִי׃ לָמָּה־פָנֶיךָ תַסְתִּיר 24
וְתַחְשְׁבֵנִי לְאוֹיֵב לָךְ׃ הֶעָלֶה נִדָּף תַּעֲרוֹץ וְאֶת־קַשׁ יָבֵשׁ כה
תִּרְדֹּף׃ כִּי־תִכְתֹּב עָלַי מְרֹרוֹת וְתוֹרִישֵׁנִי עֲוֺנוֹת נְעוּרָי׃ 26
וְתָשֵׂם בַּסַּד ׀ רַגְלַי וְתִשְׁמוֹר כָּל־אָרְחֹתָי עַל־שָׁרְשֵׁי רַגְלַי 27
תִּתְחַקֶּה׃ וְהוּא כְּרָקָב יִבְלֶה כְּבֶגֶד אֲכָלוֹ עָשׁ׃ 28

## יד Cap. XIV. יד

אָדָם יְלוּד אִשָּׁה קְצַר יָמִים וּשְׂבַע־רֹגֶז׃ כְּצִיץ יָצָא וַיִּמָּל א 2
וַיִּבְרַח כַּצֵּל וְלֹא יַעֲמוֹד׃ אַף־עַל־זֶה פָּקַחְתָּ עֵינֶךָ וְאֹתִי 3
תָבִיא בְמִשְׁפָּט עִמָּךְ׃ מִי־יִתֵּן טָהוֹר מִטָּמֵא לֹא אֶחָד׃ 4
אִם־חֲרוּצִים ׀ יָמָיו מִסְפַּר־חֳדָשָׁיו אִתָּךְ חֻקָּו עָשִׂיתָ וְלֹא ה
יַעֲבֹר׃ שְׁעֵה מֵעָלָיו וְיֶחְדָּל עַד־יִרְצֶה כְּשָׂכִיר יוֹמוֹ׃ כִּי 6 7
יֵשׁ לָעֵץ תִּקְוָה אִם־יִכָּרֵת וְעוֹד יַחֲלִיף וְיֹנַקְתּוֹ לֹא תֶחְדָּל׃
אִם־יַזְקִין בָּאָרֶץ שָׁרְשׁוֹ וּבֶעָפָר יָמוּת גִּזְעוֹ׃ מֵרֵיחַ מַיִם 8 9

יפרח

יג v. 9. דגש אחר תיו. v. 15. לו קרי. v. 21. פתח באתנח. ibid. פתח בס״פ. יד v. 5. חקיו קרי

6 הערט נאָר אויס מיין טענה, מיין ליפּען־קאַמפּף בעגרייפט:
7 קענט איהר רעדען צו גאָט אונגערעכטיגקייט, קענט איהר צו איהם רעדען
8 פאַלשקייטען? ווילט איהר זיך פאַר איהם אונטערלעגען, אָדער ווילט
9 איהר זיך קריעגען מיט איהם. וועט עס זיין גוט ווען ער וועט אייך אונ־
טערזוכען? קענט איהר איהם אָבנאַרען ווי איהר נאַרט אַ מענשען?
10 ער וועט זיך אָב. עכענען מיט אייך אויב איהר וועט זיך אונטערלעגען פאַר
11 איהם און אין געהיים מיינען אַנדערש. זיין געוואַלטיגקייט וועט אייך
12 אויפשוידערען, און זיין שרעק וועט פאַלען אויף אייך. אַלע אייערע
ערֹאינערונגען זיינען בלויז משלים פון אַש, אַלע אייערע הויכע פּאַלאַצען
13 זיינען ניט מעהר ווי לעהם. שווייגט בעסער, לאָמיך רעדען, זאָל זיין
14 וואָס עס וויל. פאַרוואָס זאָל איך פערבייסען מיט מיינע צייהן און
15 איינשטעלען מיין לעבען? ווען ער זאָל מיך זאָגאַר טוידטען, וועל איך
אַלץ בליקען צו איהם. אָבער וואָס עס אַנבעלאַנגט מיין אויפפיהרונג, וועל
16 איך מיך מיט איהם אויס'טענה'ען. ער וועט מיך אויך העלפען, ווייל
17 ער האָט פיינד שמייכלערייען. הערט נאָר אויס מיינע רייד, מיין פאַר־
18 טראַג זאָל אייך אַריין אין די אויערען. איך האָב שוין פאַרגעלעגט דעם
גאַנצען פּראָצעס, איך ווייס אַז איך וועל אַרויס דער גערעכטער.
19 ווער עס זאָל זיך מיט מיר ניט קריעגען, ווייס איך, אַז אויב איך וועל
20 שווייגען וועל איך אויסגעהען. בלויז צוויי זאַכען זאָלסטו מיט מיר ניט
21 טהאָן, דאַן וועל איך מיך פאַר דיר ניט בעהאַלטען. נעהם אַוועק דיין
22 האַנד פון מיר און דיין שרעק זאָל מיר ניט אויפציטערען. רוף, איך וועל
ענטפערען, אָדער איך וועל רעדען און דו וועסט מיר ענטפערען.
23 וויפיעלע זיינען עס מיינע זינד און פערברעכען? לאָמיך וויסען מיינע
24 פעהלער אין מיינע איבערטרייבונגען? פאַרוואָס בעהאַלטסטו דיין גע־
25 זיכט, פאַרוואָס רעכענסטו מיך פאַר דיין פיינד? ווילסט צושמעטערען
אַ פערשטויסענעם בלאַט, פערפאָלגען אַ טרוקענעם שטרוי?
26 וואָס שרייבסטו אָן אויף מיר ביטערקייטען און לעגסט אויף מיר אָן
27 יוגענד זינד? און מיין פוס האָסטו אַריינגעלעגט אין אַ קלאָטץ און
היטסט אַלע מיינע וועגען; מיינע פוס־טריט פאַרשסטו נאָך.
28 און איך צופאַל ווי אַ פערפוילטע זאַך, ווי אַ קלייד וועמען עס האָט אויפ־
געגעסען דער מאָיל.

## קאַפּיטעל יד

1 דער מענש געבוירען פון אַ פרוי, האָט קורצע יאָהרען און איז זאַט מיט
ערגערנים.
2 ווי אַ גרעזעל שפּראָצט ער אַרויס און פערוועלקט, און ער ענטלויפט ווי
אַ שאָטען און בלייבט ניט שטעהן.
3 פון דעסטוועגען גיסטו שטאַרק אַכטונג אויף אַזעלכען און נעהסט זיך
פּראָצעסירען מיט מיר.
4 ווער קען מאַכען פון אונריין ריין ווען זיי זיינען ניט איינס?
5 אויב איינעמ'ס יאָהרען זיינען בעשטימט, זיינע מאָנאַטען געצעהלט פון
דיר, דו האָסט געמאַכט זיינע געזעצע וואָס ער טהאָר ניט איבערטרעטען—
6 דאַן ווענדע זיך אָב פון איהם און לאָז איהם צורוה, זאָל ער פערגעניגען
האָבען פון זיין טאָג ווי אַ געדונגענער.
7 דער בוים זאָגאַר האָט אַ האָפנונג אַז ער וועט אָבגעשניטען ווערען וועט ער
נאָך אויפלעבען און זיינע צווייגען וועלען ניט צושטערט ווערען.
8 אויב ער ווערט אַלט, איז אין דער ערד זיין וואָרצעל, און אין שטויב
שטאַרבט אָב זיין שטאַם.
9 פון דעם וואַסער'ס פייכקייט בליהט ער און ער ניט אַרויס צווייגען ווי
נייַ געפלאַנצט.

י יִפְרָח וְעָשָׂה קָצִיר כְּמוֹ־נָטַע׃ וְגֶבֶר יָמוּת וַיֶּחֱלָשׁ וַיִּגְוַע
11 12 אָדָם וְאַיּוֹ׃ אָזְלוּ־מַיִם מִנִּי־יָם וְנָהָר יֶחֱרַב וְיָבֵשׁ׃ וְאִישׁ
שָׁכַב וְלֹא־יָקוּם עַד־בִּלְתִּי שָׁמַיִם לֹא יָקִיצוּ וְלֹא יֵעֹרוּ
13 מִשְּׁנָתָם׃ מִי יִתֵּן ׀ בִּשְׁאוֹל תַּצְפִּנֵנִי תַּסְתִּירֵנִי עַד־שׁוּב
14 אַפֶּךָ תָּשִׁית לִי חֹק וְתִזְכְּרֵנִי׃ אִם־יָמוּת גֶּבֶר הֲיִחְיֶה כָּל־
טו יְמֵי צְבָאִי אֲיַחֵל עַד־בּוֹא חֲלִיפָתִי׃ תִּקְרָא וְאָנֹכִי אֶעֱנֶךָּ
16 לְמַעֲשֵׂה יָדֶיךָ תִכְסֹף׃ כִּי־עַתָּה צְעָדַי תִּסְפּוֹר לֹא תִשְׁמֹר
17 18 עַל־חַטָּאתִי׃ חָתֻם בִּצְרוֹר פִּשְׁעִי וַתִּטְפֹּל עַל־עֲוֺנִי׃ וְאוּלָם
19 הַר־נוֹפֵל יִבּוֹל וְצוּר יֶעְתַּק מִמְּקֹמוֹ׃ אֲבָנִים ׀ שָׁחֲקוּ מַיִם
כ תִּשְׁטֹף־סְפִיחֶיהָ עֲפַר־אָרֶץ וְתִקְוַת אֱנוֹשׁ הֶאֱבַדְתָּ׃ תִּתְקְפֵהוּ
21 לָנֶצַח וַיַּהֲלֹךְ מְשַׁנֶּה פָנָיו וַתְּשַׁלְּחֵהוּ׃ יִכְבְּדוּ בָנָיו וְלֹא
22 יֵדָע וְיִצְעֲרוּ וְלֹא־יָבִין לָמוֹ׃ אַךְ בְּשָׂרוֹ עָלָיו יִכְאָב וְנַפְשׁוֹ
עָלָיו תֶּאֱבָל׃

## Cap. XV. טו

טו

א 2 וַיַּעַן אֱלִיפַז הַתֵּימָנִי וַיֹּאמַר׃ הֶחָכָם יַעֲנֶה דַעַת־רוּחַ
3 וִימַלֵּא קָדִים בִּטְנוֹ׃ הוֹכֵחַ בְּדָבָר לֹא יִסְכּוֹן וּמִלִּים לֹא־
4 יוֹעִיל בָּם׃ אַף־אַתָּה תָּפֵר יִרְאָה וְתִגְרַע שִׂיחָה לִפְנֵי־אֵל׃
ה 6 כִּי־יְאַלֵּף עֲוֺנְךָ פִיךָ וְתִבְחַר לְשׁוֹן עֲרוּמִים׃ יַרְשִׁיעֲךָ פִיךָ
7 וְלֹא־אָנִי וּשְׂפָתֶיךָ יַעֲנוּ־בָךְ׃ הֲרִאישׁוֹן אָדָם תִּוָּלֵד וְלִפְנֵי
8 גְבָעוֹת חוֹלָלְתָּ׃ הַבְסוֹד אֱלוֹהַּ תִּשְׁמָע וְתִגְרַע אֵלֶיךָ חָכְמָה׃
9 י מַה־יָּדַעְתָּ וְלֹא נֵדָע תָּבִין וְלֹא־עִמָּנוּ הוּא׃ גַּם־שָׂב גַּם־
11 יָשִׁישׁ בָּנוּ כַּבִּיר מֵאָבִיךָ יָמִים׃ הַמְעַט מִמְּךָ תַּנְחֻמוֹת
12 אֵל וְדָבָר לָאַט עִמָּךְ׃ מַה־יִּקָּחֲךָ לִבֶּךָ וּמַה־יִּרְזְמוּן עֵינֶיךָ׃
13 14 כִּי־תָשִׁיב אֶל־אֵל רוּחֶךָ וְהֹצֵאתָ מִפִּיךָ מִלִּין׃ מָה־אֱנוֹשׁ
טו כִּי־יִזְכֶּה וְכִי־יִצְדַּק יְלוּד אִשָּׁה׃ הֵן בִּקְדֹשׁוֹ לֹא יַאֲמִין
16 וְשָׁמַיִם לֹא־זַכּוּ בְעֵינָיו׃ אַף כִּי־נִתְעָב וְנֶאֱלָח אִישׁ־שֹׁתֶה
17 18 כַמַּיִם עַוְלָה׃ אֲחַוְּךָ שְׁמַע־לִי וְזֶה־חָזִיתִי וַאֲסַפֵּרָה׃ אֲשֶׁר־

חכמים

טו v. 7. יתיר י׳ v. 8. בנ״א חב׳ בדגש v. 15. בקדשיו קרי v. 17. בנ״א דו׳ בדגש

10 א מענש שטאַרבט נאָכדעם ווי ער איז קראַנק געוואָרען, אויסגעגאַנגען איז
11 דער מענש און וואו איז ער ? די וואַסערען זיינען אויסגעגאַנגען פון
12 ים און דער טייך איז לעדיג און פערטריקענט. און דער מענש לעגט
זיך און שטעהט ניט אויף, אזוי לאַנג ווי הימלען וועלען זיין וועלען
זיי ניט ערוואַכען און ניט אויפכאַפּען זיך פון שלאָף.
13 בעסער וואָלסטו מיך בעהאַלטען אין גרוב, מיך פערבאָרגען ביז דיין צאָרן
וועט פאַראיבער, מיך אָבשטעלען און דאַן מיר דערמאָהנען.
14 ווען דער מענש שטאַרבט, ווערט ער דען לעבעדיג ? די גאַנצע צייט פון
15 מיין לעבען וואַרט איך אויף מיין ענדע. ווען דו רופסט ענטפער איך,
16 דיר גלוסט זיך דיין האַנד־ווערק. צעהלסט מיינע טריט און וואַרטסט
17 ניט מיט דער שטראָף אויף מיינע זינד. מיין פערברעכען איז פערזיע־
געלט אין א בינטעל און דו לעגסט נאָך צו צו מיינע זינד.
18 זאָגאַר א בארג וואָס פאַלט אַרונטער ווערט צושמעטערט, זאָגאַר א פעל־
זען ווערט אַוועקגערוקט פון זיין פּלאַטץ.
19 וואַסער רייבט אויס שטיינער, דו שווענקסט אָב זייער געוויקס ווי דעם
שטויב פון דער ערד, און דעם מענשען'ס האָפנונג געהט צו גרונד.
20 אימער רינגעלסטו איהם ארום ביז ער פערגעהט, ענדערסט זיין געשטאַלט
21 און מאַכסט אָן ענדע פון איהם. אויב מען ריהרט אָן די עהרע פון זיינע
קינדער, וויים ער עס ניט ; אויב מען ערגערט זיי פערשטעהט ער ניט.
22 בלויז זיין לייב טהוט איהם וועה און זיין זעעלע טרויערט.

## קאַפּיטעל טו

1 און אליפז דער תימני האָט געענטפערט און געזאָגט :
2 זאָל א קלוגער ענטפערען מיט ווינדיגער וויסענשאַפט און אָנפילען זיין
3 בויך מיט א מזרח־ווינד ? זאָל ער פיהרען א דיספוט מיט ווערטער
4 וואָס האָבען קיין ווערטה און מיט רייד וואָס העלפען ניט ? דו אליין צו־
שטערסט דיין פורכט און פערקלענערסט דעם ווערטה פון געבעט פאַר גאָט.
5 ווייל דיינע זינד לעהרנען דיין מויל און דו בעדיענסט זיך מיט דער שפּראַך
6 פון די ליסטיגע. זאָל דיין מויל דיך בעשולדיגען, ניט איך ; זאָלען
7 דיינע ליפּען אויפטרעטען קעגען דיר. ביזטו עס עפּעס דער ערשטער
מענש וואָס איז געבוירען געוואָרען ? אָדער ביזטו עס פיעלייכט בעשאַ־
8 פען געוואָרען פאַר די בערג האָסטו זיך א מאָל איינגעהערט צו די
געטליכע געהיימניסע, אז דיר זאָל שוין ניט פעהלען קיין קלוגהייט ?
9 וואָס ווייסטו וואָס מיר ווייסען ניט, וואָס בעגרייפסטו און מיר ניט ?
10 מיר האָבען אי גרויע, אי אלטע, עלטערע ווי דיין פאָטער אין יאָהרען.
11 זיינען פאַר דיר ווייניג דיעזע טרייסטונגען ? וואָס פאַר א געהיימניס
האָסטו ?
12 וואוהין פיהרט דיך דיין הארץ און וואָס ווייזען דיר דיינע אויגען ?
13 וואָס איז עס וואָרום די ווענדעסט אזוי אום דיין גייסט קעגען גאָט און
לאָזט ארויס פון דיין מויל אזעלכע רייד ?
14 וואָס איז דער גאַנצער מענש ער זאָל קענען ריין זיין ? מיט וואָס קען עס
גאָר גערעכט זיין דער וואָס איז געבוירען פון א פרוי ?
15 ער גלויבט זאָגאַר ניט אין זיינע הייליגע, אויך די הימלען זיינען ניט גע־
נוג ריין אין זיינע אויגען !
16 מעג דער מענש זיין פערשמירט און איינגעמאַכט, פון דעסטוועגען וואָגט
ער צו טרינקען אונגערעכטיגקייט ווי וואַסער.
17 איך וועל דיר עפּעס לעהרנען, הער מיך נאָר אויס. דאָס האָב איך געזעהען
און איך וועל דיר עס דערצעהלען.
18 עס איז וואָס קלוגע דערצעהלען און פערלייקענען ניט, אז עס קומט פון
זייערע עלטערן.

19 חֲכָמִים יַגִּידוּ וְלֹא כִחֲדוּ מֵאֲבוֹתָם׃ לָהֶם לְבַדָּם נִתְּנָה
כ הָאָרֶץ וְלֹא־עָבַר זָר בְּתוֹכָם׃ כָּל־יְמֵי רָשָׁע הוּא מִתְחוֹלֵל
21 וּמִסְפַּר שָׁנִים נִצְפְּנוּ לֶעָרִיץ׃ קוֹל־פְּחָדִים בְּאָזְנָיו בַּשָּׁלוֹם
22 שׁוֹדֵד יְבוֹאֶנּוּ׃ לֹא־יַאֲמִין שׁוּב מִנִּי־חֹשֶׁךְ וְצָפוּ הוּא
23 אֱלֵי־חָרֶב׃ נֹדֵד הוּא לַלֶּחֶם אַיֵּה יָדַע ׀ כִּי־נָכוֹן בְּיָדוֹ
24 יוֹם־חֹשֶׁךְ׃ יְבַעֲתֻהוּ צַר וּמְצוּקָה תִּתְקְפֵהוּ כְּמֶלֶךְ ׀ עָתִיד
כה 26 לַכִּידוֹר׃ כִּי־נָטָה אֶל־אֵל יָדוֹ וְאֶל־שַׁדַּי יִתְגַּבָּר׃ יָרוּץ
27 אֵלָיו בְּצַוָּאר בַּעֲבִי גַּבֵּי מָגִנָּיו׃ כִּי־כִסָּה פָנָיו בְּחֶלְבּוֹ
28 וַיַּעַשׂ פִּימָה עֲלֵי־כָסֶל׃ וַיִּשְׁכּוֹן ׀ עָרִים נִכְחָדוֹת בָּתִּים
29 לֹא־יֵשְׁבוּ לָמוֹ אֲשֶׁר הִתְעַתְּדוּ לְגַלִּים׃ לֹא־יֶעְשַׁר וְלֹא־
ל יָקוּם חֵילוֹ וְלֹא־יִטֶּה לָאָרֶץ מִנְלָם׃ לֹא־יָסוּר ׀ מִנִּי־חֹשֶׁךְ
31 יֹנַקְתּוֹ תְּיַבֵּשׁ שַׁלְהָבֶת וְיָסוּר בְּרוּחַ פִּיו׃ אַל־יַאֲמֵן בַּשָּׁו
32 נִתְעָה כִּי־שָׁוְא תִּהְיֶה תְמוּרָתוֹ׃ בְּלֹא־יוֹמוֹ תִּמָּלֵא וְכִפָּתוֹ
33 34 לֹא רַעֲנָנָה׃ יַחְמֹס כַּגֶּפֶן בִּסְרוֹ וְיַשְׁלֵךְ כַּזַּיִת נִצָּתוֹ׃ כִּי־
לה עֲדַת חָנֵף גַּלְמוּד וְאֵשׁ אָכְלָה אָהֳלֵי־שֹׁחַד׃ הָרֹה עָמָל
וְיָלֹד אָוֶן וּבִטְנָם תָּכִין מִרְמָה׃

## טז CAP. XVI. טז

א 2 וַיַּעַן אִיּוֹב וַיֹּאמַר׃ שָׁמַעְתִּי כְאֵלֶּה רַבּוֹת מְנַחֲמֵי עָמָל
3 כֻּלְּכֶם׃ הֲקֵץ לְדִבְרֵי־רוּחַ אוֹ מַה־יַּמְרִיצְךָ כִּי תַעֲנֶה׃
4 גַּם ׀ אָנֹכִי כָּכֶם אֲדַבֵּרָה לוּ יֵשׁ נַפְשְׁכֶם תַּחַת נַפְשִׁי
אַחְבִּירָה עֲלֵיכֶם בְּמִלִּים וְאָנִיעָה עֲלֵיכֶם בְּמוֹ רֹאשִׁי׃
ה 6 אֲאַמִּצְכֶם בְּמוֹ־פִי וְנִיד שְׂפָתַי יַחְשֹׂךְ׃ אִם־אֲדַבְּרָה לֹא־
7 יֵחָשֵׂךְ כְּאֵבִי וְאַחְדְּלָה מַה־מִּנִּי יַהֲלֹךְ׃ אַךְ־עַתָּה הֶלְאָנִי
8 הֲשִׁמּוֹתָ כָּל־עֲדָתִי׃ וַתִּקְמְטֵנִי לְעֵד הָיָה וַיָּקָם בִּי כַחֲשִׁי
9 בְּפָנַי יַעֲנֶה׃ אַפּוֹ טָרַף ׀ וַיִּשְׂטְמֵנִי חָרַק עָלַי בְּשִׁנָּיו צָרִי ׀
י יִלְטוֹשׁ עֵינָיו לִי׃ פָּעֲרוּ עָלַי ׀ בְּפִיהֶם בְּחֶרְפָּה הִכּוּ לְחָיָי
11 יַחַד עָלַי יִתְמַלָּאוּן׃ יַסְגִּירֵנִי אֵל אֶל עֲוִיל וְעַל־יְדֵי רְשָׁעִים

ירטני

טו v. 22. וצפוי קרי   v. 31. חסר א

19 צו זיי אַליין איז געגעבען געוואָרען די ערד און קיין פרעמדער איז צווישען
20 זיי ניט גערדאַכט געוואָרען. דער שלעכטער וואַלגערט זיך אין וועהטאָגען
אַלע זיינע טעג, בלויז אַ געוויסע צאָהל יאָהרען זיינען בעהאַלטען פאַר׳ן
21 טיראַן. שרעקענס־שטימען זיינען אימער אין זיינע אויערען, אין מי־
22 טען פריערען קומט צו איהם אַ רויבער. ער גלויבט שוין ניט אַז ער
קען צוריקקעהרען פון פינסטערנים, ער ערוואַרט בלויז דעם שווערד.
23 ער וואַנדערט אַרום פאַר אַ שטיקעל ברויט: וואו איז עס? ער ווייס, אַז
24 פאַר איהם איז אָנגעברייט אַ פינסטערער טאָג. איהם דערציטערען
נויטה און אַנגסטען, זיי רינגלען איהם אַרום ווי דעם קעניג וואָס איז בע־
25 רייט צו דער שלאַכט. עס איז דערפאַר ווייל ער האָט אויסגעשטרעקט
זיין האַנד קעגען גאָט, ווייל ער האָט געוואָלט בייקומען דעם אַלמעכטיגען.
26 ער איז געלאָפען קעגען איהם מיט אַן אויסגעשטרעקטע האַנד, מיט דעם
27 גראָבען רוקען פון זיין פאַנציר. עס איז ווייל ער האָט פערדעקט
זיין געזיכט מיט פעטס, דיק איז ער געוואָרען אַרום זיינע לענדען.
28 און גערוהט האָט ער אין פערלאָזענע שטעדט, אין ניט־בעוואָהנטע היי־
זער, וועלכע זיינען פעראורטהיילט צופאַלען צו ווערען.
29 ער וועט שוין ניט רייך ווערען, זיין פערמעגען וועט זיך מעהר ניט אויפ־
הויבען, וואָס ער האָט וועט זיך מעהר ניט פערשפרייטען אויף דער ערד.
30 פון פינסטערנים וועט ער שוין ניט אַרויס, זיינע צווייגען וועלען פערטרי־
קענט ווערען און פערצעהרט ווערען פון פלאַמען, ער וועט פערשווינדען
31 דורך דעם בלאָז פון גאָט׳ס מויל. ער זאָל זיך ניט פערלאָזען אויף אַ
פערפיהרערישע פאַלשקייט, ווייל מיט פאַלשקייט וועט ער בעלוינט ווע־
32 רען. נאָך איידער זיין ענדע וועט קומען וועט ער פערניכטעט ווערען,
33 זיינע צווייגען וועלען קיינמאָל ניט בליהען. אַזוי ווי אַ וויינשטאָק ווע־
לען געריבט ווערען זיינע טרויבען, ווי אַן אוילבערטען בוים וועט ער
34 אַרונטערוואַרפען זיינע בליהונגען. ווייל די פערזאַמלונג פון פאַלשע
שמייכלער וועט בלייבען וויסט, אַ פייער וועט פערצעהרען די געצעלטען
35 פון די כאַבאַרניקעס. געטראָגען האָבען זיי לומפעריי און געבוירען
אונרעכט; זייער בויך איז פול מיט שווינדעל.

## קאַפּיטעל טז

1 און איוב האָט געענטפערט און געזאָגט:
2 אַזעלכע זאַכען האָב איך שוין פיעלע מאָל געהערט, אומזיסטע טרייסטער
3 זייט איהר אַלע. איז עפּעס דאָ אַן ענדע צו ווינדיגע רייד? וואָס קומט
4 אַרויס ווען מען ענטפערט? איך וואָלט פונקט אַזוי גערעדט ווי איהר,
ווען אייערע לייבער וואָלטען געווען אָנשטאָט מיין לייב וואָלט איך
אויף אייך אָנגעלעגט רייד, און אויף אייך געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.
5 מיט די רייד פון מיין מויל וואָלט איך אייך געקרעפטיגט, און מיט דער
בעוועגונג פון מיינע ליפּען וואָלט איך (אייערע שמערצען) געלינדערט.
6 ווען איך זאָל ריידען ווערט ניט געלינדערט מיין שמערץ, און אַז איך
7 זאָל אויפהערען, וואָס וועט מיר פעהלען? איצט האָט ער מיך פער־
8 מאַטערט, דו האָסט צושטערט מיין געזעלשאַפט. און די קנייטשען
אויף מיר זיינען מיין עדות, מיין מאַגערקייט צייגט עדות אויף מיר.
9 זיין צאָרן האָט מיך צוריסען; פערהאַסט האָט ער מיך, מיט זיינע
ציינער האָט ער אויף מיר געקריצט. מיינע פיינדע גלאָצען צו מיר מיט
10 די אויגען. זיי האָבען אויף מיר געעפענט זייערע מיילער, מיט שאַנדע
האָבען זיי מיר געפּאַטשט אין די באַקען, צוזאַמען האָבען זיי מיך בעפאַלען.
11 גאָט האָט מיך אָבגעגעבען צום לומפּ און אַריינגעוואָרפען האָט ער מיך
אין די הענד פון פערדאָרבענע.

12 יַרְטֵֽנִי׃ שָׁלֵ֤ו הָיִ֨יתִי ׀ וַֽיְפַרְפְּרֵ֗נִי וְאָחַ֣ז בְּ֭עָרְפִּי וַֽיְפַצְפְּצֵ֑נִי
13 וַיְקִימֵ֥נִי ל֝֗וֹ לְמַטָּרָֽה׃ יָסֹ֬בּוּ עָלַ֨י ׀ רַבָּ֗יו יְפַלַּ֣ח כִּ֭לְיוֹתַי וְלֹ֣א
14 יַחְמֹ֑ל יִשְׁפֹּ֥ךְ לָ֝אָ֗רֶץ מְרֵרָתִֽי׃ יִפְרְצֵ֣נִי פֶ֭רֶץ עַל־פְּנֵי־פָ֑רֶץ
טו יָרֻ֖ץ עָלַ֣י כְּגִבּֽוֹר׃ שַׂ֣ק תָּ֭פַרְתִּי עֲלֵ֣י גִלְדִּ֑י וְעֹלַ֖לְתִּי בֶעָפָ֣ר
16 17 קַרְנִֽי׃ פָּנַ֣י חֳמַרְמְרָ֣ה מִנִּי־בֶ֑כִי וְעַ֖ל עַפְעַפַּ֣י צַלְמָֽוֶת׃ עַ֭ל
18 לֹא־חָמָ֣ס בְּכַפָּ֑י וּתְפִלָּתִ֥י זַכָּֽה׃ אֶ֭רֶץ אַל־תְּכַסִּ֣י דָמִ֑י וְאַל־
19 יְ֝הִ֗י מָ֭קוֹם לְזַעֲקָתִֽי׃ גַּם־עַ֭תָּה הִנֵּה־בַשָּׁמַ֣יִם עֵדִ֑י וְ֝שָׂהֲדִ֗י
כ 21 בַּמְּרוֹמִֽים׃ מְלִיצַ֥י רֵעָ֑י אֶל־אֱ֝ל֗וֹהַּ דָּלְפָ֥ה עֵינִֽי׃ וְיוֹכַ֣ח
22 לְגֶ֣בֶר עִם־אֱל֑וֹהַּ וּבֶן־אָדָ֥ם לְרֵעֵֽהוּ׃ כִּֽי־שְׁנ֣וֹת מִסְפָּ֣ר יֶאֱתָ֑יוּ
וְאֹ֖רַח לֹא־אָשׁ֣וּב אֶהֱלֹֽךְ׃

## CAP. XVII. יז

יז

2 א רוּחִ֣י חֻ֭בָּלָה יָמַ֥י נִזְעָ֗כוּ קְבָרִ֥ים לִֽי׃ אִם־לֹ֣א הֲ֭תֻלִים עִמָּדִ֑י
3 וּ֝בְהַמְּרוֹתָ֗ם תָּלַ֥ן עֵינִֽי׃ שִֽׂימָה־נָּ֭א עָרְבֵ֣נִי עִמָּ֑ךְ מִ֥י ה֝֗וּא
4 לְיָדִ֥י יִתָּקֵֽעַ׃ כִּֽי־לִ֭בָּם צָפַ֣נְתָּ מִּשָּׂ֑כֶל עַל־כֵּ֝֗ן לֹ֣א תְרֹמֵֽם׃
ה 6 לְ֭חֵלֶק יַגִּ֣יד רֵעִ֑ים וְעֵינֵ֖י בָנָ֣יו תִּכְלֶֽנָה׃ וְ֭הִצִּגַנִי לִמְשֹׁ֣ל
7 עַמִּ֑ים וְתֹ֖פֶת לְפָנִ֣ים אֶהְיֶֽה׃ וַתֵּ֣כַהּ מִכַּ֣עַשׂ עֵינִ֑י וִיצֻרַ֖י כַּצֵּ֣ל
8 כֻּלָּֽם׃ יָשֹׁ֣מּוּ יְשָׁרִ֣ים עַל־זֹ֑את וְ֝נָקִ֗י עַל־חָנֵ֥ף יִתְעֹרָֽר׃
9 י וְיֹאחֵ֣ז צַדִּ֣יק דַּרְכּ֑וֹ וּֽטֳהָר־יָ֝דַ֗יִם יֹסִ֥יף אֹֽמֶץ׃ וְֽאוּלָ֗ם כֻּלָּ֗ם
11 תָּ֭שֻׁבוּ וּבֹ֣אוּ נָ֑א וְלֹֽא־אֶמְצָ֖א בָכֶ֣ם חָכָֽם׃ יָמַ֣י עָ֭בְרוּ זִמֹּתַ֣י
12 נִתְּק֑וּ מ֝וֹרָשֵׁ֗י לְבָבִֽי׃ לַ֭יְלָה לְי֣וֹם יָשִׂ֑ימוּ א֝֗וֹר קָר֥וֹב מִפְּנֵי־
13 חֹֽשֶׁךְ׃ אִם־אֲ֭קַוֶּה שְׁא֣וֹל בֵּיתִ֑י בַּ֝חֹ֗שֶׁךְ רִפַּ֥דְתִּי יְצוּעָֽי׃
14 טו לַשַּׁ֣חַת קָ֭רָאתִי אָ֣בִי אָ֑תָּה אִמִּ֥י וַ֝אֲחֹתִ֗י לָֽרִמָּֽה׃ וְ֭אַיֵּה אֵפ֣וֹ
16 תִקְוָתִ֑י וְ֝תִקְוָתִ֗י מִ֣י יְשׁוּרֶֽנָּה׃ בַּדֵּ֣י שְׁאֹ֣ל תֵּרַ֑דְנָה אִם־יַ֖חַד
עַל־עָפָ֣ר נָֽחַת׃

## CAP. XVIII. יח

יח

2 א וַ֭יַּעַן בִּלְדַּ֥ד הַשֻּׁחִ֗י וַיֹּאמַֽר׃ עַד־אָ֤נָה ׀ תְּשִׂימ֣וּן קִנְצֵ֣י לְמִלִּ֑ין
3 תָּ֝בִ֗ינוּ וְאַחַ֥ר נְדַבֵּֽר׃ מַ֭דּוּעַ נֶחְשַׁ֣בְנוּ כַבְּהֵמָ֑ה נִ֝טְמִ֗ינוּ

בעיניכם

ט״ז v. 14. ק׳ ועידא v. 16. חמרמרה ק׳ י״ז v. 2. בב״א חל׳ דגושה
Ibid. דמי דגושה v. 9. בב״א הט׳ בשוא v 16. פתח באתנח

12 רוהיג בין איך געוועז און ער האָט מיך צוּבראָכען, ביים נאַקען האָט ער
מיך אָנגענומען און מיך צוּפּיצעלט, פאַר אַ ציעל־ברעט האָט ער מיך
13 אוועקגעשטעלט פון זיינעטוועגען. זיינע פיילען־שיסער רינגלען מיך
אַרום, צושמעטערן מיינע ניערען אָהן מיטלייד, אויף דער ערד האָבען זיי
14 אויסגעגאָסען מיין גאַל. מיט בראָך אויף בראָך צוּברעכט ער מיך, ער
15 יאָגט קעגען מיר ווי אַ העלד (אין קריעג). אַ זאַק האָב איך אויפגע־
נייהט אויף מיין הויט, אין שטויב האָב איך געשליידערט מיין שטאָלץ.
16 מיין געזיכט איז איינגעשרומפּען געוואָרען פון געוויין, אויף מיינע ברע־
17 מען איז דער שאָטען פון טוידט. דאָס איז ווייל איך האָב גאָר ניט גע־
18 טהאָן און ווייל מיין געבעט איז ריין. ערד, זאָלסט ניט צודעקען מיין
19 בלוט ! עס זאָל ניט זיין קיין אָרט פאַר מיין געשריי ! יעצט האָב איך
20 אויך אין הימעל מיין עדות, מיין בעוויז איז אין די הויכקייטען. זיינען
דאָס מיינע פריינד מיינע פערטהיידיגער ? בעסער וואָלט מיין אויג גיע־
21 סען טרעהרען צו גאָט. אָך, ווען אַ מענש וואָלט זיך געקענט אַזוי אויס־
22 טענה'ען מיט גאָט ווי דאָס מענשען־קינד מיט זיין גלייכען. ווייל מיינע
געצעהלטע יאָהרען פערגעהען, און די וועג פון וועלכער מען קעהרט ניט
צוריק, געה איך.

## קאַפּיטעל יז

1 געבראָכען איז מיין געמיטה, מיינע טעג זיינען אויסגעלאָפען, פאַר מיר
2 זעה איך בלויז טוידטענגריבער. שפּאָסען זיי ניט פון מיר ? און
3 נעכטיגט ניט מיין אויג אויף זייערע בעליידיגונגען ? העד נאָר, זיי דו
4 מיין גוט־זאָגער, ווער דען וועט מיר געבען די האַנד ? ווייל דו האָסט
בעהאַלטען דעם פערשטאַנד פון זייערע הערצער, דערפאַר קענסטו ניט
5 דערהויבען ווערען. שמייכלערייען זאָגען די פיינד, זאָלען אויסרינען
6 די אויגען פון זייערע קינדער ! און צו שפּאָט פון די פעלקער האָט
ער מיך אוועקגעשטעלט, אַבשייליך בין איך געוואָרען פאַר אַלעמען.
7 דונקעל איז געוואָרען מיין אויג פון זאָרג, אַלע מיינע גליעדער ווי אַ שאָ־
8 טען. זאָלען זיך די עהרליכע דאַרויף וואונדערען, און דער אונשולדיגער
9 זאָל אויפגערייצט ווערען קעגען דעם פאַלשען. און דער גערעכטער זאָל
האַלטען אין זיין וועג און דער וואָס האָט ריינע הענד זאָל קריעגען מעהר
10 קראַפט. אָבער ווען איהר אַלע זאָלט זיך אומקעהרען און אַהער קומען,
וועל איך צווישען אייך ניט געפינען קיין איין קלוגען.
11 מיינע טעג זיינען פאַראיבער, מיינע געדאַנקען זיינען צוריסען צוזאַמען
מיט די אָדערען פון מיין הארץ.
12 זיי מאַכען פון נאַכט טאָג, אַ נאָהענטעס ליכט פון פינסטערנים.
13 וואָס זאָל איך נאָך האָפען, ווען מיין הויז איז אַ גרוב ? מיט פינסטער־
נים האָב איך אויסגעלעגט מיין בעט.
14 צום גרוב האָב איך גערופען : מיין פאָטער ביזטו, און צו די ווערים :
מוטער און שוועסטער !
15 וואו איז ערגעץ מיין האָפנונג ? און ווער זעהט ניט מיין האָפנונג ?
16 אין דער אונטערוועלט וועלען זיי אַריין, צוזאַמען וועלען זיי געפינען רוה
אין שטויב.

## קאַפּיטעל יח

1 און בלדד דער שוחי האָט געענטפערט און געזאָגט :
2 ווען וועט איהר שוין מאַכען אַן ענדע צו די רייד ? פערשטענדיגט זיך
איין פריהער און דערנאָך וועלען מיר ריידען.
3 פאַרוואָס רעכענט איהר אונז ווי אַ בהמה, פאַר וואָס זיינען מיר אונריין
אין אייערע אויגען ?

4 בְּעֵינֵיכֶם׃ טֹרֵף נַפְשׁוֹ בְּאַפּוֹ הַלְמַעַנְךָ תֵּעָזַב אָרֶץ וְיֶעְתַּק
ה צוּר מִמְּקֹמוֹ׃ גַּם אוֹר רְשָׁעִים יִדְעָךְ וְלֹא־יִגַּהּ שְׁבִיב אִשּׁוֹ׃
6 7 אוֹר חָשַׁךְ בְּאָהֳלוֹ וְנֵרוֹ עָלָיו יִדְעָךְ׃ יֵצְרוּ צַעֲדֵי אוֹנוֹ
8 וְתַשְׁלִיכֵהוּ עֲצָתוֹ׃ כִּי־שֻׁלַּח בְּרֶשֶׁת בְּרַגְלָיו וְעַל־שְׂבָכָה
9 י יִתְהַלָּךְ׃ יֹאחֵז בְּעָקֵב פָּח יַחֲזֵק עָלָיו צַמִּים׃ טָמוּן בָּאָרֶץ
11 חַבְלוֹ וּמַלְכֻּדְתּוֹ עֲלֵי נָתִיב׃ סָבִיב בִּעֲתֻהוּ בַלָּהוֹת וֶהֱפִיצֻהוּ
12 13 לְרַגְלָיו׃ יְהִי־רָעֵב אֹנוֹ וְאֵיד נָכוֹן לְצַלְעוֹ׃ יֹאכַל בַּדֵּי עוֹרוֹ
14 יֹאכַל בַּדָּיו בְּכוֹר מָוֶת׃ יִנָּתֵק מֵאָהֳלוֹ מִבְטַחוֹ וְתַצְעִדֵהוּ
טו לְמֶלֶךְ בַּלָּהוֹת׃ תִּשְׁכּוֹן בְּאָהֳלוֹ מִבְּלִי־לוֹ יְזֹרֶה עַל־נָוֵהוּ
16 17 גָפְרִית׃ מִתַּחַת שָׁרָשָׁיו יִבָשׁוּ וּמִמַּעַל יִמַּל קְצִירוֹ׃ זִכְרוֹ־
18 אָבַד מִנִּי־אָרֶץ וְלֹא־שֵׁם לוֹ עַל־פְּנֵי־חוּץ׃ יֶהְדְּפֻהוּ מֵאוֹר
19 אֶל־חֹשֶׁךְ וּמִתֵּבֵל יְנִדֻּהוּ׃ לֹא נִין לוֹ וְלֹא־נֶכֶד בְּעַמּוֹ וְאֵין
כ שָׂרִיד בִּמְגוּרָיו׃ עַל־יוֹמוֹ נָשַׁמּוּ אַחֲרֹנִים וְקַדְמֹנִים אָחֲזוּ
21 שָׂעַר׃ אַךְ־אֵלֶּה מִשְׁכְּנוֹת עַוָּל וְזֶה מְקוֹם לֹא־יָדַע־אֵל׃

## יט Cap. XIX. יט

א 2 וַיַּעַן אִיּוֹב וַיֹּאמַר׃ עַד־אָנָה תּוֹגְיוּן נַפְשִׁי וּתְדַכְּאוּנַנִי בְמִלִּים׃
3 4 זֶה ׀ עֶשֶׂר פְּעָמִים תַּכְלִימוּנִי לֹא־תֵבֹשׁוּ תַּהְכְּרוּ־לִי׃ וְאַף־
ה אָמְנָם שָׁגִיתִי אִתִּי תָּלִין מְשׁוּגָתִי׃ אִם־אָמְנָם עָלַי תַּגְדִּילוּ
6 וְתוֹכִיחוּ עָלַי חֶרְפָּתִי׃ דְּעוּ־אֵפוֹ כִּי־אֱלוֹהַּ עִוְּתָנִי וּמְצוּדוֹ
7 עָלַי הִקִּיף׃ הֵן אֶצְעַק חָמָס וְלֹא אֵעָנֶה אֲשַׁוַּע וְאֵין מִשְׁפָּט׃
8 9 אָרְחִי גָדַר וְלֹא אֶעֱבוֹר וְעַל־נְתִיבוֹתַי חֹשֶׁךְ יָשִׂים׃ כְּבוֹדִי
י מֵעָלַי הִפְשִׁיט וַיָּסַר עֲטֶרֶת רֹאשִׁי׃ יִתְּצֵנִי סָבִיב וָאֵלַךְ
11 וַיַּסַּע כָּעֵץ תִּקְוָתִי׃ וַיַּחַר עָלַי אַפּוֹ וַיַּחְשְׁבֵנִי לוֹ כְצָרָיו׃
12 יַחַד ׀ יָבֹאוּ גְדוּדָיו וַיָּסֹלּוּ עָלַי דַּרְכָּם וַיַּחֲנוּ סָבִיב לְאָהֳלִי׃
13 14 אַחַי מֵעָלַי הִרְחִיק וְיֹדְעַי אַךְ־זָרוּ מִמֶּנִּי׃ חָדְלוּ קְרוֹבָי
טו וּמְיֻדָּעַי שְׁכֵחוּנִי׃ גָּרֵי בֵיתִי וְאַמְהֹתַי לְזָר תַּחְשְׁבֻנִי נָכְרִי
16 הָיִיתִי בְעֵינֵיהֶם׃ לְעַבְדִּי קָרָאתִי וְלֹא יַעֲנֶה בְּמוֹ־פִי
17 18 אֶתְחַנֶּן־לוֹ׃ רוּחִי זָרָה לְאִשְׁתִּי וְחַנֹּתִי לִבְנֵי בִטְנִי׃ גַּם־

עווילים

יט v. 10. פתח באתנח

4 דו וואָס נעהמסט דיר דיין אייגען לעבען אין דיין צאָרן, זאָל פיעלייכט
פון דיינעט וועגען איבערגעשטעלט ווערען די ערד און דער פעלזען זאָל
5 אַוועקגערוקט ווערען פון זיין אָרט ? זאָגאַר דאָס ליכט פון די שלעכטע
וועט פערלאָשען ווערען, דער פונק פון זייער פייער וועט ניט לייכטען.
6 דאָס ליכט איז דונקעל געוואָרן אין זיין געצעלט, זיין ליכט לעשט זיך אויס.
7 ענג ווערען זיינע מעכטיגע טריט און זיין ראַטה וועט ניט טויגען.
8 ווייל אין אַ נעטץ זיינען אַריין זיינע פיס, ער געהט איבער אַ פּאַסטקע.
9 די נעטץ וועט פערכאַפּען זיין טריט, בעפעסטיגען וועלען איהם די
10 שטריק. אין דער ערד ליעגט בעהאַלטען זיין שטריק און זיין כאַפּ־שטייג
11 וואַרט אויף איהם אויפ׳ן וועג. אַרום און אַרום שוידערען איהם אויף
12 שרעקען און יאָגען איהם צו געהן. הונגער וועט ליידען זיין ערשטלינג,
13 בראָך וואַרט אויף איהם ביי דער זייט. אויפפרעסען וועט ער די עקען
פון זיין הויט, דער ערשט־געבוירענער פון טוידט וועט אויפפרעסען זיינע
14 גליעדער. פערוואָרפען וועט ער ווערען פון זיין זיכערען געצעלט, און
15 עס וועט איהם פערשלאָגען צום קעניג פון שרעק. ער וועט וואָהנען אין
זיין געצעלט וואָס בעלאַנגט מעהר ניט צו איהם, איבער זיין וואָהנונג וועט
16 מען פערשפּרייטען שוועבעל. אונטען וועלען זיינע וואָרצלען פערטרי־
17 קענט ווערען, אויבען וועט פערשניטען ווערען זיין צווייג. זיין אנדענ־
קען וועט פערלאָרען געהן פון דער ערד, קיין נאָמען וועט ער ניט האָבען
18 אין דער עפּענטליכקייט. פערשטויסען וועט מען איהם פון ליכט צו
19 פינסטערניס, פון דער וועלט וועט מען איהם פערוואָגלען. קיין זוהן
און קיין אייניקעל וועט ער ניט האָבען אין זיין פאָלק, קיינער וועט ניט
20 פערבלייבען אין זיינע וואָהנונגען. אויף זיין ענדע וועלען שטוינען די
21 לעצטע, די פריהעריגע האָט אָנגעכאַפּט אַ שוידער. אָט דאָס זיינען די
רוהע־פלעטצער פון דעם לומפּ, און דאָס איז דער אָרט פאר יענעם וואָס
קען ניט גאָט.

## קאַפּיטעל יט

1 און איוב האָט געענטפערט און געזאָגט :
2 ביז ווי לאַנג נאָך וועט איהר בעטריעבען מיין זעעלע און מיך צושמע־
3 טערען מיט ווערטער ? שוין צעהן מאָל ווי איהר האָט מיך פער־
שעהמט, איהר האָט גאָר קיין שאַנדע ניט, ווי פרעמדע זייט איהר צו מיר.
4 זאָגאַר ווען איך האָב בעגאַנגען אַ פעהלער דאַן בלייבט דאָך דער פעה־
5 לער ביי מיר. ווילט איהר זיך אָבער אַרויפהויבען איבער מיר און מיך
6 אויסשטראָפען פאר מיין אונגליק ; דאַן זאָלט איהר וויסען, אַז גאָט
7 האָט מיך אַזוי פערקרימט, זיין נעטץ האָט מיך אַרומגערינגעלט. איך
שריי אויס קעגען דער רויבעריי און מען ענטפערט מיר ניט, איך ליאַרעם
8 און קיין גערעכטיגקייט איז ניטאָ. מיין וועג איז פערצאַמט און איך
9 קען ניט פאַרבייגעהן, אויף מיינע שטעגען ליעגט פינסטערניס. מיין
עהרע האָט ער פון מיר אָבגעצויגען, ער האָט אַרונטערגענומען די קרוין
10 פון מיין קאָפּ. אַרום און אַרום האָט ער מיך צושמעטערט און איך געה,
11 ווי אַ בוים האָט ער אויסגעריסען מיין האָפנונג. און זיין צאָרן האָט זיך
12 צוברענט קעגען מיר, פאר זיין פיינד האַלט ער מיך. צוזאַמען קומען
זיינע רעגימענטען און טרעטען אויס זייער וועג, און רוהען אַרום מיין
13 געצעלט. מיינע ברידער האָט ער פון מיר דערווייטערט, מיינע בעקאַנ־
14 טע זיינען מיר פרעמד געוואָרען. אַוועק זיינען מיינע פערוואַנדטע,
15 מיינע בעקאַנטע האָבען אָן מיר פערגעסען. די איינוואָהנער פון מיין
הויז רעכענען מיך פאר אַ פרעמדען, אַן אונבעקאַנטער בין איך אין זייערע
16 אויגען. מיין דיענער האָב איך גערופען און ער ענטפערט מיר ניט,
17 מיט מיין מויל האָב איך מיך ביי איהם געבעטען. אָבשייליך איז גע־

19 עֲוִילִים מָאֲסוּ בִי אָקוּמָה וַיְדַבְּרוּ־בִי׃ תִּעֲבוּנִי כָּל־מְתֵי
כ סוֹדִי וְזֶה־אָהַבְתִּי נֶהְפְּכוּ־בִי׃ בְּעוֹרִי וּבִבְשָׂרִי דָּבְקָה
21 עַצְמִי וָאֶתְמַלְּטָה בְּעוֹר שִׁנָּי׃ חָנֻּנִי חָנֻּנִי אַתֶּם רֵעָי כִּי יַד־
22 אֱלוֹהַּ נָגְעָה בִּי׃ לָמָּה תִּרְדְּפֻנִי כְמוֹ־אֵל וּמִבְּשָׂרִי לֹא
23 תִשְׂבָּעוּ׃ מִי־יִתֵּן אֵפוֹ וְיִכָּתְבוּן מִלָּי מִי־יִתֵּן בַּסֵּפֶר וְיֻחָקוּ׃
24 כה בְּעֵט־בַּרְזֶל וְעֹפָרֶת לָעַד בַּצּוּר יֵחָצְבוּן׃ וַאֲנִי יָדַעְתִּי גֹּאֲלִי
26 חָי וְאַחֲרוֹן עַל־עָפָר יָקוּם׃ וְאַחַר עוֹרִי נִקְּפוּ־זֹאת וּמִבְּשָׂרִי
27 אֶחֱזֶה אֱלוֹהַּ׃ אֲשֶׁר אֲנִי ׀ אֶחֱזֶה־לִּי וְעֵינַי רָאוּ וְלֹא־זָר כָּלוּ
28 כִלְיֹתַי בְּחֵקִי׃ כִּי תֹאמְרוּ מַה־נִּרְדָּף־לוֹ וְשֹׁרֶשׁ דָּבָר
29 נִמְצָא־בִי׃ גּוּרוּ לָכֶם ׀ מִפְּנֵי־חֶרֶב כִּי־חֵמָה עֲוֹנוֹת חָרֶב
לְמַעַן תֵּדְעוּן שַׁדִּין׃

## CAP. XX. כ

כ

2 א וַיַּעַן צֹפַר הַנַּעֲמָתִי וַיֹּאמַר׃ לָכֵן שְׂעִפַּי יְשִׁיבוּנִי וּבַעֲבוּר
3 חוּשִׁי בִי׃ מוּסַר כְּלִמָּתִי אֶשְׁמָע וְרוּחַ מִבִּינָתִי יַעֲנֵנִי׃
4 ה הֲזֹאת יָדַעְתָּ מִנִּי־עַד מִנִּי שִׂים אָדָם עֲלֵי־אָרֶץ׃ כִּי רִנְנַת
6 רְשָׁעִים מִקָּרוֹב וְשִׂמְחַת חָנֵף עֲדֵי־רָגַע׃ אִם־יַעֲלֶה לַשָּׁמַיִם
7 שִׂיאוֹ וְרֹאשׁוֹ לָעָב יַגִּיעַ׃ כְּגֶלְלוֹ לָנֶצַח יֹאבֵד רֹאָיו יֹאמְרוּ
8 9 אַיּוֹ׃ כַּחֲלוֹם יָעוּף וְלֹא יִמְצָאֻהוּ וְיֻדַּד כְּחֶזְיוֹן לָיְלָה׃ עַיִן
י שְׁזָפַתּוּ וְלֹא תוֹסִיף וְלֹא־עוֹד תְּשׁוּרֶנּוּ מְקוֹמוֹ׃ בָּנָיו יְרַצּוּ
11 דַלִּים וְיָדָיו תָּשֵׁבְנָה אוֹנוֹ׃ עַצְמוֹתָיו מָלְאוּ עֲלוּמָו וְעִמּוֹ
12 עַל־עָפָר תִּשְׁכָּב׃ אִם־תַּמְתִּיק בְּפִיו רָעָה יַכְחִידֶנָּה תַּחַת
13 לְשׁוֹנוֹ׃ יַחְמֹל עָלֶיהָ וְלֹא יַעַזְבֶנָּה וְיִמְנָעֶנָּה בְּתוֹךְ חִכּוֹ׃
14 טו לַחְמוֹ בְּמֵעָיו נֶהְפָּךְ מְרוֹרַת פְּתָנִים בְּקִרְבּוֹ׃ חַיִל בָּלַע
16 וַיְקִאֶנּוּ מִבִּטְנוֹ יֹרִשֶׁנּוּ אֵל׃ רֹאשׁ־פְּתָנִים יִינָק תַּהַרְגֵהוּ
17 לְשׁוֹן אֶפְעֶה׃ אַל־יֵרֶא בִפְלַגּוֹת נַהֲרֵי נַחֲלֵי דְּבַשׁ וְחֶמְאָה׃
18 19 מֵשִׁיב יָגָע וְלֹא יִבְלָע כְּחֵיל תְּמוּרָתוֹ וְלֹא יַעֲלֹס׃ כִּי־רִצַּץ
כ עָזַב דַּלִּים בַּיִת גָּזַל וְלֹא יִבְנֵהוּ׃ כִּי ׀ לֹא־יָדַע שָׁלֵו בְּבִטְנוֹ

בחמודו

י״ט v. 29. שדון קרי   כ׳ v. 11. עלומו קרי

וואָרען מיין אטהעם פאר מיין ווייב, און מיין לאַסטשען זיך — צו די
18 קינדער פון מיין לייב. זאָגאר נאַראָנים פעראַכטען מיך, ווען איך שטעל
19 זיך אויף, רעדען זיי מיר ענטקעגען. אַלע מיינע פערטרויטע עקלען זיך
פון מיר, און יענע וואָס איך האָב ליעב געהאַט זיינען געוואָרען מיינע
20 געגנער. מיינע ביינער האָבען זיך צוגעקלעפּט צו מיין הויט און מיין
פלייש, און איך בין קוים אַרוים מיט די יאַסלעס פון מיינע צייהן.
21 האָט מיטלייד, האָט מיטלייד, איהר וועניגסטענס, מיינע פריינד, ווייל
22 גאָט'ס האַנד האָט מיך בעריהרט. פאַר וואָס פערפאָלגט איהר מיך גלייך
23 מיט גאָט און איהר ווערט ניט זאַט פון מיין פלייש? אַך, ווען מיינע
ווערטער זאָלען קענען אויפגעשריעבען ווערען, אַך, ווען זיי זאָלען איינ־
24 געקריצט ווערען אין אַ בוך! מיט אַ פען פון אייזען און בליי וואָלט מען
25 זיי בעדארפט אויסהאַקען אין שטיין אויף אייביג! און איך ווייס עס,
אַז מיין אויסלייזער לעבט און ער וועט עקזיסטירען אַלס דער לעצטער
26 אויף דער ערד. און ווען זיי וועלען האָבען דיעזע אונטער־הויט מיינע
27 צולעכערט, וועל איך דורך מיין פלייש דערזעהן גאָט. אַליין וועל איך
זעהן, מיינע אויגען וועלען קוקען, ניט קיין פרעמדער, מיינע ניערען ווע־
28 רען צושטערט אין מיין שוים. ווען איהר וועט זאָגען: ווי אַזוי פער־
פאָלגען מיר איהם, ווען דער וואָרצעל פון דער שלעכטער זאַך געפינט זיך
29 אין מיר? ציטערט פאַר'ן שווערד, ווייל צאָרן איז אַ זאַך וואָס ברענגט
דאָס שווערד, און וויסען זאָלט איהר, אַז עס איז דאָ אַ געריכט.

## קאַפּיטעל כ

1 און צופר דער נעמתי האָט געענטפערט און געזאָגט:
2 אָט דערפאַר ענטפערען מיינע געדאַנקען ווייל איך האָב אין מיר גע־
3 פיהלען. דעם פאָרוואורף פון מיין שאַנדע הער איך, און אַ גייסט פון
4 מיין פערשטאַנד ענטפערט מיר. האָסטו דאָס ניט געוואוסט פון אייביג
5 אָן, זינט מען האָט געשטעלט דעם מענשען אויף דער ערד, אַז דער
טריאומפף פון די שלעכטע איז אַ קורצער און די פרייד פון דעם פאַלשען
6 דויערט בלויז אַ מאָמענט? ווען זיין גרויסקייט זאָל זאָגאר גרייכען ביז
7 צום הימעל און זיין קאָפּ זאָל אָנשפּאַרען אין די וואָלקענס, ווי זיין
מיסט ווערט ער פערלאָרען אויף אייביג, יענע וואָס האָבען איהם אַ מאָל
8 געזעהן וועלען פרעגען: „וואו איז ער?" ווי אַ פערפלויגענעם טרוים
וועט מען איהם ניט געפינען, ער וועט פערוואָגלט ווערען ווי אַ נאַכט פאַנ־
9 טאַזיע. דאָס אויג וואָס האָט איהם איינמאָל געזעהען, וועט שוין מעהר
10 ניט, און עס וועט שוין זאָגאר ניט בליקען אויף זיין אָרט. זיינע קינדער
וועלען איבערבעטען אָרעמע לייט און זיינע אייגענע הענד וועלען אומ־
11 קעהרען דאָס אָנגעראַבעוועטע. זיינע ביינער מעגען זיין פול מיט יוגענד,
12 וועלען זיי דאָך מיט איהם ליגען אין דער ערד. ווען דאָס שלעכטע איז
זיס געוואָרען אין זיין מויל, האָט ער עס פערלייקענט אונטער זיין צונג.
13 ער האָט זיך דאַרויף דערבאַרעמט און ניט פערלאָזען, און ער האָט עס
14 געהאַלטען אויף זיין גומען. זיין ברויט האָט זיך איבערגעקעהרט אין
15 זיינע געדערים, ביטערניש פון שלאַנגען־גיפט איז אין איהם. אויסברע־
כען וועט ער דאָס פערשלונגענע פערמעגען, גאָט וועט עס אַרויסטרייבען
16 פון זיין בויך. דעם עססענץ פון לאַנגען־גיפט וועט ער זויגען, איהם
17 וועט טוידטען די צונג פון אַ וואַסער־שלאַנג. ער וועט שוין ניט זעהן
18 די פליסענדע שטראָמען, די טייכען פון האָניג און פוטער. ער גיט צו־
ריק אָב די האָרעוואַניע, און ער פערשלינגט עס ניט, עס איז ווי דאָס
19 אומבייטענדע פערמעגען, און מען פרעהט זיך ניט דערמיט. ווייל ער
האָט צודריקט און פערלאָזען די אָרעמע, אַ הויז האָט ער געראַבט וואָס ער
20 האָט ניט געבויט. ער ווייס ניט פון קיין רוה אין זיין בויך, מיט זיין

21 בַּחֲמוּדוֹ לֹא יְמַלֵּט׃ אֵין־שָׂרִיד לְאָכְלוֹ עַל־כֵּן לֹא־יָחִיל
22 טוּבוֹ׃ בִּמְלֹאות שִׂפְקוֹ יֵצֶר לוֹ כָּל־יַד עָמֵל תְּבֹאֶנּוּ׃
23 יְהִי ׀ לְמַלֵּא בִטְנוֹ יְשַׁלַּח־בּוֹ חֲרוֹן אַפּוֹ וְיַמְטֵר עָלֵימוֹ
24 בִּלְחוּמוֹ׃ יִבְרַח מִנֵּשֶׁק בַּרְזֶל תַּחְלְפֵהוּ קֶשֶׁת נְחוּשָׁה׃
כה 26 שָׁלַף וַיֵּצֵא מִגֵּוָה וּבָרָק מִמְּרֹרָתוֹ יַהֲלֹךְ עָלָיו אֵמִים׃ כָּל־
חֹשֶׁךְ טָמוּן לִצְפוּנָיו תְּאָכְלֵהוּ אֵשׁ לֹא־נֻפָּח יֵרַע שָׂרִיד
27 28 בְּאָהֳלוֹ׃ יְגַלּוּ שָׁמַיִם עֲוֺנוֹ וְאֶרֶץ מִתְקוֹמָמָה לוֹ׃ יִגֶל יְבוּל
29 בֵּיתוֹ נִגָּרוֹת בְּיוֹם אַפּוֹ׃ זֶה ׀ חֵלֶק־אָדָם רָשָׁע ׀ מֵאֱלֹהִים
וְנַחֲלַת אִמְרוֹ מֵאֵל׃

## כא CAP. XXI. כא

א 2 וַיַּעַן אִיּוֹב וַיֹּאמַר׃ שִׁמְעוּ שָׁמוֹעַ מִלָּתִי וּתְהִי־זֹאת
3 תַּנְחוּמֹתֵיכֶם׃ שָׂאוּנִי וְאָנֹכִי אֲדַבֵּר וְאַחַר דַּבְּרִי תַלְעִיג׃
4 ה הֶאָנֹכִי לְאָדָם שִׂיחִי וְאִם־מַדּוּעַ לֹא־תִקְצַר רוּחִי׃ פְּנוּ־אֵלַי
6 וְהָשַׁמּוּ וְשִׂימוּ יָד עַל־פֶּה׃ וְאִם־זָכַרְתִּי וְנִבְהָלְתִּי וְאָחַז
7 בְּשָׂרִי פַּלָּצוּת׃ מַדּוּעַ רְשָׁעִים יִחְיוּ עָתְקוּ גַּם־גָּבְרוּ חָיִל׃
8 9 זַרְעָם ׀ נָכוֹן לִפְנֵיהֶם עִמָּם וְצֶאֱצָאֵיהֶם לְעֵינֵיהֶם׃ בָּתֵּיהֶם
י שָׁלוֹם מִפָּחַד וְלֹא שֵׁבֶט אֱלוֹהַּ עֲלֵיהֶם׃ שׁוֹרוֹ עִבַּר וְלֹא
11 יַגְעִל תְּפַלֵּט פָּרָתוֹ וְלֹא תְשַׁכֵּל׃ יְשַׁלְּחוּ כַצֹּאן עֲוִילֵיהֶם
12 וְיַלְדֵיהֶם יְרַקֵּדוּן׃ יִשְׂאוּ כְּתֹף וְכִנּוֹר וְיִשְׂמְחוּ לְקוֹל עוּגָב׃
13 14 יְבַלּוּ בַטּוֹב יְמֵיהֶם וּבְרֶגַע שְׁאוֹל יֵחָתּוּ׃ וַיֹּאמְרוּ לָאֵל סוּר
טו מִמֶּנּוּ וְדַעַת דְּרָכֶיךָ לֹא חָפָצְנוּ׃ מַה־שַׁדַּי כִּי־נַעַבְדֶנּוּ
16 וּמַה־נּוֹעִיל כִּי נִפְגַּע־בּוֹ׃ הֵן לֹא בְיָדָם טוּבָם עֲצַת רְשָׁעִים
17 רָחֲקָה מֶנִּי׃ כַּמָּה ׀ נֵר־רְשָׁעִים יִדְעָךְ וְיָבֹא עָלֵימוֹ אֵידָם
18 חֲבָלִים יְחַלֵּק בְּאַפּוֹ׃ יִהְיוּ כְּתֶבֶן לִפְנֵי־רוּחַ וּכְמֹץ גְּנָבַתּוּ
19 כ סוּפָה׃ אֱלוֹהַּ יִצְפֹּן־לְבָנָיו אוֹנוֹ יְשַׁלֵּם אֵלָיו וְיֵדָע׃ יִרְאוּ
21 עֵינָו כִּידוֹ וּמֵחֲמַת שַׁדַּי יִשְׁתֶּה׃ כִּי מַה־חֶפְצוֹ בְּבֵיתוֹ
22 אַחֲרָיו וּמִסְפַּר חֳדָשָׁיו חֻצָּצוּ׃ הַלְאֵל יְלַמֶּד־דָּעַת וְהוּא

רמים

כ v. 22. יתיר ף  v. 26. מלעיל  כ״א v. 5. פתח באתנח בכ״א והד׳ בקיה חוש׳ דגושה
או הד׳ בחי״ק  v. 13. יכלו קרי  v. 17. קמץ בלא אס״ף  v. 20. עינו קרי

21 קאַסטבאַרסטעס זאָל ער זיך ניט ראַטעווען. פון זיין פרעסען וועט גאָר
ניט בלייבען, דערפאַר זאָל ער ניט בעגליקען אין זיין פערמעגען.
22 ווען ער וועט זיך שוין גוט אָנפילען, זאָל איהם ווערען ענג, די האַנד
23 פון יעדען אונגליקליכען זאָל איהם פּאַקען. אום אָנצופילען זיין בויך
זאָל גאָט אויף איהם אָנשיקען זיין צאָרן און אויף איהם רעגענען מיט
24 זיין שפּייז. ווען ער וועט ענטלויפען פון די אייזערנע וואַפען, זאָל איהם
25 דורכבויערען דער קופערנער בויגען. אַרויסציהענדיג איז אַרוים זיין
ליב, אַ בליטץ פון זיין מויל, שוידער זאָל עס אויף איהם אַרויפיאָגען.
26 אַלערליי פינסטערניס ליעגט פערבאָרגען אין זיינע בעהעלטעניסען, אויפ־
פרעסען זאָל איהם אַ פייער וואָס קיינער האָט ניט צובלאָזען, צושטערען
27 זאָל עס וואָס עס איז נאָך איבערגעבליעבען אין זיין געצעלט. די הימלען
זאָלען אויפדעקען זיינע זינד, די ערד זאָל זיך אוועקשטעלען קעגען איהם.
28 פערוואָגעלט זאָל ווערען די פרוכט פון זיין הויז, צורונען זאָל עס ווערען
29 אין טאָג פון צאָרן. אָט דאָס איז די טהייל וואָס גאָט גיט אַ פערדאָר־
בענעם מענשען, און דאָס איז די צוגעזאָגטע ירושה פון גאָט.

## קאַפּיטעל כא

1 און איוב האָט געענטפערט און האָט געזאָגט :
2 הערט נאָר אויס מיינע רייד און דאָס זאָל זיין אייער טרייסט.
3 ערלויבט מיר און לאָמיך רעדען, דערנאָך וועט איהר אָבשפּאָטען פון
4 מיינע רייד. האָב איך עפּעס אַ קלאָגע צו מענשען ? און ווען אַזוי, פאַר־
5 וואָס זאָל איך ניט פערליערען מיין געדולד ? ווענדעט זיך צו מיר און
6 שטוינט, דאַן לעגט צו דעם האַנד צום מויל. און דערמאָהנענדיג זיך
7 ווער איך דערשראָקען און אַ שוידער כאַפּט אָרום מיין ליב. פאַרוואָס
זאָלען עס די פערברעכער לעבען ? פאַרוואָס ווערען זיי אַלט און ווערען
8 רייך ? זייערע קינדער שטעהען פאַר זיי, און זייערע אבשטאַמונגען גע־
9 פינען זיך פאַר זייערע אויגען. זייערע הייזער זיינען פערזיכערט פון
10 שרעק, און גאָט'ס רוטה איז ניט אויף זיי. זיין אָקס בעפרוכטעט און
11 פעהלט ניט, זיין קוה קעלבט זיך און איז ניט מפּיל. ווי די שעפּסלאַך
12 שיקען זיי אַרוים זייער יונגוואַרג, און זייערע קינדער טאַנצען. זיי ווע־
רען געטראָגען מיט פּויק און פיעדעל, און זיי פרעהען זיך פון האַרפען־
13 קלאַנג. זיי פערברענגען אין גוטס זייערע טעג, און ניט איין מאָמענט
14 פערשווינדען זיי אין גרוב. און זיי זאָגען צו גאָט : „לאָז אונז צורוה,
15 און מיר ווילען גאָר ניט קענען דיינע וועגען". און וואָס וועט אונז העל־
16 פען, ווען מיר וועלען זיך מיט איהם בעגעגענען ? איך וויים, אַז ניט
אין זייערע האַנד איז זייער גליק, און דער ראַטה פון פערברעכער איז
ווייט פון מיר.
17 וויפיעלע ליכטער ווערען אויסגעלאָשען און עס קומט אויף זיי אַ בראָך ?
וועהטאָגען ווערט זיי צוגעטהיילט אין זיין צאָרן.
18 ווי שטרוי זיינען זיי פאַר'ן ווינד, און ווי פּאַלאווע פערטראָגט זיי דער
שטורעם.
19 אָבער פאַר זיינע קינדער בעהאַלט גאָט זיינע ליידען, ער בעצאָהלט זיי
און זיי זאָלען וויסען.
20 זיינע אויגען זעהען זיין בראָך און פון דעם אַלמעכטיגענ'ס צאָרן טרינקט
ער.
21 דען וואָס קומט איהם אַרוים פון זיין הויז וואָס בלייבט נאָך איהם ווען
די צאָהל פון זיינע מאָנאַטען איז בעשטימט ?
22 קען מען עפּעס לעהרנען גאָט וויסענשאַפט ווען ער אורטהיילט איבער די
העכסטע זאַכען ?

23 רָמִים יִשְׁפּוֹט׃ זֶה יָמוּת בְּעֶצֶם תֻּמּוֹ כֻּלּוֹ שַׁלְאֲנַן וְשָׁלֵיו׃
24 כה עֲטִינָיו מָלְאוּ חָלָב וּמֹחַ עַצְמוֹתָיו יְשֻׁקֶּה׃ וְזֶה יָמוּת בְּנֶפֶשׁ
26 מָרָה וְלֹא אָכַל בַּטּוֹבָה׃ יַחַד עַל־עָפָר יִשְׁכָּבוּ וְרִמָּה
27 תְּכַסֶּה עֲלֵיהֶם׃ הֵן יָדַעְתִּי מַחְשְׁבוֹתֵיכֶם וּמְזִמּוֹת עָלַי
28 תַּחְמֹסוּ׃ כִּי תֹאמְרוּ אַיֵּה בֵית־נָדִיב וְאַיֵּה אֹהֶל ׀ מִשְׁכְּנוֹת
29 רְשָׁעִים׃ הֲלֹא שְׁאֶלְתֶּם עוֹבְרֵי דָרֶךְ וְאֹתֹתָם לֹא תְנַכֵּרוּ׃
ל 31 כִּי לְיוֹם אֵיד יֵחָשֶׂךְ רָע לְיוֹם עֲבָרוֹת יוּבָלוּ׃ מִי־יַגִּיד עַל־
32 פָּנָיו דַּרְכּוֹ וְהוּא־עָשָׂה מִי יְשַׁלֶּם־לוֹ׃ וְהוּא לִקְבָרוֹת יוּבָל
33 וְעַל־גָּדִישׁ יִשְׁקוֹד׃ מָתְקוּ־לוֹ רִגְבֵי־נָחַל וְאַחֲרָיו כָּל־אָדָם
34 יִמְשׁוֹךְ וּלְפָנָיו אֵין מִסְפָּר׃ וְאֵיךְ תְּנַחֲמוּנִי הָבֶל וּתְשׁוּבֹתֵיכֶם
נִשְׁאַר־מָעַל׃

## CAP. XXII. כב

# כב

2 א וַיַּעַן אֱלִיפַז הַתֵּמָנִי וַיֹּאמַר׃ הַלְאֵל יִסְכָּן־גָּבֶר כִּי־יִסְכֹּן
3 עָלֵימוֹ מַשְׂכִּיל׃ הַחֵפֶץ לְשַׁדַּי כִּי תִצְדָּק וְאִם־בֶּצַע כִּי־
4 תַתֵּם דְּרָכֶיךָ׃ הֲמִיִּרְאָתְךָ יֹכִיחֶךָ יָבוֹא עִמְּךָ בַּמִּשְׁפָּט׃
ה 6 הֲלֹא רָעָתְךָ רַבָּה וְאֵין־קֵץ לַעֲוֺנֹתֶיךָ׃ כִּי־תַחְבֹּל אַחֶיךָ
7 חִנָּם וּבִגְדֵי עֲרוּמִּים תַּפְשִׁיט׃ לֹא־מַיִם עָיֵף תַּשְׁקֶה וּמֵרָעֵב
8 תִּמְנַע־לָחֶם׃ וְאִישׁ זְרוֹעַ לוֹ הָאָרֶץ וּנְשׂוּא פָנִים יֵשֶׁב בָּהּ׃
9 אַלְמָנוֹת שִׁלַּחְתָּ רֵיקָם וּזְרֹעוֹת יְתֹמִים יְדֻכָּא׃ עַל־כֵּן
11 סְבִיבוֹתֶיךָ פַחִים וִיבַהֶלְךָ פַּחַד פִּתְאֹם׃ אוֹ־חֹשֶׁךְ לֹא־
12 תִרְאֶה וְשִׁפְעַת־מַיִם תְּכַסֶּךָּ׃ הֲלֹא־אֱלוֹהַּ גֹּבַהּ שָׁמָיִם
13 וּרְאֵה רֹאשׁ כּוֹכָבִים כִּי־רָמּוּ׃ וְאָמַרְתָּ מַה־יָּדַע אֵל הַבְעַד
14 עֲרָפֶל יִשְׁפּוֹט׃ עָבִים סֵתֶר־לוֹ וְלֹא יִרְאֶה וְחוּג שָׁמַיִם
טו יִתְהַלָּךְ׃ הַאֹרַח עוֹלָם תִּשְׁמוֹר אֲשֶׁר דָּרְכוּ מְתֵי־אָוֶן׃
16 17 אֲשֶׁר־קֻמְּטוּ וְלֹא־עֵת נָהָר יוּצַק יְסוֹדָם׃ הָאֹמְרִים לָאֵל
18 סוּר מִמֶּנּוּ וּמַה־יִּפְעַל שַׁדַּי לָמוֹ׃ וְהוּא מִלֵּא בָתֵּיהֶם
19 טוֹב וַעֲצַת רְשָׁעִים רָחֲקָה מֶנִּי׃ יִרְאוּ צַדִּיקִים וְיִשְׂמָחוּ

וְנָקִי

כ״ב v. 6. דגש אחר שורק v. 12. בנ״א הה׳ דגושה v. 15. חצי הספר בפסוקים

23 איינער שטאַרבט אין זיין גאַנצער אונשולד, רוהיג און שטיל.
24 זיינע טעפּ זיינען פול מיט מילך און זאַפטיג איז דער מאַרך פון זיינע
25 ביינער. איינער שטאַרבט מיט אַ פערביטערטען געמיטה, און ער האָט
26 קיינמאָל קיין גוטס ניט געהאַט. ביידע צוזאַמען ליעגען זיי אין דער
27 ערד, און ווערים בעדעקען זיי. איך קען אייערע געדאַנקען און איך
28 פערשטעה אייערע אבזיכטען מיך צו בעראַבעווען. איהר פרעגט: „וואו
געפינט זיך ערגיץ דאָס פינסטערע הויז? וואו איז ערגיץ דאָס געצעלט
29 וואו פערברעכער וואָהנען?" איהר האָט דאָך שוין געפרעגט ביי די
30 דורכרייזענדע, זייערע בעווייזע קענט איהר ניט אָבלייקענען. אַז דער
פערדאָרבענער ווערט געהאַלטען פאַר'ן טאָג פון בראָך, צום אונגליקס טאָג
31 ווערט ער געפיהרט. ווער קומט איהם זאָגען אין געזיכט אַריין און ווער
32 וועט איהם בעצאָהלען וואָס ער האָט געטהאָן? און אין גרוב אַריין
33 פיהרט מען איהם, און ער רוהט אויף אַ הויפען. עס זיינען פאַר איהם
די שטיינדלאַך פון טייך און נאָך איהם געהען אַלע מענשען, און פאַר
34 איהם זיינען שוין געוועזען אָהן אַ צאָהל. און ווי קענט איהר מיר טרייס-
טען מיט נאַרישע זאַכען, ווען אייערע ענטפערס האָבען קיין ווערטה?

## קאַפּיטעל כב

1 און אליפז דער תמני האָט געענטפערט און געזאָגט:
2 גיט זיך דער מענש אָב פון גאָט'ס וועגען? דער קלוגער גיט זיך אָב מיט
3 זיך אַליין. קומט עפּעס גאָט אַרויס דערפון ווען דו ביזט גערעכט, אָדער
4 פערדיענט ער עפּעס דערביי ווען דו געהסט אין גלייכען וועג? איז עס
ווייל ער האָט מורא פאַר דיר ווען ער שטראָפט דיך? דערפאַר שטעלט ער
5 דיך פאַר'ן געריכט? דיינע שלעכטקייטען זיינען געוואַלדיג גרויס און עס
6 איז קיין ענד צו דיינע זינד. אומזיסט האָסטו גענומען אַ משכון פון
7 דיין ברודער און אָבגעצויגען די קליידער פון די נאַקעטע. דעם מידען
האָסטו ניט אָנגעטרונקען מיט וואַסער און פון דעם הונגעריגען האָסטו
8 צוריקגעהאַלטען ברויט. און בלויז פאַר'ן שטאַרקען איז די ערד און
פאַר'ן אנגעזעהענעם איז דאָ אַן אָרט צו זיטצען אויף איהם.
9 אַלמנות האָסטו אַוועקגעשיקט מיט לעדיגען און די אָרעמס פון די יתומים
האָסטו צושטערט.
10 אָט דערפאַר ביזטו אַרומגערינגעלט מיט נעטצען און אַ פּלוצלונגע שרעק
דערציטערט דיך.
11 אָדער עס קומט אויף דיר אַ פינסטערניס וואָס דו קענסט ניט זעהן, און
אַ הויפען וואַסער פערדעקט דיך.
12 גאָט געפינט זיך דאָך אין דער הויכקייט פון הימעל, און זעה דעם שפּיטץ
ווי הויך די שטערען זיינען.
13 און דו זאָגסט: וואָס ווייס גאָט? קען ער דען אורטהיילען פון הינטער
די וואָלקען'ס?
14 נעבלען פערבאָרגען איהם און ער זעהט ניט, און ער שפּאַציערט איבער'ן
הימעל-געוועלב.
15 האָסטו בעמערקט דעם וועג אויף וועלכען פערברעכער זיינען געגאַנגען?
16 יענע וואָס זיינען איינגעשרומפּען געוואָרען פאַר דער צייט, און וועלכע
אַ טייך האָט פערפלייצט זייער פונדאַמענט?
17 וועלכע האָבען געזאָגט צו גאָט: „לאָז אונז צורוה!" וואָס קען זיי גאָט
טהאָן?
18 און פונדעסטוועגען האָט ער אָנגעפילט זייערע הייזער מיט גוטס, און דער
געדאַנק פון די פערברעכער איז ווייט פון מיר!
19 זאָלען די גערעכטע זעהן און זיך פרעהען און דער ריינער זאָל שפּאָטען
פון זיי.

וְנָקִי יִלְעַג־לָמוֹ׃ אִם־לֹא נִכְחַד קִימָנוּ וְיִתְרָם אָכְלָה אֵשׁ׃ כ
הַסְכֶּן־נָא עִמּוֹ וּשְׁלָם בָּהֶם תְּבוֹאַתְךָ טוֹבָה׃ קַח־נָא מִפִּיו 21 22
תּוֹרָה וְשִׂים אֲמָרָיו בִּלְבָבֶךָ׃ אִם־תָּשׁוּב עַד־שַׁדַּי תִּבָּנֶה 23
תַּרְחִיק עַוְלָה מֵאָהֳלֶךָ׃ וְשִׁית־עַל־עָפָר בָּצֶר וּבְצוּר נְחָלִים 24
אוֹפִיר׃ וְהָיָה שַׁדַּי בְּצָרֶיךָ וְכֶסֶף תּוֹעָפוֹת לָךְ׃ כִּי־אָז כה 26
עַל־שַׁדַּי תִּתְעַנָּג וְתִשָּׂא אֶל־אֱלוֹהַּ פָּנֶיךָ׃ תַּעְתִּיר אֵלָיו 27
וְיִשְׁמָעֶךָּ וּנְדָרֶיךָ תְשַׁלֵּם׃ וְתִגְזַר־אֹמֶר וְיָקָם לָךְ וְעַל־ 28
דְּרָכֶיךָ נָגַהּ אוֹר׃ כִּי־הִשְׁפִּילוּ וַתֹּאמֶר גֵּוָה וְשַׁח עֵינַיִם 29
יוֹשִׁעַ׃ יְמַלֵּט אִי־נָקִי וְנִמְלַט בְּבֹר כַּפֶּיךָ׃ ל

## כג Cap. XXIII. כג

וַיַּעַן אִיּוֹב וַיֹּאמַר׃ גַּם־הַיּוֹם מְרִי שִׂחִי יָדִי כָּבְדָה עַל־ א 2
אַנְחָתִי׃ מִי־יִתֵּן יָדַעְתִּי וְאֶמְצָאֵהוּ אָבוֹא עַד־תְּכוּנָתוֹ׃ 3
אֶעֶרְכָה לְפָנָיו מִשְׁפָּט וּפִי אֲמַלֵּא תוֹכָחוֹת׃ אֵדְעָה מִלִּים 4 ה
יַעֲנֵנִי וְאָבִינָה מַה־יֹּאמַר לִי׃ הַבְּרָב־כֹּחַ יָרִיב עִמָּדִי לֹא 6
אַךְ־הוּא יָשִׂם בִּי׃ שָׁם יָשָׁר נוֹכָח עִמּוֹ וַאֲפַלְּטָה לָנֶצַח 7
מִשֹּׁפְטִי׃ הֵן קֶדֶם אֶהֱלֹךְ וְאֵינֶנּוּ וְאָחוֹר וְלֹא־אָבִין לוֹ׃ 8
שְׂמֹאול בַּעֲשֹׂתוֹ וְלֹא־אָחַז יַעְטֹף יָמִין וְלֹא אֶרְאֶה׃ כִּי־יָדַע 9 י
דֶּרֶךְ עִמָּדִי בְּחָנַנִי כַּזָּהָב אֵצֵא׃ בַּאֲשֻׁרוֹ אָחֲזָה רַגְלִי דַּרְכּוֹ 11
שָׁמַרְתִּי וְלֹא־אָט׃ מִצְוַת שְׂפָתָיו וְלֹא אָמִישׁ מֵחֻקִּי צָפַנְתִּי 12
אִמְרֵי־פִיו׃ וְהוּא בְאֶחָד וּמִי יְשִׁיבֶנּוּ וְנַפְשׁוֹ אִוְּתָה וַיָּעַשׂ׃ 13
כִּי יַשְׁלִים חֻקִּי וְכָהֵנָּה רַבּוֹת עִמּוֹ׃ עַל־כֵּן מִפָּנָיו אֶבָּהֵל 14 טו
אֶתְבּוֹנֵן וְאֶפְחַד מִמֶּנּוּ׃ וְאֵל הֵרַךְ לִבִּי וְשַׁדַּי הִבְהִילָנִי׃ 16
כִּי־לֹא נִצְמַתִּי מִפְּנֵי־חֹשֶׁךְ וּמִפָּנַי כִּסָּה־אֹפֶל׃ 17

## כד Cap. XXIV. כד

מַדּוּעַ מִשַּׁדַּי לֹא־נִצְפְּנוּ עִתִּים וְיֹדְעָו לֹא־חָזוּ יָמָיו׃ גְּבֻלוֹת א 2
יַשִּׂיגוּ עֵדֶר גָּזְלוּ וַיִּרְעוּ׃ חֲמוֹר יְתוֹמִים יִנְהָגוּ יַחְבְּלוּ שׁוֹר 3
אַלְמָנָה׃ יַטּוּ אֶבְיוֹנִים מִדָּרֶךְ יַחַד חֻבְּאוּ עֲנְוֵי־אָרֶץ׃ הֵן 4 ה

פְּרָאִים



כ״ג v. 9. מלעיל   כ״ד v. 1. וידיו קרי   v. 4. ענוי קרי

20 איז ניט פערטיליגט געוואָרען יענער וואָס איז אויפגעשטאַנען קעגען
אונז ? האָט דער פייער ניט צושטערט אַלעס וואָס זיי איז איבערגע־
21 בליעבען ? בעקען דיך מיט גאָט און שליעס פריעדען מיט איהם, דאָס
22 וועט אויף דיר ברענגען גוטס. נעהם די לעהרע פון זיין מויל און לעג
23 אריין זיינע ווערטער אין דיין הארץ. ווען דו וועסט אומקעהרען צום
אַלמעכטיגען וועט זיין וואויל צו דיר ; דערווייטער אונגערעכטיגקייט פון
24 דיינע געצעלטען. און אין שטויב זאָלסטו וואַרפען דיינע טהייערע מע־
25 טאַלען און אין די טייך־פעלזען — דיין גאָלד פון אופיר. און דער אַל־
מעכטיגער וועט דאַן זיין דיין טהייערעס מעטאַל און גלענצענדעס זילבער
26 וועסטו האָבען. דאַמאַלס וועסטו האָבען פערמעגען פון אַלמעכטיגען און
27 צו גאָט וועסטו אויפהויבען דיין געזיכט. וועסט בעטען צו איהם און ער
28 וועט דיך אויסהערען, בלויז באַצאָהל דיינע פערשפרעכונגען. אויב דו
בעשליעסט אויף אַ זאַך, ערפיל עס, און דאַן וועט שיינען אַ ליכט אויף
29 דיינע וועגען. ווייל די וואָס זיינען ערניעדעריגט געוואָרען, וועלען זיך
אויפהויבען, און יענע מיט אַרונטערגעלאָזענע אויגען וועט ער העלפען.
30 זאָגאַר דעם אומריינעם וועט ער ראַטעווען, געראַטעוועט וועט ער ווערען
דורך דיינע ריינע הענד.

## קאַפּיטעל כג

1 און איוב האָט געענטפערט און האָט געזאָגט :
2 אויך היינט איז ביטער מיין קלאָג, מיין בראָך איז שווערער פון מיינע
3 זיפצען. אַך, ווען איך זאָל וויסען וואו איהם צו געפינען, איהם דער־
4 גרייכען ביז'ן גרוב ! איך וואָלט דאַן פאַר איהם געמאַכט אַ פּראָצעס
5 און מיין מויל וואָלט פול געוואָרען מיט טענות. איך וואָלט וועלען ווי־
סען די ווערטער וואָס ער וועט מיר ענטפערען, און איך וואָלט וועלען
6 פערשטעהן וואָס ער וועט מיר זאָגען. וועט ער מיט מיר שטרייטען מיט
זיין גרויסע קראַפט ? ניין ! אָבער ער וועט מיר שענקען אויפמערקזאַמ־
7 קייט. דאָרט קען דער עהרליכער מיט איהם האָבען אַ דיספּוט, און איך
8 וואָלט אויף אייביג פריי געוואָרען פון מיין פּראָצעס. ווען איך געה פאָר־
9 אויס איז ער ניטאָ, ריקווערטס און איך בעגרייף איהם ניט. וואָס ער
טהוט אויף לינקס מערק איך ניט, וואָס ער פערהילט זעה איך ניט.
10 אָבער ער ווייס מיינע וועגען, ער האָט מיך פּרובירט און איך בין ארויס
11 ריין ווי גאָלד. אין זיינע טריט האַלט זיך מיין פוס, זיין וועג האָב איך
12 געהיט און זיך ניט אָבגעווענדט. איך בין ניט אוועק פון די געבאָטע
וואָס זיינען ארויס פון זיינע ליפּען, מעהר פון מיין עקזיסטענץ האָב איך
13 בעהאַלטען די רייד פון זיין מויל. און ער האַלט זיך ביי איינעם און קיי־
נער קען איהם ניט אומווענדען, און וואָס זיין ווילען פערלאַנגט דאָס טהוט
14 ער. ער וועט געוויס געפינען מיין בעשטימונג, און ער האָט פיעלע
15 אַזעלכע זאַכען. דערפאַר ציטער איך פאַר איהם, איך קלעהר נאָך און
16 איך שרעק זיך פאַר איהם. און גאָט האָט ווייך געמאַכט מיין הארץ,
17 און דער אַלמעכטיגער האָט מיך אויפגעשוידערט. און איך בין ניט צו־
טומעלט געוואָרען פאַר דער פינסטערניס, און פון מיין געזיכט איז די
פינסטערניס געוועזן אָבגעדעקט.

## קאַפּיטעל כד

1 פאַרוואָס זיינען פאַר'ן אַלמעכטיגען ניט פערבאָרגען די צייטען און
2 יענע וואָס קענען איהם האָבען ניט געמערקט זיינע טעג ! די פערדאָר־
3 בענע רוקען איבער גרענעצען, רויבען אַ הערדע און פּאַשען זי. דעם עזעל
פון די יתומים פיהרען זיי אוועק, זיי נעהמען פאַר אַ משכון דעם אָקס פון
4 דער אַלמנה. די אָרעמע לייט פערטרייבען זיי פון וועג, צוזאַמען בעהאַל־
5 טען זיי די אָרעמע פון דער ערד. ווי די ווילדע אין דער וויסטע געהען

פְּרָאִים ׀ בַּמִּדְבָּר יָצְאוּ בְּפָעֳלָם מְשַׁחֲרֵי לַטָּרֶף עֲרָבָה לוֹ
6 לֶחֶם לַנְּעָרִים׃ בַּשָּׂדֶה בְּלִילוֹ יַקְצִירוּ וְכֶרֶם רָשָׁע יְלַקֵּשׁוּ׃
7 8 עָרוֹם יָלִינוּ מִבְּלִי לְבוּשׁ וְאֵין כְּסוּת בַּקָּרָה׃ מִזֶּרֶם הָרִים
9 יִרְטָבוּ וּמִבְּלִי מַחְסֶה חִבְּקוּ־צוּר׃ יִגְזְלוּ מִשֹּׁד יָתוֹם וְעַל־
י עָנִי יַחְבֹּלוּ׃ עָרוֹם הִלְּכוּ בְּלִי לְבוּשׁ וּרְעֵבִים נָשְׂאוּ עֹמֶר׃
11 12 בֵּין־שׁוּרֹתָם יַצְהִירוּ יְקָבִים דָּרְכוּ וַיִּצְמָאוּ׃ מֵעִיר מְתִים ׀
13 יִנְאָקוּ וְנֶפֶשׁ־חֲלָלִים תְּשַׁוֵּעַ וֶאֱלוֹהַּ לֹא־יָשִׂים תִּפְלָה׃ הֵמָּה ׀
הָיוּ בְּמֹרְדֵי־אוֹר לֹא־הִכִּירוּ דְרָכָיו וְלֹא יָשְׁבוּ בִּנְתִיבֹתָיו׃
14 לָאוֹר ׀ יָקוּם רוֹצֵחַ יִקְטָל־עָנִי וְאֶבְיוֹן וּבַלַּיְלָה יְהִי כַגַּנָּב׃
טו וְעֵין נֹאֵף ׀ שָׁמְרָה נֶשֶׁף לֵאמֹר לֹא־תְשׁוּרֵנִי עָיִן וְסֵתֶר פָּנִים
16 יָשִׂים׃ חָתַר בַּחֹשֶׁךְ בָּתִּים יוֹמָם חִתְּמוּ־לָמוֹ לֹא־יָדְעוּ
17 אוֹר׃ כִּי יַחְדָּו ׀ בֹּקֶר לָמוֹ צַלְמָוֶת כִּי יַכִּיר בַּלְהוֹת צַלְמָוֶת׃
18 קַל־הוּא ׀ עַל־פְּנֵי־מַיִם תְּקֻלַּל חֶלְקָתָם בָּאָרֶץ לֹא־יִפְנֶה
19 דֶּרֶךְ כְּרָמִים׃ צִיָּה גַם־חֹם יִגְזְלוּ מֵימֵי־שֶׁלֶג שְׁאוֹל חָטָאוּ׃
כ יִשְׁכָּחֵהוּ רֶחֶם ׀ מְתָקוֹ רִמָּה עוֹד לֹא־יִזָּכֵר וַתִּשָּׁבֵר כָּעֵץ
21 22 עַוְלָה׃ רֹעֶה עֲקָרָה לֹא תֵלֵד וְאַלְמָנָה לֹא יְיֵטִיב׃ וּמָשַׁךְ
23 אַבִּירִים בְּכֹחוֹ יָקוּם וְלֹא־יַאֲמִין בַּחַיִּין׃ יִתֶּן־לוֹ לָבֶטַח
24 וְיִשָּׁעֵן וְעֵינֵיהוּ עַל־דַּרְכֵיהֶם׃ רֹמּוּ מְּעַט ׀ וְאֵינֶנּוּ וְהֻמְּכוּ
כה כַּכֹּל יִקָּפְצוּן וּכְרֹאשׁ שִׁבֹּלֶת יִמָּלוּ׃ וְאִם־לֹא אֵפוֹ מִי
יַכְזִיבֵנִי וְיָשֵׂם לְאַל מִלָּתִי׃

## CAP. XXV. כה

כה

2 א וַיַּעַן בִּלְדַּד הַשֻּׁחִי וַיֹּאמַר׃ הַמְשֵׁל וָפַחַד עִמּוֹ עֹשֶׂה שָׁלוֹם
3 בִּמְרוֹמָיו׃ הֲיֵשׁ מִסְפָּר לִגְדוּדָיו וְעַל־מִי לֹא־יָקוּם אוֹרֵהוּ׃
4 ה וּמַה־יִּצְדַּק אֱנוֹשׁ עִם־אֵל וּמַה־יִּזְכֶּה יְלוּד אִשָּׁה׃ הֵן עַד־
6 יָרֵחַ וְלֹא יַאֲהִיל וְכוֹכָבִים לֹא־זַכּוּ בְעֵינָיו׃ אַף כִּי־אֱנוֹשׁ
רִמָּה וּבֶן־אָדָם תּוֹלֵעָה׃

ויען

כ״ד v. 6. יקצורו קרי v. 24. כאן חטף

זיי אַרוים מיט זייער אַרבייט, גאַנץ פריה שטעהען זיי אויף צו זייער רויב,
6 אין אבענד עסען זיי מיט זייערע יונגען. אין פעלד שניידען זיי די
תבואה פון דער אָרעמען און דעם וויינגאַרטען פון פערברעכער העלפען זיי
7 אָנקלייבען. זיי נעכטיגען נאַקעט, אָהן אַ קלייד, און אָהן אַ דעקע אין
8 דער קעלט. פון דעם באַרג־שטראָם ווערען זיי דורכגעווייקט און אָהן
9 שוטץ טוליען זיי זיך צום פעלזען. פון דער ברוסט רויבען זיי אַוועק דעם
10 יתום, ביים אָרעמען נעהמען זיי משכנות. נאַקעט געהען זיי אָהן אַ קלייד,
11 הונגעריג שלעפען זיי די גאַרבען. צווישען זייערע ווענד קוועטשען זיי
12 אויס דעם בוימאויל, זיי טרעטען דעם וויין און זיינען דאָרשטיג. פון דער
בעפעלקערטער שטאָדט קרעכצען זיי, די זעעלען פון די דערשלאָגענע
13 שרייען, און גאָט האַלט עס ניט פאַר קיין פערברעכען. זיי האָבען רע־
וואָלטירט קעגען ליכט, זיי האָבען ניט אַנערקענט זיינע וועגען און ניט
14 געזעסען אין זיינע שטעגען. ביים ליכט שטעהט ער אויף ווי אַ מערדער
און ברענגט אום דעם אָרעמען און עלענדען, און ביי נאַכט איז ער ווי אַ
15 גנב. און דאָס אויג פון דעם נואף פאַסט אויף ווען עס ווערט שפעט און
ער זאָגט: „קיין אויג וועט מיך יעצט זעהן”. דערנאָך טהוט ער זיך אָן אַ
16 מאַסקע אויפ'ן געזיכט. אין דער פינסטער בערויבען זיי אונטער הייזער
וואָס זיי האָבען ביי טאָג בעצייכענט, זיי ווילען ניט וויסען פון קיין ליכט.
17 ווייל זאָגאַר דער פריהמאָרגען איז פאַר זיי דער שאָטען פון טוידט; פאַר
זיי זיינען בעקאַנט די שרעקען פון דעם שאָטען פון טוידט.
18 גרינג זיינען זיי אויף וואַסער, פערפלוכט איז זייער טהייל לאַנד, זיי
ווענדען זיך ניט דורך וויינגערטנער.
19 פונקט ווי טריקעניס און היטץ רויבען אַוועק די וואַסערען פון שנעע,
אַזוי רויבט די גרוב יענע וואָס האָבען געזינדיגט.
20 פערגעסען וועט אָן איהם די געבערמוטער, די ווערים וואָס האָבען אין
איהם געפיהלט אַ זיסען געשמאַק, וועלען איהם ניט געדענקען, און ווי
אַ שטיק האָלץ וועט צובראָכען ווערען די אונגערעכטיגקייט.
21 ער פערפאָלגט די קינדערלאָזע ווייל זי האָט ניט געבאָרען, דער אַלמנה
טהוט ער אויך ניט קיין גוטס.
22 די מעכטיגע ציהט גאָט אַרונטער מיט זיין קראַפט, און ווען ער שטעלט
זיך אויף איז קיינער ניט זיכער מיט זיין לעבען.
23 גאָט גיט איהם זיכערהייט ער זאָל זיך אָנשפאַרען, אָבער זיינע אויגען
האַלט ער אויף זיינע וועגען.
24 זיי ווערען דערהויבען אויף אַ ווײַלע און דערנאָך זיינען זיי מעהר ניטאָ,
און זיי ווערען צושמעטערט און ווי אַלע אַנדערע נעהמט מען צוזאַמען;
25 ווי דער שפיטץ פון אַ זאַנג ווערען זיי אָבגעשניטען. און ווער קען עס
מיר אָבלייקענען אַז עס איז ניט אַזוי און צו גאָר ניט מאַכען מיינע רייד?

## קאַפּיטעל כה

1 און בלדד דער שוחי האָט געענטפערט און געזאָגט:
2 הערשאַפט און שרעקען זיינען מיט איהם, ער מאַכט פריעדען אין זיינע
הויכקייטען.
3 איז דאָ אַ צאָהל צו זיינע רעגימענטען? און אויף וועמען געהט ניט אויף
זיין ליכט?
4 ווי קען אַ מענש זיין גערעכט קעגען גאָט? און מיט וואָס קען זוכה זיין
יענער, וועלכער איז געבוירען פון אַ פרוי?
5 אַז ער וויל, פערדעקט ער די לבנה און זי שיינט ניט, און זאָגאַר די
שטערען זיינען ניט ריין אין זיינע אויגען.
6 וואָס איז שוין דער מענש? אַ וואָרים! און דער זוהן פון מענשען איז
אַ מילב!

## כו Cap. XXVI. כו

א וַיַּעַן אִיּוֹב וַיֹּאמַר׃ מֶה־עָזַרְתָּ לְלֹא־כֹחַ הוֹשַׁעְתָּ זְרוֹעַ לֹא־ 2
עֹז׃ מַה־יָּעַצְתָּ לְלֹא חָכְמָה וְתֻשִׁיָּה לָרֹב הוֹדָעְתָּ׃ אֶת־ 3 4
מִי הִגַּדְתָּ מִלִּין וְנִשְׁמַת־מִי יָצְאָה מִמֶּךָּ׃ הָרְפָאִים יְחוֹלָלוּ ה
מִתַּחַת מַיִם וְשֹׁכְנֵיהֶם׃ עָרוֹם שְׁאוֹל נֶגְדּוֹ וְאֵין כְּסוּת 6
לָאֲבַדּוֹן׃ נֹטֶה צָפוֹן עַל־תֹּהוּ תֹּלֶה אֶרֶץ עַל־בְּלִימָה׃ 7
צֹרֵר־מַיִם בְּעָבָיו וְלֹא־נִבְקַע עָנָן תַּחְתָּם׃ מְאַחֵז פְּנֵי־כִסֶּה* 8 9
פַּרְשֵׁז עָלָיו עֲנָנוֹ׃ חֹק־חָג עַל־פְּנֵי־מָיִם עַד־תַּכְלִית אוֹר י
עִם־חֹשֶׁךְ׃ עַמּוּדֵי שָׁמַיִם יְרוֹפָפוּ וְיִתְמְהוּ מִגַּעֲרָתוֹ׃ בְּכֹחוֹ 11 12
רָגַע הַיָּם וּבִתְוּבֻנָתוֹ מָחַץ רָהַב׃ בְּרוּחוֹ שָׁמַיִם שִׁפְרָה 13
חֹלֲלָה יָדוֹ נָחָשׁ בָּרִחַ׃ הֶן־אֵלֶּה ׀ קְצוֹת דְּרָכָו וּמַה־שֵּׁמֶץ 14
דָּבָר נִשְׁמַע־בּוֹ וְרַעַם גְּבוּרֹתָו מִי יִתְבּוֹנָן׃

## כז Cap. XXVII. כז

א וַיֹּסֶף אִיּוֹב שְׂאֵת מְשָׁלוֹ וַיֹּאמַר׃ חַי־אֵל הֵסִיר מִשְׁפָּטִי 2
וְשַׁדַּי הֵמַר נַפְשִׁי׃ כִּי־כָל־עוֹד נִשְׁמָתִי בִי וְרוּחַ אֱלוֹהַּ 3
בְּאַפִּי׃ אִם־תְּדַבֵּרְנָה שְׂפָתַי עַוְלָה וּלְשׁוֹנִי אִם־יֶהְגֶּה רְמִיָּה׃ 4
ה חָלִילָה לִּי אִם־אַצְדִּיק אֶתְכֶם עַד־אֶגְוָע לֹא־אָסִיר תֻּמָּתִי
מִמֶּנִּי׃ בְּצִדְקָתִי הֶחֱזַקְתִּי וְלֹא אַרְפֶּהָ לֹא־יֶחֱרַף לְבָבִי 6
מִיָּמָי׃ יְהִי כְרָשָׁע אֹיְבִי וּמִתְקוֹמְמִי כְעַוָּל׃ כִּי מַה־תִּקְוַת 7 8
חָנֵף כִּי יִבְצָע כִּי יֵשֶׁל אֱלוֹהַּ נַפְשׁוֹ׃ הֲצַעֲקָתוֹ יִשְׁמַע ׀ אֵל 9
י כִּי־תָבוֹא עָלָיו צָרָה׃ אִם־עַל־שַׁדַּי יִתְעַנָּג יִקְרָא אֱלוֹהַּ
בְּכָל־עֵת׃ אוֹרֶה אֶתְכֶם בְּיַד־אֵל אֲשֶׁר עִם־שַׁדַּי לֹא אֲכַחֵד׃ 11
הֶן־אַתֶּם כֻּלְּכֶם חֲזִיתֶם וְלָמָּה־זֶּה הֶבֶל תֶּהְבָּלוּ׃ זֶה ׀ חֵלֶק 12 13
אָדָם רָשָׁע ׀ עִם־אֵל וְנַחֲלַת עָרִיצִים מִשַּׁדַּי יִקָּחוּ׃ אִם־ 14
טו יִרְבּוּ בָנָיו לְמוֹ־חָרֶב וְצֶאֱצָאָיו לֹא יִשְׂבְּעוּ־לָחֶם׃ שְׂרִידָיו
בַּמָּוֶת יִקָּבֵרוּ וְאַלְמְנֹתָיו לֹא תִבְכֶּינָה׃ אִם־יִצְבֹּר כֶּעָפָר 16
כָּסֶף וְכַחֹמֶר יָכִין מַלְבּוּשׁ׃ יָכִין וְצַדִּיק יִלְבָּשׁ וְכֶסֶף נָקִי 17

יחלק

כו v. 9. ה במקום א. v. 12. ובתבונתו קרי v. 14. דרכיו קרי ibid. גבורותיו קרי

## קאַפּיטעל כו

1 און איוב האָט געענטפערט און האָט געזאָגט:
2 מיט וואָס האָסטו יענעם געהאָלפען וואָס האָט קיין קראַפט ניט, מיט
וואָס האָסטו יענעם געשיטצט, וועלכער האָט ניט קיין שטארקייט?
3 וואָס האָסטו געראַטהען יענעם וואָס פערשטעהט ניט? און פאַר ווי־
4 פיעלע האָסטו בעקאַנט געמאַכט דיין וויסענשאַפט? וועמען האָסט
דערציעהלט ווערטער און וועמעס גייסט איז פון דיר ארויסגעקומען?
5 די פערשטאָרבענע ערוואַכען, פון אונטערן וואַסער שטעהען זיי אויף צו־
6 זאַמען מיט די אָרעמע וואָס האָבען גערוהט. נאַקעט איז די אונטער־
7 וועלט פאַר איהם, און דער אָבגרונד האָט קיין דעק. אויסגעשפּרייט איז
8 דער צפון איבער גאָרניט, די ערד הענגט אויף גאָרניט. ער נעהמט צוזאַ־
מען וואַסערען אין זיינע וואָלקענס, און קיין וואָלקען פּלאַצט אונטער זיי.
9 ער פערדעקט דאָס אויסזעהען פון זיין שטוהל, ער שפּרייט דארויף אויס
זיין וואָלקען.
10 אַ צירקעל ציהט ער איבער דעם וואַסער ביז צום ענדע ליכט מיט פינ־
11 סטערניש. די זיילען פון הימעל צוטרייסלען זיך, זיי ווערען ערשטוינט
12 פון זיין געשריי. מיט זיין קראַפט בערוהיגט ער דעם ים, און מיט זיין
13 פערשטאַנד פערוואונדעט ער זיין שטאָלץ. מיט זיין הויך לייטער ער
אויס דעם הימעל, זיין האַנד האָט געשאַפען די רינגעל־שלאַנג.
14 אָט דאָס איז בלויז אַ קליינער טהייל פון זיינע וועגען, און ווי אונבע־
דייטענד איז דאָס וואָרט וואָס מיר הערען פון איהם, און דעם דונער פון
זיין מאַכט ווער קען פערשטעהען?

## קאַפּיטעל כז

1 און איוב האָט פאָרטגעזעצט זיינע משלים און אַזוי געזאָגט:
2 אַזוי ווי גאָט לעבט, אַזוי האָט ער אוועקגענומען מיין רעכט; דער אַל־
3 מעכטיגער האָט פערביטערט מיין געמיטה. ווייל די גאַנצע צייט וואָס
מיין זעעלע איז נאָך אין מיר און גאָט'ס אָטהעם איז אין מיינע נאָזלעכער.
4 וועלען מיינע ליפּען אַלץ ניט רעדען קיין אונרעכט און מיין צונג וועט
5 ניט ארויסברענגען קיין פאַלשקייט. בעהיט זאָל איך ווערען אייך צו
געבען רעכט, ביז איך וועל אויסגעהן וועל איך ניט אוועקלעגען מיין עהר־
6 ליכקייט. אין מיין גערעכטיגקייט האַלט איך און איך וועל מיך ניט אָב־
לאָזען; זייט איך לעב האָט נאָך מיין הארץ מיר ניט געמאַכט קיין
7 פאָרוואורף. אַ פערברעכער איז יענער וואָס איז מיין פיינד און מיין
8 געגנער איז אַ לומפּ. וואָס פאַר אַ האָפנונג האָט דער חונף זאָגאַר ווען
9 ער געווינט, ווען גאָט פערלאָזט זיין זעעלע? הערט דען גאָט זיין גע־
10 שריי ווען עס קומט אויף איהם אַן אונגליק? דער וואָס האָט פערגע־
ניגען געהאַט פון אַלמעכטיגען, קען רופען צו גאָט צו יעדער צייט.
11 איך וועל אייך ווייזען וואָס עס ליעגט אין גאָט'ס האַנד, וואָס עס איז
12 מיט'ן אַלמעכטיגען וועל איך אייך ניט פערלייקענען. איהר האָט דאָך
אַלע געזעהן און וואָס'זשע פלוידערט איהר נארישקייטען?
13 אָט אַזאַ טהייל קריעגט דער שלעכטער מענש פון גאָט, אָט דאָס איז דער
ערבטהייל וואָס באַנדיטען בעקומען פון אַלמעכטיגען.
14 אויב ער האָט פיעל קינדער איז דאָס בלויז פאַר'ן שווערד, זיינע אָבשטאַמ־
15 לינגע וועלען ניט זיין זאַט מיט ברויט. יענע וואָס וועלען איבערבליי־
בען וועלען בעגראָבען ווערען און זיינע אַלמנות וועלען זיי ניט בעוויינען.
16 ווען ער זאָל צוזאַמען נעהמען דאָס זילבער ווי שטויב און קליידער זאָל
ער זיך בעזאָרגען ווי לעהם,
17 וועט ער בלויז בעזאָרגען און דער גערעכטער וועט זיי אָנטהאָן, און מיט
דעם זילבער וועלען די אונשולדיגע זיך צוטהיילען.

18 19 יֶחֱלֹק׃ בָּנָה כָעָשׁ בֵּיתוֹ וּכְסֻכָּה עָשָׂה נֹצֵר׃ עָשִׁיר יִשְׁכַּב
כ וְלֹא יֵאָסֵף עֵינָיו פָּקַח וְאֵינֶנּוּ׃ תַּשִּׂיגֵהוּ כַמַּיִם בַּלָּהוֹת
21 לַיְלָה גְּנָבַתּוּ סוּפָה׃ יִשָּׂאֵהוּ קָדִים וְיֵלַךְ וִישָׂעֲרֵהוּ מִמְּקֹמוֹ׃
22 23 וְיַשְׁלֵךְ עָלָיו וְלֹא יַחְמֹל מִיָּדוֹ בָּרוֹחַ יִבְרָח׃ יִשְׂפֹּק עָלֵימוֹ
כַפֵּימוֹ וְיִשְׁרֹק עָלָיו מִמְּקֹמוֹ׃

## כח Cap. XXVIII. כח

2 א כִּי יֵשׁ לַכֶּסֶף מוֹצָא וּמָקוֹם לַזָּהָב יָזֹקּוּ׃ בַּרְזֶל מֵעָפָר יֻקָּח
3 וְאֶבֶן יָצוּק נְחוּשָׁה׃ קֵץ ׀ שָׂם לַחֹשֶׁךְ וּלְכָל־תַּכְלִית הוּא
4 חוֹקֵר אֶבֶן אֹפֶל וְצַלְמָוֶת׃ פָּרַץ נַחַל ׀ מֵעִם־גָּר הַנִּשְׁכָּחִים
ה מִנִּי־רָגֶל דַּלּוּ מֵאֱנוֹשׁ נָעוּ׃ אֶרֶץ מִמֶּנָּה יֵצֵא־לָחֶם וְתַחְתֶּיהָ
6 נֶהְפַּךְ כְּמוֹ־אֵשׁ׃ מְקוֹם־סַפִּיר אֲבָנֶיהָ וְעַפְרֹת זָהָב לוֹ׃
7 8 נָתִיב לֹא־יְדָעוֹ עָיִט וְלֹא שְׁזָפַתּוּ עֵין אַיָּה׃ לֹא־הִדְרִיכֻהוּ
9 בְנֵי־שָׁחַץ לֹא־עָדָה עָלָיו שָׁחַל׃ בַּחַלָּמִישׁ שָׁלַח יָדוֹ הָפַךְ
י מִשֹּׁרֶשׁ הָרִים׃ בַּצּוּרוֹת יְאֹרִים בִּקֵּעַ וְכָל־יְקָר רָאֲתָה
11 עֵינוֹ׃ מִבְּכִי נְהָרוֹת חִבֵּשׁ וְתַעֲלֻמָהּ יֹצִא אוֹר׃
12 13 וְהַחָכְמָה מֵאַיִן תִּמָּצֵא וְאֵי־זֶה מְקוֹם בִּינָה׃ לֹא־יָדַע אֱנוֹשׁ
14 עֶרְכָּהּ וְלֹא תִמָּצֵא בְּאֶרֶץ הַחַיִּים׃ תְּהוֹם אָמַר לֹא בִי־
טו הִיא וְיָם אָמַר אֵין עִמָּדִי׃ לֹא־יֻתַּן סְגוֹר תַּחְתֶּיהָ וְלֹא
16 יִשָּׁקֵל כֶּסֶף מְחִירָהּ׃ לֹא תְסֻלֶּה בְּכֶתֶם אוֹפִיר בְּשֹׁהַם
17 יָקָר וְסַפִּיר׃ לֹא־יַעַרְכֶנָּה זָהָב וּזְכוֹכִית וּתְמוּרָתָהּ כְּלִי־
18 פָז׃ רָאמוֹת וְגָבִישׁ לֹא יִזָּכֵר וּמֶשֶׁךְ חָכְמָה מִפְּנִינִים׃
19 לֹא־יַעַרְכֶנָּה פִּטְדַת־כּוּשׁ בְּכֶתֶם טָהוֹר לֹא תְסֻלֶּה׃
כ 21 וְהַחָכְמָה מֵאַיִן תָּבוֹא וְאֵי־זֶה מְקוֹם בִּינָה׃ וְנֶעֶלְמָה מֵעֵינֵי
22 כָל־חָי וּמֵעוֹף הַשָּׁמַיִם נִסְתָּרָה׃ אֲבַדּוֹן וָמָוֶת אָמְרוּ בְּאָזְנֵינוּ
23 שָׁמַעְנוּ שִׁמְעָהּ׃ אֱלֹהִים הֵבִין דַּרְכָּהּ וְהוּא יָדַע אֶת־
24 מְקוֹמָהּ׃ כִּי־הוּא לִקְצוֹת־הָאָרֶץ יַבִּיט תַּחַת כָּל־הַשָּׁמַיִם
כה 26 יִרְאֶה׃ לַעֲשׂוֹת לָרוּחַ מִשְׁקָל וּמַיִם תִּכֵּן בְּמִדָּה׃ בַּעֲשֹׂתוֹ
27 לַמָּטָר חֹק וְדֶרֶךְ לַחֲזִיז קֹלוֹת׃ אָז רָאָהּ וַיְסַפְּרָהּ הֱכִינָהּ

כ״ו v. 21. פתח באתנח

18 ווי א מאיל בויט ער זיין הויז, און ווי א געצעלטעל וואס דער וועכטער
19 מאכט. רייך וועט ער זיך לעגען אבער מען וועט איהם ניט באגראבען
זאגאר ; ער האט נאר זיינע אויגען געעפענט און איז שוין ניטא.
20 ווי שטירמישע וואסערען וועט עס איהם גרייכען, אן אורגאן וועט איהם
21 אוועק׳גנב׳ענען ביי נאכט. אויפהויבען וועט איהם א מזרח־ווינד און
ער וועט פערשווינדען, ער וועט איהם פערשליידערען פון זיין פלאץ.
22 ער וועט אויף איהם אלצדינג אנווארפען אהן מיטלייד, פון זיין האנד
23 וועט ער שוין ניט קענען אנטלויפען. אויף איהם קוקענדיג וועט מען ברע־
כען די הענד, און שטוינען וועט מען אויף דעם פלאץ וואו ער וועט זיין.

## קאפיטעל כח

1 מען קען געפינען דעם גרונד פון וואנען זילבער קומט, און עס איז דא
2 אן ארט צו לייטערען גאלד. אייזען ווערט גענומען פון דער ערד,
3 און קופער שמעלצט מען פון שטיין. אן ענדע איז דא צו די פינסטער־
ניס און פאר יעדען תכלית האט ער אן אויספארשונג, זאגאר פון די
שטיינער פון פינסטערניס און שאטען פון טוידט.
4 א טייך ברעכט דורך ווייט, אין א פערגעסענעם פלאץ, וואו קיין מענ־
שען־פוס האט געטראטען ; פעראָרעמט זיינען זיי און פערוואגעלט פון
מענשען.
5 פון דער ערד אליין געהט ארויס ברויט, און אונטער איהר איז א פער־
6 וואנדלונג ווי פייער. א סאפירען פלאץ זיינען איהרע שטיינער, א גאל־
7 דענער שטויב געפינט זיך דארט. עס איז א שטעג וואס קיין רויב־פויגעל
האט נאך ניט געזעהן, און קיין גייער האט אויף איהר נאך ניט געקוקט.
8 ווילדע בעסטיעס האבען זי נאך ניט בעטרעטען, וואו דער לייב איז נאך
9 ניט פארביי׳געגאנגען. אין פעלזען האט ער אריינגעשטעקט זיין האנד,
10 מיט זייערע ווארצלען קעהרט ער איבער די בערג. די פעסטונגען פון די
טייכען האט ער צושפאלטען, און דאס טהייערסטע האט זיין אויג דארט
11 געזעהן. פון טראפענס שטעלט ער צוזאמען טייכען, און דאס פערבאר־
12 גענסטע האט ער ארויסגעבראכט צום ליכט. און וואו געפינט מען די
13 קלוגהייט, און וואו ערגיץ איז דער ארט פון פערשטאנד ? קיין מענש
ווייס ניט איהר ווערטה און עס קען ניט געפונען ווערען אין לאנד פון די
14 לעבעדיגע. דער אבגרונד האט געזאגט, ניט אין מיר איז עס, און דער
15 ים האט געזאגט, ניט מיט מיר איז עס. קיין שמוק קען מען פאר איהר
אוועקגעבען, מיט זילבער קען מען ניט אבוועגען איהר ווערטה.
16 מען קען זי ניט פערגלייכען מיט דעם טהייערסטען אופיר־גאלד, ניט מיט
17 דעם בריליאנט און ניט מיט דעם סאפיר. מען קען זי ניט אבשעטצען
מיט גאלד און קריסטאל, און מען קען זי ניט אויסבייטען אויף א כלי פון
18 פיינסטען גאלד. דערמאהנט ניט קיין קרעלען און קיין מוטער־פעריל,
19 איהר ווערטה איז גרעסער פון פערל. דער טאפאז פון עטהיאפיען קען
זיך צו איהר ניט פערגלייכען, מיט׳ן שעהנסטען גאלד קען מען זי ניט אב־
20 שעטצען. און פון וואנען קומט די קלוגהייט און וואו ליגט ערגיץ דער
21 פערשטאנד ? פערבארגען איז זי פון די אויגען פון אלעם וואס לעבט,
22 און פערהוילען איז זי זאגאר פון די פויגעל פון הימעל. אונטערגאנג און
טוידט זאגען : „מיט אונזערע אויערען האבען מיר געהערט איבער איהר״.
23 גאט בעגרייפט איהר ווערטה און ער ווייס איהר פלאץ.
24 ווייל ער קען בליקען צום עק פון דער ערד, אונטער׳ן גאנצען הימעל זעהט
25 ער. פאר׳ן ווינד בעשטימט ער א וואג, און פאר׳ן וואסער בעשטימט ער
26 א מאאס. פאר׳ן רעגען האט ער א בעזיץ און א וועג צום בליטץ און
27 דונער. דעמאלט האט ער געזעהן און זי פראקלאמירט, זי גערופען
און אויך ערפארשט.

וְגַם־חֲקָרָהּ׃ וַיֹּאמֶר ׀ לָֽאָדָם הֵן יִרְאַת אֲדֹנָי הִיא חָכְמָה 28
וְסוּר מֵרָע בִּינָה׃

## כט Cap. XXIX. כט

וַיֹּסֶף אִיּוֹב שְׂאֵת מְשָׁלוֹ וַיֹּאמַר׃ מִֽי־יִתְּנֵנִי כְיַרְחֵי־קֶדֶם א 2
כִּימֵי אֱלוֹהַּ יִשְׁמְרֵנִי׃ בְּהִלּוֹ נֵרוֹ עֲלֵי רֹאשִׁי לְאוֹרוֹ אֵלֶךְ 3
חֹשֶׁךְ׃ כַּאֲשֶׁר הָיִיתִי בִּימֵי חָרְפִּי בְּסוֹד אֱלוֹהַּ עֲלֵי אָהֳלִי׃ 4
בְּעוֹד שַׁדַּי עִמָּדִי סְבִיבוֹתַי נְעָרָי׃ בִּרְחֹץ הֲלִיכַי בְּחֵמָה ה 6
וְצוּר יָצוּק עִמָּדִי פַּלְגֵי־שָׁמֶן׃ בְּצֵאתִי שַׁעַר עֲלֵי־קָרֶת 7
בָּרְחוֹב אָכִין מוֹשָׁבִי׃ רָאוּנִי נְעָרִים וְנֶחְבָּאוּ וִישִׁישִׁים קָמוּ 8
עָמָדוּ׃ שָׂרִים עָצְרוּ בְמִלִּים וְכַף יָשִׂימוּ לְפִיהֶם׃ קוֹל־ 9 י
נְגִידִים נֶחְבָּאוּ וּלְשׁוֹנָם לְחִכָּם דָּבֵקָה׃ כִּי אֹזֶן שָֽׁמְעָה 11
וַתְּאַשְּׁרֵנִי וְעַיִן רָאֲתָה וַתְּעִידֵנִי׃ כִּֽי־אֲמַלֵּט עָנִי מְשַׁוֵּעַ וְיָתוֹם 12
וְלֹא־עֹזֵר לוֹ׃ בִּרְכַּת אֹבֵד עָלַי תָּבֹא וְלֵב אַלְמָנָה אַרְנִן׃ 13
צֶדֶק לָבַשְׁתִּי וַיִּלְבָּשֵׁנִי כִּמְעִיל וְצָנִיף מִשְׁפָּטִי׃ עֵינַיִם 14 טו
הָיִיתִי לַעִוֵּר וְרַגְלַיִם לַפִּסֵּחַ אָנִי׃ אָב אָנֹכִי לָאֶבְיוֹנִים 16
וְרִב לֹא־יָדַעְתִּי אֶחְקְרֵהוּ׃ וָאֲשַׁבְּרָה מְתַלְּעוֹת עַוָּל וּמִשִּׁנָּיו 17
אַשְׁלִיךְ טָרֶף׃ וָאֹמַר עִם־קִנִּי אֶגְוָע וְכַחוֹל אַרְבֶּה יָמִים׃ 18
שָׁרְשִׁי פָתוּחַ אֱלֵי־מָיִם וְטַל יָלִין בִּקְצִירִי׃ כְּבוֹדִי חָדָשׁ 19 כ
עִמָּדִי וְקַשְׁתִּי בְּיָדִי תַחֲלִיף׃ לִֽי־שָׁמְעוּ וְיִחֵלּוּ וְיִדְּמוּ לְמוֹ 21
עֲצָתִי׃ אַחֲרֵי דְבָרִי לֹא יִשְׁנוּ וְעָלֵימוֹ תִּטֹּף מִלָּתִי׃ וְיִחֲלוּ 22 23
כַמָּטָר לִי וּפִיהֶם פָּעֲרוּ לְמַלְקוֹשׁ׃ אֶשְׂחַק אֲלֵהֶם לֹא 24
יַאֲמִינוּ וְאוֹר פָּנַי לֹא יַפִּילוּן׃ אֶבְחַר דַּרְכָּם וְאֵשֵׁב רֹאשׁ כה
וְאֶשְׁכּוֹן כְּמֶלֶךְ בַּגְּדוּד כַּאֲשֶׁר אֲבֵלִים יְנַחֵם׃

## ל Cap. XXX. ל

וְעַתָּה ׀ שָׂחֲקוּ עָלַי צְעִירִים מִמֶּנִּי לְיָמִים אֲשֶׁר־מָאַסְתִּי א
אֲבוֹתָם לָשִׁית עִם־כַּלְבֵי צֹאנִי׃ גַּם־כֹּחַ יְדֵיהֶם לָמָּה לִּי 2
עָלֵימוֹ אָבַד כָּלַח׃ בְּחֶסֶר וּבְכָפָן גַּלְמוּד הַעֹרְקִים צִיָּה 3

אמש

כ״ט v. 18. למדנחאי וכחול בשורק

28 און געזאָגט האָט ער צום מענשען : „מורא האָבען פאַר גאָט דאָס איז
קלוגהייט, ניט טהאָן קיין שלעכטס איז פערשטאַנד".

## קאַפּיטעל כט

1 און איוב האָט פאָרטגעזעצט זיינע משלים און געזאָגט :
2 אַך, ווען אַ־ך וואָלט געווען ווי אין די מאָנאַטען פון אַ מאָל, ווי דעמאָלט
3 ווען גאָט האָט מיך געהיט. ווען ער האָט געלאָזט גלאַנצען זיין ליכט אי־
בער מיין קאָפּ, ווען איך בין געגאַנגען מיט זיין ליכט דורך פינסטערניס.
4 אַזוי ווי איך בין געווען אין די טעג פון מיין יוגענד, ווען דאָס געטליכע
5 פערטרויען איז געווען איבער מיין געצעלט. ווען דער אַלמעכטיגער איז
6 געווען מיט מיר, ווען מיינע יונגען זיינען געווען אַרום מיר. ווען איך
האָב געוואַשען מיינע פיס אין סמעטענע, און פון פעלז האָבען זיך געגאָסען
7 פאַר מיר טייכען אויל. ווען איך בין אַרויס צום טהויער פון דער
שטאָדט ייען איך האָב אַוועקגעשטעלט אויף דער גאַס מיין בענקעל.
8 ווען אינגלאַך האָב מיך געזעהן און זיך בעהאַלטען און אַלטע האָבען זיך
9 אויפגעהויבען און געשטאַנען. פירשטען האָבען איינגעהאַלטען זייערע
10 רייד, און די הענד האָבען זיי אַרויפגעלעגט אויפ'ן מויל. די מאַגנאַטען
האָבען בעהאַלטען זייער שטימע, און זייער צונג איז בעהעפט געוואָרען
11 צום גומען. ווייל דאָס אויער וואָס האָט געהערט פון מיר האָט מיך גע־
לויבט און דאָס אויג וואָס האָט מיך געזעהען איז געווען אַן עדות פאַר מיר.
12 געראַטעוועט האָב איך דעם אָרעמאַן ווען ער האָט געשריען און דעם יתום
13 ווען קיינער האָט איהם ניט געהאָלפען. די ברכה פון דעם אונגליקליכען
איז אויף מיר געקומען, און דאָס הארץ פון דער אַלמנה האָב איך דער־
14 פרעהט. גערעכטיגקייט האָב איך אָנגעטהאָן און עס האָט מיר געקליידט,
15 ווי אַ מאַנטעל און אַ קאָפּ־דעק איז געווען מיין אורטהייל. אויגען בין
איך געווען פאַר'ן בלינדען און פאַר'ן הינקעדיגען בין איך געווען פיס.
16 אַ פאָטער בין איך געווען פאַר אָרעמע לייט, און אונטערזוכט האָב איך
17 די קריוודע פון דעם אונבעקאַנטען. און צובראָכען האָב איך די באַקציין
פון דעם לומפּ און פון זיינע ציין האָב איך אַרויסגעריסען דעם רויב.
18 און געזאָגט האָב איך, „מיט מיין נעסט וועל איך אויסגעהן, און טעג ווי
19 זאַמד וועלען זיך פאַר מיר מעהרען". מיינע וואָרצלען זיינען געווען
אָפען צום וואַסער, און טהוי האָט גענעכטיגט אויף מיין תבואה.
20 מיין עהרע וועט פערבלייבען פריש און מיין בויגען וועט זיך בייטען אין
21 מיין האַנד. מיך האָט מען געהיט און אויף מיר האָט מען געוואַרט, און
22 שטילערהייד האָט מען אויסגעהערט מיין ראַטה. נאָך מיינע רייד האָט
קיינער מעהר ניט גערעדט, און מיינע ווערטער זיינען געפלאָסען איבער
23 זיי. און ווי אויף אַ רעגען האָט מען אויף מיר געוואַרט, און זייערע מוי־
לער האָבען זיך געעפענט ווי צום דינעם רעגענדעל.
24 געשמייכעלט האָב איך צו יענע וואָס האָבען פערלאָרען זייער פערטרויען,
און דאָס ליכט פון מיין געזיכט האָט זיי ניט געמאַכט צו זיין געפאַלען.
25 זייער וועג האָב איך אויסגעקליבען, און געזעצט האָב איך מיך אויבענ־
אָן, גערוהט האָב איך ווי אַ קעניג צווישען זיינע רעגימענטען, איך האָב
זיי געטרייסט ווי מען טרייסט די טרויערענדע.

## קאַפּיטעל ל

1 און יעצט לאַכען פון מיר יענע וועלכע זיינען אינגער פון מיר, וועמעס על־
טערען איך האָב פעראַכטעט, וועלכע איך האָב זאָגאַר ניט געוואָלט האַל־
2 טען צווישען די וואַכט־הינט פון מיינע שאָף. וואָס האָט מיר גענוצט
די קראַפט פון זייערע הענד, ווען די עלטער איז איבער זיי אַריבער ?
3 מיט נויטה־ליידענדע און הונגעריגע, עלענד זיינען זיי אַוועק אין דער
וויסטעניס, פינסטערניס, שרעק און שוידער.

4 אֶמֶשׁ שׁוֹאָה וּמְשֹׁאָה׃ הַקֹּטְפִים מַלּוּחַ עֲלֵי־שִׂיחַ וְשֹׁרֶשׁ
ה 6 רְתָמִים לַחְמָם׃ מִן־גֵּו יְגֹרָשׁוּ יָרִיעוּ עָלֵימוֹ כַּגַּנָּב׃ בַּעֲרוּץ
7 נְחָלִים לִשְׁכֹּן חֹרֵי עָפָר וְכֵפִים׃ בֵּין־שִׂיחִים יִנְהָקוּ תַּחַת
8 חָרוּל יְסֻפָּחוּ׃ בְּנֵי־נָבָל גַּם־בְּנֵי בְלִי־שֵׁם נִכְּאוּ מִן־הָאָרֶץ׃
9 י וְעַתָּה נְגִינָתָם הָיִיתִי וָאֱהִי לָהֶם לְמִלָּה׃ תִּעֲבוּנִי רָחֲקוּ
11 מֶנִּי וּמִפָּנַי לֹא־חָשְׂכוּ רֹק׃ כִּי־יתרו פִּתַּח וַיְעַנֵּנִי וְרֶסֶן
12 מִפָּנַי שִׁלֵּחוּ׃ עַל־יָמִין פִּרְחַח יָקוּמוּ רַגְלַי שִׁלֵּחוּ וַיָּסֹלּוּ
13 עָלַי אָרְחוֹת אֵידָם׃ נָתְסוּ נְתִיבָתִי לְהַוָּתִי יֹעִילוּ לֹא עֹזֵר
14 טו לָמוֹ׃ כְּפֶרֶץ רָחָב יֶאֱתָיוּ תַּחַת שֹׁאָה הִתְגַּלְגָּלוּ׃ הָהְפַּךְ
עָלַי בַּלָּהוֹת תִּרְדֹּף כָּרוּחַ נְדִבָתִי וּכְעָב עָבְרָה יְשֻׁעָתִי׃
16 17 וְעַתָּה עָלַי תִּשְׁתַּפֵּךְ נַפְשִׁי יֹאחֲזוּנִי יְמֵי־עֹנִי׃ לַיְלָה עֲצָמַי
18 נִקַּר מֵעָלָי וְעֹרְקַי לֹא יִשְׁכָּבוּן׃ בְּרָב־כֹּחַ יִתְחַפֵּשׂ לְבוּשִׁי
19 כְּפִי כֻתָּנְתִּי יַאַזְרֵנִי׃ הֹרָנִי לַחֹמֶר וָאֶתְמַשֵּׁל כֶּעָפָר וָאֵפֶר׃
כ 21 אֲשַׁוַּע אֵלֶיךָ וְלֹא תַעֲנֵנִי עָמַדְתִּי וַתִּתְבֹּנֶן בִּי׃ תֵּהָפֵךְ
22 לְאַכְזָר לִי בְּעֹצֶם יָדְךָ תִשְׂטְמֵנִי׃ תִּשָּׂאֵנִי אֶל־רוּחַ תַּרְכִּיבֵנִי
23 וּתְמֹגְגֵנִי תשוה׃ כִּי־יָדַעְתִּי מָוֶת תְּשִׁיבֵנִי וּבֵית מוֹעֵד לְכָל־
24 כה חָי׃ אַךְ לֹא־בְעִי יִשְׁלַח־יָד אִם־בְּפִידוֹ לָהֶן שׁוּעַ׃ אִם־
26 לֹא בָכִיתִי לִקְשֵׁה־יוֹם עָגְמָה נַפְשִׁי לָאֶבְיוֹן׃ כִּי טוֹב קִוִּיתִי
27 וַיָּבֹא רָע וַאֲיַחֲלָה לְאוֹר וַיָּבֹא אֹפֶל׃ מֵעַי רֻתְּחוּ וְלֹא־דָמּוּ
28 קִדְּמֻנִי יְמֵי־עֹנִי׃ קֹדֵר הִלַּכְתִּי בְּלֹא חַמָּה קַמְתִּי בַקָּהָל
29 ל אֲשַׁוֵּעַ׃ אָח הָיִיתִי לְתַנִּים וְרֵעַ לִבְנוֹת יַעֲנָה׃ עוֹרִי שָׁחַר
31 מֵעָלָי וְעַצְמִי־חָרָה מִנִּי־חֹרֶב׃ וַיְהִי לְאֵבֶל כִּנֹּרִי וְעֻגָבִי
לְקוֹל בֹּכִים׃

## CAP. XXXI. לא

# לא

א 2 בְּרִית כָּרַתִּי לְעֵינָי וּמָה אֶתְבּוֹנֵן עַל־בְּתוּלָה׃ וּמֶה ׀ חֵלֶק
3 אֱלוֹהַּ מִמָּעַל וְנַחֲלַת שַׁדַּי מִמְּרֹמִים׃ הֲלֹא־אֵיד לְעַוָּל
4 וְנֶכֶר לְפֹעֲלֵי אָוֶן׃ הֲלֹא־הוּא יִרְאֶה דְרָכָי וְכָל־צְעָדַי יִסְפּוֹר׃

אם־

ל׳ v. 11. יתרי קרי v. 13. לדותי קרי v. 22. תשיה קרי v. 31. בנ״א רג׳ דגושה

4 יענע וואָס קלייבען מאַלענעס פון די בוימלעך און ביטערע וואָרצלען איז
זייער ברויט.
5 פעריאָגט ווערען זיי פון מענשען, מען שרייט זיי נאָך ווי א גנב.
6 יענע וואָס ליעגען אין די העהלען נעבען די טייכען, אין ערד־לעכער און אין
7 פעלזען. וואָס קרעכצען צווישען בוימלעך און בעהעפטען זיך צו דערנער.
8 ניעדערטרעכטיגע מענשען זיינען זיי, זיי האָבען קיין נאָמען ניט, פער־
9 שטויסען פון דער ערד. און איצט זינגען זיי פון מיר, און איצט רעדען
10 זיי פון מיר. זיי עקעלט פון מיר, זיי האָבען זיך דערווייטערט פון מיר, און
11 זיי האַלט גאָר ניט אָב צו שרייען אויף מיר. ווייל גאָט האָט געעפענט
מיין בויגען־שטריק און מיך געפייניגט; און זיי האָבען אויך אַוועקגע־
12 וואָרפען די צוים מיט וועלכע איך האָב זיי ערהאַלטען. צו מיין רעכ־
טער האַנד שטעלען זיך די יונגען, מיין פוס שטויסען זיי אַוועק און דאַן
13 טרעטען זיי אויס אונגליקס־וועגען פאַר מיר. זיי פאַרניכטען מיין שטעג,
14 זיי ווילען מיין בראָך, קיינער העלפט מיר ניט קעגען זיי. זיי קומען ווי
15 אַ ברייטער שטראָם, מיט שטורעם שליידערען זיי זיך. שוידער האָבען
זיי אָנגעשיקט אויף מיר, ווי דער ווינד פערפאָלגט מיך מיין גוטס און ווי
16 אַ וואָלקען געהט פארביי מיין הילף. און יעצט צוגעהט מיין זעעלע אין
17 מיר, טעג פון עלענד פאַקען מיך. די נאַכט רייסט אָב מיינע ביינער פון
18 מיר, און מיינע נערוועז קענען ניט רוהען. דורך די גרויסע קראַפט וואָס
איך האָב געהאַט, האָט זיך געביטען מיין הויט, אַזוי ווי מיין העמד נעהמט
19 עס מיר אַרום. אין לעהם ליעג איך, און איך בין גליך צו שטויב און אַש.
20 איך שריי צו דיר און דו ענטפערסט מיר ניט, איך בלייב שטעהן און
21 דו בעטראַכסט מיך. גרויזאַם ביזטו געוואָרען צו מיר, מיט דער מאַכט
פון דיין האַנד פערפאָלגסטו מיך.
22 הויבסטו מיך אויף אויף'ן ווינד וואו איך רייט, און דאַן ווער איך דער־
23 שראָקען פון דער איבערקעהרעניס. איך וויים אַז דו וועסט מיר ענדליך
פיהרען צום טוידט, און צו דעם פערזאַמלונגס־אָרט פון אַלעם וואָס לעבט.
24 שטרעקט אָבער ניט אויס דער מענש אַ האַנד צווישען חורבות? אין
25 זיין אונגליק ווענדעט ער זיך ניט צו זיי? האָב איך ניט געוויינט פאַר
דעם עלענד־ען, איז מיין זעעלע ניט געוועזען געערגערט פאַר'ן אָרעמען?
26 אויף גוטס האָב איך געוואַרט און עס איז געקומען שלעכטס, צו ליכט
האָב איך געשטרעבט און עס איז געקומען פינסטערניס.
27 מיינע געדערים זיינען אויפגעזאָטען און ווילען זיך ניט איינשטילען, מיך
האָבען בעגעגענט מיינע אונגליקס־טעג.
28 אַיינגעבויגען געה איך אַרום, אָהן זונענליכט, איך שטעה אויף אין אַ
געזעמעל און שריי נאָך הילף.
29 אַ ברודער בין איך פון קראַקאָדיל, און אַ קאַמעראַד פון שטרויספויגעל.
30 מיין הויט איז פערשוואַרצט געוואָרען, מיינע ביינער זיינען פערטריקענט
פון היץ.
31 און טרויעריג איז געוואָרען מיין פיעדעל, און געוויין הערט זיך פון מיין
גיטאַר.

## קאַפּיטעל לא

1 אַ בונד האָב איך געשלאָסען מיט מיינע אויגען, אַז איך זאָל מעהר ניט
קוקען אויף קיין יונגפרוי.
2 און וואָס פאַר אַ טהייל גיט גאָט פון אויבען, וואָס פאַר אַ געשענקע קריעגט
מען פון אַלמעכטיגען פון די הויכקייטען?
3 איז עס אונגליק פאַר'ן לאַנד? און איז עס אַ בייזע מהומה פאַר'ן פער־
ברעכער?
4 ער זעהט דאָך מיינע וועגען, און ער צעהלט דאָך מיינע טריט.

ה 6 אִם־הָלַכְתִּי עִם־שָׁוְא וַתַּחַשׁ עַל־מִרְמָה רַגְלִי׃ יִשְׁקְלֵנִי
7 בְמֹאזְנֵי־צֶדֶק וְיֵדַע אֱלוֹהַּ תֻּמָּתִי׃ אִם־תִּטֶּה אַשֻּׁרִי מִנִּי
8 הַדָּרֶךְ וְאַחַר עֵינַי הָלַךְ לִבִּי וּבְכַפַּי דָּבַק מְאוּם׃ אֶזְרְעָה
9 וְאַחֵר יֹאכֵל וְצֶאֱצָאַי יְשֹׁרָשׁוּ׃ אִם־נִפְתָּה לִבִּי עַל־אִשָּׁה
י וְעַל־פֶּתַח רֵעִי אָרָבְתִּי׃ תִּטְחַן לְאַחֵר אִשְׁתִּי וְעָלֶיהָ יִכְרְעוּן
11 12 אֲחֵרִין׃ כִּי־הוּא זִמָּה וְהִיא עָוֺן פְּלִילִים׃ כִּי אֵשׁ הִיא
13 עַד־אֲבַדּוֹן תֹּאכֵל וּבְכָל־תְּבוּאָתִי תְשָׁרֵשׁ׃ אִם־אֶמְאַס
14 מִשְׁפַּט עַבְדִּי וַאֲמָתִי בְּרִבָם עִמָּדִי׃ וּמָה אֶעֱשֶׂה כִּי־יָקוּם
טו אֵל וְכִי־יִפְקֹד מָה אֲשִׁיבֶנּוּ׃ הֲלֹא־בַבֶּטֶן עֹשֵׂנִי עָשָׂהוּ
16 וַיְכֻנֶנּוּ בָּרֶחֶם אֶחָד׃ אִם־אֶמְנַע מֵחֵפֶץ דַּלִּים וְעֵינֵי אַלְמָנָה
17 18 אֲכַלֶּה׃ וְאֹכַל פִּתִּי לְבַדִּי וְלֹא־אָכַל יָתוֹם מִמֶּנָּה׃ כִּי
19 מִנְּעוּרַי גְּדֵלַנִי כְאָב וּמִבֶּטֶן אִמִּי אַנְחֶנָּה׃ אִם־אֶרְאֶה אוֹבֵד
כ מִבְּלִי לְבוּשׁ וְאֵין כְּסוּת לָאֶבְיוֹן׃ אִם־לֹא בֵרְכוּנִי חֲלָצָו
21 וּמִגֵּז כְּבָשַׂי יִתְחַמָּם׃ אִם־הֲנִיפוֹתִי עַל־יָתוֹם יָדִי כִּי־אֶרְאֶה
22 בַשַּׁעַר עֶזְרָתִי׃ כְּתֵפִי מִשִּׁכְמָה תִפּוֹל וְאֶזְרֹעִי מִקָּנָה
23 24 תִשָּׁבֵר׃ כִּי־פַחַד אֵלַי אֵיד אֵל וּמִשְּׂאֵתוֹ לֹא אוּכָל׃ אִם־
כה שַׂמְתִּי זָהָב כִּסְלִי וְלַכֶּתֶם אָמַרְתִּי מִבְטַחִי׃ אִם־אֶשְׂמַח
26 כִּי־רַב חֵילִי וְכִי־כַבִּיר מָצְאָה יָדִי׃ אִם־אֶרְאֶה אוֹר כִּי
27 יָהֵל וְיָרֵחַ יָקָר הֹלֵךְ׃ וַיִּפְתְּ בַּסֵּתֶר לִבִּי וַתִּשַּׁק יָדִי לְפִי׃
28 29 גַּם־הוּא עָוֺן פְּלִילִי כִּי־כִחַשְׁתִּי לָאֵל מִמָּעַל׃ אִם־אֶשְׂמַח
ל בְּפִיד מְשַׂנְאִי וְהִתְעֹרַרְתִּי כִּי־מְצָאוֹ רָע׃ וְלֹא־נָתַתִּי לַחֲטֹא
31 חִכִּי לִשְׁאֹל בְּאָלָה נַפְשׁוֹ׃ אִם־לֹא אָמְרוּ מְתֵי אָהֳלִי מִי־
32 יִתֵּן מִבְּשָׂרוֹ לֹא נִשְׂבָּע׃ בַּחוּץ לֹא־יָלִין גֵּר דְּלָתַי לָאֹרַח
33 34 אֶפְתָּח׃ אִם־כִּסִּיתִי כְאָדָם פְּשָׁעָי לִטְמוֹן בְּחֻבִּי עֲוֺנִי׃ כִּי
אֶעֱרוֹץ ׀ הָמוֹן רַבָּה וּבוּז־מִשְׁפָּחוֹת יְחִתֵּנִי וָאֶדֹּם לֹא־אֵצֵא
לה פָתַח׃ מִי יִתֶּן־לִי ׀ שֹׁמֵעַ לִי הֶן־תָּוִי שַׁדַּי יַעֲנֵנִי וְסֵפֶר כָּתַב
36 אִישׁ רִיבִי׃ אִם־לֹא עַל־שִׁכְמִי אֶשָּׂאֶנּוּ אֶעֶנְדֶנּוּ עֲטָרוֹת לִי׃

מספר

v. 7 א נחה v. 11. היא קרי ibid. והיא קרי ibid. במקצת ספרים בלא מ׳ v. 20. חלציו קרי

5 בין איך געגאַנגען מיט ליגען ? און האָט מיין פוס זיך אַ מאָל געאײַלט
6 צו שווינדעל ? זאָל ער מיך וועגען מיט גערעכטע וואָג־שאָלען, און גאָט
7 וועט זיך איבערצייגען וועגען מיין עהרליכקייט. האָט אַ מאָל מיין טריט
זיך אָבגעווענדעט פון וועג און מיין הארץ איז נאָכגעגאַנגען נאָך מיין
8 אויג? און האָט אַ מאָל זיך עפּעס אָנגעקלעפּט אָן מיינע הענד? ווען אַזוי,
זאָל איך זייען און אַנדערע זאָלען עסען, און מיינע שפּראָצונגען זאָלען
9 אויסגעוואָרצעלט ווערען. איז מיין הארץ איבערגערעדט געוואָרען פון אַ
פרוי ? און האָב איך ווען עס איז געלויערט נעבען מיין פריינד'ס טהיר ?
10 אויב אַזוי זאָל מיין ווייב מאָהלען פאר אַנדערע און פרעמדע זאָלען אי־
11 בער איהר קניען ! ווייל דאָס איז שענדליך און עס איז אַ גערעכטליכעס
12 פערברעכען ! דאָס איז אַ פייער וואָס פערביטערט ביז פערניכטונג,
13 און וואָס וואָלט אויסגעוואָרצעלט אַלע מיינע תבואות. האָב איך ווען
עס איז פעראַכטעט מיין קנעכט און מיין דיענסט ווען זיי האָבען געשטרי־
14 טען מיט מיר ? און וואָס זאָל איך אַלזאָ טהאָן ווען גאָט זאָל אויפ־
שטעהען ? און ווען ער זאָל בעפעהלען, וואָס זאָל איך איהם ענטפערען ?
15 דער וואָס האָט מיך בעשאַפען אין בויך האָט איהם אויך בעשאפען, און
16 ער האָט אונז פערפערטיגט אין איין מוטער־לייב. האָב איך ווען עס איז
ענטזאָגט דעם וואונש פון אָרעמע לייט ? און האָב איך געלאָזט אָן
17 אַלמנה'ס אויגען אויסגעהן ? האָב איך אַ מאָל גענעסען מיין ברויט
18 אַליין און קיין יתום האָט דערפון ניט גענעסען ? פון מיין יוגענד אָן
האָט ער מיך ערצויגען ווי אַ פאָטער און פון מיין מוטער'ס בויך האָב איך
19 זיך מיט איהם ארומגעפיהרט. אויב איך האָב געזעהן דעם אונגליקליכען
20 אָהן אַ קלייד, און דעם אָרעמען אָהן אַ צודעק, האָבען מיך זיינע לענדען
געבענשט, ווייל ער האָט זיך דערוואַרעמט פון די וואָל פון מיינע שאָף.
21 האָב איך ווען עס איז אויפגעהויבען קעגען אַ יתום מיין האַנד זאָגאַר
22 ווען איך האָב געזעהן אַ העלפער אויפ'ן טהויער ? אויב אַזוי, זאָל מיר
אַרונטער פאַלען מיין אַקסעל פון שולטער, און מיין אָרעם זאָל צובראָכען
23 ווערען ווי אַ שטענגעל. ווייל דעמאָלט וואָלט געוועזן מיין שרעק דער
בראָך פון גאָט, און פון זיין צאָרן וואָלט איך ניט געקענט אויסהאַלטען.
24 האָב איך מיך אַ מאָל פערלאָזט אויף גאָלד ? און האָב איך מיך אַ מאָל
25 פערזיכערט אויף גינגאָלד ? האָב איך מיך ווען עס איז געפרעהט מיט
מיין גרויס פערמעגען, ווען מיין האַנד האָט געמאַכט ערוואָרבענגען ?
26 האָב איך אַ מאָל געזעהן דאָס גלענצענדע ליכט און ווי די פּרעכטיגע לבנה
27 געהט, און מיין הארץ איז אין געהיים פערפיהרט געוואָרען און מיין
28 האַנד האָב איך צוגעלעגט צו מיין מויל. אויך דאָס וואָלט געוועזן אַ גע־
ריכטליכעס פערברעכען, ווייל איך וואָלט געלייקענט אין גאָט פון אויבען.
29 האָב איך מיך אַ מאָל געפרעהט מיט'ן בראָך פון מיינע פיינדע, און האָב
איך זיך גערייצט מיט זיי ווען עס האָט זיי געטראָפען אַן אונגליק ?
30 מיין גומען האָב איך ניט ערלויבט צו זינדיגען, אָדער זאָגאַר בעטען אַ פלוך
31 אויף זיין זעעלע. האָבען ניט געזאָגט די מענשען פון מיין געצעלט: „אַך,
ווען מיר זאָלען קריעגען זיין פלייש, וואָלטען מיר ניט זאַט געוואָרען דער־
32 פון" ! אין דרויסען האָט ניט בעדאַרפט נעכטיגען דער פרעמדער,
33 מיינע טהירען האָב איך געעפענט פאר'ן דורכרייזענדען. האָב איך ווען
עס איז ווי אַ פּראָסטער מענש פערדעקט מיינע זינד, צו בעהאַלטען מיינע
34 ברעכענס אין מיין שוים ? איך שוידער פאר'ן גרויסען געזעמעל, די
פעראַכטונג פון פאַמילען דערשרעקט מיך, און איך שוויינ ניט אַרויס־
35 געהענדיג פאר דער טהיר. אַך, ווען איך וואָלט געהאַט צוהערער, האָב
איך דאָ מיין קלאַגע. זאָל דער אַלמעכטיגער מיר ענטפערען, און זאָל מיין
36 געגנער אָנשרייבען זיין געגנען־קלאַגע ! אויף מיינע שולטער וואָלט איך
איהם געטראָגען, ווי מיט אַ קרוין וואָלט איך מיך מיט איהם געציערט.

37 38 מִסְפַּר צְעָדַי אַגִּידֶנּוּ כְּמוֹ נָגִיד אֲקָרְבֶנּוּ׃ אִם־עָלַי אַדְמָתִי
39 תִזְעָק וְיַחַד תְּלָמֶיהָ יִבְכָּיוּן׃ אִם־כֹּחָהּ אָכַלְתִּי בְלִי־כָסֶף
מ וְנֶפֶשׁ בְּעָלֶיהָ הִפָּחְתִּי׃ תַּחַת חִטָּה ׀ יֵצֵא חוֹחַ וְתַחַת־
שְׂעֹרָה בָאְשָׁה תַּמּוּ דִּבְרֵי אִיּוֹב׃

## לב CAP. XXXII. לב

א וַיִּשְׁבְּתוּ שְׁלֹשֶׁת הָאֲנָשִׁים הָאֵלֶּה מֵעֲנוֹת אֶת־אִיּוֹב כִּי הוּא
2 צַדִּיק בְּעֵינָיו׃ וַיִּחַר אַף ׀ אֱלִיהוּא בֶן־בַּרַכְאֵל הַבּוּזִי
מִמִּשְׁפַּחַת רָם בְּאִיּוֹב חָרָה אַפּוֹ עַל־צַדְּקוֹ נַפְשׁוֹ מֵאֱלֹהִים׃
3 וּבִשְׁלֹשֶׁת רֵעָיו חָרָה אַפּוֹ עַל אֲשֶׁר לֹא־מָצְאוּ מַעֲנֶה
4 וַיַּרְשִׁיעוּ אֶת־אִיּוֹב׃ וֶאֱלִיהוּ חִכָּה אֶת־אִיּוֹב בִּדְבָרִים כִּי
ה זְקֵנִים־הֵמָּה מִמֶּנּוּ לְיָמִים׃ וַיַּרְא אֱלִיהוּא כִּי אֵין מַעֲנֶה
6 בְּפִי שְׁלֹשֶׁת הָאֲנָשִׁים וַיִּחַר אַפּוֹ׃ וַיַּעַן ׀ אֱלִיהוּא בֶן־
בַּרַכְאֵל הַבּוּזִי וַיֹּאמַר צָעִיר אֲנִי לְיָמִים וְאַתֶּם יְשִׁישִׁים עַל־
7 כֵּן זָחַלְתִּי וָאִירָא ׀ מֵחַוֹּת דֵּעִי אֶתְכֶם׃ אָמַרְתִּי יָמִים יְדַבֵּרוּ
8 וְרֹב שָׁנִים יֹדִיעוּ חָכְמָה׃ אָכֵן רוּחַ־הִיא בֶאֱנוֹשׁ וְנִשְׁמַת
9 שַׁדַּי תְּבִינֵם׃ לֹא־רַבִּים יֶחְכָּמוּ וּזְקֵנִים יָבִינוּ מִשְׁפָּט׃
י 11 לָכֵן אָמַרְתִּי שִׁמְעָה־לִּי אֲחַוֶּה דֵעִי אַף־אָנִי׃ הֵן הוֹחַלְתִּי ׀
12 לְדִבְרֵיכֶם אָזִין עַד־תְּבוּנֹתֵיכֶם עַד־תַּחְקְרוּן מִלִּין׃ וְעָדֵיכֶם
13 אֶתְבּוֹנָן וְהִנֵּה אֵין לְאִיּוֹב מוֹכִיחַ עוֹנֶה אֲמָרָיו מִכֶּם׃ פֶּן
14 תֹּאמְרוּ מָצָאנוּ חָכְמָה אֵל יִדְּפֶנּוּ לֹא־אִישׁ׃ וְלֹא־עָרַךְ
טו אֵלַי מִלִּין וּבְאִמְרֵיכֶם לֹא אֲשִׁיבֶנּוּ׃ חַתּוּ לֹא־עָנוּ עוֹד
16 הֶעְתִּיקוּ מֵהֶם מִלִּים׃ וְהוֹחַלְתִּי כִּי־לֹא יְדַבֵּרוּ כִּי עָמְדוּ
17 לֹא־עָנוּ עוֹד׃ אַעֲנֶה אַף־אֲנִי חֶלְקִי אֲחַוֶּה דֵעִי אַף־אָנִי׃
18 19 כִּי מָלֵתִי מִלִּים הֱצִיקַתְנִי רוּחַ בִּטְנִי׃ הִנֵּה בִטְנִי כְּיַיִן לֹא־
כ יִפָּתֵחַ כְּאֹבוֹת חֲדָשִׁים יִבָּקֵעַ׃ אֲדַבְּרָה וְיִרְוַח־לִּי אֶפְתַּח
21 שְׂפָתַי וְאֶעֱנֶה׃ אַל־נָא אֶשָּׂא פְנֵי־אִישׁ וְאֶל־אָדָם לֹא אֲכַנֶּה׃
22 כִּי לֹא יָדַעְתִּי אֲכַנֶּה כִּמְעַט יִשָּׂאֵנִי עֹשֵׂנִי׃

ואולם

לב v. 3. תיקון סופרים v. 18. חסר א

37 איך וואָלט איהם דערצעהלט וויפיעל טריט איך האָב געמאַכט, ווי אַ מאַג־
38 נאַט וואָלט איך איהם אויפגענומען. אויב אָבער די ערד שרייט קעג־
גען מיר, און איהרע בעעטען ווײנען צוזאַמען,
39 אויב איך האָב אויפגעגעסען איהר קראַפט אָהן געלד און געערגערט האָב
איך די געמיטה פון איהרע אייגענטהימער.
40 דעמאָלט זאָל אַנשטאָט ווייץ שפּראָצען דער דאָרן און אַנשטאָט גערשטען
זומפּ־גראָז ! דערמיט האָבען זיך געענדיגט איוב׳ס ווערטער.

## קאַפּיטעל לב

1 און די דאָזיגע דריי מענער האָבען גערוהט, ניט געענטפערט איוב׳ן, ווייל
ער איז געווען גערעכט אין זיינע אויגען.
2 און עס האָט זיך צופלאַמט דער צאָרן פון אליהו, ברכאל׳ס זוהן, פון בוז,
פון אַ גרויסער פאַמיליע, קעגען איוב׳ן האָט זיך צופלאַמט זיין צאָרן,
דערפאַר וואָס ער האָט זיך מעהר רעכט געגעבען ווי גאָט.
3 און אויף זיינע דריי פריינד האָט זיך אויך צופלאַמט זיין צאָרן, דערפאַר
וואָס זיי האָבען ניט געפונען קיין ענטפער, און זיי האָבען דאָך בעשול־
4 דיגט איוב׳ן. און אליהו האָט געוואַרט מיט זיינע רייד אויף איוב׳ן,
ווייל זיי זיינען געווען עלטער פון איהם.
5 און ווען אליהו האָט געזעהן אַז אין מויל פון די דריי מענער איז קיין
ענטפער ניטאָ, האָט ער צופלאַמט זיין צאָרן.
6 און אליהו דער זוהן פון ברכאל, פון בוז, האָט געענטפערט און געזאָגט :
„אינגער אין טעג בין איך פון אייך און איהר זייט עלטער, דערפאַר האָב
איך געצעגערט, איך האָב מורא געהאַט אַרויסצוזאָגען מיין מיינונג
7 געבען אייך. איך האָב מיר געטראַכט אַז די טעג וועלען רעדען און
פיעלע יאָהרען וועלען בעקאַנט מאַכען קלוגהייט.
8 אָבער עס איז בלויז דער גייסט אין מענשען, און דער געטליכער הויך מיט
9 דעם פערשטאַנד. ניט פיעלע מאַכען קלוג און ניט אַלטע בלויז פער־
10 שטעהען וואָס רעכט איז. דערפאַר לאָמיך עפּעס זאָגען, הערט מיך,
לאָמיך אויסשפּרעכען מיין מיינונג.
11 געוואַרט האָב איך אויף אייערע רייד, צוגעהערט זיך צו אייערע בעווייזע,
מיינענדיג טאָמער וועט איהר עפּעס דערפאָרשען.
12 און ווען איך שטודיר אייך, איז ניטאָ קיינער וואָס זאָל איוב׳ן איבערציי־
גען, קיינער פון אייך קען איהם ניט ענטפערען.
13 וועט איהר פיעלייכט זאָגען : „האַ, מיר האָבען אויסגעפונען די קלוג־
הייט ; גאָט האָט איהם אַרונטער געשטויסען, ניט קיין מענש !"
14 און אַזוי ווי ער האָט זיך צו מיר ניט געווענדעט מיט רייד, וועל איך איהם
ניט ענטפערען מיט אייערע ווערטער.
15 דערשראָקען האָבען זיי זיך, ניט מעהר געקענט ענטפערען, ווערטער האָבען
זיי געפעהלט.
16 און געהאָפט האָב איך, אַז זיי וועלען שוין מעהר ניט רעדען, זיי וועלען
17 בלייבען שטעהן און מעהר ניט ענטפערען. אום איך זאָל עפּעס ענט־
פערען פון מיין זייט, איך זאָל אַרויסזאָגען אויך מיין מיינונג.
18 פול בין איך געוואָרען מיט ווערטער, דער אָטהעם פון מיין אינוועניגס־
19 טען האָט מיך צוגעדריקט. מיין לייב איז פול ווי מיט ווײן וואָס איז
נאָך ניט אויסגעשפּיעלט, ווי נייע לאָגלען וויל עס פּלאַצען.
20 לאָמיך רעדען און מיר וועט גרינגער ווערען, עפענען מיינע ליפּען און
ענטפערען.
21 קיין מענשען וועל איך שוינען, און צו קיין מענשען וועל איך מיך בויגען.
22 ווייל איך קען מיך ניט בויגען, זאָנסט וואָלט מיין בעשעפער מיך אוועק־
גענומען.

## CAP. XXXIII. לג

לג

2 א וְאוּלָם שְׁמַע־נָא אִיּוֹב מִלָּי וְכָל־דְּבָרַי הַאֲזִינָה׃ הִנֵּה־נָא
3 פָּתַחְתִּי פִי דִּבְּרָה לְשׁוֹנִי בְחִכִּי׃ יֹשֶׁר־לִבִּי אֲמָרָי וְדַעַת
4 שְׂפָתַי בָּרוּר מִלֵּלוּ׃ רוּחַ־אֵל עָשָׂתְנִי וְנִשְׁמַת שַׁדַּי תְּחַיֵּנִי׃
ה 6 אִם־תּוּכַל הֲשִׁיבֵנִי עֶרְכָה לְפָנַי הִתְיַצָּבָה׃ הֵן־אֲנִי כְפִיךָ
7 לָאֵל מֵחֹמֶר קֹרַצְתִּי גַם־אָנִי׃ הִנֵּה אֵמָתִי לֹא תְבַעֲתֶךָּ
8 וְאַכְפִּי עָלֶיךָ לֹא־יִכְבָּד׃ אַךְ אָמַרְתָּ בְאָזְנָי וְקוֹל מִלִּין
9 י אֶשְׁמָע׃ זַךְ אֲנִי בְּלִי־פָשַׁע חַף אָנֹכִי וְלֹא עָוֹן לִי׃ הֵן
11 תְּנוּאוֹת עָלַי יִמְצָא יַחְשְׁבֵנִי לְאוֹיֵב לוֹ׃ יָשֵׂם בַּסַּד רַגְלָי
12 יִשְׁמֹר כָּל־אָרְחֹתָי׃ הֶן־זֹאת לֹא־צָדַקְתָּ אֶעֱנֶךָּ כִּי־יִרְבֶּה
13 אֱלוֹהַּ מֵאֱנוֹשׁ׃ מַדּוּעַ אֵלָיו רִיבוֹתָ כִּי כָל־דְּבָרָיו לֹא־יַעֲנֶה׃
14 טו כִּי־בְאַחַת יְדַבֶּר־אֵל וּבִשְׁתַּיִם לֹא יְשׁוּרֶנָּה׃ בַּחֲלוֹם ׀ חֶזְיוֹן
לַיְלָה בִּנְפֹל תַּרְדֵּמָה עַל־אֲנָשִׁים בִּתְנוּמוֹת עֲלֵי מִשְׁכָּב׃
16 17 אָז יִגְלֶה אֹזֶן אֲנָשִׁים וּבְמֹסָרָם יַחְתֹּם׃ לְהָסִיר אָדָם מַעֲשֶׂה
18 וְגֵוָה מִגֶּבֶר יְכַסֶּה׃ יַחְשֹׂךְ נַפְשׁוֹ מִנִּי־שָׁחַת וְחַיָּתוֹ מֵעֲבֹר
19 בַּשָּׁלַח׃ וְהוּכַח בְּמַכְאוֹב עַל־מִשְׁכָּבוֹ וְרִיב* עֲצָמָיו אֵתָן׃
כ 21 וְזִהֲמַתּוּ חַיָּתוֹ לָחֶם וְנַפְשׁוֹ מַאֲכַל תַּאֲוָה׃ יִכֶל בְּשָׂרוֹ מֵרֹאִי
22 וְשֻׁפִּי* עַצְמוֹתָיו לֹא רֻאּוּ׃ וַתִּקְרַב לַשַּׁחַת נַפְשׁוֹ וְחַיָּתוֹ
23 לַמְמִתִים׃ אִם־יֵשׁ עָלָיו ׀ מַלְאָךְ מֵלִיץ אֶחָד מִנִּי־אָלֶף
24 לְהַגִּיד לְאָדָם יָשְׁרוֹ׃ וַיְחֻנֶּנּוּ וַיֹּאמֶר פְּדָעֵהוּ מֵרֶדֶת שָׁחַת
כה מָצָאתִי כֹפֶר׃ רֻטֲפַשׁ בְּשָׂרוֹ מִנֹּעַר יָשׁוּב לִימֵי עֲלוּמָיו׃
26 יֶעְתַּר אֶל־אֱלוֹהַּ ׀ וַיִּרְצֵהוּ וַיַּרְא פָּנָיו בִּתְרוּעָה וַיָּשֶׁב
27 לֶאֱנוֹשׁ צִדְקָתוֹ׃ יָשֹׁר ׀ עַל־אֲנָשִׁים וַיֹּאמֶר חָטָאתִי וְיָשָׁר
28 הֶעֱוֵיתִי וְלֹא־שָׁוָה לִי׃ פָּדָה נַפְשִׁי* מֵעֲבֹר בַּשָּׁחַת וְחַיָּתִי*
29 בָּאוֹר תִּרְאֶה׃ הֶן־כָּל־אֵלֶּה יִפְעַל־אֵל פַּעֲמַיִם שָׁלוֹשׁ עִם־
ל 31 גָּבֶר׃ לְהָשִׁיב נַפְשׁוֹ מִנִּי־שָׁחַת לֵאוֹר בְּאוֹר הַחַיִּים׃ הַקְשֵׁב
32 אִיּוֹב שְׁמַע־לִי הַחֲרֵשׁ וְאָנֹכִי אֲדַבֵּר׃ אִם־יֵשׁ־מִלִּין הֲשִׁיבֵנִי

דבר

v. 9. חף ועירא ibid. מלרע באתנח v. 19. ורוב קרי v. 21. ושפו קרי
ibid. א׳ דגושה ובקמץ דריש דגושה v. 28. נפשו קרי ibid. וחיתו קרי

## קאפיטעל לג

1 און דארום, הער אויס, איוב, מיינע ווערטער, און ווער אויפמערקזאם צו
מיינע רייד.
2 געעפענט האב איך שוין מיין מויל, מיין צונג רעדט פון מיין גומען.
3 מיינע רייד זיינען מיט דער אויפריכטיגקייט פון הארצען, און וואס מיינע
ליפען ווייסען זאגען זיי ארויס קלאהר.
4 גאט'ס גייסט האט מיך בעשאפען, און זיין אטהעם בעלעבט מיך.
5 אויב דו קענסט ענטפער מיר, מאך דיך פארטיג און שטעל זיך קעגען מיר.
6 פונקט ווי דו בין איך פעררעכענט ביי גאט, אויך איך בין אויסגעפארעמט
7 געווארען פון לעהם. מיין שרעק דערציטערט דיך ניט, און מיין דרוק
8 קען אויף דיר ניט שווער זיין. דו האסט מיך אבער איינגערוימט אין
9 מיינע אויערען, און א שטימע פון ווערטער הער איך: „ריין בין איך פון
זינד, אהן שום פערברעכען, און קיין שפרינקעלע איז אויף מיר ניטא.
10 בלבולים געפינט ער אויף מיר, פאר זיין פיינד רעכענט ער מיך.
11 אין א קלאץ האט אריינגעלעגט מיין פוס, ער היט אלע מיינע וועגען".
12 דערמיט זאג איך, האסטו קיין רעכט ניט, ווייל גאט איז גרעסער פון א
13 מענשען. פארוואס קריעגסטו זיך מיט איהם? ווייסטו ניט, אז מיט
14 אלע זיינע ווערטער וועט ער דיר ניט ענטפערען? ווייל גאט רעדט
15 איינמאל, און צווימאל, נאר דער מענש בעמערקט עס ניט. אין טרוים,
אין דער פאנטאזיע פון דער נאכט, ווען א שלאף פאלט אויף מענשען, ווען
16 שלומערענדיג פאלט מען אויפ'ן געלעגער, דעמאלט ענטדעקט ער די
אויערען פון מענשען און מיט זיינע שטראף־רייד פערזיעגעלט ער דאס.
17 ער נעהמט אוועק דעם מענשען פון שלעכטע טהאטען, צו פערדעקען דעם
18 שטאלץ פון מאן. ראטעווען זיין זעעלע פון אונטערגאנג, און זיין לעבען
19 זאל ניט פאלען צום שווערד. און געשטראפט ווערט ער מיט א וועהטאג
אויף זיין געלעגער ווען דער קאמפף פון זיינע ביינער איז נאך שטארק.
20 און אן אבשיי קריעגט ער צו ברויט, און ער קען ניט פערטראגען די בעס־
21 טע לאקעטקע. זיין פלייש ווערט אבגעפאלען פון געזיכט, און זיינע ביי־
22 נער פאלען איין און זעהען זיך ניט. און ביז צום אונטערגאנג דער־
גרייכט זיין לייב, און זיין לעבען ביז צו די טוידטע.
23 אך, ווען עס וואלט כאטש געווען איין פערשטענדיגער מלאך פון טויזענד
ער זאל שילדערען דעם מענשען'ס אונשולדיגקייט,
24 און ער וואלט איהם בעפרייען, און זאגען: „בעפרייט איהם פון אונטער־
גאנג, דאס אויסלייז געלד האב איך שוין!"
25 זיין פלייש וואלט דאן צארט געווארען ווי אין זיין קינדהייט, צוריקגע־
קעהרט וואלט ער צו זיין יוגענד.
26 ער בעט צו גאט און ער בעוויליגט איהם, ער בעוויזט זיין געזיכט מיט
טריאומף, ווייל ער באצאהלט דעם מענשען לויט זיין גערעכטיגקייט.
27 ער רינגעלט זיך ארום מיט מענשען און זאגט: „געזינדיגט האב איך,
די גערעכטיגקייט האב איך צודרעהט, און דאס האט פאר מיר קיין ווערטה
ניט געהאט.
28 ער האט אויסגעלייזט מיין לייב פון צו גרונד געהן, און מיין לעבען בליקט
ווידער צום ליכט.
29 אט דאס אלעס טהוט גאט, צוויי און דריי מאל מיט דעם מענשען.
30 אום צו ראטעווען זיין לייב פון אונטערגאנג, און ער זאל גלאנצען מיט'ן
ליכט פון לעבען.
31 פאס אויף, איוב, הער צו מיר; שווייג, און לאמיך רעדען.
32 אויב עס זיינען דא ווערטער, ענטפער מיר, רעד ווייל איך זוך בלויז דיין
גערעכטיגקייט.

33 דַּבֵּר כִּי־חָפַצְתִּי צַדְּקֶךָּ׃ אִם־אַיִן אַתָּה שְׁמַע־לִי הַחֲרֵשׁ
וַאֲאַלֶּפְךָ חָכְמָה׃

## לד CAP. XXXIV. לד

2 א וַיַּעַן אֱלִיהוּא וַיֹּאמַר׃ שִׁמְעוּ חֲכָמִים מִלָּי וְיֹדְעִים הַאֲזִינוּ
3 4 לִי׃ כִּי־אֹזֶן מִלִּין תִּבְחָן וְחֵךְ יִטְעַם לֶאֱכֹל׃ מִשְׁפָּט נִבְחֲרָה־
ה לָּנוּ נֵדְעָה בֵינֵינוּ מַה־טּוֹב׃ כִּי־אָמַר אִיּוֹב צָדַקְתִּי וְאֵל
6 הֵסִיר מִשְׁפָּטִי׃ עַל־מִשְׁפָּטִי אֲכַזֵּב אָנוּשׁ חִצִּי בְלִי־פָשַׁע׃
7 8 מִי־גֶבֶר כְּאִיּוֹב יִשְׁתֶּה־לַּעַג כַּמָּיִם׃ וְאָרַח לְחֶבְרָה עִם־
9 פֹּעֲלֵי אָוֶן וְלָלֶכֶת עִם־אַנְשֵׁי־רֶשַׁע׃ כִּי־אָמַר לֹא יִסְכָּן־
י גָּבֶר בִּרְצֹתוֹ עִם־אֱלֹהִים׃ לָכֵן ׀ אַנְשֵׁי לֵבָב שִׁמְעוּ לִי חָלִלָה
11 לָאֵל מֵרֶשַׁע וְשַׁדַּי מֵעָוֶל׃ כִּי פֹעַל אָדָם יְשַׁלֶּם־לוֹ וּכְאֹרַח
12 אִישׁ יַמְצִאֶנּוּ׃ אַף־אָמְנָם אֵל לֹא־יַרְשִׁיעַ וְשַׁדַּי לֹא־יְעַוֵּת
13 14 מִשְׁפָּט׃ מִי־פָקַד עָלָיו אָרְצָה וּמִי שָׂם תֵּבֵל כֻּלָּהּ׃ אִם־
טו יָשִׂים אֵלָיו לִבּוֹ רוּחוֹ וְנִשְׁמָתוֹ אֵלָיו יֶאֱסֹף׃ יִגְוַע כָּל־בָּשָׂר
16 יָחַד וְאָדָם עַל־עָפָר יָשׁוּב׃ וְאִם־בִּינָה שִׁמְעָה־זֹּאת הַאֲזִינָה
17 לְקוֹל מִלָּי׃ הַאַף שׂוֹנֵא מִשְׁפָּט יַחֲבוֹשׁ וְאִם־צַדִּיק כַּבִּיר
18 19 תַּרְשִׁיעַ׃ הַאֲמֹר לְמֶלֶךְ בְּלִיָּעַל רָשָׁע אֶל־נְדִיבִים׃ אֲשֶׁר
לֹא־נָשָׂא ׀ פְּנֵי שָׂרִים וְלֹא נִכַּר־שׁוֹעַ לִפְנֵי־דָל כִּי־מַעֲשֵׂה
כ יָדָיו כֻּלָּם׃ רֶגַע ׀ יָמֻתוּ וַחֲצוֹת לָיְלָה יְגֹעֲשׁוּ עָם וְיַעֲבֹרוּ
21 וְיָסִירוּ אַבִּיר לֹא בְיָד׃ כִּי־עֵינָיו עַל־דַּרְכֵי־אִישׁ וְכָל־צְעָדָיו
22 יִרְאֶה׃ אֵין־חֹשֶׁךְ וְאֵין צַלְמָוֶת לְהִסָּתֶר שָׁם פֹּעֲלֵי אָוֶן׃
23 24 כִּי לֹא עַל־אִישׁ יָשִׂים עוֹד לַהֲלֹךְ אֶל־אֵל בַּמִּשְׁפָּט׃ יָרֹעַ
כה כַּבִּירִים לֹא־חֵקֶר וַיַּעֲמֵד אֲחֵרִים תַּחְתָּם׃ לָכֵן יַכִּיר
26 מַעְבָּדֵיהֶם וְהָפַךְ לַיְלָה וְיִדַּכָּאוּ׃ תַּחַת־רְשָׁעִים סְפָקָם
27 בִּמְקוֹם רֹאִים׃ אֲשֶׁר עַל־כֵּן סָרוּ מֵאַחֲרָיו וְכָל־דְּרָכָיו לֹא
28 הִשְׂכִּילוּ׃ לְהָבִיא עָלָיו צַעֲקַת־דָּל וְצַעֲקַת עֲנִיִּים יִשְׁמָע׃
29 וְהוּא יַשְׁקִט ׀ וּמִי יַרְשִׁעַ וְיַסְתֵּר פָּנִים וּמִי יְשׁוּרֶנּוּ וְעַל־גּוֹי

ועל־

לד v. 6. פתוח באתנח v. 14. למדנחאי ישיב כתיב ישים קרי

33 ווען ניט, דאַן הער צו מיר ; שוויינ און איך וועל דיך לערנען קלוגהייט.

## קאַפּיטעל לד

1 און אליהו האָט געענטפערט און האָט געזאָגט :
2 הערט, איהר קלוגע, מיינע רייד, און, געלעהרטע, שענקט מיר אויפמער־
3 זאַמקייט : ווייל דאָס אויער פּרובירט די רייד ווי דער גומען געפינט
4 דעם געשמאַק אין עסען. לאָמיר בעשטימען ארום וואָס דאָ האַנדעלט
5 זיך,, לאָמיר וויסען צווישען אונז וואָס גוט איז. דאָס איז ווייל איוב
האָט געזאָגט : „איך בין אונשולדיג און גאָט האָט צוגענומען מיין רעכט.
6 זאָל איך אָבלייקענען מיין רעכט ? איך, וואָס בין געשטראָפט פון פיילען
7 אָהן אַ פאַרוואָס". וואו האָט איהר נאָך אַזאַ מאַן ווי איוב, וועלכער זאָל
8 טרינקען דעם שפּאָט ווי וואַסער ? און אָנשליעסען וועט ער זיך צו אַ
9 באַנדע פערברעכער און געהן מיט זינדיגע מענשען. ווייל ער בעהויפּטעט
אַז עס נוטצט גאָר ניט דעם מענשען וואָס זוכט צו פערשטענדיגען זיך מיט
10 גאָט. דערפאַר, איהר פערשטענדיגע מענשען, הערט מיר אויס, גאָט איז
חלילה ניט שולדיג אין שלעכטקייט און דער אַלמעכטיגער איז ריין פון
11 אונרעכט. וואָס דער מענש טהוט דאָס באַצאָהלט ער איהם, און ווי ער
12 פיהרט זיך אויף, אַזוי טרעפט ער עס. גאָט מאַכט קיינעם ניט שולדיג
אומזיסט, און דער אַלמעכטיגער פערדרעהט ניט די גערעכטיגקייט.
13 ווער האָט איהם בעשטימט אויף דער ערד ? און ווער האָט איהם געזעצט
14 איבער דער גאַנצער וועלט ? ווען ער, גאָט, שענקט נאָר דעם מענשען
אויפמערקזאַמקייט, און ער נעהמט צו זיין גייסט און זיין אָטהעם.
15 דאַן אונטערגעגאַנגען וואָלט יעדעם לייב, און דער מענש וואָלט צוריק
16 גענעהנט צו דער ערד. און אויב איהר ווילט עס פערשטעהען, דאַן הערט
17 דאָס, שענקט אויפמערקזאַמקייט צו מיינע רייד. איז עס מעגליך אַז
יענער וואָס האָט פיינד גערעכטיגקייט זאָל רעגיערען ? אָדער ווילסטו פער־
18 דאַמען דעם מעכטיגען צדיק ? פּאַסט עס צו רופען אַ קעניג : „אונוויר־
19 דיגער", און מאַגנאַטען : — „פערברעכער" ? איהם, וואָס שוינט ניט
די פּרינצען, וואָס מאַכט קיין אונטערשיעד צווישען רייך און אָרעם, ווייל
20 אַלע זיינען די ווערק פון זיינע הענד ? אין אַ סעקונדע שטאַרבען זיי,
אום האַלבע נאַכט ווערען זיי אויפגעשטורעמט און פערניכטעט, ווי גאָר
ניט מיט דער האַנד ווערט דער מעכטיגער צושטערט.
21 ווייל זיינע אויגען זיינען אויף די מענשען'ס וועגען און אַלע זיינע שריט
זעהט ער.
22 עס איז ניטאָ קיין פינסטערניס און קיין שאָטען פון טוידט דאָרט צו בע־
האַלטען די פערברעכער.
23 ווייל ער דאַרף ניט לאַנג שענקען דעם מענשען זיין אויפמערקזאַמקייט
אום איהם צו ברענגען פאַר'ן געריכט מיט גאָט.
24 ער שטירצט מעכטיגע אָהן אַ שיעור און שטעלט אַוועק אַנדערע אויף
זייער פּלאַטץ.
25 עס איז ווייל ער קען זייערע טהאַטען, אין איין נאַכט קעהרט ער זיי איבער
און זיי ווערען צושמעטערט.
26 צווישען פערברעכער צוקלאַפּט ער זיי, דאָרט וואו אַלע זעהען.
27 דערפאַר האָבען זיי זיך אָבגעווענדעט פון איהם, און זיינע וועגען ווילען
זיי ניט קענען.
28 געבראַכט האָבען זיי פאַר גאָט דאָס געשריי פון דעם עלענדען און דאָס
געשריי פון דעם אָרעמען הערט ער.
29 און ער לאָזט רוהען, און ווער קען בעשולדיגען ? ווען ער פערבאָרגט דאָס
געזיכט יוער קען איהם זעהן ? ניט אַכטענדיג אויב דאָס איז מיט אַ
פאָלק אָדער אַ מענשען.

וְעַל־אָדָ֥ם יָֽחַד׃ מִ֭מְּלֹךְ אָדָ֥ם חָנֵ֗ף מִמֹּ֥קְשֵׁי עָֽם׃ כִּֽי־אֶל־ ל 31
אֵ֭ל הֶאָמַ֥ר נָשָׂ֗אתִי לֹ֣א אֶחְבֹּֽל׃ בִּלְעֲדֵ֣י אֶ֭חֱזֶה אַתָּ֣ה הֹרֵ֑נִי 32
אִם־עָ֥וֶל פָּ֝עַ֗לְתִּי לֹ֣א אֹסִֽיף׃ הֲֽמֵעִמְּךָ֬ יְשַׁלְּמֶ֨נָּה ׀ כִּֽי־מָאַ֗סְתָּ 33
כִּֽי־אַתָּ֣ה תִבְחַ֣ר וְלֹא־אָ֑נִי וּמַה־יָּדַ֥עְתָּ דַבֵּֽר׃ אַנְשֵׁ֣י לֵ֭בָב 34
יֹ֣אמְרוּ לִ֑י וְגֶ֥בֶר חָ֝כָ֗ם שֹׁמֵ֥עַ לִֽי׃ אִ֭יּוֹב לֹא־בְדַ֣עַת יְדַבֵּ֑ר לה
וּ֝דְבָרָ֗יו לֹ֣א בְהַשְׂכֵּֽיל׃ אָבִ֗י יִבָּ֣חֵֽן אִיּ֣וֹב עַד־נֶ֑צַח עַל־תְּ֝שֻׁבֹ֗ת 36
בְּֽאַנְשֵׁי־אָֽוֶן׃ כִּ֤י יֹסִ֪יף עַל־חַטָּאתוֹ֮ פֶּ֤שַׁע בֵּינֵ֣ינוּ יִשְׂפּ֑וֹק 37
וְיֶ֖רֶב אֲמָרָ֣יו לָאֵֽל׃

## CAP. XXXV. לה

וַיַּ֥עַן אֱלִיה֗וּ וַיֹּאמַֽר׃ הֲ‍ֽזֹאת חָשַׁ֣בְתָּ לְמִשְׁפָּ֑ט אָ֝מַ֗רְתָּ צִדְקִ֥י א 2
מֵאֵֽל׃ כִּֽי־תֹ֭אמַר מַה־יִּסְכָּן־לָ֑ךְ מָה־אֹ֝עִ֗יל מֵֽחַטָּאתִֽי׃ אֲֽנִ֭י 3 4
אֲשִׁיבְךָ֣ מִלִּ֑ין וְאֶת־רֵעֶ֣יךָ עִמָּֽךְ׃ הַבֵּ֣ט שָׁמַ֣יִם וּרְאֵ֑ה וְשׁ֥וּר ה
שְׁ֝חָקִ֗ים גָּבְה֥וּ מִמֶּֽךָּ׃ אִם־חָ֭טָאתָ מַה־תִּפְעָל־בּ֑וֹ וְרַבּ֥וּ פְ֝שָׁעֶ֗יךָ 6
מַה־תַּעֲשֶׂה־לּֽוֹ׃ אִם־צָ֭דַקְתָּ מַה־תִּתֶּן־ל֑וֹ אוֹ־מַה־מִיָּדְךָ֥ 7
יִקָּֽח׃ לְאִישׁ־כָּמ֥וֹךָ רִשְׁעֶ֑ךָ וּלְבֶן־אָ֝דָ֗ם צִדְקָתֶֽךָ׃ מֵרֹ֣ב 8 9
עֲ֭שׁוּקִים יַזְעִ֑יקוּ יְשַׁוְּע֖וּ מִזְּר֣וֹעַ רַבִּֽים׃ וְֽלֹא־אָ֭מַר אַיֵּ֣ה אֱל֣וֹהַ י
עֹשָׂ֑י נֹתֵ֖ן זְמִר֣וֹת בַּלָּֽיְלָה׃ מַ֭לְּפֵנוּ מִבַּהֲמ֣וֹת אָ֑רֶץ וּמֵע֖וֹף 11
הַשָּׁמַ֣יִם יְחַכְּמֵֽנוּ׃ שָׁ֣ם יִ֭צְעֲקוּ וְלֹ֣א יַעֲנֶ֑ה מִ֝פְּנֵ֗י גְּא֣וֹן רָעִֽים׃ 12
אַךְ־שָׁ֭וְא לֹא־יִשְׁמַ֥ע ׀ אֵ֑ל וְ֝שַׁדַּ֗י לֹ֣א יְשׁוּרֶֽנָּה׃ אַ֣ף כִּֽי־תֹ֭אמַר 13 14
לֹ֣א תְשׁוּרֶ֑נּוּ דִּ֥ין לְ֝פָנָ֗יו וּתְח֥וֹלֵֽל לֽוֹ׃ וְ֭עַתָּה כִּי־אַ֭יִן פָּקַ֣ד טו
אַפּ֑וֹ וְלֹא־יָדַ֥ע בַּ֝פַּ֗שׁ מְאֹֽד׃ וְ֭אִיּוֹב הֶ֣בֶל יִפְצֶה־פִּ֑יהוּ בִּבְלִי־ 16
דַ֝֗עַת מִלִּ֥ין יַכְבִּֽר׃

## CAP. XXXVI. לו

וַיֹּ֥סֶף אֱלִיה֗וּא וַיֹּאמַֽר׃ כַּתַּר־לִ֣י זְ֭עֵיר וַאֲחַוֶּ֑ךָּ כִּ֤י־ע֖וֹד א 2
לֶאֱל֣וֹהַּ מִלִּֽים׃ אֶשָּׂ֣א דֵ֭עִי לְמֵרָח֑וֹק וּֽלְפֹעֲלִ֗י אֶֽתֵּֽן־צֶֽדֶק׃ 3
כִּֽי־אָ֭מְנָם לֹא־שֶׁ֣קֶר מִלָּ֑י תְּמִ֖ים דֵּע֣וֹת עִמָּֽךְ׃ הֶן־אֵ֣ל כַּ֭בִּיר 4 ה
וְלֹ֣א יִמְאָ֑ס כַּ֝בִּ֗יר כֹּ֣חַ לֵֽב׃ לֹא־יְחַיֶּ֥ה רָשָׁ֑ע וּמִשְׁפַּ֖ט עֲנִיִּ֣ים 6
יִתֵּֽן׃ לֹא־יִגְרַ֥ע מִצַּדִּ֗יק עֵ֫ינָ֥יו וְאֶת־מְלָכִ֥ים לַכִּסֵּ֑א וַיֹּשִׁיבֵ֥ם 7

ל״א v. 1 בכ״א אליהא

30 ער האַלט צוריק אַ שמייכלער פון רעגיערען און בעהיט דאָס פאָלק פון
31 פּאַסטקעס. עס איז פּאַסענד צו זאָגען צו גאָט: „געליטען האָב איך
32 שוין, מעהר וועל איך שוין ניט זינדיגען. וואָס איך בעמערק ניט, זאָלסטו
מיך לעהרנען, אויב איך האָב פערבראָכען, וועל איך עס מעהר ניט טהאָן".
33 זאָל דיך גאָט בעלוינען ווי דו ווילסט, אָדער וואָס דיר געפעהלט ניט?
זאָלסטו זיין דער יעניגער וואָס קלייבט אויס, ניט איך? רייד וואָס דו
34 ווייסט, פערנינפטיגע מענשען זאָגען מיר, און אַ מאַן אַ קלוגער הערט
35 מיר אויס. אַז איוב האָט ניט גערעדט מיט פערשטאַנד, און זיינע ווער־
36 טער זיינען ניט מיט שכל. אַך, ווי איך וואָלט וועלען איוב זאָל אַזוי פרו־
בירט ווערען אויף אייביג, אַז דאָס זאָל זיין אַן ענטפער אויף די טענות פון
37 פערברעכער. וויל ער פערמעהרט פערברעכען צו זיינע זינד, צווישען
אונז ברעכט ער מיט די הענד און צו גאָט האָט ער טענות.

## קאַפּיטעל לה

1 און אליהו האָט געענטפערט און געזאָגט:
2 האָסטו דאָך גערעכענט פאַר אַ פּראָצעס, בעהויפּטענדיג: „איך בין גע־
3 רעכטער פון גאָט"? ווען דו זאָגסט וואָס העלפט עס דיר! וואָס וועט
4 מיר העלפען מעהר ווי מיינע זינד? וועל איך דיר ענטפערען מיט רייד,
5 צוזאַמען מיט דיינע פריינד מיט דיר. בליק נאָר צום הימעל און זעה,
און קוק צו די הימלישע געוועלבען, זיי זיינען העכער פון דיר.
6 ווען דו זינדיגסט וואָס פאַר אַ ווירקונג האָט עס אויף איהם? און ווען
7 דיינע פערברעכענס ווערען פיעל, וואָס טהוסטו איהם? ווען דו ביזט
גערעכט, וואָס גיבסטו איהם, אָדער וואָס קען ער נעהמען פון דיינע הענד?
8 פאַר אַ מענשען ווי דו איז דיין פערברעכען, און פאַר אַ מענשען־זוהן ווי
9 דו דיין גערעכטיגקייט. די מענשען שרייען פון די פיעלע רויבער, זיי
געוואַלטעווען פון דעם דריקענדען אָרעם פון מעהרערע.
10 קיינער זאָגט ניט: וואו איז דער גאָט וואָס האָט מיך בעשאַפען, יענער
וועלכער שיקט פרעהליכע געזאַנגען זאָגאַר ביי נאַכט?
11 ווער לעהרענט אונז מעהר ווי די בהמות פון פעלד, און ווער מאַכט אונז
12 קליגער ווי די פויגעל פון הימעל? דאָרט שרייען זיי און ער ענטפערט
13 ניט, דורך די שטאָלץ פון די לומפען. אָבער דאָס נאָר וואָס איז פאַלש
הערט ניט גאָט, און אויף דעם קוקט ניט דער אַלמעכטיגער.
14 זאָגאַר ווען דו זאָגסט אַז דו זעהסט איהם ניט, פון דעסטוועגען ברענג דיין
משפט פאַר איהם און דאַן וואַרט.
15 און וויל ער האָט ניט אַזוי געטהאָן, האָט ער איהם געשטראָפט מיט זיין
צאָרן, און ער בעגרייפט גאָרניט זיין פערברעכען.
16 און איוב עפענט מיט נאַרישקייט זיין מויל, אָהן פערשטאַנד האָט ער
אָנגעוואָרפען ווערטער.

## קאַפּיטעל לו

1 און אליהו האָט פאָרטגעזעצט און געזאָגט:
2 האָב אַביסעל געדולד און איך וועל דיר ערקלעהרען, דען עס זיינען נאָך
3 דאָ ווערטער צוליעב גאָט. איך הויב אויף מיין פערשטאַנד אין ווייט־
קייטען, און צו מיין בעשעפער גיעב איך גערעכטיגקייט.
4 וויל אין מיינע ווערטער איז קיין ליגען ניטאָ, איך בין אויפריכטיג מיט
5 דיר. גאָט איז צו מעכטיג ער זאָל פעראַכטען, צו מעכטיג מיט דער
קראַפט פון זיין פערשטאַנד.
6 ער לאָזט דעם פערברעכער ניט לאַנג לעבען, און צו די אָרעמע גיט ער
ענדליך גערעכטיגקייט.
7 ער נעהמט ניט אַוועק פון דעם גערעכטען זיינע אויגען און פון די קעניג־
ליכע טראָהנען; אויף אייביג זעצט ער זיי אַוועק און זיי שטייגען הויך.

8 לָנֶצַח וַיִּגְבָּהוּ׃ וְאִם־אֲסוּרִים בַּזִּקִּים יִלָּכְדוּן בְּחַבְלֵי־עֹנִי׃
9 י וַיַּגֵּד לָהֶם פָּעֳלָם וּפִשְׁעֵיהֶם כִּי יִתְגַּבָּרוּ׃ וַיִּגֶל אָזְנָם
11 לַמּוּסָר וַיֹּאמֶר כִּי־יְשֻׁבוּן מֵאָוֶן׃ אִם־יִשְׁמְעוּ וְיַעֲבֹדוּ יְכַלּוּ
12 יְמֵיהֶם בַּטּוֹב וּשְׁנֵיהֶם בַּנְּעִימִים׃ וְאִם־לֹא יִשְׁמְעוּ בְּשֶׁלַח
13 יַעֲבֹרוּ וְיִגְוְעוּ כִּבְלִי דָעַת׃ וְחַנְפֵי־לֵב יָשִׂימוּ אָף לֹא
14 יְשַׁוְּעוּ כִּי אֲסָרָם׃ תָּמֹת בַּנֹּעַר נַפְשָׁם וְחַיָּתָם בַּקְּדֵשִׁים׃
טו 16 יְחַלֵּץ עָנִי בְעָנְיוֹ וְיִגֶל בַּלַּחַץ אָזְנָם׃ וְאַף הֲסִיתְךָ ׀ מִפִּי־
צָר רַחַב לֹא־מוּצָק תַּחְתֶּיהָ וְנַחַת שֻׁלְחָנְךָ מָלֵא דָשֶׁן׃
17 18 וְדִין־רָשָׁע מָלֵאתָ דִּין וּמִשְׁפָּט יִתְמֹכוּ׃ כִּי־חֵמָה פֶּן־יְסִיתְךָ
19 בְשָׂפֶק וְרָב־כֹּפֶר אַל־יַטֶּךָּ׃ הֲיַעֲרֹךְ שׁוּעֲךָ לֹא בְצָר וְכֹל
כ מַאֲמַצֵּי־כֹחַ׃ אַל־תִּשְׁאַף הַלָּיְלָה לַעֲלוֹת עַמִּים תַּחְתָּם׃
21 22 הִשָּׁמֶר אַל־תֵּפֶן אֶל־אָוֶן כִּי עַל־זֶה בָּחַרְתָּ מֵעֹנִי׃ הֶן־אֵל
23 יַשְׂגִּיב בְּכֹחוֹ מִי כָמֹהוּ מוֹרֶה׃ מִי־פָקַד עָלָיו דַּרְכּוֹ וּמִי־
24 אָמַר פָּעַלְתָּ עַוְלָה׃ זְכֹר כִּי־תַשְׂגִּיא פָעֳלוֹ אֲשֶׁר שֹׁרְרוּ
כה 26 אֲנָשִׁים׃ כָּל־אָדָם חָזוּ־בוֹ אֱנוֹשׁ יַבִּיט מֵרָחוֹק׃ הֶן־אֵל
27 שַׂגִּיא וְלֹא נֵדָע מִסְפַּר שָׁנָיו וְלֹא־חֵקֶר׃ כִּי יְגָרַע נִטְפֵי־
28 מָיִם יָזֹקּוּ מָטָר לְאֵדוֹ׃ אֲשֶׁר־יִזְּלוּ שְׁחָקִים יִרְעֲפוּ עֲלֵי ׀
29 ל אָדָם רָב׃ אַף אִם־יָבִין מִפְרְשֵׂי־עָב תְּשֻׁאוֹת סֻכָּתוֹ׃ הֵן־
31 פָּרַשׂ עָלָיו אוֹרוֹ וְשָׁרְשֵׁי הַיָּם כִּסָּה׃ כִּי־בָם יָדִין עַמִּים
32 יִתֶּן־אֹכֶל לְמַכְבִּיר׃ עַל־כַּפַּיִם כִּסָּה־אוֹר וַיְצַו עָלֶיהָ
33 בְמַפְגִּיעַ׃ יַגִּיד עָלָיו רֵעוֹ מִקְנֶה אַף עַל־עוֹלֶה׃

## CAP. XXXVII. לז

לז

א 2 אַף־לְזֹאת יֶחֱרַד לִבִּי וְיִתַּר מִמְּקוֹמוֹ׃ שִׁמְעוּ שָׁמוֹעַ בְּרֹגֶז
3 קֹלוֹ וְהֶגֶה מִפִּיו יֵצֵא׃ תַּחַת־כָּל־הַשָּׁמַיִם יִשְׁרֵהוּ וְאוֹרוֹ
4 עַל־כַּנְפוֹת הָאָרֶץ׃ אַחֲרָיו ׀ יִשְׁאַג־קוֹל יַרְעֵם בְּקוֹל גְּאוֹנוֹ
ה וְלֹא יְעַקְּבֵם כִּי־יִשָּׁמַע קוֹלוֹ׃ יַרְעֵם אֵל בְּקוֹלוֹ נִפְלָאוֹת
6 עֹשֶׂה גְדֹלוֹת וְלֹא נֵדָע׃ כִּי לַשֶּׁלֶג ׀ יֹאמַר הֱוֵא־אָרֶץ וְגֶשֶׁם
7 מָטָר וְגֶשֶׁם מִטְרוֹת עֻזּוֹ׃ בְּיַד־כָּל־אָדָם יַחְתּוֹם לָדַעַת

8 און אויב זיי זיינען געבונדען אין קייטען, געכאפּט אין די נעטצען פון
9 עלענד, דערצעהלט ער זיי זייערע טהאטען און שילדערט פאַר זיי ווי
10 גרויס זייערע זינד זיינען געוואָרען. און ער זאָגט זיי איין אין אויער
שטראָף־רייד און דערצעהלט זיי, אַז זיי דארפען זיך אומקעהרען פון אונ־
11 רעכט. אויב אויב זיי וועלען הערען און איהם דיענען, וועלען זיי ענדי־
12 גען זייערע טעג אין גוטען און זייערע יאָהרען אין פערגעניגען. ווען זיי
וועלען אָבער ניט הערען, דאַן וועלען זיי אומקומען דורכ'ן שווערד און
13 אויסגעהן ווייל זיי האָבען קיין פערשטאַנד. און די שמייכלער וועלען
זיך האַלטען ביים צאָרן, זיי וועלען ניט שרייען ווען ער וועט זיי בינדען.
14 אין דער יוגענד וועט שטאַרבען זייער לייב און זייער לעבען וועט אומ־
15 קומען צווישען די אויסגעלאַסענע. דעם עלענדען בעפרייט ער פון זיין
16 עלענד, און אין נויטה דעקט ער אויף זייער אויער. און אויך דיר האָט
ער ארויסגעצויגען פון פערצווייפלונג אין אַ ברייטען אָרט, וואו עס איז
ניטאָ קיין ענגשאַפט, און די שפּייזען פון דיין טיש זיינען געווען פול מיט
17 פעטקייט. און דו ביסט פול מיט די טענות פון אַ פערברעכער, דערפאַר
18 האַלטען דיך אונטער די טענות און דער פּראָצעס. אַ צאָרן וועט זיין,
און טאָמער וועט עס דיך אָנרעדען צו צווייפלען, זאָל קיין פערמעגען דיך
19 ניט בעוועגען דאָס צו טהאָן. אַארט איהם עפּעס, דיין פערמעגען ?
20 ניין, קיין פעסטקייט פון קראַפט ! זאָל דיך ניט גלוסטען יענע נאַכט
21 ווען פעלקער זיינען אונטערגעגאַנגען. היט זיך, ווענד זיך אָב פון פער־
ברעכען, און זאָג ניט, אַז דו האָסט עס געטהאָן דערפאַר ווייל דו ביזט
22 געווען געצוואונגען. ערהאַבען איז גאָט אין זיין קראַפט, וואו האָסטו
23 נאָך אַזאַ לעהרער ? ווער קען פאַר איהם בעשטימען אַ וועג, און ווער
24 קען צו איהם זאָגען : „טהוסט אונרעכט !" געדענק אַז דו מוזט בעוואונ־
25 דערען זיינע ווערק, אויף וואָס מענשען האָבען געקוקט. אַלע מענ־
שען האָבען עס בעמערקט, יעדער מענש האָט עס בעטראַכט פון ווייטען.
26 גאָט איז ערהאַבען און מיר ווייסען עס ניט, זיינע יאָהרען זיינען ניט צום
27 אויספאָרשען. די וואַסער טראָפּענס זאַמעלט ער צונויף און געלייטערט
28 ווערען זיי אין נעבעל פאַר רעגען. עס פליעסען די הימלען און זיי קאַפּען
29 אַרונטער אויף פיעלע מענשען. בעגרייפט עמיצער די וואָלקען פער־
30 שפּרייטונג ? וויים עמיצער וואו זיין געצעלט געפינט זיך ? ער האָט
דארויף איבערגעשפּרייט מיט זיין ליכט, און די טיעפענישען פון ים האָט
31 ער בעדעקט. מיט זיי וועט ער ריכטען פעלקער, און זיי געבען פיעל
32 שפּייז. איבער די הענד האָט ער געדעקט מיט ליכט און ארויסגעגעבען
33 אַ בעפעהל. איבער איהם דערצעהלט זיין שטורעם, אויף די פיה זאָגען
אָן ווען דער אוראַגאַן קומט.

## קאַפּיטעל לז

1 אויף דארויף ציטערט מיר מיין הארץ און שפּרינגט פון זיין אָרט.
2 הערט זיך איין צום צאָרן פון זיין שטימע, ווען אַ ברום געהט ארויס פון
3 זיין מויל. אונטער'ן גאַנצען הימעל געהט זיין בליק, און זיין ליכט
גרייכט די ברעגעס פון דער ערד.
4 הינטער איהם שרייט אַ שטימע, עס ליארעמט אַ שטימע מיט דער גאַנצער
געוואַלד ; ער האַלט זי ניט איין אום זיין שטימע זאָל געהערט ווערען.
5 גאָט ליארעמט זיי אויף מיט זיין וואונדערבאַרע שטימע ; ער שאַפט
וואונדער און מיר ווייסען גאָר ניט.
6 צום שנעע זאָגט ער : „זיי אויף דער ערד !" דאָס זעלבע צום שלאַקס־
רעגען און צום געוואַלדיגען שלאַקס־רעגען.
7 ער האַלט צוריק יעדע מענשען־האַנד, אום אלעם וואָס ער האָט בעשאַפען
זאָל עס וויסען.

8 כָּל־אַנְשֵׁי מַעֲשֵׂהוּ׃ וַתָּבוֹא חַיָּה בְמוֹ־אָרֶב וּבִמְעוֹנֹתֶיהָ
9 10 תִשְׁכֹּן׃ מִן־הַחֶדֶר תָּבוֹא סוּפָה וּמִמְּזָרִים קָרָה׃ מִנִּשְׁמַת־
11 אֵל יִתֶּן־קָרַח וְרֹחַב מַיִם בְּמוּצָק׃ אַף־בְּרִי יַטְרִיחַ עָב
12 יָפִיץ עֲנַן אוֹרוֹ׃ וְהוּא מְסִבּוֹת ׀ מִתְהַפֵּךְ בְּתַחְבּוּלֹתָו
13 לְפָעֳלָם כֹּל אֲשֶׁר יְצַוֵּם ׀ עַל־פְּנֵי תֵבֵל אָרְצָה׃ אִם־
14 לְשֵׁבֶט אִם־לְאַרְצוֹ אִם־לְחֶסֶד יַמְצִאֵהוּ׃ הַאֲזִינָה זֹּאת
טו אִיּוֹב עֲמֹד וְהִתְבּוֹנֵן ׀ נִפְלְאוֹת אֵל׃ הֲתֵדַע בְּשׂוּם־אֱלוֹהַּ
16 עֲלֵיהֶם וְהוֹפִיעַ אוֹר עֲנָנוֹ׃ הֲתֵדַע עַל־מִפְלְשֵׂי־עָב מִפְלְאוֹת
17 תְּמִים דֵּעִים׃ אֲשֶׁר־בְּגָדֶיךָ חַמִּים בְּהַשְׁקִט אֶרֶץ מִדָּרוֹם׃
18 19 תַּרְקִיעַ עִמּוֹ לִשְׁחָקִים חֲזָקִים כִּרְאִי מוּצָק׃ הוֹדִיעֵנוּ מַה־
כ נֹּאמַר לוֹ לֹא נַעֲרֹךְ מִפְּנֵי־חֹשֶׁךְ׃ הַיְסֻפַּר־לוֹ כִּי אֲדַבֵּר
21 אִם־אָמַר אִישׁ כִּי יְבֻלָּע׃ וְעַתָּה ׀ לֹא רָאוּ אוֹר בָּהִיר הוּא
22 בַּשְּׁחָקִים וְרוּחַ עָבְרָה וַתְּטַהֲרֵם׃ מִצָּפוֹן זָהָב יֶאֱתֶה עַל־
23 אֱלוֹהַּ נוֹרָא הוֹד׃ שַׁדַּי לֹא־מְצָאנֻהוּ שַׂגִּיא־כֹחַ וּמִשְׁפָּט
24 וְרֹב־צְדָקָה לֹא יְעַנֶּה׃ לָכֵן יְרֵאוּהוּ אֲנָשִׁים לֹא־יִרְאֶה
כָּל־חַכְמֵי־לֵב׃

## לח CAP. XXXVIII. לח

א 2 וַיַּעַן־יְהוָה אֶת־אִיּוֹב מִן ׀ הַסְּעָרָה וַיֹּאמַר׃ מִי זֶה ׀ מַחְשִׁיךְ
3 עֵצָה בְמִלִּין בְּלִי־דָעַת׃ אֱזָר־נָא כְגֶבֶר חֲלָצֶיךָ וְאֶשְׁאָלְךָ
4 וְהוֹדִיעֵנִי׃ אֵיפֹה הָיִיתָ בְּיָסְדִי־אָרֶץ הַגֵּד אִם־יָדַעְתָּ בִינָה׃
ה 6 מִי־שָׂם מְמַדֶּיהָ כִּי תֵדָע אוֹ מִי־נָטָה עָלֶיהָ קָּו׃ עַל־מָה
7 אֲדָנֶיהָ הָטְבָּעוּ אוֹ מִי־יָרָה אֶבֶן פִּנָּתָהּ׃ בְּרָן־יַחַד כּוֹכְבֵי
8 בֹקֶר וַיָּרִיעוּ כָּל־בְּנֵי אֱלֹהִים׃ וַיָּסֶךְ בִּדְלָתַיִם יָם בְּגִיחוֹ
9 10 מֵרֶחֶם יֵצֵא׃ בְּשׂוּמִי עָנָן לְבֻשׁוֹ וַעֲרָפֶל חֲתֻלָּתוֹ׃ וָאֶשְׁבֹּר
11 עָלָיו חֻקִּי וָאָשִׂים בְּרִיחַ וּדְלָתָיִם׃ וָאֹמַר עַד־פֹּה תָבוֹא
12 וְלֹא תֹסִיף וּפֹא־יָשִׁית בִּגְאוֹן גַּלֶּיךָ׃ הֲמִיָּמֶיךָ צִוִּיתָ בֹּקֶר
13 יִדַּעְתָּה שַׁחַר מְקֹמוֹ׃ לֶאֱחֹז בְּכַנְפוֹת הָאָרֶץ וְיִנָּעֲרוּ

רשעים

לז v. 12. בתחבולתיו קרי   לח v. 1. מן קרי   v. 11. א׳ במקום ה׳   v. 12. ידעת השחר קרי

8 און דאַן קריכט אַריין אַ חיה אין איהר לאַגער־פּלאַטץ און רוהט אין
9 איהר וואָהנונג. פון דעם צימער קומט דער שטורעם, און פון צפון
10 קומט די קעלט. פון גאָט'ס אטהעם קומט קעלט, און די ברייטע וואַ־
11 סערען ווערען געפרוירען. אַ ביסעל פייכטקייט ברענגט ער דעם וואָלקעי
12 און דערמיט צושפרייט ער דעם וואָלקען מיט ליכט. דורך זיין רעכנונג
דרעהט זיך אַלצדינג אַרום, צו מאַכען די אַרבייט אויף זיין ערדישער וועלט.
13 דאָס איז אָדער אַלס אַ שטראָף אויף דער ערד, אָדער מען געפינט עס פאַר
14 אַ בעלוינונג. הער דאָס אויס, איוב, שטעל דיך אַוועק, און בעגרייף די
15 געטליכע וואונדער. ווייסטו ווי גאָט רעגולירט זיי, און ווי ער שיינט
16 איבער זיי מיט זיין ליכט־וואָלקען ? בעגרייפסטו די באַלאַנסירונג פון
17 די וואָלקען ? די וואונדער פון דעם פאָלקאָמענעם ? דיינע קליידער ווע־
18 רען וואַרעם, ווען עס ווערט שטיל אין דרום זייט. שוועבסט מיט איהם
אַרויף אין די הימלען, וועלכע זיינען פעסט ווי אַ געגאָסענעם שפּיגעל.
19 מאַך מיר בעקאַנט מיט דעם וואָס מיר זאָלען איהם זאָגען : מיר קענען
20 איהם ניט אָבשעטצען דורך דער פינסטערניס. דאַרף מען איהם עפּעס
דערצעהלען ווען איך רייד ? קען עס אַ מענש פאַר איהם בעהאַלטען ?
21 און אָט זעהט מען גאָר ניט קיין פיעלעס ליכט אין די הימלען, קומט אַ
ווינד און לייטערט דאָס אויס.
22 פון צפון קומט דאָס גאָלדענע ליכט ; איבער גאָט שוועבט אַ פּרעכטיגע
הערליכקייט.
23 געפינען קענען מיר ניט דעם אַלמעכטיגען, דעם ערהאַבענעם אין קראַפט ;
ער אונטערדריקט ניט קיין געריכט און ניט פיעל גערעכטיגקייט.
24 דערפאַר האָבען מענשען פורכט פאַר איהם. איהם זעהען זאָגאַר ניט די
פערשטענדיגע.

## קאַפּיטעל לח

1 און גאָט האָט געענטפערט איוב'ן פון שטורעם און אַזוי געזאָגט :

2 ווער פערדונקעלט עס מיינע פּלענער מיט נאַרישע רייד ?

3 ווי אַ העלד זאָלסטו אָנגאַרטלען דיינע לענדען, איך וועל דיר פרעגען און דו ענטפער מיר.

4 וואו ביזטו געווען ווען איך האָב געגרינדעט די ערד ? זאָג עס מיר, אויב דו ביזט בעקאַנט מיט פערשטאַנד.

5 ווייסטו ווער עס האָט אַוועקגעשטעלט איהרע מאָסען ! ווער האָט איבער־געצויגען אַ מעסט־שנור ?

6 אויף וואָס זיינען איהרע פונדאַמענטען ? ווער האָט אַריינגעוואָרפען דעם ווינקעלשטיין ?

7 געווען איז עס ווען עס האָבען צוזאַמען געזונגען די מאָרגען־שטערען און געהוליעט האָבען אַלע קינדער פון גאָט.

8 פערהאַלטען האָט ער דעם ים מיט אַ טהיר, פּונקט דאַמאָלס ווען ער איז אַרויס פון דער געבער־מוטער.

9 ווען איך האָב פון וואָלקענס איהם געמאַכט אַ קלייד און פון נעבעל אַ וויקעל־שנור.

10 און אַ געזעץ האָב איך פאַר איהם געשטעלט, און ריגלען און טהירען פאַר איהם געמאַכט.

11 געזאָגט האָב איך : „ביז אהער זאָלסטו קומען און ניט ווייטער, און ביז אהער זאָלסטו שטראָמען מיט דיינע גרויסע כוואַליעס.

12 האָסטו ווען עס איז בעפאָהלען דעם מאָרגען, האָסטו אָנגעוויזען דעם מאָרגען־רויט זיין פּלאַטץ ?

13 האָסטו נאָך ווען עס איז אָנגעכאַפּט די ערד ביי איהרע עקען און זי גע־שאָקעלט, אַז די פערברעכער זאָלען פון איהר זיך אַרויסקייקלען ?

14 רְשָׁעִים מִמֶּנָּה׃ תִּתְהַפֵּךְ כְּחֹמֶר חוֹתָם וְיִתְיַצְּבוּ כְּמוֹ
טו 16 לְבוּשׁ׃ וְיִמָּנַע מֵרְשָׁעִים אוֹרָם וּזְרוֹעַ רָמָה תִּשָּׁבֵר׃ הֲבָאתָ
17 עַד־נִבְכֵי־יָם וּבְחֵקֶר תְּהוֹם הִתְהַלָּכְתָּ׃ הֲנִגְלוּ לְךָ שַׁעֲרֵי־
18 מָוֶת וְשַׁעֲרֵי צַלְמָוֶת תִּרְאֶה׃ הִתְבֹּנַנְתָּ עַד־רַחֲבֵי־אָרֶץ
19 הַגֵּד אִם־יָדַעְתָּ כֻלָּהּ׃ אֵי־זֶה הַדֶּרֶךְ יִשְׁכָּן־אוֹר וְחֹשֶׁךְ אֵי־
כ זֶה מְקֹמוֹ׃ כִּי תִקָּחֶנּוּ אֶל־גְּבוּלוֹ וְכִי תָבִין נְתִיבוֹת בֵּיתוֹ׃
21 22 יָדַעְתָּ כִּי־אָז תִּוָּלֵד וּמִסְפַּר יָמֶיךָ רַבִּים׃ הֲבָאתָ אֶל־
23 אֹצְרוֹת שָׁלֶג וְאוֹצְרוֹת בָּרָד תִּרְאֶה׃ אֲשֶׁר חָשַׂכְתִּי לְעֶת
24 צָר לְיוֹם קְרָב וּמִלְחָמָה׃ אֵי־זֶה הַדֶּרֶךְ יֵחָלֶק אוֹר יָפֵץ
כה קָדִים עֲלֵי־אָרֶץ׃ מִי־פִלַּג לַשֶּׁטֶף תְּעָלָה וְדֶרֶךְ לַחֲזִיז
26 קֹלוֹת׃ לְהַמְטִיר עַל־אֶרֶץ לֹא־אִישׁ מִדְבָּר לֹא־אָדָם בּוֹ׃
27 28 לְהַשְׂבִּיעַ שֹׁאָה וּמְשֹׁאָה וּלְהַצְמִיחַ מֹצָא דֶשֶׁא׃ הֲיֵשׁ
29 לַמָּטָר אָב אוֹ מִי־הוֹלִיד אֶגְלֵי־טָל׃ מִבֶּטֶן מִי יָצָא הַקָּרַח
ל וּכְפֹר שָׁמַיִם מִי יְלָדוֹ׃ כָּאֶבֶן מַיִם יִתְחַבָּאוּ וּפְנֵי תְהוֹם
31 יִתְלַכָּדוּ׃ הַתְקַשֵּׁר מַעֲדַנּוֹת כִּימָה אוֹ־מֹשְׁכוֹת כְּסִיל
32 תְּפַתֵּחַ׃ הֲתֹצִיא מַזָּרוֹת בְּעִתּוֹ וְעַיִשׁ עַל־בָּנֶיהָ תַנְחֵם׃
33 34 הֲיָדַעְתָּ חֻקּוֹת שָׁמָיִם אִם־תָּשִׂים מִשְׁטָרוֹ בָאָרֶץ׃ הֲתָרִים
לה לָעָב קוֹלֶךָ וְשִׁפְעַת־מַיִם תְּכַסֶּךָּ׃ הַתְשַׁלַּח בְּרָקִים וְיֵלֵכוּ
36 וְיֹאמְרוּ לְךָ הִנֵּנוּ׃ מִי־שָׁת בַּטֻּחוֹת חָכְמָה אוֹ מִי־נָתַן לַשֶּׂכְוִי
37 בִינָה׃ מִי־יְסַפֵּר שְׁחָקִים בְּחָכְמָה וְנִבְלֵי שָׁמַיִם מִי יַשְׁכִּיב׃
38 39 בְּצֶקֶת עָפָר לַמּוּצָק וּרְגָבִים יְדֻבָּקוּ׃ הֲתָצוּד לְלָבִיא טָרֶף
מ וְחַיַּת כְּפִירִים תְּמַלֵּא׃ כִּי־יָשֹׁחוּ בַמְּעוֹנוֹת יֵשְׁבוּ בַסֻּכָּה
41 לְמוֹ־אָרֶב׃ מִי יָכִין לָעֹרֵב צֵידוֹ כִּי־יְלָדָו אֶל־אֵל יְשַׁוֵּעוּ
יִתְעוּ לִבְלִי־אֹכֶל׃

## לט CAP. XXXIX. לט

2 א הֲיָדַעְתָּ עֵת לֶדֶת יַעֲלֵי־סָלַע חֹלֵל אַיָּלוֹת תִּשְׁמֹר׃ תִּסְפֹּר
3 יְרָחִים תְּמַלֶּאנָה וְיָדַעְתָּ עֵת לִדְתָּנָה׃ תִּכְרַעְנָה יַלְדֵיהֶן

תפלחנה

ל״ח v. 13. ע׳ תלויה   v. 15. ע׳ תלויה   v. 41. ילדיו קרי

14 פערוואַנדעלט ווערט זי ווי זיגעל־וואַקס, און אַוועקגעשטעלט ווי אין אַ
15 נייעם קלייד. און אַוועקגענומען ווערט פון די פערברעכער זייער ליכט,
16 און דעם אָרעם פון די שטאָלצע ווערט ער צוברעכען. ביזטו ווען עס איז
געקומען ביז צו די קוואַלען פון ים ? האָסטו איינגעדרונגען אין די פאַר־
17 שונגען פון אַבגרונד ? זיינען פאַר דיר ענטדעקט געוואָרען די טהויערען
פון טוידט ? און האָסטו געזעהן די טהויערען פון שאָטען פון טוידט ?
18 האָסטו בעגריפען די ברייטקייט פון דער ערד ? זאָג מיר, אויב דו קענסט
19 זיי אַלע. וואו ערגיץ רוהט דאָס ליכט ? און וואו איז דער אָרט פון
20 פינסטערניס ? קענסטו זיי נעהמען צו זייער גרענעץ ? און בעגרייפסטו
21 וואו עס ליעגען די שטעגען פון זייער הויז ? אַלץ וואָס דו ווייסט, איז,
אַז דו ביזט אַ מאָל געבוירען געוואָרען, און אַז די צאָהל פון דיינע טעג
22 בעטרעפט אַזוי פיעל. ביזטו געקומען צו די שפּייכלערס פון שנעע ?
23 און האָסטו געזעהן די שפּייכלערס פון האָגעל ? וואָס איך האָב אָנגע־
גרייט פאַר אַ צייט פון נויטה, פאַר דעם טאָג פון שלאַכט און קריעג.
24 וואו ליעגט דער וועג אויף וועלכען עס צוטהיילט זיך דאָס ליכט ? וואו
25 צושפּרייט זיך דער מזרח־ווינד איבער דער ערד ? ווער האָט געמאַכט
פאַר'ן שטורעם אַ קאַנאַל, און אַ וועג פאַר'ן בליטץ מיט'ן דונער ?
26 אום צו ברענגען רעגען אויף אַ לאַנד וואו עס איז קיין מענש ניטאָ, אויף
27 אַ וויסטע, וואו קיין מענשען־קינד איז ניט פאַראַן ? ווער זעטיגט אַ צו־
28 שטערטע וויסטעניס און מאַכט גראָז אַרויסשפּראָצען ? האָט דער רעגען
29 אַ פאָטער ? ווער האָט געבאָרען די טהוי־טראָפּענס ? פון וועמעס בויך
איז אַרויס די קעלט, אויב דאָס איז פון הימעל, ווער האָט עס געבאָרען ?
30 און די וואַסערען ווערען פערגליווערט ווי אַ שטיין און דער אַבגרונד ווערט
31 צוזאַמענגעשלאָסען ? קענסטו פערבינדען די שטריק פון די זיבען־שטע־
32 רען, אָדער קענסטו עפענען דעם קנופּ פון דעם אריאָן ? קענסטו אַרויס־
ברענגען די מזלות פון הימעל אין זייער צייט ? און קענסטו פיהרען דעם
33 בער־שטערען איבער זיינע קינדער ? ווייסטו די געזעצע פון הימעל ?
34 קענסטו איינפיהרען זיין וואָהנונג אויף דער ערד ? קענסטו אויפהויבען
דיין שטימע און בעפעהלען דעם וואָלקען ; און קענסטו הייסען די וואַ־
35 סערען דיך בעדעקען ? קענסטו אַרויסשיקען בליצען און זיי זאָלען געהן,
36 און זיי זאָלען דיר זאָגען : „דאָ זיינע מיר" ? ווער האָט געגעבען די
שוואַכע וואָלקענס קלוגהייט, אָדער ווער האָט געגעבען פערשטאַנד דעם
האָהן ?
37 ווער קען איבערצעהלען די הימלען מיט קלוגשאַפט, און ווער לעדיגט אויס
די לאָגלען פון הימעל ?
38 ווער קלעבט צוזאַמען די זעמדלאַך און ווער בעהעפט די שטיקלאַך ערד ?
39 קענסטו זוכען פאַר דער לייבין איהר וואָהנונג ? און קענסטו צושטעלען
שפּייז פאַר די לייבעלאַך ?
40 ווען זיי ליעגען איינגעבויגען אין זייערע וואָהנונגען, ווען זיי לויערען אין
זייערע הייהלען אויף רויב.
41 ווער פאַרבערייטעט שפּייז פאַר דער וואראָנע ווען איהרע קינדער שרייען
צו גאָט, ווען זיי בלאָנדזשען אַרום אָהן עסען ?

## קאַפּיטעל לט

1 ווייסטו די געבורט־צייט פון דעם שטיין־באָק ? היטסטו אָב די צייט
ווען די הירשין האָט איהרע יונגע ?
2 צעהלסטו די מאָנאַטען ביז זיי ווערען פול, און ווייסטו די צייט פון גע־
בורט ?
3 זיי קניען, וואַרפען אָב זייערע יונגע און ווערען לויז פון זייערע וועהען.

תִּכְרַעְנָה יַלְדֵיהֶן תְּפַלַּחְנָה חֶבְלֵיהֶם תְּשַׁלַּחְנָה׃ יַחְלְמוּ בְנֵיהֶם יִרְבּוּ בַבָּר 4
יָצְאוּ וְלֹא־שָׁבוּ לָמוֹ׃ מִי־שִׁלַּח פֶּרֶא חָפְשִׁי וּמֹסְרוֹת עָרוֹד ה
מִי פִתֵּחַ׃ אֲשֶׁר־שַׂמְתִּי עֲרָבָה בֵיתוֹ וּמִשְׁכְּנוֹתָיו מְלֵחָה׃ 6
יִשְׂחַק לַהֲמוֹן קִרְיָה תְּשֻׁאוֹת נוֹגֵשׂ לֹא יִשְׁמָע׃ יְתוּר הָרִים 7 8
מִרְעֵהוּ וְאַחַר כָּל־יָרוֹק יִדְרוֹשׁ׃ הֲיֹאבֶה רֵּים עָבְדֶךָ אִם־ 9
יָלִין עַל־אֲבוּסֶךָ׃ הֲתִקְשָׁר־רֵים בְּתֶלֶם עֲבֹתוֹ אִם־יְשַׂדֵּד י
עֲמָקִים אַחֲרֶיךָ׃ הֲתִבְטַח־בּוֹ כִּי־רַב כֹּחוֹ וְתַעֲזֹב אֵלָיו 11
יְגִיעֶךָ׃ הֲתַאֲמִין בּוֹ כִּי־יָשׁוּב זַרְעֶךָ וְגָרְנְךָ יֶאֱסֹף׃ כְּנַף־ 12 13
רְנָנִים נֶעֱלָסָה אִם־אֶבְרָה חֲסִידָה וְנֹצָה׃ כִּי־תַעֲזֹב לָאָרֶץ 14
בֵּיצֶיהָ וְעַל־עָפָר תְּחַמֵּם׃ וַתִּשְׁכַּח כִּי־רֶגֶל תְּזוּרֶהָ וְחַיַּת טו
הַשָּׂדֶה תְּדוּשֶׁהָ׃ הִקְשִׁיחַ בָּנֶיהָ לְּלֹא־לָהּ לְרִיק יְגִיעָהּ 16
בְּלִי־פָחַד׃ כִּי־הִשָּׁהּ אֱלוֹהַּ חָכְמָה וְלֹא־חָלַק לָהּ בַּבִּינָה׃ 17
כָּעֵת בַּמָּרוֹם תַּמְרִיא תִּשְׂחַק לַסּוּס וּלְרֹכְבוֹ׃ הֲתִתֵּן לַסּוּס 18 19
גְּבוּרָה הֲתַלְבִּישׁ צַוָּארוֹ רַעְמָה׃ הֲתַרְעִישֶׁנּוּ כָּאַרְבֶּה הוֹד כ
נַחְרוֹ אֵימָה׃ יַחְפְּרוּ בָעֵמֶק וְיָשִׂישׂ בְּכֹחַ יֵצֵא לִקְרַאת־ 21
נָשֶׁק׃ יִשְׂחַק לְפַחַד וְלֹא יֵחָת וְלֹא יָשׁוּב מִפְּנֵי־חָרֶב׃ 22
עָלָיו תִּרְנֶה אַשְׁפָּה לַהַב חֲנִית וְכִידוֹן׃ בְּרַעַשׁ וְרֹגֶז יְגַמֶּא־ 23 24
אָרֶץ וְלֹא־יַאֲמִין כִּי־קוֹל שׁוֹפָר׃ בְּדֵי שֹׁפָר ׀ יֹאמַר הֶאָח כה
וּמֵרָחוֹק יָרִיחַ מִלְחָמָה רַעַם שָׂרִים וּתְרוּעָה׃ הֲמִבִּינָתְךָ 26
יַאֲבֶר־נֵץ יִפְרֹשׂ כְּנָפָו לְתֵימָן׃ אִם־עַל־פִּיךָ יַגְבִּיהַּ נָשֶׁר 27
וְכִי יָרִים קִנּוֹ׃ סֶלַע יִשְׁכֹּן וְיִתְלֹנָן עַל־שֶׁן־סֶלַע וּמְצוּדָה׃ 28
מִשָּׁם חָפַר־אֹכֶל לְמֵרָחוֹק עֵינָיו יַבִּיטוּ׃ וְאֶפְרֹחָו יְעַלְעוּ־ 29 ל
דָם וּבַאֲשֶׁר חֲלָלִים שָׁם הוּא׃

## מ

## CAP. XL. מ

וַיַּעַן יְהוָה אֶת־אִיּוֹב וַיֹּאמַר׃ הֲרֹב עִם־שַׁדַּי יִסּוֹר מוֹכִיחַ א 2
אֱלוֹהַּ יַעֲנֶנָּה׃ וַיַּעַן אִיּוֹב אֶת־יְהוָה וַיֹּאמַר׃ הֵן קַלֹּתִי 3 4
מָה אֲשִׁיבֶךָּ יָדִי שַׂמְתִּי לְמוֹ־פִי׃ אַחַת דִּבַּרְתִּי וְלֹא אֶעֱנֶה ה

ושתים

ל״ט v. 3. פתח באתנח וס״פ v. 12. ישיב קרי v. 26. כנפיו קרי v. 30. ואפרחיו קרי

4 שטאַרק ווערען זייערע קינדער, זיי פערמעהרען זיך אין דער קאַרע, געהען
5 ארויס און קומען מעהר ניט צוריק. ווער האָט בעפרייט דעם ווילדען
6 עזעל ? און ווער האָט געעפענט די שטריק פון וואַלד־עזעל ? אַ וויסטע
האָב איך געמאַכט פאַר זיין הויז, און זיין רוה־פּלאַטץ אַ זאַלץ־זומפּף.
7 ער לאַכט פון דעם שטורעם פון דער שטאָדט, דעם טרייבער'ס ליאַרעם
8 הערט ער ניט. זיין פּאַשע געפינט ער אויף די בערג, און יעדעם גרינע
9 בלעטעל זוכט ער אויף. וויל דער ווילדער־אָקס דיך דיענען ! וויל ער
10 נעכטיגען ביי דיין קאַרעטע ? קענסטו צובינדען דעם ווילדען אָקס מיט אַ
11 גראָבען שטריק ? וועט ער צוגראָבען די טהאָלען הינטער דיר ? קענסטו
זיך אויף איהם פערזיכערען ווייל ער האָט אַ סך קראַפט, און אויף איהם
12 פערטרויען דיין האָרעוואַניע ? קענסטו איהם געטרויען, אַז ער וועט
13 אַריינברענגען דיינע קערנער און איינזאַמלען דיין תבואה ? האָסטו גע־
מאַכט די זינג־פויגעלעך זאָלען פליהען און זיך פרעהען ? האָסטו געגעבען
14 דעם שטרויס־פויגעל די פליגלען און פעדערען ? ווען זי פערלאָזט איהרע
15 אייער אויף דער ערד און זיי ווארעמען זיך אויס אויף שטויב. און זי
פערגעסט אַז אַ פוס קען זיי צושמעטערען און אַ חיה פון פעלד זיי צוטרע־
16 טען. גרויזאַם איז זי קעגען איהרע קינדער פונקט ווי זיי וואָלטען ניט
17 געווען איהרע. אומזיסט איז איהר מיה, אָהן מורא. גאָט האָט פערהיט
איהר צו געבען קלוגהייט און ער האָט איהר ניט צוגעטהיילט קיין פער־
18 שטאַנד. זיך אויפשטעלענדיג אין דער הויך, לאַכט זי פון פערד מיט זיין
19 רייטער. האָסטו געגעבען דעם פערד קראַפט ? קענסטו אַרומרינגלען
20 זיין האַלז מיט אַ גריווע ? קענסטו איהם דערשטיקען ווי אַ היישעריק ?
21 דער שטאָלץ פון זיינע נאָז־לעכער איז אַ שרעק. ער גראָבט דעם טהאָל
און פרעהט זיך, מיט זיין קראַפט געהט ער קעגען וואַפען.
22 ער לאַכט פון מורא און ער פירכט זיך ניט, ער מרעט ניט צוריק פאַר'ן
שווערד.
23 אויף איהם ראַשט די פייל, די שאַרף פון שפּיז און לאַנצע.
24 מיט שטורעם און צאָרן לעכערט ער די ערד, און ער גלויבט ניט, אַז דאָס
איז דעם יעגער'ס טראָמפּעט.
25 מיט פרייד נעהמט ער אויף דעם טראָמפּעט, פון ווייטען דערפיהלט ער
דעם קריעג, דעם געוואַלד פון פירסטען און דעם טריאומפּף.
26 האָט דאָס דיין פערשטאַנד געמאַכט פליהען דעם רויב־פויגעל ? איז דאָס
דורך דיר וואָס ער הויבט אויף זיינע פליגלען קיין דרום ?
27 בעפעהלסטו דעם אָדלער זיך אויפצוהויבען אין דער הויך, און אַז ער זאָל
אויפהויבען זיין נעסט ?
28 אויף אַ פעלזען רוהט ער און נעכטיגט, אויפ'ן שפּיטץ פעלזען און אין
אַ פעסטונג.
29 פון דאָרטען זוכט ער שפּייז, גאַנץ ווייט בליקען זיינע אויגען.
30 זיינע יונגע זויגען איין בלוט, און דאָרט וואו טוידטע זיינען, איז ער דאָ.

## קאַפּיטעל מ

1 און גאָט האָט געענטפערט איוב'ן און געזאָגט :
2 זאָל דער וואָס קריעגט זיך מיט גאָט איהם אויך אויסשטראָפען ? זאָל
דער וואָס מענה'עט זיך אוים מיט גאָט, איהם אויך אויסזידלען ?
3 און איוב האָט געענטפערט גאָט און געזאָגט :
4 איך בין גאָר ניט, וואָס קען איך דיר ענטפערען ? איך וועל בעסער צו־
לעגען די האַנד צו מיין מויל.
5 איינמאָל האָב איך גערעדט און מעהר וויל איך שוין ניט ענטפערען, צום
צווייטען מאָהל וועל איך גאָר ניט קענען צוגעבען.

6 וּשְׁתַּיִם וְלֹא אוֹסִיף׃ וַיַּעַן־יְהוָה אֶת־אִיּוֹב מִן ׀
7 סְעָרָה וַיֹּאמַר׃ אֱזָר־נָא כְגֶבֶר חֲלָצֶיךָ אֶשְׁאָלְךָ וְהוֹדִיעֵנִי׃
8 9 הַאַף תָּפֵר מִשְׁפָּטִי תַּרְשִׁיעֵנִי לְמַעַן תִּצְדָּק׃ וְאִם־זְרוֹעַ
י כָּאֵל ׀ לָךְ וּבְקוֹל כָּמֹהוּ תַרְעֵם׃ עֲדֵה־נָא גָאוֹן וָגֹבַהּ וְהוֹד
11 וְהָדָר תִּלְבָּשׁ׃ הָפֵץ עֶבְרוֹת אַפֶּךָ וּרְאֵה כָל־גֵּאֶה וְהַשְׁפִּילֵהוּ׃
12 13 רְאֵה כָל־גֵּאֶה הַכְנִיעֵהוּ וַהֲדֹךְ רְשָׁעִים תַּחְתָּם׃ טָמְנֵם
14 בֶּעָפָר יָחַד פְּנֵיהֶם חֲבֹשׁ בַּטָּמוּן׃ וְגַם־אֲנִי אוֹדֶךָּ כִּי־
טו תוֹשִׁיעַ לְךָ יְמִינֶךָ׃ הִנֵּה־נָא בְהֵמוֹת אֲשֶׁר־עָשִׂיתִי עִמָּךְ
16 חָצִיר כַּבָּקָר יֹאכֵל׃ הִנֵּה־נָא כֹחוֹ בְמָתְנָיו וְאֹנוֹ בִּשְׁרִירֵי
17 18 בִטְנוֹ׃ יַחְפֹּץ זְנָבוֹ כְמוֹ־אָרֶז גִּידֵי פַחֲדָו יְשֹׂרָגוּ׃ עֲצָמָיו
19 אֲפִיקֵי נְחֻשָׁה גְּרָמָיו כִּמְטִיל בַּרְזֶל׃ הוּא רֵאשִׁית דַּרְכֵי־
כ אֵל הָעֹשׂוֹ יַגֵּשׁ חַרְבּוֹ׃ כִּי־בוּל הָרִים יִשְׂאוּ־לוֹ וְכָל־חַיַּת
21 הַשָּׂדֶה יְשַׂחֲקוּ־שָׁם׃ תַּחַת־צֶאֱלִים יִשְׁכָּב בְּסֵתֶר קָנֶה
22 23 וּבִצָּה׃ יְסֻכֻּהוּ צֶאֱלִים צִלְלוֹ יְסֻבּוּהוּ עַרְבֵי־נָחַל׃ הֵן יַעֲשֹׁק
24 נָהָר לֹא יַחְפּוֹז יִבְטַח ׀ כִּי־יָגִיחַ יַרְדֵּן אֶל־פִּיהוּ׃ בְּעֵינָיו
כה יִקָּחֶנּוּ בְּמוֹקְשִׁים יִנְקָב־אָף׃ תִּמְשֹׁךְ לִוְיָתָן בְּחַכָּה וּבְחֶבֶל
26 תַּשְׁקִיעַ לְשֹׁנוֹ׃ הֲתָשִׂים אַגְמֹן בְּאַפּוֹ וּבְחוֹחַ תִּקֹּב לֶחֱיוֹ׃
27 28 הֲיַרְבֶּה אֵלֶיךָ תַּחֲנוּנִים אִם־יְדַבֵּר אֵלֶיךָ רַכּוֹת׃ הֲיִכְרֹת
29 בְּרִית עִמָּךְ תִּקָּחֶנּוּ לְעֶבֶד עוֹלָם׃ הַתְשַׂחֶק־בּוֹ כַּצִּפּוֹר
ל וְתִקְשְׁרֶנּוּ לְנַעֲרוֹתֶיךָ׃ יִכְרוּ עָלָיו חַבָּרִים יֶחֱצוּהוּ בֵּין
31 כְּנַעֲנִים׃ הַתְמַלֵּא בְשֻׂכּוֹת עוֹרוֹ וּבְצִלְצַל דָּגִים רֹאשׁוֹ׃
32 שִׂים־עָלָיו כַּפֶּךָ זְכֹר מִלְחָמָה אַל־תּוֹסַף׃

## CAP. XLI. מא

# מא

2 א הֵן־תֹּחַלְתּוֹ נִכְזָבָה הֲגַם אֶל־מַרְאָיו יֻטָל׃ לֹא־אַכְזָר כִּי
3 יְעִירֶנּוּ וּמִי הוּא לְפָנַי יִתְיַצָּב׃ מִי הִקְדִּימַנִי וַאֲשַׁלֵּם תַּחַת
4 כָּל־הַשָּׁמַיִם לִי־הוּא׃ לֹא־אַחֲרִישׁ בַּדָּיו וּדְבַר גְּבוּרוֹת וְחִין
ה 6 עֶרְכּוֹ׃ מִי־גִלָּה פְּנֵי לְבוּשׁוֹ בְּכֶפֶל רִסְנוֹ מִי יָבוֹא׃ דַּלְתֵי

פניו

מ v. 6. מן קרי   v. 17. פחדיו קרי   v. 18. כא נחושה
v. 32. פתח בס״פ   מ״א v. 2. יעורנו קרי   v. 4. לו קרי

6 און גאָט האָט געענטפערט איוב'ן פון שטורעם און געזאָגט :
7 גאַרטעל אָן ווי אַ מאַן דיינע לענדען, איך וועל דיך פרעגען און דו קלעהר
8 מיך אויף. ווילסטו פיעלייכט צושטערען מיין אורטהייל, מיך בעשולדי־
9 גען אום דו זאָלסט זיין גערעכט ? האָסטו אַן אָרעם ווי גאָט, און
10 קענסטו אַזוי שטורמען ווי ער מיט דיין שטימע ? בעציער דיך נאָר
11 מיט גרויסקייט און הויכקייט, פּראַכט און גלאַנץ קלייד דיר אָן. פּער־
שפּרייט דיין ברענענדען צאָרן, און בעמערק יעדע הויכקייט און מאַך זי
12 ניעדעריג. בעמערק יעדע הויכקייט און מאַך זי אונטערטהעניג, און
13 וואַרף אַרונטער די פערברעכער אונטער זיי. בעהאַלט זיי צוזאַמען אין
14 דער ערד, פערהיעל זייער געזיכט אין פערבאָרגענהייט. און אויך איך
15 וועל דיך לויבען ווען דיין רעכטע האַנד וועט דיר העלפען, אָט איז
דער היפּאָפּאָטאַמוס וואָס איך האָב געמאַכט צוזאַמען מיט דיר. ווי ריג־
16 דער עסט ער גראָז. קראַפט האָט ער אין זיינע לענדען און שטאַרקייט
17 אין זיינע בויך מוסקלען. ווי אַ צעדערבוים בעוועגט ער זיין עק, די
18 אָדערען פון זיינע פיס זיינען געפלאָכטען. זיינע ביינער זיינען ווי
19 קופּערנע רעהרען, און זיינע קנאָכען ווי אייזערנע סלופּעס. ער שטעהט
אין דער ערשטער רייהע פון גאָט'ס ווערק, נאָר זיין בעשעפער קען איהם
20 גרייכען מיט זיין שווערד. די בערג ברענגען איהם פּרוכט, און דאָרט
21 וואו אַלע חיות פון פעלד שפּיעלען זיך, אונטער די שאָטענס ליעגט
22 ער, אין די פערבאָרגענישען פון שילף אין זאַמד. בוימער בעדעקען
23 איהם מיט זייער שאָטען, איהם רינגלען אַרום די טייכען בוימער. ער
רויבט דעם טייך אָהן מורא, ער איז זיכער און ער ציהט אַריין דעם ירדן
24 אין מויל אַריין. קען איהם עמיצער נעהמען ווען ער האַלט אָפען די
25 אויגען ? קען מען דורך אַ פאַסטקע לעכערען זיין נאָז ? קענסטו אַרויפ־
פיהרען דעם וואַלפיש אין אַ נעטץ, און קענסטו מיט אַ שטריק אַרויס־
26 ציהען זיין צונג ? קענסטו אַריינשטעקען אַ רעהר אין זיין נאָז ? און
קענסטו דורכבויערען זיינע באַקען מיט אַ דאָרן ?
27 וועט ער זיך בעטען ביי דיר ? וועט ער רעדען מיט דיר ווייך ?
28 וועט ער מיט דיר שליעסען אַ בונד, וועסטו איהם נעהמען פאַר אַן איי־
ביגען שקלאַף ?
29 קענסטו זיך מיט איהם שפּיעלען ווי מיט אַ פויגעל, און איהם אָנבינדען
פאַר דיינע מיידלעך ?
30 קענען איהם באַנדעס איבערפאַלען ! קען מען איהם צוטהיילען צווי־
שען סוחרים ?
31 קענסטו אָנפילען זיין פעל מיט צוועקעס און מיט פישער־שפּיזען זיין קאָפּ?
32 לעג אויף איהם אַרויף דיין האַנד, געדענק דעם קאַמפּף וואָס דו וועסט האָ־
בען, דאַן וועסטו אויפהערען.

## קאַפּיטעל מא

1 אומזיסט איז זיין האָפנונג, ער פאַלט פון בליק.
2 ער איז ניט אַזוי שטאַרק צו וואַגען, און ווער איז ער עס זיך צו שטעלען
פאַר מיר ?
3 ווער עס איז געווען פאַר מיר וועל איך באַצאָהלען, אַלעס וואָס איז אונ־
טער'ן הימעל איז מיינס.
4 איך וועל גאָר ניט פערשוויגען די מאַכט פון זיינע פיס, אויך ניט איבער
זיין קראַפט און זיין ריכטיגען ווערטה.
5 ווער האָט אָבגעדעקט זיין קלייד ? ווער קען איינדרינגען צווישען זיין
דאָפּעלער רייהע צייהן !
6 ווער קען אויפמאַכען די טהירען פון זיין געזיכט ? אַרום זיינע צייהן איז
אַ שרעק.

7 פָּנָיו מִי פִתֵּחַ סְבִיבוֹת שִׁנָּיו אֵימָה׃ גַּאֲוָה אֲפִיקֵי מָגִנִּים
8 סָגוּר חוֹתָם צָר׃ אֶחָד בְּאֶחָד יִגַּשׁוּ וְרוּחַ לֹא־יָבוֹא בֵינֵיהֶם׃
9 10 אִישׁ־בְּאָחִיהוּ יְדֻבָּקוּ יִתְלַכְּדוּ וְלֹא יִתְפָּרָדוּ׃ עֲטִישֹׁתָיו
11 תָּהֶל אוֹר וְעֵינָיו כְּעַפְעַפֵּי־שָׁחַר׃ מִפִּיו לַפִּידִים יַהֲלֹכוּ
12 כִּידוֹדֵי אֵשׁ יִתְמַלָּטוּ׃ מִנְּחִירָיו יֵצֵא עָשָׁן כְּדוּד נָפוּחַ
13 14 וְאַגְמֹן׃ נַפְשׁוֹ גֶּחָלִים תְּלַהֵט וְלַהַב מִפִּיו יֵצֵא׃ בְּצַוָּארוֹ
טו יָלִין עֹז וּלְפָנָיו תָּדוּץ דְּאָבָה׃ מַפְּלֵי בְשָׂרוֹ דָבֵקוּ יָצוּק
16 עָלָיו בַּל־יִמּוֹט׃ לִבּוֹ יָצוּק כְּמוֹ־אָבֶן וְיָצוּק כְּפֶלַח תַּחְתִּית׃
17 18 מִשֵּׂתוֹ יָגוּרוּ אֵלִים מִשְּׁבָרִים יִתְחַטָּאוּ׃ מַשִּׂיגֵהוּ חֶרֶב
19 בְּלִי תָקוּם חֲנִית מַסָּע וְשִׁרְיָה׃ יַחְשֹׁב לְתֶבֶן בַּרְזֶל לְעֵץ
כ רִקָּבוֹן נְחוּשָׁה׃ לֹא־יַבְרִיחֶנּוּ בֶן־קָשֶׁת לְקַשׁ נֶהְפְּכוּ־לוֹ
21 אַבְנֵי־קָלַע׃ כְּקַשׁ נֶחְשְׁבוּ תוֹתָח וְיִשְׂחַק לְרַעַשׁ כִּידוֹן׃
22 23 תַּחְתָּיו חַדּוּדֵי חָרֶשׂ יִרְפַּד חָרוּץ עֲלֵי־טִיט׃ יַרְתִּיחַ כַּסִּיר
24 מְצוּלָה יָם יָשִׂים כַּמֶּרְקָחָה׃ אַחֲרָיו יָאִיר נָתִיב יַחְשֹׁב
כה תְּהוֹם לְשֵׂיבָה׃ אֵין־עַל־עָפָר מָשְׁלוֹ הֶעָשׂוּ לִבְלִי־חָת׃
26 אֵת־כָּל־גָּבֹהַּ יִרְאֶה הוּא מֶלֶךְ עַל־כָּל־בְּנֵי־שָׁחַץ׃

## מב
## CAP. XLII. מב

א 2 וַיַּעַן אִיּוֹב אֶת־יְהוָה וַיֹּאמַר׃ יָדַעְתָּ* כִּי־כֹל תּוּכָל וְלֹא־
3 יִבָּצֵר מִמְּךָ מְזִמָּה׃ מִי זֶה ׀ מַעְלִים עֵצָה בְּלִי־דָעַת לָכֵן
4 הִגַּדְתִּי וְלֹא אָבִין נִפְלָאוֹת מִמֶּנִּי וְלֹא אֵדָע׃ שְׁמַע־נָא
ה וְאָנֹכִי אֲדַבֵּר אֶשְׁאָלְךָ וְהוֹדִיעֵנִי׃ לְשֵׁמַע־אֹזֶן שְׁמַעְתִּיךָ
6 וְעַתָּה עֵינִי רָאָתְךָ׃ עַל־כֵּן אֶמְאַס וְנִחַמְתִּי עַל־עָפָר וָאֵפֶר׃
7 וַיְהִי אַחַר דִּבֶּר יְהוָה אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֶל־אִיּוֹב
וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־אֱלִיפַז הַתֵּימָנִי חָרָה אַפִּי בְךָ וּבִשְׁנֵי רֵעֶיךָ
8 כִּי לֹא דִבַּרְתֶּם אֵלַי נְכוֹנָה כְּעַבְדִּי אִיּוֹב׃ וְעַתָּה קְחוּ־לָכֶם
שִׁבְעָה־פָרִים וְשִׁבְעָה אֵילִים וּלְכוּ ׀ אֶל־עַבְדִּי אִיּוֹב וְהַעֲלִיתֶם
עוֹלָה בַּעַדְכֶם וְאִיּוֹב עַבְדִּי יִתְפַּלֵּל עֲלֵיכֶם כִּי ׀ אִם־פָּנָיו

אשא

מ״ב v. 2. ידעתי קרי v. 6. פתח באתנח

7 ערהאבען זיינען די פאנצער אויסגוסען, פערשלאסען מיט א פעסטען זיע־
געל.
8 איינס איז בעהעפט צום צווייטען, און קיין ווינטעל קען צווישען זיי ניט
קומען.
9 איינס אן אנאנדער זיינען זיי בעהעפט, בעהעפט און ניט צום צוטהיילען
זיך.
10 ווען ער ניעסט, שטראהלט ליכט, זיינע אויגען זיינען ווי די ברעגען פון
מארגען שטערען.
11 פון זיין מויל געהען ארויס פלאמען, פונקען פליהען פון איהם.
12 פון זיינע נאז־לעכער געהט א רויך, ווי א קאכעדיגער טאפ אדער קעסעל.
13 זיין ליעב איז פון גליהענדע קויהלען, און א פלאם געהט ארויס פון זיין
מויל.
14 ארום זיין האלז געפינט זיך מאכט, און פאראויס טאנצט די שרעק.
15 זיינע פלייש מוסקלען זיינען בעהעפט, אויסגעגאסען אויף איהם זיי זאלען
זיך ניט ריהרען.
16 זיין הארץ איז פעסט ווי שטיין, פעסט ווי אן אונטערשטער מיהל־שטיין.
17 פאר זיין געוואלט ציטערן די מעכטיגע, פון ציטערנים פערשווינדען זיי.
18 ווען מען גרייכט זאגאר מיט א שווערד, איז עס אויך גאר ניט, צו איהם
נעהמט זיך קיין שפיז, קיין פייל און קיין פאנציר.
19 אייזען איז ביי איהם ווי שטרוי, ווי פערפוילטעס האלץ איז ביי איהם
קופער.
20 דער בויגען־שיסער קען איהם ניט מאכען ענטלויפען, ווי היי ווירקען אויף
איהם שליידער־שטיינער.
21 ווי היי איז פאר איהם די לאנצע, ער לאכט פון דעם גערויש פון שפיזען.
22 שארפע שערבלעך ליעגען אונטער איהם, ווי אויף לעהם בעט ער זיך אויף
שפיטציגע שטיינער.
23 די טיעפעניסען צוקאכט ער ווי א טאפ, דעם ים מאכט ער זידען.
24 נאך איהם איז בעלייכטעט א סטעזשקע, מען רעכענט דעם אבגרונד פאר
גרוי.
25 אויף דער ערד איז ניטא זיין גלייכען, אזוי אונערשראקען ווי ער איז.
26 אלע הויכקייטען צעהלט ער, ער איז דער קעניג איבער אלע ווילדע חיות.

## קאפיטעל מב

1 און איוב האט געענטפערט גאט און געזאגט :
2 איך ווייס אז דו קענסט אלצדינג, און דיר פעהלט ניט קיין שום איינפאל.
3 וואו געפינט זיך ניט א מענש, וואס פערדעקט א ראטה אהן פערשטאנד ?
דערפאר האב איך געזאגט וואס איך האב ניט פערשטאנען, פאר מיר
זיינען עס וואונדער וואס איך קען ניט.
4 הער מיר און לאמיך אויך רעדען, איך וועל דיך פרעגען און דו קלעהר מיך
אויף.
5 מיט'ן געהער פון די אויערען האב איך געהערט פון דיר, און יעצט האבען
דיך געזעהען מיינע אויגען.
6 דערפאר פערהאס איך מיך אליין און איך בעדויער, ווייל איך בין ניט
מעהר ווי שטויב און אש.
7 און נאכדעם ווי גאט האט גערעדט די דאזיגע ווערטער צו איוב'ן, האט
גאט געזאגט צו אליפז דעם תימני : „מיין צארן האט זיך אנגעצונדען
קעגען דיר און דיינע צוויי פריינד, ווייל איהר האט איבער מיר ניט גע־
רעדט ריכטיג ווי מיין קנעכט איוב.
8 יעצט נעהמט אייך יעדער זיעבען אקסען און זיעבען בעראנעס און געהט

אֶשָּׂא לְבִלְתִּי עֲשׂוֹת עִמָּכֶם נְבָלָה כִּי לֹא דִבַּרְתֶּם אֵלַי
9 נְכוֹנָה כְּעַבְדִּי אִיּוֹב׃ וַיֵּלְכוּ אֱלִיפַז הַתֵּימָנִי וּבִלְדַּד הַשּׁוּחִי
צֹפַר הַנַּעֲמָתִי וַיַּעֲשׂוּ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר אֲלֵיהֶם יְהוָה וַיִּשָּׂא
י יְהוָה אֶת־פְּנֵי אִיּוֹב׃ וַיהוָה שָׁב אֶת־שְׁבִית אִיּוֹב בְּהִתְפַּלְלוֹ
בְּעַד רֵעֵהוּ וַיֹּסֶף יְהוָה אֶת־כָּל־אֲשֶׁר לְאִיּוֹב לְמִשְׁנֶה׃
11 וַיָּבֹאוּ אֵלָיו כָּל־אֶחָיו וְכָל־אַחְיֹתָיו וְכָל־יֹדְעָיו לְפָנִים
וַיֹּאכְלוּ עִמּוֹ לֶחֶם בְּבֵיתוֹ וַיָּנֻדוּ לוֹ וַיְנַחֲמוּ אֹתוֹ עַל כָּל־
הָרָעָה אֲשֶׁר־הֵבִיא יְהוָה עָלָיו וַיִּתְּנוּ־לוֹ אִישׁ קְשִׂיטָה אֶחָת
12 וְאִישׁ נֶזֶם זָהָב אֶחָד׃ וַיהוָה בֵּרַךְ אֶת־אַחֲרִית אִיּוֹב
מֵרֵאשִׁתוֹ וַיְהִי־לוֹ אַרְבָּעָה עָשָׂר אֶלֶף צֹאן וְשֵׁשֶׁת אֲלָפִים
13 גְּמַלִּים וְאֶלֶף צֶמֶד בָּקָר וְאֶלֶף אֲתוֹנוֹת׃ וַיְהִי־לוֹ שִׁבְעָנָה
14 בָנִים וְשָׁלוֹשׁ בָּנוֹת׃ וַיִּקְרָא שֵׁם־הָאַחַת יְמִימָה וְשֵׁם
טו הַשֵּׁנִית קְצִיעָה וְשֵׁם הַשְּׁלִישִׁית קֶרֶן הַפּוּךְ׃ וְלֹא נִמְצָא
נָשִׁים יָפוֹת כִּבְנוֹת אִיּוֹב בְּכָל־הָאָרֶץ וַיִּתֵּן לָהֶם אֲבִיהֶם
16 נַחֲלָה בְּתוֹךְ אֲחֵיהֶם׃ וַיְחִי אִיּוֹב אַחֲרֵי־זֹאת מֵאָה וְאַרְבָּעִים
17 שָׁנָה וַיַּרְא אֶת־בָּנָיו וְאֶת־בְּנֵי בָנָיו אַרְבָּעָה דֹּרוֹת׃ וַיָּמָת
אִיּוֹב זָקֵן וּשְׂבַע יָמִים׃

v. 10. שבות קרי v. 16. ויראה קרי

# חזק

סכום פסוקי איוב אלף ושבעים. וסימנו וגליתי להם עתרת שלום ואמת. וחציו אשר קמטו ולא עת. וסדריו שמונה. וסימנו אהב ה׳ שערי ציון׃

שיר השירים

צו מיין קנעכט איוב און ברענגט זיי אויף פאר אן אפפער פאר אייך, און
מיין קנעכט איוב זאל פאר אייך בעטען, ווייל נאר צוליעב איהם טהו איך
אייך ניט קיין בייז, ווייל איהר האט איבער מיר ניט גערעדט ריכטיג ווי
מיין קנעכט איוב."
9 און אליפז דער תימני, בלדד דער שוחי, און צופר דער נעמתי זיינען אוועק־
געגאנגען און געטהאן ווי גאט האט צו זיי גערעדט, און גאט האט זיי
פערגעבען צוליעב איוב'ן.
10 און גאט האט צוריקגעקעהרט אלע פערניכטונגען פון איוב'ן ווען ער האט
געבעטען פאר זיינע פריינד, און גאט האט נאך צוגעלעגט פאר איוב'ן דאָ־
פעלט.
11 און עס זיינען צו איהם געקומען אלע זיינע ברידער און אלע זיינע שוועס־
טער און אלע זיינע בעקאנטע פון פריהער, און זיי האבען מיט איהם גע־
געסען ברויט אין זיין הויז, איהם בעדויערט און איהם געטרייסט איבער
אלע ליידען וואס גאט האט אויף איהם געבראכט, און יעדער האט איהם
געגעבען איין קשיטה און איין גאלדענע נאז־באנד.
12 און גאט האט געבענשט איוב'ס ענדע נאך מעהר ווי זיין אנפאנג, און ער
האט געקראגען פערצעהן טויזענד שאף, זעקס טויזענד קעמלען, טויזענד
פאאר אקסען און טויזענד עזעלינען.
13 און ער האט געהאט זיעבען זיהן און דריי טעכטער.
14 און די ערשטע האט ער גערופען ימימה, די צווייטע קציעה און די דריטע
קרן הפוך.
15 און עס זיינען ניט געווען נאך אזעלכע שעהנע פרויען ווי איוב'ס טעכטער
אין גאנצען לאנד, און זייער פאטער האט זיי געגעבען א ערבטהייל צווי־
שען זייערע ברידער.
16 און נאכדעם האט איוב געלעבט הונדערט און פערציג יאהר, און געזעהן
זיינע קינדער און קינדס קינדער ביז'ן פיערטען דור.
17 און איוב איז געשטארבען אלט און זאט מיט טעג.

**חזק**

אין איוב געפינען זיך טויזענד און זיעבציג פסוקים און צוויי און
פערציג קאפיטלאך.

# שיר השירים
# CANTICUM CANTICORUM.

## CAPUT I. א

שִׁיר הַשִּׁירִים אֲשֶׁר לִשְׁלֹמֹה׃ יִשָּׁקֵנִי מִנְּשִׁיקוֹת פִּיהוּ כִּי־ א 2
טוֹבִים דֹּדֶיךָ מִיָּיִן׃ לְרֵיחַ שְׁמָנֶיךָ טוֹבִים שֶׁמֶן תּוּרַק שְׁמֶךָ 3
עַל־כֵּן עֲלָמוֹת אֲהֵבוּךָ׃ מָשְׁכֵנִי אַחֲרֶיךָ נָּרוּצָה הֱבִיאַנִי 4
הַמֶּלֶךְ חֲדָרָיו נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בָּךְ נַזְכִּירָה דֹדֶיךָ מִיַּיִן
מֵישָׁרִים אֲהֵבוּךָ׃ שְׁחוֹרָה אֲנִי וְנָאוָה בְּנוֹת יְרוּשָׁלִָם ה
כְּאָהֳלֵי קֵדָר כִּירִיעוֹת שְׁלֹמֹה׃ אַל־תִּרְאוּנִי שֶׁאֲנִי שְׁחַרְחֹרֶת 6
שֶׁשֱּׁזָפַתְנִי הַשָּׁמֶשׁ בְּנֵי אִמִּי נִחֲרוּ־בִי שָׂמֻנִי נֹטֵרָה אֶת־
הַכְּרָמִים כַּרְמִי שֶׁלִּי לֹא נָטָרְתִּי׃ הַגִּידָה לִּי שֶׁאָהֲבָה 7
נַפְשִׁי אֵיכָה תִרְעֶה אֵיכָה תַּרְבִּיץ בַּצָּהֳרָיִם שַׁלָּמָה אֶהְיֶה
כְּעֹטְיָה עַל עֶדְרֵי חֲבֵרֶיךָ׃ אִם־לֹא תֵדְעִי לָךְ הַיָּפָה בַּנָּשִׁים 8
צְאִי־לָךְ בְּעִקְבֵי הַצֹּאן וּרְעִי אֶת־גְּדִיֹּתַיִךְ עַל מִשְׁכְּנוֹת
הָרֹעִים׃ לְסֻסָתִי בְּרִכְבֵי פַרְעֹה דִּמִּיתִיךְ רַעְיָתִי׃ נָאווּ 9 י
לְחָיַיִךְ בַּתֹּרִים צַוָּארֵךְ בַּחֲרוּזִים׃ תּוֹרֵי זָהָב נַעֲשֶׂה־לָּךְ 11
עִם נְקֻדּוֹת הַכָּסֶף׃ עַד־שֶׁהַמֶּלֶךְ בִּמְסִבּוֹ נִרְדִּי נָתַן רֵיחוֹ׃ 12
צְרוֹר הַמֹּר ׀ דּוֹדִי לִי בֵּין שָׁדַי יָלִין׃ אֶשְׁכֹּל הַכֹּפֶר ׀ דּוֹדִי 13 14
לִי בְּכַרְמֵי עֵין גֶּדִי׃ הִנָּךְ יָפָה רַעְיָתִי הִנָּךְ יָפָה עֵינַיִךְ יוֹנִים׃ טו
הִנְּךָ יָפֶה דוֹדִי אַף נָעִים אַף־עַרְשֵׂנוּ רַעֲנָנָה׃ קֹרוֹת בָּתֵּינוּ 16 17
אֲרָזִים רַחִיטֵנוּ* בְּרוֹתִים׃

## ב CAP. II. ב

אֲנִי חֲבַצֶּלֶת הַשָּׁרוֹן שׁוֹשַׁנַּת הָעֲמָקִים׃ כְּשׁוֹשַׁנָּה בֵּין א 2



א v. 1. שׁ׳ רבתי   v. 17. רהיטנו קרי

# שיר השירים

## קאַפּיטעל א

1 דאָס ליעד פון ליעדער שלמה׳ס.
2 קושען זאָל ער מיר מיט די קושען פון זיין מויל! וואָרום דיין פריינד־
שאַפט איז בעסער אַלס וויין.
3 דיינע אוילען זיינען גוט צום שמעקען און דיין נאָמען איז ווי זאַלב־אויל,
דערפאַר ליעבען דיך יונגע פרויען.
4 ציה מיר נאָך דיר, לאָמיר לויפען! דער קעניג האָט מיר אין זיינע צי־
מערען אַריינגעפיהרט, וועלען מיר זיך פרעהען און פרעהליך זיין מיט
דיר — פון׳ם וויין וועלען מיר דיין פריינדשאַפט דערמאָהנען, אַזוי
אויפריכטיג ליעב איך דיך!
5 שוואַרץ בין איך אָבער ליעבליך, ציון־טעכטער, ווי די געצעלטען פון קדר,
ווי שלמה׳ס געוועלבען.
6 איהר ווילט מיר ניט אָנקוקען ווייל איך בין שוואַרץ, אָבוואָהל
דאָס האָט מיר די זון פערברענט; מיין מוטער׳ס קינדער זיינען בייז
געוואָרען אויף מיר און האָבען מיר אַוועקגעשטעלט אַלס היטערין ביי
די וויינגערטנער, מיין אייגענעם וויינגאָרטען האָב איך נימאַלס געהיט.
7 זאָג מיר נאָר דו וועמען מיין זעלע ליעבט, וואו דו וועסט פיטערן,
וואו דו וועסט (דיין הערדע) לאָזען רוהען מיטאָג צייט; וואָרום זאָל איך
ווי אַ וואַנדלערין זיין אַרום דיינע פריינד׳ס הערדען?
8 אויב דו ווייסט עס ניט, דו שעהנסטע פון פרויען, געה זיך נאָך די
שעפּסען־טריט און קוק נאָך די קליינע ציגעלאַך ביז די וואוינונגען פון
די הירטען.
9 צו די פערד אין פּרעה׳ס רייטוואָגען פערגלייך איך דיר, מיין פריינדין.
10 דיינע באַקען זיינען פערפּוצט מיט ציערונג, דיין האַלז — מיט פּערל־
שניר.
11 מיר וועלען דיר נאָך מאַכען גאָלדענע ציערונג מיט זילבערנע פּינטעלאַך.
12 ווען דער קעניג איז נאָך מיט זיינע געסט געזעסען האָט מיין נארד
זיין גערוך געגעבען.
13 מיין מירענקראַנץ — איז מיין געליעבטער, צווישען מיינע בריסט וועט
ער בלייבען.
14 מיין געליעבטער איז מיר אַ קאָפּער־שטרויס, אין די וויינגערטנער פון
עין גדי.
15 דו ביסט שעהן, מיין פריינדין! דו ביסט שעהן מיט דיינע טויבען־
אויגען
16 שעהן ביסטו מיין געליעבטער און אַנגענעהם; [שעהן איז] אויך אונ־
זער געלעגער אין די גרינס.
17 די באַלקענס פון אונזער הויז זיינען צעדערן, אונזערע דאַכשינד־
לען — ציפּריסען.

## קאַפּיטעל ב

1 איך בין אַ ליליע פון שרון, אַ רויז פון די טהאָלען.
2 ווי אַ רויז צווישען די דערנער, אַזוי איז מיין פריינדין צווישען די
טעכטער.

3 הַחוֹחִים כֵּן רַעְיָתִי בֵּין הַבָּנוֹת׃ כְּתַפּוּחַ בַּעֲצֵי הַיַּעַר כֵּן
דּוֹדִי בֵּין הַבָּנִים בְּצִלּוֹ חִמַּדְתִּי וְיָשַׁבְתִּי וּפִרְיוֹ מָתוֹק לְחִכִּי׃
4 ה הֱבִיאַנִי אֶל־בֵּית הַיָּיִן וְדִגְלוֹ עָלַי אַהֲבָה׃ סַמְּכוּנִי בָּאֲשִׁישׁוֹת
רַפְּדוּנִי בַּתַּפּוּחִים כִּי־חוֹלַת אַהֲבָה אָנִי׃ שְׂמֹאלוֹ תַּחַת
6 7 לְרֹאשִׁי וִימִינוֹ תְּחַבְּקֵנִי׃ הִשְׁבַּעְתִּי אֶתְכֶם בְּנוֹת יְרוּשָׁלִַם
בִּצְבָאוֹת אוֹ בְּאַיְלוֹת הַשָּׂדֶה אִם־תָּעִירוּ ׀ וְאִם־תְּעוֹרְרוּ
8 אֶת־הָאַהֲבָה עַד שֶׁתֶּחְפָּץ׃ קוֹל דּוֹדִי הִנֵּה־זֶה בָּא מְדַלֵּג
9 עַל־הֶהָרִים מְקַפֵּץ עַל־הַגְּבָעוֹת׃ דּוֹמֶה דוֹדִי לִצְבִי אוֹ
לְעֹפֶר הָאַיָּלִים הִנֵּה־זֶה עוֹמֵד אַחַר כָּתְלֵנוּ מַשְׁגִּיחַ מִן
י הַחַלֹּנוֹת מֵצִיץ מִן־הַחֲרַכִּים׃ עָנָה דוֹדִי וְאָמַר לִי קוּמִי
11 לָךְ רַעְיָתִי יָפָתִי וּלְכִי־לָךְ׃ כִּי־הִנֵּה הַסְּתָו עָבָר הַגֶּשֶׁם
12 חָלַף הָלַךְ לוֹ׃ הַנִּצָּנִים נִרְאוּ בָאָרֶץ עֵת הַזָּמִיר הִגִּיעַ וְקוֹל
13 הַתּוֹר נִשְׁמַע בְּאַרְצֵנוּ׃ הַתְּאֵנָה חָנְטָה פַגֶּיהָ וְהַגְּפָנִים
14 סְמָדַר נָתְנוּ רֵיחַ קוּמִי לָכִי רַעְיָתִי יָפָתִי וּלְכִי־לָךְ׃ יוֹנָתִי
בְּחַגְוֵי הַסֶּלַע בְּסֵתֶר הַמַּדְרֵגָה הַרְאִינִי אֶת־מַרְאַיִךְ
טו הַשְׁמִיעִנִי אֶת־קוֹלֵךְ כִּי־קוֹלֵךְ עָרֵב וּמַרְאֵיךְ נָאוֶה׃ אֶחֱזוּ
לָנוּ שֻׁעָלִים שֻׁעָלִים קְטַנִּים מְחַבְּלִים כְּרָמִים וּכְרָמֵינוּ
16 17 סְמָדַר׃ דּוֹדִי לִי וַאֲנִי לוֹ הָרֹעֶה בַּשּׁוֹשַׁנִּים׃ עַד שֶׁיָּפוּחַ
הַיּוֹם וְנָסוּ הַצְּלָלִים סֹב דְּמֵה־לְךָ דוֹדִי לִצְבִי אוֹ לְעֹפֶר
הָאַיָּלִים עַל־הָרֵי בָתֶר׃

## CAP. III. ג

ג

א עַל־מִשְׁכָּבִי בַּלֵּילוֹת בִּקַּשְׁתִּי אֵת שֶׁאָהֲבָה נַפְשִׁי בִּקַּשְׁתִּיו
2 וְלֹא מְצָאתִיו׃ אָקוּמָה נָּא וַאֲסוֹבְבָה בָעִיר בַּשְּׁוָקִים
וּבָרְחֹבוֹת אֲבַקְשָׁה אֵת שֶׁאָהֲבָה נַפְשִׁי בִּקַּשְׁתִּיו וְלֹא
3 מְצָאתִיו׃ מְצָאוּנִי הַשֹּׁמְרִים הַסֹּבְבִים בָּעִיר אֵת
4 שֶׁאָהֲבָה נַפְשִׁי רְאִיתֶם׃ כִּמְעַט שֶׁעָבַרְתִּי מֵהֶם עַד
שֶׁמָּצָאתִי אֵת שֶׁאָהֲבָה נַפְשִׁי אֲחַזְתִּיו וְלֹא אַרְפֶּנּוּ עַד־

שהביאתיו

ב v. 4. קמץ בז״ק v. 11. הסתיו קרי v. 13. לך קרי v. 14. יתיר י v. 15. כ״א פתח בס[illegible]

3 ווי אַן עפּעלבוים צווישען די בוימער פון וואַלד, אַזוי איז מיין געליעבטער צווישען די זיהן; אין זיין שאָטען איז מיר אַנגענעהם צו זיצען און זיין פרוכט איז זיס פאַר מיין גומען.

4 ער האָט מיר געבראַכט אין וויינהויז און פאַרדעקט מיר מיט ליעבע.

5 ערקוויקט מיר מיט וויינזאַפט, ערפרישט מיר מיט עפּעל, וואָרום איך בין ליעבעסקראַנק.

6 זיין לינקע האַנד איז אונטער מיין קאָפּ און זיין רעכטע האַנד נעהמט מיר ארום.

7 איך פאַרשווער אייך, טעכטער פון ירושלים, ביי די הירש־קיה אָדער די ווילדע הינדען, איהר זאָלט ניט אויפרייצען אָדער ערוועקען די ליעבע, ביז זי זעלבסט וועט וועלען.

8 דאָס איז די שטימע פון מיין געליעבטען — ער קומט! ער שפּרינגט איבער די בערג און שפּרייזט איבער די בערגלאַך.

9 מיין געליעבטער איז גלייך צו אַ הירש (אין שנעלקייט) אָדער צו אַ יונגען היגד — אָט שטעהט ער שוין הינטער אונזער וואַנד! ער זעהט זיך דורך די פענסטער, ער ערשיינט דורך די קליינע פענסטערלאַך.

10 מיין פריינד האָט געענטפערט און געזאָגט צו מיר: שטעה אויף מיין שעהנע פריינדין, און געה זיך!

11 וואָרום דער ווינטער איז שוין פערביי, די רעגענצייט איז שוין אריבער און אוועקגעגאַנגען —

12 עס האָבען זיך שוין אינ'ם לאַנד בעוויזען בליהונגען, עס איז שוין אַנגעקומען די צייט פון ארומצושערען [די בוימער], אויך הערט זיך שוין אין אונזער לאַנד די שטימע פון טוירטעלטויב.

13 דער פייגענבוים האָט שוין אויפגעבליהט זיינע גרינע פרוכט, אויך די קליינע טרויבען פון וויינבוים שמעקען שוין — שטעה אויף, מיין שעהנע געליעבטע, און געה זיך!

14 מיין טויב! אין די שטיינשפּאַלטען אויף די געהיימע טרעפּלאַך, ווייז מיר דיין אויסזעהען, לאָז מיר הערען דיין שטימע — וואָרום דיין שטימע איז זיס און דיין אויסזעהען איז שעהן.

15 וואַרט פאַר אונז, איהר פיקסלאַך; קליינע פיקסלאַך וואָס פערדאַרבען וויינגערטנער, אויך די קליינע טרויבען פון אונזערע וויינגערטנער.

16 מיינער איז מיין געליעבטער וואָס שפּאַציערט צווישען די ליליען, און איך בין זיינע!

17 ביז עס וועט בלאָזען דער טאָג־ווינד און די שאָטענס וועלען צולויפען פון ארום; זיי דו, מיין געליעבטער, גלייך צו אַ הירש אָדער אַ יונגען הינד איבער די צושניטענע בערג.

## קאַפּיטעל ג

1 אויף מיין נאַכטגעלעגער האָב איך געזוכט דעם, וועמען מיין זעעלע ליעבט — איך האָב איהם געזוכט און ניט געפונען.

2 איך וועל נאָר אויפשטעהען און ארומגעהען איבער'ן שטאָדט — איבער מערק און גאַסען — און זוכען דעם, וועמען מיין זעעלע ליעבט — איך האָב איהם געזוכט און ניט געפונען.

3 עס האָבען מיר אַנגעטראָפען די וועכטער, וועלכע געהען ארום איבער'ן שטאָדט — „האָט איהר געזעהען דעם, וועמען מיין זעעלע ליעבט״?

4 ווי נאָר איך בין פון זיי אַוועק, האָב איך שוין געפונען דעם, וועמען מיין זעעלע ליעבט; איך האָב איהם אָבגעהאַלטען און ניט אָבגעלאָזען ביז איך האָב איהם אַריינגעפיהרט אין מיין מוטער'ס הויז, אין מיין מוטער'ס צימער.

שֶׁהֲבֵיאתִיו אֶל־בֵּית אִמִּי וְאֶל־חֶדֶר הוֹרָתִי׃ הִשְׁבַּעְתִּי ה
אֶתְכֶם בְּנוֹת יְרוּשָׁלִַם בִּצְבָאוֹת אוֹ בְּאַיְלוֹת הַשָּׂדֶה אִם־
6 תָּעִירוּ ׀ וְאִם־תְּעוֹרְרוּ אֶת־הָאַהֲבָה עַד־שֶׁתֶּחְפָּץ׃ מִי זֹאת
עֹלָה מִן־הַמִּדְבָּר כְּתִימְרוֹת עָשָׁן מְקֻטֶּרֶת מֹר וּלְבוֹנָה מִכֹּל
7 אַבְקַת רוֹכֵל׃ הִנֵּה מִטָּתוֹ שֶׁלִּשְׁלֹמֹה שִׁשִּׁים גִּבֹּרִים סָבִיב
8 לָהּ מִגִּבֹּרֵי יִשְׂרָאֵל׃ כֻּלָּם אֲחֻזֵי חֶרֶב מְלֻמְּדֵי מִלְחָמָה
9 אִישׁ חַרְבּוֹ עַל־יְרֵכוֹ מִפַּחַד בַּלֵּילוֹת׃ אַפִּרְיוֹן עָשָׂה לוֹ
הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה מֵעֲצֵי הַלְּבָנוֹן׃ עַמּוּדָיו עָשָׂה כֶסֶף רְפִידָתוֹ י
זָהָב מֶרְכָּבוֹ אַרְגָּמָן תּוֹכוֹ רָצוּף אַהֲבָה מִבְּנוֹת יְרוּשָׁלִָם׃
11 צְאֶינָה וּרְאֶינָה בְּנוֹת צִיּוֹן בַּמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה בָּעֲטָרָה שֶׁעִטְּרָה־
לּוֹ אִמּוֹ בְּיוֹם חֲתֻנָּתוֹ וּבְיוֹם שִׂמְחַת לִבּוֹ׃

## ד CAP. IV. ד

הִנָּךְ יָפָה רַעְיָתִי הִנָּךְ יָפָה עֵינַיִךְ יוֹנִים מִבַּעַד לְצַמָּתֵךְ א
2 שַׂעְרֵךְ כְּעֵדֶר הָעִזִּים שֶׁגָּלְשׁוּ מֵהַר גִּלְעָד׃ שִׁנַּיִךְ כְּעֵדֶר
הַקְּצוּבוֹת שֶׁעָלוּ מִן־הָרַחְצָה שֶׁכֻּלָּם מַתְאִימוֹת וְשַׁכֻּלָה
3 אֵין בָּהֶם׃ כְּחוּט הַשָּׁנִי שִׂפְתוֹתַיִךְ וּמִדְבָּרֵיךְ נָאוֶה כְּפֶלַח
4 הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ מִבַּעַד לְצַמָּתֵךְ׃ כְּמִגְדַּל דָּוִיד צַוָּארֵךְ בָּנוּי
לְתַלְפִּיּוֹת אֶלֶף הַמָּגֵן תָּלוּי עָלָיו כֹּל שִׁלְטֵי הַגִּבֹּרִים׃
שְׁנֵי שָׁדַיִךְ כִּשְׁנֵי עֳפָרִים תְּאוֹמֵי צְבִיָּה הָרוֹעִים בַּשּׁוֹשַׁנִּים׃ ה
6 עַד שֶׁיָּפוּחַ הַיּוֹם וְנָסוּ הַצְּלָלִים אֵלֶךְ לִי אֶל־הַר הַמּוֹר
7 8 וְאֶל־גִּבְעַת הַלְּבוֹנָה׃ כֻּלָּךְ יָפָה רַעְיָתִי וּמוּם אֵין בָּךְ׃ אִתִּי
מִלְּבָנוֹן כַּלָּה אִתִּי מִלְּבָנוֹן תָּבוֹאִי תָּשׁוּרִי ׀ מֵרֹאשׁ אֲמָנָה
מֵרֹאשׁ שְׂנִיר* וְחֶרְמוֹן מִמְּעֹנוֹת אֲרָיוֹת מֵהַרְרֵי נְמֵרִים׃
9 לִבַּבְתִּנִי אֲחֹתִי כַלָּה לִבַּבְתִּנִי בְּאַחַד* מֵעֵינַיִךְ בְּאַחַד עֲנָק
מִצַּוְּרֹנָיִךְ׃ מַה־יָּפוּ דֹדַיִךְ אֲחֹתִי כַלָּה מַה־טֹּבוּ דֹדַיִךְ מִיַּיִן י
11 וְרֵיחַ שְׁמָנַיִךְ מִכָּל־בְּשָׂמִים׃ נֹפֶת תִּטֹּפְנָה שִׂפְתוֹתַיִךְ כַּלָּה
דְּבַשׁ וְחָלָב תַּחַת לְשׁוֹנֵךְ וְרֵיחַ שַׂלְמֹתַיִךְ כְּרֵיחַ לְבָנוֹן׃



ד׳ v. 8. כ״א שניר v. 9. באחת קרי

5 איך פֿאַרשווער אייך, טעכטער פֿון ירושלים, ביי די הירש־קיה אָדער די
ווילדע הינדען, איהר זאָלט ניט אויפֿרייצען אָדער ערוועקען די ליעבע,
ביז זי זעלבסט וועט וועלען.

6 ווער איז די וואָס קומט פֿונ׳ם מדבר ווי רויכזיילען ? פֿאַרפֿיומירט מיט
מירען און ווייהרויך, מיט אַלערליי פּערקויף־פּודער.

7 אָט איז שלמה׳ס בעט — ארום איהר שטעהען זעכציג העלדען, העלדען
פֿון ישראל.

8 זיי אַלע זיינען מיט שווערדען בעוואָפֿענט, קריעגס געאיבטע ; יעדער
האָלט זיין שווערד אויפֿ׳ן זייט ביי־נאַכט אויס פֿאָרזיכטיגקייט.

9 א בעט האָט זיך קעניג שלמה געמאַכט פֿון לבנון האָלץ.

10 די זיילען האָט ער געמאַכט זילבערנע, די לייסטען — גאָלדענע, די
ראָהם פֿון פּורפּור ; אינווייניג איז עס געפּלאַסטערט מיט ליע־
בע פֿון ירושלים׳ער טעכטער.

11 געהט אַרויס און קוקט זיך איין, ציון׳ס טעכטער, אין דעם קעניג שלמה,
אויף דער קרוין, מיט וועלכע זיין מוטער האָט איהם בעקרוינט צו
זיין חתונה־טאָג, צום טאָג פֿון זיין הערצענס פֿריידע.

## קאַפּיטעל ד

1 דו ביזט שעהן, מיין פֿריינדין ! דו ביזט שעהן מיט דיינע טויבען־
אויגען פֿון אונטער דיינע לאָקען ; דיינע האָאָר זיינען ווי א הערדע פֿון
ציעגען ווען זיי לויפֿען אַראָב פֿונ׳ם בארג גלעד.

2 דיינע ציינער זיינען ווי א הערדע פֿון גלייכע (שעפּסען) ווען זיי
געהען אַרויף פֿון באָדען זיך — וועלכע זיינען אַלע צווילינג־גלייך און
קיינע אונטער זיי איז א פֿעהלערהאַפֿטע.

3 ווי א רויטער שנור זיינען דיינע ליפּען, אויך דיין צונג איז שעהן ; ווי
א שטיק מילגרוים איז דיין שלייף פֿון אונטער דיינע לאָקען.

4 דיין האַלז איז ווי דוד׳ס טהורעם וואָס איז געבויט פֿאַר די טויזענד־
ערליי געוועהר — טויזענדער פֿאַנצירען הענגען אויף איהם, די פֿאַנ־
צירען פֿון אַלע העלדען.

5 דיינע צוויי בריסט זיינען ווי צוויי יונגע הירשלאַך — א צווילינג פֿון
א הירש־קוה — וואָס לויפֿען אַרום צווישען ליליען.

6 ביז עס וועט בלאָזען דער טאָג־ווינד און די שאָטענס וועלען צולויפֿען,
וועל איך מיר געהן צום מירען־בארג און צום ווייהרויך בערגעל.

7 אין גאַנצען ביזטו שעהן, מיין פֿריינדין, — דו האָסט קיין פֿעהלער.

8 מיט מיר פֿון לבנון, כלה ! מיט מיר וועסטו געהן פֿון לבנון, וועסט
שפּרינגען פֿון שפּיץ אמנה, פֿון שפּיץ שניר און חרמון, פֿון די לייבען־
וואוינונגען, פֿון די טיגער־בערג.

9 דו האָסט מיר צוהיצט, מיין שוועסטער־כלה ! דו האָסט מיר אָנגעצונ־
דען מיט איינעם פֿון דיינע בליקען, מיט איין שנור פֿון דיין האַלז־
באַנד.

10 ווי שעהן איז דיין ליעבע מיין שוועסטער־כלה ! פֿיעל בעסער איז דיין
ליעבע אַלס ויין און דער גערוך פֿון דיין שמיר־אויל (איז
בעסער) פֿאַר אַלע געווירצען.

11 דיינע ליפּען, כלה, טריפֿען זיסקייט, אונטער דיין צונג איז האָניג און
און מילך, אויך דער גערוך פֿון דיינע קליידער איז ווי דער גערוך
פֿונ׳ם לבנון.

12 13 גַּ֚ן ׀ נָע֔וּל אֲחֹתִ֣י כַלָּ֑ה גַּ֥ל ׀ נָע֖וּל מַעְיָ֥ן חָתֽוּם׃ שְׁלָחַ֙יִךְ֙
14 פַּרְדֵּ֣ס רִמּוֹנִ֔ים עִ֖ם פְּרִ֣י מְגָדִ֑ים כְּפָרִ֖ים עִם־נְרָדִֽים׃ נֵ֣רְדְּ ׀
וְכַרְכֹּ֗ם קָנֶה֙ וְקִנָּמ֔וֹן עִ֖ם כָּל־עֲצֵ֣י לְבוֹנָ֑ה מֹ֚ר וַאֲהָל֔וֹת עִ֖ם
טו כָּל־רָאשֵׁ֥י בְשָׂמִֽים׃ מַעְיַ֣ן גַּנִּ֔ים בְּאֵ֖ר מַ֣יִם חַיִּ֑ים וְנֹזְלִ֖ים
16 מִן־לְבָנֽוֹן׃ ע֤וּרִי צָפוֹן֙ וּב֣וֹאִי תֵימָ֔ן הָפִ֥יחִי גַנִּ֖י יִזְּל֣וּ בְשָׂמָ֑יו
יָבֹ֤א דוֹדִי֙ לְגַנּ֔וֹ וְיֹאכַ֖ל פְּרִ֥י מְגָדָֽיו׃

## ה CAP. V. ה

א בָּ֣אתִי לְגַנִּי֮ אֲחֹתִ֣י כַלָּה֒ אָרִ֤יתִי מוֹרִי֙ עִם־בְּשָׂמִ֔י אָכַ֤לְתִּי
יַעְרִי֙ עִם־דִּבְשִׁ֔י שָׁתִ֥יתִי יֵינִ֖י עִם־חֲלָבִ֑י אִכְל֣וּ רֵעִ֔ים שְׁת֥וּ
2 וְשִׁכְר֖וּ דּוֹדִֽים׃ אֲנִ֥י יְשֵׁנָ֖ה וְלִבִּ֣י עֵ֑ר ק֣וֹל ׀ דּוֹדִ֣י דוֹפֵ֗ק
פִּתְחִי־לִ֞י אֲחֹתִ֤י רַעְיָתִי֙ יוֹנָתִ֣י תַמָּתִ֔י שֶׁרֹּאשִׁי֙ נִמְלָא־טָ֔ל
3 קְוֻּצּוֹתַ֖י רְסִ֥יסֵי לָֽיְלָה׃ פָּשַׁ֙טְתִּי֙ אֶת־כֻּתָּנְתִּ֔י אֵיכָ֖כָה אֶלְבָּשֶׁ֑נָּה
4 רָחַ֥צְתִּי אֶת־רַגְלַ֖י אֵיכָ֥כָה אֲטַנְּפֵֽם׃ דּוֹדִ֗י שָׁלַ֤ח יָדוֹ֙ מִן
ה הַחֹ֔ר וּמֵעַ֖י הָמ֥וּ עָלָֽיו׃ קַ֥מְתִּֽי אֲנִ֖י לִפְתֹּ֣חַ לְדוֹדִ֑י וְיָדַ֣י
6 נָֽטְפוּ־מ֗וֹר וְאֶצְבְּעֹתַי֙ מ֣וֹר עֹבֵ֔ר עַ֖ל כַּפּ֥וֹת הַמַּנְעֽוּל׃ פָּתַ֤חְתִּֽי
אֲנִי֙ לְדוֹדִ֔י וְדוֹדִ֖י חָמַ֣ק עָבָ֑ר נַפְשִׁי֙ יָֽצְאָ֣ה בְדַבְּר֔וֹ בִּקַּשְׁתִּ֙יהוּ֙
7 וְלֹ֣א מְצָאתִ֔יהוּ קְרָאתִ֖יו וְלֹ֥א עָנָֽנִי׃ מְצָאֻ֧נִי הַשֹּׁמְרִ֛ים
הַסֹּבְבִ֥ים בָּעִ֖יר הִכּ֣וּנִי פְצָע֑וּנִי נָשְׂא֤וּ אֶת־רְדִידִי֙ מֵעָלַ֔י
8 שֹׁמְרֵ֖י הַחֹמֽוֹת׃ הִשְׁבַּ֥עְתִּי אֶתְכֶ֖ם בְּנ֣וֹת יְרוּשָׁלָ֑͏ִם אִֽם־
9 תִּמְצְאוּ֙ אֶת־דּוֹדִ֔י מַה־תַּגִּ֣ידוּ ל֔וֹ שֶׁחוֹלַ֥ת אַהֲבָ֖ה אָֽנִי׃ מַה־
דּוֹדֵךְ֙ מִדּ֔וֹד הַיָּפָ֖ה בַּנָּשִׁ֑ים מַה־דּוֹדֵ֣ךְ מִדּ֔וֹד שֶׁכָּ֖כָה
י 11 הִשְׁבַּעְתָּֽנוּ׃ דּוֹדִ֥י צַח֙ וְאָד֔וֹם דָּג֖וּל מֵרְבָבָֽה׃ רֹאשׁ֖וֹ כֶּ֣תֶם
12 פָּ֑ז קְוֻּצּוֹתָיו֙ תַּלְתַּלִּ֔ים שְׁחֹר֖וֹת כָּעוֹרֵֽב׃ עֵינָ֕יו כְּיוֹנִ֖ים עַל־
13 אֲפִ֣יקֵי מָ֑יִם רֹֽחֲצוֹת֙ בֶּחָלָ֔ב יֹשְׁב֖וֹת עַל־מִלֵּֽאת׃ לְחָיָו֙
כַּעֲרוּגַ֣ת הַבֹּ֔שֶׂם מִגְדְּל֖וֹת מֶרְקָחִ֑ים שִׂפְתוֹתָיו֙ שֽׁוֹשַׁנִּ֔ים
14 נֹטְפ֖וֹת מ֥וֹר עֹבֵֽר׃ יָדָיו֙ גְּלִילֵ֣י זָהָ֔ב מְמֻלָּאִ֖ים בַּתַּרְשִׁ֑ישׁ
טו מֵעָיו֙ עֶ֣שֶׁת שֵׁ֔ן מְעֻלֶּ֖פֶת סַפִּירִֽים׃ שׁוֹקָיו֙ עַמּ֣וּדֵי שֵׁ֔שׁ

מיסדים

ר v. 14. חצי הספר בפסוקים ה v. 2. דרי בגש

12 א פערשלאָסענער גאָרטען ביזטו מיין שוועסטער־כלה ; א פערמאַכטער שטראָם, א פערזיעגעלטער קוואַל.

13 דיינע האַכצייטס פּרעזענטען זיינען : א מילגרוים־גאָרטען מיט זיסע פרוכט, קאָפער און נאָרד־בלומען ;

14 נאָרד און זאַפרען, ראהר און צינבערג מיט אַלערליי וויירוכהאָלץ, מירען און אַלאָען מיט אַלערליי בעסטע געווירצען ;

15 א גאָרטענברונען — א ברונען פון פרישע וואסער, וועלכע רינט פון לבנון.

16 ערוואך צפון־ווינד און קום דרום־ווינד ! בלאָזט אויף מיין גאָרטען און זאָל פליסען זיין געווירצענגערוך ! זאָל מיין געליעבטער קומען אין זיין גאָרטען און געניסען פון זיינע זיסע פרוכט.

## קאַפּיטעל ה

1 איך בין געקומען אין מיין גאָרטען, מיין שוועסטער־כלה ; איך האָב געפליקט מיינע מירען און געווירצען, איך האָב געגעסען מיין צוקער־ראָהר מיט מיין האָניג, איך האָב געטרונקען מיין וויין און מיין מילך, טרינקט און ווערט בעטרונקען, געליעבטע !

2 ווען איך שלאָף איז מיין הארץ וואך: מיין געליעבטער קלאָפּט הויך : „עפען מיר—מיין שוועסטער, מיין פריינדין, מיין אונשולדיגע טויב ! וואָרום מיין קאָפּ איז פול מיט טהוי, מיינע לאָקען—מיט נאכט־טראָפּענס"!

3 איך האָב שוין אויסגעטהאָן מיין העמד, ווי זאָל איך איהר אָנטהאָן ? איך האָב שוין מיינע פיס געוואשען, ווי זאָל איך זיי איינשמוצען ?

4 ווען מיין געליעבטער האָט אָבער זיין האַנד אריינגעשטעקט דורכ'ן טהיר־לאָך, האָט זיך טיעף אין מיר ערוועקט מיטלייד צו איהם.

5 איך בין אויפגעשטאַנען עפענען מיין געליעבטען, פון מיין האַנד האָט געטריפט מירען־אויל און פון מיינע פינגער איז די מירען־אויל געראָנען אויפ'ן שלאָס־הענדטעל.

6 איך האָב מיין געליעבטען געעפענט, אָבער ער איז שוין פערשוואונדען געווען און אוועק. עס איז מיר מיין זעעלע ארויס ווען איהם רעדענ־דיג — איך האָב איהם געזוכט און ניט געפונען, איך האָב איהם גע־רופען, אָבער ער האָט מיר ניט געענטפערט.

7 עס האָבען מיר אָנגעטראָפען די וועכטער, וואָס געהן ארום איבער'ן שטאָדט, זיי האָבען מיר געשלאָגען און פערוואונדעט, די וועכטער פון די מויער־ווענד האָבען פון מיר מיין נאַכטקלייד אראָבגענומען.

8 „איך פאַרשווער אייך, טעכטער פון ירושלים, אז ווען איהר וועט מיין געליעבטען געפינען זאָלט איהר איהם לאנגזאם אָנזאָגען, אז איך בין ליעבעס־קראַנק".

9 מיט וואָס דערקענט מען דיין געליעבטען פון אַנדערע, דו שעהנסטע פון פרויען ? מיט וואָס צייכענט זיך אוים דיין געליעבטער פון אַנדערע, וואָס דו האָסט אונז אַזוי פערשוואָרען ?

10 מיין געליעבטער איז וויים און רויט, אויסגעצייכענט פון פיעלע טויזענדע.

11 זיין קאָפּ איז, ווי דאָס בעסטע גאָלד, זיינע לאָקען געגרייזעלט, שוואַרץ ווי ראַבען ;

12 זיינע אויגען — ווי טויבען ביים וואסער־שטראָם, זיי באָדען זיך אין מילך, זיצענדיג אין (זייער) איינפאסונג ;

13 זיינע באַקען — ווי געווירצבייטען, אויף וועלכע עס וואקסען פּערפיור־מען, זיינע ליפּען — ווי טריפענדע ראָזען, רינענדיגע מירען ;

14 זיינע הענד זיינען ווי גאָלדענע רינגען, בעזעצט מיט קריזאָליט, זיינע געדערים — אַן אויסאַרבייטונג פון עלפענביין, בעזעצט מיט דימאַנטען ;

15 זיינע קנעבלעך — מאַרמאָרנע זיילען, געשטעלט אויף גאָלדענע שוועלען, זיין אויסזעהן איז ווי דער בעסטער צעדער פון לבנון.

מְסֻדָּרִים עַל־אַדְנֵי־פָז מַרְאֵהוּ כַּלְּבָנוֹן בָּחוּר כָּאֲרָזִים׃
16 חִכּוֹ מַמְתַקִּים וְכֻלּוֹ מַחֲמַדִּים זֶה דוֹדִי וְזֶה רֵעִי בְּנוֹת
יְרוּשָׁלָם׃

## ו Cap. VI. ו

א אָנָה הָלַךְ דּוֹדֵךְ הַיָּפָה בַּנָּשִׁים אָנָה פָּנָה דוֹדֵךְ וּנְבַקְשֶׁנּוּ
2 עִמָּךְ׃ דּוֹדִי יָרַד לְגַנּוֹ לַעֲרוּגוֹת הַבֹּשֶׂם לִרְעוֹת בַּגַּנִּים
3 וְלִלְקֹט שׁוֹשַׁנִּים׃ אֲנִי לְדוֹדִי וְדוֹדִי לִי הָרֹעֶה בַּשּׁוֹשַׁנִּים׃
4 יָפָה אַתְּ רַעְיָתִי כְּתִרְצָה נָאוָה כִּירוּשָׁלָם אֲיֻמָּה כַּנִּדְגָּלוֹת׃
ה הָסֵבִּי עֵינַיִךְ מִנֶּגְדִּי שֶׁהֵם הִרְהִיבֻנִי שַׂעְרֵךְ כְּעֵדֶר הָעִזִּים
6 שֶׁגָּלְשׁוּ מִן־הַגִּלְעָד׃ שִׁנַּיִךְ כְּעֵדֶר הָרְחֵלִים שֶׁעָלוּ מִן
7 הָרַחְצָה שֶׁכֻּלָּם מַתְאִימוֹת וְשַׁכֻּלָה אֵין בָּהֶם׃ כְּפֶלַח
8 הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ מִבַּעַד לְצַמָּתֵךְ׃ שִׁשִּׁים הֵמָּה מְלָכוֹת וּשְׁמֹנִים
9 פִּילַגְשִׁים וַעֲלָמוֹת אֵין מִסְפָּר׃ אַחַת הִיא יוֹנָתִי תַמָּתִי
אַחַת הִיא לְאִמָּהּ בָּרָה הִיא לְיוֹלַדְתָּהּ רָאוּהָ בָנוֹת
י וַיְאַשְּׁרוּהָ מְלָכוֹת וּפִילַגְשִׁים וַיְהַלְלוּהָ׃ מִי־זֹאת הַנִּשְׁקָפָה
כְּמוֹ־שָׁחַר יָפָה כַלְּבָנָה בָּרָה כַּחַמָּה אֲיֻמָּה כַּנִּדְגָּלוֹת׃
11 אֶל־גִּנַּת אֱגוֹז יָרַדְתִּי לִרְאוֹת בְּאִבֵּי הַנָּחַל לִרְאוֹת הֲפָרְחָה
12 הַגֶּפֶן הֵנֵצוּ הָרִמֹּנִים׃ לֹא יָדַעְתִּי נַפְשִׁי שָׂמַתְנִי מַרְכְּבוֹת
עַמִּי נָדִיב׃

## ז Cap. VII. ז

א שׁוּבִי שׁוּבִי הַשּׁוּלַמִּית שׁוּבִי שׁוּבִי וְנֶחֱזֶה־בָּךְ מַה־תֶּחֱזוּ
2 בַּשּׁוּלַמִּית כִּמְחֹלַת הַמַּחֲנָיִם׃ מַה־יָּפוּ פְעָמַיִךְ בַּנְּעָלִים
בַּת־נָדִיב חַמּוּקֵי יְרֵכַיִךְ כְּמוֹ חֲלָאִים מַעֲשֵׂה יְדֵי אָמָּן׃
3 שָׁרְרֵךְ אַגַּן הַסַּהַר אַל־יֶחְסַר הַמָּזֶג בִּטְנֵךְ עֲרֵמַת חִטִּים
4 סוּגָה בַּשּׁוֹשַׁנִּים׃ שְׁנֵי שָׁדַיִךְ כִּשְׁנֵי עֳפָרִים תָּאֳמֵי צְבִיָּה׃
ה צַוָּארֵךְ כְּמִגְדַּל הַשֵּׁן עֵינַיִךְ בְּרֵכוֹת בְּחֶשְׁבּוֹן עַל־שַׁעַר בַּת־
6 רַבִּים אַפֵּךְ כְּמִגְדַּל הַלְּבָנוֹן צוֹפֶה פְּנֵי דַמָּשֶׂק׃ רֹאשֵׁךְ

עליך

ז v. 2. כ״א אָמָּן א אָמָּן

16 זיין גומען — איז זיסינקייטען. ער איז אין גאנצען ליעבענסווירדיג.
אַט דאָס איז מיין געליעבטער און אזוי איז מיין פריינד, טעכטער פון
ירושלים".

## קאפיטעל ו

1 וואו איז אוועק דיין געליעבטער, דו שעהנסטע פון פרויען ? וואו
האָט זיך דיין געליעבטער אהינגעקעהרט ? מיר וועלען דיר העלפען
איהם אויפזוכען.

2 „מיין געליעבטער איז אראָבגעגאנגען אין זיין גארטען, צו די געווירצ־
בייטען, דורכשפּאצירען זיך אין די גערטנער און קלייבען רויזען.

3 איך געהער מיין געליעבטען, וואָס שפּאציערט צווישען די רויזען, און
מיין געליעבטער געהערט צו מיר".

4 דו ביזט שעהן, מיין פריינדין, ווי די שטאָדט תרצה, פּרעכטיג ווי
ירושלים, פירכטערליך ווי די פלאגענטרעגער.

5 ווענד אָפּ דיינע אויגען פון מיר, וועלכע רייצען מיך אויף, דיינע האָאָר,
וואָס גלאנצען ווי א הערדע פון ציגען, ווען זיי לויפען אראָפּ פון גלעד ;

6 דיינע צייהנער זיינען אזוי ווי א הערדע פון שעפּסען, ווען זיי געהען
ארויף פון באדען זיך — זיי זיינען אַלע צווילינג־גלייך און קיינע אונטער
זיי איז קיין פעהלערהאפטע ;

7 דיין שלייף איז ווי א שטיק מילגרוים פון אונטער דיינע לאָקען.

8 זעכציג זיינען די קעניגינען, אכציג — די קעבס־ווייבער און מיידלאך
אָהן א צאָהל ;

9 אָבער איינע איז מיין אונשולדיגע טויב, אן איינציגע ביי איהר מוטער,
איין טאָכטער ביי די וואָס האָט איהר געבוירען ; עס האָבען איהר גע־
זעהען טעכטער, האָבען זיי איהר געריהמט, קעניגען און קעבס־ווייבער
האָבען איהר געלויבט.

10 ווער איז די וואָס זעהט אויס ווי דער מאָרגענשטערן ? שעהן ווי די
לבנה, קלאהר ווי די זונן און פירכטערליך ווי די פלאגענטרעגער ?

11 איך בין אראָבגעגאנגען אין נוס־גארטען צו בעקוקען די גרינסען פון
טהאל, צו זעהען, אויב דער וויין־בוים האָט שוין געבליהט, אויב די
מילגרוים בוימער זיינען מיט בליהונג בעדעקט ;

12 איך האָב אָבער זיך זעלבסט ניט דערקענט — זי האָט מיר געמאַכט
ווי עמינד ב'ס רייט־וועגען.

## קאפיטעל ז

1 קעהר זיך צוריק, קעהר זיך אום, אָ שולמית ! קעהר זיך צוריק,
קעהר זיך אום, אום מיר זאָלען דיר בעקוקען. ווי קענט איהר בעקוקען
שולמית'ן, וועלכע איז פלינק ווי א נאמאדענטאנץ ?

2 ווי שעהן זיינען דיינע טריט אין די שיך, עדעלע טאָכטער ? דיינע
פערדעקטע היפטען זיינען, ווי שניצונגען פון קונסטווערק.

3 דיין נאפּעל איז ווי א רונדער בעכער, אין וועלכען עס פעהלט ניט קיין

עָלַיִךְ כַּכַּרְמֶל וְדַלַּת רֹאשֵׁךְ כָּאַרְגָּמָן מֶלֶךְ אָסוּר בָּרְהָטִים׃
7 8 מַה־יָּפִית וּמַה־נָּעַמְתְּ אַהֲבָה בַּתַּעֲנוּגִים׃ זֹאת קוֹמָתֵךְ
9 דָּמְתָה לְתָמָר וְשָׁדַיִךְ לְאַשְׁכֹּלוֹת׃ אָמַרְתִּי אֶעֱלֶה בְתָמָר
אֹחֲזָה בְּסַנְסִנָּיו וְיִהְיוּ־נָא שָׁדַיִךְ כְּאֶשְׁכְּלוֹת הַגֶּפֶן וְרֵיחַ
י אַפֵּךְ כַּתַּפּוּחִים׃ וְחִכֵּךְ כְּיֵין הַטּוֹב הוֹלֵךְ לְדוֹדִי לְמֵישָׁרִים
11 12 דּוֹבֵב שִׂפְתֵי יְשֵׁנִים׃ אֲנִי לְדוֹדִי וְעָלַי תְּשׁוּקָתוֹ׃ לְכָה דוֹדִי
13 נֵצֵא הַשָּׂדֶה נָלִינָה בַּכְּפָרִים׃ נַשְׁכִּימָה לַכְּרָמִים נִרְאֶה
אִם־פָּרְחָה הַגֶּפֶן פִּתַּח הַסְּמָדַר הֵנֵצוּ הָרִמּוֹנִים שָׁם אֶתֵּן
14 אֶת־דֹּדַי לָךְ׃ הַדּוּדָאִים נָתְנוּ־רֵיחַ וְעַל־פְּתָחֵינוּ כָּל־מְגָדִים
חֲדָשִׁים גַּם־יְשָׁנִים דּוֹדִי צָפַנְתִּי לָךְ׃

## Cap. VIII. ח

ח

א מִי יִתֶּנְךָ כְּאָח לִי יוֹנֵק שְׁדֵי אִמִּי אֶמְצָאֲךָ בַחוּץ אֶשָּׁקְךָ
2 גַּם לֹא־יָבוּזוּ לִי׃ אֶנְהָגְךָ אֲבִיאֲךָ אֶל־בֵּית אִמִּי תְּלַמְּדֵנִי
3 אַשְׁקְךָ מִיַּיִן הָרֶקַח מֵעֲסִיס רִמֹּנִי׃ שְׂמֹאלוֹ תַּחַת רֹאשִׁי
4 וִימִינוֹ תְּחַבְּקֵנִי׃ הִשְׁבַּעְתִּי אֶתְכֶם בְּנוֹת יְרוּשָׁלָםִ מַה־תָּעִירוּ
ה וּמַה־תְּעֹרְרוּ אֶת־הָאַהֲבָה עַד שֶׁתֶּחְפָּץ׃ מִי זֹאת עֹלָה
מִן־הַמִּדְבָּר מִתְרַפֶּקֶת עַל־דּוֹדָהּ תַּחַת הַתַּפּוּחַ עוֹרַרְתִּיךָ
6 שָׁמָּה חִבְּלַתְךָ אִמֶּךָ שָׁמָּה חִבְּלָה יְלָדַתְךָ׃ שִׂימֵנִי כַחוֹתָם
עַל־לִבֶּךָ כַּחוֹתָם עַל־זְרוֹעֶךָ כִּי־עַזָּה כַמָּוֶת אַהֲבָה קָשָׁה
7 כִשְׁאוֹל קִנְאָה רְשָׁפֶיהָ רִשְׁפֵּי אֵשׁ שַׁלְהֶבֶתְיָה׃ מַיִם רַבִּים
לֹא יוּכְלוּ לְכַבּוֹת אֶת־הָאַהֲבָה וּנְהָרוֹת לֹא יִשְׁטְפוּהָ אִם־
8 יִתֵּן אִישׁ אֶת־כָּל־הוֹן בֵּיתוֹ בָּאַהֲבָה בּוֹז יָבוּזוּ לוֹ׃ אָחוֹת
לָנוּ קְטַנָּה וְשָׁדַיִם אֵין לָהּ מַה־נַּעֲשֶׂה לַאֲחֹתֵנוּ בַּיּוֹם
9 שֶׁיְּדֻבַּר־בָּהּ׃ אִם־חוֹמָה הִיא נִבְנֶה עָלֶיהָ טִירַת כָּסֶף
י וְאִם־דֶּלֶת הִיא נָצוּר עָלֶיהָ לוּחַ אָרֶז׃ אֲנִי חוֹמָה וְשָׁדַי
11 כַּמִּגְדָּלוֹת אָז הָיִיתִי בְעֵינָיו כְּמוֹצְאֵת שָׁלוֹם׃ כֶּרֶם הָיָה
לִשְׁלֹמֹה בְּבַעַל הָמוֹן נָתַן אֶת־הַכֶּרֶם לַנֹּטְרִים אִישׁ יָבִא

בפריו

זנ v. 6. מלה חדא לבן אשר והוה רפה

געמישטער ווײן ; דײן בויך איז ווי א בינטעל ווײץ, ארומגעזעצט מיט
4 רויזען. דײנע צוויי בריסט—ווי צוויי קלײנע הירשלאך—א צווילינג פון
5 הירשען. דײן האלז—ווי א טהורעם פון עלפענבײן, דײנע אויגען—ווי די
טײכלאך פון חשבון בײם טהויער פון בת־רבים ; דײן נאז א, ווי דער
6 לבנון־טהורעם, וועלכען מען זעהט פון דמשק. דײן קאפ איז ווי דער
כרמל, די האאר פון דײן קאפ — ווי קעניגליכעס פורפור, אײנגעפלאכטען
7 אין לאקען. ווי שעהן און ווי אנגענעהם ביזטו, פערגעניגענס ליעבע !
8 דײן וואוקס איז, ווי א פאלמענבוים און דײנע בריסט, ווי בלומען־שטרוי־
9 כען ; איך האב געטראכט : איך וועל אויפ'ן פאלמענבוים ארויף און
אננעהמען איהם פאר זײנע צווײגען. זאלען נאר דײנע בריסט זײן,
ווי בינטלאך פון ווײנבוים, און דײן אטהעם זאל שמעקען ווי די עפעל
10 און דײן גומען ווי גוטער ווײן, וועלכער בעקומט וואויל מײן גע־
ליעבטען, עס מאכט רעדעוודיג זאגאר די ליפען פון שלעפעריגע.
11 איך געהער מײן געליעבטען, און זײן שטרעבען איז צו מיר.
12 קום, געליעבטער ! לאמיר אוועק אין פעלד און אויפהאלטען זיך אין
13 די דערפער — אום מיר זאלען יעדען פריה־מארגען געהן אין די ווײנ־
גערטנער, בעקוקען אויב עס בליהט דער ווײנבוים, אויב ער ענטוויקעלט
די קלײנע טרויבען, אויב די מילגרוים־בוימער זײנען מיט בליהונג בע־
14 דעקט—דארטען וועל איך דיר מײן ליעבע געבען. די בלומען גיבען
ארויס א גערוך, און בײ אונזערע טהירען זײנען אלערלײ זיסע פרוכטען ;
פאר דיר, מײן געליעבטע, האב איך (פון זײ) אנגעגרײט נײע און אלטע.

## קאפיטעל ח

1 א, ווען דו וואלסט מײן ברודער געווען, וואס זויגט מײן מוטער'ס
בריסט ! טרעפענדיג דיך אין גאס וואלט איך דיך געקוסט און קײנער
2 וואלט מיך ניט בעלײדיגט. איך וואלט דיך פיהרען און ברײנגען אינ'ם
הויז פון מײן מוטער, מײן ערציהערין ; איך וואלט דיך אנטרינקען מיט
3 געווירצען ווײן, מיט'ן זאפט פון מײנע מילגרוימען. זײן לינקע
האנד איז אונטער מײן קאפ און זײן רעכטע האנד נעהמט מיך ארום.
4 איך פערשווער אײך, טעכטער פון ירושלים ! לאנגזאם זאלט איהר
אויפרײצען און לאנגזאם ערוועקען די ליעבע, ביז זי וועט אלײן וועלען !
5 ווער איז זי, די, וואס קומט פונ'ם מדבר, געארמט מיט איהר געליעב־
טען ? אונטער'ן עפעלבוים האב איך דיך אויפגערײצט — דארטען וואו
דײן מוטער האט דיך מיט שמערצען געבוירען, דארטען, וואו עס האט
שמערצען געהאט די וואס האט דיך געבוירען.
6 מאך מיר אלס א זיעגעל אויף דײן הארצען, אלס זיעגעל אויף דײן
ארם, ווארום די ליעבע איז שטארק ווי דער טוידט, ווי די העל פון אײ־
פערזוכט זײנען איהרע פונקען — די פונקען פון א שטארקען פלאם.
7 פיעל וואסערען קענען ניט אויסלעשען די ליעבע, אויך טײכען קענען
איהר ניט פערפלײצען ; ווען אײנער זאל דעם גאנצען פערמעגען פון
זײן הויז אוועקגעבען פאר ליעבע, וועט מען איהם נאר פעראכטען.
8 א קלײנע שוועסטער האבען מיר, וועלכע האט נאך קײנע בריסט; וואס קע־
נען מיר טהאן פאר אונזער שוועסטער ווען מען וועט וועגען איהר רעדען ?
9 איז זי א מויער וועלען מיר אויף איהר בויען א פראכטפאלען פאלאסט,
איז זי א טהיר וועלען מיר איהר ארומצומען מיט ברעטער פון צעדערען.
10 איך בין לײדענשאפטליך און מײנע בריסט זײנען ווי טהורעמס, נאר
אין זײנע אויגען בין איך דאן געווען ווי א פריעדענס־ברײנגערין.
11 א ווײנגארטען האט שלמה געהאט אין בעל המון, האט ער דעם ווײנגאר־
טען אוועקגעגעבען צו היטערס, יעדער מאן זאל אײנברענגען פאר זײנע
פרוכט טויזענד זילבער־שטיק.

בְּפִרְיוֹ אֶלֶף כָּסֶף׃ כַּרְמִי שֶׁלִּי לְפָנָי הָאֶלֶף לְךָ שְׁלֹמֹה 12
וּמָאתַיִם לְנֹטְרִים אֶת־פִּרְיוֹ׃ הַיּוֹשֶׁבֶת בַּגַּנִּים חֲבֵרִים 13
מַקְשִׁיבִים לְקוֹלֵךְ הַשְׁמִיעִנִי׃ בְּרַח ׀ דּוֹדִי וּדְמֵה־לְךָ לִצְבִי 14
אוֹ לְעֹפֶר הָאַיָּלִים עַל הָרֵי בְשָׂמִים׃

סכום פסוקי דשיר השירים מאה ושבעה עשר. וסימנו אשר דבר
טוב על המלך. וחציו נרד וכרכום׃

# רות

# LIBER RUTH.

## CAPUT I. א

וַיְהִי בִּימֵי שְׁפֹט הַשֹּׁפְטִים וַיְהִי רָעָב בָּאָרֶץ וַיֵּלֶךְ אִישׁ א
מִבֵּית לֶחֶם יְהוּדָה לָגוּר בִּשְׂדֵי מוֹאָב הוּא וְאִשְׁתּוֹ וּשְׁנֵי
בָנָיו׃ וְשֵׁם הָאִישׁ אֱלִימֶלֶךְ וְשֵׁם אִשְׁתּוֹ נָעֳמִי וְשֵׁם שְׁנֵי־ 2
בָנָיו ׀ מַחְלוֹן וְכִלְיוֹן אֶפְרָתִים מִבֵּית לֶחֶם יְהוּדָה וַיָּבֹאוּ
שְׂדֵי־מוֹאָב וַיִּהְיוּ־שָׁם׃ וַיָּמָת אֱלִימֶלֶךְ אִישׁ נָעֳמִי וַתִּשָּׁאֵר 3
הִיא וּשְׁנֵי בָנֶיהָ׃ וַיִּשְׂאוּ לָהֶם נָשִׁים מֹאֲבִיּוֹת שֵׁם הָאַחַת 4
עָרְפָּה וְשֵׁם הַשֵּׁנִית רוּת וַיֵּשְׁבוּ שָׁם כְּעֶשֶׂר שָׁנִים׃ וַיָּמֻתוּ ה
גַם־שְׁנֵיהֶם מַחְלוֹן וְכִלְיוֹן וַתִּשָּׁאֵר הָאִשָּׁה מִשְּׁנֵי יְלָדֶיהָ
וּמֵאִישָׁהּ׃ וַתָּקָם הִיא וְכַלֹּתֶיהָ וַתָּשָׁב מִשְּׂדֵי מוֹאָב כִּי 6
שָׁמְעָה בִּשְׂדֵה מוֹאָב כִּי־פָקַד יְהוָה אֶת־עַמּוֹ לָתֵת לָהֶם
לָחֶם׃ וַתֵּצֵא מִן־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר הָיְתָה־שָׁמָּה וּשְׁתֵּי כַלֹּתֶיהָ 7
עִמָּהּ וַתֵּלַכְנָה בַדֶּרֶךְ לָשׁוּב אֶל־אֶרֶץ יְהוּדָה׃ וַתֹּאמֶר נָעֳמִי 8
לִשְׁתֵּי כַלֹּתֶיהָ לֵכְנָה שֹּׁבְנָה אִשָּׁה לְבֵית אִמָּהּ יַעֲשֶׂה יְהוָה
עִמָּכֶם חֶסֶד כַּאֲשֶׁר עֲשִׂיתֶם עִם־הַמֵּתִים וְעִמָּדִי׃ יִתֵּן יְהוָה 9
לָכֶם וּמְצֶאןָ מְנוּחָה אִשָּׁה בֵּית אִישָׁהּ וַתִּשַּׁק לָהֶן וַתִּשֶּׂאנָה



א v. 8. יעש קי׳

12 מיין וויינגארטען איז ווערטה ביי מיר, שלמה, ווי דיין טויזענד־
ווערטהיגער, און נאָך צוויי הונדערט פאַר זיינע פרוכט־היטערם.
13 גארטען־זיצערקע! פאר אלע פריינד וואָס הערען דיין שטימע זאָג מיר:
14 „ענטלויף, מיין פריינד! פערגלייך־זיך צו אַ הירש אָדער צו אַ יונגע
אינדין אויף געווירצען־בערג . . .״

אַלע פּסוקים פון שיר השירים זיינען הונדערט זיעבצעהן, די העלפט
דערפון איז קאַפּ. ד׳ פּסוק י״ד. ח. ש. נ.

# רות

## קאַפּיטעל א

1 דאָס האָט פּאַסירט ווען די ריכטער זיינען געווען די פיהרער. אין דעם
לאַנד איז געווען אַ הונגער, איז אַ מאַן געגאנגען פון בית לחם יהודה צו
באזעצען זיך אין די פעלדער פון מואב; ער, זיין ווייב און זיינע צוויי
זיהן.
2 דעם מאַן האָט מען גערופען אלימלך, זיין פרוי — נעמי, און זיינע צוויי
זיהן מחלון און כליון; אָרעליגע פון בית לחם יהודה. זיי זיינען געקו־
מען אין די פעלדער פון מואב און פערבליבען דאָרטען.
3 אז אלימלך, נעמי׳ס מאַן איז געשטאָרבען איז זי געבליבען מיט איהרע
צוויי זיהן.
4 זיי האָבען זיך געהייראַטה מואבי׳שע פרויען, איינע האָט מען גערופען
ערפּה און די צווייטע — רות, און זיינען דאָרטען פארבליבען ביי צעהן
יאָהר.
5 אָבער אויך זיי ביידע — מחלון און כליון — זיינען געשטאָרבען; און די
פרוי איז אַליין געבליבען פון איהרע צוויי קינדער און פון איהר מאַן.
6 דאַן איז זי אויפגעשטאַנען מיט איהרע צוויי שניר און האָט זיך צוריקגע־
קעהרט פון די פעלדער פון מואב, ווייל זי האָט זייענדיג אין די פעל־
דער פון מואב געהערט אַז גאָט האָט זיך דערמאנט אַן זיין פאָלק צו גע־
בען זיי ברויט.
7 און זי איז אַוועק פון דעם אָרט, וואָס זי האָט זיך דאָרטען אויפגע־
האַלטען, אויך איהרע ביידע שניר מיט איהר, און זיי זיינען געגאַנגען
צוריקקעהרען זיך צום לאַנד יהודה.
8 אָבער נעמי האָט געזאָגט צו איהרע צוויי שניר: „געהט אייך; קעהרט
זיך צוריק יעדערע צו איהר מוטער׳ס הויז. זאָל גאָט מיט אייך גנאָדע
טהאָן אזוי ווי איהר האָט געטהאָן מיט די טויטע און מיט מיר,
9 זאָל אייך גאָט געבען איהר זאָלט רוהע געפינען יעדערע אין איהר מאַן׳ס
הויז. . .״ אַז זי האָט זיי געקוסט האָבען זיי אויפגעהויבען זייער שטימע
און געוויינט.

י קוֹלָן וַתִּבְכֶּינָה׃ וַתֹּאמַרְנָה* לָּהּ כִּי־אִתָּךְ נָשׁוּב לְעַמֵּךְ׃
11 וַתֹּאמֶר נָעֳמִי שֹׁבְנָה בְנֹתַי לָמָּה תֵלַכְנָה עִמִּי הַעוֹד־לִי
12 בָנִים בְּמֵעַי וְהָיוּ לָכֶם לַאֲנָשִׁים׃ שֹׁבְנָה בְנֹתַי לֵכְןָ כִּי
זָקַנְתִּי מִהְיוֹת לְאִישׁ כִּי אָמַרְתִּי יֶשׁ־לִי תִקְוָה גַּם הָיִיתִי
13 הַלַּיְלָה לְאִישׁ וְגַם יָלַדְתִּי בָנִים׃ הֲלָהֵן ׀ תְּשַׂבֵּרְנָה עַד
אֲשֶׁר יִגְדָּלוּ הֲלָהֵן תֵּעָגֵנָה לְבִלְתִּי הֱיוֹת לְאִישׁ אַל בְּנֹתַי
14 כִּי־מַר־לִי מְאֹד מִכֶּם כִּי־יָצְאָה בִי יַד־יְהוָה׃ וַתִּשֶּׂנָה קוֹלָן
וַתִּבְכֶּינָה עוֹד וַתִּשַּׁק עָרְפָּה לַחֲמוֹתָהּ וְרוּת דָּבְקָה־בָּהּ׃
טו וַתֹּאמֶר הִנֵּה שָׁבָה יְבִמְתֵּךְ אֶל־עַמָּהּ וְאֶל־אֱלֹהֶיהָ שׁוּבִי
16 אַחֲרֵי יְבִמְתֵּךְ׃ וַתֹּאמֶר רוּת אַל־תִּפְגְּעִי־בִי לְעָזְבֵךְ לָשׁוּב
מֵאַחֲרָיִךְ כִּי אֶל־אֲשֶׁר תֵּלְכִי אֵלֵךְ וּבַאֲשֶׁר תָּלִינִי אָלִין עַמֵּךְ
17 עַמִּי וֵאלֹהַיִךְ אֱלֹהָי׃ בַּאֲשֶׁר תָּמוּתִי אָמוּת וְשָׁם אֶקָּבֵר
כֹּה יַעֲשֶׂה יְהוָה לִי וְכֹה יֹסִיף כִּי הַמָּוֶת יַפְרִיד בֵּינִי וּבֵינֵךְ׃
18 וַתֵּרֶא כִּי־מִתְאַמֶּצֶת הִיא לָלֶכֶת אִתָּהּ וַתֶּחְדַּל לְדַבֵּר אֵלֶיהָ׃
19 וַתֵּלַכְנָה שְׁתֵּיהֶם עַד־בּוֹאָנָה בֵּית לָחֶם וַיְהִי כְּבֹאָנָה בֵּית
לֶחֶם וַתֵּהֹם כָּל־הָעִיר עֲלֵיהֶן וַתֹּאמַרְנָה הֲזֹאת נָעֳמִי׃
כ וַתֹּאמֶר אֲלֵיהֶן אַל־תִּקְרֶאנָה לִי נָעֳמִי קְרֶאןָ לִי מָרָא כִּי־
21 הֵמַר שַׁדַּי לִי מְאֹד׃ אֲנִי מְלֵאָה הָלַכְתִּי וְרֵיקָם הֱשִׁיבַנִי
יְהוָה לָמָּה תִקְרֶאנָה לִי נָעֳמִי וַיהוָה עָנָה בִי וְשַׁדַּי הֵרַע
22 לִי׃ וַתָּשָׁב נָעֳמִי וְרוּת הַמּוֹאֲבִיָּה כַלָּתָהּ עִמָּהּ הַשָּׁבָה
מִשְּׂדֵי מוֹאָב וְהֵמָּה בָּאוּ בֵּית לֶחֶם בִּתְחִלַּת קְצִיר שְׂעֹרִים׃

## CAP. II. ב

ב

א וּלְנָעֳמִי מֹידַע לְאִישָׁהּ אִישׁ גִּבּוֹר חַיִל מִמִּשְׁפַּחַת אֱלִימֶלֶךְ
2 וּשְׁמוֹ בֹּעַז׃ וַתֹּאמֶר רוּת הַמּוֹאֲבִיָּה אֶל־נָעֳמִי אֵלְכָה־נָּא
הַשָּׂדֶה וַאֲלַקֳטָה בַשִּׁבֳּלִים אַחַר אֲשֶׁר אֶמְצָא־חֵן בְּעֵינָיו
3 וַתֹּאמֶר לָהּ לְכִי בִתִּי׃ וַתֵּלֶךְ וַתָּבוֹא וַתְּלַקֵּט בַּשָּׂדֶה אַחֲרֵי
הַקֹּצְרִים וַיִּקֶר מִקְרֶהָ חֶלְקַת הַשָּׂדֶה לְבֹעַז אֲשֶׁר מִמִּשְׁפַּחַת

אלימלך

א' v. 10. כצ"ל   v. 14. חסר א   v. 20. א' במקום ה'   ב v. 1. מודע קרי

10 זיי האָבען איהר געזאָגט : „נאָר מיט דיר וועלען מיר געהן, צו דיין פאָלק.״

11 אָבער נעמי האָט געזאָגט : קעהרט זיך צוריק, מיינע טעכטער ! צו וואָס זאָלט איהר געהן מיט מיר ? קען איך נאָך האָבען זיהן אין מיין לייב, וועלכע זאָלען אייערע מאַנען ווערען ?

12 קעהרט זיך צוריק, מיינע טעכטער, געהט אייך ! איך בין שוין צו אַלט אַ מאַן׳ס צו זיין. ווען זאָגאר איך וואָלט טראַכטען „איך האָב נאָך אַ האָפנונג״, און וואָלט זאָגאר היינטיגע נאַכט אַ מאַן׳ס געוועזן און אויך געבוירען זיהן,

13 וואָלט איהר דען אויף זיי וואַרטען ביז זיי וועלען אויסוואַקסען ? וואָלט איהר צוליעב זיי אָבהאַלטען זיך ניט צו הייראַטהען ? עס איז אונמעגליך, מיינע טעכטער ! מיר איז זעהר ביטער אָהן אייך, אָבער גאָט׳ס שטראָף איז אויף מיר אויסגעגאַנגען . . .

14 דאַן האָבען זיי אויפגעהויבען זייער קול און ווייטער געוויינט, ערפה האָט געקוסט איהר שוויגער און רות האָט זיך צו איהר צוגעקלעפּט.

15 און זי (נעמי) האָט געזאָגט : אָט דיין שוועגערין האָט זיך צוריק געקעהרט צו איהר פאָלק און איהר גאָט. געה דו אויך נאָך דיין שוועגערין !

16 אָבער רות האָט געענטפערט : נויטה מיר ניט דיר צו פאַרלאָזען, פון דיר אָוועקצוגעהן, ווארים וואו דו וועסט געהן וועל איך געהן און וואו דו וועסט זיך אויפהאַלטען וועל איך זיך אויפהאַלטען, דיין פאָלק איז מיין פאָלק און דיין גאָט — מיין גאָט.

17 וואו דו וועסט שטאַרבען וועל איך שטאַרבען, און דאָרטען וועל איך בעגראָבען ווערען. זאָל מיר גאָט אַזוי יעצט טהאָן און אימער — נאָר דער טויט וועט מיך אָבשיידען פון דיר !

18 ווען זי האָט געזעהען אַז זי דרינגט צו געהן מיט איהר, האָט זי אויפגעהערט צו איהר צו ריידען.

19 אַזוי זיינען זיי ביידע געגאַנגען ביז זיי זיינען אָנגעקומען אין בית־לחם. אַז זיי זיינען געקומען אין בית לחם האָט זיך די גאַנצע שטאָדט געוואונדערט אויף זיי — זיי האָבען געזאָגט : „איז דאָס נעמי ?״

20 אָבער זי האָט זיי געזאָגט : רופט מיר ניט „נעמי״, רופט מיר „מרא״, ווארים דער אַלמעכטיגער האָט מיר גרויס ביטערנעס פערשאַפט —

21 אַ פולע בין איך אוועק אָבער אַ לעדיגע האָט מיר גאָט צוריק געבראַכט. וואָס רופט איהר מיר „נעמי״ ווען גאָט האָט מיר צובראָכען און דער אַלמעכטיגער — ביטערנים פערשאַפט ? . . .

22 אַזוי איז צוריקגעקומען נעמי מיט רות די מואב׳יערין, איהר שנור, וועלבע איז מיט געקומען פון די פעלדער פון מואב. אין בית לחם זיינען זיי אָנגעקומען אין אָנפאַנג פון גערשטען שניט.

## קאַפּיטעל ב

1 נעמי האָט געהאַט איהר מאַן׳ס אַ פערוואַנדטען, אַ העלדישער מאַן, פון אלימלך׳ס פאַמיליע, בעז איז געוועזן זיין נאָמען.

2 אַ מאָל האָט רות די מואב׳יערין געזאָגט צו נעמי׳ן : איך וועל מיר געהן אין פעלד און קלייבען זאַנגען, הינטער דעם וועמען איך וועל געפעהלען ווערען. האָט זי איהר געענטפערט : געה, מיין טאָכטער !

3 איז זי געגאַנגען און געקליבען אין אַ פעלד הינטער די שניידערס, האָט עס איהר געטראָפען אַז זי איז געקומען אויף אַ שטיק פעלד וואָס בעלאַנגט צו בעז׳ן, וואָס פון אלימלך׳ס פאַמיליע.

אֱלִימֶלֶךְ׃ וְהִנֵּה־בֹעַז בָּא מִבֵּית לֶחֶם וַיֹּאמֶר לַקּוֹצְרִים 4
יְהוָה עִמָּכֶם וַיֹּאמְרוּ לוֹ יְבָרֶכְךָ יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר בֹּעַז לְנַעֲרוֹ ה
הַנִּצָּב עַל־הַקּוֹצְרִים לְמִי הַנַּעֲרָה הַזֹּאת׃ וַיַּעַן הַנַּעַר הַנִּצָּב 6
עַל־הַקּוֹצְרִים וַיֹּאמַר נַעֲרָה מוֹאֲבִיָּה הִיא הַשָּׁבָה עִם־נָעֳמִי
מִשְּׂדֵה מוֹאָב׃ וַתֹּאמֶר אֲלַקֳטָה־נָּא וְאָסַפְתִּי בָעֳמָרִים אַחֲרֵי 7
הַקּוֹצְרִים וַתָּבוֹא וַתַּעֲמוֹד מֵאָז הַבֹּקֶר וְעַד־עַתָּה זֶה שִׁבְתָּהּ
הַבַּיִת מְעָט׃ וַיֹּאמֶר בֹּעַז אֶל־רוּת הֲלוֹא שָׁמַעַתְּ בִּתִּי 8
אַל־תֵּלְכִי לִלְקֹט בְּשָׂדֶה אַחֵר וְגַם לֹא תַעֲבוּרִי מִזֶּה וְכֹה
תִדְבָּקִין עִם־נַעֲרֹתָי׃ עֵינַיִךְ בַּשָּׂדֶה אֲשֶׁר־יִקְצֹרוּן וְהָלַכְתְּ 9
אַחֲרֵיהֶן הֲלוֹא צִוִּיתִי אֶת־הַנְּעָרִים לְבִלְתִּי נָגְעֵךְ וְצָמִת
וְהָלַכְתְּ אֶל־הַכֵּלִים וְשָׁתִית מֵאֲשֶׁר יִשְׁאֲבוּן הַנְּעָרִים׃ וַתִּפֹּל י
עַל־פָּנֶיהָ וַתִּשְׁתַּחוּ אָרְצָה וַתֹּאמֶר אֵלָיו מַדּוּעַ מָצָאתִי חֵן
בְּעֵינֶיךָ לְהַכִּירֵנִי וְאָנֹכִי נָכְרִיָּה׃ וַיַּעַן בֹּעַז וַיֹּאמֶר לָהּ הֻגֵּד 11
הֻגַּד לִי כֹּל אֲשֶׁר־עָשִׂית אֶת־חֲמוֹתֵךְ אַחֲרֵי מוֹת אִישֵׁךְ
וַתַּעַזְבִי אָבִיךְ וְאִמֵּךְ וְאֶרֶץ מוֹלַדְתֵּךְ וַתֵּלְכִי אֶל־עַם אֲשֶׁר
לֹא־יָדַעַתְּ תְּמוֹל שִׁלְשׁוֹם׃ יְשַׁלֵּם יְהוָה פָּעֳלֵךְ וּתְהִי 12
מַשְׂכֻּרְתֵּךְ שְׁלֵמָה מֵעִם יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר־בָּאת
לַחֲסוֹת תַּחַת־כְּנָפָיו׃ וַתֹּאמֶר אֶמְצָא־חֵן בְּעֵינֶיךָ אֲדֹנִי כִּי 13
נִחַמְתָּנִי וְכִי דִבַּרְתָּ עַל־לֵב שִׁפְחָתֶךָ וְאָנֹכִי לֹא אֶהְיֶה כְּאַחַת
שִׁפְחֹתֶיךָ׃ וַיֹּאמֶר לָהּ בֹעַז לְעֵת הָאֹכֶל גֹּשִׁי הֲלֹם וְאָכַלְתְּ 14
מִן־הַלֶּחֶם וְטָבַלְתְּ פִּתֵּךְ בַּחֹמֶץ וַתֵּשֶׁב מִצַּד הַקֹּצְרִים
וַיִּצְבָּט־לָהּ קָלִי וַתֹּאכַל וַתִּשְׂבַּע וַתֹּתַר׃ וַתָּקָם לְלַקֵּט וַיְצַו טו
בֹּעַז אֶת־נְעָרָיו לֵאמֹר גַּם בֵּין הָעֳמָרִים תְּלַקֵּט וְלֹא
תַכְלִימוּהָ׃ וְגַם שֹׁל־תָּשֹׁלּוּ לָהּ מִן־הַצְּבָתִים וַעֲזַבְתֶּם 16
וְלִקְּטָה וְלֹא תִגְעֲרוּ־בָהּ׃ וַתְּלַקֵּט בַּשָּׂדֶה עַד־הָעָרֶב וַתַּחְבֹּט 17
אֵת אֲשֶׁר־לִקֵּטָה וַיְהִי כְּאֵיפָה שְׂעֹרִים׃ וַתִּשָּׂא וַתָּבוֹא 18
הָעִיר וַתֵּרֶא חֲמוֹתָהּ אֵת אֲשֶׁר־לִקֵּטָה וַתּוֹצֵא וַתִּתֶּן־לָהּ

את

v. 14. ב״א לָהּ ,ibid. פתוח בס״פ

4 גראדע איז בעז אָנגעקומען פון בית לחם און געזאָגט צו די שניידערס:
גאָט מיט אייך! זיי האָבען איהם געענטפערט: גאָט זאָל דיך בענשען!

5 דאן האָט בעז געזאָגט צו זיין יונג, דעם אויפפּאַסער איבער די שניי־
דערס: וועמעס איז דאָס דאָזיגע מיידעל?

6 האָט געענטפערט דער יונג, וואָס פּאַסט אויף איבער די שניידערס, און
געזאָגט: דאָס איז אַ מואב׳ער מיידעל, די זעלבע וואָס איז צוריק געקומען
מיט נעמי׳ן פון די פעלדער פון מואב,

7 געזאָגט האָט זי: „איך וועל נאָר קלייבען צווישען די גארבען און זאַמ־
לען הינטער די שניידערס", נאָר אז זי איז אריין איז זי שוין פארבלי־
בען פון פריה־מאָרגען ביז יעצט; דאָס איז זי נאָר אַ ווײַלע אין הויז גע־
זעסען.

8 האָט בעז געזאָגט צו רות׳ן: דו האָסט דאָך געהערט, מיין טאָכטער!
געה ניט קלייבען אין אַן אנדער׳ס פעלד, זאָגאר אויב דו וועסט דאָ ווע־
ניג זאַנגען קלייבען; זיי דאַ צוזאַמען מיט מיינע דיענסטען.

9 קוק אויפ׳ן פעלד וואָס זיי וועלען שניידען און געה זיי נאָך; איך האָב
שוין אָנגעזאָגט די יונגען זיי זאָלען דיר ניט אָנריהרען. אַלזאָ ווען דו
וועסט דאָרשטיג זיין, קענסטו געהן צו די כלים און טרינקען פון דאָס
וואָס די יונגען שעפּען אָן.

10 זי איז געפאַלען אויף איהר געזיכט, געבוקט זיך צו דער ערד און גע־
זאָגט צו איהם: פאַר וואָס האָב איך געפונען גנאַדע אין דיינע אויגען
מיך צו אנערקענען אַבוואָהל איך בין אַ פרעמדע?

11 האָט בעז געענטפערט און געזאָגט צו איהר: עס איז מיר דערציילט געוואָ־
רען אַלעס וואָס דו האָסט געטהאָן מיט דיין שוויגער נאָך דיין מאַן׳ס
שטאַרבען — דו האָסט פאַרלאָזען דיין פאָטער און דיין מוטער מיט דיין
געבורטס־לאַנד און ביזט אַוועק נאָך אַ פאָלק, וועלכען דו האָסט ניט גע־
קענט פון נעכטען עהערנעכטען.

12 גאָט וועט דיר פאַר דיין טהאָט בעצאָהלען, און דיין לוין וועט פאָלקאָם
בעצאָהלט ווערען פון דעם גאָט פון ישראל, וואָס דו ביזט געקומען שיט־
צען זיך אונטער זיינע פליגלען.

13 און זי האָט געזאָגט: איך געפין גנאַדע אין דיינע אויגען, מיין הערר;
דו האָסט מיר געטרייסט און גערעדט צום האַרצען פון דיין דיענסט, אָב־
וואָהל איך קען ניט זיין ווי איינע פון דיינע דיענסטען.

14 בעז האָט איהר אויך געזאָגט: צום עסען־צייט קום אַהער — עס פון די
ברויט און טונק איין דיין שטיק ברויט אין עסיג. אַז זי האָט זיך גע־
זעצט ביי׳ם זייט פון די שניידערס האָט ער איהר דערלאַנגט געבּרענטע
זאַנגען, זי האָט געגעסען, זאַט געוואָרען און נאָך איבערגעלאָזען.

15 אַז זי איז אויפגעשטאַנען קלייבען האָט בעז אָנגעזאָגט זיינע יונגען זאָ־
גענדיג: זאָגאר אַז זי וועט קלייבען צווישען די גארבען זאָלט איהר איהר
ניט בעליידיגען,

16 איהר זאָלט אויך אונטערוואַרפען איהר פון די בינטלאַך; אויך אויב איהר
וועט איבערלאָזען און זי וועט קלייבען, זאָלט איהר אויף איהר ניט אָנ־
שרייען.

17 זי האָט געקליבען אין פעלד ביז׳ן אָבענד; אַז זי האָט אויסגעקלאַפּט
וואָס זי האָט אָנגעקליבען איז עס געווען באַלד אַן איפה גערשטען.

18 זי האָט עס גענומען און איז אַוועק אין שטאָדט. אַז איהר שוויגער האָט
באַזעהען דאָס וואָס זי האָט אָנגעקליבען, האָט זי אַרויסגענומען און גע־
געבען איהר דאָס וואָס זי האָט איבערגעלאָזען נאָך איהר זאַט ווערען.

19 אֵת אֲשֶׁר־הוֹתִרָה מִשָּׂבְעָהּ׃ וַתֹּאמֶר לָהּ חֲמוֹתָהּ אֵיפֹה
לִקַּטְתְּ הַיּוֹם וְאָנָה עָשִׂית יְהִי מַכִּירֵךְ בָּרוּךְ וַתַּגֵּד לַחֲמוֹתָהּ
אֵת אֲשֶׁר־עָשְׂתָה עִמּוֹ וַתֹּאמֶר שֵׁם הָאִישׁ אֲשֶׁר עָשִׂיתִי
כ עִמּוֹ הַיּוֹם בֹּעַז׃ וַתֹּאמֶר נָעֳמִי לְכַלָּתָהּ בָּרוּךְ הוּא לַיהוָה
אֲשֶׁר לֹא־עָזַב חַסְדּוֹ אֶת־הַחַיִּים וְאֶת־הַמֵּתִים וַתֹּאמֶר לָהּ
21 נָעֳמִי קָרוֹב לָנוּ הָאִישׁ מִגֹּאֲלֵנוּ הוּא׃ וַתֹּאמֶר רוּת הַמּוֹאֲבִיָּה
גַּם ׀ כִּי־אָמַר אֵלַי עִם־הַנְּעָרִים אֲשֶׁר־לִי תִּדְבָּקִין עַד אִם־
22 כִּלּוּ אֵת כָּל־הַקָּצִיר אֲשֶׁר־לִי׃ וַתֹּאמֶר נָעֳמִי אֶל־רוּת
כַּלָּתָהּ טוֹב בִּתִּי כִּי תֵצְאִי עִם־נַעֲרוֹתָיו וְלֹא יִפְגְּעוּ־בָךְ
23 בְּשָׂדֶה אַחֵר׃ וַתִּדְבַּק בְּנַעֲרוֹת בֹּעַז לְלַקֵּט עַד־כְּלוֹת
קְצִיר־הַשְּׂעֹרִים וּקְצִיר הַחִטִּים וַתֵּשֶׁב אֶת־חֲמוֹתָהּ׃

## CAP. III. ג

ג
א וַתֹּאמֶר לָהּ נָעֳמִי חֲמוֹתָהּ בִּתִּי הֲלֹא אֲבַקֶּשׁ־לָךְ מָנוֹחַ
2 אֲשֶׁר יִיטַב־לָךְ׃ וְעַתָּה הֲלֹא בֹעַז מֹדַעְתָּנוּ אֲשֶׁר הָיִית אֶת־
נַעֲרוֹתָיו הִנֵּה־הוּא זֹרֶה אֶת־גֹּרֶן הַשְּׂעֹרִים הַלָּיְלָה׃
3 וְרָחַצְתְּ ׀ וָסַכְתְּ וְשַׂמְתְּ שִׂמְלֹתַיִךְ עָלַיִךְ וְיָרַדְתִּי הַגֹּרֶן אַל־
4 תִּוָּדְעִי לָאִישׁ עַד כַּלֹּתוֹ לֶאֱכֹל וְלִשְׁתּוֹת׃ וִיהִי בְשָׁכְבוֹ
וְיָדַעַתְּ אֶת־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר יִשְׁכַּב־שָׁם וּבָאת וְגִלִּית מַרְגְּלֹתָיו
ה וְשָׁכָבְתִּי וְהוּא יַגִּיד לָךְ אֵת אֲשֶׁר תַּעֲשִׂין׃ וַתֹּאמֶר אֵלֶיהָ
6 כֹּל אֲשֶׁר־תֹּאמְרִי אֶעֱשֶׂה׃ וַתֵּרֶד הַגֹּרֶן וַתַּעַשׂ כְּכֹל
7 אֲשֶׁר־צִוַּתָּה חֲמוֹתָהּ׃ וַיֹּאכַל בֹּעַז וַיֵּשְׁתְּ וַיִּיטַב לִבּוֹ וַיָּבֹא
לִשְׁכַּב בִּקְצֵה הָעֲרֵמָה וַתָּבֹא בַלָּט וַתְּגַל מַרְגְּלֹתָיו וַתִּשְׁכָּב׃
8 וַיְהִי בַּחֲצִי הַלַּיְלָה וַיֶּחֱרַד הָאִישׁ וַיִּלָּפֵת וְהִנֵּה אִשָּׁה
9 שֹׁכֶבֶת מַרְגְּלֹתָיו׃ וַיֹּאמֶר מִי־אָתְּ וַתֹּאמֶר אָנֹכִי רוּת אֲמָתֶךָ
י וּפָרַשְׂתָּ כְנָפֶךָ עַל־אֲמָתְךָ כִּי גֹאֵל אָתָּה׃ וַיֹּאמֶר בְּרוּכָה
אַתְּ לַיהוָה בִּתִּי הֵיטַבְתְּ חַסְדֵּךְ הָאַחֲרוֹן מִן־הָרִאשׁוֹן
11 לְבִלְתִּי־לֶכֶת אַחֲרֵי הַבַּחוּרִים אִם־דַּל וְאִם־עָשִׁיר׃ וְעַתָּה

בתי

C v. 21. חצי הספר בפסוקים ג׳ v. 3. וירדת קרי v. 4. ושכבת קרי v. 5. אלי קרי ולא כתיב

19 האָט איהר שוויגער געזאָגט צו איהר: וואו האָסטו היינט געקליבען און
וואו האָסטו געזאַמעלט? זאָל געבענשט זיין דער וואָס האָט דיר אנער־
קענט! דאַן האָט זי דערצעהלט איהר שוויגער ביי וועמען זי האָט געזאַ־
מעלט: זי האָט געזאָגט — בעז איז דער נאָמען פון מאַן ביי וועמען איך
האָב היינט געזאַמעלט.

20 האָט נעמי געזאָגט צו איהר שנור: געבענשט זאָל ער זיין פון גאָט פאר'ן
ניט אויפהערן זיין פריינדליכקייט פון די לעבעדיג און פון די טויטע!
אויך האָט איהר נעמי געזאָגט: דער מאַן איז אונזער א נאהענט־פער־
וואנדטער, ער איז פון אונזערע בלוט־פערוואנדטע.

21 אז רות האָט געזאָגט צו נעמי'ן: ער האָט מיר זאָגאר געזאָגט: „פער־
בלייב מיט מיינע יונגען ביז זיי וועלען ענדיגען דעם גאנצען שניט
מיינעם",

22 האָט נעמי געזאָגט צו רות'ן, איהר שנור: עס איז גוט, מיין טאָכטער,
אז דו זאָלסט ארויסגעהן מיט זיינע דיענסטען און מען זאָל דיר ניט אנ־
טרעפען אין אן אנדער'ס פעלד.

23 און זי איז פארבליבען קלייבען מיט בעז'ס דיענסטען ביז די ענדע פון
גערשטען שניט און ווייץ שניט, דערנאָך האָט זי געוואוינט מיט איהר
שוויגער.

## קאַפּיטעל ג

1 א מאָל האָט נעמי איהר שוויגער צו איהר געזאָגט: מיין טאָכטער! איך
זוך דאָך פאר דיר א רוהע־אָרט וואו דיר זאָל גוט זיין,
2 אלזאָ, אָט דער בעז, אונזער פערוואנדטער, וואָס דו ביזט מיט זיינע
דיענסטען געווען, ער שויפעלט היינטיגע נאכט דעם שייער גערשטען.
3 וואַש זיך אָרום, בעזאַלב זיך, טהו אָן דיינע קליידער און געה אראָנ־
טער אין שייער; לאָז זיך צו קיינעם ניט ערקענען ביז ער וועט ענדיגען
עסען און טרינקען;
4 ווען ער וועט זיך שלאָפען לעגען, זאָלסטו אויסגעפינען דעם אָרט וואו
ער ליעגט דאָרט, זאָלסט קומען אָבדעקען זיין צופוסען און אַוועקלעגען
זיך. ער וועט דיר שוין זאָגען וואָס דו האָסט צו טהאָן.
5 האָט זי געענטפערט: אלץ וואָס דו זאָגסט וועל איך טהאָן!
6 אז זי איז אַרונטערגעגאַנגען אין שייער האָט זי געטהאָן אלץ ווי איהר
שוויגער האָט איהר געהייסען.
7 בעז האָט זיך אָבגעגעסען און אָבגעטרונקען, און געווען צופריעדען;
דאַן איז ער געגאַנגען לעגען זיך ביים ברעג קאָרן־הויפען. זי איז אין
דער שטיל געקומען, האָט אָבגעדעקט זיין צופוסען און אַוועקגעלעגט זיך.
8 אז עס איז געוואָרען האלבע נאכט האָט דער מאַן אויפגעציטערט, ער האָט
זיך א קעהר געטהאָן, ערשט א פרוי ליעגט ביי איהם צופוסען.
9 האָט ער געזאָגט: „ווער ביזטו?" זי האָט געענטפערט: איך בין רות,
דיין דיענסט! שפּרייט אוים דיין קלייד אויף דיין דיענסט — דו ביזט
דאָך א נאָהענטער פריינד.
10 האָט ער געזאָגט: געבענשט ביזטו פון גאָט, מיין טאָכטער! מיט דיין
לעצטע בעשיידענהייט, ניט נאָכצוגעהן נאָך יונגע־לייט רייכע אָדער
אָרימע, האָסטו זיך בעסער אויסגעצייכענט ווי מיט די ערשטע.
11 אלזאָ, מיין טאָכטער, שרעק זיך ניט; אלץ וואָס דו וועסט פערלאַנ־

בִּתִּי אַל־תִּירְאִי כֹּל אֲשֶׁר־תֹּאמְרִי אֶעֱשֶׂה־לָּךְ כִּי יוֹדֵעַ כָּל־
12 שַׁעַר עַמִּי כִּי אֵשֶׁת חַיִל אָתְּ׃ וְעַתָּה כִּי אָמְנָם כִּי אִם גֹּאֵל
13 אָנֹכִי וְגַם יֵשׁ גֹּאֵל קָרוֹב מִמֶּנִּי׃ לִינִי ׀ הַלַּיְלָה וְהָיָה
בַבֹּקֶר אִם־יִגְאָלֵךְ טוֹב יִגְאָל וְאִם־לֹא יַחְפֹּץ לְגָאֳלֵךְ
14 וּגְאַלְתִּיךְ אָנֹכִי חַי־יְהוָה שִׁכְבִי עַד־הַבֹּקֶר׃ וַתִּשְׁכַּב מַרְגְּלוֹתָו
עַד־הַבֹּקֶר וַתָּקָם בְּטֶרוֹם יַכִּיר אִישׁ אֶת־רֵעֵהוּ וַיֹּאמֶר אַל־
טו יִוָּדַע כִּי־בָאָה הָאִשָּׁה הַגֹּרֶן׃ וַיֹּאמֶר הָבִי הַמִּטְפַּחַת אֲשֶׁר־
עָלַיִךְ וְאֶחֳזִי־בָהּ וַתֹּאחֶז בָּהּ וַיָּמָד שֵׁשׁ־שְׂעֹרִים וַיָּשֶׁת עָלֶיהָ
16 וַיָּבֹא הָעִיר׃ וַתָּבוֹא אֶל־חֲמוֹתָהּ וַתֹּאמֶר מִי־אַתְּ בִּתִּי
17 וַתַּגֶּד־לָהּ אֵת כָּל־אֲשֶׁר עָשָׂה־לָהּ הָאִישׁ׃ וַתֹּאמֶר שֵׁשׁ־
הַשְּׂעֹרִים הָאֵלֶּה נָתַן לִי כִּי אָמַר * אַל־תָּבוֹאִי רֵיקָם אֶל־
18 חֲמוֹתֵךְ׃ וַתֹּאמֶר שְׁבִי בִתִּי עַד אֲשֶׁר תֵּדְעִין אֵיךְ יִפֹּל
דָּבָר כִּי לֹא יִשְׁקֹט הָאִישׁ כִּי אִם־כִּלָּה הַדָּבָר הַיּוֹם׃

## ד CAP. IV. ד

א וּבֹעַז עָלָה הַשַּׁעַר וַיֵּשֶׁב שָׁם וְהִנֵּה הַגֹּאֵל עֹבֵר אֲשֶׁר דִּבֶּר־
בֹּעַז וַיֹּאמֶר סוּרָה שְׁבָה־פֹּה פְּלֹנִי אַלְמֹנִי וַיָּסַר וַיֵּשֵׁב׃
2 וַיִּקַּח עֲשָׂרָה אֲנָשִׁים מִזִּקְנֵי הָעִיר וַיֹּאמֶר שְׁבוּ־פֹה וַיֵּשֵׁבוּ׃
3 וַיֹּאמֶר לַגֹּאֵל חֶלְקַת הַשָּׂדֶה אֲשֶׁר לְאָחִינוּ לֶאֱלִימֶלֶךְ
4 מָכְרָה נָעֳמִי הַשָּׁבָה מִשְּׂדֵה מוֹאָב׃ וַאֲנִי אָמַרְתִּי אֶגְלֶה
אָזְנְךָ לֵאמֹר קְנֵה נֶגֶד הַיֹּשְׁבִים וְנֶגֶד זִקְנֵי עַמִּי אִם־תִּגְאַל
גְּאָל וְאִם־לֹא יִגְאַל הַגִּידָה לִּי וְאֵדַע כִּי אֵין זוּלָתְךָ לִגְאוֹל
ה וְאָנֹכִי אַחֲרֶיךָ וַיֹּאמֶר אָנֹכִי אֶגְאָל׃ וַיֹּאמֶר בֹּעַז בְּיוֹם־
קְנוֹתְךָ הַשָּׂדֶה מִיַּד נָעֳמִי וּמֵאֵת רוּת הַמּוֹאֲבִיָּה אֵשֶׁת־הַמֵּת
6 קָנִיתִי לְהָקִים שֵׁם־הַמֵּת עַל־נַחֲלָתוֹ׃ וַיֹּאמֶר הַגֹּאֵל לֹא
אוּכַל לִגְאוֹל־לִי פֶּן־אַשְׁחִית אֶת־נַחֲלָתִי גְּאַל־לְךָ אַתָּה אֶת־
7 גְּאֻלָּתִי כִּי לֹא־אוּכַל לִגְאֹל׃ וְזֹאת לְפָנִים בְּיִשְׂרָאֵל עַל־

הגאלה

כ׳ v. 12. כתיב ולא קרי  v. 13. כ׳ רבתי בס״א ל׳ רבתי  ibid. קמץ בז״ק  v. 14. מרגלותיו קרי
ibid. יתיר ו  v. 15 ס״א וְאֶחֳזִי  v. 17. אלי קרי ולא כתיב  ד׳ v. 1. מלרע  v. 4. קמץ בז״ק
ibid. ואדעה קרי  v. 5. קנית קרי  v. 6. יתיר ו׳

גען וועל איך דיר טהאָן, ווארים דאָס גאַנצע טהויער פון מיין פאָלק ווייס
אז דו ביזט א וויכטיגע פרוי.
12 יעצט איז אזוי — איך בין ווירקליך א נאָהענטער פריינד, עס אָבער
איך דאָ א פריינד א נאָהענטערער פאר מיר.
13 נעכטיג איבער די נאַכט, און מאָרגען פריה וועט אזוי זיין : וועט ער
דיר צו זיך נעהמען, איז גוט — זאָל ער דיר נעהמען ; וועט ער אָבער
דיר ניט וועלען צו זיך נעהמען, וועל איך דיר צו זיך נעהמען, אזוי וואהר
ווי גאָט לעבט ! ליג ביז אין דער פריה.
14 זי איז געלעגען ביי זיין צופוסען ביז אין דער פריה און איז אויפגע־
שטאַנען איידער איינער קען דערקענען דעם צווייטען, ער האָט גע־
זאָגט : עס זאָל ניט בעוואוסט ווערען אז די פרוי איז אין שייער
געווען.
15 דאן האָט ער געזאָגט : נעהם אראָב די טוך וואָס אויף דיר און האַלט
עס. זי האָט עס געהאַלטען, און ער האָט אָבגעמאָסטען א זעקסטעל מאָס
גערשטען ארויפגעלעגט אויף איהר, און איז אוועק אין שטאָדט.
16 ווען זי איז געקומען צו איהר שוויגער האָט זי געזאָגט : ווער ביזטו,
מיין טאָכטער ! האָט זי איהר דערצעהלט וואָס דער מאַן האָט מיט איהר
געטהאָן,
17 און געזאָגט : דעם זעקסטעל גערשטען האָט ער מיר געגעבען זאָגענדיג :
קום ניט ליידיג צו דיין שוויגער !
18 האָט זי געזאָגט : יעצט זיץ אין הויז, מיין טאָכטער, ביז דו וועסט
וויסען מיט וואָס די זאַך וועט זיך ענדיגען ; ווארים דער מאַן וועט שוין
ניט רוהען, סיידען ער וועט נאָך היינט ענדיגען די זאַך.

## קאַפּיטעל ד

1 און בעז איז אוועק צום טהויער און געוואַרט דאָרט, ערשט דער נאָהענ־
טער פריינד, וועגען וועלכען בעז האָט גערעדט, איז פארביי געגאַנגען.
האָט ער געזאָגט : פארקעהר אהער, זיץ נאָר, אונבעקאַנטער ! יענער
איז צוגעגאַנגען און געזעצט זיך.
2 דאן האָט ער גענומען צעהן מענער, פון די עלטסטע פון שטאָדט און גע־
זאָגט : זעצט זיך דאָ ! זיי האָבען זיך געזעצט.
3 און ער האָט געזאָגט צו דעם פערוואַנדטען : די שטיק פעלד, אונזער
פריינד'ס, אלימלך'ס, פערקויפט נעמי, די וואָס איז צוריקגעקומען פון'ם
פעלד מואב,
4 האָב איך בעשלאָסען דיר עס בעקאַנט צו מאַכען, זאָגענדיג, פאר אלע
וואָס זיצען דא און קעגען די עלטסטע פון מיין פאָלק : קויף עס ! אויב
דו ווילסט עס פאר זיך נעהמען, נעהם עס ; ווילסטו עס אָבער ניט
פאר זיך נעהמען, זאָג מיר, אום איך זאָל וויסען, ווארים אויסער דיר
קען עס קיינער פאר זיך נעהמען — איך, בין נאָך דיר. האָט ער גע־
ענטפער : איך נעהם עס !
5 דאן האָט בעז געזאָגט : ווען דו קויפסט אוים די פעלד פון נעמי'ן און
פון רות, די מואב'ערן, נעהמסטו אויך דעם פערשטאָרבענעמס פרוי,
אום אויפצוהאַלטען דעם פערשטאָרבענעמס נאָמען אויף זיין בעזיץ.
6 האָט דער פערוואַנדטער געזאָגט : אויב אזוי קען איך עס פאר זיך ניט
נעהמען, אום ניט צו פערנאַכלעסיגען מיין בעזיץ ; נעהם דו וואָס איך
דארף נעהמען — איך קען עס ניט נעהמען !
7 פארצייטען איז אזוי געווען אין ישראל : וועגען א פריינדס אויסלעזונג,

הַגְּאֻלָּה וְעַל־הַתְּמוּרָה לְקַיֵּם כָּל־דָּבָר שָׁלַף אִישׁ נַעֲלוֹ
8 וְנָתַן לְרֵעֵהוּ וְזֹאת הַתְּעוּדָה בְּיִשְׂרָאֵל׃ וַיֹּאמֶר הַגֹּאֵל
9 לְבֹעַז קְנֵה־לָךְ וַיִּשְׁלֹף נַעֲלוֹ׃ וַיֹּאמֶר בֹּעַז לַזְּקֵנִים וְכָל־
הָעָם עֵדִים אַתֶּם הַיּוֹם כִּי קָנִיתִי אֶת־כָּל־אֲשֶׁר לֶאֱלִימֶלֶךְ
י וְאֵת כָּל־אֲשֶׁר לְכִלְיוֹן וּמַחְלוֹן מִיַּד נָעֳמִי׃ וְגַם אֶת־רוּת
הַמֹּאֲבִיָּה אֵשֶׁת מַחְלוֹן קָנִיתִי לִי לְאִשָּׁה לְהָקִים שֵׁם־הַמֵּת
עַל־נַחֲלָתוֹ וְלֹא־יִכָּרֵת שֵׁם־הַמֵּת מֵעִם אֶחָיו וּמִשַּׁעַר מְקוֹמוֹ
11 עֵדִים אַתֶּם הַיּוֹם׃ וַיֹּאמְרוּ כָּל־הָעָם אֲשֶׁר־בַּשַּׁעַר וְהַזְּקֵנִים
עֵדִים יִתֵּן יְהוָה אֶת־הָאִשָּׁה הַבָּאָה אֶל־בֵּיתֶךָ כְּרָחֵל ׀
וּכְלֵאָה אֲשֶׁר בָּנוּ שְׁתֵּיהֶם אֶת־בֵּית יִשְׂרָאֵל וַעֲשֵׂה־חַיִל
12 בְּאֶפְרָתָה וּקְרָא־שֵׁם בְּבֵית לָחֶם׃ וִיהִי בֵיתְךָ כְּבֵית פֶּרֶץ
אֲשֶׁר־יָלְדָה תָמָר לִיהוּדָה מִן־הַזֶּרַע אֲשֶׁר יִתֵּן יְהוָה לְךָ
13 מִן־הַנַּעֲרָה הַזֹּאת׃ וַיִּקַּח בֹּעַז אֶת־רוּת וַתְּהִי־לוֹ לְאִשָּׁה
14 וַיָּבֹא אֵלֶיהָ וַיִּתֵּן יְהוָה לָהּ הֵרָיוֹן וַתֵּלֶד בֵּן׃ וַתֹּאמַרְנָה
הַנָּשִׁים אֶל־נָעֳמִי בָּרוּךְ יְהוָה אֲשֶׁר לֹא הִשְׁבִּית לָךְ גֹּאֵל
טו הַיּוֹם וְיִקָּרֵא שְׁמוֹ בְּיִשְׂרָאֵל׃ וְהָיָה לָךְ לְמֵשִׁיב נֶפֶשׁ
וּלְכַלְכֵּל אֶת־שֵׂיבָתֵךְ כִּי כַלָּתֵךְ אֲשֶׁר־אֲהֵבַתֶךְ יְלָדַתּוּ
16 אֲשֶׁר־הִיא טוֹבָה לָךְ מִשִּׁבְעָה בָּנִים׃ וַתִּקַּח נָעֳמִי אֶת־
17 הַיֶּלֶד וַתְּשִׁתֵהוּ בְחֵיקָהּ וַתְּהִי־לוֹ לְאֹמֶנֶת׃ וַתִּקְרֶאנָה לוֹ
הַשְּׁכֵנוֹת שֵׁם לֵאמֹר יֻלַּד־בֵּן לְנָעֳמִי וַתִּקְרֶאנָה שְׁמוֹ עוֹבֵד
18 הוּא אֲבִי־יִשַׁי אֲבִי דָוִד׃ וְאֵלֶּה תּוֹלְדוֹת פָּרֶץ פֶּרֶץ הוֹלִיד
19 אֶת־חֶצְרוֹן׃ וְחֶצְרוֹן הוֹלִיד אֶת־רָם וְרָם הוֹלִיד אֶת־
כ עַמִּינָדָב׃ וְעַמִּינָדָב הוֹלִיד אֶת־נַחְשׁוֹן וְנַחְשׁוֹן הוֹלִיד אֶת־
21 שַׂלְמָה׃ וְשַׂלְמוֹן הוֹלִיד אֶת־בֹּעַז וּבֹעַז הוֹלִיד אֶת־עוֹבֵד׃
22 וְעֹבֵד הוֹלִיד אֶת־יִשָׁי וְיִשַׁי הוֹלִיד אֶת־דָּוִד׃

v. 18. קמץ בז״ק   v. 22. קמץ בז״ק

סכום פסוקי דספר רות שמונים וחמשה. וסימנו סורה שבה פה פלני אלמני. וחציו ותאמר רות המואביה גם כי אמר אלי׃

איכה

וועגען אן אויסבייט, אדער צו בעשטעטיגען וואס־עס־איז, האט איינער אראבגעצויגען זיין האנדשוה און געגעבען דעם צווייטען; דאס איז געווען א צייגניס אין ישראל.

8 און דער פערוואנדטער האט געזאגט צו בעז'ן: קויף עס פאר זיך! און האט אראבגעצויגען זיין האנדשוה.

9 האט בעז געזאגט צו די עלטסטע און דאס גאנצע פאלק: איהר זייט היינט עדות אז איך האב אבגעקויפט פון נעמי'ן אלץ וואס עס האט בעלאנגט צו אלימלך'ן און אלץ וואס עס האט בעלאנגט צו כליון און מחלון.

10 אויך רות די מואב'ערן, מחלון'ס פרוי, האב איך מיר אלס פרוי גענומען, אום אויפצוהאלטען דעם פערשטארבענעמס נאמען אויף זיין בעזיץ אז עס זאל ניט אויסגעשלאסען ווערען דעם טויטענס נאמען פון זיינע פריינד און דעם טויער פון זיין ארט. איהר זייט היינט עדות!

11 דאן האבען געזאגט דאס גאנצע פאלק וואס אין טויער אויך די עלטסטע: עדות! זאל גאט מאכען די פרוי וואס קומט אריין אין דיין הויז, אזוי ווי רחל און לאה, וואס זיי ביידע האבען אויפגעבויט דאס הויז פון ישראל; ערווערב רייכטהום אין אפרת, און האב א בערוף אין בית לחם.

12 זאל דיין הויז ווערען ווי דאס הויז פון פרץ, וועלכען תמר האט געבוירען צו יהודה'ן, פון די קינדער וואס גאט וועט דיר געבען פון די יונגע ווייב.

13 בעז האט געהייראטה רות'ן, זי איז געווארען זיין פרוי, און ער איז צו איהר געקומען, און גאט האט איהר געגעבען שוואנגערשאפט. אז זי האט געבוירען א זוהן,

14 האבען די פרויען געזאגט צו נעמי'ן: געלויבט איז גאט וואס האט פון דיר יעצט ניט צוגענומען דעם פערוואנדטען, זאל ער א בערוף האבען אין ישראל,

15 זאל ער פאר דיר זיין א זעעלע־ערקוויקער און שפייזען דיר אויף דיין עלטער, ווארים דיין שנור, וואס ליעבט דיר, האט איהם געבוירען; זי, וועלכע איז פאר דיר בעסער פאר זיעבען זיהן.

16 נעמי האט דאס קינד גענומען, האט איהם געהאלטען אין איהר שויס— זי איז געווען זיין ערציהערין.

17 די דערבייאיגע פרויען האבען איהם א נאמען געגעבען (זאגענדיג: ביי נעמי'ן איז א זוהן געבוירען געווארען;—האבען זיי איהם גערופען): עובד, ער איז דער אור־פאטער פון ישי דוד'ס פאטער.

18 דאס זיינען די אבשטאמונגען פון פרץ'ן: פרץ האט געבוירען חצרון,

19 חצרון האט געבוירען רם, רם האט געבוירען עמינדב,

20 עמינדב האט געבוירען נחשון, נחשון האט געבוירען שלמה,

21 שלמון האט געבוירען בעז, בעז האט געבוירען עובד,

22 עובד האט געבוירען ישי און ישי האט געבוירען דוד.

אלע פסוקים פון רות זיינען פינף און אכציג, די העלפט דערפון איז קאפ' ב' פסוק כ"א. עס האט פיער קאפיטלאך. ח. ש. ג.

# אֵיכָה
# LIBER THRENORUM.

## CAPUT I. א

א אֵיכָה ׀ יָשְׁבָה בָדָד הָעִיר רַבָּתִי עָם הָיְתָה כְּאַלְמָנָה
2 רַבָּתִי בַגּוֹיִם שָׂרָתִי בַּמְּדִינוֹת הָיְתָה לָמַס׃ בָּכוֹ תִבְכֶּה
בַּלַּיְלָה וְדִמְעָתָהּ עַל לֶחֱיָהּ אֵין־לָהּ מְנַחֵם מִכָּל־אֹהֲבֶיהָ
3 כָּל־רֵעֶיהָ בָּגְדוּ בָהּ הָיוּ לָהּ לְאֹיְבִים׃ גָּלְתָה יְהוּדָה מֵעֹנִי
וּמֵרֹב עֲבֹדָה הִיא יָשְׁבָה בַגּוֹיִם לֹא מָצְאָה מָנוֹחַ כָּל־
4 רֹדְפֶיהָ הִשִּׂיגוּהָ בֵּין הַמְּצָרִים׃ דַּרְכֵי צִיּוֹן אֲבֵלוֹת מִבְּלִי
בָּאֵי מוֹעֵד כָּל־שְׁעָרֶיהָ שׁוֹמֵמִין כֹּהֲנֶיהָ נֶאֱנָחִים בְּתוּלֹתֶיהָ
ה נּוּגוֹת וְהִיא מַר־לָהּ׃ הָיוּ צָרֶיהָ לְרֹאשׁ אֹיְבֶיהָ שָׁלוּ כִּי־
יְהוָה הוֹגָהּ עַל־רֹב פְּשָׁעֶיהָ עוֹלָלֶיהָ הָלְכוּ שְׁבִי לִפְנֵי־צָר׃
6 וַיֵּצֵא מִן־בַּת־צִיּוֹן כָּל־הֲדָרָהּ הָיוּ שָׂרֶיהָ כְּאַיָּלִים לֹא־מָצְאוּ
7 מִרְעֶה וַיֵּלְכוּ בְלֹא־כֹחַ לִפְנֵי רוֹדֵף׃ זָכְרָה יְרוּשָׁלַםִ יְמֵי
עָנְיָהּ וּמְרוּדֶיהָ כֹּל מַחֲמֻדֶיהָ אֲשֶׁר הָיוּ מִימֵי קֶדֶם בִּנְפֹל
עַמָּהּ בְּיַד־צָר וְאֵין עוֹזֵר לָהּ רָאוּהָ צָרִים שָׂחֲקוּ עַל־
8 מִשְׁבַּתֶּהָ׃ חֵטְא חָטְאָה יְרוּשָׁלַםִ עַל־כֵּן לְנִידָה הָיָתָה כָּל־
מְכַבְּדֶיהָ הִזִּילוּהָ כִּי־רָאוּ עֶרְוָתָהּ גַּם־הִיא נֶאֶנְחָה וַתָּשָׁב
9 אָחוֹר׃ טֻמְאָתָהּ בְּשׁוּלֶיהָ לֹא זָכְרָה אַחֲרִיתָהּ וַתֵּרֶד
פְּלָאִים אֵין מְנַחֵם לָהּ רְאֵה יְהוָה אֶת־עָנְיִי כִּי הִגְדִּיל אוֹיֵב׃
י יָדוֹ פָּרַשׂ צָר עַל כָּל־מַחֲמַדֶּיהָ כִּי־רָאֲתָה גוֹיִם בָּאוּ מִקְדָּשָׁהּ
11 אֲשֶׁר צִוִּיתָה לֹא־יָבֹאוּ בַקָּהָל לָךְ׃ כָּל־עַמָּהּ נֶאֱנָחִים
מְבַקְּשִׁים לֶחֶם נָתְנוּ מַחֲמוֹדֵּיהֶם בְּאֹכֶל לְהָשִׁיב נָפֶשׁ
12 רְאֵה יְהוָה וְהַבִּיטָה כִּי הָיִיתִי זוֹלֵלָה׃ לוֹא אֲלֵיכֶם כָּל־

עברי

v. 1. פתח בס״ף v. 6. מבת קרי v. 11. יתיר ו v. 12. ל׳ זעירא

# איכה

## קאַפּיטעל א

1 ווי איינזאַם איז די שטאָדט געבליבען ! די גרויס־בעפעלקערטע איז
געוואָרען (עלענד) ווי אַ וויטווע ; די גרעסטע אונטער פעלקער, די
פּערוואַלטערין איבער פּראָווינצען איז צינזבאַר געוואָרען.

2 זי וויינט פיעל יעדע נאַכט, איהרע טרעהרען רינען איבער איהרע באַ־
קען, זי האָט קיין טרייסטער פון אַלע פריינד איהרע ; אַלע איהרע
פּערטרויטע האָבען איהר פּעררעטהען, זיי זיינען איהרע פיינד גע־
וואָרען.

3 אויסגעוואַנדערט האָט יהודה אויס ארמוטה און פיעל ארבייט, זיצענדיג
צווישען די פעלקער האָט זי קיין רוה געפונען — אַלע איהרע פערפאָלגער
האָבען איהר צוריק געשטויסען צווישען די ענגע גרענעצען.

4 די וועגען פון ציון זיינען אין טרויער, ווייל עס קומט קיינער צו די
פעסט־טעג ; אַלע טהויערן איהרע זיינען פערוואוסמערט, איהרע כהנים
זיפצען, די יונגע פרויען זיינען פערזאָרגט אויך זי (ציון) זעלבסט איז
פערביטערט.

5 איהרע בעדריקער זיינען ערהויבען געוואָרען, איהרע פיינד לעבען רו־
היג, נאָר איהר האָט גאָט ניעדערגעשלאָגען איבער איהרע פיעלע זינד —
זאָגאַר איהרע קליינע קינדער זיינען געפאַנגען געגאַנגען פאַר׳ן פיינד.

6 עס איז אַוועק פון טאָכטער־ציון איהר גאַנצע פּראַכט, איהרע פירסטען
זיינען געוואָרען ווי אינדען, וועלכע געפינען ניט קיין פיטער־פּלאַץ, און
זיי זיינען מאַכטלאָז געגאַנגען פאַר׳ן פערפאָלגער.

7 ירושלים דערמאהנט זיך אין די טעג פון איהר עלענד און אונטערדריקונג,
אָן אַלע איהרע קאָסטבאַרקייטען וואָס זי האָט געהאַט פון אמאָל, ווען
איהר פאָלק פאַלט דורך דער מאַכט פונ׳ם פיינד און קיינער העלפט
איהר ניט — דאָס האָבען בעמערקט איהרע בעדריקער און לאַכען פון
איהר אונטערגאַנג.

8 ירושלים האָט פיעל געזינדיגט דערפאַר איז זי אַן אויסוואַנדערין געוואָ־
רען, אַלע איהרע פערעהרער האָבען איהר צו שפּאָס געמאַכט, זעהענ־
דיג איהר ניעדערלאַגע ; אויך זי האָט זיך צוריק געקעהרט זיפצענדיג.

9 איהר אונרייניקייט איז שוין אויף איהרע קליידער געוועזן און זי האָט
נאָך ניט געדיינקט וועגען איהר ענדע, דערפאַר איז זי [אַזוי] וואונדערבאַר
געזונקען, אַז קיינער קען איהר ניט טרייסטען. זעה גאָט מיין ארמוטה
און ווי גרויס דער פיינד איז !

10 זיין האַנד האָט דער פיינד אויסגעצויגען איבער אַלע איהרע קאָסטבאַר־
קייטען ; זי זעלבסט האָט געזעהען ווי פעלקער זיינען אריין אין איהר
הייליגטהום, אַזעלכע וואָס דו האָסט פערבאָטען אריינצוקומען זיי אין
דיין געמיינדע.

11 איהר גאַנצעס פאָלק זיפצט — זיי זוכען ברויט ; זיי האָבען פאַר שפּייז
אַוועקגעגעבען זייערע קאָסטבאַרקייטען, אום די זעעלע צו ערקוויקען.
זעה, אָ גאָט, און קוק ווי פערשעריש איך בין געוואָרען.

12 ניט פאַר אייך געדאַכט, אַלע רייזענדע ! קוקט און זעהט, אויב עס

עִבְרֵי דֶרֶךְ הַבִּיטוּ וּרְאוּ אִם־יֵשׁ מַכְאוֹב כְּמַכְאֹבִי אֲשֶׁר
13 עוֹלַל לִי אֲשֶׁר הוֹגָה יְהוָה בְּיוֹם חֲרוֹן אַפּוֹ׃ מִמָּרוֹם
שָׁלַח־אֵשׁ בְּעַצְמֹתַי וַיִּרְדֶּנָּה פָּרַשׂ רֶשֶׁת לְרַגְלַי הֱשִׁיבַנִי
14 אָחוֹר נְתָנַנִי שֹׁמֵמָה כָּל־הַיּוֹם דָּוָה׃ נִשְׂקַד עֹל פְּשָׁעַי
בְּיָדוֹ יִשְׂתָּרְגוּ עָלוּ עַל־צַוָּארִי הִכְשִׁיל כֹּחִי נְתָנַנִי אֲדֹנָי
טו בִּידֵי לֹא־אוּכַל קוּם׃ סִלָּה כָל־אַבִּירַי ׀ אֲדֹנָי בְּקִרְבִּי קָרָא
עָלַי מוֹעֵד לִשְׁבֹּר בַּחוּרָי גַּת דָּרַךְ אֲדֹנָי לִבְתוּלַת בַּת־
16 יְהוּדָה׃ עַל־אֵלֶּה ׀ אֲנִי בוֹכִיָּה עֵינִי ׀ עֵינִי יֹרְדָה מַּיִם כִּי־
רָחַק מִמֶּנִּי מְנַחֵם מֵשִׁיב נַפְשִׁי הָיוּ בָנַי שׁוֹמֵמִים כִּי גָבַר
17 אוֹיֵב׃ פֵּרְשָׂה צִיּוֹן בְּיָדֶיהָ אֵין מְנַחֵם לָהּ צִוָּה יְהוָה לְיַעֲקֹב
18 סְבִיבָיו צָרָיו הָיְתָה יְרוּשָׁלַםִ לְנִדָּה בֵּינֵיהֶם׃ צַדִּיק הוּא
יְהוָה כִּי־פִיהוּ מָרִיתִי שִׁמְעוּ־נָא כָל־* עַמִּים וּרְאוּ מַכְאֹבִי
19 בְּתוּלֹתַי וּבַחוּרַי הָלְכוּ בַשֶּׁבִי׃ קָרָאתִי לַמְאַהֲבַי הֵמָּה
רִמּוּנִי כֹּהֲנַי וּזְקֵנַי בָּעִיר גָּוָעוּ כִּי־בִקְשׁוּ אֹכֶל לָמוֹ וְיָשִׁיבוּ
כ אֶת־נַפְשָׁם׃ רְאֵה יְהוָה כִּי־צַר־לִי מֵעַי חֳמַרְמָרוּ נֶהְפַּךְ
לִבִּי בְּקִרְבִּי כִּי מָרוֹ מָרִיתִי מִחוּץ שִׁכְּלָה־חֶרֶב בַּבַּיִת
21 כַּמָּוֶת׃ שָׁמְעוּ כִּי נֶאֱנָחָה אָנִי אֵין מְנַחֵם לִי כָּל־אֹיְבַי
שָׁמְעוּ רָעָתִי שָׂשׂוּ כִּי אַתָּה עָשִׂיתָ הֵבֵאתָ יוֹם־קָרָאתָ וְיִהְיוּ
22 כָמוֹנִי׃ תָּבֹא כָל־רָעָתָם לְפָנֶיךָ וְעוֹלֵל לָמוֹ כַּאֲשֶׁר עוֹלַלְתָּ
לִי עַל כָּל־פְּשָׁעָי כִּי־רַבּוֹת אַנְחֹתַי וְלִבִּי דַוָּי׃

## CAP. II. ב

ב

א אֵיכָה יָעִיב בְּאַפּוֹ ׀ אֲדֹנָי אֶת־בַּת־צִיּוֹן הִשְׁלִיךְ מִשָּׁמַיִם
אֶרֶץ תִּפְאֶרֶת יִשְׂרָאֵל וְלֹא־זָכַר הֲדֹם־רַגְלָיו בְּיוֹם אַפּוֹ׃
2 בִּלַּע אֲדֹנָי *לֹא חָמַל אֵת כָּל־נְאוֹת יַעֲקֹב הָרַס בְּעֶבְרָתוֹ
מִבְצְרֵי בַת־יְהוּדָה הִגִּיעַ לָאָרֶץ חִלֵּל מַמְלָכָה וְשָׂרֶיהָ׃
3 גָּדַע בָּחֳרִי־אַף כֹּל קֶרֶן יִשְׂרָאֵל הֵשִׁיב אָחוֹר יְמִינוֹ מִפְּנֵי
4 אוֹיֵב וַיִּבְעַר בְּיַעֲקֹב כְּאֵשׁ לֶהָבָה אָכְלָה סָבִיב׃ דָּרַךְ

קַשְׁתּוֹ

א v. 18. העמים קרי  v. 20. קמץ בז״ק  ב׳ v. 2. ולא ק׳

גיט אזא שמערץ ווי מיין שמערץ, וואָס איז מיר געטהאָן געוואָרען,
מיט וועלכען גאָט האָט מיר פערשטויסען אין טאָג פון זיין צאָרן.
13 פון דער הויך האָט ער אראָבגעשיקט אַ פייער אין מיינע ביינער און האָט
איהר נידערגעשטירצט, ער האָט פערשפּרייט אַ נעץ פאַר מיינע פיס ;
ער האָט מיך געפיהרט צוריק, ער האָט מיך פאַר אַ צושטערטע געמאַכט
פון אַלטעגליכע ליידען.
14 מיט זיין האַנד האָט ער דעם יאָך פעסטגעבונדען, מיינע זינד פלעכטען
זיך און בעלעסטיגען מיין האַלז, עס האָט ערמיעדעט מיין קראַפט,
גאָט האָט מיר איבערגעגעבען אין אַזעלכע הענד, אַז איך וועל שוין ניט
קענען אויפשטעהן.
15 אַלע מיינע העלדען האָט גאָט אין מיר צוטראָטען, ער האָט פעררופען
ארום מיר אַ פערזאַמלונג צו צוברעכען מיינע יונגע זיהן, ווי אין אַ
וויינקעלטער האָט גאָט צוטראָטען די יונגע פרוי, טאָכטער פון יהודה.
16 מיין אויג פערגיסט טייכען טרעהרען, ווארום ער האָט ערוויטערט פון
מיר אַ טרייסטער, וואָס זאָל מיין זעלע בערוהיגען ; מיינע קינדער זיי-
נען געוואָרען פערוויסט זינד דער פיינד האָט געזיעגט.
17 ציון ברעכט מיט די הענד און האָט ניט קיין טרייסטער ; גאָט האָט בע-
פוילען צו יעקב׳ן אַז זיינע פיינד זאָלען זיין אימער ארום איהם, אַלס אַן
אונריינע איז ירושלים צווישען זיי געוואָרען.
18 גאָט איז גערעכט ווארום איך האָב זיין בעפעהל ווידערשפּעניגט ; הערט,
אַלע פעלקער, און בעטראַכט מיין וועהטאָג — מיינע יונגע פרויען און
מענער זיינען אוועק געפאַנגענע.
19 איך האָב גערופען מיינע פריינד, האָבען זיי מיר גענאַרט ; מיינע
כהנים און עלטסטע האָבען אין שטאָדט געשמאַכטעט, ווארום זיי האָבען
געזוכט שפּייז מיט וואָס צו ערקוויקען זייער זעלע.
20 זעה אָ גאָט, ווי שלעכט מיר איז ! מיינע געדערים זיינען ענטצונ-
דען און מיין האַרץ איז אין מיר איבערגעקעהרט, ווייל איך האָב פיעל
ווידערשפּעניגט — אין גאַס מאָרדעט דאָס שווערד ווי דער טוידט אין
הויז.
21 מען הערט אַז איך זיפץ און קיינער טרייסט מיר ניט ; אַלע מיינע פיינד
האָבען וועגען מיין אונגליק געהערט און טריאומפירט מיט דעם וואָס
דו האָסט געטהאָן — דו האָסט געבראַכט דעם טאָג וועלכען דו האָסט
פאָראויסגעזאָגט ! זאָלען זיי צו מיין שאַנד קומען.
22 זאָל פאַר דיר זייער בייזהייט קומען און זאָלסט טהאָן צו זיי וואָס דו
האָסט צו מיר געטהאָן פאַר אַלע זינד מיינע, וואָרום מיינע זיפצען זיינען
פיעל און מיין האַרץ איז צואוועהטאָגט.

## קאַפּיטעל ב

1 ווי גאָט האָט מיט זיין צאָרן פערוואָלקענט די טאָכטער ציון ! פונ׳ם
הימעל האָט ער אויף דער ערד געוואָרפען די הערליכקייט פון ישראל
און האָט ניט דערמאָנט זיין פוס-באַנק אינ׳ם טאָג פון זיין צאָרן.
2 אָהן ערבאַרמונג האָט גאָט צושטערט אַלע וואָהנונגען יעקב׳ס, מיט
זיין וואוטה האָט ער צובראָכען די פעסטונגען פון טאָכטער יהודה מיט׳ן
גרונד צוגלייך ; ער האָט פערשוועכט איהרע קעניגע און פירשטען.
3 מיט ברענענדען צאָרן האָט ער אָבגעבראָכען יעדען האָרן פון יהודה,
ער האָט צוריקגעהאַלטען זיין רעכטע האַנד פון פיינד, ער האָט אין
יעקב׳ן אָנגעצונדען אַ פייער וואָס האָט ווי אַ פלאַם רונד ארום פער-
צעהרט.
4 ווי אַ פיינד האָט ער זיין בויגען געציעלט, ווי אַ געגנער האָט ער זיין

קַשְׁתּוֹ כְּאוֹיֵב נִצָּב יְמִינוֹ כְּצָר וַיַּהֲרֹג כֹּל מַחֲמַדֵּי־עָיִן בְּאֹהֶל
בַּת־צִיּוֹן שָׁפַךְ כָּאֵשׁ חֲמָתוֹ׃ הָיָה אֲדֹנָי ׀ כְּאוֹיֵב בִּלַּע ה
יִשְׂרָאֵל בִּלַּע כָּל־אַרְמְנוֹתֶיהָ שִׁחֵת מִבְצָרָיו וַיֶּרֶב בְּבַת־
יְהוּדָה תַּאֲנִיָּה וַאֲנִיָּה׃ וַיַּחְמֹס כַּגַּן שֻׂכּוֹ שִׁחֵת מוֹעֲדוֹ שִׁכַּח 6
יְהוָה ׀ בְּצִיּוֹן מוֹעֵד וְשַׁבָּת וַיִּנְאַץ בְּזַעַם־אַפּוֹ מֶלֶךְ וְכֹהֵן׃
זָנַח אֲדֹנָי ׀ מִזְבְּחוֹ נִאֵר מִקְדָּשׁוֹ הִסְגִּיר בְּיַד־אוֹיֵב חוֹמֹת 7
אַרְמְנוֹתֶיהָ קוֹל נָתְנוּ בְּבֵית־יְהוָה כְּיוֹם מוֹעֵד׃ חָשַׁב 8
יְהוָה ׀ לְהַשְׁחִית חוֹמַת בַּת־צִיּוֹן נָטָה קָו לֹא־הֵשִׁיב יָדוֹ
מִבַּלֵּעַ וַיַּאֲבֶל־חֵל וְחוֹמָה יַחְדָּו אֻמְלָלוּ׃ טָבְעוּ בָאָרֶץ 9
שְׁעָרֶיהָ אִבַּד וְשִׁבַּר בְּרִיחֶיהָ מַלְכָּהּ וְשָׂרֶיהָ בַגּוֹיִם אֵין
תּוֹרָה גַּם־נְבִיאֶיהָ לֹא־מָצְאוּ חָזוֹן מֵיְהוָה׃ יֵשְׁבוּ לָאָרֶץ י
יִדְּמוּ זִקְנֵי בַת־צִיּוֹן הֶעֱלוּ עָפָר עַל־רֹאשָׁם חָגְרוּ שַׂקִּים
הוֹרִידוּ לָאָרֶץ רֹאשָׁן בְּתוּלֹת יְרוּשָׁלִָם׃ כָּלוּ בַדְּמָעוֹת 11
עֵינַי חֳמַרְמְרוּ מֵעַי נִשְׁפַּךְ לָאָרֶץ כְּבֵדִי עַל־שֶׁבֶר בַּת־
עַמִּי בֵּעָטֵף עוֹלֵל וְיוֹנֵק בִּרְחֹבוֹת קִרְיָה׃ לְאִמֹּתָם יֹאמְרוּ 12
אַיֵּה דָּגָן וָיָיִן בְּהִתְעַטְּפָם כֶּחָלָל בִּרְחֹבוֹת עִיר בְּהִשְׁתַּפֵּךְ
נַפְשָׁם אֶל־חֵיק אִמֹּתָם׃ מָה־אֲעוּדֵךְ מָה אֲדַמֶּה־לָּךְ הַבַּת 13
יְרוּשָׁלִַם מָה אַשְׁוֶה־לָּךְ וַאֲנַחֲמֵךְ בְּתוּלַת בַּת־צִיּוֹן כִּי־גָדוֹל
כַּיָּם שִׁבְרֵךְ מִי יִרְפָּא־לָךְ׃ נְבִיאַיִךְ חָזוּ לָךְ שָׁוְא וְתָפֵל 14
וְלֹא־גִלּוּ עַל־עֲוֺנֵךְ לְהָשִׁיב שְׁבִיתֵךְ וַיֶּחֱזוּ לָךְ מַשְׂאוֹת שָׁוְא
וּמַדּוּחִים׃ סָפְקוּ עָלַיִךְ כַּפַּיִם כָּל־עֹבְרֵי דֶרֶךְ שָׁרְקוּ וַיָּנִעוּ טו
רֹאשָׁם עַל־בַּת יְרוּשָׁלִָם הֲזֹאת הָעִיר שֶׁיֹּאמְרוּ כְּלִילַת יֹפִי
מָשׂוֹשׂ לְכָל־הָאָרֶץ׃ פָּצוּ עָלַיִךְ פִּיהֶם כָּל־אוֹיְבַיִךְ שָׁרְקוּ 16
וַיַּחַרְקוּ־שֵׁן אָמְרוּ בִּלָּעְנוּ אַךְ זֶה הַיּוֹם שֶׁקִּוִּינֻהוּ מָצָאנוּ
רָאִינוּ׃ עָשָׂה יְהוָה אֲשֶׁר זָמָם בִּצַּע אֶמְרָתוֹ אֲשֶׁר צִוָּה 17
מִימֵי־קֶדֶם הָרַס וְלֹא חָמָל וַיְשַׂמַּח עָלַיִךְ אוֹיֵב הֵרִים קֶרֶן
צָרָיִךְ׃ צָעַק לִבָּם אֶל־אֲדֹנָי חוֹמַת בַּת־צִיּוֹן הוֹרִידִי כַנַּחַל 18

דמעה

v. 9. ט׳ ועדא — v. 13, אעידך קרי — v. 14. שבותך קרי — v. 17 כלו קמץ — ibid. הא׳ כסגול

רעכטע האַנד אויסגעשטעלט, אום צו ערמאָרדען אַלע שעהן אויסזעהענ־
דע ; זיין פייערדיגען וואוטה האָט ער אויסגעגאָסען אויף די געצעל־
5 טען פון ציון. גאָט איז ווי אַ פיינד געוואָרען : ער האָט צושטערט
ישראל און צושטערט אַלע פּאַלאַסטען איהרע, צובראָכען זיינע פעסטונ־
גען, ער האָט פערשאַפט די טאָכטער יהודה פיעל קלאָג און יאָמער.
6 אין שערבלאַך האָט ער זיין געצעלט צובראָכען און צושטערט זיין פער־
זאַמלונגס־פּלאַץ, גאָט האָט געמאַכט פערגעסען אין ציון פעסט־טעג
און שבת־רוהע, מיט זיין וואוטהיגען צאָרן האָט ער פעראַכטעט קעניג
7 און כהן (פּריעסטער). גאָט האָט פערלאָזען זיין מזבח און צושטערט זיין
הייליגטהום; ער האָט אָבגעגעבען צום פיינד איהרע געמויערטע פּאַלאַס־
טען, זיי (די פיינד) האָבען געמאַכט אַ גערויש אין גאָט'ס הויז ווי אין
8 אַ פעסט־טאָג. גאָט האָט בעשלאָסען צו פערדאַרבען די מויער פון
טאָכטער ציון, ער האָט פערצויגען אַ שנור און ניט צוריק געצויגען זיין
האַנד פון צו פערדאַרבען, ער האָט צושטערט פעסטונג און מויער —
ביידע זיינען רואינירט געוואָרען.
9 איהרע טויערען זיינען צו דער ערד געזונקען, ער האָט צושמעטערט און
צובראָכען איהרע ריגלען ; איהר קעניג און פירשטען זיינען צווישען
די פעלקער אָהן לעהרע, אויך איהרע פּראָפעטען געפינען ניט קיין ענט־
פּלעקונג פון גאָט.
10 זיי זיצען אויף דר'ערד פערשטומטע די עלטסטע פון ציון, ערד האָבען זיי
אויף זייערע קעפּ געלייגט און אַרומגערינגעלט זיך מיט זאַק, אויך די יונגע
פרויען פון ירושלים האָבען זייערע קעפּ צו דר'ערד געבויגען.
11 עס זיינען שוין ניטאָ קיין טרעהרען אין מיינע אויגען, מיינע געדערים
זיינען ענטצונדען, איך האָב מיין לעבער אויף דר'ערד אויסגעשפּיגען
אויף דעם אונגליק פון מיין טאָכטער־פּאָלק, ווען קליינע זויג־קינדער
שמאַכטען אין די גאַסען פון דער הויפּטשטאָדט.
12 ביי זייערע מוטער'ס פרעגען זיי : „וואו איז קאָרן און וויין" ; שמאַכ־
טענדיג ווי דערשלאָגענע אין די גאַסען פון שטאָדט, אויסהויכענדיג
זייער זעעלע אינ'ם שויס פון זייערע מוטער'ס.
13 וואָס נאָך קען איך מיט דיר אין פערגלייך שטעלען, טאָכטער ירושלים,
וואָס קען איך מיט דיר פערגלייכען, אום דיר צו טרייסטען, יונגע טאָכ־
טער ציון. וואָס קען דיר לינדערן, ווען דיין אונגליק איז גרויס ווי דער ים.
14 דיינע פּראָפעטען האָבען דיר ענטפּלעקט פאַלשעס און אוננוציגעס, זיי
האָבען דיר ניט אויפמערקזאַם געמאַכט, אום אָבצוהאַלטען דיין ווילד־
קייט ; זיי האָבען דיר אימער פאָרגעשטעלט פאַלשע און פערפיהרע־
רישע בילדער.
15 אַלע פערבייגעהער האָבען אויף דיר מיט די הענד געקלאַפּט, זיי האָבען גע־
פייפט און זייער קאָפּ געשאָקעלט אויף טאָכטער־ירושלים : „איז דאָס
די שטאָדט אויף וועלכער מען זאָגט„פּאָלקאָמענע שעהנהייט", „די
פריידע פונ'ם גאַנצען לאַנד".
16 אַלע דיינע פיינד האָבען אויף דיר זייער מויל געעפענט : זיי האָבען גע־
פייפט און מיט די צייהנער געקריצט, זיי האָבען געזאָגט : „מיר האָבען
צושטערט ! אָט דעם טאָג, אויף וועלכען מיר האָבען געוואַרט, האָבען
מיר געפונען און געזעהען".
17 גאָט האָט אָבגעטהאָן וואָס ער האָט בעשלאָסען, ער האָט דורכגעפיהרט
זיין וואָרט וואָס ער האָט פון גאַנץ לאַנג אַרויסגעשפּראָכען — ער האָט
צושטערט אָהן ערבאַרמונג, ער האָט דעם פיינד געלאָזען טריאומפירען
ערהויבענדיג דעם הארן (מאכט) פון דיינע געגנער.
18 זייער הארץ האָט געשריען צו גאָט, אָבער דו, טאָכטער־ציון, גיס טרעה־

דִּמְעָה יוֹמָם וָלַיְלָה אַל־תִּתְּנִי פוּגַת לָךְ אַל־תִּדֹּם בַּת־
19 עֵינֵךְ׃ קוּמִי ׀ רֹנִּי בַלַּיִל* לְרֹאשׁ אַשְׁמֻרוֹת שִׁפְכִי כַמַּיִם
לִבֵּךְ נֹכַח פְּנֵי אֲדֹנָי שְׂאִי אֵלָיו כַּפַּיִךְ עַל־נֶפֶשׁ עוֹלָלַיִךְ
כ הָעֲטוּפִים בְּרָעָב בְּרֹאשׁ כָּל־חוּצוֹת׃ רְאֵה יְהוָה וְהַבִּיטָה
לְמִי עוֹלַלְתָּ כֹּה אִם־תֹּאכַלְנָה נָשִׁים פִּרְיָם עֹלְלֵי טִפֻּחִים
21 אִם־יֵהָרֵג בְּמִקְדַּשׁ אֲדֹנָי כֹּהֵן וְנָבִיא׃ שָׁכְבוּ לָאָרֶץ חוּצוֹת
נַעַר וְזָקֵן בְּתוּלֹתַי וּבַחוּרַי נָפְלוּ בֶחָרֶב הָרַגְתָּ בְּיוֹם אַפֶּךָ
22 טָבַחְתָּ לֹא חָמָלְתָּ׃ תִּקְרָא כְיוֹם מוֹעֵד מְגוּרַי מִסָּבִיב וְלֹא
הָיָה בְּיוֹם אַף־יְהוָה פָּלִיט וְשָׂרִיד אֲשֶׁר־טִפַּחְתִּי וְרִבִּיתִי
אֹיְבִי כִלָּם׃

## ג CAP. III. ג

2 א אֲנִי הַגֶּבֶר רָאָה עֳנִי בְּשֵׁבֶט עֶבְרָתוֹ׃ אוֹתִי נָהַג וַיֹּלַךְ
3 חֹשֶׁךְ וְלֹא־אוֹר׃ אַךְ בִּי יָשֻׁב יַהֲפֹךְ יָדוֹ כָּל־הַיּוֹם׃
4 ה בִּלָּה בְשָׂרִי וְעוֹרִי שִׁבַּר עַצְמוֹתָי׃ בָּנָה עָלַי וַיַּקַּף רֹאשׁ
6 7 וּתְלָאָה׃ בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי כְּמֵתֵי עוֹלָם׃ גָּדַר
8 בַּעֲדִי וְלֹא אֵצֵא הִכְבִּיד נְחָשְׁתִּי׃ גַּם כִּי אֶזְעַק וַאֲשַׁוֵּעַ
9 י שָׂתַם תְּפִלָּתִי׃ גָּדַר דְּרָכַי בְּגָזִית נְתִיבֹתַי עִוָּה׃ דֹּב
11 אֹרֵב הוּא לִי אֲרִיה* בְּמִסְתָּרִים׃ דְּרָכַי סוֹרֵר וַיְפַשְּׁחֵנִי
12 שָׂמַנִי שׁוֹמֵם׃ דָּרַךְ קַשְׁתּוֹ וַיַּצִּיבֵנִי כַּמַּטָּרָא לַחֵץ׃
13 14 הֵבִיא בְּכִלְיוֹתָי* בְּנֵי אַשְׁפָּתוֹ׃ הָיִיתִי שְּׂחֹק לְכָל־עַמִּי
טו נְגִינָתָם כָּל־הַיּוֹם׃ הִשְׂבִּיעַנִי בַמְּרוֹרִים הִרְוַנִי לַעֲנָה׃
16 17 וַיַּגְרֵס בֶּחָצָץ שִׁנָּי* הִכְפִּישַׁנִי בָּאֵפֶר׃ וַתִּזְנַח מִשָּׁלוֹם נַפְשִׁי
18 נָשִׁיתִי טוֹבָה׃ וָאֹמַר אָבַד נִצְחִי וְתוֹחַלְתִּי מֵיְהוָה׃
19 כ זְכָר־עָנְיִי וּמְרוּדִי לַעֲנָה וָרֹאשׁ׃ זָכוֹר תִּזְכּוֹר וְתָשִׁיחַ* עָלַי
21 22 נַפְשִׁי׃ זֹאת אָשִׁיב אֶל־לִבִּי עַל־כֵּן אוֹחִיל׃ חַסְדֵי
23 יְהוָה כִּי לֹא־תָמְנוּ* כִּי לֹא־כָלוּ רַחֲמָיו׃ חֲדָשִׁים לַבְּקָרִים



ב v. 19. בלילה קרי  ג v. 10. ארי קרי  v. 12. א במקום ה  v. 13. 16. קמץ בז״ק
v. 20. ותשוח קרי  v. 22. בי״א חד׳ בלא דגש  ibid. קמץ בז״ק

רען טייכענוויין ווי טאָג אַזוי נאַכט, ניט גיבענדיג זיך קיין רוהע,
זאָל, טאָכטער, דיין אויג ניט אויפהערן.
19 שטעה אויף ביי־נאַכט און קלאָג, מיט דעם אָנפאַנג פון יעדער נאַכט־
טהייל גיס אוים דיין האַרץ ווי וואסער געגען גאָט׳ס געזיכט; הויב
צו איהם אויף דיינע הענד איבער די זעלען פון דיינע קליינע קינדער,
וועלכע שמאַכטען פון הונגער אין אַלע הויפטגאַסען.
20 זעה, אָ גאָט, און קוק — צו וועמען נאָך האָסטו אַזוי געטהאָן. דאַרפען
פרויען עסען זייערע פרוכט — די געצערטעלטע קינדער. דאַרפען ער־
מאָרדעט ווערען אין גאָט׳ס היילינטהום כהנים און פּראָפעטען.
21 אויף דר׳ערד אין די גאַסען ליגען יונגע און אַלטע; מיינע יונגע טעכ־
טער און זיהן זיינען פון שווערד געפאַלען. אין׳ם טאָג פון דיין צאָרן
האָסטו דערשלאָגען און געשאָכטען אָהן מיטלייד.
22 ווי אויף אַ פעסט־טאָג האָסטו צונויפגערופען אַלע שכנים מיינע פון
אַרום, דערפאַר איז אין גרויסען שטראָפטאָג קיין רעטונג אָדער ענטרינונג
געווען — אַלע די וועלכע איך האָב געצערטעלט און ערצויגען האָט
מיין פיינד זיי פערניכטעט.

## קאַפּיטעל ג

1 איך בין דער מאַן וואָס האָט געזעהען דאָס עלענד מיט זיין שטראָפרוט.
2 מיר האָט געפיהרט און געיאָגט די פינסטערניס און ניט ליכט.
3 נאָר קעגען מיר קעהרט ער אום זיין האַנד דעם גאַנצען טאָג.
4 ער האָט פערצעהרט מיין פלייש און מיינע גליעדער צובראָכען.
5 ער האָט מיר ארומגעבויט און ארומגערינגעלט מיט גיפט און ליידען.
6 אין פינסטערניס האָט ער מיר אַריינגעלאָזען, ווי די וואָס זיינען שוין
לאַנג געשטאָרבען.
7 ער האָט מיר ארומגעצוימט איך זאָל ניט אַרויסגעהען, שווערע קייטען
האָט ער אויף מיר אַרויפגעלייגט.
8 זאָגאַר ווען איך בעקלאָג זיך און שריי, איז מיין געבעט אונהערבאַר.
9 מיינע וועגען האָט ער מיט האַקשטיינער פערלייגט, מיינע שטעגען קרום
געמאַכט.
10 ווי אַ לויערענדער בער איז ער קעגען מיר, אַ לייב אַ בעהאַלטענער.
11 מיט דערנער האָט ער מיינע וועגען פערלייגט און האָט מיר צוריסען, ער
האָט מיר צושטערט.
12 ער האָט געטראָטען זיין בויגען און געשטעלט מיר אַלס אַ ציעל פאַר
די פיילען.
13 אין מיינע ניערען האָט ער אַריינגעשאָסען זיינע פיילען.
14 איך בין צו שפּאָט געוואָרען ביי אַלע פעלקער, [איך הער] אימער
זייער אָבלאַכענדעם ליעד.
15 מיט ביטערנים האָט ער מיר זאַט געמאַכט, מיט גיפט אָנגעטרונקען.
16 מיט קליינע שטיינדלאַך האָט ער מיינע צייהנער צובראָכען און האָט
מיר פערדעקט מיט אַש.
17 מיין זעלע איז אַזוי דערווייטערט פון פריעדען, אַז איך האָב שוין
פערגעסען וואָס „גוט" איז.
18 און איך זאָג: פערלאָרען איז מיין צוקונפט און מיין ערוואַרטונג פון גאָט.
19 די עראינערונג פון מיין עלענד און ניעדערלאַגע איז גיפט און ביטערנים.
20 אימער דענקט וועגען דעם מיין זעלע און איז ניעדערגעשלאָגען.
21 נאָר איך האָף נאָך, ווייל איך טראַכט אין מיין האַרצען
22 אַז גאָט׳ס גענאָד האָט נאָך ניט אויפגעהערט, זיין ערבאַרמונג איז נאָך
ניט געענדיגט.
23 זיי ווערען פון דאָס ניי יעדען פריהמאָרגען, גרויס איז דער גלויבען אין דיר,

24 רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ׃ חֶלְקִי יְהוָה אָמְרָה נַפְשִׁי עַל־כֵּן אוֹחִיל
כה 26 לוֹ׃ טוֹב יְהוָה לְקוָֹו לְנֶפֶשׁ תִּדְרְשֶׁנּוּ׃ טוֹב וְיָחִיל
27 וְדוּמָם לִתְשׁוּעַת יְהוָה׃ טוֹב לַגֶּבֶר כִּי־יִשָּׂא עֹל בִּנְעוּרָיו׃
28 29 יֵשֵׁב בָּדָד וְיִדֹּם כִּי נָטַל עָלָיו׃ יִתֵּן בֶּעָפָר פִּיהוּ אוּלַי
ל 31 יֵשׁ תִּקְוָה׃ יִתֵּן לְמַכֵּהוּ לֶחִי יִשְׂבַּע בְּחֶרְפָּה׃ כִּי לֹא
32 33 יִזְנַח לְעוֹלָם אֲדֹנָי׃ כִּי אִם־הוֹגָה וְרִחַם כְּרֹב חֲסָדָו׃ כִּי
34 לֹא עִנָּה מִלִּבּוֹ וַיַּגֶּה בְּנֵי־אִישׁ׃ * לְדַכֵּא תַּחַת רַגְלָיו
לה כֹּל אֲסִירֵי אָרֶץ׃ לְהַטּוֹת מִשְׁפַּט־גָּבֶר נֶגֶד פְּנֵי עֶלְיוֹן׃
36 37 לְעַוֵּת אָדָם בְּרִיבוֹ אֲדֹנָי לֹא רָאָה׃ מִי זֶה אָמַר
38 וַתֶּהִי אֲדֹנָי לֹא צִוָּה׃ מִפִּי עֶלְיוֹן לֹא תֵצֵא הָרָעוֹת וְהַטּוֹב׃
39 מ מַה־יִּתְאוֹנֵן אָדָם חָי גֶּבֶר עַל־חֲטָאָו׃ נַחְפְּשָׂה
41 דְרָכֵינוּ וְנַחְקֹרָה וְנָשׁוּבָה עַד־יְהוָה׃ נִשָּׂא לְבָבֵנוּ אֶל־
42 כַּפָּיִם אֶל־אֵל בַּשָּׁמָיִם׃ נַחְנוּ פָשַׁעְנוּ וּמָרִינוּ אַתָּה לֹא
43 סָלָחְתָּ׃ סַכֹּתָה בָאַף וַתִּרְדְּפֵנוּ הָרַגְתָּ לֹא חָמָלְתָּ׃
44 מה סַכּוֹתָה בֶעָנָן לָךְ מֵעֲבוֹר תְּפִלָּה׃ סְחִי וּמָאוֹס תְּשִׂימֵנוּ
46 47 בְּקֶרֶב הָעַמִּים׃ פָּצוּ עָלֵינוּ פִּיהֶם כָּל־אֹיְבֵינוּ׃ פַּחַד
48 וָפַחַת הָיָה לָנוּ הַשֵּׁאת וְהַשָּׁבֶר׃ פַּלְגֵי־מַיִם תֵּרַד עֵינִי
49 עַל־שֶׁבֶר בַּת־עַמִּי׃ עֵינִי נִגְּרָה וְלֹא תִדְמֶה מֵאֵין
נ 51 הֲפֻגוֹת׃ עַד־יַשְׁקִיף וְיֵרֶא יְהוָה מִשָּׁמָיִם׃ עֵינִי עוֹלְלָה
52 לְנַפְשִׁי מִכֹּל בְּנוֹת עִירִי׃ צוֹד צָדוּנִי כַּצִּפּוֹר אֹיְבַי
53 54 חִנָּם׃ צָמְתוּ בַבּוֹר חַיָּי וַיַּדּוּ־אֶבֶן בִּי׃ צָפוּ־מַיִם עַל־
נה רֹאשִׁי אָמַרְתִּי נִגְזָרְתִּי׃ קָרָאתִי שִׁמְךָ יְהוָה מִבּוֹר
56 תַּחְתִּיּוֹת׃ קוֹלִי שָׁמָעְתָּ אַל־תַּעְלֵם אָזְנְךָ לְרַוְחָתִי לְשַׁוְעָתִי׃
57 58 קָרַבְתָּ בְּיוֹם אֶקְרָאֶךָּ אָמַרְתָּ אַל־תִּירָא׃ רַבְתָּ אֲדֹנָי
59 רִיבֵי נַפְשִׁי גָּאַלְתָּ חַיָּי׃ רָאִיתָה יְהוָה עַוָּתָתִי שָׁפְטָה
ס מִשְׁפָּטִי׃ רָאִיתָה כָּל־נִקְמָתָם כָּל־מַחְשְׁבֹתָם לִי׃

שמעת

v. 32 חסדיו קרי   v. 34 חצי הספר בפסוקים   v. 35 קמץ בז"ק   v. 36 ע' זעירא
v. 39 חטאיו קרי   v. 41. 53. קמץ בז"ק

24 מיין זעעלע זאָגט : דער עוויגער איז מיין טהייל, דאָרום האָף איך אויף
25 איהם. גאָט איז גוט צו די וואָס האָפען צו איהם, צו די זעעלען וואָס
26 פאָרשען איהם. גוט איז צו האָפען און וואַרטען אויף גאָט'ס הילף.
27 עס איז נוצליך פאַר אַ מענשען צו טראָגען אַ יאָך אין דער יוגענד.
28 אָבער זאָל ער זיצען איינזאַם און פערשטומט ווען איהם דריקט וואָס.
29 זאָל ער האַלטען זיין מויל פערמאַכט, פיללייכט איז נאָך דאָ אַ האָפנונג
30 זאָל ער אונטער שטעלען דעם שלעגער זיין באַק וועט ער זאַט ווערען מיט
31 שאַנדע. גאָט פערלאָזט ניט אויף לאַנג.
32 אַזוי ווי ער מאַכט טרויעריג, אַזוי אויך ערבאַרעמט ער זיך מיט זיין גרויס גנאַדע.
33 אויב יענער ווערט נאָר ניט געפּייניגט פון זיינע אייגענע געפיהלען, וועלכע ערביטערען די מענשען,
34 צו טרעטען אונטער זיינע פיס פערשיעדענע געפאַנגענע פונ'ם לאַנד,
35 צו פערבייגען דאָס מענשליכע רעכט אין דער אַנוועזענהייט פון אַ הויכגעשטעלטע פערזאָן,
36 צו פערקרימען יעמאַנדס אורטהייל, דיינקענדיג אַז גאָט זעהט ניט.
37 ווער קען וואָס בעפעהלען און עס זאָל אויסגעפיהרט ווערען, אויב גאָט הייסט ניט.
38 פון אויבערשטענס מויל געהט קיין שלעכטס ניט אַרויס.
39 וואָס קען זיך אַ מענש בעקלאָגען, דער מאַן וואָס לעבט אין זיינע זינד.
40 לאָמיר אונטערזוכען אונזער אויפפיהרונג און אויספאָרשען, און דאַן צו־ריקקעהרען זיך צו גאָט.
41 לאָמיר אויפהויבען אונזער האַרץ מיט די הענד צו גאָט אין הימעל.
42 ווי לאַנג מיר האָבען פערבראָכען און ווידערשפעניגט האָסטו ניט פערגעבען.
43 מיט צאָרן האָסטו געקוקט און פערפאָלגט אונז, געמאָרדעט אָהן מיטלייד.
44 מיט אַ וואָלקען האָסטו זיך פערדעקט, אום אונזער געבעט זאָל ניט דורכגעהן.
45 צו עקעל און פעראַכטונג האָסטו אונז געמאַכט צווישען די פעלקער.
46 אַלע פיינד אונזערע האָבען אויף אונז זייער מויל געעפענט.
47 שרעק און פינסטערניס זיינען פאַר אונז געווען אַן אונגליק און אַ בראָך.
48 שטראָמען וואַסער גיסט מיין אויג אויפ'ן אונגליק פון מיין טאָכטער־פאָלק.
49 מיין אויג רינט און רוהט ניט — אָהן אויפהער.
50 ביז גאָט וועט אראָבקוקען פון הימעל און זעהען.
51 מיין אויג האָט געווירקט אויף מיין זעעלע צוליעב דעם אונטערגאַנג פון די נאַכבאַרשאַפטען אַרום מיין שטאָדט.
52 לייכט ווי מען פאַנגט אַ פויגעל האָבען מיר מיינע פיינד געפאַנגען.
53 זיי האָבען מיין קערפּער אַריינגעקוועטצט אין אַ גרוב און געוואָרפען שטיי־נער אויף מיר.
54 וואַסער האָבען זיי מיר אויפ'ן קאָפּ געגאָסען, איך האָב געמיינט : איך בין פערניכטעט.
55 האָב איך דיין נאָמען, אָ גאָט, גערופען פון טיעפען גרוב.
56 אימער האָסטו מיין שטימע געהערט, אויך יעצט פערמאַך ניט דיין אויער פון מיין געשריי נאָך פערבעסערונג.
57 דו ביסט אימער נאָהענט געקומען ווען איך האָב דיר גערופען, און האָסט געזאָגט : שרעק זיך ניט.
58 דו האָסט אימער, גאָט, געשטרייט קעגען די וואָס שטרייטען מיט מיר און גערעטעט מיין לעבען.
59 יעצט, ווען דו, אָ גאָט האָסט מיין פערברעכען געזעהן, זיי דו מיין ריכטער,
60 דו האָסט דאָך זייער ראַכע געזעהען, אַלעס וואָס זיי פּלאַנען קעגען מיר.

61 62 שָׁמַעְתָּ חֶרְפָּתָם יְהוָה כָּל־מַחְשְׁבֹתָם עָלָי׃ שִׂפְתֵי קָמַי
63 וְהֶגְיוֹנָם עָלַי כָּל־הַיּוֹם׃ שִׁבְתָּם וְקִימָתָם הַבִּיטָה אֲנִי
64 מַנְגִּינָתָם׃ תָּשִׁיב לָהֶם גְּמוּל יְהוָה כְּמַעֲשֵׂה יְדֵיהֶם׃
סה 66 תִּתֵּן לָהֶם מְגִנַּת־לֵב תַּאֲלָתְךָ לָהֶם׃ תִּרְדֹּף בְּאַף וְתַשְׁמִידֵם
מִתַּחַת שְׁמֵי יְהוָה׃

## CAP. IV. ד

ד
א אֵיכָה יוּעַם זָהָב יִשְׁנֶא הַכֶּתֶם הַטּוֹב תִּשְׁתַּפֵּכְנָה אַבְנֵי־
2 קֹדֶשׁ בְּרֹאשׁ כָּל־חוּצוֹת׃ בְּנֵי צִיּוֹן הַיְקָרִים הַמְסֻלָּאִים
3 בַּפָּז אֵיכָה נֶחְשְׁבוּ לְנִבְלֵי־חֶרֶשׂ מַעֲשֵׂה יְדֵי יוֹצֵר׃ גַּם־
תַּנִּין חָלְצוּ שַׁד הֵינִיקוּ גּוּרֵיהֶן בַּת־עַמִּי לְאַכְזָר כִּי *עֵנִים
4 בַּמִּדְבָּר׃ דָּבַק לְשׁוֹן יוֹנֵק אֶל־חִכּוֹ בַּצָּמָא עוֹלָלִים שָׁאֲלוּ
ה לֶחֶם פֹּרֵשׂ אֵין לָהֶם׃ הָאֹכְלִים לְמַעֲדַנִּים נָשַׁמּוּ בַּחוּצוֹת
6 הָאֱמֻנִים עֲלֵי תוֹלָע חִבְּקוּ אַשְׁפַּתּוֹת׃ וַיִּגְדַּל עֲוֹן בַּת־עַמִּי
מֵחַטַּאת סְדֹם הַהֲפוּכָה כְמוֹ־*רָגַע וְלֹא־חָלוּ בָהּ יָדָיִם׃
7 זַכּוּ נְזִירֶיהָ מִשֶּׁלֶג צַחוּ מֵחָלָב אָדְמוּ עֶצֶם מִפְּנִינִים סַפִּיר
8 גִּזְרָתָם׃ חָשַׁךְ מִשְּׁחוֹר תָּאֳרָם לֹא נִכְּרוּ בַּחוּצוֹת צָפַד
9 עוֹרָם עַל־עַצְמָם יָבֵשׁ הָיָה כָעֵץ׃ טוֹבִים הָיוּ חַלְלֵי־חֶרֶב
י מֵחַלְלֵי רָעָב שֶׁהֵם יָזוּבוּ מְדֻקָּרִים מִתְּנוּבֹת שָׂדָי׃ יְדֵי
נָשִׁים רַחֲמָנִיּוֹת בִּשְּׁלוּ יַלְדֵיהֶן הָיוּ לְבָרוֹת לָמוֹ בְּשֶׁבֶר
11 בַּת־עַמִּי׃ כִּלָּה יְהוָה אֶת־חֲמָתוֹ שָׁפַךְ חֲרוֹן אַפּוֹ וַיַּצֶּת־
12 אֵשׁ בְּצִיּוֹן וַתֹּאכַל יְסוֹדֹתֶיהָ׃ לֹא הֶאֱמִינוּ מַלְכֵי־אֶרֶץ וּכֹל
13 יֹשְׁבֵי תֵבֵל כִּי יָבֹא צַר וְאוֹיֵב בְּשַׁעֲרֵי יְרוּשָׁלָםִ׃ מֵחַטֹּאת
14 נְבִיאֶיהָ עֲוֹנוֹת כֹּהֲנֶיהָ הַשֹּׁפְכִים בְּקִרְבָּהּ דַּם צַדִּיקִים׃ נָעוּ
עִוְרִים בַּחוּצוֹת נְגֹאֲלוּ בַּדָּם בְּלֹא יוּכְלוּ יִגְּעוּ בִּלְבֻשֵׁיהֶם׃
טו סוּרוּ טָמֵא קָרְאוּ לָמוֹ סוּרוּ סוּרוּ אַל־תִּגָּעוּ כִּי נָצוּ גַּם־
16 נָעוּ אָמְרוּ בַּגּוֹיִם לֹא יוֹסִפוּ לָגוּר׃ פְּנֵי יְהוָה חִלְּקָם לֹא

יוסיף

ד v. 1. א׳ במקום ה׳ v. 3. חנים קרי ibid. כיענים קרי v. 6. קמץ ב״ק
v. 9. ב׳ טעמים v. 12. כל קרי

61 אויך זייער לעסטער האָסטו געהערט, אויך אַלעס וואָס זיי פּלאַנען קעגן
62 מיר. דאָס רעדען און טראַכטען פון מיינע געגנער איז אימער וועגען מיר.
63 זייער זיצען און אויפשטעהן, בעטראַכט — נאָר איך בין זייער ליעד
צום אָבלאַכען.
64 גיעב זיי צוריק דעם לוין, אָ גאָט, לויט זייערע פערדיענסטען.
65 פערפאָלג מיט צאָרן און פערטיליג זיי פון אונטער דעם הימעל, אָ גאָט !

## קאַפּיטעל ד

1 ווי דונקעל עס ווערט גאָלד, ווי פערענדערט עס ווערט גוטע פיינגאָלד
ווען הייליגע שטיינער וואַלגערן זיך אין אַלע הויפּטגאַסען.
2 די טהייערע ציון־קינדער, וואָס זייער ווערטה איז ריינער גאָלד, ווי
זיי ווערען גערעכענט פאַר ליימענע געשיער — די האַנד ארבייט פון
אַ טעפּער.
3 זאָגאַר שאַקאַלען נעהמען אַרויס די ברוסט צו זויגען זייערע קינדער,
מיין טאָכטער־פאָלק איז געוואָרען גרויזאַם ווי אַ שטרויס אין דער וויסטע.
4 עס איז צוגעקלעפּט דער צונג פון זויגלינג צו זיין גומען, אויס דורשט,
קליינע קינדער בעטען ברויט, ניטאָ ווער עס זאָל פאַר זיי אָבברעכען.
5 די וואָס פלעגען עסען געשמאַקפאָלע שפּייזען, געהען אויס אין די גאַסען ;
די וואָס זיינען אויף קאַרמזין ערצויגען געוואָרן אומאַרמען מיסט־הויפענס.
6 איז מיין טאָכטער־פאָלק'ס זינד גרעסער אַלס די זינד פון סדום, וועל־
כע איז אין איין מאָמענט איבערגעקעהרט געוואָרען ווי עס וואָלט אויף
איהר קיין האַנד געלעגען.
7 איהרע פירשטען זיינען געווען ווייסער אַלס שנעע, קלאָהרער אַלס מילך,
זיי זיינען פיעל רויטער געווען אַלס קאָראַלען, ווי פון סאַפּירען איז
זייער פיגור געווען.
8 יעצט איז זייער אויסזעהען פינסטערער אַלס שוואַרצקייט, מען דערקענט
זיי ניט אין די גאַסען, זייער הויט איז איינגעשרומפּען אין זייערע ביי־
נער, עס איז אויסגעטריקענט געוואָרען ווי האָלץ.
9 בעסער איז שוין די פון שווערד דערשלאַגענע, און די דערשטאָכענע
וואָס לויפען אָב מיט בלוט, איידער די פון הונגער שטאַרבענדע נעבען
די בעוואַקסענע פעלדער.
10 באַרעמהערציגע פרויען האָבען מיט זייערע הענד זייערע קינדער געק־
קאָכט, וועלכע זיינען פאַר זיי אַלס שפּייז געווען, ווען דאָס אונגליק האָט
מיין פאָלק געטראָפען.
11 גאָט האָט זיין גאַנצען וואוטה אויסגעלאָזען, ער האָט אויסגעגאָסען זיין
ברענענדען צאָרן ; אַ פייער האָט ער אָנגעצונדען אין ציון, וואָס האָט
פערברענט איהרע פונדאַמענטען.
12 עס האָבען ניט געגלויבט די קעניגע פון'ם לאַנד, ווי אויך אַלע איינ־
וואָהנער פון דער וועלט, אַז אַ געגנער אָדער אַ פיינד זאָל אריינקומען
אין די טהויערן פון ירושלים.
13 איבער די זינד פון איהרע פּראָפעטען און די פערברעכענס פון איהרע
כהנים, וועלכע האָבען אין איהר פערגאָסען אונשולדיגעם בלוט,
14 האָבען בלינדע ארומגעוואַנדערט איבער די גאַסען אזוי פערשמוצט אין
בלוט, אַז מען האָט זיך ניט געקענט אָנריהרען אָן זייערע קליידער.
15 „אַוועק, אונריינע" ! — האָט מען צו זיי אויסגערופען ; „אַוועק,
אַוועק, איהר זאָלט קיינעם ניט אָנריהרען ! — האָט מען געזאָגט אונ־
טער די פעלקער — „קוים קריעגען זיי זיך ארום זאָגאַר ווען זיי וואַנ־
דערן, וועלען זיי שוין מעהר ניט קענען צוזאַמען וואוינען".
16 גאָט'ס צאָרן האָט זיי פערנאַנדערגעטהיילט — ער וועט שוין מעהר אויף
זיי ניט קוקען, זיי האָבען ניט געשוינט די פערזענליכקייט פון כהנים

יֹסִיף לְהַבִּיטָם פְּנֵי כֹהֲנִים לֹא נָשָׂאוּ זְקֵנִים לֹא חָנָנוּ׃
17 עוֹדֵינָה תִּכְלֶינָה עֵינֵינוּ אֶל־עֶזְרָתֵנוּ הָבֶל בְּצִפִּיָּתֵנוּ צִפִּינוּ
18 אֶל־גּוֹי לֹא יוֹשִׁעַ׃ צָדוּ צְעָדֵינוּ מִלֶּכֶת בִּרְחֹבֹתֵינוּ קָרַב
19 קִצֵּנוּ מָלְאוּ יָמֵינוּ כִּי־בָא קִצֵּנוּ׃ קַלִּים הָיוּ רֹדְפֵינוּ מִנִּשְׁרֵי
כ שָׁמָיִם עַל־הֶהָרִים דְּלָקֻנוּ בַּמִּדְבָּר אָרְבוּ לָנוּ׃ רוּחַ אַפֵּינוּ
מְשִׁיחַ יְהוָה נִלְכַּד בִּשְׁחִיתוֹתָם אֲשֶׁר אָמַרְנוּ בְּצִלּוֹ נִחְיֶה
21 בַגּוֹיִם׃ שִׂישִׂי וְשִׂמְחִי בַּת־אֱדוֹם יוֹשֶׁבְתִּי בְּאֶרֶץ עוּץ
22 גַּם־עָלַיִךְ תַּעֲבָר־כּוֹס תִּשְׁכְּרִי וְתִתְעָרִי׃ תַּם־עֲוֹנֵךְ בַּת־
צִיּוֹן לֹא יוֹסִיף לְהַגְלוֹתֵךְ פָּקַד עֲוֹנֵךְ בַּת־אֱדוֹם גִּלָּה עַל־
חַטֹּאתָיִךְ׃

## Cap. V. ה

ה

א זְכֹר יְהוָה מֶה־הָיָה לָנוּ הַבִּיט וּרְאֵה אֶת־חֶרְפָּתֵנוּ׃
2 3 נַחֲלָתֵנוּ נֶהֶפְכָה לְזָרִים בָּתֵּינוּ לְנָכְרִים׃ יְתוֹמִים הָיִינוּ
4 אֵין אָב אִמֹּתֵינוּ כְּאַלְמָנוֹת׃ מֵימֵינוּ בְּכֶסֶף שָׁתִינוּ עֵצֵינוּ
ה בִּמְחִיר יָבֹאוּ׃ עַל צַוָּארֵנוּ נִרְדָּפְנוּ יָגַעְנוּ לֹא הוּנַח־לָנוּ׃
6 7 מִצְרַיִם נָתַנּוּ יָד אַשּׁוּר לִשְׂבֹּעַ לָחֶם׃ אֲבֹתֵינוּ חָטְאוּ
8 אֵינָם אֲנַחְנוּ עֲוֹנֹתֵיהֶם סָבָלְנוּ׃ עֲבָדִים מָשְׁלוּ בָנוּ פֹּרֵק
9 אֵין מִיָּדָם׃ בְּנַפְשֵׁנוּ נָבִיא לַחְמֵנוּ מִפְּנֵי חֶרֶב הַמִּדְבָּר׃
י 11 עוֹרֵנוּ כְּתַנּוּר נִכְמָרוּ מִפְּנֵי זַלְעֲפוֹת רָעָב׃ נָשִׁים בְּצִיּוֹן
12 עִנּוּ בְּתֻלֹת בְּעָרֵי יְהוּדָה׃ שָׂרִים בְּיָדָם נִתְלוּ פְּנֵי זְקֵנִים
13 לֹא נֶהְדָּרוּ׃ בַּחוּרִים טְחוֹן נָשָׂאוּ וּנְעָרִים בָּעֵץ כָּשָׁלוּ׃
14 טו זְקֵנִים מִשַּׁעַר שָׁבָתוּ בַּחוּרִים מִנְּגִינָתָם׃ שָׁבַת מְשׂוֹשׂ
16 לִבֵּנוּ נֶהְפַּךְ לְאֵבֶל מְחֹלֵנוּ׃ נָפְלָה עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ אוֹי־
17 נָא לָנוּ כִּי חָטָאנוּ׃ עַל־זֶה הָיָה דָוֶה לִבֵּנוּ עַל־אֵלֶּה חָשְׁכוּ
18 19 עֵינֵינוּ׃ עַל הַר־צִיּוֹן שֶׁשָּׁמֵם שׁוּעָלִים הִלְּכוּ־בוֹ׃ אַתָּה
כ יְהוָה לְעוֹלָם תֵּשֵׁב כִּסְאֲךָ לְדוֹר וָדוֹר׃ לָמָּה לָנֶצַח

תשכחנו

ד' v. 16. וזקנים קרי v. 17. עודינו קרי v. 21 יתיר י ה' v. 1. הביטה קרי v. 3. ואין קרי
e. 5. קמץ בז"ק ibid. ולא קרי v. 7. ואינם קרי ibid. ואנחנו קרי

17 אויך די עלטסטע ניט געאכטעט. אונזערע אויגען קוקען אוים נאך היל־
פע פאר אונז, אבער אומזיסט; אונזערע אויסזיכטען און האפנונגען זיינען
18 געווען צו א פאלק וואס קען ניט העלפען. זיי האבען אונז אויף יעדען
טריט פערפאלגט, געהענדיג איבער אונזערע גאסען; עס איז נאהענט אונ־
זער ענדע, עס זיינען אויסגעגאנגען אונזערע טעג מיט דעם אנקומען פון
19 אונזער ענדע. אונזערע פערפאלגער זיינען פלינקער געווען אלס די אד־
לער פון הימעל; אויף די בערג האבען זיי אונז געיאגט, אין וויסטע האבען
20 זיי אויף אונז געלויערט. אונזער לעבענסאטהעם, גאט'ס געזאלבטער,
וואס מיר האבען געדענקט, אז אונטער זיין שוץ וועלען מיר לעבען צווישען
21 די פעלקער — איז אריינגעפאלען אין זייערע נעצען. פרעה זיך און זיי
צופריעדען, טאכטער־אדום, איינוואוינערין פונ'ם לאנד עוץ! אויך צו
דיר וועט קומען דער גיפטבעכער, אויך דו וועסט אויסטרינקען און אויס־
22 לײדיגען איהם. געענדיגט איז דיין זינד, ציון'ס־טאכטער! מעהר
וועט מען דיך ניט פערטרייבען; יעצט האט מען דיין זינד עראינערט,
טאכטער־אדום, עס זיינען אויפגעדעקט דיינע זינד.

## קאפיטעל ה

1 בעטראכט, גאט, וואס אונז איז געשעהען, בעקוק און זעה אונזער שאנדע.
2 אונזער בעזיץ איז אריבער צו בארבארען, אונזערע הייזער — צו פרעמדע.
3 מיר זיינען פאטערלאזע יתומים געווארן, און אונזערע מוטערס—אלמנות.
4 אונזער וואסער צום טרינקען קויפען מיר פאר געלד, אונזער האלץ קומט
5 אונז אן פאר א גרויסען פרייז. ביז'ן האלז זיינען מיר פערפאלגט
געווארען, מיר זיינען מיעד געווארען און קיינע רוהע געהאט.
6 מיר האבען א האנד געגעבען צו מצרים אויך צו אשור, אום זאט צו
זיין מיט ברויט.
7 אונזערע עלטערן האבען געזינדיגט און זיינען ניטא, אבער מיר האבען
פאר זייער זינד געליטען.
8 קנעכט האבען איבער אונז געהערשט—פון זיי קען זיך קיינער ניט רעטען.
9 אין לעבענסגעפאהר פאר'ן שווערד פון דער וויסטע ברייננען מיר
אונזער ברויט.
10 אונזער הויט איז דורכגעברענט ווי א אייוועז פון הונגערפיבער.
11 אין ציון זיינען פרויען געשענדעט געווארען, מיידלאך — אין די שטעדט
פון יהודה.
12 פירשטען זיינען דורך זיי געהאנגען געווארען, מען האט ניט געשוינט
די פערזענליכקייט פון עלטסטע.
13 יונגע מענער האבען מיהלשטיינער געטראגען, אינגלאך זיינען אונטער
האלץ־לאסט געפאלען.
14 פון טהויער זיינען אבגעטהאן געווארען די עלטסטע, פון זייער געזאנג —
די יונגע מענער.
15 עס איז פערשטערט געווארען די פרייד פון אונזער הארצען, צו טרויער
איז פערקעהרט געווארען אונזער טאנץ.
16 עס איז אראבגעפאלען די קרוין פון אונזער קאפ; וועה איז אונז
זינט מיר האבען געזינדיגט.
17 דערפאר ווייטהאגט אונזער הארץ, איבער דעם זיינען פינסטער גע־
ווארען אונזערע אויגען —
18 איבער דער פערוויסטונג פונ'ם בארג ציון, אויף וועלכען עס געהען ארום
פוקסען.
19 דו גאט רעגירסט אייביג, דיין טראהן איז אויף אלע דורות.
20 פאר וואס פערגעסטו אונז אויף לאנג? פערלאזט אונז אויף א לאנגע צייט?

21 תִּשְׁכָּחֵנוּ תַּעַזְבֵנוּ לְאֹרֶךְ יָמִים׃ הֲשִׁיבֵנוּ יְהוָה ׀ אֵלֶיךָ
22 וְנָשׁוּבָה חַדֵּשׁ יָמֵינוּ כְּקֶדֶם׃ כִּי אִם־מָאֹס מְאַסְתָּנוּ קָצַפְתָּ
עָלֵינוּ עַד־מְאֹד׃

השיבנו יהוה אליך ונשובה חדש ימינו כקדם׃ סימן ית״קק׃

סכום פסוקי איכה מאה וחמשים וארבעה. וסימנו יסע קדים בשמים. וחציו לדכא תחת רגליו׃

# קהלת
# LIBER ECCLESIASTAE.

## CAPUT I. א

2 א דִּבְרֵי קֹהֶלֶת בֶּן־דָּוִד מֶלֶךְ בִּירוּשָׁלִָם׃ הֲבֵל הֲבָלִים
3 אָמַר קֹהֶלֶת הֲבֵל הֲבָלִים הַכֹּל הָבֶל׃ מַה־יִּתְרוֹן לָאָדָם
4 בְּכָל־עֲמָלוֹ שֶׁיַּעֲמֹל תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ׃ דּוֹר הֹלֵךְ וְדוֹר בָּא
ה וְהָאָרֶץ לְעוֹלָם עֹמָדֶת׃ וְזָרַח הַשֶּׁמֶשׁ וּבָא הַשָּׁמֶשׁ וְאֶל־
6 מְקוֹמוֹ שׁוֹאֵף זוֹרֵחַ הוּא שָׁם׃ הוֹלֵךְ אֶל־דָּרוֹם וְסוֹבֵב
אֶל־צָפוֹן סוֹבֵב ׀ סֹבֵב הוֹלֵךְ הָרוּחַ וְעַל־סְבִיבֹתָיו שָׁב
7 הָרוּחַ׃ כָּל־הַנְּחָלִים הֹלְכִים אֶל־הַיָּם וְהַיָּם אֵינֶנּוּ מָלֵא
8 אֶל־מְקוֹם שֶׁהַנְּחָלִים הֹלְכִים שָׁם הֵם שָׁבִים לָלָכֶת׃ כָּל־
הַדְּבָרִים יְגֵעִים לֹא־יוּכַל אִישׁ לְדַבֵּר לֹא־תִשְׂבַּע עַיִן
9 לִרְאוֹת וְלֹא־תִמָּלֵא אֹזֶן מִשְּׁמֹעַ׃ מַה־שֶּׁהָיָה הוּא שֶׁיִּהְיֶה
וּמַה־שֶּׁנַּעֲשָׂה הוּא שֶׁיֵּעָשֶׂה וְאֵין כָּל־חָדָשׁ תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ׃
י יֵשׁ דָּבָר שֶׁיֹּאמַר רְאֵה־זֶה חָדָשׁ הוּא כְּבָר הָיָה לְעֹלָמִים
11 אֲשֶׁר הָיָה מִלְּפָנֵנוּ׃ אֵין זִכְרוֹן לָרִאשֹׁנִים וְגַם לָאַחֲרֹנִים
שֶׁיִּהְיוּ לֹא־יִהְיֶה לָהֶם זִכָּרוֹן עִם שֶׁיִּהְיוּ לָאַחֲרֹנָה׃

אני

ה, v. 21. ונשובה קרי

21 ברייננ אונז, אָ גאָט, צוריק צו דיר, וועלען מיר גערען צוריק קומען,
בעניי אונזערע טעג ווי אמאָל !

22 אָבוואָהל דו האָסט אונז פערראַכטעט, ווייל דו ביזט אויף אונז בייז
געוועזען. —

ברייננ אונז, אָ גאָט, צוריק צו דיר, וועלען מיר גערען צוריק קומען,
בעניי אונזערע טעג ווי אַ מאָל !

אין איכה זיינען פינף קאַפּיטלאַך, און הונדערט
פיער־און־פופציג פסוקים. (ח. ש. נ.)

# קהלת

## קאַפּיטעל א

1 (דאָס זיינען) די רייד פון קהלת, דוד'ס זוהן, קעניג פון ירושלים.

2 נאַרישקייט פון נאַרישקייטען, האָט געזאָגט קהלת, נאַרישקייט פון נאַ־
רישקייטען, אַלצדינג איז נאַרישקייט.

3 וואָס קומט שוין גאָר דעם מענשען אַרויס פון זיין גאַנצער מיה, מיט
וועלכער ער מאַטערט זיך אונטער דער זונן ?

4 אַ דור פערגעהט און אַ דור קומט, און די ערד בלייבט שטעהען ווי אימער.

5 די זונן געהט אויף, די זונן געהט אונטער, און דאָרט וואוהין זי האָט גע־
שטרעבט שיינט זי ווייטער.

6 זי געהט קיין דרום־זייט, רינגעלט אַרום צפון־זייט, אין גלייכען קרייז
האַלט זיך דער ווינד און אין זיין קרייז קעהרט זיך אום דער ווינד.

7 אַלע טייכען געהען צום ים און דער ים ווערט ניט פול ; דאָרט, וואו
די טייכען געהען, וועלען זיי ניט אויפהערען צו געהן.

8 יעדער איינער בעמיהעט זיך ; אַ מענש קען זיך גאָר ניט אויסריידען,
אַן אויג קען זיך גאָר ניט זאַט אָנזעהען, און אַן אויער קען זיך גאָר ניט
גענוג אָנהערען.

9 אָבער וואָס עס איז געוועזען, איז און וועט זיין, און וואָס עס האָט זיך
געטהאָן וועט געטהאָן ווערען, און אונטער דער זונן איז מעהר קיין נייעס
ניטאָ.

10 אויב עס דאָ עפּעס וואָס איינער וועט זאָגען : זעה נאָר, עס איז
אַ נייעס ! איז עס שוין געוועזען אין די אַלטע צייטען, פריהער פאַר אונז.

11 עס איז קיין אָנדענקען ניטאָ צו די ערשטע, און צו די לעצטע וועט אויך
קיין אָנדענקען ניט זיין ביי די וואָס וועלען זיין נאָך זיי.

12 13 אֲנִי קֹהֶלֶת הָיִיתִי מֶלֶךְ עַל־יִשְׂרָאֵל בִּירוּשָׁלִָם׃ וְנָתַתִּי
אֶת־לִבִּי לִדְרוֹשׁ וְלָתוּר בַּחָכְמָה עַל כָּל־אֲשֶׁר נַעֲשָׂה תַּחַת
הַשָּׁמָיִם הוּא ׀ עִנְיַן רָע נָתַן אֱלֹהִים לִבְנֵי הָאָדָם לַעֲנוֹת
14 בּוֹ׃ רָאִיתִי אֶת־כָּל־הַמַּעֲשִׂים שֶׁנַּעֲשׂוּ תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ וְהִנֵּה
טו הַכֹּל הֶבֶל וּרְעוּת רוּחַ׃ מְעֻוָּת לֹא־יוּכַל לִתְקֹן וְחֶסְרוֹן
16 לֹא־יוּכַל לְהִמָּנוֹת׃ דִּבַּרְתִּי אֲנִי עִם־לִבִּי לֵאמֹר אֲנִי הִנֵּה
הִגְדַּלְתִּי וְהוֹסַפְתִּי חָכְמָה עַל כָּל־אֲשֶׁר־הָיָה לְפָנַי עַל־
17 יְרוּשָׁלִָם וְלִבִּי רָאָה הַרְבֵּה חָכְמָה וָדָעַת׃ וָאֶתְּנָה לִבִּי
לָדַעַת חָכְמָה וְדַעַת הוֹלֵלוֹת וְשִׂכְלוּת יָדַעְתִּי שֶׁגַּם־זֶה הוּא
18 רַעְיוֹן רוּחַ׃ כִּי בְּרֹב חָכְמָה רָב־כָּעַס וְיוֹסִיף דַּעַת יוֹסִיף
מַכְאוֹב׃

## ב CAP. II. ב

א אָמַרְתִּי אֲנִי בְּלִבִּי לְכָה־נָּא אֲנַסְּכָה בְשִׂמְחָה וּרְאֵה בְטוֹב
2 וְהִנֵּה גַם־הוּא הָבֶל׃ לִשְׂחוֹק אָמַרְתִּי מְהוֹלָל וּלְשִׂמְחָה
3 מַה־זֹּה עֹשָׂה׃ תַּרְתִּי בְלִבִּי לִמְשׁוֹךְ בַּיַּיִן אֶת־בְּשָׂרִי וְלִבִּי
נֹהֵג בַּחָכְמָה וְלֶאֱחֹז בְּסִכְלוּת עַד ׀ אֲשֶׁר אֶרְאֶה אֵי־זֶה
טוֹב לִבְנֵי הָאָדָם אֲשֶׁר יַעֲשׂוּ תַּחַת הַשָּׁמַיִם מִסְפַּר יְמֵי
4 חַיֵּיהֶם׃ הִגְדַּלְתִּי מַעֲשָׂי בָּנִיתִי לִי בָּתִּים נָטַעְתִּי לִי כְּרָמִים׃
ה עָשִׂיתִי לִי גַּנּוֹת וּפַרְדֵּסִים וְנָטַעְתִּי בָהֶם עֵץ כָּל־פֶּרִי׃
6 עָשִׂיתִי לִי בְּרֵכוֹת מָיִם לְהַשְׁקוֹת מֵהֶם יַעַר צוֹמֵחַ עֵצִים׃
7 קָנִיתִי עֲבָדִים וּשְׁפָחוֹת וּבְנֵי־בַיִת הָיָה לִי גַּם מִקְנֶה בָקָר
8 וָצֹאן הַרְבֵּה הָיָה לִי מִכֹּל שֶׁהָיוּ לְפָנַי בִּירוּשָׁלִָם׃ כָּנַסְתִּי
לִי גַּם־כֶּסֶף וְזָהָב וּסְגֻלַּת מְלָכִים וְהַמְּדִינוֹת עָשִׂיתִי לִי
9 שָׁרִים וְשָׁרוֹת וְתַעֲנוּגֹת בְּנֵי הָאָדָם שִׁדָּה וְשִׁדּוֹת׃ וְגָדַלְתִּי
וְהוֹסַפְתִּי מִכֹּל שֶׁהָיָה לְפָנַי בִּירוּשָׁלִָם אַף חָכְמָתִי עָמְדָה
י לִי׃ וְכֹל אֲשֶׁר שָׁאֲלוּ עֵינַי לֹא אָצַלְתִּי מֵהֶם לֹא־מָנַעְתִּי
אֶת־לִבִּי מִכָּל־שִׂמְחָה כִּי־לִבִּי שָׂמֵחַ מִכָּל־עֲמָלִי וְזֶה־הָיָה

חלקי

12 איך קהלת בין געווען קעניג איבער די אידען אין ירושלים.
13 און אַז איך האָב אָבגעגעבען מיין הארץ צו פאָרשען און אונטערזוכען מיט קלוגהייט אַלצדינג וואָס ווערט אָבגעטהאָן אונטער דעם הימעל, (האָב איך איינגעזעהען, אַז) דאָס איז גאָר אַ שלעכטע זאַך וואָס גאָט האָט געגעבען די מענשען זיך צו פּלאָגען דערמיט.
14 איך האָב איינגעזעהען אַז אַלע טהאַטען וואָס ווערען אָבגעטהאָן אונטער דער זונן — אַלצדינג איז נאַרישקייט און אַ בלאָז פון ווינד.
15 וואָס עס איז איינמאָל קרום קען מען ניט אויסגלייכען, און וואָס עס פעהלט קען מען ניט צוצעהלען.
16 איך האָב עס גערעדט צו מיין אייגענע הארץ און געזאָגט: אָט בין איך גרויס געוואָרען, אָנגעזאַמעלט קלוגהייט מעהר ווי אַלע וואָס זיינען געווען פאַר מיר אין ירושלים, מיין הארץ האָט אָנגעזעהן אַ היבשע ביסעל קלוגהייט און קענטניס.
17 און איך האָב אָבגעגעבען מיין הארץ צו ערקענען די קלוגהייט און קענטניס, און בעגרייפען וואַהנזין און נאַרישקייט, האָב איך פערשטאַנען אַז דאָס איז אויך ניט מעהר ווי אַ ווינדיגער געדאַנק.
18 ווייל, וואָס מעהר קלוגהייט איינער האָט, אַלץ מעהר פערדרוס האָט ער, און וואָס מעהר איינער ווייס, אַלץ מעהר וועהטאָג האָט ער.

## קאַפּיטעל ב

1 האָב איך גערעדט אין מיין הארץ: קום, לאָמיר דיך פּרובירען מיט פרייד און לעב אין אַלל דאָס גוטס, אָבער אויך דאָס איז נאַרישקייט.
2 אויף געלעכטער האָב איך געזאָגט: עס איז וואַהנזין, און אויף פרייד — וואָס טהוט עס?
3 איך האָב געטראַכט אין מיין הארצען צוצוציהען מיין לייב מיט וויין און מיין הארץ זאָל זיך פיהרען מיט קלוגהייט, און זיך האַלטען אָן נאַרישקייט, ביז איך וועל איינזעהען וואָס עס איז דאָס בעסטע מענשען קינדער זאָלען טהאָן אונטער'ן הימעל, די געצעהלטע טעג פון זייער לעבען.
4 גרויסע זאַכען האָב איך אויפגעטהאָן. איך האָב געבויעט הייזער, געפּלאַנצט וויינגערטנער,
5 געמאַכט זיך גערטנער און לוסט־גערטנער, און האָב אין זיי געפּלאַנצט אַלערליי פרוכט־בוימער.
6 איך האָב מיר געמאַכט וואַסער־קוואַלען אום מיט זיי אָנצוטרינקען דעם וואַלד מיט בליהענדע בוימער.
7 איך האָב מיר געקויפט דיענער, דיענסטען און הויז־קנעכט האָב איך מיר איינגעשאַפט; אויך פיעלע רינדער און שאָף האָב איך געהאַט, מעהר ווי אַלע פאַר מיר אין ירושלים.
8 איך האָב מיר אויך איינגעזאַמעלט זילבער און גאָלד, אַנטיקען פון קעניגע און לענדער; איך האָב מיר איינגעשאַפט זינגער און זינגערינס, און אַלע פערגעניגענס פון מענשען קינדער, קאַרעטעס און רייטוועגען.
9 און איך בין גרעסער געוואָרען און אָנגעזאַמעלט מעהר פאַר אַלע וואָס זיינען געווען פאַר מיר אין ירושלים, דערביי האָב איך מיין שכל ניט פערלאָרען.
10 און אַלצדינג וואָס מיינע אויגען האָבען פערלאַנגט, האָב איך פון זיי ניט אָבגעווענדעט, איך האָב ניט אָבגעהאַלטען מיין הארץ פון קיין פרייד, ווייל איך האָב געוואָלט מיין הארץ זאָל זיין פרעהליך פאַר דער איינציגער מיה, און דאָס איז אויך געווען מיין (איינציגער) טהייל פון דער גאַנצער אַרבייט.

11 חֶלְקִי מִכָּל־עֲמָלִי׃ וּפָנִיתִי אֲנִי בְּכָל־מַעֲשַׂי שֶׁעָשׂוּ יָדַי
וּבֶעָמָל שֶׁעָמַלְתִּי לַעֲשׂוֹת וְהִנֵּה הַכֹּל הֶבֶל וּרְעוּת רוּחַ
12 וְאֵין יִתְרוֹן תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ׃ וּפָנִיתִי אֲנִי לִרְאוֹת חָכְמָה
וְהוֹלֵלוֹת וְסִכְלוּת כִּי ׀ מֶה הָאָדָם שֶׁיָּבוֹא אַחֲרֵי הַמֶּלֶךְ
13 אֵת אֲשֶׁר־כְּבָר עָשׂוּהוּ׃ וְרָאִיתִי אָנִי שֶׁיֵּשׁ יִתְרוֹן לַחָכְמָה
14 מִן־הַסִּכְלוּת כִּיתְרוֹן הָאוֹר מִן־הַחֹשֶׁךְ׃ הֶחָכָם עֵינָיו בְּרֹאשׁוֹ
וְהַכְּסִיל בַּחֹשֶׁךְ הוֹלֵךְ וְיָדַעְתִּי גַם־אָנִי שֶׁמִּקְרֶה אֶחָד יִקְרֶה
טו אֶת־כֻּלָּם׃ וְאָמַרְתִּי אֲנִי בְּלִבִּי כְּמִקְרֵה הַכְּסִיל גַּם־אֲנִי
יִקְרֵנִי וְלָמָּה חָכַמְתִּי אֲנִי אָז יֹתֵר וְדִבַּרְתִּי בְלִבִּי שֶׁגַּם־זֶה
16 הָבֶל׃ כִּי אֵין זִכְרוֹן לֶחָכָם עִם־הַכְּסִיל לְעוֹלָם בְּשֶׁכְּבָר
הַיָּמִים הַבָּאִים הַכֹּל נִשְׁכָּח וְאֵיךְ יָמוּת הֶחָכָם עִם־הַכְּסִיל׃
17 וְשָׂנֵאתִי אֶת־הַחַיִּים כִּי רַע עָלַי הַמַּעֲשֶׂה שֶׁנַּעֲשָׂה תַּחַת
18 הַשָּׁמֶשׁ כִּי־הַכֹּל הֶבֶל וּרְעוּת רוּחַ׃ וְשָׂנֵאתִי אֲנִי אֶת־כָּל־
עֲמָלִי שֶׁאֲנִי עָמֵל תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ שֶׁאַנִּיחֶנּוּ לָאָדָם שֶׁיִּהְיֶה
19 אַחֲרָי׃ וּמִי יוֹדֵעַ הֶחָכָם יִהְיֶה אוֹ סָכָל וְיִשְׁלַט בְּכָל־
עֲמָלִי שֶׁעָמַלְתִּי וְשֶׁחָכַמְתִּי תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ גַּם־זֶה הָבֶל׃
כ וְסַבּוֹתִי אֲנִי לְיַאֵשׁ אֶת־לִבִּי עַל כָּל־הֶעָמָל שֶׁעָמַלְתִּי תַּחַת
21 הַשָּׁמֶשׁ׃ כִּי־יֵשׁ אָדָם שֶׁעֲמָלוֹ בְּחָכְמָה וּבְדַעַת וּבְכִשְׁרוֹן
וּלְאָדָם שֶׁלֹּא עָמַל־בּוֹ יִתְּנֶנּוּ חֶלְקוֹ גַּם־זֶה הֶבֶל וְרָעָה
22 רַבָּה׃ כִּי מֶה־הֹוֶה לָאָדָם בְּכָל־עֲמָלוֹ וּבְרַעְיוֹן לִבּוֹ שֶׁהוּא
23 עָמֵל תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ׃ כִּי כָל־יָמָיו מַכְאֹבִים וָכַעַס עִנְיָנוֹ
24 גַּם־בַּלַּיְלָה לֹא־שָׁכַב לִבּוֹ גַּם־זֶה הֶבֶל הוּא׃ אֵין־טוֹב
בָּאָדָם שֶׁיֹּאכַל וְשָׁתָה וְהֶרְאָה אֶת־נַפְשׁוֹ טוֹב בַּעֲמָלוֹ גַּם־
כה זֹה רָאִיתִי אָנִי כִּי מִיַּד הָאֱלֹהִים הִיא׃ כִּי מִי יֹאכַל וּמִי
26 יָחוּשׁ חוּץ מִמֶּנִּי׃ כִּי לְאָדָם שֶׁטּוֹב לְפָנָיו נָתַן חָכְמָה וָדַעַת
וְשִׂמְחָה וְלַחוֹטֶא נָתַן עִנְיָן לֶאֱסוֹף וְלִכְנוֹס לָתֵת לְטוֹב
לִפְנֵי הָאֱלֹהִים גַּם־זֶה הֶבֶל וּרְעוּת רוּחַ׃

לכל

16 ע קמץ בז״ק 20. ע בי״א לִיָּאֵשׁ 22. ע בב״א הוה בשוא

11 און איך האָב זיך אַרומגעקוקט אויף אַלעס, וואָס איך האָב אויפֿגעטהאָן, וואָס מיינע הענד האָבען געמאַכט און אויף דער אַרבייט וואָס איך האָב מיך אָנגעהאָרעוועט, ערשט אַלצדינג איז אַ נאַרישקייט, אַ ווינד בלאָז און עס קומט גאָרניט אַרויס אונטער דער זונן.

12 און איך האָב מיך געווענדעט צו בעטראַכטען וואָס עס איז קלוגהייט, וואַהנזין און נאַרישקייט, און וואָס קען אַ מענש אויפטהאָן, וועלכער קומט נאָך צום קעניג ? בלויז וואָס מען האָט שוין פאַר איהם געטהאָן.

13 און איך האָב אײַנגעזעהען אַז דער אונטערשיעד פון קלוגהייט ביז נאַ־רישקייט איז ווי פון ליכט ביז פינסטערניס.

14 דער קלוגער האָט זיינע אויגען אין קאָפּ און דער נאַר געהט אין דער פינסטער, פונדעסטוועגען האָב איך מיך איבערצייגט, אַז וואָס עס טרעפט איינעם טרעפט אויך אַלעמען.

15 דאָך האָב איך צו מיר אַליין געזאָגט : אויב דאָס וואָס עס טרעפט דעם נאַר וועט מיך אויך טרעפען, צו וואָס׳זשע בין איך קליגער געוואָרען ? דאַן בין איך דאָך איבעריג. און איך האָב געטראַכט אין מיין הארצען, אַז דאָס איז אויך נאַרישקייט.

16 ווייל עס בלייבט ניט איבער קיין ערינערונג אויף אייביג ניט פון דעם קלוגען און ניט פון דעם נאַר, ווייל דאָס וואָס עס איז אַ מאָל געווען, וועט פערגעסען ווערען, און שטאַרבט דען ניט דער קלוגער מיט׳ן נאַר צוגלייך ?

17 איך האָב פיינד געקריגען דאָס לעבען, מיך האָט געעקעלט אַלצדינג וואָס ווערט אבגעטהאָן אונטער דער זונן, ווייל אַלעס איז ניט מעהר ווי נאַרישקייט און אַ בלאָז פון ווינד.

18 און איך האָב פיינד געקריגען מיין גאַנצע האָרעוואַניע וואָס איך בעמיה מיך אונטער דער זונן, ווייל איך וועל עס דאַרפען איבערלאָזען פאַר אַ מענשען וואָס וועט זיין נאָך מיר.

19 און ווער ווייס עס, אויב ער וועט זיין אַ קלוגער אָדער אַ נאַר און ער וועט געוועלטיגען איבער מיין גאַנצע מיה אויף וועלכע איך האָב געהאָ־רעוועט און זיך געקליגט אונטער דער זונן ? אויך דאָס איז אַ נאַרישקייט.

20 און איך האָב בעשלאָסען זיך מיאש צו זיין אין מיין הערצען איבער די גאַנצע מיה אויף וואָס איך האָב געהאָרעוועט אונטער דער זונן.

21 ווייל עס איז דאָ אַ מענש, וואָס זיין אַרבייט איז מיט קלוגהייט, וויסענ־שאַפט און געשיקטליכקייט, און צו אַ מענשען, וואָס האָט גאָר דאַרויף ניט געאַרבייט ווערט איבערגעגעבען זיין טהייל ; אויך דאָס איז אַ נאַ־רישקייט און אַ גרויסעס אונרעכט.

22 ווייל וואָס האָט דער מענש פון זיין גאַנצער אַרבייט און פון די געדאַנ־קען פון זיין הארצען מיט וועלכע ער האָט זיך בעמיהט אונטער דער זונן.

23 ווייל אַלע זיינע טעג זיינען פול מיט וועהטאָגען, פעררדרוס איז זיין בע־שעפטיגונג, זאָגאַר ביי נאַכט רוהט ניט זיין האַרץ ; אויך דאָס איז נאַ־רישקייט.

24 עס איז ניטאָ קיין בעסערע זאַך פאַר׳ן מענשען, ווי עסען און טרינקען און לאָזען זיך וואויל געהען ביי זיין אַרבייט, אויך דאָס, האָב איך אײַנגע־זעהען, קומט פון גאָט׳ס האַנד.

25 ווייל ווער האָט נאָך געקענט עסען און געניעסען מעהר ווי איך ?

26 ווייל דעם מענשען, וואָס געפעלט איהם, האָט ער (גאָט) קלוגהייט געגע־בען, וויסענשאַפט און פרייד, און דעם זינדיגען האָט ער געגעבען אַ בעשעפטיגונג צו זאַמלען און צונויפנעהמען, אום דאָס אָוועקצוגעבען יע־נעם וואָס איז געפעלען געוואָרען גאָט ; אויך דאָס איז נאַרישקייט און אַ ווינד בלאָז.

ג

## CAP. III. ג

לַכֹּל זְמָן וְעֵת לְכָל־חֵפֶץ תַּחַת הַשָּׁמָיִם׃ א

עֵת לָלֶדֶת     וְעֵת לָמוּת 2

עֵת לָטַעַת     וְעֵת לַעֲקוֹר נָטוּעַ׃

עֵת לַהֲרוֹג     וְעֵת לִרְפּוֹא 3

עֵת לִפְרוֹץ     וְעֵת לִבְנוֹת׃

עֵת לִבְכּוֹת     וְעֵת לִשְׂחוֹק 4

עֵת סְפוֹד     וְעֵת רְקוֹד׃

עֵת לְהַשְׁלִיךְ אֲבָנִים     וְעֵת כְּנוֹס אֲבָנִים ה

עֵת לַחֲבוֹק     וְעֵת לִרְחֹק מֵחַבֵּק׃

עֵת לְבַקֵּשׁ     וְעֵת לְאַבֵּד 6

עֵת לִשְׁמוֹר     וְעֵת לְהַשְׁלִיךְ׃

עֵת לִקְרוֹעַ     וְעֵת לִתְפּוֹר 7

עֵת לַחֲשׁוֹת     וְעֵת לְדַבֵּר׃

עֵת לֶאֱהֹב     וְעֵת לִשְׂנֹא 8

עֵת מִלְחָמָה     וְעֵת שָׁלוֹם׃

מַה־יִּתְרוֹן הָעוֹשֶׂה בַּאֲשֶׁר הוּא עָמֵל׃ רָאִיתִי אֶת־הָעִנְיָן 9
אֲשֶׁר נָתַן אֱלֹהִים לִבְנֵי הָאָדָם לַעֲנוֹת בּוֹ׃ אֶת־הַכֹּל 11
עָשָׂה יָפֶה בְעִתּוֹ גַּם אֶת־הָעֹלָם נָתַן בְּלִבָּם מִבְּלִי אֲשֶׁר
לֹא־יִמְצָא הָאָדָם אֶת־הַמַּעֲשֶׂה אֲשֶׁר־עָשָׂה הָאֱלֹהִים מֵרֹאשׁ
וְעַד־סוֹף׃ יָדַעְתִּי כִּי אֵין טוֹב בָּם כִּי אִם־לִשְׂמוֹחַ וְלַעֲשׂוֹת 12
טוֹב בְּחַיָּיו׃ וְגַם כָּל־הָאָדָם שֶׁיֹּאכַל וְשָׁתָה וְרָאָה טוֹב 13
בְּכָל־עֲמָלוֹ מַתַּת אֱלֹהִים הִיא׃ יָדַעְתִּי כִּי כָּל־אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה 14
הָאֱלֹהִים הוּא יִהְיֶה לְעוֹלָם עָלָיו אֵין לְהוֹסִיף וּמִמֶּנּוּ אֵין
לִגְרֹעַ וְהָאֱלֹהִים עָשָׂה שֶׁיִּרְאוּ מִלְּפָנָיו׃ מַה־שֶּׁהָיָה כְּבָר טו
הוּא וַאֲשֶׁר לִהְיוֹת כְּבָר הָיָה וְהָאֱלֹהִים יְבַקֵּשׁ אֶת־נִרְדָּף׃
וְעוֹד רָאִיתִי תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ מְקוֹם הַמִּשְׁפָּט שָׁמָּה הָרֶשַׁע 16
וּמְקוֹם הַצֶּדֶק שָׁמָּה הָרָשַׁע׃ אָמַרְתִּי אֲנִי בְּלִבִּי אֶת־הַצַּדִּיק 17

ואת־

## קאפיטעל ג

1 אויף אַלץ איז אַ צייט, און עס איז אַ צייט פאַר יעדע זאַך אונטער'ן הימעל.

2 אַ צייט געבאָרען צו ווערען און אַ צייט צו שטאַרבען, אַ צייט צו פלאַנ־
צען און אַ צייט אויסצורייסען די געפלאַנצטע.

3 אַ צייט צו טוידטען און אַ צייט צו היילען, אַ צייט צו צושטערען און
אַ צייט צו בויען.

4 אַ צייט צו וויינען און אַ צייט צו לאַכען, אַ צייט צו קלאָגען און אַ צייט
צו טאַנצען.

5 אַ צייט צו וואַרפען שטיינער און אַ צייט צונויפצונעהמען שטיינער;
אַ צייט צו האַלזען און אַ צייט צו דערווייטערען זיך פון געהאַלזט צו
ווערען.

6 אַ צייט צו זוכען און אַ צייט צו געפינען; אַ צייט צו בעטען און אַ
צייט צו אוועקוואַרפען;

7 אַ צייט צו צורייסען און אַ צייט צו אויפנעהען; אַ צייט צו שווייגען
און אַ צייט צו רעדען.

8 אַ צייט צו ליעבען און אַ צייט צו בייסען, אַ צייט פון קריעג און אַ
צייט פון פריעדען.

9 וואָס קומט אָבער דערפון ארויס דעם טהוער פון זיין בעמיהען זיך?

10 איך האָב בעטראַכט די בעשעפטיגונג וואָס גאָט האָט געגעבען די מענשען
קינדער זיך צו מאַטערען דערמיט.

11 אַלצדינג האָט ער געמאַכט עס זאָל פאַסען אין צייט; אויך ליעבע צו
דער וועלט האָט זיי אריינגעגעבען אין הארצען, אום דער מענש זאָל
ניט קענען אויסגעפינען דעם צוועק וואָס גאָט האָט געמאַכט פון אָנ־
פאַנג ביז'ן ענדע.

12 איך האָב מיך איבערצייגט, אַז עס איז ניטאָ קיין גוטס אין דעם, און
עס בלייבט בלויז איבער מען זאָל זיך פרעהען און טהאָן גוטס און לעבען.

13 און דאָס וואָס דער מענש עסט, טרינקט און זעהט גוטס פאַר זיין מיה,
איז אויך בלויז וויל גאָט האָט אַזוי געגעבען.

14 איך האָב מיך איבערצייגט, אַז אַלצדינג וואָס גאָט וועט טהאָן וועט פער־
בלייבען אויף אייביג, צו דעם וועט מען ניט קענען צולעגען און פון דעם
וועט מען ניט קענען אראָבנעהמען; אָט אַזוי האָט עס גאָט געמאַכט
אום מען זאָל פירכטען פאַר איהם.

15 וואָס עס איז, איז שוין לאַנג געווען, און וואָס עס וועט זיין, איז שוין
אויך לאַנג געווען; און גאָט זוכט נאָך דעם נאָכפאָלגער.

16 און איך האָב וויטער געזעהן אונטער דער זונן: דאָרט וואו עס דאַרף
זיין גערעכטיגקייט איז אונגערעכטיגקייט און דאָרט, וואו מען ערוואַר־
טעט עהרליכקייט איז אונגערעכטיגקייט.

17 איך האָב מיר געטראַכט אין מיין הארצען, דעם גערעכטען מיט'ן אונ־

וְאֶת־הָרָשָׁע יִשְׁפֹּט הָאֱלֹהִים כִּי־עֵת לְכָל־חֵפֶץ וְעַל כָּל־
18 הַמַּעֲשֶׂה שָׁם׃ אָמַרְתִּי אֲנִי בְּלִבִּי עַל־דִּבְרַת בְּנֵי הָאָדָם
19 לְבָרָם הָאֱלֹהִים וְלִרְאוֹת שְׁהֶם־בְּהֵמָה הֵמָּה לָהֶם׃ כִּי
מִקְרֶה בְנֵי־הָאָדָם וּמִקְרֶה הַבְּהֵמָה וּמִקְרֶה אֶחָד לָהֶם
כְּמוֹת זֶה כֵּן מוֹת זֶה וְרוּחַ אֶחָד לַכֹּל וּמוֹתַר הָאָדָם מִן
כ הַבְּהֵמָה אָיִן כִּי הַכֹּל הָבֶל׃ הַכֹּל הוֹלֵךְ אֶל־מָקוֹם אֶחָד
21 הַכֹּל הָיָה מִן־הֶעָפָר וְהַכֹּל שָׁב אֶל־הֶעָפָר׃ מִי יוֹדֵעַ רוּחַ
בְּנֵי הָאָדָם הָעֹלָה הִיא לְמָעְלָה וְרוּחַ הַבְּהֵמָה הַיֹּרֶדֶת
22 הִיא לְמַטָּה לָאָרֶץ׃ וְרָאִיתִי כִּי אֵין טוֹב מֵאֲשֶׁר יִשְׂמַח
הָאָדָם בְּמַעֲשָׂיו כִּי־הוּא חֶלְקוֹ כִּי מִי יְבִיאֶנּוּ לִרְאוֹת בְּמֶה
שֶׁיִּהְיֶה אַחֲרָיו׃

## CAP. IV ד

ד
א וְשַׁבְתִּי אֲנִי וָאֶרְאֶה אֶת־כָּל־הָעֲשֻׁקִים אֲשֶׁר נַעֲשִׂים תַּחַת
הַשָּׁמֶשׁ וְהִנֵּה ׀ דִּמְעַת הָעֲשֻׁקִים וְאֵין לָהֶם מְנַחֵם וּמִיַּד
2 עֹשְׁקֵיהֶם כֹּחַ וְאֵין לָהֶם מְנַחֵם׃ וְשַׁבֵּחַ אֲנִי אֶת־הַמֵּתִים
3 שֶׁכְּבָר מֵתוּ מִן־הַחַיִּים אֲשֶׁר הֵמָּה חַיִּים עֲדֶנָה׃ וְטוֹב
מִשְּׁנֵיהֶם אֵת אֲשֶׁר־עֲדֶן לֹא הָיָה אֲשֶׁר לֹא־רָאָה אֶת־
4 הַמַּעֲשֶׂה הָרָע אֲשֶׁר נַעֲשָׂה תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ׃ וְרָאִיתִי אֲנִי
אֶת־כָּל־עָמָל וְאֵת כָּל־כִּשְׁרוֹן הַמַּעֲשֶׂה כִּי הִיא קִנְאַת־אִישׁ
ה מֵרֵעֵהוּ גַּם־זֶה הֶבֶל וּרְעוּת רוּחַ׃ הַכְּסִיל חֹבֵק אֶת־יָדָיו
6 וְאֹכֵל אֶת־בְּשָׂרוֹ׃ טוֹב מְלֹא כַף נָחַת מִמְּלֹא חָפְנַיִם עָמָל
7 8 וּרְעוּת רוּחַ׃ וְשַׁבְתִּי אֲנִי וָאֶרְאֶה הֶבֶל תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ׃ יֵשׁ
אֶחָד וְאֵין שֵׁנִי גַּם בֵּן וָאָח אֵין־לוֹ וְאֵין קֵץ לְכָל־עֲמָלוֹ גַּם־
עֵינָיו לֹא־תִשְׂבַּע עֹשֶׁר וּלְמִי ׀ אֲנִי עָמֵל וּמְחַסֵּר אֶת־נַפְשִׁי
9 מִטּוֹבָה גַּם־זֶה הֶבֶל וְעִנְיַן רָע הוּא׃ טוֹבִים הַשְּׁנַיִם מִן
י הָאֶחָד אֲשֶׁר יֵשׁ־לָהֶם שָׂכָר טוֹב בַּעֲמָלָם׃ כִּי אִם־יִפֹּלוּ
הָאֶחָד יָקִים אֶת־חֲבֵרוֹ וְאִילוֹ הָאֶחָד שֶׁיִּפּוֹל וְאֵין שֵׁנִי
להקימו

ג׳ .18 v ו׳ הש׳ בשוא 19 v קמץ בז״ק .22 v המ׳ בסגול ד׳ 1 v למערבאי
מלא ו׳ העשוקים 8 v עינו קרי .10 v ב׳ טעמים

געדעכטען אורטהיילט גאָט, ווייל עס איז דאָ א צייט פאר אַלעמען און
פאר אַלע פּאַסירונגען.
18 איך האָב מיר געטראַכט אין מיין הארצען, איבער דעם וואָס מענשען
בעהויפּטען, אַז גאָט האָט זיי אויסגעקליבען, האָב איך מיך אָבער אי־
בערצייגט, אַז זיי זיינען ניט מעהר ווי פיה.
19 ווייל ווי דער צופאַל איז ביי מענשען קינדער איז דער צופאַל פון פיה
און עס פּאַסירט מיט זיי איינס און דאָסזעלבע; ווי דער שטאַרבט
אַזוי שטאַרבט דער און אַלע האָבען איין גייסט, עס איז ניטאָ קיין אונ־
טערשיעד צווישען מענשען און פיה, ווייל אַלעס איז נאַרישקייט.
20 אַלצדינג געהט אין איין אָרט אריין, אַלצדינג איז געקומען פון שטויב
און אַלצדינג קעהרט זיך אום צו שטויב.
21 ווער ווייס עס, אַז דער גייסט פון מענשען קינדער געהט ארויף און דער
גייסט פון פיה געהט אַרונטער אונטען אין דער ערד?
22 און איך האָב איינגעזעהען, אַז עס איז ניטאָ קיין בעסערע זאַך ווי אַז
דער מענש זאָל זיך פרעהען מיט זיין אַרבייט, ווייל דאָס איז זיין איינציגע
טהייל, ווייל ווער וועט איהם ברענגען ער זאָל זעהן וואָס עס וועט פּאַ־
סירען נאָך איהם?

## קאַפּיטעל ד

1 און איך האָב זיך אומגעקעהרט און בעמערקט אַלע רויבערייען, וואָס
ווערען אָבגעטהאָן אונטער דער זונן; אָט פליעסען די טרערען פון די
בערויבטע און קיינער קען זיי ניט טרייסטען; זייערע אונטערדריקער
בערויבען זייער קראַפט און עס איז ניטאָ ווער עס זאָל זיי טרייסטען.
2 איך בענײדע שוין מעהר די געשטאָרבענע וואָס זיינען לאַנג טוידט, ווי די
לעבעדיגע וואָס לעבען נאָך.
3 און בעסער פון ביידען איז יענעם, וואָס איז נאָך גאָר ניט געבוירען
געוואָרען, וואָס האָט נאָך ניט געזעהן די לומפּעריייען, וואָס ווערען אָב־
געטהאָן אונטער דער זונן.
4 און איך האָב בעטראַכט די גאַנצע מיה און פלייסיגקייט, וואָס קומט בלויז
פון דעם וואָס איינער בענײדעט דעם צווייטען, אויך דאָס איז א נאַ־
רישקייט און א ווינד־בלאָז.
5 דער נאַר פערלעגט די הענד און גריזשעט זיין אייגען פלייש.
6 בעסער איין פולע האַנד מיט רוהע ווי פולע הויפענס מיט מאַטערניש
און זאָרגען.
7 און איך האָב זיך אומגעקעהרט און בעמערקט די נאַרישקייט אונטער
דער זונן.
8 אַט איז איינער וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט, קיין זוהן און קיין
ברודער האָט ער ניט און עס נעהמט גאָר קיין ענדע ניט צו זיין הארע־
וואַניע, זיין אויג ווערט ניט זאַט פון רייכקייט. — „און פאר וועמען
פּלאָג איך זיך און קאַרג מיין אייגען לייב פון דעם גוטען?" — אויך
דאָס איז נאַרישקייט און א שלעכטע בעשעפטיגונג.
9 בעסער זיינען צוויי ווי איינער, ווייל זיי קענען וועניגסטענס גוט בעלוינט
ווערען פאר זייער אַרבייט.
10 אויב איינער פאַלט, הויבט איהם אויף דער אַנדערער. וועה איז אָבער
דעם איינעם וואָס פאַלט, און ער האָט ניט א צווייטען וואָס זאָל איהם
אויפהויבען.

11 לַהֲקִימוֹ׃ גַּם אִם־יִשְׁכְּבוּ שְׁנַיִם וְחַם לָהֶם וּלְאֶחָד אֵיךְ
12 יֵחָם׃ וְאִם־יִתְקְפוֹ הָאֶחָד הַשְּׁנַיִם יַעַמְדוּ נֶגְדּוֹ וְהַחוּט
13 הַמְשֻׁלָּשׁ לֹא בִמְהֵרָה יִנָּתֵק׃ טוֹב יֶלֶד מִסְכֵּן וְחָכָם מִמֶּלֶךְ
14 זָקֵן וּכְסִיל אֲשֶׁר לֹא־יָדַע לְהִזָּהֵר עוֹד׃ כִּי־מִבֵּית הָסוּרִים
טו יָצָא לִמְלֹךְ כִּי גַּם בְּמַלְכוּתוֹ נוֹלַד רָשׁ׃ רָאִיתִי אֶת־כָּל־
הַחַיִּים הַמְהַלְּכִים תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ עִם הַיֶּלֶד הַשֵּׁנִי אֲשֶׁר
16 יַעֲמֹד תַּחְתָּיו׃ אֵין־קֵץ לְכָל־הָעָם לְכֹל אֲשֶׁר־הָיָה לִפְנֵיהֶם
גַּם הָאַחֲרוֹנִים לֹא יִשְׂמְחוּ־בוֹ כִּי־גַם־זֶה הֶבֶל וְרַעְיוֹן רוּחַ׃
17 שְׁמֹר רַגְלְךָ כַּאֲשֶׁר תֵּלֵךְ אֶל־בֵּית הָאֱלֹהִים וְקָרוֹב לִשְׁמֹעַ
מִתֵּת הַכְּסִילִים זָבַח כִּי־אֵינָם יוֹדְעִים לַעֲשׂוֹת רָע׃

## Cap. V. ה

ד

א אַל־תְּבַהֵל עַל־פִּיךָ וְלִבְּךָ אַל־יְמַהֵר לְהוֹצִיא דָבָר לִפְנֵי
הָאֱלֹהִים כִּי הָאֱלֹהִים בַּשָּׁמַיִם וְאַתָּה עַל־הָאָרֶץ עַל־כֵּן
2 יִהְיוּ דְבָרֶיךָ מְעַטִּים׃ כִּי בָּא הַחֲלוֹם בְּרֹב עִנְיָן וְקוֹל כְּסִיל
3 בְּרֹב דְּבָרִים׃ כַּאֲשֶׁר תִּדֹּר נֶדֶר לֵאלֹהִים אַל־תְּאַחֵר לְשַׁלְּמוֹ
4 כִּי אֵין חֵפֶץ בַּכְּסִילִים אֵת אֲשֶׁר־תִּדֹּר שַׁלֵּם׃ טוֹב אֲשֶׁר
ה לֹא־תִדֹּר מִשֶּׁתִּדּוֹר וְלֹא תְשַׁלֵּם׃ אַל־תִּתֵּן אֶת־פִּיךָ לַחֲטִיא
אֶת־בְּשָׂרֶךָ וְאַל־תֹּאמַר לִפְנֵי הַמַּלְאָךְ כִּי שְׁגָגָה הִיא לָמָּה
6 יִקְצֹף הָאֱלֹהִים עַל־קוֹלֶךָ וְחִבֵּל אֶת־מַעֲשֵׂה יָדֶיךָ׃ כִּי בְרֹב
חֲלֹמוֹת וַהֲבָלִים וּדְבָרִים הַרְבֵּה כִּי אֶת־הָאֱלֹהִים יְרָא׃
7 אִם־עֹשֶׁק רָשׁ וְגֵזֶל מִשְׁפָּט וָצֶדֶק תִּרְאֶה בַמְּדִינָה אַל־
תִּתְמַהּ עַל־הַחֵפֶץ כִּי גָבֹהַּ מֵעַל גָּבֹהַּ שֹׁמֵר וּגְבֹהִים עֲלֵיהֶם׃
8 9 וְיִתְרוֹן אֶרֶץ בַּכֹּל הִיא מֶלֶךְ לְשָׂדֶה נֶעֱבָד׃ אֹהֵב כֶּסֶף לֹא־
יִשְׂבַּע כֶּסֶף וּמִי־אֹהֵב בֶּהָמוֹן לֹא תְבוּאָה גַּם־זֶה הָבֶל׃
י בִּרְבוֹת הַטּוֹבָה רַבּוּ אוֹכְלֶיהָ וּמַה־כִּשְׁרוֹן לִבְעָלֶיהָ כִּי
11 אִם־רְאִית עֵינָיו׃ מְתוּקָה שְׁנַת הָעֹבֵד אִם־מְעַט וְאִם־
12 הַרְבֵּה יֹאכֵל וְהַשָּׂבָע לֶעָשִׁיר אֵינֶנּוּ מַנִּיחַ לוֹ לִישׁוֹן׃ יֵשׁ

רעה

ד v. 17. יתיר י   ה v. 8. הוא קרי   v. 10. ראות קרי

11 ווען זאָגאר זיי ליעגעןביידע צוזאמען איז זיי קוים ווארעם, ווי קען איינעם
זיין ווארעם ?
12 און ווען מען זאָל איינעם ארומרינגלען וועלען צוויי זיך שטעלען אנט־
קעגען, און דער דרייפאכער פאָדים וועט ניט אזוי גיך צוריסען ווערען.
13 בעסער איז אן ארעם איינגעל און א קלוגער, ווי אן אלטער קעניג און א
נאר, וועלכער ווייס ניט ווי אכטונג צו געבען אויף זיך.
14 זאָגאר ווען ער קומט ארויס פון געפענגעניס צו הערשען איז ער אויך
גלייך צום אלטען קעניג, וואָס איז געבוירען געוואָרען אָרעם.
15 איך האָב בעטראכט די אלע לעבעדיגע וואָס געהען ארום אונטער דער
זונן און דאָס קינד וואָס וועט פערטרעטען זיין שטעלע.
16 עס איז גאָר ניטאָ קיין ענדע צו די מענשען וואָס זיינען געווען פאר זיי,
אָבער אויך די לעצטע וועלען זיך מיט איהם ניט פרעהען, ווייל אויך
דאָס איז נארישקייט און א ווינד־בלאָז.
17 היט דיין פוס ווען דו געהסט אין גאָט'ס הויז ; ערנעהנטער זיך איינצו־
הערען ווי די נאראָנים ברענגען א אָפפער, ווייל זיי ווייסען זאָגאר ניט,
ווי צו טהאָן שלעכטס.

## קאפּיטעל ה

1 זיי ניט צו גיך מיט'ן מויל און דיין הארץ זאָל זיך ניט איילען ארויסצו־
ברענגען א זאך פאר גאָט, ווייל גאָט איז אויפ'ן הימעל און דו ביזט
אויף דער ערד, דערפאר זאָלען דיינע ווערטער זיין געצעהלט.
2 פונקט ווי א טרוים שטעלט פאָר פיעל זאכען, אזוי איז דעם נאר'ס
שטימע פול מיט ווערטער.
3 ווען דו וועסט געבען א צוזאָג פאר גאָט, זאָלסטו ניט פערשפּעטיגען
איהם צו בעצאהלען, ווייל איהם נוטצען ניט קיין נאראָנים ; וואָס דו
האָסט צוגעזאָגט בעצאָהל.
4 בעסער זאָלסטו ניט צוזאָגען, איידער צוזאָגען און ניט בעצאהלען.
5 ערלויב ניט דיין מויל זינדיג מאכען דיין לייב און זאָג ניט פאר דעם
מלאך : „איך האָב בעגאנגען א פעהלער". צו וואָס זאָל גאָט צערנען
אויף דיין שטימע און פערדארבען וואָס דיינע הענד האָבען געמאכט ?
6 ווייל מיט אלע דיינע טרוימען, און נארישקייטען און פיעלע רייד זאָלסטו
דאָך פירכטען פאר גאָט.
7 אויב דו וועסט זעהן אין א לאנד ווי ארעמע ווערען אונטערדריקט, און
די גערעכטיגקייט און רעכט ווערען פון זיי גערויבט, זאָלסטו זיך דא־
רויף ניט וואונדערען, ווייל איבער יעדען הויכען איז דאָ נאָך א העכערער
אויפצופּאסען, און איבער זיי איז דאָ נאָך א העכערער.
8 און די הויפּט זאך פון א לאנד איז, ווען עס איז ווענינסטענס איבערגע־
בליעבען א קעניג פאר'ן פעלד.
9 ווער עס האָט ליעב געלד, ווערט קיינמאָל ניט זאט מיט געלד, און ווער
עס האָט ליעב הויפענס מענשען זאָלען איהם נאָכגעהן, ברענגט עס איהם
גאָרניט איין ; אויך דאָס איז א נארישקייט.
10 וואָס מעהר גערעטעניש, אלץ מעהר עסער זיינען דאָ, און וואָס פער־
דיענט דערביי דער איינענטהימער אויסער וואָס ער קוקט צו מיט די אוי־
גען.
11 זיס איז דעם ארבייטער'ס שלאָף, אויב ער עסט פיעל אָדער ווענינ ;
דעם רייכען'ס איבערפלוס אָבער לאָזט איהם ניט שלאָפען.

רָעָה חוֹלָה רָאִיתִי תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ עֹשֶׁר שָׁמוּר לִבְעָלָיו
13 לְרָעָתוֹ׃ וְאָבַד הָעֹשֶׁר הַהוּא בְּעִנְיַן רָע וְהוֹלִיד בֵּן וְאֵין
14 בְּיָדוֹ מְאוּמָה׃ כַּאֲשֶׁר יָצָא מִבֶּטֶן אִמּוֹ עָרוֹם יָשׁוּב לָלֶכֶת
טו כְּשֶׁבָּא וּמְאוּמָה לֹא־יִשָּׂא בַעֲמָלוֹ שֶׁיֹּלֵךְ בְּיָדוֹ׃ וְגַם־זֹה
רָעָה חוֹלָה כָּל־עֻמַּת שֶׁבָּא כֵּן יֵלֵךְ וּמַה־יִּתְרוֹן לוֹ שֶׁיַּעֲמֹל
16 לָרוּחַ׃ גַּם כָּל־יָמָיו בַּחֹשֶׁךְ יֹאכֵל וְכָעַס הַרְבֵּה וְחָלְיוֹ
17 וָקָצֶף׃ הִנֵּה אֲשֶׁר־רָאִיתִי אָנִי טוֹב אֲשֶׁר־יָפֶה לֶאֱכוֹל
וְלִשְׁתּוֹת וְלִרְאוֹת טוֹבָה בְּכָל־עֲמָלוֹ ׀ שֶׁיַּעֲמֹל תַּחַת־הַשֶּׁמֶשׁ
מִסְפַּר יְמֵי־חַיָּו אֲשֶׁר־נָתַן־לוֹ הָאֱלֹהִים כִּי־הוּא חֶלְקוֹ׃
18 גַּם כָּל־הָאָדָם אֲשֶׁר נָתַן־לוֹ הָאֱלֹהִים עֹשֶׁר וּנְכָסִים
וְהִשְׁלִיטוֹ לֶאֱכֹל מִמֶּנּוּ וְלָשֵׂאת אֶת־חֶלְקוֹ וְלִשְׂמֹחַ בַּעֲמָלוֹ
19 זֹה מַתַּת אֱלֹהִים הִיא׃ כִּי לֹא הַרְבֵּה יִזְכֹּר אֶת־יְמֵי חַיָּיו
כִּי הָאֱלֹהִים מַעֲנֶה בְּשִׂמְחַת לִבּוֹ׃

## CAP. VI. ו

ו

א יֵשׁ רָעָה אֲשֶׁר רָאִיתִי תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ וְרַבָּה הִיא עַל־הָאָדָם׃
2 אִישׁ אֲשֶׁר יִתֶּן־לוֹ הָאֱלֹהִים עֹשֶׁר וּנְכָסִים וְכָבוֹד וְאֵינֶנּוּ
חָסֵר לְנַפְשׁוֹ ׀ מִכֹּל אֲשֶׁר־יִתְאַוֶּה וְלֹא־יַשְׁלִיטֶנּוּ הָאֱלֹהִים
לֶאֱכֹל מִמֶּנּוּ כִּי אִישׁ נָכְרִי יֹאכְלֶנּוּ זֶה הֶבֶל וָחֳלִי רָע הוּא׃
3 אִם־יוֹלִיד אִישׁ מֵאָה וְשָׁנִים רַבּוֹת יִחְיֶה וְרַב ׀ שֶׁיִּהְיוּ
יְמֵי־שָׁנָיו וְנַפְשׁוֹ לֹא־תִשְׂבַּע מִן־הַטּוֹבָה וְגַם־קְבוּרָה לֹא־
4 הָיְתָה לּוֹ אָמַרְתִּי טוֹב מִמֶּנּוּ הַנָּפֶל׃ כִּי־בַהֶבֶל בָּא וּבַחֹשֶׁךְ
ה יֵלֵךְ וּבַחֹשֶׁךְ שְׁמוֹ יְכֻסֶּה׃ גַּם־שֶׁמֶשׁ לֹא־רָאָה וְלֹא יָדָע
6 נַחַת לָזֶה מִזֶּה׃ וְאִלּוּ חָיָה אֶלֶף שָׁנִים פַּעֲמַיִם וְטוֹבָה
7 לֹא רָאָה הֲלֹא אֶל־מָקוֹם אֶחָד הַכֹּל הוֹלֵךְ׃ כָּל־עֲמַל הָאָדָם
8 לְפִיהוּ וְגַם־הַנֶּפֶשׁ לֹא תִמָּלֵא׃ כִּי מַה־יּוֹתֵר לֶחָכָם מִן־
9 הַכְּסִיל מַה־לֶּעָנִי יוֹדֵעַ לַהֲלֹךְ נֶגֶד הַחַיִּים׃ טוֹב מַרְאֵה
י עֵינַיִם מֵהֲלָךְ־נָפֶשׁ גַּם־זֶה הֶבֶל וּרְעוּת רוּחַ׃ מַה־שֶּׁהָיָה

כבר

ה׳ v. 17. כצ״ל ו׳ v. 10. חצי הספר בפסוקים

12 עס איז דאָ נאָך אַ גרעסערע פּלאָג וואָס איך האָב געזעהן אונטער דער זונן — אָנגעזאַמעלטעס רייכטהום צום שאַדען פון אייגענטהימער.

13 דאָס רייכטהום געהט פערלוירען דורך אַ שלעכטער אונטערנעהמונג, אַ זוהן ווערט געבוירען און ער קריעגט גאָרניט.

14 אָט אַזוי ווי ער איז ארויס פון מוטער־לייב, נאַקעט וועט ער צוריק געהן ווי ער איז געקומען, ער וועט גאָרניט מיטנעהמען פון זיין אַר־בייט אַוועקצופיהרען מיט דער האַנד.

15 דאָס איז אויך אַ שלעכטע קריינק, אָט אַזוי ווי איינער קומט געהט ער אַוועק, און וואָס קומט איהם ארויס פון זיין ארבייט פאַר׳ן ווינד?

16 זיין גאַנצעס לעבען עסט ער אין פינסטערניס, מיט פיעל ערגערניס, קראַנקהייט און פערדרוס.

17 וואָס איך האָב איינגעזעהען פאַר גוט, איז: שעהן צו עסען און טרינקען און זעהן גוטס אין דער ארבייט וואָס מען האָט געמאַכט אונטער דער זונן אין די געצעהלטע עטליכע טעג וואָס גאָט האָט איהם געגעבען, ווייל דאָס איז זיין איינציגער טהייל.

18 יעדער מענש, וואָס גאָט האָט איהם געגעבען רייכטהום און גיטער און איהם געמאַכט געוועלטיגען, זאָל ער דערפון געניעסען, נעהמען זיין טהייל און זיך פרעהען מיט זיין ארבייט, ווייל דאָס איז אַ געשענק פון גאָט.

19 ער זאָל געדענקען, אַז זיינע טעג וועלען ניט זיין צופיעל און אַז גאָט שטימט איין צו זיין גענוס.

## קאַפּיטעל ו

1 עס איז דאָ אַ קריינק וואָס איך האָב געזעהען אונטער דער זונן און שווער ליעגט זי אויף דעם מענשען.

2 דער וועמען גאָט האָט געגעבען רייכטהום און גיטער און עהרע און איהם פעהלט גאָרניט פון אַלץ וואָס ער גלוסט, אבער גאָט האָט איהם ניט גע־געבען די מאַכט צו געניסען דערפון, נאָר אַ פרעמדער פערצעהרט עס; דאָס איז נאַרישקייט און אַ בייזע קריינק.

3 ווען אַ מענש זאָל האָבען זאָגאַר הונדערט קינדער און לעבען פיעלע יאָה־רען, און זיין האַרץ זאָל ניט זאַט ווערען פון דעם גוטס וואָס ער האָט און זאָל זאָגאַר קיין בעערדיגונג ניט האָבען, (אויף דאן) וואָלט איך געזאָגט: עס איז שוין בעסער פון איהם דעם מפּיל־קינד.

4 ווייל ער איז געקומען מיט נאַרישקייט און אין פינסטערניס געהט ער אַוועק, און פינסטערניס פערדעקט זיין נאָמען.

5 ער האָט זאָגאַר די זונן ניט געזעהן און ניט געקענט, דערפאַר איז ער געוועזן גליקליכער פון יענעם.

6 און ווען ער וואָלט זאָגאַר געלעבט צוויי מאָל טויזענד יאָהר וואָלט ער קיין גוטס אַלץ ניט גענאָסען, ווייל סיי ווי סיי געהט ער אויף איין אָרט, וואוהין אַלע געהען.

7 דעם מענשען׳ס גאַנצע ארבייט איז פאַר׳ן מויל און דאָך ווערט דאָס לייב ניט זאַט.

8 און וואָס האָט, ווירקליך, דער קלוגער מעהר פון דעם נאַר? וואָס קומט ארויס דעם ארעמען, וועלכער ווייס שוין ווי צו קעמפּפען געגען לעבען?

9 בעסער איז וואָס מען זעהט מיט די אויגען ווי זעעלען־פאַרשונגען, אבער אויך דאָס איז נאַרישקייט און אַ ווינד־בלאָז.

כְּבָר נִקְרָא שְׁמוֹ וְנוֹדָע אֲשֶׁר־הוּא אָדָם וְלֹא־יוּכַל לָדִין
11 עִם שֶׁהתַּקִּיף מִמֶּנּוּ׃ כִּי יֵשׁ־דְּבָרִים הַרְבֵּה מַרְבִּים הָבֶל
12 מַה־יֹּתֵר לָאָדָם׃ כִּי מִי־יוֹדֵעַ מַה־טּוֹב לָאָדָם בַּחַיִּים
מִסְפַּר יְמֵי־חַיֵּי הֶבְלוֹ וְיַעֲשֵׂם כַּצֵּל אֲשֶׁר מִי־יַגִּיד לָאָדָם
מַה־יִּהְיֶה אַחֲרָיו תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ׃

## Cap. VII. ז

א 2 טוֹב שֵׁם מִשֶּׁמֶן טוֹב וְיוֹם הַמָּוֶת מִיּוֹם הִוָּלְדוֹ׃ טוֹב
לָלֶכֶת אֶל־בֵּית־אֵבֶל מִלֶּכֶת אֶל־בֵּית מִשְׁתֶּה בַּאֲשֶׁר הוּא
3 סוֹף כָּל־הָאָדָם וְהַחַי יִתֵּן אֶל־לִבּוֹ׃ טוֹב כַּעַס מִשְּׂחֹק
4 כִּי־בְרֹעַ פָּנִים יִיטַב לֵב׃ לֵב חֲכָמִים בְּבֵית אֵבֶל וְלֵב
ה כְּסִילִים בְּבֵית שִׂמְחָה׃ טוֹב לִשְׁמֹעַ גַּעֲרַת חָכָם מֵאִישׁ
6 שֹׁמֵעַ שִׁיר כְּסִילִים׃ כִּי כְקוֹל הַסִּירִים תַּחַת הַסִּיר כֵּן
7 שְׂחֹק הַכְּסִיל וְגַם־זֶה הָבֶל׃ כִּי הָעֹשֶׁק יְהוֹלֵל חָכָם
8 וִיאַבֵּד אֶת־לֵב מַתָּנָה׃ טוֹב אַחֲרִית דָּבָר מֵרֵאשִׁיתוֹ טוֹב
9 אֶרֶךְ־רוּחַ מִגְּבַהּ־רוּחַ׃ אַל־תְּבַהֵל בְּרוּחֲךָ לִכְעוֹס כִּי
י כַעַס בְּחֵיק כְּסִילִים יָנוּחַ׃ אַל־תֹּאמַר מֶה הָיָה שֶׁהַיָּמִים
הָרִאשֹׁנִים הָיוּ טוֹבִים מֵאֵלֶּה כִּי לֹא מֵחָכְמָה שָׁאַלְתָּ עַל־
11 12 זֶה׃ טוֹבָה חָכְמָה עִם־נַחֲלָה וְיֹתֵר לְרֹאֵי הַשָּׁמֶשׁ׃ כִּי
בְּצֵל הַחָכְמָה בְּצֵל הַכָּסֶף וְיִתְרוֹן דַּעַת הַחָכְמָה תְּחַיֶּה
13 בְעָלֶיהָ׃ רְאֵה אֶת־מַעֲשֵׂה הָאֱלֹהִים כִּי מִי יוּכַל לְתַקֵּן
14 אֵת אֲשֶׁר עִוְּתוֹ׃ בְּיוֹם טוֹבָה הֱיֵה בְטוֹב וּבְיוֹם רָעָה רְאֵה
גַּם אֶת־זֶה לְעֻמַּת־זֶה עָשָׂה הָאֱלֹהִים עַל־דִּבְרַת שֶׁלֹּא
טו יִמְצָא הָאָדָם אַחֲרָיו מְאוּמָה׃ אֶת־הַכֹּל רָאִיתִי בִּימֵי
הֶבְלִי יֵשׁ צַדִּיק אֹבֵד בְּצִדְקוֹ וְיֵשׁ רָשָׁע מַאֲרִיךְ בְּרָעָתוֹ׃
16 אַל־תְּהִי צַדִּיק הַרְבֵּה וְאַל־תִּתְחַכַּם יוֹתֵר לָמָּה תִּשּׁוֹמֵם׃
17 אַל־תִּרְשַׁע הַרְבֵּה וְאַל־תְּהִי סָכָל לָמָּה תָמוּת בְּלֹא עִתֶּךָ׃
18 טוֹב אֲשֶׁר תֶּאֱחֹז בָּזֶה וְגַם־מִזֶּה אַל־תַּנַּח אֶת־יָדֶךָ כִּי־יְרֵא

אלהים

ר v. 10. יתיר ה — ז v. 1. ט׳ רבתי

10 וואָס עס איז דאָ פון לאַנג האָט שוין אַ נאָמען און עס איז שוין בעקאַנט
וואָס דער מענש דאַרף זיין ; קיינער קען זיך ניט שטעלען מיט דעם
וואָס איז שטאַרקער פון איהם.
11 ווייל עס זיינען דאָ איבריגע ווערטער וואָס פערמעהרען בלויז נאַריש־
קייט ; וואָס קומט דעם מענשען אַרויס דערפון ?
12 ווער ווייס עס וואָס עס איז גוט פאַר'ן מענשען אין לעבען אין זיינע
געצעהלטע נאַרישע טעג וואָס ער פערברענגט ווי אַ שאָטען ? ווער
קען עס זאָגען דעם מענשען וואָס עס וועט זיין נאָך איהם אונטער
דער זונן ?

## קאַפּיטעל ז

1 בעסער אַ נאָמען ווי גוטער אויל, און דער טאָג פון טויט ווי דער גע־
בורטסטאָג.
2 עס איז בעסער צו געהן אין אַ הויז פון טרויער, ווי אין אַ הויז וואו עס
איז אַ מאָהלצייט, ווייל דאָס איז די ענדע פון אַלע מענשען, און דער
לעבעדיגער נעהמט זיך צום האַרצען.
3 בעסער קומער ווי געלעכטער, ווייל מיט אַ זויער געזיכט ווערט בעסער
אויפ'ן האַרצען.
4 דאָס האַרץ פון קלוגע איז אין הויז פון טרויער און דאָס האַרץ פון נאַרען
איז אין הויז פון פרייד.
5 עס איז בעסער צו הערען דעם געשריי פון אַ קלוגען, ווי אַ מענש זאָל
זיך איינהערען צום געזאַנג פון נאַראָנים.
6 ווי דאָס קנאַקען פון דערנער אונטער אַ טאָפּ אַזוי איז דעם נאַר'ס גע־
לעכטער ; אויך דאָס איז אַ נאַרישקייט.
7 ווייל רויבעריי טרייבט פון זינען דעם קלוגען, און אונטערקויפעניש מאַכט
קאַליע דאָס האַרץ.
8 בעסער די ענדע פון אַ זאַך ווי דער אנפאַנג ; אַ געדולדיג וואַרטענדער
איז בעסער פון אַ פרעכען שטאָלצען.
9 אייל זיך ניט צו ווערען ערצערענט, ווייל דאַרען רוהט אין שויס פון
נאַראָנים.
10 זאָג ניט, וואָס איז עס, אַז „פריהעריגע צייטען זיינען געוועזן בעסער
ווי איצטיגע ?" דו פרעגסט דאָס ניט פון קלוגהייט.
11 קלוגהייט פערבונדען מיט'ן בעזיטץ פון גיטער איז גוט, עס איז אָבער
נאָך בעסער פאַר יענע וואָס זעהען די זונן.
12 דער שאָטען פון קלוגהייט איז ווי דער שוטץ פון געלד, פונדעסט־
וועגען איז אָבער דאָס וויסען פון קלוגהייט מעהר, ווייל זי ערנעהרט
דעם וואָס בעזיטצט זי.
13 בעטראַכט נאָר גאָט'ס ווערק, ווער קען עס פערריכטען וואָס ער האָט
פערקרימט ?
14 ווען דאָס גליק שפּיעלט, זיי גליקליך, ווען אין אונגליק זאָלסטו בעמער־
קען, אַז איין זאַך געגען דער אַנדערער האָט גאָט געמאַכט אַזוי פער־
בונדען, אַז דער מענש זאָל נאָך איהם גאַרניט קענען אויסגעפינען.
15 אַלצדינג האָב איך געזעהען אין מיינע נאַרישע טעג, עס איז דאָ אַ גע־
רעכטער וואָס ווערט פערלוירען אין זיין גערעכטיגקייט און אַ פערברעכער
וואָס לעבט לאַנג אין זיינע פערברעכענס.
16 זיי ניט צופיעל גערעכט און זיי ניט צו קלוג ; צו וואָס זאָלסטו ווערען
פערצווייפעלט ?
17 זינדיג ניט צופיעל און זיי ניט קיין נאַר ; פאַר וואָס זאָלסטו שטאַרבען
פאַר דער צייט ?
18 עס איז גוט צו האַלטען איין זאַך און אויך די צווייטע ניט אָבלאָזען פון

19 אֱלֹהִ֖ים יֵצֵ֥א אֶת־כֻּלָּֽם׃ הַֽחָכְמָ֖ה תָּעֹ֣ז לֶחָכָ֑ם מֵֽעֲשָׂרָה֙
כ שַׁלִּיטִ֔ים אֲשֶׁ֥ר הָי֖וּ בָּעִֽיר׃ כִּ֣י אָדָ֔ם אֵ֥ין צַדִּ֖יק בָּאָ֑רֶץ אֲשֶׁ֥ר
21 יַעֲשֶׂה־טּ֖וֹב וְלֹ֥א יֶחֱטָֽא׃ גַּ֤ם לְכָל־הַדְּבָרִים֙ אֲשֶׁ֣ר יְדַבֵּ֔רוּ
22 אַל־תִּתֵּ֖ן לִבֶּ֑ךָ אֲשֶׁ֛ר לֹֽא־תִשְׁמַ֥ע אֶֽת־עַבְדְּךָ֖ מְקַלְלֶֽךָ׃ כִּ֛י
גַּם־פְּעָמִ֥ים רַבּ֖וֹת יָדַ֣ע לִבֶּ֑ךָ אֲשֶׁ֛ר גַּם־*אַ֖תְּ קִלַּ֥לְתָּ אֲחֵרִֽים׃
23 כָּל־זֹ֖ה נִסִּ֣יתִי בַֽחָכְמָ֑ה אָמַ֣רְתִּי אֶחְכָּ֔מָה וְהִ֖יא רְחוֹקָ֥ה
24 כה מִמֶּֽנִּי׃ רָח֖וֹק מַה־שֶּֽׁהָיָ֑ה וְעָמֹ֥ק ׀ עָמֹ֖ק מִ֥י יִמְצָאֶֽנּוּ׃ סַבּ֨וֹתִֽי
אֲנִ֤י וְלִבִּי֙ לָדַ֣עַת וְלָת֔וּר וּבַקֵּ֥שׁ חָכְמָ֖ה וְחֶשְׁבּ֑וֹן וְלָדַ֙עַת֙
26 רֶ֣שַׁע כֶּ֔סֶל וְהַסִּכְל֖וּת הוֹלֵלֽוֹת׃ וּמוֹצֶ֨א אֲנִ֜י מַ֣ר מִמָּ֗וֶת
אֶת־הָֽאִשָּׁה֙ אֲשֶׁר־הִ֨יא מְצוֹדִ֧ים וַחֲרָמִ֛ים לִבָּ֖הּ אֲסוּרִ֣ים
יָדֶ֑יהָ ט֤וֹב לִפְנֵי הָֽאֱלֹהִים֙ יִמָּ֣לֵט מִמֶּ֔נָּה וְחוֹטֵ֖א יִלָּ֥כֶד בָּֽהּ׃
27 רְאֵה֙ זֶ֣ה מָצָ֔אתִי אָמְרָ֖ה קֹהֶ֑לֶת אַחַ֥ת לְאַחַ֖ת לִמְצֹ֥א
28 חֶשְׁבּֽוֹן׃ אֲשֶׁ֛ר עוֹד־בִּקְשָׁ֥ה נַפְשִׁ֖י וְלֹ֣א מָצָ֑אתִי אָדָ֞ם אֶחָ֤ד
29 מֵאֶ֙לֶף֙ מָצָ֔אתִי וְאִשָּׁ֥ה בְכָל־אֵ֖לֶּה לֹ֥א מָצָֽאתִי׃ לְבַד֙ רְאֵה־
זֶ֣ה מָצָ֔אתִי אֲשֶׁ֨ר עָשָׂ֧ה הָאֱלֹהִ֛ים אֶת־הָאָדָ֖ם יָשָׁ֑ר וְהֵ֥מָּה
בִקְשׁ֖וּ חִשְּׁבֹנ֥וֹת רַבִּֽים׃

## CAP. VIII. ח

ח

א מִ֚י כְּהֶ֣חָכָ֔ם וּמִ֥י יוֹדֵ֖עַ פֵּ֣שֶׁר דָּבָ֑ר חָכְמַ֤ת אָדָם֙ תָּאִ֣יר פָּנָ֔יו
2 וְעֹ֥ז פָּנָ֖יו יְשֻׁנֶּֽא׃* אֲנִ֕י פִּי־מֶ֣לֶךְ שְׁמ֔וֹר וְעַ֕ל דִּבְרַ֖ת שְׁבוּעַ֥ת
3 אֱלֹהִֽים׃ אַל־תִּבָּהֵ֤ל מִפָּנָיו֙ תֵּלֵ֔ךְ אַֽל־תַּעֲמֹ֖ד בְּדָבָ֣ר רָ֑ע
4 כִּ֛י כָּל־אֲשֶׁ֥ר יַחְפֹּ֖ץ יַעֲשֶֽׂה׃ בַּאֲשֶׁ֥ר דְּבַר־מֶ֖לֶךְ שִׁלְט֑וֹן וּמִ֥י
ה יֹֽאמַר־ל֖וֹ מַֽה־תַּעֲשֶֽׂה׃ שׁוֹמֵ֣ר מִצְוָ֔ה לֹ֥א יֵדַ֖ע דָּבָ֣ר רָ֑ע וְעֵ֣ת
6 וּמִשְׁפָּ֔ט יֵדַ֖ע לֵ֥ב חָכָֽם׃ כִּ֚י לְכָל־חֵ֔פֶץ יֵ֖שׁ עֵ֣ת וּמִשְׁפָּ֑ט
7 כִּֽי־רָעַ֥ת הָאָדָ֖ם רַבָּ֥ה עָלָֽיו׃ כִּֽי־אֵינֶ֥נּוּ יֹדֵ֖עַ מַה־שֶּׁיִּֽהְיֶ֑ה כִּ֚י
8 כַּאֲשֶׁ֣ר יִֽהְיֶ֔ה מִ֖י יַגִּ֥יד לֽוֹ׃ אֵ֣ין אָדָ֞ם שַׁלִּ֤יט בָּר֙וּחַ֙ לִכְל֣וֹא
אֶת־הָר֔וּחַ וְאֵ֤ין שִׁלְטוֹן֙ בְּי֣וֹם הַמָּ֔וֶת וְאֵ֥ין מִשְׁלַ֖חַת
9 בַּמִּלְחָמָ֑ה וְלֹֽא־יְמַלֵּ֥ט רֶ֖שַׁע אֶת־בְּעָלָֽיו׃ אֶת־כָּל־זֶ֤ה רָאִ֨יתִי֙

ונתון

ז v. 22. אתה קרי   ח v. 1. א׳ במקום ה׳

דער האַנד ; דער גאָטספאַכטיגער געהט אימער אויפ'ן מיטעלוועג.
19 די וויזהייט שטאַרקט דעם קלוגען מעהר ווי צעהן הערשער אין אַ שטאָדט.
20 עס איז ניטאָ קיין גערעכטער מענש אויף דער ערד וואָס זאָל טהאָן בלויז גוטעס און ניט זינדיגען.
21 קימער דיך ניט וואָס מען רעדט איבער דיר ; הער זיך ניט אונטער ווען דיין קנעכט שעלט דיך.
22 ווייל פיעלע מאָל, ווייסטו אַליין, האָסטו אויך אַנדערע געשאָלטען.
23 דאָס אַלעס האָב איך אויסגעפּרובירט מיט קלוגהייט, איך האָב געטראַכט, איך וועל קלוג ווערען, אָבער ווי ווייט דאָס איז נאָך פון מיר!
24 דאָס פערגאַנגענע איז ווייט און טיעף, טיעף, ווער קען עס געפינען.
25 איך האָב זיך אומגעקעהרט און בעשלאָסען צו וויסען, פאָרשען און זוכען קלוגהייט און רעכנונג, צו דערקענען געמיינהייט פון נאַרישקייט, דומהייט פון אונוויסענהייט.
26 און געפונען האָב איך, אַז ביטערער פון טויט איז די פרוי וואָס בעשטעהט פון פאַסטקעס, נעטצען זיינען אין איהר הארץ און שטריק — איהרע הענד ; דאָס בעסטע פאַר גאָט איז, צו ענטלויפען פון איהר, נאָר אַ זינדיגער ווערט געפאַנגען.
27 אַט אַזוי האָב איך עס אויסגעפונען, זאָגט קהלת, איינס מיט אַנאַנדער, אום צו געפינען רעכנונג.
28 נאָך עפּעס פערלאַנגט מיין זעעלע וואָס איך געפין ניט : דאָס איז איין מאַן פון טויזענד האָב איך יאָ געפונען, נאָר איין פרוי צווישען אַלע האָב איך ניט געפונען.
29 אויסער דעם האָב איך אויסגעפונען, אַז גאָט האָט בעשאַפען דעם מענשען איינפאַך, אָבער זיי האָבען געזוכט איהם אויסצוקינסטלען.

## קאַפּיטעל ח

1 ווער איז עס אַזאַ קלוגער און ווער פערשטעהט עס צו געבען ערקלעהרונגען ? אַ מענשען'ס קלוגהייט בעלייכטעט זיין געזיכט און ווילדקייט פערענדערט עס.
2 איך וואָרען דיך, פאָלג וואָס דער קעניג בעפעהלט לויט דיין וואָרט און די שבועה פון גאָט.
3 פערלאָז איהם ניט אין איבעראיילונג, פערוויקעל דיך ניט אין שלעכטע זאַכען, נאָר וואָס ער וויל זאָלסטו טהון.
4 דעם קעניג'ס בעפעהל איז הערשאַפט, און ווער קען איהם זאָגען : וואָס טהוסטו ?
5 דער וואָס איז געטריי צו זיין פליכט ווייס ניט פון קיין שלעכטס ; דעם קלוגענ'ס הארץ ווייס, אַז עס קומט אַ צייט און אַ משפט.
6 ווייל אויף אַלעמען איז דאָ אַ צייט און אַ משפט, ווייל דעם מענשען'ס פערדאָרבענהייט איז גרויס גענוג.
7 קיינער ווייס ניט וואָס עס קען פּאַסירען, און ווער קען עס איהם זאָגען וואָס עס וועט זיין ?
8 קיין מענש בעהערשט דעם גייסט, אום איהם צו קענען איינהאַלטען ; קיינער קען ניט בעהערשען דעם טאָג פון טויט און מען קען ניט ענטלויפען פון קריעג ; פערדאָרבענהייט וועט ניט ראַטעווען איהר אייגענטהימער.
9 דאָס אַלעס האָב איך געזעהען און זיך צוגעקוקט אין מיין הארצען צו

וְנָתוֹן אֶת־לִבִּי לְכָל־מַעֲשֶׂה אֲשֶׁר נַעֲשָׂה תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ עֵת
אֲשֶׁר שָׁלַט הָאָדָם בְּאָדָם לְרַע לוֹ׃ וּבְכֵן רָאִיתִי רְשָׁעִים י
קְבֻרִים וָבָאוּ וּמִמְּקוֹם קָדוֹשׁ יְהַלֵּכוּ וְיִשְׁתַּכְּחוּ בָעִיר אֲשֶׁר
כֵּן־עָשׂוּ גַּם־זֶה הָבֶל׃ אֲשֶׁר אֵין־נַעֲשָׂה פִתְגָם מַעֲשֵׂה 11
הָרָעָה מְהֵרָה עַל־כֵּן מָלֵא לֵב בְּנֵי־הָאָדָם בָּהֶם לַעֲשׂוֹת
רָע׃ אֲשֶׁר חֹטֶא עֹשֶׂה רָע מְאַת וּמַאֲרִיךְ לוֹ כִּי גַּם־יוֹדֵעַ 12
אָנִי אֲשֶׁר יִהְיֶה־טּוֹב לְיִרְאֵי הָאֱלֹהִים אֲשֶׁר יִירְאוּ מִלְּפָנָיו׃
וְטוֹב לֹא־יִהְיֶה לָרָשָׁע וְלֹא־יַאֲרִיךְ יָמִים כַּצֵּל אֲשֶׁר אֵינֶנּוּ 13
יָרֵא מִלִּפְנֵי אֱלֹהִים׃ יֶשׁ־הֶבֶל אֲשֶׁר נַעֲשָׂה עַל־הָאָרֶץ 14
אֲשֶׁר ׀ יֵשׁ צַדִּיקִים אֲשֶׁר מַגִּיעַ אֲלֵהֶם כְּמַעֲשֵׂה הָרְשָׁעִים
וְיֵשׁ רְשָׁעִים שֶׁמַּגִּיעַ אֲלֵהֶם כְּמַעֲשֵׂה הַצַּדִּיקִים אָמַרְתִּי
שֶׁגַּם־זֶה הָבֶל׃ וְשִׁבַּחְתִּי אֲנִי אֶת־הַשִּׂמְחָה אֲשֶׁר אֵין־ טו
טוֹב לָאָדָם תַּחַת הַשֶּׁמֶשׁ כִּי אִם־לֶאֱכוֹל וְלִשְׁתּוֹת וְלִשְׂמוֹחַ
וְהוּא יִלְוֶנּוּ בַעֲמָלוֹ יְמֵי חַיָּיו אֲשֶׁר־נָתַן־לוֹ הָאֱלֹהִים תַּחַת
הַשָּׁמֶשׁ׃ כַּאֲשֶׁר נָתַתִּי אֶת־לִבִּי לָדַעַת חָכְמָה וְלִרְאוֹת 16
אֶת־הָעִנְיָן אֲשֶׁר נַעֲשָׂה עַל־הָאָרֶץ כִּי גַם בַּיּוֹם וּבַלַּיְלָה
שֵׁנָה בְּעֵינָיו אֵינֶנּוּ רֹאֶה׃ וְרָאִיתִי אֶת־כָּל־מַעֲשֵׂה הָאֱלֹהִים 17
כִּי לֹא יוּכַל הָאָדָם לִמְצוֹא אֶת־הַמַּעֲשֶׂה אֲשֶׁר נַעֲשָׂה
תַחַת־הַשֶּׁמֶשׁ בְּשֶׁל אֲשֶׁר יַעֲמֹל הָאָדָם לְבַקֵּשׁ וְלֹא יִמְצָא
וְגַם אִם־יֹאמַר הֶחָכָם לָדַעַת לֹא יוּכַל לִמְצֹא׃

## ט CAP. IX. ט

א כִּי אֶת־כָּל־זֶה נָתַתִּי אֶל־לִבִּי וְלָבוּר אֶת־כָּל־זֶה אֲשֶׁר
הַצַּדִּיקִים וְהַחֲכָמִים וַעֲבָדֵיהֶם בְּיַד הָאֱלֹהִים גַּם־אַהֲבָה
גַם־שִׂנְאָה אֵין יוֹדֵעַ הָאָדָם הַכֹּל לִפְנֵיהֶם׃ הַכֹּל כַּאֲשֶׁר 2
לַכֹּל מִקְרֶה אֶחָד לַצַּדִּיק וְלָרָשָׁע לַטּוֹב וְלַטָּהוֹר וְלַטָּמֵא
וְלַזֹּבֵחַ וְלַאֲשֶׁר אֵינֶנּוּ זֹבֵחַ כַּטּוֹב כַּחֹטֶא הַנִּשְׁבָּע כַּאֲשֶׁר
שְׁבוּעָה יָרֵא׃ זֶה ׀ רָע בְּכֹל אֲשֶׁר־נַעֲשָׂה תַּחַת הַשֶּׁמֶשׁ 3
כִּי־מִקְרֶה אֶחָד לַכֹּל וְגַם לֵב בְּנֵי־הָאָדָם מָלֵא־רָע וְהוֹלֵלוֹת

אַלע זאַכען וואָס ווערען אָבגעטהאָן אונטער דער זונן, ווען איין מענש
הערשט איבער'ן צווייטען אום איהם שלעכטעס צו טהאָן.

10 און אַט אַזוי האָב איך געזעהען פערדערבער, שוין בעגראָבענע, און
קומען גראַדע פון א היילינען פּלאַטץ, זיי געהען אוועק און זייערע פער־
ברעכענס זיינען פערגעסען געוואָרען אין זייער שטאָדט; אויך דאָס איז
נאַרישקייט.

11 ווייל דער אורטהייל איבער א פערברעכען ווערט ניט שנעל דורכגע־
פיהרט, דערפאַר זיינען די מענשליכע הערצער אָנגעפילט מיט זיי צו
טהאָן שלעכטס.

12 ווען א זינדער בעגעהט פערברעכענס הונדערט מאָל און מען וואַרנט
איהם אַלץ, ווייס איך אָבער אַז עס וועט זיין גוט נאָר יענע גאָטס־
פאַרכטיגע וואָס פירכטען פאַר איהם.

13 דעם פערברעכער וועט ניט זיין גוט און ער וועט ניט לענגער לעבען ווי
א שאָטען, ווייל ער האָט קיין פורכט פאַר גאָט.

14 עס איז דאָ א נאַרישקייט אויף דער ערד: פאַראַנען גערעכטע וואָס
מיט זיי פּאַסירט דאָס זעלבע ווי מיט די פערדאָרבענע, און עס זיינען דאָ
פערדאָרבענע, וואָס מיט זיי פּאַסירט דאָס זעלבע ווי מיט די גערעכטע;
איך האָב מיר געטראַכט, אַז אויך דאָס איז נאַרישקייט.

15 געלויבט האָב איך די פרייד, ווייל עס איז ניטאָ קיין בעסערע זאַך
פאַר'ן מענשען אונטער דער זונן ווי עסען, טרינקען און פרעהליך זיין,
און דאָס וועט איהם בעגלייטען אין זיין האַרעוואַניע זיין גאַנצעס לעבען
וואָס גאָט האָט איהם געגעבען אונטער דער זונן.

16 אַזוי ווי איך האָב אָבגעגעבען מיין האַרץ צו שטודירען קלוגהייט און
בעטראַכטען די בעשעפטיגונג וואָס ווערט אָבגעטהאָן אויף דער ערד,
אַז ניט ביי טאָג, ניט ביי נאַכט זעהט ער קיין שלאָף ניט מיט זיינע
אויגען.

17 און ווען איך האָב בעטראַכט אַט די אַלע געטליכע טהאַטען, האָב איך
געזעהן, אַז דער מענש קען ניט געפינען די טהאַט וואָס ווערט אָבגעטהאָן
אונטער דער זונן, ווייל וואָס ער זאָל ניט אַנוועגדען זוכענדיג, געפינט
ער אַלץ גאָר ניט; און זאָגאַר ווען דער קלוגער בעשליעסט שוין צו
וויסען, געפינט ער אַלץ גאָר ניט.

## קאַפּיטעל ט

1 צו דעם אַלעמען האָב איך געגעבען מיין האַרץ, איך זאָל עס פאַר מיר
קלאָר מאַכען, וואָס די גערעכטע און קלוגע און זייערע קנעכט זיינען
אין גאָט'ס האַנד; דער מענש ווייס אויך ניט וואָס עס הייסט ליעבע
אָדער האַס; אַלצדינג איז פאַר זיי גלייך.

2 אַלצדינג איז פאַר אַלעמען, איין זאַך פּאַסירט מיט'ן גערעכטען און מיט'ן
פערברעכער, מיט'ן גוטען און מיט'ן ריינעם, און מיט'ן אונריינעם, מיט
דעם וואָס ברענגט אָפּפער און מיט דעם וואָס ברענגט ניט קיין אָפּפער,
ווי מיט'ן גוטען, אַזוי מיט'ן זינדער, מיט דעם וואָס שווערט זיך ווי מיט
דעם וואָס פירכטעט צו שווערען.

3 אַט דאָס איז דאָס שלעכטע מיט אַלעמען וואָס ווערט אָבגעטהאָן אונ־
טער דער זונן, ווייל איין פּאַסירונג טרעפט אַלעמען, און דאָס האַרץ

4 בִּלְבָבָם בְּחַיֵּיהֶם וְאַחֲרָיו אֶל־הַמֵּתִים׃ כִּי־מִי אֲשֶׁר יְבֻחַר
אֶל כָּל־הַחַיִּים יֵשׁ בִּטָּחוֹן כִּי־לְכֶלֶב חַי הוּא טוֹב מִן
ה הָאַרְיֵה הַמֵּת׃ כִּי הַחַיִּים יוֹדְעִים שֶׁיָּמֻתוּ וְהַמֵּתִים אֵינָם
יוֹדְעִים מְאוּמָה וְאֵין־עוֹד לָהֶם שָׂכָר כִּי נִשְׁכַּח זִכְרָם׃
6 גַּם אַהֲבָתָם גַּם־שִׂנְאָתָם גַּם־קִנְאָתָם כְּבָר אָבָדָה וְחֵלֶק
אֵין־לָהֶם עוֹד לְעוֹלָם בְּכֹל אֲשֶׁר־נַעֲשָׂה תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ׃
7 לֵךְ אֱכֹל בְּשִׂמְחָה לַחְמֶךָ וּשְׁתֵה בְלֶב־טוֹב יֵינֶךָ כִּי כְבָר
8 רָצָה הָאֱלֹהִים אֶת־מַעֲשֶׂיךָ׃ בְּכָל־עֵת יִהְיוּ בְגָדֶיךָ לְבָנִים
9 וְשֶׁמֶן עַל־רֹאשְׁךָ אַל־יֶחְסָר׃ רְאֵה חַיִּים עִם־אִשָּׁה אֲשֶׁר־
אָהַבְתָּ כָּל־יְמֵי חַיֵּי הֶבְלֶךָ אֲשֶׁר נָתַן־לְךָ תַּחַת הַשֶּׁמֶשׁ כֹּל
יְמֵי הֶבְלֶךָ כִּי הוּא חֶלְקְךָ בַּחַיִּים וּבַעֲמָלְךָ אֲשֶׁר־אַתָּה עָמֵל
י תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ׃ כֹּל אֲשֶׁר תִּמְצָא יָדְךָ לַעֲשׂוֹת בְּכֹחֲךָ עֲשֵׂה
כִּי אֵין מַעֲשֶׂה וְחֶשְׁבּוֹן וְדַעַת וְחָכְמָה בִּשְׁאוֹל אֲשֶׁר אַתָּה
11 הֹלֵךְ שָׁמָּה׃ שַׁבְתִּי וְרָאֹה תַחַת־הַשֶּׁמֶשׁ כִּי לֹא לַקַּלִּים
הַמֵּרוֹץ וְלֹא לַגִּבּוֹרִים הַמִּלְחָמָה וְגַם לֹא לַחֲכָמִים לֶחֶם
וְגַם לֹא לַנְּבֹנִים עֹשֶׁר וְגַם לֹא לַיֹּדְעִים חֵן כִּי־עֵת וָפֶגַע
12 יִקְרֶה אֶת־כֻּלָּם׃ כִּי גַּם לֹא־יֵדַע הָאָדָם אֶת־עִתּוֹ כַּדָּגִים
שֶׁנֶּאֱחָזִים בִּמְצוֹדָה רָעָה וְכַצִּפֳּרִים הָאֲחֻזוֹת בַּפָּח כָּהֵם
יוּקָשִׁים בְּנֵי הָאָדָם לְעֵת רָעָה כְּשֶׁתִּפּוֹל עֲלֵיהֶם פִּתְאֹם׃
13 גַּם־זֹה רָאִיתִי חָכְמָה תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ וּגְדוֹלָה הִיא אֵלָי׃
14 עִיר קְטַנָּה וַאֲנָשִׁים בָּהּ מְעָט וּבָא־אֵלֶיהָ מֶלֶךְ גָּדוֹל וְסָבַב
טו אֹתָהּ וּבָנָה עָלֶיהָ מְצוֹדִים גְּדֹלִים׃ וּמָצָא בָהּ אִישׁ מִסְכֵּן
חָכָם וּמִלַּט־הוּא אֶת־הָעִיר בְּחָכְמָתוֹ וְאָדָם לֹא זָכַר אֶת־
16 הָאִישׁ הַמִּסְכֵּן הַהוּא׃ וְאָמַרְתִּי אָנִי טוֹבָה חָכְמָה מִגְּבוּרָה
17 וְחָכְמַת הַמִּסְכֵּן בְּזוּיָה וּדְבָרָיו אֵינָם נִשְׁמָעִים׃ דִּבְרֵי
18 חֲכָמִים בְּנַחַת נִשְׁמָעִים מִזַּעֲקַת מוֹשֵׁל בַּכְּסִילִים׃ טוֹבָה
חָכְמָה מִכְּלֵי קְרָב וְחוֹטֶא אֶחָד יְאַבֵּד טוֹבָה הַרְבֵּה׃



ט v. 4. יחבר קרי

פון מענשען קינדער איז פול מיט בייזקייט און וואהנזין ליעגט אין
זייערע הערצער ביים לעבען, און נאָך דעם געהען זיי צו די טויטע.

4 ווייל ווער עס איז נאָך פעראייניגט מיט׳ן לעבען, האָט נאָך א האָפנונג;
דעם לעבעדיגען הונד איז בעסער ווי דעם טויטען לייב.

5 ווייל די לעבעדיגע ווייסען, אז זיי וועלען שטאַרבען און די טויטע
ווייסען גאָרניט, זיי האָבען מעהר קיין בעלוינונג, ווייל זייער אנדענקען
ווערט פערגעסען.

6 זייער ליעבע, זייער פיינדשאַפט ווי אויך זייער אייפערזוכט, איז שוין
לאַנג פערלוירען געגאַנגען, און זיי האָבען מעהר קיין טהייל אין דער
וועלט, און אין אַלעם וואָס ווערט אָבגעטהאָן אונטער דער זונן.

7 געה עסס דיין ברויט אין פרייד און טרינק דיין ווייז מיט א גוטעם הארץ,
דען גאָט האָט שוין לאַנג בעוויליגט דיינע טהאַטען.

8 צו יעדער צייט זאָלען דיינע קליידער זיין ווייס און אויל זאָל ניט אויס־
פעהלען אויף דיין קאָפּ.

9 געניס ביים לעבען מיט דער פרוי וואָס דו ליעבסט אַלע דיינע נאַרישע
לעבענס טעג וואָס גאָט האָט דיר געגעבען אונטער דער זונן אַלע דיינע
נאַרישע טעג, ווייל דאָס איז דיין טהייל אין לעבען און אין דער האַ־
רעוואַניע וואָס דו האָסט געשאַפען אונטער דער זונן.

10 אַלצדינג וואָס דו געפינסט אין דיין האנד צו טהאָן מיט דיין מאַכט,
טהו! ווייל עס איז ניטאָ קיין אַרבייט, קיין רעכנונג, קיין וויסענשאַפט
און קיין קלוגהייט אין גרוב וואוהין דו געהסט.

11 האָב איך זיך אומגעווענדעט און דערזעהן אונטער דער זונן, אַז ניט די
פלינקע געווינען דעם לויף און ניט די שטאַרקע געווינען די קריעג, און
אויך ניט די קלוגע האָבען ברויט; און די פערשטענדיגע בעזיטצען ניט
קיין רייכטהום און די וויסענדע האָבען ניט קיין לייטזעליגקייט, ווייל
בלויז די צייט און דער צופאַל טרעפען אַלעמען.

12 דער מענש ווייס פּונקט אזוי זיין צייט ווי די פיש וואָס ווערען גע־
כאַפּט אין א בייזער נעטץ און ווי די פויגעל וואָס ווערען געכאַפּט אין
א פאַסטקע; אָט פּונקט ווי זיי ווערען געפאַנגען די מענשען אין א בייז־
זער צייט, ווען זי פאַלט אויף זיי אָן פּלוצלונג.

13 אויך דאָס האָב איך איינגעזעהען אַלס אַ קלוגהייט אונטער דער זונן
און גרויס איז דאָס ביי מיר.

14 א קליין שטעדטעל און מענשען זיינען אין איהר ווענינ און צו איהר
קומט א גרויסער קעניג, בעלאַגערט זי און בויט אַרום איהר גרויסע
פעסטונגען.

15 און עס געפינט זיך אָבער אין איהר אַן אָרעמער קלוגער וואָס ראַטעוועט
די שטאָדט מיט זיין קלוגהייט, און קיין מענש דערמאהנט זיך אַן דעם
אָרעמאַן.

16 און איך האָב מיר געטראַכט אין מיין הארצען, בעסער איז שוין קלוג־
הייט ווי שטאַרקייט, אָבער דעם אָרעמאַנ׳ס קלוגהייט איז געשענדעט
און זיינע רייד הערט מען ניט.

17 די רייד פון קלוגע הערען זיך געלאַסענער ווי דער געשריי פון א הערשער
איבער נאַראָנים.

18 בעסער איז קלוגהייט פון וואפען, און איין זינדער פערלירט פיעל גוטס.

## י CAP. X. י

זְבוּבֵי מָוֶת יַבְאִישׁ יַבִּיעַ שֶׁמֶן רוֹקֵחַ יָקָר מֵחָכְמָה מִכָּבוֹד א
סִכְלוּת מְעָט׃ לֵב חָכָם לִימִינוֹ וְלֵב כְּסִיל לִשְׂמֹאלוֹ׃ וְגַם־ 2 3
בַּדֶּרֶךְ כְּשֶׁהַסָּכָל הֹלֵךְ לִבּוֹ חָסֵר וְאָמַר לַכֹּל סָכָל הוּא׃
אִם־רוּחַ הַמּוֹשֵׁל תַּעֲלֶה עָלֶיךָ מְקוֹמְךָ אַל־תַּנַּח כִּי מַרְפֵּא 4
יַנִּיחַ חֲטָאִים גְּדוֹלִים׃ יֵשׁ רָעָה רָאִיתִי תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ ה
כִּשְׁגָגָה שֶׁיֹּצָא מִלִּפְנֵי הַשַּׁלִּיט׃ נִתַּן הַסֶּכֶל בַּמְּרוֹמִים 6
רַבִּים וַעֲשִׁירִים בַּשֵּׁפֶל יֵשֵׁבוּ׃ רָאִיתִי עֲבָדִים עַל־סוּסִים 7
וְשָׂרִים הֹלְכִים כַּעֲבָדִים עַל־הָאָרֶץ׃ חֹפֵר גּוּמָּץ בּוֹ יִפּוֹל 8
וּפֹרֵץ גָּדֵר יִשְּׁכֶנּוּ נָחָשׁ׃ מַסִּיעַ אֲבָנִים יֵעָצֵב בָּהֶם בּוֹקֵעַ 9
עֵצִים יִסָּכֶן בָּם׃ אִם־קֵהָה הַבַּרְזֶל וְהוּא לֹא־פָנִים קִלְקַל י
וַחֲיָלִים יְגַבֵּר וְיִתְרוֹן הַכְשֵׁיר חָכְמָה׃ אִם־יִשֹּׁךְ הַנָּחָשׁ 11
בְּלוֹא־לָחַשׁ וְאֵין יִתְרוֹן לְבַעַל הַלָּשׁוֹן׃ דִּבְרֵי פִי־חָכָם חֵן 12
וְשִׂפְתוֹת כְּסִיל תְּבַלְּעֶנּוּ׃ תְּחִלַּת דִּבְרֵי־פִיהוּ סִכְלוּת וְאַחֲרִית 13
פִּיהוּ הוֹלֵלוּת רָעָה׃ וְהַסָּכָל יַרְבֶּה דְבָרִים לֹא־יֵדַע הָאָדָם 14
מַה־שֶּׁיִּהְיֶה וַאֲשֶׁר יִהְיֶה מֵאַחֲרָיו מִי יַגִּיד לוֹ׃ עֲמַל טו
הַכְּסִילִים תְּיַגְּעֶנּוּ אֲשֶׁר לֹא־יָדַע לָלֶכֶת אֶל־עִיר׃ אִי־לָךְ 16
אֶרֶץ שֶׁמַּלְכֵּךְ נָעַר וְשָׂרַיִךְ בַּבֹּקֶר יֹאכֵלוּ׃ אַשְׁרֵיךְ אֶרֶץ 17
שֶׁמַּלְכֵּךְ בֶּן־חוֹרִים וְשָׂרַיִךְ בָּעֵת יֹאכֵלוּ בִּגְבוּרָה וְלֹא בַשְּׁתִי׃
בַּעֲצַלְתַּיִם יִמַּךְ הַמְּקָרֶה וּבְשִׁפְלוּת יָדַיִם יִדְלֹף הַבָּיִת׃ 18
לִשְׂחוֹק עֹשִׂים לֶחֶם וְיַיִן יְשַׂמַּח חַיִּים וְהַכֶּסֶף יַעֲנֶה אֶת־ 19
הַכֹּל׃ גַּם בְּמַדָּעֲךָ מֶלֶךְ אַל־תְּקַלֵּל וּבְחַדְרֵי מִשְׁכָּבְךָ אַל־ כ
תְּקַלֵּל עָשִׁיר כִּי עוֹף הַשָּׁמַיִם יוֹלִיךְ אֶת־הַקּוֹל וּבַעַל הַכְּנָפַיִם
יַגִּיד דָּבָר׃

## יא CAP. XI. יא

שַׁלַּח לַחְמְךָ עַל־פְּנֵי הַמָּיִם כִּי־בְרֹב הַיָּמִים תִּמְצָאֶנּוּ׃ א
תֶּן־חֵלֶק לְשִׁבְעָה וְגַם לִשְׁמוֹנָה כִּי לֹא תֵדַע מַה־יִּהְיֶה רָעָה 2
עַל־

ר v. 3. יתיר ה׳   v. 8. דגש אחר שורק   v. 20. יתיר יו

## קאפיטעל י

1 פונקט ווי טוידטע פליעגען פערדארבען און יערען אויף פערפיומירטען
אויל, אזוי וועגט אריבער קלוגהייט אביסעל נארישקייט.
2 דעם קלוגענ׳ס הארץ ליעגט אין דער רעכטער זייט און דעם נאר׳ס
הארץ — אין דער לינקער זייט.
3 און אויף וועלכען וועג דער נאר געהט, פעהלט איהם פערשטאנד;
יעדען דערצעהלט ער, אז ער איז א נאר.
4 ווען דיין הערשער קומט אויף דיר ארויף, זאלסטו ניט פערלאזען דיין
פלאטץ; דורך נאכגיעביגקייט ווישט מען אב גרויסע פעהלער.
5 איך האב געזעהען א בייזע זאך אונטער דער זונן, דאס איז ווען דער
הערשער בעגעהט א פעהלער.
6 די נארישקייט ווערט ארויפגעזעצט אין דער גרויסער הויכקייט און
מאגנאטען ווערען געזעטצט ניעדריג.
7 איך האב געזעהן קנעכט אויף פערד און פירשטען געהען ווי קנעכט
צויף דער ערד.
8 דער וואס גראבט א גרוב פאלט אין איהר אריין, און ווער עס צוברעכט
א פלאנקען ווערט געביסען פון א שלאנג.
9 ווער עס שלעפט שטיינער צוקאליעטשעט זיך אין זיי, ווער עס שפאלט
האלץ איז אין געפאהר דורך זיי.
10 ווען דאס אייזען ווערט שטומפיג און ער האט דאס ניט אויסגעשארפט,
מוז ער פערשטארקערן זיין קראפט, אבער קלוגהייט האט די מעלה פון
פעהיגקייט.
11 ווען א שלאנג האט איינמאל געביסען, העלפט שוין ניט קיין אבשפרע־
כען, אזוי איז אויך מיט דעם מאן מיט דעם שארפען צונג.
12 די רייד פון א קלוגענ׳ס מויל זיינען אנציהענד, און א נאר׳ס ליפען
שלינגען איהם אליין איין.
13 דער אנפאנג פון זיין מויל׳ס רייד איז נארישקייט, די ענדע פון זיין מויל
איז בייזער וואהנזין.
14 און דער נאר פלוידערט פיעל; דער מענש ווייס ניט וואס עס איז
געוועזען, און וואס עס וועט זיין נאך איהם, ווער קען עס איהם זאגען?
15 די ארבייט פון נארנים פערמאטערט איהם, ווייל ער ווייס ניט ווי אריינ־
צוגעהען אין שטאדט.
16 וועה דיר לאנד, וואס דיין קעניג איז א אינגעל און דיינע פירשטען
מאכען מאהלצייטען גאנץ פריה.
17 וואויל דיר, לאנד, וואס דיין קעניג איז א פרייער מענש, דיינע פירסטען
עסען אין דער צייט און גיעבען זיך אב מיט העלדענטהאטען ניט מיט
זויפען.
18 דורך נאכלעסיגקייט ווערט צופאלען דער באלקען און דורך לעדיג־געהן
רעגענט אריין אין הויז.
19 מונטער זיינען יענע וואס שאפען א מאלהצייט; וויין דערפרעהט דאס
לעבען, אבער געלד ברענגט אלצדינג.
20 זאגאר אין דיין געוויסען זאלסטו ניט שעלטען קיין קעניג און אין דיין
שלאף־צימער זאלסטו ניט שעלטען דעם רייכען, ווייל פויגעל פון הי־
מעל פיהרען א שטימע און די געפליעגעלטע גיעבען איבער די רייד.

## קאפיטעל יא

1 ווארף דיין ברויט אויפ׳ן וואסער, ווייל אין א צייט ארום וועסטו עס
געפינען.

3 עַל־הָאָרֶץ: אִם־יִמָּלְאוּ הֶעָבִים גֶּשֶׁם עַל־הָאָרֶץ יָרִיקוּ
וְאִם־יִפּוֹל עֵץ בַּדָּרוֹם וְאִם בַּצָּפוֹן מְקוֹם שֶׁיִּפּוֹל הָעֵץ שָׁם
4 יְהוּא: שֹׁמֵר רוּחַ לֹא יִזְרָע וְרֹאֶה בֶעָבִים לֹא יִקְצוֹר:
ה כַּאֲשֶׁר אֵינְךָ יוֹדֵעַ מַה־דֶּרֶךְ הָרוּחַ כַּעֲצָמִים בְּבֶטֶן הַמְּלֵאָה
כָּכָה לֹא תֵדַע אֶת־מַעֲשֵׂה הָאֱלֹהִים אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה אֶת־
6 הַכֹּל: בַּבֹּקֶר זְרַע אֶת־זַרְעֶךָ וְלָעֶרֶב אַל־תַּנַּח יָדֶךָ כִּי אֵינְךָ
יוֹדֵעַ אֵי זֶה יִכְשַׁר הֲזֶה אוֹ־זֶה וְאִם־שְׁנֵיהֶם כְּאֶחָד טוֹבִים:
7 8 וּמָתוֹק הָאוֹר וְטוֹב לַעֵינַיִם לִרְאוֹת אֶת־הַשָּׁמֶשׁ: כִּי אִם־
שָׁנִים הַרְבֵּה יִחְיֶה הָאָדָם בְּכֻלָּם יִשְׂמָח וְיִזְכֹּר אֶת־יְמֵי
9 הַחֹשֶׁךְ כִּי־הַרְבֵּה יִהְיוּ כָּל־שֶׁבָּא הָבֶל: שְׂמַח בָּחוּר
בְּיַלְדוּתֶךָ וִיטִיבְךָ לִבְּךָ בִּימֵי בְחוּרוֹתֶךָ וְהַלֵּךְ בְּדַרְכֵי
לִבְּךָ וּבְמַרְאֵי עֵינֶיךָ וְדָע כִּי עַל־כָּל־אֵלֶּה יְבִיאֲךָ הָאֱלֹהִים
י בַּמִּשְׁפָּט: וְהָסֵר כַּעַס מִלִּבֶּךָ וְהַעֲבֵר רָעָה מִבְּשָׂרֶךָ כִּי־
הַיַּלְדוּת וְהַשַּׁחֲרוּת הָבֶל:

## CAP. XII. יב

יב

א וּזְכֹר אֶת־בּוֹרְאֶיךָ בִּימֵי בְּחוּרֹתֶיךָ עַד אֲשֶׁר לֹא־יָבֹאוּ יְמֵי
2 הָרָעָה וְהִגִּיעוּ שָׁנִים אֲשֶׁר תֹּאמַר אֵין־לִי בָהֶם חֵפֶץ: עַד
אֲשֶׁר לֹא־תֶחְשַׁךְ הַשֶּׁמֶשׁ וְהָאוֹר וְהַיָּרֵחַ וְהַכּוֹכָבִים וְשָׁבוּ
3 הֶעָבִים אַחַר הַגָּשֶׁם: בַּיּוֹם שֶׁיָּזֻעוּ שֹׁמְרֵי הַבַּיִת וְהִתְעַוְּתוּ
אַנְשֵׁי הֶחָיִל וּבָטְלוּ הַטֹּחֲנוֹת כִּי מִעֵטוּ וְחָשְׁכוּ הָרֹאוֹת
4 בָּאֲרֻבּוֹת: וְסֻגְּרוּ דְלָתַיִם בַּשּׁוּק בִּשְׁפַל קוֹל הַטַּחֲנָה וְיָקוּם
ה לְקוֹל הַצִּפּוֹר וְיִשַּׁחוּ כָּל־בְּנוֹת הַשִּׁיר: גַּם מִגָּבֹהַּ יִרָאוּ
וְחַתְחַתִּים בַּדֶּרֶךְ וְיָנֵאץ הַשָּׁקֵד וְיִסְתַּבֵּל הֶחָגָב וְתָפֵר
הָאֲבִיּוֹנָה כִּי־הֹלֵךְ הָאָדָם אֶל־בֵּית עוֹלָמוֹ וְסָבְבוּ בַשּׁוּק
6 הַסֹּפְדִים: עַד אֲשֶׁר לֹא־יֵרָחֵק חֶבֶל הַכֶּסֶף וְתָרֻץ גֻּלַּת
הַזָּהָב וְתִשָּׁבֶר כַּד עַל־הַמַּבּוּעַ וְנָרֹץ הַגַּלְגַּל אֶל־הַבּוֹר:
7 וְיָשֹׁב הֶעָפָר עַל־הָאָרֶץ כְּשֶׁהָיָה וְהָרוּחַ תָּשׁוּב אֶל־הָאֱלֹהִים

אשר

י״א v. 9. ובמראה קרי. ibid. קמץ בלא אתנח. י״ב v. 1. נ״א בוראך. v. 6. ירתק קרי

2 צוטהייל אויף זיעבען און אויף אכט, ווייל דו ווייסט גאָר ניט וואָס פאַר אַ בייז עס קען קומען אויף דער ערד.

3 ווען די וואָלקענס ווערען פול, לעדיגען זיי אויס דעם רעגען אויף דער ערד; און אויב עס פאַלט אַ שטיק האָלץ אין דרום אָדער אין צפון, אויף דעם אָרט וואו עס איז געפאַלען דאָרט בלייבט עס.

4 ווער עס היט דעם ווינד זעעט ניט, ווער עס קוקט אויף די וואָלקען דער שניידט ניט.

5 אַזוי ווי דו ווייסט ניט דעם וועג פון ווינד, אַזוי ווי דו ווייסט ניט וואָס עס איז אָבגעשלאָסען אין בויך פון אַ שוואַנגערע, פונקט אַזוי ווייסט דו ניט די טהאַטען פון גאָט, וועלכער מאַכט אַלצדינג.

6 אין דער פריה זאָלסטו זייען דיינע זאָמען, אָבער פאַרנאַכט זאָלסטו אויך ניט מיעד ווערען, ווייל ־ו ווייסט ניט וואָס עס וועט גערעאָטען, דאָס אָדער יענעס, אָדערביידע זיינען גוט.

7 און זיס איז דאָס ליכט און עס איז גוט פאַר די אויגען צו זעהן די זונן.

8 ווען דער מענש זאָל זאַגאַר לעבען פיעלע יאָהרען, געניעסען פון אַלעס, זאָל ער זיך אויך דערמאָהנען אַז עס קומען פינסטערע טעג. וועלכע וועלען זיין פיעל; אַלצדינג וואָס פּאַסירט איז נאַרישקייט.

9 פרעה דיך, יונגערמאַן, אין דיין קינדהייט, וועט דיר גוט זיין אויפ׳ן האַר־צען אין די טעג פון דיין יוגענד; און געה אין די וועגען פון דיין האַר־צען און וואָס דיינע אויגען ווייזען דיר, און וויים, אַז אויף דעם אַלעמען וועט דיר גאָט ברענגען פאַר אַ געריכט.

10 און שאַף אָב ערגערניס פון דיין האַרצען און נעהם אַוועק בייזקייט פון דיין לייב, ווייל דיין קינדהייייט, ווי דיין יוגענד איז אַ נאַרישקייט.

## קאַפּיטעל יב

1 און געדענק דיין בעשעפער אין די טעג פון דיין יוגענד ביז ז׳י בייזע טעג קומען אָן און עס רוקען זיך אונטער די יאָהרען ווען דו וועסט זאָגען: „איך דאַרף זיי ניט".

2 ביז די זונן ווערט פינסטער צוזאַמען מיט די ליכט, לבנה און שטערען און די וואָלקען קעהרען צוריק נאָך׳ן רעגען.

3 אין דעם טאָג ווען די הויז־וועכטערס וועלען אויפגעציטערט ווערען, ווען די קריעגסלייט וועלען זיך אויסקריעגען און די מאָלערס וועלען בליי־בען שטעהען לעדיג, ווייל זיי זיינען וועניג, און די קוקערס אין די פענס־טער וועלען דונקעל ווערען, —

4 און די טהירען צו דער גאַס זיינען פערשלאָסען געוואָרען, קוים וואָס עס הערט זיך די שטימע פון דער מיהל, און עס שטעהט אויף צום קרעהען פון האָהן און אַלע טעכטער פון געזאַנג זיינען איינגעבויגען —

5 ווען זיי שרעקען זיך זאָגאַר פאַר אַ הויכקייט און ציטערען צו ליעגען אויפ׳ן וועג, עס בליהט בלויז אַ מאַנדעל־בוים און אַ היישעריק ריהרט זיך — דאַן פערלאָזט אונז די ליידענשאַפט, ווייל דער מענש געהט צו זיין אייביגער היים, און די קלעגערס פערזאַמלען זיך אין גאַס.

6 ביז דער זילבערנער שנור ווערט פערוויקעלט און דער גאָלדענער רינג אַנטלויפט און ביז דער עמער צוברעכט זיך אַן ברונען און די ראַד פאַלט אַריין אין גרוב.

7 און דער שטויב קעהרט זיך אום צו דער ערד ווי געוועזן און דער גייסט קעהרט זיך אום צו גאָט, וואָס האָט איהם געגעבען!

אֲשֶׁ֥ר נְתָנָֽהּ׃ הֲבֵ֧ל הֲבָלִ֛ים אָמַ֥ר הַקּוֹהֶ֖לֶת הַכֹּ֥ל הָֽבֶל׃ 8
וְיֹתֵ֕ר שֶׁהָיָ֥ה קֹהֶ֖לֶת חָכָ֑ם ע֗וֹד לִמַּד־דַּ֙עַת֙ אֶת־הָעָ֔ם וְאִזֵּ֣ן 9
וְחִקֵּ֔ר תִּקֵּ֖ן מְשָׁלִ֥ים הַרְבֵּֽה׃ בִּקֵּ֣שׁ קֹהֶ֔לֶת לִמְצֹ֖א דִּבְרֵי־ י
חֵ֑פֶץ וְכָת֥וּב יֹ֖שֶׁר דִּבְרֵ֥י אֱמֶֽת׃ דִּבְרֵ֤י חֲכָמִים֙ כַּדָּ֣רְבֹנ֔וֹת 11
וּֽכְמַשְׂמְר֥וֹת נְטוּעִ֖ים בַּעֲלֵ֣י אֲסֻפּ֑וֹת נִתְּנ֖וּ מֵרֹעֶ֥ה אֶחָֽד׃ וְיֹתֵ֥ר 12
מֵהֵ֖מָּה בְּנִ֣י הִזָּהֵ֑ר עֲשׂ֨וֹת סְפָרִ֤ים הַרְבֵּה֙ אֵ֣ין קֵ֔ץ וְלַ֥הַג
הַרְבֵּ֖ה יְגִעַ֥ת בָּשָֽׂר׃ ס֥וֹף דָּבָ֖ר הַכֹּ֣ל נִשְׁמָ֑ע אֶת־הָאֱלֹהִ֤ים 13
יְרָא֙ וְאֶת־מִצְוֺתָ֣יו שְׁמ֔וֹר כִּי־זֶ֖ה כָּל־הָאָדָֽם׃ כִּ֤י אֶת־כָּל־ 14
מַעֲשֶׂ֔ה הָאֱלֹהִ֛ים יָבִ֥א בְמִשְׁפָּ֖ט עַ֣ל כָּל־נֶעְלָ֑ם אִם־ט֖וֹב
וְאִם־רָֽע׃

סוף דבר הכל נשמע את האלהים ירא ואת מצותיו שמור כי זה
כל האדם׃ סימן יתק״ק

סכום פסוקי דספר קהלת מאתים ועשרים ושנים. וסימנו מה
שהיה כבר נקרא שמו. וגם חציו מה שהיה כבר נקרא שמו.
וסדריו ארבעה. וסימנו אבא כם אודה יה׃

# אסתר

# LIBER ESTHERAE.

## CAPUT I. א

וַיְהִ֖י בִּימֵ֣י אֲחַשְׁוֵר֑וֹשׁ ה֣וּא אֲחַשְׁוֵר֗וֹשׁ הַמֹּלֵךְ֙ מֵהֹ֣דּוּ וְעַד־ א
כּ֔וּשׁ שֶׁ֛בַע וְעֶשְׂרִ֥ים וּמֵאָ֖ה מְדִינָֽה׃ בַּיָּמִ֖ים הָהֵ֑ם כְּשֶׁ֣בֶת ׀ 2
הַמֶּ֣לֶךְ אֲחַשְׁוֵר֗וֹשׁ עַ֚ל כִּסֵּ֣א מַלְכוּת֔וֹ אֲשֶׁ֖ר בְּשׁוּשַׁ֥ן הַבִּירָֽה׃
בִּשְׁנַ֤ת שָׁלוֹשׁ֙ לְמָלְכ֔וֹ עָשָׂ֣ה מִשְׁתֶּ֔ה לְכָל־שָׂרָ֖יו וַעֲבָדָ֑יו 3
חֵ֣יל ׀ פָּרַ֣ס וּמָדַ֗י הַֽפַּרְתְּמִ֛ים וְשָׂרֵ֥י הַמְּדִינ֖וֹת לְפָנָֽיו׃

בהראותו

יב v. 13. ס׳ רבתי   א v. 3. כ״א ר׳ בקמץ

8 נאַרישקייט פון נאַרישקייטען, האָט געזאָגט קהלת, אַלעם איז נאַרישקייט.

9 און אויסער דעם וואָס קהלת איז געווען אַ קלוגער, האָט ער אויך געלערנט דאָס פאָלק וויסענשאַפט, און ער האָט געוואויגען און געפאָרשט און פערפאַסט פיעל שפּריכווערטער.

10 קהלת האָט געזוכט צו געפינען ניטצליכע זאַכען און ער האָט אויפגעשריעבען ריכטיגע און וואהרהייטליכע ווערטער.

11 די רייד פון קלוגע זיינען ווי שטאַנגען און ווי בעפעסטיגטע פלעקער זיינען די רייד פון די זאַמלער; זיי זיינען געגעבען געוואָרען פון איין הירט.

12 און נאָך מעהר פון זיי, מיין זוהן, היט זיך פון שרייבען פיעל ביכער, וואָס האָבען קיין ענדע. פיעל פלוידערען איז בלויז אַ פערמאַטערונג פאַר'ן קערפּער.

13 די ענדע פון דער זאַך, אַלצדינג איז שוין געהערט געוואָרען, האָט פורכט פאַר גאָט און היט אָב זיינע געבאָט, ווייל דאָס איז דער גאַנצער מענש.

14 ווייל אַלע טהאַטען וועט גאָט ברענגען פאַר אַ געריכט, אויף אַלעם וואָס איז פערבאָרגען, גוט אָדער שלעכט.

די ענדע פון דער זאַך, אַלצדינג איז שוין געהערט געוואָרען, האָט פורכט פאַר גאָט און היט אָב זיינע געבאָט, ווייל דאָס איז דער גאַנצער מענש.

אין קהלת געפינען זיך צוויי הונדערט און צוויי
און צוואַנציג פסוקים און צוועלף קאַפּיטלאַך.

חזק.

# אסתר

## קאַפּיטעל א

1 און עס איז געשעהן אין די צייטען פון אחשורוש, וועלכער האָט רעגיערט פון הדו ביז כוש איבער הונדערט זיעבען און צוואַנציג לענדער.

2 אין יענעם טאָג איז דער קעניג אחשורוש געזעסען אויף זיין קעניגליכען טהראָן אין דער הויפּטשטאָדט שושן.

3 אין דריטען יאָהר פון זיין רעגיערען האָט ער געמאַכט אַ מאָהלצייט פאַר אַלע זיינע קנעכט, די אַרמעען פון פרס און מדי, פאַר די עדעל לייט און רעגיערונגס בעאַמטע זיינע.

4 בְּהַרְאֹתוֹ אֶת־עֹשֶׁר כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ וְאֶת־יְקָר תִּפְאֶרֶת
ה גְּדוּלָּתוֹ יָמִים רַבִּים שְׁמוֹנִים וּמְאַת יוֹם׃ וּבִמְלוֹאת ׀ הַיָּמִים
הָאֵלֶּה עָשָׂה הַמֶּלֶךְ לְכָל־הָעָם הַנִּמְצְאִים בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה
לְמִגָּדוֹל וְעַד־קָטָן מִשְׁתֶּה שִׁבְעַת יָמִים בַּחֲצַר גִּנַּת בִּיתַן
6 הַמֶּלֶךְ׃ חוּר ׀ כַּרְפַּס וּתְכֵלֶת אָחוּז בְּחַבְלֵי־בוּץ וְאַרְגָּמָן
עַל־גְּלִילֵי כֶסֶף וְעַמּוּדֵי שֵׁשׁ מִטּוֹת ׀ זָהָב וָכֶסֶף עַל רִצְפַת
7 בַּהַט־וָשֵׁשׁ וְדַר וְסֹחָרֶת׃ וְהַשְׁקוֹת בִּכְלֵי זָהָב וְכֵלִים
8 מִכֵּלִים שׁוֹנִים וְיֵין מַלְכוּת רָב כְּיַד הַמֶּלֶךְ׃ וְהַשְּׁתִיָּה
כַדָּת אֵין אֹנֵס כִּי־כֵן ׀ יִסַּד הַמֶּלֶךְ עַל כָּל־רַב בֵּיתוֹ
9 לַעֲשׂוֹת כִּרְצוֹן אִישׁ־וָאִישׁ׃ גַּם וַשְׁתִּי הַמַּלְכָּה עָשְׂתָה
י מִשְׁתֵּה נָשִׁים בֵּית הַמַּלְכוּת אֲשֶׁר לַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ׃ בַּיּוֹם
הַשְּׁבִיעִי כְּטוֹב לֵב־הַמֶּלֶךְ בַּיָּיִן אָמַר לִמְהוּמָן בִּזְּתָא
חַרְבוֹנָא בִּגְתָא וַאֲבַגְתָא זֵתַר וְכַרְכַּס שִׁבְעַת הַסָּרִיסִים
11 הַמְשָׁרְתִים אֶת־פְּנֵי הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ׃ לְהָבִיא אֶת־
וַשְׁתִּי הַמַּלְכָּה לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ בְּכֶתֶר מַלְכוּת לְהַרְאוֹת הָעַמִּים
12 וְהַשָּׂרִים אֶת־יָפְיָהּ כִּי־טוֹבַת מַרְאֶה הִיא׃ וַתְּמָאֵן הַמַּלְכָּה
וַשְׁתִּי לָבוֹא בִּדְבַר הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר בְּיַד הַסָּרִיסִים וַיִּקְצֹף
13 הַמֶּלֶךְ מְאֹד וַחֲמָתוֹ בָּעֲרָה בוֹ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ
לַחֲכָמִים יֹדְעֵי הָעִתִּים כִּי־כֵן דְּבַר הַמֶּלֶךְ לִפְנֵי כָּל־יֹדְעֵי
14 דָּת וָדִין׃ וְהַקָּרֹב אֵלָיו כַּרְשְׁנָא שֵׁתָר אַדְמָתָא תַרְשִׁישׁ
מֶרֶס מַרְסְנָא מְמוּכָן שִׁבְעַת שָׂרֵי ׀ פָּרַס וּמָדַי רֹאֵי פְּנֵי
טו הַמֶּלֶךְ הַיֹּשְׁבִים רִאשֹׁנָה בַּמַּלְכוּת׃ כְּדָת מַה־לַּעֲשׂוֹת
בַּמַּלְכָּה וַשְׁתִּי עַל ׀ אֲשֶׁר לֹא־עָשְׂתָה אֶת־מַאֲמַר הַמֶּלֶךְ
16 אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ בְּיַד הַסָּרִיסִים׃ וַיֹּאמֶר מוּמְכָן לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ
וְהַשָּׂרִים לֹא עַל־הַמֶּלֶךְ לְבַדּוֹ עָוְתָה וַשְׁתִּי הַמַּלְכָּה כִּי
עַל־כָּל־הַשָּׂרִים וְעַל־כָּל־הָעַמִּים אֲשֶׁר בְּכָל־מְדִינוֹת
17 הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ׃ כִּי־יֵצֵא דְבַר־הַמַּלְכָּה עַל־כָּל־הַנָּשִׁים

להבזות

v. 5. ובמלאות קרי   v. 6. ח׳ רבתי   v. 14. בנ״א הר׳ בקמץ   v. 16. ממוכן קרי

4 ווייזענדיג די רייכטהום פון זיין גרויסע קעניגרייך, און די זעלטענהייט פון זיין מאיעסטעטישע גרויסקייט, פיעל טעג — הונדערט מיט אכציג טעג.

5 אז דיעזע טעג זיינען פאראיבער האט דער קעניג געמאכט פאר דאס גאנ־צע פאלק, וואס געפינט זיך אין שושן, די הויפט־שטאדט, פון גרויס ביז קליין, א זיעבען־טעגיגען באל אין הויף פון קעניג'ס שלאס־גארטען.

6 ווייסע, גרינע און בלויע פארהאנגען זיינען בעפעסטיגט געווארען מיט ליינען און פורפור־שניר אויף זילבערנע רינגען און מארמאר־זיילען; זילבערנע און גאלדענע בעטען זיינען געשטאנען אויף דילען אויסגעזעצט פון פארפירען, מארמאר, דר און סחרת.

7 דער טרינקען געבען איז געווען אין גאלדענע כלים און אנדערע פערשיע־דענע כלים, דער קעניגליכער וויין איז פיעל געווען לויט דעם קעניג'ס פערמעגען.

8 דאס טרינקען איז געווען לויט דאס געזעץ — ניט געצוואונגען; ווארים אזוי האט דער קעניג פעראָרדנעט אלע גרעסטע פון זיין הויז צופריעדען צו שטעלען יעדער מענש.

9 אויך ושתי די קעניגין האט געמאכט א פרויען־באל אין'ם קעניגליכען הויז וואס האט געהערט צום קעניג אחשורוש.

10 אויפ'ן זיעבענטען טאג אז דעם קעניג'ס הארץ איז פרעהליך געווען פונ'ם וויין, האט ער געזאגט צו מהומן, בזתא, חרבונא, בגתא, אבגתא, זתר און כרכס, די זיעבען הויפטבעדינטע, וועלכע האבען אחשורוש'ן בע־דיענט

11 מען זאל ברייננגען די קעניגין ושתי צום קעניג אין קעניגליכען קרוין, אום צו ווייזען די פערזאמעלטע און פירסטען איהר שעהנהייט, ווי שעהן זי איז אויפ'ן אויסזעהען.

12 די קעניגין ושתי האט אבער ניט געוואלט קומען אויפ'ן קעניג'ס ווארט, דורך די הויפבעדיענטע. דער קעניג איז זעהר בייז געווארען און זיין צארן האט אין איהם געברענט.

13 דאן האט דער קעניג ערקלעהרט צו די קלוגע, און צייטען־קענער, אז דעם קעניג'ס ווארט איז פארגעלעגט פאר די געזעץ־ און רעכט־קענער,

14 אויך צו יעדערן וואס איז נאהענט צו איהם, ווי—כרשנא, שתר, אדמתא, תרשיש, מרס, מרסנא און ממוכן די זיעבען פירסטען פון פרס און מדי, וואס זעהען דעם קעניג פערזענליך און זיצען די ערשטע אין קעניגרייך

15 וואס פאר א געזעץ עס זאל דורכגעפיהרט ווערען אויף די קעניגין ושתי ווייל זי האט ניט געטהאן דאס הייסען פון קעניג אחשורוש דורך די הויפ־דיענער.

16 האט ממוכן געזאגט פאר'ן קעניג און די פירסטען: „ניט קעגען דעם קעניג אליין האט קעניגין ושתי א פערברעכען בעגאנגען, נאר קעגען אלע פירסטען און אלע פעלקער וואס אין אלע פראווינצען פונ'ם קעניג אחשורוש.

17 ווארים דער קעניגין'ס פאקט וועט פונאנדערגעהן צו אלע פרויען צו פער־אכטען זייערע מענער אין זייערע אויגען; זיי וועלען דאך זאגען: אויך

לְהַבְזוֹת בַּעְלֵיהֶן בְּעֵינֵיהֶן בְּאָמְרָם הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ אָמַר
18 לְהָבִיא אֶת־וַשְׁתִּי הַמַּלְכָּה לְפָנָיו וְלֹא־בָאָה׃ וְהַיּוֹם הַזֶּה
תֹּאמַרְנָה ׀ שָׂרוֹת פָּרַס־וּמָדַי אֲשֶׁר שָׁמְעוּ אֶת־דְּבַר הַמַּלְכָּה
19 לְכֹל שָׂרֵי הַמֶּלֶךְ וּכְדַי בִּזָּיוֹן וָקָצֶף׃ אִם־עַל־הַמֶּלֶךְ טוֹב
יֵצֵא דְבַר־מַלְכוּת מִלְּפָנָיו וְיִכָּתֵב בְּדָתֵי פָרַס־וּמָדַי וְלֹא
יַעֲבוֹר אֲשֶׁר לֹא־תָבוֹא וַשְׁתִּי לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ
כ וּמַלְכוּתָהּ יִתֵּן הַמֶּלֶךְ לִרְעוּתָהּ הַטּוֹבָה מִמֶּנָּה׃ וְנִשְׁמַע
פִּתְגָם הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר־יַעֲשֶׂה בְּכָל־מַלְכוּתוֹ כִּי רַבָּה הִיא
21 וְכָל־הַנָּשִׁים יִתְּנוּ יְקָר לְבַעְלֵיהֶן לְמִגָּדוֹל וְעַד־קָטָן׃ וַיִּיטַב
הַדָּבָר בְּעֵינֵי הַמֶּלֶךְ וְהַשָּׂרִים וַיַּעַשׂ הַמֶּלֶךְ כִּדְבַר מְמוּכָן׃
22 וַיִּשְׁלַח סְפָרִים אֶל־כָּל־מְדִינוֹת הַמֶּלֶךְ אֶל־מְדִינָה וּמְדִינָה
כִּכְתָבָהּ וְאֶל־עַם וָעָם כִּלְשׁוֹנוֹ לִהְיוֹת כָּל־אִישׁ שֹׂרֵר
בְּבֵיתוֹ וּמְדַבֵּר כִּלְשׁוֹן עַמּוֹ׃

## ב CAP. II. ב

א אַחַר הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה כְּשֹׁךְ חֲמַת הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ זָכַר
אֶת־וַשְׁתִּי וְאֵת אֲשֶׁר־עָשָׂתָה וְאֵת אֲשֶׁר־נִגְזַר עָלֶיהָ׃
2 וַיֹּאמְרוּ נַעֲרֵי־הַמֶּלֶךְ מְשָׁרְתָיו יְבַקְשׁוּ לַמֶּלֶךְ נְעָרוֹת בְּתוּלוֹת
3 טוֹבוֹת מַרְאֶה׃ וְיַפְקֵד הַמֶּלֶךְ פְּקִידִים בְּכָל־מְדִינוֹת
מַלְכוּתוֹ וְיִקְבְּצוּ אֶת־כָּל־נַעֲרָה־בְתוּלָה טוֹבַת מַרְאֶה אֶל־
שׁוּשַׁן הַבִּירָה אֶל־בֵּית הַנָּשִׁים אֶל־יַד הֵגֶא סְרִיס הַמֶּלֶךְ
4 שֹׁמֵר הַנָּשִׁים וְנָתוֹן תַּמְרֻקֵיהֶן׃ וְהַנַּעֲרָה אֲשֶׁר תִּיטַב
בְּעֵינֵי הַמֶּלֶךְ תִּמְלֹךְ תַּחַת וַשְׁתִּי וַיִּיטַב הַדָּבָר בְּעֵינֵי
ה הַמֶּלֶךְ וַיַּעַשׂ כֵּן׃ אִישׁ יְהוּדִי הָיָה בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה
6 וּשְׁמוֹ מָרְדֳּכַי בֶּן יָאִיר בֶּן־שִׁמְעִי בֶּן־קִישׁ אִישׁ יְמִינִי׃ אֲשֶׁר
הָגְלָה מִירוּשָׁלַיִם עִם־הַגֹּלָה אֲשֶׁר הָגְלְתָה עִם יְכָנְיָה
7 מֶלֶךְ־יְהוּדָה אֲשֶׁר הֶגְלָה נְבוּכַדְנֶצַּר מֶלֶךְ בָּבֶל׃ וַיְהִי אֹמֵן
אֶת־הֲדַסָּה הִיא אֶסְתֵּר בַּת־דֹּדוֹ כִּי אֵין לָהּ אָב וָאֵם

והנערה

ב׳ v. 5. סגול בלא מקף

דער קעניג אחשורוש האָט געהייסען ברייננגען צו איהם קעניגין ושתי, און זי איז ניט געקומען..."

18 נאָך היינט וועלען דאָס איבער־רעדען די פּרינצעסינס פון פרס און מדי. פאר אלע קעניגליכע פירסטען; עס איז גענוג שאַנדע און צאָרן!

19 אויב עס געפעהלט דעם קעניג, זאָל ארויסגעהן פון איהם אַ קעניגליכער בעפעהל, און עס זאָל איינגעשריבען ווערען אין די געזעצען פון פרס און מדי, אונאיבערטראַטען, אז די קעניגין ושתי זאָל מעהר ניט קומען צום קעניג אחשורוש, און איהר קעניג־עהרע זאָל דער קעניג אוועקגעבען אַן אנדערע, אַ בעסערע פאר איהר.

20 אז דעם קעניגס בעשלוס, וואָס ער וועט מאַכען, וועט דערהערט ווערען איי־בער זיין גאַנצע קעניגרייך, ווי גרויס זי איז, וועלען אלע פרויען עהרע גע־בען זייערע מאַנען, פון גרויס ביז קליין."

21 דער פּאָרשלאָג איז געפעהלען געוואָרען דעם קעניג און די פירסטען, און דער קעניג האָט געטהאָן לויט ממוכן'ס פאָרשלאָג:

22 ער האָט פונאנדערגעשיקט בריעף אין אלע פּראָווינצען דעם קעניג'ס; צו יעדער פּראָווינץ נאָך איהר שרייבען, און צו יעדעס פאָלק אין זיין שפּראַך „יעדער מאַן זאָל הערשען איבער זיין הויז און רעדען זיין פאָלקס־שפּראַך!"

## קאַפּיטעל ב.

1 נאָך דיעזע פּאַסירונג, ווען קעניג אחשורוש'ס צאָרן איז איינגעשטילט געוואָרען, האָט ער זיך דערמאָהנט אן ושתי, דאָס וואָס זי האָט געטהאָן און צו וואָס זי איז פעראורטהיילט געוואָרען.

2 האָבען דעם קעניג'ס יונגען, זיינע דיענער געזאָגט: זאָלען אויסזוכען פאר'ן קעניג יונגע מיידלאַך, שעהן אויסזעהענדע,

3 און זאָל דער קעניג אַנשטעלען אויפזעהער אין אלע פּראָווינצען פון זיין קעניגרייך אז זיי זאָלען צונויפקלייבען אלע יונגע, שעהן־אויסזעהענדע מיידלאַך אין שושן די הויפּטשטאָדט. אין פרויען־הויז, אונטער דעם אויפזיכט פון הגא, דעם קעניגס הויפדיענער, און מ'זאָל זיי געבען זייער זאלבונג;

4 די מיידל וואָס וועט דעם קעניג געפעהלען זאָל קעניגין זיין אַנשטאָדט ושתי. דער פּאָרשלאָג איז דעם קעניג געפעהלען געוואָרען און ער האָט אזוי געטהאָן.

5 אַ מאַן, אַ יהודי, איז געווען אין דער הויפּטשטאָדט שושן, זיין נאָמען איז געווען מרדכי, זוהן פון יאיר, זוהן פון שמעי, זוהן פון קיש, אַ מאַן פון בנימין,

6 וואָס איז פאַרטריבען געוואָרען פון ירושלים, מיט די פערטריבענע וואָס זיינען פאַרטריבען געוואָרען מיט יכניה, קעניג פון יהודה, וועלכע נבוכדנצר, קעניג פון בבל, האָט פאַרטריבען.

7 ער האָט ערצויגען הדסה'ן, דאָס איז אסתר, זיין פעטער'ס טאָכטער, ווארים זי האָט ניט געהאַט קיין פאָטער און קיינע מוטער. דאָס מיידעל איז געווען שעהן־געבילדט און שעהן־אויסזעהענד, ווען איהר פאָטער

וְהַנַּעֲרָה יְפַת־תֹּאַר וְטוֹבַת מַרְאֶה וּבְמוֹת אָבִיהָ וְאִמָּהּ
8 לְקָחָהּ מָרְדֳּכַי לוֹ לְבַת׃ וַיְהִי בְּהִשָּׁמַע דְּבַר־הַמֶּלֶךְ וְדָתוֹ
וּבְהִקָּבֵץ נְעָרוֹת רַבּוֹת אֶל־שׁוּשַׁן הַבִּירָה אֶל־יַד הֵגָי
וַתִּלָּקַח אֶסְתֵּר אֶל־בֵּית הַמֶּלֶךְ אֶל־יַד הֵגַי שֹׁמֵר הַנָּשִׁים׃
9 וַתִּיטַב הַנַּעֲרָה בְעֵינָיו וַתִּשָּׂא חֶסֶד לְפָנָיו וַיְבַהֵל אֶת־
תַּמְרוּקֶיהָ וְאֶת־מָנוֹתֶהָ לָתֵת לָהּ וְאֵת שֶׁבַע הַנְּעָרוֹת
הָרְאֻיוֹת לָתֶת־לָהּ מִבֵּית הַמֶּלֶךְ וַיְשַׁנֶּהָ וְאֶת־נַעֲרוֹתֶיהָ
י לְטוֹב בֵּית הַנָּשִׁים׃ לֹא־הִגִּידָה אֶסְתֵּר אֶת־עַמָּהּ וְאֶת־
11 מוֹלַדְתָּהּ כִּי מָרְדֳּכַי צִוָּה עָלֶיהָ אֲשֶׁר לֹא־תַגִּיד׃ וּבְכָל־
יוֹם וָיוֹם מָרְדֳּכַי מִתְהַלֵּךְ לִפְנֵי חֲצַר בֵּית־הַנָּשִׁים לָדַעַת
12 אֶת־שְׁלוֹם אֶסְתֵּר וּמַה־יֵּעָשֶׂה בָּהּ׃ וּבְהַגִּיעַ תֹּר נַעֲרָה
וְנַעֲרָה לָבוֹא ׀ אֶל־הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ מִקֵּץ הֱיוֹת לָהּ כְּדָת
הַנָּשִׁים שְׁנֵים עָשָׂר חֹדֶשׁ כִּי כֵּן יִמְלְאוּ יְמֵי מְרוּקֵיהֶן שִׁשָּׁה
חֳדָשִׁים בְּשֶׁמֶן הַמֹּר וְשִׁשָּׁה חֳדָשִׁים בַּבְּשָׂמִים וּבְתַמְרוּקֵי
13 הַנָּשִׁים׃ וּבָזֶה הַנַּעֲרָה בָּאָה אֶל־הַמֶּלֶךְ אֵת כָּל־אֲשֶׁר
תֹּאמַר יִנָּתֵן לָהּ לָבוֹא עִמָּהּ מִבֵּית הַנָּשִׁים עַד־בֵּית הַמֶּלֶךְ׃
14 בָּעֶרֶב ׀ הִיא בָאָה וּבַבֹּקֶר הִיא שָׁבָה אֶל־בֵּית הַנָּשִׁים
שֵׁנִי אֶל־יַד שַׁעַשְׁגַז סְרִיס הַמֶּלֶךְ שֹׁמֵר הַפִּילַגְשִׁים לֹא־
תָבוֹא עוֹד אֶל־הַמֶּלֶךְ כִּי אִם־חָפֵץ בָּהּ הַמֶּלֶךְ וְנִקְרְאָה
טו בְשֵׁם׃ וּבְהַגִּיעַ תֹּר־אֶסְתֵּר בַּת־אֲבִיחַיִל ׀ דֹּד מָרְדֳּכַי אֲשֶׁר
לָקַח־לוֹ לְבַת לָבוֹא אֶל־הַמֶּלֶךְ לֹא בִקְשָׁה דָּבָר כִּי אִם
אֶת־אֲשֶׁר יֹאמַר הֵגַי סְרִיס־הַמֶּלֶךְ שֹׁמֵר הַנָּשִׁים וַתְּהִי
16 אֶסְתֵּר נֹשֵׂאת חֵן בְּעֵינֵי כָּל־רֹאֶיהָ׃ וַתִּלָּקַח אֶסְתֵּר אֶל־
הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ אֶל־בֵּית מַלְכוּתוֹ בַּחֹדֶשׁ הָעֲשִׂירִי הוּא־
17 חֹדֶשׁ טֵבֵת בִּשְׁנַת־שֶׁבַע לְמַלְכוּתוֹ׃ וַיֶּאֱהַב הַמֶּלֶךְ אֶת־
אֶסְתֵּר מִכָּל־הַנָּשִׁים וַתִּשָּׂא־חֵן וָחֶסֶד לְפָנָיו מִכָּל־הַבְּתוּלוֹת
18 וַיָּשֶׂם כֶּתֶר־מַלְכוּת בְּרֹאשָׁהּ וַיַּמְלִיכֶהָ תַּחַת וַשְׁתִּי׃ וַיַּעַשׂ

הַמֶּלֶךְ

v. 14. ד׳ דגושׁ? — printed: דד׳ מדיק

און מוטער זיינען געשטאָרבען האָט איהר מרדכי צו זיך גענומען אַלס אַ טאָכטער.

8 ווען עס איז בעקאַנט געוואָרען דעם קעניגס וואָרט און זיין בעפעהל, און מיידלאַך זיינען געקליבען געוואָרען אין שושן די הויפּטשטאדט אונטער׳ן אויפזיכט פון הגי, איז אסתר אריינגענומען געוואָרען אין קעניגס הויז אונטער דעם אויפזיכט פון הגי, דער פרויען אויפפּאסער,

9 דאָס מיידעל איז איהם געפעהלען געוואָרען און האָט איהם ליעבליך אויס־געזעהן; ער האָט שנעלל בעשטימט מען זאָל איהר געבען איהר זאַל־בונג און קעסט, אויך צו געבען איהר פון קעניגס הויז פּאסענדע זיעבען דיענסט־מוידען. איהר מיט איהרע דיענסט־מוידען האָט ער אויסגעצייי־כענט אַלס די בעסטע אין פרויען־הויז.

10 אסתר האָט ניט גערעדט וועגען איהר פאָלק און אבשטאַמונג, ווייל מרדכי האָט איהר אָנגעזאָגט אַז זי זאָל ניט רעדען.

11 יעדער טאָג איז מרדכי ארומגעגאנגען פארביי דעם הויף פון פרויען־הויז אום צו וויסען אסתר׳ס וואָהלבעפינדען זיך און וואָס מיט איהר טהוט זיך.

12 ווען עס איז אָנגעקומען די רייהע פון וועלכע־עס־איז מיידעל צו קומען פאר׳ן קעניג אחשורוש, נאָכדעם אַז זי האָט געענדיגט זיין, לויט דאָס פרויען־געזעץ, צוועלף מאָנאטען, [אַזוי פיעל האָט געדויערט די צייט פון זייער זאַלבען זיך: זעקס מאָנאטען מיט מיררען־אייל און זעקס מאָ־נאטען מיט געווירצען און פרויען־זאַלבונגען,

13 נאָך דעם פלעגט דאָס מיידעל קומען פאר׳ן קעניג] אַלץ וואָס זי האָט פערלאַנגט האָט מען איהר געגעבען ביי איהר קומען פונ׳ם פרויען־הויז צום קעניג׳ס הויז.

14 אין אבענד פלעגט זי קומען און אין דער פריה פלעגט זי צוריקגעהן צו דאָס צווייטע פרויען־הויז, אונטער׳ן אויפזיכט פון שעשגז, דעם קעניג׳ס הויף־דיענער, דער אויפפּאסער אויף די פרויען. מעהר פלעגט זי שוין ניט קומען פאר׳ן קעניג, סיידען אַז דער קעניג האָט איהר פערלאַנגט און זי איז מיט׳ן נאָמען גערופען געוואָרען.

15 אַז עס איז געקומען די רייהע פון אסתר, די טאָכטער פון אביחיל, מרדכי׳ס אָנקעל, וועלכע ער האָט צו זיך גענומען אַלס אַ טאָכטער, צו קומען פאר׳ן קעניג, האָט זי נישט געבעטען, סיידען דאָס וואָס הגי, דעם קעניג׳ס הויפדיענער האָט געהייסען; דאָך האָט אסתר אויסגע־נומען ביי אַלע וואָס האָבען איהר געזעהן.

16 אסתר איז גענומען געוואָרען צום קעניג אחשורוש, אין זיין קעניגליכען הויז, אינ׳ם צעהנטען מאָנאַט, דאָס איז מאָנאַט טבת, אינ׳ם זיעבע־טען יאָהר פון זיין רעגירונג.

17 דער קעניג האָט אסתר׳ן געליעבט מעהר ווי אַלע פרויען און זי האָט איהם אויסגעזעהען ליעבליכער פאר אַלע יונגע מיידלאַך, דערפאר האָט ער אָנ־געטהאָן אויף איהר קאָפּ דעם קעניגליכען קרוין, און האָט איהר קעניגען געמאַכט אנשטאט ושתי.

18 דאן האָט דער קעניג געמאַכט אַ גרויסען באַל פאר אַלע זיינע פּרינצען

הַמֶּלֶךְ מִשְׁתֶּה גָדוֹל לְכָל־שָׂרָיו וַעֲבָדָיו אֵת מִשְׁתֵּה
אֶסְתֵּר וַהֲנָחָה לַמְּדִינוֹת עָשָׂה וַיִּתֵּן מַשְׂאֵת כְּיַד הַמֶּלֶךְ׃
19 וּבְהִקָּבֵץ בְּתוּלוֹת שֵׁנִית וּמָרְדֳּכַי יֹשֵׁב בְּשַׁעַר־הַמֶּלֶךְ׃
כ אֵין אֶסְתֵּר מַגֶּדֶת מוֹלַדְתָּהּ וְאֶת־עַמָּהּ כַּאֲשֶׁר צִוָּה עָלֶיהָ
מָרְדֳּכָי וְאֶת־מַאֲמַר מָרְדֳּכַי אֶסְתֵּר עֹשָׂה כַּאֲשֶׁר הָיְתָה
21 בְאָמְנָה אִתּוֹ׃ בַּיָּמִים הָהֵם וּמָרְדֳּכַי יֹשֵׁב בְּשַׁעַר־
הַמֶּלֶךְ קָצַף בִּגְתָן וָתֶרֶשׁ שְׁנֵי־סָרִיסֵי הַמֶּלֶךְ מִשֹּׁמְרֵי הַסַּף
22 וַיְבַקְשׁוּ לִשְׁלֹחַ יָד בַּמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרֹשׁ׃ וַיִּוָּדַע הַדָּבָר
לְמָרְדֳּכַי וַיַּגֵּד לְאֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה וַתֹּאמֶר אֶסְתֵּר לַמֶּלֶךְ
23 בְּשֵׁם מָרְדֳּכָי׃ וַיְבֻקַּשׁ הַדָּבָר וַיִּמָּצֵא וַיִּתָּלוּ שְׁנֵיהֶם עַל־
עֵץ וַיִּכָּתֵב בְּסֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ׃

## ג CAP. III. ג

א אַחַר ׀ הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה גִּדַּל הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ אֶת־הָמָן
בֶּן־הַמְּדָתָא הָאֲגָגִי וַיְנַשְּׂאֵהוּ וַיָּשֶׂם אֶת־כִּסְאוֹ מֵעַל כָּל־
2 הַשָּׂרִים אֲשֶׁר אִתּוֹ׃ וְכָל־עַבְדֵי הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר־בְּשַׁעַר הַמֶּלֶךְ
כֹּרְעִים וּמִשְׁתַּחֲוִים לְהָמָן כִּי־כֵן צִוָּה־לוֹ הַמֶּלֶךְ וּמָרְדֳּכַי
3 לֹא יִכְרַע וְלֹא יִשְׁתַּחֲוֶה׃ וַיֹּאמְרוּ עַבְדֵי הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר־
בְּשַׁעַר הַמֶּלֶךְ לְמָרְדֳּכָי מַדּוּעַ אַתָּה עוֹבֵר אֵת מִצְוַת
4 הַמֶּלֶךְ׃ וַיְהִי בְּאָמְרָם אֵלָיו יוֹם וָיוֹם וְלֹא שָׁמַע אֲלֵיהֶם
וַיַּגִּידוּ לְהָמָן לִרְאוֹת הֲיַעַמְדוּ דִּבְרֵי מָרְדֳּכַי כִּי־הִגִּיד לָהֶם
ה אֲשֶׁר־הוּא יְהוּדִי׃ וַיַּרְא הָמָן כִּי־אֵין מָרְדֳּכַי כֹּרֵעַ
6 וּמִשְׁתַּחֲוֶה לוֹ וַיִּמָּלֵא הָמָן חֵמָה׃ וַיִּבֶז בְּעֵינָיו לִשְׁלֹחַ יָד
בְּמָרְדֳּכַי לְבַדּוֹ כִּי־הִגִּידוּ לוֹ אֶת־עַם מָרְדֳּכָי וַיְבַקֵּשׁ הָמָן
לְהַשְׁמִיד אֶת־כָּל־הַיְּהוּדִים אֲשֶׁר בְּכָל־מַלְכוּת אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ
7 עַם מָרְדֳּכָי׃ בַּחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן הוּא־חֹדֶשׁ נִיסָן בִּשְׁנַת
שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה לַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ הִפִּיל פּוּר הוּא הַגּוֹרָל
לִפְנֵי הָמָן מִיּוֹם ׀ לְיוֹם וּמֵחֹדֶשׁ לְחֹדֶשׁ שְׁנֵים־עָשָׂר הוּא־



ג׳ v. 4. כאמרם קרי

און דיענער — דעם אסתר־באַל; ער האָט אויך געמאַכט אַ פערגרינגע־רונג פאַר די פּראָווינצען און האָט פונאַנדערגעגעבען פּרעזענטען לויט דעם קעניגס פערמעגען.

19 ווען די מיידלאַך זיינען אַ צווייטען מאָל צוזאַמענגעקליבען געוואָרען און מרדכי איז שוין געזעסען אין קעניגליכען טויער,

20 האָט אסתר אַלץ נאָך ניט אויסגעזאָגט איהר אַבשטאַמונג און איהר פאָלק, אַזוי ווי מרדכי האָט איהר געהייסען. מרדכי'ס בעפעהל האָט אסתר געטהאָן אַזוי ווי ווען זי איז ביי איהם ערצויגען געוואָרען.

21 אין יענע צייט, ווען מרדכי איז געזעסען אין קעניגליכען טהויער, האָ־בען בגתן און תרש, צוויי הויפּדיענער דעם קעניג'ס, פון די שוועל־היי־טער, אַ פערברעכען געטהאָן: זיי האָבען געוואָלט אַ האַנד לעגען אויפ'ן קעניג אחשורוש.

22 מרדכי האָט זיך דערוואוסט פון זייער אָברייד און האָט עס דערצעהלט די קעניגין אסתר, און אסתר האָט עס געזאָגט דעם קעניג אין מרדכי'ס נאָמען.

23 דאַן איז די זאַך אונטערזוכט און אויסגעפונען געוואָרען, האָט מען זיי ביידען געהאַנגען אויף אַ בוים און עס איז פאַרשריבען געוואָרען אין קע־ניג'ס כראָניק־בוך.

## קאַפּיטעל ג

1 נאָך די פּאַסירונג האָט דער קעניג אחשורוש גרויס געמאַכט המן דעם זוהן פון המדתא דעם אגגי און האָט איהם ערהויבען, ער האָט זיין זיץ־שטוהל העבער געשטעלט פאַר אַלע זיינע פירסטען.

2 אַלע קנעכט דעם קעניג'ס, וואָס אין קעניג'ס טהויער האָבען זיך געקניעט און געבוקט פאַר המן'ען, ווייל אַזוי האָט־זיך דער קעניג בעפעהלען, אָבער מרדכי האָט זיך ניט געקניעט און ניט געבוקט.

3 דעם קעניג'ס קנעכט, וואָס אין קעניג'ס טהויער האָבען אימער געזאָגט צו מרדכי'ן: „פאַר וואָס טרעטסטו איבער דעם קעניג'ס בעפעהל?"

4 אַזוי פלעגען זיי איהם טעגליך זאָגען; אָבער ער האָט זיי ניט געהערט, האָבען זיי דערצעהלט המן'ען, אום צו זעהען אויב עס וועלען אויסהאַל־טען מרדכי'ס ווערטער, ווארים ער האָט זיי געזאָגט אַז ער איז אַ יהודי.

5 ווען המן האָט געזעהען אַז מרדכי קניעט זיך ניט און בוקט זיך ניט צו איהם, איז ער פול געוואָרען מיט צאָרן,

6 און האָט אַלס אַ שאַנדע בעטראַכט אַ האַנד צו לעגען אויף מרדכי אַליין זינט מען האָט איהם אויסגעזאָגט מרדכי'ס פאָלק; המן האָט געוואָלט אונטערברייננגען אַלע יהודים וואָס אין גאַנצען קעניגרייך אחשורוש'ס — דאָס גאַנצע פאָלק מרדכי'ס.

7 אין ערשטען מאָנאַט, ד. ה. מאָנאַט ניסן, אין צוועלפטען יאָהר צום קע־ניג אחשורוש, האָט מען געוואָרפען פור, ד. ה. גורל, פאַר המן'ען פון

8 חֹדֶשׁ אֲדָר׃ וַיֹּאמֶר הָמָן לַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ יֶשְׁנוֹ
עַם־אֶחָד מְפֻזָּר וּמְפֹרָד בֵּין הָעַמִּים בְּכֹל מְדִינוֹת מַלְכוּתֶךָ
וְדָתֵיהֶם שֹׁנוֹת מִכָּל־עָם וְאֶת־דָּתֵי הַמֶּלֶךְ אֵינָם עֹשִׂים
9 וְלַמֶּלֶךְ אֵין שֹׁוֶה לְהַנִּיחָם׃ אִם־עַל־הַמֶּלֶךְ טוֹב יִכָּתֵב
לְאַבְּדָם וַעֲשֶׂרֶת אֲלָפִים כִּכַּר־כֶּסֶף אֶשְׁקוֹל עַל־יְדֵי עֹשֵׂי
י הַמְּלָאכָה לְהָבִיא אֶל־גִּנְזֵי הַמֶּלֶךְ׃ וַיָּסַר הַמֶּלֶךְ אֶת־טַבַּעְתּוֹ
מֵעַל יָדוֹ וַיִּתְּנָהּ לְהָמָן בֶּן־הַמְּדָתָא הָאֲגָגִי צֹרֵר הַיְּהוּדִים׃
11 וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ לְהָמָן הַכֶּסֶף נָתוּן לָךְ וְהָעָם לַעֲשׂוֹת בּוֹ
12 כַּטּוֹב בְּעֵינֶיךָ׃ וַיִּקָּרְאוּ סֹפְרֵי הַמֶּלֶךְ בַּחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן
בִּשְׁלוֹשָׁה עָשָׂר יוֹם בּוֹ וַיִּכָּתֵב כְּכָל־אֲשֶׁר־צִוָּה הָמָן אֶל
אֲחַשְׁדַּרְפְּנֵי־הַמֶּלֶךְ וְאֶל־הַפַּחוֹת אֲשֶׁר ׀ עַל־מְדִינָה וּמְדִינָה
וְאֶל־שָׂרֵי עַם וָעָם מְדִינָה וּמְדִינָה כִּכְתָבָהּ וְעַם וָעָם
כִּלְשׁוֹנוֹ בְּשֵׁם הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרֹשׁ נִכְתָּב* וְנֶחְתָּם בְּטַבַּעַת
13 הַמֶּלֶךְ׃ וְנִשְׁלוֹחַ סְפָרִים בְּיַד הָרָצִים אֶל־כָּל־מְדִינוֹת
הַמֶּלֶךְ לְהַשְׁמִיד לַהֲרֹג וּלְאַבֵּד אֶת־כָּל־הַיְּהוּדִים מִנַּעַר
וְעַד־זָקֵן טַף וְנָשִׁים בְּיוֹם אֶחָד בִּשְׁלוֹשָׁה עָשָׂר לְחֹדֶשׁ
14 שְׁנֵים־עָשָׂר הוּא־חֹדֶשׁ אֲדָר וּשְׁלָלָם לָבוֹז׃ פַּתְשֶׁגֶן הַכְּתָב
לְהִנָּתֵן דָּת בְּכָל־מְדִינָה וּמְדִינָה גָּלוּי לְכָל־הָעַמִּים לִהְיוֹת
טו עֲתִדִים לַיּוֹם הַזֶּה׃ הָרָצִים יָצְאוּ דְחוּפִים בִּדְבַר הַמֶּלֶךְ
וְהַדָּת נִתְּנָה בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה וְהַמֶּלֶךְ וְהָמָן יָשְׁבוּ לִשְׁתּוֹת
וְהָעִיר שׁוּשָׁן נָבוֹכָה׃

## CAP IV. ד

ד

א וּמָרְדֳּכַי יָדַע אֶת־כָּל־אֲשֶׁר נַעֲשָׂה וַיִּקְרַע מָרְדֳּכַי אֶת־
בְּגָדָיו וַיִּלְבַּשׁ שַׂק וָאֵפֶר וַיֵּצֵא בְּתוֹךְ הָעִיר וַיִּזְעַק זְעָקָה
2 גְדוֹלָה וּמָרָה׃ וַיָּבוֹא עַד לִפְנֵי שַׁעַר־הַמֶּלֶךְ כִּי אֵין לָבוֹא
3 אֶל־שַׁעַר הַמֶּלֶךְ בִּלְבוּשׁ שָׂק׃ וּבְכָל־מְדִינָה וּמְדִינָה מְקוֹם
אֲשֶׁר דְּבַר־הַמֶּלֶךְ וְדָתוֹ מַגִּיעַ אֵבֶל גָּדוֹל לַיְּהוּדִים וְצוֹם

ובכי

v. 12. נ׳ קמץ בז״ק

טאָג צו טאָג, און פון ערשטען מאָנאַט ביז'ן צוועלפטען מאָנאַט, ד. ה. מאָנאַט אדר.

8 דאן האָט המן געזאָגט צום קעניג אחשורוש: „עס איז דאָ איין פאָלק צו־שפּרייט און צושיידט צווישען די פעלקער, אין אַלע פּראָווינצען פון דיין קעניגטהום; זייערע געזעצען זיינען אנדערש ווי אַלע פעלקער'ס, דעם קעניגס בעפעהלען טהוען זיי ניט, אַלזאָ איז עס ניט ווערט פאר'ן קעניג צו דולדען זיי;

9 אויב עס געפעהלט דעם קעניג זאָל געשריבען ווערען זיי אונטערצוברייני־גען און איך וועל געבען צעהן טויזענד צענטנער גאָלד די ארבייט־טהוער אין די הענד, אריינצוברייגגען אין קעניגליכען שאַטץ־הויז.

10 דער קעניג האָט דאן אראָבגענומען זיין רינג פון זיין האַנד, און האָט עס איבערגעגעבען המן, דעם זוהן פון המדתא, דער אגג'ער, דער יודען־פיינד.

11 און דער קעניג האָט געזאָגט צו המן'ען: דאָס געלד איז איבערגעגעבען צו דיר אויך דאָס פאָלק צו טהאָן מיט איהם וואָס דיר געפעהלט.

12 און דעם קעניגס שרייבער זיינען גערופען געוואָרען אין ערשטען מאָנאַט, דעם דרייצעהנטען טאָג אין איהם, און עס איז אָנגעשריבען געוואָרען, אַלעס ווי המן האָט בעפוילען, צו די קעניגליכע סאטראַפּען אין די גור־בערנאַטאָרען וואָס אויף יעדער פּראָווינץ אויך צו די פירסטען פון יעדעס פאָלק; צו יעדער פּראָווינץ אין זיין שריפט און צו יעדער פאָלק אין זיין שפּראַך, אינ'ם נאָמען פון קעניג אחשורוש געשריבען און פארזיגעלט מיט קעניג'ס רינג.

13 און בריעף זיינען ארויסגעשיקט געוואָרען דורך די שנעל־לויפערס צו דעם קעניגס אַלע פּראָווינצען—אויסצוראָטען, צו הרג'נען און אונטערצוברייני־גען אַלע יהודים פון יונג ביז אַלט, קינדער און פרויען, אין איין טאָג — אינ'ם דרייצעהנטען צום צוועלפטען מאָנאַט, ד. ה. מאָנאַט אדר, און זייער פערמעגען צו רויבען.

14 דער אינהאַלט פונ'ם שרייבען: „עס זאָל געגעבען ווערען אַ בעפעהל אין יעדער פּראָווינץ, אָפען פאר אַלע פעלקער צו זיין פאַרבערייט צו דעם טאָג".

15 די שנעל־לויפערס זיינען ארויס איילענדיג מיט'ן קעניגס בעפעהל און דאָס געזעץ איז ארויסגעגעבען געוואָרען אין שושן די הויפּטשטאָדט. דער קעניג מיט המן'ען האָבען זיך געזעצט טרינקען און די שטאָדט שושן איז געווען צומישט.

## קאַפּיטעל ד

1 אז מרדכי האָט ערפאהרען אַלץ וואָס עס איז געשעהען, האָט מרדכי צו־ריסען זיינע קליידער און ארויפגעטהאָן אַ זאַק מיט אַש, ער איז דורכ־געגאנגען די שטאָדט און געשריען הויך און ביטערליך;

2 אַזוי איז ער געקומען ביז'ן קעניגס טהויער, ווארים אין קעניגס טהויער קען מען ניט אריינגעהן אין אַ זאַק אנקליידונג.

3 אין יעדער פּראָווינץ, וואו דעם קעניגס וואָרט און זיין בעפעהל האָט געגרייכט, איז געווען פאר די יהודים אַ גרויסער טרויער, אַ פאַסט־טאָג און געוויין; אַ זאַק מיט אַש איז אונטערגעלעגט געווען פאר פיעל.

4 בְּכִי וּמִסְפֵּד שַׂק וָאֵפֶר יֻצַּע לָרַבִּים׃ וַתָּבוֹאינָה נַעֲרוֹת
אֶסְתֵּר וְסָרִיסֶיהָ וַיַּגִּידוּ לָהּ וַתִּתְחַלְחַל הַמַּלְכָּה מְאֹד
וַתִּשְׁלַח בְּגָדִים לְהַלְבִּישׁ אֶת־מָרְדֳּכַי וּלְהָסִיר שַׂקּוֹ מֵעָלָיו
ה וְלֹא קִבֵּל׃ וַתִּקְרָא אֶסְתֵּר לַהֲתָךְ מִסָּרִיסֵי הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר
הֶעֱמִיד לְפָנֶיהָ וַתְּצַוֵּהוּ עַל־מָרְדֳּכָי לָדַעַת מַה־זֶּה וְעַל־
6 מַה־זֶּה׃ וַיֵּצֵא הֲתָךְ אֶל־מָרְדֳּכָי אֶל־רְחוֹב הָעִיר אֲשֶׁר
7 לִפְנֵי שַׁעַר־הַמֶּלֶךְ׃ וַיַּגֶּד־לוֹ מָרְדֳּכַי אֵת כָּל־אֲשֶׁר קָרָהוּ
וְאֵת ׀ פָּרָשַׁת הַכֶּסֶף אֲשֶׁר אָמַר הָמָן לִשְׁקוֹל עַל־גִּנְזֵי
8 הַמֶּלֶךְ בַּיְּהוּדִיים לְאַבְּדָם׃ וְאֶת־פַּתְשֶׁגֶן כְּתָב־הַדָּת אֲשֶׁר־
נִתַּן בְּשׁוּשָׁן לְהַשְׁמִידָם נָתַן לוֹ לְהַרְאוֹת אֶת־אֶסְתֵּר וּלְהַגִּיד
לָהּ וּלְצַוּוֹת עָלֶיהָ לָבוֹא אֶל־הַמֶּלֶךְ לְהִתְחַנֶּן־לוֹ וּלְבַקֵּשׁ
9 מִלְּפָנָיו עַל־עַמָּהּ׃ וַיָּבוֹא הֲתָךְ וַיַּגֵּד לְאֶסְתֵּר אֵת דִּבְרֵי
י 11 מָרְדֳּכָי׃ וַתֹּאמֶר אֶסְתֵּר לַהֲתָךְ וַתְּצַוֵּהוּ אֶל־מָרְדֳּכָי׃ כָּל־
עַבְדֵי הַמֶּלֶךְ וְעַם מְדִינוֹת הַמֶּלֶךְ יוֹדְעִים אֲשֶׁר כָּל־אִישׁ
וְאִשָּׁה אֲשֶׁר־יָבוֹא אֶל־הַמֶּלֶךְ אֶל־הֶחָצֵר הַפְּנִימִית אֲשֶׁר
לֹא־יִקָּרֵא אַחַת דָּתוֹ לְהָמִית לְבַד מֵאֲשֶׁר יוֹשִׁיט־לוֹ הַמֶּלֶךְ
אֶת־שַׁרְבִיט הַזָּהָב וְחָיָה וַאֲנִי לֹא נִקְרֵאתִי לָבוֹא אֶל־
12 הַמֶּלֶךְ זֶה שְׁלוֹשִׁים יוֹם׃ וַיַּגִּידוּ לְמָרְדֳּכָי אֵת דִּבְרֵי אֶסְתֵּר׃
13 וַיֹּאמֶר מָרְדֳּכַי לְהָשִׁיב אֶל־אֶסְתֵּר אַל־תְּדַמִּי בְנַפְשֵׁךְ
14 לְהִמָּלֵט בֵּית־הַמֶּלֶךְ מִכָּל־הַיְּהוּדִים׃ כִּי אִם־הַחֲרֵשׁ
תַּחֲרִישִׁי בָּעֵת הַזֹּאת רֶוַח וְהַצָּלָה יַעֲמוֹד לַיְּהוּדִים מִמָּקוֹם
אַחֵר וְאַתְּ וּבֵית־אָבִיךְ תֹּאבֵדוּ וּמִי יוֹדֵעַ אִם־לְעֵת כָּזֹאת
טו הִגַּעַתְּ לַמַּלְכוּת׃ וַתֹּאמֶר אֶסְתֵּר לְהָשִׁיב אֶל־מָרְדֳּכָי׃
16 לֵךְ כְּנוֹס אֶת־כָּל־הַיְּהוּדִים הַנִּמְצְאִים בְּשׁוּשָׁן וְצוּמוּ עָלַי
וְאַל־תֹּאכְלוּ וְאַל־תִּשְׁתּוּ שְׁלֹשֶׁת יָמִים לַיְלָה וָיוֹם גַּם־אֲנִי
וְנַעֲרֹתַי אָצוּם כֵּן וּבְכֵן אָבוֹא אֶל־הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר לֹא־כַדָּת

וּבַאֲשֶׁר

v. 4 יתיר י. v. 7 יתיר י. v. 12 קמץ בס״פ.

4 אז אסתר׳ס דיענסט־מוידען מיט איהרע הויפדיענער זיינען געקומען און
דערצעהלט איהר, האָט זיך די קעניגין זעהר געשראָקען; זי האָט גע־
שיקט קליידער מרדכי׳ן אָנצוטהאָן און אראָבנעהמען זיין זאק פון איהם;
ער האָט עס אָבער ניט אָנגענומען.

5 דאן האָט אסתר גערופען התך׳ן, פונ׳ם קעניגס הויפדיענער, וועלכען ער
האָט אָנגעשטעלט ביי איהר, און האָט איהם בעפוילען וועגען מרדכי צו
ערפאהרען: וואָס דאָס איז, און וואָס איז די אורזאכע.

6 התך איז אַרויס צו מרדכי׳ן אין הויפט־גאַס, וואָס נעבען קעניגס
טהויער,

7 און מרדכי האָט איהם דערצעהלט אלץ וואָס עס האָט איהם געטראָפען,
אויך וועגען די סומא געלד וואָס המן האָט צוגעזאָגט אריינצוגעבען אין
קעניגס שאַטצקאַמער, פאר די יהודים, זיי צו פערניכטען.

8 אויך דעם אינהאַלט פון שריפטליכען געזעץ, וואָס איז ארויסגעגעבען
געוואָרען אין שושן, זיי צו פערטיליגען, האָט ער איהר געגעבען צו ווייז־
זען אסתר׳ן און איבערגעבען איהר און הייסען זי זאָל געהן צום קעניג און
בעטענדיג זיך ביי איהם אויסבעטען פאר איהר פאָלק.

9 אז התך איז געקומען און איבערגעגעבען אסתר׳ן מרדכי׳ס ווערטער,

10 האָט אסתר געזאָגט התך׳ן און בעפוילען איהם איבערצוגעבען מרדכי׳ן:

11 אַלע דיענער דעם קעניגס און די בעפעלקערונג פון קעניגס פראָווינצען
וויסען, דאָס יעדער מאַן אָדער פרוי וואָס קומט צום קעניג, אינ׳ם
אינערליכען הויף, ניט גערופענערהייד, איז דאָס געזעץ איהם באַלד
צו טויטען, אויסער ווען דער קעניג שטרעקט אוים דעם גאָלדענעם
צעפטער, יענער בלייבט לעבען. און איך בין ניט גערופען געוואָרען צום
קעניג שוין דרייסיג טעג . . .

12 אז מען האָט מרדכי׳ן איבערגעגעבען אסתר׳ס ווערטער,

13 האָט מרדכי געהייסען ענטפערן אסתר׳ן: בילד זיך ניט איין אין דיין
פאַנטאַזי גערעטעט צו ווערען אינ׳ם קעניגס הויז פון דעם פערניכטונג
וואָס ערוואַרטעט די יהודים,

14 וואָרים אויב דו וועסט שטיל שווייגען אין אַזאַ צייט, וועט הילף און רע־
טונג אויפשטעהן פאר די יהודים פון אַן אַנדער אָרט, אָבער דו מיט דיין
פאַטער׳ס הויז וועט אונטערגעהן. און ווער ווייס אויב ניט נאָר פאר אַזאַ
צייט האָסטו דאָס קעניגטהום ערהייכט . . .

15 דאן האָט אסתר געהייסען ענטפערן מרדכי׳ן:

16 געה, פערזאַמעל אַלע יהודים וואָס געפינען זיך אין שושן, פאַסט וועגען
מיר — עסט ניט און טרינקט ניט — דריי טעג, טאָג און נאַכט; אויך
איך מיט מיינע דיענסט־מוידען וועלען אַזוי פאַסטען, נאָכדעם וועל איך
געהן צום קעניג אָבוואָהל אונגעזעצליך — איך בין יעדען פאַלס פער־
לאָרען! . . .

17 וְכַאֲשֶׁר אָבַדְתִּי אָבָדְתִּי׃ וַיַּעֲבֹר מָרְדֳּכָי וַיַּעַשׂ כְּכֹל אֲשֶׁר־
צִוְּתָה עָלָיו אֶסְתֵּר׃

## CAP. V. ה

ה

א וַיְהִי ׀ בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי וַתִּלְבַּשׁ אֶסְתֵּר מַלְכוּת וַתַּעֲמֹד בַּחֲצַר
בֵּית־הַמֶּלֶךְ הַפְּנִימִית נֹכַח בֵּית הַמֶּלֶךְ וְהַמֶּלֶךְ יוֹשֵׁב עַל־
2 כִּסֵּא מַלְכוּתוֹ בְּבֵית הַמַּלְכוּת נֹכַח פֶּתַח הַבָּיִת׃ וַיְהִי
כִרְאוֹת הַמֶּלֶךְ אֶת־אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה עֹמֶדֶת בֶּחָצֵר נָשְׂאָה
חֵן בְּעֵינָיו וַיּוֹשֶׁט הַמֶּלֶךְ לְאֶסְתֵּר אֶת־שַׁרְבִיט הַזָּהָב אֲשֶׁר
3 בְּיָדוֹ וַתִּקְרַב אֶסְתֵּר וַתִּגַּע בְּרֹאשׁ הַשַּׁרְבִיט׃ וַיֹּאמֶר לָהּ
הַמֶּלֶךְ מַה־לָּךְ אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה וּמַה־בַּקָּשָׁתֵךְ עַד־חֲצִי
4 הַמַּלְכוּת וְיִנָּתֵן לָךְ׃ וַתֹּאמֶר אֶסְתֵּר אִם־עַל־הַמֶּלֶךְ טוֹב
יָבוֹא הַמֶּלֶךְ וְהָמָן הַיּוֹם אֶל־הַמִּשְׁתֶּה אֲשֶׁר־עָשִׂיתִי לוֹ׃
ה וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ מַהֲרוּ אֶת־הָמָן לַעֲשׂוֹת אֶת־דְּבַר אֶסְתֵּר
וַיָּבֹא הַמֶּלֶךְ וְהָמָן אֶל־הַמִּשְׁתֶּה אֲשֶׁר־עָשְׂתָה אֶסְתֵּר׃
6 וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ לְאֶסְתֵּר בְּמִשְׁתֵּה הַיַּיִן מַה־שְּׁאֵלָתֵךְ וְיִנָּתֵן
7 לָךְ וּמַה־בַּקָּשָׁתֵךְ עַד־חֲצִי הַמַּלְכוּת וְתֵעָשׂ׃ * וַתַּעַן
8 אֶסְתֵּר וַתֹּאמַר שְׁאֵלָתִי וּבַקָּשָׁתִי׃ אִם־מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֵי
הַמֶּלֶךְ וְאִם־עַל־הַמֶּלֶךְ טוֹב לָתֵת אֶת־שְׁאֵלָתִי וְלַעֲשׂוֹת
אֶת־בַּקָּשָׁתִי יָבוֹא הַמֶּלֶךְ וְהָמָן אֶל־הַמִּשְׁתֶּה אֲשֶׁר אֶעֱשֶׂה
9 לָהֶם וּמָחָר אֶעֱשֶׂה כִּדְבַר הַמֶּלֶךְ׃ וַיֵּצֵא הָמָן בַּיּוֹם הַהוּא
שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב וְכִרְאוֹת הָמָן אֶת־מָרְדֳּכַי בְּשַׁעַר הַמֶּלֶךְ
וְלֹא־קָם וְלֹא־זָע מִמֶּנּוּ וַיִּמָּלֵא הָמָן עַל־מָרְדֳּכַי חֵמָה׃
י וַיִּתְאַפַּק הָמָן וַיָּבוֹא אֶל־בֵּיתוֹ וַיִּשְׁלַח וַיָּבֵא אֶת־אֹהֲבָיו
11 וְאֶת־זֶרֶשׁ אִשְׁתּוֹ׃ וַיְסַפֵּר לָהֶם הָמָן אֶת־כְּבוֹד עָשְׁרוֹ
וְרֹב בָּנָיו וְאֵת כָּל־אֲשֶׁר גִּדְּלוֹ הַמֶּלֶךְ וְאֵת אֲשֶׁר נִשְּׂאוֹ
12 עַל־הַשָּׂרִים וְעַבְדֵי הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר הָמָן אַף לֹא־הֵבִיאָה
אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה עִם־הַמֶּלֶךְ אֶל־הַמִּשְׁתֶּה אֲשֶׁר־עָשָׂתָה

כִּי

* ה 7. v. חצי הספר בפסוקים

17 מרדכי איז אוועק און געטהאָן אַלץ ווי אסתר האָט איהם געהייסען.

## קאַפּיטעל ה

1 אויפ'ן דריטען טאָג האָט זיך אסתר קעניגליך אָנגעקליידעט און אוועקגע־
שטעלט זיך אין אינערליכען הויף פון קעניגס הויז, קעגענאיבער דעם
קעניגס הויז, ווען דער קעניג זיצט אויף זיין טהראָן אינ'ם קעניגליכען
הויז, פאַר'ן טהיר פונ'ם הויז.
2 אַז דער קעניג האָט דערזעהען אסתר די קעניגין, שטעהענדיג אין הויף,
איז זי איהם געפעהלען געוואָרען, און דער קעניג האָט אויסגעשטרעקט
צו אסתר'ן דעם גאָלדענעם צעפּטער וואָס אין זיין האַנד. אסתר איז צו־
געגאַנגען און באַריהרט דעם שפּיץ צעפּטער,
3 און דער קעניג האָט צו איהר געזאָגט: וואָס איז דיר, אסתר די קעניגין?
וואָס איז דיין פערלאַנג? זאָגאַר א העלפט פונ'ם קעניגרייך וועט דיר
געגעבען ווערען!
4 האָט אסתר געזאָגט: אויב דעם קעניג געפעהלט, זאָל דער קעניג אויך
המן קומען היינט צום באַל וואָס איך האָב פאַר איהם געמאַכט.
5 האָט דער קעניג געזאָגט: איילט המן'ען אום צו ערפילען אסתר'ס פער־
לאַנג! און דער קעניג מיט המן'ען זיינען געקומען צום באַל וואָס אסתר
האָט געמאַכט.
6 און דער קעניג האָט געזאָגט צו אסתר'ן אויפ'ן וויין־באַל: וואָס איז דיין
פערלאַנג? — עס וועט דיר געגעבען ווערען. און וואָס איז דיין ביטע?
7 — זאָגאַר ביז אַ העלפט פונ'ם קעניגרייך וועט עס געטהאָן ווערען. האָט
אסתר געענטפערט און געזאָגט: מיין פערלאַנג און מיין ביטע —
8 אויב איך געפין גנאַדע אין דעם קעניגס אויגען און דעם קעניג געפעהלט
צו ערפיהלען מיין פערלאַנג און טהאָן מיין ביטע — זאָל דער קעניג מיט
המן'ען קומען צום באַל וואָס איך וועל פאַר זיי מאַכען און מאָרגען וועל
איך טהאָן ווי דער קעניג הייסט.
9 יענעם טאָג איז המן ארויס פרעהלאַך און צופריעדען, און אַז המן האָט
דערזעהען מרדכי'ן, אין קעניגס טהויער, און ער איז ניט אויפגעשטאַ־
נען און זיך זאָגאַר פון אָרט ניט געריהרט פאַר איהם, איז המן פול מיט
צאָרן געוואָרען אויף מרדכי'ן.
10 אָבער המן האָט געפּאַסט מוטה, ער איז געקומען אין זיין הויז, האָט
געשיקט און געבראַכט זיינע פריינד אויך זיין פרוי זרש,
11 און המן האָט זיי דערצעהלט וועגען זיין גרויס רייכטהום, זיינע פיעל
זיהן, אויך וואָס דער קעניג האָט איהם גרויס געמאַכט און ערהויבען
איהם איבער אַלע פירסטען און דעם קעניגס דיענער;
12 המן האָט געזאָגט: אויך די קעניגין אסתר האָט ניט געלאַדען מיט'ן קע־
ניג, צום באַל, וואָס זי האָט געמאַכט, נאָר מיר; און אויך צו מאָרגען בין
איך געלאַדען צו איהר מיט'ן קעניג.

13 כִּ֣י אִם־אוֹתִ֑י וְגַם־לְמָחָ֛ר אֲנִ֥י קְרוּא־לָ֖הּ עִם־הַמֶּֽלֶךְ׃ וְכָל־
זֶ֕ה אֵינֶ֥נּוּ שֹׁוֶ֖ה לִ֑י בְּכָל־עֵ֗ת אֲשֶׁ֨ר אֲנִ֤י רֹאֶה֙ אֶת־מָרְדֳּכַ֣י
הַיְּהוּדִ֔י יוֹשֵׁ֖ב בְּשַׁ֥עַר הַמֶּֽלֶךְ׃ 14 וַתֹּ֣אמֶר ל֡וֹ זֶ֣רֶשׁ אִשְׁתּוֹ֩ וְכָל־
אֹהֲבָ֗יו יַֽעֲשׂוּ־עֵץ֮ גָּבֹ֣הַּ חֲמִשִּׁ֣ים אַמָּה֒ וּבַבֹּ֣קֶר ׀ אֱמֹ֣ר לַמֶּ֗לֶךְ
וְיִתְל֤וּ אֶֽת־מָרְדֳּכַי֙ עָלָ֔יו וּבֹֽא עִם־הַמֶּ֥לֶךְ אֶל־הַמִּשְׁתֶּ֖ה שָׂמֵ֑חַ
וַיִּיטַ֧ב הַדָּבָ֛ר לִפְנֵ֥י הָמָ֖ן וַיַּ֥עַשׂ הָעֵֽץ׃

## CAP. VI. ו

ו

א בַּלַּ֣יְלָה הַה֔וּא נָֽדְדָ֖ה שְׁנַ֣ת הַמֶּ֑לֶךְ וַיֹּ֗אמֶר לְהָבִ֞יא אֶת־
סֵ֤פֶר הַזִּכְרֹנוֹת֙ דִּבְרֵ֣י הַיָּמִ֔ים וַיִּהְי֥וּ נִקְרָאִ֖ים לִפְנֵ֥י הַמֶּֽלֶךְ׃
2 וַיִּמָּצֵ֣א כָת֗וּב אֲשֶׁר֩ הִגִּ֨יד מָרְדֳּכַ֜י עַל־בִּגְתָ֣נָא וָתֶ֗רֶשׁ שְׁנֵי֙
סָרִיסֵ֣י הַמֶּ֔לֶךְ מִשֹּׁמְרֵ֖י הַסַּ֑ף אֲשֶׁ֤ר בִּקְשׁוּ֙ לִשְׁלֹ֣חַ יָ֔ד בַּמֶּ֖לֶךְ
3 אֲחַשְׁוֵרֽוֹשׁ׃ וַיֹּ֣אמֶר הַמֶּ֔לֶךְ מַֽה־נַּעֲשָׂ֞ה יְקָ֧ר וּגְדוּלָּ֛ה
לְמָרְדֳּכַ֖י עַל־זֶ֑ה וַ֨יֹּאמְר֜וּ נַעֲרֵ֤י הַמֶּ֙לֶךְ֙ מְשָׁ֣רְתָ֔יו לֹא־נַעֲשָׂ֥ה
4 עִמּ֖וֹ דָּבָֽר׃ וַיֹּ֥אמֶר הַמֶּ֖לֶךְ מִ֣י בֶחָצֵ֑ר וְהָמָ֣ן בָּ֗א לַחֲצַ֤ר
בֵּית־הַמֶּ֙לֶךְ֙ הַחִ֣יצוֹנָ֔ה לֵאמֹ֣ר לַמֶּ֔לֶךְ לִתְלוֹת֙ אֶֽת־מָרְדֳּכַ֔י
ה עַל־הָעֵ֖ץ אֲשֶׁר־הֵכִ֥ין לֽוֹ׃ וַ֠יֹּאמְרוּ נַעֲרֵ֤י הַמֶּ֙לֶךְ֙ אֵלָ֔יו הִנֵּ֥ה
6 הָמָ֖ן עֹמֵ֣ד בֶּחָצֵ֑ר וַיֹּ֥אמֶר הַמֶּ֖לֶךְ יָבֽוֹא׃ וַיָּבוֹא֮ הָמָן֒ וַיֹּ֤אמֶר
ל֙וֹ֙ הַמֶּ֔לֶךְ מַה־לַּעֲשׂ֕וֹת בָּאִ֕ישׁ אֲשֶׁ֥ר הַמֶּ֖לֶךְ חָפֵ֣ץ בִּיקָר֑וֹ
וַיֹּ֤אמֶר הָמָן֙ בְּלִבּ֔וֹ לְמִ֛י יַחְפֹּ֥ץ הַמֶּ֛לֶךְ לַעֲשׂ֥וֹת יְקָ֖ר יוֹתֵ֥ר
7 מִמֶּֽנִּי׃ וַיֹּ֥אמֶר הָמָ֖ן אֶל־הַמֶּ֑לֶךְ אִ֕ישׁ אֲשֶׁ֥ר הַמֶּ֖לֶךְ חָפֵ֥ץ
8 בִּיקָרֽוֹ׃ יָבִ֙יאוּ֙ לְב֣וּשׁ מַלְכ֔וּת אֲשֶׁ֥ר לָֽבַשׁ־בּ֖וֹ הַמֶּ֑לֶךְ
וְס֗וּס אֲשֶׁ֨ר רָכַ֤ב עָלָיו֙ הַמֶּ֔לֶךְ וַאֲשֶׁ֥ר נִתַּ֛ן כֶּ֥תֶר מַלְכ֖וּת
9 בְּרֹאשֽׁוֹ׃ וְנָת֨וֹן הַלְּב֜וּשׁ וְהַסּ֗וּס עַל־יַד־אִ֞ישׁ מִשָּׂרֵ֤י הַמֶּ֙לֶךְ֙
הַֽפַּרְתְּמִ֔ים וְהִלְבִּ֨ישׁוּ֙ אֶת־הָאִ֔ישׁ אֲשֶׁ֥ר הַמֶּ֖לֶךְ חָפֵ֣ץ בִּיקָר֑וֹ
וְהִרְכִּיבֻ֤הוּ עַל־הַסּוּס֙ בִּרְח֣וֹב הָעִ֔יר וְקָֽרְא֣וּ לְפָנָ֔יו כָּ֚כָה
י יֵעָשֶׂ֣ה לָאִ֔ישׁ אֲשֶׁ֥ר הַמֶּ֖לֶךְ חָפֵ֥ץ בִּיקָרֽוֹ׃ וַיֹּ֨אמֶר הַמֶּ֜לֶךְ

להמן

v. 2. פתח באתנח   v. 9. כא והלבשו

13 אָבער דאָס אַלץ איז ביי מיר נישט ווערטה אין יעדער צייט וואָס איך זעה
מרדכי דעם יהודי זיצענדיג אין קעניגס טהויער . . .
14 האָט זיין פרוי זרש אויך אַלע זיינע פריינד געזאָגט : זאָל מען מאַכען
אַ האַלץ פופציג איילען הויך, און מאָרגען פריה זאָג דעם קעניג מען זאָל
מרדכי'ן הענגען אויף איהם, וועסטו געהן אַ צופריעדענער מיט'ן קעניג
צום באַל. די זאַך איז המן'ען געפעהלען געוואָרען און ער האָט געלאָזען
מאַכען דעם האַלץ. —

## קאפיטעל ו

1 יענע נאַכט האָט דער קעניג ניט געקענט איינשלאָפען, האָט ער געהייר
סען מ'זאָל ברייגגען דעם עראינערונגס בוך „די כראָניקלס פון פאַסירונ־
גען". מ'האָט זיי געלעזען פאַר'ן קעניג,
2 און עס האָט זיך געפונען פאַרשריבען וואָס מרדכי האָט געזאָגט אויף
בגתן און תרש, צוויי הויפדיענער דעם קעניגס, פון די שוועל־היטערס,
וועלכע האָבען געוואָלט לעגען אַ האַנד אויפ'ן קעניג אחשורוש.
3 האָט דער קעניג געזאָגט : וואָס פאַר אַ עהרע און גרויסקייט האָט מען
מרדכי'ן געטהאָן דערפאַר ? האָבען דעם קעניגס יונגען, זיינע דיענער,
געזאָגט : „מ'האָט איהם נישט געטהאָן."
4 האָט דער קעניג געזאָגט : ווער איז אין הויף ? [המן איז גראָדע גע־
קומען אין אויסערליכען הויף דעם קעניגס אום צו זאָגען דעם קעניג
מ'זאָל מרדכי'ן הענגען אויפ'ן האַלץ וואָס ער האָט פאַר איהם אָנגע־
גרייט.]
5 האָבען דעם קעניגס יונגען צו איהם געזאָגט : המן שטעהט אין הויף !
האָט דער קעניג געזאָגט : זאָל ער אַריינגעהן !
6 אַז המן איז אַריינגעקומען האָט דער קעניג צו איהם געזאָגט : וואָס
פאַסט צו טהאָן דעם מאַן וועלכען דער קעניג וויל עהרען ? האָט המן
אין הארצען געטראַכט : „ווענען וויל דער קעניג עהרען מעהר ווי
מיר ? . . .
7 און המן האָט געזאָגט צום קעניג : אַ מאַן וועלכען דער קעניג וויל
עהרען ? —
8 מ'זאָל ברייגגען דאָס קעניגליכע קלייד, אין וועלכע דער קעניג איז געקליי־
דעט געוועזען, אויך דאָס פערד אויף וועלכען דער קעניג האָט געריטען
ווען ער איז געקרוינט געוואָרען,
9 דאָס קלייד און דאָס פערד זאָל מען געבען אויפ'ן האַנד איינעם פון די
קעניגליכע פירכטען, פון די אדעליגע, מ'זאָל עס אָנקליידען דעם מאַן וועל־
כען דער קעניג וויל עהרען, מ'זאָל איהם לאָזען רייטען אויף דאָס פערד
איבער די הויפט־גאַס און מ'זאָל פאַר איהם אויסשרייען : „אַזוי ווערט
געטהאָן צו דעם מאַן, ווענען דער קעניג וויל עהרען !"
10 האָט דער קעניג געזאָגט צו המן'ען : נעהם שנעלל דאָס קלייד און דאָס

לְהָמָ֗ן מַהֵ֞ר קַ֣ח אֶת־הַלְּב֤וּשׁ וְאֶת־הַסּוּס֙ כַּאֲשֶׁ֣ר דִּבַּ֔רְתָּ
וַעֲשֵׂה־כֵן֙ לְמָרְדֳּכַ֣י הַיְּהוּדִ֔י הַיּוֹשֵׁ֖ב בְּשַׁ֣עַר הַמֶּ֑לֶךְ אַל־
11 תַּפֵּ֣ל דָּבָ֔ר מִכֹּ֖ל אֲשֶׁ֥ר דִּבַּֽרְתָּ׃ וַיִּקַּ֤ח הָמָן֙ אֶת־הַלְּב֣וּשׁ
וְאֶת־הַסּ֔וּס וַיַּלְבֵּ֖שׁ אֶֽת־מָרְדֳּכָ֑י וַיַּרְכִּיבֵ֙הוּ֙ בִּרְח֣וֹב הָעִ֔יר
וַיִּקְרָ֣א לְפָנָ֔יו כָּ֚כָה יֵעָשֶׂ֣ה לָאִ֔ישׁ אֲשֶׁ֥ר הַמֶּ֖לֶךְ חָפֵ֥ץ בִּיקָרֽוֹ׃
12 וַיָּ֥שָׁב מָרְדֳּכַ֖י אֶל־שַׁ֣עַר הַמֶּ֑לֶךְ וְהָמָן֙ נִדְחַ֣ף אֶל־בֵּית֔וֹ אָבֵ֖ל
13 וַחֲפ֥וּי רֹֽאשׁ׃ וַיְסַפֵּ֨ר הָמָ֜ן לְזֶ֤רֶשׁ אִשְׁתּוֹ֙ וּלְכָל־אֹ֣הֲבָ֔יו
אֵ֖ת כָּל־אֲשֶׁ֣ר קָרָ֑הוּ וַיֹּ֩אמְרוּ֩ ל֨וֹ חֲכָמָ֜יו וְזֶ֣רֶשׁ אִשְׁתּ֗וֹ אִ֣ם
מִזֶּ֣רַע הַיְּהוּדִ֡ים מָרְדֳּכַ֞י אֲשֶׁר֩ הַחִלּ֨וֹתָ לִנְפֹּ֤ל לְפָנָיו֙ לֹֽא־
14 תוּכַ֣ל ל֔וֹ כִּֽי־נָפ֥וֹל תִּפּ֖וֹל לְפָנָֽיו׃ עוֹדָם֙ מְדַבְּרִ֣ים עִמּ֔וֹ
וְסָרִיסֵ֥י הַמֶּ֖לֶךְ הִגִּ֑יעוּ וַיַּבְהִ֙לוּ֙ לְהָבִ֣יא אֶת־הָמָ֔ן אֶל־הַמִּשְׁתֶּ֖ה
אֲשֶׁר־עָשְׂתָ֥ה אֶסְתֵּֽר׃

## CAP. VII. ז

א 2 וַיָּבֹ֤א הַמֶּ֙לֶךְ֙ וְהָמָ֔ן לִשְׁתּ֖וֹת עִם־אֶסְתֵּ֥ר הַמַּלְכָּֽה׃ וַיֹּאמֶר֩
הַמֶּ֨לֶךְ לְאֶסְתֵּ֜ר גַּ֣ם בַּיּ֤וֹם הַשֵּׁנִי֙ בְּמִשְׁתֵּ֣ה הַיַּ֔יִן מַה־שְּׁאֵלָתֵ֛ךְ
אֶסְתֵּ֥ר הַמַּלְכָּ֖ה וְתִנָּ֣תֶן לָ֑ךְ וּמַה־בַּקָּשָׁתֵ֛ךְ עַד־חֲצִ֥י הַמַּלְכ֖וּת
3 וְתֵעָֽשׂ׃ וַתַּ֨עַן אֶסְתֵּ֤ר הַמַּלְכָּה֙ וַתֹּאמַ֔ר אִם־מָצָ֨אתִי חֵ֤ן
בְּעֵינֶ֙יךָ֙ הַמֶּ֔לֶךְ וְאִם־עַל־הַמֶּ֖לֶךְ ט֑וֹב תִּנָּֽתֶן־לִ֤י נַפְשִׁי֙
4 בִּשְׁאֵ֣לָתִ֔י וְעַמִּ֖י בְּבַקָּשָׁתִֽי׃ כִּ֤י נִמְכַּ֙רְנוּ֙ אֲנִ֣י וְעַמִּ֔י לְהַשְׁמִ֖יד
לַהֲר֣וֹג וּלְאַבֵּ֑ד וְ֠אִלּוּ לַעֲבָדִ֨ים וְלִשְׁפָח֤וֹת נִמְכַּ֙רְנוּ֙ הֶחֱרַ֔שְׁתִּי
ה כִּ֣י אֵ֥ין הַצָּ֛ר שֹׁוֶ֖ה בְּנֵ֥זֶק הַמֶּֽלֶךְ׃ וַיֹּ֙אמֶר֙ הַמֶּ֣לֶךְ
אֲחַשְׁוֵר֔וֹשׁ וַיֹּ֖אמֶר לְאֶסְתֵּ֣ר הַמַּלְכָּ֑ה מִ֣י ה֥וּא זֶה֙ וְאֵי־זֶ֣ה
ה֔וּא אֲשֶׁר־מְלָא֥וֹ לִבּ֖וֹ לַעֲשׂ֥וֹת כֵּֽן׃ וַתֹּ֣אמֶר אֶסְתֵּ֔ר אִ֚ישׁ
צַ֣ר וְאוֹיֵ֔ב הָמָ֥ן הָרָ֖ע הַזֶּ֑ה וְהָמָ֣ן נִבְעַ֔ת מִלִּפְנֵ֥י הַמֶּ֖לֶךְ
7 וְהַמַּלְכָּֽה׃ וְהַמֶּ֜לֶךְ קָ֤ם בַּחֲמָתוֹ֙ מִמִּשְׁתֵּ֣ה הַיַּ֔יִן אֶל־גִּנַּ֖ת
הַבִּיתָ֑ן וְהָמָ֣ן עָמַ֗ד לְבַקֵּ֤שׁ עַל־נַפְשׁוֹ֙ מֵאֶסְתֵּ֣ר הַמַּלְכָּ֔ה כִּ֥י
8 רָאָ֔ה כִּֽי־כָלְתָ֥ה אֵלָ֛יו הָרָעָ֖ה מֵאֵ֥ת הַמֶּֽלֶךְ׃ וְהַמֶּ֡לֶךְ שָׁב֩

מגנת

v. 13. ל׳ דגושה

פערד און טהו אזוי ווי דו האָסט גערעדט צו מרדכי דעם יהודי, וועלכער זיצט אינ׳ם קעניגס טהויער ! זאָלסט נישט פאַרפעהלען פון אלץ וואס דו האָסט געזאָגט.

11 האָט המן גענומען דאָס קלייד און דאָס פערד ; ער האָט אָנגעקליידעט מרדכי׳ן, האָט איהם רייטענדיג געפיהרט איבער׳ן הויפּט-גאַס און האָט אויסגעשריען פאַר איהם : „אזוי ווערט געטהאָן צום מאַן, וועמען דער קעניג וויל עהרען !"

12 נאָכדעם איז מרדכי צוריקגעגאַנגען צום קעניגס טהויער, אָבער המן האָט געאיילט צו זיין הויז טרויעריג און דעם קאָפּ פאַרדעקט.

13 ווען המן האָט דערצעהלט זרש׳ן זיין ווייב און אַלע זיינע פריינד אַלעס וואָס איהם האָט געטראָפען, האָבען זיינע קלוגע אויך זרש זיין ווייב גע-זאָגט : אויב אָט דער מרדכי, פאַר וועלכען דו האָסט אָנגעפאַנגען פאַ-לען, שטאַמט פון די קינדער פון יהודים, וועסטו איהם שוין ניט בייקו-מען — דו וועסט פאַלען און פאַלען פאַר איהם !

14 זיי ריידען נאָך מיט איהם און דעם קעניגס הויפדיענער זיינען אָנגעקומען, זיי האָבען געאיילט אום המן׳ען צו ברייננען צום באַל וואָס אסתר האָט געמאַכט.

## קאַפּיטעל ז

1 אז דער קעניג מיט המן׳ען זיינען געקומען טרינקען מיט אסתר די קע-ניגין,

2 האָט דער קעניג געזאָגט צו אסתר׳ן אויך אויפ׳ן צווייטען טאָג, ביי׳ן וויין-באַל : וואָס איז דיין פערלאַנג, אסתר די קעניגין — עס וועט דיר געגעבען ווערען ; וואָס איז דיין ביטע ? ביז׳ן העלפט קעניגרייך וועט עס געטהאָן ווערען.

3 אסתר די קעניגין האָט געענטפערט און געזאָגט : אויב איך האָב געפו-נען גנאָדע אין דיינע אויגען, קעניג, און אויב דעם קעניג געפעהלט — זאָל מיר געשאָנקען ווערען מיין לעבען, אַלס מיין פערלאַנג, און מיין פאָלק — אַלס מיין ביטע . . .

4 ווארים מיר, איך און מיין פאָלק, זיינען איבערגעגעבען געוואָרען צו פערטילגען, צו אוים׳הרג׳נען און אונטערברייננגען; ווען מיר וואָלטען פאַר-קויפט ווערען אַלס קנעכט און דיענסטען וואָלט איך שטיל געשוויגען ; אָבער דער פיינד איז ניט ווערטה דעם קעניגס שאַדען.

5 דאַן האָט דער קעניג אחשורוש געזאָגט צו אסתר די קעניגין : ווער איז עס, און וואו איז ער דער וואָס האָט מוטה אזוי צו טהאָן ?

6 האָט אסתר געזאָגט : אַ שלעכטער מענש און אַ פיינד — אָט דער שלעכ-טער המן ! המן האָט זיך דערשראָקען פאַר׳ן קעניג און די קעניגין.

7 דער קעניג איז אין צאָרן אויפגעשטאַנען פון וויין-באַל צו געהן אין שלאָס-גאַרטען, און המן איז פאַרבליבען אום צו בעטען פאַר זיין לעבען פון אסתר די קעניגין, ווארים ער האָט געזעהען אז זיין אונגליק איז פאַרטיג פון קעניג.

8 אז דער קעניג האָט זיך צוריקגעקעהרט פון שלאָס-גאַרטען צום הויז פון

מִגִּנַּ֨ת הַבִּיתָ֜ן אֶל־בֵּ֣ית ׀ מִשְׁתֵּ֣ה הַיַּ֗יִן וְהָמָן֙ נֹפֵ֔ל עַל־הַמִּטָּה֙
אֲשֶׁ֣ר אֶסְתֵּ֣ר עָלֶ֔יהָ וַיֹּ֣אמֶר הַמֶּ֔לֶךְ הֲ‍ֽגַ֛ם לִכְבּ֧וֹשׁ אֶת־
הַמַּלְכָּ֛ה עִמִּ֖י בַּבָּ֑יִת הַדָּבָ֗ר יָצָא֙ מִפִּ֣י הַמֶּ֔לֶךְ וּפְנֵ֥י הָמָ֖ן חָפֽוּ׃
9 וַיֹּ֣אמֶר חַ֠רְבוֹנָה אֶחָ֨ד מִן־הַסָּרִיסִ֜ים לִפְנֵ֣י הַמֶּ֗לֶךְ גַּ֣ם הִנֵּה־
הָעֵ֣ץ אֲשֶׁר־עָשָׂ֪ה הָמָ֟ן לְֽמָרְדֳּכַ֞י אֲשֶׁ֧ר דִּבֶּר־ט֣וֹב עַל־הַמֶּ֗לֶךְ
עֹמֵד֙ בְּבֵ֣ית הָמָ֔ן גָּבֹ֖הַּ חֲמִשִּׁ֣ים אַמָּ֑ה וַיֹּ֥אמֶר הַמֶּ֖לֶךְ תְּלֻ֥הוּ
י עָלָֽיו׃ וַיִּתְלוּ֙ אֶת־הָמָ֔ן עַל־הָעֵ֖ץ אֲשֶׁר־הֵכִ֣ין לְמָרְדֳּכָ֑י וַחֲמַ֥ת
הַמֶּ֖לֶךְ שָׁכָֽכָה׃

## ח CAP. VIII. ח

א בַּיּ֣וֹם הַה֗וּא נָתַ֞ן הַמֶּ֤לֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ֙ לְאֶסְתֵּ֣ר הַמַּלְכָּ֔ה אֶת־
בֵּ֥ית הָמָ֖ן צֹרֵ֣ר הַיְּהוּדִ֑ים וּמָרְדֳּכַ֗י בָּ֚א לִפְנֵ֣י הַמֶּ֔לֶךְ כִּֽי־
2 הִגִּ֥ידָה אֶסְתֵּ֖ר מַ֥ה הוּא־לָֽהּ׃ וַיָּסַר֩ הַמֶּ֨לֶךְ אֶת־טַבַּעְתּ֜וֹ
אֲשֶׁ֤ר הֶֽעֱבִיר֙ מֵֽהָמָ֔ן וַֽיִּתְּנָ֖הּ לְמָרְדֳּכָ֑י וַתָּ֧שֶׂם אֶסְתֵּ֛ר אֶֽת־
3 מָרְדֳּכַ֖י עַל־בֵּ֥ית הָמָֽן׃ וַתּ֣וֹסֶף אֶסְתֵּ֗ר וַתְּדַבֵּר֙ לִפְנֵ֣י
הַמֶּ֔לֶךְ וַתִּפֹּ֖ל לִפְנֵ֣י רַגְלָ֑יו וַתֵּ֣בְךְּ וַתִּתְחַנֶּן־ל֗וֹ לְהַֽעֲבִיר֙ אֶת־
רָעַת֙ הָמָ֣ן הָאֲגָגִ֔י וְאֵת֙ מַחֲשַׁבְתּ֔וֹ אֲשֶׁ֥ר חָשַׁ֖ב עַל־הַיְּהוּדִֽים׃
4 וַיּ֤וֹשֶׁט הַמֶּ֙לֶךְ֙ לְאֶסְתֵּ֔ר אֵ֖ת שַׁרְבִ֣ט הַזָּהָ֑ב וַתָּ֣קָם אֶסְתֵּ֔ר
ה וַֽתַּעֲמֹ֖ד לִפְנֵ֥י הַמֶּֽלֶךְ׃ וַ֠תֹּאמֶר אִם־עַל־הַמֶּ֨לֶךְ ט֜וֹב וְאִם־
מָצָ֧אתִי חֵ֣ן לְפָנָ֗יו וְכָשֵׁ֤ר הַדָּבָר֙ לִפְנֵ֣י הַמֶּ֔לֶךְ וְטוֹבָ֥ה אֲנִ֖י
בְּעֵינָ֑יו יִכָּתֵ֞ב לְהָשִׁ֣יב אֶת־הַסְּפָרִ֗ים מַחֲשֶׁ֜בֶת הָמָ֤ן בֶּֽן־
הַמְּדָ֙תָא֙ הָאֲגָגִ֔י אֲשֶׁ֣ר כָּתַ֗ב לְאַבֵּד֙ אֶת־הַיְּהוּדִ֔ים אֲשֶׁ֖ר
6 בְּכָל־מְדִינ֥וֹת הַמֶּֽלֶךְ׃ כִּ֠י אֵיכָכָ֤ה אוּכַל֙ וְֽרָאִ֔יתִי בָּֽרָעָ֖ה
אֲשֶׁר־יִמְצָ֣א אֶת־עַמִּ֑י וְאֵיכָכָ֤ה אוּכַל֙ וְֽרָאִ֔יתִי בְּאָבְדַ֖ן
7 מוֹלַדְתִּֽי׃ וַיֹּ֨אמֶר הַמֶּ֤לֶךְ אֲחַשְׁוֵרֹשׁ֙ לְאֶסְתֵּ֣ר הַמַּלְכָּ֔ה
וּֽלְמָרְדֳּכַ֖י הַיְּהוּדִ֑י הִנֵּ֨ה בֵית־הָמָ֜ן נָתַ֣תִּי לְאֶסְתֵּ֗ר וְאֹתוֹ֙
8 תָּל֣וּ עַל־הָעֵ֔ץ עַ֛ל אֲשֶׁר־שָׁלַ֥ח יָד֖וֹ בַּיְּהוּדִיים׃ וְ֠אַתֶּם
כִּתְב֨וּ עַל־הַיְּהוּדִ֜ים כַּטּ֣וֹב בְּעֵינֵיכֶ֗ם בְּשֵׁ֣ם הַמֶּ֔לֶךְ וְחִתְמ֖וּ

בטבעת

רד v. 1. יתיר — v. 6. מלרע ibid. מלרע — v. 7. יתיר

וויין־באל, ערשט המן פאלט צום בעט. אויף וועלכען אסתר איז געזע־
סען. האט דער קעניג געזאגט: „ווילסט אויך די קעניגין צווינגען ביי
מיר אינ׳ם הויז?״ דאס ווארט איז ארויס פון קעניגס מויל און המן איז
פארשעמט געווארען.

9 דאן האט חרבונה, איינער פון די הויפריענער, געזאגט צום קעניג:
אויך דער האלץ וואס המן האט געמאכט פאר מרדכי׳ן, וועלכער האט גו־
טעס געבראכט דעם קעניג, שטעהט נעבען המן׳ס הויז, עס איז פופציג
איילען הויך. האט דער קעניג געזאגט: „הענגט איהם אויף איהם!״

10 האט מען המן׳ען געהאנגען אויף דעם האלץ, וועלכען ער האט אנגעגרייט
פאר מרדכי׳ן, און דעם קעניגס צארן איז געשטילט געווארען.

## קאפיטעל ח.

1 אין דעם זעלבען טאג האט קעניג אחשורוש אוועקגעגעבען צו אסתר די
קעניגין דאס הויז פון המן דעם אידען־פיינד, און מרדכי איז אריינגעקו־
מען צום קעניג, ווארים אסתר האט געזאגט וואס ער איז צו איהר.

2 און דער קעניג האט אראבגענומען זיין רינג, וואס ער האט אראבגענו־
מען פון המן׳ען און האט עס געגעבען מרדכי׳ן; אסתר האט אנגעשטעלט
מרדכי׳ן איבער המן׳ס הויז.

3 דאן האט אסתר ווייטער גערעדט צום קעניג, זי איז געפאלען צו זיינע
פיס, געוויינט און געבעטען איהם אראבצונעהמען דאס שלעכטס פון
המן דעם אגג׳ער און זיין פלאן וואס ער האט געפלאנט אויף די יהודים.

4 אז דער קעניג האט אויסגעשטרעקט צו אסתר׳ן דעם גאלדענעם צעפטער,
איז אסתר אויפגעשטאנען און געשטעלט זיך פאר׳ן קעניג.

5 זי האט געזאגט: אויב דער קעניג איז צופריעדען, אויב איך געפעהל
איהם, און די זאך איז פאסיג פאר׳ן קעניג און איך בין גוט אין זיינע
אויגען, זאל געשריבען ווערען צוריק צו רופען די בריעף מיט׳ן פלאן פון
המן, המדתא׳ס זוהן, דער אגג׳ער, וואס ער האט געשריבען אונטער־
צובריינגען די יהודים, וואס אין אלע פראווינצען דעם קעניגס;

6 ווארים ווי קען איך צוזעהען דעם אונגליק וואס וועט טרעפען מיין פאלק,
און ווי וועל איך קענען צוקוקען דעם אונטערגאנג פון מיין פערוואנדט־
שאפט?

7 דאן האט דער קעניג אחשורוש געזאגט צו אסתר די קעניגין און מרדכי
דעם יהודי: המן׳ס הויז האב איך דאך אוועקגעגעבען אסתר׳ן און איהם
האט מען געהאנגען אויף א האלץ ווייל ער האט א האנד געלייגט אויף
די יהודים,

8 שרייבט־זשע איהר וועגען די יהודים אינ׳ם קעניגס נאמען וואס איך
געפעהלט, און פערזיגעלט מיט׳ן קעניגס זיגעל־רינג; ווארים א שריפט

בְּטַבַּעַת הַמֶּלֶךְ כִּי־כְתָב אֲשֶׁר־נִכְתָּב בְּשֵׁם־הַמֶּלֶךְ וְנַחְתּוֹם
9 בְּטַבַּעַת הַמֶּלֶךְ אֵין לְהָשִׁיב׃ וַיִּקָּרְאוּ סֹפְרֵי־הַמֶּלֶךְ בָּעֵת־
הַהִיא בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁלִישִׁי הוּא־חֹדֶשׁ סִיוָן בִּשְׁלוֹשָׁה
וְעֶשְׂרִים בּוֹ וַיִּכָּתֵב כְּכָל־אֲשֶׁר־צִוָּה מָרְדֳּכַי אֶל־
הַיְּהוּדִים וְאֶל הָאֲחַשְׁדַּרְפְּנִים וְהַפַּחוֹת וְשָׂרֵי הַמְּדִינוֹת
אֲשֶׁר ׀ מֵהֹדּוּ וְעַד־כּוּשׁ שֶׁבַע וְעֶשְׂרִים וּמֵאָה מְדִינָה
מְדִינָה וּמְדִינָה כִּכְתָבָהּ וְעַם וָעָם כִּלְשֹׁנוֹ וְאֶל־הַיְּהוּדִים
י כִּכְתָבָם וְכִלְשׁוֹנָם׃ וַיִּכְתֹּב בְּשֵׁם הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרֹשׁ וַיַּחְתֹּם
בְּטַבַּעַת הַמֶּלֶךְ וַיִּשְׁלַח סְפָרִים בְּיַד הָרָצִים בַּסּוּסִים
11 רֹכְבֵי הָרֶכֶשׁ הָאֲחַשְׁתְּרָנִים בְּנֵי הָרַמָּכִים׃ אֲשֶׁר נָתַן
הַמֶּלֶךְ לַיְּהוּדִים ׀ אֲשֶׁר בְּכָל־עִיר־וָעִיר לְהִקָּהֵל וְלַעֲמֹד
עַל־נַפְשָׁם לְהַשְׁמִיד לַהֲרֹג וּלְאַבֵּד אֶת־כָּל־חֵיל עַם
12 וּמְדִינָה הַצָּרִים אֹתָם טַף וְנָשִׁים וּשְׁלָלָם לָבוֹז׃ בְּיוֹם
אֶחָד בְּכָל־מְדִינוֹת הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ בִּשְׁלוֹשָׁה עָשָׂר
13 לְחֹדֶשׁ שְׁנֵים־עָשָׂר הוּא־חֹדֶשׁ אֲדָר׃ פַּתְשֶׁגֶן הַכְּתָב
לְהִנָּתֵן דָּת בְּכָל־מְדִינָה וּמְדִינָה גָּלוּי לְכָל־הָעַמִּים וְלִהְיוֹת
14 הַיְּהוּדִיִּים עֲתוּדִים* לַיּוֹם הַזֶּה לְהִנָּקֵם מֵאֹיְבֵיהֶם׃ הָרָצִים
רֹכְבֵי הָרֶכֶשׁ הָאֲחַשְׁתְּרָנִים יָצְאוּ מְבֹהָלִים וּדְחוּפִים בִּדְבַר
טו הַמֶּלֶךְ וְהַדָּת נִתְּנָה בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה׃ וּמָרְדֳּכַי יָצָא ׀
מִלִּפְנֵי הַמֶּלֶךְ בִּלְבוּשׁ מַלְכוּת תְּכֵלֶת וָחוּר וַעֲטֶרֶת זָהָב
גְּדוֹלָה וְתַכְרִיךְ בּוּץ וְאַרְגָּמָן וְהָעִיר שׁוּשָׁן צָהֲלָה וְשָׂמֵחָה׃
16 17 לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה וְשִׂמְחָה וְשָׂשֹׂן וִיקָר׃ וּבְכָל־
מְדִינָה וּמְדִינָה וּבְכָל־עִיר וָעִיר מְקוֹם אֲשֶׁר דְּבַר־הַמֶּלֶךְ
וְדָתוֹ מַגִּיעַ שִׂמְחָה וְשָׂשׂוֹן לַיְּהוּדִים מִשְׁתֶּה וְיוֹם טוֹב
וְרַבִּים מֵעַמֵּי הָאָרֶץ מִתְיַהֲדִים כִּי־נָפַל פַּחַד־הַיְּהוּדִים
עֲלֵיהֶם׃

ובשנים

v. 13. יחיד ר׳ ibid. עתודים קרי v. 15. קמץ בלא אתנח

וואָס איז געשריבען אינ׳ם קעניגס נאָמען און געזיגעלט מיט׳ן קעניגס זיגעל־רינג, קען מען ניט צוריקרופען.

9 גלייך זיינען גערופען געוואָרען דעם קעניגס שרייבער, אין דריטען מאָ־נאט ד. ה. מאָנאט סיון, דריי און צוואנציג טעג אין איהם, און מ׳האָט געשריבען אַלץ וואָס מרדכי האָט געהייסען צו די יהודים, צו די סאטראַ־פען, גובערנאטאָרען און פראָווינצען־פערוואלטער וואָס פון הדו ביז כוש, הונדערט זיעבען־און־צוואנציג פראָווינצען, צו יעדער פראָווינץ מיט איהר שריפט און צו יעדעם פאָלק אין זיין שפראך, אויך צו די יהודים מיט זייער שריפט און זייער שפראך.

10 מ׳האָט געשריבען אין קעניג אחשורוש׳ס נאָמען און פארזיגעלט מיט׳ן קעניגליכען זיגעל־רינג און אויםגעשיקט בריעף דורך די שנעלע פערד־רייטער, רעננער־רייטער, מויל־אייזלען־רייטער אויף יונגע שטו־טען,

11 דאָס דער קעניג ערלויבט די יהודים אין יעדער שטאָדט צו פערזאמלען זיך און שטעהן פאר זייער לעבען, צו פערניכטען, הרג׳ען און אונטער־ברייגגען יעדער קריעגס־מאכט פון פאָלק און פראָווינץ, וואָס דריקט זיי, זאָגאר קינדער און פרויען, און רויבען זייער פערמעגען

12 אין זעלבינגען טאָג, אין אלע פראָווינצען פון קעניג אחשורוש, אין דריי־צעהנטען טאָג פון צוועלפטען מאָנאט ד. ה. מאָנאט אדר.

13 דער אינהאַלט פונ׳ם שרייבען: „עס זאָל ארויסגעגעבען ווערען א בע־פעהל אין יעדער פראָווינץ, אָפען פאר אלע פעלקער, דאָס די יהודים זאָלען צוגעגרייט זיין צו דעם טאָג ראכע צו נעהמען פון זייערע פיינד.

14 די שנעלל־רעננער־רייטער און מויל־אייזלען־רייטער זיינען איילענדיג גע־שווינד ארויסגעגאנגען מיט׳ן קעניגס וואָרט, און דאָס געזעץ איז ארויס־געגעבען געוואָרען אין שושן די הויפטשטאָדט.

15 מרדכי איז ארויס פון קעניג אין קעניגליכע קליידונג — בלוי און וויים, מיט א גרויסע גאָלדענע קרוין און א מאנטעל פון ליינען און פורפור — די שטאָדט שושן איז געווען לוסטיג און פרעהליך.

16 פאר די יהודים איז געוואָרען ליכטיג און פרעהליך, א פרייד און אַן עהרע —

17 אין יעדער פראָווינץ און אין יעדער שטאָדט — וואו נאָר דעם קעניגס וואָרט און זיין געזעץ גרייכט — איז געווען פרעהליך און פרייד ביי די יהודים, א באַל און א פייערטאָג; פיעל פון די פעלקער פונ׳ם לאנד זיי־נען יהודים געוואָרען ווייל א שרעק פאר די יהודים איז אויף זיי געפאלען.

## ט CAP. IX. ט

א וּבִשְׁנֵים עָשָׂר חֹדֶשׁ הוּא־חֹדֶשׁ אֲדָר בִּשְׁלוֹשָׁה עָשָׂר יוֹם
בּוֹ אֲשֶׁר הִגִּיעַ דְּבַר־הַמֶּלֶךְ וְדָתוֹ לְהֵעָשׂוֹת בַּיּוֹם אֲשֶׁר
שִׂבְּרוּ אֹיְבֵי הַיְּהוּדִים לִשְׁלוֹט בָּהֶם וְנַהֲפוֹךְ הוּא אֲשֶׁר
יִשְׁלְטוּ הַיְּהוּדִים הֵמָּה בְּשֹׂנְאֵיהֶם׃ נִקְהֲלוּ הַיְּהוּדִים 2
בְּעָרֵיהֶם בְּכָל־מְדִינוֹת הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ לִשְׁלֹחַ יָד
בִּמְבַקְשֵׁי רָעָתָם וְאִישׁ לֹא־עָמַד בִּפְנֵיהֶם כִּי־נָפַל פַּחְדָּם
עַל־כָּל־הָעַמִּים׃ וְכָל־שָׂרֵי הַמְּדִינוֹת וְהָאֲחַשְׁדַּרְפְּנִים 3
וְהַפַּחוֹת וְעֹשֵׂי הַמְּלָאכָה אֲשֶׁר לַמֶּלֶךְ מְנַשְּׂאִים אֶת־
הַיְּהוּדִים כִּי־נָפַל פַּחַד־מָרְדֳּכַי עֲלֵיהֶם׃ כִּי־גָדוֹל מָרְדֳּכַי 4
בְּבֵית הַמֶּלֶךְ וְשָׁמְעוֹ הוֹלֵךְ בְּכָל־הַמְּדִינוֹת כִּי־הָאִישׁ
מָרְדֳּכַי הוֹלֵךְ וְגָדוֹל׃ וַיַּכּוּ הַיְּהוּדִים בְּכָל־אֹיְבֵיהֶם מַכַּת־ 5
חֶרֶב וְהֶרֶג וְאַבְדָן וַיַּעֲשׂוּ בְשֹׂנְאֵיהֶם כִּרְצוֹנָם׃ וּבְשׁוּשַׁן 6
הַבִּירָה הָרְגוּ הַיְּהוּדִים וְאַבֵּד חֲמֵשׁ מֵאוֹת אִישׁ׃

וְאֵת ׀ 7
פַּרְשַׁנְדָּתָא וְאֵת ׀
דַּלְפוֹן וְאֵת ׀
אַסְפָּתָא׃ וְאֵת ׀ 8
פּוֹרָתָא וְאֵת ׀
אֲדַלְיָא וְאֵת ׀
אֲרִידָתָא׃ וְאֵת ׀ 9
פַּרְמַשְׁתָּא וְאֵת ׀
אֲרִיסַי וְאֵת ׀
אֲרִדַי וְאֵת ׀
וַיְזָתָא׃ עֲשֶׂרֶת 10
בְּנֵי הָמָן בֶּן־הַמְּדָתָא צֹרֵר הַיְּהוּדִים הָרָגוּ וּבַבִּזָּה לֹא
שלחו

v. 7. ס״א ש׳ זעירא, ת׳ זעירא  v. 9. ס״א ר׳ זעירא  Ibid. ש׳ ות׳ זעירא
ibid. ו׳ רבתי  Ibid. ז׳ זעירא

## קאפיטעל ט

1 אינ׳ם צוועלפטען מאָנאַט, ד. ה. מאָנאַט אדר, דעם דרייצעהנטען טאָג אין איהם, איז עס אָנגעקומען דעם קעניגס וואָרט אז זיין בעפעהל זאָל אויס־געפיהרט ווערען; אין דעם זעלביגען טאָג וואָס די יהודים־פיינד האָ־בען געהאָפט צו בעהערשען זיי, איז עס איבערגעקעהרט געוואָרען אז די יהודים גאַר זאָלען בעהערשען זייערע פיינד.

2 די יהודים האָבען זיך פערזאַמעלט אין זייערע שטעדט, אין אַלע פּראָווינ־צען פון קעניג אחשורוש, אום אַ האַנד צו לעגען אויף די וואָס האָבען פאַר זיי שלעכטס געזוכט, און קיינער האָט זיך קעגען זיי געשטעלט, ווייל זייער שרעק איז געפאַלען אויף אַלע פעלקער.

3 אַלע פּראָווינץ־פירסטען, סאַטראַפּען, גובערנאַטאָרען און דעם קעניגס מיט־ארבייטער ערהויבען די יהודים, ווייל אַ שרעק פאַר מרדכי׳ן איז אויף זיי געפאַלען.

4 ווארים מרדכי איז גרויס געוואָרען אינ׳ם קעניגס הויז און זיין בערוף געהט איבער אַלע פּראָווינצען, דער מאַן מרדכי איז אַלץ גרעסער גע־וואָרען.

5 די יהודים האָבען געשלאָגען אונטער זייערע פיינד אַ שווערד־שלעגעריי — גע׳הרג׳עט און פערניכטעט; זיי האָבען געטהאָן מיט זייערע פיינד וואָס זיי האָבען געוואָלט.

6 אויך אין שושן די הויפּט־שטאָדט האָבען די יהודים אויסגע׳הרג׳עט און פערניכטעט פינף הונדערט מאַן,

7 אויך פרשנדתא
און דלפון
און אספתא;

8 אויך פורתא,
און אדליא,
און ארידתא;

9 אויך פרמשתא;
און אריסי,
און ארידי,
און ויזתא —

10 די צעהען זיהן המן׳ס, המדתא׳ס זוהן, דער יודען־פיינד, האָבען זיי גע־הרג׳עט, אָבער אויפ׳ן פערמעגען האָבען זיי קיין האַנד געלעגט.

11 שָׁלְחוּ אֶת־יָדָם׃ בַּיּוֹם הַהוּא בָּא מִסְפַּר הַהֲרוּגִים בְּשׁוּשַׁן
12 הַבִּירָה לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ לְאֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה
בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה הָרְגוּ הַיְּהוּדִים וְאַבֵּד חֲמֵשׁ מֵאוֹת אִישׁ
וְאֵת עֲשֶׂרֶת בְּנֵי־הָמָן בִּשְׁאָר מְדִינוֹת הַמֶּלֶךְ מֶה עָשׂוּ
13 וּמַה־שְּׁאֵלָתֵךְ וְיִנָּתֵן לָךְ וּמַה־בַּקָּשָׁתֵךְ עוֹד וְתֵעָשׂ׃ וַתֹּאמֶר
אֶסְתֵּר אִם־עַל־הַמֶּלֶךְ טוֹב יִנָּתֵן גַּם־מָחָר לַיְּהוּדִים אֲשֶׁר
בְּשׁוּשָׁן לַעֲשׂוֹת כְּדָת הַיּוֹם וְאֵת עֲשֶׂרֶת בְּנֵי־הָמָן יִתְלוּ
14 עַל־הָעֵץ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ לְהֵעָשׂוֹת כֵּן וַתִּנָּתֵן דָּת בְּשׁוּשָׁן
טו וְאֵת עֲשֶׂרֶת בְּנֵי־הָמָן תָּלוּ׃ וַיִּקָּהֲלוּ הַיְּהוּדִיִּים אֲשֶׁר־
בְּשׁוּשָׁן גַּם בְּיוֹם אַרְבָּעָה עָשָׂר לְחֹדֶשׁ אֲדָר וַיַּהַרְגוּ
בְשׁוּשָׁן שְׁלֹשׁ מֵאוֹת אִישׁ וּבַבִּזָּה לֹא שָׁלְחוּ אֶת־יָדָם׃
16 וּשְׁאָר הַיְּהוּדִים אֲשֶׁר בִּמְדִינוֹת הַמֶּלֶךְ נִקְהֲלוּ ׀ וְעָמֹד
עַל־נַפְשָׁם וְנוֹחַ מֵאֹיְבֵיהֶם וְהָרוֹג בְּשֹׂנְאֵיהֶם חֲמִשָּׁה
17 וְשִׁבְעִים אָלֶף וּבַבִּזָּה לֹא שָׁלְחוּ אֶת־יָדָם׃ בְּיוֹם־שְׁלוֹשָׁה
עָשָׂר לְחֹדֶשׁ אֲדָר וְנוֹחַ בְּאַרְבָּעָה עָשָׂר בּוֹ וְעָשֹׂה אֹתוֹ
18 יוֹם מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה׃ וְהַיְּהוּדִיִּים אֲשֶׁר־בְּשׁוּשָׁן נִקְהֲלוּ
בִּשְׁלוֹשָׁה עָשָׂר בּוֹ וּבְאַרְבָּעָה עָשָׂר בּוֹ וְנוֹחַ בַּחֲמִשָּׁה
19 עָשָׂר בּוֹ וְעָשֹׂה אֹתוֹ יוֹם מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה׃ עַל־כֵּן הַיְּהוּדִים
הַפְּרָוזִים הַיֹּשְׁבִים בְּעָרֵי הַפְּרָזוֹת עֹשִׂים אֵת יוֹם אַרְבָּעָה
עָשָׂר לְחֹדֶשׁ אֲדָר שִׂמְחָה וּמִשְׁתֶּה וְיוֹם טוֹב וּמִשְׁלֹחַ
כ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ׃ וַיִּכְתֹּב מָרְדֳּכַי אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה
וַיִּשְׁלַח סְפָרִים אֶל־כָּל־הַיְּהוּדִים אֲשֶׁר בְּכָל־מְדִינוֹת
21 הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ הַקְּרוֹבִים וְהָרְחוֹקִים׃ לְקַיֵּם עֲלֵיהֶם
לִהְיוֹת עֹשִׂים אֵת יוֹם אַרְבָּעָה עָשָׂר לְחֹדֶשׁ אֲדָר וְאֵת
22 יוֹם־חֲמִשָּׁה עָשָׂר בּוֹ בְּכָל־שָׁנָה וְשָׁנָה׃ כַּיָּמִים אֲשֶׁר־נָחוּ
בָהֶם הַיְּהוּדִים מֵאֹיְבֵיהֶם וְהַחֹדֶשׁ אֲשֶׁר נֶהְפַּךְ לָהֶם מִיָּגוֹן
לְשִׂמְחָה וּמֵאֵבֶל לְיוֹם טוֹב לַעֲשׂוֹת אוֹתָם יְמֵי מִשְׁתֶּה

ושמחה

v. 15. 18. יתיר י   v. 19. יתיר ו

11 יענעם טאָג איז רעפּאָרטעט געווען פאַר'ן קעניג דער צאָהל פון די געהרג'עטע אין שושן,

12 און דער קעניג האָט געזאָגט צו אסתר די קעניגין: אין שושן די הויפּטשטאָדט האָבען די יהודים גע'הרג'עט און אונטערגעבראַכט פינף הונדערט מאַן, אויף די צעהען זיהן המן'ס, וואָס האָט מען געטהאָן אין די איבריגע פּראָווינצען דעם קעניגס? וואָס איז נאָך דיין פערלאַנג? — עס וועט דיר געגעבען ווערען; וואָס נאָך איז דיין ביטע? —עס וועט געטהאָן ווערען.

13 האָט אסתר געזאָגט: אויב דעם קעניג געפעהלט זאָל אויך מאָרגען ערלויבט זיין די שושן'ער יהודים צו טהאָן לויט היינטיגעם געזעץ, און המן'ס צעהען זיהן זאָל מען אויפהענגען אויף אַ בוים.

14 דער קעניג האָט געהייסען עס זאָל אַזוי געטהאָן ווערען און אַ בעפעהל איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אין שושן; אויף המן'ס צעהען זיהן האָט מען אויפגעהאַנגען.

15 און די שושן'ער יהודים האָבען זיך פערזאַמעלט אויך אינ'ם פערצעהנטען טאָג פון מאָנאַט אדר, און זיי האָבען אויסגע'הרג'עט אין שושן דריי הונדערט מאַן, אויף דאָס פערמעגען אָבער האָבען זיי קיין האַנד געלעגט.

16 אויך די איבריגע יהודים וואָס אין קעניגס פּראָווינצען האָבען זיך פערזאַמעלט און געשטאַנען פאַר זייער לעבען, זיי האָבען גערוהט פון זייערע פיינד און אויסגע'הרג'עט פינף־און־זיעבציג טויזענד פון זייערע האַסער, (אויפ'ן פערמעגען האָבען זיי קיין האַנד געלעגט,)

17 אינ'ם דרייצעהנטען טאָג צום מאָנאַט אדר, און גערוהט אינ'ם פערצעהנטען אין איהם, און בעשטימט איהם אַלס אַ טאָג פון בעלער און פרייד.

18 די יהודים פון שושן אָבער האָבען זיך פערזאַמעלט אין דרייצעהנטען אויך אין פערצעהנטען אין איהם, און גערוהט דעם פופצעהנטען, און בעשטימט עס אַלס אַ טאָג פון בעלער און פרייד.

19 די דאָרפישע יהודים, די וואָס וואוינען אין אָפענע שטעדט, מאַכען דערפאַר דער פערצעהנטען טאָג פון מאָנאַט אדר אַ טאָג פון פרייד און בעלער, אַ פייער־טאָג, און זיי שיקען פּרעזענטען איינער דעם אַנדערן.

20 מרדכי האָט פאַרשריבען דיעזע פּאַסירונגען און האָט אויסגעשיקט בריעף צו אַלע יהודים וואָס אין אַלע פּראָווינצען פון קעניג אחשורוש — צו נאָהענטע און ווייטע —

21 זיי זאָלען בעשטימען ביי זיך צו מאַכען דעם פערצעהנטען טאָג פון מאָנאַט אדר אויך דעם פופצעהנטען טאָג אין איהם יעדער יאָהר

22 אַזוי ווי די טעג אין וועלכע די יהודים האָבען גערוהט פון זייערע פיינד, אינ'ם מאָנאַט וואָס איז פאַר זיי איבערגעקעהרט געוואָרען פון אומעט אויף פרייד און פון טרויער אויף אַ פייער־טאָג — זיי זאָלען זיי מאַכען אַלס טעג פאַר בעלער און פרייד, אויף שיקען פּרעזענטען איינער דעם אַנדערן און געשענקען צו אָרמע לייט.

וְשִׂמְחָה וּמִשְׁלֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ וּמַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים׃
23 וְקִבֵּל הַיְּהוּדִים אֵת אֲשֶׁר־הֵחֵלּוּ לַעֲשׂוֹת וְאֵת אֲשֶׁר־כָּתַב
24 מָרְדֳּכַי אֲלֵיהֶם׃ כִּי הָמָן בֶּן־הַמְּדָתָא הָאֲגָגִי צֹרֵר כָּל־
הַיְּהוּדִים חָשַׁב עַל־הַיְּהוּדִים לְאַבְּדָם וְהִפִּל פּוּר הוּא
כה הַגּוֹרָל לְהֻמָּם וּלְאַבְּדָם׃ וּבְבֹאָהּ לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ אָמַר עִם־
הַסֵּפֶר יָשׁוּב מַחֲשַׁבְתּוֹ הָרָעָה אֲשֶׁר־חָשַׁב עַל־הַיְּהוּדִים
26 עַל־רֹאשׁוֹ וְתָלוּ אֹתוֹ וְאֶת־בָּנָיו עַל־הָעֵץ׃ עַל־כֵּן קָרְאוּ
לַיָּמִים הָאֵלֶּה פוּרִים עַל־שֵׁם הַפּוּר עַל־כֵּן עַל־כָּל־דִּבְרֵי
הָאִגֶּרֶת הַזֹּאת וּמָה־רָאוּ עַל־כָּכָה וּמָה הִגִּיעַ אֲלֵיהֶם׃
27 קִיְּמוּ וְקִבֵּל הַיְּהוּדִים ׀ עֲלֵיהֶם ׀ וְעַל־זַרְעָם וְעַל כָּל־
הַנִּלְוִים עֲלֵיהֶם וְלֹא יַעֲבוֹר לִהְיוֹת עֹשִׂים אֵת שְׁנֵי הַיָּמִים
28 הָאֵלֶּה כִּכְתָבָם וְכִזְמַנָּם בְּכָל־שָׁנָה וְשָׁנָה׃ וְהַיָּמִים הָאֵלֶּה
נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים בְּכָל־דּוֹר וָדוֹר מִשְׁפָּחָה וּמִשְׁפָּחָה מְדִינָה
וּמְדִינָה וְעִיר וָעִיר וִימֵי הַפּוּרִים הָאֵלֶּה לֹא יַעַבְרוּ מִתּוֹךְ
29 הַיְּהוּדִים וְזִכְרָם לֹא־יָסוּף מִזַּרְעָם׃ וַתִּכְתֹּב
אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה בַת־אֲבִיחַיִל וּמָרְדֳּכַי הַיְּהוּדִי אֶת־כָּל־
ל תֹּקֶף לְקַיֵּם אֵת אִגֶּרֶת הַפֻּרִים הַזֹּאת הַשֵּׁנִית׃ וַיִּשְׁלַח
סְפָרִים אֶל־כָּל־הַיְּהוּדִים אֶל־שֶׁבַע וְעֶשְׂרִים וּמֵאָה מְדִינָה
31 מַלְכוּת אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ דִּבְרֵי שָׁלוֹם וֶאֱמֶת׃ לְקַיֵּם אֶת־יְמֵי
הַפֻּרִים הָאֵלֶּה בִּזְמַנֵּיהֶם כַּאֲשֶׁר קִיַּם עֲלֵיהֶם מָרְדֳּכַי הַיְּהוּדִי
וְאֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה וְכַאֲשֶׁר קִיְּמוּ עַל־נַפְשָׁם וְעַל־זַרְעָם דִּבְרֵי
32 הַצֹּמוֹת וְזַעֲקָתָם׃ וּמַאֲמַר אֶסְתֵּר קִיַּם דִּבְרֵי הַפֻּרִים
הָאֵלֶּה וְנִכְתָּב בַּסֵּפֶר׃

## י Cap. X. י

2 א וַיָּשֶׂם הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁרֵשׁ ׀ מַס עַל־הָאָרֶץ וְאִיֵּי הַיָּם׃ וְכָל־
מַעֲשֵׂה תָקְפּוֹ וּגְבוּרָתוֹ וּפָרָשַׁת גְּדֻלַּת מָרְדֳּכַי אֲשֶׁר גִּדְּלוֹ
המלך

ט v. 24. נ״א והפיל v. 27. וקבל קרי v. 29. ת׳ רבתי   י v. 1. אחשורוש קרי ibid. נ״א פסק

23 די יהודים האָבען אויף זיך אָנגענומען וואָס זיי האָבען אָנגעפאנגען צו טהאָן, אויף אזוי ווי מרדכי האָט זיי געשריבען.

24 ווארים המן, המדתא'ס זוהן, דער אגג'ער יודען־פיינד, האָט געפּלאַנט אויף די יהודים זיי אונטערצוברענגען, און האָט געוואָרפען א פור, ד. ה. א גורל, זיי צו פערדארבען און פערניכטען,

25 אָבער אז עס איז פאָרגעקומען פאר'ן קעניג האָט ער געהייסען מיט א בריעף מ'זאָל איבערקעהרען זיין שלעכטען פּלאַן, וואָס ער האָט אויף די יהודים געפּלאַנט, אויף זיין קאָפּ, און מ'האָט איהם מיט זיינע זיהן אויפגעהאנגען אויפ'ן האָלץ.

26 דערפאר האָבען זיי די טעג גערופען „פורים" איבער דעם „פור", אויף איבער די פאסירונגען פון דיזען בריעף, וואָס זיי האָבען וועגען דעם געזעהען און וואָס עס האָט זיי געטראָפען.

27 די יהודים האָבען בעשטעטיגט ביי זיך אויף אָנגענומען פאר זייערע קינדער און אלע וואָס וועלען זיך אן זיי אנשליסען—אונאונטערבראָכען, דאָס מען זאָל מאכען די צוויי טעג לויט זייער צושריפט און אין זייער צייט יעדער יאָהר.

28 די טעג ווערען דערמאנט און געהאלטען אויף אימער אין יעדע פאמיליע, יעדעס פּראָווינץ און יעדע שטאָדט; די טעג זאָלען ניט אונטערבראָכען ווערען ביי די יהודים און זייער ערינערונג זאָל ניט אויפהערען ביי זייערע קינדער.

29 דאן האָט אסתר די קעניגין, אביחיל'ס טאָכטער, און מרדכי דער יהודי, פארשריעבען די גאנצע שטארקייט צו בעשטעטיגען דיזען פורים בריעף צום צווייטען מאָל;

30 און ער האָט אויסגעשיקט בריעף צו אלע יהודים, אין די הונדערט זיעבען און צוואנציג פּראָווינצען פון אחשורוש'ס קעניגרייך, ווערטער פון פריעדען און ווארהייט

31 צו בעשטעטיגען דיזע פורים־טעג אין זייער צייט, אזוי ווי עס האָבען עס בעשטעטיגט אויף זיך מרדכי דער יהודי און אסתר די קעניגין, אזוי ווי זיי האָבען אויף זיך און זייערע קינדער בעשטעטיגט וועגען די פאסט־טעג און זייער געבעט.

32 אסתר'ס בעפעהל האָט בעשטעטיגט דיזע פורים־פאסירונגען, און עס איז פערשריבען געוואָרען אין א בוך.

## קאַפּיטעל י

1 דער קעניג אחשורוש האָט ארויפגעלעגט אבצאהל אויפ'ן לאנד און ים־אינזלען.

2 די גאנצע געשיכטע פון זיין מאכט און שטארקייט אויף די בעשרייבונג פון מרדכי'ס גרויסקייט, וואָס דער קעניג האָט איהם גרויס געמאכט,

הַמֶּלֶךְ הֲלוֹא־הֵם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי
3 מָדַי וּפָרָס׃ כִּי ׀ מָרְדֳּכַי הַיְּהוּדִי מִשְׁנֶה לַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ
וְגָדוֹל לַיְּהוּדִים וְרָצוּי לְרֹב אֶחָיו דֹּרֵשׁ טוֹב לְעַמּוֹ וְדֹבֵר
שָׁלוֹם לְכָל־זַרְעוֹ׃

סכום פסוקי דמגלת אסתר מאה וששים ושבעה. וסימנו כבדני נא נגד זקני עמי. וחציו ותען אסתר ותאמר. וסדריו חמשה. וסימנו וזה גב המזבח:

דאס אלעס איז פארשריעבען אין בוך „צייט פאסירונגען פון די קעניגע פון מדי און פרס״.

3 אויך דאס מרדכי דער יהודי, דער צווייטער נאכ׳ן קעניג אחשורוש, איז גרויס ביי די יהודים און בעליעבט ביי זיינע פיעל ברידער, ער פאדערט גוטעס פאר זיין פאלק און רעדט פריעדען צו אלע קינדער זיינע.

אלע פסוקים פון מגלת אסתר זיינען הונדערט זיעבען און זעכציג; די העלפט דערפון איז קאפ׳ ה׳ פסוק ז׳. עס האט צעהען קאפיטלאך. ח. ש. נ.

# דניאל

# LIBER DANIELIS.

## CAPUT I. א.

בִּשְׁנַת שָׁלוֹשׁ לְמַלְכוּת יְהוֹיָקִים מֶלֶךְ־יְהוּדָה בָּא א
נְבוּכַדְנֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל יְרוּשָׁלַםִ וַיָּצַר עָלֶיהָ׃ וַיִּתֵּן אֲדֹנָי 2
בְּיָדוֹ אֶת־יְהוֹיָקִים מֶלֶךְ־יְהוּדָה וּמִקְצָת כְּלֵי בֵית־הָאֱלֹהִים
וַיְבִיאֵם אֶרֶץ־שִׁנְעָר בֵּית אֱלֹהָיו וְאֶת־הַכֵּלִים הֵבִיא בֵּית
אוֹצַר אֱלֹהָיו׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ לְאַשְׁפְּנַז רַב סָרִיסָיו לְהָבִיא 3
מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל וּמִזֶּרַע הַמְּלוּכָה וּמִן־הַפַּרְתְּמִים׃ יְלָדִים 4
אֲשֶׁר אֵין־בָּהֶם כָּל־מאוּם וְטוֹבֵי מַרְאֶה וּמַשְׂכִּלִים* בְּכָל־
חָכְמָה וְיֹדְעֵי דַעַת וּמְבִינֵי מַדָּע וַאֲשֶׁר כֹּחַ בָּהֶם לַעֲמֹד
בְּהֵיכַל הַמֶּלֶךְ וּלְלַמְּדָם סֵפֶר וּלְשׁוֹן כַּשְׂדִּים׃ וַיְמַן לָהֶם ה
הַמֶּלֶךְ דְּבַר־יוֹם בְּיוֹמוֹ מִפַּתְבַּג הַמֶּלֶךְ וּמִיֵּין מִשְׁתָּיו
וּלְגַדְּלָם שָׁנִים שָׁלוֹשׁ וּמִקְצָתָם יַעַמְדוּ לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ׃ וַיְהִי 6
בָהֶם מִבְּנֵי יְהוּדָה דָּנִיֵּאל חֲנַנְיָה מִישָׁאֵל וַעֲזַרְיָה׃ וַיָּשֶׂם 7
לָהֶם שַׂר הַסָּרִיסִים שֵׁמוֹת וַיָּשֶׂם לְדָנִיֵּאל בֵּלְטְשַׁאצַּר
וְלַחֲנַנְיָה שַׁדְרַךְ וּלְמִישָׁאֵל מֵישַׁךְ וְלַעֲזַרְיָה עֲבֵד נְגוֹ׃
וַיָּשֶׂם דָּנִיֵּאל עַל־לִבּוֹ אֲשֶׁר לֹא־יִתְגָּאַל בְּפַתְבַּג הַמֶּלֶךְ 8
וּבְיֵין מִשְׁתָּיו וַיְבַקֵּשׁ מִשַּׂר הַסָּרִיסִים אֲשֶׁר לֹא יִתְגָּאָל׃
וַיִּתֵּן הָאֱלֹהִים אֶת־דָּנִיֵּאל לְחֶסֶד וּלְרַחֲמִים לִפְנֵי שַׂר 9
הַסָּרִיסִים׃ וַיֹּאמֶר שַׂר הַסָּרִיסִים לְדָנִיֵּאל יָרֵא אֲנִי אֶת־ י
אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר מִנָּה אֶת־מַאֲכַלְכֶם וְאֶת־מִשְׁתֵּיכֶם
אֲשֶׁר לָמָּה יִרְאֶה אֶת־פְּנֵיכֶם זֹעֲפִים מִן־הַיְלָדִים אֲשֶׁר

כגילכם

ומשכילים כ״א ibid. יחד א׳ v. 4.

# דניאל

## קאַפּיטעל א

1 אין דריטען יאָהר צו דער רעגירונג פון יהויקים, קעניג פון יהודה, איז
נבוכדנאצר, קעניג פון בבל, אַרויף אויף ירושלים און האָט איהר בע־
לאַגערט.
2 און גאָט האָט אין זיין האַנד געגעבען יהויקים, קעניג פון יהודה אויך
אַביסעל פון די כלים וואָס אין גאָט'ס הויז; ער האָט זיי געבראַכט
אינ'ם לאַנד שנער אין זיין גאָט'ס הויז, די כלים האָט ער אַריינגעטראָ־
גען אין דאָס זאַמעל־הויז פון זיין גאָט.
3 דאַן האָט דער קעניג געהייסען אשפנז'ן דעם גרעסטען פון די הויפ־
דיענער, ער זאָל ברענגען פון די קינדער פון ישראל, פון דער קעניגליכער
אָבשטאַמונג און פון די אֶדעלינגע,
4 קינדער וואָס האָבען קיין פעהלער, שעהן אויסזעהענדע און געבילדעטע
אין פערשיעדענע וויסענשאַפט, וואָס בעזיצען קענטניס און פערשטעהען
איינפעלע, זיי זאָלען אויך קרעפטיג זיין; זיי זאָל מען האַלטען אין
קעניגליכען פּאַלאַסט און לעהרנען זיי די שריפט און שפּראַך פון כשדים.
5 [דער קעניג האָט פאַר זיי בעשטימט טאָג־טעגליך פון די קעניגליכע
שפּייזען און דעם וויין וואָס ער טרינקט.] אַזוי זאָל מען זיי ערציעהען
דריי יאָהר, נאָך די ענדע פון וועלכע זיי דאַרפען פאַרגעשטעלט ווערען
פאַר'ן קעניג.
6 אונטער זיי זיינען געווען פון די קינדער פון יהודה — דניאל, חנניה,
מישאל און עזריה.
7 דער פערוואַלטער איבער די הויפּדיענער האָט זיי נעמען געגעבען:
דניאל'ן האָט ער גערופען — בלטשאצר, חנניה'ן — שדרך, מישאל'ן
—מישך, און עזריה'ן — עבד נגו.
8 דניאל האָט זיך גענומען צום האַרצען אַז ער זאָל זיך ניט פעראונרייניגען
מיט די קעניגליכע שפּייז און דעם וויין וואָס ער טרינקט; ער האָט
ערלויבניס געבעטען פון פערוואַלטער איבער די הויפּדיענער אַז ער זאָל
זיך ניט דאַרפען פעראונרייניגען.
9 און גאָט האָט געמאַכט אַז דניאל האָט בעקומען גנאָדע און מיטלייד פון
פערוואַלטער איבער די הויפּדיענער.
10 אָבער דער פערוואַלטער איבער די הויפּדיענער האָט געזאָגט צו דניאל'ן:
איך בין אין שרעק פאַר מיין העררן דעם קעניג וועלכער האָט זעלבסט
בעשטימט אייער עסען און טרינקען, ווארום ווי נאָר ער וועט זעהען
אַז אייער אויסזעהען איז ערגער פאַר די איבריגע קינדער פון אייער
עלטער וועט איבער אייך אַ שולד פאַלען אויף מיין הויכע שטעלונג
ביים קעניג.

11 כְּגִילְכֶם וְחִיַּבְתֶּם אֶת־רֹאשִׁי לַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר דָּנִיֵּאל אֶל־
הַמֶּלְצַר אֲשֶׁר מִנָּה שַׂר הַסָּרִיסִים עַל־דָּנִיֵּאל חֲנַנְיָה
12 מִישָׁאֵל וַעֲזַרְיָה׃ נַס־נָא אֶת־עֲבָדֶיךָ יָמִים עֲשָׂרָה וְיִתְּנוּ
13 לָנוּ מִן־הַזֵּרֹעִים וְנֹאכְלָה וּמַיִם וְנִשְׁתֶּה׃ וְיֵרָאוּ לְפָנֶיךָ
מַרְאֵינוּ וּמַרְאֵה הַיְלָדִים הָאֹכְלִים אֵת פַּתְבַּג הַמֶּלֶךְ
14 וְכַאֲשֶׁר תִּרְאֵה עֲשֵׂה עִם־עֲבָדֶיךָ׃ וַיִּשְׁמַע לָהֶם לַדָּבָר הַזֶּה
טו וַיְנַסֵּם יָמִים עֲשָׂרָה׃ וּמִקְצָת יָמִים עֲשָׂרָה נִרְאָה מַרְאֵיהֶם
טוֹב וּבְרִיאֵי בָּשָׂר מִן־כָּל־הַיְלָדִים הָאֹכְלִים אֵת פַּתְבַּג
16 הַמֶּלֶךְ׃ וַיְהִי הַמֶּלְצַר נֹשֵׂא אֶת־פַּתְבָּגָם וְיֵין מִשְׁתֵּיהֶם
17 וְנֹתֵן לָהֶם זֵרְעֹנִים׃ וְהַיְלָדִים הָאֵלֶּה אַרְבַּעְתָּם נָתַן לָהֶם
הָאֱלֹהִים מַדָּע וְהַשְׂכֵּל בְּכָל־סֵפֶר וְחָכְמָה וְדָנִיֵּאל הֵבִין
18 בְּכָל־חָזוֹן וַחֲלֹמוֹת׃ וּלְמִקְצָת הַיָּמִים אֲשֶׁר־אָמַר הַמֶּלֶךְ
19 לַהֲבִיאָם וַיְבִיאֵם שַׂר הַסָּרִיסִים לִפְנֵי נְבֻכַדְנֶצַּר׃ וַיְדַבֵּר
אִתָּם הַמֶּלֶךְ וְלֹא נִמְצָא מִכֻּלָּם כְּדָנִיֵּאל חֲנַנְיָה מִישָׁאֵל
כ וַעֲזַרְיָה וַיַּעַמְדוּ לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ׃ וְכֹל דְּבַר חָכְמַת בִּינָה אֲשֶׁר־
בִּקֵּשׁ מֵהֶם הַמֶּלֶךְ וַיִּמְצָאֵם עֶשֶׂר יָדוֹת עַל־כָּל־הַחַרְטֻמִּים
21 הָאַשָּׁפִים אֲשֶׁר בְּכָל־מַלְכוּתוֹ׃ וַיְהִי דָּנִיֵּאל עַד־שְׁנַת אַחַת
לְכוֹרֶשׁ הַמֶּלֶךְ׃

## CAP. II. ב

ב

א וּבִשְׁנַת שְׁתַּיִם לְמַלְכוּת נְבֻכַדְנֶצַּר חָלַם נְבֻכַדְנֶצַּר חֲלֹמוֹת
2 וַתִּתְפָּעֶם רוּחוֹ וּשְׁנָתוֹ נִהְיְתָה עָלָיו׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ לִקְרֹא
לַחַרְטֻמִּים וְלָאַשָּׁפִים וְלַמְכַשְּׁפִים וְלַכַּשְׂדִּים לְהַגִּיד לַמֶּלֶךְ
3 חֲלֹמֹתָיו וַיָּבֹאוּ וַיַּעַמְדוּ לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר לָהֶם הַמֶּלֶךְ
4 חֲלוֹם חָלָמְתִּי וַתִּפָּעֶם רוּחִי לָדַעַת אֶת־הַחֲלוֹם׃ וַיְדַבְּרוּ
הַכַּשְׂדִּים לַמֶּלֶךְ אֲרָמִית מַלְכָּא לְעָלְמִין חֱיִי אֱמַר חֶלְמָא
ה לְעַבְדָיךְ וּפִשְׁרָא נְחַוֵּא׃ עָנֵה מַלְכָּא וְאָמַר לְכַשְׂדָּיֵא מִלְּתָה
מִנִּי אַזְדָּא הֵן לָא תְהוֹדְעוּנַּנִי חֶלְמָא וּפִשְׁרֵהּ הַדָּמִין

תִּתְעַבְדוּן

א׳ v. 11. פתח באתנח   v. 13. א׳ בצירי   v. 4. ב׳ יתיר י׳   v. 5. לכשדאי קרי

11 דאן האט דניאל געזאגט צום שפייזגעבער, וועלכען דער פערוואלטער
איבער די הויפדיענער האט אנגעשטעלט ביי דניאל, חנניה, מישאל
און עזריה:
12 „פּרוביר דיינע קנעכט א צעהן טעג, זאל מען אונז געבען וועלכע גרינס
צו עסען און וואסער צו טרינקען,
13 דאן וועסטו בעקוקען אונזער אויסזעהען און דאס אויסזעהען פון יענע
קינדער וועלכע עסען די קעניגליכע שפייז — און טהו לויט דיין איינ־
זעהען".
14 ער האט איינגעשטימט צו דיזע רייד און האט זיי פּרובירט
צעהן טעג;
15 ענדע די צעהן טעג האט זיך ארויסגעוויזען זייער אויסזעהען בעסער און
דיקער פאר אלע קינדער וואס עסען די קעניגליכע שפייז.
16 דער שפייזגעבער פלעגט צונעהמען זייער שפייז און די וויין צום טרינקען
און פלעגט זיי געבען גרינסען.
17 צו דיזע פיער קינדער האט גאט געגעבען ערלערנונגס־קראפט און
פערשטאנד אין אלע וויסענשאפטליכע ביכער, אויסער דעם האט דניאל
פערשטאנען אלערליי ערשיינונגען און טרוימען־בעדייטונג.
18 ווען די צייט האט זיך געענדיגט און דער קעניג האט געהייסען ברענגען
זיי, האט דער פערוואלטער איבער די הויפדיענער געבראכט זיי צו
נבוכדנצר.
19 ווען דער קעניג האט מיט זיי גערעדט, האט זיך פון זיי אלעמען ניט
געפונען אזעלכע ווי דניאל, חנניה, מישאל און עזריה. זיי זיינען
פערבליבען ביים קעניג.
20 אין יעדען פאך פון קענטניס און פערשטאנד וואס דער קעניג האט זיי
געפרעגט, האט ער זיי אויסגעפונען צעהן מאל מעהר פאר אלע בילדער־
שריפטקענער און צויבערער, פון זיין גאנצע קעניגרייך.
21 דניאל איז [דארטען] געוועזען ביז'ן ערשטען יאהר פון קעניג כורש.

## קאפּיטעל ב

1 אין צווייטען יאהר פון נבוכדנצר'ס רעגיערונג האבען נבוכדנצר'ן זיך גע־
חלומ'ט חלומות, ער איז זעהר אונרוהיג געווארען און זיין שלאף איז
געשטערט געווען.
2 דאן האט דער קעניג געהייסען רופען די בילדער־שריפט־קענער, די
מאגיקער, צויבערער און כשדים, אום זיי זאלען זאגען דעם קעניג זיינע
חלומות, זיי זיינען געקומען און האבען זיך געשטעלט פאר'ן קעניג.
3 און דער קעניג האט צו זיי געזאגט: „מיר האט זיך וואס גע'חלומ'ט
און איך בין זעהר אונרוהיג ביז איך וועל וויסען דעם חלום".
4 די כשדים האבען צום קעניג גערעדט אראמעאיש: „אייביג לעב, קע־
ניג! דערצעהל דיינע קנעכט דעם חלום וועלען מיר דיר זאגען די בע־
דייטונג".
5 האט דער קעניג געענטפערט און געזאגט צו די כשד'ייער: פון מיר
איז די זאך אוועק, נאר אויב איהר וועט מיר ניט מאכען וויסען דעם

6 תתעבדון ובתיכון נולי יתשמון׃ והן חלמא ופשרה
תהחון מתנן ונבזבה ויקר שגיא תקבלון מן־קדמי להן
7 חלמא ופשרה החוני׃ ענו תנינות ואמרין מלכא חלמא
8 יאמר לעבדוהי ופשרה נהחוה׃ ענה מלכא ואמר מן
יציב ידע אנה די עדנא אנתון זבנין כל־קבל די חזיתון
9 די־אזדא מני מלתא׃ די הן־חלמא לא תהודענני חדה
היא דתכון ומלה כדבה ושחיתה הזמנתון למאמר
קדמי עד די עדנא ישתנא להן חלמא אמרו לי ואנדע
י די פשרה תהחונני׃ ענו כשדיא קדם־מלכא ואמרין
לא־איתי אנש על־יבשתא די מלת מלכא יוכל להחויה
כל־קבל די כל־מלך רב ושליט מלה כדנה לא שאל
11 לכל־חרטם ואשף וכשדי׃ ומלתא די־מלכא שאל יקירה
ואחרן לא איתי די יחונה קדם מלכא להן אלהין די
12 מדרהון עם־בשרא לא איתוהי׃ כל־קבל דנה מלכא
בנס וקצף שגיא ואמר להובדה לכל חכימי בבל׃
13 ודתא נפקת וחכימיא מתקטלין ובעו דניאל וחברוהי
14 להתקטלה׃ באדין דניאל התיב עטא וטעם
לאריוך רב־טבחיא די מלכא די נפק לקטלה לחכימי
טו בבל׃ ענה ואמר לאריוך שליטא די־מלכא על־מה
דתא מהחצפה מן־קדם מלכא אדין מלתא הודע אריוך
16 לדניאל׃ ודניאל על ובעא מן־מלכא די זמן ינתן־לה
17 ופשרא להחויה למלכא׃ אדין דניאל לביתה
אזל ולחנניה מישאל ועזריה חברוהי מלתא הודע׃
18 ורחמין למבעא מן־קדם אלה שמיא על־רזא דנה די
לא יהובדון דניאל וחברוהי עם־שאר חכימי בבל׃
19 אדין לדניאל בחזוא די־ליליא רזא גלי אדין דניאל ברך

לאלה

v. 8. כ״א ק׳ בדיק v. 9. הזדמנתון קרי v. 10. כשדאי קרי ibid. כ״א ק׳ בדיק

v. 17. פתח באתנח ibid. פתח בס״פ

חלום מיט זיין בעדייטונג וועט איהר (צוהאקט) ווערען אין שטיקער און
אייערע הייזער וועלען רואינען ווערען.
6 וועט איהר אבער דעם חלום מיט זיין בעדייטונג ערקלעהרען וועט איהר
פון מיר ערהאלטען געשענקע און פרעזענטען, אויך גרויס עהרע; ער־
קלעהרט מיר נאר דעם חלום מיט זיין בעדייטונג.
7 האבען זיי א צווייטען מאל געענטפערט און געזאגט: „זאל דער קעניג
זאגען זיינע קנעכט דעם חלום וועלען מיר ערקלעהרען זיין בעדייטונג!”
8 אבער דער קעניג האט געענטפערט און געזאגט: „פון דעם צושטאנד
פערשטעה איך אז איהר ווילט נאר געווינען צייט, וויל איהר זעהט
אז פון מיר איז די זאך אוועק;
9 אויב איהר וועט מיר ניט מאכען וויסען דעם חלום, איז אייער אור־
טהייל שארף אויסגעשפראכען. אויב איהר האט צוגעגרייט װעלכע ליג־
נערישע און בעטריגערישע ווערטער צו זאגען פאר מיר ביז די צייט וועט
זיך ענדערן; אלזא זאגט מיר דעם חלום וועל איך וויסען אז איהר
וועט מיר אויך זיין בעדייטונג ערקלעהרען.”
10 די כשד׳ייער האבען געענטפערט (שטעהענדיג) פאר׳ן קעניג און האבען
געזאגט: „עס איז ניטא קיין מענש אויף׳ן ערדבאדען וואס קען ער־
קלעהרען א קעניגליכען געגענשטאנד, דערפאר האט קיין גרויס־
הערשענדער קעניג אזא זאך ניט געפרעגט ביי קיין בילדער־שריפט־
קענער, צויבערער אדער כשד׳ייער.
11 די זאך וואס דער קעניג פרעגט איז שווער, און עס איז ניטא קיין אנ־
דערער וואס קען דאס ערקלעהרען דעם קעניג אויסער די געטער וואס
זייער וואוינונג איז ניט צווישען מענשען.”
12 איבער דעם איז דער קעניג אויפגערעגט און צארניג געווארען, און האט
געהייסען אונטערברענגען אלע קלוגע פון בבל.
13 און דאס געזעץ איז שוין ארויס און די קלוגע ווערען געטוידט, מען
האט אויך געזוכט דניאל׳ן מיט זיינע פריינד געטוידט צו ווערען.
14 דאן האט דניאל געענטפערט מיט בעראטהונג און איבערלעגונג אריוך׳ן,
דעם קעניג׳ס אבערהענקער, וועלכער איז ארויס צו טוידטען די קלוגע
פון בבל.
15 ער האט געענטפערט און געזאגט צו אריוך דעם קעניג׳ס הערשער: „פאר
וואס איז דאס געזעץ פון קעניג אזוי שטרענג?” דאן האט אריוך ער־
קלעהרט דניאל׳ן די זאך.
16 און דניאל איז אוועק און געבעטען דעם קעניג אז עס זאל איהם געגעבען
ווערען צייט די בעדייטונג צו ערקלעהרען דעם קעניג.
17 דאן איז דניאל געגאנגען צו זיך אהיים און האט געלאזען וויסען די זאך
צו זיינע פריינד חנניה, מישאל און עזריה.
18 אום זיי זאלען ערבארמונג בעטען פון דעם הימלישען גאט וועגען דיעזע
געהיימנים, אז דניאל מיט זיינע פריינד זאלען ניט אונטערגעבראכט
ווערען מיט די איבריגע קלוגע פון בבל.
19 דאן איז דניאל׳ן אין א נאכט־ערשיינונג די געהיימנים ענטדעקט געווא־
רען, דאמאלס האט דניאל געלויבט דעם הימלישען גאט.

כ לֶאֱלָהּ שְׁמַיָּא׃ עָנֵה דָנִיֵּאל וְאָמַר לֶהֱוֵא שְׁמֵהּ דִּי־אֱלָהָא
מְבָרַךְ מִן־עָלְמָא וְעַד־עָלְמָא דִּי חָכְמְתָא וּגְבוּרְתָא דִּי־
21 לֵהּ הִיא׃ וְהוּא מְהַשְׁנֵא עִדָּנַיָּא וְזִמְנַיָּא מְהַעְדֵּה מַלְכִין
וּמְהָקֵים מַלְכִין יָהֵב חָכְמְתָא לְחַכִּימִין וּמַנְדְּעָא לְיָדְעֵי
22 בִינָה׃ הוּא גָּלֵא עַמִּיקָתָא וּמְסַתְּרָתָא יָדַע מָה בַחֲשׁוֹכָא
23 וּנְהוֹרָא עִמֵּהּ שְׁרֵא׃ לָךְ ׀ אֱלָהּ אֲבָהָתִי מְהוֹדֵא וּמְשַׁבַּח
אֲנָה דִּי חָכְמְתָא וּגְבוּרְתָא יְהַבְתְּ לִי וּכְעַן הוֹדַעְתַּנִי דִּי־
24 בְעֵינָא מִנָּךְ דִּי־מִלַּת מַלְכָּא הוֹדַעְתֶּנָא׃ כָּל־קֳבֵל דְּנָה
דָנִיֵּאל עַל עַל־אַרְיוֹךְ דִּי מַנִּי מַלְכָּא לְהוֹבָדָה לְחַכִּימֵי בָבֶל
אֲזַל ׀ וְכֵן אֲמַר־לֵהּ לְחַכִּימֵי בָבֶל אַל־תְּהוֹבֵד הַעֵלְנִי
כה קֳדָם מַלְכָּא וּפִשְׁרָא לְמַלְכָּא אֲחַוֵּא׃ אֱדַיִן אַרְיוֹךְ
בְּהִתְבְּהָלָה הַנְעֵל לְדָנִיֵּאל קֳדָם מַלְכָּא וְכֵן אֲמַר־לֵהּ דִּי־
הַשְׁכַּחַת גְּבַר מִן־בְּנֵי גָלוּתָא דִּי יְהוּד דִּי פִשְׁרָא לְמַלְכָּא
26 יְהוֹדַע׃ עָנֵה מַלְכָּא וְאָמַר לְדָנִיֵּאל דִּי שְׁמֵהּ בֵּלְטְשַׁאצַּר
27 הַאִיתָיךְ כָּהֵל לְהוֹדָעֻתַנִי חֶלְמָא דִי־חֲזֵית וּפִשְׁרֵהּ׃ עָנֵה
דָנִיֵּאל קֳדָם מַלְכָּא וְאָמַר רָזָא דִּי־מַלְכָּא שָׁאֵל לָא
חַכִּימִין אָשְׁפִין חַרְטֻמִּין גָּזְרִין יָכְלִין לְהַחֲוָיָה לְמַלְכָּא׃
28 בְּרַם אִיתַי אֱלָהּ בִּשְׁמַיָּא גָּלֵא רָזִין וְהוֹדַע לְמַלְכָּא
נְבוּכַדְנֶצַּר מָה דִּי לֶהֱוֵא בְּאַחֲרִית יוֹמַיָּא חֶלְמָךְ וְחֶזְוֵי
29 רֵאשָׁךְ עַל־מִשְׁכְּבָךְ דְּנָה הוּא׃ אַנְתְּה מַלְכָּא
רַעְיוֹנָךְ עַל־מִשְׁכְּבָךְ סְלִקוּ מָה דִּי לֶהֱוֵא אַחֲרֵי דְנָה וְגָלֵא
ל רָזַיָּא הוֹדְעָךְ מָה־דִי לֶהֱוֵא׃ וַאֲנָה לָא בְחָכְמָה דִּי־אִיתַי
בִּי מִן־כָּל־חַיַּיָּא רָזָא דְנָה גֱּלִי לִי לָהֵן עַל־דִּבְרַת דִּי
פִשְׁרָא לְמַלְכָּא יְהוֹדְעוּן וְרַעְיוֹנֵי לִבְבָךְ תִּנְדַּע׃
31 אַנְתְּה מַלְכָּא חָזֵה הֲוַיְתָ וַאֲלוּ צְלֵם חַד שַׂגִּיא צַלְמָא דִּכֵּן
32 רַב וְזִיוֵהּ יַתִּיר קָאֵם לְקָבְלָךְ וְרֵוֵהּ דְּחִיל׃ הוּא צַלְמָא

ראשה

v. 22. ונהורא קרי  v. 24. כ״א קֳבֵל  v. 26. יתיר ו׳  v. 29. אנת ק׳
ibid. יתיר י׳  v. 31. יתיר ה׳

20 דניאל האָט גערעדט זאָגענדיג: „זאָל גאָט׳ס נאָמען זיין געלויבט פון איין עק וועלט ביז׳ן אַנדערן, ווארום פערשטאַנד און מאַכט זיינען זיינע.

21 ער פערענדערט פּעריאָדען און צייטען, ער זעצט אַרונטער קעניגע און שטעלט אַן קעניגע, ער גיט וויסענשאַפט צו די פערשטענדיגע און קענטנים — צו די וואָס אנערקענען פערשטאַנד.

22 ער דעקט אויף טיעף־בעהאַלטענע און פערבאָרגענע זאַכען, ער וויים וואָס אין פינסטערנים איז — איהם בינדט די ליכטיגקייט אַלץ אויף.

23 דיר, גאָט פון מיינע עלטערן, דאַנק איך און לויב, ווייל דו האָסט מיר געגעבען פערשטאַנד און מאַכט, און יעצט האָסטו מיר געלאָזען וויסען וואָס איך האָב פון דיר געבעטען, דערמיט וואָס דו האָסט מיר געלאָזען וויסען דעם קעניג׳ס זאַך.

24 נאָכדעם איז דניאל אַוועק צו אריוך׳ן, וועמען דער קעניג האָט אָנגע־שטעלט אונטערצוברענגען די קלוגע פון בבל. ער איז געגאַנגען און האָט איהם אַזוי געזאָגט: „ברענג ניט אונטער די קלוגע פון בבל! פיהר מיך אַריין צום קעניג און איך וועל איהם ערקלעהרען די בעדייטונג.

25 דאַן האָט אריוך שנעל געבראַכט דניאל׳ן פאַר׳ן קעניג, און האָט איהם ריכטיג דערצעהלט אַז עס געפינט זיך אַ מאַן פון די יונגע יהוד׳ייער איינוואַנדערער וועלכער וועט דעם קעניג ערקלעהרען די בעדייטונג.

26 האָט דער קעניג געענטפערט און געזאָגט צו דניאל׳ן, וועמעס נאָמען עס איז בלטשאַצר: „קענסטו מיר לאָזען וויסען דעם חלום וואָס איך האָב געזעהען און זיין בעדייטונג?"

27 דניאל האָט געענטפערט דעם קעניג און געזאָגט: „די געהיימנים וואָס דער קעניג פרעגט קענען ניט ערקלעהרען דעם קעניג ניט די קלוגע, די מאַגיקער, די בילדער־שריפט־קענער, אויך ניט די רעטעניסען־ער־קלעהרער;

28 עס איז אָבער דאָ אַ גאָט אין הימעל וועלכער ענטדעקט געהיימניסען, ער האָט געלאָזען וויסען דעם קעניג נבוכדנצר וואָס עס וועט פּאַרקומען אין די שפּעטערדיגע צייטען. אָט דאָס איז דיין חלום און דיין נאַכט־ער־שיינונג אויף דיין געלעגער:

29 דו, קעניג, אויף דיינע געדאַנקען, ליגענדיג אויף דיין געלעגער, איז אַרויפגעקומען וואָס עס וועט שפּעטער פּאַסירען; דער געהיימנים־ענט־דעקער האָט דיר געלאָזען וויסען וואָס עס וועט (שפּעטער) זיין.

30 און איך, ניט איבער די בילדונג וועלכע איך בעזיץ מעהר פאַר אַנדערע לעבעדיגע, איז מיר די געהיימנים ענטדעקט געוואָרען, זאָנדערן, אום מען זאָל דעם קעניג די בעדייטונג לאָזען וויסען און עס זאָלען דיר קלאָהר ווערען דיינע אינערליכע געדאַנקען.

31 דו, קעניג, האָסט געזעהען אַז עס שטעהט פאַר דיר אַ גרויסע סטאַטוע, די סטאַטוע איז הויך און זעהר גלענצענד, און איהר אויסזעהען איז שרעקליך.

רֵאשֵׁהּ דִּי־דְהַב טָב חֲדוֹהִי וּדְרָעוֹהִי דִּי כְסַף מְעוֹהִי
וְיַרְכָתֵהּ דִּי נְחָשׁ׃ שָׁקוֹהִי דִּי פַרְזֶל רַגְלוֹהִי מִנְּהוֹן דִּי 33
פַרְזֶל וּמִנְּהוֹן דִּי חֲסַף׃ חָזֵה הֲוַיְתָ עַד דִּי הִתְגְּזֶרֶת אֶבֶן 34
דִּי־לָא בִידַיִן וּמְחָת לְצַלְמָא עַל־רַגְלוֹהִי דִּי פַרְזְלָא וְחַסְפָּא
לה וְהַדֵּקֶת הִמּוֹן׃ בֵּאדַיִן דָּקוּ כַחֲדָה פַּרְזְלָא חַסְפָּא נְחָשָׁא
כַּסְפָּא וְדַהֲבָא וַהֲווֹ כְּעוּר מִן־אִדְּרֵי־קַיִט וּנְשָׂא הִמּוֹן רוּחָא
וְכָל־אֲתַר לָא־הִשְׁתְּכַח לְהוֹן וְאַבְנָא ׀ דִּי־מְחָת לְצַלְמָא
הֲוָת לְטוּר רַב וּמְלָאת כָּל־אַרְעָא׃ דְּנָה חֶלְמָא וּפִשְׁרֵהּ 36
נֵאמַר קֳדָם־מַלְכָּא׃ אַנְתְּה מַלְכָּא מֶלֶךְ מַלְכַיָּא דִּי אֱלָהּ 37
שְׁמַיָּא מַלְכוּתָא חִסְנָא וְתָקְפָּא וִיקָרָא יְהַב־לָךְ׃ וּבְכָל־ 38
דִּי דָאֲרִין בְּנֵי־אֲנָשָׁא חֵיוַת בָּרָא וְעוֹף־שְׁמַיָּא יְהַב בִּידָךְ
וְהַשְׁלְטָךְ בְּכָלְּהוֹן אַנְתְּה הוּא רֵאשָׁה דִּי דַהֲבָא׃ וּבָתְרָךְ 39
תְּקוּם מַלְכוּ אָחֳרִי אַרְעָא מִנָּךְ וּמַלְכוּ תְלִיתָיָא אָחֳרִי דִּי
מ נְחָשָׁא דִּי תִשְׁלַט בְּכָל־אַרְעָא׃ וּמַלְכוּ רְבִיעָיָא תֶּהֱוֵא
תַקִּיפָה כְּפַרְזְלָא כָּל־קֳבֵל דִּי פַרְזְלָא מְהַדֵּק וְחָשֵׁל כֹּלָּא
וּכְפַרְזְלָא דִּי־מְרָעַע כָּל־אִלֵּין תַּדִּק וְתֵרֹעַ׃ וְדִי־חֲזַיְתָה 41
רַגְלַיָּא וְאֶצְבְּעָתָא מִנְּהוֹן חֲסַף דִּי־פֶחָר וּמִנְּהוֹן פַּרְזֶל
מַלְכוּ פְלִיגָה תֶּהֱוֵה וּמִן־נִצְבְּתָא דִּי־פַרְזְלָא לֶהֱוֵא־בַהּ
כָּל־קֳבֵל דִּי חֲזַיְתָה פַּרְזְלָא מְעָרַב בַּחֲסַף טִינָא׃ וְאֶצְבְּעָת 42
רַגְלַיָּא מִנְּהוֹן פַּרְזֶל וּמִנְּהוֹן חֲסַף מִן־קְצָת מַלְכוּתָא תֶּהֱוֵה
תַקִּיפָה וּמִנַּהּ תֶּהֱוֵא תְבִירָה׃ דִּי חֲזַיְתָ פַּרְזְלָא מְעָרַב 43
בַּחֲסַף טִינָא מִתְעָרְבִין לֶהֱוֺן בִּזְרַע אֲנָשָׁא וְלָא־לֶהֱוֺן דָּבְקִין
דְּנָה עִם־דְּנָה הֵא־כְדִי פַרְזְלָא לָא מִתְעָרַב עִם־חַסְפָּא׃
וּבְיוֹמֵיהוֹן דִּי מַלְכַיָּא אִנּוּן יְקִים אֱלָהּ שְׁמַיָּא מַלְכוּ דִּי 44
לְעָלְמִין לָא תִתְחַבַּל וּמַלְכוּתָה לְעַם אָחֳרָן לָא תִשְׁתְּבִק

תדק

v. 32. פתח באתנח כ״א חֲסַף v. 33. יתיר ו׳ ibid. יתיר ו׳ ibid. פתח בס״פ v. 37. יתיר ה׳
v. 38. דיירין קרי ibid. יתיר ה׳ v. 39. כ״א וּבָתְרָךְ ibid. יתיר א׳ ibid. תליתאה קרי
v. 40. רביעאה קרי v. 41. יתיר ו׳ ibid. יתיר ו׳ v. 42. כ״א וְאֶצְבְּעָת ibid. יתיר ו׳
ibid. יתיר ו׳ ibid. פתח באתנח v. 43. ודי קרי

32 דיעזע סטאַטוע — איהר קאָפּ פון גוטען גאָלד, **די ברוסט און אָרעמס** פון זילבער, די געדערים און זייטען פון קופּער.

33 איהרע שענקעלס פון אייזען, איהרע פיס זיינען אַ טהייל פון אייזען און אַ טהייל פון ליים.

34 דו האָסט אַזוי לאַנג געקוקט ביז עס האָט זיך צובראָכען אַ שטיין, אָהן יעמאַנדס הענד, און האָט אַזאַ קלאַפּ געטהאָן די סטאַטוע אויף איהרע פיס פון אייזען און ליים, אַז עס האָט זיי צומאַהלען.

35 דאַן זיינען מיט אַמאָל צובראָכען געוואָרען די אייזען, די ליים, די קופּער, די זילבער און גאָלד, און זיי זיינען געוואָרען ווי שפּריי פון אַ זומער שייער; דאַן האָט זיי אַ ווינד אַוועקגעטראָגען און מען האָט ניט געקענט געפינען זייער אָרט. דער שטיין וואָס האָט צובראָכען די סטאַטוע איז געוואָרען אַ גרויסער באַרג, וואָס האָט פערנומען דאָס גאַנצע ערד.

36 דאָס איז דער חלום, יעצט וועלען מיר פאַר'ן קעניג אויך זיין ערקלעהרונג זאָגען.

37 דו קעניג, קעניג איבער קעניגע, וואָס דער הימלישער גאָט האָט דיר געגעבען רעגירונג, שטאַרקייט, מאַכט און עהרע.

38 און איבעראַל וואו עס וואוינען מענשען און עס געפינען זיך וואַלד־טהיערע און הויכפליהענדע פויגלען, האָט ער אין דיין האַנד געגעבען און האָט דיר איבער זיי אַלעמען געלאָזען הערשען — דו ביזט די גאָלדענע קאָפּ.

39 אָבער נאָך דיר וועט ענטשטעהען אַנאַנדער רעגירונג, אַ ניעדעריגע פאַר דיינע; אויך אַ דריטע רעגירונג, אַ קופּערנע, וואָס וועט הערשען איבער דער גאַנצער ערד.

40 אויך אַ פיערטע רעגיערונג, וועלכע וועט זיין שטאַרק ווי אייזען; און אַזוי ווי אייזען צומאַהלט און צוברעכט אַלץ, אַזוי ווי אייזען צושמעטערט אַלץ, וועט זי אויך צומאַהלען און צוברעכען.

41 דאָס וואָס דו האָסט געזעהען די פיס(־פינגער) אַ טהייל פון זיי פון טעפּערשע ליים און אַ טהייל פון אייזען, וועט דאָס זיין אַ פונאַנדערגעטהיילטע רעגירונג, וועלכע וועט האָבען די שטאַנדהאַפטיגקייט פון אייזען. דאָס בעדייט וואָס דו האָסט געזעהען אייזען צומישט מיט שיטערע ליים.

42 די פיס־פינגער וואָס זיינען אַ טהייל פון אייזען און אַ טהייל פון ליים (בעדייטען) — אַ טהייל פון דער רעגירונג וועט זיין אַ שטאַרקע און אַ טהייל פון איהר צובראָכען.

43 וואָס דו האָסט געזעהען אייזען צומישט מיט שיטערע ליים — זיי וועלען דורכגעמישט זיין מיט דעם מענשען־געשלעכט, אָבער זיי וועלען ניט פעראייניגט זיין איינער מיט דעם אַנדערן, אַזוי ווי אייזען מישט זיך ניט צונויף מיט ליים.

44 אין די צייטען פון דיעזע קעניגע וועט דער הימלישער גאָט אויפשטעלען אַ קעניגרייך וואָס וועט קיינמאָל ניט אונטערגעהן, און וועט איהר הערשאַפט צו אַן אַנדער פאָלק ניט איבערלאָזען; זי וועט צומאַהלען

תַּדִּק וְתָסֵף כָּל־אִלֵּין מַלְכְוָתָא וְהִיא תְּקוּם לְעָלְמַיָּא׃
מה כָּל־קֳבֵל דִּֽי־חֲזַיְתָ דִּי מִטּוּרָא אִתְגְּזֶרֶת אֶבֶן דִּי־לָא בִידַיִן
וְהַדֶּקֶת פַּרְזְלָא נְחָשָׁא חַסְפָּא כַּסְפָּא וְדַהֲבָא אֱלָהּ רַב
הוֹדַע לְמַלְכָּא מָה דִּי לֶהֱוֵא אַחֲרֵי דְנָה וְיַצִּיב חֶלְמָא
46 וּמְהֵימַן פִּשְׁרֵהּ׃ בֵּאדַיִן מַלְכָּא נְבוּכַדְנֶצַּר נְפַל
עַל־אַנְפּוֹהִי וּלְדָנִיֵּאל סְגִד וּמִנְחָה וְנִיחֹחִין אֲמַר לְנַסָּכָה
47 לֵהּ׃ עָנֵה מַלְכָּא לְדָנִיֵּאל וְאָמַר מִקְּשֹׁט דִּי אֱלָהֲכוֹן
הוּא אֱלָהּ אֱלָהִין וּמָרֵא מַלְכִין וְגָלֵה רָזִין דִּי יְכֵלְתָּ לְמִגְלֵא
48 רָזָא דְנָה׃ אֱדַיִן מַלְכָּא לְדָנִיֵּאל רַבִּי וּמַתְּנָן רַבְרְבָן
שַׂגִּיאָן יְהַב־לֵהּ וְהַשְׁלְטֵהּ עַל כָּל־מְדִינַת בָּבֶל וְרַב־סִגְנִין
49 עַל כָּל־חַכִּימֵי בָבֶל׃ וְדָנִיֵּאל בְּעָא מִן־מַלְכָּא וּמַנִּי עַל
עֲבִידְתָּא דִּי מְדִינַת בָּבֶל לְשַׁדְרַךְ מֵישַׁךְ וַעֲבֵד נְגוֹ וְדָנִיֵּאל
בִּתְרַע מַלְכָּא׃

## ג CAP. III. ג

א נְבוּכַדְנֶצַּר מַלְכָּא עֲבַד צְלֵם דִּי־דְהַב רוּמֵהּ אַמִּין שִׁתִּין
פְּתָיֵהּ אַמִּין שִׁת אֲקִימֵהּ בְּבִקְעַת דּוּרָא בִּמְדִינַת בָּבֶל׃
2 וּנְבוּכַדְנֶצַּר מַלְכָּא שְׁלַח לְמִכְנַשׁ ׀ לַאֲחַשְׁדַּרְפְּנַיָּא סִגְנַיָּא
וּפַחֲוָתָא אֲדַרְגָּזְרַיָּא גְדָבְרַיָּא דְּתָבְרַיָּא תִּפְתָּיֵא וְכֹל שִׁלְטֹנֵי
מְדִינָתָא לְמֵתֵא לַחֲנֻכַּת צַלְמָא דִּי הֲקֵים נְבוּכַדְנֶצַּר
3 מַלְכָּא׃ בֵּאדַיִן מִתְכַּנְּשִׁין אֲחַשְׁדַּרְפְּנַיָּא סִגְנַיָּא וּפַחֲוָתָא
אֲדַרְגָּזְרַיָּא גְדָבְרַיָּא דְּתָבְרַיָּא תִּפְתָּיֵא וְכֹל שִׁלְטוֹנֵי מְדִינָתָא
לַחֲנֻכַּת צַלְמָא דִּי הֲקֵים נְבוּכַדְנֶצַּר מַלְכָּא וְקָאְמִין לָקֳבֵל
4 צַלְמָא דִּי הֲקֵים נְבֻכַדְנֶצַּר׃ וְכָרוֹזָא קָרֵא בְחָיִל לְכוֹן
ה אָמְרִין עַמְמַיָּא אֻמַיָּא וְלִשָּׁנַיָּא׃ בְּעִדָּנָא דִּֽי־תִשְׁמְעוּן קָל ׀
קַרְנָא מַשְׁרוֹקִיתָא קַיתְרֹס סַבְּכָא פְּסַנְתֵּרִין סוּמְפֹּנְיָה
וְכֹל זְנֵי זְמָרָא תִּפְּלוּן וְתִסְגְּדוּן לְצֶלֶם דַּהֲבָא דִּי הֲקֵים
6 נְבוּכַדְנֶצַּר מַלְכָּא׃ וּמַן־דִּי־לָא יִפֵּל וְיִסְגֻּד בַּהּ־שַׁעֲתָא

יתרמא

ג׳ v. 2. דה׳ דגושה   v. 3. דה׳ דגושה   ibid. וקמין קרי   v. 5. קתר׳ ק׳

און פערניכטען די אַלע קעניגרייכען און זי זעלבסט וועט אויף אייביג בלייבען.

45 דאָס וואָס דו האָסט געזעהען אַז פון׳ם בארג האָט זיך אויסגעבראָכען אַ שטיין אָהן קיינעמס הענד און האָט צובראָכען אייזען, קופער, ליים, זילבער און גאָלד, דער גרויסער גאָט האָט דאָס געלאָזען וויסען דעם קעניג וואָס עס וועט נאָכדעם געשעהען. ריכטיג איז דער חלום און וואהר איז זיין בעדייטונג.

46 דאַן איז קעניג נבוכדנצר געפאַלען אויף זיין געזיכט, ער האָט זיך גע־בוקט צו דניאל׳ן און האָט געהייסען בעשענקען איהם מיט געשענקען און וואָהלריכענדע וויירויך.

47 דער קעניג האָט גערעדט און געזאָגט צו דניאל׳ן: „עס איז וואהר אַז אייער גאָט איז גאָט איבער געטער און הערר איבער קעניגע אויך אַן ענט־דעקער פון געהיימניסען, קוים האָסטו דיזע געהיימנים ערקלעהרען געקענט.”

48 דאַמאַלס האָט דער קעניג דניאל׳ן גרויס געמאַכט, ער האָט איהם פיעל גרויסע פרעזענטען געגעבען און האָט איהם געמאַכט הערשען איבערן גאַנצען פּראָווינץ בבל, אויך אַלס העכסטער פערוואַלטער איבער אַלע קלוגע פון בבל.

49 דניאל האָט דעם קעניג געבעטען און ער האָט אַנגעשטעלט שדרך, מישך און עבד נגו אין דער פערוואַלטונג פון׳ם פּראָווינץ בבל: דניאל איז פערבליעבען אינ׳ם קעניגליכען טהויער.

## קאַפּיטעל ג.

1 קעניג נבוכדנצר האָט געמאַכט אַ סטאַטוע פון גאָלד, זעכציג איילען די הויך און זעקס איילען די ברייט; ער האָט עס אויפגעשטעלט אינ׳ם טהאָל דורא, אינ׳ם פּראָווינץ בבל.

2 דאַן האָט קעניג נבוכדנצר געשיקט צוזאַמענקלייבען די סאַטראַפּען, פער־וואַלטער, גובערנאַטאָרען, די אָבער־ריכטערס, די שאַצמייסטערס, געזעצ־קענער, רעדנער און אַלע אַנדערע בעאַמטע פון׳ם פּראָווינץ, אַז זיי זאָלען קומען צו דער איינווייהונג פון דער סטאַטוע, וועלכע נבוכדנצר האָט אויפגעשטעלט.

3 דאַמאַלס האָבען זיך פערזאַמעלט די סאַטראַפּען, פערוואַלטערס, גובער־נאַטאָרען, הויפּטריכטער, שאַצמייסטערס, געזעצקענערס, רעדנערס, און אַלע פּראָווינצען־בעאַמטע צו דער איינווייהונג פון דער סטאַטוע, וועלכע קעניג נבוכדנצר האָט אויפגעשטעלט, און זיי האָבען זיך אויסגעשטעלט פאַר דער סטאַטוע וועלכע נבוכדנצר האָט אויפגעשטעלט.

4 און אַ אויסרופער האָט אויסגעשריען הויך: „אייך זאָגט מען פעלקער, נאַציאָנען פון אַלערליי שפּראַכען,

5 אַז אין דער צייט ווען איהר וועט הערען די שטימע פון האָרן, פלייט, ציטהער, סאַמבוקע, פּזאַלטער, זאַק און אַלערליי מוזיק־אינסטרומענטען, זאָלט איהר פאַלען און בוקען זיך צו דער גאָלדענער סטאַטוע וואָס קעניג נבוכדנצר האָט אויפגעשטעלט;

7 יִתְרְמֵא לְגוֹא־אַתּוּן נוּרָא יָקִדְתָּא׃ כָּל־קֳבֵל דְּנָה בֵּהּ
זִמְנָא כְּדִי שָׁמְעִין כָּל־עַמְמַיָּא קָל קַרְנָא מַשְׁרוֹקִיתָא
קִיתָרֹס שַׂבְּכָא פְּסַנְטֵרִין וְכֹל זְנֵי זְמָרָא נָפְלִין כָּל־עַמְמַיָּא
אֻמַּיָּא וְלִשָּׁנַיָּא סָגְדִין לְצֶלֶם דַּהֲבָא דִּי הֲקֵים נְבוּכַדְנֶצַּר
8 מַלְכָּא׃ כָּל־קֳבֵל דְּנָה בֵּהּ־זִמְנָא קְרִבוּ גֻּבְרִין כַּשְׂדָּאִין
9 וַאֲכַלוּ קַרְצֵיהוֹן דִּי יְהוּדָיֵא׃ עֲנוֹ וְאָמְרִין לִנְבוּכַדְנֶצַּר
י מַלְכָּא מַלְכָּא לְעָלְמִין חֱיִי׃ אַנְתְּה מַלְכָּא שָׂמְתָּ טְּעֵם
דִּי כָל־אֱנָשׁ דִּי יִשְׁמַע קָל קַרְנָא מַשְׁרֹקִיתָא קַיתְרֹס
שַׂבְּכָא פְּסַנְתֵּרִין וְסִיפֹּנְיָא וְכֹל זְנֵי זְמָרָא יִפֵּל וְיִסְגֻּד לְצֶלֶם
11 דַּהֲבָא׃ וּמַן־דִּי־לָא יִפֵּל וְיִסְגֻּד יִתְרְמֵא לְגוֹא־אַתּוּן נוּרָא
12 יָקִדְתָּא׃ אִיתַי גֻּבְרִין יְהוּדָאיִן דִּי־מַנִּיתָ יָתְהוֹן עַל־עֲבִידַת
מְדִינַת בָּבֶל שַׁדְרַךְ מֵישַׁךְ וַעֲבֵד נְגוֹ גֻּבְרַיָּא אִלֵּךְ לָא־
שָׂמוּ עֲלָךְ מַלְכָּא טְעֵם לֵאלָהָךְ לָא פָלְחִין וּלְצֶלֶם
13 דַּהֲבָא דִּי הֲקֵימְתָּ לָא סָגְדִין׃ בֵּאדַיִן נְבוּכַדְנֶצַּר
בִּרְגַז וַחֲמָא אֲמַר לְהַיְתָיָה לְשַׁדְרַךְ מֵישַׁךְ וַעֲבֵד נְגוֹ בֵּאדַיִן
14 גֻּבְרַיָּא אִלֵּךְ הֵיתָיוּ קֳדָם מַלְכָּא׃ עָנֵה נְבוּכַדְנֶצַּר וְאָמַר
לְהוֹן הַצְדָּא שַׁדְרַךְ מֵישַׁךְ וַעֲבֵד נְגוֹ לֵאלָהַי לָא אִיתֵיכוֹן
טו פָּלְחִין וּלְצֶלֶם דַּהֲבָא דִּי הֲקֵימֶת לָא־סָגְדִין׃ כְּעַן הֵן
אִיתֵיכוֹן עֲתִידִין דִּי בְעִדָּנָא דִּי־תִשְׁמְעוּן קָל קַרְנָא
מַשְׁרוֹקִיתָא קַיתְרֹס שַׂבְּכָא פְּסַנְתֵּרִין וְסוּמְפֹּנְיָה וְכֹל ׀ זְנֵי
זְמָרָא תִּפְּלוּן וְתִסְגְּדוּן לְצַלְמָא דִי־עַבְדֵת וְהֵן לָא תִסְגְּדוּן
בַּהּ־שַׁעֲתָא תִתְרְמוֹן לְגוֹא־אַתּוּן נוּרָא יָקִדְתָּא וּמַן־הוּא
16 אֱלָהּ דִּי יְשֵׁיזְבִנְכוֹן מִן־יְדָי׃ עֲנוֹ שַׁדְרַךְ מֵישַׁךְ וַעֲבֵד נְגוֹ
וְאָמְרִין לְמַלְכָּא נְבוּכַדְנֶצַּר לָא־חַשְׁחִין אֲנַחְנָה עַל־דְּנָה
17 פִּתְגָם לַהֲתָבוּתָךְ׃ הֵן אִיתַי אֱלָהַנָא דִּי־אֲנַחְנָא פָלְחִין
יָכִל לְשֵׁיזָבוּתַנָא מִן־אַתּוּן נוּרָא יָקִדְתָּא וּמִן־יְדָךְ מַלְכָּא
18 יְשֵׁיזִב׃ וְהֵן לָא יְדִיעַ לֶהֱוֵא־לָךְ מַלְכָּא דִּי לֵאלָהָיךְ לָא־

אִיתָנָא

v. 7. יתיר ה · v. 10. יתיר ה · ibid. יתיר ה · ibid. וסומפוניא קרי · v. 12. יתיר ה
ibid. יתיר ה · v. 15. יתיר ה · v. 18. יתיר א

6 דער וואָס וועט ניט פאַלען און בוקען זיך אין יענער צייט וועט אַריינ־
געוואָרפען ווערען אין אויווען מיט ברענענדען פייער.

7 דארום אין דער צייט ווי אלע פעלקער האָבען דערהערט די שטימע פון
האָרן, פלייט, ציטהער, סאמבוקע, פּזאַלטער און אלערליי מוזיק־אינ־
סטרומענטען, זיינען אלע פעלקער און נאציאָנען פון פערשיעדענע
שפּראַכען געפאַלען און געבוקט זיך צו דער גאָלדענער סטאַטוע וואָס קעניג
נבוכדנצר האָט אויפגעשטעלט.

8 אין דער זעלביגער צייט, ווען דאָס האָט פּאַסירט, זיינען נאָהענט צו־
געגאַנגען מענער כשד'ייער און האָבען פערקלאָגט די יהודים.

9 זיי האָבען זיך איינגעבויגען און געזאָגט צום קעניג נבוכדנצר: „דער
קעניג זאָל אייביג לעבען!

10 דו, קעניג, האָסט געמאַכט אַ בעפעהל אַז יעדער מענש וואָס וועט דער־
הערען די שטימע פון האָרן, פלייט, ציטהער, סאמבוקע, פּזאַלטער,
זאַקפּייף און אלערליי מוזיק־אינסטרומענטען, זאָל פאַלען און בוקען זיך
צו דער גאָלדענער סטאַטוע.

11 און דער וואָס וועט ניט פאַלען און בוקען זיך וועט אַריינגעוואָרפען
ווערען אין אויווען מיט ברענענדען פייער.

12 זיינען אָבער דאָ מענשען, יהודים, וועלכע דו האָסט אָנגעשטעלט אין
דער פערוואַלטונג פון פּראָווינץ בבל, שדרך, מישך און עבד נגו, דיעזע
מענער אַכטען ניט דיך, אָ קעניג, און ניט דיין געזעץ: צו דיין גאָט
דיענען זיי ניט צו דער גאָלדענער סטאַטוע וועלכע דו האָסט אויפגע־
שטעלט בוקען זיי זיך ניט."

13 אין אויפרעגונג און וואוטה האָט דאַן נבוכדנצר געהייסען ברענגען שדרך,
מישך און עבד נגו. די מענער זיינען זאָפאָרט געבראַכט געוואָרען פאַר'ן
קעניג.

14 האָט נבוכדנצר גערעדט און געזאָגט צו זיי: „איז דאָס אַבזיכטליך,
שדרך, מישך און עבד נגו? צו מיין גאָט דיענט איהר ניט און צו דער
גאָלדענער סטאַטוע וואָס איך האָב אויפגעשטעלט בוקט איהר זיך ניט!

15 אַלזאָ זייט געגרייט אַז אין דער צייט ווען איהר וועט הערען די שטימע
פון האָרן, פלייט, ציטהער, סאמבוקע, פּזאַלטער, זאַקפּייף און אלערליי
מוזיק־אינסטרומענטען, זאָלט איהר פאַלען און בוקען זיך צו דער סטאַטוע
וואָס איך האָב געמאַכט; אויב איהר וועט זיך ניט בוקען וועט איהר
זאָפאָרט אַריינגעוואָרפען ווערען אין אויווען מיט ברענענדען פייער. און
וואו איז אַזאַ גאָט וואָס זאָל אייך רעטען פון מיין האַנד?"

16 האָבען זיך איינגעבויגען שדרך, מישך און עבד נגו און געזאָגט צום קע־
ניג נבוכדנצר: „עס האַלט אונז קיין זאַך ניט אָב דיר אויף דיעזע ענט־
שיידונג צו ענטפערען,

17 עס איז דאָ אונזער גאָט, וועמען מיר דיענען ער קען אונז רעטען פון
פייער ברענענדען אויווען, אויך פון דיינע הענד, אָ קעניג, קען ער
רעטען;

18 און ווען זאָגאַר ניט, זאָלסטו קעניג וויסען זיין אַז דיין גאָט וועלען מיר

אִיתַנָא פָלְחִין וּלְצֶלֶם דַּהֲבָא דִּי הֲקֵימְתָּ לָא נִסְגֻּד׃
19 בֵּאדַיִן נְבוּכַדְנֶצַּר הִתְמְלִי חֱמָא וּצְלֵם אַנְפּוֹהִי
אֶשְׁתַּנּוֹ עַל־שַׁדְרַךְ מֵישַׁךְ וַעֲבֵד נְגוֹ עָנֵה וְאָמַר לְמֵזֵא
כ לְאַתּוּנָא חַד־שִׁבְעָה עַל דִּי חֲזֵה לְמֵזְיֵהּ׃ וּלְגֻבְרִין גִּבָּרֵי־
חַיִל דִּי בְחַיְלֵהּ אֲמַר לְכַפָּתָה לְשַׁדְרַךְ מֵישַׁךְ וַעֲבֵד נְגוֹ
21 לְמִרְמֵא לְאַתּוּן נוּרָא יָקִדְתָּא׃ בֵּאדַיִן גֻּבְרַיָּא אִלֵּךְ כְּפִתוּ
בְּסַרְבָּלֵיהוֹן פַּטְּשֵׁיהוֹן וְכַרְבְּלָתְהוֹן וּלְבֻשֵׁיהוֹן וּרְמִיו
22 לְגוֹא־אַתּוּן נוּרָא יָקִדְתָּא׃ כָּל־קֳבֵל דְּנָה מִן־דִּי מִלַּת
מַלְכָּא מַחְצְפָה וְאַתּוּנָא אֵזֵה יַתִּירָה גֻּבְרַיָּא אִלֵּךְ דִּי
הַסִּקוּ לְשַׁדְרַךְ מֵישַׁךְ וַעֲבֵד נְגוֹ קַטִּל הִמּוֹן שְׁבִיבָא דִּי
23 נוּרָא׃ וְגֻבְרַיָּא אִלֵּךְ תְּלָתֵּהוֹן שַׁדְרַךְ מֵישַׁךְ וַעֲבֵד נְגוֹ
24 נְפַלוּ לְגוֹא־אַתּוּן־נוּרָא יָקִדְתָּא מְכַפְּתִין׃ אֱדַיִן
נְבוּכַדְנֶצַּר מַלְכָּא תְּוַהּ וְקָם בְּהִתְבְּהָלָה עָנֵה וְאָמַר
לְהַדָּבְרוֹהִי הֲלָא גֻבְרִין תְּלָתָה רְמֵינָא לְגוֹא־נוּרָא מְכַפְּתִין
כה עָנַיִן וְאָמְרִין לְמַלְכָּא יַצִּיבָא מַלְכָּא׃ עָנֵה וְאָמַר הָא־אֲנָה
חָזֵה גֻּבְרִין אַרְבְּעָה שְׁרַיִן מַהְלְכִין בְּגוֹא־נוּרָא וַחֲבָל לָא־
אִיתַי בְּהוֹן וְרֵוֵהּ דִּי רְבִיעָיָא דָּמֵה לְבַר־אֱלָהִין׃
26 בֵּאדַיִן קְרֵב נְבוּכַדְנֶצַּר לִתְרַע אַתּוּן נוּרָא יָקִדְתָּא עָנֵה
וְאָמַר שַׁדְרַךְ מֵישַׁךְ וַעֲבֵד־נְגוֹ עַבְדוֹהִי דִּי־אֱלָהָא עִלָּיָא
פֻּקוּ וֶאֱתוֹ בֵּאדַיִן נָפְקִין שַׁדְרַךְ מֵישַׁךְ וַעֲבֵד נְגוֹ מִן־גּוֹא
27 נוּרָא׃ וּמִתְכַּנְּשִׁין אֲחַשְׁדַּרְפְּנַיָּא סִגְנַיָּא וּפַחֲוָתָא וְהַדָּבְרֵי
מַלְכָּא חָזַיִן לְגֻבְרַיָּא אִלֵּךְ דִּי לָא־שְׁלֵט נוּרָא בְּגֶשְׁמְהוֹן
וּשְׂעַר רֵאשְׁהוֹן לָא הִתְחָרַךְ וְסַרְבָּלֵיהוֹן לָא שְׁנוֹ וְרֵיחַ
28 נוּר לָא עֲדָת בְּהוֹן׃ עָנֵה נְבוּכַדְנֶצַּר וְאָמַר בְּרִיךְ אֱלָהֲהוֹן
דִּי־שַׁדְרַךְ מֵישַׁךְ וַעֲבֵד נְגוֹ דִּי־שְׁלַח מַלְאֲכֵהּ וְשֵׁיזִב
לְעַבְדוֹהִי דִּי הִתְרְחִצוּ עֲלוֹהִי וּמִלַּת מַלְכָּא שַׁנִּיו וִיהַבוּ
גֶשְׁמֵיהוֹן דִּי לָא־יִפְלְחוּן וְלָא־יִסְגְּדוּן לְכָל־אֱלָהּ לָהֵן

לאלההון

v. 19. אשתני קרי v. 21. י׳ יתיר ibid. רביעאה קרי v. 26. עלאה קרי v. 28. י׳ יתיר

ניט דיענען און צו דער גאָלדענער סטאַטוע וואָס דו האָסט אויפגעשטעלט
וועלען מיר זיך ניט בוקען !"

19 דאַן איז נבוכדנצר פול געוואָרען מיט וואוטה אז דער אויסזעהען פון זיין
געזיכט איז פערענדערט געוואָרען איבער שדרך, מישך און עבד נגו ;
ער האָט געזאָגט און בעפוילען צו הייצען דעם אויוועז זיעבען מאָל אזוי
פיעל וויפיעל עס איז נויטהיג צו הייצען איהם,

20 און העלדיש־שטאַרקע מענשען פון זיין ארמעע האָט ער געהייסען בינ־
דען שדרך, מישך און עבד נגו און אַריינוואַרפען זיי אין פייער־ברענענ־
דען אויוועז.

21 דאַן זיינען די מענער געבונדען געוואָרען (אנגעקליידעט) אין זייערע
הויזען, העמדער און מאַנטלען, און אַריינגעוואָרפען געוואָרען אינ'ם
פייער־ברענענדען אויוועז.

22 אָבער אַזוי ווי דעם קעניג'ס בעפעהל איז געווען שטרענג און דער אויוועז
זעהר אָנגעהייצט, איז ווי די מענשען האָבען אויפגעהויבען שדרך,
מישך און עבד נגו האָט זיי אַ פייער־שטראַהל [גלייך ארומגענומען].

23 און די דריי מענער — שדרך, מישך און עבד נגו, זיינען אַריינגעפאַלען
אין פייער־ברענענדען אויוועז געבונדענע.

24 דאַן האָט זיך קעניג נבוכדנצר פערוואונדערט און אוועקגעשטעלט זיך פון
איבערראַשונג, ער האָט געזאָגט ריידענדיג צו זיינע פערוואַלטערס :
„דריי מענער געבונדענע האָבען מיר דאָך אַריינגעוואָרפען אין פייער ?"
האָבען זיי געענטפערט און געזאָגט צום קעניג : „ריכטיג, אַ קעניג !"

25 האָט ער געענטפערט און געזאָגט : איך אָבער זעה פ י ע ר מענער
געהען אַרום אָבגעבונדענערהייד אין פייער און קיין בעשעדיגונג איז
אויף זיי ניטאָ. דאָס אויסזעהען פון פיערטען איז עהנליך צו אַ געטליכעז
זוהן !"

26 דאַן איז נבוכדנצר צוגעגאַנגען נאָהענט צום טיהר פון פייער־ברענענדען
אויוועז, ער האָט געשריען און געזאָגט : „שדרך, מישך און עבד נגו !
קנעכט פון דעם „אויבערשטען גאָט ! געהט אַרויס און קומט אַהער !"
דאַמאַלס זיינען שדרך, מישך און עבד נגו אַרויסגעגאַנגען פונ'ם פייער.

27 עס האָבען זיך פערזאַמעלט די סאַטראַפען, פערוואַלטערס. גובערנאַ־
טאָרען און די קעניגליכע פיהרערס, זיי האָבען בעקוקט די מענשען אז
דאָס פייער האָט ניט בעריהרט זייערע קערפערס, די האָאר פון זייער
קאָפּ איז ניט אָבגעברענט געוואָרען, זייער קליידונג איז ניט פערברענט
געוואָרען ווי קיין רויך פון פייער וואָלט ניט אַריבער איבער זיי.

28 און נבוכדנצר האָט אויך געזאָגט : געלויבט איז דער גאָט פון שדרך,
מישך און עבד נגו, וואָס האָט געשיקט זיין מלאך און געראַטעט זיינע
קנעכט וואָס האָבען זיך אויף איהם פערלאָזען, ווייל זיי האָבען געענדערט
דעם קעניג'ס בעפעהל און איבערגעגעבען זייער קערפּער ניט צו בוקען
זיך אָדער דיענען צו קיין גאָט אויסער זייער גאָט.

29 לֵאלָהֲהוֹן׃ וּמִנִּי שִׂים טְעֵם דִּי כָל־עַם אֻמָּה וְלִשָּׁן דִּי־
יֵאמַר שָׁלָה עַל־אֱלָהֲהוֹן דִּי־שַׁדְרַךְ מֵישַׁךְ וַעֲבֵד נְגוֹא
הַדָּמִין יִתְעֲבֵד וּבַיְתֵהּ נְוָלִי יִשְׁתַּוֵּה כָּל־קֳבֵל דִּי לָא אִיתַי
אֱלָהּ אָחֳרָן דִּי־יִכֻּל לְהַצָּלָה כִּדְנָה׃ בֵּאדַיִן מַלְכָּא ל
הַצְלַח לְשַׁדְרַךְ מֵישַׁךְ וַעֲבֵד נְגוֹ בִּמְדִינַת בָּבֶל׃
31 נְבוּכַדְנֶצַּר מַלְכָּא לְכָל־עַמְמַיָּא אֻמַּיָּא וְלִשָּׁנַיָּא דִּי־דָארִין
32 בְּכָל־אַרְעָא שְׁלָמְכוֹן יִשְׂגֵּא׃ אָתַיָּא וְתִמְהַיָּא דִּי עֲבַד עִמִּי
33 אֱלָהָא עִלָּיָא שְׁפַר קָדָמַי לְהַחֲוָיָה׃ אָתוֹהִי כְּמָה רַבְרְבִין
וְתִמְהוֹהִי כְּמָה תַקִּיפִין מַלְכוּתֵהּ מַלְכוּת עָלַם וְשָׁלְטָנֵהּ
עִם־דָּר וְדָר׃

## ד Cap. IV. ד

2 א אֲנָה נְבוּכַדְנֶצַּר שְׁלֵה הֲוֵית בְּבֵיתִי וְרַעְנַן בְּהֵיכְלִי׃ חֵלֶם
חֲזֵית וִידַחֲלִנַּנִי וְהַרְהֹרִין עַל־מִשְׁכְּבִי וְחֶזְוֵי רֵאשִׁי יְבַהֲלֻנַּנִי׃
3 וּמִנִּי שִׂים טְעֵם לְהַנְעָלָה קָדָמַי לְכֹל חַכִּימֵי בָבֶל דִּי־פְשַׁר
4 חֶלְמָא יְהוֹדְעֻנַּנִי׃ בֵּאדַיִן עָלִּין חַרְטֻמַּיָּא אָשְׁפַיָּא כַּשְׂדָּיֵא
וְגָזְרַיָּא וְחֶלְמָא אָמַר אֲנָה קֳדָמֵיהוֹן וּפִשְׁרֵהּ לָא־מְהוֹדְעִין
לִי׃ וְעַד אָחֳרֵין עַל קָדָמַי דָּנִיֵּאל דִּי־שְׁמֵהּ בֵּלְטְשַׁאצַּר ה
כְּשֻׁם אֱלָהִי וְדִי רוּחַ־אֱלָהִין קַדִּישִׁין בֵּהּ וְחֶלְמָא קָדָמוֹהִי
6 אַמְרֵת׃ בֵּלְטְשַׁאצַּר רַב חַרְטֻמַּיָּא דִּי ׀ אֲנָה יִדְעֵת דִּי רוּחַ
אֱלָהִין קַדִּישִׁין בָּךְ וְכָל־רָז לָא־אָנֵס לָךְ חֶזְוֵי חֶלְמִי דִי־
7 חֲזֵית וּפִשְׁרֵהּ אֱמַר׃ וְחֶזְוֵי רֵאשִׁי עַל־מִשְׁכְּבִי חָזֵה הֲוֵית
8 וַאֲלוּ אִילָן בְּגוֹא אַרְעָא וְרוּמֵהּ שַׂגִּיא׃ רְבָה אִילָנָא וּתְקִף
9 וְרוּמֵהּ יִמְטֵא לִשְׁמַיָּא וַחֲזוֹתֵהּ לְסוֹף כָּל־אַרְעָא׃ עָפְיֵהּ
שַׁפִּיר וְאִנְבֵּהּ שַׂגִּיא וּמָזוֹן לְכֹלָּא־בֵהּ תְּחֹתוֹהִי תַּטְלֵל ׀
חֵיוַת בָּרָא וּבְעַנְפוֹהִי יְדֻרוּן צִפֲּרֵי שְׁמַיָּא וּמִנֵּהּ יִתְּזִין כָּל־
בִּשְׂרָא׃ חָזֵה הֲוֵית בְּחֶזְוֵי רֵאשִׁי עַל־מִשְׁכְּבִי וַאֲלוּ עִיר י

וקדיש

ג v. 29. שלו קרי v. 31. דירין קרי v. 32. עלאה קרי ד v. 2. פתח באתנח v. 2. 3. פתח בס״ף
v. 4. ושד ל׳ ibid. כשדאי קרי v. 5. יתיר י׳ v. 7. בא. דלית v. 9. יתיר י׳

29 פון מיר ווערט געמאַכט א בעפעהל אז וועלכעס עס איז פאָלק, נאַציאָן
און שפּראַך וואָס וועט רעדען אונווירשענדעס אויפ'ן גאָט פון שדרך,
מישך און עבד נגו, זאָל ער אין שטיקער געמאַכט ווערען און זיין הויז
זאָל ווי א רואינע ווערען, ווארום עס איז ניטאָ קיין אנדער גאָט וועלכער
זאָל אזוי קענען רעטען.

30 דאַן האָט דער קעניג געלאָזען שדרך, מישך און עבד נגו דורכרייזען דעם
פּראָווינץ בבל.

31 קעניג נבוכדנצר צו אלע פעלקער, נאַציאָנען און שפּראַכען וואָס וואוי־
נען אין'ם גאַנצען לאַנד: „גרוים זאָל זיין אייער פריעדען!

32 קומט און ווערט פערוואונדערט פון דאָס וואָס דער אויבערשטער גאָט
האָט מיט מיר געטהאָן, עס איז מיר אנגענעהם צו דערצעהלען.

33 ווי גרויס זיינע צייכענס און ווי שטאַרק זיינען זיינע וואונדער,
זיין רעגירונג איז אן אייביגע רעגירונג און זיין הערשונג איז איבער
אלע דורות.

## קאַפּיטעל ד

1 איך נבוכדנצר בין רוהיג געווען אין מיין שלאָפצימער און געזונד אין
מיין פּאַלאַסט.

2 האָב איך אָבער געזעהען א חלום וואָס האָט מיר ערשראָקען, די געדאַנ־
קען אויף מיין געלעגער און די ערשיינונגען אין מיין פאַנטאַזיע האָבען
מיר אונרוהיג געמאַכט.

3 איז פון מיר געמאַכט געוואָרען א בעפעהל מען זאָל פאַר מיר ברענגען
אלע קלוגע פון בבל אום זיי זאָלען מיר מאַכען וויסען די בעדייטונג
פון חלום.

4 דאַן זיינען געקומען בילדער־שריפט־קענער, די צויבערער כשד'ייער און
מאַגיקער; איך האָב זיי דערצעהלט דעם חלום אָבער זיי האָבען מיר
ניט געלאָזען וויסען זיין בעדייטונג.

5 צום לעצטען איז אריין צו מיר דניאל, וועמעס נאָמען עס איז בלטשאצר,
ווי דער נאָמען פון מיין גאָט, און וועלכער בעזיצט דעם גייסט פון היי־
ליגען גאָט, איהם האָב איך מיין חלום דערצעהלט:

6 בלטשאצר, דער גרעסטער פון די בילדער־שריפט־קענער, וואָס איך
ווייס אז דו בעזיצט דעם גייסט פון הייליגען גאָט, און קיין געהיימניס
איז פאַר דיר ניט צו שווער, אָט דאָס איז די ערשיינונג וועלכע איך
האָב אין מיין חלום געזעהען און דו זאָג זיין בעדייטונג!

7 דאָס האָט מיין פאַנטאַזיע געזעהען אויף מיין געלעגער — איך האָב גע־
זעהען אז עס שטעהט א בוים אויף דר'ערד וועלכער איז זעהר הויך.

8 דער בוים איז גרויס און שטאַרק, זיין הויך גרייכט ביז'ן הימעל און מען
קען איהם זעהען ביז די ענדע פון דער ערד.

9 זיינע צווייגען זיינען שעהן, זיין פרוכט איז פיעל, פאַר אלעמען איז
דאָ אין איהם, אונטער איהם זיצט אין שאָטען די ווילדע טהיער, אויף
זיינע צווייגען וואוינען די פויגלען פון הימעל — אלע בעשעפעניסען
שפּייזען זיך פון איהם.

11 וְקַדִּישׁ מִן־שְׁמַיָּא נָחִת׃ קָרֵא בְחַיִל וְכֵן אָמַר גֹּדּוּ אִילָנָא
וְקַצִּצוּ עַנְפוֹהִי אַתַּרוּ עָפְיֵהּ וּבַדַּרוּ אִנְבֵּהּ תְּנֻד חֵיוְתָא מִן־
12 תַּחְתּוֹהִי וְצִפְּרַיָּא מִן־עַנְפוֹהִי׃ בְּרַם עִקַּר שָׁרְשׁוֹהִי בְּאַרְעָא
שְׁבֻקוּ וּבֶאֱסוּר דִּי־פַרְזֶל וּנְחָשׁ בְּדִתְאָא דִּי בָרָא וּבְטַל
13 שְׁמַיָּא יִצְטַבַּע וְעִם־חֵיוְתָא חֲלָקֵהּ בַּעֲשַׂב אַרְעָא׃ לִבְבֵהּ
מִן־אֲנוֹשָׁא יְשַׁנּוֹן וּלְבַב חֵיוָא יִתְיְהִב לֵהּ וְשִׁבְעָה עִדָּנִין
14 יַחְלְפוּן עֲלוֹהִי׃ בִּגְזֵרַת עִירִין פִּתְגָמָא וּמֵאמַר קַדִּישִׁין
שְׁאֵלְתָא עַד־דִּבְרַת דִּי־יִנְדְּעוּן חַיַּיָּא דִּי־שַׁלִּיט עִלָּיָא
בְּמַלְכוּת אֲנוֹשָׁא וּלְמַן־דִּי יִצְבֵּא יִתְּנִנַּהּ וּשְׁפַל אֲנָשִׁים יְקִים
טו עֲלַיהּ׃ דְּנָה חֶלְמָא חֲזֵית אֲנָה מַלְכָּא נְבוּכַדְנֶצַּר וְאַנְתְּה
בֵּלְטְשַׁאצַּר פִּשְׁרָא אֱמַר כָּל־קֳבֵל דִּי | כָּל־חַכִּימֵי
מַלְכוּתִי לָא־יָכְלִין פִּשְׁרָא לְהוֹדָעוּתַנִי וְאַנְתְּה כָּהֵל דִּי
16 רוּחַ־אֱלָהִין קַדִּישִׁין בָּךְ׃ אֱדַיִן דָּנִיֵּאל דִּי־שְׁמֵהּ בֵּלְטְשַׁאצַּר
אֶשְׁתּוֹמַם כְּשָׁעָה חֲדָה וְרַעְיֹנֹהִי יְבַהֲלֻנֵּהּ עָנֵה מַלְכָּא וְאָמַר
בֵּלְטְשַׁאצַּר חֶלְמָא וּפִשְׁרָא אַל־יְבַהֲלָךְ עָנֵה בֵלְטְשַׁאצַּר
17 וְאָמַר מָרִאי חֶלְמָא לְשָׂנְאָךְ וּפִשְׁרֵהּ לְעָרָךְ׃ אִילָנָא
דִּי חֲזַיְתָ דִּי רְבָה וּתְקִף וְרוּמֵהּ יִמְטֵא לִשְׁמַיָּא וַחֲזוֹתֵהּ
18 לְכָל־אַרְעָא׃ וְעָפְיֵהּ שַׁפִּיר וְאִנְבֵּהּ שַׂגִּיא וּמָזוֹן לְכֹלָּא־
בֵהּ תְּחֹתוֹהִי תְּדוּר חֵיוַת בָּרָא וּבְעַנְפוֹהִי יִשְׁכְּנָן צִפְּרֵי
19 שְׁמַיָּא׃ אַנְתְּה־הוּא מַלְכָּא דִּי רְבַית וּתְקֵפְתְּ וּרְבוּתָךְ
כ רְבָת וּמְטָת לִשְׁמַיָּא וְשָׁלְטָנָךְ לְסוֹף אַרְעָא׃ וְדִי חֲזָא
מַלְכָּא עִיר וְקַדִּישׁ נָחִת | מִן־שְׁמַיָּא וְאָמַר גֹּדּוּ אִילָנָא
וְחַבְּלוּהִי בְּרַם עִקַּר שָׁרְשׁוֹהִי בְּאַרְעָא שְׁבֻקוּ וּבֶאֱסוּר
דִּי־פַרְזֶל וּנְחָשׁ בְּדִתְאָה דִּי בָרָא וּבְטַל שְׁמַיָּא יִצְטַבַּע
וְעִם־חֵיוַת בָּרָא חֲלָקֵהּ עַד דִּי־שִׁבְעָה עִדָּנִין יַחְלְפוּן עֲלוֹהִי׃
21 דְּנָה פִשְׁרָא מַלְכָּא וּגְזֵרַת עִלָּיָא הִיא דִּי מְטָת עַל־מָרִאי

מלכא

v. 13. יתיר ו — v. 14. עלאה קרי — ibid. יתיר ו — ibid. יתיר י — v. 15. יתיר ה
ibid. א במקום ה — ibid. יתיר ה — v. 16. א במקום ה — ibid. יתיר א — ibid. יתיר י
ibid. יתיר י — v. 19. יתיר ה — ibid. יתיר י — v. 20. כיא בדתאא — v. 21. עלאה קרי — ibid. יתיר [illegible]

10 איך האָב געזעהען אין די ערשיינונגען פון מיין פאַנטאַזיע אויף מיין גע־
לעגער — ערשט אַ וואַכענדער און אַ הייליגער איז אַראָב פון הימעל,
11 ער האָט הויך געשריען און אַזוי געזאָגט: „שניידט אָב דעם בוים און
האַקט אָרום זיינע צווייגען, וואַרפט אַראָב זיינע בלעטער און צושפּרייט
זיינע פרוכט; זאָל אַוועקוואַנדערן די טהיער פון אונטער איהם און די
פויגלען פון זיינע צווייגען.
12 בלויז זיינע הויפּט וואָרצלען לאָזט אין דר'ערד אין אייזערנע און קופּער־
נע קייטען און די גראָז פון פעלד, פון הימעל־טהוי זאָל ער בעפייכ־
טעט זיין און מיט די טהיערען זאָל ער זיין טהייל האָבען אין די גראָז
פון דר'ערד.
13 זיין מענשענ־הארץ זאָל פערענדערט ווערען, עס זאָל איהם אַריינגעגע־
בען ווערען אַ טהיערענ־הארץ; אַזוי זאָלען איבער איהם אַריבער זיעבען
צייטען.
14 דורך דער ענטשיידונג פון די וואַכעדיגע איז דאָס וואָרט געווען, לויט
אַ בעפעהל פון די הייליגע איז דאָס אויפגעפאָדערט געוואָרען, אום די
לעבעדיגע זאָלען אנערקענען אַז דער אויבערשטער רעגירט איבער די
מענשעשע קעניגרייך און קען איהר אַוועקגעבען צו וועמען ער וויל, ער
קען דארין אנשטעלען זאָגאר דעם ניעדעריגסטען אונטער מענשען.
15 דיעזען חלום האָב איך, קעניג נבוכדנצר, געזעהען און דו בלטשאצר
זאָג זיין בעדייטונג, וויל אַלע קלוגע פון מיין קעניגרייך קענען מיר
ניט ערקלעהרען זיין בעדייטונג, בלויז דו קענסט, וויל דו בעזיצט דעם
גייסט פון הייליגען גאָט.
16 דאן איז דניאל, וועמעס נאָמען עס איז בלטשאצר, אַ ווילע פערוואונ־
דערט געוואָרען און זיינע געדאנקען האָבען איהם ערשראַקען. אָבער
דער קעניג האָט געזאָגט: „זאָל דיר, בלטשאצר, ניט שרעקען דער
חלום אויך זיין בעדייטונג!" דאן האָט בלטשאצר, געענטפערט און
האָט געזאָגט: „מיין הערר! דער חלום זאָל אויסגעהן צו דיינע האַ־
סער און זיין בעדייטונג — צו דיינע פיינד!
17 דעם בוים וועלכען דו האָסט געזעהען, וואָס איז גרויס און שטאַרק,
וואָס זיין הויך גרייכט צום הימעל און מען זעהט איהם איבער דער
גאַנצער ערד,
18 וואָס זיינע צווייגען זיינען שעהן, זיין פרוכט גרויס און שפּייז איז אין
איהם פאַר אַלעמען; אונטער איהם וואוינט די ווילדע טהיער און אויף
זיינע צווייגען רוהען די פויגלען פון הימעל —
19 דו, קעניג, ביזט דאָס! דו ביזט גרויס און שטאַרק, דיין גרויסקייט
האָט געשטיגען און געגרייכט צום הימעל און דיין הערשונג (גרייכט)
ביז'ן ענדע פון דער ערד;
20 און וואָס דו, קעניג, האָסט געזעהען אַ וואַכענדען און הייליגען אַראָב־
געהענדיג פון הימעל, וועלכער האָט געזאָגט: „האַקט אָב דעם בוים
און פערדאַרבט איהם, בלויז זיין הויפּט־וואָרצעל לאָזט אין דר'ערד
אין אייזערנע און קופּערנע קייטען, און די פעלד־גראָז, פונ'ם הימעל־
טהוי זאָל ער בעפייכטעט ווערען און טהיילען זיך מיט די ווילדע
טהיערען, ביז עס וועלען אַריבערגעהן זיעבען צייטען.
21 אָט דאָס, קעניג, איז די בעדייטונג, עס איז דעם אויבערשטענס ענט־
שיידונג וואָס איז אַראָבגעקומען אויף מיין הערן און קעניג:

22 מַלְכָּא׃ וְלָךְ טָרְדִין מִן־אֲנָשָׁא וְעִם־חֵיוַת בָּרָא לֶהֱוֵה
מְדֹרָךְ וְעִשְׂבָּא כְתוֹרִין ׀ לָךְ יְטַעֲמוּן וּמִטַּל שְׁמַיָּא לָךְ
מְצַבְּעִין וְשִׁבְעָה עִדָּנִין יַחְלְפוּן עֲלָיךְ עַד ׀ דִּי תִנְדַּע דִּי־
שַׁלִּיט עִלָּיָא בְּמַלְכוּת אֲנָשָׁא וּלְמַן־דִּי יִצְבֵּא יִתְּנִנַּהּ׃
23 וְדִי אֲמַרוּ לְמִשְׁבַּק עִקַּר שָׁרְשׁוֹהִי דִּי אִילָנָא מַלְכוּתָךְ
24 לָךְ קַיָּמָא מִן־דִּי תִנְדַּע דִּי שַׁלִּטִן שְׁמַיָּא׃ לָהֵן מַלְכָּא
מִלְכִּי יִשְׁפַּר עֲלָיךְ וַחֲטָיָךְ בְּצִדְקָה פְרֻק וַעֲוָיָתָךְ בְּמִחַן
כה עֲנָיִן הֵן תֶּהֱוֵא אַרְכָה לִשְׁלֵוְתָךְ׃ כֹּלָּא מְטָא עַל־נְבוּכַדְנֶצַּר
26 מַלְכָּא׃ לִקְצָת יַרְחִין תְּרֵי־עֲשַׂר עַל־הֵיכַל מַלְכוּתָא
27 דִּי בָבֶל מְהַלֵּךְ הֲוָה׃ עָנֵה מַלְכָּא וְאָמַר הֲלָא דָא־הִיא
בָּבֶל רַבְּתָא דִּי־אֲנָה בֱנַיְתַהּ לְבֵית מַלְכוּ בִּתְקַף חִסְנִי
28 וְלִיקָר הַדְרִי׃ עוֹד מִלְּתָא בְּפֻם מַלְכָּא קָל מִן־שְׁמַיָּא
נְפַל לָךְ אָמְרִין נְבוּכַדְנֶצַּר מַלְכָּא מַלְכוּתָה עֲדָת מִנָּךְ׃
29 וּמִן־אֲנָשָׁא לָךְ טָרְדִין וְעִם־חֵיוַת בָּרָא מְדֹרָךְ עִשְׂבָּא
כְתוֹרִין לָךְ יְטַעֲמוּן וְשִׁבְעָה עִדָּנִין יַחְלְפוּן עֲלָיךְ עַד ׀ דִּי־
תִנְדַּע דִּי־שַׁלִּיט עִלָּיָא בְּמַלְכוּת אֲנָשָׁא וּלְמַן דִּי־יִצְבֵּא
ל יִתְּנִנַּהּ׃ בַּהּ־שַׁעֲתָא מִלְּתָא סָפַת עַל־נְבוּכַדְנֶצַּר וּמִן־אֲנָשָׁא
טְרִיד וְעִשְׂבָּא כְתוֹרִין יֵאכֻל וּמִטַּל שְׁמַיָּא גִּשְׁמֵהּ יִצְטַבַּע
31 עַד דִּי שַׂעְרֵהּ כְּנִשְׁרִין רְבָה וְטִפְרוֹהִי כְצִפְּרִין׃ וְלִקְצָת
יוֹמַיָּא אֲנָה נְבוּכַדְנֶצַּר עַיְנַי ׀ לִשְׁמַיָּא נִטְלֵת וּמַנְדְּעִי עֲלַי
יְתוּב וּלְעִלָּיָא בָּרְכֵת וּלְחַי עָלְמָא שַׁבְּחֵת וְהַדְּרֵת דִּי שָׁלְטָנֵהּ
32 שָׁלְטָן עָלַם וּמַלְכוּתֵהּ עִם־דָּר וְדָר׃ וְכָל־דָּארֵי אַרְעָא כְּלָה
חֲשִׁיבִין וּכְמִצְבְּיֵהּ עָבֵד בְּחֵיל שְׁמַיָּא וְדָארֵי אַרְעָא וְלָא
33 אִיתַי דִּי־יְמַחֵא בִידֵהּ וְיֵאמַר לֵהּ מָה עֲבַדְתְּ׃ בֵּהּ־זִמְנָא
מַנְדְּעִי ׀ יְתוּב עֲלַי וְלִיקַר מַלְכוּתִי הַדְרִי וְזִוִי יְתוּב עֲלַי
וְלִי הַדָּבְרַי וְרַבְרְבָנַי יְבַעוֹן וְעַל־מַלְכוּתִי הָתְקְנַת וּרְבוּ

יתירה

v. 22. יתיר י׳ ibid. עלאה קרי ibid. פתח בס״פ v. 24. יתיר י׳ ibid. י׳ במקום א׳
v. 28. פתח באתנח ibid. יתיר י׳ ibid. עלאה קרי v. 31. ולעלאה קרי v. 32. דירי קרי
ibid. יו במקום א׳ ibid. ודירי קרי

22 מען וועט דיר פערזאָגען פון מענשען און מיט ווילדע טהיערע וועט דיין וואוינונג זיין, עסען וועט מען דיר געבען גראָז אזוי ווי (מען גיט) אָקסען, מיט הימעל־טהוי וועט מען דיר בעפייכטען; זיעבען צייטען וועלען אויף דיר איבערגעהן, ביז דו וועסט אנערקענען אז דער אויבערשטער הערשט איבער די מענשעשע רעגירונגען, און צו וועמען ער וויל גיט ער דאָס אוועק.

23 און וואָס זיי האָבען געזאָגט מען זאָל איבערלאָזען די הויפּט וואָרצלען פון בוים (בעדייטעט) אז די קעניגרייך וועט פאר דיר בלייבען, פון דער צייט וואָס דו וועסט אנערקענען אז מען רעגירט אין הימעל.

24 דערפאר, אָ קעניג, זאָל דיר מיין ראטה געפעלען: נעהם אראָב דיינע זינד דורך טוגענד, און דיין פערברעכען דורך גוטעס טהאָן צו אָרעמע; דאן וועט דויערהאַפט זיין דיין רוהע.

25 אַלץ איז אָנגעקומען דעם קעניג נבוכדנצר.

26 ענדע צוועלף מאָנאַטען ווען ער האָט שפּאַציערט איבערן קעניגליכען פּאַלאַסט אין בבל —

27 האָט דער קעניג הויך געזאָגט: „איז דאָס ניט די גרויסע בבל, וועלכע איך האָב אַלס אַ רעזידענץ־שטאָדט געבויט מיט מיין געוואַלדיגע מאַכט אום צו פערשעהנערן מיין הערליכקייט!"

28 די ווערטער זיינען נאָך געווען אין קעניג'ס מויל איז אראָב אַ שטימע פון הימעל: „מען זאָגט דיר אָן, קעניג נבוכדנצר, אז די רעגירונג ווערט פון דיר צוגענומען,

29 פון מענשען וועט מען דיר פערזאָגען און מיט ווילדע טהיערען וועט דיין וואוינונג זיין, שפּייזען וועט מען דיר מיט גראָז ווי אַן אָקס און זיעבען צייטען וועלען אריבער אויף דיר, ביז דו וועסט אנערקענען אז דער אויבערשטער הערשט איבער די מענשען־רעגירונג. און צו וועמען ער וויל גיט ער איהר אוועק."

30 אין דער זעלביגער צייט האָט זיך די זאַך אויסגעלאָזען צו נבוכדנצר'ן — ער איז פערזאָגט געוואָרען פון מענשען, האָט געגעסען גראָז ווי אַן אָקס, און זיין קערפּער איז בעפייכט געוואָרען פונ'ם הימעל־טהוי, זיינע האָאר זיינען אויסגעוואַקסען ווי ביי אַן אָדלער און זיינע נעגעל ווי ביי פויגלען.

31 אז די צייט האָט זיך געענדיגט, האָב איך, נבוכדנצר, אויפגעהויבען מיינע אויגען צום הימעל, מיין פערשטאַנד האָט זיך צו מיר צוריק־געקעהרט — איך האָב געבענשט דעם אויבערשטען, געלויבט און גע־עהרט דעם וואָס לעבט אייביג, וואָס זיין הערשונג איז אַן אייביגע הער־שונג און זיין רעגירען איז פון דור צו דור.

32 און אַלע איינוואוינער פון דער ערד זיינען ווי גאָרנישט גערעכענט; ער טהוט לויט זיין אייגענעם ווילען מיט די הימעלשע ארמעעז און ערד־בע־וואוינער, קיינער קען איהם ניט שטערען אָדער פרעגען איהם „וואָס האָסטו געטהאָן?"

33 צו דער זעלביגער צייט וואָס מיין פערשטאַנד האָט זיך צו מיר צוריק־געקעהרט בין איך אויך צו מיין פּרעכטיגע רעגירונג צוריק געקומען, איך האָב אויך מיין (מענשליכען) אויסזעהען בעקומען: מיינע פיהרער און בעאַמטע האָבען מיר בעזוכט, איך האָב זיך אין מיין קעניגרייך פעסטגעזעצט, עס איז מיר נאָך מעהר גרויסקייט צוגעקומען.

34 יַתִּירָה הוּסְפַת לִי׃ כְּעַן אֲנָה נְבֻכַדְנֶצַּר מְשַׁבַּח וּמְרוֹמֵם
וּמְהַדַּר לְמֶלֶךְ שְׁמַיָּא דִּי כָל־מַעֲבָדוֹהִי קְשֹׁט וְאֹרְחָתֵהּ
דִּין וְדִי מַהְלְכִין בְּגֵוָה יָכִל לְהַשְׁפָּלָה׃

## CAP. V. ה

א בֵּלְשַׁאצַּר מַלְכָּא עֲבַד לְחֶם רַב לְרַבְרְבָנוֹהִי אֲלַף וְלָקֳבֵל
2 אַלְפָּא חַמְרָא שָׁתֵה׃ בֵּלְשַׁאצַּר אֲמַר ׀ בִּטְעֵם חַמְרָא
לְהַיְתָיָה לְמָאנֵי דַּהֲבָא וְכַסְפָּא דִּי הַנְפֵּק נְבוּכַדְנֶצַּר
אֲבוּהִי מִן־הֵיכְלָא דִּי בִירוּשְׁלֶם וְיִשְׁתּוֹן בְּהוֹן מַלְכָּא
3 וְרַבְרְבָנוֹהִי שֵׁגְלָתֵהּ וּלְחֵנָתֵהּ׃ בֵּאדַיִן הַיְתִיו מָאנֵי דַהֲבָא
דִּי הַנְפִּקוּ מִן־הֵיכְלָא דִּי־בֵית אֱלָהָא דִּי בִירוּשְׁלֶם וְאִשְׁתִּיו
4 בְּהוֹן מַלְכָּא וְרַבְרְבָנוֹהִי שֵׁגְלָתֵהּ וּלְחֵנָתֵהּ׃ אִשְׁתִּיו חַמְרָא
וְשַׁבַּחוּ לֵאלָהֵי דַּהֲבָא וְכַסְפָּא נְחָשָׁא פַרְזְלָא אָעָא
ה וְאַבְנָא׃ בַּהּ־שַׁעֲתָה נְפַקוּ אֶצְבְּעָן דִּי יַד־אֱנָשׁ וְכָתְבָן לָקֳבֵל
נֶבְרַשְׁתָּא עַל־גִּירָא דִּי־כְתַל הֵיכְלָא דִּי מַלְכָּא וּמַלְכָּא
געבויט ווערען איין גאס און א טהייל, ווארום עס וועלען זיין שלעכטע צייטען.

26 נאך די צוויי־און־זעכציג זיעבעטע יאהרען וועט דער געזאלבטער אויפ־הערען און וועט מעהר ניט זיין, דאס היילינגטהום וועט צושטערען דאס הערשענדע פאלק וואס וועט אנקומען, זיין ענדע וועט קומען פלוצלונג, פאר דער ענדע וועלען זיין שטארקע פערניכטענדע קריעגען.

27 דער פערבאנד פון פיעלע וועט אנהאלטען איין גאנצע וואך מיט א האל־בע וואך, דאן וועלען אויפהערען שלאכט־ און שפייז־אפפער ; יעדער העסליכער פליגעל וועט ברענגען צושטערונג, ביז עס וועט בעשלאסען ווערען א שטרענגער אונטערגאנג אויפ'ן צושטערער.

## קאפיטעל י

1 אין דריטען יאהר פון כורש, קעניג פון פרס איז א זאך ענטדעקט גע־ווארען דניאל'ן, וועמען מען רופט בלטשאצר, די זאך איז וואהר און די אנגעלעגענהייט וויכטיג, מען דארף פערשטעהן די זאך און פער־שטעהן קען מען דאס דורך די ערשיינונג.

2 אין יענע טעג האב איך, דניאל, געטרויערט דריי וואכען לאנג.

3 קיינע געשמאקהאפטע שפייזען האב איך ניט געגעסען, פלייש און וויין איז ניט אריינגעקומען אין מיין מויל, איך האב זיך מיט קיין זאלב גע־שמירט פולע דריי וואכען.

4 און אין פיער־און־צוואנציגסטען טאג פון ערשטען מאנאט בין איך געווען ביים ברעג פון גרויסען טייך, ד. ה. חדקל,

5 האב איך אויפגעהויבען מיינע אויגען און דערזעהן א מאן אנגעקליידט אין לינען און זיינע לענדען פערגארטעלט (מיט א גארטעל) פון פיינעם גאלד.

6 זיין קערפער איז ווי קריזאליט, זיין געזיכט ווי א בליץ, זיינע אויגען ווי פלאמען פייער, זיינע ארעמס און פים ווי געשליפענער קופער, די שטימע פון זיינע רייד ווי דער גערויש פון א גרויסע פערזאמלונג.

7 נאר איך, דניאל, אליין האב די ערשיינונג געזעהען, אבער די מענשען וואס זיינען געווען מיט מיר האבען די ערשיינונג ניט געזעהען, עס איז אויף זיי געפאלען א גרויסער שרעק, זיי זיינען ענטלאפען און בעהאל־טען זיך.

8 איך אליין בין געבליבען און האב געזעהען דיעזע גרויסע ערשיינונג, איך בין אבער אהן קרעפטען געבליעבען, מיין געזיכטס־פארב האט זיך פערענ־דערט און איך בין אין אונמאכט געפאלען.

9 דאן האב איך געהערט די שטימע פון זיינע רייד, ווען איך האב די שטימע פון זיינע רייד געהערט בין איך ווי פערשלאפען געווען ליגענדיג מיט'ן געזיכט אויף דר'ערד.

10 און א האנד האט מיך אנגעריהרט און האט מיך געמאכט בעוועגען זיך אויף מיינע קניע און הענד.

11 ער האט צו מיר געזאגט : „דניאל, ליעבענסווירדיגער מאן ! בעטראכט די ווערטער וואס איך רייד צו דיר שטעהענדיג אויף דיין ארט, ווארום

12 הִוָּה עָמַדְתִּי מַרְעִיד׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי אַל־תִּירָא דָנִיֵּאל כִּי ׀
מִן־הַיּוֹם הָרִאשׁוֹן אֲשֶׁר נָתַתָּ אֶת־לִבְּךָ לְהָבִין וּלְהִתְעַנּוֹת
13 לִפְנֵי אֱלֹהֶיךָ נִשְׁמְעוּ דְבָרֶיךָ וַאֲנִי בָאתִי בִּדְבָרֶיךָ׃ וְשַׂר ׀
מַלְכוּת פָּרַס עֹמֵד לְנֶגְדִּי עֶשְׂרִים וְאֶחָד יוֹם וְהִנֵּה מִיכָאֵל
אַחַד הַשָּׂרִים הָרִאשֹׁנִים בָּא לְעָזְרֵנִי וַאֲנִי נוֹתַרְתִּי שָׁם
14 אֵצֶל מַלְכֵי פָרָס׃ וּבָאתִי לַהֲבִינְךָ אֵת אֲשֶׁר־יִקְרָה
טו לְעַמְּךָ בְּאַחֲרִית הַיָּמִים כִּי־עוֹד חָזוֹן לַיָּמִים׃ וּבְדַבְּרוֹ עִמִּי
16 כַּדְּבָרִים הָאֵלֶּה נָתַתִּי פָנַי אַרְצָה וְנֶאֱלָמְתִּי׃ וְהִנֵּה כִּדְמוּת
בְּנֵי אָדָם נֹגֵעַ עַל־שְׂפָתָי וָאֶפְתַּח־פִּי וָאֲדַבְּרָה וָאֹמְרָה
אֶל־הָעֹמֵד לְנֶגְדִּי אֲדֹנִי בַּמַּרְאָה נֶהֶפְכוּ צִירַי עָלַי וְלֹא
17 עָצַרְתִּי כֹּחַ׃ וְהֵיךְ יוּכַל עֶבֶד אֲדֹנִי זֶה לְדַבֵּר עִם־אֲדֹנִי
זֶה וַאֲנִי מֵעַתָּה לֹא־יַעֲמָד־בִּי כֹחַ וּנְשָׁמָה לֹא נִשְׁאֲרָה־בִי׃
18 19 וַיֹּסֶף וַיִּגַּע־בִּי כְּמַרְאֵה אָדָם וַיְחַזְּקֵנִי׃ וַיֹּאמֶר אַל־תִּירָא
אִישׁ־חֲמֻדוֹת שָׁלוֹם לָךְ חֲזַק וַחֲזָק וּבְדַבְּרוֹ עִמִּי הִתְחַזַּקְתִּי
כ וָאֹמְרָה יְדַבֵּר אֲדֹנִי כִּי חִזַּקְתָּנִי׃ וַיֹּאמֶר הֲיָדַעְתָּ לָמָּה־
בָּאתִי אֵלֶיךָ וְעַתָּה אָשׁוּב לְהִלָּחֵם עִם־שַׂר פָּרָס וַאֲנִי
21 יוֹצֵא וְהִנֵּה שַׂר־יָוָן בָּא׃ אֲבָל אַגִּיד לְךָ אֶת־הָרָשׁוּם בִּכְתָב
אֱמֶת וְאֵין אֶחָד מִתְחַזֵּק עִמִּי עַל־אֵלֶּה כִּי אִם־מִיכָאֵל
שַׂרְכֶם׃

## CAP. XI. יא

יא

א וַאֲנִי בִּשְׁנַת אַחַת לְדָרְיָוֶשׁ הַמָּדִי עָמְדִי לְמַחֲזִיק וּלְמָעוֹז
2 לוֹ׃ וְעַתָּה אֱמֶת אַגִּיד לָךְ הִנֵּה־עוֹד שְׁלֹשָׁה מְלָכִים
עֹמְדִים לְפָרַס וְהָרְבִיעִי יַעֲשִׁיר עֹשֶׁר־גָּדוֹל מִכֹּל וּכְחֶזְקָתוֹ
3 בְעָשְׁרוֹ יָעִיר הַכֹּל אֵת מַלְכוּת יָוָן׃ וְעָמַד מֶלֶךְ גִּבּוֹר
4 וּמָשַׁל מִמְשָׁל רַב וְעָשָׂה כִּרְצוֹנוֹ׃ וּכְעָמְדוֹ תִּשָּׁבֵר מַלְכוּתוֹ
וְתֵחָץ לְאַרְבַּע רוּחוֹת הַשָּׁמָיִם וְלֹא לְאַחֲרִיתוֹ וְלֹא כְמָשְׁלוֹ
אֲשֶׁר מָשָׁל כִּי תִנָּתֵשׁ מַלְכוּתוֹ וְלַאֲחֵרִים מִלְּבַד־אֵלֶּה׃

ויחזק

v. 14. ר״ר בקמץ  v. 16 עטיאש בַּמַּרְאָה  יא v. 4. קמץ בז״ק

איך בין יעצט צו דיר געקומען.״ ווען ער האָט צו מיר דיזע ווערטער
גערעדט בין איך געשטאַנען אַ פאַרציטערטער.
12 אָבער ער האָט צו מיר געזאָגט: שרעק זיך ניט, דניאל! ווארום
פון דעם ערשטען טאָג זינט דו האָסט זיך צום הארצען גענומען צו
פערשטעהן און פאַסטען פאַר דיין גאָט, זיינען דיינע רייד אָנגענומען;
איך בין געקומען לויט דיין פערלאַנג.
13 [אַ פירסט פון דער פערזישער רעגירונג איז נעבען מיר געשטאַנען איין־
און־צוואַנציג טעג, יעצט איז מיכאל, איינער פון די אָבער־פירסטען גע־
קומען העלפען מיר; איך בין דאָרטען פערבליבען ביי די קעניגע פון
פרס.]
14 איך בין געקומען ענטדעקען דיר וואָס עס וועט דיין פאָלק טרעפען אין
שפּעטערדיגע צייטען, ווארום די ערשיינונג וועט נאָך לאַנג געדויערן.
15 ווען ער האָט מיט מיר גערעדט דיזע ווערטער, האָב איך מיין געזיכט
געזונקען צו דר׳ערד און בין פערשטומט געוואָרען.
16 ערשט אַ מענשען געשטאַלט בעריהרט מיינע ליפּען, איך האָב מיין
מויל געעפענט און גערעדט — איך האָב געזאָגט צו דעם נאָס שטעהט
נעבען מיר: „מיין הערר! פון דיזער ערשיינונג זיינען אַלע גליעדער
מיינע ווי צושטערט און איך בין קראַפטלאָז,
17 און ווי קען אַ קנעכט פון דיזען הערן רעדען מיט דעם הערר
מיינעם? פון יעצט אָן האָב איך מעהר קיינע קרעפטען, אוז האָב זאָגאר
קיין אָטהעם ניט.״
18 דאַן האָט מיר ווידער בעריהרט אַזוי ווי אַ מענשען־געשטאַלט און האָט
מיר געקרעפטיגט
19 און געזאָגט: „שרעק זיך ניט, ליעבענסווירדיגער מענש! פריעדען
צו דיר, פאַס מוטה!״ און ווי ער האָט מיט מיר גערעדט האָב איך זיך
ערמוטהיגט און האָב געזאָגט: „זאָל מיין הערר רעדען, דו האָסט
מיר שוין מוטה געגעבען.״
20 האָט ער געזאָגט: „ווייסטו נאָך וואָס איך בין צו דיר געקומען? איך
וועל יעצט פאַרטזעצען די קריעג מיט׳ן פערזישען פירסט, ווי איך וועל
אוועקגעהן וועט קומען דער פירסט פון יון:
21 אָבער איך וועל דיר זאָגען וואָס עס איז פערצייכענט איז אַ ריכטיגען
בוך. קיינער העלפט מיר ניט שטרייטען קעגען דיזע אויסער אייער
פירסט, מיכאל.

## קאַפּיטעל יא

1 און איך בין אין ערשטען יאָהר פון דריוש דעם מדי׳ער געשטאַנען
צו שטיצען און פערפעסטיגען איהם.
2 יעצט וועל איך דיר זאָגען די וואהרהייט — נאָך דריי קעניגע וועלען
אויפשטעהן אין פרס, דער פירטער וועט גרויס רייכטהום האָבען,
מעהר פאַר אַלע; שטאַרק ווערענדיג דורך זיין רייכטהום וועט ער
אַלעם ערוועקען קעגען די קעניגרייך פון יון.
3 דאַן וועט אויפשטעהן אַ העלדישער קעניג, ער וועט אונבעגרענצט
הערשען און וועט אויספיהרען זיין ווילען.
4 ווי ער וועט אויפשטעהן וועט זיין רעגירונג צובראָכען ווערען און וועט
צוטהיילט ווערען נאָך די פיער זייטען פונ׳ם הימעל; ניט פאַר זיינע
קינדער, אויך ניט לויט זיין הערשען — עס וועט צושטערט ווערען זיין
רעגירונג, פרעמדע וועלען עס בעזיצען, אויסער דיזע (זיינע קינדער).

ה וְיֶחֱזַק מֶלֶךְ־הַנֶּגֶב וּמִן־שָׂרָיו וְיֶחֱזַק עָלָיו וּמָשַׁל מִמְשָׁל
6 רַב מֶמְשַׁלְתּוֹ׃ וּלְקֵץ שָׁנִים יִתְחַבָּרוּ וּבַת מֶלֶךְ־הַנֶּגֶב
תָּבוֹא אֶל־מֶלֶךְ הַצָּפוֹן לַעֲשׂוֹת מֵישָׁרִים וְלֹא־תַעְצֹר כּוֹחַ
הַזְּרוֹעַ וְלֹא יַעֲמֹד וּזְרֹעוֹ וְתִנָּתֵן הִיא וּמְבִיאֶיהָ וְהַיֹּלְדָהּ
7 וּמַחֲזִקָהּ בָּעִתִּים׃ וְעָמַד מִנֵּצֶר שָׁרָשֶׁיהָ כַּנּוֹ וְיָבֹא אֶל־
הַחַיִל וְיָבֹא בְּמָעוֹז מֶלֶךְ הַצָּפוֹן וְעָשָׂה בָהֶם וְהֶחֱזִיק׃
8 וְגַם אֱלֹהֵיהֶם עִם־נְסִכֵיהֶם עִם־כְּלֵי חֶמְדָּתָם כֶּסֶף וְזָהָב
בַּשְּׁבִי יָבִא מִצְרָיִם וְהוּא שָׁנִים יַעֲמֹד מִמֶּלֶךְ הַצָּפוֹן׃
9 וּבָא בְּמַלְכוּת מֶלֶךְ הַנֶּגֶב וְשָׁב אֶל־אַדְמָתוֹ׃ וּבָנָו יִתְגָּרוּ
וְאָסְפוּ הֲמוֹן חֲיָלִים רַבִּים וּבָא בוֹא וְשָׁטַף וְעָבָר וְיָשֹׁב
11 וְיִתְגָּרוּ עַד־מָעֻזֹּה׃ וְיִתְמַרְמַר מֶלֶךְ הַנֶּגֶב וְיָצָא וְנִלְחַם עִמּוֹ
עִם־מֶלֶךְ הַצָּפוֹן וְהֶעֱמִיד הָמוֹן רָב וְנִתַּן הֶהָמוֹן בְּיָדוֹ׃
12 13 וְנִשָּׂא הֶהָמוֹן יָרוּם לְבָבוֹ וְהִפִּיל רִבֹּאוֹת וְלֹא יָעוֹז׃ וְשָׁב
מֶלֶךְ הַצָּפוֹן וְהֶעֱמִיד הָמוֹן רַב מִן־הָרִאשׁוֹן וּלְקֵץ הָעִתִּים
14 שָׁנִים יָבוֹא בוֹא בְּחַיִל גָּדוֹל וּבִרְכוּשׁ רָב׃ וּבָעִתִּים הָהֵם
רַבִּים יַעַמְדוּ עַל־מֶלֶךְ הַנֶּגֶב וּבְנֵי ׀ פָּרִיצֵי עַמְּךָ יִנַּשְּׂאוּ
טו לְהַעֲמִיד חָזוֹן וְנִכְשָׁלוּ׃ וְיָבֹא מֶלֶךְ הַצָּפוֹן וְיִשְׁפֹּךְ סוֹלְלָה
וְלָכַד עִיר מִבְצָרוֹת וּזְרֹעוֹת הַנֶּגֶב לֹא יַעֲמֹדוּ וְעַם מִבְחָרָיו
16 וְאֵין כֹּחַ לַעֲמֹד׃ וְיַעַשׂ הַבָּא אֵלָיו כִּרְצוֹנוֹ וְאֵין עוֹמֵד
17 לְפָנָיו וְיַעֲמֹד בְּאֶרֶץ־הַצְּבִי וְכָלָה בְיָדוֹ׃ וְיָשֵׂם ׀ פָּנָיו לָבוֹא
בְּתֹקֶף כָּל־מַלְכוּתוֹ וִישָׁרִים עִמּוֹ וְעָשָׂה וּבַת הַנָּשִׁים יִתֶּן־
18 לוֹ לְהַשְׁחִיתָהּ וְלֹא תַעֲמֹד וְלֹא־לוֹ תִהְיֶה׃ וְיָשֵׁב ׀ פָּנָיו
לָאִיִּים וְלָכַד רַבִּים וְהִשְׁבִּית קָצִין חֶרְפָּתוֹ לוֹ בִּלְתִּי חֶרְפָּתוֹ
19 יָשִׁיב לוֹ׃ וְיָשֵׁב פָּנָיו לְמָעוּזֵּי אַרְצוֹ וְנִכְשַׁל וְנָפַל וְלֹא
כ יִמָּצֵא׃ וְעָמַד עַל־כַּנּוֹ מַעֲבִיר נוֹגֵשׂ הֶדֶר מַלְכוּת וּבְיָמִים
21 אֲחָדִים יִשָּׁבֵר וְלֹא בְאַפַּיִם וְלֹא בְמִלְחָמָה׃ וְעָמַד עַל־

כַּנּוֹ

v. 5. קמץ בז״ק  v. 6. מלא ו  v. 10. ובנו קרי  ibid ויתגרה קרי  ibid. מעזו קרי
v. 12. ורם קרי  v 18 וישם קרי

5 דאַן וועט שטאַרק ווערען דער קעניג פון דרום דורך זיינע פירסטען, ער
וועט איהם איבערוועלטיגען און וועט אונבעגרענעצט איבער זיין רעגיע־
6 רונג הערשען. אין פערלויף פון יאָהר וועלען זיי זיך בעפריינדען, א
טאָכטער פונ׳ם קעניג פון דרום וועט קומען צום קעניג פון צפון א אויס־
גלייכונג צו מאַכען, דער אָרעם וועט אָבער אונמעכטיג זיין און עס וועט
קיין דויערהאַפט האָבען און קיין מאַכט; זי וועט איבערגעגעבען ווערען
זי זעלבסט, די וואָס האָבען איהר געבראַכט, איהר מוטער און די וועל־
כע זיינען נעבען איהר צו יעדער צייט.
7 פון דער שפּראָצונג פון איהרע וואָרצלען וועט זיך אויפשטעלען א צווייג,
ער וועט זיך ווענדען צו דער אַרמעע אויף נאָך שטיצע צום קעניג פון
צפון, מיט זייער הילף וועט ער (קריעג) מאַכען און וועט איבערוועלטיגען.
8 זייערע געטער, זייערע פירסטען אויף אַלע קאָסטבארע כלים זייערע,
גאָלדענע און זילבערנע, וועט ער מיט די געפאַנגענע ברייגנען
אין מצרים; איינינגע יאָהר וועט ער מיט׳ן קעניג פון צפון שטעהן צוזאַמען.
9 ער וועט קומען אין די קעניגרייך פונ׳ם קעניג פון דרום. און וועט זיך
10 צוריק קעהרען צו זיין לאַנד. אויך זיינע זיהן וועלען קריעגעריש
זיין — זיי וועלען פערזאַמלען פיעל קריעגס־לייט און וועלען געהן, שנעל
וועלען זיי געהן, און וועלען די קריעג ברענגען ביז זיין פעסטונג.
11 דער קעניג פון דרום וועט צאָרניג ווערען, ער וועט אַרויס אין שטרייט
מיט׳ן קעניג פון צפון; ער וועט אנשטעלען א גרויסע אַרמעע אָבער
זי וועט איהם (דעם קעניג פון דרום) איבערגעגעבען ווערען.
12 אַז עס וועט צוגענומען ווערען די צאָהלרייכע אַרמעע. וועט ער זעהר
שטאָלץ ווערען און וועט שטירצען צעהנדליגע טויזענדער — ער וועט
אָבער ניט בלייבען מעכטיג:
13 דער קעניג פון צפון וועט ווידער קומען און וועט אנשטעלען אַן אַרמעע
א גרעסערע פאַר די ערשטע; נאָך דעם פערלויף פון א צייט יאָהרען
וועט ער קומען מיט א גרויסע אַרמעע און מיט פיעל פערמעגען.
14 אין יענע צייטען וועלען זיך פיעל שטעלען קעגען קעניג פון דרום זייט,
אויך די יונגע פערברעכער פון דיין פאָלק וועלען שטרעבען אויפצושטע־
לען א (נייע) ערשיינונג, זיי וועלען אָבער דורכפאַלען.
15 דאַן וועט קומען דער קעניג פון צפון און וועט אנשיטען א זאַמד־באַרג
און איינגעהמען פעסטע שטעדט; די קרעפטע פונ׳ם קעניג פון דרום
וועלען ניט ווידערשטעהן, אויך זיינע בעסטע העלדען וועלען קיין קראַפט
האָבען צו ווידערשטעהן.
16 דער וואָס איז צו איהם געקומען וועט האַנדלען לויט זיין ווילען, ער וועט
פערבלייבען אינ׳ם הערליכען לאַנד, עס וועט אין גאַנצען אין זיין האַנד
17 זיין. דאַן וועט זיין אַבזיכט זיין צו קומען מיט דער גאַנצער מאַכט
אום זיך מיט איהם אויסצוגלייכען, און אַזוי וועט ער טהאָן. א טאָכטער
פון זיינע פרויען וועט ער פאַר איהם פערהייראַטהען, נעגען איהר ווילען;
זי וועט אָבער דאָרטען ניט בלייבען און וועט צו איהם ניט געהערען.
18 ער וועט זיך אויך ווענדען צו די אינזלען און וועט פיעל פון זיי איינ־
נעהמען, אָבער א הערשער וועט איהם, צו זיין שאַנדע, אבהאַלטען.
ניט זייענדיג אים שטאַנד איהם צוריק מיט שאַנדע צו צאָהלען,
19 וועט ער זיך צוריק קעהרען צו די פעסטונגען פון זיין לאַנד. ער וועט
אָבער געשטרויכעלט ווערען, ער וועט א ניעדערלאַגע האָבען און וועט
20 מעהר ניט עקזיסטירען. דאַן וועט אויף זיין שטעלע אויפשטעהן איי־
נער וואָס וועט אָבשאַפען אונטערדריקונג פון קעניגליכע מאַיעסטעט,
אָבער אויך ער וועט אין פערלויף פון אייניגע טעג צובראָכען ווערען, ניט
21 אין א עהרענהאַפטען אָרט, אויך ניט אין קריעג. אויף זיין שטעלע

כַּנּוֹ נִבְזֶה וְלֹא־נָתְנוּ עָלָיו הוֹד מַלְכוּת וּבָא בְשַׁלְוָה וְהֶחֱזִיק
22 מַלְכוּת בַּחֲלַקְלַקּוֹת׃ וּזְרֹעוֹת הַשֶּׁטֶף יִשָּׁטְפוּ מִלְּפָנָיו
23 וְיִשָּׁבֵרוּ וְגַם נְגִיד בְּרִית׃ וּמִן־הִתְחַבְּרוּת אֵלָיו יַעֲשֶׂה
24 מִרְמָה וְעָלָה וְעָצַם בִּמְעַט־גּוֹי׃ בְּשַׁלְוָה וּבְמִשְׁמַנֵּי מְדִינָה
יָבוֹא וְעָשָׂה אֲשֶׁר לֹא־עָשׂוּ אֲבֹתָיו וַאֲבוֹת אֲבֹתָיו בִּזָּה
וְשָׁלָל וּרְכוּשׁ לָהֶם יִבְזוֹר וְעַל מִבְצָרִים יְחַשֵּׁב מַחְשְׁבֹתָיו
כה וְעַד־עֵת׃ וְיָעֵר כֹּחוֹ וּלְבָבוֹ עַל־מֶלֶךְ הַנֶּגֶב בְּחַיִל גָּדוֹל
וּמֶלֶךְ הַנֶּגֶב יִתְגָּרֶה לַמִּלְחָמָה בְּחַיִל־גָּדוֹל וְעָצוּם עַד־מְאֹד
26 וְלֹא יַעֲמֹד כִּי־יַחְשְׁבוּ עָלָיו מַחֲשָׁבוֹת׃ וְאֹכְלֵי פַתְבָּגוֹ
27 יִשְׁבְּרוּהוּ וְחֵילוֹ יִשְׁטוֹף וְנָפְלוּ חֲלָלִים רַבִּים׃ וּשְׁנֵיהֶם
הַמְּלָכִים לְבָבָם לְמֵרָע וְעַל־שֻׁלְחָן אֶחָד כָּזָב יְדַבֵּרוּ וְלֹא
28 תִצְלָח כִּי־עוֹד קֵץ לַמּוֹעֵד׃ וְיָשֹׁב אַרְצוֹ בִּרְכוּשׁ גָּדוֹל
29 וּלְבָבוֹ עַל־בְּרִית קֹדֶשׁ וְעָשָׂה וְשָׁב לְאַרְצוֹ׃ לַמּוֹעֵד יָשׁוּב
ל וּבָא בַנֶּגֶב וְלֹא־תִהְיֶה כָרִאשֹׁנָה וְכָאַחֲרֹנָה׃ וּבָאוּ בוֹ
צִיִּים כִּתִּים וְנִכְאָה וְשָׁב וְזָעַם עַל־בְּרִית־קוֹדֶשׁ וְעָשָׂה
31 וְשָׁב וְיָבֵן עַל־עֹזְבֵי בְּרִית קֹדֶשׁ׃ וּזְרֹעִים מִמֶּנּוּ יַעֲמֹדוּ
וְחִלְּלוּ הַמִּקְדָּשׁ הַמָּעוֹז וְהֵסִירוּ הַתָּמִיד וְנָתְנוּ הַשִּׁקּוּץ
32 מְשׁוֹמֵם׃ וּמַרְשִׁיעֵי בְרִית יַחֲנִיף בַּחֲלַקּוֹת וְעַם יֹדְעֵי אֱלֹהָיו
33 יַחֲזִקוּ וְעָשׂוּ׃ וּמַשְׂכִּילֵי עָם יָבִינוּ לָרַבִּים וְנִכְשְׁלוּ בְּחֶרֶב
34 וּבְלֶהָבָה בִּשְׁבִי וּבְבִזָּה יָמִים׃ וּבְהִכָּשְׁלָם יֵעָזְרוּ עֵזֶר מְעָט
לה וְנִלְווּ עֲלֵיהֶם רַבִּים בַּחֲלַקְלַקּוֹת׃ וּמִן־הַמַּשְׂכִּילִים יִכָּשְׁלוּ
לִצְרוֹף בָּהֶם וּלְבָרֵר וְלַלְבֵּן עַד־עֵת קֵץ כִּי־עוֹד לַמּוֹעֵד׃
36 וְעָשָׂה כִרְצוֹנוֹ הַמֶּלֶךְ וְיִתְרוֹמֵם וְיִתְגַּדֵּל עַל־כָּל־אֵל וְעַל
אֵל אֵלִים יְדַבֵּר נִפְלָאוֹת וְהִצְלִיחַ עַד־כָּלָה זַעַם כִּי נֶחֱרָצָה
37 נֶעֱשָׂתָה׃ וְעַל־אֱלֹהֵי אֲבֹתָיו לֹא יָבִין וְעַל־חֶמְדַּת נָשִׁים
38 וְעַל־כָּל־אֱלוֹהַּ לֹא יָבִין כִּי עַל־כֹּל יִתְגַּדָּל׃ וְלֶאֱלֹהַּ מָעֻזִּים
עַל־כַּנּוֹ יְכַבֵּד וְלֶאֱלוֹהַּ אֲשֶׁר לֹא־יְדָעֻהוּ אֲבֹתָיו יְכַבֵּד

בזהב

v. 27 קמץ בז״ק v. 33. כ״א יָמִים רַבִּים

וועט אויפשטעהן אַן אונמענש, וועלכען מען קען ניט איבערגעבען די
קעניגליכע הערשאַפט, ער וועט אָבער רוהיג קומען און אַריינקריגען די
רעגיערונג דורך גלאַטע רייד.
22 די מעכטיגע אַרמעען וועלען דורך איהם פערשווינדען און צובראָכען ווע־
23 רען, אויך די פירסטען פון פערבאַנד. זיינע אַנהענגער וועט ער בע־
טריגען און וועט אַרויס [אין קריעג] און זיעגען מיט אַ קליינע אַרמעע.
24 אונערוואַרטעט וועט ער אַרויף אויף די רייכסטע פּראָווינצען און וועט
טהאָן וואָס זיינע עלטערן און זיינע עלטערן'ס עלטערן האָבען ניט געַ־
טהאָן — ער וועט רויבען און פּלינדערן, זייער פערמעגען וועט ער צו
זיך פערזאַמלען; ער וועט אויך פּלענער מאַכען וועגען די פעסטונגען,
25 ער וועט ערמונטערן זיין מאַכט און זיין הארץ קעגען קעניגע פון דרום־
זייט מיט אַ גרויסע אַרמעע; אָבער אויך דער קעניג פון דרום־זייט
וועט ערקלעהרען קריעג מיט זעהר אַ גרויסע און מעכטיגע אַרמעע, ער
וועט אָבער ניט קענען ווידערשטעהן, ווייל מען וועט פערראַטה געברויכען
23 קעגען איהם. די וואָס עסען זיינע שפּייז וועט'ען איהם צוברעכען, זיין
אַרמעע וועט פערשווינדען און פיעלע וועלען פאַלען ערשלאָגענע.
27 די ביידע קעניגע, וואָס זייערע הערצער זיינען מיט שלעכטס פול, וועלען
זיצענדיג ביי איין טיש ליגען זאָגען; עס וועט אָבער ניט גליקען, וואָרום
28 עס איז אַ בעשטימטע צייט ביז'ן ענדע. ער וועט צו זיין לאַנד צוריק
קעהרען מיט גרויס פערמעגען, ער וועט אין הארצען טראַכטען צו איבער־
טרעטען דעם הייליגען פערבאַנד. ער וועט דאָס אויך טהאָן צוריקקומענדיג
29 צו זיין לאַנד. אין אַ געוויסע צייט וועט ער ווידער קומען אין דרום,
דאָס לעצטע מאָל וועט אָבער ניט זיין ווי דאָס ערשטע.
30 עס וועט אויף איהם קומען אַ פלאָטע פון כתים און ער וועט ניעדערגע־
שלאָגען ווערען, דאַן וועט ער ווידער צאָרנדיג ווערען אויפ'ן הייליגען
פערבאַנד; ווען ער וועט דאָס טהאָן וועט ער ווידער אויפמערקזאַם
בעטראַכטען די וועלכע פערלאָזען דעם הייליגען פערבאַנד.
31 דאַן וועט ער אָנשטעלען מעכטיגע העלדען און זיי וועלען פעראונרייניגען
דאָס הייליגטהום און די פעסטונג, זיי וועלען אָבשאַפען דעם שטענדיגען
אָפּפער און וועלען אויפשטעלען דעם עקעליכען צושטערער.
32 די וואָס ברעכען דעם פערבאַנד וועט ער מיט גלאַטע רייד שמייכלען
אום זיי זאָלען צוזאַמען אַרבייטען מיט די וואָס אָנערקענען גאָט.
33 די קלוגע פונ'ם פאָלק וועלען דאָס צו פערשטעהן געבען צו פיעלע, זיי
וועלען אָבער דאַמאַלס געשטרויכעלט ווערען דורך שווערד און פלאַם,
געפאַנגענשאַפט און רויב.
34 ווען זיי וועלען געשטרויכעלט ווערען וועלען זיי דאָך אַביסעל הילף קרי־
גען פון די פיעלע וואָס וועלען צו זיי צושטעהן פעררעטהעריש.
35 און אונטער די קלוגע וועלען פיעלע געשטרויכעלט ווערען פּרובירענדיג
נאָכזוכענדיג און רייניגענדיג, ביז עס וועט קומען אַן ענדע — עס וועט
נאָך לאַנג געדויערן ביז די בעשטימטע צייט.
36 אַז דער קעניג וועט אויספיהרען זיין ווילען, וועט ער זיך האַלטען הע־
כער און גרעסער פאַר אַלע געטער, ער וועט זאָגאַר וואונדער פּרעך־
רעדען וועגען גאָט איבער אַלע געטער; עס וועט איהם אַזוי לאַנג בע־
גליקען ביז עס וועט זיך ענדיגען דער צאָרן — וואָרום וואָס עס איז
37 בעשטימט מוז געשעהען: ער וועט ניט אַכטען זאָגאַר די געטער פון
זיינע עלטערן. ער וועט ניט אָנערקענען פרויען־לוסט און קיינע געטליכ־
38 קייט — ער וועט זיך האַלטען גרעסער פאַר אַלץ. אָנשטאָט דעם
וועט ער עהרען דעם גאָט פון מאַכט, אַ דעם גאָט וועלכען זיינע עלטערן
האָבען ניט אָנערקענט וועט ער עהרען מיט גאָלד און זילבער מיט

39 בְּזָהָב וּבְכֶסֶף וּבְאֶבֶן יְקָרָה וּבַחֲמֻדוֹת׃ וְעָשָׂה לְמִבְצְרֵי
מָעֻזִּים עִם־אֱלוֹהַּ נֵכָר אֲשֶׁר הִכִּיר יַרְבֶּה כָבוֹד וְהִמְשִׁילָם
מ בָּרַבִּים וַאֲדָמָה יְחַלֵּק בִּמְחִיר׃ וּבְעֵת קֵץ יִתְנַגַּח עִמּוֹ
מֶלֶךְ הַנֶּגֶב וְיִשְׂתָּעֵר עָלָיו מֶלֶךְ הַצָּפוֹן בְּרֶכֶב וּבְפָרָשִׁים
41 וּבָאֳנִיּוֹת רַבּוֹת וּבָא בַאֲרָצוֹת וְשָׁטַף וְעָבָר׃ וּבָא בְּאֶרֶץ
הַצְּבִי וְרַבּוֹת יִכָּשֵׁלוּ וְאֵלֶּה יִמָּלְטוּ מִיָּדוֹ אֱדוֹם וּמוֹאָב
42 וְרֵאשִׁית בְּנֵי עַמּוֹן׃ וְיִשְׁלַח יָדוֹ בַּאֲרָצוֹת וְאֶרֶץ מִצְרַיִם
43 לֹא תִהְיֶה לִפְלֵיטָה׃ וּמָשַׁל בְּמִכְמַנֵּי הַזָּהָב וְהַכֶּסֶף וּבְכֹל
44 חֲמֻדוֹת מִצְרָיִם וְלֻבִים וְכֻשִׁים בְּמִצְעָדָיו׃ וּשְׁמֻעוֹת יְבַהֲלֻהוּ
מִמִּזְרָח וּמִצָּפוֹן וְיָצָא בְּחֵמָא גְדֹלָה לְהַשְׁמִיד וּלְהַחֲרִים
מה רַבִּים׃ וְיִטַּע אָהֳלֵי אַפַּדְנוֹ בֵּין יַמִּים לְהַר־צְבִי־קֹדֶשׁ וּבָא
עַד־קִצּוֹ וְאֵין עוֹזֵר לוֹ׃

## יב Cap. XII. יב

א וּבָעֵת הַהִיא יַעֲמֹד מִיכָאֵל הַשַּׂר הַגָּדוֹל הָעֹמֵד עַל־בְּנֵי
עַמֶּךָ וְהָיְתָה עֵת צָרָה אֲשֶׁר לֹא־נִהְיְתָה מִהְיוֹת גּוֹי עַד
הָעֵת הַהִיא וּבָעֵת הַהִיא יִמָּלֵט עַמְּךָ כָּל־הַנִּמְצָא כָּתוּב
2 בַּסֵּפֶר׃ וְרַבִּים מִיְּשֵׁנֵי אַדְמַת־עָפָר יָקִיצוּ אֵלֶּה לְחַיֵּי
3 עוֹלָם וְאֵלֶּה לַחֲרָפוֹת לְדִרְאוֹן עוֹלָם׃ וְהַמַּשְׂכִּלִים יַזְהִרוּ
כְּזֹהַר הָרָקִיעַ וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד׃
4 וְאַתָּה דָנִיֵּאל סְתֹם הַדְּבָרִים וַחֲתֹם הַסֵּפֶר עַד־עֵת קֵץ
ה יְשֹׁטְטוּ רַבִּים וְתִרְבֶּה הַדָּעַת׃ וְרָאִיתִי אֲנִי דָנִיֵּאל וְהִנֵּה
שְׁנַיִם אֲחֵרִים עֹמְדִים אֶחָד הֵנָּה לִשְׂפַת הַיְאֹר וְאֶחָד הֵנָּה
6 לִשְׂפַת הַיְאֹר׃ וַיֹּאמֶר לָאִישׁ לְבוּשׁ הַבַּדִּים אֲשֶׁר מִמַּעַל
7 לְמֵימֵי הַיְאֹר עַד־מָתַי קֵץ הַפְּלָאוֹת׃ וָאֶשְׁמַע אֶת־הָאִישׁ ׀
לְבוּשׁ הַבַּדִּים אֲשֶׁר מִמַּעַל לְמֵימֵי הַיְאֹר וַיָּרֶם יְמִינוֹ
וּשְׂמֹאלוֹ אֶל־הַשָּׁמַיִם וַיִּשָּׁבַע בְּחֵי הָעוֹלָם כִּי לְמוֹעֵד
מוֹעֲדִים וָחֵצִי וּכְכַלּוֹת נַפֵּץ יַד־עַם־קֹדֶשׁ תִּכְלֶינָה כָל־

אלה

יא v. 39. יכיר ק׳ v. 40. 42. דגי בפתח v. 44. א׳ במקום ה׳ יב v. 1. כ״א חסי׳ רפה v. 3. כ״א יזהירו

טהייערע שטיינער און קאָסטבאַרקייטען.

39 ער וועט מאַכען טעמפּלען צום גאָט פון מאַכט (יופּיטער). אויך צו די אַנדערע אונבעוואוסטע געטער וועלכע ער אַנערקענט וועט ער פיעל עהרע געבען, ער וועט זייער הערשאַפט גרויס מאַכען, זייערע אַנהענגער וועט ער מיט ערד בעטהייליגען.

40 ווען עס וועט די ענדע קומען, וועט זיך מיט איהם צוזאַמענשטויסען דער קעניג פון דרום־זייט, עס וועט אויף איהם מיט שטורם קומען דער קעניג פון צפון, מיט פערד, רייטער און פיעל קריעג־שיפען. ער וועט קומען נאָך פערשיעדענע לענדער וועט זיי פערניכטען און אַוועקנעהן.

41 אַז ער וועט קומען אויף די הערליכע לאַנד וועלען פיעלע געשטרויכעלט ווערען, נאָר דיעזע וועלען זיך פון זיין האַנד רעטען: אדום, מואב און אַ טהייל פון עמון.

42 ווען ער וועט זיין מאַכט אַרויפשיקען אויף די לענדער, וועט אויך מצרים ניט גערעטעט ווערען.

43 ער וועט בעהערשען די בעהאַלטענע זאַמלונגען פון גאָלד און זילבער, אויך אַלע קאָסטבאַרקייטען פון מצרים, לבים און כשים דורך זיינע פוסגעהער.

44 שלעכטע נאַכריכטען וועלען איהם דערשרעקען פון מזרח און פון צפון, דאַן וועט ער אַרויסגעהן מיט גרויס וואוטה צו פערניכטען און פערוויס־טען פיעל לענדער,

45 ער וועט אויפשטעלען זיין פעלד־געצעלט צווישען ים און דעם באַרג פון דאָס הייליגע פּראַכטלאַנד, דאָ וועט ער צו זיין ענדע קומען און קיין זאַך וועט איהם ניט העלפען.

## קאַפּיטעל יב

1 דאַן וועט אויפשטעהן מיכאל, דער גראָספירסט, וועלכער שטעהט אימער פאַר דיין פאָלק, ווארום עס וועט זיין אַזאַ שלעכטע צייט וואָס עס איז נאָך ניט געוועזען זינט פעלקער עקזיסטירען ביז יעצט, דאַמאַלס וועט פון דיין פאָלק גערעטעט ווערען יעדער וואָס געפינט זיך פערשריעבען אין בוך.

2 פיעלע פון די וואָס שלאָפען אין ערד־שטויב וועלען אויפוואַכען — איי־ניגע צום אייביגען לעבען און איינינגע צו שאַנדע און אייביגע פער־אַכטונג.

3 די קלוגע וועלען גלאַנצען מיט אַ הימעל שיין און די וואָס האָבען פיעלע צו גוטעס געבראַכט (וועלען שיינען) ווי די שטערען אויף עוויג.

4 אָבער דו, דניאל, האַלט אין געהיים די ווערטער און פערזיעגעל דעם בוך ביז עס וועט זיך ענדיגען אַ געוויסע צייט — זאָלען פיעלע רעדען וועגען דעם און זאָל זיך פערמעהרען די וויסענשאַפט.

5 דאַן האָב איך, דניאל, דערזעהען אַז צוויי אַנדערע שטעהען, איינער אויף איין ברעג און איינער אויפ׳ן צווייטען,

6 און איינער פון זיי האָט געזאָגט צום מאַן אין לינען געקליידעט, וועל־כער איז געשטאַנען איבער׳ן וואַסער פון טייך: „ווי לאַנג נאָך איז ביז דער וואונדערבאַרער ענדע?"

7 דאַן האָב איך געהערט דעם מאַן אין לינען געקליידעט, וועלכער איז געשטאַנען איבער׳ן וואַסער פון טייך, ווי ער האָט אויפגעהויבען זיין רעכטע און לינקע האַנד צום הימעל און האָט געשוואָרען ביי דעם וואָס לעבט אייביג אַז דאָס וועט געדויערן איין צייט, צוויי צייטען און אַ

8 אֵלֶּה׃ וַאֲנִי שָׁמַעְתִּי וְלֹא אָבִין וָאֹמְרָה אֲדֹנִי מָה אַחֲרִית
9 אֵלֶּה׃ וַיֹּאמֶר לֵךְ דָּנִיֵּאל כִּי־סְתֻמִים וַחֲתֻמִים הַדְּבָרִים
י עַד־עֵת קֵץ׃ יִתְבָּרְרוּ וְיִתְלַבְּנוּ וְיִצָּרְפוּ רַבִּים וְהִרְשִׁיעוּ
11 רְשָׁעִים וְלֹא יָבִינוּ כָּל־רְשָׁעִים וְהַמַּשְׂכִּלִים יָבִינוּ׃ וּמֵעֵת
הוּסַר הַתָּמִיד וְלָתֵת שִׁקּוּץ שֹׁמֵם יָמִים אֶלֶף מָאתַיִם
12 וְתִשְׁעִים׃ אַשְׁרֵי הַמְחַכֶּה וְיַגִּיעַ לְיָמִים אֶלֶף שְׁלֹשׁ מֵאוֹת
13 שְׁלֹשִׁים וַחֲמִשָּׁה׃ וְאַתָּה לֵךְ לַקֵּץ וְתָנוּחַ וְתַעֲמֹד לְגֹרָלְךָ
לְקֵץ הַיָּמִין׃

v. 10. כ א והמַשכלים

# חזק

סכום פסוקי דספר דניאל שלש מאות וחמשים ושבעה. וסימנו כי רוח יי׳ נשבה בו. וחציו בה בליליא קטיל בלשאצר. וסדריו שבעה. וסימנו ועיני רשעים תכלינה ומנוס אבד מנהם ותקותם מפח נפש:

האַלבע צייט, ווען די האַנד וועט אויפהערן צושפּרייטען דאָס הייליגע פאָלק
וועט דאָס אַלעס זיך ענדיגען.
8 איך האָב דאָס געהערט אָבער ניט פערשטאַנען, האָב איך געזאָגט:
„מיין הערר! מיט וואָס וועט זיך דאָס אַלעס ענדיגען?"
9 האָט ער געזאָגט: „געה, דניאל! די ווערטער זיינען אונפערשטענדליך
ביז דער ענדע פון א געוויסער צייט.
10 פיעלע ווערען אונטערזוכט ווערען, גערייניגט און געלייטערט; די
רעכטע ווערען פערברעכעריש זיין ניט פערשטעהענדיג, נאָר די קלוגע
ווערען פערשטעהן.
11 פון דער צייט וואָס איז אָבגעשאַפט געוואָרען דער שטענדיגער אָפּפער
און אריינגעגעבען דער העסליכער צושטערער — טויזענד־צוויי־הונדערט־
און־ניינציג טעג.
12 גליקליך איז דער וואָס האָפט און וועט דערגרייכען ביז טויזענד דריי
הונדערט פינף־און־דרייסיג טעג.
13 דו דערגעה די ענדע — דו וועסט רוהען און אויפשטעהן ווי דיר איז
בעשערט ביז די טעג ווערען זיך ענדיגען.

## ח ז ק.

אַלע פסוקים פון דניאל זיינען דריי הונדערט זיעבען־און־פופציג,
אין צוועלף קאַפּיטלען. (ח. ש. נ.)

# עזרא

# LIBER EZRAE.

## CAPUT I. א

א וּבִשְׁנַת אַחַת לְכוֹרֶשׁ מֶלֶךְ פָּרַס לִכְלוֹת דְּבַר־יְהוָה מִפִּי
יִרְמְיָה הֵעִיר יְהוָה אֶת־רוּחַ כֹּרֶשׁ מֶלֶךְ־פָּרַס וַיַּעֲבֶר־קוֹל
2 בְּכָל־מַלְכוּתוֹ וְגַם־בְּמִכְתָּב לֵאמֹר׃ כֹּה אָמַר כֹּרֶשׁ מֶלֶךְ
פָּרַס כֹּל מַמְלְכוֹת הָאָרֶץ נָתַן לִי יְהוָה אֱלֹהֵי הַשָּׁמָיִם
וְהוּא־פָקַד עָלַי לִבְנוֹת־לוֹ בַיִת בִּירוּשָׁלִַם אֲשֶׁר בִּיהוּדָה׃
3 מִי־בָכֶם מִכָּל־עַמּוֹ יְהִי אֱלֹהָיו עִמּוֹ וְיַעַל לִירוּשָׁלִַם אֲשֶׁר
בִּיהוּדָה וְיִבֶן אֶת־בֵּית יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל הוּא הָאֱלֹהִים
4 אֲשֶׁר בִּירוּשָׁלִָם׃ וְכָל־הַנִּשְׁאָר מִכָּל־הַמְּקֹמוֹת אֲשֶׁר הוּא
גָר־שָׁם יְנַשְּׂאוּהוּ אַנְשֵׁי מְקֹמוֹ בְּכֶסֶף וּבְזָהָב וּבִרְכוּשׁ
וּבִבְהֵמָה עִם־הַנְּדָבָה לְבֵית הָאֱלֹהִים אֲשֶׁר בִּירוּשָׁלִָם׃
ה וַיָּקוּמוּ רָאשֵׁי הָאָבוֹת לִיהוּדָה וּבִנְיָמִן וְהַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם
לְכֹל הֵעִיר הָאֱלֹהִים אֶת־רוּחוֹ לַעֲלוֹת לִבְנוֹת אֶת־בֵּית
6 יְהוָה אֲשֶׁר בִּירוּשָׁלִָם׃ וְכָל־סְבִיבֹתֵיהֶם חִזְּקוּ בִידֵיהֶם
בִּכְלֵי־כֶסֶף בַּזָּהָב בָּרְכוּשׁ וּבַבְּהֵמָה וּבַמִּגְדָּנוֹת לְבַד עַל־
7 כָּל־הִתְנַדֵּב׃ וְהַמֶּלֶךְ כּוֹרֶשׁ הוֹצִיא אֶת־כְּלֵי בֵית־
יְהוָה אֲשֶׁר הוֹצִיא נְבוּכַדְנֶצַּר מִירוּשָׁלִַם וַיִּתְּנֵם בְּבֵית
8 אֱלֹהָיו׃ וַיּוֹצִיאֵם כּוֹרֶשׁ מֶלֶךְ פָּרַס עַל־יַד מִתְרְדָת הַגִּזְבָּר
9 וַיִּסְפְּרֵם לְשֵׁשְׁבַּצַּר הַנָּשִׂיא לִיהוּדָה׃ וְאֵלֶּה מִסְפָּרָם
אֲגַרְטְלֵי זָהָב שְׁלֹשִׁים אֲגַרְטְלֵי־כֶסֶף אָלֶף מַחֲלָפִים תִּשְׁעָה
י וְעֶשְׂרִים׃ כְּפוֹרֵי זָהָב שְׁלֹשִׁים כְּפוֹרֵי כֶסֶף מִשְׁנִים אַרְבַּע

מאות

v. 9. קמץ בז"ק

# עזרא

## קאַפּיטעל א

1 אין ערשטען יאָהר צו כורש, קעניג פון פּרס, אום אין גאַנצען צו ערפילען גאָט׳ס וואָרט דורך ירמיה, האָט גאָט ערוועקט דעם גייסט פון כורש, קעניג פון פּרס, און ער האָט געלאָזען אויסרופען אין זיין גאַנץ קעניגרייך, אויך שריפטליך, אַזוי צו זאָגען:

2 אַזוי זאָגט כורש קעניג פון פּרס: „אַלע קעניגרייכע פון דער ערד, האָט דער האַר, דער גאָט פון דעם הימעל מיר אָוועקגעגעבען, און ער האָט מיר בעפוילען פאַר איהם צו בויען אַ הויז אין ירושלים וואָס איז אין יהודה;

3 ווער איז צווישען אייך פון זיין גאַנצען פאָלק? זיין גאָט זאָל זיין מיט איהם, און לאָז ער אַרויפגעהן נאָך ירושלים וואָס איז אין יהודה, און לאָז ער בויען דאָס הויז פון גאָט, דער גאָט פון ישראל, (דאָס איז דער גאָט וואָס איז אין ירושלים).

4 ווער נאָר עס איז איבערגעבליבען פון אַלע ערטער וואו ער האַלט זיך דאָרט אויף, לאָזען איהם די לייט פון זיין אָרט דורכטראָגען מיט זילבער און גאָלד און מיט פערמעגען, און מיט בהמות, אויסער די פרייוויליגע געשענקע פאַר דעם הויז פון גאָט וואָס איז אין ירושלים.

5 דאַן זיינען אויפגעשטאַנען די פאַמיליען פאָרשטעהער פון יהודה און בנימין, אויך די כהנים מיט די לוים, און יעדער וואָס גאָט האָט זיין גייסט ערוועקט צו געהן בויען גאָט׳ס הויז, וואָס אין ירושלים.

6 אַלע וואָס זיינען געוועזען רינגס אַרום זיי, האָבען זיי אונטערשטיצט מיט זילבערנע און גאָלדענע כלים, מיט פערמעגען און מיט בהמות, און מיט טהייערע זאַכען, אויסער די נדבות וואָס איטליכער האָט פרייוויליג געגעבען.

7 דער קעניג כורש האָט אַרויסגעבראַכט די געפעס פון גאָט׳ס הויז, וואָס נבוכדנצר האָט אָוועקגעטראָגען פון ירושלים און האָט זיי אַריינגעגעבען אין דעם הויז פון זיינע געטער.

8 כורש, קעניג פון פּרס האָט זיי אַרויסגעבראַכט אונטער די האַנד פון מתרדת דער שאַטץ־מייסטער, און ער האָט זיי מיט אַ צאָהל איבערגעגעבען צו ששבצר דעם נשיא פון יהודה.

9 דאָס איז זייער צאָהל: דרייסיג גאָלדענע שיסלען, טויזענד זילבערנע שיסלען; ניין און צוואַנציג מעסער.

10 דרייסיג גאָלדענע בעקען, און פיער הונדערט און צעהן זילבערנע בעקען פון אַ צווייטע סאָרט, און אַ טויזענד אַנדערע געפעס.

11 מֵאוֹת וַעֲשָׂרָה כֵּלִים אֲחֵרִים אָֽלֶף׃ כָּל־כֵּלִים לַזָּהָב וְלַכֶּסֶף
חֲמֵשֶׁת אֲלָפִים וְאַרְבַּע מֵאוֹת הַכֹּל הֶעֱלָה שֵׁשְׁבַּצַּר עִם
הֵעָלוֹת הַגּוֹלָה מִבָּבֶל לִירוּשָׁלָֽםִ׃

## Cap. II. ב

ב

א וְאֵלֶּה ׀ בְּנֵי הַמְּדִינָה הָעֹלִים מִשְּׁבִי הַגּוֹלָה אֲשֶׁר הֶגְלָה
נְבוּכַדְנֶצּוֹר מֶלֶךְ־בָּבֶל לְבָבֶל וַיָּשׁוּבוּ לִירוּשָׁלַםִ וִיהוּדָה
2 אִישׁ לְעִירוֹ׃ אֲשֶׁר־בָּאוּ עִם־זְרֻבָּבֶל יֵשׁוּעַ נְחֶמְיָה שְׂרָיָה
רְעֵלָיָה מָרְדֳּכַי בִּלְשָׁן מִסְפָּר בִּגְוַי רְחוּם בַּעֲנָה מִסְפַּר
3 אַנְשֵׁי עַם יִשְׂרָאֵל׃ בְּנֵי פַרְעֹשׁ אַלְפַּיִם מֵאָה שִׁבְעִים
4 ה וּשְׁנָיִם׃ בְּנֵי שְׁפַטְיָה שְׁלֹשׁ מֵאוֹת שִׁבְעִים וּשְׁנָיִם׃ בְּנֵי
6 אָרַח שְׁבַע מֵאוֹת חֲמִשָּׁה וְשִׁבְעִים׃ בְּנֵי־פַחַת מוֹאָב
7 לִבְנֵי יֵשׁוּעַ יוֹאָב אַלְפַּיִם שְׁמֹנֶה מֵאוֹת וּשְׁנֵים עָשָׂר׃ בְּנֵי
8 עֵילָם אֶלֶף מָאתַיִם חֲמִשִּׁים וְאַרְבָּעָה׃ בְּנֵי זַתּוּא תְּשַׁע
9 מֵאוֹת וְאַרְבָּעִים וַחֲמִשָּׁה׃ בְּנֵי זַכָּי שְׁבַע מֵאוֹת וְשִׁשִּׁים׃
י 11 בְּנֵי בָנִי שֵׁשׁ מֵאוֹת אַרְבָּעִים וּשְׁנָיִם׃ בְּנֵי בֵבָי שֵׁשׁ מֵאוֹת
12 עֶשְׂרִים וּשְׁלֹשָׁה׃ בְּנֵי עַזְגָּד אֶלֶף מָאתַיִם עֶשְׂרִים וּשְׁנָיִם׃
13 14 בְּנֵי אֲדֹנִיקָם שֵׁשׁ מֵאוֹת שִׁשִּׁים וְשִׁשָּׁה׃ בְּנֵי בִגְוָי אַלְפַּיִם
טו חֲמִשִּׁים וְשִׁשָּׁה׃ בְּנֵי עָדִין אַרְבַּע מֵאוֹת חֲמִשִּׁים וְאַרְבָּעָה׃
16 17 בְּנֵי־אָטֵר לִיחִזְקִיָּה תִּשְׁעִים וּשְׁמֹנָה׃ בְּנֵי בֵצָי שְׁלֹשׁ מֵאוֹת
18 19 עֶשְׂרִים וּשְׁלֹשָׁה׃ בְּנֵי יוֹרָה מֵאָה וּשְׁנֵים עָשָׂר׃ בְּנֵי חָשֻׁם
כ 21 מָאתַיִם עֶשְׂרִים וּשְׁלֹשָׁה׃ בְּנֵי גִבָּר תִּשְׁעִים וַחֲמִשָּׁה׃ בְּנֵי
22 בֵית לָחֶם מֵאָה עֶשְׂרִים וּשְׁלֹשָׁה׃ אַנְשֵׁי נְטֹפָה חֲמִשִּׁים
23 24 וְשִׁשָּׁה׃ אַנְשֵׁי עֲנָתוֹת מֵאָה עֶשְׂרִים וּשְׁמֹנָה׃ בְּנֵי עַזְמָוֶת
כה אַרְבָּעִים וּשְׁנָיִם׃ בְּנֵי קִרְיַת עָרִים כְּפִירָה וּבְאֵרוֹת שְׁבַע
26 מֵאוֹת וְאַרְבָּעִים וּשְׁלֹשָׁה׃ בְּנֵי הָרָמָה וָגָבַע שֵׁשׁ מֵאוֹת
27 28 עֶשְׂרִים וְאֶחָד׃ אַנְשֵׁי מִכְמָס מֵאָה עֶשְׂרִים וּשְׁנָיִם׃ אַנְשֵׁי
29 בֵּית־אֵל וְהָעָי מָאתַיִם עֶשְׂרִים וּשְׁלֹשָׁה׃ בְּנֵי נְבוֹ חֲמִשִּׁים

ושנים

ב. 1. יתיר ו׳ . v. 21 קמץ בז״ק

11 אין גאנצען איז געווען גאָלד און זילבער געפעס — פינף טויזענד פיער הונדערט. אַלעס האָט ששבצר מיטגעבראַכט ווען די פאַרטריבענע זיי־
נען ארויף פון בבל אין ירושלים.

## קאַפּיטעל ב

1 די דאָזיגע זיינען די פּראָווינציאַלען וואָס זיינען ארויפגעקומען פון דער פאַרטריבענער געפאַנגענשאַפט, וואָס נבוכדנצר קעניג פון בבל האָט
אַוועקגעפיהרט נאָך בבל, אָבער זיי זיינען צוריקגעקומען נאָך ירושלים
און יהודה, איטליכער צו זיין שטאָדט.
2 די וואָס זיינען געקומען מיט זרבבל׳ן: ישוע, נחמיה, שריה, רעליה,
מרדכי, בלשן, מספר, בגוי, רחום, בענה. א צאָהל מענער פון דעם פאָלק
ישראל —
3 פּרעש׳ס קינדער — צוויי טויזענד איין הונדערט צוויי און זיעבציג.
4 שפטיה׳ס קינדער — דריי הונדערט צוויי און זיעבציג.
5 אָרח׳ס קינדער — זיעבען הונדערט פינף און זיעבעציג.
6 די קינדער פון פּחת־מואב: פון ישוע׳ס און יואב׳ס זיהן — צוויי טוי־
זענד אַכט הונדערט און צוועלף.
7 עילם׳ס קינדער — איין טויזענד צוויי הונדערט פיער און פופציג.
8 זתוא׳ס קינדער — ניין הונדערט פינף און פערציג.
9 זכי׳ס קינדער — זיעבען הונדערט און זעכציג.
10 בני׳ס קינדער — זעקס הונדערט צוויי און פערציג.
11 בבי׳ס קינדער — זעקס הונדערט דריי און צוואַנציג.
12 עזגד׳ס קינדער — איין טויזענד צוויי הונדערט צוויי און צוואַנציג.
13 אדוניקם׳ס קינדער — זעקס הונדערט זעקס און זעכציג.
14 בגוי׳ס קינדער — צוויי טויזענד זעקס און פופציג.
15 עדין׳ס קינדער — פיער הונדערט פיער און פופציג.
16 אטר׳ס קינדער פון חזקיה — אַכט און ניינציג.
17 בצי׳ס קינדער — דריי הונדערט דריי און צוואַנציג.
18 יורה׳ס קינדער — איין הונדערט און צוועלף.
19 חשם׳ס קינדער — צוויי הונדערט דריי און צוואַנציג.
20 גבר׳ס קינדער — פינף און ניינציג.
21 די בעפעלקערונג פון בית לחם — איין הונדערט דריי און צוואַנציג.
22 מענער פון נטופה — זעקס און פופציג.
23 מענער פון ענתות — איין הונדערט אַכט און צוואַנציג.
24 עזמות׳ס קינדער — צוויי און פערציג.
25 מענער פון קרית ערים, כפירה און בארות — זיעבען הונדערט דריי און
פערציג.
26 מענער פון רמה און גבע — זעקס הונדערט איין און צוואַנציג.
27 מענער פון מכמס — איין הונדערט צוויי און צוואַנציג.
28 מענער פון בית־אל און עי — צוויי הונדערט דריי און צוואַנציג.
29 מענער פון נבו — צוויי און פופציג.

31 וּשְׁנָֽיִם׃ בְּנֵי מַגְבִּישׁ מֵאָה חֲמִשִּׁים וְשִׁשָּֽׁה׃ בְּנֵי עֵילָם
32 אַחֵר אֶלֶף מָאתַיִם חֲמִשִּׁים וְאַרְבָּעָֽה׃ בְּנֵי חָרִם שְׁלֹשׁ
33 מֵאוֹת וְעֶשְׂרִֽים׃ בְּנֵי־לֹד חָדִיד וְאוֹנוֹ שְׁבַע מֵאוֹת עֶשְׂרִים
34 לה וַחֲמִשָּֽׁה׃ בְּנֵי יְרֵחוֹ שְׁלֹשׁ מֵאוֹת אַרְבָּעִים וַחֲמִשָּֽׁה׃ בְּנֵי
36 סְנָאָה שְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים וְשֵׁשׁ מֵאוֹת וּשְׁלֹשִֽׁים׃ הַכֹּהֲנִים
37 בְּנֵי יְדַעְיָה לְבֵית יֵשׁוּעַ תְּשַׁע מֵאוֹת שִׁבְעִים וּשְׁלֹשָֽׁה׃ בְּנֵי
38 אִמֵּר אֶלֶף חֲמִשִּׁים וּשְׁנָֽיִם׃ בְּנֵי פַשְׁחוּר אֶלֶף מָאתַיִם
39 מ אַרְבָּעִים וְשִׁבְעָֽה׃ בְּנֵי חָרִם אֶלֶף וְשִׁבְעָה עָשָֽׂר׃ הַלְוִיִּם
בְּנֵי־יֵשׁוּעַ וְקַדְמִיאֵל לִבְנֵי הוֹדַוְיָה שִׁבְעִים וְאַרְבָּעָֽה׃
41 42 הַמְשֹׁרְרִים בְּנֵי אָסָף מֵאָה עֶשְׂרִים וּשְׁמֹנָֽה׃ בְּנֵי הַשֹּׁעֲרִים
בְּנֵי־שַׁלּוּם בְּנֵי־אָטֵר בְּנֵי־טַלְמֹן בְּנֵי־עַקּוּב בְּנֵי חֲטִיטָא
43 בְּנֵי שֹׁבָי הַכֹּל מֵאָה שְׁלֹשִׁים וְתִשְׁעָֽה׃ הַנְּתִינִים בְּנֵי־צִיחָא
44 בְנֵי־חֲשׂוּפָא בְּנֵי טַבָּעֽוֹת׃ בְּנֵי־קֵרֹס בְּנֵי־סִיעֲהָא בְּנֵי
מה 46 פָדֽוֹן׃ בְּנֵי־לְבָנָה בְנֵי־חֲגָבָה בְּנֵי עַקּֽוּב׃ בְּנֵי־חָגָב בְּנֵי־
47 48 שַׁמְלַי בְּנֵי חָנָֽן׃ בְּנֵי־גִדֵּל בְּנֵי־גַחַר בְּנֵי־רְאָיָֽה׃ בְּנֵי־רְצִין
49 נ בְּנֵי־נְקוֹדָא בְּנֵי גַזָּֽם׃ בְּנֵי־עֻזָּא בְנֵי־פָסֵחַ בְּנֵי בֵסָֽי׃ בְּנֵי־
51 אַסְנָה בְנֵי־מְעוּנִים בְּנֵי נְפִיסִֽים׃ בְּנֵי־בַקְבּוּק בְּנֵי־חֲקוּפָא
52 53 בְנֵי חַרְחֽוּר׃ בְּנֵי־בַצְלוּת בְּנֵי־מְחִידָא בְּנֵי חַרְשָֽׁא׃ בְּנֵי־
54 בַרְקוֹס בְּנֵי־סִֽיסְרָא בְּנֵי־תָֽמַח׃ בְּנֵי נְצִיחַ בְּנֵי חֲטִיפָֽא׃
נה 56 בְּנֵי עַבְדֵי שְׁלֹמֹה בְּנֵי־סֹטַי בְּנֵי־הַסֹּפֶרֶת בְּנֵי פְרוּדָֽא׃ בְּנֵי־
57 יַעְלָה בְנֵי־דַרְקוֹן בְּנֵי גִדֵּֽל׃ בְּנֵי שְׁפַטְיָה בְנֵי־חַטִּיל בְּנֵי
58 פֹּכֶרֶת הַצְּבָיִים בְּנֵי אָמִֽי׃ כָּל־הַנְּתִינִים וּבְנֵי עַבְדֵי שְׁלֹמֹה
59 שְׁלֹשׁ מֵאוֹת תִּשְׁעִים וּשְׁנָֽיִם׃ וְאֵלֶּה הָעֹלִים מִתֵּל
מֶלַח תֵּל חַרְשָׁא כְּרוּב אַדָּן אִמֵּר וְלֹא יָכְלוּ לְהַגִּיד בֵּית־
אֲבוֹתָם וְזַרְעָם אִם מִיִּשְׂרָאֵל הֵֽם׃ בְּנֵי־דְלָיָה בְנֵי־טוֹבִיָּה ס
61 בְּנֵי נְקוֹדָא שֵׁשׁ מֵאוֹת חֲמִשִּׁים וּשְׁנָֽיִם׃ וּמִבְּנֵי הַכֹּהֲנִים
בְּנֵי חֳבַיָּה בְּנֵי הַקּוֹץ בְּנֵי בַרְזִלַּי אֲשֶׁר לָקַח מִבְּנוֹת בַּרְזִלַּי

הגלעדי



v. 46 שלמי קרי   v. 50 נפוסים קרי

30 מגביש׳ס קינדער — איין הונדערט זעקס און פופציג.
31 די קינדער פון אן אנדער עילם — איין טויזענד צוויי הונדערט פיער און פופציג.
32 חרים׳ס קינדער — דריי הונדערט און צוואנציג.
33 מענער פון לוד, חדיד און אונו — זיעבען הונדערט פינף און צוואנציג.
34 מענער פון ירחו — דריי הונדערט פינף און פערציג.
35 סנאה׳ס קינדער — דריי טויזענד זעקס הונדערט און דרייסיג.
36 די כהנים — ידעיה׳ס קינדער פון דעם הויז ישוע — ניין הונדערט דריי און זיעבעציג.
37 אמר׳ס קינדער — איין טויזענד צוויי און פופציג.
38 פשחור׳ס קינדער — איין טויזענד צוויי הונדערט זיעבען און פערציג.
39 חרים׳ס קינדער — איין טויזענד און זיעבצעהן.
40 די לוים—די קינדער פון ישוע און קדמיאל (פון הודויה׳ס קינדער—פיער און זיעבציג.
41 די זינגערס — די קינדער פון אסף: איין הונדערט אכט און צוואנציג.
42 די קינדער פון די טהויער־היטער: די קינדער פון שלום, פון אטר, פון טלמון, פון עקוב, פון חטיטא, און פון שובי, אין אלעמען — איין הונדערט ניין און דרייסיג.
43 די טעמפעל־דיענער — די קינדער פון ציחא, פון חשופא, פון טבעות,
44 פון קרוס, פון סיעהא, פון פדון,
45 פון לבנה, פון חגבה, פון עקוב,
46 פון חגב, פון שלמי, פון חנן,
47 פון גדל, פון גחר, פון ראיה,
48 פון רצין, פון נקודא, פון גזם,
49 פון עזא, פון פסח, פון בסי,
50 פון אסנה, פון מעונים, פון נפוסים,
51 פון בקבוק, פון חקופא, פון חרחור,
52 פון בצלות, פון מחידא, פון חרשא,
53 פון ברקוס, פון סיסרא, פון תמח,
54 פון נציח, פון חטיפא,
55 די קינדער פון שלמה׳ס קנעכט — די קינדער פון סוטי, פון הספרת, פון פרודא,
56 פון יעלה, פון דרקון, פון גדל,
57 פון שפטיה, פון חטיל, פון פכרת הצבים, און פון אמי.
58 אלע טעמפעל־דיענער מיט די קינדער פון שלמה׳ס קנעכט דריי הונדערט צוויי און ניינציג.
59 און דאס זיינען די וועלכע זיינען ארויפגעגאנגען פון תל־מלח, תל־חרשא, כרוב, אדן, אמר; אבער זיי האבען ניט געקענט אנצייגען דאס הויז פון זייערע עלטערן, און זייערע קינדער, אויב זיי זיינען פון ישראל.
60 די קינדער פון דליה, פון טוביה, און פון נקודא — זעקס הונדערט צוויי און פופציג.
61 פון די כהנים׳ס קינדער: די קינדער פון חביה, פון הקוץ, (די קינדער פון ברזילי, (ער האט גענומען א ווייב פון ברזילי דעם גלעדי׳ס טעכטער און האט זיך גערופען נאך זייער נאמען).

62 הַגִּלְעָדִ֖י אִשָּׁ֑ה וַיִּקָּרֵ֖א עַל־שְׁמָֽם׃ אֵ֗לֶּה בִּקְשׁ֧וּ כְתָבָ֛ם
63 הַמִּתְיַחְשִׂ֖ים וְלֹ֣א נִמְצָ֑אוּ וַֽיְגֹאֲל֖וּ מִן־הַכְּהֻנָּֽה׃ וַיֹּ֤אמֶר
הַתִּרְשָׁ֙תָא֙ לָהֶ֔ם אֲשֶׁ֥ר לֹֽא־יֹאכְל֖וּ מִקֹּ֣דֶשׁ הַקֳּדָשִׁ֑ים עַ֛ד
64 עֲמֹ֥ד כֹּהֵ֖ן לְאוּרִ֥ים וּלְתֻמִּֽים׃ כָּל־הַקָּהָ֖ל כְּאֶחָ֑ד אַרְבַּ֣ע
סה רִבּ֔וֹא אַלְפַּ֖יִם שְׁלֹשׁ־מֵא֥וֹת שִׁשִּֽׁים׃ מִלְּבַד֙ עַבְדֵיהֶ֣ם
וְאַמְהֹֽתֵיהֶ֔ם אֵ֕לֶּה שִׁבְעַ֣ת אֲלָפִ֔ים שְׁלֹ֥שׁ מֵא֖וֹת שְׁלֹשִׁ֣ים
66 וְשִׁבְעָ֑ה וְלָהֶ֛ם מְשֹׁרְרִ֥ים וּמְשֹׁרְר֖וֹת מָאתָֽיִם׃ סוּסֵיהֶ֕ם
שְׁבַ֥ע מֵא֖וֹת שְׁלֹשִׁ֣ים וְשִׁשָּׁ֑ה פִּרְדֵיהֶ֕ם מָאתַ֖יִם אַרְבָּעִ֥ים
67 וַחֲמִשָּֽׁה׃ גְּמַלֵּיהֶ֕ם אַרְבַּ֥ע מֵא֖וֹת שְׁלֹשִׁ֣ים וַחֲמִשָּׁ֑ה חֲמֹרִ֕ים
68 שֵׁ֣שֶׁת אֲלָפִ֔ים שְׁבַ֥ע מֵא֖וֹת וְעֶשְׂרִֽים׃ וּמֵרָאשֵׁי֙ הָֽאָב֔וֹת
בְּבוֹאָ֕ם לְבֵ֥ית יְהוָ֖ה אֲשֶׁ֣ר בִּירוּשָׁלִָ֑ם הִֽתְנַדְּבוּ֙ לְבֵ֣ית הָֽאֱלֹהִ֔ים
69 לְהַעֲמִיד֖וֹ עַל־מְכוֹנֽוֹ׃ כְּכֹחָ֗ם נָתְנוּ֮ לְא֣וֹצַר הַמְּלָאכָה֒ זָהָ֗ב
דַּרְכְּמוֹנִים֙ שֵׁשׁ־רִבֹּ֣אות וָאֶ֔לֶף וְכֶ֕סֶף מָנִ֖ים חֲמֵ֣שֶׁת אֲלָפִ֑ים
ע וְכָתְנֹ֥ת כֹּהֲנִ֖ים מֵאָֽה׃ וַיֵּשְׁב֣וּ הַכֹּהֲנִים֩ וְהַלְוִיִּ֨ם וּמִן־
הָעָ֜ם וְהַמְשֹׁרְרִ֧ים וְהַשּׁוֹעֲרִ֛ים וְהַנְּתִינִ֖ים בְּעָרֵיהֶ֑ם וְכָל־
יִשְׂרָאֵ֖ל בְּעָרֵיהֶֽם׃

## Cap. III. ג

ג

א וַיִּגַּע֙ הַחֹ֣דֶשׁ הַשְּׁבִיעִ֔י וּבְנֵ֥י יִשְׂרָאֵ֖ל בֶּעָרִ֑ים וַיֵּאָסְפ֥וּ הָעָ֛ם
2 כְּאִ֥ישׁ אֶחָ֖ד אֶל־יְרוּשָׁלִָֽם׃ וַיָּקָם֩ יֵשׁ֨וּעַ בֶּן־יוֹצָדָ֜ק וְאֶחָ֣יו
הַכֹּהֲנִ֗ים וּזְרֻבָּבֶ֤ל בֶּן־שְׁאַלְתִּיאֵל֙ וְאֶחָ֔יו וַיִּבְנ֕וּ אֶת־מִזְבַּ֖ח
אֱלֹהֵ֣י יִשְׂרָאֵ֑ל לְהַעֲל֤וֹת עָלָיו֙ עֹל֔וֹת כַּכָּת֕וּב בְּתוֹרַ֖ת מֹשֶׁ֥ה
3 אִישׁ־הָאֱלֹהִֽים׃ וַיָּכִ֤ינוּ הַמִּזְבֵּ֙חַ֙ עַל־מְכ֣וֹנֹת֔וֹ כִּ֚י בְּאֵימָ֣ה
עֲלֵיהֶ֔ם מֵעַמֵּ֖י הָאֲרָצ֑וֹת וַיַּ֨עַל עָלָ֤יו עֹלוֹת֙ לַֽיהוָ֔ה עֹל֖וֹת
4 לַבֹּ֥קֶר וְלָעָֽרֶב׃ וַיַּעֲשׂ֛וּ אֶת־חַ֥ג הַסֻּכּ֖וֹת כַּכָּת֑וּב וְעֹלַ֨ת י֤וֹם
ה בְּיוֹם֙ בְּמִסְפָּ֔ר כְּמִשְׁפַּ֖ט דְּבַר־י֥וֹם בְּיוֹמֽוֹ׃ וְאַחֲרֵי־כֵ֞ן עֹלַ֤ת
תָּמִיד֙ וְלֶחֳדָשִׁ֔ים וּֽלְכָל־מוֹעֲדֵ֥י יְהוָ֖ה הַמְקֻדָּשִׁ֑ים וּלְכֹ֛ל
6 מִתְנַדֵּ֥ב נְדָבָ֖ה לַֽיהוָֽה׃ מִיּ֤וֹם אֶחָד֙ לַחֹ֣דֶשׁ הַשְּׁבִיעִ֔י הֵחֵ֕לּוּ

להעלות

ג׳ v. 3. מכונתיו קרי ibid. ויעלו קרי

62 די דאָזיגע האָבען געזוכט זייער אָבשטאַמונג־בריעף, אָבער זיי האָבען עס
ניט געפונען, דארום זיינען זיי געוועזען אויסגעשלאָסען פון די כהונה,
63 און תרשתא האט זיי פארזאָגט זיי זאָלען ניט עסען פון דאָס גאַנץ היי־
ליגע ביז עס וועט אָנגעשטעלט ווערען אַ כהן צו די אורים און תמים.
64 די גאַנצע פערזאַמלונג צוזאַמען — צוויי און פערציג טויזענד דריי הונ־
דערט און זעכציג.
65 אויסער זייערע קנעכט און זייערע דיענסט־מיידען, דיזע זיינען געווע־
זען — זיעבען טויזענד דריי הונדערט זיעבען און דרייסיג. זיי האָבען
אויך געהאט צוויי הונדערט זינגערם און זינגערינס.
66 זייערע פערד — זיעבען הונדערט זעקס און דרייסיג, און צוויי הונדערט
פינף און פערציג מויל־אייזלען.
67 זייערע קעמלען — פיער הונדערט פינף און דרייסיג ; אייזלען — זעקס
טויזענד זיעבען הונדערט און צוואַנציג.
68 אייניגע פון די פאַמיליען־פאָרשטעהער האָבען, קומענדיג צו גאָט'ס הויז
וואָס אין ירושלים, פרייוויליג בייגעשטייערט פאַר גאָט'ס הויז, עס ריכ־
טיג איינצואָרדנען,
69 נאָך זייערע קרעפטען האָבען זיי אָריינגעגעבען אין די ארבייטס־סקלאַ־
דען : גאָלד — איין און זעכציג טויזענד דרכמונים ; זילבער — פינף
טויזענד מנים, און הונדערט פּריסטער־רעק.
70 די כהנים, די לוים, אויך פאָלק־מענער, די זינגערם, און די טהויער־היי־
טערם, מיט די טעמפעל־דיענער האָבען געוואוינט אין זייערע שטעדט,
און גאַנץ ישראל אין זייערע שטעדט.

## קאַפּיטעל ג

1 ווען דער זיעבעטער מאָנאַט איז אָנגעקומען, זינט די קינדער ישראל
זיינען געוועזען אין זייערע שטעדט, האָט זיך דאָס פאָלק פערזאַמעלט ווי
איין מאַן אין ירושלים.
2 דאַן איז אויפגעשטאַנען ישוע, יהוצדק'ס זוהן, מיט זיינע ברידער די
כהנים, אויך זרבבל, שאלתיאל'ס זוהן, מיט זיינע ברידער, און האָבען
אויפגעבויט דעם מזבח פון דעם גאָט פון ישראל, צו פאַרברענגען אויף
איהם עולות, ווי עס איז געשריבען אין לעהרע־בוך פון משה דעם געט־
ליכען מאַן.
3 אַז זיי האָבען נאָר אָװעקגעשטעלט דעם מזבח אויף זיין שטעל, האָבען זיי
שוין פארברענגט אויף איהם עולות צו גאָט — די מאָרגען און אבענד
עולות — ווארים זיי זיינען אין שרעק געוועזען פאַר די פעלקער פון לאַנד.
4 זיי האָבען אויך געמאַכט דעם פייערטאָג סכות, ווי עס איז געשריבען,
מיט די טעגליכע עולות נאָכ'ן צאהל, ווי עס פאָדערט זיך טאָג טעגליך ;
5 און נאָכדעם די שטענדיגע עולות, די מאָנאַטליכע און פאַר אַלע געהייליג־
טע פייערטאָגע גאָט'ס, אויך וואָס יעדער פרייוויליג האָט בעוויליגט פאַר
גאָט.
6 פון דעם ערשטען טאָג צום זיעבעטען מאָנאַט האָבען זיי אָנגעפאַנגען
ברייננגען עולות צו גאָט, אָבוואָהל גאָט'ס טעמפעל איז נאָך ניט געגרינ־
דעט געוועזען.

7 לְהַעֲל֣וֹת עֹל֔וֹת לַֽיהוָ֑ה וְהֵיכַ֥ל יְהוָ֖ה לֹ֥א יֻסָּֽד׃ וַיִּתְּנוּ־כֶ֕סֶף
לַחֹצְבִ֖ים וְלֶחָרָשִׁ֑ים וּמַאֲכָ֨ל וּמִשְׁתֶּ֜ה וָשֶׁ֗מֶן לַצִּֽדֹנִים֙ וְלַצֹּרִ֔ים
לְהָבִיא֩ עֲצֵ֨י אֲרָזִ֜ים מִן־הַלְּבָנ֗וֹן אֶל־יָם֙ יָפ֔וֹא כְּרִשְׁי֛וֹן
8 כּ֥וֹרֶשׁ מֶֽלֶךְ־פָּרַ֖ס עֲלֵיהֶֽם׃ וּבַשָּׁנָ֣ה הַשֵּׁנִ֗ית לְבוֹאָ֞ם
אֶל־בֵּ֤ית הָאֱלֹהִים֙ לִירוּשָׁלִַ֔ם בַּחֹ֖דֶשׁ הַשֵּׁנִ֑י הֵחֵ֡לּוּ זְרֻבָּבֶ֣ל
בֶּן־שְׁאַלְתִּיאֵל֩ וְיֵשׁ֨וּעַ בֶּן־יֽוֹצָדָ֜ק וּשְׁאָ֥ר אֲחֵיהֶ֣ם ׀ הַכֹּהֲנִ֣ים
וְהַלְוִיִּ֗ם וְכָל־הַבָּאִים֙ מֵהַשְּׁבִ֣י יְרוּשָׁלִַ֔ם וַיַּעֲמִ֣ידוּ אֶת־הַלְוִיִּ֗ם
מִבֶּ֨ן עֶשְׂרִ֤ים שָׁנָה֙ וָמַ֔עְלָה לְנַצֵּ֖חַ עַל־מְלֶ֥אכֶת בֵּית־יְהוָֽה׃
9 וַיַּעֲמֹ֣ד יֵשׁ֡וּעַ בָּנָ֣יו וְ֠אֶחָיו קַדְמִיאֵ֨ל וּבָנָ֤יו בְּנֵי־יְהוּדָה֙ כְּאֶחָ֔ד
לְנַצֵּ֛חַ עַל־עֹשֵׂ֥ה הַמְּלָאכָ֖ה בְּבֵ֣ית הָאֱלֹהִ֑ים בְּנֵי֙ חֵֽנָדָ֔ד
י בְּנֵיהֶ֥ם וַאֲחֵיהֶ֖ם הַלְוִיִּֽם׃ וְיִסְּד֥וּ הַבֹּנִ֖ים אֶת־הֵיכַ֣ל יְהוָ֑ה
וַיַּעֲמִ֨ידוּ הַכֹּהֲנִ֜ים מְלֻבָּשִׁ֣ים בַּחֲצֹצְר֗וֹת וְהַלְוִיִּ֤ם בְּנֵי־אָסָף֙
בַּֽמְצִלְתַּ֔יִם לְהַלֵּל֙ אֶת־יְהוָ֔ה עַל־יְדֵ֖י דָּוִ֥יד מֶֽלֶךְ־יִשְׂרָאֵֽל׃
11 וַֽ֠יַּעֲנוּ בְּהַלֵּ֨ל וּבְהוֹדֹ֤ת לַֽיהוָה֙ כִּ֣י ט֔וֹב כִּֽי־לְעוֹלָ֥ם חַסְדּ֖וֹ
עַל־יִשְׂרָאֵ֑ל וְכָל־הָעָ֗ם הֵרִ֜יעוּ תְרוּעָ֤ה גְדוֹלָה֙ בְהַלֵּ֣ל לַֽיהוָ֔ה
12 עַ֖ל הוּסַ֥ד בֵּית־יְהוָֽה׃ וְרַבִּ֡ים מֵהַכֹּהֲנִ֣ים וְהַלְוִיִּם֩ וְרָאשֵׁ֨י
הָאָב֜וֹת הַזְּקֵנִ֗ים אֲשֶׁ֨ר רָא֜וּ אֶת־הַבַּ֤יִת הָֽרִאשׁוֹן֙ בְּיָסְד֔וֹ זֶ֤ה
הַבַּ֙יִת֙ בְּעֵ֣ינֵיהֶ֔ם בֹּכִ֖ים בְּק֣וֹל גָּד֑וֹל וְרַבִּ֛ים בִּתְרוּעָ֥ה בְשִׂמְחָ֖ה
13 לְהָרִ֥ים קֽוֹל׃ וְאֵ֣ין הָעָ֗ם מַכִּירִים֙ ק֚וֹל תְּרוּעַ֣ת הַשִּׂמְחָ֔ה
לְק֖וֹל בְּכִ֣י הָעָ֑ם כִּ֣י הָעָ֗ם מְרִיעִים֙ תְּרוּעָ֣ה גְדוֹלָ֔ה וְהַקּ֥וֹל
נִשְׁמַ֖ע עַד־לְמֵֽרָחֽוֹק׃

## Cap. IV. ד

א וַֽיִּשְׁמְע֔וּ צָרֵ֖י יְהוּדָ֣ה וּבִנְיָמִ֑ן כִּֽי־בְנֵ֤י הַגּוֹלָה֙ בּוֹנִ֣ים הֵיכָ֔ל
2 לַֽיהוָ֖ה אֱלֹהֵ֥י יִשְׂרָאֵֽל׃ וַיִּגְּשׁ֨וּ אֶל־זְרֻבָּבֶ֜ל וְאֶל־רָאשֵׁ֣י
הָאָב֗וֹת וַיֹּאמְר֤וּ לָהֶם֙ נִבְנֶ֣ה עִמָּכֶ֔ם כִּ֣י כָכֶ֔ם נִדְר֖וֹשׁ
לֵֽאלֹהֵיכֶ֑ם וְלֹ֣א ׀ אֲנַ֣חְנוּ זֹבְחִ֗ים מִימֵי֙ אֵסַ֤ר חַדֹּן֙ מֶ֣לֶךְ אַשּׁ֔וּר
3 הַמַּעֲלֶ֥ה אֹתָ֖נוּ פֹּֽה׃ וַיֹּ֣אמֶר לָהֶם֩ זְרֻבָּבֶ֨ל וְיֵשׁ֜וּעַ וּשְׁאָ֣ר



ב. v. 2. ולו קרי

7 דאן האָבען זיי געלד געגעבען די שטיינהאַקערס און מייסטערס, אויך עסען, טרינקען און אייל די צרים, און זיי זאָלען איבערברייננען צעדער־בוימער פון לבנון צום יפוא׳ער ים, לויט די ערלויבנים פון כורש, קעניג פון פרס, וואָס זיי האָבען געהאַט.

8 אין דעם צווייטען יאָהר זינט זייער אַנקומען צו גאָט׳ס הויז אין ירושלים, אין דעם צווייטען חודש, האָבען אָנגעהויבען זרבבל שאלתיאל׳ס זוהן, ישוע יוצדק׳ס זוהן אויך זייערע איבריגע ברידער, די כהנים און די לוים, און אלע וואָס זיינען צוריקגעקומען פון דער געפאַנגענשאַפט נאָך ירושלים, און זיי האָבען אָנגעשטעלט די לוים פון צוואַנציג יאָהר און העכער אלס אויפזעהערס איבער דער ארבייט פון גאָט׳ס הויז.

9 עס זיינען אָנגעשטעלט געוואָרען ישוע, זיינע זיהן און ברידער, קדמיאל מיט זיינע זיהן, די קינדער פון יהודה, אזוי ווי איין מאַן, אלס אויפ־זעהערס איבער די וואָס האָבען געטהון די ארבייט אין גאָט׳ס הויז, — די זיהן פון חנדד, זייערע זיהן און זייערע ברידער די לוים.

10 ווען די בויערס האָבען געלייגט דעם גרונד פון גאָט׳ס היכל האָבען זיך די אָנגעקליידעטע כהנים געשטעלט מיט טראָמפּייטען, און די לוים, אָסף׳ס זיהן מיט צימבלען, גאָט צו לויבען, נאָך דער אָרדנונג פון דוד קעניג פון ישראל.

11 זיי האָבען אויסגעשריען לויבענדיג און דאַנקענדיג גאָט ווי עס פּאַסט: „אימער איז זיין גנאָדע אויף ישראל!” דאָס גאַנצע פאָלק האָט אויך הויך געשריען לויבענדיג גאָט פאַר די גרינדונג פון גאָט׳ס הויז;

12 פיעל פון די אלטע כהנים, לוים און פאַמיליען פאָרשטעהער, וועלכע האָבען געזעהען מיט זייערע אויגען דאָס ערשטע הויז ווען עס האָט עקסיסטירט און דאָס יעצטיגע הויז, האָבען שטאַרק געוויינט, און פיעל האָבען שטאַרק געשריען פון פרייד.

13 דאָס פאָלק האָט ניט אונטערשיידען דעם פרייד געשריי פון דעם וויינען געשריי — דאָס פאָלק האָט הויך געשריען און דער אָבקלאַנג פון געשריי האָט זיך ווייט געהערט.

## קאַפּיטעל ד

1 ווען די פיינד פון יהודה און בנימין האָבען דערהערט אז די גלות־קינדער בויען דעם טעמפּעל פאַר דעם גאָט פון ישראל,

2 זיינען זיי געקומען צו זרבבל און די פאַמיליען פאָרשטעהער און האָבען צו זיי געזאָגט: „אויך מיר וועלען מיט אייך בויען! ווארים אזוי ווי איהר בעטען מיר צו אייער גאָט און אָפּפערען צו איהם, זינט אסר־חדון, קעניג פון אשור, האָט אונז אהער געבראַכט.”

3 האָט זיי געענטפערט זרבבל, ישוע און די איבריגע ישראל׳ס פאַמיליען־פאָרשטעהער: איהר פּאַסט ניט מיט אונז צו בויען א הויז פאַר אונזער גאָט; נאָר מיר אַליין וועלען בויען פאַר׳ן גאָט פון ישראל, ווי עס האָט אונז געהייסען דער קעניג כורש, קעניג פון פרס.

רָאשֵׁי הָאָבוֹת לְיִשְׂרָאֵל לֹא־לָכֶם וָלָנוּ לִבְנוֹת בַּיִת
לֵאלֹהֵינוּ כִּי אֲנַחְנוּ יַחַד נִבְנֶה לַיהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר
4 צִוָּנוּ הַמֶּלֶךְ כּוֹרֶשׁ מֶלֶךְ־פָּרָס׃ וַיְהִי עַם־הָאָרֶץ מְרַפִּים
ה יְדֵי עַם־יְהוּדָה וּמְבַלֲהִים אוֹתָם לִבְנוֹת׃ וְסֹכְרִים עֲלֵיהֶם
יוֹעֲצִים לְהָפֵר עֲצָתָם כָּל־יְמֵי כּוֹרֶשׁ מֶלֶךְ פָּרַס וְעַד־
6 מַלְכוּת דָּרְיָוֶשׁ מֶלֶךְ־פָּרָס׃ וּבְמַלְכוּת אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ
בִּתְחִלַּת מַלְכוּתוֹ כָּתְבוּ שִׂטְנָה עַל־יֹשְׁבֵי יְהוּדָה וִירוּשָׁלִָם׃
7 וּבִימֵי אַרְתַּחְשַׁשְׂתָּא כָּתַב בִּשְׁלָם מִתְרְדָת טָבְאֵל
וּשְׁאָר כְּנָוֹתָו עַל־אַרְתַּחְשַׁשְׂתְּא מֶלֶךְ פָּרָס וּכְתָב הַנִּשְׁתְּוָן
8 כָּתוּב אֲרָמִית וּמְתֻרְגָּם אֲרָמִית׃ רְחוּם בְּעֵל־
טְעֵם וְשִׁמְשַׁי סָפְרָא כְּתַבוּ אִגְּרָה חֲדָה עַל־יְרוּשְׁלֶם
9 לְאַרְתַּחְשַׁשְׂתְּא מַלְכָּא כְּנֵמָא׃ אֱדַיִן רְחוּם בְּעֵל־טְעֵם
וְשִׁמְשַׁי סָפְרָא וּשְׁאָר כְּנָוָתְהוֹן דִּינָיֵא וַאֲפַרְסַתְכָיֵא
טַרְפְּלָיֵא אֲפָרְסָיֵא אַרְכְּוָי בָבְלָיֵא שׁוּשַׁנְכָיֵא דֶּהָוֵא
י עֵלְמָיֵא׃ וּשְׁאָר אֻמַּיָּא דִּי הַגְלִי אָסְנַפַּר רַבָּא וְיַקִּירָא
וְהוֹתֵב הִמּוֹ בְּקִרְיָה דִּי שָׁמְרָיִן וּשְׁאָר עֲבַר־נַהֲרָה וּכְעֶנֶת׃
11 דְּנָה פַּרְשֶׁגֶן אִגַּרְתָּא דִּי שְׁלַחוּ עֲלוֹהִי עַל־
אַרְתַּחְשַׁשְׂתְּא מַלְכָּא עַבְדָיךְ אֱנָשׁ עֲבַר־נַהֲרָה וּכְעֶנֶת׃
12 יְדִיעַ לֶהֱוֵא לְמַלְכָּא דִּי יְהוּדָיֵא דִּי סְלִקוּ מִן־לְוָתָךְ
עֲלֶינָא אֲתוֹ לִירוּשְׁלֶם קִרְיְתָא מָרָדְתָּא וּבִאישְׁתָּא בָּנַיִן
13 וְשׁוּרַיָּ אֲשַׁכְלִלוּ וְאֻשַּׁיָּא יַחִיטוּ׃ כְּעַן יְדִיעַ לֶהֱוֵא לְמַלְכָּא
דִּי הֵן קִרְיְתָא דָךְ תִּתְבְּנֵא וְשׁוּרַיָּא יִשְׁתַּכְלְלוּן מִנְדָּה־
14 בְלוֹ וַהֲלָךְ לָא יִנְתְּנוּן וְאַפְּתֹם מַלְכִים תְּהַנְזִק׃ כְּעַן כָּל־
קֳבֵל דִּי־מְלַח הֵיכְלָא מְלַחְנָא וְעַרְוַת מַלְכָּא לָא אֲרִיךְ
טו לַנָא לְמֶחֱזֵא עַל־דְּנָה שְׁלַחְנָא וְהוֹדַעְנָא לְמַלְכָּא׃ דִּי
יְבַקַּר בִּסְפַר דָּכְרָנַיָּא דִּי אֲבָהָתָךְ וּתְהַשְׁכַּח בִּסְפַר
דכרניא

v. 4 ומבהלים קרי  v. 7. דת בקמץ  ibid. כנותיה קרי  v. 9. כא דס׳ בפתח  ibid. ארכויא קרי
ibid. דהיא קרי  v. 11. יתיר י׳  v. 12. ושוריא שכללו קרי

4 אויך דאָס פאָלק פון לאַנד האָט שלאַף געמאַכט די הענד פון דעם פאָלק פון יהודה, און האָבען זיי געשראָקען ביי דעם בויען.

5 זיי האָבען אויך געדונגען אויף זיי ראטה־געבער צו שטערען זייערע פּלע־נער, די גאַנצע צייט פון כורש, קעניג פון פּרס, ביז דריוש איז געוואָרען קעניג פון פּרס.

6 און אין אָנהייב פון דער רעגירונג פון קעניג אחשורוש האָבען זיי געשרי־בען איין אנקלאַג אויף די בעוואוינערס פון יהודה און ירושלים.

7 און אין די טעג פון ארתחששתא האָבען געשריבען בשלם, מתרדת, טבאל און זייערע איבריגע גענאָסען צו ארתחששתא קעניג פון פּרס, די שריפט פון דעם בריף איז געוועזען אויף ארמית, און ערקלעהרט אין אַרמית.

8 רחום דער ראטה־געבער מיט שמשי דעם שרייבער האָבען געשריבען אין בריעף צו ארתחששתא דעם קעניג וועגען ירושלים, אַזוי צו זאָגען:

9 (עס זיינען דאַן געווען — רחום דער ראטה־געבער, שמשי דער שרייבער און זייערע מיט־מענשען: דינ'אָער, אפרסתכ'אָער, טרפל'אָער, אפרס'אָער, ארכו'אָער, בבל'אָער, שושנכ'אָער, דהוא'ער, עלמ'ער.

10 און פאַרשיעדענע פעלקער, וועלכע אסנפר דער גרויסער און געעהר־טער האָט פאַרטריבען און בעזעצט זיי אין דער שטאָדט שמרון און די איבריגע ברעגען פון טייך א. ד. ג.

11 דאָס איז דער אינהאַלט פון בריעף, וועלכען זיי האָבען געשיקט צו איהם, צו ארתחששתא דעם קעניג) „דיינע קנעכט, בעוואוינער פון ברעג טייך א. ד. ג.

12 זאָל עס בעוואוסט זיין דעם קעניג אַז די יהודים וועלכע זיינען אוועק פון דיר, זיינען געקומען צו אונז אין ירושלים. זיי בויען איבער די ווידערשפּע־ניגע און שלעכטע שטאָדט, די וועגד מאַכען זיי איבער און די פונדאמענ־טען פאַרשטאַרקען זיי.

13 אַלזאָ זאָל עס בעוואוסט זיין דעם קעניג דאָס אויב די שטאָדט וועט אי־בערגעבויט ווערען און די וועגד איבערגעמאַכט ווערען, וועלען זיי ניט געבען קיין אבצאָהל נוטץ־ און וועג־געלד; דאָס וועט שאַדען ברענגען דעם קעניגס איינקונפט.

14 און אַזוי ווי מיר עסען די שפּייז פון פּאַלאַסט און עס איז אונז ניט אַנ־גענעהם צו זעהען דעם קעניג'ס שאַדען, דערפאַר שיקען מיר און מאַכען אויפמערקזאַם דעם קעניג,

15 מען זאָל נאָכזוכען אין די עראינערונגס ביכער פון דיינע עלטערן; אין די עראינערונגס ביכער וועסטו געפינען און וויסען דאָס דיעזע שטאָדט איז אַ שטאָדט וואָס ווידערשפּעניגט און מאַכט שאַדען קעניגען און לענ־דער, גוואַלדטהאַטען טהוט מען אין איהר פון לאַנג אָן, דערפאַר איז די שטאָדט רואינירט געוואָרען.

דָּכְרָנַיָּא וְתִנְדַּע דִּי קִרְיְתָא דָךְ קִרְיָא מָרָדָא וּמְהַנְזְקַת
מַלְכִין וּמְדִנָן וְאֶשְׁתַּדּוּר עָבְדִין בְּגַוַּהּ מִן־יוֹמָת עָלְמָא עַל־
16 דְּנָה קִרְיְתָא דָךְ הָחָרְבַת׃ מְהוֹדְעִין אֲנַחְנָה לְמַלְכָּא דִּי
הֵן קִרְיְתָא דָךְ תִּתְבְּנֵא וְשׁוּרַיָּה יִשְׁתַּכְלְלוּן לָקֳבֵל דְּנָה
17 חֲלָק בַּעֲבַר נַהֲרָא לָא אִיתַי לָךְ׃ פִּתְגָמָא שְׁלַח
מַלְכָּא עַל־רְחוּם בְּעֵל־טְעֵם וְשִׁמְשַׁי סָפְרָא וּשְׁאָר כְּנָוָתְהוֹן
18 דִּי יָתְבִין בְּשָׁמְרָיִן וּשְׁאָר עֲבַר־נַהֲרָה שְׁלָם וּכְעֶת׃ נִשְׁתְּוָנָא
19 דִּי־שְׁלַחְתּוּן עֲלֶינָא מְפָרַשׁ קֱרִי קָדָמָי׃ וּמִנִּי שִׂים טְעֵם
וּבַקַּרוּ וְהַשְׁכַּחוּ דִּי קִרְיְתָא דָךְ מִן־יוֹמָת עָלְמָא עַל־מַלְכִין
כ מִתְנַשְּׂאָה וּמְרַד וְאֶשְׁתַּדּוּר מִתְעֲבֶד־בַּהּ׃ וּמַלְכִין תַּקִּיפִין
הֲווֹ עַל־יְרוּשְׁלֶם וְשַׁלִּיטִין בְּכֹל עֲבַר נַהֲרָה וּמִדָּה בְלוֹ
21 וַהֲלָךְ מִתְיְהֵב לְהוֹן׃ כְּעַן שִׂימוּ טְעֵם לְבַטָּלָא גֻּבְרַיָּא
אִלֵּךְ וְקִרְיְתָא דָךְ לָא תִתְבְּנֵא עַד־מִנִּי טַעְמָא יִתְּשָׂם׃
22 וּזְהִירִין הֱווֹ שָׁלוּ לְמֶעְבַּד עַל־דְּנָה לְמָה יִשְׂגֵּא חֲבָלָא
23 לְהַנְזָקַת מַלְכִין׃ אֱדַיִן מִן־דִּי פַּרְשֶׁגֶן נִשְׁתְּוָנָא דִּי
אַרְתַּחְשַׁשְׂתְּא מַלְכָּא קֱרִי קֳדָם־רְחוּם וְשִׁמְשַׁי סָפְרָא
וּכְנָוָתְהוֹן אֲזַלוּ בִבְהִילוּ לִירוּשְׁלֶם עַל־יְהוּדָיֵא וּבַטִּלוּ הִמּוֹ
24 בְּאֶדְרָע וְחָיִל׃ בֵּאדַיִן בְּטֵלַת עֲבִידַת בֵּית־אֱלָהָא דִּי
בִּירוּשְׁלֶם וַהֲוָת בָּטְלָא עַד שְׁנַת תַּרְתֵּין לְמַלְכוּת דָּרְיָוֶשׁ
מֶלֶךְ־פָּרָס׃

## ה CAP. V. ה.

א וְהִתְנַבִּי חַגַּי נְבִיָּאה וּזְכַרְיָה בַר־עִדּוֹא נְבִיַּאיָּא עַל־יְהוּדָיֵא
2 דִּי בִיהוּד וּבִירוּשְׁלֶם בְּשֻׁם אֱלָהּ יִשְׂרָאֵל עֲלֵיהוֹן׃ בֵּאדַיִן
קָמוּ זְרֻבָּבֶל בַּר־שְׁאַלְתִּיאֵל וְיֵשׁוּעַ בַּר־יוֹצָדָק וְשָׁרִיו לְמִבְנֵא
בֵּית אֱלָהָא דִּי בִירוּשְׁלֶם וְעִמְּהוֹן נְבִיַּאיָּא דִי־אֱלָהָא
3 מְסָעֲדִין לְהוֹן׃ בֵּהּ־זִמְנָא אֲתָה עֲלֵיהוֹן תַּתְּנַי פַּחַת עֲבַר־
נַהֲרָה וּשְׁתַר בּוֹזְנַי וּכְנָוָתְהוֹן וְכֵן אָמְרִין לְהֹם מַן־שָׂם
לכם

ד v. 19. פתוח בס"ם

16 מיר וואָרנען דעם קעניג אַז ווי נאָר די שטאָדט וועט איבערגעבויט ווערען
און די ווענד איבערגעמאַכט זיין, פון דאַן אָן האָסטו קיין טהייל ניט אין
ברעג טייך."

17 דער קעניג האָט געשיקט אַן ענטפער צו רחום דעם ראטה־געבער, שמשי
דעם שרייבער און די איבריגע מיט־מענשען זייערע, וועלכע וואוינען אין
הערען דאָס געבעט פון דיין קנעכט, וואָס איך בעט פאר דיר יעצט,
טאָג און נאַכט, פאר די קינדער ישראל, דיינע קנעכט, איך אנערקען
די זינד פון די קינדער ישראל, וואָס מיר האָבען קעגען דיר געזינדיגט ;
אויך איך און מיין פאטערס הויזגעזינד האָבען געזינדיגט.

7 מיר האָבען אונז קעגען דיר אים גאַנצען פערדאָרבען, מיר האָבען ניט
געהיט די מצות, חוקים און משפטים וואָס דו האָסט געבאָטען צו דיין
קנעכט משה.

8 געדענק דאָך, איך בעט דיך, דאָס וואָרט וואָס דו האָסט געבאָטען צו
משה׳ן דיין קנעכט זאָגענדיג : „ווען איהר וועט זינדיגען, וועל איך איך
פערשפרייטען צווישען די פעלקער.

9 אָבער אז איהר וועט זיך צו מיר אומקעהרען, איהר וועט היטען מיינע
מצות און וועט זיי טהון, איז זאָגאר איהר וועט זיין פערשטויסען ביז דעם
עק פון דעם הימעל אפילו פון דאָרטען וועל איך זיי פערזאמלען, און איך
וועל זיי ברענגען צום אָרט וואָס איך האָב אויסדערוועהלט מיין נאָמען
דאָרטען רוהען לאָזען״

10 זיי זיינען דאָך דיינע קנעכט, און דיין פאָלק וואָס דו האָסט אויסגע־
לייזט מיט דיין גרויסען קראַפט און מיט דיין שטאַרקע האַנד.

11 אֲשֶׁר פָּדִיתָ בְּכֹחֲךָ הַגָּדוֹל וּבְיָדְךָ הַחֲזָקָה׃ אָנָּא אֲדֹנָי
תְּהִי נָא אָזְנְךָ קַשֶּׁבֶת אֶל־תְּפִלַּת עַבְדְּךָ וְאֶל־תְּפִלַּת
עֲבָדֶיךָ הַחֲפֵצִים לְיִרְאָה אֶת־שְׁמֶךָ וְהַצְלִיחָה־נָּא לְעַבְדְּךָ
הַיּוֹם וּתְנֵהוּ לְרַחֲמִים לִפְנֵי הָאִישׁ הַזֶּה וַאֲנִי הָיִיתִי מַשְׁקֶה
לַמֶּלֶךְ׃

## ב CAP. II. ב

א וַיְהִי ׀ בְּחֹדֶשׁ נִיסָן שְׁנַת עֶשְׂרִים לְאַרְתַּחְשַׁסְתְּא הַמֶּלֶךְ
יַיִן לְפָנָיו וָאֶשָּׂא אֶת־הַיַּיִן וָאֶתְּנָה לַמֶּלֶךְ וְלֹא־הָיִיתִי רַע
2 לְפָנָיו׃ וַיֹּאמֶר לִי הַמֶּלֶךְ מַדּוּעַ ׀ פָּנֶיךָ רָעִים וְאַתָּה אֵינְךָ
3 חוֹלֶה אֵין זֶה כִּי־אִם רֹעַ לֵב וָאִירָא הַרְבֵּה מְאֹד׃ וָאֹמַר
לַמֶּלֶךְ הַמֶּלֶךְ לְעוֹלָם יִחְיֶה מַדּוּעַ לֹא־יֵרְעוּ פָנַי אֲשֶׁר הָעִיר
4 בֵּית־קִבְרוֹת אֲבֹתַי חֲרֵבָה וּשְׁעָרֶיהָ אֻכְּלוּ בָאֵשׁ׃ וַיֹּאמֶר
לִי הַמֶּלֶךְ עַל־מַה־זֶּה אַתָּה מְבַקֵּשׁ וָאֶתְפַּלֵּל אֶל־אֱלֹהֵי
ה הַשָּׁמָיִם׃ וָאֹמַר לַמֶּלֶךְ אִם־עַל־הַמֶּלֶךְ טוֹב וְאִם־יִיטַב
עַבְדְּךָ לְפָנֶיךָ אֲשֶׁר תִּשְׁלָחֵנִי אֶל־יְהוּדָה אֶל־עִיר קִבְרוֹת
6 אֲבֹתַי וְאֶבְנֶנָּה׃ וַיֹּאמֶר לִי הַמֶּלֶךְ וְהַשֵּׁגַל ׀ יוֹשֶׁבֶת אֶצְלוֹ
עַד־מָתַי יִהְיֶה מַהֲלָכְךָ וּמָתַי תָּשׁוּב וַיִּיטַב לִפְנֵי־הַמֶּלֶךְ
7 וַיִּשְׁלָחֵנִי וָאֶתְּנָה לוֹ זְמָן׃ וָאוֹמַר לַמֶּלֶךְ אִם־עַל־הַמֶּלֶךְ
טוֹב אִגְּרוֹת יִתְּנוּ־לִי עַל־פַּחֲווֹת עֵבֶר הַנָּהָר אֲשֶׁר יַעֲבִירוּנִי
8 עַד אֲשֶׁר־אָבוֹא אֶל־יְהוּדָה׃ וְאִגֶּרֶת אֶל־אָסָף שֹׁמֵר
הַפַּרְדֵּס אֲשֶׁר לַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר יִתֶּן־לִי עֵצִים לְקָרוֹת אֶת־
שַׁעֲרֵי הַבִּירָה אֲשֶׁר־לַבַּיִת וּלְחוֹמַת הָעִיר וְלַבַּיִת אֲשֶׁר־
9 אָבוֹא אֵלָיו וַיִּתֶּן־לִי הַמֶּלֶךְ כְּיַד־אֱלֹהַי הַטּוֹבָה עָלָי׃ וָאָבוֹא
אֶל־פַּחֲווֹת עֵבֶר הַנָּהָר וָאֶתְּנָה לָהֶם אֵת אִגְּרוֹת הַמֶּלֶךְ
י וַיִּשְׁלַח עִמִּי הַמֶּלֶךְ שָׂרֵי חַיִל וּפָרָשִׁים׃ וַיִּשְׁמַע
סַנְבַלַּט הַחֹרֹנִי וְטוֹבִיָּה הָעֶבֶד הָעַמֹּנִי וַיֵּרַע לָהֶם רָעָה
11 גְדֹלָה אֲשֶׁר־בָּא אָדָם לְבַקֵּשׁ טוֹבָה לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וָאָבוֹא
12 אֶל־יְרוּשָׁלִָם וָאֱהִי־שָׁם יָמִים שְׁלֹשָׁה׃ וָאָקוּם ׀ לַיְלָה אֲנִי

ואנשים

11 איך בעט דיך, גאָט! לאָז דאָך דיין אויער פֿערנעמען דאָס געבעט פֿון
מיר דיין קנעכט, און צו דעם געבעט פֿון אַלע דיינע קנעכט וואָס פֿערלאַנ־
גען צו פֿארכטען דיין נאָמען; בעגליק דיין קנעכט היינט, און גיב איהם
בּארמהערציגקייט פֿאַר דעם דאָזיגען מאַן! — איך בין דאַן געוועזען
דער קעניג׳ס שענקער.

## קאַפּיטעל ב

1 און עס איז געוועזען אין מאָנאַט ניסן, אין׳ם צוואַנציגסטען יאָהר פֿון
ארתחשסתא דעם קעניג, ווען וויין איז פֿאַר איהם געוועזען, איך
האָב גענומען דעם וויין און געגעבען דעם קעניג. איך האָב זיך ניט
געוויזען טרויעריג פֿאַר איהם;

2 נאָר דער קעניג האָט צו מיר געזאָגט: „פֿאַרוואָס זעהט דיין געזיכט אַזוי
שלעכט אויס, דו ביזט דאָך ניט קראַנק? דאָס איז ניט אַנדערש נאָר
דו האָסט אַ בּעטריבּט האַרץ!" איך האָב זיך זעהר געשראָקען.

3 האָב איך געזאָגט צום קעניג: דער קעניג זאָל לאַנג לעבען! פֿאַר וואָס
זאָל איך ניט שלעכט אויסזעהען, ווען די שטאָדט וואו מיינע עלטערן
זיינען בּעגראָבען איז פֿערוויסט און איהרע טהויערן — פֿערבּרענט אין
פֿייער?

4 האָט דער קעניג צו מיר געזאָגט: „וואָס פֿערלאַנגסטו?" האָב איך
גאָט געבעטען

5 און געזאָגט צום קעניג: אויב דעם קעניג געפֿעהלט עס און אויב דיין
קנעכט געפֿעהלט דיר, זאָלסטו מיר לאָזען געהן אין יהודה — די שטאָדט
פֿון מיינע עלטערן׳ס בּעגרעבּניס — אום איך זאָל איהר אָפּבּויען.

6 דאַן האָט דער קעניג מיר געזאָגט (די קעניגין איז נעבען איהם געזעסען):
ווי לאַנג וועט דיין גאַנג געדויערן, און ווען וועסטו צוריק קומען? האָב
איך איהם בּאַשטימט אַ צייט, איז עס דעם קעניג געפֿעהלען און ער האָט
מיר געלאָזען געהן.

7 האָב איך געזאָגט צום קעניג: אויב עס געפֿעהלט דעם קעניג זאָל מען
מיר געבען צושריפֿטען צו די פֿערוואַלטער פֿון בּרעג טייך, אום זיי זאָלען
מיר אַריבּערפֿיהרען בּיז איך וועל קומען קיין יהודה;

8 אויך אַ צושריפֿט צו אסף׳ן, דעם אויפֿפּאַסער איבּער דעם קעניג׳ס וועל־
דער, אַז ער זאָל מיר געבען האָלץ צו בּויען די טהויערן פֿון געבּיידע
וואָס נעבען דאָס הויז, די מויער־וואַנד פֿון שטאָדט און אַ הויז וואו איך
זאָל זיך איינגעפֿינען. דער קעניג האָט עס מיר געגעבען ווי די גוטע
האַנד פֿון מיין גאָט אויף מיר.

9 אַז איך בּין געקומען צו די פֿערוואַלטע פֿון בּרעג טייך, האָב איך זיי
געגעבען דעם קעניג׳ס צושריפֿט. אויך האָט דער קעניג מיט מיר גע־
שיקט מיליטערישע בּעאַמטע מיט רייטער.

10 אַז עס האָבען דאָס דערהערט סנבלט דער חרני און טוביה־עבד דער
עמני, האָט זיי זעהר שטאַרק פֿערדראָסען וואָס אַ מענש איז געקומען בּע־
טען גוטעס פֿאַר די קינדער ישראל.

11 איך בּין אָנגעקומען קיין ירושלים און אָבגעוועזען דאָרטען דריי טעג.

12 דאַן בּין איך אויפֿגעשטאַנען בּיי נאַכט, איך און עטליכע מענער מיט

וַאֲנָשִׁים ׀ מְעַט עִמִּי וְלֹא־הִגַּדְתִּי לְאָדָם מָה אֱלֹהַי נֹתֵן
אֶל־לִבִּי לַעֲשׂוֹת לִירוּשָׁלָםִ וּבְהֵמָה אֵין עִמִּי כִּי אִם־
13 הַבְּהֵמָה אֲשֶׁר אֲנִי רֹכֵב בָּהּ׃ וָאֵצְאָה בְשַׁעַר־הַגַּיְא לַיְלָה
וְאֶל־פְּנֵי עֵין הַתַּנִּין וְאֶל־שַׁעַר הָאַשְׁפֹּת וָאֱהִי שֹׂבֵר בְּחוֹמֹת
14 יְרוּשָׁלַםִ אֲשֶׁר־הֵם ׀ פְּרוּצִים וּשְׁעָרֶיהָ אֻכְּלוּ בָאֵשׁ׃ וָאֶעֱבֹר
אֶל־שַׁעַר הָעַיִן וְאֶל־בְּרֵכַת הַמֶּלֶךְ וְאֵין־מָקוֹם לַבְּהֵמָה
טו לַעֲבֹר תַּחְתָּי׃ וָאֱהִי עֹלֶה בַנַּחַל לַיְלָה וָאֱהִי שֹׂבֵר בַּחוֹמָה
16 וָאָשׁוּב וָאָבוֹא בְּשַׁעַר הַגַּיְא וָאָשׁוּב׃ וְהַסְּגָנִים לֹא יָדְעוּ
אָנָה הָלַכְתִּי וּמָה אֲנִי עֹשֶׂה וְלַיְּהוּדִים וְלַכֹּהֲנִים וְלַחֹרִים
17 וְלַסְּגָנִים וּלְיֶתֶר עֹשֵׂה הַמְּלָאכָה עַד־כֵּן לֹא הִגַּדְתִּי׃ וָאוֹמַר
אֲלֵהֶם אַתֶּם רֹאִים הָרָעָה אֲשֶׁר אֲנַחְנוּ בָהּ אֲשֶׁר יְרוּשָׁלַםִ
חֲרֵבָה וּשְׁעָרֶיהָ נִצְּתוּ בָאֵשׁ לְכוּ וְנִבְנֶה אֶת־חוֹמַת יְרוּשָׁלַםִ
18 וְלֹא־נִהְיֶה עוֹד חֶרְפָּה׃ וָאַגִּיד לָהֶם אֶת־יַד אֱלֹהַי אֲשֶׁר־
הִיא טוֹבָה עָלַי וְאַף־דִּבְרֵי הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר אָמַר־לִי וַיֹּאמְרוּ
19 נָקוּם וּבָנִינוּ וַיְחַזְּקוּ יְדֵיהֶם לַטּוֹבָה׃ וַיִּשְׁמַע סַנְבַלַּט
הַחֹרֹנִי וְטֹבִיָּה ׀ הָעֶבֶד הָעַמֹּנִי וְגֶשֶׁם הָעַרְבִי וַיַּלְעִגוּ לָנוּ
וַיִּבְזוּ עָלֵינוּ וַיֹּאמְרוּ מָה־הַדָּבָר הַזֶּה אֲשֶׁר־אַתֶּם עֹשִׂים
כ הַעַל הַמֶּלֶךְ אַתֶּם מֹרְדִים׃ וָאָשִׁיב אוֹתָם דָּבָר וָאוֹמַר לָהֶם
אֱלֹהֵי הַשָּׁמַיִם הוּא יַצְלִיחַ לָנוּ וַאֲנַחְנוּ עֲבָדָיו נָקוּם וּבָנִינוּ
וְלָכֶם אֵין־חֵלֶק וּצְדָקָה וְזִכָּרוֹן בִּירוּשָׁלָםִ׃

## Cap. III. ג

ג

א וַיָּקָם אֶלְיָשִׁיב הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל וְאֶחָיו הַכֹּהֲנִים וַיִּבְנוּ אֶת־
שַׁעַר הַצֹּאן הֵמָּה קִדְּשׁוּהוּ וַיַּעֲמִידוּ דַּלְתֹתָיו וְעַד־מִגְדַּל
2 הַמֵּאָה קִדְּשׁוּהוּ עַד מִגְדַּל חֲנַנְאֵל׃ וְעַל־יָדוֹ בָנוּ אַנְשֵׁי
3 יְרֵחוֹ וְעַל־יָדוֹ בָּנָה זַכּוּר בֶּן־אִמְרִי׃ וְאֵת שַׁעַר הַדָּגִים בָּנוּ
בְּנֵי הַסְּנָאָה הֵמָּה קֵרוּהוּ וַיַּעֲמִידוּ דַּלְתֹתָיו מַנְעוּלָיו וּבְרִיחָיו׃
4 וְעַל־יָדָם הֶחֱזִיק מְרֵמוֹת בֶּן־אוּרִיָּה בֶּן־הַקּוֹץ וְעַל־יָדָם



ב v. 13. ׳י מ׳ פתוחה בסוף התיבה v. 16. פתח בס״פ

מיר, און איך האָב צו קיין מענש ניט געזאָגט וואָס גאָט האָט מיר אריינגע־
געבען אין מיין האַרץ צו טהון פאַר ירושלים, קיין בהמה האָב איך ניט
געהאַט אויסער די בהמה, אויף וועלכע איך האָב געריטען.

13 און איך בין ארויסגעגאַנגען דורך דעם טהויער פון דעם טאָל ביי נאַכט,
פאַרביי עין התנין און דעם טהויער פון מיסטהויפען, און איך האָב גוט
בעטראַכט די מויערן פון ירושלים, וואָס זיינען צובראָכען און די טהויערן
פערברענט מיט פייער.

14 דערנאָך בין איך אריבערגעגאַנגען צום טהויער פון קוואַל און צום קעניג'ס
טייכעל, אָבער עס איז זאָגאר ניט געווען קיין אָרט פאַר דער בהמה
וואָס איז אונטער מיר דורכצוגעהן.

15 אזוי בין איך ארומגעגאַנגען ביי דעם טייך די נאַכט, האָב בעטראַכט
דעם מויער, און האָב מיך אומגעקעהרט; אריינקומענדיג דורך'ן טהויער
פון טאָל, האָב איך זיך צוריקגעקעהרט.

16 די פירסטען האָבען ניט געוואוסט וואו איך בין געגאַנגען, אָדער וואָס
איך טהו, ווארים ביז אצונד האָב איך גאָר נישט געזאָגט צו די יהודים,
צו די כהנים, צו די פירסטען און צו די איבריגע ארבייטער.

17 ביז איך האָב זיי געזאָגט: איהר זעהט דאָך אין וואָס פאַר אַ שלעכטע
לאַגע מיר זיינען, — ירושלים, איז וויסט, און איהרע מויערן זיינען
פערברענט אין פייער; קומט! לאָמיר אָפּבויען די טהויערן פון
ירושלים, אום מיר זאָלען ניט לענגער זיין צו שאַנדע.

18 איך האָב זיי אויך געזאָגט פון דער גוטער האַנד גאָט'ס וואָס איז אויף
מיר, אויך דעם קעניג'ס ווערטער וואָס ער האָט צו מיר געזאָגט. האָבען
זיי געזאָגט: לאָמיר זיך נעהמען און בויען! און זיי האָבען געשטאַרקט
זייערע הענד צו גוטען.

19 אָבער ווען סנבלט דער חרני, טוביה־עבד דער עמוני, און גשם דער ערבי
האָבען עס געהערט, האָבען זיי פון אונז געלאַכט, געמאַכט אונז צו
שאַנדע און געזאָגט: וואָס טהוט איהר דאָס? ווידערשפעניגט איהר
אין קעניג?

20 האָב איך זיי געענטפערט, און האָב צו זיי געזאָגט: דער גאָט פון דעם
הימעל, ער וועט אונז בעגליקען, און מיר זיינע קנעכט וועלען זיך נעה־
מען בויען, אָבער איהר האָט קיין טהייל און קיין רעכט, אָדער אַ געדעכ־
ניס אין ירושלים.

## קאַפּיטעל ג

1 אויך אלישיב דער אָבער־כהן איז אויפגעשטאַנען, מיט זיינע ברידער
די כהנים, און האָבען אויפגעבויעט דאָס שאָף־טהויער; זיי האָבען עס
געהייליגט, און זיי האָבען אויפגעשטעלט די טהירען דערפון, ביז דעם
הונדערטען טהורעם האָבען זיי עס געהייליגט, און ביז דעם טהורעם
חננאל.

2 און ביי זיינער זייט האָבען די לייט פון ירחו געבויעט, און נאָהענט דער־
ביי האָט זכור אמרי'ס זוהן געבויעט.

3 דאָס פיש־טהויער האָבען די זיהן פון הסנאה געבויעט, זיי האָבען דעם
דאָך געמאַכט, אויפגעשטעלט די טהירען, און די שלעסער און די ריגלען
דערפון.

4 און נעבען זיי האָט מרמות זוהן פון אוריה, זוהן פון הקוץ, צורעכט גע־

הֶחֱזִיק מְשֻׁלָּם בֶּן־בֶּרֶכְיָה בֶּן־מְשֵׁיזַבְאֵל וְעַל־יָדָם הֶחֱזִיק
ה צָדוֹק בֶּן־בַּעֲנָא׃ וְעַל־יָדָם הֶחֱזִיקוּ הַתְּקוֹעִים וְאַדִּירֵיהֶם
6 לֹא־הֵבִיאוּ צַוָּרָם בַּעֲבֹדַת אֲדֹנֵיהֶם׃ וְאֵת שַׁעַר הַיְשָׁנָה
הֶחֱזִיקוּ יוֹיָדָע בֶּן־פָּסֵחַ וּמְשֻׁלָּם בֶּן־בְּסוֹדְיָה הֵמָּה קֵרוּהוּ
7 וַיַּעֲמִידוּ דַּלְתֹתָיו וּמַנְעֻלָיו וּבְרִיחָיו׃ וְעַל־יָדָם הֶחֱזִיק
מְלַטְיָה הַגִּבְעֹנִי וְיָדוֹן הַמֵּרֹנֹתִי אַנְשֵׁי גִבְעוֹן וְהַמִּצְפָּה לְכִסֵּא
8 פַּחַת עֵבֶר הַנָּהָר׃ עַל־יָדוֹ הֶחֱזִיק עֻזִּיאֵל בֶּן־חַרְהֲיָה
צוֹרְפִים וְעַל־יָדוֹ הֶחֱזִיק חֲנַנְיָה בֶּן־הָרַקָּחִים וַיַּעַזְבוּ יְרוּשָׁלִַם
9 עַד הַחוֹמָה הָרְחָבָה׃ וְעַל־יָדָם הֶחֱזִיק רְפָיָה בֶן־חוּר שַׂר
י חֲצִי פֶּלֶךְ יְרוּשָׁלִָם׃ וְעַל־יָדָם הֶחֱזִיק יְדָיָה בֶן־חֲרוּמַף
11 וְנֶגֶד בֵּיתוֹ וְעַל־יָדוֹ הֶחֱזִיק חַטּוּשׁ בֶּן־חֲשַׁבְנְיָה׃ מִדָּה
שֵׁנִית הֶחֱזִיק מַלְכִּיָּה בֶן־חָרִם וְחַשּׁוּב בֶּן־פַּחַת מוֹאָב וְאֵת
12 מִגְדַּל הַתַּנּוּרִים׃ וְעַל־יָדוֹ הֶחֱזִיק שַׁלּוּם בֶּן־הַלּוֹחֵשׁ שַׂר
13 חֲצִי פֶּלֶךְ יְרוּשָׁלִָם הוּא וּבְנוֹתָיו׃ אֵת שַׁעַר הַגַּיְא הֶחֱזִיק
חָנוּן וְיֹשְׁבֵי זָנוֹחַ הֵמָּה בָנוּהוּ וַיַּעֲמִידוּ דַּלְתֹתָיו מַנְעֻלָיו
14 וּבְרִיחָיו וְאֶלֶף אַמָּה בַּחוֹמָה עַד שַׁעַר הַשְׁפוֹת׃ וְאֵת ׀
שַׁעַר הָאַשְׁפּוֹת הֶחֱזִיק מַלְכִּיָּה בֶן־רֵכָב שַׂר פֶּלֶךְ בֵּית־
טו הַכָּרֶם הוּא יִבְנֶנּוּ וְיַעֲמִיד דַּלְתֹתָיו מַנְעֻלָיו וּבְרִיחָיו׃ וְאֵת
שַׁעַר הָעַיִן הֶחֱזִיק שַׁלּוּן בֶּן־כָּל־חֹזֶה שַׂר פֶּלֶךְ הַמִּצְפָּה
הוּא יִבְנֶנּוּ וִיטַלְלֶנּוּ וְיַעֲמִידוּ דַּלְתֹתָיו מַנְעֻלָיו וּבְרִיחָיו
וְאֵת חוֹמַת בְּרֵכַת הַשֶּׁלַח לְגַן־הַמֶּלֶךְ וְעַד־הַמַּעֲלוֹת
16 הַיּוֹרְדוֹת מֵעִיר דָּוִיד׃ אַחֲרָיו הֶחֱזִיק נְחֶמְיָה בֶן־עַזְבּוּק
שַׂר חֲצִי פֶּלֶךְ בֵּית־צוּר עַד־נֶגֶד קִבְרֵי דָוִיד וְעַד־הַבְּרֵכָה
17 הָעֲשׂוּיָה וְעַד בֵּית הַגִּבֹּרִים׃ אַחֲרָיו הֶחֱזִיקוּ הַלְוִיִּם רְחוּם
בֶּן־בָּנִי עַל־יָדוֹ הֶחֱזִיק חֲשַׁבְיָה שַׂר־חֲצִי־פֶלֶךְ קְעִילָה
18 לְפִלְכּוֹ׃ אַחֲרָיו הֶחֱזִיקוּ אֲחֵיהֶם בַּוַּי בֶּן־חֵנָדָד שַׂר חֲצִי
19 פֶּלֶךְ קְעִילָה׃ וַיְחַזְּקוּ עַל־יָדוֹ עֵזֶר בֶּן־יֵשׁוּעַ שַׂר הַמִּצְפָּה

מדה

v. 5. חסר א׳ v. 15. יתיר ו׳

מאַכט, און נעבען זיי האָט משולם זוהן פון ברכיה, זוהן פון משיזבאל
צורעכט געמאַכט, און נעבען זיי האָט צדוק זוהן פון בענא צורעכט גע־
מאַכט.
5 און נעבען זיי האָבען צורעכטגעמאַכט די תקועים, די אדעליגע אָבער האָ־
בען קיין אנטהייל גענומען אינ׳ם ארבייט פון זייער הערן.
6 דאָס אַלטע טהויער האָבען יוידע זוהן פון פסח, און משולם זוהן פון
בסודיה צורעכטגעמאַכט, זיי האָבען עס געבאַלקענד, און האָבען אויפ־
געשטעלט די טהירען, און די שלעסער און די ריגלען דערפון.
7 נעבען זיי האָבען צורעכטגעמאַכט, מלטיה דער גבעוני, און ידון דער
מרונותי, די לייטע פון גבעון און מצפה, ביז צו דעם וואוינאָרט פון פער־
וואלטער פון זייט טייך.
8 נעבען זיי האָבען צורעכטגעמאַכט עוזיאל זוהן פון חרהיה פון די גאָלד־
שמידען, און נעבען איהם האָט צורעכטגעמאַכט חנניה זוהן פון הרקחים
(די אפאטייקערס) ; זיי האָבען געשטאַרקט ירושלים ביז די ברייטע
מויער.
9 נעבען זיי האָט צורעכטגעמאַכט רפיה זוהן פון חור, א בעאַמטער איבער
א האַלבען בעצירק אין ירושלים.
10 נעבען זיי האָבען צורעכטגעמאַכט, ידיה זוהן פון חרומף, ביז קעגען זיין
הויז, און נעבען איהם האָט צורעכטגעמאַכט חטוש זוהן פון חשבניה.
11 א צווייטע אבטהיילונג האָט צורעכטגעמאַכט מלכיה זוהן פון חרם, און
חשוב זוהן פון דעם פערוואלטער פון מואב, אויך די טהורעמס פון די
אויפענס.
12 נעבען איהם האָט צורעכטגעמאַכט שלום זוהן פון הלוחש, דער בעאַמ־
טער פון א.האַלבען בעצירק אין ירושלים, ער מיט זיינע טעכטער.
13 דאָס טהויער פון טאל האָבען צורעכטגעמאַכט חנון און די איינוואוינערס
פון זנוח, זיי האָבען עס געבויעט, האָבען אויפגעשטעלט די טהירען
מיט די שלעסער און די ריגלען דערפון, אויך טויזענד איילען אין מויער,
ביז דעם מיסט־טהויער.
14 דאָס מיסט־טהויער האָט צורעכטגעמאַכט מלכיה זוהן פון רכב, דער בע־
אַמטער פון בעצירק פון בית־הכרם, ער האָט עס אויפגעבויעט, אויפ־
געשטעלט די טהירען מיט די שלעסער און די ריגלען דערפון.
15 דאָס טהויער פון קוואל האָט צורעכטגעמאַכט, שלון זוהן פון כל־חוזה,
דער בעצירקס בעאַמטער פון מצפה, ער האָט עס אויפגעבויעט, און האָט
עס בעדעקט, און אויפגעשטעלט די טהירען מיט די שלעסער און די ריג־
לען דערפון, און די מויער ביז׳ן טייך שלח ביי קעניג׳ס גאָרטען, ביז די
טרעפ וואָס געהן אראָפ פון דוד׳ס שטאָדט.
16 נעבען איהם האָט צורעכטגעמאַכט נחמיה, עזבוק׳ס זוהן, א בעאַמטער
איבער א האַלבען בעצירק פון בית־צור, ביז קעגענאיבער דוד׳ס בעגרע־
בעניסען אויך ביז׳ן געמאַכטען טייך און ביז׳ן העלדענהויז.
17 נאָך איהם האָבען צורעכטגעמאַכט פון די לוים רחום זוהן פון בני, און
נעבען איהם האָט צורעכטגעמאַכט, חשביה דער בעאַמטער איבער א האַל־
בען בעצירק פון קעילה, אין זיין בעצירק.
18 נאָך איהם האָבען צורעכטגעמאַכט זייערע ברידער, בוי זוהן פון הנדד,
דער בעאַמטער איבער א האַלבען בעצירק פון קעילה.
19 נעבען איהם האָט צורעכטגעמאַכט עזר זוהן פון ישוע, דער פירסט פון
מצפה, אין דער צווייטער אבטהיילונג, קעגען אראָפגאַנג פון ווינקעלדיגען
וואפען־פאבריק.

כ מִדָּה שֵׁנִית מִנֶּגֶד עֲלֹת הַנֶּשֶׁק הַמִּקְצֹעַ׃ אַחֲרָיו הֶחֱרָה
הֶחֱזִיק בָּרוּךְ בֶּן־זַבַּי מִדָּה שֵׁנִית מִן־הַמִּקְצוֹעַ עַד־פֶּתַח
21 בֵּית אֶלְיָשִׁיב הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל׃ אַחֲרָיו הֶחֱזִיק מְרֵמוֹת בֶּן־
אוּרִיָּה בֶּן־הַקּוֹץ מִדָּה שֵׁנִית מִפֶּתַח בֵּית אֶלְיָשִׁיב וְעַד־
22 תַּכְלִית בֵּית אֶלְיָשִׁיב׃ וְאַחֲרָיו הֶחֱזִיקוּ הַכֹּהֲנִים אַנְשֵׁי
23 הַכִּכָּר׃ אַחֲרָיו הֶחֱזִיק בִּנְיָמִן וְחַשּׁוּב נֶגֶד בֵּיתָם אַחֲרָיו
24 הֶחֱזִיק עֲזַרְיָה בֶן־מַעֲשֵׂיָה בֶּן־עֲנָנְיָה אֵצֶל בֵּיתוֹ׃ אַחֲרָיו
הֶחֱזִיק בִּנּוּי בֶּן־חֵנָדָד מִדָּה שֵׁנִית מִבֵּית עֲזַרְיָה עַד־הַמִּקְצוֹעַ
כה וְעַד־הַפִּנָּה׃ פָּלָל בֶּן־אוּזַי מִנֶּגֶד הַמִּקְצוֹעַ וְהַמִּגְדָּל הַיּוֹצֵא
מִבֵּית הַמֶּלֶךְ הָעֶלְיוֹן אֲשֶׁר לַחֲצַר הַמַּטָּרָה אַחֲרָיו פְּדָיָה
26 בֶן־פַּרְעֹשׁ׃ וְהַנְּתִינִים הָיוּ יֹשְׁבִים בָּעֹפֶל עַד נֶגֶד שַׁעַר
27 הַמַּיִם לַמִּזְרָח וְהַמִּגְדָּל הַיּוֹצֵא׃ אַחֲרָיו הֶחֱזִיקוּ הַתְּקֹעִים
מִדָּה שֵׁנִית מִנֶּגֶד הַמִּגְדָּל הַגָּדוֹל הַיּוֹצֵא וְעַד חוֹמַת הָעֹפֶל׃
28 מֵעַל ׀ שַׁעַר הַסּוּסִים הֶחֱזִיקוּ הַכֹּהֲנִים אִישׁ לְנֶגֶד בֵּיתוֹ׃
29 אַחֲרָיו הֶחֱזִיק צָדוֹק בֶּן־אִמֵּר נֶגֶד בֵּיתוֹ וְאַחֲרָיו הֶחֱזִיק
ל שְׁמַעְיָה בֶן־שְׁכַנְיָה שֹׁמֵר שַׁעַר הַמִּזְרָח׃ אַחֲרֵי הֶחֱזִיק
חֲנַנְיָה בֶן־שֶׁלֶמְיָה וְחָנוּן בֶּן־צָלָף הַשִּׁשִּׁי מִדָּה שֵׁנִי אַחֲרָיו
31 הֶחֱזִיק מְשֻׁלָּם בֶּן־בֶּרֶכְיָה נֶגֶד נִשְׁכָּתוֹ׃ אַחֲרֵי הֶחֱזִיק
מַלְכִּיָּה בֶּן־הַצֹּרְפִי עַד־בֵּית הַנְּתִינִים וְהָרֹכְלִים נֶגֶד שַׁעַר
32 הַמִּפְקָד וְעַד עֲלִיַּת הַפִּנָּה׃ וּבֵין עֲלִיַּת הַפִּנָּה לְשַׁעַר הַצֹּאן
33 הֶחֱזִיקוּ הַצֹּרְפִים וְהָרֹכְלִים׃ וַיְהִי כַּאֲשֶׁר שָׁמַע
סַנְבַלַּט כִּי־אֲנַחְנוּ בוֹנִים אֶת־הַחוֹמָה וַיִּחַר לוֹ וַיִּכְעַס
34 הַרְבֵּה וַיַּלְעֵג עַל־הַיְּהוּדִים׃ וַיֹּאמֶר ׀ לִפְנֵי אֶחָיו וְחֵיל
שֹׁמְרוֹן וַיֹּאמֶר מָה הַיְּהוּדִים הָאֲמֵלָלִים עֹשִׂים הֲיַעַזְבוּ לָהֶם
הֲיִזְבָּחוּ הַיְכַלּוּ בַיּוֹם הַיְחַיּוּ אֶת־הָאֲבָנִים מֵעֲרֵמוֹת הֶעָפָר
לה וְהֵמָּה שְׂרוּפוֹת׃ וְטוֹבִיָּה הָעַמֹּנִי אֶצְלוֹ וַיֹּאמֶר גַּם אֲשֶׁר־
36 הֵם בּוֹנִים אִם־יַעֲלֶה שׁוּעָל וּפָרַץ חוֹמַת אַבְנֵיהֶם׃ שְׁמַע

אלהינו

v. 20. זכי קרי   v. 30. אחריו קרי   v. 31 ואחריו קרי   v. 32. חצי הספר בפסוקים

20 נאָך איהם האָט איפריג צורעכטגעמאַכט, ברוך זוהן פון זבי, די אַנדער אָבטהיילונג פון דעם עק ביז צו דער טהיער פון אלישיב, דעם אָבער כהן׳ס הויז.
21 נאָך איהם האָט צורעכטגעמאַכט, מרמות זוהן פון אוריה, זוהן פון הקוץ די אַנדערע מאָס, פון דער טהיער פון אלישיב׳ס הויז ביז דעם ענד פון אלישיב׳ס הויז.
22 און נאָך איהם האָבען צורעכטגעמאַכט די כהנים, די לייט פון דעם פלוין.
23 נאָך איהם האָבען צורעכטגעמאַכט, בנימין און חשוב, קעגענאיבער זייער הויז ; נאָך איהם האָט צורעכטגעמאַכט עזריה זוהן פון מעשיה, זוהן פון ענניה נעבען זיין הויז.
24 נאָך איהם האָט צורעכטגעמאַכט, בנוי זוהן פון חנדד די אַנדערע מאָס, פון דעם עק פון עזריה׳ס הויז ביז׳ן ווינקעל.
25 פלל זוהן פון אוזי פון ענטקעגען דעם עק און דעם טהורעם וואָס גערט ארויס פון קעניג׳ס אויבערשטען הויז, וואָס איז אין וואַך הויף. נאָך איהם פדיה זוהן פון פרעוש.
26 די נתינים וואָס האָבען געוואוינט אין עופל האָבען צורעכטגעמאַכט ביז קעגענאיבער דעם וואַסער־טהויער, אין מזרח־זייט, ביז׳ן טהורעם וואָס איז דערפון ארויס.
27 נאָך זיי האָבען די תקועים צורעכטגעמאַכט די אַנדערע מאָס, פון קעגענ־איבער דעם גרויסען טהורעם וואָס איז ארויס, ביז׳ן עופל מויער.
28 פון דעם פערד־טהויער אַן האָט איטליכער פון די כהנים צורעכטגעמאַכט קעגענאיבער זיין הויז.
29 נאָך זיי האָט צורעכטגעמאַכט צדוק זוהן פון אמר קעגענאיבער זיין איי־גען הויז, און נאָך איהם האָט צורעכטגעמאַכט שמעיה זוהן פון שכניה, דער היטער פון מזרח־טהויער.
30 נאָך איהם האָט צורעכטגעמאַכט חנניה זוהן פון שלמיה, און חנון דער זעקסטער זוהן פון צלף, די אַנדערע מאָס ; נאָך איהם האָט צורעכטגע־מאַכט משולם זוהן פון ברכיה, קעגענאיבער זיין קאַמער.
31 נאָך איהם האָט צורעכטגעמאַכט מלכיה זוהן פון דעם גאָלדשמיד, ביז צו דעם הויז פון די נתינים און די קרעמער פון קעגענאיבער דעם אויפזע־הערם טהויער, ביז דעם ארויפגעהן פון ווינקעל.
32 צווישען ארויפגאַנג פון דעם ווינקעל צום שאָף־טהויער האָבען די גאָלד־שמידען און די קרעמער צורעכטגעמאַכט.
33 ווען סנבלט האָט געהערט אַז מיר בויען די מויער, האָט עס איהם פער־דראָסען ; ער האָט שטאַרק געצאַרנט, און געלאַכט פון די יהודים.
34 און ער האָט געזאָגט פאַר זיינע ברידער און דעם מיליטער פון שומרון, זאָגענדיג : וואָס טהוען די עלענדע יודען ? וועט מען זיי לאָזען ? וועלען זיי דען אָפּפער ברענגען ? אָדער וועלען זיי עס אין א טאָג ענ־דיגען ? וועלען זיי דען קענען די שטיינער פון אַש הויפען ניי מאַכען ? זיי זיינען דאָך פערברענט !
35 אויך טוביה דער עמוני מיט איהם. ער האָט געזאָגט : דאָס אַלעס וואָס זיי בויען, ווען א פוקס זאָל ארויפגעהן וועט ער צוברעכען זייער שטיי־נערנעם מויער.
36 הערה, אָ גאָט, דען מיר זיינען צו שאַנדע געוואָרען ; קעהר ארויף זייער שפּאָט־מאַכען אויף זייער קאָפּ און מאַך זיי צו שאַנדע אין לאַנד פון גע־פאַנגענשאַפט.

אֱלֹהֵינוּ כִּי־הָיִינוּ בוּזָה וְהָשֵׁב חֶרְפָּתָם אֶל־רֹאשָׁם וּתְנֵם
37 לְבִזָּה בְּאֶרֶץ שִׁבְיָה׃ וְאַל־תְּכַס עַל־עֲוֺנָם וְחַטָּאתָם
38 מִלְּפָנֶיךָ אַל־תִּמָּחֶה כִּי הִכְעִיסוּ לְנֶגֶד הַבּוֹנִים׃ וַנִּבְנֶה
אֶת־הַחוֹמָה וַתִּקָּשֵׁר כָּל־הַחוֹמָה עַד־חֶצְיָהּ וַיְהִי לֵב לָעָם
לַעֲשׂוֹת׃

## CAP. IV. ד

א וַיְהִי כַּאֲשֶׁר שָׁמַע סַנְבַלַּט וְטוֹבִיָּה וְהָעַרְבִים וְהָעַמֹּנִים
וְהָאַשְׁדּוֹדִים כִּי־עָלְתָה אֲרוּכָה לְחֹמוֹת יְרוּשָׁלַ͏ִם כִּי־הֵחֵלּוּ
2 הַפְּרֻצִים לְהִסָּתֵם וַיִּחַר לָהֶם מְאֹד׃ וַיִּקְשְׁרוּ כֻלָּם יַחְדָּו
3 לָבוֹא לְהִלָּחֵם בִּירוּשָׁלָ͏ִם וְלַעֲשׂוֹת לוֹ תּוֹעָה׃ וַנִּתְפַּלֵּל
אֶל־אֱלֹהֵינוּ וַנַּעֲמִיד מִשְׁמָר עֲלֵיהֶם יוֹמָם וָלַיְלָה מִפְּנֵיהֶם׃
4 וַיֹּאמֶר יְהוּדָה כָּשַׁל כֹּחַ הַסַּבָּל וְהֶעָפָר הַרְבֵּה וַאֲנַחְנוּ
ה לֹא נוּכַל לִבְנוֹת בַּחוֹמָה׃ וַיֹּאמְרוּ צָרֵינוּ לֹא יֵדְעוּ וְלֹא
יִרְאוּ עַד אֲשֶׁר־נָבוֹא אֶל־תּוֹכָם וַהֲרַגְנוּם וְהִשְׁבַּתְנוּ אֶת־
6 הַמְּלָאכָה׃ וַיְהִי כַּאֲשֶׁר־בָּאוּ הַיְּהוּדִים הַיֹּשְׁבִים אֶצְלָם
וַיֹּאמְרוּ לָנוּ עֶשֶׂר פְּעָמִים מִכָּל־הַמְּקֹמוֹת אֲשֶׁר־תָּשׁוּבוּ
7 עָלֵינוּ׃ וָאַעֲמִיד מִתַּחְתִּיּוֹת לַמָּקוֹם מֵאַחֲרֵי לַחוֹמָה
בַּצְּחִחִים וָאַעֲמִיד אֶת־הָעָם לְמִשְׁפָּחוֹת עִם־חַרְבֹתֵיהֶם
8 רָמְחֵיהֶם וְקַשְּׁתֹתֵיהֶם׃ וָאֵרֶא וָאָקוּם וָאֹמַר אֶל־הַחֹרִים
וְאֶל־הַסְּגָנִים וְאֶל־יֶתֶר הָעָם אַל־תִּירְאוּ מִפְּנֵיהֶם אֶת־אֲדֹנָי
הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא זְכֹרוּ וְהִלָּחֲמוּ עַל־אֲחֵיכֶם בְּנֵיכֶם וּבְנֹתֵיכֶם
9 נְשֵׁיכֶם וּבָתֵּיכֶם׃ וַיְהִי כַּאֲשֶׁר שָׁמְעוּ אוֹיְבֵינוּ כִּי־נוֹדַע
לָנוּ וַיָּפֶר הָאֱלֹהִים אֶת־עֲצָתָם וַנָּשׁוּב כֻּלָּנוּ אֶל־הַחוֹמָה
י אִישׁ אֶל־מְלַאכְתּוֹ׃ וַיְהִי ׀ מִן־הַיּוֹם הַהוּא חֲצִי נְעָרַי עֹשִׂים
בַּמְּלָאכָה וְחֶצְיָם מַחֲזִיקִים וְהָרְמָחִים הַמָּגִנִּים וְהַקְּשָׁתוֹת
11 וְהַשִּׁרְיֹנִים וְהַשָּׂרִים אַחֲרֵי כָּל־בֵּית יְהוּדָה׃ הַבּוֹנִים בַּחוֹמָה
וְהַנֹּשְׂאִים בַּסֶּבֶל עֹמְשִׂים בְּאַחַת יָדוֹ עֹשֶׂה בַמְּלָאכָה

ואחת

ד׳ v. 7. יתיר י׳    v. 9. יתיר ו

37 פאַרדעקט ניט זייער זינד, און זייער פאַרברעכען וואָס זיי האָבען אונז גע־
קריינקט קענען די בויער זאָל פאַר דיר ניט אָבגעמעקט ווערען.

38 אַזוי האָבען מיר געבויט די מויער־וואַנד ביז די גאַנצע מויער וואַנד איז
אַרומגעבונדען געווען ביז העלפט, דאָס פאָלק האָט מיט הארץ גע־
אַרבייט.

## קאַפּיטעל ד

1 ווען סנבלט, טוביה, די ערבים, די עמונים און די אשדודים האָבען
דערהערט אַז די מויערן פון ירושלים זיינען צורעכטגעמאַכט געוואָרען,
און דאָס די איינגעבראָכענע שטעלען האָבען אָנגעהויבען פערשטאָפּט צו
ווערען, האָט עס זיי זעהר פערדראָסען.

2 האָבען זיי זיך צוזאַמען פערבונדען, צו קומען מלחמה האַלטען אין
ירושלים, און אָנמאַכען איהם שאַדען.

3 האָבען מיר געבעטען צו אונזער גאָט און אָנגעשטעלט אַ וואך קעגען טאָג
און נאַכט, זיך שרעקענדיג פאַר זיי.

4 און יהודה האָט געזאָגט : דער קראַפט פון די לאַסט־טרעגערס איז שוואַך
געוואָרען, און דער שטויב איז זעהר פיעל ; מיר זיינען ניט אים שטאַנד
צו בויען דעם מויער !

5 און אונזער פיינדע האָבען געזאָגט : זאָלען זיי ניט וויסען און זאָלען זיי
ניט מערקען ביז מיר וועלען אריין צווישען זיי און וועלען זיי דערשלאָ־
גען, און אַזוי וועלען מיר מאַכען די אַרבייט זאָל אויפהערען.

6 ווען די יהודים וואָס האָבען געוואוינט נעבען זיי זיינען פון אַלע ערטער
געקומען און צעהן מאָהל געזאָגט צו אונז : „איהר זאָלט זיך אומקעהרען
צו אונז !”

7 האָב איך אָנגעשטעלט וואך אין אַניעדריגען אָרט הינטער'ן מויער־וואַנד
— אין שטיין לעבער — אויך האָב איך די לייטע אָנגעשטעלט גרופּען־
וויז מיט זייערע שווערטען, שפּיזען און בויגענס.

8 אַז איך האָב זיך אַרומגעזעהען בין איך אויפגעשטאַנען און געזאָגט צו
די אַדעליגע, צו די פירסטען און די איבריגע לייטע : „שרעקט אייך ניט
פאַר זיי ! דעם גרויסען און שרעקליכען גאָט געדענקט, און שטרייט צו־
ליעב אייערע ברידער, זיהן און טעכטער, ווייבער און הייזער...”

9 אַז אונזערע פיינד האָבען דערהערט אַז אונז איז אַלעס בעוואוסט, אַז
גאָט האָט צושטערט זייער ראטה און מיר האָבען זיך צוריקגעקעהרט צום
מויער־וואַנד, יעדער צו זיין אַרבייט —

10 פון יענער צייט אָן האָבען העלפט פון מיינע יונגען געטהאָן די אַרבייט,
און העלפט געהאַלטען וואך ; די שפּיזען, פאַנצירען, בויגענס און גע־
פאַנצערטע קליידער מיט אַלע בעאַמטע — הינטער דאָס הויז יהודה'ס.

11 די מויער־וואַנד בויער, די לאַסט־טרעגער און אנלאַדער, האָבען מיט
איין האַנד געטהאָן די אַרבייט און אין די אַנדערע געהאַלטען אַ שווערד.

12 וְאַחַת מַחֲזֶקֶת הַשָּׁלַח׃ וְהַבּוֹנִים אִישׁ חַרְבּוֹ אֲסוּרִים עַל־
13 מָתְנָיו וּבוֹנִים וְהַתּוֹקֵעַ בַּשּׁוֹפָר אֶצְלִי׃ וָאֹמַר אֶל־הַחֹרִים
וְאֶל־הַסְּגָנִים וְאֶל־יֶתֶר הָעָם הַמְּלָאכָה הַרְבֵּה וּרְחָבָה
14 וַאֲנַחְנוּ נִפְרָדִים עַל־הַחוֹמָה רְחוֹקִים אִישׁ מֵאָחִיו׃ בִּמְקוֹם
אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ אֶת־קוֹל הַשּׁוֹפָר שָׁמָּה תִּקָּבְצוּ אֵלֵינוּ
טו אֱלֹהֵינוּ יִלָּחֶם לָנוּ׃ וַאֲנַחְנוּ עֹשִׂים בַּמְּלָאכָה וְחֶצְיָם מַחֲזִיקִים
16 בָּרְמָחִים מֵעֲלוֹת הַשַּׁחַר עַד צֵאת הַכּוֹכָבִים׃ גַּם בָּעֵת
הַהִיא אָמַרְתִּי לָעָם אִישׁ וְנַעֲרוֹ יָלִינוּ בְּתוֹךְ יְרוּשָׁלִָם וְהָיוּ־
17 לָנוּ הַלַּיְלָה מִשְׁמָר וְהַיּוֹם מְלָאכָה׃ וְאֵין אֲנִי וְאַחַי וּנְעָרַי
וְאַנְשֵׁי הַמִּשְׁמָר אֲשֶׁר אַחֲרַי אֵין־אֲנַחְנוּ פֹשְׁטִים בְּגָדֵינוּ
אִישׁ שִׁלְחוֹ הַמָּיִם׃

## ה CAP. V. ה

א וַתְּהִי צַעֲקַת הָעָם וּנְשֵׁיהֶם גְּדוֹלָה אֶל־אֲחֵיהֶם הַיְּהוּדִים׃
2 וְיֵשׁ אֲשֶׁר אֹמְרִים בָּנֵינוּ וּבְנֹתֵינוּ אֲנַחְנוּ רַבִּים וְנִקְחָה דָגָן
3 וְנֹאכְלָה וְנִחְיֶה׃ וְיֵשׁ אֲשֶׁר אֹמְרִים שְׂדֹתֵינוּ וּכְרָמֵינוּ
4 וּבָתֵּינוּ אֲנַחְנוּ עֹרְבִים וְנִקְחָה דָגָן בָּרָעָב׃ וְיֵשׁ אֲשֶׁר
ה אֹמְרִים לָוִינוּ כֶסֶף לְמִדַּת הַמֶּלֶךְ שְׂדֹתֵינוּ וּכְרָמֵינוּ׃ וְעַתָּה
כִּבְשַׂר אַחֵינוּ בְּשָׂרֵנוּ כִּבְנֵיהֶם בָּנֵינוּ וְהִנֵּה אֲנַחְנוּ כֹבְשִׁים
אֶת־בָּנֵינוּ וְאֶת־בְּנֹתֵינוּ לַעֲבָדִים וְיֵשׁ מִבְּנֹתֵינוּ נִכְבָּשׁוֹת
6 וְאֵין לְאֵל יָדֵנוּ וּשְׂדֹתֵינוּ וּכְרָמֵינוּ לַאֲחֵרִים׃ וַיִּחַר לִי מְאֹד
7 כַּאֲשֶׁר שָׁמַעְתִּי אֶת־זַעֲקָתָם וְאֵת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה׃ וַיִּמָּלֵךְ
לִבִּי עָלַי וָאָרִיבָה אֶת־הַחֹרִים וְאֶת־הַסְּגָנִים וָאֹמְרָה לָהֶם
מַשָּׁא אִישׁ־בְּאָחִיו אַתֶּם נֹשִׁאִים וָאֶתֵּן עֲלֵיהֶם קְהִלָּה גְדוֹלָה׃
8 וָאֹמְרָה לָהֶם אֲנַחְנוּ קָנִינוּ אֶת־אַחֵינוּ הַיְּהוּדִים הַנִּמְכָּרִים
לַגּוֹיִם כְּדֵי בָנוּ וְגַם־אַתֶּם תִּמְכְּרוּ אֶת־אֲחֵיכֶם וְנִמְכְּרוּ־לָנוּ
9 וַיַּחֲרִישׁוּ וְלֹא מָצְאוּ דָּבָר׃ וָיֹּאמֶר לֹא־טוֹב הַדָּבָר אֲשֶׁר־
אַתֶּם עֹשִׂים הֲלוֹא בְּיִרְאַת אֱלֹהֵינוּ תֵּלֵכוּ מֵחֶרְפַּת הַגּוֹיִם

אויבינו

ה׳ v. 7. בשין ימנית ibid. יתיר א׳ v. 9. יתיר י׳

12 די בויערער האָבען געהאַט יעדער זיין שווערד אָנגעבונדען אויף זיינע לענדען בויענדיג, דער שופר־בלאָזער איז געווען מיט מיר.

13 איך האָב געזאָגט צו די פריי־הארען, צו די פירסטען און צו די איבריגע פון דעם פאָלק: די ארבייט איז פיעל און גרויס, און מיר זיינען צו־שפרייט אויף דער מויער, איינער ווייט פון דעם אַנדערן;

14 אויף וועלכען אָרט איהר וועט הערען דאָס קול פון שופר, דאָרט אַהין זאָלט איהר אייך צו אונז פערזאמלען; אונזער גאָט וועט פאר אונז מלחמה האַלטען!

15 אַזוי האָבען מיר געטהאָן די ארבייט און א העלפט האָבען געהאַלטען די שפיזען — פון מאָרגענשטערן אויפגאַנג ביז'ן ארויסגעהן פון די אבענד־שטערן.

16 צו דערזעלבער צייט האָב איך אויך געזאָגט צום פאָלק: „איטליכער זאָל מיט זיין יונג איבערנעכטיגען אין ירושלים", אום זיי זאָלען פאר אונז זיין א וואַך ביי נאַכט, און ביי טאָג — צו טהון די ארבייט.

17 אַזוי האָט קיינער, ניט, ניט איך, ניט מיינע ברידער און מיינע יונגען, אָדער די לייטע פון וואַך וואָס זיינען הינטער מיר געוועזען, קיינער פון אונז האָט ניט אויסגעטהון זיינע קליידער, איטליכער איז מיט זיין שווערד געגאַנגען אפילו נאָך וואַסער.

## קאַפּיטעל ה

1 און עס איז געוועזען אַ גרויס געשריי פון דעם פאָלק, און זייערע ווייבער קעגען זייערע ברידער, די יהודים.

2 ווארים עס זיינען געוועזען עטליכע וואָס האָבען געזאָגט: מיר, אונזערע זיהן און אונזערע טעכטער זיינען פיעל, וועלען מיר אונז נעהמען קאָרן — מיר וועלען עסען און לעבען;

3 אַנדערע האָבען געזאָגט: אונזערע פעלדער, אונזערע וויינגערטענער און הייזער האָבען מיר פארזעצט אום מיר זאָלען קענען קויפען קאָרן, וועגען הונגער.

4 אַנדערע האָבען געזאָגט: מיר האָבען אונז געבאָרגט געלד אויף אונזערע פעלדער און וויינגערטנער צו בעצאָהלען דעם קעניגליכען שטייער,

5 יעצט איז דען ניט דאָס פלייש פון אונזערע ברידער אַזוי ווי אונזער פלייש, און זייערע זיהן אַזוי ווי אונזערע זיהן? און מיר צווינגען אונזערע זיהן און אונזערע טעכטער צו זיין קנעכט, ביז אַ טהייל פון אונזערע טעכטער זיינען שוין לאַנג פערשקלאַפט געוואָרען, און מיר זיינען ניט אימשטאַנד זיי אויסצולייזען; אויך אונזערע פעלדער און וויינגערטען געהערען שוין צו אַנדערע.

6 איך בין זעהר צאָרניג געוועזען ווען איך האָב געהערט זייער געשריי, און די דאָזיגע ווערטער.

7 און מיין הארץ האָט זיך אין מיר בעראַטען, און איך האָב מיך געקריגט מיט די פריי־הארען, און פירסטען, און איך האָב צו זיי געזאָגט: „איהר ענטלייעט איינער דעם אַנדערן אום צו פּראָפיטירען". איך האָב קעגען זיי געמאַכט אַ גרויסע פערזאמלונג;

8 און האָב צו זיי געזאָגט: „מיר האָבען אימער אויסגעקויפט נאָך אונזער פערמעגען, אונזערע ברידער די יהודים וואָס זיינען פערקויפט צו די הייד־ען; און איהר פערקויפט זאָגאר אייערע ברידער, זאָלען מיר אויך פערקויפען?" האָבען זיי געשוויגען און קיין וואָרט ניט געענטפערט.

9 האָב איך ווייטער געזאָגט: „די זאַך וואָס איהר טהוט איז ניט גוט, געהט

י אֹיְבֵינוּ׃ וְגַם־אֲנִי אַחַי וּנְעָרַי נֹשִׁים בָּהֶם כֶּסֶף וְדָגָן נַעַזְבָה־
11 נָּא אֶת־הַמַּשָּׁא הַזֶּה׃ הָשִׁיבוּ נָא לָהֶם כְּהַיּוֹם שְׂדֹתֵיהֶם
כַּרְמֵיהֶם זֵיתֵיהֶם וּבָתֵּיהֶם וּמְאַת הַכֶּסֶף וְהַדָּגָן הַתִּירוֹשׁ
12 וְהַיִּצְהָר אֲשֶׁר אַתֶּם נֹשִׁים בָּהֶם׃ וַיֹּאמְרוּ נָשִׁיב וּמֵהֶם
לֹא נְבַקֵּשׁ כֵּן נַעֲשֶׂה כַּאֲשֶׁר אַתָּה אוֹמֵר וָאֶקְרָא אֶת־
13 הַכֹּהֲנִים וָאַשְׁבִּיעֵם לַעֲשׂוֹת כַּדָּבָר הַזֶּה׃ גַּם־חָצְנִי נָעַרְתִּי
וָאֹמְרָה כָּכָה יְנַעֵר הָאֱלֹהִים אֶת־כָּל־הָאִישׁ אֲשֶׁר לֹא־
יָקִים אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה מִבֵּיתוֹ וּמִיגִיעוֹ וְכָכָה יִהְיֶה נָעוּר
וָרֵק וַיֹּאמְרוּ כָל־הַקָּהָל אָמֵן וַיְהַלְלוּ אֶת־יְהוָה וַיַּעַשׂ הָעָם
14 כַּדָּבָר הַזֶּה׃ גַּם מִיּוֹם ׀ אֲשֶׁר־צִוָּה אֹתִי לִהְיוֹת פֶּחָם
בְּאֶרֶץ יְהוּדָה מִשְּׁנַת עֶשְׂרִים וְעַד שְׁנַת שְׁלֹשִׁים וּשְׁתַּיִם
לְאַרְתַּחְשַׁסְתְּא הַמֶּלֶךְ שָׁנִים שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה אֲנִי וְאַחַי לֶחֶם
טו הַפֶּחָה לֹא אָכַלְתִּי׃ וְהַפַּחוֹת הָרִאשֹׁנִים אֲשֶׁר־לְפָנַי
הִכְבִּידוּ עַל־הָעָם וַיִּקְחוּ מֵהֶם בְּלֶחֶם וָיַיִן אַחַר כֶּסֶף־שְׁקָלִים
אַרְבָּעִים גַּם נַעֲרֵיהֶם שָׁלְטוּ עַל־הָעָם וַאֲנִי לֹא־עָשִׂיתִי כֵן
16 מִפְּנֵי יִרְאַת אֱלֹהִים׃ וְגַם בִּמְלֶאכֶת הַחוֹמָה הַזֹּאת הֶחֱזַקְתִּי
וְשָׂדֶה לֹא קָנִינוּ וְכָל־נְעָרַי קְבוּצִים שָׁם עַל־הַמְּלָאכָה׃
17 וְהַיְּהוּדִים וְהַסְּגָנִים מֵאָה וַחֲמִשִּׁים אִישׁ וְהַבָּאִים אֵלֵינוּ מִן־
18 הַגּוֹיִם אֲשֶׁר־סְבִיבֹתֵינוּ עַל־שֻׁלְחָנִי׃ וַאֲשֶׁר הָיָה נַעֲשֶׂה
לְיוֹם אֶחָד שׁוֹר אֶחָד צֹאן שֵׁשׁ־בְּרֻרוֹת וְצִפֳּרִים נַעֲשׂוּ־לִי
וּבֵין עֲשֶׂרֶת יָמִים בְּכָל־יַיִן לְהַרְבֵּה וְעִם־זֶה לֶחֶם הַפֶּחָה
19 לֹא בִקַּשְׁתִּי כִּי־כָבְדָה הָעֲבֹדָה עַל־הָעָם הַזֶּה׃ זָכְרָה־לִּי
אֱלֹהַי לְטוֹבָה כֹּל אֲשֶׁר־עָשִׂיתִי עַל־הָעָם הַזֶּה׃

## CAP. VI. ו

ו

א וַיְהִי כַאֲשֶׁר נִשְׁמַע לְסַנְבַלַּט וְטוֹבִיָּה וּלְגֶשֶׁם הָעַרְבִי וּלְיֶתֶר
אֹיְבֵינוּ כִּי בָנִיתִי אֶת־הַחוֹמָה וְלֹא־נוֹתַר בָּהּ פָּרֶץ גַּם עַד־
2 הָעֵת הַהִיא דְּלָתוֹת לֹא־הֶעֱמַדְתִּי בַשְּׁעָרִים׃ וַיִּשְׁלַח

סנבלט

ה׳ v 10 בשין ימנית v. 14. פחה בס״ס

אין גאָט'ס פאָרכט אמווייניגסטען וועגען די שאַנדע פון די היידען אונ־
זערע פיינד ?"

10 אויך מיר, מיינע ברידער און מיינע יונגען זיינען זיי שולדיג געלד און
קאָרן, און דאָך לאָזען מיר זיי די אנלייהע.

11 קעהרט דאָך גלייך זיי צוריק, איך בעט אייך, זייערע פעלדער, זייערע
וויינגערטנער, זייערע איילבערט־ביימער, און זייערע הייזער, אויך דאָס
געלד און קאָרן, וויין, און אייל וואָס אייך קומט פון זיי.

12 האָבען זיי געזאָגט : מיר וועלען עס צוריקגעבען, און מיר וועלען פון
זיי ניט מעהר פערלאַנגען, מיר וועלען טהון ווי דו זאָגסט. דאַן האָב איך
גערופען די כהנים און איך האָב זיי בעשוואוירען זיי זאָלען דעם פער־
שפּרעכען האַלטען.

13 אויך האָב איך אָבגעשאָקעלט דעם ברעג פון מיין קלייד און געזאָגט :
„אזוי זאָל גאָט אויסטרייסלען פון זיין הויז און פערמעגען יעדער מענשען
וואָס וועט ניט האַלטען וואָרט ; אזוי זאָל ער ווערען אויסגעטרייסעלט
און ליידיג !" דאָס גאַנצע פאָלק האָט געזאָגט „אמן" און געלויבט גאָט.
דאָס פאָלק האָט וואָרט געהאַלטען.

14 אויך פון דעם טאָג אָן זינט מען האָט מיר בעפעהלען אלס גובערנאַ־
טאָר איבער'ן לאַנד יהודה, פון דעם צוואַנציגסטען ביז דעם צוויי און
דרייסיגסטען יאָהר פון קעניג ארתחשסתא, — צוועלף יאָהר — האָב
איך מיט מיינע ברידער ניט געגעסען ברויט אלס גובערנאַטאָר . . .

15 אָבער די פריהעריגע גובערנאַטאָרס, וואָס זיינען פאַר מיר געוועזען, האָ־
בען געלייגט אַ שווערע לאַסט אויף דעם פאָלק, און האָבען פון זיי גע־
נומען ברויט און וויין, אויסער פיערציג זילבער שקלים, זאָגאר זייערע
יונגען האָבען איבער דעם פאָלק געוועלטיגט, אָבער איך האָב ניט אזוי
געטהון אויס גאָטעס פאָרכט.

16 איך האָב אויך אָנגעהאַלטען דער ארבייט פון דער דאָזיגער מויער, מיר
האָבען אונז ניט אמאָל אַ פעלד געקויפט — אַלע מיינע יונגען זיינען
דאָרטען פערזאַמעלט געוועזען ביי דער ארבייט.

17 און איבער דעם אַלעם זיינען נאָך געוועזען ביי מיין טיש פון די יהודים,
און פון די פירסטען הונדערט און פופציג מאַן, אויסער וואָס זיינען צו
אונז געקומען פון די היידען ארום אונז.

18 וואָס עס איז פאַר יעדער טאָג צובערייטעט געוואָרען : איין אָקס, זעקס
פעטע שאָף, אויך פערשיעדענע פויגלען זיינען פאַר מיר צובערייטעט גע־
וועזען, און איינמאָל אין צעהן טאָג האָט מען געהאַט אַלערליי וויין, זעהר
פיעל, און דאָך האָב איך ניט פערלאַנגט דאָס ברויט אלס גובערנאַטאָר,
ווייל די ארבייט איז געוועזען שווער אויף דעם דאָזיגען פאָלק.

19 געדענק, מיין גאָט, מיר צום גוטען, אַלעס וואָס איך האָב געטהון צו דעם
דאָזיגען פאָלק.

## קאַפּיטעל ו

1 ווען סנבלט, טוביה, גשם דער ערבי, און די איבריגע פון אונזערע פיינד
האָבען דערהערט אז איך האָב אויפגעבויעט די מויער, און דאָס עס איז
קיין בראָך ניט מעהר דאַרין איבערגעבליבען, (זאָגאר ביז יענער צייט
האָב איך נאָך ניט געהאַט אויפגעשטעלט די טהירען אין די טהויערן).

2 האָט סנבלט און גשם צו מיר געשיקט, אזוי צו זאָגען : קום און לאָמיר

סַנְבַלַּט וְגֶשֶׁם אֵלַי לֵאמֹר לְכָה וְנִוָּעֲדָה יַחְדָּו בַּכְּפִירִים
בְּבִקְעַת אוֹנוֹ וְהֵמָּה חֹשְׁבִים לַעֲשׂוֹת לִי רָעָה׃ וָאֶשְׁלְחָה 3
עֲלֵיהֶם מַלְאָכִים לֵאמֹר מְלָאכָה גְדוֹלָה אֲנִי עֹשֶׂה וְלֹא
אוּכַל לָרֶדֶת לָמָּה תִשְׁבַּת הַמְּלָאכָה כַּאֲשֶׁר אַרְפֶּהָ וְיָרַדְתִּי
אֲלֵיכֶם׃ וַיִּשְׁלְחוּ אֵלַי כַּדָּבָר הַזֶּה אַרְבַּע פְּעָמִים וָאָשִׁיב 4
אוֹתָם כַּדָּבָר הַזֶּה׃ וַיִּשְׁלַח אֵלַי סַנְבַלַּט כַּדָּבָר הַזֶּה פַּעַם ה
חֲמִישִׁית אֶת־נַעֲרוֹ וְאִגֶּרֶת פְּתוּחָה בְּיָדוֹ׃ כָּתוּב בָּהּ בַּגּוֹיִם 6
נִשְׁמָע וְגַשְׁמוּ אֹמֵר אַתָּה וְהַיְּהוּדִים חֹשְׁבִים לִמְרוֹד עַל־
כֵּן אַתָּה בוֹנֶה הַחוֹמָה וְאַתָּה הֹוֶה לָהֶם לְמֶלֶךְ כַּדְּבָרִים
הָאֵלֶּה׃ וְגַם־נְבִיאִים הֶעֱמַדְתָּ לִקְרֹא עָלֶיךָ בִירוּשָׁלִַם 7
לֵאמֹר מֶלֶךְ בִּיהוּדָה וְעַתָּה יִשָּׁמַע לַמֶּלֶךְ כַּדְּבָרִים הָאֵלֶּה
וְעַתָּה לְכָה וְנִוָּעֲצָה יַחְדָּו׃ וָאֶשְׁלְחָה אֵלָיו לֵאמֹר לֹא 8
נִהְיָה כַּדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר אַתָּה אוֹמֵר כִּי מִלִּבְּךָ אַתָּה
בוֹדָאם׃ כִּי כֻלָּם מְיָרְאִים אוֹתָנוּ לֵאמֹר יִרְפּוּ יְדֵיהֶם מִן־ 9
הַמְּלָאכָה וְלֹא תֵעָשֶׂה וְעַתָּה חַזֵּק אֶת־יָדָי׃ וַאֲנִי בָאתִי י
בֵּית שְׁמַעְיָה בֶן־דְּלָיָה בֶן־מְהֵיטַבְאֵל וְהוּא עָצוּר וַיֹּאמֶר
נִוָּעֵד אֶל־בֵּית הָאֱלֹהִים אֶל־תּוֹךְ הַהֵיכָל וְנִסְגְּרָה דַּלְתוֹת
הַהֵיכָל כִּי בָּאִים לְהָרְגֶךָ וְלַיְלָה בָּאִים לְהָרְגֶךָ׃ וָאֹמְרָה 11
הַאִישׁ כָּמוֹנִי יִבְרָח וּמִי כָמוֹנִי אֲשֶׁר־יָבוֹא אֶל־הַהֵיכָל וָחָי
לֹא אָבוֹא׃ וָאַכִּירָה וְהִנֵּה לֹא־אֱלֹהִים שְׁלָחוֹ כִּי הַנְּבוּאָה 12
דִּבֶּר עָלַי וְטוֹבִיָּה וְסַנְבַלַּט שְׂכָרוֹ׃ לְמַעַן שָׂכוּר הוּא לְמַעַן 13
אִירָא וְאֶעֱשֶׂה־כֵּן וְחָטָאתִי וְהָיָה לָהֶם לְשֵׁם רָע לְמַעַן
יְחָרְפוּנִי׃ זָכְרָה אֱלֹהַי לְטוֹבִיָּה וּלְסַנְבַלַּט כְּמַעֲשָׂיו 14
אֵלֶּה וְגַם לְנוֹעַדְיָה הַנְּבִיאָה וּלְיֶתֶר הַנְּבִיאִים אֲשֶׁר הָיוּ
מְיָרְאִים אוֹתִי׃ וַתִּשְׁלַם הַחוֹמָה בְּעֶשְׂרִים וַחֲמִשָּׁה לֶאֱלוּל טו
לַחֲמִשִּׁים וּשְׁנַיִם יוֹם׃ וַיְהִי כַּאֲשֶׁר שָׁמְעוּ כָּל־אוֹיְבֵינוּ 16
וַיִּרְאוּ כָּל־הַגּוֹיִם אֲשֶׁר סְבִיבֹתֵינוּ וַיִּפְּלוּ מְאֹד בְּעֵינֵיהֶם

זיך צוזאַמענטרעפען אין איינעם פון די דערפער, אין טהאָל פון אונו ;
זיי האָבען געטראַכט מיר שלעכטס צו טהון.

3 האָב איך צו זיי געשיקט שלוחים, אַזוי צו זאָגען : די ארבייט וואָס
איך טהו איז גרויס, קען איך ניט ארונטערקומען, פאַר וואָס זאָל די
ארבייט אויפהערען, ווען איך פערלאָז עס און קום צו אייך ארונטער ?

4 זיי האָבען צו מיר אויף דעם ארט געשיקט פיער מאָל, און איך האָב זיי
געענטפערט דעם זעלביגען ענטפער.

5 סנבלט האָט צו מיר געשיקט דאָס זעלבע צום פינפטען מאָל דורך זיין
יונג מיט אן אָפענעם בריעף,

6 אין וועלכען עס איז געוועזען געשריעבען מיט די דאָזיגע ווערטער : „עס
איז צווישען די היידען געהערט געוואָרען, אויך גשמו דערצעהלט דאָס
דו און די יהודים טראַכטען צו רעוואָלטירען, און דאריבער בויעסטו די
מויער, דו ביסט זייער קעניג,

7 אויך פּראָפעטען האָסטו זיך אָנגעשטעלט אויסצורופען וועגען דיר אין
ירושלים, זאָגענדיג : „יהודה האָט אַ קעניג !" דאָס וועט דאָך איבער־
געגעבען ווערען דעם קעניג ; אַלזאָ קום לאָמיר זיך צוזאַמען בעראַטהען."

8 האָב איך צו איהם געשיקט זאָגען : אַזעלכע זאַכען ווי די וואָס דו זאָגסט
זיינען גאָרניט געוועזען, דו האָסט זיי אויסגעטראַכט אויס דיין אייגען
הארץ.

9 ווארים זיי אַלע האָבען עס אונז געשראָקען מיינענדיג : „זייערע הענד
וועלען אויפהערען די ארבייט, און עס וועט ניט געמאַכט ווערען." יעצט
אָבער (אוי מיין גאָט) שטאַרק מיינע הענד !

10 איך בין אריינגעקומען אין דעם הויז פון שמעיה זוהן פון דליה,
זוהן מהיטבאל, (ער איז געוועזען איינגעשלאָסען), האָט ער געזאָגט :
לאָמיר זיך טרעפען אין גאָט'ס הויז, אינווייניג אין היכל, און לאָמיר
פערשליסען די טהירען פון היכל, ווארים זיי וועלען קומען דיך דערשלאָ־
גען, ביי נאַכט וועלען זיי קומען דיך הרג'נען.

11 האָב איך געזאָגט : אַזאַ מאַן ווי איך זאָל ענטלויפען ? אָדער דאַרף
אַזאַ ווי איך אין היכל אריין אום לעבען צו בלייבען ? איך געה ניט !

12 און איך האָב אנערקענט אַז גאָט האָט איהם גאָר ניט געשיקט — טוביה
מיט סנבלט'ן האָבען עס איהם געדונגען ; דאָס וואָס ער האָט מיר איינ־
איינגערעדט

13 זייענדיג פּאַרדונגען — איז אום איך זאָל זיך שרעקען, זאָל אַזוי טהאָן
און דורכפאַלען, וועלען זיי קענען ארויסלאָזען אַ שלעכטען קלאַנג אום
מיר אויסצולאַכען.

14 געדענק עס, מיין גאָט, אויף טוביה'ן און סנבלט'ען נאָך די טהאַטען
זיינע ; אויך צו נועדיה די פּראָפעטין און די איבריגע פּראָפעטען וואָס
האָבען מיר געשראָקען.

15 אַזוי איז די מויער פערטיג געוואָרען אין דעם פינף און צוואַנציגסטען
טאָג פון אלול, אין צוויי און פופציג טעג.

16 ווען אַלע אונזערע פיינד האָבען עס געהערט, און אַלע היידען וואָס זיינען
געוועזען רינגס אַרום האָבען עס געזעהען ; זיינען זיי אין זייערע אייגענע

17 וַיֵּדְעוּ כִּי מֵאֵת אֱלֹהֵינוּ נֶעֶשְׂתָה הַמְּלָאכָה הַזֹּאת׃ גַּם ׀
בַּיָּמִים הָהֵם מַרְבִּים חֹרֵי יְהוּדָה אִגְּרֹתֵיהֶם הוֹלְכוֹת עַל־
18 טוֹבִיָּה וַאֲשֶׁר לְטוֹבִיָּה בָּאוֹת אֲלֵיהֶם׃ כִּי־רַבִּים בִּיהוּדָה
בַּעֲלֵי שְׁבוּעָה לוֹ כִּי־חָתָן הוּא לִשְׁכַנְיָה בֶן־אָרַח וִיהוֹחָנָן
19 בְּנוֹ לָקַח אֶת־בַּת־מְשֻׁלָּם בֶּן בֶּרֶכְיָה׃ גַּם טוֹבֹתָיו הָיוּ
אֹמְרִים לְפָנַי וּדְבָרַי הָיוּ מוֹצִיאִים לוֹ אִגְּרוֹת שָׁלַח טוֹבִיָּה
לְיָרְאֵנִי׃

## CAP. VII. ז

ז

א וַיְהִי כַּאֲשֶׁר נִבְנְתָה הַחוֹמָה וָאַעֲמִיד הַדְּלָתוֹת וַיִּפָּקְדוּ
2 הַשּׁוֹעֲרִים וְהַמְשֹׁרְרִים וְהַלְוִיִּם׃ וָאֲצַוֶּה אֶת־חֲנָנִי אָחִי
וְאֶת־חֲנַנְיָה שַׂר הַבִּירָה עַל־יְרוּשָׁלִָם כִּי־הוּא כְּאִישׁ אֱמֶת
3 וְיָרֵא אֶת־הָאֱלֹהִים מֵרַבִּים׃ וָאֹמַר לָהֶם לֹא יִפָּתְחוּ
שַׁעֲרֵי יְרוּשָׁלִַם עַד־חֹם הַשֶּׁמֶשׁ וְעַד הֵם עֹמְדִים יָגִיפוּ
הַדְּלָתוֹת וֶאֱחֹזוּ וְהַעֲמֵיד מִשְׁמְרוֹת יֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלִַם אִישׁ
4 בְּמִשְׁמָרוֹ וְאִישׁ נֶגֶד בֵּיתוֹ׃ וְהָעִיר רַחֲבַת יָדַיִם וּגְדֹלָה
ה וְהָעָם מְעַט בְּתוֹכָהּ וְאֵין בָּתִּים בְּנוּיִם׃ וַיִּתֵּן אֱלֹהַי אֶל־
לִבִּי וָאֶקְבְּצָה אֶת־הַחֹרִים וְאֶת־הַסְּגָנִים וְאֶת־הָעָם לְהִתְיַחֵשׂ
וָאֶמְצָא סֵפֶר הַיַּחַשׂ הָעוֹלִים בָּרִאשׁוֹנָה וָאֶמְצָא כָּתוּב
6 בּוֹ׃ אֵלֶּה ׀ בְּנֵי הַמְּדִינָה הָעֹלִים מִשְּׁבִי הַגּוֹלָה אֲשֶׁר
הֶגְלָה נְבוּכַדְנֶצַּר מֶלֶךְ בָּבֶל וַיָּשׁוּבוּ לִירוּשָׁלִַם וְלִיהוּדָה
7 אִישׁ לְעִירוֹ׃ הַבָּאִים עִם־זְרֻבָּבֶל יֵשׁוּעַ נְחֶמְיָה עֲזַרְיָה
רַעַמְיָה נַחֲמָנִי מָרְדֳּכַי בִּלְשָׁן מִסְפֶּרֶת בִּגְוַי נְחוּם בַּעֲנָה
8 מִסְפַּר אַנְשֵׁי עַם־יִשְׂרָאֵל׃ בְּנֵי פַרְעֹשׁ אַלְפַּיִם מֵאָה
9 וְשִׁבְעִים וּשְׁנָיִם׃ בְּנֵי שְׁפַטְיָה שְׁלֹשׁ מֵאוֹת שִׁבְעִים וּשְׁנָיִם׃
11 בְּנֵי אָרַח שֵׁשׁ מֵאוֹת חֲמִשִּׁים וּשְׁנָיִם׃ בְּנֵי־פַחַת מוֹאָב
לִבְנֵי יֵשׁוּעַ וְיוֹאָב אַלְפַּיִם וּשְׁמֹנֶה מֵאוֹת שְׁמֹנָה עָשָׂר׃
12 13 בְּנֵי עֵילָם אֶלֶף מָאתַיִם חֲמִשִּׁים וְאַרְבָּעָה׃ בְּנֵי זַתּוּא שְׁמֹנֶה

מאות

v. 18. ר׳ פתח באתנח ibid. סג״ל בלא מקף v. 3. ר׳ יתיר ד׳

אויגען געפאַלען, און האָבען אנערקענט אַז די דאָזיגע אַרבייט איז פון
אונזער גאָט אַליין געטהון געוואָרען.
17 אויך פון פיעל פרייע מענער פון יהודה זיינען אין יענער צייט בריעף גע־
גאַנגען צו טוביה'ן און פון טוביה'ן — צו זיי.
18 ווארים ער האָט געהאַט אין יהודה פיעל בונדס־לייט — ער איז געווען
אַן איידעם פון שכניה ארח'ס זוהן, און זיין זוהן יהונתן האָט געהייראַטה
אַ טאָכטער פון משלם ברכיה'ס זוהן.
19 מען האָט אויך מיר דערצעהלט זיינע גוטסקייט, און מיינע רייד „טוביה
האָט געשיקט בריעף מיר צו שרעקען" האָט מען איהם איבערגעבען.

## קאַפּיטעל ז

1 אַז די מויער איז אויפגעבויעט געוואָרען, און איך האָב אויפגעשטעלט
די טהירען, און די טהויער־היטערס, די זינגערס און די לוים זיינען אָנ־
געשטעלט געוואָרען,
2 האָב איך בעפוילען מיין ברודער חנני און חנניה, דער אויפזעהער איבער
די געביידען אין ירושלים, ווארים ער איז געוועזען איין אמת'ר מאַן,
און אַ גאָט'ס פאַרכטיגער מעהר פון פיעלע אַנדערע.
3 איך האָב זיי אַנגעזאָגט, אַז די טהויערן פון ירושלים זאָלען ניט אויפ־
געמאַכט ווערען ביז די זון ווערט וואַרם, און אַזוי לאַנג ווי זיי שטעהן
דערביי, זאָלען די טהירען צוגעמאַכט זיין, און פערריגעלט ווערען, און
שטעלט אָן היטערס פון די איינוואוינער פון ירושלים, איטליכער ביי
זיין וואַך, און איטליכער קעגענאיבער זיין אייגענע הויז.
4 די שטאָדט איז געוועזען ברייט און גרויס פון ביידע זייטען, און דאָס
פאָלק איז אין איהר געוועזען ווייניג, און קיינע הייזער זיינען נאָך ניט
געבויעט געוועזען.
5 און מיין גאָט האָט מיר אין מיין הארץ אַ געדאַנק געגעבען אַז איך זאָל
פערזאַמלען די פריי־הארען, די פירסטען און דאָס פאָלק, אום זיי זאָ־
לען אויסגערעכענט ווערען נאָך זייער אבשטאַמונג נאָך; איך האָב
געפונען אַ שטאַם־בוך פון די וואָס זיינען געקומען מיט די ערשטע און
האָב דארין געפונען איינגעשריבען:
6 די דאָזיגע זיינען די פּראָווינציאַלען וואָס זיינען געקומען פון גלות, וואָס
נבוכדנצר קעניג פון בבל האָט אוועקגעפיהרט, און זיי זיינען צוריקגע־
קומען נאָך ירושלים און יהודה, איטליכער צו זיין שטאָדט —
7 מיט זרבבל'ן זיינען געקומען: ישוע, נחמיה, עזריה, רעמיה, נחמני,
מרדכי, בלשן, מספרת, בגוי, נחום, און בענה. די צאָהל פון די מע־
נער פון ישראל:
8 די קינדער פון פרעוש — צוויי טויזענד איין הונדערט צוויי און זיעבציג.
9 די קינדער פון שפטיה — דריי הונדערט צוויי און זיעבציג.
10 די קינדער פון אָרח — זעקס הונדערט צוויי און פופציג.
11 די קינדער פון פחת מואב פון די זיהן פון ישוע און יואב—צוויי טויזענד
אַכט הונדערט און אַכטצעהן.
12 די קינדער פון עילם — איין טויזענד צוויי הונדערט פיער און פופציג.
13 די קינדער פון זתוא — אַכט הונדערט פינף און פיערציג.

מֵאוֹת אַרְבָּעִים וַחֲמִשָּׁה׃ בְּנֵי זַכָּי שְׁבַע מֵאוֹת וְשִׁשִּׁים׃ 14
בְּנֵי בִנּוּי שֵׁשׁ מֵאוֹת אַרְבָּעִים וּשְׁמֹנָה׃ בְּנֵי בֵבָי שֵׁשׁ מֵאוֹת טו 16
עֶשְׂרִים וּשְׁמֹנָה׃ בְּנֵי עַזְגָּד אַלְפַּיִם שְׁלֹשׁ מֵאוֹת עֶשְׂרִים 17
וּשְׁנָיִם׃ בְּנֵי אֲדֹנִיקָם שֵׁשׁ מֵאוֹת שִׁשִּׁים וְשִׁבְעָה׃ בְּנֵי 18 19
בִגְוָי אַלְפַּיִם שִׁשִּׁים וְשִׁבְעָה׃ בְּנֵי עָדִין שֵׁשׁ מֵאוֹת חֲמִשִּׁים כ
וַחֲמִשָּׁה׃ בְּנֵי־אָטֵר לְחִזְקִיָּה תִּשְׁעִים וּשְׁמֹנָה׃ בְּנֵי חָשֻׁם 21 22
שְׁלֹשׁ מֵאוֹת עֶשְׂרִים וּשְׁמֹנָה׃ בְּנֵי בֵצָי שְׁלֹשׁ מֵאוֹת עֶשְׂרִים 23
וְאַרְבָּעָה׃ בְּנֵי חָרִיף מֵאָה שְׁנֵים עָשָׂר׃ בְּנֵי גִבְעוֹן תִּשְׁעִים 24 כה
וַחֲמִשָּׁה׃ אַנְשֵׁי בֵית־לֶחֶם וּנְטֹפָה מֵאָה שְׁמֹנִים וּשְׁמֹנָה׃ 26
אַנְשֵׁי עֲנָתוֹת מֵאָה עֶשְׂרִים וּשְׁמֹנָה׃ אַנְשֵׁי בֵית־עַזְמָוֶת 27 28
אַרְבָּעִים וּשְׁנָיִם׃ אַנְשֵׁי קִרְיַת יְעָרִים כְּפִירָה וּבְאֵרוֹת 29
שְׁבַע מֵאוֹת אַרְבָּעִים וּשְׁלֹשָׁה׃ אַנְשֵׁי הָרָמָה וָגָבַע שֵׁשׁ ל
מֵאוֹת עֶשְׂרִים וְאֶחָד׃ אַנְשֵׁי מִכְמָס מֵאָה וְעֶשְׂרִים וּשְׁנָיִם׃ 31
אַנְשֵׁי בֵית־אֵל וְהָעָי מֵאָה עֶשְׂרִים וּשְׁלֹשָׁה׃ אַנְשֵׁי נְבוֹ 32 33
אַחֵר חֲמִשִּׁים וּשְׁנָיִם׃ בְּנֵי עֵילָם אַחֵר אֶלֶף מָאתַיִם 34
חֲמִשִּׁים וְאַרְבָּעָה׃ בְּנֵי חָרִם שְׁלֹשׁ מֵאוֹת וְעֶשְׂרִים׃ בְּנֵי לה 36
יְרֵחוֹ שְׁלֹשׁ מֵאוֹת אַרְבָּעִים וַחֲמִשָּׁה׃ בְּנֵי־לֹד חָדִיד וְאֹנוֹ 37
שְׁבַע מֵאוֹת וְעֶשְׂרִים וְאֶחָד׃ בְּנֵי סְנָאָה שְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים 38
תְּשַׁע מֵאוֹת וּשְׁלֹשִׁים׃ הַכֹּהֲנִים בְּנֵי יְדַעְיָה לְבֵית יֵשׁוּעַ 39
תְּשַׁע מֵאוֹת שִׁבְעִים וּשְׁלֹשָׁה׃ בְּנֵי אִמֵּר אֶלֶף חֲמִשִּׁים מ
וּשְׁנָיִם׃ בְּנֵי פַשְׁחוּר אֶלֶף מָאתַיִם אַרְבָּעִים וְשִׁבְעָה׃ 41
בְּנֵי חָרִם אֶלֶף שִׁבְעָה עָשָׂר׃ הַלְוִיִּם בְּנֵי־יֵשׁוּעַ לְקַדְמִיאֵל 42 43
לִבְנֵי לְהוֹדְוָה שִׁבְעִים וְאַרְבָּעָה׃ הַמְשֹׁרְרִים בְּנֵי אָסָף 44
מֵאָה אַרְבָּעִים וּשְׁמֹנָה׃ הַשֹּׁעֲרִים בְּנֵי־שַׁלֻּם בְּנֵי־אָטֵר מה
בְּנֵי־טַלְמֹן בְּנֵי־עַקּוּב בְּנֵי חֲטִיטָא בְּנֵי שֹׁבָי מֵאָה שְׁלֹשִׁים
וּשְׁמֹנָה׃ הַנְּתִינִים בְּנֵי־צִחָא בְנֵי־חֲשֻׂפָא בְּנֵי טַבָּעוֹת׃ בְּנֵי־ 46 47
קֵירֹס בְּנֵי־סִיעָא בְּנֵי פָדוֹן׃ בְּנֵי־לְבָנָה בְנֵי־חֲגָבָא בְּנֵי 48

שלמי

v. 43. להודיה קי׳

14 די קינדער פון זכי — זיבעהונדערט און זעכציג.
15 די קינדער פון בנוי — זעקס הונדערט אכט און פערציג.
16 די קינדער פון בבי — זעקס הונדערט אכט און צוואנציג.
17 די קינדער פון עזגד — צוויי טויזענד דריי הונדערט צוויי און צוואנציג.
18 די קינדער פון אדוניקם — זעקס הונדערט זיבעצן און זעכציג.
19 די קינדער פון בגוי — צוויי טויזענד זיבעצן און זעכציג.
20 די קינדער פון עדין — זעקס הונדערט פינף און פופציג.
21 די קינדער פון אָטר, פון חזקיה — אכט און ניינציג.
22 די קינדער פון חשם — דריי הונדערט אכט און צוואנציג.
23 די קינדער פון בצי — דריי הונדערט פיער און צוואנציג.
24 די קינדער פון חריף — איין הונדערט און צוועלף.
25 די קינדער פון גבעון — פינף און ניינציג.
26 די מענער פון בית לחם און נטופה — איין הונדערט אכט און אכטציג.
27 די מענער פון ענתות — איין הונדערט אכט און צוואנציג.
28 די מענער פון בית עזמות — צוויי און פערציג.
29 די מענער פון קרית יערים, כפירה און בארות — זיבעצן הונדערט דריי
און פערציג.
30 די מענער פון רמה און גבע — זעקס הונדערט איין און צוואנציג.
31 די מענער פון מכמס — איין הונדערט צוויי און צוואנציג.
32 די מענער פון בית אל און עי — איין הונדערט דריי און צוואנציג.
33 די מענער פון נבו־אחר — צוויי און פופציג.
34 די מענער פון עילם־אחר — איין טויזענד צוויי הונדערט פיער
און פופציג.
35 די קינדער פון חרם — דריי הונדערט און צוואנציג.
36 די קינדער פון ירחו — דריי הונדערט פינף און פערציג.
37 די קינדער פון לוד, חדיד, און אונו — זיבעצן הונדערט איין און צוואנ־
ציג.
38 די קינדער פון סנאה — דריי טויזענד ניין הונדערט און דרייסיג.
39 די כהנים, די קינדער פון ידעיה פון דעם הויז ישוע — ניין הונדערט דריי
און זיבעציג.
40 די קינדער פון אמר — איין טויזענד צוויי און פופציג.
41 די קינדער פון פשחור — איין טויזענד צוויי הונדערט זיבעצן און פער־
ציג.
42 די קינדער פון חרם — איין טויזענד און זיבעצעהן.
43 די לוים די קינדער פון ישוע, און קדמיאל פון די זיהן פון הודיה — פיער
און זיבעציג.
44 די זינגערס — די זיהן פון אָסף — איין הונדערט אכט און פערציג.
45 די טהויער וועכטערס — די קינדער פון שלם, די קינדער פון אָטר, די
קינדער פון טלמן, די קינדער פון עקוב, די קינדער פון חטיטא, די קינ־
דער פון שבי — איין הונדערט אכט און דרייסיג.
46 די טעמפעל דיענער, די קינדער פון צחא, די קינדער פון חשפא, די קינ־
דער פון טבעות,
47 די קינדער פון קירוס, די קינדער פון סיעא, די קינדער פון פדון,
48 די קינדער פון לבנה, די קינדער פון חגבא, די קינדער פון שלמי,

49 נ שַׁלְמָי׃ בְּנֵי־חָנָן בְּנֵי־גִדֵּל בְּנֵי־גָחַר׃ בְּנֵי־רְאָיָה בְנֵי־רְצִין
51 52 בְּנֵי נְקוֹדָא׃ בְּנֵי־גַזָּם בְּנֵי־עֻזָּא בְּנֵי פָסֵחַ׃ בְּנֵי־בֵסַי בְּנֵי־
53 מְעוּנִים בְּנֵי נְפוּשְׁסִים׃ בְּנֵי־בַקְבּוּק בְּנֵי־חֲקוּפָא בְּנֵי חַרְחוּר׃
54 נה בְּנֵי־בַצְלִית בְּנֵי־מְחִידָא בְּנֵי חַרְשָׁא׃ בְּנֵי־בַרְקוֹס בְּנֵי־
56 57 סִיסְרָא בְּנֵי תָמַח׃ בְּנֵי נְצִיחַ בְּנֵי חֲטִיפָא׃ בְּנֵי עַבְדֵי
58 שְׁלֹמֹה בְּנֵי־סוֹטַי בְּנֵי־סֹפֶרֶת בְּנֵי פְרִידָא׃ בְּנֵי־יַעְלָא בְנֵי־
59 דַרְקוֹן בְּנֵי גִדֵּל׃ בְּנֵי שְׁפַטְיָה בְנֵי־חַטִּיל בְּנֵי פֹּכֶרֶת
ס הַצְּבָיִים בְּנֵי אָמוֹן׃ כָּל־הַנְּתִינִים וּבְנֵי עַבְדֵי שְׁלֹמֹה שְׁלֹשׁ
61 מֵאוֹת תִּשְׁעִים וּשְׁנָיִם׃ וְאֵלֶּה הָעוֹלִים מִתֵּל מֶלַח תֵּל
חַרְשָׁא כְּרוּב אַדּוֹן וְאִמֵּר וְלֹא יָכְלוּ לְהַגִּיד בֵּית־אֲבוֹתָם
62 וְזַרְעָם אִם מִיִּשְׂרָאֵל הֵם׃ בְּנֵי־דְלָיָה בְנֵי־טוֹבִיָּה בְּנֵי
63 נְקוֹדָא שֵׁשׁ מֵאוֹת וְאַרְבָּעִים וּשְׁנָיִם׃ וּמִן־הַכֹּהֲנִים בְּנֵי
חֳבַיָּה בְּנֵי הַקּוֹץ בְּנֵי בַרְזִלַּי אֲשֶׁר לָקַח מִבְּנוֹת בַּרְזִלַּי
64 הַגִּלְעָדִי אִשָּׁה וַיִּקָּרֵא עַל־שְׁמָם׃ אֵלֶּה בִּקְשׁוּ כְתָבָם
סה הַמִּתְיַחְשִׂים וְלֹא נִמְצָא וַיְגֹאֲלוּ מִן־הַכְּהֻנָּה׃ וַיֹּאמֶר
הַתִּרְשָׁתָא לָהֶם אֲשֶׁר לֹא־יֹאכְלוּ מִקֹּדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים עַד עֲמֹד
66 הַכֹּהֵן לְאוּרִים וְתֻמִּים׃ כָּל־הַקָּהָל כְּאֶחָד אַרְבַּע רִבּוֹא
67 אַלְפַּיִם שְׁלֹשׁ־מֵאוֹת וְשִׁשִּׁים׃ מִלְּבַד עַבְדֵיהֶם וְאַמְהֹתֵיהֶם
אֵלֶּה שִׁבְעַת אֲלָפִים שְׁלֹשׁ מֵאוֹת שְׁלֹשִׁים וְשִׁבְעָה וְלָהֶם
68 מְשֹׁרְרִים וּמְשֹׁרְרוֹת מָאתַיִם וְאַרְבָּעִים וַחֲמִשָּׁה׃ סוּסֵיהֶם
שְׁבַע מֵאוֹת שְׁלֹשִׁים וְשִׁשָּׁה פִּרְדֵיהֶם מָאתַיִם אַרְבָּעִים
69 וַחֲמִשָּׁה׃ גְּמַלִּים אַרְבַּע מֵאוֹת שְׁלֹשִׁים וַחֲמִשָּׁה חֲמֹרִים
ע שֵׁשֶׁת אֲלָפִים שְׁבַע מֵאוֹת וְעֶשְׂרִים׃ וּמִקְצָת רָאשֵׁי הָאָבוֹת
נָתְנוּ לַמְּלָאכָה הַתִּרְשָׁתָא נָתַן לָאוֹצָר זָהָב דַּרְכְּמֹנִים
אֶלֶף מִזְרָקוֹת חֲמִשִּׁים כָּתְנוֹת כֹּהֲנִים שְׁלֹשִׁים וַחֲמֵשׁ
71 מֵאוֹת׃ וּמֵרָאשֵׁי הָאָבוֹת נָתְנוּ לְאוֹצַר הַמְּלָאכָה
זָהָב דַּרְכְּמוֹנִים שְׁתֵּי רִבּוֹת וְכֶסֶף מָנִים אַלְפַּיִם וּמָאתָיִם׃

ואשר

v. 52. נפישסים קרי

49 די קינדער פון חנן, די קינדער פון גדל, די קינדער פון גחר.
50 די קינדער פון ראיה, די קינדער פון רצין, די קינדער פון נקודא,
51 די קינדער פון גזם, די קינדער פון עזא, די קינדער פון פסח,
52 די קינדער פון בסי, די קינדער פון מעונים, די קינדער פון נפישסים,
53 די קינדער פון בקבוק. די קינדער פון חקופא, די קינדער פון חרחור,
54 די קינדער פון בצלית, די קינדער פון מחידא, די קינדער פון חרשא,
55 די קינדער פון ברקוס ד קינדער פון סיסרא, די קינדער פון תמח,
56 די קינדער פון נציח, די קינדער פון חטיפא.
57 די קינדער פון שלמה'ס קנעכט: די קינדער פון סוטי, די קינדער פון ספרת, די קינדער פון פרידא,
58 די קינדער פון יעלה, די קינדער פון דרקון, די קינדער פון גדל,
59 די קינדער פון שפטיה, די קינדער פון חטיל, די קינדער פון פכרת־הצביים, די קינדער פון אָמון,
60 אַלע נתינים און די קינדער פון שלמה'ס קנעכט — דריי הונדערט צוויי און ניינציג.
61 און דיעזע זיינען אַרויפגעקומען פון תל־מלח, תל־חרשא, כרוב אדון און אמר, אָבער זיי האָבען ניט געקענט אנווייזען דאָס הויז פון זייערע עלטערן, אויב זייערע קינדער זיינען פון ישראל:
62 די קינדער פון דליה, די קינדער פון טוביה, די קינדער פון נקודא — זעקס הונדערט צוויי און פערציג.
63 און פון די כהנים זיינען געוועזען די קינדער פון חביה, די קינדער פון הקוץ, די קינדער פון ברזלי, דער וואָס האָט גענומען איין ווייב פון די טעכטער פון ברזלי דעם גלעדי, און איז נאָך זייער נאָמען גערופען געוואָרען.
64 די דאָזיגע האָבען געזוכט זייער שטאַם־בריעף, אָבער זיי האָבען עס ניט געפונען, דאריבער האָט מען זיי בעטראַכט אַלס אומריין צו דער כהונה.
65 און תרשתא האָט צו זיי געזאָגט, אז זיי זאָלען ניט עסען פון דעם גאַנץ היילינען ביז אַ כהן וועט אָנגעשטעלט ווערען מיט אורים און תומים.
66 דאָס גאַנצע געמיינדע צוזאַמען — צוויי און פערציג טויזענד דריי הונדערט און זעכציג.
67 אויסער זייערע קנעכט און דיענסט־מיידען, די דאָזיגע זיינען געוועזען זיעבען טויזענד דריי הונדערט זיעבען און דרייסיג. זיי האָבען אויך געהאַט צוויי הונדערט פינף און פערציג זינגערס און זינגערינס,
68 זייערע פערד — זיעבען הונדערט זעקס און דרייסיג, און זייערע מויל־אייזלען — צוויי הונדערט פינף און פערציג.
69 קעמלען — פיער הונדערט פינף און דרייסיג, אייזלען — זעקס טויזענד זיעבען הונדערט צוואַנציג.
70 עטליכע פון די אָבער־הויפּטען האָבען געגעבען צו דער אַרבייט. תרשתא האָט אַריינגעגעבען אין שאַטץ־קאַמער — איין טויזענד דרכמונים גאָלד, פופציג שפּרינג־בעקען, און פינף הונדערט און דרייסיג העמדער פאַר די כהנים.
71 און עטליכע פון די אָבער־הויפּטען האָבען אַריינגעגעבען אין שאַטץ־קאַמער פאַר די אַרבייט, — צוואַנציג טויזענד דרכמונים גאָלד, און צוויי טויזענד צוויי הונדערט מנים זילבער.

72 וַאֲשֶׁר נָתְנוּ שְׁאֵרִית הָעָם זָהָב דַּרְכְּמוֹנִים שְׁתֵּי רִבּוֹא וְכֶסֶף
73 מָנִים אַלְפָּיִם וְכָתְנֹת כֹּהֲנִים שִׁשִּׁים וְשִׁבְעָה׃ וַיֵּשְׁבוּ
הַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם וְהַשּׁוֹעֲרִים וְהַמְשֹׁרְרִים וּמִן־הָעָם וְהַנְּתִינִים
וְכָל־יִשְׂרָאֵל בְּעָרֵיהֶם וַיִּגַּע הַחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל
בְּעָרֵיהֶם׃

## ח Cap. VIII. ח

א וַיֵּאָסְפוּ כָל־הָעָם כְּאִישׁ אֶחָד אֶל־הָרְחוֹב אֲשֶׁר לִפְנֵי
שַׁעַר־הַמָּיִם וַיֹּאמְרוּ לְעֶזְרָא הַסֹּפֵר לְהָבִיא אֶת־סֵפֶר תּוֹרַת
2 מֹשֶׁה אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוָה אֶת־יִשְׂרָאֵל׃ וַיָּבִיא עֶזְרָא הַכֹּהֵן
אֶת־הַתּוֹרָה לִפְנֵי הַקָּהָל מֵאִישׁ וְעַד־אִשָּׁה וְכֹל מֵבִין לִשְׁמֹעַ
3 בְּיוֹם אֶחָד לַחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי׃ וַיִּקְרָא־בוֹ לִפְנֵי הָרְחוֹב
אֲשֶׁר ׀ לִפְנֵי שַׁעַר־הַמַּיִם מִן־הָאוֹר עַד־מַחֲצִית הַיּוֹם נֶגֶד
הָאֲנָשִׁים וְהַנָּשִׁים וְהַמְּבִינִים וְאָזְנֵי כָל־הָעָם אֶל־סֵפֶר
4 הַתּוֹרָה׃ וַיַּעֲמֹד עֶזְרָא הַסֹּפֵר עַל־מִגְדַּל־עֵץ אֲשֶׁר עָשׂוּ
לַדָּבָר וַיַּעֲמֹד אֶצְלוֹ מַתִּתְיָה וְשֶׁמַע וַעֲנָיָה וְאוּרִיָּה וְחִלְקִיָּה
וּמַעֲשֵׂיָה עַל־יְמִינוֹ וּמִשְּׂמֹאלוֹ פְּדָיָה וּמִישָׁאֵל וּמַלְכִּיָּה
ה וְחָשֻׁם וְחַשְׁבַּדָּנָה זְכַרְיָה מְשֻׁלָּם׃ וַיִּפְתַּח עֶזְרָא הַסֵּפֶר
לְעֵינֵי כָל־הָעָם כִּי־מֵעַל כָּל־הָעָם הָיָה וּכְפִתְחוֹ עָמְדוּ כָל־
6 הָעָם׃ וַיְבָרֶךְ עֶזְרָא אֶת־יְהוָה הָאֱלֹהִים הַגָּדוֹל וַיַּעֲנוּ כָל־
הָעָם אָמֵן ׀ אָמֵן בְּמֹעַל יְדֵיהֶם וַיִּקְּדוּ וַיִּשְׁתַּחֲוֻּ לַיהוָה אַפַּיִם
7 אָרְצָה׃ וְיֵשׁוּעַ וּבָנִי וְשֵׁרֵבְיָה ׀ יָמִין עַקּוּב שַׁבְּתַי ׀ הוֹדִיָּה
מַעֲשֵׂיָה קְלִיטָא עֲזַרְיָה יוֹזָבָד חָנָן פְּלָאיָה וְהַלְוִיִּם מְבִינִים
8 אֶת־הָעָם לַתּוֹרָה וְהָעָם עַל־עָמְדָם׃ וַיִּקְרְאוּ בַסֵּפֶר בְּתוֹרַת
הָאֱלֹהִים מְפֹרָשׁ וְשׂוֹם שֶׂכֶל וַיָּבִינוּ בַּמִּקְרָא׃
9 וַיֹּאמֶר נְחֶמְיָה הוּא הַתִּרְשָׁתָא וְעֶזְרָא הַכֹּהֵן הַסֹּפֵר וְהַלְוִיִּם
הַמְּבִינִים אֶת־הָעָם לְכָל־הָעָם הַיּוֹם קָדֹשׁ־הוּא לַיהוָה
אֱלֹהֵיכֶם אַל־תִּתְאַבְּלוּ וְאַל־תִּבְכּוּ כִּי בוֹכִים כָּל־הָעָם
י כְּשָׁמְעָם אֶת־דִּבְרֵי הַתּוֹרָה׃ וַיֹּאמֶר לָהֶם לְכוּ אִכְלוּ

72 דאָס וואָס דאָס איבריגע פאָלק האָט געגעבען: צוואַנציג טויזענד דרכמונים גאָלד, צוויי טויזענד מנים זילבער, און זיעבען און זעכציג העמדער פאַר די כהנים.

73 אזוי האָבען די כהנים, און די לוים, די טהויער־היטערס, און די זינגערס, פון'ם פאָלק, און די נתינים, און גאַנץ ישראל געוואוינט אין זייערע שטעדט, און ווען דער זיעבעטער חודש איז אָנגעקומען, זיינען שוין די קינדער ישראל געוועזען אין זייערע שטעדט.

## קאַפּיטעל ח

1 און דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך פערזאַמעלט ווי איין מאַן, אין דער גאַס וואָס פאַר דער וואַסער־טהויער, און זיי האָבען געהייסען עזרא דעם שרייבער ברענגען משה'ס געזעצבוך, וואָס גאָט האָט געבאָטען צו ישראל.

2 האָט עזרא דער כהן געבראַכט דאָס געזעצבוך פאַר דער פערזאַמלונג, פאַר מענער און ווייבער, און פאַר איטליכען וואָס האָט פערשטאַנען הערענ־דיג, אין ערשטען טאָג פון זיעבעטען מאָנאַט.

3 און ער האָט דאַרין געלייענט אויף דער גאַס וואָס פאַר דעם וואַסער־טהויער, פון דעם אָנהייב טאָג ביז האַלבען טאָג, פאַר די מענער און ווייבער, און די וואָס האָבען פערשטאַנען; דאָס גאַנצע פאָלק האָט אויסגעהאָרכט דעם געזעץ־בוך.

4 עזרא דער שרייבער האָט זיך געשטעלט אויף אַ האָלצערנעם טהורעם וואָס זיי האָבען דערפאַר געמאַכט, און נעבען איהם ביי זיין רעכטע האַנד זיינען געשטאַנען, מתתיה, שמע, עניה, אוריה, חלקיה, און מעשיה; און אַן זיין לינקע האַנד — פדיה, מישאל, מלכיה, השם, חשבדנה, זכריה און משולם.

5 און עזרא האָט אויפגעמאַכט דאָס בוך פאַר דעם גאַנצען פאָלק — ער איז העכער געשטאַנען פאַר דעם גאַנצען פאָלק — ווען ער האָט עס אויפ־געמאַכט איז דאָס גאַנצע פאָלק אויפגעשטאַנען.

6 ווען עזרא האָט געלויבט גאָט, דעם גרויסען גאָט, האָט דאָס גאַנצע פאָלק געענטפערט: „אמן! אמן!" אויפהייבענדיג זייערע הענד; זיי האָבען זיך גענייגט און געבוקט צו גאָט מיט זייער געזיכט ביז צו דער ערד.

7 ישוע, בני, שרביה, ימין, עקוב, שבתי, הודיה, מעשיה, קליטא, עזריה, יוזבד, חנן, פלאיה און דיא לוים האָבען דעם פאָלק צו פערשטעהן גע־געבען די געזעצען; דאָס גאַנצע פאָלק איז געשטאַנען.

8 אזוי האָט מען געלייענט אין גאָט'ס געזעץ־בוך ערקלעהרליך געמאַכט צו פערשטעהן; זיי האָבען פערשטאַנען וואָס מען האָט געלייענט.

9 נחמיה, (דאָס איז דער תרשתא), עזרא דער שרייבער, און די לוים וואָס האָבען דאָס פאָלק צופערשטעהן געגעבען, האָבען געזאָגט צו דעם גאַנ־צען פאָלק: היינטיגער טאָג איז הייליג צו אייער גאָט, איהר זאָלט ניט טרויערן, און איהר זאָלט ניט וויינען, ווארים דאָס גאַנצע פאָלק האָט גע־וויינט ווען זיי האָבען געהערט די ווערטער פון געזעץ־בוך.

10 און ער האָט צו זיי געזאָגט: געהט אהיים! עסט דאָס פעטסטע, טרינקט דאָס זיסטע, און שיקט געשענקע צו די וואָס האָבען ניט אָנ־

מִשְׁמַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַּקִּים וְשִׁלְחוּ מָנוֹת לְאֵין נָכוֹן לוֹ כִּי־
קָדוֹשׁ הַיּוֹם לַאֲדֹנֵינוּ וְאַל־תֵּעָצֵבוּ כִּי־חֶדְוַת יְהוָה הִיא
11 מָעֻזְּכֶם׃ וְהַלְוִיִּם מַחְשִׁים לְכָל־הָעָם לֵאמֹר הַסּוּ כִּי הַיּוֹם
12 קָדֹשׁ וְאַל־תֵּעָצֵבוּ׃ וַיֵּלְכוּ כָל־הָעָם לֶאֱכֹל וְלִשְׁתּוֹת
וּלְשַׁלַּח מָנוֹת וְלַעֲשׂוֹת שִׂמְחָה גְדוֹלָה כִּי הֵבִינוּ בַּדְּבָרִים
13 אֲשֶׁר הוֹדִיעוּ לָהֶם׃ וּבַיּוֹם הַשֵּׁנִי נֶאֶסְפוּ רָאשֵׁי
הָאָבוֹת לְכָל־הָעָם הַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם אֶל־עֶזְרָא הַסֹּפֵר
14 וּלְהַשְׂכִּיל אֶל־דִּבְרֵי הַתּוֹרָה׃ וַיִּמְצְאוּ כָּתוּב בַּתּוֹרָה אֲשֶׁר
צִוָּה יְהוָה בְּיַד־מֹשֶׁה אֲשֶׁר יֵשְׁבוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל בַּסֻּכּוֹת
טו בֶּחָג בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי׃ וַאֲשֶׁר יַשְׁמִיעוּ וְיַעֲבִירוּ קוֹל בְּכָל־
עָרֵיהֶם וּבִירוּשָׁלִַם לֵאמֹר צְאוּ הָהָר וְהָבִיאוּ עֲלֵי־זַיִת
וַעֲלֵי־עֵץ שֶׁמֶן וַעֲלֵי הֲדַס וַעֲלֵי תְמָרִים וַעֲלֵי עֵץ עָבֹת
16 לַעֲשֹׂת סֻכֹּת כַּכָּתוּב׃ וַיֵּצְאוּ הָעָם וַיָּבִיאוּ וַיַּעֲשׂוּ לָהֶם
סֻכּוֹת אִישׁ עַל־גַּגּוֹ וּבְחַצְרֹתֵיהֶם וּבְחַצְרוֹת בֵּית הָאֱלֹהִים
17 וּבִרְחוֹב שַׁעַר הַמַּיִם וּבִרְחוֹב שַׁעַר אֶפְרָיִם׃ וַיַּעֲשׂוּ כָל־
הַקָּהָל הַשָּׁבִים מִן־הַשְּׁבִי ׀ סֻכּוֹת וַיֵּשְׁבוּ בַסֻּכּוֹת כִּי לֹא־
עָשׂוּ מִימֵי יֵשׁוּעַ בִּן־נוּן כֵּן בְּנֵי יִשְׂרָאֵל עַד הַיּוֹם הַהוּא וַתְּהִי
18 שִׂמְחָה גְּדוֹלָה מְאֹד׃ וַיִּקְרָא בְּסֵפֶר תּוֹרַת הָאֱלֹהִים יוֹם ׀
בְּיוֹם מִן־הַיּוֹם הָרִאשׁוֹן עַד הַיּוֹם הָאַחֲרוֹן וַיַּעֲשׂוּ־חָג שִׁבְעַת
יָמִים וּבַיּוֹם הַשְּׁמִינִי עֲצֶרֶת כַּמִּשְׁפָּט׃

## CAP. IX. ט

ט

א וּבְיוֹם עֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה לַחֹדֶשׁ הַזֶּה נֶאֶסְפוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל
2 בְּצוֹם וּבְשַׂקִּים וַאֲדָמָה עֲלֵיהֶם׃ וַיִּבָּדְלוּ זֶרַע יִשְׂרָאֵל מִכֹּל
בְּנֵי נֵכָר וַיַּעַמְדוּ וַיִּתְוַדּוּ עַל־חַטֹּאתֵיהֶם וַעֲוֹנוֹת אֲבֹתֵיהֶם׃
3 וַיָּקוּמוּ עַל־עָמְדָם וַיִּקְרְאוּ בְּסֵפֶר תּוֹרַת יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם
רְבִעִית הַיּוֹם וּרְבִעִית מִתְוַדִּים וּמִשְׁתַּחֲוִים לַיהוָה אֱלֹהֵיהֶם׃
4 וַיָּקָם עַל־מַעֲלֵה הַלְוִיִּם יֵשׁוּעַ וּבָנִי קַדְמִיאֵל שְׁבַנְיָה

בני

ח. v. 10. א׳ מעה

געגרייט פאר זיך, ווארים היינטיגער טאָג איז הייליג צו אונזער העררן, דאריבער טרויערט ניט. די פרייד פון גאָט איז אייער שטאַרקהייט.

11 אויך די לוים האָבען דאָס גאַנצע פאָלק געמאַכט שטיל שווייגען, אַזוי צו זאָגען: זייט שטיל, ווארים דער היינטיגער טאָג איז הייליג — איהר זאָלט ניט טרויעריג זיין!

12 איז דאָס גאַנצע פאָלק אוועק עסען און טרינקען און שיקען געשאַנקען, און מאַכען אַ גרויסע שמחה — זיי האָבען פערשטאַנען די ווערטער וואָס מען האָט זיי בעקאַנט געמאַכט . . .

13 און אין דעם אַנדערן טאָג האָבען זיך פערזאַמעלט די אָבער־הויפּטען פון דעם גאַנצען פאָלק, די כהנים און די לוים צו עזרא דעם שרייבער גוט צו בעטראַכטען די ווערטער פון דער תורה,

14 און זיי האָבען געפונען אַז עס שטעהט געשריעבען אין דער תורה וואָס גאָט האָט געבאָטען דורך משה'ן, אַז די קינדער ישראל זאָלען וואוינען אין סוכות אין דעם פייערטאָג וואָס אין זיעבעטען מאָנאַט.

15 אַז זיי האָבען דאָס דערהערט, האָבען זיי געלאָזען אויסרופען אין אַלע שטעדט זייערע און אין ירושלים אַזוי צו זאָגען: געהט אַרויס צום באַרג — ברייננט אייל־בערט בלעטער, אַלעאַסטער בלעטער, מירטהען בלעטער, פּאַלם בלעטער און דיכטעס בלעטער, צו מאַכען סוכות, ווי עס שטעהט געשריבען.

16 דאָס פאָלק איז אַרויסגעגאַנגען, האָבען עס געבראַכט און האָבען זיך געמאַכט סוכות, איטליכער אויף זיין דאַך, אין זייערע הויפען, אין דעם הויף פון גאָט'ס הויז, אין דער גאַס פון וואַסער־טהויער, און אין דער גאַס פון דעם טהויער פון אפרים;

17 דאָס גאַנצע געמיינדע וואָס זיינען צוריקגעקומען פון דער געפאַנגענ־שאַפט האָבען זיך געמאַכט סוכות, און זיי זיינען געזעסען אין די סוכות, ווארים פון די טעג פון ישוע נון'ס זוהן ביז דעם דאָזיגען טאָג האָבען עס די קינדער ישראל ניט געמאַכט — עס איז געוועזען אַ זעהר גרויסע שמחה.

18 ער, עזרא, האָט געלייענט אין גאָט'ס געזעץ־בוך איטליכען טאָג, פון דעם ערשטען טאָג ביז דעם לעצטען; זיי האָבען געמאַכט אַ סוכות־פעסט זיעבען טעג, און אין דעם אכטען טאָג שמיני עצרת, ווי עס פאָר־דערט זיך.

## קאַפּיטעל ט

1 אין דעם פיער און צוואַנציגסטען טאָג פון דעם זעלביגען מאָנאַט האָבען זיך די קינדער ישראל פערזאַמעלט מיט פאַסטען און מיט זעק און ערד אויף זיך.

2 און די קינדער פון ישראל האָבען זיך אָפּגעשייד פון אַלע פרעמדע היי־דען, האָבען זיך אַנידערגעשטעלט, און אַנערקענט זייער זינד, און די זינד פון זייערע עלטערן.

3 זיי זיינען שטעהן געבליבען אויף זייער אָרט און האָבען אַ פערטעל טאָג געלעזען אין געזעץ־בוך פון זייער גאָט, און אַ פערטעל טאָג האָבען זיי זיך שולדיג ערקלעהרט און געבוקט צו זייער גאָט.

4 דאַן האָבען זיך אויף אַ הויכען אָרט געשטעלט די לוים — ישוע, בני,

בְּנִי שֵׁרֵבְיָה בָּנִי כְנָנִי וַיִּזְעֲקוּ בְּקוֹל גָּדוֹל אֶל־יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם׃
וַיֹּאמְרוּ הַלְוִיִּם יֵשׁוּעַ וְקַדְמִיאֵל בָּנִי חֲשַׁבְנְיָה שֵׁרֵבְיָה ה
הוֹדִיָּה שְׁבַנְיָה פְתַחְיָה קוּמוּ בָּרְכוּ אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם מִן־
הָעוֹלָם עַד־הָעוֹלָם וִיבָרְכוּ שֵׁם כְּבֹדֶךָ וּמְרוֹמַם עַל־כָּל־
בְּרָכָה וּתְהִלָּה׃ אַתָּה־הוּא יְהוָה לְבַדֶּךָ אַתְּ עָשִׂיתָ אֶת־ 6
הַשָּׁמַיִם שְׁמֵי הַשָּׁמַיִם וְכָל־צְבָאָם הָאָרֶץ וְכָל־אֲשֶׁר עָלֶיהָ
הַיַּמִּים וְכָל־אֲשֶׁר בָּהֶם וְאַתָּה מְחַיֶּה אֶת־כֻּלָּם וּצְבָא
הַשָּׁמַיִם לְךָ מִשְׁתַּחֲוִים׃ אַתָּה הוּא יְהוָה הָאֱלֹהִים אֲשֶׁר 7
בָּחַרְתָּ בְּאַבְרָם וְהוֹצֵאתוֹ מֵאוּר כַּשְׂדִּים וְשַׂמְתָּ שְּׁמוֹ
אַבְרָהָם׃ וּמָצָאתָ אֶת־לְבָבוֹ נֶאֱמָן לְפָנֶיךָ וְכָרוֹת עִמּוֹ 8
הַבְּרִית לָתֵת אֶת־אֶרֶץ הַכְּנַעֲנִי הַחִתִּי הָאֱמֹרִי וְהַפְּרִזִּי
וְהַיְבוּסִי וְהַגִּרְגָּשִׁי לָתֵת לְזַרְעוֹ וַתָּקֶם אֶת־דְּבָרֶיךָ כִּי צַדִּיק
אָתָּה׃ וַתֵּרֶא אֶת־עֳנִי אֲבֹתֵינוּ בְּמִצְרָיִם וְאֶת־זַעֲקָתָם שָׁמַעְתָּ 9
עַל־יַם־סוּף׃ וַתִּתֵּן אֹתֹת וּמֹפְתִים בְּפַרְעֹה וּבְכָל־עֲבָדָיו י
וּבְכָל־עַם אַרְצוֹ כִּי יָדַעְתָּ כִּי הֵזִידוּ עֲלֵיהֶם וַתַּעַשׂ־לְךָ שֵׁם
כְּהַיּוֹם הַזֶּה׃ וְהַיָּם בָּקַעְתָּ לִפְנֵיהֶם וַיַּעַבְרוּ בְתוֹךְ־הַיָּם 11
בַּיַּבָּשָׁה וְאֶת־רֹדְפֵיהֶם הִשְׁלַכְתָּ בִמְצוֹלֹת כְּמוֹ־אֶבֶן בְּמַיִם
עַזִּים׃ וּבְעַמּוּד עָנָן הִנְחִיתָם יוֹמָם וּבְעַמּוּד אֵשׁ לַיְלָה 12
לְהָאִיר לָהֶם אֶת־הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר יֵלְכוּ־בָהּ׃ וְעַל הַר־סִינַי 13
יָרַדְתָּ וְדַבֵּר עִמָּהֶם מִשָּׁמָיִם וַתִּתֵּן לָהֶם מִשְׁפָּטִים יְשָׁרִים
וְתוֹרוֹת אֱמֶת חֻקִּים וּמִצְוֹת טוֹבִים׃ וְאֶת־שַׁבַּת קָדְשְׁךָ 14
הוֹדַעְתָּ לָהֶם וּמִצְווֹת וְחֻקִּים וְתוֹרָה צִוִּיתָ לָהֶם בְּיַד מֹשֶׁה
עַבְדֶּךָ׃ וְלֶחֶם מִשָּׁמַיִם נָתַתָּה לָהֶם לִרְעָבָם וּמַיִם מִסֶּלַע טו
הוֹצֵאתָ לָהֶם לִצְמָאָם וַתֹּאמֶר לָהֶם לָבוֹא לָרֶשֶׁת אֶת־
הָאָרֶץ אֲשֶׁר־נָשָׂאתָ אֶת־יָדְךָ לָתֵת לָהֶם׃ וְהֵם וַאֲבֹתֵינוּ 16
הֵזִידוּ וַיַּקְשׁוּ אֶת־עָרְפָּם וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל־מִצְוֹתֶיךָ׃ וַיְמָאֲנוּ 17
לִשְׁמֹעַ וְלֹא־זָכְרוּ נִפְלְאֹתֶיךָ אֲשֶׁר עָשִׂיתָ עִמָּהֶם וַיַּקְשׁוּ אֶת־

ערפם

5. ▼ כציל דמי בפתח 6. ▼ אתה קרי

קדמיאל, שבניה, בני, שרביה, בני און כנני — און האָבען הויך אויסגע־
שריען א לויב־געזאַנג צו זייער גאָט.

5 די לוים — ישוע, קדמיאל, בני, חשבניה, שרביה, הודיה, שבניה און
פתחיה — האָבען אַזוי געזאָגט: „שטעלט אייך! דאַנקט אייער גאָט
פון איין עק וועלט ביז'ן צווייטען, אום אַלע זאָלען לויבען דיין עהרען־
נאָמען, וועלכער איז העכער פאַר דאַנק און לויב;

6 דו, אָה גאָט, ביזט אונפערגלייכליך — דו האָסט געמאַכט די הימלען,
די אָבער־הימלען מיט אַלע הערשאַרען זייערע, די ערד מיט אַלעס וואָס
אויף איהר און די ימים מיט אַלעס וואָס אין זיי; דו בעלעבסט זיי אַלע־
מען און אַלע הימעל־הערשאַרען בוקען זיך צו דיר.

7 דו, אָה גאָט, האָסט אויסגעקליבען אברם'ן, האָסט איהם אַרויסגענו־
מען פון אור־כשדים און איבערגעמאַכט זיין נאָמען „אברהם".

8 זיין הארץ האָסטו געפונען טריי פאַר דיר מיט איהם א בונד צו שניידען
אָבצוגעבען די לאַנד פון כנעני, חתי, אמרי, פרזי, יבוסי און גרגשי, אָב־
צוגעבען צו זיינע קינדער. דו האָסט אויך וואָרט געהאַלטען — דו ביזט
דאָך רעכטפאַרטיג!

9 דו האָסט צוגעזעהען דעם עלענד פון אונזער אור־עלטערן אין מצרים, און
געהערט זייער געשריי ביי'ן ים־סוף.

10 דו האָסט געגעבען צייכען און וואונדער אויף פרעה'ן, אויף אַלע זיינע
קנעכט און אויף דעם גאַנצען פאָלק פון זיין לאַנד, וואָרים דו האָסט גע־
וואוסט אַז זיי זיינען מוטהווילליג קעגען זיי; דו האָסט דיר געמאַכט
א גרויסען נאָמען, אַזוי ווי עס איז היינט.

11 דו האָסט פאַר זיי געשפּאַלטען דאָס ים, און זיי זיינען אַריבערגעגאַנגען
דעם ים ווי אויף דער טריקענים, אָבער זייערע נאָכיאָגערס האָסטו
אַריינגעוואָרפען אין דער טיפענים, ווי א שטיין אין שטאַרקע וואַסערן.

12 אויף מיט א וואָלקענדיגען זייל האָסטו זיי געפיהרט ביי טאָג, און מיט
א פייער זייל ביי נאַכט, אום צו בעלייכטען זיי דעם וועג אויף וועלכען
זיי זיינען געגאַנגען.

13 אויפ'ן בארג סיני ביזטו אראָב, גערעדט מיט זיי און געגעבען זיי ריכ־
טיגע רעכטע, וואהרע לעהרען, גוטע געזעצען און בעפעהלען.

14 דו האָסט זיי בעקאַנט געמאַכט דיין הייליגען שבת; בעפעהלען, געזעצען
און לעהרע האָסטו זיי געבאָטען דורך דיין קנעכט משה.

15 ברויט פון הימעל האָסטו זיי געגעבען ווען זיי זיינען הונגעריג געווען,
וואַסער פון שטיין האָסטו זיי אַרויסגעבראַכט ווען זיי זיינען דאָרשטיג גע־
ווען; דו האָסט זיי אויך געהייסען געהן בעזיצען דאָס לאַנד, וואָס דו
האָסט דיין האַנד אויפגעהייבען זיי עס אַוועק צו געבען.

16 אָבער זיי און זייערע עלטערן זיינען שלעכט געוועזען — זיי האָבען
זייער נאַקען הארט געמאַכט, און האָבען ניט געוואָלט צוהערען דיינע
בעפעהלען,

17 זיי האָבען עס ניט געוואָלט הערען, און זיי האָבען ניט געדיינקט דיינע
וואונדער וואָס דו האָסט מיט זיי געטהון, זיי האָבען הארט געמאַכט
זייער נאַקען, און האָבען זיך געמאַכט א פיהרער צוריק צו געהן צו זייער

עָרְפָּם וַיִּתְּנוּ־רֹאשׁ לָשׁוּב לְעַבְדֻתָם בְּמִרְיָם וְאַתָּה אֱלוֹהַּ
סְלִיחוֹת חַנּוּן וְרַחוּם אֶרֶךְ־אַפַּיִם וְרַב־וְחֶסֶד וְלֹא עֲזַבְתָּם׃
18 אַף כִּי־עָשׂוּ לָהֶם עֵגֶל מַסֵּכָה וַיֹּאמְרוּ זֶה אֱלֹהֶיךָ אֲשֶׁר
19 הֶעֶלְךָ מִמִּצְרָיִם וַיַּעֲשׂוּ נֶאָצוֹת גְּדֹלוֹת׃ וְאַתָּה בְּרַחֲמֶיךָ
הָרַבִּים לֹא עֲזַבְתָּם בַּמִּדְבָּר אֶת־עַמּוּד הֶעָנָן לֹא־סָר
מֵעֲלֵיהֶם בְּיוֹמָם לְהַנְחֹתָם בְּהַדֶּרֶךְ וְאֶת־עַמּוּד הָאֵשׁ
כ בְּלַיְלָה לְהָאִיר לָהֶם וְאֶת־הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר יֵלְכוּ־בָהּ׃ וְרוּחֲךָ
הַטּוֹבָה נָתַתָּ לְהַשְׂכִּילָם וּמַנְךָ לֹא־מָנַעְתָּ מִפִּיהֶם וּמַיִם
21 נָתַתָּה לָהֶם לִצְמָאָם׃ וְאַרְבָּעִים שָׁנָה כִּלְכַּלְתָּם בַּמִּדְבָּר
22 לֹא חָסֵרוּ שַׂלְמֹתֵיהֶם לֹא בָלוּ וְרַגְלֵיהֶם לֹא בָצֵקוּ׃ וַתִּתֵּן
לָהֶם מַמְלָכוֹת וַעֲמָמִים וַתַּחְלְקֵם לְפֵאָה וַיִּירְשׁוּ אֶת־אֶרֶץ
סִיחוֹן וְאֶת־אֶרֶץ מֶלֶךְ חֶשְׁבּוֹן וְאֶת־אֶרֶץ עוֹג מֶלֶךְ־הַבָּשָׁן׃
23 וּבְנֵיהֶם הִרְבִּיתָ כְּכֹכְבֵי הַשָּׁמָיִם וַתְּבִיאֵם אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־
24 אָמַרְתָּ לַאֲבֹתֵיהֶם לָבוֹא לָרָשֶׁת׃ וַיָּבֹאוּ הַבָּנִים וַיִּירְשׁוּ
אֶת־הָאָרֶץ וַתַּכְנַע לִפְנֵיהֶם אֶת־יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ הַכְּנַעֲנִים
וַתִּתְּנֵם בְּיָדָם וְאֶת־מַלְכֵיהֶם וְאֶת־עַמְמֵי הָאָרֶץ לַעֲשׂוֹת
כה בָּהֶם כִּרְצוֹנָם׃ וַיִּלְכְּדוּ עָרִים בְּצֻרוֹת וַאֲדָמָה שְׁמֵנָה
וַיִּירְשׁוּ בָּתִּים מְלֵאִים־כָּל־טוּב בֹּרוֹת חֲצוּבִים כְּרָמִים
וְזֵיתִים וְעֵץ מַאֲכָל לָרֹב וַיֹּאכְלוּ וַיִּשְׂבְּעוּ וַיַּשְׁמִינוּ וַיִּתְעַדְּנוּ
26 בְּטוּבְךָ הַגָּדוֹל׃ וַיַּמְרוּ וַיִּמְרְדוּ בָּךְ וַיַּשְׁלִכוּ אֶת־תּוֹרָתְךָ
אַחֲרֵי גַוָּם וְאֶת־נְבִיאֶיךָ הָרָגוּ אֲשֶׁר־הֵעִידוּ בָם לַהֲשִׁיבָם
27 אֵלֶיךָ וַיַּעֲשׂוּ נֶאָצוֹת גְּדוֹלֹת׃ וַתִּתְּנֵם בְּיַד צָרֵיהֶם וַיָּצֵרוּ
לָהֶם וּבְעֵת צָרָתָם יִצְעֲקוּ אֵלֶיךָ וְאַתָּה מִשָּׁמַיִם תִּשְׁמָע
וּכְרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים תִּתֵּן לָהֶם מוֹשִׁיעִים וְיוֹשִׁיעוּם מִיַּד
28 צָרֵיהֶם׃ וּכְנוֹחַ לָהֶם יָשׁוּבוּ לַעֲשׂוֹת רַע לְפָנֶיךָ וַתַּעַזְבֵם
בְּיַד אֹיְבֵיהֶם וַיִּרְדּוּ בָהֶם וַיָּשׁוּבוּ וַיִּזְעָקוּךָ וְאַתָּה מִשָּׁמַיִם
29 תִּשְׁמַע וְתַצִּילֵם כְּרַחֲמֶיךָ רַבּוֹת עִתִּים׃ וַתָּעַד בָּהֶם

להשיבם

v. 17. יתיר ו   v. 26. קמץ בז״ק   v. 27. קמץ בז״ק

קנעכטשאפט אין זייער ווידערשפעניגקייט; אָבער דו ביזט דאָך אַפּער־
געבליכער גאָט, אַ לייטזעליגער און באַרעמהערציגער, אַ לאַנג־מוטהי־
גער און פיעל־גנאדיגער — האָסטו זיי ניט פערלאָזען,

18 אָבוואָהל זיי האָבען זיך געמאַכט אַ געגאָסענעם קאַלב, און האָבען גע־
זאָגט: „דאָס איז דיין גאָט וואָס האָט דיך ארויסגעבראַכט פון מצרים",
און האָבען געטהון נאָך גרויסע דערצאָרנונגען.

19 אָבער דו מיט דיין גרויסע באַרמהערציגקייט האָסט זיי ניט פערלאָזען
אין דער מדבר, די וואָלקען־זייל איז פון זיי ניט אַוועק צו פיהרען זיי
אויפ'ן וועג ביי טאָג, און דער פייער־זייל צו בעלייכטען זיי ביי נאַכט
דעם וועג אויף וועלכען זיי זיינען געגאַנגען.

20 און דו האָסט אויך געגעבען דיין גוטען גייסט זיי קלוג צו מאַכען, און
דיין מן האָסט דו פון זייער מויל ניט פערמיטען, און געגעבען זיי וואַ־
סער פאַר זייער דורשט.

21 און דו האָסט זיי געשפּייזט פערציג יאָהר אין דער מדבר, זיי האָט גאָר־
ניט געפעהלט, זייערע קליידער זיינען ניט פערפוילט געוואָרען, און זייע־
רע פיס זיינען ניט געשוואָלען געוואָרען.

22 דו האָסט זיי געגעבען קעניגרייכען און פעלקער, דו האָסט זיי אָפּ־
געטהיילט אין אַ בעזונדערען ווינקעל, און זיי האָבען אָבגענומען דאָס
לאַנד פון סיחון און דאָס לאַנד פון דעם קעניג פון חשבון, און דאָס לאַנד
פון עוג קעניג פון בשן.

23 זייערע קינדער האָסטו פערמעהרט אַזוי ווי די שטערן פון הימעל, און
דו האָסט זיי אריינגעבראַכט אין דעם לאַנד וואָס דו האָסט צוגעזאָגט
זייערע עלטערן, אַז זיי וועלען קומען, און בעזיצען עס.

24 די קינדער זיינען געקומען און בעזעסען דאָס לאַנד, דו האָסט די כנענים,
די בעוואוינער פון דעם לאַנד אונטערטהעניג געמאַכט פאַר זיי, האָסט
זיי איבערגעגעבען אין זייער האַנד, מיט זייערע קעניגע, די פעלקער
פון לאַנד, מיט זיי צו טהון נאָך זייער ווילען.

25 זיי האָבען איינגענומען שטאַרקע שטעדט און אַ פעטע לאַנד, און האָ־
בען צוגענומען הייזער פול מיט אַלעם גוטען, אויסגעגראָבענע בריני־
מער, וויינגערטענער, איילבערטען און זעהר פיעלע פרוכט־ביימער. זיי
האָבען געגעסען, זאַט געוואָרען, און פעט געוואָרען, און זיי האָבען
געהאַט גרויס פערגניגען דורך דיין גרויסע גוטקייט.

26 אָבער זיי האָבען זיך געביטען און קעגען דיר ווידערשפּעניג; האָבען
דיינע תורה הינטער זיך געוואָרפען, און דיינע נביאים וואָס האָבען
זיי מוסר געזאָגט אַז זיי זאָלען זיך צו דיר ווידער אומקעהרען האָבען זיי
גע'הרג'עט און זיי האָבען גרויסע דערצאָרנונגען געטהון.

27 האָסטו זיי איבערגעגעבען אין די הענד פון זייערע פיינד, און זיי האָ־
בען זיי ענג געמאַכט, אָבער אין דער צייט פון זייער צרה שרייען זיי
צו דיר, און דו האָסט זייער געשריי געהערט פון דעם הימעל, און
אין דיינע גרויסע באַרמהערציגקייט האָסטו זיי געגעבען העלפערס, וואָס
האָבען זיי געהאָלפען פון די האַנד פון זייערע פיינד.

28 ווי זיי ווערט רוהיגער, טהוען זיי ווידער שלעכטס געגען דיר. לאָזטו
זיי איבער אין די הענד פון זייערע פיינד וועלכע בעהערשען זיי, שרייען
זיי ווידער צו דיר און דו הערסט פון הימעל און רעטעסט זיי מיט דיין
באַרעמהערציגקייט פיעלע מאָהל.

29 דו וואָרענסט זיי — זיי זאָלען זיך קעהרען צו דיין לעהרע און זיי,

לַהֲשִׁיבָם אֶל־תּוֹרָתֶךָ וְהֵמָּה הֵזִידוּ וְלֹא־שָׁמְעוּ לְמִצְוֺתֶיךָ
וּבְמִשְׁפָּטֶיךָ חָטְאוּ־בָם אֲשֶׁר־יַעֲשֶׂה אָדָם וְחָיָה בָהֶם וַיִּתְּנוּ
ל כָתֵף סוֹרֶרֶת וְעָרְפָּם הִקְשׁוּ וְלֹא שָׁמֵעוּ׃ וַתִּמְשֹׁךְ עֲלֵיהֶם
שָׁנִים רַבּוֹת וַתָּעַד בָּם בְּרוּחֲךָ בְּיַד־נְבִיאֶיךָ וְלֹא הֶאֱזִינוּ
31 וַתִּתְּנֵם בְּיַד עַמֵּי הָאֲרָצֹת׃ וּבְרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים לֹא־עֲשִׂיתָם
32 כָּלָה וְלֹא עֲזַבְתָּם כִּי אֵל־חַנּוּן וְרַחוּם אָתָּה׃ וְעַתָּה אֱלֹהֵינוּ
הָאֵל הַגָּדוֹל הַגִּבּוֹר וְהַנּוֹרָא שׁוֹמֵר הַבְּרִית וְהַחֶסֶד אַל־
יִמְעַט לְפָנֶיךָ אֵת כָּל־הַתְּלָאָה אֲשֶׁר־מְצָאַתְנוּ לִמְלָכֵינוּ
לְשָׂרֵינוּ וּלְכֹהֲנֵינוּ וְלִנְבִיאֵנוּ וְלַאֲבֹתֵינוּ וּלְכָל־עַמֶּךָ מִימֵי
33 מַלְכֵי אַשּׁוּר עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ וְאַתָּה צַדִּיק עַל כָּל־הַבָּא
34 עָלֵינוּ כִּי־אֱמֶת עָשִׂיתָ וַאֲנַחְנוּ הִרְשָׁעְנוּ׃ וְאֶת־מְלָכֵינוּ
שָׂרֵינוּ כֹּהֲנֵינוּ וַאֲבֹתֵינוּ לֹא עָשׂוּ תּוֹרָתֶךָ וְלֹא הִקְשִׁיבוּ אֶל־
לה מִצְוֺתֶיךָ וּלְעֵדְוֺתֶיךָ אֲשֶׁר הַעִידֹתָ בָּהֶם׃ וְהֵם בְּמַלְכוּתָם
וּבְטוּבְךָ הָרָב אֲשֶׁר־נָתַתָּ לָהֶם וּבְאֶרֶץ הָרְחָבָה וְהַשְּׁמֵנָה
אֲשֶׁר־נָתַתָּ לִפְנֵיהֶם לֹא עֲבָדוּךָ וְלֹא־שָׁבוּ מִמַּעַלְלֵיהֶם
36 הָרָעִים׃ הִנֵּה אֲנַחְנוּ הַיּוֹם עֲבָדִים וְהָאָרֶץ אֲשֶׁר־נָתַתָּה
לַאֲבֹתֵינוּ לֶאֱכֹל אֶת־פִּרְיָהּ וְאֶת־טוּבָהּ הִנֵּה אֲנַחְנוּ עֲבָדִים
37 עָלֶיהָ׃ וּתְבוּאָתָהּ מַרְבָּה לַמְּלָכִים אֲשֶׁר־נָתַתָּה עָלֵינוּ
בְּחַטֹּאותֵינוּ וְעַל־גְּוִיֹּתֵינוּ מֹשְׁלִים וּבִבְהֶמְתֵּנוּ כִּרְצוֹנָם וּבְצָרָה
גְדוֹלָה אֲנָחְנוּ׃

## י CAP. X. י

א וּבְכָל־זֹאת אֲנַחְנוּ כֹּרְתִים אֲמָנָה וְכֹתְבִים וְעַל הֶחָתוּם
2 שָׂרֵינוּ לְוִיֵּנוּ כֹּהֲנֵינוּ׃ וְעַל הַחֲתוּמִים נְחֶמְיָה הַתִּרְשָׁתָא
3 4 בֶּן־חֲכַלְיָה וְצִדְקִיָּה׃ שְׂרָיָה עֲזַרְיָה יִרְמְיָה׃ פַּשְׁחוּר
ה 6 אֲמַרְיָה מַלְכִּיָּה׃ חַטּוּשׁ שְׁבַנְיָה מַלּוּךְ׃ חָרִם מְרֵמוֹת
7 8 עֹבַדְיָה׃ דָּנִיֵּאל גִּנְּתוֹן בָּרוּךְ׃ מְשֻׁלָּם אֲבִיָּה מִיָּמִן׃ מַעַזְיָה
9 י בִּלְגַּי שְׁמַעְיָה אֵלֶּה הַכֹּהֲנִים׃ וְהַלְוִיִּם וְיֵשׁוּעַ בֶּן־אֲזַנְיָה
11 בִּנּוּי מִבְּנֵי חֵנָדָד קַדְמִיאֵל׃ וַאֲחֵיהֶם שְׁבַנְיָה הוֹדִיָּה

מוטהווילינגערהייד, הערען ניט דיינע בעפעהלען און פערברעכען קעגען
דיינע רעכטע, וועלכע א מענש דארף טהאָן און לעבען אין זיי; זיי
גיבען אן אבקעהרענדע אקסעל — האָבען הארט געמאכט זייער נאקען
און הערען ניט.
30 פיעל יאָהרען האָסטו זיי געדולדעט מיט דיין גייסט, האָסט זיי געוואָרענט
דורך דיינע פּראָפעטען און זיי האָבען ניט געהאָרכט, ביז דו האָסט זיי
איבערגעגעבען אין האנד ביי די פעלקער פון די לענדער.
31 איבער דיין גרויס בארמהערציגקייט האָסט זיי ניט פארניכטעט און ניט
פערלאָזען — דו ביזט דאָך א לייטזעליגער און בארעמהערציגער גאָט!
32 יעצט, אונזער גאָט! דער גאָט וואָס איז גרויס, שטארק און שרעקליך,
וואָס היט דעם בונד און די פריינדליכקייט, זאָל ביי דיר ניט קליין זיין די
מידקייט וואָס האָט אונז געטראָפען, אויך אונזערע קעניגען, פירסטען,
כהנים, נביאים, אונזערע אור־עלטערן און דיין גאנצע פאָלק זינט אשור׳ס
קעניגע ביז היינט.
33 דו ביזט גערעכט אין אלעם וואָס איז אויף אונז געקומען — דו האָסט
ריכטיג געטהאָן, נאָר מיר האָבען געזינדיגט.
34 אונזערע קעניגען, פירסטען, כהנים און אור־עלטערן האָבען ניט געטהאָן
ווי דיין לעהרע, האָבען ניט געהערט דיינע בעפעהלען אוןווארנונגען וואָס
דו האָסט זיי געוואָרענט.
35 זיי האָבען דיר ניט געדיענט קעניגענדיג, אין די גערוימע און פעטע
לאנד וואָס דו האָסט זיי געגעבען; זאָגאר אין די פיעל גוטס וואָס דו
האָסט זיי געגעבען — זיי האָבען ניט אויפגעהערט זייערע שלעכטע
טהאטען.
36 אָט זיינען מיר יעצט קנעכט! אין די גוטע לאנד וואָס דו האָסט אונז
געגעבען איהר פרוכט צו עסען און איהר גוטס געניסען — אין איהר זיי־
נען מיר קנעכט...
37 איהרע פיעל פּראָדוקטען געהערען די קעניגע וואָס דו זעצט איבער אונז
דורך אונזער זינד; זאָגאר אויף אונזערע קערפּערס און פיה הערשען
זיי ווי זיי ווילען, און מיר זיינען אין גרויס אונטערדריקונג.

## קאפּיטעל י

1 נאָך דאָס אלעם האָבען מיר געשלאָסען אן אָבמאָך, וועלכען עס האָבען
אונטערגעשריבען אונזערע פירסטען, לוים און כהנים;
2 אונטער די אונטערגעשריבענע — נחמיה, דער תרשתא חכליה׳ס זוהן און
צדקיה,
3 שריה, עזריה, ירמיה,
4 פשחור, אמריה, מלכיה,
5 חטוש, שבניה, מלוך,
6 חרם, מרמות, עובדיה,
7 דניאל, גנתון, ברוך,
8 משלם, אביה, מימן,
9 מעזיה, בלגי, שמעיה, — דאָס זיינען די כהנים.
10 און די לוים: ישוע, אזניה׳ס זוהן בנוי, פון חנדד׳ס קינדער קדמיאל;
11 מיט זייערע קינדער: שבניה, הודיה, קליטא, פלאיה, חנן,

קְלִיטָא פְלָאיָה חָנָן׃ מִיכָא רְחוֹב חֲשַׁבְיָה׃ זַכּוּר שֵׁרֵבְיָה 12 13
שְׁבַנְיָה׃ הוֹדִיָּה בָנִי בְּנִינוּ׃ רָאשֵׁי הָעָם פַּרְעֹשׁ פַּחַת 14 טו
מוֹאָב עֵילָם זַתּוּא בָּנִי׃ בֻּנִּי עַזְגָּד בֵּבָי׃ אֲדֹנִיָּה בִגְוַי 16 17
עָדִין׃ אָטֵר חִזְקִיָּה עַזּוּר׃ הוֹדִיָּה חָשֻׁם בֵּצָי׃ חָרִיף 18 19
עֲנָתוֹת נובָי׃ מַגְפִּיעָשׁ מְשֻׁלָּם חֵזִיר׃ מְשֵׁיזַבְאֵל צָדוֹק כ 21
יַדּוּעַ׃ פְּלַטְיָה חָנָן עֲנָיָה׃ הוֹשֵׁעַ חֲנַנְיָה חַשּׁוּב׃ הַלּוֹחֵשׁ 22 23
פִּלְחָא שׁוֹבֵק׃ רְחוּם חֲשַׁבְנָה מַעֲשֵׂיָה׃ וַאֲחִיָּה חָנָן 24 כה
עָנָן׃ מַלּוּךְ חָרִם בַּעֲנָה׃ וּשְׁאָר הָעָם הַכֹּהֲנִים הַלְוִיִּם 26 27
הַשּׁוֹעֲרִים הַמְשֹׁרְרִים הַנְּתִינִים וְכָל־הַנִּבְדָּל מֵעַמֵּי הָאֲרָצוֹת 28
אֶל־תּוֹרַת הָאֱלֹהִים נְשֵׁיהֶם בְּנֵיהֶם וּבְנֹתֵיהֶם כֹּל יוֹדֵעַ 29
מֵבִין׃ מַחֲזִיקִים עַל־אֲחֵיהֶם אַדִּירֵיהֶם וּבָאִים בְּאָלָה ל
וּבִשְׁבוּעָה לָלֶכֶת בְּתוֹרַת הָאֱלֹהִים אֲשֶׁר נִתְּנָה בְּיַד מֹשֶׁה
עֶבֶד־הָאֱלֹהִים וְלִשְׁמוֹר וְלַעֲשׂוֹת אֶת־כָּל־מִצְוֹת יְהוָה
אֲדֹנֵינוּ וּמִשְׁפָּטָיו וְחֻקָּיו׃ וַאֲשֶׁר לֹא־נִתֵּן בְּנֹתֵינוּ לְעַמֵּי 31
הָאָרֶץ וְאֶת־בְּנֹתֵיהֶם לֹא נִקַּח לְבָנֵינוּ׃ וְעַמֵּי הָאָרֶץ 32
הַמְבִיאִים אֶת־הַמַּקָּחוֹת וְכָל־שֶׁבֶר בְּיוֹם הַשַּׁבָּת לִמְכּוֹר
לֹא־נִקַּח מֵהֶם בַּשַּׁבָּת וּבְיוֹם קֹדֶשׁ וְנִטֹּשׁ אֶת־הַשָּׁנָה
הַשְּׁבִיעִית וּמַשָּׁא כָל־יָד׃ וְהֶעֱמַדְנוּ עָלֵינוּ מִצְוֹת לָתֵת 33
עָלֵינוּ שְׁלִשִׁית הַשֶּׁקֶל בַּשָּׁנָה לַעֲבֹדַת בֵּית אֱלֹהֵינוּ׃
לְלֶחֶם הַמַּעֲרֶכֶת וּמִנְחַת הַתָּמִיד וּלְעוֹלַת הַתָּמִיד הַשַּׁבָּתוֹת 34
הֶחֳדָשִׁים לַמּוֹעֲדִים וְלַקֳּדָשִׁים וְלַחַטָּאוֹת לְכַפֵּר עַל־
יִשְׂרָאֵל וְכֹל מְלֶאכֶת בֵּית־אֱלֹהֵינוּ׃ וְהַגּוֹרָלוֹת הִפַּלְנוּ עַל־ לה
קֻרְבַּן הָעֵצִים הַכֹּהֲנִים הַלְוִיִּם וְהָעָם לְהָבִיא לְבֵית אֱלֹהֵינוּ
לְבֵית־אֲבֹתֵינוּ לְעִתִּים מְזֻמָּנִים שָׁנָה בְשָׁנָה לְבַעֵר עַל־מִזְבַּח
יְהוָה אֱלֹהֵינוּ כַּכָּתוּב בַּתּוֹרָה׃ וּלְהָבִיא אֶת־בִּכּוּרֵי 36
אַדְמָתֵנוּ וּבִכּוּרֵי כָּל־פְּרִי כָל־עֵץ שָׁנָה בְשָׁנָה לְבֵית יְהוָה׃
וְאֶת־בְּכֹרוֹת בָּנֵינוּ וּבְהֶמְתֵּנוּ כַּכָּתוּב בַּתּוֹרָה וְאֶת־בְּכוֹרֵי 37

בקרינו

v. 20. ניבי קרי v. 32. בשין ימנית v. 35. כצ״ל בקמץ

12 מיכא, רחוב, חשביה,
13 זכור, שרביה, שבניה,
14 הודיה, בני, בנינו.
15 די הויפט־לייט פון פאלק: פרעוש, פחת־מואב, עילם, זתוא, בני,
16 בני, עזגד, בבי,
17 אדוניה, בגוי, עדין,
18 אטר, חזקיה, עזור,
19 הודיה, חשם, בצי,
20 חריף, ענתות, ניבי,
21 מגפיעש, משלם, חזיר,
22 משיזבאל, צדוק, ידוע,
23 פלטיה, חנן, עניה,
24 הושע, חנניה, חשוב,
25 הלוחש, פלחא, שובק,
26 רחום, חשבנה, מעשיה,
27 אחיה חנן, ענן,
28 מלוך, חרם, בענה.

29 און דאס איבריגע פון פאלק — די כהנים, לוים, טהויער־היטערס, זינגערס, טעמפעלדיענער, און איטליכער וואס האט זיך אפגעשייד פון די פעלקער פון די לענדער צו גאט׳ס לעהרע, זייערע ווייבער, זיהן און טעכטער, איטליכער וואס האט עפעס געוואוסט צו פערשטעהן,

30 האבען געהאלטען מיט זייערע פארנעהמע ברידער און געקומען מיט א פלוך פערשווערונג צו געהן אין גאט׳ס לעהרע, וואס איז געגעבען דורך משה׳ן, גאט׳ס דיענער, צו היטען און טהאן אלע בעפעהלען פון אונזער הער גאט, אויך זיינע רעכטע און געזעצען.

31 אז מיר זאלען ניט געבען אונזערע טעכטער צו די פעלקער פון לאנד, און זייערע טעכטער זאלען מיר ניט נעהמען פאר אונזערע זיהן,

32 און די פעלקער פון לאנד וועלכע ברייננגען וואַרע און פערשיעדענע לעבענס־מיטעל אום שבת צום פערקויפען, זאלען מיר פון זיי אום שבת און הייליגען טאג ניט קויפען און פריי לאזען אין׳ם שביעית־יאהר יעדער אנלייהע.

33 מיר האבען אויך גענומען אויף אונז בעפעהלען, מען זאל ביי אונז געבען יאהרליך א דריטעל שקל צום דיענסט פון אונזער גאט׳ס הויז,

34 פאר׳ן צוגעגרייטען ברויט, שטענדיג שפייז־אפפער, שטענדיגען בראנד־אפפער, שבת׳דיגע, מאנאטליכע, פייערטעגליכע, הייליגקייטען און זינד־אפפערס צו פארגעבען פאר ישראל; אויך צום אויסהאלטען אונזער גאט׳ס הויז.

35 אויך האבען מיר גורל געווארפען אויף די כהנים, לוים און דאס פאלק צו ברייננגען דעם האלץ אפפער צו אונזער גאט׳ס הויז, וואס אונזערע עלטערן נאך האבען געבויט, יאהר יאהרליך אין בעשטימטע צייטען, צו ברענגען אויפ׳ן מזבח פון אונזער גאט, ווי עס איז געשריבען אין די תורה,

36 אויך צו ברייננגען יאהרליך די ערשט־צייטיגע ערד־פרוכט און פערשיעדענע בוים־פרוכט אין גאט׳ס הויז,

37 אויך די ערשטגעבוירענע פון אונזערע זיהן און פיך, פון אונזערע רינדער,

בִּקְרֵינוּ וְצֹאנֵינוּ לְהָבִיא לְבֵית אֱלֹהֵינוּ לַכֹּהֲנִים הַמְשָׁרְתִים
38 בְּבֵית אֱלֹהֵינוּ׃ וְאֶת־רֵאשִׁית עֲרִיסֹתֵינוּ וּתְרוּמֹתֵינוּ וּפְרִי
כָל־עֵץ תִּירוֹשׁ וְיִצְהָר נָבִיא לַכֹּהֲנִים אֶל־לִשְׁכוֹת בֵּית־
אֱלֹהֵינוּ וּמַעְשַׂר אַדְמָתֵנוּ לַלְוִיִּם וְהֵם הַלְוִיִּם הַמְעַשְּׂרִים
39 בְּכֹל עָרֵי עֲבֹדָתֵנוּ׃ וְהָיָה הַכֹּהֵן בֶּן־אַהֲרֹן עִם־הַלְוִיִּם
בַּעְשֵׂר הַלְוִיִּם וְהַלְוִיִּם יַעֲלוּ אֶת־מַעֲשַׂר הַמַּעֲשֵׂר לְבֵית
מ אֱלֹהֵינוּ אֶל־הַלְּשָׁכוֹת לְבֵית הָאוֹצָר׃ כִּי אֶל־הַלְּשָׁכוֹת
יָבִיאוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל וּבְנֵי הַלֵּוִי אֶת־תְּרוּמַת הַדָּגָן הַתִּירוֹשׁ
וְהַיִּצְהָר וְשָׁם כְּלֵי הַמִּקְדָּשׁ וְהַכֹּהֲנִים הַמְשָׁרְתִים וְהַשּׁוֹעֲרִים
וְהַמְשֹׁרְרִים וְלֹא נַעֲזֹב אֶת־בֵּית אֱלֹהֵינוּ׃

## יא Cap. XI. יא

א וַיֵּשְׁבוּ שָׂרֵי־הָעָם בִּירוּשָׁלָם וּשְׁאָר הָעָם הִפִּילוּ גוֹרָלוֹת
לְהָבִיא ׀ אֶחָד מִן־הָעֲשָׂרָה לָשֶׁבֶת בִּירוּשָׁלַם עִיר הַקֹּדֶשׁ
2 וְתֵשַׁע הַיָּדוֹת בֶּעָרִים׃ וַיְבָרֲכוּ הָעָם לְכֹל הָאֲנָשִׁים
3 הַמִּתְנַדְּבִים לָשֶׁבֶת בִּירוּשָׁלָם׃ וְאֵלֶּה רָאשֵׁי הַמְּדִינָה
אֲשֶׁר יָשְׁבוּ בִּירוּשָׁלָם וּבְעָרֵי יְהוּדָה יָשְׁבוּ אִישׁ בַּאֲחֻזָּתוֹ
בְּעָרֵיהֶם יִשְׂרָאֵל הַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם וְהַנְּתִינִים וּבְנֵי עַבְדֵי
4 שְׁלֹמֹה׃ וּבִירוּשָׁלַם יָשְׁבוּ מִבְּנֵי יְהוּדָה וּמִבְּנֵי בִנְיָמִן
מִבְּנֵי יְהוּדָה עֲתָיָה בֶּן־עֻזִּיָּה בֶּן־זְכַרְיָה בֶן־אֲמַרְיָה בֶּן־
ה שְׁפַטְיָה בֶּן־מַהֲלַלְאֵל מִבְּנֵי־פָרֶץ׃ וּמַעֲשֵׂיָה בֶן־בָּרוּךְ בֶּן־
כָּל־חֹזֶה בֶּן־חֲזָיָה בֶן־עֲדָיָה בֶן־יוֹיָרִיב בֶּן־זְכַרְיָה בֶּן־
6 הַשִּׁלֹנִי׃ כָּל־בְּנֵי־פֶרֶץ הַיֹּשְׁבִים בִּירוּשָׁלָם אַרְבַּע מֵאוֹת
7 שִׁשִּׁים וּשְׁמֹנָה אַנְשֵׁי־חָיִל׃ וְאֵלֶּה בְּנֵי בִנְיָמִן סַלֻּא
בֶּן־מְשֻׁלָּם בֶּן־יוֹעֵד בֶּן־פְּדָיָה בֶּן־קוֹלָיָה בֶּן־מַעֲשֵׂיָה בֶּן־
8 אִיתִיאֵל בֶּן־יְשַׁעְיָה׃ וְאַחֲרָיו גַּבַּי סַלָּי תְּשַׁע מֵאוֹת עֶשְׂרִים
9 וּשְׁמֹנָה׃ וְיוֹאֵל בֶּן־זִכְרִי פָּקִיד עֲלֵיהֶם וִיהוּדָה בֶן־הַסְּנוּאָה
י עַל־הָעִיר מִשְׁנֶה׃ מִן־הַכֹּהֲנִים יְדַעְיָה בֶן־יוֹיָרִיב
11 יָכִין׃ שְׂרָיָה בֶּן־חִלְקִיָּה בֶּן־מְשֻׁלָּם בֶּן־צָדוֹק בֶּן־מְרָיוֹת

און שעפּסען צו ברייננגען אין אונזער גאָט'ס הויז, ווי עס איז געשריבען אין תורה, פאר די כהנים וואָס זיינען בעשעפטיגט אין אונזער גאָט'ס הויז.

38 און דאָס ערשטע פון אונזערע טייג, אונזערע אבשיידונגען, אַלערליי בוים־פרוכט: וויין און אייל, זאָלען מיר ברייננגען צו די כהנים אין די צימערן פון אונזער גאָט'ס הויז, אויך אַ צעהנטעל פון אונזערע ערד־פרוכט פאר די לוים — זיי, די לוים — נעהמען אַ צעהנטעל אין אלע אונזערע אקערשטעטדט.

29 אַ כהן פון אהרן'ס אבשטאמונג זאָל מיט די לוים זיין ווען די לוים וועלען דעם צעהנטעל נעהמען; אַ צעהנטעל פון צעהנטעל זאָלען די לוים ברייננגען צו אונזער גאָט'ס הויז, אין די צימערן פון שאַץ־קאַמער.

40 אין די זעלבע צימערן זאָלען די קינדער ישראל און די קינדער פון די לוים ברענגען אין אבשיידונג פון קאָרן, וויין און אייל, דאָרטען זיינען אויך די געפעס פון היילינטהום. די כהנים, דיענער, טהויער־היטער און זינגער — אונזער גאָט'ס הויז זאָלען מיר ניט פערלאָזען.

## קאַפּיטעל יא

1 די הויפּט־לייט פון פאָלק האָבען געוואוינט אין ירושלים. און דאָס איבריגע פאָלק האָבען גורל געוואָרפען, צו ברענגען איינעם פון צעהן צו וואוינען אין ירושלים די הייליגע שטאָדט; ניין טהייל זאָלען וואוינען אין זייערע שטעדט.

2 און דאָס פאָלק האָבען געבענשט אַלע מענער וואָס האָבען וויליגליך איינגעשטימט צו וואוינען אין ירושלים.

3 די פּראָווינץ הויפטען וואָס האָבען געוואוינט אין ירושלים, און אין די שטעדט פון יהודה האָט איטליכער געוואוינט יעדער אין זיין בעזיץ אין זייערע שטעדט: ישראל'ים כהנים, לוים, נתינים, און די קינדער פון שלמה'ס קנעכט.

4 אין ירושלים האָבען געוואוינט פון יהודה'ס קינדער און פון בנימין'ס קינדער, פון יהודה'ס קינדער: עתיה זוהן פון עוזיה, זוהן פון זכריה, זוהן פון אמריה, זוהן פון שפטיה, זוהן פון מהללאל, פון פרץ'ס קינדער.

5 און מעשיה זוהן פון ברוך, זוהן פון כל־חוזה, זוהן פון חזיה, זוהן פון עדיה, זוהן פון יויריב, זוהן פון זכריה, זוהן פון השלוני.

6 אַלע אבשטאַמונגען פון פרץ וואָס האָבען געוואוינט אין ירושלים — פיער הונדערט אַכט און זעכציג שטאַרקע לייט.

7 און דיזע זיינען געוועזען די זיהן פון בנימין: סלוא זוהן פון משולם, זוהן פון יועד, זוהן פון פדיה, זוהן פון קוליה, זוהן פון מעשיה, זוהן פון איתיאל, זוהן פון ישעיה.

8 נאָך איהם: גבי, סלי — ניין הונדערט אַכט און צוואַנציג.

9 יואל זכרי'ס זוהן איז דער אויפזעהער איבער זיי, און יהודה זוהן פון הסנואה דער צווייטער איבער'ן שטאָדט.

10 פון די כהנים — ידעיה זוהן פון יויריב, יכין,

11 שריה זוהן פון חלקיה, זוהן פון משולם, זוהן פון צדוק, זוהן פון מריות, זוהן פון אחיטוב איז געוועזען דער אויפזעהער פון גאָט'ס הויז.

12 בֶּן־אֲחִטוּב נְגִד בֵּית הָאֱלֹהִים׃ וַאֲחֵיהֶם עֹשֵׂה הַמְּלָאכָה
לַבַּיִת שְׁמֹנֶה מֵאוֹת עֶשְׂרִים וּשְׁנָיִם וַעֲדָיָה בֶּן־יְרֹחָם בֶּן־
13 פְּלַלְיָה בֶּן־אַמְצִי בֶּן־זְכַרְיָה בֶּן־פַּשְׁחוּר בֶּן־מַלְכִּיָּה׃ וְאֶחָיו
רָאשִׁים לְאָבוֹת מָאתַיִם אַרְבָּעִים וּשְׁנָיִם וַעֲמַשְׁסַי בֶּן־עֲזַרְאֵל
14 בֶּן־אַחְזַי בֶּן־מְשִׁלֵּמוֹת בֶּן־אִמֵּר׃ וַאֲחֵיהֶם גִּבֹּרֵי חַיִל מֵאָה
עֶשְׂרִים וּשְׁמֹנָה וּפָקִיד עֲלֵיהֶם זַבְדִּיאֵל בֶּן־הַגְּדוֹלִים׃
טו וּמִן־הַלְוִיִּם שְׁמַעְיָה בֶן־חַשּׁוּב בֶּן־עַזְרִיקָם בֶּן־חֲשַׁבְיָה בֶּן־
16 בּוּנִּי׃ וְשַׁבְּתַי וְיוֹזָבָד עַל־הַמְּלָאכָה הַחִיצֹנָה לְבֵית הָאֱלֹהִים
17 מֵרָאשֵׁי הַלְוִיִּם׃ וּמַתַּנְיָה בֶן־מִיכָא בֶּן־זַבְדִּי בֶּן־אָסָף רֹאשׁ
הַתְּחִלָּה יְהוֹדֶה לַתְּפִלָּה וּבַקְבֻּקְיָה מִשְׁנֶה מֵאֶחָיו וְעַבְדָּא
18 בֶּן־שַׁמּוּעַ בֶּן־גָּלָל בֶּן־יְדִיתוּן׃ כָּל־הַלְוִיִּם בְּעִיר הַקֹּדֶשׁ
19 מָאתַיִם שְׁמֹנִים וְאַרְבָּעָה׃ וְהַשּׁוֹעֲרִים עַקּוּב טַלְמוֹן וַאֲחֵיהֶם
כ הַשֹּׁמְרִים בַּשְּׁעָרִים מֵאָה שִׁבְעִים וּשְׁנָיִם׃ וּשְׁאָר יִשְׂרָאֵל
21 הַכֹּהֲנִים הַלְוִיִּם בְּכָל־עָרֵי יְהוּדָה אִישׁ בְּנַחֲלָתוֹ׃ וְהַנְּתִינִים
22 יֹשְׁבִים בָּעֹפֶל וְצִיחָא וְגִשְׁפָּא עַל־הַנְּתִינִים׃ וּפְקִיד הַלְוִיִּם
בִּירוּשָׁלִַם עֻזִּי בֶּן־בָּנִי בֶּן־חֲשַׁבְיָה בֶּן־מַתַּנְיָה בֶּן־מִיכָא
23 מִבְּנֵי אָסָף הַמְשֹׁרְרִים לְנֶגֶד מְלֶאכֶת בֵּית־הָאֱלֹהִים׃ כִּי־
מִצְוַת הַמֶּלֶךְ עֲלֵיהֶם וַאֲמָנָה עַל־הַמְשֹׁרְרִים דְּבַר־יוֹם
24 בְּיוֹמוֹ׃ וּפְתַחְיָה בֶּן־מְשֵׁיזַבְאֵל מִבְּנֵי־זֶרַח בֶּן־יְהוּדָה לְיַד
כה הַמֶּלֶךְ לְכָל־דָּבָר לָעָם׃ וְאֶל־הַחֲצֵרִים בִּשְׂדֹתָם מִבְּנֵי
יְהוּדָה יָשְׁבוּ בְּקִרְיַת הָאַרְבַּע וּבְנֹתֶיהָ וּבְדִיבֹן וּבְנֹתֶיהָ
26 וּבִיקַבְצְאֵל וַחֲצֵרֶיהָ׃ וּבְיֵשׁוּעַ וּבְמֹלָדָה וּבְבֵית־פָּלֶט׃
27 28 וּבַחֲצַר שׁוּעָל וּבִבְאֵר שֶׁבַע וּבְנֹתֶיהָ׃ וּבְצִקְלַג וּבִמְכֹנָה
29 ל וּבִבְנֹתֶיהָ׃ וּבְעֵין רִמּוֹן וּבְצָרְעָה וּבְיַרְמוּת׃ זָנֹחַ עֲדֻלָּם
וְחַצְרֵיהֶם לָכִישׁ וּשְׂדֹתֶיהָ עֲזֵקָה וּבְנֹתֶיהָ וַיַּחֲנוּ מִבְּאֵר־
31 שֶׁבַע עַד־גֵּיא־הִנֹּם׃ וּבְנֵי בִנְיָמִן מִגָּבַע מִכְמָשׂ וְעַיָּה וּבֵית־
32 33 אֵל וּבְנֹתֶיהָ׃ עֲנָתוֹת נֹב עֲנָנְיָה׃ חָצוֹר ׀ רָמָה גִּתָּיִם׃

חדיד

v. 15. דגש אחר שורק   v. 17. ידותון קרי

12 און זייערע ברידער וואָס האָבען געטהון די ארבייט פון הויז — אכט
הונדערט צוויי און צוואַנציג; און עדיה זוהן פון ירוחם, זוהן פון פּליה,
זוהן פון אמצי, זוהן פון זכריה, זוהן פון פּשחור, זוהן פון מלכיה.
13 און זיינע ברידער, אָבער־הויפּטען — צוויי הונדערט צוויי און פערציג;
און עמשסי זוהן פון עזראל, זוהן פון אחזי, זוהן פון משלמות זוהן
פון אמר.
14 און זייערע ברידער, שטאַרקע לייט — הונדערט אכט און צוואַנציג, און
דער אויפזעהער איבער זיי — זבדיאל בן־הגדולים.
15 און פון די לוים — שמעיה זוהן פון חשוב, זוהן פון עזריקם, זוהן פון
חשביה, זוהן פון בוני.
16 שבתי, און יוזבד, פון די אָבער־לוים — איבער די אויסעווייניגסטע אר־
בייט פון גאָט'ס הויז.
17 מתניה זוהן פון מיכה, זוהן פון זבדי, זוהן פון אסף — דער הויפּט אנ־
פאַנגער ביי די געבעט — לויב־געזאַנגען, בקבקיה, פון זיינע ברידער —
דער צווייטער מיט עבדא זוהן פון שמוע, זוהן פון גלל, זוהן פון ידותון.
18 אַלע לוים אין דער הייליגער שטאָדט — צוויי הונדערט פיער און אכציג.
19 און די טהויער היטערס, עקוב, טלמון, און זייערע ברידער וואָס האָבען
געהיט די טהויערן — הונדערט צוויי און זיעבציג.
20 און די איבריגע פון ישראל, די כהנים און די לוים זיינען געוועזען אין
אַלע שטעדט פון יהודה, איטליכער אויף זיין בעזיץ.
21 די נתינים האָבען געוואוינט אין עופל; ציחא, און גשפא, זיינען גע־
וועזען איבער די נתינים.
22 דער אויפזעהער פון די לוים אין ירושלים — עזי זוהן פון בני, זוהן פון
חשביה, זוהן פון מתניה, זוהן פון מיכא, פון אסף'ס קינדער, די זינגערס,
אלס פערוואַלטער איבער די ארבייט פון גאָט'ס הויז;
23 ווי דעם קעניג'ס בעפעהל אויף זיי און אָבמאַך וועגען די זינגערס, טאָג
טעגליך.
24 פּתחיה, משיזבאל'ס זוהן, און אבשטאַמונג פון זרח, יהודה'ס זוהן, איז
געוועזען נעבען קעניג וועגען אַלערליי פאָלקס־אנגעלעגענהייטען,
25 און וועגען די דערפער מיט זייערע פעלדער. יהודה'ס אבשטאַמונג האָבען
בעוואוינט קרית ארבע מיט איהרע פאָרשטעדטלעך, דיבן מיט איהרע
פאָרשטעדטלעך, יקבציאל מיט איהרע דערפער.
26 אין ישוע, מולדה, און בית פּלט;
27 אין חצר שועל, באר שבע, און זייערע דערפער;
28 אין צקלג, און מכונה, מיט זייערע דערפער.
29 אין עין רמון, צרעה, און ירמות.
30 אין זנוח, עדלם, און זייערע פאַרהויפען, לכיש, און איהרע פעלדער,
עזקה, און איהרע דערפער. זיי האָבען געלאַגערט פון באר שבע ביז
גיא־הנם.
31 די קינדער פון בנימין — פון גבע, מכמש, עיה, בית־אל, מיט זייערע
דערפער,
32 ענתות, נוב, עננית,
33 חצור, רמה, גתים.

34 לה חָדִיד צְבֹעִים נְבַלָּט׃ לֹד וְאוֹנוֹ גֵּי הַחֲרָשִׁים׃ וּמִן־הַלְוִיִּם
36 מַחְלְקוֹת יְהוּדָה לְבִנְיָמִין׃

## יב Cap. XII. יב

א וְאֵלֶּה הַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם אֲשֶׁר עָלוּ עִם־זְרֻבָּבֶל בֶּן־שְׁאַלְתִּיאֵל
2 3 וְיֵשׁוּעַ שְׂרָיָה יִרְמְיָה עֶזְרָא׃ אֲמַרְיָה מַלּוּךְ חַטּוּשׁ׃ שְׁכַנְיָה
4 ה רְחֻם מְרֵמֹת׃ עִדּוֹא גִנְּתוֹי אֲבִיָּה׃ מִיָּמִין מַעַדְיָה בִּלְגָּה׃
6 7 שְׁמַעְיָה וְיוֹיָרִיב יְדַעְיָה׃ סַלּוּ עָמוֹק חִלְקִיָּה יְדַעְיָה אֵלֶּה
8 רָאשֵׁי הַכֹּהֲנִים וַאֲחֵיהֶם בִּימֵי יֵשׁוּעַ׃ וְהַלְוִיִּם יֵשׁוּעַ
בִּנּוּי קַדְמִיאֵל שֵׁרֵבְיָה יְהוּדָה מַתַּנְיָה עַל־הֻיְּדוֹת הוּא
9 י וְאֶחָיו׃ וּבַקְבֻּקְיָה וְעֻנּוֹ אֲחֵיהֶם לְנֶגְדָּם לְמִשְׁמָרוֹת׃ וְיֵשׁוּעַ
הוֹלִיד אֶת־יוֹיָקִים וְיוֹיָקִים הוֹלִיד אֶת־אֶלְיָשִׁיב וְאֶלְיָשִׁיב
11 הוֹלִיד אֶת־יוֹיָדָע׃ וְיוֹיָדָע הוֹלִיד אֶת־יוֹנָתָן וְיוֹנָתָן הוֹלִיד
12 אֶת־יַדּוּעַ׃ וּבִימֵי יוֹיָקִים הָיוּ כֹהֲנִים רָאשֵׁי הָאָבוֹת לִשְׂרָיָה
13 מְרָיָה לְיִרְמְיָה חֲנַנְיָה׃ לְעֶזְרָא מְשֻׁלָּם לַאֲמַרְיָה יְהוֹחָנָן׃
14 טו לִמְלוּכִי יוֹנָתָן לִשְׁבַנְיָה יוֹסֵף׃ לְחָרִם עַדְנָא לִמְרָיוֹת
16 17 חֶלְקָי׃ לְעִדּיא זְכַרְיָה לְגִנְּתוֹן מְשֻׁלָּם׃ לַאֲבִיָּה זִכְרִי
18 לְמִנְיָמִין לְמוֹעַדְיָה פִּלְטָי׃ לְבִלְגָּה שַׁמּוּעַ לִשְׁמַעְיָה יְהוֹנָתָן׃
19 כ וּלְיוֹיָרִיב מַתְּנַי לִידַעְיָה עֻזִּי׃ לְסַלַּי קַלָּי לְעָמוֹק עֵבֶר׃
21 22 לְחִלְקִיָּה חֲשַׁבְיָה לִידַעְיָה נְתַנְאֵל׃ הַלְוִיִּם בִּימֵי אֶלְיָשִׁיב
יוֹיָדָע וְיוֹחָנָן וְיַדּוּעַ כְּתוּבִים רָאשֵׁי אָבוֹת וְהַכֹּהֲנִים עַל־
23 מַלְכוּת דָּרְיָוֶשׁ הַפָּרְסִי׃ בְּנֵי לֵוִי רָאשֵׁי הָאָבוֹת
כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים וְעַד־יְמֵי יוֹחָנָן בֶּן־אֶלְיָשִׁיב׃
24 וְרָאשֵׁי הַלְוִיִּם חֲשַׁבְיָה שֵׁרֵבְיָה וְיֵשׁוּעַ בֶּן־קַדְמִיאֵל
וַאֲחֵיהֶם לְנֶגְדָּם לְהַלֵּל לְהוֹדוֹת בְּמִצְוַת דָּוִיד אִישׁ־הָאֱלֹהִים
כה מִשְׁמָר לְעֻמַּת מִשְׁמָר׃ מַתַּנְיָה וּבַקְבֻּקְיָה עֹבַדְיָה מְשֻׁלָּם
טַלְמוֹן עַקּוּב שֹׁמְרִים שׁוֹעֲרִים מִשְׁמָר בַּאֲסֻפֵּי הַשְּׁעָרִים׃
26 אֵלֶּה בִּימֵי יוֹיָקִים בֶּן־יֵשׁוּעַ בֶּן־יוֹצָדָק וּבִימֵי נְחֶמְיָה הַפֶּחָה

ועזרא

יב v. 9. ועני קרי v. 10. כל"א ובספרים מדויקים אין בהם תיבת הולד ונמסר עלו לית חסר הולד v. 14. למליכו קרי v. 16. לעדוא קרי

34 חדיד, צבועים, נבלט,
35 לוד, אונו, דאָס טאָהל פון די האנדוועדקער.
36 פון די לוים, — אַ טהייל אין יהודה און אַ טהייל אין בנימין.

## קאַפּיטעל יב

1 די כהנים און לוים זיינען ארויפגעקומען מיט זרבבל שאלתיאל׳ס זוהן:
ישוע, שריה, ירמיה, עזרא,
2 אמריה, מלוך, חטוש,
3 שכניה, רחם, מרמות,
4 עדוא, גנתוי, אָביה,
5 מימין, מעדיה, בלגה,
6 שמעיה, יויריב, ידעיה,
7 סלו, עמוק, חלקיה, ידעיה, דאָס זיינען די הויפּט־לייט פון די כהנים, און
זייערע ברידער אין ישוע׳ס צייט.
8 און די לוים — ישוע, בנוי, קדמיאל, שרביה, יהודה, מתניה, וואָס זיי־
נען געוועזען איבער די לויב־געזאנגען, ער און זיינע ברידער.
9 בקבקיה, עני, זייערע ברידער, זיינען־געוועזען קעגענאיבער זיי ביי די
וואכען.
10 ישוע האָט געבוירען יויקים, יויקים האָט געבוירען אלישיב, אלישיב האָט
געבוירען יוידע,
11 יוידע האָט געבוירען יונתן, און יונתן האָט געבוירען ידוע.
12 אין יויקים׳ס צייט זיינען געוועזען כהנים, אָבער־הויפּטען, פיר שריה —
מריה, פיר ירמיה — חנניה.
13 פיר עזרא — משולם, פיר אמריה — יהוחנן.
14 פיר מליכי — יונתן, פיר שבניה — יוסף.
15 פיר חרים — עדנא, פיר מריות — חלקי.
16 פיר עדוא — זכריה, פיר גנתון — משלם.
17 פיר אביה — זכרי, פיר בנימין (פיר מועדיה) — פלטי.
18 פיר בלגה — שמוע, פיר שמעיה — יהונתן.
19 פיר יויריב — מתני, פיר ידעיה — עזי.
20 פיר סלי — קלי, פיר עמוק — עבר.
21 פיר חלקיה — חשביה, פיר ידעיה — נתנאל.
22 די לוים אין אלישיב׳ס צייט — יוידע, יוחנן, און ידוע, זיינען געוועזען
איינגעשריבען אלס אָבער־הויפּטען אויך כהנים ביי דאָס רעגירונג פון
דריוש דער פּרסי.
23 די אָבער־הויפּטען פון לוי׳ס זוהן, פארשריבענע אין כראָניק־בוך ביז די
צייט פון יוחנן אלישיב׳ס זוהן,
24 אויך די הויפּט־לייט אונטער די לוים: חשביה, שרביה, ישוע קדמיאל׳ס
זוהן מיט זייערע ברידער נעבען זיי צו לויבען און דאנקען אַ וואך קעגען
אַ וואך, לויט דער בעפעהל פון דוד, דער געטליכער מאַן.
25 מתניה, בקבקיה, עובדיה, משלם, טלמון, און עקוב — היטערס, טהויערן
היטערס, אלס וואך ביי די שוועלען פון די טהויערן.
26 דיזע זיינען געוועזען אין די צייט פון יויקים זוהן פון ישוע, זוהן פון

27 וְעֶזְרָא הַכֹּהֵן הַסּוֹפֵר׃ וּבַחֲנֻכַּת חוֹמַת יְרוּשָׁלִַם
בִּקְשׁוּ אֶת־הַלְוִיִּם מִכָּל־מְקוֹמֹתָם לַהֲבִיאָם לִירוּשָׁלִָם
לַעֲשֹׂת חֲנֻכָּה וְשִׂמְחָה וּבְתוֹדוֹת וּבְשִׁיר מְצִלְתַּיִם נְבָלִים
28 וּבְכִנֹּרוֹת׃ וַיֵּאָסְפוּ בְּנֵי הַמְשֹׁרְרִים וּמִן־הַכִּכָּר סְבִיבוֹת
29 יְרוּשָׁלִַם וּמִן־חַצְרֵי נְטֹפָתִי׃ וּמִבֵּית הַגִּלְגָּל וּמִשְּׂדוֹת גֶּבַע
וְעַזְמָוֶת כִּי חֲצֵרִים בָּנוּ לָהֶם הַמְשֹׁרְרִים סְבִיבוֹת יְרוּשָׁלִָם׃
ל וַיִּטַּהֲרוּ הַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם וַיְטַהֲרוּ אֶת־הָעָם וְאֶת־הַשְּׁעָרִים
31 וְאֶת־הַחוֹמָה׃ וָאַעֲלֶה אֶת־שָׂרֵי יְהוּדָה מֵעַל לַחוֹמָה
וָאַעֲמִידָה שְׁתֵּי תוֹדֹת גְּדוֹלֹת וְתַהֲלֻכֹת לַיָּמִין מֵעַל לַחוֹמָה
32 לְשַׁעַר הָאַשְׁפֹּת׃ וַיֵּלֶךְ אַחֲרֵיהֶם הוֹשַׁעְיָה וַחֲצִי שָׂרֵי
33 34 יְהוּדָה׃ וַעֲזַרְיָה עֶזְרָא וּמְשֻׁלָּם׃ יְהוּדָה וּבִנְיָמִן וּשְׁמַעְיָה
לה וְיִרְמְיָה׃ וּמִבְּנֵי הַכֹּהֲנִים בַּחֲצֹצְרוֹת זְכַרְיָה בֶן־יוֹנָתָן
36 בֶּן־שְׁמַעְיָה בֶּן־מַתַּנְיָה בֶּן־מִיכָיָה בֶּן־זַכּוּר בֶּן־אָסָף׃ וְאֶחָיו
שְׁמַעְיָה וַעֲזַרְאֵל מִלֲלַי גִּלֲלַי מָעַי נְתַנְאֵל וִיהוּדָה חֲנָנִי
בִּכְלֵי־שִׁיר דָּוִיד אִישׁ הָאֱלֹהִים וְעֶזְרָא הַסּוֹפֵר לִפְנֵיהֶם׃
37 וְעַל שַׁעַר הָעַיִן וְנֶגְדָּם עָלוּ עַל־מַעֲלוֹת עִיר דָּוִיד בַּמַּעֲלֶה
38 לַחוֹמָה מֵעַל לְבֵית דָּוִיד וְעַד שַׁעַר הַמַּיִם מִזְרָח׃ וְהַתּוֹדָה
הַשֵּׁנִית הַהוֹלֶכֶת לְמוֹאל וַאֲנִי אַחֲרֶיהָ וַחֲצִי הָעָם מֵעַל
לְהַחוֹמָה מֵעַל לְמִגְדַּל הַתַּנּוּרִים וְעַד הַחוֹמָה הָרְחָבָה׃
39 וּמֵעַל לְשַׁעַר־אֶפְרַיִם וְעַל־שַׁעַר הַיְשָׁנָה וְעַל־שַׁעַר הַדָּגִים
וּמִגְדַּל חֲנַנְאֵל וּמִגְדַּל הַמֵּאָה וְעַד שַׁעַר הַצֹּאן וְעָמְדוּ
מ בְּשַׁעַר הַמַּטָּרָה׃ וַתַּעֲמֹדְנָה שְׁתֵּי הַתּוֹדֹת בְּבֵית הָאֱלֹהִים
41 וַאֲנִי וַחֲצִי הַסְּגָנִים עִמִּי׃ וְהַכֹּהֲנִים אֶלְיָקִים מַעֲשֵׂיָה מִנְיָמִין
42 מִיכָיָה אֶלְיוֹעֵינַי זְכַרְיָה חֲנַנְיָה בַּחֲצֹצְרוֹת׃ וּמַעֲשֵׂיָה וּשְׁמַעְיָה
וְאֶלְעָזָר וְעֻזִּי וִיהוֹחָנָן וּמַלְכִּיָּה וְעֵילָם וָעָזֶר וַיַּשְׁמִיעוּ
43 הַמְשֹׁרְרִים וְיִזְרַחְיָה הַפָּקִיד׃ וַיִּזְבְּחוּ בַיּוֹם־הַהוּא זְבָחִים
גְּדוֹלִים וַיִּשְׂמָחוּ כִּי הָאֱלֹהִים שִׂמְּחָם שִׂמְחָה גְדוֹלָה וְגַם

הנשים

v. 30 בספרים כ״י מדויקים הט׳ בפתח v. 38 [illegible]

יוצדק, און אין די צייט פון נחמיה דעם גובערנאַטאָר און עזרא דער כהן —דער שרייבער.

27 ווען מען האָט בעניים די מויער פון ירושלים, האָט מען אויסגעזוכט די לוים פון אַלע זייערע ערטער זיי צו ברענגען נאָך ירושלים, אַז זיי זאָלען מאַכען די בענייאונג מיט אַ שמחה, מיט דאַנק, און געזאַנג פון צימבלען, פידלען און האַרפען.

28 די יונגע זינגערס האָבען זיך פערזאַמעלט, פון דעם פּלוין וואָס איז רינגס אַרום ירושלים, און אויך פון די דערפער פון נטופתי,

29 פון דעם הויז פון גלגל, פון די פעלדער גבע און עזמות, ווארים די משוררים האָבען זיך אויסגעבויעט דערפער רינגס אַרום ירושלים.

30 די כהנים און די לוים האָבען זיך גערייניגט, אויך גערייניגט דאָס פאָלק, די טהויערן און די מויער.

31 איך האָב אַריבערגעבראַכט די פירסטען פון יהודה איבער'ן מויער, און האָב אָוועקגעשטעלט צוויי גרויסע אָרקעסטערס רעכטס אויפ'ן מויער־וואַנד און אַ פּראָצעסיאָן צום מיסט־טהויער.

32 נאָך זיי זיינען געגאַנגען הושעיה, און אַ העלפט פון די פירסטען פון יהודה.

33 אויך עזריה, עזרא, משולם,

34 יהודה, בנימין, שמעיה, ירמיה,

35 איינינע יונגע כהנים מיט טראָמפּייטען — זכריה זוהן פון יונתן, זוהן פון שמעיה, זוהן פון מתניה, זוהן פון מיכיה, זוהן פון זכור, זוהן פון אסף.

36 מיט זיינע ברידער: שמעיה, עזראל, מללי, גללי, מעי, נתנאל, יהודה, און חנני מיט זינג־אינסטרומענטען פון דוד דעם געטליכען מאַן; עזרא דער שרייבער פאָראויס.

37 און פאַר דעם קוואַל טהויער וואָס איז ענטקעגען זיי געווען זיינען זיי אַרויפגעגאַנגען אויף די טרעפּען פון דוד'ס שטאָדט ווי מען געהט אַרויף אויף די מויער, פון איבער דוד'ס הויז, ביז דעם וואַסער טהויער אין מזרח־זייט.

38 דער צווייטער אָרקעסטער וואָס איז געגאַנגען קעגענאיבער, און איך בין הינטער זיי געווען, און אַ העלפט פון פאָלק פון אויף'ן מויער, פון אי־בער דעם טהורעם פון די אויוועגס ביז צו די ברייטע מויער.

39 אויך פון איבער'ן טהויער פון אפרים, איבער דעם אַלטען טהויער, אי־בער דעם פיש־טהויער, דעם טהורעם פון חננאל, דעם טהורעם פון מאה, ביז צו דעם שאָף־טהויער; זיי זיינען שטעהן געבליבען ביי דעם גע־פענגענים טהויער.

40 דאָ האָבען זיך ביידע אָרקעסטערס אַבגעשטעלט אין גאָט'ס הויז, און איך מיט אַ העלפט פון די בעאַמטע מיט מיר,

41 אויך די כהנים — אליקים, מעשיה, מנימין, מיכיה, אליועני, זכריה, און חנניה מיט טראָמפּייטען,

42 אויך מעשיה, שמעיה, אלעזר, עזי, יהוחנן, מלכיה, עילם, עזר, מיט די זינגערס האָבען הויך געזונגען, מיט יזרחיה אַלס דער אויפזעהער.

43 יענעם טאָג האָבען זיי געבראַכט גרויסע שעכטונגען און האָבען זיך גע־פרייט, ווארים גאָט האָט זיי ערפרייט אַ גרויסע פרייד; אויך די ווייבער און קליינע קינדער האָבען זיך געפרייט — עס האָט זיך ביז ווייט געהערט ירושלים'ס פרייד.

הַנָּשִׁים וְהַיְלָדִים שָׂמֵחוּ וַתִּשָּׁמַע שִׂמְחַת יְרוּשָׁלַםִ עַד־
44 מֵרָחוֹק׃ וַיִּפָּקְדוּ בַיּוֹם הַהוּא אֲנָשִׁים עַל־הַנְּשָׁכוֹת לָאוֹצָרוֹת
לַתְּרוּמוֹת לָרֵאשִׁית וְלַמַּעַשְׂרוֹת לִכְנוֹס בָּהֶם לִשְׂדֵי הֶעָרִים
מְנָאוֹת הַתּוֹרָה לַכֹּהֲנִים וְלַלְוִיִּם כִּי שִׂמְחַת יְהוּדָה עַל־
מה הַכֹּהֲנִים וְעַל־הַלְוִיִּם הָעֹמְדִים׃ וַיִּשְׁמְרוּ מִשְׁמֶרֶת אֱלֹהֵיהֶם
וּמִשְׁמֶרֶת הַטָּהֳרָה וְהַמְשֹׁרְרִים וְהַשֹּׁעֲרִים כְּמִצְוַת דָּוִיד
46 שְׁלֹמֹה בְנוֹ׃ כִּי־בִימֵי דָוִיד וְאָסָף מִקֶּדֶם רָאשׁ הַמְשֹׁרְרִים
47 וְשִׁיר־תְּהִלָּה וְהֹדוֹת לֵאלֹהִים׃ וְכָל־יִשְׂרָאֵל בִּימֵי זְרֻבָּבֶל
וּבִימֵי נְחֶמְיָה נֹתְנִים מְנָיוֹת הַמְשֹׁרְרִים וְהַשֹּׁעֲרִים דְּבַר־יוֹם
בְּיוֹמוֹ וּמַקְדִּשִׁים לַלְוִיִּם וְהַלְוִיִּם מַקְדִּשִׁים לִבְנֵי אַהֲרֹן׃

## Cap. XIII. יג

יג
א בַּיּוֹם הַהוּא נִקְרָא בְּסֵפֶר מֹשֶׁה בְּאָזְנֵי הָעָם וְנִמְצָא כָּתוּב
בּוֹ אֲשֶׁר לֹא־יָבוֹא עַמֹּנִי וּמֹאָבִי בִּקְהַל הָאֱלֹהִים עַד־עוֹלָם׃
2 כִּי לֹא קִדְּמוּ אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בַּלֶּחֶם וּבַמָּיִם וַיִּשְׂכֹּר עָלָיו
3 אֶת־בִּלְעָם לְקַלְלוֹ וַיַּהֲפֹךְ אֱלֹהֵינוּ הַקְּלָלָה לִבְרָכָה׃ וַיְהִי
4 כְּשָׁמְעָם אֶת־הַתּוֹרָה וַיַּבְדִּילוּ כָל־עֵרֶב מִיִּשְׂרָאֵל׃ וְלִפְנֵי
מִזֶּה אֶלְיָשִׁיב הַכֹּהֵן נָתוּן בְּלִשְׁכַּת בֵּית־אֱלֹהֵינוּ קָרוֹב
ה לְטוֹבִיָּה׃ וַיַּעַשׂ לוֹ לִשְׁכָּה גְדוֹלָה וְשָׁם הָיוּ לְפָנִים נֹתְנִים
אֶת־הַמִּנְחָה הַלְּבוֹנָה וְהַכֵּלִים וּמַעְשַׂר הַדָּגָן הַתִּירוֹשׁ
וְהַיִּצְהָר מִצְוַת הַלְוִיִּם וְהַמְשֹׁרְרִים וְהַשּׁוֹעֲרִים וּתְרוּמַת
6 הַכֹּהֲנִים׃ וּבְכָל־זֶה לֹא הָיִיתִי בִּירוּשָׁלָםִ כִּי בִּשְׁנַת שְׁלֹשִׁים
וּשְׁתַּיִם לְאַרְתַּחְשַׁסְתְּא מֶלֶךְ־בָּבֶל בָּאתִי אֶל־הַמֶּלֶךְ וּלְקֵץ
7 יָמִים נִשְׁאַלְתִּי מִן־הַמֶּלֶךְ׃ וָאָבוֹא לִירוּשָׁלָםִ וָאָבִינָה בָרָעָה
אֲשֶׁר עָשָׂה אֶלְיָשִׁיב לְטוֹבִיָּה לַעֲשׂוֹת לוֹ נִשְׁכָּה בְּחַצְרֵי
8 בֵּית הָאֱלֹהִים׃ וַיֵּרַע לִי מְאֹד וָאַשְׁלִיכָה אֶת־כָּל־כְּלֵי
9 בֵית־טוֹבִיָּה הַחוּץ מִן־הַלִּשְׁכָּה׃ וָאֹמְרָה וַיְטַהֲרוּ הַלְּשָׁכוֹת
וָאָשִׁיבָה שָּׁם כְּלֵי בֵּית הָאֱלֹהִים אֶת־הַמִּנְחָה וְהַלְּבוֹנָה׃

ואדעה

יב v. 43. ירים בלא עד׳ · v. 44. ב׳ טעמים · v. 46. ראשי קרי · יג v. 2. בביא את־השלשה

44 עס זיינען אויך יענעם טאָג אָנגעשטעלט געוואָרען מענשען איבער די שאַץ־קאַמערן, די אבשיידונגען, ערשטלינגע און צעהנטלען, אריינצוּ־ברענגען אין זיי פון די שטאָדט־פעלדער, אויף די געזעצליכע גאבען די כהנים און לוים, ווי אַ דאנקגעבונג פרייד צו די כהנים און לוים וואָס געפינען זיך.

45 זיי האָבען אָבגעהיט זייער גאָט'ס אויפפאסונג, די אויפפאסונג פון ריי־ניגקייט און די זינגערס און טהויער־היטערס, לויט דוד'ס בעפעהל צו שלמה זיין זוהן.

46 ווי אין די אַלטע צייטען פון דוד און אסף — אָבער־זינגער פאר לויב און דאנק זינגער צו גאָט.

47 גאנץ ישראל, אין זרבבל'ס און נחמיה'ס צייטען, האָבען געגעבען געשאַנ־קע די זינגערס און טהויער־היטערס טאָג טעגליך, צו געזאָגט פאר די לוים, און די לוים — פאר אהרן'ס קינדער.

## קאפיטעל יג

1 יענעם טאָג, האָט מען געלייענט אין משה'ס בוך אין די אויערען פון דעם פאָלק, און מען האָט געפונען דארין געשריבען דאָס קיין עמוני און מואבי זאָלען קיינמאָל ניט אריינקומען אין דער געמיינדע פון גאָט.

2 ווייל זיי האָבען ניט בעגעגענט די קינדער ישראל מיט ברויט און וואסער, און געדונגען בלעם'ן זיי צו שילטען, אונזער גאָט האָט פערקעהרט די שילטונג צו אַ בענשונג.

3 ווען זיי האָבען געהערט די תורה האָבען זיי אָפגעשייד דאָס גאנצע צו־מיש פון ישראל.

4 איבער דעם איז אלישיב דער כהן געוועזען אָנגעשטעלט איבער די קאַ־מער פון אונזער גאָט'ס הויז, (אָבער ער איז געוועזען אַ פערוואנדטער צו טוביה'ן).

5 ער האָט זיך געמאַכט אַ גרויסען צימער, דאָרטען פלעגט מען אַ מאהל אָבלעגען די שפּייז־אָפּפער, די ווייררויך, די געפעס, די מעשר פון קאָרן, וויין און אייל וואָס איז בעשטימט פאר די לוים, זינגערס און טהויער־הי־טערס, אויך די כהנים'ס תרומה.

6 ביי דעם אַלעמען בין איך ניט געוועזען אין ירושלים, ווארים אין צוויי און דרייסיגסטען יאָהר צו ארתחשסתא קעניג פון בבל בין איך געקומען צום קעניג, און אַם ענדע פון עטליכע טעג האָב איך ערלויבענים געבעטען פון קעניג.

7 ווי איך בין געקומען אין ירושלים האָב איך פערשטאַנען דעם שלעכטען פלאן וואָס אלישיב און טוביה האָבען געפלאַנט מאַכענדיג פאר איהם אַ צימער אין די הויפען פון גאָט'ס הויז ;

8 דאָס האָט מיר זעהר געערגערט, און איך האָב ארויסגעוואָרפען אין דרויּ־סען אַלע טוביה'ס זאַכען פון צימער.

9 איך האָב געהייסען האָט מען ריין געמאַכט די צימערן, דאן האָב איך דאָרט צוריק אריינגעטראָגען די געפעס פון גאָט'ס הויז, די שפּייז־אָפּפער און די ווייררויך.

י וָאֵדְעָה כִּי־מְנָיוֹת הַלְוִיִּם לֹא נִתָּנָה וַיִּבְרְחוּ אִישׁ־לְשָׂדֵהוּ
11 הַלְוִיִּם וְהַמְשֹׁרְרִים עֹשֵׂי הַמְּלָאכָה׃ וָאָרִיבָה אֶת־הַסְּגָנִים
וָאֹמְרָה מַדּוּעַ נֶעֱזַב בֵּית־הָאֱלֹהִים וָאֶקְבְּצֵם וָאַעֲמִדֵם עַל־
12 עָמְדָם׃ וְכָל־יְהוּדָה הֵבִיאוּ מַעְשַׂר הַדָּגָן וְהַתִּירוֹשׁ וְהַיִּצְהָר
13 לָאוֹצָרוֹת׃ וָאוֹצְרָה עַל־אוֹצָרוֹת שֶׁלֶמְיָה הַכֹּהֵן וְצָדוֹק
הַסּוֹפֵר וּפְדָיָה מִן־הַלְוִיִּם וְעַל־יָדָם חָנָן בֶּן־זַכּוּר בֶּן־מַתַּנְיָה
כִּי נֶאֱמָנִים נֶחְשָׁבוּ וַעֲלֵיהֶם לַחֲלֹק לַאֲחֵיהֶם׃
14 זָכְרָה־לִּי אֱלֹהַי עַל־זֹאת וְאַל־תֶּמַח חֲסָדַי אֲשֶׁר עָשִׂיתִי
טו בְּבֵית אֱלֹהַי וּבְמִשְׁמָרָיו׃ בַּיָּמִים הָהֵמָּה רָאִיתִי בִיהוּדָה ׀
דֹּרְכִים גִּתּוֹת ׀ בַּשַּׁבָּת וּמְבִיאִים הָעֲרֵמוֹת וְעֹמְסִים עַל־
הַחֲמֹרִים וְאַף־יַיִן עֲנָבִים וּתְאֵנִים וְכָל־מַשָּׂא וּמְבִיאִים
16 יְרוּשָׁלִַם בְּיוֹם הַשַּׁבָּת וָאָעִיד בְּיוֹם מִכְרָם צָיִד׃ וְהַצֹּרִים
יָשְׁבוּ בָהּ מְבִיאִים דָּאג וְכָל־מֶכֶר וּמֹכְרִים בַּשַּׁבָּת לִבְנֵי
17 יְהוּדָה וּבִירוּשָׁלִָם׃ וָאָרִיבָה אֵת חֹרֵי יְהוּדָה וָאֹמְרָה לָהֶם
מָה־הַדָּבָר הָרָע הַזֶּה אֲשֶׁר אַתֶּם עֹשִׂים וּמְחַלְּלִים אֶת־
18 יוֹם הַשַּׁבָּת׃ הֲלוֹא כֹה עָשׂוּ אֲבֹתֵיכֶם וַיָּבֵא אֱלֹהֵינוּ עָלֵינוּ
אֵת כָּל־הָרָעָה הַזֹּאת וְעַל הָעִיר הַזֹּאת וְאַתֶּם מוֹסִיפִים
19 חָרוֹן עַל־יִשְׂרָאֵל לְחַלֵּל אֶת־הַשַּׁבָּת׃ וַיְהִי כַּאֲשֶׁר צָלֲלוּ
שַׁעֲרֵי יְרוּשָׁלִַם לִפְנֵי הַשַּׁבָּת וָאֹמְרָה וַיִּסָּגְרוּ הַדְּלָתוֹת
וָאֹמְרָה אֲשֶׁר לֹא יִפְתָּחוּם עַד אַחַר הַשַּׁבָּת וּמִנְּעָרַי
הֶעֱמַדְתִּי עַל־הַשְּׁעָרִים לֹא־יָבוֹא מַשָּׂא בְּיוֹם הַשַּׁבָּת׃
כ וַיָּלִינוּ הָרֹכְלִים וּמֹכְרֵי כָל־מִמְכָּר מִחוּץ לִירוּשָׁלִָם פַּעַם
21 וּשְׁתָּיִם׃ וָאָעִידָה בָהֶם וָאֹמְרָה אֲלֵיהֶם מַדּוּעַ אַתֶּם לֵנִים
נֶגֶד הַחוֹמָה אִם־תִּשְׁנוּ יָד אֶשְׁלַח בָּכֶם מִן־הָעֵת הַהִיא
וַיִּוָּעַץ דָּוִיד עִם־שָׂרֵי הָאֲלָפִים וְהַמֵּאוֹת לְכָל־נָגִיד׃ וַיֹּאמֶר א 2
דָּוִיד לְכֹל ׀ קְהַל יִשְׂרָאֵל אִם־עֲלֵיכֶם טוֹב וּמִן־יְהוָה אֱלֹהֵינוּ
נִפְרְצָה נִשְׁלְחָה עַל־אַחֵינוּ הַנִּשְׁאָרִים בְּכֹל אַרְצוֹת
יִשְׂרָאֵל וְעִמָּהֶם הַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם בְּעָרֵי מִגְרְשֵׁיהֶם וְיִקָּבְצוּ
אֵלֵינוּ׃ וְנָסֵבָּה אֶת־אֲרוֹן אֱלֹהֵינוּ אֵלֵינוּ כִּי־לֹא דְרַשְׁנֻהוּ 3
בִּימֵי שָׁאוּל׃ וַיֹּאמְרוּ כָל־הַקָּהָל לַעֲשׂוֹת כֵּן כִּי־יָשַׁר 4
הַדָּבָר בְּעֵינֵי כָל־הָעָם׃ וַיַּקְהֵל דָּוִיד אֶת־כָּל־יִשְׂרָאֵל מִן־ ה
שִׁיחוֹר מִצְרַיִם וְעַד־לְבוֹא חֲמָת לְהָבִיא אֶת־אֲרוֹן הָאֱלֹהִים
מִקִּרְיַת יְעָרִים׃ וַיַּעַל דָּוִיד וְכָל־יִשְׂרָאֵל בַּעֲלָתָה אֶל־ 6
קִרְיַת יְעָרִים אֲשֶׁר לִיהוּדָה לְהַעֲלוֹת מִשָּׁם אֵת אֲרוֹן
הָאֱלֹהִים ׀ יְהוָה יוֹשֵׁב הַכְּרוּבִים אֲשֶׁר־נִקְרָא שֵׁם׃ וַיַּרְכִּיבוּ 7
אֶת־אֲרוֹן הָאֱלֹהִים עַל־עֲגָלָה חֲדָשָׁה מִבֵּית אֲבִינָדָב וְעֻזָּא



י״ב v. 38. כצ״ל

34 פון נפתלי — טויזענד פירסטען, און מיט זיי, מיט פאנצערן און שפיזען, זיבעצן און דרייסיג טויזענד.

35 פון דן — קריעגס־פארטיגע — אכט און צוואנציג טויזענד זעקס הונ־דערט.

36 פון אשר ארמעע־געהער, אנגעגרייטע צו מלחמה — פערציג טויזענד.

37 פון דער אנדערער זייט ירדן, פון ראובן, גד, און דעם האלבען שבט מנשה, מיט אלערליי וואפען — הונדערט מיט צוואנציג טויזענד.

38 די אלע קריעגס־מענער וועלכע פערזאמלען זיך צום קריעגס־ארדנונג מיט'ן גאנצען הארצען, זיינען געקומען אין חברון, דוד'ן קעניג צו מא־כען איבער גאנץ ישראל ; אויך די איבריגע פון ישראל האבען איינגע־שטימט דוד'ן צו מאכען קעניגען.

39 זיי זיינען דארט געוועזען מיט דוד'ן דריי טעג, האבען געגעסען און גע־טרונקען, ווארים זייערע ברידער האבען פאר זיי אנגעגרייט.

40 אויך אלע נאהענטע בעוואוינער ביז יששכר, זבלון און נפתלי האבען גע־בראכט אויף אייזלען, קעמלען, מויל־אייזלען און רינדער : ברויט, מעהל־שפייזען, טרוקענע פייגען, ראזינקעס, וויין, אייל אויך רינדער און שעפסען ביז גענוג — עס איז געווען א פרייד אין ישראל.

## קאפיטעל יג

1 און דוד האט זיך בעראטען מיט די פירסטען איבער די טויזענדע, און די הונדערטע, און מיט אלע פיהרער.

2 און דוד האט געזאגט צו דער גאנצער פערזאמלונג : „ווען עס געפעלט אייך, און אויב עס איז בעשערט פון אונזער גאט, לאמיר שנעל שיקען צו אונזערע איבריגע ברידער, אין אלע לענדער פון ישראל, מיט זיי אויך די כהנים און די לוים, וואס זיינען אין זייערע שטעדט און פרייע פלעצער, אז זיי זאלען זיך צו אונז פערזאמלען.

3 און לאמיר צוריקקעהרען אונזער גאט'ס ארון צו אונז, ווארים מיר הא־בען איהם ניט נאכגעפארשט אין שאול'ס צייטען."

4 און די גאנצע פערזאמלונג האט געזאגט אז מען זאל אזוי טהון, ווארים די זאך איז געפעהלען געוועזען אין די אויגען פון דעם גאנצען פאלק.

5 דאן האט דוד פערזאמעלט גאנץ ישראל, פון שיחור מצרים ביז מען קומט צו חמת, אום צו ברענגען גאט'ס ארון פון קרית יערים.

6 און דוד מיט גאנץ ישראל זיינען געגאנגען אין בעלת (וואס האט בעלאנגט צו יהודה'ן) נעבען קרית יערים, אראבצוברענגען פון דארטען גאט'ס ארון — דער גאט וואס ערשיינט אויף די כרובים און מען רופט איהם „שם".

7 זיי האבען ארויפגעשטעלט גאט'ס ארון אויף א נייעם וואגען, פון אבינדב'ס הויז, עזא און אחיו האבען געפיהרט דעם וואגען.

8 וְאֶחְיוֹ נֹהֲגִים בָּעֲגָלָה׃ וְדָוִיד וְכָל־יִשְׂרָאֵל מְשַׂחֲקִים
לִפְנֵי הָאֱלֹהִים בְּכָל־עֹז וּבְשִׁירִים וּבְכִנֹּרוֹת וּבִנְבָלִים
9 וּבְתֻפִּים וּבִמְצִלְתַּיִם וּבַחֲצֹצְרוֹת׃ וַיָּבֹאוּ עַד־גֹּרֶן כִּידֹן
וַיִּשְׁלַח עֻזָּא אֶת־יָדוֹ לֶאֱחֹז אֶת־הָאָרוֹן כִּי שָׁמְטוּ הַבָּקָר׃
י וַיִּחַר־אַף יְהוָה בְּעֻזָּא וַיַּכֵּהוּ עַל אֲשֶׁר־שָׁלַח יָדוֹ עַל־הָאָרוֹן
11 וַיָּמָת שָׁם לִפְנֵי אֱלֹהִים׃ וַיִּחַר לְדָוִיד כִּי־פָרַץ יְהוָה
פֶּרֶץ בְּעֻזָּא וַיִּקְרָא לַמָּקוֹם הַהוּא פֶּרֶץ עֻזָּא עַד הַיּוֹם
12 הַזֶּה׃ וַיִּרָא דָוִיד אֶת־הָאֱלֹהִים בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמֹר הֵיךְ
13 אָבִיא אֵלַי אֵת אֲרוֹן הָאֱלֹהִים׃ וְלֹא־הֵסִיר דָּוִיד אֶת־
הָאָרוֹן אֵלָיו אֶל־עִיר דָּוִיד וַיַּטֵּהוּ אֶל־בֵּית־עֹבֵד אֱדֹם
14 הַגִּתִּי׃ וַיֵּשֶׁב אֲרוֹן הָאֱלֹהִים עִם־בֵּית עֹבֵד־אֱדֹם בְּבֵיתוֹ
שְׁלֹשָׁה חֳדָשִׁים וַיְבָרֶךְ יְהוָה אֶת־בֵּית עֹבֵד־אֱדֹם וְאֶת־
כָּל־אֲשֶׁר־לוֹ׃

## CAP. XIV. יד

יד

א וַיִּשְׁלַח חוּרָם מֶלֶךְ־צֹר מַלְאָכִים אֶל־דָּוִיד וַעֲצֵי אֲרָזִים
2 וְחָרָשֵׁי קִיר וְחָרָשֵׁי עֵצִים לִבְנוֹת לוֹ בָּיִת׃ וַיֵּדַע דָּוִיד כִּי־
הֱכִינוֹ יְהוָה לְמֶלֶךְ עַל־יִשְׂרָאֵל כִּי־נִשֵּׂאת לְמַעְלָה מַלְכוּתוֹ
3 בַּעֲבוּר עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּקַּח דָּוִיד עוֹד נָשִׁים בִּירוּשָׁלִָם
4 וַיּוֹלֶד דָּוִיד עוֹד בָּנִים וּבָנוֹת׃ וְאֵלֶּה שְׁמוֹת הַיְלוּדִים
אֲשֶׁר הָיוּ־לוֹ בִּירוּשָׁלִָם שַׁמּוּעַ וְשׁוֹבָב נָתָן וּשְׁלֹמֹה׃
ה 6 וְיִבְחָר וֶאֱלִישׁוּעַ וְאֶלְפָּלֶט׃ וְנֹגַהּ וְנֶפֶג וְיָפִיעַ׃ וֶאֱלִישָׁמָע
7 8 וּבְעֶלְיָדָע וֶאֱלִיפָלֶט׃ וַיִּשְׁמְעוּ פְלִשְׁתִּים כִּי־נִמְשַׁח דָּוִיד
לְמֶלֶךְ עַל־כָּל־יִשְׂרָאֵל וַיַּעֲלוּ כָל־פְּלִשְׁתִּים לְבַקֵּשׁ אֶת־
9 דָּוִיד וַיִּשְׁמַע דָּוִיד וַיֵּצֵא לִפְנֵיהֶם׃ וּפְלִשְׁתִּים בָּאוּ וַיִּפְשְׁטוּ
י בְּעֵמֶק רְפָאִים׃ וַיִּשְׁאַל דָּוִיד בֵּאלֹהִים לֵאמֹר הַאֶעֱלֶה
עַל־פְּלִשְׁתִּיִּים וּנְתַתָּם בְּיָדִי וַיֹּאמֶר לוֹ יְהוָה עֲלֵה וּנְתַתִּים
11 בְּיָדֶךָ׃ וַיַּעֲלוּ בְּבַעַל־פְּרָצִים וַיַּכֵּם שָׁם דָּוִיד וַיֹּאמֶר דָּוִיד

פרץ

יד v. 1. חורם קרי   v. 10. יתיר י

8 דוד מיט גאַנץ ישׂראל האָבען זיך געפרייט פאַר גאָט מיט אַלע קרעפטען,
מיט ליעדער, פידלען, האַרפען, פויקען, צימבלען און טראָמפּעטען.
9 אַז זיי זיינען געקומען צום שייער כּידן האָט עזא אויסגעשטרעקט זיין
האַנד אָנצונעהמען דעם אָרון, ווייל די רינדער האָבען זיך אויסגעשפּאַנט.
10 האָט גאָט'ס צאָרן געבּרענט אויף עזא ווייל ער האָט אויסגעשטרעקט זיין
האַנד צום אָרון, און ער האָט איהם ערשלאָגען און ער איז דאָרטען,
נעבען גאָט'ס אָרון, געשטאָרבען.
11 עס האָט דוד'ן פערדראָסען וואָס גאָט האָט איינגעבּראָכען עזא'ן. יענעם
אָרט רופט מען „פּרץ עזא" ביז היינטיגען טאָג.
12 יענעם טאָג האָט זיך דוד דערשראָקען פאַר גאָט'ס אָרון, טראַכטענדיג:
ווי זאָל איך אַריינבּריינגען ביי מיר גאָט'ס אָרון?
13 דערפאַר האָט דוד ניט פאַרקעהרט צו איהם גאָט'ס אָרון, אין דוד'ס
שטאָדט, נאָר ער האָט איהם אַריינגעבּראַכט אין'ם הויז פון עבד־אדום
דער גתי.
14 אַזוי איז גאָט'ס אָרון געשטאַנען אין עבד אדום'ס הויז דריי מאָנאַטען,
און גאָט האָט געבּענשט עבד אדום'ס הויז און אַלץ וואָס בּעלאַנגט צו
איהם.

## קאַפּיטעל יד

1 חירם דער קעניג פון צר האָט געשיקט מענשען צו דוד'ן מיט צעדער־
בּוימער, אויך וואַנד־מויערער מיט האָלץ אַרבּייטער אויפצובּויען איהם
אַ הויז.
2 דאַן האָט דוד דערקענט אַז גאָט האָט איהם אָנגעבּרייט צו קעניגען איבּער
ישׂראל, און אַז זיין מלוכה איז הויך דערהויבּען געוואָרען צוליעבּ זיין
פאָלק ישׂראל.
3 און דוד האָט זיך נאָך ווייבער גענומען אין ירושלים, און עס זיינען גע־
בּוירען געוואָרען ביי דוד'ן נאָך זיהן און טעכטער.
4 דאָס זיינען די נעמען פון די קינדער וואָס ער האָט געהאַט אין ירושלים:
שמוע, שובב, נתן, שלמה,
5 יבחר, אלישוע, אלפּלט,
6 נוגה, נפג, יפיע,
7 אלישמע, בעלידע, און אליפלט.
8 ווען די פּלשתים האָבען דערהערט אַז דוד איז געזאַלבּט געוואָרען אַלס
קעניג איבּער גאַנץ ישׂראל, זיינען אַלע פּלשתים געקומען זוכען דוד'ן,
אַז דוד האָט עס דערהערט איז ער צו זיי אַרויסגעגאַנגען.
9 אַז די פּלשתים זיינען אָנגעקומען האָבּען זיי זיך אויסגעשפּרייט אין טהאַל
רפאים.
10 האָט דוד אָנגעפרעגט ביי גאָט, און געזאָגט: זאָל איך געהן קעגען די
פּלשתים? וועסטו זיי געבּען אין מיין האַנד? און גאָט האָט צו איהם
געזאָגט: „געה! איך וועל זיי איבּערגעבּען אין דיין האַנד."
11 אַז זיי זיינען געקומען אין בעל פּרצים, האָט דוד זיי דאָרטען געשלאָגען,
און דוד האָט געזאָגט: גאָט האָט צובּראָכען מיינע פיינד אין מיין האַנד,

פָּרַץ הָאֱלֹהִים אֶת־אוֹיְבַי בְּיָדִי כְּפֶרֶץ מָיִם עַל־כֵּן קָֽרְאוּ
12 שֵׁם־הַמָּקוֹם הַהוּא בַּעַל פְּרָצִֽים׃ וַיַּֽעַזְבוּ־שָׁם אֶת־אֱלֹהֵיהֶם
13 וַיֹּאמֶר דָּוִיד וַיִּשָּׂרְפוּ בָּאֵֽשׁ׃ וַיֹּסִיפוּ עוֹד פְּלִשְׁתִּים
14 וַֽיִּפְשְׁטוּ בָּעֵֽמֶק׃ וַיִּשְׁאַל עוֹד דָּוִיד בֵּֽאלֹהִים וַיֹּאמֶר לוֹ
הָאֱלֹהִים לֹא תַעֲלֶה אַחֲרֵיהֶם הָסֵב מֵעֲלֵיהֶם וּבָאתָ לָהֶם
טו מִמּוּל הַבְּכָאִֽים׃ וִיהִי כְּשָׁמְעֲךָ אֶת־קוֹל הַצְּעָדָה בְּרָאשֵׁי
הַבְּכָאִים אָז תֵּצֵא בַמִּלְחָמָה כִּֽי־יָצָא הָאֱלֹהִים לְפָנֶיךָ
16 לְהַכּוֹת אֶת־מַחֲנֵה פְלִשְׁתִּֽים׃ וַיַּעַשׂ דָּוִיד כַּאֲשֶׁר צִוָּהוּ
הָאֱלֹהִים וַיַּכּוּ אֶת־מַחֲנֵה פְלִשְׁתִּים מִגִּבְעוֹן וְעַד־גָּֽזְרָה׃
וַיֵּצֵא שֵׁם־דָּוִיד בְּכָל־הָאֲרָצוֹת וַֽיהוָה נָתַן אֶת־פַּחְדּוֹ עַל־
כָּל־הַגּוֹיִֽם׃

## טו CAP. XV. טו

א וַיַּֽעַשׂ־לוֹ בָתִּים בְּעִיר דָּוִיד וַיָּכֶן מָקוֹם לַאֲרוֹן הָאֱלֹהִים
2 וַיֶּט־לוֹ אֹֽהֶל׃ אָז אָמַר דָּוִיד לֹא לָשֵׂאת אֶת־אֲרוֹן
הָאֱלֹהִים כִּי אִם־הַלְוִיִּם כִּֽי־בָם ׀ בָּחַר יְהוָה לָשֵׂאת אֶת־
3 אֲרוֹן הָאֱלֹהִים וּלְשָׁרְתוֹ עַד־עוֹלָֽם׃ וַיַּקְהֵל דָּוִיד אֶת־
כָּל־יִשְׂרָאֵל אֶל־יְרוּשָׁלִָם לְֽהַעֲלוֹת אֶת־אֲרוֹן יְהוָה אֶל־
4 מְקוֹמוֹ אֲשֶׁר־הֵכִין לֽוֹ׃ וַיֶּאֱסֹף דָּוִיד אֶת־בְּנֵי אַהֲרֹן וְאֶת־
ה הַלְוִיִּֽם׃ לִבְנֵי קְהָת אוּרִיאֵל הַשָּׂר וְאֶחָיו מֵאָה
6 וְעֶשְׂרִֽים׃ לִבְנֵי מְרָרִי עֲשָׂיָה הַשָּׂר וְאֶחָיו מָאתַיִם
7 וְעֶשְׂרִֽים׃ לִבְנֵי גֵרְשׁוֹם יוֹאֵל הַשָּׂר וְאֶחָיו מֵאָה
8 וּשְׁלֹשִֽׁים׃ לִבְנֵי אֱלִיצָפָן שְֽׁמַֽעְיָה הַשָּׂר וְאֶחָיו מָאתָֽיִם׃
9 לִבְנֵי חֶבְרוֹן אֱלִיאֵל הַשָּׂר וְאֶחָיו שְׁמוֹנִֽים׃
י לִבְנֵי עֻזִּיאֵל עַמִּֽינָדָב הַשָּׂר וְאֶחָיו מֵאָה וּשְׁנֵים עָשָֽׂר׃
11 וַיִּקְרָא דָוִיד לְצָדוֹק וּלְאֶבְיָתָר הַכֹּהֲנִים וְלַלְוִיִּם לְאוּרִיאֵל
12 עֲשָׂיָה וְיוֹאֵל שְֽׁמַֽעְיָה וֶאֱלִיאֵל וְעַמִּינָדָֽב׃ וַיֹּאמֶר לָהֶם
אַתֶּם רָאשֵׁי הָאָבוֹת לַלְוִיִּם הִֽתְקַדְּשׁוּ אַתֶּם וַאֲחֵיכֶם
וְהַעֲלִיתֶם אֵת אֲרוֹן יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אֶל־הֲכִינוֹתִי לֽוֹ׃

אזוי ווי א וואסער ברוך! דארום האט מען גערופען דעם נאמען פון
יענעם ארט „בעל־פרצים".
12 און זיי האבען דארטען פערלאזען זייערע געטער, האט דוד געהייסען אז
מען זאל זיי פערברענען אין פייער.
13 אז די פלשתים האבען זיך נאכאמאל פערשפרייט, אין טהאל,
14 האט דוד נאכאמאל אנגעפרעגט ביי גאט; אבער גאט האט איהם גע־
זאגט: געה ניט נאך זיי! געה זיי ארום, און געה צו זיי ארויס קעגען
די מוילבער בוימער;
15 און אז דו וועסט הערען א גערויש פון טריט אויף די שפיצען פון די
מוילבער בוימער, דאן פאנג אן די מלחמה; דאס איז גאט ארויס שלאגען
דעם פלשתים־לאגער פאר דיר.
16 דוד האט געטהון אזוי ווי גאט האט איהם געבאטען, און זיי האבען
צושלאגען דעם פלשתים־לאגער פון גבעון ביז גזרה.
17 דוד'ס בערוף איז געגאנגען איבער אלע לענדער, און גאט האט געווארפען
זיין שרעק אויף אלע פעלקער.

## קאפיטעל טו

1 דאן האט ער זיך געמאכט הייזער אין דער שטאדט פון דוד, ער האט
אנגעגרייט אן ארט פאר גאט'ס ארון און האט פאר איהם אויפגעשטעלט
א געצעלט.
2 דענסטמאל האט דוד געזאגט: קיינער זאל ניט טראגען דעם ארון פון
גאט, נור די לוים, ווארים זיי האט גאט אויסדערוועהלט צו טראגען
דעם ארון פון גאט, און איהם אימער צו דיענען.
3 און דוד האט פערזאמעלט גאנץ ישראל און ירושלים ארויפצוברענגען
גאט'ס ארון צו זיין ארט וואס ער האט פאר איהם אנגעגרייט;
4 אויך האט דוד פערזאמעלט אהרון'ס זיהן, די לוים.
5 פון קהת'ס זיהן: אוריאל דער פירסט מיט זיינע ברידער — הונדערט
און צוואנציג,
6 פון מררי'ס זיהן: עשיה דער פירסט מיט זיינע ברידער — צוויי הונ־
דערט און צוואנציג,
7 פון גרשום'ס זיהן: יואל דער פירסט מיט זיינע ברידער — הונדערט
און דרייסיג,
8 פון אליצפן'ס זיהן: שמעיה דער פירסט מיט זיינע ברידער — צוויי
הונדערט,
9 פון חברון'ס זיהן: אליאל דער פירסט מיט זיינע ברידער — אכציג,
10 פון עזיאל'ס זיהן: עמינדב דער פירסט מיט זיינע ברידער — הונדערט
און צוועלף.
11 און דוד האט גערופען צדוק און אביתר די כהנים, אויך פון די לוים
אוריאל, עשיה, יואל, שמעיה, אליאל, און עמינדב.
12 און ער האט צו זיי געזאגט: איהר זייט די הויפט פארשטעהער פון די
לוים, הייליגט אייך מיט אייערע ברידער, און ברייגגט ארויף דעם ארון
פון גאט, דער גאט פון ישראל, צו דעם ארט וואס איך האב פאר איהם
אנגעברייט.

13 כִּ֥י לְמַבָּרִאשׁוֹנָ֖ה לֹ֣א אַתֶּ֑ם פָּ֠רַץ יְהוָ֤ה אֱלֹהֵ֨ינוּ֙ בָּ֔נוּ כִּי־לֹ֥א
14 דְרַשְׁנֻ֖הוּ כַּמִּשְׁפָּֽט׃ וַ֨יִּֽתְקַדְּשׁ֔וּ הַכֹּהֲנִ֖ים וְהַלְוִיִּ֑ם לְהַעֲל֕וֹת
טו אֶת־אֲר֖וֹן יְהוָ֥ה אֱלֹהֵ֥י יִשְׂרָאֵֽל׃ וַיִּשְׂא֣וּ בְנֵֽי־הַלְוִיִּ֗ם אֵ֣ת
אֲר֤וֹן הָאֱלֹהִים֙ כַּאֲשֶׁ֣ר צִוָּ֣ה מֹשֶׁ֔ה כִּדְבַ֥ר יְהוָ֖ה בִּכְתֵפָ֑ם
16 בַּמֹּט֖וֹת עֲלֵיהֶֽם׃ וַיֹּ֣אמֶר דָּוִיד֮ לְשָׂרֵ֣י הַלְוִיִּם֒ לְהַעֲמִ֗יד
אֶת־אֲחֵיהֶם֙ הַמְשֹׁ֣רְרִ֔ים בִּכְלֵי־שִׁ֛יר נְבָלִ֥ים וְכִנֹּר֖וֹת
וּמְצִלְתָּ֑יִם מַשְׁמִיעִ֥ים לְהָרִים־בְּק֖וֹל לְשִׂמְחָֽה׃
17 וַיַּעֲמִ֣ידוּ הַלְוִיִּ֗ם אֵ֚ת הֵימָ֣ן בֶּן־יוֹאֵ֔ל וּמִן־אֶחָ֔יו אָסָ֖ף בֶּן־
18 בֶּֽרֶכְיָ֑הוּ וּמִן־בְּנֵ֤י מְרָרִי֙ אֲחֵיהֶ֔ם אֵיתָ֖ן בֶּן־קוּשָׁיָֽהוּ׃ וְעִמָּהֶ֛ם
אֲחֵיהֶ֖ם הַמִּשְׁנִ֑ים זְכַרְיָ֨הוּ בֵּ֜ן וְיַעֲזִיאֵ֗ל וּשְׁמִירָמ֡וֹת וִֽיחִיאֵ֡ל ׀
וְעֻנִּ֡י אֱלִיאָ֡ב וּבְנָיָ֡הוּ וּמַעֲשֵׂיָ֡הוּ וּמַתִּתְיָ֡הוּ וֶאֱלִיפְלֵ֡הוּ וּמִקְנֵיָ֡הוּ
19 וְעֹבֵ֥ד אֱדֹ֛ם וִיעִיאֵ֖ל הַשֹּׁעֲרִֽים׃ וְהַמְשֹׁ֣רְרִ֔ים הֵימָ֥ן אָסָ֖ף
כ וְאֵיתָ֑ן בִּמְצִלְתַּ֥יִם נְחֹ֖שֶׁת לְהַשְׁמִֽיעַ׃ וּזְכַרְיָ֡ה וַעֲזִיאֵ֡ל
וּשְׁמִֽירָמ֡וֹת וִֽיחִיאֵ֡ל וְעֻנִּ֡י וֶאֱלִיאָ֡ב וּמַעֲשֵׂיָ֡הוּ וּבְנָיָ֡הוּ בִּנְבָלִ֖ים
21 עַל־עֲלָמֽוֹת׃ וּמַתִּתְיָ֡הוּ וֶאֱלִיפְלֵ֡הוּ וּמִקְנֵיָ֡הוּ וְעֹבֵ֥ד אֱדֹ֛ם
22 וִיעִיאֵ֥ל וַעֲזַזְיָ֖הוּ בְּכִנֹּר֑וֹת עַל־הַשְּׁמִינִ֖ית לְנַצֵּֽחַ׃ וּכְנַנְיָ֥הוּ
23 שַׂר־הַלְוִיִּ֖ם בְּמַשָּׂ֑א יָסֹר֙ בַּמַּשָּׂ֔א כִּ֥י מֵבִ֖ין הֽוּא׃ וּבֶֽרֶכְיָה֙
24 וְאֶלְקָנָ֔ה שֹׁעֲרִ֖ים לָאָרֽוֹן׃ וּשְׁבַנְיָ֡הוּ וְיֽוֹשָׁפָ֡ט וּנְתַנְאֵ֡ל וַעֲמָשַׂ֡י
וּזְכַרְיָ֡הוּ וּבְנָיָ֡הוּ וֶֽאֱלִיעֶ֡זֶר הַכֹּהֲנִ֗ים מַחְצֹצְרִ֤ים בַּחֲצֹֽצְרוֹת֙
לִפְנֵי֙ אֲר֣וֹן הָאֱלֹהִ֔ים וְעֹבֵ֥ד אֱדֹם֙ וִֽיחִיָּ֔ה שֹׁעֲרִ֖ים לָאָרֽוֹן׃
כה וַיְהִ֥י דָוִ֛יד וְזִקְנֵ֥י יִשְׂרָאֵ֖ל וְשָׂרֵ֣י הָאֲלָפִ֑ים הַהֹלְכִ֗ים
לְֽהַעֲל֞וֹת אֶת־אֲר֧וֹן בְּרִית־יְהוָ֛ה מִן־בֵּ֥ית עֹבֵֽד־אֱדֹ֖ם
26 בְּשִׂמְחָֽה׃ וַיְהִ֗י בֶּעְזֹ֤ר הָֽאֱלֹהִים֙ אֶת־הַלְוִיִּ֔ם נֹשְׂאֵ֖י
אֲר֣וֹן בְּרִית־יְהוָ֑ה וַיִּזְבְּח֥וּ שִׁבְעָֽה־פָרִ֖ים וְשִׁבְעָ֥ה אֵילִֽים׃
27 וְדָוִ֞יד מְכֻרְבָּ֣ל ׀ בִּמְעִ֣יל בּ֗וּץ וְכָל־הַלְוִיִּ֞ם הַנֹּשְׂאִ֤ים אֶת־
הָאָרוֹן֙ וְהַמְשֹׁ֣רְרִ֔ים וּכְנַנְיָ֛ה הַשַּׂ֥ר הַמַּשָּׂ֖א הַמְשֹׁרְרִ֑ים וְעַל־
28 דָּוִ֖יד אֵפ֥וֹד בָּֽד׃ וְכָל־יִשְׂרָאֵ֗ל מַעֲלִים֙ אֶת־אֲר֣וֹן בְּרִית־

יהוה

v. 24. יתיר צד״י v. 27. השר בפתח

13 ווייל פריהער, אַז ניט איהר, האָט גאָט איינגעבראָכען אין אונז, ווייל מיר האָבען איהם ניט ערזוכט ווי געהעריג.

14 האָבען זיך די כהנים מיט די לוים געהייליגט, ארויפצוברענגען דער ארון פון גאָט, דער גאָט פון ישראל.

15 די יונגע לוים האָבען געטראָגען גאָט׳ס ארון, אַזוי ווי משה האָט געבאָטען נאָך גאָט׳ס וואָרט, אויף זייערע אַקסעלן מיט די שטאַנגען וואָס איז דאַרויף געוועזען.

16 און דוד האָט געזאָגט צו די הויפּטען פון די לוים, אַז זיי זאָלען אנשטעלען זייערע ברידער אַלס משוררים מיט מוזיק אינסטרומענטען: פידעלן, האַרפּען, און צימבעלן, כדי מען זאָל הערען און מען זאָל אויפהייבען אַ פריידיגעס קול.

17 האָבען די לוים אַנגעשטעלט הימן יואל׳ס זוהן און פון זיינע ברידער אָסף ברכיהו׳ס זוהן און פון מררי׳ס זיהן זייערע ברידער — איתן קושיהו׳ס זוהן.

18 און מיט זיי זייערע ברידער פון צווייטען ראַנג — זכריהו יעזיאל׳ס זוהן און שמירמות, יחיאל, עני, אליאב, בניהו, מעשיהו, מתיתיהו, אליפלהו, מקניהו, עובד אדום, און יעיאל, די טויער היטערס.

19 און די זינגערס: אָסף און איתן, זיינען אַנגעשטעלט געוואָרען מיט די קופּערנע צימבעלן צו מאַכען הערען.

20 און זכריה, עזיאל, שמירמות, יחיאל, עני, אליאב, מעשיהו, און בניהו מיט סאָפּראַנאָ פידלען.

21 און מתתיהו, אליפלהו, מקניהו, עובד אדום, יעיאל, און עזזיהו, מיט אכט-סטרונען האַרפּען צו איבערשטייגען.

22 כנניהו האָט בעפעהלען די לוים וואָס האָבען געטראָגען; ער האָט באַזעהען די טראָג זאַכען, ווייל ער האָט עס פערשטאַנען.

23 ברכיה, און אלקנה זיינען געוועזען די טויער היטערס פון ארון.

24 שבניהו, יושפט, נתנאל, עמשי, זכריהו, בניהו, און אליעזר, די כהנים, האָבען געבלאָזען מיט די טראָמפּייטען פאַר גאָט׳ס ארון; אויך עובד אדום, און יחיה זיינען געוועזען די טהויער היטערס פון ארון.

25 דוד, די עלטסטע פון ישראל און די פירסטען איבער טויזענד זיינען געוועזען די געהער צו ברייגען דעם ארון, גאָט׳ס בונד, פון עבד-אדם׳ס הויז מיט פרייד.

26 אַז גאָט האָט געהאָלפען די לוים די טרעגער פון ארון גאָט׳ס ברית, האָבען זיי געשאָכטען זיעבען אָקסען און זיעבען ווידערס.

27 דוד איז געוועזען איינגעהילט אין אַ לייגען אויבערמאַנטעל אויך אַלע לוים די ארון-טרעגער, די זינגערס, און כנניה דער אויפזעהער אויף דעם טראַגען פון די זינגערס; אויף דוד׳ן איז אויך געוועזען אַ לייגענער אפוד.

28 אַזוי האָט גאַנץ ישראל ארויפגעבראַכט דעם ארון, גאָט׳ס ברית מיט שאַלונג און מיט אַ שופר-בלאָזען מיט טראָמפּייטען, און מיט צימבלען, אַנזאָגענדיג מיט פידלען און האַרפּען.

יְהוָה בִּתְרוּעָה וּבְקוֹל שׁוֹפָר וּבַחֲצֹצְרוֹת וּבִמְצִלְתָּיִם
29 מַשְׁמִעִים בִּנְבָלִים וְכִנֹּרוֹת׃ וַיְהִי אֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה בָּא
עַד־עִיר דָּוִיד וּמִיכַל בַּת־שָׁאוּל נִשְׁקְפָה ׀ בְּעַד הַחַלּוֹן
וַתֵּרֶא אֶת־הַמֶּלֶךְ דָּוִיד מְרַקֵּד וּמְשַׂחֵק וַתִּבֶז לוֹ בְּלִבָּהּ׃

## טז CAP. XVI. טז

א וַיָּבִיאוּ אֶת־אֲרוֹן הָאֱלֹהִים וַיַּצִּיגוּ אֹתוֹ בְּתוֹךְ הָאֹהֶל אֲשֶׁר
נָטָה־לוֹ דָּוִיד וַיַּקְרִיבוּ עֹלוֹת וּשְׁלָמִים לִפְנֵי הָאֱלֹהִים׃
2 וַיְכַל דָּוִיד מֵהַעֲלוֹת הָעֹלָה וְהַשְּׁלָמִים וַיְבָרֶךְ אֶת־הָעָם
3 בְּשֵׁם יְהוָה׃ וַיְחַלֵּק לְכָל־אִישׁ יִשְׂרָאֵל מֵאִישׁ וְעַד־אִשָּׁה
4 לְאִישׁ כִּכַּר־לֶחֶם וְאֶשְׁפָּר וַאֲשִׁישָׁה׃ וַיִּתֵּן לִפְנֵי אֲרוֹן
יְהוָה מִן־הַלְוִיִּם מְשָׁרְתִים וּלְהַזְכִּיר וּלְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל
ה לַיהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃ אָסָף הָרֹאשׁ וּמִשְׁנֵהוּ זְכַרְיָה
יְעִיאֵל וּשְׁמִירָמוֹת וִיחִיאֵל וּמַתִּתְיָה וֶאֱלִיאָב וּבְנָיָהוּ וְעֹבֵד
אֱדֹם וִיעִיאֵל בִּכְלֵי נְבָלִים וּבְכִנֹּרוֹת וְאָסָף בַּמְצִלְתַּיִם
6 מַשְׁמִיעַ׃ וּבְנָיָהוּ וְיַחֲזִיאֵל הַכֹּהֲנִים בַּחֲצֹצְרוֹת תָּמִיד לִפְנֵי
7 אֲרוֹן בְּרִית־הָאֱלֹהִים׃ בַּיּוֹם הַהוּא אָז נָתַן דָּוִיד בָּרֹאשׁ
8 לְהֹדוֹת לַיהוָה בְּיַד־אָסָף וְאֶחָיו׃ הוֹדוּ לַיהוָה קִרְאוּ
9 בִשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים עֲלִילֹתָיו׃ שִׁירוּ לוֹ זַמְּרוּ־לוֹ שִׂיחוּ
י בְּכָל־נִפְלְאֹתָיו׃ הִתְהַלְלוּ בְּשֵׁם קָדְשׁוֹ יִשְׂמַח לֵב מְבַקְשֵׁי
11 12 יְהוָה׃ דִּרְשׁוּ יְהוָה וְעֻזּוֹ בַּקְּשׁוּ פָנָיו תָּמִיד׃ זִכְרוּ
13 נִפְלְאֹתָיו אֲשֶׁר עָשָׂה מֹפְתָיו וּמִשְׁפְּטֵי־פִיהוּ׃ זֶרַע יִשְׂרָאֵל
14 עַבְדּוֹ בְּנֵי יַעֲקֹב בְּחִירָיו׃ הוּא יְהוָה אֱלֹהֵינוּ בְּכָל־הָאָרֶץ
טו מִשְׁפָּטָיו׃ זִכְרוּ לְעוֹלָם בְּרִיתוֹ דָּבָר צִוָּה לְאֶלֶף דּוֹר׃
16 17 אֲשֶׁר כָּרַת אֶת־אַבְרָהָם וּשְׁבוּעָתוֹ לְיִצְחָק׃ וַיַּעֲמִידֶהָ
18 לְיַעֲקֹב לְחֹק לְיִשְׂרָאֵל בְּרִית עוֹלָם׃ לֵאמֹר לְךָ אֶתֵּן
19 אֶרֶץ־כְּנָעַן חֶבֶל נַחֲלַתְכֶם׃ בִּהְיוֹתְכֶם מְתֵי מִסְפָּר כִּמְעַט
כ וְגָרִים בָּהּ׃ וַיִּתְהַלְּכוּ מִגּוֹי אֶל־גּוֹי וּמִמַּמְלָכָה אֶל־עַם

אחר

ט״ז v. 13. 22. קמץ בז״ק

29 ווען דער אָרון, גאָט'ס ברית איז אָנגעקומען אין דוד'ס שטאָדט האָט מיכל
שאול'ס טאָכטער ארויסגעקוקט דורך'ן פענסטער, און זי האָט דערזעהען
דעם קעניג דוד טאַנצענדיג און שפּיעלענדיג האָט זי איהם פעראכט אין
איהר הארץ.

## קאפּיטעל טז

1 און זיי האָבען געבראכט גאָט'ס ארון, האָבען איהם געשטעלט אין גע־
צעלט וואָס דוד האָט פאר איהם אויפגעשטעלט, און זיי האָבען געבראכט
גאנצ־אָפּפער און פריעדן־אָפּפער פאר גאָט.
2 אז דוד האָט אויפגעהערט צו ברייננגען די גאנץ־אָפּפער און פריעדן־אָפּפער,
האָט ער געבענשט דאָס פאָלק אין גאָט'ס נאָמען.
3 און ער האָט אויסגעטהיילט צו איטליכען פון ישראל, מאַן און פרוי, צו
איטליכען א לאַבען ברויט, א גוט שטיק פלייש, און א פלאַש וויין.
4 און ער האָט אָנגעשטעלט פון די לוים דיענער פאר גאָט'ס ארון, אויך צו
דערמאָנען, דאנקען און לויבען גאָט, דעם גאָט פון ישראל:
5 אסף דער אָבערהויפּט, זכריה — זיין צווייטער, יעיאל, שמירמות, יחיאל,
מתתיה, אליאב און בניהו. עבד־אדם און יעיאל מיט אינסטרומענטען —
הארפען און פידלען און אסף האָט געקלונגען מיט'ן צימבעל.
6 אויך בניה מיט יחזיאל, די כהנים האָבען שטענדיג געשפּיעלט מיט
טראָמפּייטען פאר דעם ארון, גאָט'ס ברית.
7 דאמאלס, אין יענעם טאָג, האָט דוד דעם ערשטען מאָהל געהייסען מען
זאָל לויבען גאָט מיט'ן זינגען פון אסף און זיינע ברידער.
8 דאנקט גאָט, רופט אָן זיין נאָמען! מאכט וויסען אונטער די פעלקער
זיינע ווערק.
9 זינגט צו איהם, לויבט איהם, רעדט פון אלע זיינע וואונדער.
10 ריהמט אייך מיט זיין הייליגען נאָמען, זאָל זיך פרייהען די הארץ פון די
גאָט'ס־זוכער.
11 פאָרשט גאָט און זיין שטארקהייט, זוכט שטענדיג זיין אָנגעזיכט.
12 געדענקט זיינע וואונדער וואָס ער האָט געטהאָן, זיינע צייכענס און זיינע
ריכטיגע בעפעהלען —
13 איהר, קינדער פון ישראל זיין קנעכט! איהר, יעקב'ס בעסטע קינדער!
14 — ער איז אונזער גאָט, זיינע רעכטע זיינען אויף דער גאנצער וועלט —
15 געדענקט אימער זיין בונד, וועלכען ער האָט געמאכט מיט אברהם'ן!
16 דאָס וואָרט וואָס ער האָט צוגעזאָגט צו טויזענד דורות, ד. ה. זיין שבועה
צו יצחק'ן,
17 וועלכע ער האָט בעשטימט אלס א געזעץ פאר יעקב'ן, פאר ישראל'ן —
אן אייביגער בונד,
18 זאָגענדיג: דיר וועל איך געבען דאָס לאנד כנען אלס א טהייל פון אייער
בעזיץ.
19 ווען איהר זייט געווען ווינציג אין צאָהל, ווענויג און פרעמדלינגע אין
איהר,
20 ארומגעוואנדערט פון פאָלק צו פאָלק, פון איין קעניגרייך צו אן אנדער
נאציאָן.

21 אַחֵר: לֹא־הִנִּיחַ לְאִישׁ לְעָשְׁקָם וַיּוֹכַח עֲלֵיהֶם מְלָכִים:
22 23 אַל־תִּגְּעוּ בִּמְשִׁיחָי וּבִנְבִיאַי אַל־תָּרֵעוּ: שִׁירוּ לַיהוָה
24 כָּל־הָאָרֶץ בַּשְּׂרוּ מִיּוֹם־אֶל־יוֹם יְשׁוּעָתוֹ: סַפְּרוּ בַגּוֹיִם
כה אֶת־כְּבוֹדוֹ בְּכָל־הָעַמִּים נִפְלְאֹתָיו: כִּי גָדוֹל יְהוָה וּמְהֻלָּל
26 מְאֹד וְנוֹרָא הוּא עַל־כָּל־אֱלֹהִים: כִּי כָּל־אֱלֹהֵי הָעַמִּים
27 אֱלִילִים וַיהוָה שָׁמַיִם עָשָׂה: הוֹד וְהָדָר לְפָנָיו עֹז וְחֶדְוָה
28 בִּמְקֹמוֹ: הָבוּ לַיהוָה מִשְׁפְּחוֹת עַמִּים הָבוּ לַיהוָה כָּבוֹד
29 וָעֹז: הָבוּ לַיהוָה כְּבוֹד שְׁמוֹ שְׂאוּ מִנְחָה וּבֹאוּ לְפָנָיו
ל הִשְׁתַּחֲווּ לַיהוָה בְּהַדְרַת־קֹדֶשׁ: חִילוּ מִלְּפָנָיו כָּל־הָאָרֶץ
31 אַף־תִּכּוֹן תֵּבֵל בַּל־תִּמּוֹט: יִשְׂמְחוּ הַשָּׁמַיִם וְתָגֵל הָאָרֶץ
32 וְיֹאמְרוּ בַגּוֹיִם יְהוָה מָלָךְ: יִרְעַם הַיָּם וּמְלוֹאוֹ יַעֲלֹץ
33 הַשָּׂדֶה וְכָל־אֲשֶׁר־בּוֹ: אָז יְרַנְּנוּ עֲצֵי הַיָּעַר מִלִּפְנֵי יְהוָה
34 כִּי־בָא לִשְׁפּוֹט אֶת־הָאָרֶץ: הוֹדוּ לַיהוָה כִּי טוֹב כִּי
לה לְעוֹלָם חַסְדּוֹ: וְאִמְרוּ הוֹשִׁיעֵנוּ אֱלֹהֵי יִשְׁעֵנוּ וְקַבְּצֵנוּ
וְהַצִּילֵנוּ מִן־הַגּוֹיִם לְהֹדוֹת לְשֵׁם קָדְשֶׁךָ לְהִשְׁתַּבֵּחַ
36 בִּתְהִלָּתֶךָ: בָּרוּךְ יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל מִן־הָעוֹלָם וְעַד
37 הָעֹלָם וַיֹּאמְרוּ כָל־הָעָם אָמֵן וְהַלֵּל לַיהוָה: וַיַּעֲזָב־
שָׁם לִפְנֵי אֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה לְאָסָף וּלְאֶחָיו לְשָׁרֵת לִפְנֵי
38 הָאָרוֹן תָּמִיד לִדְבַר־יוֹם בְּיוֹמוֹ: וְעֹבֵד אֱדֹם וַאֲחֵיהֶם
שִׁשִּׁים וּשְׁמוֹנָה וְעֹבֵד אֱדֹם בֶּן־יְדִיתוּן וְחֹסָה לְשֹׁעֲרִים:
39 וְאֵת ׀ צָדוֹק הַכֹּהֵן וְאֶחָיו הַכֹּהֲנִים לִפְנֵי מִשְׁכַּן יְהוָה
מ בַּבָּמָה אֲשֶׁר בְּגִבְעוֹן: לְהַעֲלוֹת עֹלוֹת לַיהוָה עַל־מִזְבַּח
הָעֹלָה תָּמִיד לַבֹּקֶר וְלָעָרֶב וּלְכָל־הַכָּתוּב בְּתוֹרַת יְהוָה
41 אֲשֶׁר צִוָּה עַל־יִשְׂרָאֵל: וְעִמָּהֶם הֵימָן וִידוּתוּן וּשְׁאָר
הַבְּרוּרִים אֲשֶׁר נִקְּבוּ בְּשֵׁמוֹת לְהֹדוֹת לַיהוָה כִּי לְעוֹלָם
42 חַסְדּוֹ: וְעִמָּהֶם הֵימָן וִידוּתוּן חֲצֹצְרוֹת וּמְצִלְתַּיִם לְמַשְׁמִיעִים

וּכְלֵי

v. 22. קָמֵץ בז"ק   v. 38. נ"א ידותון קרי

21 ער האָט קיינעם ניט דערלאָזען דריקען זיי, און געוואָרענט קעניגע אי־
בער זיי:
22 „ריהרט ניט אָן מיינע געזאַלבטע און טהוט קיין שלעכטס מיינע פּראָפע־
טען!”...
23 זינגט צום גאָט פון דער גאַנצער וועלט! גיט איבער פון טאָג צו טאָג
זיין הילף.
24 דערצעהלט אין די פעלקער זיין עהרע, אונטער די נאַציאָנען — זיינע
וואונדער.
25 דען גאָט איז גרויס און זעהר געריהמט, ער איז פורכטבארער פאר אַלע
מעכטע.
26 ווארים אַלע געטער פון די פעלקער זיינען געצען, אָבער גאָט האָט די
הימלען געמאַכט!
27 שיינקייט און פּראַכט איז נעבען איהם, שטאַרקייט און פריידע — אין
זיין אָרט.
28 גיט צו גאָט, איהר פעלקער־פאַמיליען, גיט צו גאָט עהרע און שטאַרק־
קייט.
29 גיט גאָט זיין פּאַסיגע עהרע, נעהמט מיט אַ געשענק ווען איהר קומט צו
איהם; בוקט אייך פאר גאָט מיט אַ פּאַסענדע הייליגקייט.
30 ציטערט פאר איהם אין דער גאַנצער וועלט, זאָגאָר די וועלט האָט ער
פעסט־געשטעלט עס זאָל ניט פאַלען.
31 עס פרעהען זיך די הימלען, עס איז פרעהליך די ערד ווען מען זאָגט אונ־
טער די פעלקער „גאָט איז קעניג!”;
32 עס שטורעמט דער ים מיט זיין פולהייט, עס פרעהט זיך דער פעלד מיט
אַלץ וואָס'ז אין איהם,
33 די ביימער פון וואלד זינגען פאר גאָט דאן ווען ער ערשיינט צו אורטהיי־
לען דאָס לאַנד.
34 דאַנקט גאָט פּאַסיג גוט, ווארים זיין פריינדליכקייט איז אויף זעהר
לאַנג,
35 און זאָגט: „העלף אונז, אָ גאָט — אונזער הילפע! נעהם אונז צוזאַ־
מען אום צו דאַנקען דיין הייליגען נאָמען, רעטע אונז פון די פעלקער אום
צו ריהמען זיך מיט דיין ליעב”.
36 געלויבט איז גאָט, דער גאָט פון ישראל פון איין טהייל וועלט ביז'ן אַנ־
דערן! דאָס גאַנצע פאָלק האָט געענטפערט: „אמן” און „ריהם צו
גאָט”.
37 און ער האָט דאָרטען איבערגעלאָזט פאר דעם ארון — גאָט'ס ברית —
אָסף'ן און זיינע ברידער, שטענדיג צו דיענען פאר דעם אָרון, טאָג
טעגליך
38 עובד אדום מיט זיינע ברידער, אַכט און זעכציג; אויך עובד אדום
ידותון'ס זוהן מיט חוסה אַלץ טהויער־היטער.

39 צדוק דעם כהן מיט זיינע ברידער די כהנים פאר גאָט'ס משכן ביי דער
במה וואָס אין גבעון.
40 צו בריינגען שטענדיג פאר גאָט גאַנץ־אָפּפערס, מאָרגענס און אבענדס
אויפ'ן גאַנץ־אָפּפער מזבח; ווי אַלעם וואָס עס איז געשריבען אין גאָט'ס
לעהרע, וועלכע ער האָט בעפעהלען ישראל.
41 מיט זיי איז געוועזען הימן און ידותון, און די איבריגע אויסדערוויילטע
וואָס זיינען געוועזען איינגעשריבען מיט די נעמען, צו לויבען גאָט, ווע־
מעס גנאָדע איז אויף אייביג.

וּכְלֵי שִׁיר הָאֱלֹהִים וּבְנֵי יְדוּתוּן לַשָּׁעַר׃ וַיֵּלְכוּ כָל־הָעָם 43
אִישׁ לְבֵיתוֹ וַיִּסֹּב דָּוִיד לְבָרֵךְ אֶת־בֵּיתוֹ׃

## Cap. XVII יז

יז

וַיְהִי כַּאֲשֶׁר יָשַׁב דָּוִיד בְּבֵיתוֹ וַיֹּאמֶר דָּוִיד אֶל־נָתָן הַנָּבִיא א
הִנֵּה אָנֹכִי יוֹשֵׁב בְּבֵית הָאֲרָזִים וַאֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה תַּחַת
יְרִיעוֹת׃ וַיֹּאמֶר נָתָן אֶל־דָּוִיד כֹּל אֲשֶׁר בִּלְבָבְךָ עֲשֵׂה כִּי 2
הָאֱלֹהִים עִמָּךְ׃ וַיְהִי בַּלַּיְלָה הַהוּא וַיְהִי דְּבַר 3
אֱלֹהִים אֶל־נָתָן לֵאמֹר׃ לֵךְ וְאָמַרְתָּ אֶל־דָּוִיד עַבְדִּי כֹּה 4
אָמַר יְהוָה לֹא אַתָּה תִּבְנֶה־לִּי הַבַּיִת לָשָׁבֶת׃ כִּי לֹא ה
יָשַׁבְתִּי בְּבַיִת מִן־הַיּוֹם אֲשֶׁר הֶעֱלֵיתִי אֶת־יִשְׂרָאֵל עַד
הַיּוֹם הַזֶּה וָאֶהְיֶה מֵאֹהֶל אֶל־אֹהֶל וּמִמִּשְׁכָּן׃ בְּכֹל אֲשֶׁר־ 6
הִתְהַלַּכְתִּי בְּכָל־יִשְׂרָאֵל הֲדָבָר דִּבַּרְתִּי אֶת־אַחַד שֹׁפְטֵי
יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר צִוִּיתִי לִרְעוֹת אֶת־עַמִּי לֵאמֹר לָמָּה לֹא־
בְנִיתֶם לִי בֵּית אֲרָזִים׃ וְעַתָּה כֹּה תֹאמַר לְעַבְדִּי לְדָוִיד 7
כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אֲנִי לְקַחְתִּיךָ מִן־הַנָּוֶה מִן־אַחֲרֵי
הַצֹּאן לִהְיוֹת נָגִיד עַל עַמִּי יִשְׂרָאֵל׃ וָאֶהְיֶה עִמְּךָ בְּכֹל 8
אֲשֶׁר הָלַכְתָּ וָאַכְרִית אֶת־כָּל־אוֹיְבֶיךָ מִפָּנֶיךָ וְעָשִׂיתִי לְךָ
שֵׁם כְּשֵׁם הַגְּדוֹלִים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ׃ וְשַׂמְתִּי מָקוֹם לְעַמִּי 9
יִשְׂרָאֵל וּנְטַעְתִּיהוּ וְשָׁכַן תַּחְתָּיו וְלֹא יִרְגַּז עוֹד וְלֹא־יוֹסִיפוּ
בְנֵי־עַוְלָה לְבַלֹּתוֹ כַּאֲשֶׁר בָּרִאשׁוֹנָה׃ וּלְמִיָּמִים אֲשֶׁר י
צִוִּיתִי שֹׁפְטִים עַל־עַמִּי יִשְׂרָאֵל וְהִכְנַעְתִּי אֶת־כָּל־אוֹיְבֶיךָ
וָאַגִּד לָךְ וּבַיִת יִבְנֶה־לְּךָ יְהוָה׃ וְהָיָה כִּי־מָלְאוּ יָמֶיךָ 11
לָלֶכֶת עִם־אֲבֹתֶיךָ וַהֲקִימוֹתִי אֶת־זַרְעֲךָ אַחֲרֶיךָ אֲשֶׁר
יִהְיֶה מִבָּנֶיךָ וַהֲכִינוֹתִי אֶת־מַלְכוּתוֹ׃ הוּא יִבְנֶה־לִּי בָּיִת 12
וְכֹנַנְתִּי אֶת־כִּסְאוֹ עַד־עוֹלָם׃ אֲנִי אֶהְיֶה־לּוֹ לְאָב וְהוּא 13
יִהְיֶה־לִּי לְבֵן וְחַסְדִּי לֹא־אָסִיר מֵעִמּוֹ כַּאֲשֶׁר הֲסִירוֹתִי
מֵאֲשֶׁר הָיָה לְפָנֶיךָ׃ וְהַעֲמַדְתִּיהוּ בְּבֵיתִי וּבְמַלְכוּתִי עַד־ 14
הָעוֹלָם וְכִסְאוֹ יִהְיֶה נָכוֹן עַד־עוֹלָם׃ כְּכֹל הַדְּבָרִים טו

האלה

42 מיט הימן און ידותון—טראמפייטען און צימבלען צו קלאפען, אויך הויפּט
אינסטרומענטען. און ידותון'ס זיהן ביי'ן טהויער.

43 אז דאס גאנצע פאלק איז געגאנגען יעדער צו זיין הויז, איז דוד אוועק
בעגריסען זיין הויזגעזינד.

## קאפּיטעל יז

1 אז דוד האט זיך בעזעצט אין זיין הויז, האט דוד געזאגט צו נתן דעם
נביא: „איך וואוין אין א הויז פון צעדערן, אבער דער ארון, גאט'ס בונד,
איז אונטער אומהאנגען..."

2 האט נתן געזאגט צו דוד'ן: טהו וואס דיין הארץ געלוסט, ווייל גאט
איז מיט דיר.

3 אין יענע נאכט איז געוועזן גאט'ס ווארט צו נת'ן זאגענדיג:

4 „געה זאג דוד'ן מיין קנעכט — אזוי האט גאט געזאגט: ניט דו וועסט
מיר בויען די הויז צו וואוינען!

5 ווארים איך האב ניט געוואוינט אין קיין הויז זינט איך האב ארויפגע-
בראכט ישראל ביז דעם היינטיגען טאג, איך בין נאר געוועזן פון געצעלט
צו געצעלט, און פון משכן...

6 וואו איך האב ארומגעוואנדערט מיט גאנץ ישראל האב איך ווען גערעדט
צו וועמען פון ישראל'ס ריכטער, וועלכען איך האב געשטעלט צו פיהר-
רען מיין פאלק, זאגענדיג: „ווארום האט איהר מיר ניט געבויט א הויז
פון צעדערן?"

7 יעצט זאלסטו אזוי זאגען צו מיין קנעכט דוד'ן: אזוי האט געזאגט גאט
פון ארמעען: איך האב דיר ארויסגענומען פון ביידעל, פון הינטער די
שעפסען צו זיין א הערשער אויף מיין פאלק ישראל,

8 איך בין מיט דיר געוועזען וואו נאר דו ביזט געגאנגען, איך האב פאר-
ניכטעט דיינע פיינד פון פאר דיר און האב דיר געמאכט א נאמען ווי דער
נאמען פון די גרעסטע אין דער וועלט,

9 איך וועל אויך מאכען אן ארט פאר מיין פאלק וואו איך וועל איהם בא-
זעצען, ער וועט רוהיג וואוינען און ניט מעהר ציטערן, ווייל די אונ-
רעכטע וועלען איהם מעהר ניט בעאונרוהיגען ווי פריהער

10 ווען איך האב באשטימט ריכטער אויף מיין פאלק ישראל; אויך דיינע
פיינד האב איך איינגעבייגען ווי איך האב דיר צוגעזאגט: „גאט וועט
דיר א רעגענטענהויז בויען."

11 אט אז עס וועט קומען די צייט דו זאלסט געהן צו דיינע עלטערן, וועל איך
פעסטשטעלען פון דיינע קינדער נאך דיר, וועמען-עס-איז פון דיינע זיהן,
איך וועל בעגרינדען זיין קעניגרייך,

12 און בעפעסטיגען זיין טהראן אויף אייביג — ער וועט מיר בויען א הויז!

13 איך וועל איהם א פאטער זיין און ער וועט מיר א זוהן זיין; איך וועל
מיין גנאדע פון איהם ניט צונעהמען ווי איך האב צוגענומען פון דעם וואס
איז געוועזען פאר דיר...

14 איהם וועל איך אנשטעלען אין מיין הויז און קעניגרייך אויף אייביג, אום
זיין טהראן זאל לאנג פעסט שטעהן".

15 די אלע ווערטער און די גאנצע פארזעהונג האט נתן גערעדט צו דוד'ן.

הָאֵלֶּה וּכְכֹל הֶחָזוֹן הַזֶּה כֵּן דִּבֶּר נָתָן אֶל־דָּוִיד׃
16 וַיָּבֹא הַמֶּלֶךְ דָּוִיד וַיֵּשֶׁב לִפְנֵי יְהוָה וַיֹּאמֶר מִי־אֲנִי יְהוָה
17 אֱלֹהִים וּמִי בֵיתִי כִּי הֲבִיאֹתַנִי עַד־הֲלֹם׃ וַתִּקְטַן זֹאת
בְּעֵינֶיךָ אֱלֹהִים וַתְּדַבֵּר עַל־בֵּית־עַבְדְּךָ לְמֵרָחוֹק וּרְאִיתַנִי
18 כְּתוֹר הָאָדָם הַמַּעֲלָה יְהוָה אֱלֹהִים׃ מַה־יּוֹסִיף עוֹד דָּוִיד
19 אֵלֶיךָ לְכָבוֹד אֶת־עַבְדֶּךָ וְאַתָּה אֶת־עַבְדְּךָ יָדָעְתָּ׃ יְהוָה
בַּעֲבוּר עַבְדְּךָ וּכְלִבְּךָ עָשִׂיתָ אֵת כָּל־הַגְּדוּלָּה הַזֹּאת
כ לְהֹדִיעַ אֶת־כָּל־הַגְּדֻלּוֹת׃ יְהוָה אֵין כָּמוֹךָ וְאֵין אֱלֹהִים
21 זוּלָתֶךָ בְּכֹל אֲשֶׁר־שָׁמַעְנוּ בְּאָזְנֵינוּ׃ וּמִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל
גּוֹי אֶחָד בָּאָרֶץ אֲשֶׁר הָלַךְ הָאֱלֹהִים לִפְדּוֹת לוֹ עָם
לָשׂוּם לְךָ שֵׁם גְּדֻלּוֹת וְנֹרָאוֹת לְגָרֵשׁ מִפְּנֵי עַמְּךָ אֲשֶׁר־
22 פָּדִיתָ מִמִּצְרַיִם גּוֹיִם׃ וַתִּתֵּן אֶת־עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל ׀ לְךָ לְעָם
23 עַד־עוֹלָם וְאַתָּה יְהוָה הָיִיתָ לָהֶם לֵאלֹהִים׃ וְעַתָּה יְהוָה
הַדָּבָר אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ עַל־עַבְדְּךָ וְעַל־בֵּיתוֹ יֵאָמֵן עַד־עוֹלָם
24 וַעֲשֵׂה כַּאֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ׃ וְיֵאָמֵן וְיִגְדַּל שִׁמְךָ עַד־עוֹלָם
לֵאמֹר יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אֱלֹהִים לְיִשְׂרָאֵל
כה וּבֵית־דָּוִיד עַבְדְּךָ נָכוֹן לְפָנֶיךָ׃ כִּי ׀ אַתָּה אֱלֹהַי גָּלִיתָ
אֶת־אֹזֶן עַבְדְּךָ לִבְנוֹת לוֹ בָּיִת עַל־כֵּן מָצָא עַבְדְּךָ
26 לְהִתְפַּלֵּל לְפָנֶיךָ׃ וְעַתָּה יְהוָה אַתָּה־הוּא הָאֱלֹהִים וַתְּדַבֵּר
27 עַל־עַבְדְּךָ הַטּוֹבָה הַזֹּאת׃ וְעַתָּה הוֹאַלְתָּ לְבָרֵךְ אֶת־
בֵּית עַבְדְּךָ לִהְיוֹת לְעוֹלָם לְפָנֶיךָ כִּי־אַתָּה יְהוָה בֵּרַכְתָּ
וּמְבֹרָךְ לְעוֹלָם׃

## CAP. XVIII. יח

יח

א וַיְהִי אַחֲרֵי־כֵן וַיַּךְ דָּוִיד אֶת־פְּלִשְׁתִּים וַיַּכְנִיעֵם וַיִּקַּח אֶת־
2 גַּת וּבְנֹתֶיהָ מִיַּד פְּלִשְׁתִּים׃ וַיַּךְ אֶת־מוֹאָב וַיִּהְיוּ מוֹאָב
3 עֲבָדִים לְדָוִיד נֹשְׂאֵי מִנְחָה׃ וַיַּךְ דָּוִיד אֶת־הֲדַדְעֶזֶר
מֶלֶךְ־צוֹבָה חֲמָתָה בְּלֶכְתּוֹ לְהַצִּיב יָדוֹ בִּנְהַר־פְּרָת׃

וילכד

רי״ן v. 22. פתוח בס״ם

16 דאן איז דער קעניג דוד אריינגעקומען, האָט זיך געזעצט פאַר גאָט און געזאָגט : ווער בין איך, און וואָס איז מיין הויז ? אַז דו, אָ גאָט, האָסט מיר אַזוי וויט געבראַכט !

17 דאָס איז נאָך ווייניג אין דיינע אויגען, אָה גאָט ! און דו רעדסט נאָך איבער דעם וויטען צוקונפט פון דיין קנעכט׳ס הויז, און בעטראַכטעסט מיר, אָה גאָט, אַלס אַן אויסגעצייכענטען מענשען.

18 אַלעס וואָס דוד וועט פון דיינעט וועגען טהאָן וועט זיין צו עהרען דיין קנעכט — דו ווייסט דאָך ווער עס איז דיין קנעכט —

19 צוליעב דיין קנעכט און נאָכפאָלגער האָסטו, אָה גאָט, געטהאָן די גרויסע טהאַט, אום אַלע גרויסטהאַטען בעקאַנט צו מאַכען.

20 לויט ווי מיר האָבען מיט אונזערע אויערן געהערט איז ניטאָ אַזאַ גאָט ווי דו און אַ מעכטיגער אויסער דיר.

21 און ווער איז ווי דיין פאָלק ישראל — אַן איינציגעל פאָלק אויף דער וועלט — אַ פאָלק וואָס גאָט איז אַראָבגעקומען איהם אויסלייזען, מאַכען פאַר דיר צייכענס, גרויס־און שרעקטהאַטען, צו פערטרייבען נאַציאָנען פאַר דיין פאָלק, וועלכע דו האָסט פון מצרים בעפרייט.

22 דו האָסט אויך בעשטימט דאָס פאָלק ישראל אַלס דיין פאָלק אויף אייביג און דו, אָה גאָט, ביזט געוואָרען זייער גאָט.

23 אַלזאָ, גאָט, דאָס וואָרט וואָס דו האָסט גערעדט וועגען דיין קנעכט און זיין הויז זאָל פערבלייבען אויף אייביג — טהו ווי דו האָסט גערעדט !

24 זאָל עס ערפילט ווערען, גאָט פון די הערשאַרען ! אום דיין נאָמען זאָל פאַר אייביג גרויס בלייבען, און מען זאָל זאָגען : ישראל׳ס גאָט איז דער גאָט פון פאָלק ישראל, און די הויז פון דוד דיין קנעכט זאָל פעסט־געשטעלט זיין פאַר דיר.

25 ווייל דו, מיין גאָט, האָסט דיין קנעכט אַנצוהערעניש געגעבען איהם צו בויען אַ הויז, דארום איז דיין קנעכט דרייסט געווען זיין פאָרשלאָג דיר צו מאַכען.

26 יעצט, אָה גאָט, דו אַל־מעכטיגער האָסט גערעדט וועגען דיין קנעכט דיזע גוטעס —

27 ווילינ־זשע איין צו בענשען דיין קנעכט׳ס הויז עס זאָל פאַר דיר אויף אימער עקזיסטירען ; אַז דו גאָט האָסט געבענשט איז עס אויף אייביג געבענשט . . .

## קאַפּיטעל יח

1 נאָך דעם האָט דוד געשלאָגען די פלשתים, האָט זיי געמאַכט אונטערטע־ניג, און אוועקגענומען גת מיט איהרע דערפער פון די פלשתים.

2 ער האָט אויך געשלאָגען מואב, און די מואבים זיינען געוואָרען קנעכט צו דוד — געשאַנקען בריינגער.

3 אויך האָט דוד געשלאָגען הדרעזר דעם קעניג פון צובה אין חמת, ווען ער איז אַהינגעגאַנגען אַנצושטעלען זיינע בעפּאַלמעכטיגטע ביי׳ן טייך פרת.

וַיִּלְכֹּד דָּוִיד מִמֶּנּוּ אֶלֶף רֶכֶב וְשִׁבְעַת אֲלָפִים פָּרָשִׁים 4
וְעֶשְׂרִים אֶלֶף אִישׁ רַגְלִי וַיְעַקֵּר דָּוִיד אֶת־כָּל־הָרֶכֶב
וַיּוֹתֵר מִמֶּנּוּ מֵאָה רָכֶב׃ וַיָּבֹא אֲרַם דַּרְמֶשֶׂק לַעְזוֹר ה
לַהֲדַרְעֶזֶר מֶלֶךְ צוֹבָה וַיַּךְ דָּוִיד בַּאֲרָם עֶשְׂרִים־וּשְׁנַיִם
אֶלֶף אִישׁ׃ וַיָּשֶׂם דָּוִיד בַּאֲרַם דַּרְמֶשֶׂק וַיְהִי אֲרָם לְדָוִיד 6
עֲבָדִים נֹשְׂאֵי מִנְחָה וַיּוֹשַׁע יְהוָה לְדָוִיד בְּכֹל אֲשֶׁר הָלָךְ׃
וַיִּקַּח דָּוִיד אֵת שִׁלְטֵי הַזָּהָב אֲשֶׁר הָיוּ עַל־עַבְדֵי הֲדַרְעָזֶר 7
וַיְבִיאֵם יְרוּשָׁלִָם׃ וּמִטִּבְחַת וּמִכּוּן עָרֵי הֲדַרְעֶזֶר לָקַח 8
דָּוִיד נְחֹשֶׁת רַבָּה מְאֹד בָּהּ ׀ עָשָׂה שְׁלֹמֹה אֶת־יָם הַנְּחֹשֶׁת
וְאֶת־הָעַמּוּדִים וְאֵת כְּלֵי הַנְּחֹשֶׁת׃ וַיִּשְׁמַע תֹּעוּ 9
מֶלֶךְ חֲמָת כִּי הִכָּה דָוִיד אֶת־כָּל־חֵיל הֲדַרְעֶזֶר מֶלֶךְ־
צוֹבָה׃ וַיִּשְׁלַח אֶת־הֲדוֹרָם־בְּנוֹ אֶל־הַמֶּלֶךְ־דָּוִיד לִשְׁאוֹל־ י
לוֹ לְשָׁלוֹם וּלְבָרְכוֹ עַל אֲשֶׁר נִלְחַם בַּהֲדַרְעֶזֶר וַיַּכֵּהוּ כִּי־
אִישׁ מִלְחֲמוֹת תֹּעוּ הָיָה הֲדַרְעָזֶר וְכֹל כְּלֵי זָהָב וָכֶסֶף
וּנְחֹשֶׁת׃ גַּם־אֹתָם הִקְדִּישׁ הַמֶּלֶךְ דָּוִיד לַיהוָה עִם־הַכֶּסֶף 11
וְהַזָּהָב אֲשֶׁר נָשָׂא מִכָּל־הַגּוֹיִם מֵאֱדוֹם וּמִמּוֹאָב וּמִבְּנֵי
עַמּוֹן וּמִפְּלִשְׁתִּים וּמֵעֲמָלֵק׃ וְאַבְשַׁי בֶּן־צְרוּיָה הִכָּה אֶת־ 12
אֱדוֹם בְּגֵיא הַמֶּלַח שְׁמוֹנָה עָשָׂר אָלֶף׃ וַיָּשֶׂם בֶּאֱדוֹם 13
נְצִיבִים וַיִּהְיוּ כָל־אֱדוֹם עֲבָדִים לְדָוִיד וַיּוֹשַׁע יְהוָה אֶת־
דָּוִיד בְּכֹל אֲשֶׁר הָלָךְ׃ וַיִּמְלֹךְ דָּוִיד עַל־כָּל־יִשְׂרָאֵל 14
וַיְהִי עֹשֶׂה מִשְׁפָּט וּצְדָקָה לְכָל־עַמּוֹ׃ וְיוֹאָב בֶּן־צְרוּיָה טו
עַל־הַצָּבָא וִיהוֹשָׁפָט בֶּן־אֲחִילוּד מַזְכִּיר׃ וְצָדוֹק בֶּן־ 16
אֲחִיטוּב וַאֲבִימֶלֶךְ בֶּן־אֶבְיָתָר כֹּהֲנִים וְשַׁוְשָׁא סֹפֵר׃
וּבְנָיָהוּ בֶּן־יְהוֹיָדָע עַל־הַכְּרֵתִי וְהַפְּלֵתִי וּבְנֵי־דָוִיד הָרִאשֹׁנִים 17
לְיַד הַמֶּלֶךְ׃

## יט CAP. XIX. יט

וַיְהִי אַחֲרֵי־כֵן וַיָּמָת נָחָשׁ מֶלֶךְ בְּנֵי־עַמּוֹן וַיִּמְלֹךְ בְּנוֹ א

תחתיו

ר״ית v. 10. יתיר ד

4 און דוד האָט פון איהם צוגענומען טויזענד רייט־פערד, זיבען טויזענד רייטער און צוואַנציג טויזענד פוס־געהער; אַלע רייט־פערד האָט דוד אונגילטיג געמאַכט, ער האָט נאָר איבערגעלאָזען דערפון הונדערט רייט־פערד.

5 און ארם דרמשק איז געקומען העלפען הדרעזר קעניג פון צובה, אָבער דוד האָט דערשלאָגען צוויי און צוואַנציג טויזענד מאַן ארם'ער.

6 זינט דוד האָט אַזוי געטהאָן מיט ארם דרמשק זיינען ארם געוואָרען דוד'ס אונטערטהאַנע, געשענק־ברייננגער. אַזוי האָט גאָט געהאָלפען דוד'ן וואו נאָר ער איז געגאַנגען.

7 און דוד האָט גענומען די גאָלדענע שילדען וואָס זיינען געוועזען אויף די קנעכט פון הדרעזר און האָט זיי געבראַכט אין ירושלים.

8 און אויך פון טבחת, און פון כון, די שטעט פון הדרעזר, האָט דוד אַוועקגענומען זעהר פיעל קופער; דערמיט האָט שלמה געמאַכט דאָס קופערנע ים, די זיילען, און אַלערליי קופערנע געפעס.

9 אַז תועו קעניג פון חמת האָט דערהערט אַז דוד האָט געשלאָגען דאָס גאַנצע חיל פון הדרעזר קעניג פון צובה.

10 האָט ער געשיקט זיין זוהן הדורם, מיט אַלערליי גאָלדענע, זילבערנע און קופערנע כלים, צום קעניג דוד, איהם צו בעגריסען און בענשען דערפאַר וואָס ער האָט מלחמה געהאַלטען מיט הדרעזר און איהם געשלאָגען, ווארים הדרעזר האָט אימער מלחמה געהאַלטען מיט תעו'ן.

11 אויך זיי האָט דער קעניג דוד געהייליגט צו גאָט מיט דעם זילבער און גאָלד וואָס ער האָט געבראַכט פון אַלע פעלקער: פון אדום, מואב, בני עמון פלשתים און עמלק.

12 אבשי צרויה'ס זוהן האָט געשלאָגען פון אדום אין דעם זאַלץ־טהאָל אַכצעהן טויזענד.

13 דאַן האָט ער אַנגעשטעלט אין אדום פאַרטרעטער און גאַנץ אדום זיינען געוועזען אונטערטהאַן דוד'ן; ווייל גאָט האָט דוד'ן געהאָלפען וואו ער איז נאָר געגאַנגען.

14 אַז דוד האָט רעגיערט איבער גאַנץ ישראל, האָט ער געטהון רעכט און גערעכטיגקייט צו זיין גאַנץ פאָלק.

15 יואב צרויה'ס זוהן איז געוועזען איבער דער קריעג־אַרמעע, יהושפט אחילוד'ס זוהן איז געוועזען דער דערמאַנער,

16 צדוק אחיטוב'ס זוהן און אבימלך אביתר'ס זוהן זיינען געוועזען כהנים, שושא איז געוועזען דער שרייבער,

17 און בניהו יהוידע'ס זוהן איז געוועזען איבער די כרתי און איבער די פלתי, און דוד'ס זיהן זיינען געוועזען די ערשטע דעם קעניג ביי'ן האַנד.

## קאַפּיטעל יט

1 נאָך דעם האָט פּאַסירט אַז נחש דער קעניג פון די בני עמון איז געשטאָרבען, און זיין זוהן איז קעניג געוואָרען אויף זיין שטעל.

2 תַּחְתָּיו׃ וַיֹּאמֶר דָּוִיד אֶעֱשֶׂה־חֶסֶד ׀ עִם־חָנוּן בֶּן־נָחָשׁ כִּי־
עָשָׂה אָבִיו עִמִּי חֶסֶד וַיִּשְׁלַח דָּוִיד מַלְאָכִים לְנַחֲמוֹ עַל־
אָבִיו וַיָּבֹאוּ עַבְדֵי דָוִיד אֶל־אֶרֶץ בְּנֵי־עַמּוֹן אֶל־חָנוּן
3 לְנַחֲמוֹ׃ וַיֹּאמְרוּ שָׂרֵי בְנֵי־עַמּוֹן לְחָנוּן הַמְכַבֵּד דָּוִיד אֶת־
אָבִיךָ בְּעֵינֶיךָ כִּי־שָׁלַח לְךָ מְנַחֲמִים הֲלֹא בַּעֲבוּר לַחְקֹר
4 וְלַהֲפֹךְ וּלְרַגֵּל הָאָרֶץ בָּאוּ עֲבָדָיו אֵלֶיךָ׃ וַיִּקַּח חָנוּן אֶת־
עַבְדֵי דָוִיד וַיְגַלְּחֵם וַיִּכְרֹת אֶת־מַדְוֵיהֶם בַּחֵצִי עַד־
ה הַמִּפְשָׂעָה וַיְשַׁלְּחֵם׃ וַיֵּלְכוּ וַיַּגִּידוּ לְדָוִיד עַל־הָאֲנָשִׁים
וַיִּשְׁלַח לִקְרָאתָם כִּי־הָיוּ הָאֲנָשִׁים נִכְלָמִים מְאֹד וַיֹּאמֶר
הַמֶּלֶךְ שְׁבוּ בִירֵחוֹ עַד אֲשֶׁר־יְצַמַּח זְקַנְכֶם וְשַׁבְתֶּם׃
6 וַיִּרְאוּ בְּנֵי עַמּוֹן כִּי הִתְבָּאֲשׁוּ עִם־דָּוִיד וַיִּשְׁלַח חָנוּן וּבְנֵי
עַמּוֹן אֶלֶף כִּכַּר־כֶּסֶף לִשְׂכֹּר לָהֶם מִן־אֲרַם נַהֲרַיִם וּמִן־
7 אֲרַם מַעֲכָה וּמִצּוֹבָה רֶכֶב וּפָרָשִׁים׃ וַיִּשְׂכְּרוּ לָהֶם שְׁנַיִם
וּשְׁלֹשִׁים אֶלֶף רֶכֶב וְאֶת־מֶלֶךְ מַעֲכָה וְאֶת־עַמּוֹ וַיָּבֹאוּ
וַיַּחֲנוּ לִפְנֵי מֵידְבָא וּבְנֵי עַמּוֹן נֶאֶסְפוּ מֵעָרֵיהֶם וַיָּבֹאוּ
8 לַמִּלְחָמָה׃ וַיִּשְׁמַע דָּוִיד וַיִּשְׁלַח אֶת־יוֹאָב וְאֵת
9 כָּל־צָבָא הַגִּבּוֹרִים׃ וַיֵּצְאוּ בְּנֵי עַמּוֹן וַיַּעַרְכוּ מִלְחָמָה פֶּתַח
י הָעִיר וְהַמְּלָכִים אֲשֶׁר־בָּאוּ לְבַדָּם בַּשָּׂדֶה׃ וַיַּרְא יוֹאָב
כִּי־הָיְתָה פְנֵי־הַמִּלְחָמָה אֵלָיו פָּנִים וְאָחוֹר וַיִּבְחַר מִכָּל־
11 בָּחוּר בְּיִשְׂרָאֵל וַיַּעֲרֹךְ לִקְרַאת אֲרָם׃ וְאֵת יֶתֶר הָעָם
12 נָתַן בְּיַד אַבְשַׁי אָחִיו וַיַּעַרְכוּ לִקְרַאת בְּנֵי עַמּוֹן׃ וַיֹּאמֶר
אִם־תֶּחֱזַק מִמֶּנִּי אֲרָם וְהָיִיתָ לִּי לִתְשׁוּעָה וְאִם־בְּנֵי עַמּוֹן
13 יֶחֶזְקוּ מִמְּךָ וְהוֹשַׁעְתִּיךָ׃ חֲזַק וְנִתְחַזְּקָה בְּעַד־עַמֵּנוּ וּבְעַד
14 עָרֵי אֱלֹהֵינוּ וַיהוָה הַטּוֹב בְּעֵינָיו יַעֲשֶׂה׃ וַיִּגַּשׁ יוֹאָב וְהָעָם
טו אֲשֶׁר־עִמּוֹ לִפְנֵי אֲרָם לַמִּלְחָמָה וַיָּנוּסוּ מִפָּנָיו׃ וּבְנֵי עַמּוֹן
רָאוּ כִּי־נָס אֲרָם וַיָּנוּסוּ גַם־הֵם מִפְּנֵי אַבְשַׁי אָחִיו וַיָּבֹאוּ
16 הָעִירָה וַיָּבֹא יוֹאָב יְרוּשָׁלִָם׃ וַיַּרְא אֲרָם כִּי נִגְּפוּ
לִפְנֵי יִשְׂרָאֵל וַיִּשְׁלְחוּ מַלְאָכִים וַיּוֹצִיאוּ אֶת־אֲרָם אֲשֶׁר

2 האט דוד געדיינקט: „איך וועל ווייזען פריינדשאפט חנון'ען, נחש'ס זוהן, אזוי ווי זיין פאטער האט מיר פריינדליך בעהאנדעלט; און דוד האט געשיקט לייטע איהם צו טרייסטען נאך זיין פאטער. זיינען דוד'ס דיענער געקומען אין'ם לאנד בני־עמון, צו חנון'ען, איהם צו טרייסטען.

3 אבער די פירסטען פון בני עמון האבען געזאגט צו חנון'ען; מיינסט דו אז דוד עהרט דאס דיין פאטער, ווען ער האט צו דיר געשיקט טרייסטען? זיינען ניט זיינע קנעכט צו דיר געקומען אויספארשען און דורכגעהן דאס לאנד אום עס איבערצוקעהרען?

4 האט חנון גענומען דוד'ס קנעכט און האט זיי אפגעשארען, און אפגעשניטען זייערע קליידער אין די העלפט ביז צום שאנד־טהייל און האט זיי אוועקגעשיקט.

5 איז מען געגאנגען און אנגעזאגט דוד'ן וועגען די מענער, אז די מענשען זיינען זעהר בעליידיגט; האט דער קעניג געשיקט זיי בעגעגענען און געזאגט: ווארט אין ירחו ביז אייער בארד וועט אבוואקסען דאן וועט איהר צוריק קומען.

6 אז די בני עמון האבען דערזעהען אז זיי האבען זיך פערהאסט געמאכט ביי דוד'ן, האט חנון מיט די בני עמון געשיקט טויזענד צענטנער זילבער צו דינגען רייט־פערד און רייטער פון ארם נהרים, ארם מעכה און צובה.

7 און זיי האבען זיך געדונגען צוויי און דרייסיג טויזענד רייטוועגען, אויך דעם קעניג פון מעכה מיט זיין פאלק; זיי זיינען געקומען און האבען געלאגערט פאר מידבה, אויך די בני עמון האבען זיך פערזאמעלט פון זייערע שטעט און געקומען צו דער מלחמה.

8 ווען דוד האט דאס געהערט האט ער געשיקט יואב'ן און דאס גאנצע העלדען ארמעע.

9 זיינען די בני עמון ארויס און איינגעריכט די מלחמה ביי'ן טהיר פון שטאדט, די קעניגע וואס זיינען געקומען זיינען בעזונדער געוועזען אין פעלד.

10 ווען יואב האט געזעהען אז די מלחמה איז פאר איהם געוועזען פון פארענט און פון הינטען האט ער אויסדערוועהלט פון אלע יונגע לייט פון ישראל און ער האט זיי געשטעלט אנטקעגען ארם.

11 דאס איבריגע פון דעם פאלק האט ער איבערגעגעבען אבשי זיין ברודער, און זיי האבען זיך געשטעלט קעגען די בני עמון.

12 ער האט אבגערעדט: ווען ארם וועט צו שטארק זיין פאר מיר זאלסטו מיר העלפען, און ווען די בני עמון וועלען צו שטארק זיין פאר דיר וועל איך דיר העלפען.

13 זיי שטארק! לאמיר אונז שטארקען צוליעב אונזער פאלק און וועגען די שטאדט פון אונזער גאט, און גאט זאל טהון וואס עס איז גוט אין זיינע אויגען.

14 אז יואב און דאס פאלק וואס איז מיט איהם געוועזען האבען זיך גענעהענט פאר ארם צו דער מלחמה זיינען זיי פאר איהם אנטלאפען.

15 ווען די בני עמון האבען געזעהען אז ארם איז אנטלאפען, זיינען זיי אויך אנטלאפען פאר אבשי זיין ברודער, און זיינען אריין אין די שטאדט, דאן איז יואב אוועק אין ירושלים.

16 אז ארם האט געזעהען אז זיי זיינען געשלאגען געווארען פאר ישראל, הא־

מֵעֵ֣בֶר הַנָּהָ֑ר וְשׁוֹפַ֛ךְ שַׂר־צְבָ֥א הֲדַרְעֶ֖זֶר לִפְנֵיהֶֽם׃ וַיֻּגַּ֣ד 17
לְדָוִיד֒ וַיֶּאֱסֹ֣ף אֶת־כָּל־יִשְׂרָאֵ֗ל וַיַּעֲבֹ֣ר הַיַּרְדֵּן֮ וַיָּבֹ֣א אֲלֵהֶם֒
וַיַּעֲרֹ֣ךְ אֲלֵיהֶ֑ם וַיַּעֲרֹ֨ךְ דָּוִ֜יד לִקְרַ֤את אֲרָם֙ מִלְחָמָ֔ה וַיִּֽלָּחֲמ֖וּ
עִמּֽוֹ׃ וַיָּ֤נָס אֲרָם֙ מִלִּפְנֵ֣י יִשְׂרָאֵ֔ל וַיַּהֲרֹ֨ג דָּוִ֜יד מֵֽאֲרָ֗ם 18
שִׁבְעַ֤ת אֲלָפִים֙ רֶ֔כֶב וְאַרְבָּעִ֥ים אֶ֖לֶף אִ֣ישׁ רַגְלִ֑י וְאֵ֛ת שׁוֹפַ֥ךְ
שַׂר־הַצָּבָ֖א הֵמִֽית׃ וַיִּרְא֞וּ עַבְדֵ֣י הֲדַרְעֶ֗זֶר כִּ֤י נִגְּפוּ֙ לִפְנֵ֣י 19
יִשְׂרָאֵ֔ל וַיַּשְׁלִ֥ימוּ עִם־דָּוִ֖יד וַיַּעַבְדֻ֑הוּ וְלֹֽא־אָבָ֣ה אֲרָ֗ם
לְהוֹשִׁ֛יעַ אֶת־בְּנֵֽי־עַמּ֖וֹן עֽוֹד׃

## CAP. XX. כ

וַיְהִ֡י לְעֵת֩ תְּשׁוּבַ֨ת הַשָּׁנָ֜ה לְעֵ֣ת ׀ צֵ֣את הַמְּלָכִ֗ים וַיִּנְהַ֣ג א
יוֹאָב֩ אֶת־חֵ֨יל הַצָּבָ֜א וַיַּשְׁחֵ֣ת ׀ אֶת־אֶ֣רֶץ בְּנֵֽי־עַמּ֗וֹן וַיָּבֹא֙
וַיָּ֣צַר אֶת־רַבָּ֔ה וְדָוִ֖יד יֹשֵׁ֣ב בִּירוּשָׁלִָ֑ם וַיַּ֥ךְ יוֹאָ֛ב אֶת־רַבָּ֖ה
וַיֶּהֶרְסֶֽהָ׃ וַיִּקַּ֣ח דָּוִ֣יד אֶת־עֲטֶֽרֶת־מַלְכָּם֩ מֵעַ֨ל רֹאשׁ֜וֹ 2
וַיִּמְצָאָ֣הּ ׀ מִשְׁקַ֣ל כִּכַּר־זָהָ֗ב וּבָהּ֙ אֶ֣בֶן יְקָרָ֔ה וַתְּהִ֖י עַל־רֹ֣אשׁ
דָּוִ֑יד וּשְׁלַ֥ל הָעִ֛יר הוֹצִ֖יא הַרְבֵּ֥ה מְאֹֽד׃ וְאֶת־הָעָ֨ם אֲשֶׁר־ 3
בָּ֜הּ הוֹצִ֗יא וַיָּ֤שַׂר בַּמְּגֵרָה֙ וּבַחֲרִיצֵ֣י הַבַּרְזֶ֔ל וּבַמְּגֵר֑וֹת וְכֵ֤ן
יַעֲשֶׂה֙ דָּוִ֔יד לְכֹ֖ל עָרֵ֣י בְנֵֽי־עַמּ֑וֹן וַיָּ֧שָׁב דָּוִ֛יד וְכָל־הָעָ֖ם
יְרוּשָׁלִָֽם׃ וַיְהִי֙ אַֽחֲרֵי־כֵ֔ן וַתַּעֲמֹ֧ד מִלְחָמָ֛ה בְּגֶ֖זֶר 4
עִם־פְּלִשְׁתִּ֑ים אָ֣ז הִכָּ֞ה סִבְּכַ֣י הַחֻשָׁתִ֗י אֶת־סִפַּ֛י מִילִדֵ֥י
הָֽרָפָ֖א וַיִּכָּנֵֽעוּ׃ וַתְּהִי־ע֥וֹד מִלְחָמָ֖ה אֶת־פְּלִשְׁתִּ֑ים ה
וַיַּ֞ךְ אֶלְחָנָ֣ן בֶּן־יָע֗וֹר אֶת־לַחְמִי֙ אֲחִי֙ גָּלְיָ֣ת הַגִּתִּ֔י וְעֵ֣ץ חֲנִית֔וֹ
כִּמְנ֖וֹר אֹרְגִֽים׃ וַתְּהִי־ע֥וֹד מִלְחָמָ֖ה בְּגַ֑ת וַיְהִ֣י ׀ אִ֣ישׁ 6
מִדָּ֗ה וְאֶצְבְּעֹתָ֞יו שֵׁשׁ־וָשֵׁשׁ֙ עֶשְׂרִ֣ים וְאַרְבַּ֔ע וְגַם־ה֖וּא נוֹלַ֥ד
לְהָרָפָֽא׃ וַיְחָרֵ֖ף אֶת־יִשְׂרָאֵ֑ל וַיַּכֵּ֗הוּ יְהֽוֹנָתָן֙ בֶּן־שִׁמְעָ֖א 7
אֲחִ֥י דָוִֽיד׃ אֵ֗ל נוּלְּד֛וּ לְהָרָפָ֖א בְּגַ֑ת וַיִּפְּל֥וּ בְיַד־דָּוִ֖יד 8
וּבְיַד־עֲבָדָֽיו׃

ויעמד

ס v. 5. יעיר קרי v. 8. דגש אחר שורק

בען זיי ארויסגעשיקט שלוחים, און האָבן אריבערגעבראַכט די אַרם'ער
וואָס פון יענער זייט טייך, און שופך דער הויפּט פון הדרעזר'ס אַרמעע
איז געגאַנגען פאַראויס.

17 האָט מען עס אָנגעזאָגט דוד'ן, האָט ער איינגעזאַמעלט גאַנץ ישראל,
איז אריבערגעגאַנגען דעם ירדן, און ער איז צו זיי אָנגעקומען,
און ער האָט זיך קעגן זיי געשטעלט. דוד האָט אָנגעהאַלטען אַ מלחמה
קעגען אַרם, און זיי האָבן מיט איהם מלחמה געהאַלטען.

18 אבער אַרם איז ענטלאָפען געוואָרען פאַר ישראל, און דוד האָט דערשלאָגען
פון אַרם זיעבען טויזענד מאַן רייטער און פיערציג טויזענד מאַן פוס־
געהער, אויך שופך'ן דעם אַרמעע־פיהרער האָט ער געטויטעט.

19 ווען הדרעזר'ס קנעכט האָבן געזעהען אַז זיי זיינען געשלאָגען געוואָרען
פאַר ישראל, האָבן זיי שלום געמאַכט מיט דוד, און האָבן איהם גע־
דיענט. אַרם האָט שוין מעהר ניט געוואָלט העלפען די בני־עמון.

## קאַפּיטעל כ

1 אין אַ יאָהר אַרום זינט די קעניגע זיינען אַרויס, האָט יואב געפיהרט די
קריעגס־אַרמעע און האָט פערדאָרבען דאָס לאַנד פון בני עמון; ער איז
אויך געקומען און בעלאַגערט רבה (דוד איז געבליבען אין ירושלים). יואב
האָט צושלאָגען רבה און רואינירט איהר.

2 ער האָט אויך אַראָבגענומען פאַר דוד'ן זייער קעניג'ס קרוין פון זיין קאָפּ;
מען האָט אויסגעפונען אַז זי וועגט אַ צענטנער גאָלד, מיט טהייערע
שטיינער אין איהר, זי האָט דוד'ן געפּאַסט. ער האָט אויך אַרויסגענומען
זעהר פיעל שטאָדט רויב.

3 דאָס פאָלק וואָס אין איהר האָט ער אַרויסגעפיהרט און געזעגט זיי מיט
זעגען, מיט אייזערנע דרעש־רעדער און שניידמעסערס; אַזוי האָט דוד
געטהאָן צו אַלע שטעדט פון בני עמון, ביז דוד מיט'ן גאַנצען פאָלק האָ־
בען זיך צוריקגעקעהרט אין ירושלים.

4 נאָכדעם איז ענטשטאַנדען אַ מלחמה אין גזר מיט פלשתים, דאַמאָלס האָט
סבכי דער חשתי ערשלאָגען ספי'ן פון די ריזענקינדער, און זיי זיינען אונ־
טערדריקט געוואָרען.

5 נאָך אַ מלחמה איז געוועזען מיט פלשתים האָט אלחנן יעיר'ס זוהן ערשלאָ־
גען לחמי'ן גלית'ס ברודער, אַבוואָהל זיין שפּיז־שטיהל איז ווי אַ וועבער־
האָלץ געוועזען.

6 עס איז נאָך אַ מלחמה געוועזען אין גת, דאָרטען איז געווען אַ הויכגע־
וואַקסענער מאַן, פינגער האָט ער געהאַט צו זעקס — פיער און צוואַנציג
—אויך ער האָט געשטאַמט פון רפא,

7 ער האָט געלעסטערט ישראל, האָט איהם ערשלאָגען יהונתן דער זוהן פון
שמעי, דוד'ס ברודער.

8 די אַלע האָבן געשטאַמט פון רפא אין גת, זיי זיינען אָבער געפאַלען דורך
די האַנד פון דוד און זיינע קנעכט.

# CAP. XXI. כא

# כא

א וַיַּעֲמֹד שָׂטָן עַל־יִשְׂרָאֵל וַיָּסֶת אֶת־דָּוִיד לִמְנוֹת אֶת־יִשְׂרָאֵל׃
2 וַיֹּאמֶר דָּוִיד אֶל־יוֹאָב וְאֶל־שָׂרֵי הָעָם לְכוּ סִפְרוּ אֶת־
יִשְׂרָאֵל מִבְּאֵר שֶׁבַע וְעַד־דָּן וְהָבִיאוּ אֵלַי וְאֵדְעָה אֶת־
3 מִסְפָּרָם׃ וַיֹּאמֶר יוֹאָב יוֹסֵף יְהוָה עַל־עַמּוֹ כָּהֵם מֵאָה
פְעָמִים הֲלֹא אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ כֻּלָּם לַאדֹנִי לַעֲבָדִים לָמָּה
4 יְבַקֵּשׁ זֹאת אֲדֹנִי לָמָּה יִהְיֶה לְאַשְׁמָה לְיִשְׂרָאֵל׃ וּדְבַר־
הַמֶּלֶךְ חָזַק עַל־יוֹאָב וַיֵּצֵא יוֹאָב וַיִּתְהַלֵּךְ בְּכָל־יִשְׂרָאֵל
ה וַיָּבֹא יְרוּשָׁלִָם׃ וַיִּתֵּן יוֹאָב אֶת־מִסְפַּר מִפְקַד־הָעָם
אֶל־דָּוִיד וַיְהִי כָל־יִשְׂרָאֵל אֶלֶף אֲלָפִים וּמֵאָה אֶלֶף אִישׁ
שֹׁלֵף חֶרֶב וִיהוּדָה אַרְבַּע מֵאוֹת וְשִׁבְעִים אֶלֶף אִישׁ
6 שֹׁלֵף חָרֶב׃ וְלֵוִי וּבִנְיָמִן לֹא פָקַד בְּתוֹכָם כִּי־נִתְעַב
7 דְּבַר־הַמֶּלֶךְ אֶת־יוֹאָב׃ וַיֵּרַע בְּעֵינֵי הָאֱלֹהִים עַל־הַדָּבָר
8 הַזֶּה וַיַּךְ אֶת־יִשְׂרָאֵל׃ וַיֹּאמֶר דָּוִיד אֶל־הָאֱלֹהִים
חָטָאתִי מְאֹד אֲשֶׁר עָשִׂיתִי אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה וְעַתָּה הַעֲבֶר־
9 נָא אֶת־עֲוֺן עַבְדְּךָ כִּי נִסְכַּלְתִּי מְאֹד׃ וַיְדַבֵּר יְהוָה
י אֶל־גָּד חֹזֵה דָוִיד לֵאמֹר׃ לֵךְ וְדִבַּרְתָּ אֶל־דָּוִיד לֵאמֹר
כֹּה אָמַר יְהוָה שָׁלוֹשׁ אֲנִי נֹטֶה עָלֶיךָ בְּחַר־לְךָ אַחַת
11 מֵהֵנָּה וְאֶעֱשֶׂה־לָּךְ׃ וַיָּבֹא גָד אֶל־דָּוִיד וַיֹּאמֶר לוֹ כֹּה־
12 אָמַר יְהוָה קַבֶּל־לָךְ׃ אִם־שָׁלוֹשׁ שָׁנִים רָעָב וְאִם־שְׁלֹשָׁה
חֳדָשִׁים נִסְפֶּה מִפְּנֵי־צָרֶיךָ וְחֶרֶב אוֹיְבֶיךָ ׀ לְמַשֶּׂגֶת וְאִם־
שְׁלֹשֶׁת יָמִים חֶרֶב יְהוָה ׀ וְדֶבֶר בָּאָרֶץ וּמַלְאַךְ יְהוָה
מַשְׁחִית בְּכָל־גְּבוּל יִשְׂרָאֵל וְעַתָּה רְאֵה מָה־אָשִׁיב אֶת־
13 שֹׁלְחִי דָּבָר׃ וַיֹּאמֶר דָּוִיד אֶל־גָּד צַר־לִי מְאֹד
אֶפְּלָה־נָּא בְיַד־יְהוָה כִּי־רַבִּים רַחֲמָיו מְאֹד וּבְיַד־אָדָם
14 אַל־אֶפֹּל׃ וַיִּתֵּן יְהוָה דֶּבֶר בְּיִשְׂרָאֵל וַיִּפֹּל מִיִּשְׂרָאֵל
טו שִׁבְעִים אֶלֶף אִישׁ׃ וַיִּשְׁלַח הָאֱלֹהִים ׀ מַלְאָךְ ׀ לִירוּשָׁלִַם
לְהַשְׁחִיתָהּ וּכְהַשְׁחִית רָאָה יְהוָה וַיִּנָּחֶם עַל־הָרָעָה וַיֹּאמֶר

## קאַפּיטעל כא

1 דאן איז אַ בייזער גייסט אויפגעשטאַנען קעגען ישראל און האָט אָנגע־
רייצט דוד'ן צו צעהלען ישראל.

2 און דויד האָט געזאָגט צו יואָב'ן און די בעאַמטע פון פאָלק: געהט און
צעהלט די ישראל פון באר שבע ביז דן, און ברענגט מיר די צאָהל אום
איך זאָל עס וויסען.

3 האָט יואָב געזאָגט: זאָל גאָט פערמעהרען צו זיין פאָלק הונדערט מאָל
אַזוי פיעל ווי זיי זיינען, אָבער, מיין הערר קעניג! זיינען זיי ניט אַלע
דיינע קנעכט? פאַרוואָס פערלאַנגט מיין הערר דאָס דאָזיגע? פאַרוואָס
זאָל דאָס זיין אַ זינד צו ישראל?

4 אָבער דעם קעניג'ס וואָרט האָט בעזיגט יואָב'ן, און יואָב איז ארויס, איז
דורכגעגאַנגען גאַנץ ישראל און איז צוריקגעקומען אין ירושלים.

5 און יואָב האָט אָפּגעגעבען די צאָהל פון דעם פאָלק'ס באַפעלקערונג צו
דויד'ן, גאַנץ ישראל איז געוועזען — טויזענד מאָל טויזענד, און איין
הונדערט טויזענד מאַן וואָס האָבען געקענט ציהען דאָס שווערט; און פון
יהודה זיינען געוועזען פיער הונדערט און זיעבציג טויזענד מאַן וואָס האָ־
בען געקענט ציהען דאָס שווערט.

6 אָבער לוי און בנימין האָט מען ניט געציילט צווישען זיי, וואָרום דעם
קעניג'ס וואָרט איז ניט גוט אויסגעפיהרט געוואָרען דורך יואָב'ן.

7 און די דאָזיגע זאַך איז איבעל געוועזען אין די אויגען פון גאָט, און ער
האָט ישראל געשלאָגען.

8 דאן האָט דוד געזאָגט צו גאָט: איך האָב זעהר געזינדיגט, ווייל איך
האָב געטהאָן די דאָזיגע זאַך, און יעצט נעהם אַראָב די זינד פון דיין
קנעכט, ווייל איך בין זעהר נאַריש געוועזען.

9 און גאָט האָט גערעדט צו גד, דוד'ס נביא, אַזוי צו זאָגען:

10 געה און דו זאָלסט רעדען צו דוד'ן אַזוי צו זאָגען: אַזוי זאָגט גאָט —
דריי זאַכען לייג איך דיר פאָר, ווייל דיר אויס איינס פון זיי, און איך
זאָל עס דיר טהאָן.

11 איז גד געקומען צו דוד'ן, און האָט צו איהם געזאָגט — אַזוי זאָגט
גאָט: נעהם עס אָן אויף דיר.

12 דריי יאָהר הונגער, אָדער דריי חדשים פערטיליגט ווערען פון דיינע פיינד
און דאָס שווערד פון דיינע פיינד זאָל דיך דערגרייכען, אָדער דריי טעג
גאָט'ס שווערד, און אַ מאָרד אין לאַנד, און גאָט'ס מלאך זאָל פערדאַרבען
אין די גאַנצע גרענעץ פון ישראל; יעצט זעה וואָס פאַר אַ וואָרט איך זאָל
ענטפערן דעם וואָס האָט מיך געשיקט.

13 האָט דוד געזאָגט צו גד'ן, עס טהוט מיר זעהר לייד! איך וויל בעסער פאַ־
לען אין גאָט'ס האַנד, וואָרים זיין באַרמהערציגקייט איז זעהר גרויס, נאָר
אין די האַנד פון מענשען זאָל איך ניט פאַלען.

14 האָט גאָט געשיקט אַ מאָרד אויף ישראל, און עס איז געפאַלען פון ישראל
זיבעציג טויזענד מאַן.

15 אויך האָט גאָט געשיקט אַ מלאך צו פערניכטען ירושלים; פערניכטענ־
דיג האָט ער בעטראַכט און עס האָט איהם פערדראָסען דער שלעכטער

31 אום זיי זאלען פאר דיר פירכטען, זיי זאלען געהן אין דיינע וועגען די גאנצע צייט וואס זיי לעבען אינ'ם לאנד וואס דו האסט געגעבען צו אונזערע עלטערן.

פְּנֵי הָאֲדָמָה אֲשֶׁר נָתַתָּה לַאֲבֹתֵינוּ׃ וְגַם אֶל־הַנָּכְרִי 32
אֲשֶׁר לֹא־מֵעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל הוּא וּבָא ׀ מֵאֶרֶץ רְחוֹקָה לְמַעַן
שִׁמְךָ הַגָּדוֹל וְיָדְךָ הַחֲזָקָה וּזְרוֹעֲךָ הַנְּטוּיָה וּבָאוּ וְהִתְפַּלְלוּ
אֶל־הַבַּיִת הַזֶּה׃ וְאַתָּה תִּשְׁמַע מִן־הַשָּׁמַיִם מִמְּכוֹן שִׁבְתֶּךָ 33
וְעָשִׂיתָ כְּכֹל אֲשֶׁר־יִקְרָא אֵלֶיךָ הַנָּכְרִי לְמַעַן יֵדְעוּ כָל־
עַמֵּי הָאָרֶץ אֶת־שְׁמֶךָ וּלְיִרְאָה אֹתְךָ כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל
וְלָדַעַת כִּי־שִׁמְךָ נִקְרָא עַל־הַבַּיִת הַזֶּה אֲשֶׁר בָּנִיתִי׃
כִּי־יֵצֵא עַמְּךָ לַמִּלְחָמָה עַל־אֹיְבָיו בַּדֶּרֶךְ אֲשֶׁר 34
תִּשְׁלָחֵם וְהִתְפַּלְלוּ אֵלֶיךָ דֶּרֶךְ הָעִיר הַזֹּאת אֲשֶׁר בָּחַרְתָּ
בָּהּ וְהַבַּיִת אֲשֶׁר־בָּנִיתִי לִשְׁמֶךָ׃ וְשָׁמַעְתָּ מִן־הַשָּׁמַיִם לה
אֶת־תְּפִלָּתָם וְאֶת־תְּחִנָּתָם וְעָשִׂיתָ מִשְׁפָּטָם׃ כִּי יֶחֶטְאוּ־ 36
לָךְ כִּי אֵין אָדָם אֲשֶׁר לֹא־יֶחֱטָא וְאָנַפְתָּ בָם וּנְתַתָּם לִפְנֵי
אוֹיֵב וְשָׁבוּם שׁוֹבֵיהֶם אֶל־אֶרֶץ רְחוֹקָה אוֹ קְרוֹבָה׃
וְהֵשִׁיבוּ אֶל־לְבָבָם בָּאָרֶץ אֲשֶׁר נִשְׁבּוּ־שָׁם וְשָׁבוּ ׀ וְהִתְחַנְּנוּ 37
אֵלֶיךָ בְּאֶרֶץ שִׁבְיָם לֵאמֹר חָטָאנוּ הֶעֱוִינוּ וְרָשָׁעְנוּ׃ וְשָׁבוּ 38
אֵלֶיךָ בְּכָל־לִבָּם וּבְכָל־נַפְשָׁם בְּאֶרֶץ שִׁבְיָם אֲשֶׁר־שָׁבוּ
אֹתָם וְהִתְפַּלְלוּ דֶּרֶךְ אַרְצָם אֲשֶׁר־נָתַתָּה לַאֲבֹתָם וְהָעִיר
אֲשֶׁר בָּחַרְתָּ וְלַבַּיִת אֲשֶׁר־בָּנִיתִי לִשְׁמֶךָ׃ וְשָׁמַעְתָּ מִן־ 39
הַשָּׁמַיִם מִמְּכוֹן שִׁבְתְּךָ אֶת־תְּפִלָּתָם וְאֶת־תְּחִנֹּתֵיהֶם וְעָשִׂיתָ
מִשְׁפָּטָם וְסָלַחְתָּ לְעַמְּךָ אֲשֶׁר חָטְאוּ־לָךְ׃ עַתָּה אֱלֹהַי מ
יִהְיוּ־נָא עֵינֶיךָ פְּתֻחוֹת וְאָזְנֶיךָ קַשֻּׁבוֹת לִתְפִלַּת הַמָּקוֹם
הַזֶּה׃ וְעַתָּה קוּמָה יְהוָה אֱלֹהִים לְנוּחֶךָ אַתָּה וַאֲרוֹן עֻזֶּךָ 41
כֹּהֲנֶיךָ יְהוָה אֱלֹהִים יִלְבְּשׁוּ תְשׁוּעָה וַחֲסִידֶיךָ יִשְׂמְחוּ
בַטּוֹב׃ יְהוָה אֱלֹהִים אַל־תָּשֵׁב פְּנֵי מְשִׁיחֶךָ זָכְרָה לְחַסְדֵי 42
דָּוִיד עַבְדֶּךָ׃

## Cap. VII ז

וּכְכַלּוֹת שְׁלֹמֹה לְהִתְפַּלֵּל וְהָאֵשׁ יָרְדָה מֵהַשָּׁמַיִם וַתֹּאכַל א
הָעֹלָה

---

v. 41. ¹ מלרע

32 זאָגאר צו אַ פרעמדען [ניט פון דיין פאָלק ישראל], וועלכער וועט פו־
מען פון אַ ווייטען לאַנד צוליעב דיין גרויסען נאָמען, דיין שטאַרקע האַנד
און אויסגעשטרעקטען אָרעם ; אויב זיי וועלען קומען בעטען אין דיע־
זעם הויז,
33 זאָלסטו הערען פון׳ם הימעל, דיין וואוינונגס אָרט, און טהאָן אַלץ וואָס
דער פרעמדער וועט פון דיר פערלאַנגען ; אום אַלע פעלקער דער וועלט
זאָלען ערקענען דיין נאָמען ווי דיין פאָלק ישראל און פירכטען פאַר דיר ;
זאָלען זיי אויך וויסען אַז דיין נאָמען ווערט גערופען אויף דאָס הויז וואָס
איך האָב געבויעט.
34 אויב דיין פאָלק וועט ארויסגעהן אין קריעג מיט זיינע פיינד, לויט ווי דו
וועסט זיי שיקען, און זיי וועלען צו דיר בעטען דורכגעהענדיג די
שטאָדט וועלכע דו האָסט אויסערוועהלט און דאָס הויז וואָס איך האָב
פאַר דיר געבויט,
35 זאָלסטו הערען פון׳ם הימעל זייער געבעט און ביטטע און זאָלסט ענט־
שיידען זייער אורטהייל.
36 זאָגאר אויב זיי וועלען קעגען דיר זינדיגען [עס איז דאָך ניטאָ אַ מענש
וואָס האָט קיינע זינד], און דו וועסט אויף זיי בייז זיין און וועסט זיי
איבערגעבען צום פיינד און זייערע פאַנגער וועלען זיי געפאַנגענע פיה־
רען צו אַ ווייטע לאַנד אָדער אַ נאָהענטע,
37 און זיי וועלען אין׳ם הארצען בעטראַכטען אין׳ם לאַנד אין וועלכען זיי
זיינען געפאַנגען, און ווידער בעטען דיר אין זייער געפאַנגענשאַפט, זאָ־
גענדיג : „מיר האָבען געזינדיגט, קרום און שלעכט געטהאָן !״
38 און זיי וועלען זיך צו דיר קעהרען מיט׳ן גאַנצען הארצען און זעעלע, אין
זייער געפאַנגענשאַפט, וואו מ׳האָט זיי געפאַנגען, און וועלען דיר בע־
טען געהענדיג פון זייער לאַנד, וועלכע דו האָסט זייערע עלטערן געגע־
בען אויך די שטאָדט וועלכע דו האָסט אויסערוועהלט און דאָס הויז וואָס
איך האָב געבויט פאַר דיר,
39 זאָלסטו הערען פון׳ם הימעל, דיין וואוינונגס אָרט, זייער געבעט און
ביטטען, זאָלסט אַזוי מאַכען זייער אורטהייל אַז דו זאָלסט פער־
ציהען דיין פאָלק זייער פערברעכען קעגען דיר.
40 יעצט, מיין גאָט, זאָלען נאָר דיינע אויגען זיין אָפען און דיינע אויערען
הערעוודיג צום געבעט אין דעם אָרט.
41 יעצט פערבלייב, גאָט, אין דיין רוהע ; דו און דאָס קאַסטען פון דיין
שטאַרקייט. דיינע כהנים, גאָט, זאָלען מיט הילפע בעקליידעט זיין
און דיינע פרומע זאָלען זיך פרעהען אין גוטס.
42 זאָג ניט אָב, אָ גאָט, דעם וואונש פון דיין געזאַלבטען און ערמאַנער
דאָס פרומקייט פון דוד דיין קנעכט.

## קאַפיטעל ז

1 ווען שלמה האָט געענדיגט בעטען איז אַראָפּ אַ פייער פון הימעל און

2 הָעֹלָה וְהַזְּבָחִים וּכְבוֹד יְהוָה מָלֵא אֶת־הַבָּיִת׃ וְלֹא יָכְלוּ
הַכֹּהֲנִים לָבוֹא אֶל־בֵּית יְהוָה כִּי־מָלֵא כְבוֹד־יְהוָה אֶת־
3 בֵּית יְהוָה׃ וְכֹל ׀ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל רֹאִים בְּרֶדֶת הָאֵשׁ וּכְבוֹד
יְהוָה עַל־הַבָּיִת וַיִּכְרְעוּ אַפַּיִם אַרְצָה עַל־הָרִצְפָה
4 וַיִּשְׁתַּחֲווּ וְהוֹדוֹת לַיהוָה כִּי טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ׃ וְהַמֶּלֶךְ
ה וְכָל־הָעָם זֹבְחִים זֶבַח לִפְנֵי יְהוָה׃ וַיִּזְבַּח הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה
אֶת־זֶבַח הַבָּקָר עֶשְׂרִים וּשְׁנַיִם אֶלֶף וְצֹאן מֵאָה וְעֶשְׂרִים
6 אָלֶף וַיַּחְנְכוּ אֶת־בֵּית הָאֱלֹהִים הַמֶּלֶךְ וְכָל־הָעָם׃ וְהַכֹּהֲנִים
עַל־מִשְׁמְרוֹתָם עֹמְדִים וְהַלְוִיִּם בִּכְלֵי־שִׁיר יְהוָה אֲשֶׁר
עָשָׂה דָּוִיד הַמֶּלֶךְ לְהֹדוֹת לַיהוָה כִּי־לְעוֹלָם חַסְדּוֹ בְּהַלֵּל
דָּוִיד בְּיָדָם וְהַכֹּהֲנִים מַחְצְרִים נֶגְדָּם וְכָל־יִשְׂרָאֵל
7 עֹמְדִים׃ וַיְקַדֵּשׁ שְׁלֹמֹה אֶת־תּוֹךְ הֶחָצֵר אֲשֶׁר לִפְנֵי
בֵית־יְהוָה כִּי־עָשָׂה שָׁם הָעֹלוֹת וְאֵת חֶלְבֵי הַשְּׁלָמִים
כִּי־מִזְבַּח הַנְּחֹשֶׁת אֲשֶׁר־עָשָׂה שְׁלֹמֹה לֹא יָכוֹל לְהָכִיל
8 אֶת־הָעֹלָה וְאֶת־הַמִּנְחָה וְאֶת־הַחֲלָבִים׃ וַיַּעַשׂ שְׁלֹמֹה
אֶת־הֶחָג בָּעֵת הַהִיא שִׁבְעַת יָמִים וְכָל־יִשְׂרָאֵל עִמּוֹ קָהָל
9 גָּדוֹל מְאֹד מִלְּבוֹא חֲמָת עַד־נַחַל מִצְרָיִם׃ וַיַּעֲשׂוּ בַּיּוֹם
הַשְּׁמִינִי עֲצָרֶת כִּי ׀ חֲנֻכַּת הַמִּזְבֵּחַ עָשׂוּ שִׁבְעַת יָמִים
י וְהֶחָג שִׁבְעַת יָמִים׃ וּבְיוֹם עֶשְׂרִים וּשְׁלֹשָׁה לַחֹדֶשׁ
הַשְּׁבִיעִי שִׁלַּח אֶת־הָעָם לְאָהֳלֵיהֶם שְׂמֵחִים וְטוֹבֵי לֵב
עַל־הַטּוֹבָה אֲשֶׁר עָשָׂה יְהוָה לְדָוִיד וְלִשְׁלֹמֹה וּלְיִשְׂרָאֵל
11 עַמּוֹ׃ וַיְכַל שְׁלֹמֹה אֶת־בֵּית יְהוָה וְאֶת־בֵּית הַמֶּלֶךְ וְאֵת
כָּל־הַבָּא עַל־לֵב שְׁלֹמֹה לַעֲשׂוֹת בְּבֵית־יְהוָה וּבְבֵיתוֹ
12 הִצְלִיחַ׃ וַיֵּרָא יְהוָה אֶל־שְׁלֹמֹה בַּלָּיְלָה וַיֹּאמֶר לוֹ
שָׁמַעְתִּי אֶת־תְּפִלָּתֶךָ וּבָחַרְתִּי בַּמָּקוֹם הַזֶּה לִי לְבֵית זָבַח׃
13 הֵן אֶעֱצֹר הַשָּׁמַיִם וְלֹא־יִהְיֶה מָטָר וְהֵן־אֲצַוֶּה עַל־חָגָב
14 לֶאֱכוֹל הָאָרֶץ וְאִם־אֲשַׁלַּח דֶּבֶר בְּעַמִּי׃ וְיִכָּנְעוּ עַמִּי אֲשֶׁר

פארברענט דעם גאנץ־אפפער און שלאכט־אפפער — גאט'ס עהרע איז אין פול געווען אינ'ם הויז.

2 די כהנים האבען ניט געקענט אריין אין גאט'ס הויז, ווייל גאט'ס עהרע פול געוועזן אין גאט'ס הויז.

3 אז אלע קינדער ישראל האבען געזעהען ווי דאס פייער איז אראב אויפ'ן הויז מיט גאט'ס עהרע, האבען זיי זיך געקניעט מיט'ן געזיכט צו דר'ערד און געבוקט זיך אויף די דיעלען און פאסיג געדאנקט גאט ווייל זיין גנאדע איז אויף אימער.

4 דער קעניג און דאס גאנצע פאלק האבען געשאכטען שלאכטונגען פאר גאט.

5 דער קעניג שלמה האט געשאכטען אפפערם : רינדער — צוויי און צוואנציג טויזענד, שעפסען — הונדערט מיט צוואנציג טויזענד ; דאן האט דער קעניג מיט'ן גאנצען פאלק איינגעווייהעט גאט'ס הויז.

6 די כהנים זיינען געשטאנען אויף זייערע וואך פלעצער, די לוים — מיט הייליגע מוזיק אינסטרומענטען, וועלכע קעניג דוד האט צוגעגרייט אום צו דאנקען גאט, ווענען נגאדע איז אויף אימער, שפיעלענדיג מיט זייערע הענד דוד'ס לויב־ליעדער, אויך האבען די כהנים טראמ־פייטעט און גאנץ ישראל איז דערביי געשטאנען.

7 דאן האט שלמה געהייליגט דעם אינערליכען הויף, וואס פאר גאט'ס הויז, ווייל דארטען האט ער געמאכט די גאנץ־אפפער און דאס פעטס פון די פריעדען־אפפערם ; דער קופערנער מזבח וואס שלמה האט גע־מאכט האט ניט געקענט ענטהאלטען אלע גאנץ־אפפערם, שפייז־אפפערם און די פעטס.

8 דאמאלס האט שלמה געמאכט א פייערטאג פון זיעבען טעג ; גאנץ ישראל איז מיט איהם געווען — זעהר א גרויסע פערזאמלונג : פון אריינגאנג צו חמת ביז'ן מצרים טהאל.

9 דעם אכטען טאג האבען זיי א פערזאמלונג געמאכט ; ווארים דאס איינ־ווייהען פונ'ם מזבח האבען זיי געהאלטען זיעבען טעג אויסער די זיעבען טעג פון פייערטאג.

10 און אין דריי און צוואנציגסטען צום זיעבענטען מאנאט האט ער פונאנ־דערגעשיקט דאס פאלק צו זייערע געצעלטען פרעהליכע און צופריעדענע מיט דאס גוטעס וואס גאט האט געטהאן צו דוד'ן, צו שלמה'ן און צו זיין פאלק ישראל.

11 אויך האט שלמה געענדיגט גאט'ס הויז און דעם קעניג'ס הויז ; אלעס וואס שלמה האט געוואלט מאכען אין גאט'ס הויז און זיין אייגענע הויז האט איהם געלונגען.

12 יענע נאכט האט זיך גאט בעוויזען צו שלמה'ן און געזאגט צו איהם : איך האב געהערט דיין געבעט און אויסערוועהלט פאר זיך דיעזען ארט אלס א שלאכט־הויז.

13 ווען איך וועל אויפהאלטען די הימלען און עס וועט קיין רעגען ניט זיין, אדער איך וועל שיקען א פעסט אויף מיין פאלק.

14 און מיין פאלק, וואס מיין נאמען רופט־זיך אויף זיי, וועלען אונטער־

נִקְרָא־שְׁמִי עֲלֵיהֶם וְיִתְפַּלְלוּ וִיבַקְשׁוּ פָנַי וְיָשֻׁבוּ מִדַּרְכֵיהֶם
הָרָעִים וַאֲנִי אֶשְׁמַע מִן־הַשָּׁמַיִם וְאֶסְלַח לְחַטָּאתָם וְאֶרְפָּא
טו אֶת־אַרְצָם׃ עַתָּה עֵינַי יִהְיוּ פְתֻחוֹת וְאָזְנַי קַשֻּׁבוֹת לִתְפִלַּת
16 הַמָּקוֹם הַזֶּה׃ וְעַתָּה בָּחַרְתִּי וְהִקְדַּשְׁתִּי אֶת־הַבַּיִת הַזֶּה
לִהְיוֹת שְׁמִי שָׁם עַד־עוֹלָם וְהָיוּ עֵינַי וְלִבִּי שָׁם כָּל־
17 הַיָּמִים׃ וְאַתָּה אִם־תֵּלֵךְ לְפָנַי כַּאֲשֶׁר הָלַךְ דָּוִיד אָבִיךָ
וְלַעֲשׂוֹת כְּכֹל אֲשֶׁר צִוִּיתִיךָ וְחֻקַּי וּמִשְׁפָּטַי תִּשְׁמוֹר׃
18 וַהֲקִימוֹתִי אֵת כִּסֵּא מַלְכוּתֶךָ כַּאֲשֶׁר כָּרַתִּי לְדָוִיד אָבִיךָ
19 לֵאמֹר לֹא־יִכָּרֵת לְךָ אִישׁ מוֹשֵׁל בְּיִשְׂרָאֵל׃ וְאִם־תְּשׁוּבוּן
אַתֶּם וַעֲזַבְתֶּם חֻקּוֹתַי וּמִצְוֺתַי אֲשֶׁר נָתַתִּי לִפְנֵיכֶם וַהֲלַכְתֶּם
כ וַעֲבַדְתֶּם אֱלֹהִים אֲחֵרִים וְהִשְׁתַּחֲוִיתֶם לָהֶם׃ וּנְתַשְׁתִּים
מֵעַל אַדְמָתִי אֲשֶׁר־נָתַתִּי לָהֶם וְאֶת־הַבַּיִת הַזֶּה אֲשֶׁר־
הִקְדַּשְׁתִּי לִשְׁמִי אַשְׁלִיךְ מֵעַל פָּנָי וְאֶתְּנֶנּוּ לְמָשָׁל וְלִשְׁנִינָה
21 בְּכָל־הָעַמִּים׃ וְהַבַּיִת הַזֶּה אֲשֶׁר הָיָה עֶלְיוֹן לְכָל־עֹבֵר
עָלָיו יִשֹּׁם וְאָמַר בַּמֶּה עָשָׂה יְהוָה כָּכָה לָאָרֶץ הַזֹּאת
22 וְלַבַּיִת הַזֶּה׃ וְאָמְרוּ עַל אֲשֶׁר עָזְבוּ אֶת־יְהוָה ׀ אֱלֹהֵי
אֲבֹתֵיהֶם אֲשֶׁר הוֹצִיאָם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם וַיַּחֲזִיקוּ בֵּאלֹהִים
אֲחֵרִים וַיִּשְׁתַּחֲווּ לָהֶם וַיַּעַבְדוּם עַל־כֵּן הֵבִיא עֲלֵיהֶם אֵת
כָּל־הָרָעָה הַזֹּאת׃

## ח CAP. VIII. ח

א וַיְהִי מִקֵּץ ׀ עֶשְׂרִים שָׁנָה אֲשֶׁר בָּנָה שְׁלֹמֹה אֶת־בֵּית יְהוָה
2 וְאֶת־בֵּיתוֹ׃ וְהֶעָרִים אֲשֶׁר נָתַן חוּרָם לִשְׁלֹמֹה בָּנָה
3 שְׁלֹמֹה אֹתָם וַיּוֹשֶׁב שָׁם אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיֵּלֶךְ שְׁלֹמֹה
4 חֲמָת צוֹבָה וַיֶּחֱזַק עָלֶיהָ׃ וַיִּבֶן אֶת־תַּדְמֹר בַּמִּדְבָּר וְאֵת
ה כָּל־עָרֵי הַמִּסְכְּנוֹת אֲשֶׁר בָּנָה בַּחֲמָת׃ וַיִּבֶן אֶת־בֵּית חוֹרוֹן
הָעֶלְיוֹן וְאֶת־בֵּית חוֹרוֹן הַתַּחְתּוֹן עָרֵי מָצוֹר חוֹמוֹת דְּלָתַיִם
6 וּבְרִיחַ׃ וְאֶת־בַּעֲלָת וְאֵת כָּל־עָרֵי הַמִּסְכְּנוֹת אֲשֶׁר־הָיוּ
לִשְׁלֹמֹה וְאֵת כָּל־עָרֵי הָרֶכֶב וְאֵת עָרֵי הַפָּרָשִׁים וְאֵת

כל־

געבויגען ווערען, וועלען בעטען צו מיר און זוכען מיר צוריקציהענדיג זיך פון זייערע שלעכטע וועגען — וועל איך הערען פונ'ם הימעל און פערצייהען זייער זינד און היילען זייער לאנד.
15 יעצט וועלען מיינע אויגען זיין אפען און מיינע אויערן וועלען אויסהאר־כען דאס געבעט אין דיזען ארט.
16 פון יעצט אן ערוועהל איך און הייליג דאס הויז מיין נאמען זאל דארטען זיין אימער, אויך מיינע אויגען און הארץ וועלען דארטען זיין שטענדיג.
17 אויב דו וועסט געהן פאר מיר ווי דיין פאטער דוד איז געגאנגען, טהאן אלץ וואס איך הייס דיר און היטען מיינע געזעצען און רעכטע;
18 וועל איך פעסטשטעלען דיין רעגירונגס טהראן, ווי איך האב פערשפרא־כען דיין פאטער דוד זאגענדיג: עס וועט פון דיר ניט אויפהערען א הערשער איבער ישראל.
19 אויב איהר וועט זיך אבער צוריקהאלטען און פערלאזען מיינע געזעצען און בעפעהלע, וועלכע איך האב אייך געגעבען, און איהר וועט געהן און דיענען אנדערע געטער, און בוקען זיך צו זיי;
20 וועל איך זיי אויסרייסען פון מיין לאנד, וואס איך האב זיי געגעבען, אויך דיעזע הויז, וועלכע איך האב פאר מיר געהייליגט, וועל איך פערווארפען פון זיך און וועל עס מאכען צו א שפריכווארט און שטאך־ווארט ביי אלע פעלקער.
21 דיעזע הויז וואס האט געזאלט זיין דאס העכסטע פאר אלעמען, וועט יעדער פארבייגעקער, בעוואונדערן און זאגען: „ווארום האט גאט אזוי געטהאן צו דיעזעם לאנד און דיעזעם הויז ?!"
22 וועט מען ענטפערען: ווייל זיי האבען פערלאזען דעם גאט פון זייערע עלטערען, וועלכער האט זיי ארויסגענומען פונ'ם לאנד מצרים, און הא־בען אנגענומען אנדערע געטער, געבוקט זיך צו זיי און געדיענט זיי, דערפאר האט גאט אויף זיי געבראכט דאס גאנצע שלעכטס דיעזע.

## קאפיטעל ח

1 נאכ'ן פערלויף פון צוואנציג יאהר, אז שלמה האט שוין אויפגעבויט גאט'ס הויז און זיין הויז,
2 אויך די שטעדט וועלכע חורם האט שלמה'ן אוועקגעגעבען און שלמה האט איבערגעבויט און בעזעצט אין זיי די קינדער ישראל —
3 איז שלמה געגאנגען אין חמת־צובה און האט איהר איינגענומען.
4 דאן האט ער געבויט תדמר אינ'ם מדבר אויך אלע מאגאזין־שטעדט, וואס ער האט געבויט אין חמת.
5 ער האט אויך איבערגעבויט אבער בית־חורון און אונטער בית־חורון אלס פעסטע שטעדט — מיט מויער־ווענד, טהירען און ריגלען;
6 אויך בעלת און אלע שלמה'ס מאגאזינען שטעדט און אלע געביידען פאר די רייט־וועגען און רייטערס, און אלעס וואס שלמה האט פערלאנגט

כָּל־חֵ֣שֶׁק שְׁלֹמֹ֗ה אֲשֶׁ֨ר חָשַׁ֜ק לִבְנ֤וֹת בִּירֽוּשָׁלִַ֙ם֙ וּבַלְּבָנ֔וֹן
7 וּבְכֹ֖ל אֶ֥רֶץ מֶמְשַׁלְתּֽוֹ׃ כָּל־הָעָ֗ם הַנּוֹתָר֙ מִן־הַֽחִתִּ֣י וְהָאֱמֹרִ֔י
8 וְהַפְּרִזִּ֥י וְהַחִוִּ֖י וְהַיְבוּסִ֑י אֲשֶׁ֥ר לֹ֖א מִיִּשְׂרָאֵ֥ל הֵֽמָּה׃ מִן־
בְּנֵיהֶ֗ם אֲשֶׁ֨ר נוֹתְר֤וּ אַחֲרֵיהֶם֙ בָּאָ֔רֶץ אֲשֶׁ֥ר לֹא־כִלּ֖וּם בְּנֵ֣י
9 יִשְׂרָאֵ֑ל וַיַּעֲלֵ֤ם שְׁלֹמֹה֙ לְמַ֔ס עַ֖ד הַיּ֥וֹם הַזֶּֽה׃ וּמִן־בְּנֵי֙
יִשְׂרָאֵ֔ל אֲשֶׁ֧ר לֹא־נָתַ֛ן שְׁלֹמֹ֥ה לַעֲבָדִ֖ים לִמְלַאכְתּ֑וֹ כִּי־
הֵ֜מָּה אַנְשֵׁ֣י מִלְחָמָ֗ה וְשָׂרֵ֛י שָֽׁלִישָׁ֖יו וְשָׂרֵ֥י רִכְבּ֖וֹ וּפָרָשָֽׁיו׃
י וְאֵ֛לֶּה שָׂרֵ֥י הַנִּצִּיבִ֖ים אֲשֶׁר־לַמֶּ֣לֶךְ שְׁלֹמֹ֑ה חֲמִשִּׁ֣ים וּמָאתַ֔יִם
11 הָרֹדִ֖ים בָּעָֽם׃ וְאֶת־בַּת־פַּרְעֹ֗ה הֶעֱלָ֤ה שְׁלֹמֹה֙ מֵעִ֣יר דָּוִ֔יד
לַבַּ֖יִת אֲשֶׁ֣ר בָּנָה־לָ֑הּ כִּ֣י אָמַ֗ר לֹא־תֵשֵׁ֨ב אִשָּׁ֥ה לִי֙ בְּבֵית֙
דָּוִ֣יד מֶֽלֶךְ־יִשְׂרָאֵ֔ל כִּֽי־קֹ֣דֶשׁ הֵ֔מָּה אֲשֶׁר־בָּ֥אָה אֲלֵיהֶ֖ם אֲר֥וֹן
12 יְהוָֽה׃ אָ֣ז הֶעֱלָ֧ה שְׁלֹמֹ֛ה עֹל֖וֹת לַֽיהוָ֑ה עַ֚ל מִזְבַּ֣ח
13 יְהוָ֔ה אֲשֶׁ֥ר בָּנָ֖ה לִפְנֵ֥י הָאוּלָֽם׃ וּבִדְבַר־י֣וֹם בְּי֗וֹם לְהַעֲלוֹת֮
כְּמִצְוַ֣ת מֹשֶׁה֒ לַשַּׁבָּתוֹת֙ וְלֶ֣חֳדָשִׁ֔ים וְלַמּ֣וֹעֲד֔וֹת שָׁל֥וֹשׁ
פְּעָמִ֖ים בַּשָּׁנָ֑ה בְּחַ֧ג הַמַּצּ֛וֹת וּבְחַ֥ג הַשָּׁבֻע֖וֹת וּבְחַ֥ג הַסֻּכּֽוֹת׃
14 וַיַּעֲמֵ֡ד כְּמִשְׁפַּט֩ דָּוִ֨יד־אָבִ֜יו אֶת־מַחְלְק֨וֹת הַכֹּהֲנִ֜ים עַל־
עֲבֹדָתָ֗ם וְהַלְוִיִּ֣ם עַל־מִ֠שְׁמְרוֹתָם לְהַלֵּ֨ל וּלְשָׁרֵ֜ת נֶ֣גֶד הַכֹּהֲנִ֗ים
לִדְבַר־י֣וֹם בְּיוֹמ֔וֹ וְהַשּׁוֹעֲרִ֤ים בְּמַחְלְקוֹתָם֙ לְשַׁ֣עַר וָשָׁ֔עַר
טו כִּ֣י כֵ֔ן מִצְוַ֖ת דָּוִ֥יד אִישׁ־הָאֱלֹהִֽים׃ וְלֹ֣א סָר֗וּ מִצְוַ֣ת הַמֶּ֔לֶךְ
16 עַל־הַכֹּהֲנִ֖ים וְהַלְוִיִּ֑ם לְכָל־דָּבָ֖ר וְלָאֹצָרֽוֹת׃ וַתִּכֹּן֙ כָּל־
מְלֶ֣אכֶת שְׁלֹמֹ֔ה עַד־הַיּ֛וֹם מוּסַ֥ד בֵּית־יְהוָ֖ה וְעַד־כְּלֹת֑וֹ
17 שָׁלֵ֖ם בֵּ֥ית יְהוָֽה׃ אָ֣ז הָלַ֤ךְ שְׁלֹמֹה֙ לְעֶצְיֽוֹן־גֶּ֔בֶר וְאֶל־
18 אֵיל֖וֹת עַל־שְׂפַ֣ת הַיָּ֑ם בְּאֶ֖רֶץ אֱדֽוֹם׃ וַיִּשְׁלַח־ל֣וֹ חוּרָ֡ם
בְּֽיַד־עֲבָדָיו֩ אֳנִיּ֨וֹת וַעֲבָדִ֜ים י֣וֹדְעֵי יָ֗ם וַיָּבֹ֜אוּ עִם־עַבְדֵ֤י
שְׁלֹמֹה֙ אוֹפִ֔ירָה וַיִּקְח֣וּ מִשָּׁ֔ם אַרְבַּע־מֵא֥וֹת וַחֲמִשִּׁ֖ים כִּכַּ֣ר
זָהָ֑ב וַיָּבִ֖יאוּ אֶל־הַמֶּ֥לֶךְ שְׁלֹמֹֽה׃

ומלכת־

v. 10 יתיר י    v. 18 יתיר ו

צו בויען אין ירושלים, אין לבנון אָדער אינ׳ם גאנצען לאנד פון זיין רעגירונג.
7 דאָס גאנצע איבעריגע בעפעלקערונג פון חתי, אמרי, פרזי, חוי און יבוסי (וועלכע זיינען ניט געווען פון ישראל),
8 פון זייערע קינדער, וועלכע זיינען נאָך זיי געבליבען, ד. ה. וועלכע די קינדער ישראל האָבען ניט פערניכטעט, האָט שלמה געמאכט דיענסט־באר ביז צו היינטיגען טאָג.
9 פון די קינדער ישראל אָבער האָט שלמה ניט אָנגעשטעלט קנעכט פאר זיין ארבייט, זיי זיינען געווען די קריעגס־לייט, די הויפּטען איבער זיינע לייב־דיענער, איבער זיינע רייט־וועגען און רייטערס.
10 די צוויי הונדערט פופציג אָבער־הויפּטען דעם קעניג שלמה׳ס האָבען פערוואלטעט איבער דאָס פאָלק.
11 אויך פּרעה׳ס טאָכטער האָט שלמה אריבערגעבראכט פון דוד׳ס שטאָדט אין דאָס הויז וואָס ער האָט פאר איהר געבויט, ווייל ער האָט געטראכט: „זאָל די פרוי מיינע ניט וואוינען אינ׳ם הויז פון דוד, קעניג איבער ישראל, וועלכע איז הייליג זינט עס איז אהין אריינגעקומען גאָט׳ס קאסטען״ . . .
12 דאן האָט שלמה געבראכט פאר גאָט גאנץ־אָפּפערס, אויפ׳ן גרויסען מזבח, וועלכען ער האָט איינגעריכטעט נעבען אולם,
13 אום טעגליך אָפּפערס צו ברייגנען, לויט משה׳ס בעפעהל — שבת׳־דיגע, מאָנאטליכע און פייערטאגליכע, [דריי מאָל יאהרליך] — פסח, שבועות און סכות.
14 ער האָט אויך איינגעשטעלט — ווי זיין פאטער דוד האָט איינגעאָרדערט — די איינטהיילונגען פון די כהנים נאָך זייער ארבייט, די לוים נאָך זייער אויפּפּאסונג, פאר די לויב־געזאנגען און דיענסט מיט די כהנים טאָג־טעגליך; אויך די טהויער־היטערס אין זייער איינטהיילונג ביי יעדער טהויער, ווארים אזוי איז געווען דאָס בעפעהל פון דוד דעם געטליכען מאַן.
15 עס האָבען ניט אויפגעהערט דעם קעניג [דוד׳ס] בעפעהלען וועגען די כהנים און לוים איבער יעדער אנגעלעגענהייט און די שאטץ־קאמערן איבערהויפּט.
16 דאָס גאנצע ארבייט שלמה׳ס איז דאן פארטיג געווען פון דעם טאָג ווען מ׳האָט געגרינדעט גאָט׳ס הויז ביז עס איז אין גאנצען געענדיגט געווען גאָט׳ס הויז.
17 דאן איז שלמה געגאנגען אין עציון־גבר און אילות, וועלכען זיינען אויפ׳ן ברעג ים, אין דאָס לאנד אדום.
18 חורם האָט צו איהם געשיקט מיט זיינע קנעכט: שיפען און ארבייטער געניטע אויפ׳ן ים, זיי זיינען געגאנגען מיט שלמה׳ס קנעכט קיין אופיר, האָבען דאָרטען אָנגעקליבען פיער הונדערט און פופציג צענטנער גאָלד, און געבראכט צום קעניג שלמה.

## ט CAP. IX. ט

א וּמַלְכַּת־שְׁבָא שָׁמְעָה אֶת־שֵׁמַע שְׁלֹמֹה וַתָּבוֹא לְנַסּוֹת
אֶת־שְׁלֹמֹה בְחִידוֹת בִּירוּשָׁלִַם בְּחַיִל כָּבֵד מְאֹד וּגְמַלִּים
נֹשְׂאִים בְּשָׂמִים וְזָהָב לָרֹב וְאֶבֶן יְקָרָה וַתָּבוֹא אֶל־שְׁלֹמֹה
2 וַתְּדַבֵּר עִמּוֹ אֵת כָּל־אֲשֶׁר הָיָה עִם־לְבָבָהּ׃ וַיַּגֶּד־לָהּ
שְׁלֹמֹה אֶת־כָּל־דְּבָרֶיהָ וְלֹא־נֶעְלַם דָּבָר מִשְּׁלֹמֹה אֲשֶׁר
3 לֹא הִגִּיד לָהּ׃ וַתֵּרֶא מַלְכַּת־שְׁבָא אֵת חָכְמַת שְׁלֹמֹה
4 וְהַבַּיִת אֲשֶׁר בָּנָה׃ וּמַאֲכַל שֻׁלְחָנוֹ וּמוֹשַׁב עֲבָדָיו וּמַעֲמַד
מְשָׁרְתָיו וּמַלְבּוּשֵׁיהֶם וּמַשְׁקָיו וּמַלְבּוּשֵׁיהֶם וַעֲלִיָּתוֹ אֲשֶׁר
ה יַעֲלֶה בֵּית יְהוָה וְלֹא־הָיָה עוֹד בָּהּ רוּחַ׃ וַתֹּאמֶר אֶל־
הַמֶּלֶךְ אֱמֶת הַדָּבָר אֲשֶׁר שָׁמַעְתִּי בְּאַרְצִי עַל־דְּבָרֶיךָ
6 וְעַל־חָכְמָתֶךָ׃ וְלֹא־הֶאֱמַנְתִּי לְדִבְרֵיהֶם עַד אֲשֶׁר־בָּאתִי
וַתִּרְאֶינָה עֵינַי וְהִנֵּה לֹא הֻגַּד־לִי חֲצִי מַרְבִּית חָכְמָתֶךָ
7 יָסַפְתָּ עַל־הַשְּׁמוּעָה אֲשֶׁר שָׁמָעְתִּי׃ אַשְׁרֵי אֲנָשֶׁיךָ וְאַשְׁרֵי
עֲבָדֶיךָ אֵלֶּה הָעֹמְדִים לְפָנֶיךָ תָּמִיד וְשֹׁמְעִים אֶת־חָכְמָתֶךָ׃
8 יְהִי יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בָּרוּךְ אֲשֶׁר חָפֵץ בְּךָ לְתִתְּךָ עַל־
כִּסְאוֹ לְמֶלֶךְ לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ בְּאַהֲבַת אֱלֹהֶיךָ אֶת־יִשְׂרָאֵל
לְהַעֲמִידוֹ לְעוֹלָם וַיִּתֶּנְךָ עֲלֵיהֶם לְמֶלֶךְ לַעֲשׂוֹת מִשְׁפָּט
9 וּצְדָקָה׃ וַתִּתֵּן לַמֶּלֶךְ מֵאָה וְעֶשְׂרִים ׀ כִּכַּר זָהָב וּבְשָׂמִים
לָרֹב מְאֹד וְאֶבֶן יְקָרָה וְלֹא הָיָה כַּבֹּשֶׂם הַהוּא אֲשֶׁר
נָתְנָה מַלְכַּת־שְׁבָא לַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה׃ וְגַם עַבְדֵי חוּרָם י
וְעַבְדֵי שְׁלֹמֹה אֲשֶׁר־הֵבִיאוּ זָהָב מֵאוֹפִיר הֵבִיאוּ עֲצֵי
11 אַלְגּוּמִּים וְאֶבֶן יְקָרָה׃ וַיַּעַשׂ הַמֶּלֶךְ אֶת־עֲצֵי הָאַלְגּוּמִּים
מְסִלּוֹת לְבֵית־יְהוָה וּלְבֵית הַמֶּלֶךְ וְכִנֹּרוֹת וּנְבָלִים לַשָּׁרִים
12 וְלֹא־נִרְאוּ כָהֵם לְפָנִים בְּאֶרֶץ יְהוּדָה׃ וְהַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה
נָתַן לְמַלְכַּת־שְׁבָא אֶת־כָּל־חֶפְצָהּ אֲשֶׁר שָׁאָלָה מִלְּבַד
אֲשֶׁר־הֵבִיאָה אֶל־הַמֶּלֶךְ וַתַּהֲפֹךְ וַתֵּלֶךְ לְאַרְצָהּ הִיא

ועבדיה

v. 10. 11. דגש אחר שורק

## קאַפּיטעל ט

1 אַז די קעניגין שבא האָט דערהערט שלמה'ס בערוף איז זי געקומען
אין ירושלים מיט זעהר אַ גרויסע אַרמעע און קעמלען בעלאַדענע מיט
פּיעל געווירצען, גאָלד און טהייערע שטיינער, אום צו פּרובירען שלמה'ן
מיט רעטעניסען. אַז זי איז געקומען צו שלמה'ן האָט זי מיט איהם גע־
רעדט וואָס איהר הארץ האָט געגלוסט.

2 שלמה האָט איהר געענטפערט אויף אַלע רייד איהרע, עס איז ניט פער־
באָרגען געוועזען פון שלמה אַ זאַך וועגען וועלכע ער האָט מיט איהר ניט
געקענט ריידען.

3 אַז די קעניגין פון שבא האָט בעטראַכט שלמה'ס קלוגהייט און דאָס הויז
וואָס ער האָט געבויט,

4 אויך דאָס עססען פון זיין טיש, דאָס זיצען פון זיינע דיענער, דאָס
שטעהן פון זיינע בעדיענטע און זייער קליידונג, זיינע געטראַנקען און
זיין פּראָצעסיאָן ווען ער געהט אין גאָט'ס הויז — האָט זי קיין אָטהעם
געהאַט.

5 דאַן האָט זי געזאָגט צום קעניג: עס איז ריכטיג דאָס וואָס איך האָב
אין מיין לאַנד געהערט וועגען דיר און וועגען דיין קלוגהייט;

6 איך האָב וועגען דאָס אַלעס ניט געגלויבט ביז איך בין געקומען און מיינע
אויגען האָבען געזעהען. ווירקליך עס איז מיר ניט איבערגעגעבען גע־
וואָרען אַ העלפט פון דיין גרויס קלוגהייט — דו האָסט איבערשטיגען
דאָס וואָס איך האָב געהערט!

7 גליקליך זיינען דיינע לייטע, גליקליך זיינען די דיענער דיינע וועלכע
שטעהען שטענדיג נעבען דיר און הערען דיין קלוגהייט!

8 זאָל געבענשט זיין דיין גאָט, וועלכער האָט דיר אויסערוועהלט צו זיצען
אויף זיין טהראָן, אַלס דיין גאָט'ס קעניג, ווייל דיין גאָט ליעבט
ישראל, איהם אויף אייביג פעסט צו שטעלען, האָט ער דיר איבער
זיי קעניגען געלאָזען אום צו טהאָן רעכט און גערעכטיגקייט.

9 זי האָט געגעבען דעם קעניג הונדערט און צוואַנציג צענטנער גאָלד אויך
זעהר פּיעל געווירצען און טהייערע שטיינער, אין ערגעץ איז אַזעלכע
געווירצען ניט געוועזען, ווי די וועלכע די קעניגין פון שבא האָט געגעבען
דעם קעניג שלמה.

10 אויך חורם'ס קנעכט צוזאַמען מיט שלמה'ס קנעכט וועלכע פלעגען
ברייגנען גאָלד פון אופיר, האָבען געבראַכט סאַנדעל־האָלץ און טהייערע
שטיינער.

11 פון די סאַנדעל־האָלץ האָט דער קעניג געמאַכט טרעפּען צו גאָט'ס הויז
און צום קעניג'ס הויז, אויך פּיעדלען און האַרפען פאַר די זינגערס;
אַזעלכע ווי די זיינען קיינמאָל בעפאָר ניט געזעהען געוועזען אין'ם לאַנד
יהודה.

12 דער קעניג שלמה האָט געגעבען דער קעניגין פון שבא איהר גאַנצען בע־
געהר וואָס זי האָט פערלאַנגט, אויסער וואָס ער האָט איהר געגעבען פאַר
אַלעם וואָס זי האָט געבראַכט צום קעניג. זי האָט זיך אומגעקעהרט
און אוועק צו איהר לאַנד, זי מיט איהרע קנעכט.

13 וַעֲבָדֶֽיהָ׃ וַיְהִי מִשְׁקַל הַזָּהָב אֲשֶׁר־בָּא לִשְׁלֹמֹה
14 בְּשָׁנָה אֶחָת שֵׁשׁ מֵאוֹת וְשִׁשִּׁים וָשֵׁשׁ כִּכְּרֵי זָהָֽב׃ לְבַד
מֵֽאַנְשֵׁי הַתָּרִים וְהַסֹּחֲרִים מְבִיאִים וְכָל־מַלְכֵי עֲרַב וּפַחוֹת
טו הָאָרֶץ מְבִיאִים זָהָב וָכֶסֶף לִשְׁלֹמֹֽה׃ וַיַּעַשׂ הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה
מָאתַיִם צִנָּה זָהָב שָׁחוּט שֵׁשׁ מֵאוֹת זָהָב שָׁחוּט יַעֲלֶה
16 עַל־הַצִּנָּה הָאֶחָֽת׃ וּשְׁלֹשׁ־מֵאוֹת מָֽגִנִּים זָהָב שָׁחוּט שְׁלֹשׁ
מֵאוֹת זָהָב יַעֲלֶה עַל־הַמָּגֵן הָאֶחָת וַיִּתְּנֵם הַמֶּלֶךְ בְּבֵית
17 יַעַר הַלְּבָנֽוֹן׃ וַיַּעַשׂ הַמֶּלֶךְ כִּסֵּא־שֵׁן גָּדוֹל וַיְצַפֵּהוּ זָהָב
18 טָהֽוֹר׃ וְשֵׁשׁ מַעֲלוֹת לַכִּסֵּא וְכֶבֶשׁ בַּזָּהָב לַכִּסֵּא מָאֳחָזִים
וְיָדוֹת מִזֶּה וּמִזֶּה עַל־מְקוֹם הַשָּׁבֶת וּשְׁנַיִם אֲרָיוֹת עֹמְדִים
19 אֵצֶל הַיָּדֽוֹת׃ וּשְׁנֵים עָשָׂר אֲרָיוֹת עֹמְדִים שָׁם עַל־שֵׁשׁ
כ הַמַּעֲלוֹת מִזֶּה וּמִזֶּה לֹא־נַעֲשָׂה כֵן לְכָל־מַמְלָכָֽה׃ וְכֹל
כְּלֵי מַשְׁקֵה הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה זָהָב וְכֹל כְּלֵי בֵּית־יַעַר הַלְּבָנוֹן
21 זָהָב סָגוּר אֵין כֶּסֶף נֶחְשָׁב בִּימֵי שְׁלֹמֹה לִמְאֽוּמָה׃ כִּֽי־
אֳנִיּוֹת לַמֶּלֶךְ הֹלְכוֹת תַּרְשִׁישׁ עִם עַבְדֵי חוּרָם אַחַת
לְשָׁלוֹשׁ שָׁנִים תָּבוֹאנָה ׀ אֳנִיּוֹת תַּרְשִׁישׁ נֹֽשְׂאוֹת זָהָב וָכֶסֶף
22 שֶׁנְהַבִּים וְקוֹפִים וְתוּכִּיִּֽים׃ וַיִּגְדַּל הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה מִכֹּל
23 מַלְכֵי הָאָרֶץ לְעֹשֶׁר וְחָכְמָֽה׃ וְכֹל מַלְכֵי הָאָרֶץ מְבַקְשִׁים
אֶת־פְּנֵי שְׁלֹמֹה לִשְׁמֹעַ אֶת־חָכְמָתוֹ אֲשֶׁר־נָתַן הָאֱלֹהִים
24 בְּלִבּֽוֹ׃ וְהֵם מְבִיאִים אִישׁ מִנְחָתוֹ כְּלֵי כֶסֶף וּכְלֵי זָהָב
וּשְׂלָמוֹת נֵשֶׁק וּבְשָׂמִים סוּסִים וּפְרָדִים דְּבַר־שָׁנָה בְּשָׁנָֽה׃
כה וַיְהִי לִשְׁלֹמֹה אַרְבַּעַת אֲלָפִים אֻרְיוֹת סוּסִים
וּמַרְכָּבוֹת וּשְׁנֵים־עָשָׂר אֶלֶף פָּרָשִׁים וַיַּנִּיחֵם בְּעָרֵי הָרֶכֶב
26 וְעִם־הַמֶּלֶךְ בִּירֽוּשָׁלִָֽם׃ וַיְהִי מוֹשֵׁל בְּכָל־הַמְּלָכִים מִן־
27 הַנָּהָר וְעַד־אֶרֶץ פְּלִשְׁתִּים וְעַד גְּבוּל מִצְרָֽיִם׃ וַיִּתֵּן הַמֶּלֶךְ
אֶת־הַכֶּסֶף בִּירוּשָׁלִַם כָּאֲבָנִים וְאֵת הָאֲרָזִים נָתַן כַּשִּׁקְמִים
28 אֲשֶׁר־בַּשְּׁפֵלָה לָרֹֽב׃ וּמוֹצִיאִים סוּסִים מִמִּצְרַיִם לִשְׁלֹמֹה

וּמִכָּל־

v. 21. דגש אחר שורק

13 דאָס געוויכט גאָלד וואָס עס איז אריינגעקומען צו שלמה'ן אין איין
יאָהר איז געווען: זעקס הונדערט זעקס און זעכציג צענטנער גאָלד.
14 אויסער וואָס די רייזענדער און קויפלייטע האָבען געבראַכט, אויך אַלע
קעניגע פון ערב און גובערנאַטאָרען פון'ם לאַנד האָבען געבראַכט גאָלד
און זילבער צו שלמה'ן.
15 דער קעניג שלמה האָט געמאַכט צוויי הונדערט פאַנצערס פון געצויגענע
גאָלד — זעקס הונדערט גאָלדשטיק איז אוועקגעגאַנגען אויף איין פאַנ־
צער,
16 אויך דריי הונדערט שילדען פון געצויגענע גאָלד, דריי הונדערט גאָלד־
שטיק איז אוועקגעגאַנגען אויף איין שילד. ער האָט זיי אוועקגעלייגט
אינ'ם וואַלד־הויז פון לבנון.
17 דער קעניג האָט אויך געמאַכט אַ גרויסען טהראָן פון עלפענביין, און
באַדעקט איהם מיט ריינעם גאָלד.
18 זעקס ארויפגאַנגען האָט דער טהראָן געהאַט מיט אַ גאָלדענעם טרעפּ,
עס איז געווען בעפעסטיגט צום טהראָן, אויך פאַרענטשעס פון ביידע
זייטען פון זיץ־אָרט. צוויי לייבען־פיגורען זיינען געשטאַנען נעבען די
פאַרענטשעס.
19 און צוועלף לייבען זיינען דאָרטען געשטאַנען פון ביידע זייטען פון די
זעקס ארויפגאַנגען — אַזאַ טהראָן איז פאַר קיין רעגירונג ניט געמאַכט
געוואָרען.
20 אויך אַלע טרינק־כלים, דעם קעניג שלמה'ס, זיינען געווען פון גאָלד;
אויך אַלע כלים פון וואַלד־הויז לבנון פון בעסטען גאָלד. זילבער האָט
אין שלמה'ס צייטען קיין ווערטה געהאַט.
21 ווארים דעם קעניג'ס שיפען פלעגען געהן נאָך תרשיש מיט חורם'ס
קנעכט. איין מאָל אין דריי יאָהר פלעגען די שיפען פון תרשיש קומען
בעלאָדען מיט גאָלד און זילבער, עלפענביין, אַפּען און פּאַווען.
22 דער קעניג שלמה איז גרעסער געווען פאַר אַלע קעניגע דער וועלט, מיט
רייכטהום און קלוגהייט.
23 אַלע קעניגע דער וועלט האָבען בעזוכט שלמה'ן, אום צו הערען זיין
קלוגהייט וואָס גאָט האָט איהם אריינגעגעבען אין זיין הארץ.
24 יעדער פון זיי האָט זיין געשאַנק געבראַכט: זילבערנע אָדער גאָלדענע
כלים, קליידער, וואַפען אָדער געווירצען, פערד און מויל־עזלען יאָהר־
יאָהרליך.
25 שלמה האָט געהאַט פיער טויזענד שטאַלען פאַר פערד און וועגען און
צוועלף טויזענד רייטער, ער האָט זיי פונאַנדערגעשטעלט אין די וועגען
געביידען און מיט'ן קעניג אין ירושלים.
26 ער האָט געהערשט איבער אַלע קעניגע, פון דעם טייך ביז דאָס לאַנד
פלשתים און גרענעץ פון מצרים.
27 דער קעניג האָט אריינגעגעבען אין ירושלים זילבער (פיעל) ווי שטיינער
און צעדערן אַזוי פיעל ווי שיקאַמאָרען אינ'ם ניעדערלאַנד.
28 מען האָט אימפּאָרטירט פאַר שלמה'ן פערד פון מצרים און פון אַלע
לענדער.

וּמִכָּל־הָאֲרָצוֹת׃ וּשְׁאָר דִּבְרֵי שְׁלֹמֹה הָרִאשֹׁנִים וְהָאַחֲרוֹנִים 29
הֲלֹא־הֵם כְּתוּבִים עַל־דִּבְרֵי נָתָן הַנָּבִיא וְעַל־נְבוּאַת אֲחִיָּה
הַשִּׁילוֹנִי וּבַחֲזוֹת יֶעְדִּי הַחֹזֶה עַל־יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט׃ וַיִּמְלֹךְ ל
שְׁלֹמֹה בִירוּשָׁלַ͏ִם עַל־כָּל־יִשְׂרָאֵל אַרְבָּעִים שָׁנָה׃ וַיִּשְׁכַּב 31
שְׁלֹמֹה עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקְבְּרֻהוּ בְּעִיר דָּוִיד אָבִיו וַיִּמְלֹךְ רְחַבְעָם
בְּנוֹ תַּחְתָּיו׃

## י Cap. X. י

וַיֵּלֶךְ רְחַבְעָם שְׁכֶמָה כִּי שְׁכֶם בָּאוּ כָל־יִשְׂרָאֵל לְהַמְלִיךְ א
אֹתוֹ׃ וַיְהִי כִּשְׁמֹעַ יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט וְהוּא בְמִצְרַיִם אֲשֶׁר 2
בָּרַח מִפְּנֵי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ וַיָּשָׁב יָרָבְעָם מִמִּצְרָיִם׃ וַיִּשְׁלְחוּ 3
וַיִּקְרְאוּ־לוֹ וַיָּבֹא יָרָבְעָם וְכָל־יִשְׂרָאֵל וַיְדַבְּרוּ אֶל־רְחַבְעָם
לֵאמֹר׃ אָבִיךָ הִקְשָׁה אֶת־עֻלֵּנוּ וְעַתָּה הָקֵל מֵעֲבוֹדַת 4
אָבִיךָ הַקָּשָׁה וּמֵעֻלּוֹ הַכָּבֵד אֲשֶׁר־נָתַן עָלֵינוּ וְנַעַבְדֶךָּ׃
וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם עוֹד שְׁלֹשֶׁת יָמִים וְשׁוּבוּ אֵלָי וַיֵּלֶךְ הָעָם׃ ה
וַיִּוָּעַץ הַמֶּלֶךְ רְחַבְעָם אֶת־הַזְּקֵנִים אֲשֶׁר־הָיוּ עֹמְדִים לִפְנֵי 6
שְׁלֹמֹה אָבִיו בִּהְיֹתוֹ חַי לֵאמֹר אֵיךְ אַתֶּם נוֹעָצִים לְהָשִׁיב
לָעָם־הַזֶּה דָּבָר׃ וַיְדַבְּרוּ אֵלָיו לֵאמֹר אִם־תִּהְיֶה לְטוֹב 7
לְהָעָם הַזֶּה וּרְצִיתָם וְדִבַּרְתָּ אֲלֵהֶם דְּבָרִים טוֹבִים וְהָיוּ
לְךָ עֲבָדִים כָּל־הַיָּמִים׃ וַיַּעֲזֹב אֶת־עֲצַת הַזְּקֵנִים אֲשֶׁר 8
יְעָצֻהוּ וַיִּוָּעַץ אֶת־הַיְלָדִים אֲשֶׁר גָּדְלוּ אִתּוֹ הָעֹמְדִים לְפָנָיו׃
וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם מָה אַתֶּם נוֹעָצִים וְנָשִׁיב דָּבָר אֶת־הָעָם 9
הַזֶּה אֲשֶׁר דִּבְּרוּ אֵלַי לֵאמֹר הָקֵל מִן־הָעֹל אֲשֶׁר־נָתַן אָבִיךָ
עָלֵינוּ׃ וַיְדַבְּרוּ אִתּוֹ הַיְלָדִים אֲשֶׁר גָּדְלוּ אִתּוֹ לֵאמֹר כֹּה י
תֹאמַר לָעָם אֲשֶׁר־דִּבְּרוּ אֵלֶיךָ לֵאמֹר אָבִיךָ הִכְבִּיד אֶת־
עֻלֵּנוּ וְאַתָּה הָקֵל מֵעָלֵינוּ כֹּה תֹּאמַר אֲלֵהֶם קָטָנִּי עָבָה
מִמָּתְנֵי אָבִי׃ וְעַתָּה אָבִי הֶעְמִיס עֲלֵיכֶם עֹל כָּבֵד וַאֲנִי 11
אֹסִיף עַל־עֻלְּכֶם אָבִי יִסַּר אֶתְכֶם בַּשּׁוֹטִים וַאֲנִי בָּעַקְרַבִּים׃

ויבא

ט v. 29. יעדו קרי

29 די איבריגע פאסירונגען שלמה׳ס, ווי די ערשטע אזוי די לעצטע, זיי־
נען פארשריעבען אין די „ערצעהלונגען פון נתן דעם פראפעט", אין די
„פראפעציייהונגען פון אחיה דעם שלוני" און די „פאראויסזעהונגען פון
יערו", וועלכער האט פאראויסגעזעהען איבער ירבעם, נבט׳ס זוהן.
30 שלמה האט רעגירט אין ירושלים אויף גאנץ ישראל פערציג יאהר.
31 אז שלמה איז געשטארבען האט מען איהם בעערדיגט אין דער שטאדט
פון זיין פאטער דוד. נאך איהם האט רעגירט זיין זוהן רחבעם.

## קאפיטעל י

1 רחבעם איז אוועק אין שכם, ווייל גאנץ ישראל איז געקומען אין שכם איהם פאר קעניג צו מאכען.

2 אז ירבעם נבט׳ס זוהן, וועלכער איז אנטלאפען פון שלמה׳ן, האט דאס דערהערט (ער איז דאן געווען אין מצרים), איז ירבעם צוריק געקומען פון מצרים,

3 ווייל מ׳האט איהם געשיקט רופען. דאן איז ירבעם מיט גאנץ ישראל געקומען און גערעדט צו רחבעם׳ן זאגענדיג:

4 „דיין פאטער האט שווער געמאכט אונזער יאך, אלזא פארגרינגער דיין פאטער׳ס שווערע ארבייט אויף זיין יאך דעם שווערען, וואס ער האט געלעגט אויף אונז — און מיר וועלען דיינע אונטערטהאנען זיין . . ."

5 האט ער צו זיי געזאגט: קומט צו מיר אין דריי טעג ארום! דאס פאלק איז אוועק.

6 דאן האט זיך קעניג רחבעם בעראטהען מיט די עלטסטע, וועלכע האבען זיך איינגעפונען ביי זיין פאטער שלמה ווען ער האט געלעבט, אזוי צו זאגען: „וואס פאר אן ענטפער ראטה איהר מיר צו געבען דעם פאלק?"

7 האבען זיי איהם אזוי געזאגט: „אויב דו וועסט גוט זיין צום פאלק, וועסט מיט זיי שטימען און פריינדליך רעדען צו זיי, וועלען זיי אימער זיין דיינע קנעכט."

8 ער האט אבער אוועקגעלאזען דעם ראטה וואס די עלטסטע האבען איהם געגעבען, און האט זיך בעראטהען מיט די קינדער וואס זיינען מיט איהם צוזאמען געוואקסען און יעצט געפינען זיך ביי איהם —

9 צו זיי האט ער געזאגט: וואס פאר אן ענטפער ראטה איהר מיר צו ענטפערן דעם פאלק וואס האט צו מיר גערעדט זאגענדיג: „פערגרינ־גער דעם יאך וואס דיין פאטער האט אויף אונז געלעגט"?

10 די קינדער וואס זיינען מיט איהם צוזאמען אויפגעוואקסען האבען צו איהם אזוי גערעדט: „אט וואס דו זאלסט זיי זאגען: „מיין קליינער פינגער איז גרעבער פאר מיין פאטער׳ס לענדען . . .

11 אלזא, מיין פאטער האט אייך בעלאדען מיט א שווערען יאך, איך וועל נאך שווערער מאכען אייער יאך — מיין פאטער האט אייך בעשטראפט מיט ריטער, איך אבער וועל אייך בעשטראפען מיט דערנער."

12 וַיָּבֹא יָרָבְעָם וְכָל־הָעָם אֶל־רְחַבְעָם בַּיּוֹם הַשְּׁלִשִׁי כַּאֲשֶׁר
13 דִּבֶּר הַמֶּלֶךְ לֵאמֹר שׁוּבוּ אֵלַי בַּיּוֹם הַשְּׁלִשִׁי׃ וַיַּעֲנֵם הַמֶּלֶךְ
14 קָשָׁה וַיַּעֲזֹב הַמֶּלֶךְ רְחַבְעָם אֵת עֲצַת הַזְּקֵנִים׃ וַיְדַבֵּר
אֲלֵהֶם כַּעֲצַת הַיְלָדִים לֵאמֹר אָבִי הִכְבִּיד אֶת־עֻלְּכֶם
וַאֲנִי אֹסִיף עָלָיו אָבִי יִסַּר אֶתְכֶם בַּשּׁוֹטִים וַאֲנִי בָּעַקְרַבִּים׃
טו וְלֹא־שָׁמַע הַמֶּלֶךְ אֶל־הָעָם כִּי־הָיְתָה נְסִבָּה מֵעִם הָאֱלֹהִים
לְמַעַן הָקִים יְהוָה אֶת־דְּבָרוֹ אֲשֶׁר דִּבֶּר בְּיַד אֲחִיָּהוּ
16 הַשִּׁילוֹנִי אֶל־יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט׃ וְכָל־יִשְׂרָאֵל רָאוּ כִּי לֹא־
שָׁמַע הַמֶּלֶךְ לָהֶם וַיָּשִׁיבוּ הָעָם ׀ אֶת־הַמֶּלֶךְ ׀ לֵאמֹר מַה־
לָּנוּ חֵלֶק בְּדָוִיד וְלֹא־נַחֲלָה בְּבֶן־יִשַׁי אִישׁ לְאֹהָלֶיךָ יִשְׂרָאֵל
17 עַתָּה רְאֵה בֵיתְךָ דָּוִיד וַיֵּלֶךְ כָּל־יִשְׂרָאֵל לְאֹהָלָיו׃ וּבְנֵי
יִשְׂרָאֵל הַיֹּשְׁבִים בְּעָרֵי יְהוּדָה וַיִּמְלֹךְ עֲלֵיהֶם רְחַבְעָם׃
18 וַיִּשְׁלַח הַמֶּלֶךְ רְחַבְעָם אֶת־הֲדֹרָם אֲשֶׁר עַל־הַמַּס
וַיִּרְגְּמוּ־בוֹ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶבֶן וַיָּמֹת וְהַמֶּלֶךְ רְחַבְעָם הִתְאַמֵּץ
19 לַעֲלוֹת בַּמֶּרְכָּבָה לָנוּס יְרוּשָׁלִָם׃ וַיִּפְשְׁעוּ יִשְׂרָאֵל
בְּבֵית דָּוִיד עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃

## CAP. XI. יא

# יא

א וַיָּבֹא רְחַבְעָם יְרוּשָׁלִַם וַיַּקְהֵל אֶת־בֵּית יְהוּדָה וּבִנְיָמִן
מֵאָה וּשְׁמוֹנִים אֶלֶף בָּחוּר עֹשֵׂה מִלְחָמָה לְהִלָּחֵם עִם־
2 יִשְׂרָאֵל לְהָשִׁיב אֶת־הַמַּמְלָכָה לִרְחַבְעָם׃ וַיְהִי
3 דְּבַר־יְהוָה אֶל־שְׁמַעְיָהוּ אִישׁ־הָאֱלֹהִים לֵאמֹר׃ אֱמֹר
אֶל־רְחַבְעָם בֶּן־שְׁלֹמֹה מֶלֶךְ יְהוּדָה וְאֶל כָּל־יִשְׂרָאֵל
4 בִּיהוּדָה וּבִנְיָמִן לֵאמֹר׃ כֹּה אָמַר יְהוָה לֹא־תַעֲלוּ וְלֹא־
תִלָּחֲמוּ עִם־אֲחֵיכֶם שׁוּבוּ אִישׁ לְבֵיתוֹ כִּי מֵאִתִּי נִהְיָה
הַדָּבָר הַזֶּה וַיִּשְׁמְעוּ אֶת־דִּבְרֵי יְהוָה וַיָּשֻׁבוּ מִלֶּכֶת אֶל־
ה יָרָבְעָם׃ וַיֵּשֶׁב רְחַבְעָם בִּירוּשָׁלִָם וַיִּבֶן עָרִים לְמָצוֹר
6 בִּיהוּדָה׃ וַיִּבֶן אֶת־בֵּית־לֶחֶם וְאֶת־עֵיטָם וְאֶת־תְּקוֹעַ׃
7 8 וְאֶת־בֵּית־צוּר וְאֶת־שׂוֹכוֹ וְאֶת־עֲדֻלָּם׃ וְאֶת־גַּת וְאֶת־

12 ווען ירבעם מיט דעם גאנצען פאלק זיינען געקומען צו רחבעם'ן אויפ'ן
דריטען טאג [אזוי ווי דער קעניג האט צו זיי געזאגט : „קומט צו מיר
אין דריי טעג ארום"],
13 האט דער קעניג זיי געענטפערט גראב (דער קעניג רחבעם האט אוועק־
געלאזען דעם ראטה פון די עלטסטע
14 און האט צו זיי גערעדט לויט דעם ראטה פון די קינדער) זאגענדיג :
„מיין פאטער האט אויף אייך א שווערען יאך געלעגט, איך וועל עס
נאך שווערער מאכען ; מיין פאטער האט אייך געשטראפט מיט ריטער,
אבער איך וועל אייך שטראפען מיט דערנער . . ."
15 דער קעניג האט דאס פאלק ניט פערשטאנען, עס איז געווען פעראור־
זאכט פון גאט, אום גאט זאל אויספיהרען זיין פערשפרעכען וואס ער
האט געגעבען צו ירבעם, נבט'ס זוהן, דורך אחיהו דעם שלוני'ער.
16 אז גאנץ ישראל האבען איינגעזעהען אז דער קעניג האט זיי ניט אויס־
געהערט, האט דאס פאלק געענטפערט דעם קעניג זאגענדיג : „וואס
פאר א טהייל האבען מיר אין דוד'ן, עס איז אויך קיין ערבטהייל פאר
דעם אבשטאמונג פון ישי . . . יעדער צו זיינע געצעלטען, ישראל !
יעצט וועסטו נאר דיין הויז אנזעהען, דוד ! . . ." און גאנץ ישראל
זיינען אוועק יעדער צו זיינע געצעלטען.
17 בלויז די קינדער ישראל וועלכע האבען געוואוינט אין די שטעדט יהודה,
איבער זיי האט רעגירט רחבעם.
18 ווען דער קעניג רחבעם האט געשיקט הדורם'ן, וואס איבער די אבצאה־
לונגען, האבען די קינדער ישראל איהם מיט שטיינער פערווארפען ביז
ער איז געשטארבען. דער קעניג רחבעם האט זיך געאיילט ארויפצושטיי־
גען אויפ'ן וואגען אום צו אנטלויפען קיין ירושלים.
19 אזוי האבען די קינדער ישראל ווידערשפעניגט קעגען דוד'ס הויז
ביז דיעזען טאג.

## קאפיטעל יא

1 אז רחבעם איז געקומען אין ירושלים האט ער פערזאמעלט דאס גאנצע
הויז פון יהודה און בנימין, הונדערט מיט אכציג טויזענד אויסער־
וויילטע קריעגס־פיהרער, אום קריעג צו האלטען מיט ישראל, צוריק־
צוקעהרען די רעגיערונג צו רחבעם'ן.
2 און גאט'ס ווארט איז געווען צו שמעיה דעם געטליכען מאן, אזוי צו
זאגען :
3 זאג צו רחבעם, שלמה'ס זוהן, קעניג פון יהודה, אויך צו גאנץ ישראל
און יהודה און בנימין, אזוי צו זאגען :
4 „אזוי האט גאט געזאגט—געהט ניט און פיהרט קיינע קריעג מיט אייערע
ברידער, קעהרט זיך צוריק יעדער צו זיין הויז, ווארים פון מיר איז
געווארען דיעזע פאסירונג". זיי האבען געהערט גאט'ס ווערטער און
האבען זיך צוריק געהאלטען פון געהן צו ירבעם'ן.
5 רחבעם איז פערבליבען אין ירושלים, און האט געבויט שטעדט צו בע־
פעסטיגען יהודה.
6 ער האט איבערגעבויט בית־לחם, עיטם און תקוע ;
7 בית־צור, שוכו און עדלם ;
8 גת, מרשה און זיף ;

מָרֵשָׁה וְאֶת־זִיף׃ וְאֶת־אֲדוֹרַיִם וְאֶת־לָכִישׁ וְאֶת־עֲזֵקָה׃ ט
וְאֶת־צָרְעָה וְאֶת־אַיָּלוֹן וְאֶת־חֶבְרוֹן אֲשֶׁר בִּיהוּדָה וּבְבִנְיָמִן י
עָרֵי מְצֻרוֹת׃ וַיְחַזֵּק אֶת־הַמְּצֻרוֹת וַיִּתֵּן בָּהֶם נְגִידִים 11
וְאֹצְרוֹת מַאֲכָל וְשֶׁמֶן וָיָיִן׃ וּבְכָל־עִיר וָעִיר צִנּוֹת וּרְמָחִים 12
וַיְחַזְּקֵם לְהַרְבֵּה מְאֹד וַיְהִי־לוֹ יְהוּדָה וּבִנְיָמִן׃
וְהַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם אֲשֶׁר בְּכָל־יִשְׂרָאֵל הִתְיַצְּבוּ עָלָיו מִכָּל־ 13
גְּבוּלָם׃ כִּי־עָזְבוּ הַלְוִיִּם אֶת־מִגְרְשֵׁיהֶם וַאֲחֻזָּתָם וַיֵּלְכוּ 14
לִיהוּדָה וְלִירוּשָׁלִָם כִּי־הִזְנִיחָם יָרָבְעָם וּבָנָיו מִכַּהֵן לַיהוָה׃
וַיַּעֲמֶד־לוֹ כֹּהֲנִים לַבָּמוֹת וְלַשְּׂעִירִים וְלָעֲגָלִים אֲשֶׁר עָשָׂה׃ טו
וְאַחֲרֵיהֶם מִכֹּל שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל הַנֹּתְנִים אֶת־לְבָבָם לְבַקֵּשׁ 16
אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל בָּאוּ יְרוּשָׁלִַם לִזְבּוֹחַ לַיהוָה אֱלֹהֵי
אֲבוֹתֵיהֶם׃ וַיְחַזְּקוּ אֶת־מַלְכוּת יְהוּדָה וַיְאַמְּצוּ אֶת־רְחַבְעָם 17
בֶּן־שְׁלֹמֹה לְשָׁנִים שָׁלוֹשׁ כִּי הָלְכוּ בְּדֶרֶךְ דָּוִיד וּשְׁלֹמֹה
לְשָׁנִים שָׁלוֹשׁ׃ וַיִּקַּח־לוֹ רְחַבְעָם אִשָּׁה אֶת־מָחֲלַת 18
בַּן־יְרִימוֹת בֶּן־דָּוִיד אֲבִיהַיִל בַּת־אֱלִיאָב בֶּן־יִשָׁי׃ וַתֵּלֶד 19
לוֹ בָּנִים אֶת־יְעוּשׁ וְאֶת־שְׁמַרְיָה וְאֶת־זָהַם׃ וְאַחֲרֶיהָ לָקַח כ
אֶת־מַעֲכָה בַּת־אַבְשָׁלוֹם וַתֵּלֶד לוֹ אֶת־אֲבִיָּה וְאֶת־עַתַּי
וְאֶת־זִיזָא וְאֶת־שְׁלֹמִית׃ וַיֶּאֱהַב רְחַבְעָם אֶת־מַעֲכָה בַת־ 21
אַבְשָׁלוֹם מִכָּל־נָשָׁיו וּפִילַגְשָׁיו כִּי נָשִׁים שְׁמוֹנֶה־עֶשְׂרֵה
נָשָׂא וּפִילַגְשִׁים שִׁשִּׁים וַיּוֹלֶד עֶשְׂרִים וּשְׁמוֹנָה בָּנִים
וְשִׁשִּׁים בָּנוֹת׃ וַיַּעֲמֵד לָרֹאשׁ רְחַבְעָם אֶת־אֲבִיָּה בֶן־מַעֲכָה 22
לְנָגִיד בְּאֶחָיו כִּי לְהַמְלִיכוֹ׃ וַיָּבֶן וַיִּפְרֹץ מִכָּל־בָּנָיו לְכָל־ 23
אַרְצוֹת יְהוּדָה וּבִנְיָמִן לְכֹל עָרֵי הַמְּצֻרוֹת וַיִּתֵּן לָהֶם
הַמָּזוֹן לָרֹב וַיִּשְׁאַל הֲמוֹן נָשִׁים׃

## יב Cap. XII. יב

וַיְהִי כְּהָכִין מַלְכוּת רְחַבְעָם וּכְחֶזְקָתוֹ עָזַב אֶת־תּוֹרַת יְהוָה א
וְכָל־יִשְׂרָאֵל עִמּוֹ׃ וַיְהִי בַּשָּׁנָה הַחֲמִישִׁית לַמֶּלֶךְ 2

רחבעם

יב v. 18. בת קרי ibid. ב׳ סדיא

9 אדורים, לכיש און עזקה;
10 צרעה, אילון, אויך חברון וואָס אין יהודה, אויף פעסטע שטעדט אין
בנימין.
11 ער האָט אויך פערשטאַרקט די פעסטונגען און אָנגעשטעלט אין זיי פ...
וואַלטערס, אויך מאַגאַזינען פאַר שפּייז, אייל און וויין.
12 אין יעדער שטאָדט האָט ער געבויט סקלאַדען פאַר פאַנצערס און שפּיז-
זען; ער האָט זיי זעהר פיעל פערשטאַרקט און האָט געהערשט איבער
יהודה און בנימין.
13 אויך די כהנים און לוים, פון אַלע זייער גרענעץ-שטעדט, פון גאַנץ
ישראל, זיינען פערבליבען מיט איהם.
14 ווארים די לוים האָבען פערלאָזען זייערע פּלעצער און זייער בעזיץ און
זיינען אוועק אין יהודה און ירושלים, ווייל ירבעם מיט זיינע זיהן האָ-
בען זיי אָבגעשאַפט פון כהנים צו זיין פאַר גאָט.
15 ער האָט אַליין אָנגעשטעלט כהנים ביי די בארג-אַלטאַרען, די געצען
און קעלבער וואָס ער האָט געמאַכט.
16 נאָך זיי זיינען געקומען אין ירושלים פון אַלע שטאַמען ישראל'ס, וועל-
כע האָבען צום הארצען גענומען צו בעזוכען דעם גאָט פון ישראל, צו
אָפּפערן צום גאָט פון זייערע עלטערן.
17 זיי האָבען בעפעסטיגט דאָס קעניגרייך יהודה און האָבען פערשטאַרקט
רחבעם'ן שלמה'ס זוהן אַ פּערלויף פון דריי יאָהר, ווארים זיי זיינען
געגאַנגען אינ'ם וועג פון דוד און שלמה דריי יאָהר צייט.
18 רחבעם האָט געהייראט מחלת די טאָכטער פון ירימות, דוד'ס זוהן
(אויך אביהיל די טאָכטער פון אליאב ישי'ס זוהן).
19 זי האָט איהם געבאָרען זיהן: יעוש, שמריה און זעם.
20 נאָך איהר האָט ער געהייראט מעכה, אבשלום'ס טאָכטער, זי האָט
איהם געבאָרען: אביה, עתי, זיזא און שלמית.
21 מעכה'ן, אבשלום'ס טאָכטער, האָט רחבעם געליעבט מעהר ווי אַלע
זיינע ווייבער און קעבס-ווייבער, ווארים ער האָט געהייראטה אכצעהן
ווייבער און זעכציג קעבס-ווייבער; עס זיינען ביי איהם געבוירען גע-
וואָרען אכט און צוואַנציג זיהן און זעכציג טעכטער.
22 אַלס הויפּטמאַן האָט רחבעם אָנגעשטעלט אביה'ן, מעכה'ס זוהן, אַלס
פירסט אונטער זיינע ברידער; ער האָט איהם געוואָלט לאָזען קעניגען.
23 ער האָט עס פערשטאַנען, האָט ער פונאַנדערגעשיקט זיינע זיהן איבער
אַלע פּראָווינצען פון יהודה און בנימין, איבער אַלע פעסטע שטעדט;
ער האָט זיי געגעבען פיעל שפּייז און פערהייראטה זיי.

## קאַפּיטעל יב

1 ווען רחבעם'ס רעגירונג איז געווען פעסטגעשטעלט און ער איז שטאַרק גע-
וואָרען האָט ער פערלאָזען גאָט'ס לעהרע, אויך גאַנץ ישראל מיט איהם.
2 אין פינפטען יאָהר פון רחבעם'ס רעגירונג, איז שישק, קעניג פון מצרים
ארויף אויף ירושלים, ווייל זיי האָבען ווידערשפּעניגט קעגען גאָט,

רְחַבְעָם עָלָה שִׁישַׁק מֶלֶךְ־מִצְרַיִם עַל־יְרוּשָׁלִָם כִּי מָעֲלוּ
3 בַּיהוָה׃ בְּאֶלֶף וּמָאתַיִם רֶכֶב וּבְשִׁשִּׁים אֶלֶף פָּרָשִׁים
וְאֵין מִסְפָּר לָעָם אֲשֶׁר־בָּאוּ עִמּוֹ מִמִּצְרַיִם לוּבִים סֻכִּיִּים
4 וְכוּשִׁים׃ וַיִּלְכֹּד אֶת־עָרֵי הַמְּצֻרוֹת אֲשֶׁר לִיהוּדָה וַיָּבֹא
ה עַד־יְרוּשָׁלִָם׃ וּשְׁמַעְיָה הַנָּבִיא בָּא אֶל־רְחַבְעָם
וְשָׂרֵי יְהוּדָה אֲשֶׁר־נֶאֶסְפוּ אֶל־יְרוּשָׁלִָם מִפְּנֵי שִׁישָׁק וַיֹּאמֶר
לָהֶם כֹּה־אָמַר יְהוָה אַתֶּם עֲזַבְתֶּם אֹתִי וְאַף־אֲנִי עָזַבְתִּי
6 אֶתְכֶם בְּיַד־שִׁישָׁק׃ וַיִּכָּנְעוּ שָׂרֵי־יִשְׂרָאֵל וְהַמֶּלֶךְ וַיֹּאמְרוּ
7 צַדִּיק ׀ יְהוָה׃ וּבִרְאוֹת יְהוָה כִּי נִכְנָעוּ הָיָה דְבַר־יְהוָה
אֶל־שְׁמַעְיָה ׀ לֵאמֹר נִכְנְעוּ לֹא אַשְׁחִיתֵם וְנָתַתִּי לָהֶם
כִּמְעַט לִפְלֵיטָה וְלֹא־תִתַּךְ חֲמָתִי בִּירוּשָׁלִַם בְּיַד־שִׁישָׁק׃
8 כִּי יִהְיוּ־לוֹ לַעֲבָדִים וְיֵדְעוּ עֲבוֹדָתִי וַעֲבוֹדַת מַמְלְכוֹת
9 הָאֲרָצוֹת׃ וַיַּעַל שִׁישַׁק מֶלֶךְ־מִצְרַיִם עַל־יְרוּשָׁלִַם
וַיִּקַּח אֶת־אֹצְרוֹת בֵּית־יְהוָה וְאֶת־אֹצְרוֹת בֵּית הַמֶּלֶךְ אֶת־
הַכֹּל לָקָח וַיִּקַּח אֶת־מָגִנֵּי הַזָּהָב אֲשֶׁר עָשָׂה שְׁלֹמֹה׃
י וַיַּעַשׂ הַמֶּלֶךְ רְחַבְעָם תַּחְתֵּיהֶם מָגִנֵּי נְחֹשֶׁת וְהִפְקִיד עַל־
11 יַד שָׂרֵי הָרָצִים הַשֹּׁמְרִים פֶּתַח בֵּית הַמֶּלֶךְ׃ וַיְהִי מִדֵּי־
בוֹא הַמֶּלֶךְ בֵּית יְהוָה בָּאוּ הָרָצִים וּנְשָׂאוּם וֶהֱשִׁבוּם
12 אֶל־תָּא הָרָצִים׃ וּבְהִכָּנְעוֹ שָׁב מִמֶּנּוּ אַף־יְהוָה וְלֹא
לְהַשְׁחִית לְכָלָה וְגַם בִּיהוּדָה הָיָה דְּבָרִים טוֹבִים׃
13 וַיִּתְחַזֵּק הַמֶּלֶךְ רְחַבְעָם בִּירוּשָׁלִַם וַיִּמְלֹךְ כִּי
בֶן־אַרְבָּעִים וְאַחַת שָׁנָה רְחַבְעָם בְּמָלְכוֹ וּשְׁבַע עֶשְׂרֵה
שָׁנָה ׀ מָלַךְ בִּירוּשָׁלִַם הָעִיר אֲשֶׁר־בָּחַר יְהוָה לָשׂוּם
אֶת־שְׁמוֹ שָׁם מִכֹּל שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל וְשֵׁם אִמּוֹ נַעֲמָה
14 הָעַמֹּנִית׃ וַיַּעַשׂ הָרָע כִּי לֹא הֵכִין לִבּוֹ לִדְרוֹשׁ אֶת־
טו יְהוָה׃ וְדִבְרֵי רְחַבְעָם הָרִאשֹׁנִים וְהָאַחֲרוֹנִים
הֲלֹא־הֵם כְּתוּבִים בְּדִבְרֵי שְׁמַעְיָה הַנָּבִיא וְעִדּוֹ הַחֹזֶה
לְהִתְיַחֵשׂ וּמִלְחֲמוֹת רְחַבְעָם וְיָרָבְעָם כָּל־הַיָּמִים׃

3 מיט טויזענד צוויי הונדערט וועגען און זעכציג טויזענד רייטער, עס איז
קיין צאָהל געווען צום פאָלק וואָס איז מיט איהם געקומען פון מצרים —
לוב'יער, סכי'ער און כושים.

4 ער האָט איינגענומען יהודה'ס פעסטע שטעדט און איז געקומען ביז
ירושלים.

5 דאַן איז שמעיה דער פּראָפעט געקומען צו רחבעם און די פירסטען פון
יהודה, וועלכע האָבען זיך פערזאַמעלט אין ירושלים זיך שרעקענדיג פאַר
שישק'ן, און האָט צו זיי געזאָגט: „אַזוי האָט גאָט געזאָגט — איהר
האָט מיר פערלאָזען, האָב איך אייך אויך איבערגעלאָזען אין שישק'ס
האַנד".

6 האָבען זיך ניעדערגעבויגען די פירסטען פון יהודה און דער קעניג און
האָבען געזאָגט: „גאָט איז גערעכט!"

7 אַז גאָט האָט געזעהען דאָס זיי האָבען זיך ניעדערגעבויגען, איז גאָט'ס
וואָרט געוועזען צו שמעיה'ן, אַזוי צו זאָגען: „זיי האָבען זיך ניעדער־
געבויגען וועל איך זיי ניט אונטערברייגגען; איך וועל זיי געבען אַ
קליינע רעטונג, און מיין צאָרן וועט זיך ניט אויסגיסען אויף ירושלים
דורך שישק'ן.

8 זאָלען זיי זיין זיינע קנעכט, וועלען זיי אונטערשיידען צווישען מיין
דיענסט און דאָס דיענסט ביי די ערדישע קעניגע . . ."

9 ווען שישק, קעניג פון מצרים, איז אַרויף אויף ירושלים, האָט ער
צוגענומען די רייכטהימער פון גאָט'ס הויז אויך די רייכטהימער פונ'ם
קעניג'ס הויז — ער האָט אַלץ צוגענומען; זאָגאַר די גאָלדענע פאַנ־
צערס וואָס שלמה האָט געמאַכט.

10 דער קעניג רחבעם האָט אנשטאַט זיי געמאַכט קופּערנע פאַנצערס און
האָט זיי איבערגעגעבען אונטער דאָס פערוואַלטונג פון די אָבער־שנעל־
לויפערס, וועלכע האָבען בעוואַכט דעם איינגאַנג פון קעניגס הויז.

11 ווען דער קעניג פלעגט קומען אין גאָט'ס הויז, פלעגען די שנעל־לויפערס
קומען און אַרויסטראָגען זיי, נאָכהער פלעגען זיי זיי צוריק טראָגען אין
געביידע פון די שנעל־לויפערס.

12 זינט ער האָט זיך ניעדערגעבויגען איז אַוועק פון איהם גאָט'ס צאָרן,
איהם ניט אין גאַנצען צו פערניכטען, אויך אין גאַנץ יהודה איז געוואָרען
אַ בעסערער צושטאַנד.

13 דאַן האָט זיך קעניג רחבעם בעפעסטיגט אין ירושלים און געקעניגט.
ביי איין־און־פערציג יאָהר אַלט איז רחבעם קעניג געוואָרען און זיבעצעהן
יאָהר האָט ער געקעניגט אין ירושלים, די שטאָדט וועלכע גאָט האָט
אויסערוועהלט פון אַלע שטאַמען ישראל'ס, דאָרטען זיין נאָמען צו האַל־
טען. זיין מוטער'ס נאָמען איז געוועזען נעמה די עמנית.

14 ער האָט שלעכט געטהאָן וואָס ער האָט זיך ניט איבערגעגעבען מיט האַרץ
צו פאָרשען נאָך גאָט.

15 אַלע רחבעם'ס פּאַסירונגען, ווי די ערשטע אַזוי די לעצטע, זיינען איינ־
געשריבען אין די ערצעהלונגען פון שמעיה דעם פּראָפעט און עדו דער
פאָראויסזעהער, אַלע היסטאָרישע פּאַסירונגען אויך די קריעגען וואָס
זיינען אימער פאָרגעקומען צווישען רחבעם און ירבעם.

16 וַיִּשְׁכַּב רְחַבְעָם עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקָּבֵר בְּעִיר דָּוִיד וַיִּמְלֹךְ
אֲבִיָּה בְנוֹ תַּחְתָּיו׃

## Cap. XIII. יג

יג

א בִּשְׁנַת שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה לַמֶּלֶךְ יָרָבְעָם וַיִּמְלֹךְ אֲבִיָּה עַל־
2 יְהוּדָה׃ שָׁלוֹשׁ שָׁנִים מָלַךְ בִּירוּשָׁלִַם וְשֵׁם אִמּוֹ מִיכָיָהוּ
בַת־אוּרִיאֵל מִן־גִּבְעָה וּמִלְחָמָה הָיְתָה בֵּין אֲבִיָּה וּבֵין
3 יָרָבְעָם׃ וַיֶּאְסֹר אֲבִיָּה אֶת־הַמִּלְחָמָה בְּחַיִל גִּבּוֹרֵי מִלְחָמָה
אַרְבַּע־מֵאוֹת אֶלֶף אִישׁ בָּחוּר וְיָרָבְעָם עָרַךְ עִמּוֹ מִלְחָמָה
4 בִּשְׁמוֹנֶה מֵאוֹת אֶלֶף אִישׁ בָּחוּר גִּבּוֹר חָיִל׃ וַיָּקָם
אֲבִיָּה מֵעַל לְהַר צְמָרַיִם אֲשֶׁר בְּהַר אֶפְרָיִם וַיֹּאמֶר
ה שְׁמָעוּנִי יָרָבְעָם וְכָל־יִשְׂרָאֵל׃ הֲלֹא לָכֶם לָדַעַת כִּי יְהוָה ׀
אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל נָתַן מַמְלָכָה לְדָוִיד עַל־יִשְׂרָאֵל לְעוֹלָם לוֹ
6 וּלְבָנָיו בְּרִית מֶלַח׃ וַיָּקָם יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט עֶבֶד שְׁלֹמֹה
7 בֶן־דָּוִיד וַיִּמְרֹד עַל־אֲדֹנָיו׃ וַיִּקָּבְצוּ עָלָיו אֲנָשִׁים
רֵקִים בְּנֵי בְלִיַּעַל וַיִּתְאַמְּצוּ עַל־רְחַבְעָם בֶּן־שְׁלֹמֹה
וּרְחַבְעָם הָיָה נַעַר וְרַךְ־לֵבָב וְלֹא הִתְחַזַּק לִפְנֵיהֶם׃
8 וְעַתָּה ׀ אַתֶּם אֹמְרִים לְהִתְחַזֵּק לִפְנֵי מַמְלֶכֶת יְהוָה בְּיַד
בְּנֵי דָוִיד וְאַתֶּם הָמוֹן רָב וְעִמָּכֶם עֶגְלֵי זָהָב אֲשֶׁר עָשָׂה
9 לָכֶם יָרָבְעָם לֵאלֹהִים׃ הֲלֹא הִדַּחְתֶּם אֶת־כֹּהֲנֵי יְהוָה
אֶת־בְּנֵי אַהֲרֹן וְהַלְוִיִּם וַתַּעֲשׂוּ לָכֶם כֹּהֲנִים כְּעַמֵּי הָאֲרָצוֹת
כָּל־הַבָּא לְמַלֵּא יָדוֹ בְּפַר בֶּן־בָּקָר וְאֵילִם שִׁבְעָה וְהָיָה
י כֹהֵן לְלֹא אֱלֹהִים׃ וַאֲנַחְנוּ יְהוָה אֱלֹהֵינוּ וְלֹא עֲזַבְנֻהוּ
וְכֹהֲנִים מְשָׁרְתִים לַיהוָה בְּנֵי אַהֲרֹן וְהַלְוִיִּם בַּמְלָאכֶת׃
11 וּמַקְטִרִים לַיהוָה עֹלוֹת בַּבֹּקֶר־בַּבֹּקֶר וּבָעֶרֶב בָּעֶרֶב
וּקְטֹרֶת־סַמִּים וּמַעֲרֶכֶת לֶחֶם עַל־הַשֻּׁלְחָן הַטָּהוֹר וּמְנוֹרַת
הַזָּהָב וְנֵרֹתֶיהָ לְבָעֵר בָּעֶרֶב בָּעֶרֶב כִּי־שֹׁמְרִים אֲנַחְנוּ
12 אֶת־מִשְׁמֶרֶת יְהוָה אֱלֹהֵינוּ וְאַתֶּם עֲזַבְתֶּם אֹתוֹ׃ וְהִנֵּה
עִמָּנוּ בָרֹאשׁ הָאֱלֹהִים ׀ וְכֹהֲנָיו וַחֲצֹצְרוֹת הַתְּרוּעָה לְהָרִיעַ
עליכם

16 אַז רחבעם איז געשטאָרבן האָט מען איהם בעערדיגט אין דוד'ס שטאָדט, זיין זוהן אביה האָט רעגירט נאָך איהם.

## קאַפּיטעל יג

1 אין אַכטצעהנטען יאָהר פון קעניג ירבעם איז אביה קעניג געוואָרען איבער יהודה.

2 דריי יאָהר האָט ער רעגירט אין ירושלים, זיין מוטער'ס נאָמען איז געווען מיכיהו, אוריאל'ס טאָכטער, פון גבעה. צווישען אביה און ירבעם איז אימער קריעג געווען.

3 אביה האָט אָנגעפאַנגען די קריעג מיט אַן ארמעע פון פיער הונדערט טויזענד העלדען, די בעסטע; ירבעם האָט זיך קעגען איהם געשטעלט צום קריעג מיט אַכט הונדערט טויזענד מאַן, געקליבענע ארמעע־העלדען.

4 אביה האָט זיך געשטעלט אין דער הויך, אויפ'ן באַרג צמרים, און האָט געזאָגט: „הערט מיר אויס, ירבעם און גאַנץ ישראל!

5 איהר דאַרפט וויסען דאָס דער גאָט פון ישראל האָט דאָס רעגירען איבער ישראל, אוועקגעגעבען צו דוד'ן אויף אייביג — צו איהם און זיינע קינדער, אַן אייביגער אָבמאַך.*)

6 איז אָבער אויפגעשטאַנען ירבעם, נבט'ס זוהן, אַ קנעכט ביי שלמה'ן, דוד'ס זוהן, און האָט ווידערשפּעניגט קעגען זיין הערען,

7 צו איהם האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען ליידיג־געהער און פערדאָרבענע מענשען, זיי האָבען זיך שטאַרק געשטעלט קעגען רחבעם שלמה'ס זוהן, רחבעם איז דאַן געווען אַ אינגעל מיט אַ שוואַכע האַרץ האָט ער זיך ניט געקענט שטאַרק קעגען זיי געשטעלט.

8 יעצט דיינקט איהר זיך שטאַרק צו שטעלען קעגען די געטליכע רעגירונג וואָס אין די הענד פון דוד'ס קינדער, איהר זייט אַ גרויסע מאַסע און האָט מיט אייך די גאָלדענע קעלבער, וואָס ירבעם האָט פאַר אייך געמאַכט אַלס געטער.

9 האָט איהר ניט פערשטויסען גאָט'ס כהנים, אהרן'ס זיהן, אויך די לוים, און האָט זיך אַליין געמאַכט כהנים ווי די פעלקער פונ'ם לאַנד? ווער נאָר עס קומט און איבט זיך איין מיט אַ יונגען אָקס און זיעבען ווידערס ווערט אַ כהן צו די אונ־געטער.

10 אָבער מיר — גאָט איז אונזער גאָט, מיר האָבען איהם ניט פערלאָזען, די כהנים וואָס דיענען פאַר גאָט זיינען פון אהרן'ס זיהן, און לוים טהוען די אַרבייט.

11 זיי רויכען פאַר גאָט גאַנץ־אָפּפער'ס יעדער מאָרגען און יעדער אבענד, אויך רויכגעווירצען און די ברויט צוגרייטונג אויפ'ן ריינעם טיש, די גאָלדענע לייכטער מיט איהרע ליכט, צו ברענען יעדער אבענד. מיר היטען דאָס בעפעהל פון אונזער גאָט און איהר האָט עס פערלאָזען.

12 אָט ביי אונז איז גאָט פאָראויס, די כהנים מיט די שאַלונג טראָמפּייטען צו שאַלען קעגען אייך. קינדער ישראל! פיהרט ניט קיין קריעג מיט דעם גאָט פון אייערע עלטערן — איהר וועט ניט בעגליקען!"

---

*) זעה במדבר י"ח י"ט און ויקרא ב' י"ג. (ח. ש. נ.)

עֲלֵיכֶם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אַל־תִּלָּחֲמוּ עִם־יְהוָה אֱלֹהֵי־אֲבֹתֵיכֶם
13 כִּי־לֹא תַצְלִיחוּ׃ וְיָרָבְעָם הֵסֵב אֶת־הַמַּאְרָב לָבוֹא
מֵאַחֲרֵיהֶם וַיִּהְיוּ לִפְנֵי יְהוּדָה וְהַמַּאְרָב מֵאַחֲרֵיהֶם׃
14 וַיִּפְנוּ יְהוּדָה וְהִנֵּה לָהֶם הַמִּלְחָמָה פָּנִים וְאָחוֹר וַיִּצְעֲקוּ
טו לַיהוָה וְהַכֹּהֲנִים מַחְצְצְרִים בַּחֲצֹצְרוֹת׃ וַיָּרִיעוּ אִישׁ
יְהוּדָה וַיְהִי בְּהָרִיעַ אִישׁ יְהוּדָה וְהָאֱלֹהִים נָגַף אֶת־יָרָבְעָם
16 וְכָל־יִשְׂרָאֵל לִפְנֵי אֲבִיָּה וִיהוּדָה׃ וַיָּנוּסוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל
17 מִפְּנֵי יְהוּדָה וַיִּתְּנֵם אֱלֹהִים בְּיָדָם׃ וַיַּכּוּ בָהֶם אֲבִיָּה וְעַמּוֹ
מַכָּה רַבָּה וַיִּפְּלוּ חֲלָלִים מִיִּשְׂרָאֵל חֲמֵשׁ־מֵאוֹת אֶלֶף אִישׁ
18 בָּחוּר׃ וַיִּכָּנְעוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל בָּעֵת הַהִיא וַיֶּאֶמְצוּ בְּנֵי יְהוּדָה
19 כִּי נִשְׁעֲנוּ עַל־יְהוָה אֱלֹהֵי אֲבוֹתֵיהֶם׃ וַיִּרְדֹּף אֲבִיָּה אַחֲרֵי
יָרָבְעָם וַיִּלְכֹּד מִמֶּנּוּ עָרִים אֶת־בֵּית־אֵל וְאֶת־בְּנוֹתֶיהָ
כ וְאֶת־יְשָׁנָה וְאֶת־בְּנוֹתֶיהָ וְאֶת־עֶפְרַיִן וּבְנֹתֶיהָ׃ וְלֹא־עָצַר
כֹּחַ יָרָבְעָם עוֹד בִּימֵי אֲבִיָּהוּ וַיִּגְּפֵהוּ יְהוָה וַיָּמֹת׃
21 וַיִּתְחַזֵּק אֲבִיָּהוּ וַיִּשָּׂא־לוֹ נָשִׁים אַרְבַּע עֶשְׂרֵה וַיּוֹלֶד עֶשְׂרִים
22 וּשְׁנַיִם בָּנִים וְשֵׁשׁ עֶשְׂרֵה בָּנוֹת׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי אֲבִיָּה וּדְרָכָיו
23 וּדְבָרָיו כְּתוּבִים בְּמִדְרַשׁ הַנָּבִיא עִדּוֹ׃ וַיִּשְׁכַּב אֲבִיָּה
עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקְבְּרוּ אֹתוֹ בְּעִיר דָּוִיד וַיִּמְלֹךְ אָסָא בְנוֹ תַּחְתָּיו
בְּיָמָיו שָׁקְטָה הָאָרֶץ עֶשֶׂר שָׁנִים׃

## CAP. XIV. יד יד

2 א וַיַּעַשׂ אָסָא הַטּוֹב וְהַיָּשָׁר בְּעֵינֵי יְהוָה אֱלֹהָיו׃ וַיָּסַר אֶת־
מִזְבְּחוֹת הַנֵּכָר וְהַבָּמוֹת וַיְשַׁבֵּר אֶת־הַמַּצֵּבוֹת וַיְגַדַּע אֶת־
3 הָאֲשֵׁרִים׃ וַיֹּאמֶר לִיהוּדָה לִדְרוֹשׁ אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵי
4 אֲבוֹתֵיהֶם וְלַעֲשׂוֹת הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוָה׃ וַיָּסַר מִכָּל־עָרֵי
יְהוּדָה אֶת־הַבָּמוֹת וְאֶת־הַחַמָּנִים וַתִּשְׁקֹט הַמַּמְלָכָה
ה לְפָנָיו׃ וַיִּבֶן עָרֵי מְצוּרָה בִּיהוּדָה כִּי־שָׁקְטָה הָאָרֶץ וְאֵין־
6 עִמּוֹ מִלְחָמָה בַּשָּׁנִים הָאֵלֶּה כִּי־הֵנִיחַ יְהוָה לוֹ׃ וַיֹּאמֶר
לִיהוּדָה

יג. v. 14. יתיר צ    v. 19. עפרון קרי

13 אָבער ירבעם האָט ארומגעפיהרט א לויער־ארמעע אום צו קומען פון הינ־
טער זיי, א טהייל זיינען געוועזען פון פאָרענט ביי יהודה און די לויער־
ארמעע פון הינטער זיי.

14 אז די מענשען פון יהודה האָבען זיך אַ קעהר געטהאָן ערשט זיי האָבען
די קריעג פון פאָרענט און פון הינטען, האָבען זיי געשריען צו גאָט און
די כהנים האָבען געבלאָזען מיט די טראָמפּייטען.

15 די מענשען פון יהודה האָבען שטארק געליארעמט, ווען זיי (די מענשען
פון יהודה) האָבען געליארעמט האָט גאָט געשלאָגען ירבעם׳ן מיט גאַנץ
ישראל פאר אביה און יהודה.

16 די קינדער ישראל זיינען אנטלאָפען פאר יהודה — גאָט האָט זיי געגע־
בען אין זייער האנד.

17 אביה מיט זיינע מענשען האָבען פון זיי פיעל אויסגע׳הרג׳עט — פון
ישראל זיינען געפאלען פינף הונדערט טויזענד געקליעבענע מענשען.

18 יענע צייט איז ישראל ניעדערגעבויגען געווען, אָבער די־קינדער יהודה
זיינען שטארק געווען, ווייל זיי האָבען זיך געשטיצט אויפ׳ן גאָט פון
זייערע עלטערן.

19 אביה האָט נאָכגעיאָגט נאָך ירבעם און צוגענומען פון איהם שטעדט:
בית־אל מיט איהרע דערפער, ישנה מיט איהרע דערפער און עפרין מיט
איהרע דערפער.

20 ירבעם האָט קיין קראפט מעהר ניט געהאט אין אביהו׳ס צייט — גאָט
האָט איהם געפלאגט און ער איז געשטאָרבען.

21 דאן האָט אביה בעקומען מוטה, ער האָט געהייראטה פערצעהן ווייבער
און געהאט צוויי־און־צוואנציג זיהן און זעכצעהן טעכטער.

22 די איבריגע פאסירונגען אביה׳ס, זיין אויפפיהרונג און זיינע רייד זיינען
פארשריבען אין די פארשונגען פון עדו דעם פראָפעט.

23 ווען אביה איז געשטאָרבען האָט מען איהם בעגראבען אין דוד׳ס שטאָדט,
און אסא זיין זוהן איז קעניג געוואָרען נאָך איהם. אין זיין צייט איז אין
לאנד שטיל געווען צעהן יאָהר.

## קאַפּיטעל יד

1 אסא האָט געטהאָן וואָס עס איז גוט און גלייך אין די אויגען פון זיין
גאָט —

2 ער האָט אָבגעשאפט די פרעמדע אלטארען און די בארג־אלטארען, ער
האָט צובראָכען די דענקמאלס און אָבגעשניטען די געצען־בוימער.

3 ער האָט ערקלעהרט פאר גאנץ יהודה מ׳זאָל בעטען גאָט, דעם גאָט פון
זייערע עלטערן און טהאָן דאס געזעץ און בעפעהל.

4 ער האָט אויך אָבגעשאפט פון אלע שטעדט יהודה׳ס די בארג־אלטארען
און די זונ־בילדער; דאס קעניגרייך איז רוהיג געווען אין זיין צייט.

5 ער האָט געבויט פעסטע שטעדט אין יהודה, אַבוואָהל דאס לאנד איז
שטיל געווען און ער האָט קיינע קריעג געהאט אין די יאָהרען, ווייל גאָט
האָט איהם רוהע געגעבען.

6 ער האָט געזאָגט צו גאנץ יהודה: „לאָמיר איבערבויען די שטעדט און

לִיהוּדָה נִבְנֶה | אֶת־הֶעָרִים הָאֵלֶּה וְנָסֵב חוֹמָה וּמִגְדָּלִים
דְּלָתַיִם וּבְרִיחִים עוֹדֶנּוּ הָאָרֶץ לְפָנֵינוּ כִּי דָרַשְׁנוּ אֶת־
יְהוָה אֱלֹהֵינוּ דָּרַשְׁנוּ וַיָּנַח לָנוּ מִסָּבִיב וַיִּבְנוּ וַיַּצְלִיחוּ׃
7 וַיְהִי לְאָסָא חַיִל נֹשֵׂא צִנָּה וָרֹמַח מִיהוּדָה שְׁלֹשׁ
מֵאוֹת אֶלֶף וּמִבִּנְיָמִן נֹשְׂאֵי מָגֵן וְדֹרְכֵי קֶשֶׁת מָאתַיִם
8 וּשְׁמוֹנִים אָלֶף כָּל־אֵלֶּה גִּבּוֹרֵי חָיִל׃ וַיֵּצֵא אֲלֵיהֶם זֶרַח
הַכּוּשִׁי בְּחַיִל אֶלֶף אֲלָפִים וּמַרְכָּבוֹת שְׁלֹשׁ מֵאוֹת וַיָּבֹא
9 עַד־מָרֵשָׁה׃ וַיֵּצֵא אָסָא לְפָנָיו וַיַּעַרְכוּ מִלְחָמָה בְּגֵיא
10 צְפַתָה לְמָרֵשָׁה׃ וַיִּקְרָא אָסָא אֶל־יְהוָה אֱלֹהָיו וַיֹּאמַר
יְהוָה אֵין־עִמְּךָ לַעְזוֹר בֵּין רַב לְאֵין כֹּחַ עָזְרֵנוּ יְהוָה
אֱלֹהֵינוּ כִּי־עָלֶיךָ נִשְׁעַנּוּ וּבְשִׁמְךָ בָאנוּ עַל־הֶהָמוֹן הַזֶּה
11 יְהוָה אֱלֹהֵינוּ אַתָּה אַל־יַעְצֹר עִמְּךָ אֱנוֹשׁ׃ וַיִּגֹּף
יְהוָה אֶת־הַכּוּשִׁים לִפְנֵי אָסָא וְלִפְנֵי יְהוּדָה וַיָּנֻסוּ
12 הַכּוּשִׁים׃ וַיִּרְדְּפֵם אָסָא וְהָעָם אֲשֶׁר־עִמּוֹ עַד־לִגְרָר וַיִּפֹּל
מִכּוּשִׁים לְאֵין־לָהֶם מִחְיָה כִּי־נִשְׁבְּרוּ לִפְנֵי־יְהוָה וְלִפְנֵי
13 מַחֲנֵהוּ וַיִּשְׂאוּ שָׁלָל הַרְבֵּה מְאֹד׃ וַיַּכּוּ אֵת כָּל־הֶעָרִים
סְבִיבוֹת גְּרָר כִּי־הָיָה פַחַד־יְהוָה עֲלֵיהֶם וַיָּבֹזּוּ אֶת־כָּל־
14 הֶעָרִים כִּי־בִזָּה רַבָּה הָיְתָה בָהֶם׃ וְגַם־אָהֳלֵי מִקְנֶה הִכּוּ
וַיִּשְׁבּוּ צֹאן לָרֹב וּגְמַלִּים וַיָּשֻׁבוּ יְרוּשָׁלִָם׃

## טו CAP. XV. טו

2 א וַעֲזַרְיָהוּ בֶּן־עוֹדֵד הָיְתָה עָלָיו רוּחַ אֱלֹהִים׃ וַיֵּצֵא לִפְנֵי
אָסָא וַיֹּאמֶר לוֹ שְׁמָעוּנִי אָסָא וְכָל־יְהוּדָה וּבִנְיָמִן יְהוָה
עִמָּכֶם בִּהְיוֹתְכֶם עִמּוֹ וְאִם־תִּדְרְשֻׁהוּ יִמָּצֵא לָכֶם וְאִם־
3 תַּעַזְבֻהוּ יַעֲזֹב אֶתְכֶם׃ וְיָמִים רַבִּים לְיִשְׂרָאֵל לְלֹא |
4 אֱלֹהֵי אֱמֶת וּלְלֹא כֹּהֵן מוֹרֶה וּלְלֹא תוֹרָה׃ וַיָּשָׁב בַּצַּר־לוֹ
ה עַל־יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל וַיְבַקְשֻׁהוּ וַיִּמָּצֵא לָהֶם׃ וּבָעִתִּים
הָהֵם אֵין שָׁלוֹם לַיּוֹצֵא וְלַבָּא כִּי מְהוּמֹת רַבּוֹת עַל כָּל־
6 יוֹשְׁבֵי הָאֲרָצוֹת׃ וְכֻתְּתוּ גוֹי־בְּגוֹי וְעִיר בְּעִיר כִּי־אֱלֹהִים

ארומרינגלען זיי מיט א מויער־וואַנד און טהורעמס, טיהרען און ריגלען, זאָלאַנג דאָס לאַנד איז אונזערע, ווייל מיר האָבען געבעטען גאָט. אונ־זער גאָט האָבען מיר געבעטען האָט ער אונז רוהע געגעבען פון ארום״. זיי האָבען געבויט און בעגליקט.

7 אסא האָט געהאַט אַן ארמעע פאַנצער־ און שפּיעז־טרעגער, פון יהודה, דריי הונדערט טויזענד; אויך פון בנימין שילד־טרעגער און בויגען־טרעגער צוויי הונדערט מיט אכציג טויזענד. די אַלע זיינען געוועזען קריעגס־העלדען.

8 אמאָל איז צו זיי ארוים זרח דער כושי מיט א מיליאָנען־ארמעע און דריי הונדערט וועגען; ער איז צוגעגאַנגען ביז מרשה.

9 איז אסא ארוים איהם אנקעגען, זיי האָבען צוגעגרייט א קריעג אינ׳ם טהאָל פון צפת, נעבען מרשה.

10 דאַן האָט אסא גערופען צו זיין גאָט און געזאָגט: „גאָט! קענסטו דען ניט העלפען (אין א קריעג) צווישען א גרויסע ארמעע מיט א אונמעכ־טיגע? העלף אונז, אונזער גאָט, ווארים מיר האָבען זיך אויף דיר גע־שטיצט און מיט דיין נאָמען זיינען מיר ארוים קעגען דער גרויסער מאַ־סע. דו, אונזער גאָט, דיר קען דאָך קיינער צוריק האַלטען.״

11 גאָט האָט געשלאָגען די כושים פאר אסא און יהודה און די כושים זיינען אנטלאָפען.

12 אסא און דאָס פאָלק וואָס מיט איהם האָבען זיי נאָכגעיאָגט ביז גרר [עס זיינען געפאַלען פיעל פון די כושים אָהן לעבהאַפט, זיי זיינען צובראָ־כען געוואָרען פאר גאָט און זיין לאַגער] און זיי האָבען אוועקגעטראָגען יעהר פיעל רויב.

13 זיי האָבען אויך געשלאָגען די איינוואָהנער פון די שטעדט ארום גרר, ווייל עס איז אויף זיי געפאַלען א גרויסע שרעק, און האָבען צורויבט אַלע שטעדט, אין וועלכע עס איז געוועזען גרויס פערמעגען.

14 אויך די פיה געצעלטען האָבען זיי צובראָכען, זיי האָבען אוועקגערויבט פיעל שעפּסען און קעמלען און צוריק געקומען אין ירושלים.

## קאַפּיטעל טו

1 אויף עזריהו עודד׳ס זוהן איז געוועזען גאָט׳ס גייסט.

2 ער איז געקומען צו אסא׳ן און געזאָגט צו איהם: „הערט מיר אוים, אסא אויך גאַנץ יהודה און בנימין! גאָט איז אימער מיט אייך ווען איהר זייט מיט איהם; ווען איהר איהם זוכען וועט ער זיך געפינען צו אייך, ווען איהר איהם אָבער פערלאָזען — וועט ער אייך פערלאָזען...

3 פיעלע טעג איז ישראל געווען אָהן דעם ריכטיגען גאָט, אָהן א כהן־לעהרער און אָהן גאָט׳ס לעהרע.

4 דאָך ווען ער האָט זיך צוריק געקעהרט צום גאָט פון ישראל, ווען עס איז איהם שלעכט געווען, אַז זיי האָבען איהם נאָר געזוכט האָט ער זיך צו זיי געפונען.

5 אין יענע צייטען איז ניט זיכער געווען דער ארויסגעהער אָדער אריינ־געהער, עס איז פיעל אונרוהען געוועזען ביי די איינוואוינער פון פער־שיעדענע לענדער —

6 עס זיינען אונטערגעגאַנגען א פאָלק נאָך א פאָלק און א שטאָדט נאָך א שטאָדט, ווייל גאָט האָט זיי פערטומעלט מיט פערשיעדענע ליידען.

7 הֲמֻמָ֥ם בְּכָל־צָרָֽה׃ וְאַתֶּם֙ חִזְק֔וּ וְאַל־יִרְפּ֖וּ יְדֵיכֶ֑ם כִּ֛י יֵ֥שׁ
8 שָׂכָ֖ר לִפְעֻלַּתְכֶֽם׃ וְכִשְׁמֹ֨עַ אָסָ֜א הַדְּבָרִ֣ים הָאֵ֗לֶּה
וְהַנְּבוּאָה֮ עֹדֵ֣ד הַנָּבִיא֒ הִתְחַזַּ֗ק וַיַּעֲבֵ֤ר הַשִּׁקּוּצִים֙ מִכָּל־
אֶ֙רֶץ֙ יְהוּדָ֣ה וּבִנְיָמִ֔ן וּמִן־הֶ֣עָרִ֔ים אֲשֶׁ֥ר לָכַ֖ד מֵהַ֣ר אֶפְרָ֑יִם
9 וַיְחַדֵּשׁ֙ אֶת־מִזְבַּ֣ח יְהוָ֔ה אֲשֶׁ֕ר לִפְנֵ֖י אוּלָ֥ם יְהוָֽה׃ וַיִּקְבֹּ֗ץ
אֶת־כָּל־יְהוּדָה֮ וּבִנְיָמִן֒ וְהַגָּרִ֣ים עִמָּהֶ֔ם מֵאֶפְרַ֥יִם וּמְנַשֶּׁ֖ה
וּמִשִּׁמְע֑וֹן כִּֽי־נָפְל֨וּ עָלָ֤יו מִיִּשְׂרָאֵל֙ לָרֹ֔ב בִּרְאֹתָ֕ם כִּֽי־יְהוָ֥ה
י אֱלֹהָ֖יו עִמּֽוֹ׃ וַיִּקָּבְצ֥וּ יְרוּשָׁלִַ֖ם בַּחֹ֣דֶשׁ הַשְּׁלִישִׁ֑י לִשְׁנַ֛ת
11 חֲמֵשׁ־עֶשְׂרֵ֖ה לְמַלְכ֥וּת אָסָֽא׃ וַיִּזְבְּח֤וּ לַֽיהוָה֙ בַּיּ֣וֹם הַה֔וּא
מִן־הַשָּׁלָ֖ל הֵבִ֑יאוּ בָּקָר֙ שְׁבַ֣ע מֵא֔וֹת וְצֹ֖אן שִׁבְעַ֥ת אֲלָפִֽים׃
12 וַיָּבֹ֣אוּ בַבְּרִ֔ית לִדְר֕וֹשׁ אֶת־יְהוָ֖ה אֱלֹהֵ֣י אֲבוֹתֵיהֶ֑ם בְּכָל־
13 לְבָבָ֖ם וּבְכָל־נַפְשָֽׁם׃ וְכֹ֨ל אֲשֶׁ֧ר לֹֽא־יִדְרֹ֛שׁ לַיהוָ֥ה אֱלֹהֵֽי־
יִשְׂרָאֵ֖ל יוּמָ֑ת לְמִן־קָטֹן֙ וְעַד־גָּד֔וֹל לְמֵאִ֖ישׁ וְעַד־אִשָּֽׁה׃
14 וַיִּשָּֽׁבְעוּ֙ לַֽיהוָ֔ה בְּק֖וֹל גָּד֣וֹל וּבִתְרוּעָ֑ה וּבַחֲצֹצְר֖וֹת וּבְשׁוֹפָרֽוֹת׃
טו וַיִּשְׂמְח֨וּ כָל־יְהוּדָ֜ה עַל־הַשְּׁבוּעָ֗ה כִּ֤י בְכָל־לְבָבָם֙ נִשְׁבָּ֔עוּ
וּבְכָל־רְצוֹנָ֣ם בִּקְשֻׁ֔הוּ וַיִּמָּצֵ֖א לָהֶ֑ם וַיָּ֧נַח יְהוָ֛ה לָהֶ֖ם
16 מִסָּבִֽיב׃ וְגַם־מַעֲכָ֞ה אֵ֣ם ׀ אָסָ֣א הַמֶּ֗לֶךְ הֱסִירָהּ֙ מִגְּבִירָ֔ה
אֲשֶׁר־עָשְׂתָ֥ה לַאֲשֵׁרָ֖ה מִפְלָ֑צֶת וַיִּכְרֹ֤ת אָסָא֙ אֶת־מִפְלַצְתָּ֔הּ
17 וַיָּ֕דֶק וַיִּשְׂרֹ֖ף בְּנַ֥חַל קִדְרֽוֹן׃ וְהַ֨בָּמ֔וֹת לֹא־סָ֖רוּ מִיִּשְׂרָאֵ֑ל
18 רַ֧ק לְבַב־אָסָ֛א הָיָ֥ה שָׁלֵ֖ם כָּל־יָמָֽיו׃ וַיָּבֵ֞א אֶת־קָדְשֵׁ֣י אָבִ֗יו
19 וְקָֽדָשָׁ֛יו בֵּ֥ית הָאֱלֹהִ֖ים כֶּ֣סֶף וְזָהָ֑ב וְכֵלִֽים׃ וּמִלְחָמָ֖ה לֹ֣א
הָיָ֑תָה עַ֛ד שְׁנַת־שְׁלֹשִׁ֥ים וְחָמֵ֖שׁ לְמַלְכ֥וּת אָסָֽא׃

## CAP. XVI. טז — טז

א בִּשְׁנַ֨ת שְׁלֹשִׁ֜ים וָשֵׁ֗שׁ לְמַלְכ֣וּת אָסָ֔א עָלָה֙ בַּעְשָׁ֣א מֶֽלֶךְ־
יִשְׂרָאֵל֙ עַל־יְהוּדָ֔ה וַיִּ֖בֶן אֶת־הָֽרָמָ֑ה לְבִלְתִּ֗י תֵּ֚ת יוֹצֵ֣א וָבָ֔א
2 לְאָסָ֖א מֶ֥לֶךְ־יְהוּדָֽה׃ וַיֹּצֵ֨א אָסָ֜א כֶּ֣סֶף וְזָהָ֗ב מֵאֹֽצְר֛וֹת בֵּ֥ית
יְהוָ֖ה וּבֵ֣ית הַמֶּ֑לֶךְ וַיִּשְׁלַ֗ח אֶל־בֶּן־הֲדַד֙ מֶ֣לֶךְ אֲרָ֔ם הַיּוֹשֵׁ֥ב
3 בְּדַרְמֶ֖שֶׂק לֵאמֹֽר׃ בְּרִ֕ית בֵּינִ֣י וּבֵינֶ֔ךָ וּבֵ֥ין אָבִ֖י וּבֵ֣ין אָבִ֑יךָ

7 איהר אָבער פאסט מוטה, זאָלען אייערע הענד ניט שוואַך ווערען — עס איז דאָ אַ בעלוינונג פאר אייער ארבייט . . ."

8 אַז אסא האָט דערהערט די רייד און די פראָפעצייהונג פון עדד דעם פּראָפעט, האָט ער מוטה בעקומען און האָט אָבגעשאַפט די העסליכקייטען פון גאַנץ יהודה און בנימין, אויך פון די שטעדט וואָס ער האָט איינגענומען פון בארג אפרים; ער האָט פון דאָס נייע אויפגעשטעלט גאָט'ס אלטאר וואָס איז ביי'ם אינערליכען צימער אין גאָט'ס הויז.

9 ער האָט אויך פערזאַמעלט גאַנץ יהודה און בנימין אויף די וואָס וואוינען נעבען זיי פון אפרים, מנשה און שמעון, ווארים עס זיינען צו איהם צוגעשטאַנען פיעל פון ישראל, זעהענדיג דאָס זיין גאָט איז מיט איהם.

10 זיי האָבען זיך איינגעזאַמעלט אין ירושלים אין דריטען מאָנאַט פון פופצעהנטען יאָהר צו אסא'ס רעגירונג.

11 יענעם טאָג האָבען זיי געשאכטען פון רויב וואָס זיי האָבען געבראכט זיעבען הונדערט רינדער און זיעבען טויזענד שעפּסען.

12 זיי זיינען געקומען מיט אַ בעשלוס צו בעטען דעם גאָט פון זייערע עלטערן מיט זייער גאַנצען הארצען און זעעלע.

13 דער וואָס וועט ניט בעטען צום גאָט פון ישראל, אויב גרויס אָדער קליין, אויב מאַן אָדער פרוי, זאָל טוידט-שטראָף בעקומען.

14 זיי האָבען געשוואָרען פאר גאָט מיט אַ הויכע שטימע — מיט יובעלגעשריי, טראָמפּייטען און שופרות.

15 און גאַנץ יהודה האָט זיך געפרעהט מיט'ן שווערען — זיי האָבען געשוואָרען מיט'ן גאַנצען הארצען, זיי האָבען איהם געזוכט מיט זייער גאַנצען פערלאַנג האָט ער זיך געלאָזען געפינען צו זיי; גאָט האָט זיי רוהע געגעבען רונד-ארום.

16 זאָגאר מעכה, דעם קעניג אסא'ס מוטער, האָט ער ניט מעהר געלאָזען הערשערין זיין, ווייל זי האָט געמאַכט אַ געצענ-בילד נעבען געצענבוים. אסא האָט דעם געצען-בוים אָבגעשניטען, ער האָט איהם צובראָכען און פארברענט ביי'ן טייך קדרון.

17 די בארג-אלטארען זיינען ניט אָבגעשאַפט געוואָרען פון ישראל, נאָר אסא'ס הארץ איז אויפריכטיג געווען זיין גאַנצען לעבען.

18 ער האָט אריינגעבראַכט אין גאָט'ס הויז זיין פאטער'ס הייליגטהימער אויך זיינע הייליגטהימער — זילבער, גאָלד און פערשיעדענע כלים.

19 קיין קריעג איז ניט געווען ביז'ן פינף-און-דרייסיגסטען יאָהר צו אסא'ס רעגיערונג.

## קאַפּיטעל טז

1 אין זעקס-און-דרייסיגסטען יאָהר צו אסא'ס רעגירונג איז בעשא, קעניג פון ישראל, ארויף אויף יהודה און האָט אויסגעבויט אַ הויכע וואַנד אום ניט צו לאָזען קיינעם פון אסא, קעניג פון יהודה, ארויס אָדער אריין.

2 האָט אסא ארויסגענומען זילבער און גאָלד פון די שאַטץ-קאַמערן וואָס אין גאָט'ס הויז און דעם קעניג'ס הויז און האָט געשיקט צו בן-הדד, קעניג פון ארם וואָס האָט געוואוינט אין דמשק, אַזוי צו זאָגען:

3 זאָל אַן אָבמאַך געשלאָסען ווערען צווישען מיר און דיר אַזוי ווי צווישען

הִנֵּ֨ה שָׁלַ֤חְתִּי לְךָ֙ כֶּ֣סֶף וְזָהָ֔ב לֵ֗ךְ הָפֵ֨ר בְּרִֽיתְךָ֜ אֶת־בַּעְשָׁ֣א
מֶ֣לֶךְ יִשְׂרָאֵ֔ל וְיַעֲלֶ֖ה מֵעָלָֽי׃ וַיִּשְׁמַ֣ע בֶּן־הֲדַד֮ אֶל־הַמֶּ֣לֶךְ 4
אָסָא֒ וַיִּשְׁלַ֞ח אֶת־שָׂרֵ֨י הַחֲיָלִ֤ים אֲשֶׁר־לוֹ֙ אֶל־עָרֵ֣י יִשְׂרָאֵ֔ל
וַיַּכּוּ֙ אֶת־עִיּ֣וֹן וְאֶת־דָּ֔ן וְאֵ֖ת אָבֵ֣ל מָ֑יִם וְאֵ֕ת כָּל־מִסְכְּנ֖וֹת
עָרֵ֥י נַפְתָּלִֽי׃ וַיְהִי֙ כִּשְׁמֹ֣עַ בַּעְשָׁ֔א וַיֶּ֕חְדַּל מִבְּנ֖וֹת אֶת־הָֽרָמָ֑ה 5
וַיַּשְׁבֵּ֖ת אֶת־מְלַאכְתּֽוֹ׃ וְאָסָ֣א הַמֶּ֗לֶךְ לָקַח֙ אֶת־כָּל־ 6
יְהוּדָ֔ה וַיִּשְׂא֞וּ אֶת־אַבְנֵ֤י הָֽרָמָה֙ וְאֶת־עֵצֶ֔יהָ אֲשֶׁ֥ר בָּנָ֖ה
בַּעְשָׁ֑א וַיִּ֣בֶן בָּהֶ֔ם אֶת־גֶּ֖בַע וְאֶת־הַמִּצְפָּֽה׃ וּבָעֵ֣ת 7
הַהִ֗יא בָּ֚א חֲנָ֣נִי הָֽרֹאֶ֔ה אֶל־אָסָ֖א מֶ֣לֶךְ יְהוּדָ֑ה וַיֹּ֣אמֶר
אֵלָ֗יו בְּהִֽשָּׁעֶנְךָ֙ עַל־מֶ֣לֶךְ אֲרָ֔ם וְלֹ֤א נִשְׁעַ֙נְתָּ֙ עַל־יְהוָ֣ה אֱלֹהֶ֔יךָ
עַל־כֵּ֗ן נִמְלַ֛ט חֵ֥יל מֶֽלֶךְ־אֲרָ֖ם מִיָּדֶֽךָ׃ הֲלֹ֣א ׀ הַכּוּשִׁ֣ים 8
וְהַלּוּבִ֗ים הָי֣וּ לְחַ֣יִל לָרֹ֔ב לְרֶ֥כֶב וּלְפָרָשִׁ֖ים לְהַרְבֵּ֣ה מְאֹ֑ד
וּבְהִשָּׁעֶנְךָ֥ עַל־יְהוָ֖ה נְתָנָ֥ם בְּיָדֶֽךָ׃ כִּ֣י יְהוָ֗ה עֵינָיו֙ מְשֹׁטְט֣וֹת 9
בְּכָל־הָאָ֔רֶץ לְהִתְחַזֵּ֕ק עִם־לְבָבָ֥ם שָׁלֵ֖ם אֵלָ֑יו נִסְכַּ֣לְתָּ עַל־
זֹ֔את כִּ֣י מֵעַ֔תָּה יֵ֥שׁ עִמְּךָ֖ מִלְחָמֽוֹת׃ וַיִּכְעַ֨ס אָסָ֜א אֶל־ 10
הָרֹאֶ֗ה וַיִּתְּנֵ֙הוּ֙ בֵּ֣ית הַמַּהְפֶּ֔כֶת כִּֽי־בְזַ֥עַף עִמּ֖וֹ עַל־זֹ֑את
וַיְרַצֵּ֥ץ אָסָ֛א מִן־הָעָ֖ם בָּעֵ֥ת הַהִֽיא׃ וְהִנֵּה֙ דִּבְרֵ֣י אָסָ֔א 11
הָרִאשׁוֹנִ֖ים וְהָאַחֲרוֹנִ֑ים הִנָּם֙ כְּתוּבִ֔ים עַל־סֵ֥פֶר הַמְּלָכִ֖ים
לִֽיהוּדָ֥ה וְיִשְׂרָאֵֽל׃ וַיֶּחֱלֶא֩ אָסָ֨א בִשְׁנַ֜ת שְׁלוֹשִׁ֧ים 12
וָתֵ֛שַׁע לְמַלְכוּת֖וֹ בְּרַגְלָ֑יו עַד־לְמַ֣עְלָה חָלְי֔וֹ וְגַם־בְּחָלְיוֹ֙
לֹא־דָרַ֣שׁ אֶת־יְהוָ֔ה כִּ֖י בָּרֹפְאִֽים׃ וַיִּשְׁכַּ֥ב אָסָ֖א עִם־אֲבֹתָ֑יו 13
וַיָּ֕מָת בִּשְׁנַ֛ת אַרְבָּעִ֥ים וְאַחַ֖ת לְמָלְכֽוֹ׃ וַיִּקְבְּרֻ֣הוּ בְקִבְרֹתָ֗יו 14
אֲשֶׁ֣ר כָּֽרָה־לוֹ֮ בְּעִ֣יר דָּוִיד֒ וַיַּשְׁכִּיבֻ֗הוּ בַּמִּשְׁכָּב֙ אֲשֶׁ֣ר מִלֵּ֔א
בְּשָׂמִ֣ים וּזְנִ֔ים מְרֻקָּחִ֖ים בְּמִרְקַ֣חַת מַעֲשֶׂ֑ה וַיִּשְׂרְפוּ־ל֥וֹ
שְׂרֵפָ֖ה גְּדוֹלָ֥ה עַד־לִמְאֹֽד׃

## יז Cap. XVII. יז

וַיִּמְלֹ֛ךְ יְהוֹשָׁפָ֥ט בְּנ֖וֹ תַּחְתָּ֑יו וַיִּתְחַזֵּ֖ק עַל־יִשְׂרָאֵֽל׃ וַיִּתֶּן־ א 2
חיל

v. 8. כ״א בלא פסיק

מיין פאטער און דיין פאטער; איך שיק דיר טויזענד שקלים, געה
און ברעך דיין אבמאך מיט בעשא, קעניג פון ישראל, אום ער זאל פון
מיר אוועקגעהן.

4 בן־הדד האט איינגעשטימט מיט׳ן קעניג אסא, און ער האט געשיקט
זיינע ארמעע־פירסטען צו די שטעדט פון ישראל, זיי האבען געשלאגען
עיון, דן און אבל־מים אויך די מאגאזינען־שטעדט נפתלי׳ס.

5 אז בעשא האט עס דערהערט האט ער אויפגעהערט בויען די הויכע וואנד
— ער האט אויפגעגעבען זיין ארבייט.

6 קעניג אסא האט בעזיץ גענומען אויף גאנץ יהודה, זיי האבען גענומען
די שטיינער און די האלץ פון וואנד וואס בעשא האט געבויט, מיט זיי
האט ער פערבויט גבע און מצפה.

7 אין יענער צייט איז געקומען חנני דער פראפעט צו אסא, קעניג פון
יהודה, און האט צו איהם געזאגט: ווייל דו האסט זיך געשטיצט
אויפ׳ן קעניג פון ארם און האסט זיך ניט געשטיצט אויף דיין גאט, דער־
פאר איז פון דיין האנד ענטרונען די ארמעע פון ארם׳ס קעניג —

8 איז ניט די ארמעע פון די כושים און לובים זעהר גרויס געוועזען מיט פיעל
וועגענער און רייטערס? נאר אז דו האסט זיך געשטיצט אויף גאט
האט ער זיי איבערגעגעבען אין דיין האנד,

9 ווארים גאט׳ס קוק לויפט דורך די גאנצע וועלט אויפצומונטערן די וואס
זיינען מיט אן אויפריכטיגע הארץ צו איהם. דו האסט זיך בענארישט—
פון יעצט־אן וועסטו קריעג האבען.

10 אסא איז בייז געווארען אויפ׳ן פראפעט און האט איהם אריינגעגעבען אין
געפענגניס, אזוי בייז איז ער דערפאר געוועזען. אין יענע צייט האט אסא
גרויזאם געדריקט דאס פאלק.

11 אסא׳ס איבריגע פאסירונגען, די ערשטע און די לעצטע זיינען פער־
שריעבען אינ׳ם „קעניגען־בוך” פון יהודה און ישראל.

12 אין ניין־און־דרייסיגסטען יאהר פון זיין רעגיערונג איז אסא קראנק געווא־
רען אויף די פיס, זעהר קראנק, אבער זאגאר קראנקערהייט האט ער
ניט גאט געפרעגט נאר די דאקטוירים.

13 אסא איז געשטארבען און בעערדיגט געווארען נעבען זיינע עלטערן אין
איין־און־פערציגסטען יאהר פון זיין רעגירונג.

14 מ׳האט איהם בעערדיגט אין זיין גראב, וואס ער אליין האט פאר זיך
געגראבען אין דוד׳ס שטאדט. מ׳האט איהם געלעגט אויף א געלעגער
וועלכען ער האט פול געמאכט מיט געווירצען און פערשיעדענע אויס־
געארבייטע פערפיומען, מ׳האט פאר איהם אנגעצונדען זעהר א גרויסען
פייער.

## קאפיטעל יז

1 זיין זוהן יהושפט האט געקעניגט נאך איהם, ער האט זיך בעפעסטיגט
אין ישראל.

2 ער האט אריינגעגעבען ארמעען אין אלע פעסטע שטעדט יהודה׳ס, און

חַיִל בְּכָל־עָרֵי יְהוּדָה הַבְּצֻרוֹת וַיִּתֵּן נְצִיבִים בְּאֶרֶץ יְהוּדָה
3 וּבְעָרֵי אֶפְרַיִם אֲשֶׁר לָכַד אָסָא אָבִיו׃ וַיְהִי יְהוָה עִם־
יְהוֹשָׁפָט כִּי הָלַךְ בְּדַרְכֵי דָּוִיד אָבִיו הָרִאשֹׁנִים וְלֹא דָרַשׁ
4 לַבְּעָלִים׃ כִּי לֵאלֹהֵי אָבִיו דָּרָשׁ וּבְמִצְוֹתָיו הָלָךְ וְלֹא
ה כְּמַעֲשֵׂה יִשְׂרָאֵל׃ וַיָּכֶן יְהוָה אֶת־הַמַּמְלָכָה בְּיָדוֹ וַיִּתְּנוּ
כָל־יְהוּדָה מִנְחָה לִיהוֹשָׁפָט וַיְהִי־לוֹ עֹשֶׁר וְכָבוֹד לָרֹב׃
6 וַיִּגְבַּהּ לִבּוֹ בְּדַרְכֵי יְהוָה וְעוֹד הֵסִיר אֶת־הַבָּמוֹת וְאֶת־
7 הָאֲשֵׁרִים מִיהוּדָה׃ וּבִשְׁנַת שָׁלוֹשׁ לְמָלְכוֹ שָׁלַח
לְשָׂרָיו לְבֶן־חַיִל וּלְעֹבַדְיָה וְלִזְכַרְיָה וְלִנְתַנְאֵל וּלְמִיכָיָהוּ
8 לְלַמֵּד בְּעָרֵי יְהוּדָה׃ וְעִמָּהֶם הַלְוִיִּם שְׁמַעְיָהוּ וּנְתַנְיָהוּ
וּזְבַדְיָהוּ וַעֲשָׂהאֵל וּשְׁמִרָימוֹת וִיהוֹנָתָן וַאֲדֹנִיָּהוּ וְטוֹבִיָּהוּ
וְטוֹב אֲדוֹנִיָּה הַלְוִיִּם וְעִמָּהֶם אֱלִישָׁמָע וִיהוֹרָם הַכֹּהֲנִים׃
9 וַיְלַמְּדוּ בִּיהוּדָה וְעִמָּהֶם סֵפֶר תּוֹרַת יְהוָה וַיָּסֹבּוּ בְּכָל־עָרֵי
י יְהוּדָה וַיְלַמְּדוּ בָּעָם׃ וַיְהִי ׀ פַּחַד יְהוָה עַל כָּל־מַמְלְכוֹת
הָאֲרָצוֹת אֲשֶׁר סְבִיבוֹת יְהוּדָה וְלֹא נִלְחֲמוּ עִם־יְהוֹשָׁפָט׃
11 וּמִן־פְּלִשְׁתִּים מְבִיאִים לִיהוֹשָׁפָט מִנְחָה וְכֶסֶף מַשָּׂא גַּם
הָעַרְבִיאִים מְבִיאִים לוֹ צֹאן אֵילִים שִׁבְעַת אֲלָפִים וּשְׁבַע
12 מֵאוֹת וּתְיָשִׁים שִׁבְעַת אֲלָפִים וּשְׁבַע מֵאוֹת׃ וַיְהִי
יְהוֹשָׁפָט הֹלֵךְ וְגָדֵל עַד־לְמָעְלָה וַיִּבֶן בִּיהוּדָה בִּירָנִיּוֹת
13 וְעָרֵי מִסְכְּנוֹת׃ וּמְלָאכָה רַבָּה הָיָה לוֹ בְּעָרֵי יְהוּדָה
14 וְאַנְשֵׁי מִלְחָמָה גִּבּוֹרֵי חַיִל בִּירוּשָׁלִָם׃ וְאֵלֶּה
פְקֻדָּתָם לְבֵית אֲבוֹתֵיהֶם לִיהוּדָה שָׂרֵי אֲלָפִים עַדְנָה הַשָּׂר
טו וְעִמּוֹ גִּבּוֹרֵי חַיִל שְׁלֹשׁ מֵאוֹת אָלֶף׃ וְעַל־יָדוֹ
16 יְהוֹחָנָן הַשָּׂר וְעִמּוֹ מָאתַיִם וּשְׁמוֹנִים אָלֶף׃ וְעַל־יָדוֹ
עֲמַסְיָה בֶן־זִכְרִי הַמִּתְנַדֵּב לַיהוָה וְעִמּוֹ מָאתַיִם אֶלֶף גִּבּוֹר
17 חָיִל׃ וּמִן־בִּנְיָמִן גִּבּוֹר חַיִל אֶלְיָדָע וְעִמּוֹ נֹשְׁקֵי־קֶשֶׁת
18 וּמָגֵן מָאתַיִם אָלֶף׃ וְעַל־יָדוֹ יְהוֹזָבָד וְעִמּוֹ מֵאָה־וּשְׁמוֹנִים

אלף

v. 4 קמץ בז״ק   v. 8 ושמירמות קרי

האָט אָנגעשטעלט פּערוואַלטער אין׳ם לאַנד יהודה אויף אין די שטעדט פון אפרים וועלכע זיין פאָטער אסא האָט אָבגענומען.

3 גאָט איז געווען מיט יהושפט׳ן, ווייל ער איז געגאַנגען אין די וועגען פון דוד אויף זיינע אור־עלטערן, און האָט ניט געזוכט די בעלים.

4 נאָר צו זיין פאָטער׳ס גאָט האָט ער געבעטען און אין זיינע בעפעהלען איז ער געגאַנגען, ניט ווי די פיהרונג פון די קעניגע ישראל׳ס.

5 דערפאַר האָט גאָט פעסטגעשטעלט די רעגירונג אין זיין האַנד און גאַנץ יהודה האָבען געשענקט געגעבען יהושפט׳ן — ער האָט געהאַט פיעל רייכטהום און עהרע.

6 ער איז מיט שטאָלץ געגאַנגען אין גאָט׳ס וועגען, ער האָט זאָגאַר אָבגעשאַפט די באַרג־אַלטאַרען און די געצען־בוימער פון יהודה.

7 אין דריטען יאָהר פון זיין רעגירונג האָט ער געשיקט זיינע פירסטען: בן־חיל, עבדיה, זבדיה, נתנאל און מיכיהו איבער די שטעדט פון יהודה צו בעלעהרען (דאָס פאָלק),

8 מיט זיי זיינען אויך געווען דיעזע לוים: שמעיהו, נתניהו, זבדיהו, עשהאל, שמרימות, יהונתן, אדוניהו, טוביהו און טוב־אדוניה, פון די לוים און מיט זיי אלישמע און יהורם די כהנים.

9 זיי האָבען געהאַט א בוך, גאָט׳ס געזעץ, און האָבען בעלעהרט אין יהודה; ד. ה. זיי זיינען ארומגעגאַנגען איבער אַלע שטעדט פון יהודה און בעלעהרט דאָס פאָלק.

10 עס איז א גרויסער שרעק געווען איבער אַלע רעגירונגען און לענדער וואָס ארום יהודה — זיי האָבען ניט געשטריטען מיט יהושפט.

11 פיעלע פון די פלשתים האָבען יהושפט׳ן געבראַכט פּרעזענטען און פיעל זילבער, אויך די ערב׳יער האָבען איהם געבראַכט שעפּסען — זיעבען טויזענד זיעבען הונדערט ווידערס, אויך זיעבען טויזענד זיעבען הונדערט ציעגענבעק.

12 אַזוי איז יהושפט אַלץ גרעסער געוואָרען און געשטיגען, ער האָט געבויט אין יהודה פּאַלאַצען און מאַגאַזינען שטעדט.

13 ער האָט אויך געהאַט פיעל אַרבייטס־מענשען אין יהודה, און העלדישע קריעגסלייט אין ירושלים.

14 דאָס זיינען זייערע אַמטען נאָך זייערע פאַמיליען־הייזער: פון יהודה — בעאַמטע איבער טויזענד, עדנה דער אָבער־העררר און מיט איהם דריי הונדערט טויזענד קריעגס העלדען.

15 נעבען איהם איז געווען פירסט יהוחנן און מיט איהם צוויי הונדערט און אַכציג טויזענד.

16 נעבען איהם — עמסיה, זכרי׳ס זוהן, פרייוויליג פון גאָט׳ס וועגען, און מיט איהם צוויי הונדערט טויזענד קריעגס העלדען.

17 פון בנימין — אלידע, א קריעגס־העלד, און מיט איהם צוויי הונדערט טויזענד בעוואָפענטע מיט בויגענס און שילדען.

18 נעבען איהם יהוזבד, מיט איהם זיינען געווען הונדערט אַכציג טויזענד קריעגס פערטיגע.

אֶלֶף חֲלוּצֵי צָבָא׃ אֵלֶּה הַמְשָׁרְתִים אֶת־הַמֶּלֶךְ 19
מִלְּבַד אֲשֶׁר־נָתַן הַמֶּלֶךְ בְּעָרֵי הַמִּבְצָר בְּכָל־יְהוּדָה׃

## CAP. XVIII. יח

יח

וַיְהִי לִיהוֹשָׁפָט עֹשֶׁר וְכָבוֹד לָרֹב וַיִּתְחַתֵּן לְאַחְאָב׃ וַיֵּרֶד א 2
לְקֵץ שָׁנִים אֶל־אַחְאָב לְשֹׁמְרוֹן וַיִּזְבַּח־לוֹ אַחְאָב צֹאן
וּבָקָר לָרֹב וְלָעָם אֲשֶׁר־עִמּוֹ וַיְסִיתֵהוּ לַעֲלוֹת אֶל־רָמֹת
גִּלְעָד׃ וַיֹּאמֶר אַחְאָב ׀ מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל אֶל־יְהוֹשָׁפָט מֶלֶךְ 3
יְהוּדָה הֲתֵלֵךְ עִמִּי רָמֹת גִּלְעָד וַיֹּאמֶר לוֹ כָּמוֹנִי כָמוֹךָ
וּכְעַמְּךָ עַמִּי וְעִמְּךָ בַּמִּלְחָמָה׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹשָׁפָט אֶל־מֶלֶךְ 4
יִשְׂרָאֵל דְּרָשׁ־נָא כַיּוֹם אֶת־דְּבַר יְהוָה׃ וַיִּקְבֹּץ מֶלֶךְ־ ה
יִשְׂרָאֵל אֶת־הַנְּבִאִים אַרְבַּע מֵאוֹת אִישׁ וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם
הֲנֵלֵךְ אֶל־רָמֹת גִּלְעָד לַמִּלְחָמָה אִם־אֶחְדָּל וַיֹּאמְרוּ עֲלֵה
וְיִתֵּן הָאֱלֹהִים בְּיַד הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹשָׁפָט הַאֵין פֹּה 6
נָבִיא לַיהוָה עוֹד וְנִדְרְשָׁה מֵאֹתוֹ׃ וַיֹּאמֶר מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל ׀ 7
אֶל־יְהוֹשָׁפָט עוֹד אִישׁ־אֶחָד לִדְרוֹשׁ אֶת־יְהוָה מֵאֹתוֹ
וַאֲנִי שְׂנֵאתִיהוּ כִּי אֵינֶנּוּ מִתְנַבֵּא עָלַי לְטוֹבָה כִּי כָל־יָמָיו
לְרָעָה הוּא מִיכָיְהוּ בֶּן־יִמְלָא וַיֹּאמֶר יְהוֹשָׁפָט אַל־יֹאמַר
הַמֶּלֶךְ כֵּן׃ וַיִּקְרָא מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל אֶל־סָרִיס אֶחָד וַיֹּאמֶר 8
מַהֵר מִיכָהוּ בֶן־יִמְלָא׃ וּמֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל וִיהוֹשָׁפָט מֶלֶךְ־ 9
יְהוּדָה יוֹשְׁבִים אִישׁ עַל־כִּסְאוֹ מְלֻבָּשִׁים בְּגָדִים וְיֹשְׁבִים
בְּגֹרֶן פֶּתַח שַׁעַר שֹׁמְרוֹן וְכָל־הַנְּבִיאִים מִתְנַבְּאִים לִפְנֵיהֶם׃
וַיַּעַשׂ לוֹ צִדְקִיָּהוּ בֶן־כְּנַעֲנָה קַרְנֵי בַרְזֶל וַיֹּאמֶר כֹּה־אָמַר י
יְהוָה בְּאֵלֶּה תְּנַגַּח אֶת־אֲרָם עַד־כַּלּוֹתָם׃ וְכָל־הַנְּבִאִים 11
נִבְּאִים כֵּן לֵאמֹר עֲלֵה רָמֹת גִּלְעָד וְהַצְלַח וְנָתַן יְהוָה בְּיַד
הַמֶּלֶךְ׃ וְהַמַּלְאָךְ אֲשֶׁר־הָלַךְ ׀ לִקְרֹא לְמִיכָיְהוּ דִּבֶּר אֵלָיו 12
לֵאמֹר הִנֵּה דִבְרֵי הַנְּבִאִים פֶּה־אֶחָד טוֹב אֶל־הַמֶּלֶךְ וִיהִי־
נָא דְבָרְךָ כְּאַחַד מֵהֶם וְדִבַּרְתָּ טּוֹב׃ וַיֹּאמֶר מִיכָיְהוּ חַי־ 13

יהוה

v. 8 מיכיהו קרי

19 די אלע האבען געדיענט דעם קעניג, אויסער וואס דער קעניג האט אנ־
געשטעלט אין די פעסטע שטעדט פון גאנץ יהודה.

## קאפיטעל יח

1 יהושפט האט פיעל רייכטהום און עהרע געהאט, ער האט זיך אויך בע־
שוועגערט מיט אחאב׳ן.

2 נאכ׳ן פערלויף פון אייניגע יאהרען איז ער אראבגעקומען צו אחאב׳ן אין
שמרון. אחאב האט צוליעב איהם און דאס פאלק וואס מיט איהם, גע־
שאכטען פיעל שעפסען און רינדער, און האט איהם צו־געריעדט אין קריעג
צו געהן קעגען רמת־גלעד.

3 אחאב, קעניג פון ישראל, האט געזאגט צו יהושפט, קעניג פון יהודה:
„ווילסטו געהן מיט מיר אויף רמת־גלעד?" האט ער איהם געענטפערט:
„איך אזוי ווי דו, אויך מיין פאלק אזוי ווי דיין פאלק, געהט מיט דיר
צום קריעג."

4 אויך האט יהושפט געזאגט צום קעניג פון ישראל „געפין שנעלל אויס דעם
מיינונג פון גאט".

5 דאן האט דער קעניג פון ישראל פערזאמעלט פיער הונדערט מאן פראפע־
טען און געזאגט צו זיי: זאלען מיר געהן אויף רמת־גלעד אין קריעג
אדער אויפהערן? האבען זיי געענטפערט: „געה! גאט וועט געבען אין
קעניג׳ס האנד . . ."

6 האט יהושפט געזאגט: „געפינט זיך דא ניט מעהר גאט׳ס א פראפעט
פון וועלכען מ׳קען אויסגעפינען?"

7 „עס איז נאך דא איין מאן דורך וועמען מ׳קען פרעגען גאט — האט דער
קעניג פון ישראל געענטפערט יהושפט׳ן — אבער איך האס איהם, ווייל
ער פראפעצייעט אויף מיר קיין גוטעס, נאר אימער שלעכטעס, דאס איז
מיכיהו, ימלא׳ס זוהן." האט יהושפט געזאגט: זאל דער קעניג זיך אזוי
ניט אויסדריקען!

8 דער קעניג פון ישראל האט צוגערופען איינעם פון די הויפדיענער און גע־
זאגט: „ברענג שנעל מיכיהו ימלא׳ס זוהן!"

9 דער קעניג פון ישראל מיט יהושפט קעניג פון יהודה זיינען געזעסען יע־
דער אויף זיין שטוהל אין אוניפארם־קליידער; זיי זיינען געזעסען אויפ׳ן
איינגאנגס־פלאץ ביי׳ם טהויער פון שמרון, און אלע פראפעטען האבען
פאר זיי פראפעצייעט.

10 צדקיהו, כנענה׳ס זוהן, האט זיך געמאכט אייזערנע הערנער און האט
געזאגט: אזוי זאגט גאט — „דערמיט וועסטו שטויסען ארם ביז דו
וועסט זיי פערניכטען".

11 אויך אלע פראפעטען האבען אזוי פראפעצייעט זאגענדיג: „געה אויף
רמת־גלעד און בעגליק, גאט וועט געבען אין קעניג׳ס האנד . . ."

12 דער געשיקטער, וועלכער איז געגאנגען רופען מיכיהו׳ן האט צו איהם אזוי
געזאגט: אלע פראפעטען האבען זיך ווי צוזאמענגערעדט נאר גוטעס
ריידען צום קעניג, פיהר דיך אויף ווי איינער פון זיי, און רייד גוטעס.

13 אבער מיכיהו האט געזאגט: „ווי גאט לעבט! נאר וואס מיין גאט
וועט זאגען דאס וועל איך ריידען!"

14 יְהוָה כִּי אֶת־אֲשֶׁר־יֹאמַר אֱלֹהַי אֹתוֹ אֲדַבֵּר׃ וַיָּבֹא אֶל־
הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֵלָיו מִיכָה הֲנֵלֵךְ אֶל־רָמֹת גִּלְעָד
לַמִּלְחָמָה אִם־אֶחְדָּל וַיֹּאמֶר עֲלוּ וְהַצְלִיחוּ וְיִנָּתְנוּ בְּיֶדְכֶם׃
טו וַיֹּאמֶר אֵלָיו הַמֶּלֶךְ עַד־כַּמֶּה פְעָמִים אֲנִי מַשְׁבִּיעֶךָ אֲשֶׁר
16 לֹא־תְדַבֵּר אֵלַי רַק־אֱמֶת בְּשֵׁם יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר רָאִיתִי אֶת־
כָּל־יִשְׂרָאֵל נְפוֹצִים עַל־הֶהָרִים כַּצֹּאן אֲשֶׁר אֵין־לָהֶן רֹעֶה
וַיֹּאמֶר יְהוָה לֹא־אֲדֹנִים לָאֵלֶּה יָשׁוּבוּ אִישׁ־לְבֵיתוֹ בְּשָׁלוֹם׃
17 וַיֹּאמֶר מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל אֶל־יְהוֹשָׁפָט הֲלֹא אָמַרְתִּי אֵלֶיךָ לֹא־
18 יִתְנַבֵּא עָלַי טוֹב כִּי אִם־לְרָע׃ וַיֹּאמֶר לָכֵן שִׁמְעוּ
דְבַר־יְהוָה רָאִיתִי אֶת־יְהוָה יוֹשֵׁב עַל־כִּסְאוֹ וְכָל־צְבָא
19 הַשָּׁמַיִם עֹמְדִים עַל־יְמִינוֹ וּשְׂמֹאלוֹ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה מִי
יְפַתֶּה אֶת־אַחְאָב מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל וְיַעַל וְיִפֹּל בְּרָמֹת גִּלְעָד
כ וַיֹּאמֶר זֶה אֹמֵר כָּכָה וְזֶה אֹמֵר כָּכָה׃ וַיֵּצֵא הָרוּחַ וַיַּעֲמֹד
לִפְנֵי יְהוָה וַיֹּאמֶר אֲנִי אֲפַתֶּנּוּ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלָיו בַּמָּה׃
21 וַיֹּאמֶר אֵצֵא וְהָיִיתִי לְרוּחַ שֶׁקֶר בְּפִי כָּל־נְבִיאָיו וַיֹּאמֶר
22 תְּפַתֶּה וְגַם־תּוּכָל* צֵא וַעֲשֵׂה־כֵן׃ וְעַתָּה הִנֵּה נָתַן יְהוָה
רוּחַ שֶׁקֶר בְּפִי נְבִיאֶיךָ אֵלֶּה וַיהוָה דִּבֶּר עָלֶיךָ רָעָה׃
23 וַיִּגַּשׁ צִדְקִיָּהוּ בֶן־כְּנַעֲנָה וַיַּךְ אֶת־מִיכָיְהוּ עַל־הַלֶּחִי וַיֹּאמֶר
24 אֵי זֶה הַדֶּרֶךְ עָבַר רוּחַ־יְהוָה מֵאִתִּי לְדַבֵּר אֹתָךְ׃ וַיֹּאמֶר
מִיכָיְהוּ הִנְּךָ רֹאֶה בַּיּוֹם הַהוּא אֲשֶׁר תָּבוֹא חֶדֶר בְּחֶדֶר
כה לְהֵחָבֵא׃ וַיֹּאמֶר מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל קְחוּ אֶת־מִיכָיְהוּ וַהֲשִׁיבֻהוּ
26 אֶל־אָמוֹן שַׂר־הָעִיר וְאֶל־יוֹאָשׁ בֶּן־הַמֶּלֶךְ׃ וַאֲמַרְתֶּם כֹּה
אָמַר הַמֶּלֶךְ שִׂימוּ זֶה בֵּית הַכֶּלֶא וְהַאֲכִלֻהוּ לֶחֶם לַחַץ
27 וּמַיִם לַחַץ עַד שׁוּבִי בְשָׁלוֹם׃ וַיֹּאמֶר מִיכָיְהוּ אִם־שׁוֹב
תָּשׁוּב בְּשָׁלוֹם לֹא־דִבֶּר יְהוָה בִּי וַיֹּאמֶר שִׁמְעוּ עַמִּים
28 כֻּלָּם׃ וַיַּעַל מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל וִיהוֹשָׁפָט מֶלֶךְ־יְהוּדָה
29 אֶל־רָמֹת גִּלְעָד׃ וַיֹּאמֶר מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל אֶל־יְהוֹשָׁפָט הִתְחַפֵּשׂ

ובוא

* v. 21. קמץ בז״ק

14 אז ער איז געקומען צום קעניג, האָט דער קעניג צו איהם געזאָגט: מיכה! זאָלען מיר געהן אויף רמת־גלעד אין קריעג אָדער אויפהערן? ער האָט געענטפערט: געהט און בעגליקט! זאָלען זיי געגעבען ווערען אין אייערע הענד!

15 האָט דער קעניג צו איהם געזאָגט: „איך בעשווער דיך פיעל מאָל אז דו זאָלסט צו מיר ניט ריידען סיידען די וואָרהייט אין גאָט'ס נאָמען."

16 דאן האָט ער געזאָגט: איך האָב געזעהען גאנץ ישראל צושפּרייט איבער די בערג אזוי ווי שעפּסען וועלכע האָבען קיין הירט ניט, און גאָט האָט געזאָגט: „דיזע האָבען מעהר קיינע הערען, זאָלען זיי געהן אין פריעדען יעדער צו זיין הויז..."

17 דאן האָט דער קעניג פון ישראל צו יהושפט'ן געזאָגט: „האָב איך דיר ניט געזאָגט אז ער וועט קיין גוטעס אויף מיר פּראָפעצייען נאָר שלעכטעס?"

18 ער [מיכיהו] האָט ווידער געזאָגט: „אויב אזוי, הערט־זשע גאָט'ס וואָרט! איך האָב געזעהען גאָט זיצט אויף זיין שטוהל און אַלע הימעל בעוואוינער שטעהען ביי זיין רעכטען און לינקען זייט —

19 און גאָט האָט געזאָגט: ווער וועט איינריידען אחאב'ן, דעם קעניג פון ישראל, אז ער זאָל געהן און האָבען אַ ניעדערלאגע אין רמת־גלעד? און מ'האָט געענטפערט איינער אזוי און איינער אנדערש;

20 דאן איז ארויס אַ גייסט ער האָט זיך געשטעלט פאר גאָט און געזאָגט: „איך וועל איהם איינריידען!" האָט גאָט צו איהם געזאָגט: „ווי אזוי?"

21 האָט ער געענטפערט: „איך וועל געהן און ווערען אַ פאלשע פּראָפעצייהונג אין די מיילער פון אַלע זיינע פּראָפעטען..." האָט גאָט געזאָגט: דו וועסט איינריידען און דורכפיהרען עס? געה און טהו אזוי!

22 אָט האָט גאָט יעצט אריינגעגעבען אַ פאלשע פּראָפעצייהונג אין די מיילער פון דיזע פּראָפעטען דיינע... ריכטיג האָט גאָט נאָר שלעכטעס פאר דיר גערעדט."

23 דאן איז צוגעגאנגען צדקיהו, כנענה'ס זוהן, און אַ קלאַפּ געטהאָן מיכיהו'ן אין באַק; ער האָט געזאָגט: „אויף וועלכען ארט איז'ס גאָט'ס גייסט אוועק פון מיר צו ריידען מיט דיר?"

24 האָט מיכיהו געזאָגט: „דו וועסט זיך איבערצייגען אין יענעם טאָג, ווען דו וועסט אריין טיעף אין דיינע צימערן צו בעהאַלטען זיך..."

25 דער קעניג פון ישראל האָט געזאָגט: „נעהמט מיכיהו'ן, ברייננגט איהם צו אמון, דעם שטאָדט־פערוואַלטער און יואש דעם פּרינץ,

26 און זאָגט זיי — אזוי האָט דער קעניג געהייסען: „לעגט דעם אין גע־פענגניס, גיט איהם צו עסען ווייניג ברויט און ווייניג וואַסער, ביז איך וועל אין פריעדען צוריק קומען."

27 ווען מיכיהו האָט געזאָגט: „אויב דו וועסט צוריק קומען אין פריעדען האָט גאָט צו מיר ניט גערעדט", האָט דער קעניג געזאָגט: „הערט עס, אַלע פערזאַמעלטע!"

28 אז דער קעניג פון ישראל מיט יהושפט קעניג פון יהודה איז אוועק צו רמת־גלעד,

29 האָט דער קעניג פון ישראל געזאָגט צו יהושפט'ן: „איך מוז זיך פער־

וּבוֹא בַּמִּלְחָמָה וְאַתָּה לְבַשׁ בְּגָדֶיךָ וַיִּתְחַפֵּשׂ מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל
וַיָּבֹאוּ בַּמִּלְחָמָה׃ וּמֶלֶךְ אֲרָם צִוָּה אֶת־שָׂרֵי הָרֶכֶב אֲשֶׁר־ ל
לוֹ לֵאמֹר לֹא תִּלָּחֲמוּ אֶת־הַקָּטֹן וְאֶת־הַגָּדוֹל כִּי אִם־אֶת־
מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל לְבַדּוֹ׃ וַיְהִי כִּרְאוֹת שָׂרֵי הָרֶכֶב אֶת־יְהוֹשָׁפָט 31
וְהֵמָּה אָמְרוּ מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל הוּא וַיָּסֹבּוּ עָלָיו לְהִלָּחֵם וַיִּזְעַק
יְהוֹשָׁפָט וַיהוָה עֲזָרוֹ וַיְסִיתֵם אֱלֹהִים מִמֶּנּוּ׃ וַיְהִי כִּרְאוֹת 32
שָׂרֵי הָרֶכֶב כִּי לֹא־הָיָה מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל וַיָּשׁוּבוּ מֵאַחֲרָיו׃
וְאִישׁ מָשַׁךְ בַּקֶּשֶׁת לְתֻמּוֹ וַיַּךְ אֶת־מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל בֵּין הַדְּבָקִים 33
וּבֵין הַשִּׁרְיָן וַיֹּאמֶר לָרַכָּב הֲפֹךְ יָדֶיךָ וְהוֹצֵאתַנִי מִן־
הַמַּחֲנֶה כִּי הָחֳלֵיתִי׃ וַתַּעַל הַמִּלְחָמָה בַּיּוֹם הַהוּא וּמֶלֶךְ 34
יִשְׂרָאֵל הָיָה מַעֲמִיד בַּמֶּרְכָּבָה נֹכַח אֲרָם עַד־הָעָרֶב וַיָּמָת
לְעֵת בּוֹא הַשָּׁמֶשׁ׃

## Cap. XIX. יט

יט

וַיָּשָׁב יְהוֹשָׁפָט מֶלֶךְ־יְהוּדָה אֶל־בֵּיתוֹ בְשָׁלוֹם לִירוּשָׁלִָם׃ א
וַיֵּצֵא אֶל־פָּנָיו יֵהוּא בֶן־חֲנָנִי הַחֹזֶה וַיֹּאמֶר אֶל־הַמֶּלֶךְ 2
יְהוֹשָׁפָט הֲלָרָשָׁע לַעְזֹר וּלְשֹׂנְאֵי יְהוָה תֶּאֱהָב וּבָזֹאת
עָלֶיךָ קֶּצֶף מִלִּפְנֵי יְהוָה׃ אֲבָל דְּבָרִים טוֹבִים נִמְצְאוּ 3
עִמָּךְ כִּי־בִעַרְתָּ הָאֲשֵׁרוֹת מִן־הָאָרֶץ וַהֲכִינוֹתָ לְבָבְךָ לִדְרֹשׁ
הָאֱלֹהִים׃ וַיֵּשֶׁב יְהוֹשָׁפָט בִּירוּשָׁלִָם וַיָּשָׁב וַיֵּצֵא בָעָם 4
מִבְּאֵר שֶׁבַע עַד־הַר אֶפְרַיִם וַיְשִׁיבֵם אֶל־יְהוָה אֱלֹהֵי
אֲבוֹתֵיהֶם׃ וַיַּעֲמֵד שֹׁפְטִים בָּאָרֶץ בְּכָל־עָרֵי יְהוּדָה ה
הַבְּצֻרוֹת לְעִיר וָעִיר׃ וַיֹּאמֶר אֶל־הַשֹּׁפְטִים רְאוּ מָה־אַתֶּם 6
עֹשִׂים כִּי לֹא לְאָדָם תִּשְׁפְּטוּ כִּי לַיהוָה וְעִמָּכֶם בִּדְבַר
מִשְׁפָּט׃ וְעַתָּה יְהִי פַחַד־יְהוָה עֲלֵיכֶם שִׁמְרוּ וַעֲשׂוּ כִּי־ 7
אֵין עִם־יְהוָה אֱלֹהֵינוּ עַוְלָה וּמַשֹּׂא פָנִים וּמִקַּח־שֹׁחַד׃
וְגַם בִּירוּשָׁלִַם הֶעֱמִיד יְהוֹשָׁפָט מִן־הַלְוִיִּם וְהַכֹּהֲנִים 8
וּמֵרָאשֵׁי הָאָבוֹת לְיִשְׂרָאֵל לְמִשְׁפַּט יְהוָה וְלָרִיב וַיָּשֻׁבוּ
ירושלם׃

v. 32. היה ק

שטעלען און קומען צום קריעג, אָבער דו קלייד אָן דיינע אוניפאָרם קליידער." אַז דער קעניג פון ישראל האָט זיך פערשטעלט זיינען זיי גע־קומען צום קריעג.

30 דער קעניג פון ארם האָט פערזאָגט די קאַוואַלערי־בעאַמטע זיינע אַזוי צו זאָגען : „איהר זאָלט ניט שטרייטען מיט דעם קלענסטען אָדער גרעסטען — נאָר מיט דעם קעניג פון ישראל זעלבסט."

31 אַז די קאַוואַלערי־בעאַמטע האָבען דערזעהען יהושפט'ן (זיי האָבען גע־מיינט דאָס איז דער קעניג פון ישראל) האָבען זיי איהם אַרומגערינגעלט אום צו ערשלאָגען איהם, האָט יהושפט געשריען און גאָט האָט איהם געהאָלפען — גאָט האָט זיי אָבגעצויגען פון איהם.

32 אַז די קאַוואַלערי־בעאַמטע האָבען זיך איבערצייגט אַז דאָס איז ניט דער קעניג פון ישראל, זיינען זיי אַוועק פון איהם.

33 אָבער איין מאַן האָט אַ ציה געטהאָן אונגערען זיין בויגען, און האָט אַריינגעשאָסען דעם קעניג פון ישראל צווישען די פאַלבען פון פאַנצער ; האָט ער געזאָגט צום אַנטרייבער : פיהר מיר שנעלל אַרויס פון לאַגער ווארים איך בין פערוואונדעט.

34 די שלאַכט האָט יענעם טאָג געשטיגען. דער קעניג פון ישראל איז שטעהן געבליבען אין וואָגען קעגען ארם ביז'ן אָבענד, ערשט צו זונן־אונטערגאַנג צו איז ער געשטאָרבען.

## קאַפּיטעל יט

1 אַז יהושפט, קעניג פון יהודה האָט זיך צוריק געקעהרט אין פריעדען צו זיין הויז, אין ירושלים.

2 איז איהם אַרויס אַנטקעגען יהוא, חנני'ס זוהן, דער פּראָפעט און האָט געזאָגט צום קעניג יהושפט : „דאַרפען אַ רשע העלפען ? ליעבסטו גאָט'ס פיינד ? דו האָסט דערפאַר אויף דיר גאָט'ס צאָרן ;

3 נאָר עס האָבען זיך גוטע זאַכען אויסגעפונען ביי דיר — דו האָסט אָב־געשאַפט פון דער לאַנד די געצען־בוימער און האָסט מיט הערצליכע אויפ־ריכטיגקייט געזוכט גאָט . . ."

4 יהושפט איז פערבליבען אין ירושלים ; ער האָט זיך פעררוהט און אַרויס צום פאָלק פון באר־שבע ביז'ן בארג אפרים און האָט זיי נאָהענט גע־בראַכט צום גאָט פון זייערע עלטערן.

5 ער האָט אָנגעשטעלט אין'ם לאַנד ריכטער, אין אַלע פעסטע שטעדט פון יהודה, און אין יעדער שטאָדט.

6 ער האָט געזאָגט צו די ריכטער : בעטראַכט וואָס איהר טהוט — ווארים ניט צוליעב מענשען ריכטעט איהר נאָר פאַר גאָט, איהר דאַרפט בע־טראַכטען אַן אורטהייל.

7 זאָל אַלזאָ גאָט'ס פורכט זיין אויף אייך, זייט פאָרזיכטיג ווען איהר טהוט וואָס, ווארים ביי אונזער גאָט איז ניטאָ קיין אונרעכט, שוינונג און שחד־נעהמונג.

8 אויך אין ירושלים האָט יהושפט אָנגעשטעלט פון די לוים און כהנים און פאַמיליען־פאָרשטעהער אין ישראל אַלס געטליכען און פריוואַט געריכט, ווען זיי זיינען צוריקגעקומען אין ירושלים.

9 יְרוּשָׁלָם׃ וַיְצַו עֲלֵיהֶם לֵאמֹר כֹּה תַעֲשׂוּן בְּיִרְאַת יְהוָה
י בֶּאֱמוּנָה וּבְלֵבָב שָׁלֵם׃ וְכָל־רִיב אֲשֶׁר־יָבוֹא עֲלֵיכֶם
מֵאֲחֵיכֶם ׀ הַיֹּשְׁבִים בְּעָרֵיהֶם בֵּין־דָּם ׀ לְדָם בֵּין־תּוֹרָה
לְמִצְוָה לְחֻקִּים וּלְמִשְׁפָּטִים וְהִזְהַרְתֶּם אֹתָם וְלֹא יֶאְשְׁמוּ
לַיהוָה וְהָיָה־קֶצֶף עֲלֵיכֶם וְעַל־אֲחֵיכֶם כֹּה תַעֲשׂוּן וְלֹא
11 תֶאְשָׁמוּ׃ וְהִנֵּה אֲמַרְיָהוּ כֹהֵן הָרֹאשׁ עֲלֵיכֶם לְכֹל ׀ דְּבַר
יְהוָה וּזְבַדְיָהוּ בֶן־יִשְׁמָעֵאל הַנָּגִיד לְבֵית־יְהוּדָה לְכֹל
דְּבַר־הַמֶּלֶךְ וְשֹׁטְרִים הַלְוִיִּם לִפְנֵיכֶם חִזְקוּ וַעֲשׂוּ וִיהִי
יְהוָה עִם־הַטּוֹב׃

## CAP. XX. כ

א וַיְהִי אַחֲרֵי־כֵן בָּאוּ בְנֵי־מוֹאָב וּבְנֵי עַמּוֹן וְעִמָּהֶם ׀
2 מֵהָעַמּוֹנִים עַל־יְהוֹשָׁפָט לַמִּלְחָמָה׃ וַיָּבֹאוּ וַיַּגִּידוּ לִיהוֹשָׁפָט
לֵאמֹר בָּא עָלֶיךָ הָמוֹן רָב מֵעֵבֶר לַיָּם מֵאֲרָם וְהִנָּם
3 בְּחַצְצוֹן תָּמָר הִיא עֵין גֶּדִי׃ וַיִּרָא וַיִּתֵּן יְהוֹשָׁפָט אֶת־
4 פָּנָיו לִדְרוֹשׁ לַיהוָה וַיִּקְרָא־צוֹם עַל־כָּל־יְהוּדָה׃ וַיִּקָּבְצוּ
יְהוּדָה לְבַקֵּשׁ מֵיְהוָה גַּם מִכָּל־עָרֵי יְהוּדָה בָּאוּ לְבַקֵּשׁ
ה אֶת־יְהוָה׃ וַיַּעֲמֹד יְהוֹשָׁפָט בִּקְהַל יְהוּדָה וִירוּשָׁלַם
6 בְּבֵית יְהוָה לִפְנֵי הֶחָצֵר הַחֲדָשָׁה׃ וַיֹּאמַר יְהוָה אֱלֹהֵי
אֲבֹתֵינוּ הֲלֹא אַתָּה־הוּא אֱלֹהִים בַּשָּׁמַיִם וְאַתָּה מוֹשֵׁל
בְּכֹל מַמְלְכוֹת הַגּוֹיִם וּבְיָדְךָ כֹּחַ וּגְבוּרָה וְאֵין עִמְּךָ
7 לְהִתְיַצֵּב׃ הֲלֹא ׀ אַתָּה אֱלֹהֵינוּ הוֹרַשְׁתָּ אֶת־יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ
הַזֹּאת מִלִּפְנֵי עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל וַתִּתְּנָהּ לְזֶרַע אַבְרָהָם אֹהַבְךָ
8 לְעוֹלָם׃ וַיֵּשְׁבוּ־בָהּ וַיִּבְנוּ לְךָ ׀ בָּהּ מִקְדָּשׁ לְשִׁמְךָ לֵאמֹר׃
9 אִם־תָּבוֹא עָלֵינוּ רָעָה חֶרֶב שְׁפוֹט וְדֶבֶר וְרָעָב נַעַמְדָה
לִפְנֵי הַבַּיִת הַזֶּה וּלְפָנֶיךָ כִּי שִׁמְךָ בַּבַּיִת הַזֶּה וְנִזְעַק
י אֵלֶיךָ מִצָּרָתֵנוּ וְתִשְׁמַע וְתוֹשִׁיעַ׃ וְעַתָּה הִנֵּה בְנֵי־עַמּוֹן
וּמוֹאָב וְהַר־שֵׂעִיר אֲשֶׁר לֹא־נָתַתָּה לְיִשְׂרָאֵל לָבוֹא בָהֶם

בבאם

v. 1. חסר

9 ער האָט זיי בעפוילען זאָגענדיג: אַזוי זאָלט איהר טהאָן — מיט גאָט'ס פארכט, מיט וואהרהייט און גאנצען הארצען,

10 יעדער קריעג, וואָס וועט פאר אייך פאָרקומען פון אייערע ברידער, וואָס וואוינען אין אייערע שטעדט, אויב אַ בלוט בעשולדיגונג וועגען בלוט, וועגען לעהרע און געבאָט, געזעצען און רעכטע; זאָלט איהר זיי ווארנען אום זיי זאָלען זיך ניט פערשולדיגען קעגען גאָט, ווארים עס וועט זיין אַ צאָרן אויף אייך און אייערע ברידער; אַז איהר וועט אָבער אַזוי טהאָן וועט איהר ניט פערשולדיגט זיין.

11 אָט איז אמריהו דער אָבער־כהן מיט אייך וועגען יעדער געטליכע אנ־געלעגענהייט, אויך זבדיהו, ישמעאל'ס זוהן, דער פירסט צום הויז יהודה, וועגען יעדער קעניגליכע אנגעלעגענהייט, און אלס אויפפאסער זיינען ביי אייך די לוים. טהוט מיט מוטה — דעם גוטען העלפט גאָט! . . .

## קאַפּיטעל כ

1 נאָך דעם זיינען געקומען די קינדער פון מואב און עמון אויך די מעונים מיט זיי, קריעג צו מאַכען מיט יהושפט'ן.

2 איז מען געקומען און דערצעהלט יהושפט'ן אַזוי צו זאָגען: עס איז אויף דיר געקומען אַ גרויסע פערזאמלונג פון ברעג ים, פון ארם; זיי זיינען שוין אין חצצון תמר, [דאָס איז עין גדי].

3 האָט זיך יהושפט געשראָקען און בעשלאָסען אין הארצען צו בעטען גאָט, און האָט אויסגערופען אַ פאסט־טאָג איבער גאַנץ יהודה.

4 האָט מען זיך פערזאמעלט פון יהודה צו בעטען גאָט — פון אלע שטעדט יהודה'ס איז מען געקומען גאָט בעטען.

5 דאַן האָט זיך יהושפט געשטעלט צווישען די פערזאמעלטע פון יהודה און ירושלים, אין גאָט'ס הויז, פאר דעם נייען פאָרהויף,

6 און ער האָט געזאָגט: גאָט פון אונזערע עלטערן! דו ביזט דאָך, אַ גאָט, אינ'ם הימעל; דו הערשט איבער אלע פעלקער־רעגירונגען, אין דיין האנד איז קראַפט און מאַכט — קעגען דיר קען מען זיך ניט שטעלען,

7 דו, אונזער גאָט, האָסט פארטריבען די איינוואוינער פון דיזעס לאנד פאר דיין פאָלק ישראל, און האָסט איהר אויף אימער אוועקגעגעבען צו די קינדער פון אברהם דיין געליעבטען;

8 זיי האָבען זיך באזעצט אין איהר און געבויט פאר דיר אין איהר אַ הייליגטהום פון דיינט וועגען, זאָגענדיג:

9 „אויב דו וועסט אויף אונז ברענגען שלעכטס: שווערד, שטראָף, פעסט אָדער הונגער, וועלען מיר זיך שטעלען פאר דעם הויז, ד. ה. פאר דיר, ווארים דיין נאָמען רופט זיך אויף דעם הויז, און אַז מיר וועלען שרייען צו דיר פון אונזערע ליידען וועסטו צוהערען און העלפען . . ."

10 יעצט אָט די קינדער פון עמון און מואב אויך פון בארג שעיר, וואָס האָסט ניט ערלויבט ישראל מיט זיי זיך צונויפקומען זינט זיי זיינען ארויס

בְּבֹאָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם כִּי סָרוּ מֵעֲלֵיהֶם וְלֹא הִשְׁמִידוּם׃
11 וְהִנֵּה־הֵם גֹּמְלִים עָלֵינוּ לָבוֹא לְגָרְשֵׁנוּ מִיְּרֻשָּׁתְךָ אֲשֶׁר
12 הוֹרַשְׁתָּנוּ׃ אֱלֹהֵינוּ הֲלֹא תִשְׁפָּט־בָּם כִּי אֵין בָּנוּ כֹּחַ לִפְנֵי
הֶהָמוֹן הָרָב הַזֶּה הַבָּא עָלֵינוּ וַאֲנַחְנוּ לֹא נֵדַע מַה־נַּעֲשֶׂה
13 כִּי עָלֶיךָ עֵינֵינוּ׃ וְכָל־יְהוּדָה עֹמְדִים לִפְנֵי יְהוָה גַּם־טַפָּם
14 נְשֵׁיהֶם וּבְנֵיהֶם׃ וְיַחֲזִיאֵל בֶּן־זְכַרְיָהוּ בֶּן־בְּנָיָה בֶּן־
יְעִיאֵל בֶּן־מַתַּנְיָה הַלֵּוִי מִן־בְּנֵי אָסָף הָיְתָה עָלָיו רוּחַ יְהוָה
טו בְּתוֹךְ הַקָּהָל׃ וַיֹּאמֶר הַקְשִׁיבוּ כָל־יְהוּדָה וְיֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלִַם
וְהַמֶּלֶךְ יְהוֹשָׁפָט כֹּה־אָמַר יְהוָה לָכֶם אַתֶּם אַל־תִּירְאוּ
וְאַל־תֵּחַתּוּ מִפְּנֵי הֶהָמוֹן הָרָב הַזֶּה כִּי לֹא לָכֶם הַמִּלְחָמָה
16 כִּי לֵאלֹהִים׃ מָחָר רְדוּ עֲלֵיהֶם הִנָּם עֹלִים בְּמַעֲלֵה הַצִּיץ
17 וּמְצָאתֶם אֹתָם בְּסוֹף הַנַּחַל פְּנֵי מִדְבַּר יְרוּאֵל׃ לֹא לָכֶם
לְהִלָּחֵם בָּזֹאת הִתְיַצְּבוּ עִמְדוּ וּרְאוּ אֶת־יְשׁוּעַת יְהוָה
עִמָּכֶם יְהוּדָה וִירוּשָׁלִַם אַל־תִּירְאוּ וְאַל־תֵּחַתּוּ מָחָר צְאוּ
18 לִפְנֵיהֶם וַיהוָה עִמָּכֶם׃ וַיִּקֹּד יְהוֹשָׁפָט אַפַּיִם אָרְצָה וְכָל־
יְהוּדָה וְיֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלִַם נָפְלוּ לִפְנֵי יְהוָה לְהִשְׁתַּחֲוֺת
19 לַיהוָה׃ וַיָּקֻמוּ הַלְוִיִּם מִן־בְּנֵי הַקְּהָתִים וּמִן־בְּנֵי הַקָּרְחִים
כ לְהַלֵּל לַיהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל בְּקוֹל גָּדוֹל לְמָעְלָה׃ וַיַּשְׁכִּימוּ
בַבֹּקֶר וַיֵּצְאוּ לְמִדְבַּר תְּקוֹעַ וּבְצֵאתָם עָמַד יְהוֹשָׁפָט
וַיֹּאמֶר שְׁמָעוּנִי יְהוּדָה וְיֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלִַם הַאֲמִינוּ בַּיהוָה
21 אֱלֹהֵיכֶם וְתֵאָמֵנוּ הַאֲמִינוּ בִנְבִיאָיו וְהַצְלִיחוּ׃ וַיִּוָּעַץ
אֶל־הָעָם וַיַּעֲמֵד מְשֹׁרְרִים לַיהוָה וּמְהַלְלִים לְהַדְרַת־
קֹדֶשׁ בְּצֵאת לִפְנֵי הֶחָלוּץ וְאֹמְרִים הוֹדוּ לַיהוָה כִּי לְעוֹלָם
22 חַסְדּוֹ׃ וּבְעֵת הֵחֵלּוּ בְרִנָּה וּתְהִלָּה נָתַן יְהוָה ׀ מְאָרְבִים
עַל־בְּנֵי עַמּוֹן מוֹאָב וְהַר־שֵׂעִיר הַבָּאִים לִיהוּדָה וַיִּנָּגֵפוּ׃
23 וַיַּעַמְדוּ בְּנֵי עַמּוֹן וּמוֹאָב עַל־יֹשְׁבֵי הַר־שֵׂעִיר לְהַחֲרִים
וּלְהַשְׁמִיד וּכְכַלּוֹתָם בְּיוֹשְׁבֵי שֵׂעִיר עָזְרוּ אִישׁ־בְּרֵעֵהוּ
24 לְמַשְׁחִית׃ וִיהוּדָה בָּא עַל־הַמִּצְפֶּה לַמִּדְבָּר וַיִּפְנוּ אֶל־

ההמון

פון מצרים, און זיי האָבן זיי אימער אויסגעוויכט און ניט פערטיליגט זיי —
11 אָט בעצאָהלען זיי אונז יעצט מיט זייער קומען אונז צו פערטרייבען פון דיין בעזיץ וואָס דו האָסט אונז געגעבען.
12 גאָט אונזערער! ועסטו זיי ניט שטראָפען? מיר האָבען קיינע קרעפ־טען קעגען דעם גרויסען פערזאַמלונג וואָס איז געקומען אויף אונז; מיר ווייסען ניט וואָס צו טהאָן — אויף דיר קוקען מיר אויס!...
13 גאַנץ יהודה איז געשטאַנען פאר גאָט אויך זייערע קליינע קינדער, פרויען און ערוואַקסענע קינדער.
14 אויף יחזיאל זוהן פון זכריהו, זוהן פון בניה, זוהן פון יעיאל, זוהן פון מתניה דעם לוי, פון אסף'ס אבשטאַמונג, איז געקומען גאָט'ס גייסט ווען ער איז געווען אין פערזאַמלונג.
15 און ער האָט געזאָגט: הערט גאַנץ יהודה, איינוואוינער פון ירושלים און קעניג יהושפט! אזוי האָט גאָט ועגען אייך געזאָגט — שרעקט זיך ניט און האָט קיין פורכט פאר דיעזע גרויסע פערזאַמלונג, עס איז ניט קעגען אייך די קריעג נאָר קעגען גאָט...
16 געהט מאָרגען אראָב צו זיי, זיי וועלען געהן אויפ'ן וועג פון ציץ וועט איהר זיי טרעפען אין ברעג טהאל, ביי די וויסטע ירואל,
17 איהר דארפט מיט זיי ניט שטרייטען — שטעהט שטיל און זעהט גאָט'ס הילפע פאר אייך, יהודה און ירושלים! שרעקט זיך ניט און פירכט ניט; געהט מאָרגען ארויס קעגען זיי, גאָט איז מיט אייך!
18 דאן האָט זיך יהושפט געבויגען מיט'ן געזיכט צו דר'ערד, אויך גאַנץ יהודה און די איינוואוינער פון ירושלים זיינען געפאַלען פאר גאָט, אום צו בוקען זיך פאר גאָט.
19 און עס זיינען אויפגעשטאַנען די לוים פון קהת'ס קינדער און פון קרח'ס קינדער צו לויבען דעם גאָט פון ישראל מיט זייער א הויכע שטימע.
20 זיי זיינען גאַנץ פריה אויפגעשטאַנען און ארויס צו די וויסטע תקוע. ארויסגעהענדיג האָט זיך יהושפט אוועק געשטעלט און געזאָגט: הערט מיר צו, יהודה און איינוואוינער פון ירושלים! גלויבט אין גאָט וועט איהר פעסט שטעהן, גלויבט זיינע פראָפעטען און איהר וועט בע־גליקען.
21 ער האָט זיך בעראטהען מיט'ן פאָלק און אָנגעשטעלט זינגערס פאר גאָט, לויב־געזאַנג זינגערס צו בעשעהנען דאָס הייליגטהום, אויך זינגערס וואָס זאָלען געהן פאָראוים די ארמעען און זאָגען: „לויבט גאָט, ווארים זיין גנאדע איז פאר אייביג!"
22 אין דער זעלבער צייט ווען זיי האָבען אָנגעהייבען דעם געזאַנג און לויב, האָט גאָט אָנגעשטעלט לויערער אויף עמון, מואב און די בעוואוינער פון בארג שעיר, וועלכע זיינען געקומען אויף יהודה און זיי האָבען זיך איינע די אַנדערע געשלאָגען:
23 די עמונים און מואבים האָבען זיך געשטעלט קעגען די איינוואוינער פון בארג שעיר צו פערניכטען און פערטיליגען זיי; אז זיי זיינען פארטיג געוואָרען מיט די בעוואוינער פון שעיר, האָבען זיי איינער מיט'ן אנ־דערן געשטרייט ביז צו פערניכטען.
24 ווען די יהודה־איינוואוינער זיינען געקומען צום וואך־טהורעם אין וויסטע

כה הֶהָמוֹן וְהִנָּם פְּגָרִים נֹפְלִים אַרְצָה וְאֵין פְּלֵיטָה׃ וַיָּבֹא
יְהוֹשָׁפָט וְעַמּוֹ לָבֹז אֶת־שְׁלָלָם וַיִּמְצְאוּ בָהֶם לָרֹב וּרְכוּשׁ
וּפְגָרִים וּכְלֵי חֲמֻדוֹת וַיְנַצְּלוּ לָהֶם לְאֵין מַשָּׂא וַיִּהְיוּ יָמִים
26 שְׁלוֹשָׁה בֹּזְזִים אֶת־הַשָּׁלָל כִּי רַב־הוּא׃ וּבַיּוֹם הָרְבִעִי
נִקְהֲלוּ לְעֵמֶק בְּרָכָה כִּי שָׁם בֵּרְכוּ אֶת־יְהוָה עַל־כֵּן קָרְאוּ
27 אֶת־שֵׁם הַמָּקוֹם הַהוּא עֵמֶק בְּרָכָה עַד־הַיּוֹם׃ וַיָּשֻׁבוּ
כָּל־אִישׁ יְהוּדָה וִירוּשָׁלִַם וִיהוֹשָׁפָט בְּרֹאשָׁם לָשׁוּב אֶל־
28 יְרוּשָׁלִַם בְּשִׂמְחָה כִּי־שִׂמְּחָם יְהוָה מֵאוֹיְבֵיהֶם׃ וַיָּבֹאוּ
יְרוּשָׁלִַם בִּנְבָלִים וּבְכִנֹּרוֹת וּבַחֲצֹצְרוֹת אֶל־בֵּית יְהוָה׃
29 וַיְהִי פַּחַד אֱלֹהִים עַל כָּל־מַמְלְכוֹת הָאֲרָצוֹת בְּשָׁמְעָם כִּי
ל נִלְחַם יְהוָה עִם אוֹיְבֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַתִּשְׁקֹט מַלְכוּת יְהוֹשָׁפָט
31 וַיָּנַח לוֹ אֱלֹהָיו מִסָּבִיב׃ וַיִּמְלֹךְ יְהוֹשָׁפָט עַל־יְהוּדָה
בֶּן־שְׁלֹשִׁים וְחָמֵשׁ שָׁנָה בְּמָלְכוֹ וְעֶשְׂרִים וְחָמֵשׁ שָׁנָה
32 מָלַךְ בִּירוּשָׁלִַם וְשֵׁם אִמּוֹ עֲזוּבָה בַּת־שִׁלְחִי׃ וַיֵּלֶךְ בְּדֶרֶךְ
אָבִיו אָסָא וְלֹא־סָר מִמֶּנָּה לַעֲשׂוֹת הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי יְהוָה׃
33 אַךְ הַבָּמוֹת לֹא־סָרוּ וְעוֹד הָעָם לֹא־הֵכִינוּ לְבָבָם לֵאלֹהֵי
34 אֲבֹתֵיהֶם׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי יְהוֹשָׁפָט הָרִאשֹׁנִים וְהָאַחֲרֹנִים
הִנָּם כְּתוּבִים בְּדִבְרֵי יֵהוּא בֶן־חֲנָנִי אֲשֶׁר הֹעֲלָה עַל־סֵפֶר
לה מַלְכֵי יִשְׂרָאֵל׃ וְאַחֲרֵי־כֵן אֶתְחַבַּר יְהוֹשָׁפָט מֶלֶךְ־יְהוּדָה
36 עִם אֲחַזְיָה מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל הוּא הִרְשִׁיעַ לַעֲשׂוֹת׃ וַיְחַבְּרֵהוּ
עִמּוֹ לַעֲשׂוֹת אֳנִיּוֹת לָלֶכֶת תַּרְשִׁישׁ וַיַּעֲשׂוּ אֳנִיּוֹת בְּעֶצְיוֹן
37 גָּבֶר׃ וַיִּתְנַבֵּא אֱלִיעֶזֶר בֶּן־דֹּדָוָהוּ מִמָּרֵשָׁה עַל־יְהוֹשָׁפָט
לֵאמֹר כְּהִתְחַבֶּרְךָ עִם־אֲחַזְיָהוּ פָּרַץ יְהוָה אֶת־מַעֲשֶׂיךָ
וַיִּשָּׁבְרוּ אֳנִיּוֹת וְלֹא עָצְרוּ לָלֶכֶת אֶל־תַּרְשִׁישׁ׃

## CAP. XXI. כא

# כא

א וַיִּשְׁכַּב יְהוֹשָׁפָט עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקָּבֵר עִם־אֲבֹתָיו בְּעִיר דָּוִיד
2 וַיִּמְלֹךְ יְהוֹרָם בְּנוֹ תַּחְתָּיו׃ וְלוֹ־אַחִים בְּנֵי יְהוֹשָׁפָט
עֲזַרְיָה וִיחִיאֵל וּזְכַרְיָהוּ וַעֲזַרְיָהוּ וּמִיכָאֵל וּשְׁפַטְיָהוּ כָּל־

אלה

און זיי האָבען זיך אַ קעהר געטהאָן צו די פערזאַמעלטע ערשט זיי זיי־
נען לעבלאָזע קערפּערס וועלכע ליגען אויף דר'ערד אָהן איין ענטרו־
נענעם.

25 דאַן איז געקומען יהושפט מיט זיינע מענשען צונעהמען זייער רויב און
זיי האָבען געפונען אונטער זיי פיעל לעבלאָזע קערפּערס, האָבען זיי פאַר
זיך גענומען פערמעגען און קאָסטבאַרע קליידער וואָס זיינען ניט שווער
געוועזען צו טראָגען. דריי טעג האָבען זיי געפּלינדערט דאָס רויב, אַזוי
פיעל איז עס געוועזען.

26 אויפ'ן פערטען טאָג האָבען זיי זיך פערזאַמעלט אינ'ם טהאָל ברכה,
דאָרטען האָבען זיי געלויבט גאָט, דערפאַר האָבען זיי יענעם אָרט גערו־
פען „טהאָל ברכה" ביז יעצט.

27 דאַן האָבען אַלע מענשען פון יהודה און ירושלים און יהושפט פאָראויס,
זיך געקעהרט צוריק צו געהן אין ירושלים מיט פרייד, גאָט האָט זיי
דערפרעהט אויף זייערע פיינד.

28 און זיי זיינען געקומען אין ירושלים צו גאָט'ס הויז מיט האַרפען, פיעדלען
און טראָמפּייטען.

29 עס איז געפאַלען אַ גרויסער שרעק אויף אַלע רעגירונגען פון די לענדער
ווען זיי האָבען דערהערט אַז גאָט שטרייט מיט די פיינד פון ישראל.

30 פון דאַן אָן איז אין יהושפט'ס רעגירונג שטיל געוועזען — זיין גאָט האָט
איהם רוהע געגעבען פון אַלע זייטען.

31 אַזוי האָט יהושפט רעגיערט איבער יהודה. פינף־און־דרייסיג יאָהר אַלט
איז ער קעניג געוואָרען און פינף־און־צוואַנציג יאָהר האָט ער רעגירט
אין ירושלים ; זיין מוטער'ס נאָמען איז געוועזען עזובה, שלחי'ס טאָכטער.

32 ער איז געגאַנגען אינ'ם וועג פון זיין פאָטער אסא, צו טהאָן אַלעס וואָס
איז רעכטפאַרטיג אין גאָט'ס אויגען — ער איז פון איהם ניט אָראָב.

33 די באַרג־אַלטאַרען אָבער האָט מען ניט אָבגעשאַפט — דאָס פאָלק האָט
זיך נאָך ניט מיט האַרץ איבערגעגעבען צום גאָט פון זייערע עלטערן.

34 די איבריגע פאַסירונגען יהושפט'ס, ווי די ערשטע אַזוי די לעצטע, זיי־
נען פאַרשריבען מיט די ווערטער פון יהוא, חנני'ס זוהן, וועלכע זיינען
אַריינגעקומען אין בוך „די קעניגע פון ישראל".

35 נאָכדעם ווי יהושפט האָט זיך בעפריינדעט מיט אחזיה, קעניג פון ישראל,
האָט ער פיעל פערברעכען געטהאָן.

36 ער האָט איהם אויך פעראייניגט מיט זיך שיפען צו בויען, וועלכע זאָלען
געהן אין תרשיש ; די שיפען האָבען זיי געבויט אין עציון־גבר.

37 דאַן האָט אליעזר, דודוהו'ס זוהן, פון מרשה, פּראָפעצייעט אויף יהושפט'ן
זאָגענדיג : „איבער דיין בעפריינדלען זיך מיט אחזיהו'ן האָט גאָט דיין
אַרבייט צושטערט." די שיפען זיינען צובראָכען געוואָרען און האָבען
ניט געקענט געהן אין תרשיש.

## קאַפּיטעל כא

1 אַז יהושפט איז געשטאָרבען און בעערדיגט געוואָרען אין דוד'ס שטאָדט,
האָט זיין זוהן יהורם רעגירט נאָך איהם.

2 ער האָט געהאַט ברידער, יהושפט'ס זיהן — עזריה, יחיאל, זכריהו,
עזריהו, מיכאל און שפטיהו ; די אַלע זיינען זיהן פון יהושפט, קעניג
פון ישראל.

אֵלֶּה בְּנֵי יְהוֹשָׁפָט מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּתֵּן לָהֶם ׀ אֲבִיהֶם 3
מַתָּנוֹת רַבּוֹת לְכֶסֶף וּלְזָהָב וּלְמִגְדָּנוֹת עִם־עָרֵי מְצֻרוֹת
בִּיהוּדָה וְאֶת־הַמַּמְלָכָה נָתַן לִיהוֹרָם כִּי־הוּא הַבְּכוֹר׃
וַיָּקָם יְהוֹרָם עַל־מַמְלֶכֶת אָבִיו וַיִּתְחַזַּק וַיַּהֲרֹג אֶת־כָּל־ 4
אֶחָיו בֶּחָרֶב וְגַם מִשָּׂרֵי יִשְׂרָאֵל׃ בֶּן־שְׁלֹשִׁים וּשְׁתַּיִם שָׁנָה ה
יְהוֹרָם בְּמָלְכוֹ וּשְׁמוֹנֶה שָׁנִים מָלַךְ בִּירוּשָׁלָםִ׃ וַיֵּלֶךְ 6
בְּדֶרֶךְ ׀ מַלְכֵי יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר עָשׂוּ בֵּית אַחְאָב כִּי בַּת־
אַחְאָב הָיְתָה לּוֹ לְאִשָּׁה וַיַּעַשׂ הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה׃ וְלֹא־ 7
אָבָה יְהוָה לְהַשְׁחִית אֶת־בֵּית דָּוִיד לְמַעַן הַבְּרִית
אֲשֶׁר כָּרַת לְדָוִיד וְכַאֲשֶׁר אָמַר לָתֵת לוֹ נִיר וּלְבָנָיו
כָּל־הַיָּמִים׃ בְּיָמָיו פָּשַׁע אֱדוֹם מִתַּחַת יַד־יְהוּדָה וַיַּמְלִיכוּ 8
עֲלֵיהֶם מֶלֶךְ׃ וַיַּעֲבֹר יְהוֹרָם עִם־שָׂרָיו וְכָל־הָרֶכֶב עִמּוֹ 9
וַיְהִי קָם לַיְלָה וַיַּךְ אֶת־אֱדוֹם הַסּוֹבֵב אֵלָיו וְאֵת שָׂרֵי
הָרֶכֶב׃ וַיִּפְשַׁע אֱדוֹם מִתַּחַת יַד־יְהוּדָה עַד הַיּוֹם הַזֶּה י
אָז תִּפְשַׁע לִבְנָה בָּעֵת הַהִיא מִתַּחַת יָדוֹ כִּי עָזַב אֶת־
יְהוָה אֱלֹהֵי אֲבֹתָיו׃ גַּם־הוּא עָשָׂה בָמוֹת בְּהָרֵי יְהוּדָה 11
וַיֶּזֶן אֶת־יֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלַםִ וַיַּדַּח אֶת־יְהוּדָה׃ וַיָּבֹא 12
אֵלָיו מִכְתָּב מֵאֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא לֵאמֹר כֹּה ׀ אָמַר יְהוָה
אֱלֹהֵי דָּוִיד אָבִיךָ תַּחַת אֲשֶׁר לֹא־הָלַכְתָּ בְּדַרְכֵי יְהוֹשָׁפָט
אָבִיךָ וּבְדַרְכֵי אָסָא מֶלֶךְ יְהוּדָה׃ וַתֵּלֶךְ בְּדֶרֶךְ מַלְכֵי 13
יִשְׂרָאֵל וַתַּזְנֶה אֶת־יְהוּדָה וְאֶת־יֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלַםִ כְּהַזְנוֹת
בֵּית אַחְאָב וְגַם אֶת־אַחֶיךָ בֵית־אָבִיךָ הַטּוֹבִים מִמְּךָ
הָרָגְתָּ׃ הִנֵּה יְהוָה נֹגֵף מַגֵּפָה גְדוֹלָה בְּעַמֶּךָ וּבְבָנֶיךָ 14
וּבְנָשֶׁיךָ וּבְכָל־רְכוּשֶׁךָ׃ וְאַתָּה בָּחֳלָיִים רַבִּים בְּמַחֲלָה טו
מֵעֶיךָ עַד־יֵצְאוּ מֵעֶיךָ מִן־הַחֹלִי יָמִים עַל־יָמִים׃ וַיָּעַר 16
יְהוָה עַל־יְהוֹרָם אֶת־רוּחַ הַפְּלִשְׁתִּים וְהָעַרְבִים אֲשֶׁר עַל־
יַד כּוּשִׁים׃ וַיַּעֲלוּ בִיהוּדָה וַיִּבְקָעוּהָ וַיִּשְׁבּוּ אֵת כָּל־ 17
הָרְכוּשׁ הַנִּמְצָא לְבֵית־הַמֶּלֶךְ וְגַם־בָּנָיו וְנָשָׁיו וְלֹא נִשְׁאַר־
לוֹ

3 זייער פאטער האט זיי פיעל געשענקען געגעבען — זילבער, גאָלד, קאָסט־
בארע זאכען אויף פעסטע שטעדט אין יהודה; די רעגירונג האט ער אי־
בערגעגעבען יהורם'ן, ווייל ער איז געווען דער ערשט־געבאָרענער.

4 אז יהורם איז פעסט געשטאנען אויף דעם פאטער'ס רעגירונג, האט ער
זיינע ברידער מיט'ן שווערד גע'הרג'עט אויך איינינע פון די פירסטען פון
ישראל.

5 צוויי־און־דרייסיג יאהר אלט איז ער געווען ווען ער איז קעניג געוואָרען
און אכט יאהר האט ער רעגירט אין ירושלים;

6 ער איז געגאנגען אינ'ם וועג פון די קעניגע פון ישראל, ווי עס האט גע־
טהאָן אחאב'ס פאמיליע, ווארים אחאב'ס טאָכטער איז זיין פרוי געווען.
ער האט געטהאָן וואס עס איז שלעכט אין גאָט'ס אויגען.

7 נאָר גאָט האט ניט געוואָלט אונטערברייינגען דוד'ס פאמיליע, צוליעב
דעם פערשפּרעכען וואס ער האט דוד'ן געגעבען, ווען ער האט איהם
צוגעזאָגט איהם די רעגיערונג צו געבען אויף צו זיינע קינדער, פאר
אייביג.

8 אין זיין צייט האט אדום רעוואָלטירט קעגען יהודה און זיי האָבען זיך
געקרוינט א קעניג.

9 דאן איז יהורם אוועק מיט זיינע מיליטער בעאמטע און די גאנצע קאוואַ־
לערי מיט איהם, ער האט זיך געשטעלט איין נאכט און ערשלאָגען
די אדום'ער וואס האָבען איהם ארומגערינגעלט מיט די קאוואלערי
בעאמטע.

10 דאָך האט אדום רעוואָלטירט קעגען יהודה ביז היינטיגען טאָג. אין יענע
צייט האט אויך לבנה רעוואָלטירט קעגען איהם, ווייל ער האט פער־
לאָזען דעם גאָט פון זיינע עלטערן.

11 ער האט אויך געמאַכט בארג־אלטארען אויף די בערג פון יהודה — ער
האט פערברעכעריש געמאַכט די איינוואָהנער פון ירושלים, און האט
פערפיהרט יהודה.

12 א מאָל איז איהם אָנגעקומען א בריעף פון אליהו דעם פּראָפעט מיט אזא
אינהאלט: אזוי האט גאָט געזאָגט, דער גאָט פון דיין אור־פאטער
דוד — „ווייל דו ביזט ניט געגאנגען אין די וועגען פון יהושפט דיין
פאטער, אָדער אין די וועגען פון אסא קעניג פון יהודה,

13 נאָר דו ביזט געגאנגען אינ'ם וועג פון די קעניגע פון ישראל, דו האָסט
פערברעכעריש געמאַכט יהודה און די איינוואוינער פון ירושלים אויך
דיין פאטער'ס הויז ווי אחאב'ס פאמיליע איז פערברעכעריש; אויך
דיינע ברידער, בעסערע פאר דיר, האָסטו ערמאָרדעט —

14 אָט וועט גאָט מיט א גרויסע פּלאָג שטראָפען דיין פאָלק, דיינע קינדער,
דיינע פרויען און דיין גאנצען פערמעגען,

15 און דיר — מיט שווערע קראנקהייטען, מיט געדערים קראנקהייט, ביז
דיינע געדערים וועלען ארויס, פון קראנקהייט, טאָג פאר טאָג."

16 און גאָט האט אויפגערייצט אויף יהורם'ן דעם צאָרן פון די פּלשתים
און ערבים וואס נעבען די כושים,

17 זיי זיינען ארויף אויף יהודה און איינגעבראָכען אין איהר, זיי האָבען
געפאנגען גענומען דאס גאנצע פערמעגען וואס האט זיך געפונען אינ'ם
קעניג'ס הויז, אויך זיינע קינדער און פרויען; עס איז ביי איהם קיין
זוהן געבליבען אויסער יהואחז דער קלענסטער פון זיינע קינדער.

18 לוֹ בֵּן כִּי אִם־יְהוֹאָחָז קְטֹן בָּנָיו׃ וְאַחֲרֵי כָּל־זֹאת נְגָפוֹ
19 יְהוָה ׀ בְּמֵעָיו לָחֳלִי לְאֵין מַרְפֵּא׃ וַיְהִי לְיָמִים ׀ מִיָּמִים
וּכְעֵת צֵאת הַקֵּץ לְיָמִים ׀ שְׁנַיִם יָצְאוּ מֵעָיו עִם־חָלְיוֹ
וַיָּמָת בְּתַחֲלֻאִים רָעִים וְלֹא־עָשׂוּ לוֹ עַמּוֹ שְׂרֵפָה כִּשְׂרֵפַת
כ אֲבֹתָיו׃ בֶּן־שְׁלֹשִׁים וּשְׁתַּיִם הָיָה בְמָלְכוֹ וּשְׁמוֹנֶה שָׁנִים
מָלַךְ בִּירוּשָׁלָ͏ִם וַיֵּלֶךְ בְּלֹא חֶמְדָּה וַיִּקְבְּרֻהוּ בְּעִיר דָּוִיד
וְלֹא בְּקִבְרוֹת הַמְּלָכִים׃

## כב CAP. XXII. כב

א וַיַּמְלִיכוּ יוֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלַ͏ִם אֶת־אֲחַזְיָהוּ בְנוֹ הַקָּטֹן תַּחְתָּיו כִּי
כָל־הָרִאשֹׁנִים הָרַג הַגְּדוּד הַבָּא בָעַרְבִים לַמַּחֲנֶה וַיִּמְלֹךְ
2 אֲחַזְיָהוּ בֶּן־יְהוֹרָם מֶלֶךְ יְהוּדָה׃ בֶּן־אַרְבָּעִים וּשְׁתַּיִם
שָׁנָה אֲחַזְיָהוּ בְמָלְכוֹ וְשָׁנָה אַחַת מָלַךְ בִּירוּשָׁלָ͏ִם וְשֵׁם
3 אִמּוֹ עֲתַלְיָהוּ בַּת־עָמְרִי׃ גַּם־הוּא הָלַךְ בְּדַרְכֵי בֵּית אַחְאָב
4 כִּי אִמּוֹ הָיְתָה יוֹעַצְתּוֹ לְהַרְשִׁיעַ׃ וַיַּעַשׂ הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה
כְּבֵית אַחְאָב כִּי־הֵמָּה הָיוּ־לוֹ יוֹעֲצִים אַחֲרֵי מוֹת אָבִיו
ה לְמַשְׁחִית לוֹ׃ גַּם בַּעֲצָתָם הָלַךְ וַיֵּלֶךְ אֶת־יְהוֹרָם בֶּן־אַחְאָב
מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל לַמִּלְחָמָה עַל־חֲזָאֵל מֶלֶךְ־אֲרָם בְּרָמוֹת גִּלְעָד
6 וַיַּכּוּ הָרַמִּים אֶת־יוֹרָם׃ וַיָּשָׁב לְהִתְרַפֵּא בְיִזְרְעֶאל כִּי
הַמַּכִּים אֲשֶׁר הִכֻּהוּ בָרָמָה בְּהִלָּחֲמוֹ אֶת־חֲזָהאֵל מֶלֶךְ
אֲרָם וַעֲזַרְיָהוּ בֶן־יְהוֹרָם מֶלֶךְ יְהוּדָה יָרַד לִרְאוֹת אֶת־
7 יְהוֹרָם בֶּן־אַחְאָב בְּיִזְרְעֶאל כִּי־חֹלֶה הוּא׃ וּמֵאֱלֹהִים
הָיְתָה תְּבוּסַת אֲחַזְיָהוּ לָבוֹא אֶל־יוֹרָם וּבְבֹאוֹ יָצָא עִם־
יְהוֹרָם אֶל־יֵהוּא בֶן־נִמְשִׁי אֲשֶׁר מְשָׁחוֹ יְהוָה לְהַכְרִית אֶת־
8 בֵּית אַחְאָב׃ וַיְהִי כְּהִשָּׁפֵט יֵהוּא עִם־בֵּית אַחְאָב וַיִּמְצָא
אֶת־שָׂרֵי יְהוּדָה וּבְנֵי אֲחֵי אֲחַזְיָהוּ מְשָׁרְתִים לַאֲחַזְיָהוּ
9 וַיַּהַרְגֵם׃ וַיְבַקֵּשׁ אֶת־אֲחַזְיָהוּ וַיִּלְכְּדֻהוּ וְהוּא מִתְחַבֵּא
בְשֹׁמְרוֹן וַיְבִאֻהוּ אֶל־יֵהוּא וַיְמִתֻהוּ וַיִּקְבְּרֻהוּ כִּי אָמְרוּ

בן־

v. 18. כאן בלא פסיק וב׳ רפה v. 19 כאן בלא פסיק

18 נאָך דאָס אַלעס האָט איהם גאָט געפּלאָגט מיט אַ קראַנקהייט אין זיינע געדערים, אַ אונהיילבאַרע.

19 אַזוי איז ער קראַנק געװעזען אַ לאַנגע צייט, אַז עס איז געקומען די ענדע, נאָך צוויי יאָהר, זיינען זיינע געדערים אין גאַנצען ארויס פון קראַנקהייט און ער איז געשטאָרבען פון גרויסע ליידען; פאַר איהם האָט זיין פאָלק ניט געמאַכט קיין אַנצינדונג ווי מ׳האָט געמאַכט פון זיין פאַטער.

20 צוויי־און־דרייסיג יאָהר איז ער אַלט געװעזען װען ער איז קעניג געוואָרען און אַכט יאָהר האָט ער רעגירט אין ירושלים, װעלכע זיינען אַװעק אָהן פערגעניגען. איהם האָט מען בעערדיגט אין דוד׳ס שטאָדט, אָבער ניט אין די קעניגליכע גראַבען.

## קאַפּיטעל כב

1 דאַן האָבען די איינוואוינער פון ירושלים קעניג געמאַכט אַנשטאַט איהם זיין קלענסטען זוהן אחזיהו; וואָרים אַלע עלטערע האָט אויסגעהרג׳עט די אַרמעע וואָס איז געקומען מיט דעם לאַגער פון די ערבים. פון דאַן אָן האָט געקעניגט אחזיהו, יהורם׳ס זוהן, דער קעניג פון יהודה.

2 צוויי־און־פערציג יאָהר איז אחזיהו אַלט געװעזען װען ער איז קעניג געוואָרען, נאָר איין יאָהר האָט ער געקעניגט אין ירושלים, זיין מוטער׳ס נאָמען איז געװעזען עתליהו, עמרי׳ס טאָכטער.

3 אויך ער איז געגאַנגען אין די וועגען פון אחאב׳ס פאַמיליע, וואָרים זיין מוטער האָט איהם אימער געראַטהען פערברעכעריש צו זיין.

4 אַזוי ווי אחאב׳ס פאַמיליע האָט ער אויך געטהאָן אַלעס וואָס עס איז שלעכט אין גאָט׳ס אויגען, וואָרים זיי זיינען זיינע ראַטה־געבער געװעזען נאָך זיין פאַטער׳ס טוידט, איהם צו פערדאַרבען.

5 דורך זייער ראַטה איז ער אויך געגאַנגען מיט יהורם, אחאב׳ס זוהן, דער קעניג פון ישראל, צו שטרייטען מיט חזאל, קעניג פון ארם, אין רמות־גלעד; די אַרמים האָבען יורם׳ן פערוואונדעט,

6 איז ער אַוועק היילען זיך אין יזרעאל פון די וואונדען וואָס ער האָט בעקומען אין רמה, שטרייטענדיג מיט חזהאל קעניג פון ארם. דאַן איז עזריהו, יהורם׳ס זוהן, קעניג פון יהודה, געגאַנגען אין יזרעאל זעהען יהורם, אחאב׳ס זוהן, ווייל ער איז קראַנק געװעזען;

7 [עס איז געװעזען פון גאָט אַז די ניעדערלאַגע פון אחזיהו זאָל קומען דורך יורם׳ן.] אַז ער איז געקומען איז ער אַרויסגעגאַנגען מיט יהורם׳ן קעגען יהוא, נמשי׳ס זוהן, װעלכען גאָט האָט געזאַלבט צו פערניכטען אחאב׳ס פאַמיליע.

8 װען יהוא האָט זיך גענומען אויספיהרען די היגריכטונג פון אחאב׳ס הויז, האָט ער געטראָפען די פירסטען פון יהודה און די קינדער פון אחזיהו׳ס ברידער, װעלכע האָבען בעדיענט אחזיהו׳ן, און האָט זיי גע׳הרג׳ט.

9 ער האָט אויך אויסגעזוכט אחזיהו׳ן און געכאַפּט איהם (ער איז בעהאַלטען געװעזען אין שמרון), מ׳האָט איהם געבראַכט צו יהוא, ער האָט איהם

בֶּן־יְהוֹשָׁפָט הוּא אֲשֶׁר־דָּרַשׁ אֶת־יְהוָה בְּכָל־לְבָבוֹ וְאֵין
י לְבֵית אֲחַזְיָהוּ לַעְצֹר כֹּחַ לְמַמְלָכָה׃ וַעֲתַלְיָהוּ אֵם
אֲחַזְיָהוּ רָאֲתָה כִּי־מֵת בְּנָהּ וַתָּקָם וַתְּדַבֵּר אֶת־כָּל־זֶרַע
11 הַמַּמְלָכָה לְבֵית יְהוּדָה׃ וַתִּקַּח יְהוֹשַׁבְעַת בַּת־הַמֶּלֶךְ
אֶת־יוֹאָשׁ בֶּן־אֲחַזְיָהוּ וַתִּגְנֹב אֹתוֹ מִתּוֹךְ בְּנֵי־הַמֶּלֶךְ
הַמּוּמָתִים וַתִּתֵּן אֹתוֹ וְאֶת־מֵינִקְתּוֹ בַּחֲדַר הַמִּטּוֹת וַתַּסְתִּירֵהוּ
יְהוֹשַׁבְעַת בַּת־הַמֶּלֶךְ יְהוֹרָם אֵשֶׁת יְהוֹיָדָע הַכֹּהֵן כִּי הִיא
הָיְתָה אֲחוֹת אֲחַזְיָהוּ מִפְּנֵי עֲתַלְיָהוּ וְלֹא הֱמִיתָתְהוּ׃
12 וַיְהִי אִתָּם בְּבֵית הָאֱלֹהִים מִתְחַבֵּא שֵׁשׁ שָׁנִים וַעֲתַלְיָה
מֹלֶכֶת עַל־הָאָרֶץ׃

## כג Cap. XXIII. כג

א וּבַשָּׁנָה הַשְּׁבִעִית הִתְחַזַּק יְהוֹיָדָע וַיִּקַּח אֶת־שָׂרֵי הַמֵּאוֹת
לַעֲזַרְיָה בֶן־יְרֹחָם וּלְיִשְׁמָעֵאל בֶּן־יְהוֹחָנָן וְלַעֲזַרְיָהוּ בֶן־
עוֹבֵד וְאֶת־מַעֲשֵׂיָהוּ בֶן־עֲדָיָהוּ וְאֶת־אֱלִישָׁפָט בֶּן־זִכְרִי עִמּוֹ
2 בַבְּרִית׃ וַיָּסֹבּוּ בִּיהוּדָה וַיִּקְבְּצוּ אֶת־הַלְוִיִּם מִכָּל־עָרֵי
3 יְהוּדָה וְרָאשֵׁי הָאָבוֹת לְיִשְׂרָאֵל וַיָּבֹאוּ אֶל־יְרוּשָׁלִָם׃ וַיִּכְרֹת
כָּל־הַקָּהָל בְּרִית בְּבֵית הָאֱלֹהִים עִם־הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמֶר לָהֶם
4 הִנֵּה בֶן־הַמֶּלֶךְ יִמְלֹךְ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה עַל־בְּנֵי דָוִיד׃ זֶה
הַדָּבָר אֲשֶׁר תַּעֲשׂוּ הַשְּׁלִשִׁית מִכֶּם בָּאֵי הַשַּׁבָּת לַכֹּהֲנִים
וְלַלְוִיִּם לְשֹׁעֲרֵי הַסִּפִּים׃ וְהַשְּׁלִשִׁית בְּבֵית הַמֶּלֶךְ וְהַשְּׁלִשִׁית
6 בְּשַׁעַר הַיְסוֹד וְכָל־הָעָם בְּחַצְרוֹת בֵּית יְהוָה׃ וְאַל־יָבוֹא
בֵית־יְהוָה כִּי אִם־הַכֹּהֲנִים וְהַמְשָׁרְתִים לַלְוִיִּם הֵמָּה יָבֹאוּ
7 כִּי־קֹדֶשׁ הֵמָּה וְכָל־הָעָם יִשְׁמְרוּ מִשְׁמֶרֶת יְהוָה׃ וְהִקִּיפוּ
הַלְוִיִּם אֶת־הַמֶּלֶךְ סָבִיב אִישׁ וְכֵלָיו בְּיָדוֹ וְהַבָּא אֶל־הַבַּיִת
8 יוּמָת וִהְיוּ אֶת־הַמֶּלֶךְ בְּבֹאוֹ וּבְצֵאתוֹ׃ וַיַּעֲשׂוּ הַלְוִיִּם וְכָל־
יְהוּדָה כְּכֹל אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוֹיָדָע הַכֹּהֵן וַיִּקְחוּ אִישׁ אֶת־
אֲנָשָׁיו בָּאֵי הַשַּׁבָּת עִם יוֹצְאֵי הַשַּׁבָּת כִּי לֹא פָטַר יְהוֹיָדָע
9 הַכֹּהֵן אֶת־הַמַּחְלְקוֹת׃ וַיִּתֵּן יְהוֹיָדָע הַכֹּהֵן לְשָׂרֵי

הַמֵּאוֹת

געטוידט און בעערדיגט ; זיי האָבען געזאָגט : „ער איז דאָך יהושפט'ס
זוהן, וועלכער האָט גאָט געפאָרשט מיט זיין גאַנצען הארץ." אחזיהו'ס
הויז איז געוואָרען קראַפטלאָז צו רעגירען.

10 אז עתליהו, אחזיהו'ס מוטער, האָט געזעהען אז איהר זוהן איז געשטאָר-
בען, איז זי אויפגעשטאַנען און פערטיליגט אַלע קעניגליכע קינדער פון
יהודה'ס קעניגליכען הויז.

11 אָבער יהושבעת, דעם קעניג'ס טאָכטער, האָט גענומען יואש'ן,
אחזיהו'ס זוהן, האָט איהם ארויסגע'גנב'עט פון צווישען די קעניגליכע
קינדער וואָס זיינען געטוידט געוואָרען, און האָט איהם מיט זיין אם
אריבערגעפיהרט אין שלאָף-צימער. אזוי האָט יהושבעת, דעם קעניג
יהורם'ס טאָכטער, יהוידע דעם כהן'ס פרוי, וועלכע איז געוועזען אחזיהו'ס
שוועסטער, בעהאַלטען איהם פון עתליהו און זי האָט איהם ניט גע-
טוידט.

12 זעכס יאָהר איז ער ביי זיי בעהאַלטען געוועזען אין גאָט'ס הויז און עתליה
האָט געקעניגט איבער דאָס לאַנד.

## קאַפּיטעל כג

1 אויפ'ן זיעבעטען יאָהר האָט יהוידע מוטה געפאַסט און האָט אריינגענו-
מען אין פערבינדונג מיט איהם די בעאַמטע איבער הונדערטע : עזריה
ירחם'ס זוהן, ישמעאל יהוחנן'ס זוהן, עזריהו עובד'ס זוהן מעשיהו
עדיהו'ס זוהן און אלישפט זכרי'ס זוהן.

2 זיי זיינען ארומגעגאַנגען אין יהודה און פערזאַמעלט די לוים פון אַלע
שטעדט אין יהודה אויך די הויפט פאָרשטעהער פון ישראל, און געקומען
אין ירושלים ;

3 דאָס גאַנצע פערזאַמלונג האָט אין גאָט'ס הויז א בונד געשלאָסען מיט'ן
קעניג. ער האָט צו זיי געזאָגט : דאָ וועט דער קעניגליכער קינד קעניג
ווערען, אזוי ווי גאָט האָט גערעדט וועגען דוד'ס קינדער.

4 אָט וואָס איהר זאָלט טהאָן : א דריטעל פון אייך, די שבת-קומענדע
פון כהנים און לוים אלס טהויער- און שוועל-היטער,

5 א דריטעל אינ'ם קעניג'ס הויז און א דריטעל ביי'ן פונדאַמענט טהויער ;
דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זיין אין די הויפען פון גאָט'ס הויז.

6 אין גאָט'ס הויז זאָלען ניט אריינקומען אויסער די כהנים און די דיענער
די לוים ; זיי קענען אריינקומען ווייל זיי זיינען היילינ, דאָס גאַנצע
פאָלק אָבער זאָלען בעוואַכען גאָט'ס הויז.

7 די לוים זאָלען דעם קעניג פון אַלע זייטען ארומרינגלען, יעדער מיט זיינע
וואָפען אין האַנד, זיי זאָלען זיין מיט'ן קעניג ביי זיין אריינגעהן אָדער
ארויסגעהן, און אנדערער וואָס וועט אין הויז אריין זאָל געטוידט ווערען.

8 די לוים און גאַנץ יהודה האָבען געטהאָן אַלעס ווי יהוידע דער כהן האָט
בעפוילען, יעדער האָט צוזאַמענגענומען זיינע מענשען — די שבת-
קומענדע ווי די שבת-אוועקגעהענדע — ווארים יהוידע דער כהן האָט די
אבטהיילונגען ניט ענטלאַסען.

9 דאַן האָט יהוידע דער כהן געגעבען צו די בעאַמטע איבער הונדערטע דעם

הַמֵּאוֹת אֶת־הַחֲנִיתִים וְאֶת־הַמָּגִנּוֹת וְאֶת־הַשְּׁלָטִים אֲשֶׁר
י לַמֶּלֶךְ דָּוִיד אֲשֶׁר בֵּית הָאֱלֹהִים׃ וַיַּעֲמֵד אֶת־כָּל־הָעָם
וְאִישׁ ׀ שִׁלְחוֹ בְיָדוֹ מִכֶּתֶף הַבַּיִת הַיְמָנִית עַד־כֶּתֶף הַבַּיִת
11 הַשְּׂמָאלִית לַמִּזְבֵּחַ וְלַבָּיִת עַל־הַמֶּלֶךְ סָבִיב׃ וַיּוֹצִיאוּ אֶת־
בֶּן־הַמֶּלֶךְ וַיִּתְּנוּ עָלָיו אֶת־הַנֵּזֶר וְאֶת־הָעֵדוּת וַיַּמְלִיכוּ אֹתוֹ
12 וַיִּמְשָׁחֻהוּ יְהוֹיָדָע וּבָנָיו וַיֹּאמְרוּ יְחִי הַמֶּלֶךְ׃ וַתִּשְׁמַע
עֲתַלְיָהוּ אֶת־קוֹל הָעָם הָרָצִים וְהַמְהַלְלִים אֶת־הַמֶּלֶךְ וַתָּבוֹא
13 אֶל־הָעָם בֵּית יְהוָה׃ וַתֵּרֶא וְהִנֵּה הַמֶּלֶךְ עוֹמֵד עַל־עַמּוּדוֹ
בַּמָּבוֹא וְהַשָּׂרִים וְהַחֲצֹצְרוֹת עַל־הַמֶּלֶךְ וְכָל־עַם הָאָרֶץ
שָׂמֵחַ וְתוֹקֵעַ בַּחֲצֹצְרוֹת וְהַמְשׁוֹרְרִים בִּכְלֵי הַשִּׁיר וּמוֹדִיעִים
לְהַלֵּל וַתִּקְרַע עֲתַלְיָהוּ אֶת־בְּגָדֶיהָ וַתֹּאמֶר קֶשֶׁר קָשֶׁר׃
14 וַיּוֹצֵא יְהוֹיָדָע הַכֹּהֵן אֶת־שָׂרֵי הַמֵּאוֹת ׀ פְּקוּדֵי הַחַיִל
וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם הוֹצִיאוּהָ אֶל־מִבֵּית הַשְּׂדֵרוֹת וְהַבָּא אַחֲרֶיהָ
יוּמַת בֶּחָרֶב כִּי אָמַר הַכֹּהֵן לֹא תְמִיתוּהָ בֵּית יְהוָה׃
טו וַיָּשִׂימוּ לָהּ יָדַיִם וַתָּבוֹא אֶל־מְבוֹא שַׁעַר־הַסּוּסִים בֵּית
16 הַמֶּלֶךְ וַיְמִיתוּהָ שָׁם׃ וַיִּכְרֹת יְהוֹיָדָע בְּרִית בֵּינוֹ
17 וּבֵין כָּל־הָעָם וּבֵין הַמֶּלֶךְ לִהְיוֹת לְעָם לַיהוָה׃ וַיָּבֹאוּ כָל־
הָעָם בֵּית־הַבַּעַל וַיִּתְּצֻהוּ וְאֶת־מִזְבְּחֹתָיו וְאֶת־צְלָמָיו שִׁבֵּרוּ
18 וְאֵת מַתָּן כֹּהֵן הַבַּעַל הָרְגוּ לִפְנֵי הַמִּזְבְּחוֹת׃ וַיָּשֶׂם יְהוֹיָדָע
פְּקֻדֹּת בֵּית יְהוָה בְּיַד הַכֹּהֲנִים הַלְוִיִּם אֲשֶׁר חָלַק דָּוִיד
עַל־בֵּית יְהוָה לְהַעֲלוֹת עֹלוֹת יְהוָה כַּכָּתוּב בְּתוֹרַת מֹשֶׁה
19 בְּשִׂמְחָה וּבְשִׁיר עַל יְדֵי דָוִיד׃ וַיַּעֲמֵד הַשּׁוֹעֲרִים עַל־שַׁעֲרֵי
כ בֵּית יְהוָה וְלֹא־יָבוֹא טָמֵא לְכָל־דָּבָר׃ וַיִּקַּח אֶת־שָׂרֵי
הַמֵּאוֹת וְאֶת־הָאַדִּירִים וְאֶת־הַמּוֹשְׁלִים בָּעָם וְאֵת ׀ כָּל־עַם
הָאָרֶץ וַיּוֹרֶד אֶת־הַמֶּלֶךְ מִבֵּית יְהוָה וַיָּבֹאוּ בְּתוֹךְ־שַׁעַר
הָעֶלְיוֹן בֵּית הַמֶּלֶךְ וַיּוֹשִׁיבוּ אֶת־הַמֶּלֶךְ עַל כִּסֵּא הַמַּמְלָכָה׃

וישמחו

v. 14. כא חל בגעיא

קעניג דוד'ס שפיזען, פאנצערס און שילדען, וואס האבען זיך אין גאט'ס
הויז געפונען.
10 אויך האט ער אויסגעשטעלט דאס גאנצע פאלק פון רעכטען זייט הויז
ביז'ן לינקען, ביי'ן אלטאר אינווייניג, ארומצורינגלען דעם קעניג.
11 נאכהער האט מען ארויסגעפיהרט דעם קעניג'ס זוהן, מ'האט איהם
אנגעטהאן די קרוין און געגעבען איהם דאס געזעץ און מ'האט איהם קע־
ניג געמאכט; יהוידע מיט זיינע זיהן האבען איהם געזאלבט און אויס־
געשריען: „עס לעבע דער קעניג!"
12 אז עתליהו האט דערהערט די שטימען פון ארומלויפענדען פאלק וועל־
כער האט געריהמט דעם קעניג איז זי אריינגעגאנגען צום פאלק אין
גאט'ס הויז.
13 ווען זי האט דערזעהען אין אריינגאנג דעם קעניג שטעהענדיג אויף זיין
ביהנע און די זינגערס מיט די טראמפייטען בלאזער ארום קעניג, אויך
דאס גאנצע פאלק פרעהליך, בלאזענדיג מיט טראמפייטען, זינגענדיג
מיט געזאנג אינסטרומענטען און אנפיהרענדיג די לויבגעזאנגען — האט
עתליהו צוריסען איהרע קליידער און אויסגעשריען: פערראטה, פער־
ראטה!
14 דאן איז יהוידע דער כהן ארויס צו די בעאמטע איבער הונדערטע —
די מיליטער בעאמטע — און געזאגט צו זיי: „פיהרט איהר ארוים פון
צווישען די רייהען און ווער עס וועט איהר נאך געהן זאל מיט'ן שווערד
געטוידט ווערען; דער כהן האט געמיינט „טוידט איהר ניט אין גאט'ס
הויז."
15 מ'האט פאר איהר פלאץ געמאכט ביז זי איז אריין דורכ'ן פערדען טהויער
אין קעניג'ס הויז — דארטען האט מען איהר געטוידט.
16 דאן האט יהוידע געשלאסען א בונד צווישען איהם אויך צווישען דאס
גאנצע פאלק און דעם קעניג, צו זיין א פאלק צו גאט.
17 דאס גאנצע פאלק איז אריין אינ'ם הויז פון בעל און האבען איהם צו־
בראכען אויך זיינע אלטארען און בילדער האבען זיי צובראכען און מתן,
דעם פריסטער פון בעל האבען זיי ערשלאגען נעבען די אלטארען.
18 יהוידע האט געמאכט אמטען אין גאט'ס הויז פאר די כהנים און לוים, ווי
דוד האט איינגעטהיילט אין גאט'ס הויז, אום צו ברייגנען גאנץ־אפפער
פאר גאט, (ווי עס איז געשריבען אין משה'ס לעזרע) מיט פריידע
און געזאנגען פערפאסט פון דוד'ן.
19 ער האט אויך אוועקגעשטעלט טהויער־היטערס ביי די טהויערן פון
גאט'ס הויז אום קיין אונריינער זאל ניט אריינקומען,
20 נאכהער האט ער צוזאמענגענומען די בעאמטע איבער הונדערטע, די
מעכטיגע, די הערשער פון פאלק און דאס גאנץ געמיינע פאלק, און
האט ארויסגעפיהרט דעם קעניג פון גאט'ס הויז, זיי זיינען אריין דורכ'ן
אבער־טהויער אין קעניג'ס הויז און זיי האבען דעם קעניג אויפ'ן טהראן
אוועקגעזעצט.

21 וַיִּשְׂמְחוּ כָל־עַם־הָאָרֶץ וְהָעִיר שָׁקָטָה וְאֶת־עֲתַלְיָהוּ הֵמִיתוּ
בֶחָרֶב׃

## CAP. XXIV כד

כד
א בֶּן־שֶׁבַע שָׁנִים יֹאָשׁ בְּמָלְכוֹ וְאַרְבָּעִים שָׁנָה מָלַךְ בִּירוּשָׁלִָם
2 וְשֵׁם אִמּוֹ צִבְיָה מִבְּאֵר שָׁבַע׃ וַיַּעַשׂ יוֹאָשׁ הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי
3 יְהוָה כָּל־יְמֵי יְהוֹיָדָע הַכֹּהֵן׃ וַיִּשָּׂא־לוֹ יְהוֹיָדָע
4 נָשִׁים שְׁתָּיִם וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ וַיְהִי אַחֲרֵי־כֵן הָיָה עִם־
ה לֵב יוֹאָשׁ לְחַדֵּשׁ אֶת־בֵּית יְהוָה׃ וַיִּקְבֹּץ אֶת־הַכֹּהֲנִים
וְהַלְוִיִּם וַיֹּאמֶר לָהֶם צְאוּ לְעָרֵי יְהוּדָה וְקִבְצוּ מִכָּל־
יִשְׂרָאֵל כֶּסֶף לְחַזֵּק ׀ אֶת־בֵּית אֱלֹהֵיכֶם מִדֵּי שָׁנָה בְּשָׁנָה
6 וְאַתֶּם תְּמַהֲרוּ לַדָּבָר וְלֹא מִהֲרוּ הַלְוִיִּם׃ וַיִּקְרָא
הַמֶּלֶךְ לִיהוֹיָדָע הָרֹאשׁ וַיֹּאמֶר לוֹ מַדּוּעַ לֹא־דָרַשְׁתָּ עַל־
הַלְוִיִּם לְהָבִיא מִיהוּדָה וּמִירוּשָׁלִַם אֶת־מַשְׂאַת מֹשֶׁה עֶבֶד־
7 יְהוָה וְהַקָּהָל לְיִשְׂרָאֵל לְאֹהֶל הָעֵדוּת׃ כִּי עֲתַלְיָהוּ
הַמִּרְשַׁעַת בָּנֶיהָ פָרְצוּ אֶת־בֵּית הָאֱלֹהִים וְגַם כָּל־קָדְשֵׁי
8 בֵית־יְהוָה עָשׂוּ לַבְּעָלִים׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ וַיַּעֲשׂוּ אֲרוֹן אֶחָד
9 וַיִּתְּנֻהוּ בְּשַׁעַר בֵּית־יְהוָה חוּצָה׃ וַיִּתְּנוּ־קוֹל בִּיהוּדָה
וּבִירוּשָׁלִַם לְהָבִיא לַיהוָה מַשְׂאַת מֹשֶׁה עֶבֶד־הָאֱלֹהִים
י עַל־יִשְׂרָאֵל בַּמִּדְבָּר׃ וַיִּשְׂמְחוּ כָל־הַשָּׂרִים וְכָל־הָעָם וַיָּבִיאוּ
11 וַיַּשְׁלִיכוּ לָאָרוֹן עַד־לְכַלֵּה׃ וַיְהִי בְּעֵת יָבִיא אֶת־הָאָרוֹן
אֶל־פְּקֻדַּת הַמֶּלֶךְ בְּיַד הַלְוִיִּם וְכִרְאוֹתָם כִּי־רַב הַכֶּסֶף וּבָא
סוֹפֵר הַמֶּלֶךְ וּפְקִיד כֹּהֵן הָרֹאשׁ וִיעָרוּ אֶת־הָאָרוֹן וְיִשָּׂאֻהוּ
וִישִׁבֻהוּ אֶל־מְקֹמוֹ כֹּה עָשׂוּ לְיוֹם בְּיוֹם וַיַּאַסְפוּ כֶסֶף
12 לָרֹב׃ וַיִּתְּנֵהוּ הַמֶּלֶךְ וִיהוֹיָדָע אֶל־עוֹשֵׂה מְלֶאכֶת עֲבוֹדַת
בֵּית־יְהוָה וַיִּהְיוּ שֹׂכְרִים חֹצְבִים וְחָרָשִׁים לְחַדֵּשׁ בֵּית
יְהוָה וְגַם לְחָרָשֵׁי בַרְזֶל וּנְחֹשֶׁת לְחַזֵּק אֶת־בֵּית יְהוָה׃
13 וַיַּעֲשׂוּ עֹשֵׂי הַמְּלָאכָה וַתַּעַל אֲרוּכָה לַמְּלָאכָה בְּיָדָם
14 וַיַּעֲמִידוּ אֶת־בֵּית הָאֱלֹהִים עַל־מַתְכֻּנְתּוֹ וַיְאַמְּצֻהוּ׃ וּכְכַלּוֹתָם

הביאו

21 דאָס גאַנצע פֿאָלק פֿונ'ם לאַנד האָט זיך געפֿרעהט און די הויפּט־שטאָדט
איז שטיל געוועזן אַבוואָהל מ'האָט עתליהו'ן געטוידט מיט'ן שווערד.

## קאַפּיטעל כד

1 אין עלטער פֿון זיעבּען יאָהר איז יואש קעניג געוואָרען און פֿופֿציג יאָהר
האָט ער רעגירט אין ירושלים, זיין מוטער'ס נאָמען איז געוועזן
צביה פֿון באר־שבע.
2 יואש האָט געטהאָן אַלץ וואָס ס'איז רעכטפֿערטיג אין גאָט'ס אויגען, די
גאַנצע צייט פֿון יהוידע דעם כהן.
3 יהוידע האָט פֿאַר איהם פֿערהייראַט צוויי פֿרויען און ער האָט געהאַט
זיהן און טעכטער.
4 נאָכדעם האָט יואש בּעשלאָסען צו בּענייען גאָט'ס הויז.
5 האָט ער צוזאַמענגעקליבּען די כהנים און לוים און האָט צו זיי געזאָגט:
„געהט איבּער די שטעדט פֿון יהודה און זאַמעלט פֿון גאַנץ ישראל געלד
אום יעדער יאָהר צו פֿערשטאַרקען דאָס הויז פֿון אייער גאָט; טהוט
עס שנעלל!" אָבּער די לוים האָבּען זיך ניט געהיילט.
6 דאַן האָט דער קעניג גערופֿען יהוידע דעם הויפּט־כהן, און געזאָגט צו
איהם: ווארים האָסטו ניט אויפֿגעפֿאָדערט די לוים צוזאַמען־צו־בּריינ־
גען פֿון יהודה און ירושלים די אבּצאָל־שולדען לויט ווי משה, גאָט'ס
דיענער, און דאָס פֿערזאַמלונג פֿון ישראל האָבּען בּעשטימט צום פֿער־
זאַמלונגס־געצעלט?"
7 [ווארום די קינדער פֿון דער פֿערבּרעכערישער עתליהו האָבּען צובּראָכען
גאָט'ס הויז און אַלע הייליגטהימער פֿון גאָט'ס הויז האָבּען זיי איבּער־
געמאַכט פֿאַר די געצען פֿון בּעל.]
8 דער קעניג האָט געהייסען און מ'האָט געמאַכט אַ קאַסטען און אוועקגע־
שטעלט איהם נעבּען אויסוויינינגסטען טהויער פֿון גאָט'ס הויז. —
9 מ'האָט אויסגערופֿען אין יהודה און ירושלים דאָס מ'זאָל בּריינגען פֿאַר
גאָט די אבּצאָהלונג, וואָס משה, גאָט'ס דיענער, האָט געלעגט אויף
ישראל אינ'ם מדבּר.
10 אַלע פֿירסטען און דאָס גאַנצע פֿאָלק זיינען פֿרעהליך געוועזן, זיי האָבּען
געבּראַכט און געוואָרפֿען אין קאַסטען בּיז עס איז פֿול געוואָרען,
11 פֿון צייט צו צייט פֿלעגט מען בּריינגען דעם קאַסטען צום קעניגליכען
קאָנטראָל, דורך די לוים; אַז זיי פֿלעגען זעהען אַז עס איז פֿול מיט
געלד, פֿלעגט קומען דער קעניגליכער שרייבּער און אַ בּעאַמטער פֿון
אָבּער־כהן, זיי פֿלעגען אויסליידיגען דעם קאַסטען, און אוועקטראָגען
איהם צוריק אויף זיין אָרט, אַזוי האָבּען זיי געטהאָן יעדעס מאָל בּיז
זיי האָבּען צוזאַמען געקליבּען פֿיעל געלד.
12 דער קעניג און יהוידע האָבּען דאָס געגעבּען צו די וואָס אַרבּייטען די אַר־
בּייט פֿון גאָט'ס הויז, און זיי האָבּען געדונגען שטיין־האַקערס און
מייסטערס צו פֿאַרריכטען גאָט'ס הויז, אויך אייזען־ און קופּער־שמידען
צו פֿערשטאַרקען גאָט'ס הויז.
13 די אַרבּייטער האָבּען אָנגעפֿאַנגען די אַרבּייט, און די אַרבּייט האָט גע־
לונגען אין זייערע הענד בּיז זיי האָבּען צוריקגעשטעלט גאָט'ס הויז אויף
זיין שטאַנד און בּעפֿעסטיגט איהם.
14 אַז זיי האָבּען געענדיגט, האָבּען זיי געבּראַכט צום קעניג און יהוידע

הֵבִ֣יאוּ לִפְנֵ֣י הַמֶּ֣לֶךְ וִיהֽוֹיָדָ֡ע אֶת־שְׁאָ֣ר הַכֶּ֣סֶף וַיַּעֲשֵׂ֣הוּ
כֵלִ֣ים לְבֵית־יְהוָ֡ה כְּלֵ֤י שָׁרֵת֙ וְהַעֲל֔וֹת וְכַפּ֕וֹת וּכְלֵ֥י זָהָ֖ב
וָכָ֑סֶף וַיִּהְי֡וּ מַעֲלִ֣ים עֹל֣וֹת בְּבֵית־יְהוָה֩ תָּמִ֔יד כֹּ֖ל יְמֵ֥י
טו יְהוֹיָדָֽע׃ וַיִּזְקַ֧ן יְהוֹיָדָ֛ע וַיִּשְׂבַּ֥ע יָמִ֖ים וַיָּמֹ֑ת בֶּן־מֵאָ֧ה
16 וּשְׁלֹשִׁ֛ים שָׁנָ֖ה בְּמוֹתֽוֹ׃ וַיִּקְבְּרֻ֥הוּ בְעִיר־דָּוִ֖יד עִם־הַמְּלָכִ֑ים
17 כִּֽי־עָשָׂ֨ה טוֹבָ֤ה בְּיִשְׂרָאֵל֙ וְעִם־הָאֱלֹהִ֖ים וּבֵיתֽוֹ׃ וְאַחֲרֵי֙
מ֣וֹת יְהוֹיָדָ֔ע בָּ֚אוּ שָׂרֵ֣י יְהוּדָ֔ה וַיִּֽשְׁתַּחֲווּ֖ לַמֶּ֑לֶךְ אָ֛ז שָׁמַ֥ע
18 הַמֶּ֖לֶךְ אֲלֵיהֶֽם׃ וַיַּעַזְב֗וּ אֶת־בֵּית֙ יְהוָה֙ אֱלֹהֵ֣י אֲבֽוֹתֵיהֶ֔ם
וַיַּעַבְד֥וּ אֶת־הָאֲשֵׁרִ֖ים וְאֶת־הָעֲצַבִּ֑ים וַֽיְהִי־קֶ֗צֶף עַל־יְהוּדָה֙
19 וִיר֣וּשָׁלִַ֔ם בְּאַשְׁמָתָ֖ם זֹֽאת׃ וַיִּשְׁלַ֤ח בָּהֶם֙ נְבִאִ֔ים לַהֲשִׁיבָ֖ם
כ אֶל־יְהוָ֑ה וַיָּעִ֣ידוּ בָ֔ם וְלֹ֖א הֶאֱזִֽינוּ׃ וְר֣וּחַ אֱלֹהִ֗ים לָֽבְשָׁה֙
אֶת־זְכַרְיָה֙ בֶּן־יְהוֹיָדָ֣ע הַכֹּהֵ֔ן וַֽיַּעֲמֹ֖ד מֵעַ֣ל לָעָ֑ם וַיֹּ֣אמֶר
לָהֶ֜ם כֹּ֣ה ׀ אָמַ֣ר הָאֱלֹהִ֗ים לָמָה֩ אַתֶּ֨ם עֹבְרִ֜ים אֶת־מִצְוֺ֤ת
יְהוָה֙ וְלֹ֣א תַצְלִ֔יחוּ כִּֽי־עֲזַבְתֶּ֥ם אֶת־יְהוָ֖ה וַיַּעֲזֹ֥ב אֶתְכֶֽם׃
21 וַיִּקְשְׁר֣וּ עָלָ֔יו וַיִּרְגְּמֻ֥הוּ אֶ֖בֶן בְּמִצְוַ֣ת הַמֶּ֑לֶךְ בַּחֲצַ֖ר בֵּ֥ית
22 יְהוָֽה׃ וְלֹֽא־זָכַ֞ר יוֹאָ֣שׁ הַמֶּ֗לֶךְ הַחֶ֙סֶד֙ אֲשֶׁ֨ר עָשָׂ֜ה יְהוֹיָדָ֤ע
אָבִיו֙ עִמּ֔וֹ וַֽיַּהֲרֹ֖ג אֶת־בְּנ֑וֹ וּכְמוֹת֣וֹ אָמַ֔ר יֵ֥רֶא יְהוָ֖ה וְיִדְרֹֽשׁ׃
23 וַיְהִ֣י ׀ לִתְקוּפַ֣ת הַשָּׁנָ֗ה עָלָ֤ה עָלָיו֙ חֵ֣יל אֲרָ֔ם וַיָּבֹ֗אוּ
אֶל־יְהוּדָה֙ וִיר֣וּשָׁלִַ֔ם וַיַּשְׁחִ֛יתוּ אֶת־כָּל־שָׂרֵ֥י הָעָ֖ם מֵעָ֑ם
24 וְכָל־שְׁלָלָ֥ם שִׁלְּח֖וּ לְמֶ֥לֶךְ דַּרְמָֽשֶׂק׃ כִּי֩ בְמִצְעַ֨ר אֲנָשִׁ֜ים
בָּ֣אוּ ׀ חֵ֣יל אֲרָ֗ם וַֽיהוָה֙ נָתַ֨ן בְּיָדָ֤ם חַ֙יִל֙ לָרֹ֣ב מְאֹ֔ד כִּ֣י עָֽזְב֔וּ
אֶת־יְהוָ֖ה אֱלֹהֵ֣י אֲבוֹתֵיהֶ֑ם וְאֶת־יוֹאָ֖שׁ עָשׂ֥וּ שְׁפָטִֽים׃
כה וּבְלֶכְתָּ֣ם מִמֶּ֗נּוּ כִּֽי־עָזְב֣וּ אֹתוֹ֮ בְּמַחֲלוּיִ֣ם רַבִּים֒ הִֽתְקַשְּׁר֨וּ
עָלָ֜יו עֲבָדָ֗יו בִּדְמֵי֙ בְּנֵ֣י יְהוֹיָדָ֣ע הַכֹּהֵ֔ן וַיַּהַרְגֻ֖הוּ עַל־מִטָּת֑וֹ
וַיָּמֹ֔ת וַֽיִּקְבְּרֻ֙הוּ֙ בְּעִ֣יר דָּוִ֔יד וְלֹ֥א קְבָרֻ֖הוּ בְּקִבְר֥וֹת הַמְּלָכִֽים׃
26 וְאֵ֖לֶּה הַמִּֽתְקַשְּׁרִ֣ים עָלָ֑יו זָבָ֗ד בֶּן־שִׁמְעָת֙ הָֽעַמּוֹנִ֔ית וִֽיהוֹזָבָ֔ד
27 בֶּן־שִׁמְרִ֖ית הַמּוֹאָבִֽית׃ וּבָנָ֞יו וְרֹ֤ב הַמַּשָּׂא֙ עָלָ֔יו וִיסוֹד֙

בית

v. 24. נ״א ׀ לא פסיק    v. 27. ירב קרי

דאָס איבעריגע געלד, האָט ער דערפון געהייסען מאַכען כלים פאַר גאָט'ס הויז — געשיר צום דיענסט, פאַר די אָפּפערס, לעפעל אויך גאָלדענע און זילבערנע כלים. דאָס גאַנצע צייט וואָס יהוידע האָט געלעבט האָט מען געבראַכט שטענדיג גאַנץ־אָפּפערס אין גאָט'ס הויז.

15 אַז יהוידע איז געוואָרען אַלט און זאַט מיט טעג איז ער געשטאָרבען; הונדערט מיט דרייסיג יאָהר איז ער אַלט געווען אַז ער איז געשטאָרבען,

16 מ'האָט איהם בעערדיגט אין דוד'ס שטאָדט נעבען די קעניגע, ווייל ער האָט געטהאָן גוטעס פאַר ישראל, פאַר גאָט און נאָכהער פאַר זיין הויז.

17 נאָך יהוידע'ס טוידט, זיינען געקומען די פירסטען פון יהודה און געבוקט זיך צום קעניג, פון דאַמאָלס אָן האָט דער קעניג זיי געפאָלגט.

18 זיי האָבען פאַרלאָזען דאָס הויז פון גאָט, דער גאָט פון זייערע אור־עלטערן, זיי האָבען געדיענט צו געצען־בוימער און געצען־בילדער. איבער דעם פערברעכען זייערן איז גאָט'ס צאָרן געווען אויף יהודה און ירושלים.

19 ער האָט צו זיי געשיקט פּראָפעטען זיי צוריק צו קעהרען צו גאָט און זיי האָבען זיי געוואָרענט, אָבער מ'האָט זיי ניט געהערט.

20 דאַן איז זכריה, יהוידע דעם כהן'ס זוהן זעהר בעגייסטערט געוואָרען, ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט העכער פאַר דאָס פאָלק און געזאָגט צו זיי: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: „וואָרום טרעט איהר איבער גאָט'ס בעפעהל? איהר וועט דאָך ניט בעגליקען; קוים האָט איהר גאָט פערלאָזען האָט ער אייך פערלאָזען!...״

21 האָבען זיי זיך פערבונדען קעגען איהם און פערוואָרפען איהם מיט שטיינער, לויט אַ בעפעהל פון קעניג, אין הויף פון גאָט'ס הויז.

22 דער קעניג יואש האָט ניט געדיינקט דאָס גוטעס וואָס יהוידע זיין פאָטער האָט מיט איהם געטהאָן, און האָט געלאָזען הרג'נען זיין זוהן. שטאַרבענדיג האָט ער געזאָגט: „גאָט זאָל זעהען און איינמאָנען!״

23 פונקט צום יאָהר איז אויף איהם אַרויף אַן אַרמעע פון ארם, זיי זיינען אריין אין יהודה און ירושלים, ערשלאָגען אַלע פאָלקס־פירסטען און זייער פערמעגען האָבען זיי אַוועקגעשיקט צום קעניג, אין דרמשק.

24 די אַרמעע פון ארם איז זאָגאַר געקומען מיט ווייניג מענשען, נאָר גאָט האָט זיי איבערגעגעבען זעהר אַ גרויסע אַרמעע — ווייל זיי האָבען פערלאָזען דעם גאָט פון זייערע עלטערן. אויך יואש'ן זעלבסט האָבען זיי בעשטראָפט.

25 אַז זיי זיינען אַוועק, איהם איבערלאָזענדיג אין גרויסע ליידען, האָבען זיינע קנעכט רעוואָלטירט קעגען איהם, (פאַר דאָס בלוט פון יהוידע דעם כהן'ס זוהן) און האָבען איהם ערשלאָגען אויף זיין בעט. ער איז געשטאָרבען און מען האָט איהם בעערדיגט אין דוד'ס שטאָדט, אָבער ניט אין די קעניגליכע גראָבען.

26 די האָבען דאָס רעוואָלטירט קעגען איהם: זבד, זוהן פון שמעת די עמונית, און יהוזבד, דער זוהן פון שמרית די מואבית.

27 וועגען זיינע זיהן, די פיעל פּראָפעצייהונגען איבער איהם און די פעסט־

בֵּית הָאֱלֹהִים הִנָּם כְּתוּבִים עַל־מִדְרַשׁ סֵפֶר הַמְּלָכִים
וַיִּמְלֹךְ אֲמַצְיָהוּ בְנוֹ תַּחְתָּיו׃

## כה Cap. XXV. כה

א בֶּן־עֶשְׂרִים וְחָמֵשׁ שָׁנָה מָלַךְ אֲמַצְיָהוּ וְעֶשְׂרִים וָתֵשַׁע
2 שָׁנָה מָלַךְ בִּירוּשָׁלָ͏ִם וְשֵׁם אִמּוֹ יְהוֹעַדָּן מִירוּשָׁלָ͏ִם׃ וַיַּעַשׂ
3 הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי יְהוָה רַק לֹא בְּלֵבָב שָׁלֵם׃ וַיְהִי כַּאֲשֶׁר חָזְקָה
הַמַּמְלָכָה עָלָיו וַיַּהֲרֹג אֶת־עֲבָדָיו הַמַּכִּים אֶת־הַמֶּלֶךְ
4 אָבִיו׃ וְאֶת־בְּנֵיהֶם לֹא הֵמִית כִּי כַכָּתוּב בַּתּוֹרָה בְּסֵפֶר
מֹשֶׁה אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוָה לֵאמֹר לֹא־יָמוּתוּ אָבוֹת עַל־בָּנִים
וּבָנִים לֹא־יָמוּתוּ עַל־אָבוֹת כִּי אִישׁ בְּחֶטְאוֹ יָמוּתוּ׃
ה וַיִּקְבֹּץ אֲמַצְיָהוּ אֶת־יְהוּדָה וַיַּעֲמִידֵם לְבֵית־אָבוֹת
לְשָׂרֵי הָאֲלָפִים וּלְשָׂרֵי הַמֵּאוֹת לְכָל־יְהוּדָה וּבִנְיָמִן
וַיִּפְקְדֵם לְמִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וָמַעְלָה וַיִּמְצָאֵם שְׁלֹשׁ־מֵאוֹת
6 אֶלֶף בָּחוּר יוֹצֵא צָבָא אֹחֵז רֹמַח וְצִנָּה׃ וַיִּשְׂכֹּר מִיִּשְׂרָאֵל
7 מֵאָה אֶלֶף גִּבּוֹר חָיִל בְּמֵאָה כִכַּר־כָּסֶף׃ וְאִישׁ הָאֱלֹהִים
בָּא אֵלָיו לֵאמֹר הַמֶּלֶךְ אַל־יָבוֹא עִמְּךָ צְבָא יִשְׂרָאֵל כִּי
8 אֵין יְהוָה עִם־יִשְׂרָאֵל כֹּל בְּנֵי אֶפְרָיִם׃ כִּי אִם־בֹּא אַתָּה
עֲשֵׂה חֲזַק לַמִּלְחָמָה יַכְשִׁילְךָ הָאֱלֹהִים לִפְנֵי אוֹיֵב כִּי יֶשׁ־
9 כֹּחַ בֵּאלֹהִים לַעְזוֹר וּלְהַכְשִׁיל׃ וַיֹּאמֶר אֲמַצְיָהוּ לְאִישׁ
הָאֱלֹהִים וּמַה־לַּעֲשׂוֹת לִמְאַת הַכִּכָּר אֲשֶׁר נָתַתִּי לִגְדוּד
יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר אִישׁ הָאֱלֹהִים יֵשׁ לַיהוָה לָתֶת לְךָ הַרְבֵּה
י מִזֶּה׃ וַיַּבְדִּילֵם אֲמַצְיָהוּ לְהַגְּדוּד אֲשֶׁר־בָּא אֵלָיו מֵאֶפְרַיִם
לָלֶכֶת לִמְקוֹמָם וַיִּחַר אַפָּם מְאֹד בִּיהוּדָה וַיָּשׁוּבוּ לִמְקוֹמָם
11 בָּחֳרִי־אָף׃ וַאֲמַצְיָהוּ הִתְחַזַּק וַיִּנְהַג אֶת־עַמּוֹ וַיֵּלֶךְ
12 גֵּיא הַמֶּלַח וַיַּךְ אֶת־בְּנֵי־שֵׂעִיר עֲשֶׂרֶת אֲלָפִים׃ וַעֲשֶׂרֶת
אֲלָפִים חַיִּים שָׁבוּ בְּנֵי יְהוּדָה וַיְבִיאוּם לְרֹאשׁ הַסָּלַע
13 וַיַּשְׁלִיכוּם מֵרֹאשׁ הַסֶּלַע וְכֻלָּם נִבְקָעוּ׃ וּבְנֵי הַגְּדוּד

אשר

כ״ה v. 6. קמץ בטפחא v. 9. יתיר ה

שטעלונג פון גאָט'ס הויז — איז געשריבען אין דאָס בוך „פאַרשונגען
איבער די קעניגע". זיין זוהן אמציהו האָט רעגירט נאָך איהם.

## קאַפּיטעל כה

1 פינף־און־צוואַנציג יאָהר אַלט איז אמציהו קעניג געוואָרען און ניין־און־
צוואַנציג יאָהר האָט ער רעגירט אין ירושלים. זיין מוטער'ס נאָמען איז
געווען יהועדן פון ירושלים.
2 ער האָט געטהאָן אַלעס וואָס איז רעכטפאַרטיג אין גאָט'ס אויגען, אָבער
ניט מיט'ן גאַנצען הארצען.
3 אַז ער האָט זיך בעפעסטיגט אין זיין רעגירונג האָט ער ערשלאָגען זיינע
דיענער, די וואָס האָבען ערשלאָגען דעם קעניג זיין פאָטער.
4 זייערע זיהן אָבער האָט ער ניט געטוידט, ווי עס איז געשריבען אין
משה'ס געזעץ־בוך אַז גאָט האָט בעפוילען אַזוי צו זאָגען: „עלטערן
זאָלען ניט געטוידט ווערען איבער דעם פאַרברעכען פון קינדער און
קינדער — איבער דעם פאַרברעכען פון עלטערן, יעדער קען געטוידט
ווערען נאָר פאַר זיינע אייגענע זינד."
5 דאַן האָט אמציהו פערזאַמעלט יהודה און האָט זיי איינגעשטעלט אין
הויפּט־הייזער, אונטער בעאַמטע איבער טויזענדער און איבער הונדער־
טער אויף גאַנץ יהודה און בנימין; ער האָט זיי אויך געצעהלט פון
צוואַנציג יאָהר אָן און עלטער און האָט אונטער זיי געפונען דריי־הונ־
דערט־טויזענד יונגע מענשען, אַרמעע־געהער וואָס קענען האַלטען אַ
שפּיעז און אַ פּאַנצער.
6 ער האָט אויך צוגעדונגען פון ישראל הונדערט־טויזענד אַרמעע העלדען
פאַר הונדערט צענטנער זילבער.
7 איז צו איהם געקומען אַ געטליכער מאַן זאָגענדיג: „אַ, קעניג! זאָ־
לען די קריעגס־לייט פון ישראל ניט איינגעפינען זיך ביי דיר, וואָ־
רים גאָט איז ניט מיט ישראל און די גאַנצע בעפעלקערונג פון אפרים;
8 און אויב דו וועסט קומען שטאַרק מאַכען זיך צו קריעג, וועט דיר גאָט
שטירצען פאַר דעם פיינד — נאָר ביי גאָט איז די קראַפט צו העלפען
און שטירצען . . ."
9 האָט אמציהו געזאָגט צום געטליכען מאַן: וואָס אָבער זאָל איך טהאָן
וועגען די הונדערט צענטנער וואָס איך האָב געגעבען צו די אַרמעע פון
ישראל? האָט דער געטליכער מאַן געענטפערט: „גאָט קען דיר געבען
פיעל מעהר ווי דאָס."
10 דאַן האָט אמציהו אָבגעטהיילט די אַרמעע וואָס ס'איז צו איהם געקומען
פון אפרים אום זיי זאָלען געהן צו זייער אָרט, זיינען זיי זעהר בייז
געוואָרען אויף יהודה און צוריקגעקעהרט זיך צאָרנדיג צו זייער אָרט.
11 אמציהו האָט געפאַסט מוטה — ער האָט געפיהרט זיין פאָלק און גע־
גאַנגען אין זאַלץ־טהאָל, דאָרטען האָט ער ערשלאָגען צעהן טויזענד
פון די שעיר איינוואוינער.
12 נאָך צעהן טויזענד האָבען די קריעגס־לייט פון יהודה געפאַנגען לעבע־
דיגע; זיי האָבען זיי אַרויפגעפיהרט אויפ'ן שפּיץ פעלז און אַראָבגע־
וואָרפען פון דאָרט, — זיי זיינען אַלע צושמעטערט געוואָרען.
13 די קריעגס־לייט וועלכע אמציהו האָט צוריקגעקעהרט זיי זאָלען ניט

אֲשֶׁר הֵשִׁיב אֲמַצְיָהוּ מִלֶּכֶת עִמּוֹ לַמִּלְחָמָה וַיִּפְשְׁטוּ בְּעָרֵי
יְהוּדָה מִשֹּׁמְרוֹן וְעַד־בֵּית חוֹרוֹן וַיַּכּוּ מֵהֶם שְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים
14 וַיָּבֹזּוּ בִּזָּה רַבָּה׃ וַיְהִי אַחֲרֵי בוֹא אֲמַצְיָהוּ מֵהַכּוֹת
אֶת־אֲדוֹמִים וַיָּבֵא אֶת־אֱלֹהֵי בְּנֵי שֵׂעִיר וַיַּעֲמִידֵם לוֹ
טו לֵאלֹהִים וְלִפְנֵיהֶם יִשְׁתַּחֲוֶה וְלָהֶם יְקַטֵּר׃ וַיִּחַר־אַף יְהוָה
בַּאֲמַצְיָהוּ וַיִּשְׁלַח אֵלָיו נָבִיא וַיֹּאמֶר אֵלָיו לָמָּה דָרַשְׁתָּ
16 אֶת־אֱלֹהֵי הָעָם אֲשֶׁר לֹא־הִצִּילוּ אֶת־עַמָּם מִיָּדֶךָ׃ וַיְהִי ׀
בְּדַבְּרוֹ אֵלָיו וַיֹּאמֶר לוֹ הַלְיוֹעֵץ לַמֶּלֶךְ נְתַנּוּךָ חֲדַל־לְךָ
לָמָּה יַכּוּךָ וַיֶּחְדַּל הַנָּבִיא וַיֹּאמֶר יָדַעְתִּי כִּי־יָעַץ אֱלֹהִים
17 לְהַשְׁחִיתֶךָ כִּי־עָשִׂיתָ זֹּאת וְלֹא שָׁמַעְתָּ לַעֲצָתִי׃ וַיִּוָּעַץ
אֲמַצְיָהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה וַיִּשְׁלַח אֶל־יוֹאָשׁ בֶּן־יְהוֹאָחָז בֶּן־
18 יֵהוּא מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר לְךָ נִתְרָאֶה פָּנִים׃ וַיִּשְׁלַח יוֹאָשׁ
מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל אֶל־אֲמַצְיָהוּ מֶלֶךְ־יְהוּדָה לֵאמֹר הַחוֹחַ אֲשֶׁר
בַּלְּבָנוֹן שָׁלַח אֶל־הָאֶרֶז אֲשֶׁר בַּלְּבָנוֹן לֵאמֹר תְּנָה אֶת־
בִּתְּךָ לִבְנִי לְאִשָּׁה וַתַּעֲבֹר חַיַּת הַשָּׂדֶה אֲשֶׁר בַּלְּבָנוֹן
19 וַתִּרְמֹס אֶת־הַחוֹחַ׃ אָמַרְתָּ הִנֵּה הִכִּיתָ אֶת־אֱדוֹם וּנְשָׂאֲךָ
לִבְּךָ לְהַכְבִּיד עַתָּה שְׁבָה בְּבֵיתֶךָ לָמָּה תִתְגָּרֶה בְּרָעָה
כ וְנָפַלְתָּ אַתָּה וִיהוּדָה עִמָּךְ׃ וְלֹא־שָׁמַע אֲמַצְיָהוּ כִּי
מֵהָאֱלֹהִים הִיא לְמַעַן תִּתָּם בְּיָד כִּי דָרְשׁוּ אֵת אֱלֹהֵי
21 אֱדוֹם׃ וַיַּעַל יוֹאָשׁ מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל וַיִּתְרָאוּ פָנִים הוּא
22 וַאֲמַצְיָהוּ מֶלֶךְ־יְהוּדָה בְּבֵית שֶׁמֶשׁ אֲשֶׁר לִיהוּדָה׃ וַיִּנָּגֶף
23 יְהוּדָה לִפְנֵי יִשְׂרָאֵל וַיָּנֻסוּ אִישׁ לְאֹהָלָיו׃ וְאֵת אֲמַצְיָהוּ
מֶלֶךְ־יְהוּדָה בֶּן־יוֹאָשׁ בֶּן־יְהוֹאָחָז תָּפַשׂ יוֹאָשׁ מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל
בְּבֵית שָׁמֶשׁ וַיְבִיאֵהוּ יְרוּשָׁלִַם וַיִּפְרֹץ בְּחוֹמַת יְרוּשָׁלִַם
24 מִשַּׁעַר אֶפְרַיִם עַד־שַׁעַר הַפּוֹנֶה אַרְבַּע מֵאוֹת אַמָּה׃ וְכָל־
הַזָּהָב וְהַכֶּסֶף וְאֵת כָּל־הַכֵּלִים הַנִּמְצְאִים בְּבֵית־הָאֱלֹהִים
עִם־עֹבֵד אֱדוֹם וְאֶת־אֹצְרוֹת בֵּית הַמֶּלֶךְ וְאֵת בְּנֵי הַתַּעֲרֻבוֹת
כה וַיָּשָׁב שֹׁמְרוֹן׃ וַיְחִי אֲמַצְיָהוּ בֶן־יוֹאָשׁ מֶלֶךְ יְהוּדָה

אחרי

געהן מיט איהם אין קריעג, האָבען זיך פאנאנדער געשפרייט איבער די
שטעדט פון יהודה, פון שמרון ביז בית־חורון, זיי האָבען ערשלאָגען
פון זיי דריי טויזענד און אוועקגערויבט פיעל פערמעגען.
14 נאָכדעם אז אמציהו איז צוריק געקומען פון שלאכט מיט די אדומים
האָט ער מיטגעבראכט די געטער פון די איינוואוינער פון שעיר, און
אוועקגעשטעלט זיי פאר זיך אַלס געטער: צו זיי האָט ער זיך געבוקט
און צו זיי האָט ער גערויכט.
15 דאן האָט גאָט'ס צאָרן געברענט אויף אמציהו, ער האָט געשיקט צו
איהם אַ פּראָפעט, וועלכער האָט צו איהם געזאָגט: „ווארים האָסטו
אנערקענט די געטער פון דאָס פאָלק, וועלכע האָבען זייער פאָלק ניט
געקענט רעטען פון דיין האנד?"
16 אַלס דער פּראָפעט האָט אזוי צו איהם גערעדט, האָט דער קעניג צו איהם
געזאָגט: „האָט מען דיר געמאַכט פאר אַ ראטהגעבער צום קעניג?
הער אויף אום מען זאָל דיר ניט ערשלאָגען!" דער פּראָפעט האָט
אויפגעהערט און געזאָגט: „איך בין איבערצייגט אז גאָט האָט בע־
שלאָסען דיר אונטערצוברייגגען, קוים האָסטו דאָס געטהאָן און ניט
אויסגעהערט מיין ראטה..."
17 אמציהו קעניג פון יהודה האָט זיך אָבער בעראטהען און געשיקט צו יואש
זוהן פון יהואחז, זוהן פון יהוא, דער קעניג פון ישראל, אזוי צו זאָ־
גען: „קום, לאָמיר זיך איינער דעם אנדערן אָנקוקען!"
18 האָט יואש קעניג פון ישראל, געשיקט זאָגען אמציהו'ן, קעניג פון
יהודה: אַ דארען פון לבנון האָט געשיקט צו אַ צעדער פון לבנון
אזוי צו זאָגען — „גיב אוים דיין טאָכטער פאר מיין זוהן!" איז גראדע
פערבייגעגאנגען די פעלד־ארמעע פון לבנון און צוטראטען דעם
דארען...
19 דו דיינקסט אז קוים האָסטו אדום געשלאָגען האָסטו שוין מוטה עהרע
צו זוכען; בלייב בעסער אין דיין הויז! רייץ ניט אויף דאָס אונגליק
— דו וועסט נאָך פאלען מיט יהודה צוזאמען..."
20 אמציהו האָט עס אָבער ניט געהערט. גאָט האָט עס פעראורזאכט אום
זיי איבערצוגעבען אין יואש'ס האנד, ווייל זיי האָבען אנערקענט די
געטער פון אדום.
21 דאן איז יואש, קעניג פון ישראל געקומען און זיי האָבען זיך אָנגעקוקט,
ער מיט אמציהו קעניג פון יהודה, אין בית־שמש וואָס איז אין יהודה.
22 אָבער יהודה איז געשלאגען געוואָרען פון ישראל און זיי זיינען צולאָפען
יעדער צו זיין געצעלט.
23 אמציהו'ן, זוהן פון יואש, זוהן פון יהואחז, קעניג פון יהודה, האָט
יואש, קעניג פון ישראל, געכאַפּט אין בית־שמש; ער האָט איהם
געבראכט אין ירושלים. ער האָט אויך איינגעבראָכען אינ'ם מויער־
וואנד פון ירושלים, פונ'ם טהויער אפרים ביז דעם ווינקעל טהויער —
פיער הונדערט איילען.
24 דאן האָט ער צוגענומען דאָס גאנצע גאָלד, די זילבער און אַלע געשיר
וואָס האָט זיך געפונען אין גאָט'ס הויז, אונטער די פערוואלטונג פון
עבד־אדום, אויך די רייכטהימער פון קעניג'ס הויז און די פערהאַלטענע
לייטע, און איז צוריקגעגאנגען אין שמרון.
25 אמציהו, זוהן פון יואש, קעניג פון יהודה האָט געלעבט נאָכ'ן **טוידט**
פון יואש, יהואחז'ס זוהן, קעניג פון ישראל, פופצעהן יאָהר.

אַחֲרֵי מוֹת יוֹאָשׁ בֶּן־יְהוֹאָחָז מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל חֲמֵשׁ עֶשְׂרֵה
שָׁנָה׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי אֲמַצְיָהוּ הָרִאשֹׁנִים וְהָאַחֲרוֹנִים הֲלֹא 26
הִנָּם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר מַלְכֵי־יְהוּדָה וְיִשְׂרָאֵל׃ וּמֵעֵת אֲשֶׁר־ 27
סָר אֲמַצְיָהוּ מֵאַחֲרֵי יְהוָה וַיִּקְשְׁרוּ עָלָיו קֶשֶׁר בִּירוּשָׁלַםִ
וַיָּנָס לָכִישָׁה וַיִּשְׁלְחוּ אַחֲרָיו לָכִישָׁה וַיְמִיתֻהוּ שָׁם׃
וַיִּשָּׂאֻהוּ עַל־הַסּוּסִים וַיִּקְבְּרוּ אֹתוֹ עִם־אֲבֹתָיו בְּעִיר יְהוּדָה׃ 28

## כו Cap. XXVI. כו

וַיִּקְחוּ כָּל־עַם יְהוּדָה אֶת־עֻזִּיָּהוּ וְהוּא בֶּן־שֵׁשׁ עֶשְׂרֵה שָׁנָה א
וַיַּמְלִיכוּ אֹתוֹ תַּחַת אָבִיו אֲמַצְיָהוּ׃ הוּא בָּנָה אֶת־אֵילוֹת 2
וַיְשִׁיבֶהָ לִיהוּדָה אַחֲרֵי שְׁכַב־הַמֶּלֶךְ עִם־אֲבֹתָיו׃ בֶּן־ 3
שֵׁשׁ עֶשְׂרֵה שָׁנָה עֻזִּיָּהוּ בְמָלְכוֹ וַחֲמִשִּׁים וּשְׁתַּיִם שָׁנָה
מָלַךְ בִּירוּשָׁלָםִ וְשֵׁם אִמּוֹ יְכִילְיָה מִן־יְרוּשָׁלָםִ׃ וַיַּעַשׂ 4
הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי יְהוָה כְּכֹל אֲשֶׁר־עָשָׂה אֲמַצְיָהוּ אָבִיו׃ וַיְהִי ה
לִדְרֹשׁ אֱלֹהִים בִּימֵי זְכַרְיָהוּ הַמֵּבִין בִּרְאֹת הָאֱלֹהִים
וּבִימֵי דָּרְשׁוֹ אֶת־יְהוָה הִצְלִיחוֹ הָאֱלֹהִים׃ וַיֵּצֵא וַיִּלָּחֶם 6
בַּפְּלִשְׁתִּים וַיִּפְרֹץ אֶת־חוֹמַת גַּת וְאֵת חוֹמַת יַבְנֵה וְאֵת
חוֹמַת אַשְׁדּוֹד וַיִּבְנֶה עָרִים בְּאַשְׁדּוֹד וּבַפְּלִשְׁתִּים׃ וַיַּעְזְרֵהוּ 7
הָאֱלֹהִים עַל־פְּלִשְׁתִּים וְעַל־הָעַרְבִיִּים הַיֹּשְׁבִים בְּגוּר־
בָּעַל וְהַמְּעוּנִים׃ וַיִּתְּנוּ הָעַמּוֹנִים מִנְחָה לְעֻזִּיָּהוּ וַיֵּלֶךְ 8
שְׁמוֹ עַד־לְבוֹא מִצְרַיִם כִּי הֶחֱזִיק עַד־לְמָעְלָה׃ וַיִּבֶן עֻזִּיָּהוּ 9
מִגְדָּלִים בִּירוּשָׁלַםִ עַל־שַׁעַר הַפִּנָּה וְעַל־שַׁעַר הַגַּיְא וְעַל־
הַמִּקְצוֹעַ וַיְחַזְּקֵם׃ וַיִּבֶן מִגְדָּלִים בַּמִּדְבָּר וַיַּחְצֹב בֹּרוֹת י
רַבִּים כִּי מִקְנֶה־רַּב הָיָה לוֹ וּבַשְּׁפֵלָה וּבַמִּישׁוֹר אִכָּרִים
וְכֹרְמִים בֶּהָרִים וּבַכַּרְמֶל כִּי־אֹהֵב אֲדָמָה הָיָה׃ וַיְהִי 11
לְעֻזִּיָּהוּ חַיִל עֹשֵׂה מִלְחָמָה יוֹצְאֵי צָבָא לִגְדוּד בְּמִסְפַּר
פְּקֻדָּתָם בְּיַד יְעוּאֵל הַסּוֹפֵר וּמַעֲשֵׂיָהוּ הַשּׁוֹטֵר עַל יַד־
חֲנַנְיָהוּ מִשָּׂרֵי הַמֶּלֶךְ׃ כֹּל מִסְפַּר רָאשֵׁי הָאָבוֹת לְגִבּוֹרֵי 12

חיל

ב"י v. 3. יתיר י' v. 7. יתיר י' v. 11. יעיאל קרי

26 די איבריגע פאסירונגען אמציהו'ס, ווי די ערשטע אזוי די לעצטע, זייד נען פארשריבען אין בוך „יהודה'ס און ישראל'ס קעניגע".
27 זינט אמציהו האט אבגעקעהרט פון גאט האט מען קעגען איהם א פער־ שווערונג געמאכט אין ירושלים. ער איז אנטלאפען אין לכיש, האט מען אבער נאכגעשיקט נאך איהם און מ'האט איהם דארטען געטוידט.
28 מ'האט איהם געבראכט אויף פערד און בעערדיגט נעבען זיינע עלטערן אין דער שטאדט יהודה.

## קאפיטעל כו

1 דאס גאנצע פאלק יהודה האבען גענומען עזיהו'ן, ער איז אלט געווען זעכצעהן יאהר, און האבען איהם קעניג געמאכט נאך זיין פאטער אמציהו.
2 ער האט איבערגעבויט אילות און צוריק גענומען עס פאר יהודה, נאך זיין פאטער'ס טוידט.
3 זעכצעהן יאהר איז עזיהו אלט געווען ווען ער איז קעניג געווארען און צוויי־און־פופציג יאהר האט ער רעגירט איבער ירושלים, זיין מוטער'ס נאמען איז געווען יכליה, פון ירושלים.
4 ער האט געטהאן אלעס רעכטפארטיגעס אין גאט'ס אויגען, אלץ אזוי ווי זיין פאטער אמציהו האט געטהאן.
5 ער האט אימער גאט געפרעגט זאלאנג עס האט געלעבט זכריהו, וועלכער האט ערקלעהרט די געטליכע ערשיינונגען; ווען ער האט נאר גאט געפרעגט האט איהם בעגליקט.
6 ער איז געגאנגען אין קריעג קעגען די פלשתים און האט צובראכען די מויער־וואנד פון גת, יבנה און אשדוד; אויך האט ער געבויט שטעדט אין אשדוד און איבעראל אין פלשתים.
7 גאט האט איהם געהאלפען איבער די פלשתים אויך איבער די ערביאים וואס האבען בעוואוינט גור־בעל און די מעונים.
8 די מעונים האבען עזיהו'ן געשענקע געגעבען. זיין בערוף האט געגרייכט ביז מצרים, ווארים ער איז זעהר מעכטיג געווען.
9 דאן האט עזיהו געבויט אין ירושלים טהורעמס אויפ'ן ווינקעל־טהויער, אויפ'ן טהאל־טהויער — אלע ווינקלען האט ער בעפעסטיגט.
10 ער האט אויך אין דער מדבר געבויט טהורעמס און פיעל ברונענס גע־ גראבען, ווייל ער האט פיעל פיה געהאט, אויך פעלד־אקערער אין דאס ניעדערלאנד און גלייכעס לאנד, און גארטענפלאנצערס אויף די בערג און אין כרמל; ער האט ליעב געהאט ערד־ארבייט.
11 עוזיהו האט אויך געהאט אן ארמעע קריעג־פיהרער, וואס געהען אין מיליטער שארען מיט א צאהל בעאמטע, אונטער דער פערוואלטונג פון יעיאל דעם שרייבער, מעשיהו דער פארשטעהער אויף חנניהו, פון די קעניגליכע פירסטען.
12 דער גאנצער צאהל פאמיליען פארשטעהער פון די ארמעע־העלדען — צוויי טויזענד זעקס הונדערט,

13 חֵיל אֲלָפִים וְשֵׁשׁ מֵאוֹת׃ וְעַל־יָדָם חֵיל צָבָא שְׁלֹשׁ
מֵאוֹת אֶלֶף וְשִׁבְעַת אֲלָפִים וַחֲמֵשׁ מֵאוֹת עוֹשֵׂי מִלְחָמָה
14 בְּכֹחַ חָיִל לַעְזֹר לַמֶּלֶךְ עַל־הָאוֹיֵב׃ וַיָּכֶן לָהֶם עֻזִּיָּהוּ לְכָל־
הַצָּבָא מָגִנִּים וּרְמָחִים וְכוֹבָעִים וְשִׁרְיֹנוֹת וּקְשָׁתוֹת
טו וּלְאַבְנֵי קְלָעִים׃ וַיַּעַשׂ ׀ בִּירוּשָׁלַםִ חִשְּׁבֹנוֹת מַחֲשֶׁבֶת חוֹשֵׁב
לִהְיוֹת עַל־הַמִּגְדָּלִים וְעַל־הַפִּנּוֹת לִירוֹא בַּחִצִּים וּבָאֲבָנִים
גְּדֹלוֹת וַיֵּצֵא שְׁמוֹ עַד־לְמֵרָחוֹק כִּי־הִפְלִיא לְהֵעָזֵר עַד כִּי־
16 חָזָק׃ וּכְחֶזְקָתוֹ גָּבַהּ לִבּוֹ עַד־לְהַשְׁחִית וַיִּמְעַל בַּיהוָה
אֱלֹהָיו וַיָּבֹא אֶל־הֵיכַל יְהוָה לְהַקְטִיר עַל־מִזְבַּח הַקְּטֹרֶת׃
17 וַיָּבֹא אַחֲרָיו עֲזַרְיָהוּ הַכֹּהֵן וְעִמּוֹ כֹּהֲנִים ׀ לַיהוָה שְׁמוֹנִים
18 בְּנֵי־חָיִל׃ וַיַּעַמְדוּ עַל־עֻזִּיָּהוּ הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמְרוּ לוֹ לֹא־לְךָ
עֻזִּיָּהוּ לְהַקְטִיר לַיהוָה כִּי לַכֹּהֲנִים בְּנֵי־אַהֲרֹן הַמְקֻדָּשִׁים
לְהַקְטִיר צֵא מִן־הַמִּקְדָּשׁ כִּי מָעַלְתָּ וְלֹא־לְךָ לְכָבוֹד מֵיְהוָה
19 אֱלֹהִים׃ וַיִּזְעַף עֻזִּיָּהוּ וּבְיָדוֹ מִקְטֶרֶת לְהַקְטִיר וּבְזַעְפּוֹ
עִם־הַכֹּהֲנִים וְהַצָּרַעַת זָרְחָה בְמִצְחוֹ לִפְנֵי הַכֹּהֲנִים בְּבֵית
כ יְהוָה מֵעַל לְמִזְבַּח הַקְּטֹרֶת׃ וַיִּפֶן אֵלָיו עֲזַרְיָהוּ כֹהֵן
הָרֹאשׁ וְכָל־הַכֹּהֲנִים וְהִנֵּה־הוּא מְצֹרָע בְּמִצְחוֹ וַיַּבְהִלוּהוּ
21 מִשָּׁם וְגַם־הוּא נִדְחַף לָצֵאת כִּי נִגְּעוֹ יְהוָה׃ וַיְהִי עֻזִּיָּהוּ
הַמֶּלֶךְ מְצֹרָע ׀ עַד־יוֹם מוֹתוֹ וַיֵּשֶׁב בֵּית הַחָפְשׁוּת מְצֹרָע
כִּי נִגְזַר מִבֵּית יְהוָה וְיוֹתָם בְּנוֹ עַל־בֵּית הַמֶּלֶךְ שׁוֹפֵט
22 אֶת־עַם הָאָרֶץ׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי עֻזִּיָּהוּ הָרִאשֹׁנִים וְהָאַחֲרֹנִים
23 כָּתַב יְשַׁעְיָהוּ בֶן־אָמוֹץ הַנָּבִיא׃ וַיִּשְׁכַּב עֻזִּיָּהוּ עִם־אֲבֹתָיו
וַיִּקְבְּרוּ אֹתוֹ עִם־אֲבֹתָיו בִּשְׂדֵה הַקְּבוּרָה אֲשֶׁר לַמְּלָכִים
כִּי אָמְרוּ מְצוֹרָע הוּא וַיִּמְלֹךְ יוֹתָם בְּנוֹ תַּחְתָּיו׃

## כז Cap. XXVII. כז

א בֶּן־עֶשְׂרִים וְחָמֵשׁ שָׁנָה יוֹתָם בְּמָלְכוֹ וְשֵׁשׁ עֶשְׂרֵה שָׁנָה
2 מָלַךְ בִּירוּשָׁלָםִ וְשֵׁם אִמּוֹ יְרוּשָׁה בַּת־צָדוֹק׃ וַיַּעַשׂ הַיָּשָׁר

בעיני

v. 12. קמץ בז״ק v. 15. השי בדגש v. 21. החפשית קרי

13 און צו זייער בעפעהל איז געווען אן ארמעע פון דריי הונדערט זיבען טויזענד מיט פינף הונדערט, קריעגס פעהיגע און מעכטיגע; אן ארמעע צו העלפען דעם קעניג קעגען פיינד.

14 עזיהו האט פאר זיי צוגעגרייט (פאר די גאנצע ארמעע) פאנצערס, שפיע־זען, מיליטער־העט, שילדען, בויגענס און שטיינער־ווארפערס.

15 ער האט אויך איינגעריכטעט אין ירושלים קאנאנען, קונסט־ווערק, אויסצושטעלען זיי אויף די טהורעמס און ווינקלען, אום צו שיסען מיט פיילען און גרויסע שטיינער. זיין בערוף איז ביז וויט געגאנגען, ווא־רים ער האט זיך אזוי פיעל פערשטארקט ביז ער איז זעהר פעסט גע־ווארען.

16 אבער שטארק ווערענדיג איז ער פערברעכעריש שטאלץ און אונטריי געווארען קעגען זיין גאט; ער איז זאגאר אריין אין גאט'ס טעמפעל צו רויכערן קטרת אויפ'ן מזבח.

17 עס איז איהם נאכגעגאנגען עזריהו דער כהן, און מיט איהם נאך אכציג פייהיגע מענער, ריכטיגע כהנים,

18 זיי האבען זיך געשטעלט קעגען קעניג עזיהו און געזאגט צו איהם: „ניט דו, עזיהו, דארפסט רויכערן פאר גאט, נאר די כהנים, אהרן'ס קינדער, וועלכע זיינען בעשטימט די רויכער דיענסט צו טהאן! געה ארויס פון הייליגטהום! דו האסט בעגאנגען א פערברעכען, און גאט וועט דיר קיין עהרע געבען דערפאר.״

19 עזיהו איז בייז געווארען, און בייזערענדיג זיך אויף די כהנים האט ער מיט זיין האנד גענומען א רויכער־פאן צו רויכערן פון דעם רויכער־אלטאר; אבער א קרעץ איז ארויסגעוואקסען אויף זיין שטערן, אין גע־גענווארט פון די כהנים, אין גאט'ס הויז.

20 אז עזריהו דער הויפט־כהן מיט אלע כהנים האבען זיך צו איהם א קעהר געטהאן ערשט ער האט קרעץ אויפ'ן שטערן; האבען זיי איהם שנעל פון דארטען ארויסגעפיהרט; ער זעלבסט האט זיך אויך געאיילט ארויס צו געהן זאפארט ווי גאט האט איהם געפלאגט.

21 קעניג עזיהו איז פארבליבען קרעציג ביז דעם טאג פון זיין שטארבען, ער האט זיך אויפגעהאלטען אין אן אבגעזונדערטע הויז אלס קרעציגער, זינט ער איז אויסגעשלאסען געווארען פון גאט'ס הויז. זיין זוהן יותם האט פערוואלטעט איבער דעם קעניג'ס הויז, ער האט אויך געריכטעט דאס פאלק אין לאנד.

22 די איבריגע פאסירונגען עזיהו'ס, ווי די ערשטע אזוי די לעצטע האט בעשריבען ישעיהו, אמוץ'ס זוהן, דער פראפעט.

23 אז עזיהו איז געשטארבען האט מען איהם בעערדיגט נעבען זיינע על־טערן, אבער נאר אויפ'ן קעניגליכען בעגרעבנים־פלאץ, ווייל מ'האט געזאגט: „ער איז א קרעציגער...״ זיין זוהן יותם האט נאך איהם רעגיערט.

## קאפיטעל כז

1 פינף־און־צוואנציג יאהר אלט איז יותם קעניג געווארען, און זעכצעהן יאהר האט ער רעגיערט איבער ירושלים; זיין מוטער'ס נאמען איז געווען ירושה, צדוק'ס טאכטער.

2 ער האט געטהאן אלץ וואס איז רעכט אין גאט'ס אויגען, אזוי ווי זיין

בְּעֵינֵ֣י יְהוָ֔ה כְּכֹ֛ל אֲשֶׁר־עָשָׂ֖ה עֻזִּיָּ֣הוּ אָבִ֑יו רַ֕ק לֹא־בָ֖א אֶל־
3 הֵיכַ֣ל יְהוָ֑ה וְע֥וֹד הָעָ֖ם מַשְׁחִיתִֽים׃ ה֗וּא בָּנָ֛ה אֶת־שַׁ֥עַר
4 בֵּית־יְהוָ֖ה הָעֶלְי֑וֹן וּבְחוֹמַ֥ת הָעֹ֖פֶל בָּנָ֥ה לָרֹֽב׃ וְעָרִ֥ים בָּנָ֖ה
ה בְּהַר־יְהוּדָ֑ה וּבֶחֳרָשִׁ֛ים בָּנָ֥ה בִּירָנִיּ֖וֹת וּמִגְדָּלִֽים׃ וְה֡וּא
נִלְחַ֞ם עִם־מֶ֣לֶךְ בְּנֵֽי־עַמּוֹן֮ וַיֶּחֱזַ֣ק עֲלֵיהֶם֒ וַיִּתְּנוּ־ל֣וֹ בְנֵֽי־
עַמּ֜וֹן בַּשָּׁנָ֣ה הַהִ֗יא מֵאָה֙ כִּכַּר־כֶּ֔סֶף וַעֲשֶׂ֨רֶת אֲלָפִ֜ים כֹּרִ֣ים
חִטִּ֗ים וּשְׂעוֹרִ֛ים עֲשֶׂ֥רֶת אֲלָפִ֖ים זֹ֗את הֵשִׁ֤יבוּ לוֹ֙ בְּנֵ֣י עַמּ֔וֹן
6 וּבַשָּׁנָ֥ה הַשֵּׁנִ֖ית וְהַשְּׁלִשִֽׁית׃ וַיִּתְחַזֵּ֖ק יוֹתָ֑ם כִּ֚י הֵכִ֣ין דְּרָכָ֔יו
7 לִפְנֵ֖י יְהוָ֥ה אֱלֹהָֽיו׃ וְיֶ֙תֶר֙ דִּבְרֵ֣י יוֹתָ֔ם וְכָל־מִלְחֲמֹתָ֖יו
וּדְרָכָ֑יו הִנָּ֣ם כְּתוּבִ֔ים עַל־סֵ֥פֶר מַלְכֵֽי־יִשְׂרָאֵ֖ל וִיהוּדָֽה׃
8 בֶּן־עֶשְׂרִ֧ים וְחָמֵ֛שׁ שָׁנָ֥ה הָיָ֖ה בְמָלְכ֑וֹ וְשֵׁשׁ־עֶשְׂרֵ֣ה
9 שָׁנָ֔ה מָלַ֖ךְ בִּירוּשָׁלִָֽם׃ וַיִּשְׁכַּ֤ב יוֹתָם֙ עִם־אֲבֹתָ֔יו וַיִּקְבְּר֥וּ אֹת֖וֹ
בְּעִ֣יר דָּוִ֑יד וַיִּמְלֹ֛ךְ אָחָ֥ז בְּנ֖וֹ תַּחְתָּֽיו׃

## CAP. XXVIII. כח

כח

א בֶּן־עֶשְׂרִ֤ים שָׁנָה֙ אָחָ֣ז בְּמָלְכ֔וֹ וְשֵׁשׁ־עֶשְׂרֵ֣ה שָׁנָ֔ה מָלַ֖ךְ
בִּירוּשָׁלִָ֑ם וְלֹא־עָשָׂ֧ה הַיָּשָׁ֛ר בְּעֵינֵ֥י יְהוָ֖ה כְּדָוִ֥יד אָבִֽיו׃
2 וַיֵּ֕לֶךְ בְּדַרְכֵ֖י מַלְכֵ֣י יִשְׂרָאֵ֑ל וְגַ֧ם מַסֵּכ֛וֹת עָשָׂ֖ה לַבְּעָלִֽים׃
3 וְה֣וּא הִקְטִ֔יר בְּגֵ֖יא בֶן־הִנֹּ֑ם וַיַּבְעֵ֤ר אֶת־בָּנָיו֙ בָּאֵ֔שׁ כְּתֹֽעֲבוֹת֙
4 הַגּוֹיִ֔ם אֲשֶׁר֙ הֹרִ֣ישׁ יְהוָ֔ה מִפְּנֵ֖י בְּנֵ֥י יִשְׂרָאֵֽל׃ וַיְזַבֵּ֧חַ וַיְקַטֵּ֛ר
ה בַּבָּמ֖וֹת וְעַל־הַגְּבָע֑וֹת וְתַ֖חַת כָּל־עֵ֥ץ רַעֲנָֽן׃ וַֽיִּתְּנֵ֩הוּ֩ יְהוָ֨ה
אֱלֹהָ֜יו בְּיַ֣ד מֶ֣לֶךְ אֲרָ֗ם וַיַּכּוּ־בוֹ֙ וַיִּשְׁבּ֣וּ מִמֶּ֜נּוּ שִׁבְיָ֤ה גְדוֹלָה֙
וַיָּבִ֣יאוּ דַּרְמָ֔שֶׂק וְגַ֨ם בְּיַד־מֶ֤לֶךְ יִשְׂרָאֵל֙ נִתָּ֔ן וַיַּךְ־בּ֖וֹ מַכָּ֥ה
6 גְדוֹלָֽה׃ וַיַּהֲרֹג֩ פֶּ֨קַח בֶּן־רְמַלְיָ֜הוּ בִּֽיהוּדָ֗ה מֵאָ֨ה וְעֶשְׂרִ֥ים
אֶ֛לֶף בְּי֥וֹם אֶחָ֖ד הַכֹּ֣ל בְּנֵי־חָ֑יִל בְּעָזְבָ֕ם אֶת־יְהוָ֖ה אֱלֹהֵ֥י
7 אֲבוֹתָֽם׃ וַיַּהֲרֹ֞ג זִכְרִ֣י ׀ גִּבּ֣וֹר אֶפְרַ֗יִם אֶת־מַעֲשֵׂיָ֙הוּ֙
בֶּן־הַמֶּ֔לֶךְ וְאֶת־עַזְרִיקָ֖ם נְגִ֣יד הַבָּ֑יִת וְאֶת־אֶלְקָנָ֖ה מִשְׁנֵ֥ה
8 הַמֶּֽלֶךְ׃ וַיִּשְׁבּוּ֩ בְנֵֽי־יִשְׂרָאֵ֨ל מֵאֲחֵיהֶ֜ם מָאתַ֣יִם אֶ֗לֶף נָשִׁ֔ים

בנים

v. 9. קמץ בז״ק

פאטער עזיהו איידער ער איז אריין אין גאָט'ס טעמפעל, אָבער דאָס
פאָלק איז נאָך געווען פערברעכעריש.
3 ער האָט געבויט דעם הויפט טהויער צו גאָט'ס הויז, אויך האָט ער
פיעל פערבויט נעבען טהורעם מויער.
4 ער האָט געבויט שטעדט אויפ'ן בארג יהודה, אויך אין די וועלדער האָט
ער געבויט פעסטונגען און טהורעמס.
5 ער האָט אויך א שלאכט געהאַט מיט דעם קעניג פון עמון, און אז ער
האָט זיי בעזיעגט האָבען זיי איהם יענעם יאָהר געגעבען הונדערט צענט־
נער זילבער, צעהען טויזענד כר ווייץ און צעהען טויזענד כר גערשטען.
דאָס האָבען איהם די בעפעלקערונג פון עמון געגעבען אויך דעם צוויי־
טען יאָהר און דעם דריטען.
6 יותם איז שטארק געווען ווייל ער האָט זיך ריכטיג אויפגעפיהרט קע־
גען גאָט.
7 יותם'ס איבריגע פאסירונגען, זיינע שלאכטען און האנדלונגען זיינען
פארשריבען אין בוך „קעניגע פון ישראל און יהודה".
8 פינף־און־צוואנציג יאָהר אַלט איז ער קעניג געוואָרען און זעכצעהן יאָהר
האָט ער רעגירט אין ירושלים.
9 אז יותם איז געשטאָרבען האָט מען איהם בעערדיגט אין דוד'ס שטאָדט,
און אחז זיין זוהן האָט רעגירט נאָך איהם.

## קאפיטעל כח

1 צוואנציג יאָהר אַלט איז אחז קעניג געוואָרען און זעכצעהן יאָהר האָט
ער רעגירט אין ירושלים, ער האָט אָבער ניט געטהאָן וואָס עס איז
רעכט אין גאָט'ס אויגען ווי זיין אור־פאטער דוד.
2 ער איז געגאנגען אין די וועגען פון די קעניגע פון ישראל, און האָט גע־
מאכט געגאָסענע בילדער אַלס בעל־געצען.
3 ער האָט אויך געריוכערט אין טהאל בן־הנם און געפיהרט זיינע זיהן
דורך פייער, לויט דאָס געזעץ פון די פעלקער, וועלכע גאָט האָט פער־
טריבען צוליעב די קינדער ישראל.
4 ער האָט אויך געשאכטען און געריוכערט אויף די בארג־אלטארען, אויף
די בערגלאָך און אונטער יעדער בליהענדען בוים.
5 דערפאר האָט איהם זיין גאָט איבערגעגעבען אין האנד פון דעם קעניג
פון ארם, מ'האָט פון זיין ארמעע פיעל ערשלאגען אויך א גרויסען צאהל
געפאנגען און געבראכט אין דרמשק; אויך איז ער געגעבען געוואָרען
אין האנד פון קעניג פון ישראל און ער האָט זעהר פיעל פון זיינע ער־
שלאגען.
6 פקח, רמליהו'ס זוהן האָט אויסגע'הרג'עט אין יהודה הונדערט צוואנ־
ציג טויזענד אין איין טאָג, אַלע ארמעע מענער, [ווייל זיי האָבען
פערלאָזען דעם גאָט פון זייערע עלטערן].
7 זכרי, איינער פון די העלדען אין אפרים, האָט ערשלאגען מעשיהו,
דעם קעניג'ס זוהן, עזריקם דעם הויז פערוואלטער און אלקנה דעם וויצע־
קעניג.
8 די מענער פון ישראל האָבען געפאנגען פון זייערע ברידער צוויי הונדערט

בָּנִים וּבָנוֹת וְגַם־שָׁלָל רָב בָּזְזוּ מֵהֶם וַיָּבִיאוּ אֶת־הַשָּׁלָל
9 לְשֹׁמְרוֹן׃ וְשָׁם הָיָה נָבִיא לַיהוָה עֹדֵד שְׁמוֹ וַיֵּצֵא לִפְנֵי
הַצָּבָא הַבָּא לְשֹׁמְרוֹן וַיֹּאמֶר לָהֶם הִנֵּה בַּחֲמַת יְהוָה
אֱלֹהֵי־אֲבוֹתֵיכֶם עַל־יְהוּדָה נְתָנָם בְּיֶדְכֶם וַתַּהַרְגוּ־בָם
י בְּזַעַף עַד לַשָּׁמַיִם הִגִּיעַ׃ וְעַתָּה בְּנֵי־יְהוּדָה וִירוּשָׁלִַם
